STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06938

ALGEMEYNE IDISHE GESHIKHTE

Simon Dubnow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע

אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאַלמאַנאָוויטש.

נייינטער טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (ד).

די שפּאַניש־דייטשע העגעמאָניע (1215—1498).

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאַמפּ., טראָקער גאַס, 13.

אינהאלט פון ניינטען טייל.

דער תלמודישער און מיטעלאַלטערליכער פעריאָד (ד).

זעקסטע אַבטיילונג.

די שפאַניש־דייטשע העגעמאָניע (1215—1498).

	זייט
אַלגעמיינער איבערבליק	5
די אידען אין פראנקרייך און ענגלאַנד ביז'ן גירוש (קאַפּיט. I) . . .	12
דאָס בירגערליכע לעבען פון די אידען אין שפאַניען (קאַפּיט. II) .	35
דער קאַמף פון רבּיניזם מיט דער פילאָזאָפישער פריידענקעריי (קאַפּיט. III)	57
די עפּאָכע פון רעכטלאָזיגקייט און מערטירערטום אין דייטשלאַנד (קאַפּיט. IV). . . .	97
די אידען אין איטאַליען און פוילען (קאַפּיט. V)	135
דער לעצטער יאָהרהונדערט פון דער אידישער קולטור אין שפאַניען (1391—1498; קאַפּיט. VI)	167

צווייטע אבטיילונג.

די שפאניש-דייטשע העגעמאניע
(1498—1215)

אלגעמיינער איבערבליק.

§ 115. דער XIII, XIV און XV יאָהרהונדערט בילדען דעם פינסטערסטען פעריאָד פון דער אידישער געשיכטע. די ממשלה פון די רוימישע פויפּסטען (זינט אינאָקענטיוס III-טענס צייטען) און די קאָסמאָפּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דער אַרמיי פון דער גייסטליכקייט נעמען אַרום, ווי מיט אַן אייזערנעם רינג, גאַנץ אייראָפּע און נאָרמירען די געזעצגעבונג פון דער מלוכה. ס'ווערט דערקלערט אַ קריג אויף טויט אַלעמען, וואָס גלויבט אַנדערש, וואָס טראַכט אַנדערש, איטליכער „אַפּיקורסות" און אַלצדינג, וואָס האַלט זי אונטער. די קריסטליכע מאַסע ווערט מיט אַלע מעגליכקייטען אָבגעזונדערט פון די אַפּיקורסישע איינפלוסען, וואָס פאַר דער געפעהרליכסטער פון זיי האָט זיך גערעכענט די השפעה פון דער אידישקייט, צו דער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ, וואָס אין איהר גייסט ווערט אויפגעהאָדעוועט סיסטעמאַטיש די דאָזיגע מאַסע, קומען צו נאָך נאַציאָנאַלע שנאה, עקאָנאָמישע קאָנקורענץ, קנאה צום אידען, וואָס האָט הצלחה (שפּאַניען), און פעראַכטונג צום אידען, וואָס איז פערקנעכטעט, דערנידעריגט (דייטשלאַנד).

דער XIII יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן מיט אינאָקענטיוס דעם III-טענס קירכליכען דעספּאָטיזם, מיט די רדיפות קעגען דער אלביגאָנעזער בעוועגונג, מיט דער גרינדונג פונ'ם אָרדען דאָמיניקאַנער און פון דער „הייליגער אינקוויזיציע" אין פּראָוואַנס, און דער XV יאָהרהונדערט ענדיגט זיך מיט'ן טריאומף פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניען און מיט טאָרקוועמאַדאָ'ס בלוטיגע מעשים. צווישען די דאָזיגע צוויי פּונקטען גייהט אין משך פון דריי יאָהרהונדערטען אַ רייה פון פורעניות, אוממענשליכע רדיפות און מערטיריום אין דער געשיכטע פון די אידען אין מערב-אייראָפּע.

אַ ווענד-פּונקט אין דער קירכען-פּאָליטיק איז די קאָנטיטוציע פון דער 4-טער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג פון יאָהר 1215, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אונטער'ן איינפלוס פון אינאָקענטיוס III און זיינע מיטהעלפער-

צווישען אַ גאַנצער רייה דערנידעריגענדע בעגרעניצונגען פאַר אידען, וואָס די דאָזיגע קאָנסטיטוציע האָט אײַנגעשטעלט, איז פאַרהאַן אַן אַרטיקעל, וואָס איז מחייב אידען צו טראָגען אין עפענטליכע ערטער אַן אַנדער קליידונג, ווי עס טראָגען די קריסטען. אויף אַזאַ בולט'ן אופן האָט מען אָנגעוויזען דער פינסטערער מאַסע אויפ'ן אידען, ווי אויף אַ מענשען, וואָס אויף איהם איז אויסגעקריצט אַ שאַנד־צייכען, וואָס איז פערוואָרפען און פערשטויסען, וואָס איהם מוז מען פעראַכטען און רודף זיין.

אויף צו היטען דעם קריסטליכען גלויבען, אַז אין איהם זאָלען ניט אַריינדרינגען קיין אידישע אָנשויאונגען, האָבען זיך אַוועקגעשטעלט די שטרייגע שפּיאָנעס פון דער קירך — די דאָמיניקאַנער, וואָס זיינען געווען די אָרגאַניזאַטאָרען פון דער „ערשטער אינקוויזיציע" אין דרום־פראַנקרייך נאָך דער בעוועגונג פון די אַלביגאָנעזער. דעם אידען האַלט מען נידעריג, נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט מען מורא פאַר זיין השפעה, אַלס אַ טרעגער פון אַנטי־קריסטליכע אידייען. דערפון נעמען זיך די רדיפות קעגען תלמוד. אין פ ר אַ נ ק ר יי ך, פאַר דער צייט פונ'ם פרומען קיניג לודוויג דעם IX־טען, פלעגט די גייסטליכקייט אַריינציהען די אידען אין רעליגיעזע ויכוחים און עפענטליך פערברענען עקזעמפּלאַרען פון תלמוד.

אין דערזעלביגער צייט האָבען די וועלטליכע רעגירער, די צעכען און קאָרפּאָראַציעס פון די שטאַנדען אַרויסגעשטופּט די אידען פון אַלע צווייגען פון עקאָנאָמישער טעטיגקייט און איבערגעלאָזען פאַר די אָרימע דעם קליינהאַנדעל, און פאַר די רייכערע — געלדלייה־געשעפט אָדער וואָכעריי. די מלכים מאַכען גוטע געשעפטען פון די „אידישע פרנסות", דורכדעם וואָס זיי נעמען צו דעם גרעסטען טייל פונ'ם ריוח אין דער געשטאַלט פון אָבצאָהלונגען. אַ סך אידען פון זייער זייט ווילען בעסער האַנדלען מיט'ן קאַפּיטאַל, ווייל דאָס איז אַ „סחורה", וואָס איז צום מייסט בעוועגליך, וואָס זי איז גרינג אַריבערצוטראָגען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן. בכן ווערען די רעליגיעזע צוזאַמענשטויסונגען פערשטאַרקט דורך די עקאָנאָמישע.

אַזעלכע פערהעלטענישען ווערען אויך אײַנגעשטעלט אין דער קאָלאָניע פון די פראַנצויזישע אידען — אין אַ יי נ ג ל אַ נ ד. דאָ רייצען אָן די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער אָהן אַן אויפהער דעם המון אויף די אידען. די לעצטע זוכען שוץ ביי די מלכים, וועלכע נוצען דאָס אויס און בעלי־בת'עווען איבער אידען און זייער האָב־און־גוטס, ווי איבער זייער אייגענעם פערמעגען. צולעצט ווערען די אידען, בדלות געשטעלטע און אויסגעפּייניגטע דורך די רדיפות, אינגאַנצען פערטריבען פון איינגלאַנד (1290).

אין הונדערט יאָהר אַרום, נאָך דער האַרטער טיראַניע פונ'ם קיניג פיליפּ דעם IV־טען און אַ גאַנצער רייה מאַסען־פּאָגראָמען, וואָס האָבען פערטיליגט צעהנדליגער אידישע קהילות, ווערען די אידען פערטריבען אינגאַנצען אויך פון פראַנקרייך (1394).

די נאָהענטסטע סיבות, פאַרוואָס מען פלעגט פערטיליגען אידען אין XIV יאָהרהונדערט, זיינען, צווישען אַנדערע זאַכען, אויך די פאַלשע בעשולדיגונגען, אַז די אידען טויטען כּלומר׳שט קריסטליכע קינדער צוליעב עפּיס בעהאַלטענע רעליגיעזע צוועקען, זיינען מטמא די האָסטיעס (הייליגע ברויט פון די קריסטען) און אַנדערע מטלטלים פון די קירכען, פער׳סמ׳ען די ברונימער און ברייננען דורכדעם אַ פּעסט אויף די קריסטען, — און כּדומה נאָך אַזעלכע רשעות׳דיגע אויסגעקלערטע מעשיות, וואָס דער אומגעבילדעטער המון האָט זיי אָנגענומען פאַר גוט געלד.

אין הונדערט יאָהר אַרום נאָכדעם ווי די אידען זיינען פערטריבען געוואָרען פון פראַנקרייך, קומט פאַר דער גירוש פון פּ י ר ע נ ע י א י ש ע ן ה אַ ל ב א י נ ז ע ל — דעם גרעסטען צענטער פון אידישען פאָלק (1492 — 1498). דאָ ווערט זינט דעם XIII יאָהרהונדערט צוגעגרייט דער באָדען פאַר׳ן קלעריקאַליזם. נאָכדעם ווי די קריסטען האָבען נאָך אַ גאַנצער רייה נצחונות איבער די מוירען (1212, 1233) אַרויסגעשטופּט די מוסעלמאַנער פונ׳ם גרעסטען טייל פון שפּאַניען, פּרובט די קריגערישע קירך אויך דאָ אַיינצופעסטיגען איהר פּאָליטיק פון „איינשטילען" די אַנדערשגלויביגע. נאָר דאָס גיט זיך איהר איין ניט מיט אַ מאָל. די מלכים און די פּריצים זיינען ניט פעסט אין דער דעה: אַמאָל פאַלען זיי אַרונטער אונטער׳ן איינפלוס פון דער קירך און האַלטען אונטער די קאַנאָנישע געזעצען קעגען אידען (אַראַגאָניען), און אַמאָל בעשיצען זיי ניט ווילענדיג די אידען, וואָס לויט זייער בילדונג זיינען זיי געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט די העכסטע קלאַסען פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט און האָבען אַרויסגעריקט בעגאַבטע שטאַטס-מענער, דאָקטוירים און לעהרער פון וועלטליכע וויסענשאַפטען (קאַסטיליען).

דער אַנטייל פון אידישע הויכע בעאַמטע אין דער פּאָליטישער טעטיגקייט רופט אַרויס אָפטמאָלס רדיפות קעגען אידען מצד די פיינדליכע פּאָליטישע פּאַרטייען. די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער פון זייער זייט שלאָפען ניט: זיי שטרעבען עוקר מן השורש זיין אין שפּאַניען די לעצטע רעשטען פון דער אַראַביש-אידישער קולטור און אַגיטירען אין אַלע געזעלשאַפטס-שיכטען קעגען דעם „פערוואָרפענעם פאָלק". אונטערגעהיצט דורך דער אַגיטאַציע פון די קלעריקאַלען, ווערט דאָס פאָלק אַלץ מעהר דורכגעדרונגען מיט שנאה צו אידען, וואָס עס בעטראַכט זיי סיי אַלס די „שונאים פון דער קירך" און סיי אַלס שטאָלצע גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע. דערפון נעמען זיך די פעריאָדישע אויסבראָכען פונ׳ם פאָלקס-צאָרן, וואָס דערגרייכען צו זייער העכסטען פּונקט אין דער „סעוויליער שחיטה" פון יאָהר 1391. דער סוף פון XIV-טען יאָהרהונדערט — דעם שרעקליכסטען יאָהרהונדערט אין דער אידישער געשיכטע — גלייכט אויס די שפּאַנישע אידען, וואָס זיינען ביז אַהער געווען פּריווילעגירט, בנוגע צום מאַרטירערטום מיט זייערע אומגליקליכע ברידער אין אַנדערע לענדער.

די סעוויליער שחיטה בעשאַפט אַ צאָהלרייכען קלאַס מ אַ ר אַ נ ע ן (אַנוסים), ד. ה. אידען, וואָס לפנים האָבען זיי אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, נאָר בע-

האַלטענערהייד בלייבען זיי געטריי אידישקייט. אין משך פון צוויי דריי דורות געניסען די מאַראַנען לפי ערך רוה, זיי זיינען זיך משדך מיט שפּאַניער פון דער העכסטער געזעלשאַפט, און פונדעסטוועגען הערען זיי ניט אויף צו היטען בעהאַלטענערהייד די דינים פון זייער נאַציאָנאַלען גלויבען. איבעריגענס, טרעפט אויך, אַז די מאַראַנען גיסען זיך צונויף אינגאַנצען מיט קריסטען. עטליכע פון די דאָזיגע „ניי-קריסטען" דערגרייכען צו די העכסטע מדרגות אין דער קירכליכער היעראַרכיע. פון דער דאָזיגער סביבה קומען אַרויס מענשען, וואָס מחמת פרומקייט אָדער צוליעב עולם-הזה שטעלען זיי זיך אויפ'ן צד פון דער קריגערישער קירך און טוען אָן אַ סך צרות זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער, דורכדעם וואָס זיי ציהען זיי אַריין אין רעליגיעזע ויכוחים, וואָס ברייגען צו נייע רדיפות קעגען אידען. די קאַטוילישע גייסטליכקייט הויבט אָן שטאַרקער אַכטונג צו געבען אויף דער אויפפהרונג פון די „ניי-קריסטען". צוליעב דעם צוועק ווערט איינגעפיהרט די אינקוויזיציע (1480). קרבנות פון דער דאָזיגער מערדערישער אַנשטאַלט ווערען טויזענדער אַנוסים; נאָר די „בעהאַלטענע אידישקייט" הערט ניט אויף צו עקסיסטירען.

דעמאָלט ווענדט זיך די אינקוויזיציע קעגען די אָפענע אידען, וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען אין זייערע גע'שמד'טע פאָלקסברידער דעם ווידערשטאַנדסגייסט. די פרובען אָבצוזונדערן די אידען פון די אַנוסים דערגרייכען ניט צום ציעל, בכן הויבט זיך אויף אַן אַגיטאַציע דערפאַר, מען זאָל פערטרייבען די אידען פון שפּאַניען. די אַגיטאַציע ווערט געקרוינט מיט'ן נצחון אין יענעם מאָמענט, בשעת אויף די מויערן פון גרענאַדאַ, דעם לעצטען שטיצפּונקט פון דער אַראַבישער קולטור אין שפּאַניען, האָט זיך אויפגעהויבען דער זיגעספאָהן פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. דער דאָזיגער נצחון פון די קריסטליכע געוועהר איז געפייערט געוואָרען מיט אַן אַקט, וואָס עס פּאַסט פאַר די בעשעפער פון דער אינקוויזיציע — דורך דער פערטרייבונג פון אַלע אידען און מוירען פון שפּאַניען (1492). באַלד דערויף זיינען די אידען, נאָך אכזריות'דיגע ענויים, פערטריבען געוואָרען אויך פון פּאָרטוגאַל און נאַוואַראַ — און אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל שטאַרבט אָב די אידישע קולטור, וואָס איז אַלט יאָהרהונדערטען.

אויף אַזאַ אופן צייכענען זיך אויס די לעצטע יאָהרען פון די דריי יאָהרהונדערטען דורכדעם, וואָס דעמאָלט זיינען הרוב געוואָרען די אידישע קולטור-צענטרען אין דריי לענדער: צום סוף פון XIII יאָהרהונדערט איז פּאָרגעקומען דער גירוש פון די אידען אין איינגלאַנד; צום סוף פון XIV יאָהרה. — פון פראַנקרייך, און צום סוף פון XV — פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל.

געבליבען זיינען נאָך דער גרויסער אידישער צענטער אין דייטשלאַנד (מיט עסטרייך און בעהמען) און די קלענערע — אין איטאַליען, ביזאַנץ און פּוילין. פון דייטשלאַנד טרייבט מען די אידען ניט אַרויס, נאָר מען זונדערט זיי אָב און מען פערשקלאַפט זיי, מען ריינגעלט זיי אַרום מיט די מויערן פונ'ם געטאָ און מען פערוויקעלט זיי אין אַ נעץ פון זייהר שווערע, דערנידע-

ריגענדע געזעצען. אונטערדריקט נאָך זינט די צייטען פון די קרייץ-צוגען, איז דער איד דאָ דערשלאָגען, איינגעשראָקען דורך יאָהרהונדערטען פון קנעכטשאַפט, רדיפות, בלבולים און פאָגראָמען, וואָס פלעגען קומען נאָך די בלבולים. ער מוז זיך איינקויפען ביי די גדולים פאַר זיינע לעצטע גראָשענס דאָס רעכט אויף לעבען, אויף אָטעמען די איינגעשטיקטע לופט פונ'ם געטאָ און צו פערנעמען זיך מיט יענע נידעריגע פרנסות, וואָס קריסטען האַלטען פאַר אַ בזיון זיך מיט זיי צו פערנעמען: מיט קליין-הענדלעריי און וואָכעריי. די סיסטעם פון „קאַמער-קנעכטשאַפט" (§ 101) ווערט שטאַרקער און ענטוויקעלט זיך. אין צענטראַל-דייטשלאַנד בלייבט דערפון איבער מעהר ניט די האַרטע עקספּלואַטאַציע פון אידען מצד דער קייזערליכער רעגירונג. אין עסטרייך האָט זי לכתחילה אַ כאַ-ראַקטער פון אַ מעהר מענשליכער השגחה, נאָר אין ערגיץ האָט זי ניט ביכולת צו בעשיצען די אידען פון מאַסען-אָנפאַלען, פון די בלוטדאָרשטיגע רציחות פון ר י נ ד פ ל י י ש און פון די אַ ר מ ל ע ד ע ר ס, פון די שרעקענס פונ'ם „שוואַרצען טויט" (1348 — 1350), בשעת דער פערווילדערטער קריסטליכער המון האָט פער-טיליגט גאַנצע אידישע קהילות מחמת דעם בלבול, אַז אידען האָבען פערשפּרייט פעסט אין לאַנד. די אידען זיינען דער שעיר לעזאזל פאַר אַלע סטיכישע אומגליקען:

Pestis regnavit, plebis quoque milia stravit,
Contremuit tellus—populusque crematur hebraeus,

ד. ה. „צי עס האָט געקיניגט די פעסט און אַנידערגעוואָרפען טויזענדער מענ-שען, צי עס האָט געטראָכען אַן ערדציטערניש — איז דאָס אידישע פאָלק גע-וואָרען פערברענט". אַזוי דריקט זיך אויס דער כראָניקער פאַבריציוס.

און ביי אַלע די דאָזיגע עינויים ווייזען די דייטשע אידען אַרויס אַזאַ שטאַנדהאַפטיגקייט פון גייסט, וואָס דעריבער איז נשתומם צו ווערען. משומדים, אפילו פערשטעלטע, אַ שטייגער ווי די אַנוסים אין שפּאַניען, איז ניטאָ צווישען זיי. אין דער נשמה פונ'ם דערשלאָגענעם זוהן פון געטאָ ליגט בעהאַלטען אַן אמת'ע העלדישקייט: ער איז פעסט ביי זיין דעה, ווייבאַלד מען ריהרט אָן זיין גלויבען, זיין נאַציאָנאַלע גייסטיגע קולטור. ער קאָן אַריבערטראָגען אונטער-דריקונג און נויט, ווערען געפּייניגט און געטויט אויף קדוש-השם. ער קויפט זיך דאָס רעכט אויף לעבען דורך אויסווייניגסטע דערנידעריגונגען, אָבער קיין מאָל ניט — דורך בגידה אין זיין פאָלקסטום און אין זיינע גייסטליכע אידעאַלען.

אַ סך פון די אידען, וואָס ווערען געטריבען אין דייטשלאַנד, אַנטלויפען אין דער שכנישער פּוילען, וואו זיי געפינען אַ מקום-מנוחה. דאָ האָט דער קירכליכער גייסט פון פיינדשאַפט און אומטאָלעראַנץ נאָך ניט בעוויזען אויסצו-וואָרצלען די גוטע יסודות פונ'ם פּאַטריאַרכאַלישען לעבענס-פּיהר, און די אידען קאָנען לעבען בשלום מיט די קריסטען און טוען וויכטיגע טובות דעם עקאָ-נאָמישען וואוקס פון לאַנד. די פּוילישע מלכים ווייסען צו שאַצען די דאָזיגע טובות און שייקען די אידען פּריווילעגיעס, וואָס גיבען זיי די מעגליכקייט צו לעבען, ווי מענשען (באָלעסלאַוו דער קאַלישער און קאַזימיר דער גרויסער, 1264, 1334). נאָר אויך אַהין דרינגט אַריין צו-ביסלעכווייז דער סם פונ'ם

קירכליכען פאנאטיזם און פון דער שטאנדיש-עקאנאמישער פיינדשאפט,—און צום סוף פון דער עפאכע חזר'ן זיך איבער אין פוילין די טראגישע סצענעס, וואס זיינען אזוי בעקאנט די אידען פון מערב-איירָאפע.

בלויז איטאליען אין דער רענעסאנס-עפאכע בילדעט, חוץ אייניגע מאָמענטען, א ליכטיגען פונקט אין דער פינסטערער מלוכה פונ'ם מיטעלאלטער. דער דרוק פון דער קירך לאזט זיך פיהלען ווינציגער פון אומעטום אין דער רעזידענץ פון די פויפסטען, און די פיעל לופט-שטרוימען פון דער רענעסאנס לייטערן אויס די פערשטיקטע אטמאספער. עקאנאמישע בעגרעניצונגען קאנען ניט סיסטעמאטיש דורכגעפיהרט ווערען אין פרייע האנדעלס-שטעדט, ווי ווענעדיג אדער גענוא. די אידען פיהלען זיך אין איטאליען, ווי אין שפאניען אדער פראוואנס אין דער בעסטער צייט פון זייער געשיכטע. זיי זיינען ווייט פונ'ם צושטאנד פון פולבערעכטיגטע בירגער, אבער לפי-ערך זעלטען האבען זיי אויסצושטייהן רדיפות.

די פורעניות און טלטולים פונ'ם דאזיגען פעריאד פון דריי הונדערט יאהר שפיגלען זיך אויך אב אויפ'ן גייסטיגען לעבען פון אידישען פאלק. דער אינטעלעקטועלער פראגרעס פון דער פריהערדיגער תקופה ווערט שוואכער, עס לאזט זיך מערקען א נטיה צו רעאקציע. דעם רמב"מ'ס קלארע רעליגיאנס-פילאָסאפישע וועלט-אנשויאונג בעפרידיגט ניט דעם גרעסטען רוב פון די דיינקענדע מענשען. אין אנהויב פון XIII יאהרהונדערט פלאקערט זיך פונאנדער א קאמף צווישען די ארטאדאקסען מיט דעם רמב"מ'ס אנהייגער. אין הונדערט יאהר ארום לייגען די גרעסטע-רבנים פון שפאניען ארויף אן איסור צו לערנען נאטור-וויסענשאפטען און פילאסאפיע פאר יונגע לייט, וואס זיינען נאך ניט אלט געווארען קיין 25 יאהר (1305). א דאנק דער הויכער בילדונג פון די ספרדים און פון די פראוואנסאלישע און איטאליענישע אידען, וואס זיינען געווען פער-בונדען מיט זיי, האבען די דאזיגע קאנסערוואטיווע מיטלען קיין גרויסע פעולה ניט געהאט. דא רוקען זיך נאך אלץ ארויס גרויסע קרעפטען אינ'ם געביט פון פילאסאפיע (רלב"ג, קרשקש, אלבו, ר' אליהו דלמידיגו), און וועלטליכע וויסענשאפטען זיינען שטארק פערשפרייט צווישען די העכערע און מיטעלסטע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאפט. אידען זיינען מעדיקער, אסטראנאמען, מאטעמאטיקער, פאליטישע טוער.

נאר מדרגות'וויז טרעט דער פרייער געדאנק צוריק, און דער קאנסער-וואטיזם בעקומט די ממשלה. אלס קאנקורענטען פונ'ם ראציאנאליזם טרעט ארויס די מיסטישע טעאסאפיע אדער „קבלה", וואס קאן בעצייכענט ווערען אלס די פילאסאפיע פונ'ם בעגעפילטען פערשטאנד און צעהיצטער פאנטאזיע. דער סודות'-פולער ערשייענען פונ'ם גרונדשטיין פון דער קבלה — פונ'ם הייליגען ספר „זוהר" (דער סוף פון XIII יאהרהונדערט) בעדייט אן איבערקעהרעניש אין דער עוואָלוציע פונ'ם אידישען געדאנק. אין דערזעלביגער צייט פערכאפט דער תלמודיזם אלץ מעהר דעם באדען, וואס ווערט אבגענומען ביי די פרייע וויסענשאפטען (רמב"ן, רשב"א, רא"ש, ר' יעקב בעל הטורים און אנד.).

אויב אין שפּאַניען, פּראָוואַנס און איטאַליען איז נאָך צו מערקען אַ קאַמף צווישען די פערשיידענע גייסטיגע ריכטונגען, ווערט אין צפון-פראַנקרייך און דייטשלאַנד די אַלײנהערשאַפט פון'ם רבּיניזם פון קיינעם ניט בעשטריטען. די סכאָלאַסטישע ריכטונג פון די בעלי-התּוספות האָט דאָ געלאָזען טיפע וואָרצלען. די רדיפות, וואָס זיינען אויפגעהויבען געוואָרען אין פראַנקרייך קעגען תּלמוד אין דער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט, האָבען אָבגעשטעלט אין'ם דאָזיגען לאַנד די טעטיגקייט פון די ישיבות. דערפאַר אָבער האָט זיך פערשטאַרקט די אַרבּייט פון די ישיבות אין דייטשלאַנד, וואָס האָט אין יענער תּקופה איבער-גענומען פון פראַנקרייך די גייסטיגע העגעמאָניע פון אידישען פאָלק. די רבּנישע סכאָלאַסטיק האָט מיטגעהאָלפען צו שאַרפען דעם אידישען שכל און האָט פאַ-ראַליזירט די פערטעמפּענדע ווירקונג פון די צרות און זלזולים.

אין דערזעלביגער צייט גייהט די אַרבּייט פון צונויפקלייבען און ברייגגען אין אָרדענונג אַלע קלייניגקייטען פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג. די נייע פּוסקים וואַרפען אַרויס דעם פילאָסאָפיש-דאָגמאַטישען עלעמענט פון רמב"מ'ס קאָדעקס און פלייסען זיך איינצופיהרען אין דער געזעצגעבונג די קליינליכע אויסטייטשונג פון די געלערנטע פון די בעלי-תּוספות'ס שיטה און אויך די פאָלקס-מנהגים, און דורכדעם פערמעהרען זיי זייהר די צאָהל פון די צערעמאָניעס (דעם מהרי"ל'ס „מנהגים" און אַנדערע זאַמעלביכער).

די שמאָלקייט פון'ם גייסטיגען האָריזאָנט איז דורכאויס צוגעפּאַסט צו דער איינגענגע פון דער דייטשער געטאָ און צו דער בעגרענצטקייט פון די גע-זעלשאַפטליכע אינטערעסען. די ברייטקייט און פרייהייט פון שאַפונג האָט דאָ ממלא געווען דאָס, וואָס די אינטעלעקטועלע אַרבּייט איז דאָ געווען זייהר אינטענסיוו און שטאַרק פערשפּרייט צווישען די מאַסען. צו לאָזען לערנען זייערע קינדער אין חדר האָט זיך גערעכענט ביי אידען פאַר אַ מוז-זאַך, און די קהילות האָבען וועגען דעם געזאָרגט אַפילו אין די ערגסטע צייטען.

אויף אַזאַ אופן איז אויך אין דעם דאָזיגען פּעריאָד צו בעמערקען אַ אַ צווייזייטיגקייט פון דער העגעמאָניע, פּונקט אַזוי ווי אין דער פריהערדיגער תּקופה. דעמאָלט האָבען אין געביט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור געהערשט שפּאַניען און פראַנקרייך, און איצט — שפּאַניען און דייטשלאַנד. פּונקט ווי דע-מאָלט, איז אויך איצט די דאָזיגע צווייזייטיגקייט געווען ניט בלויז אַ געאָגראַ-פישע. אין דעם שפּאַנישען קולטור-צענטער און אין פּראָוואַנס און איטאַליען, וואָס האָבען געהערט צו זיין ווירקונגס-קרייז, זיינען געגאַנגען נעבען אַנאַנד אָדער האָבען געקעמפט מיט אַנאַנד אַ קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע ריכ-טונג; אָבער דער דייטשער צענטער איז געבליבען אויסשליסליך די פעסטונג פון דער קאָנסערוואַטיווער רבּנות.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אידען אין פראנקרייך און איינגלאַנד ביז'ן גירוש.

די קריגערישע קירך און די אידען פון פּראָוואַנס. — לודוויג דער הייליגער, די ויכוחים און די פערברענונג פונ'ם תלמוד. — דער צייטווייליגער גירוש. — „דער צוג פון די פאַסטיכער" (גזרת הרועים). — דער צייטווייליגער פערוויילען און די ענדגילטיגע פערטרייבונג פון די אידען פון פראנקרייך. — די אידען אין איינגלאַנד ביז'ן גירוש.

די קריגערישע קירך און די אידען פון פּראָוואַנס.

§ 116. דער רוימישער זעלבסטהערשער, דער פּויפּסט אינאָקענטיוס III-טער (1198 — 1216) איז געווען, ווי עס איז ידוע, איינער פון די הויפּט-בעשעפער פון יענעם קירכליכען אַבסאָלוטיזם, וואָס האָט געשטיקט מערב אייראָפּע אינ'ם לעצטען פעריאָד פון מיטעלאַלטער, ביז לוטערס רעפאָרמאַציע. די טיראַנישע ממשלה פון דער קירך, אין דער פּערזאָן פונ'ם פּויפּסט, וואָס „קאָן קיין מאָל ניט בעגייהן קיין טעות", איבער מלכים און פעלקער, די פערשקלאַפונג פון די גייסטער און דערשטיקונג פון דעם געוויסענס-פרייהייט, די אַכזריות'דיגע רדיפות קעגען די „אַפּיקורסים" — דאָס אַלץ איז אין אַ בעדייטענדער מאָס געווען מעשי ידיו פון אינאָקענטיוס דעם III.

דער דאָזיגער פּויפּסט איז אויך געווען אַן איינגעגעסענער שונא פון אידישען פאָלק, וואָס זיין עקסיסטענץ גופא האָט געקאָנט אויסדוכטען, ווי אַ לעבעדיגער פּראָטעסט קעגען די אומבעגרעניצטע פּרעטענזיעס פון דער קאַטוילישער קירך. היות ווי פערטיליגען אַלע אידען איז ניט מעגליך געווען — און אויך ניט ווינשענס-ווערט, מחמת אינ'ם קירכליכען גלויבען איז דאָך פאַרהאַן אַ דאָגמע, אַז אַלע אידען וועלען זיך אין אַ גוטער שעה בעקעהרען צום קריסטענטום — בכן האָט דער פּויפּסט געשטרעבט צו מאַכען זיי לכל הפחות פאַר אַ רעכטלויזער קאַסטע. די אידען — האָט ער געשריבען אין זיינע בריעף צו מלכים און פירשטען — זיינען פער'משפט צו אייביגע קנעכטשאַפט דערפאַר, וואָס זייערע עלטער-זיידעס האָבען געקרייציגט קריסטוס'ן; זיי מוזען, פּונקט אַזוי ווי דער רוצח קין, שטענדיג זיין בע-ונד אויף דער וועלט און ליידען צרות; די קריסטליכע

רעגירער טאָרען בשום אופן זיי ניט בעשיצען, נאָר פערקעהרט, זיי זיינען מחויב זיי צו פערשקלאַפען, צו האַלטען אָבגעזונדערט, ווי אַ רעכטלויזען נידעריגען שטאַנד, וואָס מען מעג איהם קוים דולדען, בכדי עס זאָל זיין בולט דער חילוק צווישען די געטרייע זיהן פון דער קירך און צווישען די פערוואָרפענע זיהן פון דער סינאַגאָגע.

אינאָקענטיוס III-טענס שנאה צו אידען איז געווען אייגנ פערבונדען מיט דער בעוועגונג פון די „אלביגאָנעזער", וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין פראַנקרייך און וואָס האָט געהאַט דעם ציעל ווידער אויפצוריכטען דעם אַלטען עוואַנגעלישען קריסטענטום. מיט בלוטיגע רדיפות האָט דער פויפסט דערשטיקט די דאָזיגע ערשטע שטרעבונג צו רעפאָרמאַציע, נאָר די מורא פאַר דער „יו-דאַאיזירונג" פון דער קריסטליכער וועלט האָט ניט אָבגעטראָטען פון דער איבערגעשראָקענער פאַנטאַזיע פון די פאַנאַטיקער פון דער קירך.

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער שטימונג איז געווען דער בעריהמטער סטאַטוט פון דער 4-טער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג, וואָס אינאָקענטיוס דער III-טער האָט צונויפגערופען אין יאָהר 1215. די פערזאַמלונג האָט ווידער אויפגעפרישט די קאַנאָנישע כללים פון דער ביזאַנטינישער און וועסטגאָטישער עפּאָכע קעגען אידען און האָט צו זיי נאָך מוסיף געווען נייע. די קריסטליכע רעגירער איז שטריינג פערזאָגט געוואָרען, זיי זאָלען ניט צולאָזען קיין אידען צו רעגירונגס-שטעלעס, „וואָרום ס'וואָלט געווען אַן אבסורד צו דערלאָזען, אַז די וואָס לעסטערן קריסטוס'ן, זאָלען האָבען צו שאַפען איבער קריסטען". ווייטער ווערט בעפויהלען אויפצופאַסען, אַז אידען, וואָס האָבען אָנגענומען די קריסטליכע אמונה „מיט'ן גוטען ווילען" (ד. ה. אין דער צייט פון רדיפות און הריגות), זאָלען ניט אָבהיטען די צערעמאָניעס פון זייער פריהערדיגער אמונה און זאָלען איינגעהאַלטען ווערען אינ'ם שויס פון דער קירך דורך אַן „אויסלייזענדען צוואַנג". די אידען איז פערבאָטען געוואָרען זיך צו ווייזען אין די גאַסען אין דער וואָך פאַר פסח, „אַזוי ווי צוליעב חוזק מאַכען אי־בער'ן טרויער פון די קריסטען". אידען, וואָס קויפען ביי קריסטען הייזער און אַנדערע נחלאות, מוזען צאָהלען לטובת דער קירך אַ צעהנט-חלק פונ'ם בעטרעף און די געוויהנ-ליכע אָבצאָהלונגען, וואָס די גייסטליכקייט פלעגט בעקומען פון די פריהערדיגע בעלי-בתים. די אידען-מלוה'ס איז פערבאָטען געוואָרען צו נעמען פון קריסטען הויכע פראָצענטען, אַז ניט וועלען זיי בעקומען די שטריינגסטע שטראָפען מצד דער וועלטליכער רעגירונג. די לעצטע האָט אויך געדאַרפט צווינגען די אידישע קרעדיטאָרען צו בעפרייען פון צו בעצאָהלען די פראָצענטען אויף הלואות אַזעלכע קריסטען, וואָס גייהען אין די רייהען פון די קרייץ-פאָהרער, און אָב-לייגען איינצומאָנען דעם קרן, ביז זיי וועלען קומען צוריק פון דער מלחמה.

דער האַרטסטער און בעליידיגענדסטער פונקט אינ'ם דאָזיגען סטאַטוט איז געווען דאָס, וואָס עס איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ בעזונדערע אידישע קליידונג. זיך סומך זייענדיג דערויף, וואָס אין איינציגע לענדער אונטערשיידען זיך ניט די אידען און די סאַראַצינער דורכ'ן שניט פון זייערע קליידער פון

די קריסטען, און דערפאַר דערנעהענטערן זיי זיך צו זיי און זיינען זיך אפילו אָפּטמאָלס משדך מיט זיי, — האָט די קירכען-פערזאַמלונג בעשטימט: בכדי אויס-צומיידען „אַזאַ זינדיגע התקרבות", זאָל מען די אידען, מאַנסבילען און ווייבער, אין אַלע קריסטליכע מלוכות און אויף אייביגע צייטען, צווינגען צו טראָגען אין עפּענטליכע ערטער אַזעלכע קליידער, וואָס זאָל זיי אָבשיידען פון קריסטען. ביי דער פראַקטישער אָנווענדונג פונ'ם דאָזיגען געזעץ איז געוואָרען דערקלערט, אַז דער „אונטערשייד אין דער קליידונג" בעדאַרף בעשטייהן אין טראָגען אַ בעזונדער צייכען, אין דער געשטאַלט פון אַ רונדער שטיק פאַרביגע מאַטעריע, על-פּי-רוב געלע, וואָס ווערט צוגענייהט צום אויבער-בגד אָדער צום הוט. שפּעטער האָט דער „אידישער צייכען" אין פערשיידענע לענדער געהאַט פערשיידע-נע פאָרמען.

דער דאָזיגער צייכען האָט בעדאַרפט, לויט דער כוונה פון זיינע ערפינ-דער, אַרויסשטעלען צו שאַנד און שפּאָט דעם אידען אַלס מענשען, וואָס איז אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט און וואָס שטייהט אויסערהאַלב די אַלגע-מיינע געזעצען. אַז אַ פרומער קאַטויליק פלעגט בעגעגענען אַזאַ „געשטעמפּעלטען" אידען, האָט ער געהאַלטען זיך פאַר בערעכטיגט צו בעליידיגען איהם, צו מאַכען איהם צו שאַנד און צו שפּאָט. פון דער אַנדער זייט האָט דער טראָגען אַזאַ מין צייכען בעדאַרפט נידערשלאָגען דעם אידענס געמיט, צוגעוויהנען איהם, ער זאָל וויסען שטענדיג, אַז ער איז פערוואָרפען, און ברייגגען דעם אומגליקליכען דערצו: ער זאָל אָנוועהרען די אַכטונג צו זיך גופא.

אויב דער דאָזיגער שענדליכער געזעץ וואָלט געוואָרען דורכגעפיהרט מיט דער גאַנצער שטרייגגקייט, וואָלט די לאַגע פון אידען אין די קריסטליכע לענ-דער געוועזן ניט צו דערטראָגען. נאָר ניט אַלע וועלטליכע מושלים זיינען בע-שטאַנען דערויף, עס זאָל אָבגעהיט ווערען די דאָזיגע אַכזוריות'דיגע בעשטימונג. דער עיקר פלעגט זי ווערען אָבגעהיט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, נאָר אויך דאָ האָט זי געדיענט מעהר פאַר אַ מיטעל אויסצוצאַפּען געלד ביי אידען, וואָס פלעגען גערן זיך אויסקויפען מיט אַ סך געלד, אַבי נאָר ניט צו טראָגען דעם שאַנד-צייכען. אין אַנדערע לענדער אָבער האָבען די אידען מיט ערפאָלג געקעמפט קעגען דער אָנווענדונג פון דער בעשטימונג פון דער קירכען-פערזאַמ-לונג, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט מוסיף זיין קיין אויפגעצוואונגענעם אויס-ווייניגסטען אונטערשייד צו יענע אונטערשיידען, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט אין זייער לעבענס-פיהר בהסכם מיט די תנאים פון זייער לעבען.

דעם ערשטען אָנפאַל פון דער קריגערישער קירך האָבען אויסגעטראָגען אויף זיך די אידען פון דרום-פראַנקרייך אָדער פּראָוואַנס. אַז איננאָקענטיוס III, וואָס איז געוואָרען בעאומרוהיגט דורך דער בעוועגונג פון די אַלביגאָנעזער, האָט פּראָקלאַמירט אַ קרייץ-צוג קעגען די אַפּיקורסים, איז ער אויסען גע-ווען זיך פונאַנדערצוצאָהלען אויך מיט די אידען, וואָס דער פרייהייטס-ליע-בענדער גראַף פון טולוזאַ, ריימונד IV, האָט זיי בעזונדערס געשיצט (§ 100). די קרייץ-פאָהרער זיינען אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם פלאַמענדיגען פאַנאַטי-

קער סימאָן מאָנפאָר אָנגעפאַלען אויף די פרידליכע איינוואוינער פון דער פּראָוואַנס און האָבען פערטיליגט דורך שווערד און פייער אַלעדי, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו דער „אפּיקורסות".

צוואַנציג יאָהר האָבען זיך געצויגען די דאָזיגע רעליגיעזע פערטיליגונגס-קריג (1209 — 1229), און פון זיי האָבען ניט ווייניג זיך אָנגעליטען אויך די אידען. בשעת די פאַנאַטישע באַנדעס פונ'ם מאָנאַך אַרנאָלד האָבען איינגענומען די שטאָדט בעזיער, זיינען צווישען די דערשלאָגענע געווען אויך אַן ערך צוויי הונדערט אידען (1209). „הרג'עט אַלעמען, — פלעגט זאָגען אַרנאָלד צו די קרייץ-פאָהרער, — דאָרט אין הימעל וועט שוין גאָט אָבשיידען די אומשולדיגע פון די שולדיגע". די גרעפין דע-מאָנמאָראַנסי, סימאָן מאָנפאָר'ס ווייב, האָט געהייסען כאַפּען די אידען פון טולוזאַ מיט זייערע ווייבער און קינדער און צווינגען זיי זיך צו שמד'ען, שרעקענדיג זיי מיט טויט-שטראָף (1217). קינדער אינגער פון זעקס יאָהר האָט מען אָבגענומען ביי די עלטערן און אָבגעשמד'ט זיי. פון די דערוואַקסענע אידען האָבען זיך געלאָזט שמד'ען בלויז 57 מאַן, די איבעריגע אָבער האָבען בעשלאָסען צו שטאַרבען פאַר זייער גלויבען. אַז סימאָן מאָנפאָר איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, האָט ער געהייסען בעפרייען די תפוסים און ערלויבען זיי צו האַלטען אידישקייט; נאָר די קינדער, וואָס זיינען איבער-געוואַלד אָבגעשמד'ט געוואָרען, האָט מען די עלטערן ניט צוריקגעגעבען.

די אַרבייט פון די קרייץ-פאָהרער האָט פערענדיגט אין דרום-פראַנקרייך די פּויפּסטליכע אינקוויזיציע — דאָס איז געווען אַ געהיימער טריבונאַל, וואָס איז געוואָרען געגרינדעט אויף צו געפינען און פערטיליגען די „אפּיקורסים" און פריידענקער. די מאָנאַכען-אָרדענס פון די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער, וואָס זיינען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרען, זיינען געוואָרען די הויפּט-געצייג פונ'ם קלעריקאַליזם אין זיין קאַמף קעגען דער גלויבענס-פרייהייט. בעזונדערס ענערגיש האָבען געאַרבייט די דאָמיניקאַנער, די דאָזיגע „וועכטער-הינט" פון דער קירך, ווי מען האָט זיי אָנגערופען בדרך הלצה, פּאַראָדירענדיג זייער נאָמען („דאָמיני קאַנעס" הייסט אויף לאַטיין — גאָטס הינט). זיי האָבען מיט התמדה געזוכט אפּיקורסים, פריידענקער, „יודאַאיזירענדע" און יענע אידען, וואָס „האָבען זיי אַראָבגעפיהרט פון וועג", און האָבען זיי איבערגעגעבען אין די הענד פון דער אינקוויזיציע. זיי האָבען איינגעפּליסט דעם פאָלק גראָבע אָבערגלויבענס, אַ בלינדע הכנעה פאַר'ן אויטאָריטעט פון דער גייסטליכקייט און אַ שנאה צו אידען, וואָס דער מגע-ומשא מיט זיי מוז אַראָבפיהרען פון וועג און פערדאַרבען „קריסטוס'עס געטרייע טשערעדע".

לודוויג דער הייליגער, די וכוחים און די פערברענונג פונ'ם תלמוד.

§ 117. דעם אידעאַל פון אַ מאָנאַרך, וואָס רעגירט אין „גאָטס גייסט", האָט די קירך געפונען אין פראַנצויזישען קעניג לודוויג IX-טען דעם הייליגען (1226 — 1270). זיין זיידע, פיליפּ-אויגוסט, האָט טיראַניזירט די אידען,

ווייל ער איז געווען זייהר להוט נאָך געלד. נאָר לודוויג דער הייליגער האָט דאָס געטאָן מחמת אויפריכטיגער רעליגיעזער איבערצייגונג. דער אמת׳ער קריסטענטום איז, לויט זיין מיינונג, בעשטאַנען אין פערטיידיגען קריסטוס׳עס גלויבען דורך רדיפות קעגען אַפּקורסים און אַנדערשגלויביגע; קרייץ-צוגען, אויסווייניגסטע און אינעווייניגסטע, זיינען געווען זיין לעבענס-אידעאַל. בכלל, איז ער ניט געווען קיין שלעכטער מענש, נאָר ווי באַלד עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער אמונה, האָט ער קיינעם ניט געשוינט. בשעת די כנופיות קרייץ-פאָהרער האָבען בעגאַנגען אין יאָהר 1236 ווילדע רציחות קעגען אידען אין אנזשו, באָרדאָ, פּואַטו און אַנדערע שטעדט, האָט די רעגירונג קיין שום שוץ ניט געגעבען די אומגליקליכע, אַזוי אַז אַפילו דער פּויפּסט גרעגאָר דער IV איז געווען געצוואונגען אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם קיניג און די ביסקופּען, אַז אויס׳הרג׳ען אידען און שמד׳ען זיי איבער געוואַלד איז ניט ווינשענסווערט פאַר דער קירך. נאָר דער קיניג דער פאַנאַטיקער האָט ניט געקוקט אויף די דאָזיגע רייד. ער האָט געהייסען אָבנעמען ביי די אידען און שמד׳ען איבער געוואַלד יענע קינדער, וואָס זייערע עלטערן האָבען אויס מורא פאַר׳ן טויט אָנגענומען דעם קריסטענטום בשעת׳ן אָנפאַל פון די קרייץ-פאָהרער.

מעהר מחמת רעליגיעזע טעמים, איידער מחמת עקאָנאָמישע, האָט לודוויג דער הייליגער גערודפט די אידישע וואָכערער, נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט ער ניט געזאָרגט דערפאַר, צו געבען זיי די מעגליכקייט צו פערנעמען זיך מיט שענערע פרנסות. ער האָט ניט איין מאָל בעפרייט די קריסטליכע בעלי-חובות פון צו בעצאָהלען אַ געוויסען טייל פון זייערע חובות די אידען, האָט פערבאָטען אַזעלכע בעלי-חובות אַריינצוזעצען אין תפיסה אָדער פערקויפען זייער אייגענס און אויף אַזאַ אופן אייבצומאָנען זייערע חובות. ער האָט אַפילו געהאַט בדעה צו פערבאָטען די אידען צו פערלייהען געלד. פונ׳ם דאָזיגען פּלאַן האָט ער זיך אָבער אָבגעזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהאַלטען אַן עצה מיט זיינע באַראָנען, וואָס האָבען איהם איבערצייגט, אַז ערד-אַרבייטער און סוחרים קאָנען זיך ניט בעגייהן אָהן הלואות, און אַז ס׳איז שוין מעהר כדאי צו ערלויבען פערנעמען זיך דערמיט אידען, איידער קריסטען, וואָס לייגען אַרויף אויף די בעלי-חובות נאָך גרעסערע פּראָצענטען.

דער חשק צו „מאַכען נפשות” פאַר דער קריסטליכער אמונה, וואָס האָט אין יענער צייט אָנגעכאַפּט די העכסטע שיכטען פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט, האָט געשאַפען די געלעגענהייט פאַר אָפטע רעליגיעזע ויכוחים צווישען געלערנטע קריסטען און אידען. די דאָזיגע ויכוחים, אויף וועלכע די אידען האָבען פריי און אָפען אַרויסגעזאָגט זייערע איבערצייגונגען, פלעגען זיך געווייהנליך ענדיגען פאַר זיי זייהר טרויעריג. די פערטיידיגער פון דער הערשענדער קירך האָבען ניט געוואָלט ליידען קיין טענות קעגען זיך און פלעגען ניט זעלטען ענטפערן דערויף מיט גראָבע געוואַלדטאַטען. דער פראַנצויזישער כראָניק-שרייבער פון יענער צייט זשואַנוויל דערציילט אַזאַ מין מעשה: אין קלויסטער פון קלוני איז איין מאָל געפיהרט געוואָרען אַ טעאָלאָגישער ויכוח צווישען מאָ-

גאַכען און רבנים. מיט דעם אַבאַטס ערלויבעניש האָט מען אַהין אַריינגעלאָזען איין רייטער. האָט דער לעצטער געפרעגט דעם פאָרשטייהער פון די אידען, צי גלויבט ער אין דעם אומבעפלעקטען הריון פון גאָטס מוטער, און אַז ער האָט בעקומען דעם ענטפער, אַז ניין, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן זיין אַפּאָנענט און אָנגעמאַכט איהם אַ שווערע וואונד. זיינען די אידען געשווינד אַוועק און האָבען מיטגענומען מיט זיך דעם פערוואונדעטען רב. אַז דער קיניג לודוויג האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם, האָט ער געזאָגט: „זאָלען זיך מתוכח זיין מיט אידען וועגען די עניני' פון דער אמונה בלויז מענשען, וואָס זיינען גוט צוגעגרייט (טעאָלאָגען); אָבער ווען אַ פּשוט'ער קריסט הערט פון אַ אידען אַ טאַדעל אויף דער קריסטליכער אמונה, בעדאַרף ער זי פערטיידיגען מיט'ן שווערד און אַריינרוקען איהם אין קערפּער פונ'ם גאָטסלעסטערער, ווי ווייט עס קריכט אַריין".

ביי אַזעלכע תנאים האָבען די וועלטליכע און קירכליכע רעגירער געהאַט די פולע מעגליכקייט זיך אַריינצומישען אינ'ם גייסטיגען לעבען פון די אידען. מען האָט אָנגעהויבען צו קאָנטראָלירען די יהדות און אַרויסצועפינען אין איהרע הייליגע ספרים אַנטיקריסטליכע אידייען. אַלס אַ העלפער די קלעריקאַלען האָט זיך בעוויזען אַ „מקטרג" פון אידען גופא — דער פינסטערער משומד נ י ק אָ ל אַ י ד אָ נ י ן, וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטענטום און וואָס האָט געוואָלט אַרויסווייזען זיין איבערגעבענקייט דער קירך, וואָס האָט א י ה ם צוגענומען צו זיך. ער האָט צוגעשטעלט דעם פּויפּסט גרעגאָר IX, דעם בעשיצער פון דער אינקוויזיציע, אַ פאָרמאַלע בעשולדיגונג קעגען תלמוד און האָט ערקלערט, אַז אין איהם זיינען פאַרהאַן פאַלשע מיינונגען קעגען גלויבען און מאָראַל, און אויך אַזעלכע אויסדרוקען, וואָס זיינען מזלזל דעם כבוד פון קריסטוס און פון די קריסטען. האָט דער פּויפּסט פונאַנדערגעשיקט בריעף צו די ביסקופּען פון פראַנקרייך און אייגלאַנד און צו די עלטסטע פון די דאָמיניקאַנער אין פּאַריז און האָט זיי בעפויהלען אָבצונעמען ביי די אידען אַלע עקזעמפּלאַרען פון תלמוד און אויספאָרשען, וויפיעל עס איז פאַרהאַן אמת אין דאָנינ'ס מסירה (1239).

די אויספאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבען אין פּאַריז; ביי די אָרטיגע אידען האָט מען אָבגענומען אַלע עקזעמפּלאַרען פון תלמוד, און די רבנים האָט מען גערופען, זיי זאָלען געבען ערקלערונגען. מען האָט בעשטימט אַ קאָמיסיע אויף אויסצוהערען דעם בעשולדיגער דאָנין און די טענות פון די רבנים. צו נעמען אָן אַנטייל אין ויכוח זיינען געקומען מצד די אידען ר ב י י ח י א ל פ ו ן פּ אַ ר י ז, ר' מ ש ה פ ו ן ק ו ס י און נאָך צוויי רבנים. דעם 12 יוני 1240 האָט זיך בעעפענט אַן עפענטליכער ויכוח אין געגענוואַרט פון די העכסטע הויפּט־בעאַמטע, גלחים און פּריצים. ר' יחיאל פון פּאַריז, וואָס איז געווען דער בעסטער רעדנער צווישען די פיער רבנים, האָט מיט היץ גע'טענ'ט קעגען דאָנינ'ס בעשולדיגונגען און האָט בעוויזען, אַז אין תלמוד איז ניטאָ קיין לעסטערונגען קעגען גאָט בכלל און קיין זלזולים קעגען קריסטענטום בפרט. נאָר די גאַנצע טירחה איז געווען אומזיסט: דער גורל פונ'ם „בעשולדיגטען" איז שוין געווען בעשטימט פון פריהער. דער קירכליכער טריבונאַל, וואָס איז בעשטאַנען פונ-

קאַנצלער פון פּאַריזער אוניווערסיטעט אָדאָ, פּונ׳ם פּאַריזער בּיסקופּ און פון איין אינקוויזיטאָר, האָט בּעשטימט צו פערבּרענען די עקזעמפּלאַרען פונ׳ם תלמוד. פון אַלע עקען פראַנקרייך האָט מען צונויפגעפיהרט די עקזעמפּלאַרען פונ׳ם תלמוד-בבלי, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט בּיי די אידען. פיער-און-צוואַנציג פוהרען, אָנגעלאָדען מיט די דאָזיגע ספרים, זיינען עפענטליך פערבּרענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען, אויף איינעם פון די פּלעצער פון דער הויפּטשטאָדט (1242).

די בשורה וועגען דער פערבּרענונג פון די הייליגע ספרים האָט טיעף מצער געווען די אידען פון אַלע לענדער. דער דייטשער רב-הכולל, ר׳ מאיר פון ראָטענבּורג (הר״ם מרוטענבורג), האָט וועגען דער געלעגענהייט פערפאַסט זיין בּעריהמטע קינה: „שאלי שרופה״, וואָס הויבּט זיך אָן מיט די ריהרענדע ווערטער: „פרעג, דו פערבּרענטע אין פייער, וואָס איז געוואָרען מיט יענע, וואָס וויינען איבּער דיין שרעקליכען מזל״...

אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך דעם דאָזיגען אויטאָ-דאַ-פע האָבּען די פראַנצויזישע אידען זיך משתדל געווען פאַר׳ן נייעם פּויפּסט אינאָקענטיוס דעם IV, מען זאָל זיי ערלויבּען צו האַלטען בּיי זיך די ספרים פון תלמוד, וואָס אָהן זיי קאָנען זיי ניט לערנען די תורה און די חוקים פון זייער אמונה. האָט דער פּויפּסט בּעפויהלען דעם קאַנצלער פון פּאַריזער אוניווערסיטעט אָדאָ צו בּעשטימען אַ צענזור-קאָמיסיע, אויף צו בּעטראַכטען נאָך אַ מאָל די פראַגע. די קאָמיסיע איז בּעשטאַנען פון העכער פערציג צענזאָרען, וואָס צווישען זיי האָט זיך געפונען אויך דער בּעריהמטער סכאָלאַסטיקער, דער דאָמיניקאַנער אַלבּערטוס מאַגנוס (דער גרויסער), וואָס האָט שטודירט רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע לויט די ווערק פון די אידיש-אַראַבּישע דיינקער ישראלי, גבּירול (אביצעבּראָן) און רמבּ״ם. די נייע קאָמיסיע האָט אויך פער׳משפט דעם תלמוד, הגם איהרע מיטגלידער זיינען גאָרניט געווען אין שטאַנד צו לייענען זיין העבּרעאישען טעקסט און צו פערשטייהן זיין אינהאַלט.

אין אַ קורצער צייט אַרום (1249) האָט לודוויג דער הייליגער אונטערנומען דעם זיבּעטען קרייץ-צוג אין די מזרח-לענדער, און היות ווי ער האָט זיך געבּויטיגט אין געלד, האָט ער קאָנפיסקירט די מאַיאָנטקעס פון עטליכע אידען. אין עגיפּטען איז דער פרומער קעניג אַריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו די מוסעלמאַנער, וואָס האָבּען צווישען אנדערע זאַכען זיך יגערייצט מיט איהם דערמיט, וואָס אין דער צייט בשעת ער פיהרט מלחמות קעגען די אומגלויבּיגע אין פרעמדע לענדער, לאָזט ער וואוינען „קריסטוס׳עס שונאים״ אין זיין אייגענער מלוכה. דעריבּער האָט לודוויג, ווי נאָר ער איז געקומען צוריק פון דער געפאַנגענשאַפט, בּעשלאָסען צו פערטרייבּען די אידען פון די לענדער, וואָס געהערען איהם על-פּי ירושה.

צום טייל האָט ער די דאָזיגע החלטה פערווירקליכט אין יאָהר 1254. נאָר אין עטליכע יאָהר אַרום האָבּען די פערטריבּענע בּעקומען אַן ערלויבּעניש

דיך אומצוקעהרען אין די ערטער, וואו זיי האָבען פריהער געוואוינט, און דערביי האָט מען זיי אָבגעגעבען צוריק די שולען און די בית-עלמינס, וואָס מען האָט געהאַט ביי זיי צוגענומען.

דערפאַר האָט לודוויג דער הייליגער בעקרוינט דעם סוף פון זיין לעבען דורך אַן אַנדער „מעשה טוב”: ער האָט בעשטעטיגט די החלטה פון דער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג פון יאָהר 1215 און האָט בעפויהלען צו צווינגען די אידען, זיי זאָלען טראָגען אויף זייערע קליידער אַ בעזונדער צייכען, און טאָמער וועלען זיי דאָס ניט טון, זאָל מען אַרויפלייגען אויף זיי אַ גרויסען קנס (1269). דער דאָזיגער צייכען איז בעשטאַנען פון אַ רונדער שטיק רויטע טוך, וואָס איז געוואָרען בעהעפט צום אויבער-בגד אויפ'ן ברוסט און אויפ'ן רוקען.

אין דערזעלביגער צייט, וואָס לודוויג דער הייליגער האָט געפייניגט אידען אין צפון-פראַנקרייך, האָט זיין ברודער גראַף אַלפאָנס דע-פואַטיע זיי אונטערדריקט אין דער פראָוואַנס, וועלכע ער האָט בעקומען פאַר אַ נחלה נאָך די פריהערדיגע ליבעראַלע גראַפען רייםונדס. אין זיין פאָליטיק פון רדיפות האָט אַלפאָנס זיך געדעכענט מעהר מיט דעכוועלטיגע חשבונות, איידער מיט הימעלשע. די שטרעבונג זיך צו בעררייכערן אויפ'ן חשבון פון די אידען האָט איהם געבראַכט צו די גרעבסטע געוואַלדטאַטען. ער האָט געגעבען די קריסטליכע איינוואוינער פון פואטיע און פון אַנדערע שטעדט דאָס רעכט צו פערטרייבען פון דאָרט די אידען, נאָר בתנאי, אַז איהם, דעם גראַף, זאָל מען אומקעהרען די היזקות, וואָס ער וועט דערפון ליידען. נאָר די אידען האָבען, ווי עס ווייזט אויס, בעצאָהלט אַ גרויסע סומע, בכדי מען זאָל זיי לאָזען בלייבען. בכדי אָנצופילען זיין קאַסע, האָט אַלפאָנס איין מאָל אָנגעווענדט נאָך אַ שטרייגערן מיטעל: ער האָט אַרעסטירט אַלע רייכע אידען אין זיינע לענדער און קאָנפיסקירט זייער אייגענס (1268). די תפוסים האָט מען געהאַלטען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זיי האָבען געגעבען גענויע ידיעות וועגען צושטאַנד פון זייערע פינאַנסען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט פריי פאַר אַן אויסקויף פון 20 000 ליווערס, וואָס עס האָבען זיך מתחייב געווען אַריינצוטראָגען די אידישע קהילות פון טולוזאַ, פואַטיע, אָווערן, סענטאָנזש און רוערג. דעם אַנדער יאָהר האָט אַלפאָנס, וועלענדיג צו-ליעב טון דער קריסטליכער גייסטליכקייט, בעשטעטיגט פאַר פראָוואַנס זיין ברודערס בעפעהל וועגען דעם, אַז אידען מוזען טראָגען דעם „אידישען צייכען”, נאָר שפעטער האָט ער געגעבען די אידען די מעגליכקייט זיך אויסצוקויפען פאַר געלד פון דעם דאָזיגען שאַנדפלעק. אויף אַזאַ אופן האָט ער אי אָבגעהיט פרומקייט אי דערצו נאָך ריוח געהאַט.

די אינקוויזיציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין דרום-פראַנקרייך אויף צו פערטיליגען די אַפיקורסים, האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהר ווערען אָנגעווענדט בנוגע צו אידען. די גייסטליכקייט האָט זיך בעקלאָגט דערויף, וואָס די גע'שמד'טע אידען זאָגען זיך אָב פון דער קירך און וואָס אַפילו אמת'ע קריסטען זיינען זיך מגייר. אין יאָהר 1278 האָבען די פראַנצויזישע אינקוויזיטאָ-

רען געגעבען צו ווּיסען דעם פויפּסט ניקאָלאַי III, אַז די אידען, וואָס האָבען זיך גע׳שמד׳ט בשעת די מאַסען-פּאָגראָמען, זיינען אָבטריניג געוואָרען פון דער קירך, ווי נאָר די סכנה איז פאַרביי, און דערפאַר האָט מען זיי אַריינגעלייגט אין „חרם” און אַריינגעזעצט אין תּפיסה, וואו זיי געפינען זיך שוין אַ גאַנץ יאָהר; און די אינקוויזיטאָרען פרעגען, וואָס זאָל מען מיט זיי טון. האָט דער פויפּסט געענטפערט, אַז מיט אַזעלכע מענשען בעדאַרף מען זיך בעגייהן, ווי מיט אַפּיקורסים, דאָס הייסט איבערגעבען זיי אין די הענד פון דער וועלטליכער מאַכט, אויף פערברענען זיי. אין דעם זעלביגען יאָהר איז אין טולוזאַ פערברענט געוואָרען דער רב ר׳ יצחק דערפאַר, וואָס ער האָט צוגענומען אַ גע׳שמד׳טען אידען, וואָס האָט תּשובה געטאָן פאַר׳ן טויט, און האָט איהם מקבר געווען אויף אַ אידישען בית-עלמין.

די אינקוויזיציע האָט מיט אַלע מיטלען זיך געמיהט אָבצושיידען די געשמד׳טע אידען פון זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער, און צוליעב דעם צוועק האָט זי געברויכט שפּיאָנעריי. דער קאָנטראָל פון דער דאָמיניקאַנישער אינקוויזיציע, דער געהיים-פּאָליציי פון דער אינקוויזיציע, איבער דעם אינע-ווייניגסטען לעבען פון די אידען איז געווען פאַר זיי בעזונדערס שווער; ער פלעגט געוועהנליך צוגרייטען אַ באָדען פאַר מאַסען-פּאָגראָמען.

דער צייטווייליגער גירוש; „גזירת הרועים”.

§ 118. די פּאָליטיק פון לודוויג דעם הייליגענס יורשים בנוגע צו אידען איז געווען אַ פעראייניגונג פון צוויי אַלטע שיטות: רעליגיעזע רדיפות און עקס-פּלואַטאַציע, און דערביי האָט אין פערשיידענע מאָמענטען געהערשט אַמאָל די און אַמאָל יענע שיטה. דער דירעקטער יורש פונ׳ם פרומען קיניג, פיליפּ דער דרייסטער (1270 — 1285), האָט אָבגעהיט די קירכליכע געזעצען; ער האָט געהייסען אויפפּאַסען, אַז די אידען זאָלען טראָגען אויף זייערע קליידער דעם צייכען, וואָס איז געוואָרען פאַר זיי בעשטימט, האָט פערבאָטען זיי צו האַלטען אין זייערע הייזער קריסטליכע דיענער, היטען ביי זיך עקזעמפּלאַרען פון תּלמוד און פערריכטען אַלטע שולען

דער קיניג, וואָס איז געווען נאָך איהם, פיליפּ דער שיינער (1285—1314) האָט געהאַלטען פאַר בעסער פיליפּ-אויגוסט׳ס סיסטעם, וואָס איז בעשטאַנען אין אויספּרעסען געלד פון אידען. דער דאָזיגער דעספּאָט אָהן געוויסען, וואָס האָט געקעמפט מיט׳ן פויפּסטום צוליעב פיסקאַלישע אינטערעסען און וואָס האָט פער-טיליגט דעם אָרדען פון די טעמפּעלהאַרען, בכדי צוצונעמען פאַר זיך זייערע רייכטימער, — האָט געווענדט זיינע גיריגע בליקען אויף די אידען, וואָס האָבען געהאַט אַ געוויסען פערמעגען. קודם כל האָט פיליפּ געזאָרגט דערפאַר, אַז די אידען פון אַלע פּראָווינצען זאָלען ווערען אַרונטערגעשטעלט אויסשליסליך אונטער דעם קיניגס געריכטס-איבערהערשאַפט און אַז די דאָזיגע איבערהערשאַפט זאָל אָבגענומען ווערען ביי די פעאָדאַלען און ביי דער גייסטליכקייט. ער האָט

פערבאָטען דער גייסטליכקייט צו אַרעסטירען אַ אידען אָהן דעם וויסען פונ׳ם סענעשאַל אָדער דעם אָרטיגער קיניגליכען בעאַמטען (1288), און שפּעטער האָט ער פערבאָטען צו מאַכען אַרעסטען פון אידען לויט דער פאָדערונג פון דער פּויפּסטליכער אינקוויזיציע (1302). דאָס אַלץ האָט דער קיניג געטאָן, פערשטייהט זיך, ניט אין נאָמען פון יושר, נאָר בלויז צוליעב דעם, בכדי צו האָבען אַליין די איינציגע מעגליכקייט צו עקספּלואַטירען די אידענס האָב-און-גוטס. אין דעם פּרט האָט פיליפּ דער שיינער פון קיין שום שיעור און גרעניץ ניט געוואוסט. ער האָט לא די וואָס אַרויפגעלייגט אויף אידען אומגעהייער גרויסע שטייערן, נאָר ער פלעגט אַפילו טיילמאָלס דורך סטראַשונקעס און אַרעסטען דירעקט צונעמען ביי רייכע מענשען אַ בעדייטענדען טייל פון זייער פערמעגען.

נאָר אויך די דאָזיגע אונאויפהערליכע בערויבונגען האָבען ניט בעפרידיגט דעם קיניג, וואָס האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען. פּונקט אַזוי ווי דער געלדגיריגער בעל-הבית אין דער בעוואוסטער מעשה׳לע, האָט ער בעשלאָסען צו קוילען די הוהן, וואָס לייגט גאָלדענע אייער: ער האָט בעשלאָסען צו פערטרייבען די אידען פון פראַנקרייך און צו פערכאַפּען מיט אַ מאָל זייער עשירות. אין יאָהר 1306 האָט פיליפּ פּלוצלונג פונאַנדערגעשיקט זיינע בעאַמטע אַ בעפעהל — צו אַרעסטירען אַלע אידען, וואָס וואוינען אין פראַנקרייך, אין איין טאָג, און זיי געבען צו וויסען, אַז זיי זאָלען אין משך פון אַ חודש צייט זיך אַרויסקלייבען פון דער מלוכה, נאָר זייער גאַנצע האָב-און-גוטס לאָזען.

דער דאָזיגער אוממענשליכער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געוואָרען אויף מאָרגען נאָך תשעה באב (10 טעג אין אב — 22 יולי). די אומגליקליכע אידען, וואָס האָבען ניט בעוויזען צו קומען צו זיך נאָכ׳ן פּלוצלונגדיגען אָנפאַל, האָט מען פאָרגעלייענט דעם שרעקליכען דעקרעט, וואָס האָט מיט איין מאָל אָבגענומען ביי זיי סיי זייער היים און סיי זייער אייגענס. די פערטריבענע האָט מען ערלויבט מיטצונעמען בלויז די נויטיגסטע קליידונג און שפּייז אויפ׳ן וועג.

אַז עס איז פאַרבייגעגאַנגען די בעשטימטע צייט, האָט אַ גרויסע מאַסע אידען (זייער צאָהל האָבען די כראָניק-שרייבערס ניט בעשטימט אַפילו אומגעפעהר) זיך אַרויסגעקליבען פון פערשיידענע שטעדט פון פראַנקרייך, וואו זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען געוואוינט נאָך אין דער צייט פון דער אַלט-רוימישער אימפּעריע. די אידענס אַלע נחלאות און מטלטלים האָט צוגענומען דער קיניג און האָט זיי פערקויפט פאַר אַ גוטען מקח אויף אַן אויקציאָן. בכדי זיך צו מאַכען אַ בעגריף, ווי גרויס עס איז געווען דער אידישער רויב, וואָס פיליפּ האָט בעקומען, איז גענוג אָנצווייזען, אַז פונ׳ם פערקויפען די נחלאות, וואָס אידען האָבען איבעגעלאָזט בלויז אין איין אָרלעאַנער פּראָווינץ, האָט מען אויסגעלייזט 337 000 פראַנק. אַז עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז די פערטריבענע, וואָס האָבען געהאָפט, אַז מען וועט זיי אין גיכען אומקעהרען צוריק, האָבען פערגראָבען אַ סך טייערע חפצים אין זייערע הייזער און הויפען, האָט פיליפּ דערקלערט, אַז איטליכער, ווער עס וועט אָנווייזען די קיניגליכע בע-

אַמטע דעם אָרט, וואו עס געפינען זיך די בעהאַלטענע ווערט-זאַכען, וועט בעקומען אַ פינפט-חלק דערפון. אַ סך געלד האָט געקומט אידען פון קריסטליכע בעלי-חובות, און דער קיניג האָט מיט דער גאַנצער שטריינגקייט אַיינגעמאָנט פאַר זיך די דאָזיגע חובות. דאָס האָט קלאָר בעוויזען, אַז ער האָט געדאַג'עט בלויז וועגען זיין אייגענער טובה, און ניט וועגען גרינגער מאַכען די פערשולדיגטע קריסטען. די אידען, וואָס האָבען אָנגענומען קריסטענטום (אין טולוזאַ און אַנדערע שטעדט), זיינען ניט פערטריבען געוואָרען, הגם די דאָזיגע צוקומעניש צו דער קריסטליכער געמיינדע האָט מסתמא פיליפ'ן קיין הנאה ניט פערשאַפט, וואָרום דאָס האָט פערקלענערט זיין הכנסה. איבעריגענס, איז די צאָהל פון אַזעלכע משומדים געוועזן ניט גרויס.

דער אומגליק פון די פערטריבענע האָט קיין גרעניצען ניט געהאַט. דער גרעסטער רוב פון זיי האָט זיך אַריבערגעקליבען אין די מעהר אונאָבהייניגע פראַנצויזישע פראָווינצען — בורגונד, סאַוואָיען, דאָפינע, אין עטליכע ערטער פון דער פראָוואַנס און אין דער שכנישער אַראַגאָניען. זיך האַלטענדיג נעהענטער ביי די גרעניצען פון פראַנקרייך, האָבען די פערטריבענע געהאָפט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט מען זיי ערלויבען זיך אומצוקעהרען אין זייער היים — און האָבען טאַקע קיין טעות ניט געהאַט אין חשבון.

פיליפ דעם שיינעמס טעות האָט זיך באַלד געלאָזט מערקען. דורך דעם גירוש פון די אידען האָט מען אָנגעטאָן אַ גרויסען שאָדען דעם האַנדעל און דעם געלד-פערקעהר פון לאַנד, און די קיניגליכע קאַסע, נאָכדעם ווי זי האָט פערשוואונדט די קאָנפיסקירטע אידישע קאַפּיטאַלען, האָט מעהר ניט געהאַט קיין בעקוועמען אָביעקט פאַר איהר עקספּלואַטאַציע. דאָס פאָלק גופא אין פראַנקרייך האָט געוואָלט, מען זאָל אומקעהרען צוריק די אידען, וואָרום די קריסטליכע קרעדיטאָרען, וואָס האָבען פערנומען זייער אָרט, פלעגען, לויט ווי עס דריקט זיך אויס אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט, אַראָבציהען די הויט פון זייערע בעלי-חובות, און אין אַ סך ערטער האָט מען גאָרניט געקאָנט קריגען אַנטלייהען קיין געלד.

בכן האָט פיליפ'ס יורש, לודוויג X, אין צעהן יאָהר אַרום נאָכ'ן גירוש, בעשלאָסען זיי צוריקצורופען (1315). ער האָט אָנגעקניפּט מיט די פערטריבענע אונטערהאַנדלונגען וועגען זייער אומקעהר קיין פראַנקרייך. די אידען, וואָס האָבען מורא געהאַט, עס זאָלען זיך ניט איבער'חזר'ן די פריהערדיגע גזירות, האָבען געשטעלט דעם קיניג פאָלגענדע תנאים: אַז מען זאָל זיי ערלויבען זיך צו בעזעצען אומעטום, וואו זיי האָבען פריהער געוואוינט; אַז מען זאָל זיי אָבגעבען צוריק די שולען, בית-עלמינ'ס און ספרים, וואָס מען האָט ביי זיי אָבגענומען; אַז מען זאָל זיי ערלויבען אַיינצומאָנען די נאָך ניט בעצאָהלטע חובות, וואָס אַ בעדייטענדען טייל דערפון בעקומט דער קיניג, און צולעצט, אַז עס זאָלען זיי געגעבען ווערען פּריווילעגיעס בנוגע צו מלאכות און מסחר. דער קיניג לודוויג האָט אָנגענומען די דאָזיגע תנאים, נאָר פון זיין זייט האָט ער מחייב געווען די אידען צו טראָגען אויף זייערע קליידער דעם צייכען, וואָס די קירך האָט

איינגעשטעלט, און זיך ניט מתוכח זיין מיט קריסטען פון פראָסטען עולם איבער רעליגיעזע פראַגען; זייערע רעכט בנוגע צו אַנטלייהען געלד אויף פראָצענט זיינען געוואָרען בעגרעניצט. אריינגעלאָזען האָט מען אידען אין פראַנקרייך אַלס פרוב אויף צוועלף יאָהר, בתנאי, אַז אויב דער קעניג וועט אין משך פון דער צייט בעשליסען זיי אויפ׳סניי צו פערטרייבען, איז ער מחויב צו געבען זיי צו וויסען וועגען דעם אַ יאָהר פאר׳ן אויספיהרען די דאָזיגע החלטה. איינ׳ם בעפעהל, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען וועגען דער געלעגענהייט, זאָגט דער קעניג, אַז זיין פערשטאָרבענער פאָטער האָט פערטריבען די אידען פון פראַנקרייך, מחמת איהם האָבען צוגערעדט דערצו שלעכטע יועצים, נאָר ער, לודוויג, האָט בעשלאָסען זיי צוריקרופען, וואָרום דאָס פאָדערט „די אַלגעמיינע שטים פון פאָלק", און ער וועט פערטיידיגען זייער פערזאָן און אייגענס קעגען אַלע גוואַלדטאַטען.

די פערטריבענע זיינען מאַסענווייז געקומען צוריק קיין פראַנקרייך. נאָר די אומבעריהרליכקייט פון פערזאָן און אייגענס, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט, איז אין גיכען געשטערט געוואָרען אויפ׳ן אכזריות׳דיגסטען אופן. אין עטליכע יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי די אידען זיינען צוריקגעקומען, האָט מיט זיי געטראָפען אַ נייע צרה, וואָס איז דאָס מאָל געקומען ניט פון אויבען, ניט מצד די מלכים, נאָר פון אונטען, פון דער טיעפעניש פון די אויפגערודערטע פאָלקס-מאַסען.

די קריסטליכע בעפעלקערונג פון פראַנקרייך האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ צייט פון גראָבסטען אָבערגלויבען און משונהווילדע פאַראורטיילען, וואָס פלעגען זיך אָפטמאָלס אַרויסווייזען אין דער פאָרם פון פסיכאָפאַטיע אויף רעליגיעזען באָדען. דער גלויבען אין הייליגע בילדער, וואָס זיינען מסוגל צו טון נסים, פון איין זייט, און אין כשוף פון דער אַנדער זייט — דאָס איז געווען דער תוך פון דער רעליגיע פונ׳ם דעמאָלטיגען מענשען פון המון, וואָס די גייסטליכקייט האָט איהם מיט אַ כיון געהאַלטען אין דער אויסערסטער עם-הארצות.

צו אַזעלכע פערדרייהטע און פערווילדערטע השגות האָט פולקום געשטימט דער גלויבען אין עפּיס אַזוינע בעהאַלטענע גאָטס-לעסטערונגען און פערברעכענס פון אידען. אידען פלעגט מען בעשולדיגען אַמאָל דעריין, אַז זיי טויטען בעהאַלטענערהייד קריסטליכע קינדער, בכדי צו געברויכען זייער בלוט אויף פסח, און אַמאָל דעריין, אַז זיי פערשוועכען די קירכליכע הייליגטימער. דער געריכט פון דער אינקוויזיציע פלעגט בעפעסטיגען אַזעלכע בלבולים דורכדעם, וואָס ער פלעגט פער׳משפט׳ען אַזעלכע כלומר׳שטיגע פערברעכער צום טויט. אין יאָהר 1288 זיינען דרייצעהן פאָרשטייהער פון דער אידישער קהילה אין טרוא פערברענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען, לויט אַ פאַלשער בעשולדיגונג, אַז זיי זאָלען האָבען געטויט אַ קריסטליך קינד. אין יאָהר 1317 זיינען אין שינאָן בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט צוויי אידען, וואָס מען האָט זיי אויך חושד געווען אינ׳ם זעלביגען פערברעכען. אין יאָהר 1290 זיינען אַ איד און זיין ווייב פערברענט

געוואָרען אין פּאַריז, ווייל מען האָט געמאַכט אויך זיי אַ בלבול, זיי זאָלען האָבען דורכגעשטאָכען אַ „האָסטיע", ד. ה. די קירכליכע ברויט — וואָס איז דער סימבאָל פון קריסטוס'עס קערפּער; און עס איז געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז פון דער דורכגעשניטענער האָסטיע האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט. די גייסטליכקייט האָט זיך געאײַלט צו פּראַייביגען אַזעלכע „נסים" און האָט אײַנגעפעסטיגט אי'ן'ם פאָלקס בעוואוסטזיין פערקעהרטע גלויבונגען. דאָס פאָלק איז — לויט דעם אויסדרוק פון אַ פראַנצויזישען היסטאָריקער — געווען דעמאָלט אַרומגענומען פון אַן עפּידעמיע פון משוגעת אויפ'ן רעליגיעזען באָדען. זיין פערשטאַנד איז געווען אָנגעפילט מיט פאַנטאַסטישע שרעקענס-בילדער; אַלע האָבען גערעדט דער עיקר וועגען די סודות-פולע „נסים", השבעות, כישוף און אַלע מינים שוואַרצע קונצען.

די פערווילדערטקייט און די עם-הארצות פון פאָלק האָבען צוגעגרייט דעם באָדען פאַר אַ גאַנצער רייה בלוטיגע טעג. אין יאָהר 1320 האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אין פראַנקרייך אַ קלאַנג, אַז דער קעניג פיליפּ דער V-טער קלייבט זיך צו פיהרען אַ נייעם קרייץ-צוג אין די מזרח-לענדער. איז דאָס פאָלק אויפגערודערט געוואָרען. איינער אַ יונגער פּאַסטוך האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ וואונדערפולע זעהונג: צו איהם פלעגט אַלע טאָג אַראָפּפליהען אַ טויב און זיך שטעלען אַ מאָל אויף זיין קאָפּ, און אַמאָל אויף די אַקסלען; אַז דער פּאַסטוך האָט געוואָלט כאַפּען דעם דאָזיגען פויגעל, איז פון איהם פלוצלונג געוואָרען אַ שיינע מיידעל, וואָס האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל צונויפקלייבען אַ חייל פון קרייץ-פאָהרער און גייהן מלחמה האַלטען מיט די אומגלויביגע, וואָרום איהם איז בעשערט צו האָבען גרויסע נצחונות.

אין גיכען האָט זיך צונויפגעקליבען אין דער געגענד פון גאַראָנאַ, אין דרום-פראַנקרייך, אַן אומגעהייער גרויסער המון פויערים און פּאַסטיכער, וואָס זיינען געווען גרייט צו גייהן פאַר דער הייליגער אמונה, וואו נאָר מען וועט זיי אָנווייזען. די אָנפיהרער אָדער אונטערהעצער פונ'ם המון זיינען געווען אַ גלח, וואָס מען האָט איהם געהאַט אַרויסגעטריבען פון זיין שטאָדט פאַר שלעכטער אויפפיהרונג, און אַ מאָנאַך, וואָס מען האָט ביי איהם אָבגענומען זיין טיטעל. די אַרמיי פון די קרייץ-פאָהרער איז געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט מיט פאָהנען אין די הענד און איז אַלץ פערגרעסערט געוואָרען אונטערוועגס דורך כל'ערליי באַנדיטען, וואָס זיינען נאָר אויסען געווען צו ראַבירען.

פונקט אַזוי ווי ביי די פריהערדיגע קרייץ-צוגען, האָט דער צעלאָזטער המון קודם כל זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שוצלויזע אידען. אין ווערדען, טולוזאַ, באָרדאָ, גאַסקאָן און אַ סך אַנדערע שטעדט האָט די בלוטדאָרשטיגע אַרמיי פון די פּאַסטיכער אויסגעהרג'עט די אידען. די ווערדענער פעסטונג, וואו עס האָבען זיך פערטיידיגט אין אַ טורעם אַן ערך 500 אידען, האָבען די קרייץ-פאָהרער איינגענומען אין שטורעם. אַז די אידען האָבען איינגעזעהן, אַז זיי קאָנען ניט ניצול ווערען, האָבען זיי מיט'ן גוטען ווילען געקוילעט איינער דעם אַנדערן. נאָר מיט די קינדער האָט זיי די האַרץ ניט געלאָזט צו טון דאָס אייגענע, און די „זיגער" האָבען צוגענומען זיי און אָבגעשמד'ט.

די קאָמאַנדירען פון די שטעדט און פון דעם קעניגליכען מיליטער פלעגען אָפטמאָלט פערטיידיגען אידען, נאָר ס'איז ניט גרינג געווען איינצושטילען די ווילדע מערדער, וואָס דאָס פאָלק האָט געקוקט אויף זיי, ווי אויף הייליגע, וואָס טוען אַלץ „מחמת ליעבשאַפט צו קריסטוס'ן און מחמת דעם פערלאַנג זיך נוקם צו זיין אָן די שונאים פון דער אמונה". ערשט דעמאָלט, בשעת די אומרוהען פון פאָלק האָבען אָנגעהויבען ווערען אַ סכנה פאַר דער רעגירונג גופא און פאַר די העכערע שטאַנדען, האָט מען, לויט דעם קעניגס בעפעהל, אָנגענומען ענערגישע מיטלען. די אַרמיי פון די פאַסטיכער איז צעטריבען געוואָרען (1320). קליינע אָבטיילונגען פון איהר האָבען נאָך געווילדעוועט אין די שטעדט פון דער שכנישער אַראַגאָניען און נאַוואַרא. סך-הכל האָבען געליטען פון דער „גזירת הרועים" אין פראַנקרייך און אין צפון-שפאַניען אַן ערך 120 קהילות.

די פראַנצויזישע אידען האָבען נאָך ניט בעוויזען צו קומען צו זיך נאָך דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע, איז שוין אָנגעפאַלען אויף זיי אַ נייע צרה. אין פראַנקרייך זיינען געווען אין יענער צייט אַ סך מענשען, וואָס זיינען קראַנק געווען מיט צרעת אין וואָס, בכדי אַנדערע זאָלען זיך ניט אָננעמען די קריינק פון זיי, האָט מען זיי געגעבען דירות אויסערהאַלב די שטעדט, וואו מען האָט זיי געהאַלטען, ווי בעטלערס. בכדי צו נעמען נקמה פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעשטויסען פון זיך, האָבען די מצורעים פון דער געגענד גיען— אַזוי האָט מען געשמועסט צווישען פאָלק — אָנגעהויבען צו סמ'ען די וואַסער אין די ברונימער און טייכען, און דערפון זיינען אויסגעשטאָרבען אַ סך מענשען (1321). אַז מען האָט געכאַפט די מענשען, וואָס מען איז זיי חושד געווען אינ'ם דאָזיגען פערברעכען, און מען האָט זיי געפייניגט, בכדי זיי זאָלען זיך מודה זיין, האָבען זיי דערקלערט, אַז דעם געדאַנק וועגען פער'סמ'ען די ברונימער זאָלען האָבען זיי איינגעפליסט די אידען, וואָס האָבען געוואָלט זיך נוקם זיין אָן די קריסטען פאַר דער „גזירת הרועים".

דער קעניג פיליפ V האָט לכתחילה געגלויבט דעם דאָזיגען שענדליכען בלבול. מען האָט בעשטימט אַן אויספאָרשונג. אין פערשיידענע שטעדט האָט מען די אידען אַכזריות'דיג געפייניגט און צום טייל פערברענט. אין שינאָן האָט מען 160 אידען, מאַנסבילען און ווייבער, אַריינגעוואָרפען אין אַ טיעפער גרוב, וואו עס איז פריהער געווען אָנגעצונדען אַ שייטערהויפען, און זיי זיינען אַלע פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד. אַ סך אידען זיינען דעמאָלט אַנטלאָפען געוואָרען פון פראַנקרייך.

שפעטער האָט דער קעניג זיך איבערצייגט, אַז די דאָזיגע בעשולדיגונג איז פאַלש, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער דאָס אויסגענוצט, בכדי אַרויפצולייגען אויף די אידען אַן אומגעהייערן געלד-קנס פון 150 000 ליווערס, וואָס זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרען אויף אויסצוצאָהלען זיי צווישען די קהילות פון צפון- און דרום-פראַנקרייך. אין די אידישע כראָניקעס איז די קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1321 בעוואוסט אונטערן נאָמען „גזרת-המצורעים".

אויף אזא אופן זיינען די אידען, וואס זיינען פערטריבען געווארען אין יאהר 1306, צוריקגערופען געווארען פראנקרייך קיין נאר צוליעב דעם, בכדי דאס פאלק זאל האבען וועמען צו הרג'ען און די רעגירונג — וועמען צו בעגזל'ען. די גאראנטיעס פון יאהר 1315 האבען זיך ארויסגעוויזען פאר נישט־ג. קעגען די ווילדע אויפשטאנדען פון פאלק האבען די מלכים נים געקאנט פערטיידיגען די אידען, און זיך אבזאגען פון צו קוקען אויף דאס אידישע האב־און־גוטס, ווי אויף זייער אייגענס, האבען זיי נים געוואלט. און די אידען איז קיין אנדער זאך נים איבערגעבליבען, ווי צו עמיגרירען פונ'ם דאזיגען אומגליקס־לאנד. ערטערווייז פלעגען די קיניגליכע בעאמטע נים ווארטען, ביז זיי וועלען אוועקגייהן מיט'ן גוטען ווילען, נאר זיי פלעגען זיי פערטרייבען און קאנפיסקירען זייער פערמעגען. צווישען די יאהרען 1322 און 1359 איז אין די צענטראלע געגענדען פון פראנקרייך כמעט נים געווען קיין אידישע בעפעלקערונג.

דער צייטווייליגער פערוויילען און די ענדגילטיגע פערטרייבונג פון די אידען פון פראנקרייך.

§ 119. צום אומגליק פאר די עמיגרירטע אידען, האבען זיי אלע זיך נאך נים געהאט אבגעזאגט פון דער האפענונג, זיך אומצוקעהרען צוריק קיין פראנקרייך. חוץ דעם, האבען די מלכים געהאט היזק אהן זייערע „האנדעלס־לייב־אייגענע". דער „הונדערטיעהריגער קריג" צווישען פראנקרייך און איינגלאנד האט געפאדערט אומגעהייער גרויסע הוצאות — און אין דעם פרט האבען די רעגירער זיך בעזונדערס געניטיגט אין די אידען. נאך דער מפלה ביי פואטיע און נאכדעם ווי עס איז גענומען געווארען געפאנגען דער פראנצויזישער קיניג יאאן (1356), איז די קיניגליכע פאמיליע אריינגעפאלען אין א קריטישער לאגע. די מלוכה־קאסע איז געווען ליידיג, די שטאדטישע איינוואוינער און די דארפישע בעפעלקערונג האבען אויפגעהויבען אומרוהען — און עס האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס לאנד האלט ביים אונטערגייהן.

דעמאלט איז דער יונגער דאפין קארל V, וואס האט פערוואלטעט איבער דער מלוכה אין זיין פאטערס נאמען, אריינגעטראטען אין פערהאנדלונגען מיט'ן פארשטייהער פון די אידען מאנאסיע דע־וועזו, וואס איז געווען א קלוגער און אונטערנעמענדער פינאנסיסט. אין יאהר 1360 איז געווארען ארויסגעגעבען א בעפעהל, וואו עס איז געווארען דערקלערט, אז דער קיניג, בהסכם מיט דער גייסטליכקייט, דעם העכערן און ניעדעריגען אדעל און די שטאדט־איינוואוינער, ערלויבט אלע אידען זיך אויפס'ניי צו בעזעצען אין פראנקרייך און וואוינען דארט אין משך פון 20 יאהר אין שטעדט און דערפער, קויפען ערד און הייזער, פערנעמען זיך מיט האנדעל און אנטלייהען געלד. ביים אריינפאהרען אין לאנד איז איטליכער בעל־הבית מחויב צו בעצאהלען 14 פלארין פאר זיך און צו איין פלארין פאר איטליכען מיטגליד פון זיין הויזגעזינד, און דערנאך מוז איטליכס יאהר איינגעצאהלט ווערען פון איטליכען בעל־הבית צו 7

פלאָרין און צו איין פלאָרין פון איטליכען מיטגליד פון דער משפחה. דערפאַר בעקומען אידען פאָלגענדע הנחות: ווערען בעפרייט פון דער ממשלה פון די קיניגליכע בעאַמטע און ריכטער, און אַלס גאַראַנטיע דערפאַר ווערט בעשטימט פאַר זייער בעשיצער אַ פרינץ פון קיניגליכען הויז, דער גראַף ד׳עטאַמפ; איבער זייער אינעווייניגסטע שטרייטען און פּראָצעסען האָט צו בעשטימען אַ קאָלעגיע פון צוויי רבנים און פיער מיטגלידער פון דער קהילה, און דערביי ווערען די געלד־קנסות, וואָס די אידישע דיינים בעשטימען, און אויך די קאָנפיסקירטע פערמעגענס פון די פער׳משפּט׳ע צוגענומען לטובת דער קיניגליכער קאַסע; ס׳ווערט פערבאָטען צו פערכאַפּען די אידענס מטלטלים, זייערע שפּייכלערס מיט תבואה, זייער וויינגערטענער, בהמות און אויך זייערע הייליגע ספרים; ס׳ווערט ערלויבט זיי צו אַנטלייהען געלד אויף משכנות, און אַז עס איז פאַרהאַן אַ ריזיקע — אויך אויף גרויסע פּראָצענטען. מאַנאַסיע דע־ווערו איז געוואָרען בעשטימט פאַר׳ן הויפּט־גובה, וואָס בעדאַרף איינמאָנען פאַר דער מלוכה־קאַסע אַלע אָבצאָהלונגען פון די פראַנצויזישע אידען.

די דאָזיגע „פּריווילעגיעס״, וואָס האָבען צוגעצויגען אַ סך אידען קיין פראַנקרייך, זיינען אָבער ניט אַלע מאָל אָבגעהיט געוואָרען. אַ דאַנק די בעמיהונגען פון דער גייסטליכקייט האָט מען ווידער אַרויפגעלייגט אויף אידען אַ חוב צו טראָגען אַ בעזונדערן צייכען אויף זייערע קליידער, אין דער געשטאַלט פון אַ רעדיל פון רויטער מאַטעריע, אין דער גרייס פון דעם גרויסען קיניגליכען זיגעל. אידישע דאָקטוירים איז ערלויבט געוואָרען צו פּראַקטיקירען ניט אַנדערש, ווי נאָך אַ ספּעציעלן עקזאַמען; נאָר שפּעטער איז אַפילו די דאָזיגע ערלויבעניש אויך בטל געוואָרען.

אַז קאַרל דער V־טער איז געוואָרען קיניג נאָך זיין פאָטערס טויט (1364 — 1380), האָט ער זיך געמיהט צו היטען דעם אָבמאַך, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט די אידען אין דער צייט, בשעת ער איז געווען אַ רעגענט. ער האָט זיי פערטיידיגט קעגען אָנפאַלען און — וואָס עס איז געווען פאַר איהם בעזונדערס וויכטיג — האָט פּינקטליך איינגעמאָנט פון זיי די שווערע אָבצאָהלונגען, וואָס זיינען געוואָרען איינגעשטעלט פאַר זיי, דורך צוויי הויפּט־גובה׳ס, דעם דערמאָנטען מאַנאַסיע אין צפון־פראַנקרייך און דעניס קינאָן אין דרום־פראַנקרייך, אין לאַנגעדאָק. ער האָט בעפרייט פון צו טראָגען דעם „אידישען רעדיל״ זיינע הויפּט־גובה׳ס און אויך דעם הויפּט־רב ר׳ מתתיה פּרובנסי, וואָס איז געווען ראש־ישיבה אין פּאַריז. לויט קינאָנ׳ס בקשה, האָט ער בעפויהלען ניט צו צווינגען די לאַנגעדאָקער אידען צו געפינען זיך ביים גאָטעסדינסט און ביים פּריידיגט אין די קירכען, בכדי „זיי זאָלען קערפּערליך ניט געניזוקט ווערען״ (פאַר זייערע „נשמות״ האָבען די געצוואונגענע צוהערער, משמעות, קיין מורא ניט געהאַט).

נאָר די „פּריווילעגיעס״, וואָס די אידען האָבען געהאַט, האָבען זיי קיין טובות ניט געבראַכט. הייות ווי זיי האָבען געמוזט צאָהלען דער מלוכה־קאַסע אומגעהייערע אָבצאָהלונגען, שיעור ניט איבער זייערע כחות, דעריבער האָבען די

אידען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט אַנטלייהען געלד, פון זייער זייט שטאַרק געדריקט זייערע בעלי־חובות. ס׳האָבען זיך אויפגעהויבען תרעומות קעגען די וואָכערער – און דער קיניג האָט שוין געהאַט בדעה צו צערייסען זיין אָבמאַך מיט די אידען, נאָר ער האָט זיין פּלאַן ניט אויסגעפיהרט, מחמת ער האָט זיך צופרידען געשטעלט מיט דער סומע פון 20 000 פראַנק, וואָס ער האָט בעקומען פון זיי אַלס איינמאָליגע אָבצאָהלונג.

נאָך קאַרל V־טענס טויט זיינען די אידען ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ קריטישער לאַגע. קאַרל VI־טענס רעגירונג האָט פערלייגערט די צייט פון זייער פּריווילעגען אין לאַנד און האָט בעשטעטיגט זייערע „פּריווילעגיעס" (פערשטייהט זיך, אַז פאַר אַ סך געלד). נאָר דיזעלביגע רעגירונג האָט אַרויסגעבראַכט פון געדולד דאָס פראַנצויזישע פאָלק דורך שווערע אָבצאָהלונגען און דורך דעם ווילדווילען פון די בעאַמטע. אין יאָהר 1380 איז די בעפעלקערונג פון פּאַריז אויפגעשטאַנען און האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלען אָבגעשאַפט ווערען די ספּעציעלע אָבצאָהלונגען און אויך אַז מען זאָל פערטרייבען די אידען. דער פּאַריזער המון האָט צעראַבירט די מלוכה־קאַסע און דערנאָך האָט ער זיך אַלאָז געטאָן אויפ׳ן אידישען קוואַרטאַל, צוגעראַבירט די בעלי־בתּישקייט אין די הייזער, צעריסען די וועקסלען ביי די וואָכערער און צוגענומען די משכּנות, די אידען, וואָס מען האָט געטראָפען, דער׳הרג׳עט און זייערע קינדער אַוועקגעשלעפּט און אָבגע׳שמד׳ט.

אין צוויי יאָהר אַרום, בשעת דער „האַמער־רעוואָלוציע", האָט דער אויפגעשטאַנענער המון אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעדט געשלאָגען בעאַמטע, שטייער־מאָנער און אידען. אַ סך אידען זיינען אַוועק פון פּאַריז; אַנדערע זיינען מרוצה געוואָרען אָנצונעמען דעם קריסטענטום, בכדי צו ראַטעווען זייער לעבען.

זינט יענער צייט האָט די אַגיטאַציע קעגען אידען ניט אויפגעהערט. די גאַנצע אידישע מאַסע האָט בעדאַרפט טראָגען אויף זיך די אחריות פאַר די זינד פון די אידישע וואָכערער. דאָס פאָלק האָט צונויפגעמישט אַזעלכע וואָכערער מיט די קיניגליכע שטייער־מאָנער, וואָרום פאַקטיש האָבען זיי „געאַרבייט" לטובת דער קיניגליכער קאַסע. אַז מען פלעגט אַרעסטירען קריסטליכע בעלי־חובות לויט דער פאָדערונג פון אידישע קרעדיטאָרען, פלעגען זיך אויפהויבען געוואַלדען.

די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָט אויפגערייצט דאָס פאָלק קעגען די „אומגלויביגע" איבער אַזאַ צופאַל. איין רייכער איד, דעניס מאַשאָ, האָט אָנגענומען דעם קריסטענטום, נאָר דערנאָך האָט ער געקראָגען חרטה, און בכדי זיך אומצוקעהרען צוריק צו זיין פריהערדיגער רעליגיע, איז ער נעלם געוואָרען פון פּאַריז, און מען האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען. האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז די אידען האָבען געהאָלפען מאַשאָ צו אַנטלויפען. זיבען בכבוד׳ע מיטגלידער פון דער פּאַריזער קהילה, וואָס זיי האָט מען בעשולדיגט דערין, האָט מען געפייניגט און פער׳משפט צו פערברענען; נאָר

דער פּאַרלאַמענט האָט פֿערגרינגערט דעם דאָזיגען פּסק-דין און האָט בעשטימט צו בעשטראָפֿען די שולדיגע מיט שמיץ אויף דריי פּלעצער פֿון פּאַריז און האַלטען זיי אין תּפיסה, ביז וואַנען דער פֿערברעכער מאַשאָ וועט צוריקקומען (אַפּריל 1394). דער דאָזיגער צופֿאַל האָט פֿערערגערט די לאַגע פֿון די אידען. די ליידענשאַפֿטען האָבען זיך נאָך מעהר פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט.

צולעצט האָט קאַרל דער VI-טער, אונטער'ן איינפֿלוס פֿון דער אידענפֿיינדליכער פּאַרטיי, אַרויסגעגעבען אַ בעפֿעהל צו פֿ ע ר ט ר ײ ב ע ן א י ד ע ן פֿ ו ן פֿ ר אַ נ ק ר ײ ך א ו י ף אַ ל ע מ אָ ל (17 סעפּטעמבער 1394). אין דעם דאָזיגען בעפֿעהל שטייהט געזאָגט, אַז דער קיניג איז געוואָהר געוואָרען פֿון מענשען, וואָס מען מעג זיך פֿערלאָזען אויף זיי, אַז אַ סך בעקלאָגען זיך אויף די אידען, וואָס בעגייהען פֿערברעכענס קעגען דער הייליגער אמונה און נוצען אויס צום שלעכטען די פּריווילעגיעס, וואָס מען האָט זיי געגעבען; בכן האָט ער בעשלאָסען צו פֿערבאָטען זיי אומבעדינגט צו וואוינען ווייטער אין אַלע געגענדען פֿון פֿראַנקרייך, סיי די צפֿונ'דיגע און סיי די דרומ'דיגע. ביז'ן 3-טען נאָוועמבער האָט מען געגעבען די אידען צייט אויף צו פֿערענדיגען זייערע געשעפֿטען, איינצומאָנען די חובות און צו פֿערקויפֿען זייער האָב-און-גוטס.

צום סוף פֿון יאָהר 1394 האָבען אַ סך טויזענדער אידישע משפּחות פֿערלאָזט דאָס לאַנד, וואו די געלדגיריגקייט פֿון די רעגירער, דער פֿאַנאַטיזם פֿון דער גייסטליכקייט און די גראָבע אָבערגלויבענס פֿון דער מאַסע האָבען זיי געבראַכט צו אַ שענדליכער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפֿטליכער קנעכטשאַפֿט, צו דער ביטערער נויטווענדיגקייט צו ציטערן אייביג פֿאַר זייער לעבען. עטליכע שטעדט און בעלי-בתים פֿון מאַיאָנטקעס האָבען געוואָלט לאָזען ביי זיך די אידען, נאָר זיי זיינען געווען געצוואונגען צו טון לויט'ן קיניגס בעפֿעהל. אידען זיינען געבליבען בלויז אין אייניגע געגענדען פֿון דרום-פֿראַנקרייך — אין דאָפֿינע און אין דער האַפֿען-שטאָדט מאַרסעל; זיי האָבען אויך געוואוינט אין די דאָרטיגע פּויפּסטליכע שטעדט אַוויניאָן און קאַרפּענטראַס.

דער גרעסטער טייל פֿון די פֿראַנצויזישע פֿערטריבענע האָבען זיך אַריבערבעקליבען קיין איטאַליען און דייטשלאַנד, און בלויז עטליכע זייבען געקומען קיין שפּאַניען, וואו עס האָבען זיך שוין געהאַט אָנגעהויבען אין יענע יאָהרען שאַרפֿע רדיפֿות קעגען אידען. זינט דעם סוף פֿון XIV יאָהרהונדערט גייהען די אידען פֿון צפֿון-פֿראַנקרייך אַראָב פֿון דער געשיכטליכער סצענע און בעוויזען זיך ווידער דאָרט ערשט אין XVIII יאָהרהונדעדט, קורץ פֿאַר דער גרויסער רעוואָלוציע פֿון יאָהר 1789.

די אידען אין איינגלאַנד ביז'ן גירוש.

§ 120. די געשיכטע פֿון די אידען אין איינגלאַנד אין XIII יאָהרהונדערט שטעלט פֿאָר אין די הויפּט-שטריכען אַ קאָפּיע פֿון זייער געשיכטע אין פֿראַנקרייך. די אידישע מעטראָפּאָליס אויפ'ן קאָנטינענט און איהר קאָלאָניע אויפ'ן

אינזעל האָבען געהאַט איין און דעם זעלביגען מזל; די אונטערשיידען אין טפל־זאַכען זיינען געווען בעדינגט בלויז דורך דער פערשיידענהייט פון דער פּאָליטישער אָרדענונג פון ביידע לענדער.

אין איינגלאַנד האָבען די מלכים נאָך זינט ריטשאַרד I־טענס צייטען אָנגעהויבען צו פערווירקליכען דעם אידעאַל פון דער קירך וועגען דער „אייביגער קנעכטשאַפט" פון אידען, — אַן אידעאַל, וואָס האָט איינגעטראָגען דער מלוכה־קאַסע ניט ווינציג ריוח. אין דער צייט פון יאָהאַן אָהן לאַנד (1199—1216) זיינען די אידען נאָך מעהר אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער ראָל פון קיניגליכע לייב־אייגענע, הויפּישע מעקלערס אין ענינים פון מסחר און געלד־אָפּעראַציעס. דער דאָזיגער געלדגיריגער, געוויסענלאָזער קיניג האָט געקוקט אויף אידען, ווי אויף אַ שוואָם, וואָס מען בעדאַרף זי לאָזען זיך אָנגעמען וואָס מעהר, בכדי מען זאָל דערנאָך קאָנען אויסקוועטשען זי מיט'ן גרעסטען ריוח פאַר זיך. אַלצדינג, וואָס אידען האָבען פערדיענט דורך האַנדעל און באַנק־אָפּעראַציעס, האָט דער קיניג גערעכענט פאַר זיין אייגענס. לכתחילה האָט ער געגעבען אידען פאַר גרויסע סומעס געלד פערשיידענע רעכט און „כאַרטיעס", האָט בעשטימט איין רב ר' יעקב פון לאָנדאָן פאַר אַ רב־הכולל איבער אַלע איינגלישע קהילות, האָט געשראָקען דעם לאָנדאָנער המון מיט האַרבע שטראָפען פאַר אָנפאַלען אויף אידען. אָבער אַז ער האָט דערזעהן, אַז עטליכע האָבען דורך מסחר זיך אָנפערדיענט בעדייטענדע קאַפּיטאַלען, האָט ער אָנגעהויבען אויסצופּרעסען ביי זיי געלד דורך סטראַשונקעס און אַפילו דורך אַריינזעצען אין תפיסה און דורך עינויים.

אין יאָהר 1210 האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די אידען אַן אומגעהייערע קאָנטריבוציע פון 60 000 מאַרק. פונ'ם גביר אברהם פון בריסטאָל האָט מען געפאָדערט 10 000 מאַרק אין זילבער; נאָר היות ווי יענער האָט ניט געקאָנט אָדער ניט געוואָלט געבען אַזוי פיעל געלד, דעריבער האָט דער קיניג געהייסען אַרויסציהען ביי איהם זיבען צייהנער אין משך פון זיבען טעג, איטליכען טאָג איין צאָהן, ביז דער אומגליקליכער גביר האָט בעצאָהלט די סומע, וואָס מען האָט ביי איהם געפאָדערט.

ביי אַזאַ ווילדווילען האָט די אינעווייניגסטע אָרדענונג פון די אידישע קהילות אין איינגלאַנד ניט געקאָנט זיך פערפעסטיגען. די רבנים און געלערנטע פון עטליכע קהילות, וואָס האָבען דאָ ניט געפונען קיין באָדען פאַר זייער טעטיגקייט, האָבען זיך אַריבערגעקליבען קיין ארץ־ישראל אינאיינעם מיט אַ גרופּע פון זייערע פראַנצויזישע חברים פון דער שול פון די בעלי־התוספות (1211).

נאָך דער לאַטעראַנישער קירכען־פערזאַמלונג פון יאָהר 1215 האָט זיך גענומען פאַר אידען אויך די איינגלישע גייסטליכקייט, וואָס בראש פון איהר איז דעמאָלט געשטאַנען דער אַרכיביסקופּ פון קענטערבערי, דער קאַרדינאַל לאַנגטאָן, דער פּויפּסט אינאָקענטיוס III־טענס אַ קרעאַטור. די קירכען־פערזאַמלונג אין אָקספאָרד, וואָס לאַנגטאָן האָט צונויפגערופען (1222), האָט בעשטעטיגט אַלע תקנות פון דער לאַטעראַנישער קירכען־פערזאַמלונג, וואָס זיינען געווען דערנידע־

ריגענד פּאַר אידען, און האָט מוסיף געווען צו זיי ערקלערונגען. דער צייכען אויף די אידענס אויבערשטע בגדים בעדאַרף בעשטייהן פון אַ ווייסען וואָלענעם פּאַס אויפ׳ן ברוסט, פון פיער פינגער די לייננג און צוויי פינגער די ברייט. ס׳איז פערבאָטען געוואָרען צו בויען נייע שולען. ס׳איז בעשטעטיגט געוואָרען דער כלל, אַז עס דאַרף שטריינג אויפגעמאָנט ווערען דער צעהנט-חלק פון די אידענס פערמעגענס לטובת דער קירך. לאַנגטאָן האָט געשראָקען אויסצושליסען פון דער קירכליכער געמיינדע אַלע קריסטען, וואָס ווילען האָבען מגע-ומשא מיט אידען. אין יאָהר 1232 איז געוואָרען געגרינדעט אַ בעזונדער הויז פאַר אידען, וואָס ווילען אָננעמען די קריסטליכע אמונה.

די פעאָדאַלע באַראָנען און שטאָדטישע מאַגיסטראַטען, וואָס האָבען שטענדיג קאָנקורירט מיט׳ן קיניג, פלעגען אָפטמאָלס אויסלאָזען זייער כעס צו אידען, אַלס „די קיניגליכע לייב-אייגענע", וואָס פון זיי האָבען די שטעדט און די באַראָנען ניט בעקומען קיין שום ריוח. פון אַ סך שטעדט זיינען די אידען פערטריבען געוואָרען, לויט דער פאָדערונג פון די מאַגיסטראַטען. און אַן ערך אין דער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט האָט דער ראַיאָן פון זייערע וואוינונגס-ערטער פערנומען 25 שטעדט (לאָנדאָן קעמברידזש, וואָרטשעסטער, לינקאָלן און אַנד.). די באַראָנען, וואָס זיינען געווען שולדיג געלד אידישע פינאַנסיסטען, פלעגען אָפטמאָלס איבערגעוואַלד צערייסען זייערע וועקסלען, וואָס פלעגען ליגען בעהאַלטען אין די קיניגליכע שאַץ-הייזער.

די קיניגליכע רעגירונג אונטער היינריך דעם III-טען (1216 — 1272) האָט אָנגענומען מיטלען אויף צו בעשיצען די אידען קעגען עוולות מצד דער גייסטליכקייט און די שטאַנדישע קאָרפּאָראַציעס. די האַנדעלס-טעטיגקייט און געלד-אָפּעראַציעס פון די אידען אין לאַנד גופא איז געוואָרען אונטערשטיצט, נאָר אַרויסקלייבען זיך פון איינגלאַנד און אַרויספיהרען קאַפּיטאַלען איז פערבאָטען געוואָרען, בכדי די קיניגליכע קאַסע זאָל קיין היזק ניט האָבען. דער רב הכולל אָדער „פּרעסביטער" פון די אידישע קהילות אין איינגלאַנד פלעגט ווערען בעשטעטיגט אויף זיין שטעל דורכ׳ן קיניג. ער האָט בעדאַרפט זאָרגען דער עיקר דערפאַר, עס זאָלען רעגעלמעסיג איינגעמאָנט ווערען די קיניגליכע אָבצאָהלונגען פון די קהילות, און צוליעב דעם האָט מען איהם ערלויבט צו געברויכען אויך צוואַנגס-מיטלען. די געמיינדע-אָרגאַניזאַציע פון די אידען איז געווען לעגאַליזירט: איבער די ענינים פון דער קהילה האָבען פערוואַלטעט פרנסים און גבאים, און אַ קאָלעגיע פון דריי דיינים פלעגט פונאַנדערקלייבען פּראָצעסען.

וואָס מעהר עס זיינען געוואַקסען די הצטרכות׳ען פון דער קיניגליכער קאַסע, זיינען אויך געוואַקסען אָהן אַ שיעור די אָבצאָהלונגען פון די אידישע קהילות. היינריך III האָט איין מאָל צונויפגערופען אין וואָרטשעסטער אַ אידישען פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט, אין וועלכען ס׳האָבען גענומען אַן אָנטייל העכער הונדערט דעפּוטאַטען, צו עטליכע פון איטליכער קהילה. דעם פּאַרלאַמענט איז בעפויהלען געוואָרען אַרויסצוגעפינען מיטלען אויף איינצומאָנען פון אידען אַן אויסערגעוויהנליכע אָבצאָהלונג לטובת דער מלוכה-קאַסע. די דעפּוטאַטען זיינען געווען

געצוואונגען צו בעשטימען ספעציעלע גובה'ס, וואס האבען זיך מתחייב געווען אונטער די הארבסטע שטראפען צוגויפקלייבען די געפאדערטע סומע. טיילמאלס פלעגט דער קיניג בעמען הלואות ביי איטאליענישע פינאנסיסטען אדער „פויפסט-ליכע וואכערער", און אלס גאראנטיע דערפאר פלעגט ער בעשטימען די הכנסות פון אידען. אין 1255 האט הייגריך III פערקויפט זיין ברודער ריטשארד „דאס אידישע פאלק" אויף איין יאהר, ד. ה. ער האט איהם אבגעטראטען די יאהריגע הכנסה פון אידען.

בדלות-געשטעלט דורך דער דאזיגער אפיציעלער גזלה, האבען די אידען צווי מאל געבעטען דעם קיניג דורכ'ן רב-הכולל, ער זאל זיי ערלויבען זיך ארויסצוקלייבען פון איינגלאנד; נאר אזא ערלויבעניש האט מען זיי ניט געגע-בען, ווארום דער קיניג האט זיך ניט געוואלט שיידען מיט זיינע האנדעלס-לייב-אייגענע, וואס האבען איהם איינגעבראכט אזא הכנסה.

אבנעמענדיג ביי די אידען א בעדייטענדען טייל פון זייער אייגענס, אלס געצאהלט פאר די האנדעלס-רעכט, וואס ער האט זיי געגעבען, האט דער קיניג אבער ניט געקאנט אין דערזעלביגער צייט בעשיצען די אומבעריהליכקייט פון די דאזיגע רעכט, וואס זיינען געקויפט געווארען פאר אזא טייערן פרייז. בשעת אין איינגלאנד האבען זיך פערשפרייט אבערגלויבישע קלאנגען וועגען דעם, אז אידען האבען געטויט קריסטליכע קינדער, האבען די דאמיניקאנער און דער קירכליכער טריבונאל געטאן מיט די כלומר'שטע פערברעכער, לויט ווי זיי האט זיך געוואלט. אין לינקאלן האט מען אין א ברונים פון א אידישען הויף געפונען א טויטען קערפער פון א קריסטליכען אינגעל. ביי דער געלעגענהייט האט מען ארעסטירט 92 אידען און אוועקגעשיקט זיי קיין לאנדאן, אינ'ם טורעם פון טאוער, און 18 פון זיי זיינען פער'משפט געווארען צום טויט (1255).

אינ'ם קאמף פון די פארטייען און שטאנדען האבען אידען אפטמאלס געשפיעלט די ראל פון א שעיר לעזאזל. בשעת'ן אויפשטאנד פון די באראנען קעגען הייגריך III, זיינען צעשטערט געווארען די אידישע קווארטאלען אין לאנדאן, לינקאלן, קעמברידזש, ווארטשעסטער און עס זיינען אוועקגערויבט גע-ווארען פון די שאץ-הייזער די וועקסלען פון די באראנען, וואס זיינען געווארען ארויסגעגעבען דעם קיניג און אידישע באנקירען (1262 — 1265). אין לאנדאן איז א המון פון שטאדטישע איינוואוינער אנגעפאלען אויף אידען און האט אויסגע'הרג'עט העכער 700 מענשען. די איבעריגע זיינען ניצול געווארען דורכ'ן דעם, וואס זיי האבען זיך איינגעשלאסען אין טאוער.

אז עדווארד I איז ארויף אויפ'ן טרון (1272), איז די לאגע ניט אומגע-ביטען געווארען. נאך בשעת עדווארד איז געווען פרינץ-רעגענט, האט ער, אונ-טער דער השפעה פון די ביסקופען און פראנציסקאנער, אבגעווארפען די השתדלות פון אידען, מען זאל זיי ערלויבען צו ארענדירען ערד. אין יאהר 1275 האט דער קיניג בעשטעטיגט דעם „סטאטוט וועגען אידען", וואס דער פארלאמענט האט אויסגעארבייט. דער סטאטוט האט בעשטעטיגט אלע קירכליכע רעפרעסיעס, דעריין איינגעשלאסען אויך דעם „אידען-צייכען". דאס נייע אי...

דאָזיגען אַקט איז בעשטאַנען בלויז דעריין, וואָס ער האָט לחלוטין פערבאָטען אידען צו אנטלייהען געלד אויף פראָצענט, נאָר ער האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו פערנעמען זיך מיט האַנדעל און מלאכות און אויך צו נעמען אין אַרענדע פעלדער נים מעהר ווי אויף צעהן יאָהר צייט.

דאָס דאָזיגע רעכט וואָלט געווען אַן אמת'ע טובה פאַר אידען, אויב עס וואָלט נים געמוזט בליי די דעמאָלטיגע תנאים בלייבען בלויז אויף פאַפיר. די מעשה דערפון איז דאָס, וואָס אין איינגלאַנד זיינען די מלאכות און דער האַנדעל געוואָרען איינרעגולירט דורך די צעכען פון די בעלי-מלאכות און דורך די סוחרישע גילדעס — וואָס זיינען געווען געשלאָסענע קריסטליכע קאָרפּאָראַציעס, וואָס האָבען קיין אידען נים צוגענומען; ווייטער אַרענדירען ערד איז געווען אוממעגליך, ווי באַלד עס זיינען נים געווען קיין גאַראַנטיעס קעגען ווילדווילען, אין דער פאָרם פון קאָנפיסקאַציעס אָדער גירושים. אויף אַזאַ אופן איז דער „סטאַטוט וועגען אידען" געווען מעהר נים אַ חוזק פון דער אידישער רעכטלויזיגקייט.

אין עטליכע יאָהר אַרום האָט אַפילו דער קיניג ערלויבט די אידען זיך צו פערנעמען מיט הלואה-אָפּעראַציעס, נאָר אונטער אַזעלכע שווערע תנאים, אַז די דאָזיגע פרנסה האָט געקאָנט ברייינגען מעהר ריוח דער קיניגליכער קאַסע, איידער די מלוה'ס. די אידישע בעפעלקערונג איז געבראַכט געוואָרען ביז צו דער אויסערסטער עקאָנאָמישער ירידה, און אין דערזעלביגער צייט האָט מען געמאָנט פון זיי גרויסע קאָפּ-שטייערס און אַנדערע אָבצאָהלונגען. ריכטיג האָט האָט בעמערקט איין איינגלישער שריפטשטעלער, אַז אידען האָבען אין איינגלאַנד געהאַט אויסצושטייהן פונקט אַזעלכע אונטערדריקונגען, ווי זייערע עלטער-זיי-דעס אין מצרים, מיט דעם חילוק מעהר נים, וואָס אָנשטאָט ציגעל האָט מען פון זיי געפאָדערט שטיקער גאָלד. דערצו בעדאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אַז די איינגלישע אידען האָבען געהאַט אַ יסוד זיך צו בעקלאָגען, אַז „שטרוי גיט מען זיי נים, און ציגעל הייסט מען מאַכען".

אַ סך פון זיי האָט די נויט געבראַכט צו בעגייהן מעשים קעגען דעם געזעץ און צו פערנעמען זיך מיט דער פינסטערער פרנסה פון „אַרומשניידען מטבעות", וואָס איז געווען פערשפּרייט אין מיטעלאַלטער. אין יאָהר 1278 האָט מען אַרעסטירט אַ סך אידען לויט דער בעשולדיגונג אין פערדארבען מטבעות; אין לאָנדאָן האָט מען בעשטראָפט מיט טויט ביז דריי הונדערט מאַן. הגם צו דעם דאָזיגען פערברעכען האָבען געהאַט אַ שייכות אויך אַ סך קריסטען, פונדעסט-וועגען האָט מען אויסגעלאָזט דעם גאַנצען כעס צו אידען — און אַלע זיינען זיי בעשטראָפט געוואָרען פאַר די זינד פון איין גרופּע פון זייערע פאָלקסברידער.

דעם לעצטען קלאַפּ האָט געגעבען דעם אידישען קיבוץ אין איינגלאַנד די קריגערישע קירך. די פאַנאַטישע דאָמיניקאַנער האָט זיך איינגעגעבען אַריבער-צוציהען אויף זייער צד דעם קיניגס פרומע מוטער עלעאָנאָרע, און דורך איהר האָבען זיי געקאָנט ווירקען אויף עדוואַרד'ן.

די כראָניקעס ברייינגען אַ מטושטש'ע ידיעה, וועגען איין צופאַל, וואָס

האָט געבראַכט אַן אומגליק אויף די איינגלישע אידען. איין דאָמיניקאַנישער מאָנאַך רעדינג, אַ געלערנטער דרשן און אַ קענער פון דער ביבלישער שפּראַך, האָט זיך פערטיפט אין שטודיום פון דער אידישער טעאָלאָגיע און האָט בעקומען אַ שטאַרקען חשק צו אידישקייט. ער האָט זיך מגייר געווען, האָט אָנגענומען דעם נאָמען חגי און האָט חתונה געהאַט מיט אַ אידישער פרוי (1275). די דאָמיניקאַנער האָבען דערין איינגעזעהן אַ שווערע בעליידיגונג פאַר זייער גאַנצען אָרדען און האָבען אויפגעהויבען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגען אידען, וואָס האָבען „אַראָבגעפיהרט פון וועג" אַ קריסט. זיי האָבען אונטערגעהעצט די קיניגין-מוטער עלעאָנאָרע, זי זאָל פערטרייבען די אידען פון דער שטאָדט קעמברידזש, וואָס האָט געהערט צו איהר, און זי האָט דאָס טאַקע געטאָן.

אין יאָהר 1279 האָט מען פונאַנדערגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז די אידען אין נאָרטהאַמפּטאָן האָבען געקרייציגט אַ קריסטליך קינד. די כלומר'שטע שולדיגע האָט מען געבראַכט צו פיהרען קיין לאָנדאָן און געשלעפּט זיי איבער די גאַסען, צוגעבונדענע צו עקען פון פערד, און דערנאָך האָט מען זיי אויפגעהאַנגען. דעם קיניג האָט מען גע'מסר'ט, אַז אידען פעראומרייניגען קרייצען, לעסטערן קריסטוס'ן און גאָטס מוטער — און עדוואַרד האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו בעשטראָפען די לעסטערער מיט טויט, נאָר דערביי האָט ער אויסגערעדט אַ תנאי, אַז אומבעגרינדעטע מסירות זאָלען פריהער ווערען קאָנטראָלירט דורך זיכערע מענשען.

לויט דער השתדלות פון דער גייסטליכקייט, האָט דער קיניג ערלויבט די דאָמיניקאַנער צו פריידיגען פאַר אידען די קריסטליכע אמונה און האָט געהייסען אויפפּאַסען, אַז אידען זאָלען קומען צו די דאָזיגע דרשות און האַלטען זיך דערביי שטיל און רוהיג, ניט ריידען אַנטקעגען און ניט לעסטערן (1282). אַ טעאָלאָג-סכאָלאַסטיקער פון יענער צייט, דער בעריהמטער פראַנציסקאַנער דונס סקאָטוס, האָט רעקאָמענדירט דעם קיניג אָבצונעמען ביי אידען די קליינע קינדער און ערציהען זיי אין קריסטליכען גלויבען, און אויך צו ווירקען אויף די עלטערן גופא דורך גוטע רייד און אפילו סטראַשונקעס, זיי זאָלען זיך לאָזען שמד'ען. אין דערזעלביגער צייט האָט דער אַרכיביסקופּ פון קענטערבערי געהייסען פערמאַכען אַלע שולען אין זיין עפּאַרכיע (דער לאָנדאָנער). דער פּויפּסט האָנאָריוס דער IV-טער, זיך סומך זייענדיג אויף די בקשות פון דער איינגלישער גייסטליכקייט, האָט איהם בעפויהלען צו פערזאָגען שטרענג, אַז קריסטען זאָלען ניט האָבען קיין שום מגע ומשא מיט די „פאַלשע" אידען, וואָס לערנען דעם „תלמוד און זיינע נבלות" און פיהרען אַראָב די געטרייע זיהן פון דער קירך אין זייער גלויבען (1286). דעם דאָזיגען בעפעהל האָט מען געהאַלטען מיט דער גאַנצער פּינקטליכקייט.

ביי אַזאַ מעמד איז פאַר אידען געוואָרען אוממעגליך לייגער צו פערבלייבען אין איינגלאַנד — און דעם קיניג איז נאָר איבעריג געבליבען זיי אַרויסצולאָזען פון לאַנד, ווי זיי האָבען שוין פיעל מאָל געבעטען. אין יולי פון יאָהר 1290 האָט עדוואַרד, ניט אָנגעפרעגט ביים פּאַרלאַמענט, אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל וועגען

פערטרייבען אַלע אידען פון איינגלאַנד. די עמיגראַנטען האָט מען געגעבען צייט ביז צום 1 נאָוועמבער, דעם יום-טוב „פון אַלע הייליגע״, בכדי זיי זאָלען ליקווידירען אַלע זייערע געשעפטען; מען האָט זיי ערלויבט צו פערקויפען אָדער נעמען מיט זיך זייער בעוועגליכען אייגענס; אָבער די הייזער האָט צוגענומען די מלוכה, און בלויז עטליכע האָט מען ערלויבט צו פערקויפען זייערע הייזער. טויט-שטראָף איז געווען בעשטימט פאַר דעם אידען, וועלכער עס וועט בלייבען אויף דער איינגלישער טעריטאָריע לייגער פון דעם געגעבענעם טערמין.

נאָר די אידען, וואָס זיינען געווען אויסגעמאַטערט דורך די רדיפות, האָבען ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטען. נאָך איידער עס איז אָנגעקומען דער טערמין (אָקטאָבער 1290), האָבען 16 000 איינגלישע אידען זיך געזעצט אויף שיפען און האָבען אויף אַלע מאָל פערלאָזען זייער אכזריות׳דיגע היים. אונטערוועגס האָבען די קאַפּיטאַנען פון די שיפען בערויבט די עמיגראַנטען; אַ סך פון זיי זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים. די פערטריבענע זיינען אַריבערגעפאָהרען דער עיקר קיין פראַנקרייך; אַ טייל פון זיי האָבען זיך בעזעצט אין פלאַנדערן, אַ סך האָבען זיך בעזעצט אין פאַריז און אין אַנדערע שטעדט פון צפון-פראַנקרייך. נאָר אין 16 יאָהר אַרום האָבען זיי ווידער אַמאָל זיך געמוזט נעמען פאַר׳ן וואַנדער-שטעקען, אינאיינעם מיט די איינגעבאָרענע אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון פראַנקרייך אין יאָהר 1306 דורך פיליפּ דעם שיינעם. שפּעטער האָבען זיי אויסגעטרונקען דעם בעכער מיט צרות ביז׳ן סוף, איבערגעליטען אַלע די פורעניות, וואָס זיינען אויסגעפאַלען אויפ׳ן חלק פון די פראַנצויזישע אידען ביז׳ן יאָהר 1394.

אַזוי האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט די מעשה מיט יציאת מצרים אין צוויי לענדער פון אייראָפּע, אין XIII און XIV יאָהרהונדערט. די פרעה׳ס פון דער קירך און פון דער וועלטליכער מאַכט האָבען דורך זייער בשותפות׳דיגער אַרבייט געשאַפען פאַר די אידען אַ נייעם שעבוד-מצרים, אין דער פאָרם פון אַ האַנדעלס-לייב-אייגענטום און בירגערליכער רעכטלויזיגקייט, — און פאַר די אומגליקליכע איז נאָך אַ לאַנגען, פרוכטלויזען קאַמף געבליבען נאָר איין אויסוועג: אַרויסצוגייהן פון לאַנד. נאָר דאָס איז ניט געווען קיין אַרויסגאַנג אין דעם געבענשטען לאַנד פון פרייהייט, נאָר אין דעם אייגענעם פינסטערן מיטעלאַלטערליכען מדבר, וואו עס האָבען זיך געפונען זייהר זעלטען אַזעלכע ערטער, וואו דאָס געפּייניגטע וואַנדער-פאָלק זאָל קאָנען דאָרט גענייסען אַ ביסעל רוה.

צווייטער קפיטעל.

דאס בירגערליכע לעבען פון די אידען אין שפאניען,
(ביז צום יאָהר 1391).

קאסטיליען: דאָס געזעץ און דאָס לעבען, אלפאָנזא דער קלוגער. — אראגאָניען: יאקאָב און זיינע יורשים. — דער ויכוח און בארצעלאָנא. — קאסטיליען: אידען — הויפסלייט און די אידענפיינדליכע אגיטאציע אין דער צייט פון אלפאָנזא XI. — די אידען אין דינאסטישען קאמף אין קאסטיליען. — די ערפאלגען פון דער קלעריקאלער רעאקציע.

קאָסטיליען: דער געזעץ און דאָס לעבען, אַלפאָנזאָ דער קלוגער.

§ 121. מחמת דעם פּראָגרעסיווען וואוקס פון די קריסטליכע מלוכות פון שפאַניען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אין XII יאָהרהונדערט, איז די אַראַבישע ממשלה אויף דער שפאַנישער טעריטאָריע שטאַרק פערקלענערט געוואָרען. דער רעזשים פון די אַלמאָהאַדען, די פאַנאַטיקער פונ׳ם איסלאַם, האָט צעשטערט אַלץ דאָס גוטס, וואָס דערויף האָט זיך פריהער געהאַלטען די אַראַבישע קולטור אויפ׳ן פּירענייאישען האַלב-אינזעל, דורכדעם וואָס ער האָט אַרויסגערופען אַן אומצופרידענקייט אין פערשיידענע טיילען פון דער בעפעלקערונג — בעזונדערס ביי די אידען. דער דאָזיגער פאַנאַטיזם האָט געפיהרט די מלוכה צום אונטערגאַנג. די צעבּרעקעלטע און אָבגעשוואַכטע אַראַבישע שפאַניען (די דרום׳דיגע) האָט ניט געקאָנט ביישטייהן קעגען דעם פעראייניגטען דראַנג פון די קריסטליכע מלוכות פון צפון קאַסטיליען, אַראַגאָניען, לעאָן, נאַווארא.

אין יאָהר 1211 האָבען די אַפריקאַנישע אַלמאָהאַדען געשיקט צו הילף די שפאַנישע אַן אומגעהייער גרויסען חייל, בכדי אַרויסצוטרעטען אין מלחמה קעגען די קריסטען. האָבען די קאַסטיליער זיך געווענדט צום פּויפּסט אינאָקענטיוס III און געבעטען איהם, ער זאָל שיקען אָבטיילונגען פון קרייץ-פאָהרער צוליעב אַ הייליגען קריג קעגען די מוסעלמאַנער. זיינען געקומען קרייץ-פאָהרער פון דער שכנישער דרום-פראַנקרייך, און צווישען זיי — די אָבטיילונג פונ׳ם מאַנאַך אַרנאָלד, וואָס האָט מיט אַזאַ אַכזריות פערטיליגט די אַלביגאָנעזער און אַגב-אורחא גע׳רודפ׳ט די אידען אין דער פּראָוואַנס (§ 116).

די פאַנאַטיקער פון דער קירך, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטען קעגען די פאַנאַטיקער פונ׳ם איסלאַם, האָבען ניט געקאָנט קוקען גלייכגילטיג אויפ׳ן וואוילשטאַנד און אויף דער הויכער קולטור פון די אידען אין קאַסטיליען — און האָבען בעשלאָסען מאַכען אַ גרויסען פאָגראָם אַלס אַ סימן, אַז זיי האָבען דאָ פערבראַכט. אַרנאָלד׳ס באַנדע איז פלוצלונג אָנגעפאַלען אויף די אידען פון דער שטאָדט טאָלעדאָ און האָט שוין אָנגעהויבען צו ראַבירען און טויטען, נאָר פאַר די אידען האָבען זיך אַיינגעשטעלט די שטאָדט-פערוואַלטונג און די אָרטיגע פריצים און האָבען אָבגעשטעלט די מערדערייען פון די קרייץ-פאָהרער (1212).

בכלל האָבען נאָך די קאַסטיליער ייט געהאַט איבערגענומען די קאַמפּס-פּראָגראַם פון די קירכליכע פאַנאַטיקער, וואָס אינאָקענטיוס דער III-טער האָט פּראָקלאַמירט, און האָבען זיך פערהאַלטען טאָלעראַנט צו אידען. אָט פאַרוואָס די נצחונות פון די קאַסטילישע קריסטען איבער די אַלמאָהאַדען האָבען אַרויסגערופען אַ פרייד ביי די אידען און האָבען זיי בעוואויגען אין פערשיידענע ערטער צו אונטערשטיצען די זיגער. אַ גאַנצע רייה פון זיגרייכע שלאַכטען (1230 — 1248) האָבען איבערגעגעבען אין די הענד פון פערדינאַנד דעם הייליגען, דעם קיניג פון קאַסטיליען, אַ גרויסען טייל פון אַנדאַלוזיען מיט קאָרדאָוואַ און סעווילִיא — די אַלטע צענטרען פון דער אידישער קולטור. די אַראַבער אָדער „מוירען" זיינען אָבגעשטופּט געוואָרען צוריק ביז צום דרום-דיגען גרעניץ-לאַנד פון פירענייאישען האַלב-אינזעל, אין דער געגענד פון גרענאַדאַ, וואו זיי האָבען נאָך אַיינגעהיט אַ שאָטען פון אונאָבהייגיגקייט.

בשעת עס איז אַיינגענומען געוואָרען סעווילִיאַ, האָבען די אידען אַרויסגעוויזען זייער מיטגעפיהל דעם קריסטליכען חייל, וואָס האָט זיי אויסגעלייזט פונ׳ם יאָך פון די אַלמאָהאַדען; זיי האָבען בעקומען פון די זיגער אַ גרויסען קוואַרטאַל אין שטאָדט אויף צו וואוינען דאָרט און דריי מעטשעטען, וואָס מען האָט זיי געמאַכט פאַר שולען.

די פערפעסטיגונג פון דער קריסטליכער ממשלה אין שפּאַניען האָט גורם געווען, אַז דאָס דאָזיגע לאַנד האָט זיך אייגנער פערבונדען אין קולטורעלען זין מיט דער איבעריגער אייראָפּע, וואו עס האָט דעמאָלט געהערשט די קאָסמאָפּאָליטישע געזעצגעבונג פון די רוימישע פּויפּסטען און פון די קירכען-פערזאַמלונגען. אין קאַסטיליען האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ שטרעמונג אַיינצופיהרען אין לעבען די דאָזיגע אַלגעמיינע קאַנאָנישע געזעצען, אָנשטאָט דעם פּאָלקסטימליכען געוויהנהייטס-רעכט פון די פערשיידענע געגענדען, לויט וועלכע די רעגירונג האָט זיך פריהער געפיהרט (§ 86).

פאַר דער צייט פונ׳ם קיניג פערדינאַנד דעם הייליגען איז צוגעגרייט געוואָרען, און אונטער דער רעגירונג פון אַלפאָנזאָ דעם X-טען דעם קלוגען (1152 — 1282) איז געוואָרען פערענדיגט און פערעפענטליכט אויף קאַסטיליש אַ זאַמעלבוך פון געזעצען מיט אַ בעזונדער אָבטיילונג „וועגען אידען", וואו עס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרען די דערנידעריגענדסטע בעגרעניצונגען. אַיינגעשטעלטע דורך די אַלטע און נייע קירכליכע קאַנאָנס. „הגם די אידען פערוואַרפען

קריסטוט'ן — שטייהט דאָ געזאָגט — כּונדעסטוועגען בעדאַרף מען זיי לאָזען וואוינען אין אַ קריסטליכער מלוכה, בכדי אַלע זאָלען געדיינקען, אַז זיי שטאַמען אַרויס פון אַ פאָלק, וואָס האָט געקרייציגט קריסטוט'ן. היות ווי מען איז זיי בלויז סובל, בכן בעדאַרפען זיי זיך פיהרען שטיל, ניט פריידיגען אָפען זייער רעליגיע און בשום אופן ניט פּרובען וועמען עס איז בעקעהרען צו אידישקייט". דער געזעץ האָט פערבאָטען די אידען צו פערנעמען בכבוד'ע שטעלעס אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט, בויען נייע שולען, האַלטען ביי זיך קריסטליכע דיענער, עסען אינאיינעם מיט קריסטען, באָדען זיך אינאיינעם מיט זיי אין אַ באָד און היילען זיי. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אַ חוב אויף אידישע מאַנסבילען און פרויען צו טראָגען אַ בעזונדער צייכען אויף זייערע היט; פאַר די, וואָס וועלען דאָס ניט אָבהיטען, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ קנס פון צעהן מאַראַוועדיס, און אויב דער שולדיגער האָט ניט קיין געלד — לייב-שטראָף (צעהן שמיץ מיט אַ רצועה).

ס'האָט געקאָנט אויסדוכטען, אַז ביי אַזאַ אייגענאַרטיגער קאָנסטיטוציע איז ניט מעגליך קיין שום בירגערליכעס לעבען ביי די אידען אין קאַסטיליען; נאָר אין דער אמת'ען איז געווען ניט אַזוי. דער געזעץ און דאָס לעבען האָבען ניט געשטימט מיט אַנאַנד. אין אונזערע צייטען האָבען די אידען אין עטליכע לענדער פון מערב-אייראָפּע גלייכבערעכטיגונג אויף פּאַפּיר, אין דער געשריבענער קאָנסטיטוציע, אָבער זיי האָבען עס ניט אין לעבען. אין קאַסטיליען אין XIII יאָהרהונדערט איז געווען צו בעמערקען אַ פערקעהרטע ערשיינונג: די אידען זיינען געווען רעכטלויזיג לויט דער קאָנסטיטוציע, אָבער פּאַקטיש האָבען זיי געהאַט בעדייטענדע בירגערליכע רעכט. דאָס לאָזט זיך דערקלערען פון איין זייט דערמיט, וואָס די אָפיציעלע געזעצען, ווי ווייט זיי זיינען ניט געווען איינשטימיג מיט'ן געוויינהייטס-רעכט פון לאַנד, זיינען געבליבען מעהר ניט ווי אויפ'ן פּאַפּיר, און בנוגע צו זייערע אידישע מיטבירגער האָבען די קאַסטיליער נאָך ניט בעוויזען צו ווערען דורכגעדרונגען מיט יענעם גייסט פון קירליכער אומטאָלעראַנץ, וואָס ער האָט דאָס אַרויסגערופען די דערמאָנטע געזעצען (שפּעטער, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך גוט אויסגעלערנט אינ'ם חדר ביי די דאָמיניקאַנער, האָבען זיי אַריינגעכאַפּט דאָס, וואָס זיי האָבען פריהער דורכגעלאָזען). פון דער אַנדער זייט זיינען די שפּאַנישע אידען געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער מדרגה פון קולטור, אַז זיי האָבען אַליין געקאָנט קעמפען פאַר זייערע רעכט און מענשען-ווערדע קעגען דער פינסטערער רעאַקציאָנערער פּאַרטיי, וואָס האָט געשטרעבט צו מאַכען זיי פאַר פּאַריער.

אינ'ם דאָזיגען קאַמף האָבען געהאָלפען זייערע פאָלקסבריידער די בעסטע צווישען די אידישע טוער, וואָס האָבען געהאַט אַן איינפלוס ביים הויף און אין די רעגירונגס-ספערען. די קאַסטילישע מלכים פון XIII יאָהרהונדערט האָבען, פּונקט אַזוי ווי די פריהערדיגע מלכים (§ 86–87), אויסגענוצט אין זייער דיענסט געבילדעטע אידען. דיזעלביגע מלכים, וואָס האָבען אַריינגעשטעלט אין זייערע געזעץ-ביכער דעם קאַנאָנישען פערבאָט, אַז אידען טאָר'ען ניט פערנעמען קיין

רעגירונגס-שטעלעס, היילען קריסטען און לערנען מיט זיי, — האָבען געהאַט אין זייערע הויפען אידען אַלס אַדמיניסטראַטאָרען, דאָקטוירים און געלערנטע. נאָך אין דער צייט פון פערדינאַנד דעם הייליגען האָט אַ איד פערנומען די שטעל פון אַן „אַלמאָשאַריף", ד. ה. הויפט-חוכר פון די שטייערן און פערוואַלטער איבער די קיניגליכע פינאַנסען. דאָס איז געווען דאָן מאיר-דע-מאַלעאַ, אַ וועלטליך געבילדעטער מענש און אַ למדן. אונטער אַלפאָנזאָ דעם קלוגען האָט די דאָזיגע שטעל פערנומען זיין זוהן דאָן-צאַג (יצחק). דער דאָקטאָר און אַסטראָנאָם ר' יהודה כהן איז געווען אַלפאָנזאָ'ס לייב-דאָקטאָר.

היות ווי דער דאָזיגער קיניג איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע, האָט ער איינגעלאַדען צו זיין הויף אַסטראָנאָמען און שטערנזעהערס פון פערשיידענע פעלקער. דעם ערשטען אָרט צווישען זיי האָט פערנומען דער טאָלעדער איד צאַג אבן-סעיד, וואָס האָט לויט דעם קיניגס בעפעהל צונויפגעשטעלט די בעריהמטע אַסטראָנאָמישע טאַבעלעס, וואָס זיינען אָנגערופען געוואָרען „אַלפאָנזאָ'ס טאַבעלעס". די דאָזיגע טאַבעלעס האָבען געדיענט אַלס הילפס-מיטעל פאַר די ספעציאַליסטען די גאַנצע צייט, ביז וואַנען עס זיינען געמאַכט געוואָרען די וויסענשאַפטליכע ענדעקונגען פון דער נייער צייט.

דער פויפסט ניקאָלויס III האָט געטאַדעלט אַלפאָנזאָ'ן אין זיינעם אַ בריעף דערפאַר, וואָס ער היט ניט אָב די סטאַטוטען פון די קירכען-פערזאַמלונגען, און האָט געשראָקען קאַסטיליען מיט אַלע מיני פורעניות דערפאַר, וואָס „ער גיט אידען די הערשאַפט איבער קריסטען"; נאָר אַלע די דאָזיגע רייד האָבען קיין פעולה ניט געהאַט: די קאַסטילישע רעגירער האָבען ווייטער בענוצט אין זייער דיענסט אידישע פאָליטישע טוער און מענשען פון פרייע פראָפעסיעס.

איבעריגענס האָט דער אויבען דערמאָנטער פינאַנץ-מיניסטער דאָן-צאַג-דע-מאַלעאַ טרויעריג געענדיגט זיין קאַריער. אַלפאָנזאָ דעם קלוגענס זוהן, דער אינפאַנט דאָן סאַנכאָ, וואָס איז געשטאַנען בראש פון אַ פאַרטיי, וואָס איז געווען פיינדליך דעם פאָטער, האָט איין מאָל אַרויסגענאַרט ביי דאָן-צאַג אַ בעדייטענדע סומע געלד פון דער קיניגליכער קאַסע. איז דער קיניג אין כעס געוואָרען דעריבער און האָט געהייסען שמידען צאַג'ן אין קייטען און פיהרען איהם איבער די גאַסען פון סעווילִיאַ, וואו עס האָט זיך געפונען דער אינפאַנט, און דערנאָך איהם טויטען (1280). ניט צופרידען דערמיט, האָט דער קיניג פאַר'ן פערזעהען פונ'ם אידישען מיניסטער אַרויפגעלייגט אויף אַלאַ קאַסטילישע אידען אַ קנס פון 12 000 גאָלד-מאַראַוועדיס, בכדי צו דעקען די סומע, וואָס פעהלט אין דער קאַסע. דער אינפאַנט סאַנכאָ איז געווען אַזוי אויפגערעגט איבער דער דאָזיגער אַכזריות, אַז ער האָט אָפען מורד געווען קעגען פאָטער און האָט אַריבערגעצויגען אויף זיין צד אַ בעדייטענדען טייל פון דער אַריסטאָקראַטיע און פון פאָלק.

אין עטליכע יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען קיניג, האָט סאַנכאָ דער IV-טער צונויפגערופען אין דער שטאָדט הועטע דעפוטאַטען פון

די אידישע קהילות פון אַלט- און ניי-קאַסטיליען, לעאָן, מורסיא און אַנדאַלוזיען און האָט זיי געהייסען פונאַנדערטיילען צווישען די קהילות די קאָפּ-שטייערן, וואָס האָבען בעדאַרפט איינקומען אין דער קיניגליכער קאַסע (1290). פון דער רשימה פון די שטייערן איז צו זעהן, אַז אין יענער צייט איז די צאָהל אידען אין קאַסטיליען דערגאַנגען ביז 850 000 נפשות, וואָס האָבען געצאָהלט אין דער מלוכה-קאַסע אַלע יאָהר ביז דריי מיליאָן מאַראַוועדיס (אַן ערך 750 000 רובעל).

אינגאַנצען זיינען געווען אידישע קהילות אויף דער קאַסטילישער טערי-טאָריע העכער אַכציג. די הויפּטליכע קהילות האָבען זיך געפונען אין דער הויפּטשטאָדט טאָלעדאָ (72 000 אין שטאָדט און איהר ראַיאָן), אין בורגאָס (29 000), קאַריאָן (24 000), וואַלאַדאָליד, אַווילאַ; אין מאַדריד, וואָס איז דעמאָלט געווען נאָך אַ קליינע שטאָדט, האָבען געוואוינט דעמאָלט העכער 3 000 אידען. די דאָזיגע בעפעלקערונג, וואָס איז געווען צום גרעסטען טייל אַ קולטיווירטע און אינדוסטריעלע, האָט געבילדעט אַ גרויסע קראַפט, וואָס די מלוכה האָט געמוזט זיך רעכענען מיט איהר.

די קאַסטילישע פּריצים, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר דער מאַכט פון די אידען, האָבען אָפטמאָלס געמיהט זיך צו בעגרעניצען זייערע רעכט. לויט דער פאָדערונג פונ'ם שטאַנדען-סיים (די קאָרטעסען) אין וואַלאַדאָליד (1293), האָט דער קיניג סאַנכאָ געמוזט פערבאָטען די אידען צו קויפען ווייטער ערד ביי קריסטען און אויך אָבנעמען ביי די אידישע קהילות פון דער געגענד לעאָן דאָס רעכט צו האָבען זייערע אייגענע דיינים אָדער „אַלקאַדען". נאָר די דאָזיגע בעגרעניצונגען זיינען אָבגעהיט געוואָרען ניט לאַנג, וואָרום די אידען זיינען געווען גענוג שטאַרק אויף צו פערטיידיגען סיי זייערע בירגערליכע רעכט און סיי די אווטאָנאָמיע פון זייערע קהילות.

אַראַגאָניען: יאַקאָב דער I-טער און זיינע יורשים; דער ויכוח אין באַרצעלאָנא.

§ 122. דאָס צווייטע שפּאַנישע קיניגרייך נאָך קאַסטיליען, אַראַגאָניען, האָט זיך שוין געפונען דעמאָלט אונטער דער השפעה פונ'ם פּויפּסטום און פון די מאָנאַכען-אָרדענס און האָט זיך דערנעהענטערט מעהר צום טיפּ פון פראַנקרייך, איהר שכנ'טע. דאָ איז אַלס יסוד פון דער קאָנסטיטוציע פעסטגעשטעלט געווען דער מיטעלאַלטערליכער כלל, אַז אידען געפינען זיך אונטער אַ ספּעציעלער קיניגליכער השגחה. דער קיניג פון אַראַגאָניען יאַקאָב דער I-טער (כיימע), וואָס האָט רעגירט זייער לאַנג (1213 — 1276), האָט פערעפענטליכט אַזאַ מין גרונד-געזעץ: „אַלע אידען און סאַראַצינער (מוירען), וואָס וואוינען אין אונזערע לענדער, געהערען דעם קיניג און שטייהען איינאיינעם מיט זייער אייגענס אונטער אונזער בעזונדער השגחה. איטליכער, ווער עס וועט זיך אוועקשטעלען אונטער'ן שוץ פון ערגיץ אַ פּריץ, ווערט ביי איהם גענומען דאָס לעבען, און זיין אייגענס ווערט קאָנפיסקירט לטובת דעם קיניג". קיינער פון די אידען און פון די מוירען

האָט ניט קיין רעכט צו שליסען אַן אָבמאַך, וואָס זאָל איהם מאַכען פאַר אַ לייב-קנעכט ביי אַ פריץ. און אַפילו דער קיניג גופא קאָן זיך ניט בעגייהן מיט זיי ווי מיט „שקלאַפען אָדער געפאַנגענע", וואָרום די מוירען און אידען האָבען לויט'ן געזעץ פּאָלקומענע פרייהייט אַריבערצוקלייבען זיך פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן. אין די גרעניצען פון זייערע קהילות קאָנען זיי פריי קויפען, פער-קויפען און פערמשכונ'ען נחלאות, נאָר זייערע געשעפטען מיט קריסטען זיינען אַוועקגעשטעלט אונטער'ן קאָנטראָל פון אָרטיגען בעאַמטען אָדער ריכטער, וואָרום דאָס בייט אום די שטייער-פערהעלטענישען.

חוץ שטענדיגע שווערע שטייערן, האָבען אידען געצאָהלט אויך איי֞סער-געוויהנליכע אָבצאָהלונגען — אויף בעפעסטיגען די שטעד'ט און אויף מיליטערישע הוצאות. די אַלגעמיינע סומע פון די אָבצאָהלונגען פלעגט ווערען פונאַנדער-געטיילט צווישען די פערשיידענע קהילות אויף פערזאַמלונגען פון זייערע מורשים. אידען האָבען זיך פערנומען מיט פערשיידענע פרנסות: זיי פלעגען קויפען אָדער דינגען אין אַרענדע מאַיאָנטקעס און מיהלען, האָבען געפיהרט אַ גרויסען און קליינעם מסחר, האָבען אַנטליהען געלד אויף פּראָצענטען. די לעצטע פּראָפעסיע איז געווען אַרומגעשטעלט מיט געוויסע בעגרעניצונגען.

די השפעה פון דער קירך האָט זיך געלאָזען מערקען אין אַ גאַנצער ר֞יה געזעצען, וואָס זייער צוועק איז געווען אָבצוזונדערן אידען פון קריסטען. אידען איז געוואָרען פערבאָטען צו האַלטען ביי זיך אין שטוב קריסטען, בע-זונדערס פרויען, אַלס בעדיענטע, און צו וואוינען אין איין הויז מיט קריסטען. אין די שטעדט האָבען אידען געוואוינט אין בעזונדערע קוואַרטאַלען, און חוץ די שטעדט האָבען זיי געמעגט זיך בעזעצען בלויז מיט אַ ספּעציעלער ערלויבעניש פון קיניג. נאָר פון צו טראָגען דעם צייכען אויף די קליידער זיינען די אידען פון אַראַגאָניען געווען בעפרייט, אַ דאַנק דער שתדלנות פון יצחק בבבישתי, דעם קיניג יאַקאָב דעם I-טענס לייב דאָקטאָר. דער פויפסט האָנאָריוס האָט בע-פויהלען ניט צו צווינגען די אידען צו טראָגען דעם צייכען אין אַראַגאָניען (1220); מיט אַ יאָהר פריהער איז געגעבען געוואָרען די אייגענע הנהה די אידען פון קאַסטיליען.

דער קיניג גופא האָט, ביי זיין גאַנצער פרומקייט, זיך ערלויבט, פונקט אַזוי ווי אַלפאָנזאָ פון קאַסטיליען, אָפטמאָלס אָבצוטרעטען פון די קאַנאָנישע כללים. לא די וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיין דיענסט אידישע דאָקטוירים. נאָר ער פלעגט אויך בעשטימען געבילדעטע אידען אויף רעגירונגס-שטעלעס. יהודה דע-קאַוואַלעריאַ האָט פערנומען די שטעל פון אַ קיניגליכען שאַץ-מייסטער. עטליכע אידען האָבען געהאַט דעם טיטעל פון קיניגליכע „באַילס" אָדער שופטים אין סאַראַגאָסאַ און באַרצעלאָנאַ. יאַקאָב דעם I-טענס פריוואַט-סעקרעטאַר איז געווען אַ איד דאָן-בריאל, וואָס האָט איהם בעלייט בשעת דער מלחמה אויפ'ן אינזעל מאַיאָרקאַ. בשעת דער בעלאַגערונג פון מורסיאַ האָט געדיענט ביים קיניג אַלס איבערזעצער פון אַראַביש אַסטרוק באָנסעניאָר. חוץ דעם דער-באַנטען

בנבינישתי, האָט יאַקאָב דער I־טער געהאַט נאָך דריי אידישע דאָקטוירים, וואָס איינער פון זיי, מאַעסטראָ סאַמסאָן, איז געווען דעם קיניגינס לייב־דאָקטאָר.

דער קולטור־צושטאַנד פון דער אידישער בעפעלקערונג בכלל און די ניט־געוויינהנליכע פייהיגקייטען פון איינצעלנע פערזאָנען בפרט האָבען געגעבען אַ סך די מעגליכקייט אַריבערצושפּרינגען איבער די קינסטליכע געזעצגעבערישע צאַמען, וואָס די פינסטערע כחות פונ׳ם קלעריקאַליזם האָבען אויסגעבויט אין לאַנד.

נאָר דער קיניג יאַקאָב I איז פּאַרט געווען אַן איבערגעגעבענער זוהן פון דער פּויפּסטליכער קירך און האָט גע׳חלומ׳ט צו בעקעהרען די אידען און די מורען אויפ׳ן וועג פון „אמת׳ען גלויבען”. אַ גרויסע השפּעה אויפ׳ן קיניג האָט געהאַט זיין גייסטליכער, דער גענעראַל פונ׳ם דאָמיניקאַנער־אָרדען ריימונד דע־פּעניאַפאָרטע, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ ברייטע מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישען די אַנדערשגלויביגע. צוליעב דעם צוועק האָט מען געלערנט אין די שולען פונ׳ם דאָמיניקאַנישען אָרדען די העברייאישע און די אַראַבישע שפּראַך, און עס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען מעטאָדען, ווי אַזוי צו פיהרען ויכוחים מיט ניט־קריסטען. לכתחילה האָבען די דאָמיניקאַנער געפּרובט צו ווירקען דורך דרשות אין די קירכען; נאָר היות ווי די אידען האָבען ניט געהאַט קיין חשק צו הערען די דאָזיגע דרשות, בכן האָבען די מאָנאַכען אויסגע׳פּועל׳ט ביים קיניג אַ דעקרעט, וואָס האָט מחייב געווען די אידען צו קומען הערען די רעדעס פון די מיסיאָנערען.

דער טעטיגסטער מיסיאָנער איז געווען דער דאָמיניקאַנישער מאָנאַך פּאַבלאָ כריסטיאַני (פּראַ פּאַאָלאָ). ער איז געווען אַ גע׳שמד׳טער איד און האָט אַרומגערייזט איבער דרום־פראַנקרייך און שפּאַניען און געפּריידיגט זיינע געוועזענע גלויבענס־ברידער די דאָגמעס פון קריסטענטום. ער האָט זיך געקליגט אַרויסצוגעפינען בעווייזען פאַר זיי ניט בלויז אין תנ״ך, נאָר אפילו אין תלמוד. נאָר היות ווי די שיינע רייד פונ׳ם רענעגאַט און פון זיינע חברים האָבען ניט געפיהרט צום געווינשטען ציעל, בכן האָט מען אויסגעקליבען אַן אַנדער וועג פון פּראָפּאַגאַנדע.

דער אויבערשטער פון אָרדען, פּעניאַפאָרטע, האָט בעלאָסען צו מאַכען אַן עפענטליכען ויכוח צווישען פּאַבלאָ כריסטיאַני און צווישען איינעם פון די פּאָפּולערסטע רבנים, און האָט גערעכענט, אַז אויב דער נצחון וועט בלייבען אויפ׳ן צד פונ׳ם דאָמיניקאַנער, וועלען די אידען זיין בעצוואונגען מודה צו זיין אין דער ריכטיגקייט פונ׳ם קריסטענטום. דער קיניג יאַקאָב האָט אָנגענומען דעם פּלאַן פון זיין גייסטליכען און האָט איינגעלאַדען צו נעמען אַן אָנטייל אין ויכוח דעם בעריהמטען רבי משה בן נחמן אָדער רמב״ן פון גיראָנאַ, וואָס איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט און טעאָלאָג און אַ קענער פון אַראַביש און שפּאַניש.

דער רמב״ן האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, הגם זייהר ניט מיט חשק, און

איז געקומען צום בעשטימטען טערמין קיין באַרצעלאָנאַ, וואו עס האָט בעדאַרפט פאָרקומען דער ויכוח (1263). ער האָט מעהר ניט געשטעלט אַ תּנאי, אַז אויפ׳ן ויכוח זאָל איהם ווערען געגעבען פולע פרייהייט פון וואָרט, און אַז ער האָט בעקומען דערויף דעם קיניגס הסכּמה, איז ער דרייסט און מיט רוהיגקייט צוגע- טראָטען צו די דעבאַטען.

דער ויכוח איז פאָרגעקומען אין קיניגליכען פּאַלאַץ, אין דער געגענוואַרט פון קיניג, זיינע הויפּסלייט, הויכע גלחים, ריטער און מענשען פון אַנדערע שטאַנדען, צווישען דעם אויך אידען. די ויכּוחים האָבען געדויערט פיער טעג. געדרייהט האָבען זיי זיך דער עיקר אַרום די הויפּט-דאָגמעס פונ׳ם קריסטענטום. פּאַבּלאָ כריסטיאַני האָט בעוויזען די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע דאָגמעס אויפ׳ן סמך פון פערשיידענע ערטער אין תּנ״ך און אַפילו פון געוויסע רמזים אין דער תּלמודישער אגדה. דער רמב״ן האָט פעסטגעשטעלט דריי פראַגען, וואָס דאַרפען בעקלערט ווערען (צי איז משיח געקומען, צי האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די ביבלישע נביאים אין דער געשטאַלט פון אַ מענש אָדער פון אַ גאָט, וועמענס גלויבען איז דער אמת׳ער) און האָט שאַרפזיניג בעוויזען, אַז די ראיות, וואָס זיין אָפּאָנענט ברייגגט פון תּנ״ך, האָבען קיין שום יסוד ניט; בנוגע ווידער צו דער אגדה האָט ער בעמערקט, אַז פון איהר קאָן מען בכלל ניט ברייגגען קיין ראיה, וואָרום זי ענטהאַלט בלויז קלוגע מימרות, אָבער ניט קיין גלויבענס-פאָרמעלן, וואָס איטליכער איד איז זיי מחויב צו היטען. צווישען אַנדערע זאַכען האָט דער רמב״ן בעמערקט, אַז לויט דער נבואה פון די נביאים וועט משיח זיין דער מבשר פון שלום אויף דער ערד, און אַז ער וועט קומען, וועלען אויפהערען אַלע מלחמות, — אין דער צייט וואָס נאָך איצט אַפילו הערשט אומעטום די רשעות און עס ווערט פערגאָסען בלוט אין די כסדר׳דיגע מלחמות צווישען די קריסטליכע פעלקער.

דער רמב״ן האָט אַזוי דרייסט און ענטשלאָסען סותר געווען די טענות פון זיין בעל-מחלוקת, אַז די באַרצעלאָנער אידען האָבען אָנגעהויבען צו בע- קומען מורא, טאָמער וועט ער דורכדעם איינרייצען די קריסטען און ברייגגען רדיפות אויף דער גאַנצער אידישער קהילה. אַ סך ריטערס און מאָנאַכען האָבען אויך געוואָלט אָבשטעלען די ויכּוחים, בכדי זיי זאָלען ניט דאַרפען הערען די „זינ- דיגע״ רייד. נאָר לויט דעם קיניגס רצון איז דער ויכוח דערפיהרט געוואָרען בשלום ביז׳ן סוף — און דער פערטיידיגער פון דער יהדות האָט זיך געהאַלטען פעסט אויף זיין פּאָזיציע. דער קיניג האָט בעמערקט ביי דער געלעגענהייט, אַז „ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהערט אַזאַ קלוגע פערטיידיגונג פון אַן אומגערעכטער זאַך״.

פעניאַפאָרטע האָט געפּרובט ווייטער צו פיהרען אויפס׳ניי דעם ויכוח אין שול. צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז די דאָגמע פון דער דרייאייניגקייט איז אַזאַ טיעפער סוד, וואָס אַפילו די מלאכים פער- שטייהען איהם נים. דערויף האָט דער רמב״ן געענטפערט: „אויב יאָ אַזוי, טאָ ווי אַזוי קאָנט איהר מאַכען פאָרוואורפען מענשען, וואָס זאָגען זיך אָב צו בע- נעמען דאָס, וואָס אַפילו מלאכים קאָנען דאָס ניט בענעמען!״

דער רמב״ן איז אװעק פון קיניג בשלום און איז אַבגעפאָהרען פון באַרצעלאָנאַ.

ניט געקוקט דערויף, וואָס דער ויכוח האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען, פונדעסטוועגען האָבען פאַבלאָ כריסטיאַני און פעניאַפאָרטע ווייטער געפיהרט זייער מיסיאָנערישע טעטיגקייט. פאַבלאָ איז אַרומגעפאָהרען איבער די שטעדט פון אַראַגאָניען און דרום-פראַנקרייך, האָט געפיהרט ויכוחים מיט אידען און צו-געריעדט זיי, זיי זאָלען אָננעמען דעם קריסטענטום. אויף די אידען איז געוואָ-רען אַרויפגעלייגט אַ חוב צו קומען צו די דרשות פונ׳ם דאָמיניקאַנער און צו ענטפערען אויף די טעאָלאָגישע פראַגען, וואָס ער האָט זיי פאָרגעלייגט. זייהר שווער זיינען געווען פאַר אידען די דאָזיגע געצוואונגענע שמועסען, וואָס דערביי האָט די קלענסטע אומפאָרזיכטיגקייט געקאָנט אַרויסרופען געפעהרליכע צוזאַמענשטויסונגען.

אויפגעבראַכט קעגען דער „עקשנות״ פון די אידען, האָבען די שפּאַנישע דאָמיניקאַנער אויפגעהויבען די פראַגע וועגען די לעסטערנדע אויסדרוקען אין תלמוד. זיי האָבען געפועלט ביים פּויפּסט קלימענט דעם IV-טען אַ בולע (פּויפּ-סטליכער דעקרעט) וועגען קאָנפיסקירען די ספרי התלמוד און פערברענען זיי, אויב אין זיי זיינען פאַרהאַן וואָסערע עס איז אויסדרוקען, וואָס זיינען בעליי-דיגענד פאַר׳ן קריסטענטום (1264). לויט׳ן בעפעהל פונ׳ם קיניג יאַקאָב דעם I-טען איז איבערגעגעבען געוואָרען אַ בעזונדער צענזור-קאָמיסיע איבערצוקוקען די ספרים פון תלמוד און אויסצושמעקען אין אַלע עקזעמפּלאַרען יענע ערטער, וואָס מען וועט געפינען פאַר נויטיג. דערמיט האָט זיך בעגנוגענט דער „לי-בעראַליזם״ פונ׳ם אַראַגאָנישען קיניג, וואָס האָט ניט געטאָן אַזוי ווי זיין שכן, דער קיניג לודוויג דער הייליגער, און האָט ניט געהייסען פערברענען די עק-זעמפּלאַרען פון תלמוד.

אַ טרויעריגען סוף האָט אויך געהאַט דער העלד פונ׳ם באַרצעלאָנער ויכוח, דער רמב״ן. וועלענדיג ווירקען אַנטקעגען דער מיסיאָנערישער פּראָפּאַ-גאַנדע פון פאַבלאָ כריסטיאַני, האָט דער רמב״ן פערפאַסט אַ גענויע בעשרייבונג פונ׳ם באַרצעלאָנער ויכוח און האָט עס פונאַנדערגעשיקט די אידישע קהילות. די דאָמיניקאַנער האָבען דאָס געמסר׳ט יאַקאָב דעם I-טען און האָבען איהם פערזיכערט, אַז דער אידישער געלערנטער פערשפּרייט פאַלשע ידיעות וועגען דעם ויכוח, וואָס זיינען מזלזל דעם כבוד פון די קריסטען.

אַז מען האָט דעם רמב״ן גערופען צו פערענטפערן זיך איבער דער דאָזיגער מסירה, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט אַריינגעשטעלט אין זיין בעשרייבונג בלויז יענע אויסדרוקען, וואָס ער האָט געברויכט אויפ׳ן ויכוח, וואו מען האָט איהם דאָך געגעבען פרייהייט פון וואָרט. די קאָמיסיע, וואָס האָט בעטראַכט דעם דאָזיגען ענין לויט דעם קיניגס בעפעהל, האָט בעשטימט צו פערברענען די עקזעמפּלאַרען פון רמב״נ׳ס בריעף, און דעם מחבר גופא פער-טרייבען פון אַראַגאָניען אויף צוויי יאָהר. נאָר די דאָמיניקאַנער האָט דער

דאָזיגער פסק-דין אויסגעוויזען צו ווייך, און זיי האָבען אַפּעלירט צום פויפּסט. האָט קלימענט דער IV-טער געשיקט צום קיניג פון אַראַגאָניען אַ שטרייגגע בולע, וואו ער האָט איהם געטאַדעלט סיי פאַר זיין ווייכקייט און נאָכגיביגקייט בנוגע צום „שונא פון דער קירך" און סיי דערפאַר, וואָס ער לאָזט צו אידען צו רעגירונגס-שטעלעס.

פאַר דעם רמב"ן איז, משמעות, געשטאַנען די סכנה צו ווערען פערקלאָגט פאַר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע, — און ער האָט בעשלאָסען בעסער צו פערלאָזען שפּאַניען. דער 70-יאָהריגער זקן איז אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ-ישראל, וואָס עס האָט איהם שוין לאַנג געצויגען אַהין; ער איז אָנגעקומען דאָרט אין יאָהר 1267.

יאַקאָב דעם I-טענס יורשים האָבען ווייטער געפיהרט דיזעלביגע צוויי-זייטיגע פּאָליטיק, וואָס איז בעשטאַנען פון אַ צונויפמישונג פון קירכליכע און בירגערליכע עלעמענטען. מחמת דעם פּראָטעסט פון די קאָרטעסען אין סאַראַ-גאָסאַ האָט פּעדראָ דער III-טער (יאַקאָב דעם I-טענס זוהן) דערוויטערט די אידען פון די שטעלעס אַלס קיניגליכע בעאַמטע אין עטליכע שטעדט. נאָר די עלעמענטאַרע רעכט פון די אידען און די אַוטאָנאָמיע פון זייערע קהילות האָבען די מלכים פון אַראַגאָניען אָפּגעהיט, ווארום דאָס האָבען געפאָדערט אויך די אינטערעסען פון דער מלוכה-קאַסע. די אידען האָבען בעצאָהלט בכסף מלא פאַר'ן דאָזיגען שוץ, און אין צייטען פון אויסוויייניגסטע מלחמות פלעגען זיי אָפטמאָלס אַרויסהעלפען די מלכים פון פינאַנציעלע שוויריגקייטען. די אַראַגאָנישע מושלים האָבען גערן געלאָזט זיך בעזעצען אין זייער לאַנד די אידישע פער-טריבענע, וואָס זיינען אָנגעקומען פון פראַנקרייך אין די יאָהרען 1306 און 1321. אַלפאָנזאָ דער II-טער האָט ניט דערלאָזט, אַז די בלוטיגע בעוועגונג, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון פראַנקרייך און וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „גזירת הרועים" (§ 118), זאָל זיך פערשפּרייטען און פונאַנדערפלאַקערן.

בלויז אין קיניגרייך נאַווארא, וואָס איז צייטענווייז געווען זעלבשטענדיג און צייטענווייז האָט עס געהערט אָדער צו פראַנקרייך אָדער צו אַראַגאָניען, האָבען די אידען איבערגעלעבט אַ רייהע פּאָגראָמען באַלד נאָך דער „גזירת הרועים". אין יענעם יאָהר, בשעת נאַווארא איז בעפרייט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער איבערהערשאַפט, איז דער המון, וואָס איז אונטערגעהעצט גע-וואָרען דורך פראַנציסקאַנישע מאָנאַכען, אָנגעפאַלען אויף די אידען פון דער שטאָדט עסטאַלאַ מיט געשרייען: „טויט אָדער שמד!" דעם אידישען קוואַרטאַל האָט מען איינגענומען אין שטורעם, זיינע איינוואוינער זיינען כמעט אַלע אויס-גע'הרג'עט געוואָרען, און זייערע הייזער פערברענט (5 מערץ 1328). אַזעלכע פּאָגראָמען זיינען פּאָרגעקומען אויך אין טודילא און אין אַנדערע קהילות פון נאַווארא. עטליכע אידישע קהילות פון נאַווארא און אַראַגאָניען האָבען געליטען אויך אין דער צייט פון דער שרעקליכער פערוויסטונג, וואָס איז אָנגעמאַכט גע-וואָרען אין אייראָפּע דורך דער מגפה פון'ם „שוואַרצען טויט" (ז. ווייטער, קאַפּיטעל IV).

קאַסטיליען: אידען אַלס הויפּסלייט און די אידענפיינדליכע אַגיטאַציע אין דער צייט פון אַלפאָנזאָ XI.

§ 123. דער הויפּטליכער קולטור-צענטער פון אידישען פאָלק איז אין XIV יאָהרהונדערט געווען קאַסטיליען, מיט איהרע גרויסע אידישע קהילות און אויסגעצייכענטע טוער אויף פערשיידענע געביטען פון בירגערליכען און פּאָליטישען לעבען. דער גורל פון אידען איז דאָ איינג פערבונדען מיט די אַלגעמיינע פּאָליטישע בעוועגונגען, דינאַסטישע איבערקערעניש(?) און אפילו הויפּישע אינטריגעס. די קיניגליכע חוכרים, פינאַנציעלע אַגענטען און יועצים צווישען אידען זיינען געווען די פערמיטלער צווישען דער העכסטער רעגירונג און צווישען זייערע פאָלקס-ברידער און האָבען פערטיידיגט זייערע בירגערליכע רעכט און זיך איינגעשטעלט פאַר דער אַווטאָנאָמיע פון זייערע קהילות. נאָר ניט זעלטען פלעגען די דאָזיגע איינפלוסרייכע פערמיטלער ווערען אַריינגעצויגען אין׳ם קאַמף פון די פּאָליטישע אָדער הויפּישע פּאַרטייען און פלעגען אריינציהען אויך זייערע פאָלקס-ברידער, און דערמיט גופא האָבען זיי געצוואונגען זיי צו טראָגען אויך אַלע רעזולטאַטען פון אַזאַ קאַמף.

דער קיניג פערדינאַנד VI (1295) האָט געהאַט ביי זיך אַ קלוגען בעל-יועץ אין דער פּערזאָן פון דאָן-שמואל, וואָס האָט פערוואַלטעט איבער דער מלוכה-קאַסע. דעם קיניגס אומבעגרעניצטער צוטרוי צו דעם דאָזיגען בעל-יועץ האָט דערוועקט קנאה ביי דער קיניגין-מוטער מאַריאַ דע-מאָלינאַ, וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אין דער פּאָליטיק. איין מאָל, בשעת שמואל האָט בעגלייט דעם קיניג קיין סעווילִיאַ, זיינען אויף איהם אָנגעפאַלען געדונגענע רויבער און האָבען איהם שווער פערוואונדעט, אַזוי אז ער איז שיער ניט געשטאָרבען.

נאָר די פערזענליכע שנאה פון דער קיניגין צו שמואל׳ן האָט זיך ניט פערשפּרייט אויף זיינע פאָלקס-ברידער. אז פערדינאַנד איז געשטאָרבען, און מאַריאַ דע-מאָלינאַ איז געוואָרען רעגענטין, מחמת זיין זוהן איז געווען יונג, האָט זי בעשטימט פאַר׳ן פערוואַלטער איבער איהר קאַסע אַ אידען, דאָן-משה. די קירכען-פערזאַמלונג אין זאַמאָראַ (1313), די קאָרטעסען אין בורגאָס און אַפילו דער פּויפּסט קלימענט V האָבען געפאָדערט פון דער קיניגין-רעגענטין די שטרייננגסטע מיטלען קעגען אידען, נאָר די קיניגין האָט נאָר צום טייל ערפילט די דאָזיגע פאָדערונגען. זי האָט פערבאָטען די אידען צו רופען זיך מיט קריסטליכע נעמען און צו קומען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט קריסטען, נאָר זי האָט ניט מסכים געווען אויף דער פאָדערונג פון די אידענפיינד צו בעפרייען קריסטען פון צו בעצאָהלען זייערע חובות די אידישע קרעדיטאָרען. די קאַנאָנישע כללים, וואָס די קיניגין האָט זיי בעשטעטיגט, האָבען אויך געהאַט אַ בעדייטונג בלויז אויפ׳ן פּאַפּיר.

אין דער צייט פון איהר רעגירונג האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס ביים הויף אַ געלערנטער קאָרדאָוואער איד ר׳ יהודה אבן-ווקר, וואָס איז געווען אַ שטרייננגער קנאי.

די אויטאָנאָמיע פון די אידישע קהילות האָט ניט געהאַט צו ליידען פון קיין שום בעגרעניצונגען. דער בית-דין פון דער קהילה און פון די רבנים האָט געהאַט דאָס רעכט צו משפט'ען אויך קרימינעלע פּראָצעסען. ער פלעגט אָפּט-מאָלס אַרויפלייגען צו האַרבע שטראָפען אינ'ם גייסט פון די מיטעלאַלטערליכע געזעצען. אַזוי האָט דער בית-דין, אונטער דער פאָרזיצונג פון אבן-ווקר, גע-הייסען אָבשניידען דעם נאָז ביי איין אידישער אלמנה, וואָס מען האָט זי בע-שולדיגט, אַז זי האָט געלעבט מיט אַ קריסט, בכדי זי צו מאַכען מיאוס. דער דעמאָלטיגער רב-הכולל, רא"ש פון טאָלעדאָ, האָט בעשטעטיגט דעם דאָזיגען פסק-דין, און די רעגירונג האָט איהם אויך געמוזט בעשטעטיגען, וואָרום זי גופא האָט איבערגעגעבען דעם פּראָצעס אין אידישען בית-דין.

אַז אַלפאָנזאָ XI איז אויסגעוואַקסען, האָט ער אָבגעשאַפט די רעגענטשאַפט און האָט אַליין איבערגענומען די ממשלה (1325 — 1350). צווישען זיינע מקורבים זיינען געווען צוויי אידען: יוסף בנבינישתי דע-עציא (די-איסיגה), דער פערוואַלטער איבער דער קיניגליכער קאַסע און פּריוואַט-סעקרעטאַר, און שמואל אבן-ווקר, דעם קיניגס לייב-דאָקטאָר, אַ געלערנטער און אַסטראָ-נאָם. בנבינישתי איז געווען דעם יונגען אַלפאָנזאָ'ס ליעבלינג; ער פלעגט פאָהרען אין אַ טייערער קאַרעטע, אין דער בעגלייטונג פון אַן עהרען-סוויטע-אויפנעמען ביי זיך אין הויז פאָרנעמע שררות און האָט בכלל געלעבט מיט'ן לוקסוס פון אַ קאַסטילישען גראַנד. נאָר סיי בנבינישתי און סיי אבן-ווקר האָבען ווינציג געזאָרגט צו פערבעסערן דעם בירגערליכען מעמד פון דער אידישער מאַסע. זיי האָבען דער עיקר געזעהן אַרויסצוציהען פון זייער געזעלשאַפטליכער לאַגע וואָס מעהר טובות פאַר זיך און פאַר זייערע גוטע פריינד.

אידישע און אַראַבישע קאַפּיטאַליסטען פלעגען נתעשר ווערען דורכדעם, וואָס זיי פלעגען נעמען אין חכירה די שטייערן און דורך קרעדיט-אָפּעראַציעס וואָס קריסטען האָבען ניט געטאָרט זיך פערנעמען דערמיט. זיי פלעגען נעמען צו הויכע פּראָצענטען פון די הלוואות און אָנווענדען שטרייגגע מיטלען ביים איינמאָנען די שטייערן און די חובות. דורכדעם האָבען זיי אַרויסגערופען אומ-צופרידענקייט ניט בלויז קעגען זיך, נאָר אויך קעגען אַלע זייערע פאַלקסברי-דער. לויט דער פאָדערונג פון דעפּוטאַטען פון די פריצים, האָט דער קיניג געמוזט בעגרעניצען די טעטיגקייט פון די אַראַבישע און אידישע וואָכערערס און אַראָבלאָזען דעם רבית אויף הלוואות ביז $33\,^1/_3\,\%$. די מאַדרידער קאָרטעסען (1329) האָבען געפאָדערט פון קיניג, ער זאָל פערבאָטען די אידען צו קויפען ערד און דערוויטערן פון זיך די אידישע פינאַנסיסטען, די חוכרים פון די שטייערן. די לעצטע פאָדערונג האָט געהאַט אַ שייכות צו די איינפלוסרייכע הויפסלייט בנבינישתי און אבן-ווקר, ווייל אַ סך פון די העכסטע שיכטען פון דער קאַסטילישער געזעלשאַפט האָבען זיי פיינט געהאַט און מקנא געווען.

יוסף בנבינישתי האָט אָנגעוואָהרען זיין שטעל אַלס מלוכה-סעקרעטאַר, נאָר ער האָט זיך ווייטער פערנומען מיט פינאַנציעלע אָפּעראַציעס. דערין האָט מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט איהם שמואל אבן-ווקר, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען

צו בעקומען פון קיניג די חכירה פון די אבצאָהלונגען אויף די סחורות, וואָס ווערען אַריינגעפיהרט פון גרענאַדאַ, און אַיינצושטעלען אַ שטריינגע סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם אין אויסוויינינגסטען האַנדעל.

די שנאה צו די אידישע גבירים האָט געגעבען אין די הענד פון די קאַסטילישע אידענפיינד, די וועלטליכע און די קירכליכע, אַ געצייג אויף צו דערוועקען אין פאָלק אַ שנאה צו אידען בכלל. אַלס אַגיטאַטאָר מצד די קלע ריקאַלע אידענפיינד איז אַרויסגעטראָטען אַ געשמדטער איד **אבנר פון בורגאָס** (אַלפאָנזאָ פון בורגאָס). יונגערהייד האָט ער גרינדליך אויסשטודירט די ביבלישע און תלמודישע ליטעראַטור, און דערנאָך האָט ער זיך פערטיעפט אין דער פילאָסאָפיע. אונטער'ן איינפלוס פון אַריסטאָטעלעס'עס און דעם רמב"ם'ס פילאָסאָפיע איז ער געוואָרען אַ פריידייגקער. אבנר איז געוועזן לויט זיין בילדונג אַ דאָקטאָר, נאָר די דאָקטאָרישע פרנסה האָט איהם ניט געגעבען גענוג אויף חיונה. בכן האָט ער, שוין אַלס עלטערער מענש, אָנגענומען דעם קריסטענטום, דער עיקר צוליעב דעם, בכדי צו פערבעסערן זיין עקאָנאָמישע לאַגע. מען האָט איהם בעשטימט פאַר אַ סאַקריסטאַן (ממונה איבער די הייליגע בגדים) אין דער הויפּט-קירך פון וואַלאַדאָליד.

ווי איטליכער אונאויפריכטיגער משומד, האָט אבנר, וואָס האָט ביים שמד'ען זיך אָנגענומען דעם נאָמען אַלפאָנזאָ, געפלייסט זיך צו געפינען חן אין די אויגען פון זיינע נייע גלויבענס-ברידער דורך מסירות און בלבולים אויף דער אמונה, וואָס ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון איהר. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע בעשולדיגונגס-שריפטען קעגען דער אידישער רעליגיע, און האָט, צווישען אַנדערע זאַכען, בעוויזען די פאַלשקייט פון אידישקייט דורכדעם, וואָס ער האָט דערציילט, אַז דאָס אידישע פאָלק טיילט זיך אויף אַ סך סעקטעס, — דאָס איז אַ פּאָרוואורף, וואָס די יהדות האָט עס וויינציגער פון אַלץ פערדיענט. נאָר היות ווי דער רענעגאַט האָט ביי זיך אין הארצען געהאַט חרטה איבער זיין שמד, האָט ער אין איין בריעף געפרובט צו פערענטפערן זיך דורך אַ טעאָריע פון אַסטראָלאָגישען פאַטאַליזם: ניט מיט'ן גוטען ווילען, נאָר דורכ'ן בעפעהל פון די מזלות איז ער געטריבען געוואָרען צום שוועל פון דער קריסטליכער קירך.

אידישע שריפטשטעלער, אַ שטייגער ווי דער פילאָסאָף **יצחק פולגאר**, אבנר'ס אַ געוועזענער גוטער פריינד, האָבען געשריבען קעגען איהם הייסע פּאָלעמישע אַרטיקלען, וואָס האָבען אויפגעפרישט די אַלטע מחלוקת צווישען אידישקייט און קריסטענטום. דאָס האָט נאָך מעהר פערביטערט דעם רענעגאַט. אבנר-אַלפאָנזאָ האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט ליטעראַרישע בלבולים, נאָר ער האָט זיך אויך געווענדעט צום קיניג מיט אַ מסירה, וואו ער האָט בעהויפּטעט, אַז אידען זאָלען אין איינער פון זייערע תפילות שילטען די יעניגע, וואָס גלויבען אין קריסטוס'ן.

אומזיסט האָבען די פאָרשטייהער פון דער אידישער קהלה אין וואַלאַדאָליד זיך געמיהט צו בעווייזען די פאַלשקייט פונ'ם דאָזיגען בלבול און האָבען

דערקלערט, אַז די דאָזיגע תּפילה (ברכת-המינים, „ולמלשינים״) איז געוואָרען פערפאַסט אין דער צייט פון דער רוימישער ממשלה אין לאַנד יהודה (§ 9) און איז שייך צו אידען-בוגדים און מוסרים. לויט אבנר׳ס פאָדערונג, האָט דער קיניג בעשטימט אַ ויכּוח צווישען איהם און צווישען די פאָרשטייהער פון די אידען. דער ויכּוח איז פאָרגעקומען אין וואַלאַדאָליד און האָט זיך געענדיגט דער-מיט, וואָס אַלפאָנזאָ דער XI-טער האָט פערבאָטען די אידען צו זאָגען די דאָזיגע תּפילה (1336).

אַ סך אַ גרעסערע סכּנה איז געווען דעמאָלט פאַר אידען מצד די וועלטליכע אידענפיינד. המנ׳ס ראָל האָט גענומען אויף זיך גאָנזאַלאָ מאַרטינעץ, אַן אָרימער ריטער, וואָס איז עולה-לגדולה געוואָרען אַדאַנק דעם שוץ פונ׳ם הויפּסמאַן יוסף בנבינישתי. אַז מאַרטינעץ האָט פערנומען דעם הויכען פּאָסטען פון אַ קיניגליכען מיניסטער, האָט ער שוין ניט געהאַלטען פאַר נויטיג צו בעהאַלטען זיינע אידענפיינדליכע געפיהלען – און האָט אָנגעהויבען דערמיט, וואָס ער האָט געפּטר׳ט זיין בעל-טובה. ער האָט דערוועקט קעגען די אידישע חוכרים יוסף בנבינישתי און שמואל אבן-ווקר אַ בעשולדיגונג אין דעם, אַז זיי ווערען נתעשר אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה-קאַסע און שטעלען בדלות דאָס לאַנד. די דאָזיגע בעשולדיגונג איז אפשר געווען פערבונדען מיט דער סיסטעם פון פּראָטעקציאָניזם, וואָס אבן-ווקר האָט איינגעפיהרט ביים אריינפיהרען אראַ-בישע סחורות. דעם מיניסטער דעם אידענפיינד האָט זיך איינגעגעבען צו אי-בערצייגען דעם קיניג אַלפאָנזאָ, אַז ער האָט דאָס רעכט צוצונעמען פאַר דער מלוכה-קאַסע די גאַנצע עשירות פון זיינע חוכרים און זיי גופא צו משפט׳ען, ווי פּאָליטישע פערברעכער. די אידישע שרים און די מיטגלידער פון זייערע משפחות זיינען געוואָרען אַרעסטירט און אריינגעזעצט אין תּפיסה. בנבינישתי איז גלייך געשטאָרבען אין תּפיסה, און אבן-ווקר האָט מען פערמוטשעט דורך גרויסע עינויים.

אין דערזעלביגער צייט איז גאַנץ שפּאַניען געוואָרען אויפגערודערט דורך אַ קריגס-רוף. די גרענאַדער מורען אין פערבאַנד מיט׳ן מאַראָקאַנער סול-טאַן האָבען פערטראַכט אָנצופאַלען אויף קאַסטיליען, בכדי אָפּצונעמען זייערע פערלאָרענע לענדער. קאַסטיליען אינאיינעם מיט אַראַגאָניען און פּאָרטוגאַל האָ-בען זיך געגרייט צו פערטיידיגען זיך. גאָנזאַלאָ מאַרטינעץ איז געוואָרען בע-שטימט פאַר׳ן קאָמאַנדיר איבער דער אַרמיי פון קאַסטיליען.

מען האָט בעדאַרפט האָבען געלד – האָט מאַרטינעץ געגעבען אַן עצה אָפּצונעמען ביי אידען אַלע זייערע קאַפּיטאַלען און זיי גופא פערטרייבען פון לאַנד. דער דאָזיגער ווילדער פאָרשלאָג האָט בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד די איבעריגע שררות און אפילו מצד דעם טאָלעדער אַרכיביסקופ, וואָס האָט דער-קלערט, אַז אידען זיינען אַן אוצר אָהן אַ דעק פאַר דער מלוכה און אַז מען מוז זיי האַלטען.

די ידיעה וועגען מאַרטינעצ׳ס פּלענער האָט אַרויסגערופען אַ טומעל צווי-

שען די אידען: זיי האָבען געפאַסט און געטאָן תפילה אין די שולען, אַז די צרה זאָל אָבגעווענדעט ווערען. זייער אומרוהיגקייט איז בעזונדערס שטאַרק געוואָרען, נאָכדעם ווי מאַרטינעצ'ן האָט זיך איינגעגעבען צו צעשלאָגען די מוסלמאַנישע אַרמיי אויפ'ן גרעניץ פון קאַסטיליען.

צום גליק, איז אומגעריכטערהייד געקומען אַ סוף צו מאַרטינעצ'ס ממשלה. מחמם הויפישע אינטריגעס, וואָס אין זיי איז געווען אַריינגעמישט דעם קיניגס געליעבטע, לעאָנאָרע גוזמאַן, איז מאַרטינעץ געוואָרען אַרויסגערופען פון קריגס־טעאַטער קיין מאַדריד; נאָר ער האָט ניט געפאָלגט דעם בעפעהל און האָט מיט זיינע ריטערס מורד געווען קעגען קיניג. מען האָט איהם געכאַפּט און אַרויסגעגעבען אַלפאָנזאָ'ן, און ער איז געוואָרען פער'משפט צום פערברענען (1339). דאָס האָט געטראָפען אין חודש אדר, און די אידען פון קאַסטיליען האָבען דעם יאָהר געהאַט אַ פרייהליכען פורים. אַלפאָנזאָ XI איז געוואָרען ווידער גוט צו אידען און האָט מקרב געווען צום הויף איינעם פון זיי, משה אבודיאל.

צום סוף פון אַלפאָנזאָ XI־טענס רעגירונג איז אויף שפּאַניען אָנגעפאַלען די שרעקליכע מגפה, וואָס האָט געהערשט אין גאַנץ אייראָפּע אונטערן נאָמען „שווארצער טויט" (1348). כמעט אומעטום האָט די דאָזיגע מגפה געגעבען די געלעגענהייט צו פערטיליגען אומברחמנות'דיג די אידען. דער אָבערגלויבישער קריסטליכער המון האָט געמאַכט אויף זיי אַ בלבול, אַז זיי פערסמ'ען די ברונימער, נאָר אין קאַסטיליען, וואו דער שווארצער טויט האָט אויך אָנגעמאַכט חורבנות האָט מען אידען ניט אָנגעריהרט: די פאָלקס־מאַסע איז דאָ געווען נאָך אַזוי וייט קולטיווירט, אַז זי האָט ניט געקאָנט גלויבען אין די ווילד־אומגעלומפּערטע רייד וועגען דעם, אַז די מגפה פערשפרייטען כלומר'שט די אידען, וואָס זיינען אַליין מאַסענווייז פון איהר געשטאָרבען.

די אידען אין דינאַסטישען קאַמף אין קאַסטיליען.

§ 124. נאָך קיין מאָל איז דאָס בירגערליכע לעבען פון אידען ניט געווען אַזוי אייננ פערקניפּט מיט די רעש'יגע פּאָליטישע און דינאַסטישע איבערקעהרענישען אין שפּאַניען, ווי פאַר דער רעגירונגס־צייט פון אַלפאָנזאָ XI־טענס זיהן — פעדראָ און היינריך. דער קיניג פעדראָ, וואָס האָט בעקומען דעם צונאָמען „דער אכזר" (1350 — 1369), האָט זיך בעצויגען צו אידען אַזוי, אַז אין דעם פּרט האָט ער אַודאי ניט פערדיענט זיין מיאוס'ען צונאָמען. ער האָט בעשטימט דעם בעגאַבטען שמואל אבולאפיא, אַ פאָרשטייהער פון דער טאָלעדער אידישער אַריסטאָקראַטיע, פאַר זיין פינאַנץ־מיניסטער און פלעגט זיך מיט איהם מיישב זיין איבער די וויכטיגסטע ענינים פון דער מלוכה. אבולאַפיא האָט טאַקע בעוויזען, אַז ער פערדיענט דעם קיניגס צוטרוי: ער האָט פערבעסערט די פינאַנצען פון דער מלוכה, דורך דעם, וואָס ער האָט רעאָרגאַניזירט דעם אופן,

ווי צו קלייבען שטייערן. דעם קיניגס לייב-דאָקטאָר און אַסטראָלאָג איז געווען אברהם אבן-צרצל.

די פּאָליטישע געגנער און די קנאים פון דער קירך האָבען געטאַדעלט דעם קיניג, פאַרוואָס ער לאָזט צו „אומגלויביגע” צו רעגירונגס-שטעלעס, און פלעגען מיט פעראַכטונג אָנרופען זיין הויף אַ „אידישען”. די קאָרטעסען אין וואַלאַדאָליד האָבען זיך משתדל געווען פאַר'ן קיניג, ער זאָל מבטל זיין דעם אידישען אַוטאָנאָמען בית-דין, נאָר פעדראָ האָט אָבגעזאָגט זייער בקשה און האָט דערקלערט, אַז אידען זיינען אַ שוואַך פאָלק, און אויב מען זאָל זיי אַוועקשטעלען אין רשות פון די אַלגעמיינע געריכטען, וועלען זיי אַודאי ליידען שטענדיג עוולות.

דער אידישער פּאָעט סאַנטאָב דע-קאַריאָן האָט געשריבען אויף שפּאַניש גרויסאַרטיגע שירים, אין וועלכע ער פלעגט זיך אָפט ווענדען צו פעדראָ מיט מאָראַלישע הדרכות און עצות. אויב דער קיניג וואָלט געפאָלגט די דאָזיגע קלוגע עצות, וואָלט ער אפשר ניט געקומען צו יענעם טרויעריגען מצב, אין וועלכען ער איז אין גיכען אַריינגעפאַלען אַ דאַנק שלעכטע פאַמיליען-אומשטאַנדען.

פעדראָ איז געווען אַלפאָנזאָ דעם XI-טענס איינציגער זוהן פון זיין געזעצליכער פרוי. נאָר אַלפאָנזאָ האָט געהאַט נאָך פון זיין געליעבטע לעאָנאָרע גוזמאַן ניין זיהן, וואָס דער עלטסטער פון זיי איז געווען היינריך דע-טראַסטאַמאַרא. דער דאָזיגער פּרינץ, וואָס איז געווען אַ רודף-כבוד, האָט געוואָלט אָבנעמען דעם טרוין ביי זיין האַלב-ברודער פעדראָ און האָט אויסגענוצט צוליעב זיינע צוועקען די דראַמע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעשפּיעלט אין דער קיניגליכער משפחה.

דער קיניג פעדראָ האָט פערשטויסען זיין יונגע פרוי, די פראַנצויזישע פּרינצעסין בלאַנקאַ, אַ טאָכטער פונ'ם הערצאָג פון בורבאָן, וואָס די קרובים האָבען איהם געצוואונגען חתונה צו האָבען מיט איהר איבער פּאָליטישע טעמים, און האָט גענומען צו זיך זיין געליעבטע, די שיינע שפּאַניערין, מאַריאַ דע-פּאַדילאַ. האָבען זיך אָנגעהויבען מחלוקת'ען צווישען די פּאַרטייען: איין צד איז געשטאַנען פאַר דער פערשטויסענער פראַנצויזישער פּרינצעסין און האָט געטאַדעלט דעם קיניגס אויפפיהרונג, און דער אַנדער צד האָט מיטגעפיהלט מאַריאַ דע-פּאַדילאַ.

צו דער לעצטער פּאַרטיי האָט געהערט אויך דער פינאַנץ-מיניסטער שמואל אבולאפיא, און איינאיינעם מיט איהם אַלע קאַסטילישע אידען, וואָס האָבען געהאַט אַ יסוד מורא צו האָבען, אַז די פראַנצויזישע פּרינצעסין זאָל ניט אַריינטראָגען אין דער רעגירונג דעם גייסט פון אידענפיינדשאַפט, וואָס הערשט אין איהר פאָטערלאַנד. די שררות, וואָס האָבען געהערט צו דער פראַנצויזישער פּאַרטיי, פלעגען מאַכען פערשווערונגען קעגען קיניג. אַ קרבן פון אַזא פערשווערונג איז שיער ניט געוואָרען אבולאַפיא. איינאיינעם מיט'ן קיניג האָבען איהם

די פערשווערער אריינגעגנארט אין דער פעסטונג טאָראָ און געהאַלטען זיי דאָרט געפאַנגען, ביז די תּפוסים האָט זיך איינגעגעבען צו אַנטלויפען. אַז היינריכ׳ס אָנהייגער האָט זיך איינגעגעבען דורך אַ קונץ אריינצודרינגען אין טאָלעדאָ, האָבען די אידען, צוגלייך מיט די קריסטליכע אָנהייגער פעדראָ׳ס, אַרויסגעוויזען זיי אַ מוטיגען ווידערשטאַנד, און דערביי האָבען זיי אָנגעוואָהרען ניט ווייניג מענשען געהרג׳עטע און פערוואונדעטע (1355).

נאָך דער מעשה איז דער פאָרשטייהער פון די אידען אַבולאַפיאַ נאָך חשוב׳ער געוואָרען אין׳ם קיניגס אויגען און האָט בעקומען אַ שטאַרקען איינפלוס אויפ׳ן גאַנג פון די ענינים פון דער מלוכה. ער האָט געלעבט גרויסאַרטיג ווי אַ פירשט אין זיין פאַלאַץ אין טאָלעדאָ, וואו עס האָבען איהם בעדיענט אַכציג נעגער-שקלאַפען. צי האָט דער דאָזיגער הויפּ-מאַן געזאָרגט וועגען די בירגערליכע אינטערעסען פון זיינע פאָלקסבריידער? ס׳איז נאָר בעוואוסט, אַז ער האָט געבויט אויף זיינע הוצאות שולען. ער האָט פעראייביגט זיין נאָמען אין די אידישע כּראָניקעס, דורכדעם וואָס ער האָט אויסגעבויט די גרויסאַרטיגע טאָלעדער שול (1357), וואָס איז אין 135 יאָהר אַרום, נאָך דעם גירוש פון די אידען פון שפּאַניען, איבערגעמאַכט געוואָרען פאַר אַ קאַטוילישע קירך און וואָס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג איינער פון די שענסטע בנינים אין טאָלעדאָ.

זיין קאַריער האָט שמואל אַבולאַפיאַ געענדיגט פונקט אַזוי טרויעריג, ווי די פריהערדיגע קרובים למלכות — בנבנישתי און אבן-ווקר. ער האָט געהאַט ניט ווייניג שונאים צווישען די שפּאַנישע שררות, וואָס האָבען איהם מקנא געווען. זיי האָבען אָנגע׳מסר׳ט פאַר׳ן קיניג אויף איהם און האָבען געמאַכט אויף איהם אַ בלבול, אַז ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין אַ פּאָליטישער פערשווערונג, וואו עס איז געווען פערמישט אויך דער אַרכיביסקופּ פון טאָלעדאָ. האָט פעדראָ געהייסען אַריינוואַרפען אַבולאַפיאַ אין תּפיסה, און זיין אייגענס האָט ער זיך צוגענומען. דער געפאַלענער מיניסטער איז געשטאָרבען אין דער תּפיסה פון סעווילִיאַ, מיט גרויסע עינויים (1360). דאָס איז געווען דער געוויינליכער סוף פון אַ קיניגליכען ליעבלינג, וואָס אויף איהם איז געפאַלען אַן אומ׳חן.

אין אַ יאָהר אַרום איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, אונטער דעם קיניגס בעהאַלטענעם איינפלוס, די קיניגין בלאַנקאַ. די פראַנצויזישע פּאַרטיי, וואָס אויף איהר האָט זיך געשטיצט דער פּרעטענדענט היינריך, האָט דאָס אויסגענוצט, כּכדי אויפצוהעצען די בעפעלקערונג קעגען דעם אַכזר פעדראָ׳ן. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט מען פונאַנדערגעלאָזען קלאַנגען, אַז די אידען זאָלען האָבען אַ שייכות צום מאָרד פון דער קיניגין.

בכדי צו מאַכען דעם קיניג נאָך מעהר פערהאַסט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, האָט מען אויסגעטראַכט די ווילד-אומגעלומפּערטע מעשה, אַז פעדראָ גופא איז אַ איד. מען האָט דערציילט, אַז דעם קיניגס פּאָטער, אַלפאָנזאָ XI, איז געווען אין כּעס אויף זיין פרוי, וואָס זי האָט אַלץ געהאַט מיידלעך און ניט איינגלעך. איין מאָל, ווען די קיניגין האָט ווידער געבוירען אַ מיידעל און האָט

מורא געהאַט, טאָמער וועט איהר מאַן זיין אין כעס, האָט זי מיט דער הילף פון דער הייבעם אומגעביטען די דאָזיגע מיידעל אויף אַ אידישען אינגעל. אָט דער דאָזיגער פאַלשער פרינץ האָט דאָס שפּעטער דערגרייכט צו דער רעגירונג אונטער׳ן נאָמען פעדראָ. אַזעלכע אויסגעטראַכטע מעשיות האָבען שטאַרק גע-ווירקט אויפ׳ן גאַנג פונ׳ם דינאַסטישען קאַמף. היינריך האָט זיך גערייצט מיט די קאַסטיליער דערמיט, וואָס איבער זיי קיניגט אַ אי״, און אַלס ראיה דערצו האָט ער געבראַכט דעם פאַקט, וואָס די אידען האָבען אונטערגעשטיצט דעם קיניג פעדראָ אינ׳ם בירגער-קריג.

און די אידען זיינען אין דער אמת׳ען טאַקע געשטאַנען אויפ׳ן צד פונ׳ם קיניג, וואָרום דער פּרעטענדענט היינריך, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער קלעריקאַליש-אידענפיינדליכע פּאַרטיי, האָט זיך פערהאַלטען צו זיי פיינדליך. בשעת די חיילות פונ׳ם פּרעטענדענט פלעגען בעלעגערן שטעדט, פלעגען די אידישע קהילות זיך מוטיג פערטיידיגען און פלעגען זיך לחלוטין אָבזאָגען צו עפענען די טויערן פאַר די בעלעגערער; דערפאַר פלעגען זיי בעצאָהלען מיט זייער לעבען אָדער מיט זייער האָב- און-גוטס, אויב יענע פלעגען מנצח זיין. אַז היינריך האָט איינגענומען די שטאָדט בורגאָס, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער אידישער בעפעלקערונג אַ קאָנטריבוציע פון 50 000 דובלאָנען און חוץ דעם האָט ער בעפרייט די קריסטליכע בעלי-חובות פון צו בעצאָהלען זייערע חובות די אידישע קרעדיטאָרען. די בדלות-געשטעלטע אידען האָבען געמוזט פערקויפען זייער פערמעגען און אַפילו די עטרות פון די ספרי-תורות, בכדי צו בעצאָהלען די קאָנטריבוציע. אין וואַלאַדאָליד האָבען היינריכ׳ס באַנדעס צעשטערט אַכט שולען און בעגזל׳ט די אידען. גאַנצע קהילות זיינען דעמאָלט חרוב געוואָרען. בעזונדערס האָט געליטען די קהילה פון טאָלעדאָ, וואָס איהר איז אויסגעקומען, אינאיינעם מיט דעם קיניג פעדראָ׳ס קריסטליכע אָנהייגער, אויסצוהאַלטען אַ לאַנגע בעלע-גערונג (1369).

אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט שמואל צרצה דערציילט וועגען יענעם שרעקליכען יאָהר: „אַלע קהילות פון קאַסטיליען און לעאָן האָבען זיך געפונען אין זייער אַ צרה׳דיגער לאַגע. אויף אונז זיינען דעמאָלט מקוים געוואָרען אַלע קללות פון דער תוכחה... די הייליגע קהילה פון טאָלעדאָ, די קרוין פון ישראל, האָט אָנגעוואָהרען פאַר צוויי חדשים העכער צעהן טויזענד מענשען, וואָס זיינען געשטאָרבען פון הונגער, דחקות און צרות, בשעת די שטאָדט איז בעלעגערט געוואָרען דורך דון-אַנדרוק (היינריך)... אויסגעמאַטערט פון הונגער, האָבען די בעלעגערטע געקייט דעם פאַרמעט פון די הייליגע ספרים, געשלונגען לעדער און וואָל. אַ סך האָבען זיך געלאָזט לויפען פון שטאָדט אין קיניגליכען לאַגער אַריין, ווייל זיי האָבען געוואָלט בעסער שטאַרבען פון שווערד, איידער פון הונגער... אַ סך קהילות זיינען פערטיליגט געוואָרען; מחמת יאוש האָבען אַ סך אידען זיך אָבגעזאָגט פון זייער פאָלק. בעזונדערס גרויס איז געווען דער מאַ-טעריעלער דלות״.

צולעצט האָט היינריך אָבגעהאַלטען אַן ענטשיידענדען נצחון איבער זיין ברודער ביי מאָנטיעל (1369). ווען היינריך האָט בעגעגענט זיין שונא פעדראָ׳ן,

האָט ער אויסגערופען: „אָט איז דער דאָזיגער יהודי, אַ זוהן פון אַ זונה, וואָס רופט זיך אָן קיניג פון קאַסטיליען!" — און דערנאָך האָט ער געהייסען אַראָבהאַקען די קאָפּ ביים אומגליקליכען קיניג. אַז דער פּויפּסט אורבאַנוס דער V-טער האָט דאָס דערהערט, האָט ער מיט רשעות בעמערקט: „די גלויביגע קאָנען זיך נאָר פרייהען אויפ'ן טויט פון אַזאַ טיראַן, וואָס האָט מורד געווען קעגען דער קירך און האָט געשיצט אידען און סאַראַצינער".

די ערפאָלגען פון דער קלעריקאַלער רעאַקציע.

§ 125. אַז דער קרוין-רויבער היינריך דער II-טער איז געקומען צו דער ממשלה (1369 — 1379), האָט ער זיך נוקם געווען אָן די אידען דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען פעדראָ'ס אָנהיינגער, דורכדעם וואָס ער האָט אויפגעמאָנט אומגעהייער גרויסע קאָנטריבוציעס פון די אידישע קהילות, וואָס זיינען שוין סיי-ווי-סיי געווען בדלות-געשטעלט אין דער צייט פונ'ם בירגער-קריג. בשעת'ן אויפמאָנען די קאָנטריבוציע אין טאָלעדאָ פלעגט מען בעגייהן מורא'דיגע געוואַלדטאַטען — מען האָט פערקויפט די לעצטע שטיקעל בעלי-בתישקייט פון אָרימע לייט, מען האָט געוואָרפען אין תפיסות, מען האָט געפייניגט און אַפילו פערקויפט פאַר שקלאַפען אַזעלכע אידען, וואָס האָבען ניט געהאַט וואָס צו צאָהלען.

די קלעריקאַלע פאַרטיי און די פריצים, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער איהר השפעה, זיינען געגאַנגען אַ סך ווייטער אין זייערע פאָדערונגען פון גזירות קעגען אידען. די קאָרטעסען, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען אין טאָראָ (1371), האָבען געפאָדערט אַזעלכע מיטלען אויף איינצוזאַמען „דעם שלעכטען און עזות'דיגען שבט": מען זאָל ניט צולאָזען אידען צו עהרען-שטעלעס ביים קיניג אָדער ביי די גראַנדען, מען זאָל זיי ניט אָבגעבען אין חכירה די אָבצאָהלונגען און שטייערן, מען זאָל זיי צווינגען צו וואוינען אָבגעזונדערט פון קריסטען, אין בעזונדערע קוואַרטאַלען, מען זאָל זיי פערבאָטען צו בעווייזען זיך אויף די גאַסען אין טייערע קליידער, פאָהרען רייטענדיג אויף מויל-אייזלען און זיך אָנרופען מיט קריסטליכע נעמען.

דער קיניג האָט בעוויליגט עטליכע פון די דאָזיגע פאָדערונגען: ער האָט פערבאָטען די אידען זיך אָנצורופען מיט קריסטליכע נעמען און האָט ווידער איינגעפיהרט דעם אַלטען קאַנאָנישען געזעץ וועגען דעם, אַז זיי מוזען טראָגען אַ בעזונדער צייכען אויף זייערע אויבערשטע בגדים. דער לעצטער בעפעהל איז געווען בעזונדערס שווער פאַר די קאַסטילישע אידען, וואָס זיינען געווען געוואוינט צו אַ געוויסער בירגערליכער פרייהייט. זיי זיינען, פערשטייהט זיך, אַזוי גיך ניט מרוצה געוואָרען צו לאָזען זיך עפענטליך שטעמפּלען און האָבען מיט אַלע מיטלען אויסגעמיידט דעם שענדליכען קאַנאָנישען געזעץ. חוץ די דאָזיגע בעגרעניצונגען, האָט היינריך אָנגעטאָן נאָך אַ מאַטעריעלען היזק די אידישע וואָכערער, מחמת ער האָט בעפרייט די קריסטליכע בעלי-חובות פון צו בעצאָהלען אַ דריט-חלק פונ'ם געליהענעם קאַפּיטאַל.

נאָר ווייטער איז דער קיניג ניט געגאַנגען אין זיינע רעפּרעסיעס. ער האָט צו גוט פערשטאַנען די וויכטיגע ראָל פון אידען אין עקאָנאָמישען לעבען פון לאַנד, בכדי צו דערלאָזען זיי צו רעכטלויזיגקייט און פולקומענער פעראָרימונג. חוץ דעם האָט ער גופא זיך גענויטיגט אין די טובות פון אידישע פינאַנציעלע אַגענטען. אופ'ן פּראָטעסט פון די קאָרטעסען קעגען דעם, וואָס מען בעשטימט אידען מיט ענערגיע און בעלי-כשרונות אויף וויכטיגע שטעלעס אין דער פינאַנץ-פערוואַלטונג, האָט ער געענטפערט, אַז ער גייהט אין וועג פון זיין פאָטער אַלפאָנזאָ XI און פון די פריהערדיגע מלכים, וואָס האָבען געהאַלטען אין רעגירונגס-דיענסט אידען. היינריך II האָט בעשטימט פאַר אַ הויפּט-איינמאָנער פון די שטייערן אין קאַסטילען אַ סעווילער אידען יוסף פּיכאָן; אַן אַנדער געבילדעטער איד פון סעוויליאַ, שמואל אברבנל, האָט געהאַט אויך אַ בעדייטענדען איינפלוס ביים הויף.

צי איז דערפון געווען גרינגער דער מצב פון דער אידישער מאַסע? מסתמא ניט. די אידישע שרים אין שפאַניען האָבען שוין לאַנג אָנגעוואָהרען יענע מדות טובות, וואָס האָבען בעקרוינט די אַלטע מקורבים למלכות, אַ שטייגער ווי ר' חסדאי אבן-שפרוט און ר' שמואל הנגיד. די נייע שרים און נגידים האָבען געזאָרגט דער עיקר דערפאַר, אַז זיי זאָלען לעבען אין לוקסוס, זיי זאָלען קאָנען פוצען זייערע ווייבער און קינדער אין זייד און פעריל און נאָכמאַכען אין זייער לעבענס-פיהר די פערשווענדערישע קאַסטילישע גראַנדען. זיי האָבען ניט געוואָלט פערשטייהן, אַז דורך אַזאַ אויפפיהר דערוועקען זיי נאָר קנאה און שנאה אין דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וואָס פלעגט זאָגען: „אָט אַזוי ווערען אידען נתעשר; אין גיכען וועלען זיי אַלע ווערען גראַנדען!" דאָס, וואָס איינצעלנע פערזאָנען פלעגען גיך נתעשר ווערען, און טיילמאָלס דורך מיאוס'ע מיטלען און וועגען, אַ שטייגער ווי וואָכעריי אָדער פאָדראַדען, פלעגט ווערען אַרויפגעוואָרפען ווי אַ שולד אויף דער גאַנצער אידישער מאַסע, וואָס האָט געפיהרט אַ בעשיידענעם לעבען פון אַרבייטער. די הויפּט-איינמאָנערס פון די שטייערן פלעגען פון זיך בעשטימען אָרטיגע אַגענטען, על-פי-רוב פון זייערע אייגענע קרובים, — און די דאָזיגע פיסקאַלישע אַגענטען האָבען לויט זייער אַרט טועכץ שוין ניט געקאָנט זיין אָנגענומען ביים פאָלק.

אַ קרבן פון דער דאָזיגער אומבעליעבטהייט איז געוואָרען דער הויפּט-איינמאָנער יוסף פּיכאָן. צי האָט ער אָנגעגעבען אַ מסירה אויף זיינע פאָלקס-ברידער, אָדער ער האָט געהאַט אַ שייכות צו די געוואַלדטאַטען, וואָס זיינען אָבגעטאָן געוואָרען אין דער טאָלעדער קהילה ביים איינמאָנען די דערמאָנטע קריגס-קאָנטריבוציע, — על-כל-פנים דער אידישער בית-דין, אויסנוצענדיג זיין אויטאָנאָמיע, האָט איהם אָנערקענט פאַר אַ בוגד אָדער מלשין (מסור) און האָט איהם פער'משפט אונטער די אויגען צום טויט. דאָס איז געווען אין יענעם יאָהר, בשעת עס איז געשטאָרבען פּיכאָנ'ס בעשיצער, היינריך II. דער נייער קיניג יואַן I איז גראָד געוואָרען געקרוינט אין בורגאָס, און מען האָט איהם דערלאַנגט אויף בעשטעטיגען דעם פסק-דין פונ'ם אידישען בית-דין בנוגע צו

פיכאָנ׳ען. דער קיניג האָט ניט בעוויזען גוס אַריינצודרינגען אין דער זאַך און האָט אונטערגעשריבען דעם פסק-דין (1379). יוסף פיכאָן איז געוואָרען געקעפּט ביי זיך אין דערהיים דורך מורשים פונ׳ם בית-דין, מיט דער הילף פון דער סעווילער פּאָליציי.

אַז דער קיניג האָט זיך שפּעטער דערוואוסט וועגען די פּרטים פונ׳ם דאָזיגען משפּט און האָט אויסגעהערט די טענות פון פיכאָנ׳ס אָנהייגגער, איז ער געוואָרען שטאַרק אין כּעס. די סעווילער קריסטען זיינען אויך געווען אויפגעבראַכט איבער דער דאָזיגער האַרבער שטראָף. לויט דעם קיניגס בעפעהל זיינען די שולדיגע אין פיכאָנס טויט געוואָרען בעשטראָפט מיט טויט.

דער דאָזיגער פאַל האָט אויך געהאַט אַלגעמיינע רעזולטאַטען. דער קיניג יואַן האָט אָבגענומען ביי די רבנים דאָס רעכט צו משפּט׳ען אין קרימינעלע פּראָצעסען צווישען אידען, מחמת די „פאַלשקייטען״, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען (1380). אויף די פערזאַמלונגען פון די קאָרטעסען אין סאָריאַ און וואַלאַדאָליד זיינען אָנגענומען געוואָרען נאָך רעפּרעסיווע מיטלען. אידען האָט מען פערבאָטען מגייר צו זיין ניט בלויז קריסטען, נאָר אויך מחמדאַנער. ס׳זיינען אויפגעפרישט געוואָרען די קירכליכע פערבאָטען וועגען דעם, אַז אידען טאָרען ניט וואוינען אינאיינעם מיט קריסטען. קריסטליכע אַמען האָט מען פערבאָטען צו זויגען אידישע קינדער. דער קיניג האָט אָנגענומען נאָך איין איכטיגע החלטה: אַז להבא זאָל קיין איין איד אָדער מוסעלמאַנער ניט בעשטימט ווערען פאַר אַ פערוואַלטער איבער דער קאַסע פון קיניגליכען הויף (1385). זינט יענער צייט בעגעגענען זיך טאַקעביים קאַסטילישען הויף וויכטיגער אידישע פינאַנץ-אַגענטען און בעאַמטע. די קאָרטעסען אין וואַלאַדאָליד האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל אָבנעמען ביי די אידישע קהילות אויך דאָס רעכט צו האָבען זייער אייגענעם ציווילען בית-דין און זייערע אויסגעקליבענע „אַלקאַדען״ (דיינים); נאָר דער קיניג האָט זיך אָבגעזאָגט אָנצורירען דעם דאָזיגען יסוד פון דער אידישער אינעווייניגסטער אַוטאָנאָמיע.

די קלעריקאַלע ריכטונג האָט געלאָזען אַלץ טיעפערע וואָרצלען אין דער קאַסטילישער געזעלשאַפט. ס׳זיינען אָפטער געוואָרען די עפענטליכע ויכוחים מיט דער קריסטליכער גייסטליכקייט, וואָס זיינען געווען אַזוי געפעהרליך פאַר אידען. די לאַגע פון די אידישע טעאָלאָגען, וואָס מען האָט זיי געצוואונגען צו נעמען אַן אָנטייל אין אַזעלכע ויכוחים, איז געווען זייהר אַ שווערע: אָפען אַרויסזאָגען זייערע טענות קעגען זייערע אָפּאָנענטען האָבען זיי ניט געקאָנט, מחמת די האָבען מורא געהאַט צו דערוועקען דעם כּעס פון די גדולים אָדער פונ׳ם פאָלק; פערקעהרט, מאַכען הנחות — וואָלט געהייסען טון קעגען די איבערצייגונגען און עפענטליך זיך אָבזאָגען פון די עיקרים פון דער יהדות. די קאַטוילישע גייסטליכקייט פלעגט געוויינליך איבערגעבען גע׳שמד׳טע אידען צו פיהרען די ויכוחים וועגען גלויבען מיט זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער.

בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט אין דעם פרט דער משומד יואַן פון וואַלאַדאָליד. אין בורגאָס האָט ער געפיהרט אַ רעליגיעזען ויכוח מיט אידען,

אין דער געגענוואַרט פֿונ׳ם טאָלעדער אַרכיביסקופּ אין אַווילאַ איז דער ויכּוח פֿאָרגעקומען אין אַ קאַטוילישער קירך, אין דער געגענוואַרט פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער אידישער קהילה, פֿון אַ סך קריסטען און מחמדאַנער (1375). מצד די אידען איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטען קעגען יואַנ׳ען ר׳ משה דע-טאָרדעסילאַס, אַ גרינדליכער קענער ניט בלויז פֿון דער אידישער, נאָר אויך פֿון דער קריסט-ליכער טעאָלאָגיע. ר׳ משה האָט שפּעטער פֿערעפֿענטליכט דעם אינהאַלט פֿונ׳ם ויכּוח אין אַווילאַ אין אַ ספֿר׳ל, אונטערן נאָמען „עזר האמונה”, און האָט צוגע-שיקט דעם דאָזיגען ספֿר׳ל דער קהילה פֿון טאָלעדאָ, בכדי די דאָרטיגע מתוכּחים זאָלען קאָנען עס אויסנוצען, אַז מען וועט דאַרפֿען. דערביי האָט ער זיי גע-געבען אַן עצה זיך אָבצוהאַלטען אין רעליגיעזע ויכּוחים פֿון שאַרפֿע אויסדרוקען, וואָרום „קריסטען האָבען כּח און קאָנען מיט׳ן קלאַפּ פֿון פֿויסט מאַכען שווייגען דעם אמת”.

דער קאַרדינאַל פּעדראָ דע-לונאַ, וואָס איז שפּעטער געוואָרען פּויפּסט אונטער׳ן נאָמען בענעדיקטוס דער XIII-טער, האָט עפֿענטליך געפֿיהרט אַ ויכּוח וועגען גלויבען מיט׳ן געלערנטען אידען ר׳ שם טוב שפּרוט פֿון טודעלאַ. זיין פֿערטיידיגונג פֿון אידישקייט האָט ר׳ שם טוב אויפֿגעשריבען אינ׳ם בע-וואוסטען ספֿר „אבן-בוחן” אין יאָהר 1380.

אַזוי איז בהדרגה איינגעפֿלאַנצט געוואָרען דער גייסט פֿון גלויבענס-שנאה און אומטאָלעראַנץ אין דער געזעלשאַפֿט, וואָס צווישען איהר האָבען די אידען נאָך גאָר ניט לאַנג געווירקט, ווי פֿרייע בירגער, און האָבען גענומען אַ לעבע-דיגען אנטייל אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע בעוועגונגען. די אַגיטאַציע פֿון די דאָמיניקאַנער און פֿון די איבעריגע ריטערס פֿונ׳ם קלעריקאַליזם האָט געווירקט דאָ פּאַמעליך, אָבער זיכער. די קלעריקאַלע רעאַקציע האָט מדרגות׳וויז, ווי אַ וואָרים, צעפֿרעסען די יסודות פֿון דער לפֿי-ערך פֿרייער געזעלשאַפֿטליכער אָרדענונג פֿון קאַסטיליען און האָט זי דערנעהענטערט צום אַלגעמיינעם מיטעל-אַלטערליכען טיפּ. אין דער דאָזיגער שולע איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דער בעקאַנטער היסטאָרישער טיפּ פֿונ׳ם שפּאַניער — אַ ווילדען, ליידענשאַפֿטליכען און בלוטדאָרשטיגען פֿאַנאַטיקער, וואָס האָט שפּעטער בעשאַפֿען די שרעקליכע אינ-קוויזיציע אויף צו פֿערטיליגען אידען, מוסולמאַנער און אַפּיקורסים. זינט דעם סוף פֿון דעם XIV-טען יאָהרהונדערט בעמערקט זיך אַן איבערגאַנג פֿון דער פֿריהערדיגער קולטיווירטער שפּאַניען צו דער האַלב-באַרבאַרישער שפּאַניען פֿון פֿערדינאַנד דעם קאַטוילישען און פֿיליפּ דעם II-טען. דאָס דאָזיגע לאַנד האָט שפּע-טער פּאַר אַנדערע אָנגענומען די מיטעלאַלטערליכע אָרדענונג, נאָר דערפֿאַר האָט זי זיך געהאַלטען דאָרט אַ סך לייגגער און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַזעלכע סצענעס, וואָס וועלען נאָך מאַכען ציטערן די שפּעטסטע דורות.

דריטער קאפיטעל.

דער קאמף פונ'ם רביניזם מ'יט דער פילאסאפ'שער פריידיינקעריי.

(דאָס גייסטיגע לעבען אין פראַנקרייך און שפּאַניען אין XIII – XIV יאָהרה.).

דעם רמב"מ'ס אַנהייגגער און זיינע געגנער.—די פערברענונג פונ'ם רמב"מ'ס ספרים.—אָבקלאַנגען אין אָריענט. — די ירידה פון רביניזם אין פראַנקרייך און זיין וואַקסען אין שפּאַניען. — פילאָסאָפיע און פריידיינקעריי. — דער נייער „קולטור-קאמף" און די אָבשאַפונג פון וועלטליכער בילדונג. — די קולטור פון דער פראָוואַנס ביים אונטערגייהן. — די „טורים" און די פוסקים פון XIV יאָהרהונדערט. — די מיסטישע טעאָסאָפיע. — די בעלי קבלה און פאַלשע משיחים. — ר' משה די ליאון; דער „זהר".

דעם רמב"מ'ס אַנהייגגער און זיינע געגנער.

§ 126. זינט דער פויפּסט אינאָקענטיוס דער III-טער האָט געשאַפען אַן אַלגעמיין-אייראָפּייאישע קלעריקאַלע אָרגאַניזאַציע, בכדי צו רודפ'ן אַלעמען, וואָס גלויבט אַנדערש און דיינקט אַנדערש, ווי דער קאַטוילּיציזם הייסט,—הויבט אָן בעדייטענד שטאַרקער צו ווערען די אָרטאָדאָקסאַלע רעאַקציע אויך צווישען די אידען פון יענע לענדער, וואו פריהער האָט געהערשט אַ פרייע קולטור, דאָס הייסט אין שפּאַניען און דרום-פראַנקרייך. אין די אָנפיהרענדע קרייזען פון אידישען פאָלק איז אַלץ דייטליכער געוואָרען קענטיג די שטרעבונג זיך אָבצוזונדערן פון דער אַרומיגער פיינדליכער וועלט, צו פערפעסטיגען זיין גייסטיגע פּאָזיציע און מאַכען די יהדות פאַר אַ געצייג פון נאַציאָנאַלען שוץ. דאָס האָט בעדייט: אַרויפלייגען אַ צאַם אויף דער פרייער קולטור און שטאַרקער מאַכען יענע רעליגיעזע דיסציפּלין, וואָס האָט פאַר'ן אידישען פאָלק אין דער עפּאָכע פון דער „קריגערישער קירך" געהאַט די בעדייטונג פון מיליטערישער דיסציפּלין.

די גייסטיגע רעאַקציע האָט זיך אָנגעהויבען גראָד אין יענעם מאָמענט, בשעת אין שפּאַניען און אין דער פראָוואַנס האָט דערגרייכט צו איהר בליהונגספונקט די ברייטע גייסטיגע שאַפונג, וואָס איז געווען בעלעבט דורך דעם רמב"מס

ענציקלאָפּעדישער אַרבייט. אינאָקענטיוס דער III-טער און רמב"ם האָבען געלעבט אין איין צייט, און אין דער צייט וואָס די קריגערישע קירך האָט געצוואונגען דעם אידישען גייסט זיך איינצושמידען אין׳ם שווערען תּלמודישען פּאַנצער, האָט דער גרויסער פילאָסאָף איהם געדופען אויף די הויכקייטען פון פרייען געדאַנק. ביי אַזעלכע תּנאים האָט געמוזט קומען צו אַ צוזאַמענשטויסונג צווישען די פאַר־שטייהער פון קאָנסערוואַטיווען געדאַנק און צווישען די פּראָגרעסיסטען, צווישען די פערטיידיגער פון דער נאַציאָנאַל־גייסטיגער זעלבשטענדיגקייט און צווישען די אָנהייגער פון אינדיווידועלער פרייהייט אין׳ם געביט פון גייסטיגען שאַפען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסער קולטור־קאַמף, וואָס האָט געדויערט העכער הונדערט יאָהר.

אין אָנהויב איז דער קאַמף געפיהרט געוואָרען אויסשליסליך וועגען דעם רמב"ם׳ס רעליגיעז־פילאָסאָפישע שיטה. ס׳זעהט אויס, ווי אַ חוזק פון דער גע־שיכטע, אַז דיזעלביגע שיטה, וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציעל צו מאַכען שלום צווישען אמונה און שכל, האָט געבראַכט פערקעהרט צו אַן ענטשיידענער צו־זאַמענשטויסונג צווישען די דאָזיגע פערשיידענאַרטיגע עלעמענטען. נאָך בשעת דער רמב"ם האָט געלעבט, האָבען זיך געלאָזט הערען פונ׳ם לאַגער פון די אָנהייגער פונ׳ם אַלטערטום שאַרפע פאָרוואורפען דעם מחבר פון דער „משנה תּורה" פאַר זיין פריידיינקעריי אין די פראַגען פון דאָגמאַטיק און פאַר זיין אָפען אַרויסגעוויזענער כּוונה אָבצוציהען די לומדים פון צו לערנען דעם תּלמוד (§ 110). דער ערשטער ספר פון מיימוני׳ס „יד החזקה" (ספר המדע—ד ע ר ב ו ך פ ו ן ווי ס ע ן), וואו די דאָגמאַטיק פון דער יהדות איז אַרויסגעשטעלט אין אַ פילאָ־סאָפישער בעלייכטונג, האָט אויסגעוויזען די אָרטאָדאָקסען, ווי אַ געפעהרליך אַפּיקורסיש ווערק, וואָס האָט דעם ציעל אומצומאַכען די טראַדיציאָנעלע פאָר־שטעלונגען וועגען גאָט, נסים און עולם־הבא אין אַ מין מעטאַפיזישע אַבסטראַק־ציעס. נאָך מעהר האָט דערוועקט זייער צאָרן דער „מורה נבוכים", וואו די רעליגיע איז, פונקט להיפוך צום בעוואוסטען מיטעלאַלטערליכען טעזיס, געמאַכט געוואָרען פאַר אַ משרת׳טע ביי דער פילאָסאָפיע. די ווייטזיכטיגע צווישען די אָרטאָדאָקסען האָבען איינגעזעהן אַ סכּנה פאַר דער נאַציאָנאַלער יהדות אין דער אַלגעמיינער ריכטונג פונ׳ם רמב"ם׳ס שיטה, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן גייסט פון אַריסטאָטעליזם און „חכמת יונית".

און דערווייל איז די דאָזיגע ראַציאָנאַליסטישע שיטה גיך פערשפּרייט געוואָרען צווישען די געבילדעטע קלאַסען און האָט בעקומען הייסע אָנהייגער. זייער צאָהל איז געווען בעזונדערס גרויס אין קאַסטיליען, אַראַגאָניען, פּראָוואַנס, וואו דעם רמב"ם׳ס „מורה" איז געגאַנגען פון האַנד צו האַנד אין דער העברייאישער איבערזעצונג פון אבן־תּבון און פונ׳ם פּאָעט אַלחריזי. און פאַר די פריידיינקער איז ער געווען אַ גאַנצער קוואַל פון נייע חכמה. די „אַפּיקורסות" איז אויף אַזאַ אופן אַלץ מעהר געוואַקסען, און אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען די אומרוהיגקייט פון די קאָנסערוואַטאָרען.

אלס איינער פון די ערשטע פאָרקעמפער מצד דער אָרטאָדאָקסאַלער

פּאַרטיי איז אַרויסגעטראָטען אַ יונגער תּלמודיסט ר׳ מאיר הלוי אבולאַפיא, דער פאָרשטייהער פון דער טאָלעדער קהילה, וואָס האָט געהאַט מעהר אַריסטאָקראַטישע גאוה, איידער כשרונות פון אַ קעמפער פאַר אַן אידייע. אַן ערך אין יאָהר 1205 האָט ער אָנגעשריבען „אַ בריעף פון אַ קנאי צו די חכמי לונעל״, וואו ער האָט אין שאַרפע אויסדרוקען געטאַדעלט די אַפּיקורסות, וואָס ער האָט געפונען אין רמב״מ׳ס „ספר המדע״, אין דער ראַציאָנאַליסטישער תורה וועגען עולם-הבא.

דער דאָזיגער בריעף האָט אויפגערעגט דעם רמב״מ׳ס אָנהייגער אין לונעל. רבי אהרן בן משולם האָט אין זיין ענטפער בעמערקט דעם קנאי פון טאָלעדאָ, אַז פאַר אַ מענשען, וואָס איז יונג סיי לויט די יאָהרען און סיי לויט׳ן שכל, פּאַסט ניט אָנצופאַלען אויף אַזאַ געדאַנקען-ריז, ווי דער רמב״ם. דער אַלטער ראש-הקהילה פון באַרצעלאָנאַ, ר׳ ששת בנבנישתי (§ 87) האָט אָנגעשריבען אַ שאַרפע עפּיגראַמע אויף ר׳ מאיר אבולאפיא: „רופען רופט מען איהם דערלויכטער (מאיר), און ער גופא גייהט גאָר אום אין פינסטערניש״.

ווען אַבולאַפיא האָט בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד די ליבעראַלע פּראָוואַנסאַלישע געלערנטע, האָט ער זיך געווענדט צו די רבנים פון צפון-פראַנקרייך — און דאָ האָט ער געפונען שטאַרקע מיטקעמפער אין זיין מלחמה קעגען די פריידיינקער. דער פראַנצויזישער בעל-התוספות ר׳ שמשון פון שנץ (סאַן), וואָס האָט דערנאָך זיך אַריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל, האָט אויסגעדריקט זיין צופרידענקייט מיט דער אַגיטאַציע פונ׳ם טאָלעדער קנאי און האָט אַליין אָנגעשריבען אַ חיבור קעגען רמב״ם, וואָס איז איבעריגענס ניט דערגאַנגען צו אונז.

דאָס איז געווען בלויז אַ פאָרשפּיעל צום קאַמף. די אמת׳ע מלחמה צווישען דעם רמב״מ׳ס אָנהייגער און זיינע געגנער האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין אַ פערטיל יאָהרהונדערט אַרום. פאַר יענעם משך צייט זיינען פאָרגעקומען געשעהענישען, וואָס האָבען בעזונדערס אָנגעריהרט די אידען פון דרום-פראַנקרייך אָדער פּראָוואַנס. ס׳זיינען געוואָרען פערעפענטליכט די שענדליכע בעשלוטען פון דער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג פון יאָהר 1215, די קלעריקאַלען האָבען זיך אָבגערעכענט מיט די אַפּיקורסים-אַלביגאָנזער און מיט זייערע אידישע בעגייסטערער, ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער אָרדען דאָמיניקאַנער און עס האָט זיך איינגעפעסטיגט דער געהיימער טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע.

אין דערזעלביגער צייט האָבען זיך אַלץ מעהר פערשפּרייט צווישען דער אידישער אינטעליגענץ עקזעמפּלאַרען פונ׳ם „מורה נבוכים״, און עס איז געוואַקסען די צאָהל פון די פריידיינקער. די פריידיינקעריי האָט זיך אויסגעדריקט ניט בלויז אין מיינונגען, נאָר אויך אין מעשים. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ סך האָבען אויפגעהערט אָבצוהיטען אַזעלכע מצוות מעשיות, ווי לייגען תפילין ביים דאַווענען, און אין שפּאַניען האָבען אַנדערע ערלויבט זיך צו נעמען ריסטליכע פרויען אָדער צו לעבען אַזוי מיט קריסטינס.

די קאָנסערוואַטיווע רבנים האָבען בעשולדיגט אין אַלצדינג די פילאָסאָפיע. זיי האָט זיך געדוכט, אַז אויב מען פיהרט אַריין ראַציאָנאַליסטישע אידייען אינ'ם געביט פון גלויבען און רעליגיעזע צערעמאָניעס, מוז מען דורכדעם שוואַכער מאַכען דעם „סייג לתורה". זיי האָבען געהאַלטען, אַז דעם רמב"מ'ס שיטה אַרויסצוגעפינען ראַציאָנאַלע ערקלערונגען פאַר די חוקים פון דער יהדות מוז אונטערגראָבען די אַכטונג צו די דאָזיגע חוקים, וואָרום אַזוי אַרום קאָן מען נאָך קומען צום בעשלוס, אַז אַזעלכע רעליגיעזע געבאָטען, וואָס דער מענשליכער שכל איז זיי ניט תופס, זיינען ניט אַזוי וויכטיג אָדער אַפילו אינגאַנצען ניט נויטיג. „דער רמב"ם — פלעגען זאָגען די געמעסיגטע קאָנסערוואַטיווע — האָט בעפעסטיגט די וואָרצלען פון דער רעליגיע (איהרע עיקרים), נאָר ער האָט אָבגעהאַקט איהרע צווייגען". די אויסערסטע קנאים ווידער, וואָס האָבען ניט דערלאָזען קיין שום פשרות צווישען רעליגיע און וויסענשאַפט, האָבען בעהויפטעט, אַז דעם רמב"מ'ס שיטה גראָבט אונטער די יהדות.

בראש פון דער דאָזיגער עקסטרעמער פּאַרטיי האָט זיך געשטעלט אַן ענערגישער תלמודיסט, אַ פאַנאַטישער אָנהייגער פון די אַלטע טראַדיציעס, ר' שלמה בן אברהם פון מאָנפעליע (מן ההר). ער האָט אַזוי ווי אויסגעלערנט זיך ביי די דעמאָלטיגע קריסטליכע קלעריקאַלען די מיטלען, ווי אַזוי מען בעדאַרף קעמפען מיט פריידיינקער, און האָט בעשלאָסען אָנצוּווענדען די אייגענע מיטלען אויך בנוגע צו אידישע אפיקורסים און אפקורסישע ספרים. אינאיינעם מיט זיינע צוויי תלמידים, די פרומע רבנים ר' יונה גירונדי (פון געראָנאַ) און ר' דוד בן-שאול, האָט ר' שלמה פייערליך אויסגערופען אַ חרם אויף אַלע, וואָס פערנעמען זיך מיט פילאָסאָפיע און „חכמות חיצוניות" בכלל, און אויף די, וואָס שטודירען דעם רמבמ"ס פילאָסאָפישע ווערק („מורה נבוכים" און „ספר המדע") בפרט, און אויך אויף די, וואָס ווילען זיך דערוועגען איינצוטייטשען די טראַדיציעס פון תנ"ך און פון תלמוד אין ראַציאָנאַליסטישען גייסט (אין אָנהויב פון יאָהר 1232).

דער קנאי פון מאָנפעליע און זיינעביידע חברים האָבען אויך געזוכט זיך אָנהייגער אין אַנדערע לענדער, בכדי צו פערשפרייטען דעם כח פון זייער חרם אויף אַ וואָס גרעסערער צאָהל קהילות. אַזעלכע חברים בדעה האָבען זיי געפונען אין צפון-פראַנקרייך, וואו עס האָט שוין פון לאַנג אָן געהערשט די איינג סכאָלאַסטישע ריכטונג פון די בעלי-התוספות. צום רמב"מ'ס געגנער איז צוגעשטאַנען דער דעמאָלטיגער ראש וראשון פון די צפון-פראַנצויזישע תלמודיסטען, דער פּאַריזער רב רבי יחיאל.

אַז דעם רמב"מ'ס אָנהייגער אין פּראָוואַנס זיינען געוואָהר געוואָרען וועגען חרם, וואָס איז אויסגערופען געוואָרען אין מאָנפעליע און וואָס איז געוואָרען אונטערגעהאַלטען אין צפון-פראַנקרייך, זיינען זיי געוואָרען שטאַרק אין כעס. זיי האָבען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען די בעליידיגונג, וואָס מען האָט אָנגעטאָן „דעם גרויסען רבי'ן", וואָס זיין געדעכעניש איז הייליג ביי די אידען פון מזרח און פון מערב; נאָך מעהר האָט זיי בעאומרוהיגט די געפעהרליכע שפּאַלטונג,

וואָס האָט געקאָנט פּאַרקומען אין פאַלק מחמת דער קעגענזייטיגער שנאה פון די פּאַרטייען. די געלערנטע פון לונעל, בעזיער און נאַרבאָן האָבן עפענטליך פערשאָלטען ר׳ שלמה׳ן און זיינע צוויי חברים און האָבן ערקלערט, אַז דער חרם קעגען רמב״מ׳ס אָנהייגער איז ניט גילטיג.

די קהילה אין מאָנפּעליע גופא האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערס: די פינסטערע מאַסע האָט געפאָלגט איהר רב, ר׳ שלמה׳ן; אָבער דער געבילדעטער טייל פון דער געזעלשאַפט איז געווען קעגען איהם. עס איז דערגאַנגען ערטערוויַיז צו שאַרפע סכסוכים און אַפילו צו עפענטליכע געשלעגען.

די אינעווייניגסטע מחלוקת איז אין גיכען אַריבער די גרעניצען פון דער פּראָוואַנס און האָט אַרומגענומען די שכנישע געגענד׳ען פון אַראַגאָניען. דער ראש הקהילה פון סאַראַגאָסאַ, דער לייב-דאָקטאָר פון׳ם קיניג יאַקאָב דער I-טער, ר׳ בחיי אַלקאָנסטאַנטיני, אונטערשטיצט דורך צעהן בכבוד׳ע מיטגלידער פון דער קהילה, האָט אויסגערופען אַ קעגען-חרם אויף די אָנפיהרער פון׳ם רמב״מ׳ס געגנער — ר׳ שלמה פון מאָנפּעליע, ר׳ יונה גירונדי און ר׳ דוד בן שמואל. ניט צופרידען דערמיט, האָבען די סאַראַגאָסער מיימוניסטען זיך געווענדט מיט אַ צירקולאַר-בריעף צו אַנדערע קהילות פון אַראַגאָניען און האָבען זיי אויפגערופען, „זיי זאָלען אויפשטייהן צו פערטיידיגען משה׳ן (רמב״ם) און זיין הייליגע תורה, יענעם משה׳ן, וואָס האָט אונז אַרויסגעצויגען פון׳ם זומפ פון עם-הארצות, פערבלאָנזשענישען און נאַרישקייט און צווישען אונז אַיינגעפלאַנצט דעם עץ-הדעת". אין׳ם בריעף ווערט בעשטימט אַרויסגעזאָגט, אַז לויט דעם גייסט פון די ערשטע לעהרער פון דער יהדות איז לא די וואָס מען מעג לערנען פילאָסאָפיע און וועלטליכע וויסענשאַפטען, נאָר אדרבה, דאָס איז נאָך אַ מוז-זאַך פאַר אַ אידען (יולי 1232). בעקומען דעם דאָזיגען בריעף, זיינען פיער קהילות פון אַראַגאָניען (הועסקאַ, מאָנצאָן, קאַלאַטאַיוד און לערידאַ) צוגעשטאַנען צו די סאַראַגאָסער און האָבען בעשטעטיגט דעם חרם קעגען די מתנגדים פון רמב״ם.

נאָר אויך אין דער געבילדעטער שפּאַניען זיינען געווען אַזעלכע רבנים, וואָס זיינען געווען מעהר נוטה צום צד פון די געגנער פון דער פילאָסאָפיע. דער בעריהמטער תלמודיסט און מפרש פון דער תורה ר׳ משה בן נחמן פון געראָנאַ אָדער רמב״ן, דער העלד פון׳ם ויכוח אין באַרצעלאָנאַ (§ 122), האָט זיך געווענדט צו די קהילות פון קאַסטיליען, נאַווארא און אַראַגאָניען מיט דער עצה, זיי זאָלען ניט משפט׳ען ר׳ שלמה פון מאָנפּעליע און זיינע צוויי חברים פריהער, איידער זיי וועלען אויסהערען זייערע טענות, וואָס קאָנען זיך אַרויסווייזן פאַר גערעכט; דערביי האָט דער רמב״ן זיך סומך געווען אויפ׳ן אַווטאָריטעט פון די צפון-פראַנצויזישע רבנים, וואָס האָבען אויסגעדריקט זייער מיטגעפיהל די קנאים. דער אַלטער שונא פון׳ם ראַציאָנאַליזם, ר׳ מאיר אבולאפיא, איז אַוועק נאָך ווייטער און האָט דערקלערט אין זיין בריעף צום רמב״ן, אַז די קנאים פון מאָנפּעליע האָבען בלי-ספק אויפגעטאָן אַ דבר גדול, וואָרום זיי האָבען אָבגעטיילט פון דער טשערעדע פון די רעכטגלויביגע אַלע יענע, וואָס, „פערלאָזענדיג זיך אויף זייער שכל, זאָגען זיי, אַז גאָט פאָדערט גאָרניט, מען

זאָל אָבהיטען די מצות מעשיות, נאָר בלויז אינעווייניגסטע כוונות אינ'ם גייסט פון דער פילאָסאָפישער חקירה". אבולאַפיא האָט פערזיכערט, אַז די ערשטקלאַסיגע קהילה פון קאַסטיליען, די טאָלעדער, וועט ניט צושטייהן צום פראָטעסט פון די פריידיינקער.

און באמת טאַקע האָט דער ראש הקהל פון טאָלעדאָ, דער געאַכטער „נשיא" ר' יהודה אלפאַכר, זיך ניט אָבגערופען אויפ'ן פראָטעסט פון דעם רמב"מ'ס אָנהייגער, וואָרום ער האָט מיטגעפיהלט די מעשים פון דער אָרטאָקדאָקסאַלער פּאַרטיי. היות ווי מען האָט געוואָלט אַריבערציהען דעם דאָזיגען אייגפלוסרייכען מאַן און דורך איהם די פאָרשטייהער פון די איבעריגע קהילות פון קאַסטיליען אויפ'ן צד פון די מיימוניסטען, — בכן איז דער אַלטער געלערנטער און מדקדק רבי דוד קמחי פון נאַרבאָן (§ 107) געפאָהרען פערזענליך קיין טאָלעדאָ. אונטערוועגס, אין אַווילאַ, איז ער קראַנק געוואָרען, און האָט דעריבער אַוועקגעשיקט צו אַלפאַכר'ן אַ בריעף און געבעטען איהם, ער זאָל אָנווענדען זיין איינפלוס אויף אַיינצוהאַלטען די שונאים פון וויסענשאַפט. ס'איז פאָרגעקומען אַ שריפטליכער מיינונג-אויסבייט. וואָס האָט איבערצייגט קמחי'ן, אַז ער האָט צו טון מיט אַן ענטשיידענעם געגנער. אין זיינע בריעף, וואָס זיינען געוועזן שאַרף לויט'ן טאָן, האָ אַלפאַכר בעשולדיגט דעם רמב"ם אין דער שענדליכער שטרעבונג צו פעראייניגען צוויי זאַכען, וואָס לאָזען זיך ניט פעראייניגען — צונויפגיסען די גריכישע פילאָסאָפיע מיט דער יהדות, וואָס דאָס דאַרף ברייגען שאָדען דער לעצטער, וואָרום צווישען דער תורה און דער „חכמת יונית", וואו עס הערשט די „סאָפיסטיק", וועט שטענדיג זיין אַ סתירה, וואָס מען קאָן זי ניט אויסגלייכען. זיי קאָנען ניט לעבען מיט אַנאַנד ווי צוויי שוועסטער, נאָר אַזוי ווי די צוויי פרויען אין דער מעשה מיט שלמה המלכ'ס משפט, וועלען זיי שטענדיג זיך קריגען צווישען אַנאַנד, ווּעמענס איז „דאָס לעבעדיגע קינד", ד. ה. דער אמת. אין „מורה נבוכים" זיינען פאַרהאַן, לויט אַלפאַכר'ס מיינונג, אַ סך אַפּיקורסישע געדאַנקען, אַ שטייגער ווי די בעהויפּטונג, אַז דאָס וואָס די זון האָט זיך אָבגעשטעלט אין גבעון אָדער וואָס בלעמ'ס אייזעל האָט גערעדט — איז מעהר ניט ווי פּאָליטישע מעשיות. אַרויסגייהענדיגט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט, זאָגט ער, קאָן מען דערגייהן ביז צום לייקענען אין אַלע נסים פון תנ"ך און אונטערגראָבען די יסודות פון דער יהדות. אַלפאַכר לייקענט ניט אָב דעם רמב"מ'ס גרויסע פערדיענסטען אינ'ם געביט פון דער געזעץ-וויסענשאַפט, נאָר ער איז זיך מצער דערויף, וואָס דורך זיין „מורה" האָט דער פילאָסאָף אָנגעטאָן ניט ווינציג בייז דעם אידישען פאָלק, און ער האָט תרעומות אויף אבן-תבון, וואָס האָט איבערזעצט דעם ספר אויף העברייאיש. דעריבער איז ער אינגאַנצען אַיינשטימיג מיט דער אויפפיהרונג פונ'ם פאַנאַטיקער שלמה פון מאָנפּעליע און פון זיינע חברים.

אין דערזעלביגער צייט איז דער רמב"ן, נאָכדעם ווי ער האָט בעמערקט, אַז דער קאַמף ווערט שאַרפער, אַרויסגעטראָטען נאָך אַמאָל מיט אַ פאָרשלאָג וועגען שלום: אַראָבצונעמען דעם חרם פונ'ם „יד החזקה", וואו עס איז ניטאָ

קיין שום אַנטי-רעליגיעזע געדאַנקען, און איבערלאָזען גילטיג דעם איסור צו פּאָפּולאַריזירען דעם פילאָסאָפישען „מורה". די דאָזיגע פשרה האָט ניט בעפרידיגט קיין איינעם פון די צדדים. דער קאַמף האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט און איז אַריינגעטראָטען אין'ם שאַרפסטען פאַזיס.

די פערברענונג פון'ם רמב"מ'ס ספרים; אָבקלאַנגען אין אָריענט.

§ 127. אַז דער פאַנאַטיקער ר' שלמה פון מאָנפעליע האָט זיך דערוואוסט וועגען חרם, וואָס דעם רמב"מ'ס אָנהייגער האָבען אויף איהם אַרויפגעלייגט, איז ער מורא'דיג אויפגעקאָכט געוואָרען, און אין דער היץ פון זיין קנאות האָט ער אָבגעטאָן אַ שרעקליכע מעשה. אין יענער צייט האָט די קאַטוילישע אינקוויזיציע, וואָס איז לויט דעם ווילען פון גרעגאָר IX געוואָרען פון אַ צייטווייליגען געריכט אַ שטענדיגער (1233), זיך פערנומען מיט דער פערטיליגונג פון די לעצטע רעשטען פון דער אַלביגאָנעזער אַפּיקורסות. איינע פון די אָבטיילונגען פון'ם דאָזיגען געריכט האָט זיך געפונען אין דער שטאָדט מאָנפעליע ביים דאָמיניקאַנער קלויסטער.

בכן האָבען די ליידענשאַפטליכע קנאים פון דער סינאַגאָגע און שונאים פון דער אידישער פריידיינקעריי אַ טראַכט געטאָן, אַז זייערע ציעלען שטייהען אין אַ געוויסער מאָס בהסכם מיט די ציעלען פון די קנאים פון דער קירך: די שונאים פון די אַלביגאָנעזער אַפּיקורסים. זיינען ר' שלמה און זיין חבר ר' יונה גירונדי געקומען צו די דאָמיניקאַנער און האָבען צו זיי אַזוי געזאָגט: „זייט וויסען, אַז אין אונזער שטאָדט זיינען פאַרהאַן אַ סך אַפּיקורסים און זינדיגע, וואָס האָבען זיך געלאָזט אַראָבפיהרען פון וועג דורך דער תורה פון משה פון מצרים (דער רמב"ם), דעם מחבר פון זינדיגע פילאָסאָפישע ספרים. אויב איהר פערטיליגט אייערע אַפּיקורסים, טאָ פערטיליגט אויך אונזערע און פערברענט די שעדליכע ספרים". דערביי האָבען זיי פאַרגעלייגט די מאָנאַכען אַ רייה ציטאַטען פון רמב"מ'ס ספרים, וואָס זיינען מסוגל אַרויפצויאָגען אַ שרעק אויף די פיינד פון פרייען געדאַנק.

די דאָמיניקאַנער האָבען מורא געהאַט, טאָמער וועלען די מיינונגען פון'ם אידישען פילאָסאָף ווערען פערשפרייט צווישען קריסטען (דער „מורה" איז שוין געווען איבערזעצט אויף לאַטייניש), און דעריבער האָבען זיי בעשטימט, מיט'ן הסכם פון דער העכסטער גייסטליכקייט, צו פערברענען דעם רמב"מ'ס ספרים. אין מאָנפעליע האָט מען געמאַכט אונטערזוכונגען אין די הייזער פון די אידען און די עקזעמפּלאַרען פון'ם „מורה" און פון'ם „ספר המדע" זיינען עפענטליך פערברענט געוואָרען (1233). אַ דאַנק דער השתדלות פון ר' יונה גערונדי איז פונקט אַזאַ אויטאָ-דאַ-פע איבער די דאָזיגע ספרים געמאַכט געוואָרען אויך אין פּאַריז; ווי מען דערציילט, איז דער שייטערהויפען אויף צו פערטיליגען די

דאָזיגע ספרים אָנגעצונדען געוואָרען מיט אַ ליכט, וואָס מען האָט געבראַכט פונ׳ם אַלטאַר פון אַ קאַטוילישער קירך.

דער דאָזיגער בונד צווישען די פאַנאַטיקער פון דער סינאַגאָגע מיט די פאַנאַטיקער פון דער קירך, די ערגסטע שונאים פון אידישען פאָלק, האָט שטאַרק דערצאָרנט די קהילות פון דער פראָוואַנס און שפאַניען. אַפילו די געמעסיגטע פאַרטיי האָט זיך אָבגעשאָקעלט פון ר׳ שלמה׳ן און זיינע חברים, ווי פון בוגדים קעגען פאָלק און נידעריגע מוסרים. אויף די קעפ פון די גרויסע קנאים האָבען זיך אַ שאָט געטאָן קללות; מען האָט זיי פאָרגעוואָרפען זייער שולד אין אַ רייה אָפענע בריעף. דער באַרצעלאָנער שריפטשטעלער ר׳ אברהם בן-חסדאי, וואָס האָט איבערזעצט פון אַראַביש דעם דידאַקטישען ספר „בן-המלך והנזיר״ (פרינץ און דערוויש) און וואָס איז געווען דעם רמב״מ׳ס אַ הייסער אָנהייגער, האָט אָנגעשריבען אַ צירקולאַר-בריעף צו די קהילות פון שפאַניען, וואָס איז פול מיט כעס אויף די שונאים פון פרייען געדאַנק. דער רמב״ן און ר׳ מאיר אבולאַפיא, וואָס האָבען זיך פערשעמט איבער דער מעשה פון די פאַנאַטיקער פון מאָנפעליע, זיינען אַנטשוויגען געוואָרען. מעהר ניט איין אַלפאַכר האָט געפּרובט צו פערענטפערן ר׳ שלמה׳ס טועכץ, אַלס אַן אַקט, וואָס ער איז געווען געצוואונגען דערצו דורך די מעשים פונ׳ם צד שכנגד.

די דאָזיגע גאַנצע אַגיטאַציע האָט געהאַט אַ שלעכטען סוף פאַר עטליכע מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו איהר. דעם רמב״ס׳ס אָנהיינגער האָט זיך איינגעגעבען צו דערוויזען, אַז די עדות, וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען פאַר דער אינקוויזיציע די בעשולדיגונג קעגען די פער׳משפּט׳ע ספרים, האָבען ליגען געזאָגט. מען איז משער, אַז מען האָט בעשטראָפט די שולדיגע אַדאַנק דער השתדלות פון די איינפלוסרייכע אידען, וואָס האָבען זיך געפונען ביים הויף פון קיניג פון אַראַגאָניען יאַקאָב I-טען, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט איבער דער שטאָדט מאָנפעליע (בחיי, אַלקאָנסטאַנטיניס און אַנד.). די עדות, וואָס מען האָט בעוויזען זייער פאַלשקייט, האָבען בעקומען אַ האַרבע שטראָף: לויט׳ן מנהג פונ׳ם מיטעלאַלטערליכען געריכט, האָט מען ביי זיי אויסגעשניטען די צינגער. איינער פון די מיימוניסטען האָט געזאָגט אויף די פער׳משפּט׳ע דעם פסוק: „זיי האָבען געווענדט זייערע מיילער קעגען הימעל, און איצט שלעפט זיך זייער צונג אויף דער ערד״ (פצו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ). וואָס איז געוואָרען מיט׳ן אויפט׳ער פונ׳ם קאַמף ר׳ שלמה — דאָס איז ניט בעוואוסט. זיין מיטהעלפער ר׳ יונה גירונדי האָט שפעטער מיט אַן אמת חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים. דאָס איז געשעהן אַזוי.

אין עטליכע יאָהר אַרום נאָך דעם, ווי מען האָט פערברענט דעם רמב״מ׳ס ספרים אין מאָנפעליע, איז אין פאַריז, אין לודוויג דעם הייליגענס צייטען, פאָר-געקומען דער בעריהמטער ויכוח וועגען תלמוד, און דער דאָזיגער ויכוח האָט געבראַכט צום אויטאָ-דאַ-פע פון די ספרים פונ׳ם תלמוד אויף איינעם פון די פלעצער פון פאַריז (§ 117). די דאָזיגע געשעהעניש האָט טיעף געריהרט ר׳ יונה׳ן: די פערברענונג פון די הייליגע ספרי התלמוד דורך די הענד פון די

דאָמיניקאַנישע תליונים האָט ער בעטראַכט אַלס גאָטס שטראָף דערפאַר, וואָס מען האָט פערברענט דעם רמב״מ׳ס ספרים דורך די אייגענע דאָמיניקאַנער, וואָס ער גופא און זיינע חברים לדעה האָבען זיי אויפגעהעצט. דער פרומער רבי האָט גענומען אויף זיך אַ האַרבע תשובה, בכדי אויסצובעטען אַ כפרה אויף זיין זינד קעגען דעם זכר פונ׳ם גרויסען רבי. ער איז געקומען קיין מאָנפּעליע און האָט ערקלערט אין שול פאַר׳ן גאַנצען עולם, אַז ער האָט חרטה, וואָס ער האָט מזלזל געווען דעם כבוד פונ׳ם רמב״ם. „משה (רמב״ם) איז גערעכט, און זיין תורה איז גערעכט, און מיר זיינען ליגנער״ — האָט ער אויסגערופען. דערנאָך איז ר׳ יונה גירונדי געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און האָט אומעטום איבערגע׳חזר׳ט אין די שולען די צערעמאָניע פון דער תשובה. ער האָט אַפילו אַ נדר געטאָן צו גייהן קיין מזרח צום רמב״מ׳ס קבר, בכדי דאָרט צו בעטען מחילה ביים פערשטאָרבענעם; נאָר איהם איז ניט בעשערט געווען מקיים צו זיין דעם דאָזיגען נדר. נאָכדעם ווי ער האָט אַרומגעוואָגעלט איבער פראַנקרייך און שפּאַניען, איז ר׳ יונה גירונדי געשטאָרבען אין טאָלעדאָ (1264), וואו ער איז די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען געשטאַנען בראש פון דער ישיבה. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך צוויי ספרים וועגען תשובה לויט די דינים פון תלמוד.

דיזעלביגע שטימונג, וואָס ביי ר׳ יונה גירונדי, האָבען איבערגעלעבט אַ סך פון די פריהערדיגע מתנגדים פון רמב״ם. די פערברענונג פונ׳ם תלמוד האָט אויסגעוויזען אַ סך פראַנצויזישע אידען, אַזוי ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר דער צעשפּאַלטונג אין אידישען פאָלק גופא, וואָס האָט געבראַכט צום פערברענען דעם רמב״מ׳ס ספרים. די אַגיטאַטאָרען האָבען זיך געשעמט איבער זייערע מעשים — און דער קאַמף פון די פּאַרטייען איז אויף אַ לאַנגער צייט שטיל געוואָרען.

אָבקלאַנגען פונ׳ם קולטור-קאַמף האָבען זיך געלאָזט הערען אויך אין די מזרח-לענדער, וואו ניט לאַנג האָט נאָך געבליהט דעם רמב״מ׳ס טעטיגקייט. ווי עס איז בעוואוסט, האָט דאָ דער גרויסער דיינקער נאָך ביי זיין לעבען בעגעגענט אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דעם באַגדאַדער גאון ר׳ שמואל בן עלי און זיינע קאָנסערוואַטיווע געזינונגס-חברים (§ 110). נאָך דעם רמב״מ׳ס טויט האָט דעם באַגדאַדער גאונ׳ס תלמיד, ר׳ דניאל בן-סעדיה פון דמשק, אָנגעשריבען אַ רייה השגות קעגען דעם קאָדעקס „משנה תורה״ און האָט זיי אַוועקגעשיקט קיין קאַירא צום רמב״מ׳ס זוהן ר׳ אברהם, וואָס האָט פערנומען דעם פּאָסטען פון אַ „נגיד״ אָדער עלטסטען איבער די עגיפּטישע אידען און פון אַ לייב-דאָקטאָר ביים סולטאַן. ר׳ אברהם האָט שריפטליך סותר געווען די דאָזיגע השגות, נאָר ר׳ דניאל האָט זיך ניט בערוהיגט און האָט ניט אויפגעהערט צו טאַדלען דעם רמב״מ׳ס פריידיינקעריי, וואָס ער האָט, צווישען אַנדערע זאַכען, געפונען אויך דערין, וואָס ער לייקענט אָב די עקסיסטענץ פון בייזע רוחות.

אויפגעבראַכט איבער דער דאָזיגער אַגיטאַציע, האָט דעם רמב״מ׳ס ליעבלינגס-תלמיד, ר׳ יוסף אבן-עקנין, געבעטען ביי ר׳ אברהמ׳ן, ער זאָל אריינגליי-

גבֿן ר׳ דניאל׳ן אין חרם פאַר׳ן מזלזל זיין דעם כבוד פונ׳ם גרויסן רבי׳ן. נאָר דער גוטמוטיגער „נגיד״ האָט אָבגעזאָגט די דאָזיגע בקשה. דעמאָלט האָבן אבן-עקנין און זיין צד בעוואויגען דעם ראש הגולה פון מאָסול, אז ער זאָל אַריינלייגן אין חרם דעם קנאי פון דמשק. ר׳ דניאל איז פון צער געשטאָרבן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ר׳ אברהם מיט שרעק זיך דערוואוסט וועגן דעם, אַז זיין פאָטער׳ס ספרים זייגען פערברענט געוואָרען אין פראַנקרייך. דאָס האָט איהם בעוואויגען אָנגושרייבען אַ פּאָלעמישען ספר מיט׳ן נאָמען „מלחמות ה׳״, בכדי אָבצוררייניגען דעם גדעדכעניש פון זיין גרויסן פאָטער פון די פאַרוואורפען אין אפיקורסות (1235).

אַ פרוב אויפצופרישען די קאמפאַניע קעגען די מיימוניסטען אין מערב און אין מזרח האָט געמאַכט, אַן ערך אין פופציג יאָהר אַרום, דער ברענענדיגער פאַנאַטיקער ר׳ שלמה פּטיט (דער קליינער) פון פראַנקרייך, וואָס איז געווען אַ הייסער תלמודיסט און אַ מקובל. ער איז אַרומגעפאָהרען איבער פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליען און האָט געדרש׳עט אין די שולען וועגען דעם, ווי שעדליך עס איז צו לערנען דעם רמב״מ׳ס ספרים. אין דייטשלאַנד האָט זיך איהם איינגעגעבען צונויפקלייבען הסכמות פון רבנים, וואָס האָבן געלויבט זיין פרומע אונטערנעמונג, נאָר אין איטאַליען האָט דער פינסטערער קנאי בעגעגענט אַן ענערגישען ווידערשטאַנד מצד דער פריידיינקענד אידישער אינטעליגענץ.

דעמאָלט איז ר׳ שלמה פטיט אַוועק קיין ארץ-ישראל און האָט דאָרט אויפגעהויבען אַן אַגיטאַציע, בכדי צו בעקומען אַ הסכמה פון די קהילות אויף אַן אָפיציעלען איסור צו געברויכען דעם רמב״מ׳ס אפיקורסישע ספרים. דערביי האָט ער בעוויזען הסכמות פון אייראָפּייאישע רבנים. אונטער׳ן איינפלוס פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע האָבען די רבנים און פאָרשטייהער פון דער קהילה אין דער שטאָדט עכו אַרויסגעלייגט אַ חרם אויף אַלע, וואָס לערנען דעם רמב״מ׳ס אפקורסישע ספרים, און האָבען פער׳משפט די ספרים צום פערברענען. ס׳האָבען זיך געפונען עטליכע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען אויסגעקריצט אויפ׳ן רמב״מ׳ס מצבה אין טבריה די עזותדיגע ווערטער: „משה בן מיימון, מוחרם ומין״.

אַז מען איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, האָבען דעם רמב״מ׳ס אייניקעל ר׳ דוד, דער „נגיד״ פון די עגיפטישע אידען, און דער ראש הגולה ר׳ ישי בן-חזקיה פון דמשק, אינאיינעם מיט אַנדערע פאָרשטייהער פון מזרח׳דיגע קהילות אַרויסגעלייגט זיכהר אַ שטרייגען חרם אויף די, וואָס וועלען מזלזל זיין דעם כבוד פון רמב״ם און פון זיינע ספרים (1289). די דאָזיגע אַוטאָריטעטישע החלטה איז געוואָרען פונאַנדערגעשיקט אויך איבער די אייראָפּייאישע קהילות. אויף אַזאַ אופן איז דער נאָמען פונ׳ם גרויסן דיינקער סוף-כל-סוף פערזיכערט געוואָרען קעגען זלזולים. דער וויטערדיגער קאַמף פון די פאַרטייען איז שוין געפיהרט געוואָרען ניט קעגען די ספרים פונ׳ם רמב״ם גופא, נאָר קעגען די שיטות פון זיינע מעהר עקסטרעמע תלמידים.

די ירידה פונ׳ם רביניזם אין פראנקרייך און זיין וואקסען אין שפאניען.

§ 128. די סיסטעמאטישע רדיפות קעגען תלמוד מצד דער קלעריקאלער פראנצויזישער רעגירונג (די עפענטליכע פערברענונג פון די תלמוד-עקזעמפלארען אין יאהר 1242 און דאס, וואס דער תלמוד איז צוגערעכענט געווארען צו די „פערבאטענע ביכער״) האבען געגעבען א שטארקען קלאפ דער ענטוויקלונג פונ׳ם רביניזם אין פראנקרייך. אין דער דאזיגער מעטראפאליס פון דער תלמודישער סכאלאסטיק, וואו עס האט זיך ענטוויקעלט די טעטיגקייט פון די בעלי-התוספות, האבען נאך אין דער ערשטער העלפט פון XIII יאהרהונדערט עקסיסטירט גרויסע ישיבות. דער ראש-ישיבה פון דער גרעסטער ישיבה אין פאריז איז געווען דער דארטיגער רב, רבי יחיאל בן-יוסף, וואס האט גענומען אן אנטייל אינ׳ם ויכוח וועגען תלמוד מיט׳ן משומד דאנין. ר׳ יחיאל פלעגט לייענען שיעורים, לויט דער שיטה פון די בעלי-התוספות, פאר אן אודיטאריע פון 300 תלמידים.

נאכדעם ווי דער תלמוד איז פער׳משפט געווארען, האט די פאריזער ישיבה אנגעהויבען צו פאלען. דאס, וואס עס האבען געפעהלט עקזעמפלארען פון תלמוד, האט געדיענט אלס מניעה צום לערנען איהם; א סך זיינען געווען געצוואונגען צו לערנען דעם תלמוד ניט פון ספרים, נאר אויסווייניג. די תלמידים פון דער פאריזער ישיבה האבען זיך פערשפרייט אין פערשיידענע ערטער. ר׳ יחיאל גופא האט פערלאזען דאס לאנד, וואו עס זיינען געווען שפיאנעס פון דער קירך, און האט זיך אריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל (אן ערך אין יאהר 1260).

די רדיפות קעגען דער תלמודישער וויסענשאפט האבען געבראכט דערצו, אז די אידישע געלערנטע האבען געזעהן מעהר צו צונויפקלייבען און פובאנדערטיילען דאס, וואס איז שוין פארהאן, און האבען ווייניג געשאפען נייעס אין דעם פרט. היות ווי די געלערנטע האבען מורא געהאט, אז די „תורה זאל חלילה ניט פערגעסען ווערען אין ישראל״, בכן האבען זיי מעהר פון אלץ געזארגט פאר׳ן איינהיטען דעם וויסענשאפטליכען און געזעצגעבערישען מאטעריאל, וואס האט זיך אנגעקליבען. ר׳ משה מקוצי (קוסי), וואס האט אינאיינעם מיט ר׳ יחיאל׳ן גענומען אן אנטייל אין פאריזער ויכוח, האט ארויסגעגעבען א גרויסע זאמלונג פון דינים אונטער׳ן נאמען „ספר מצוות גדול״ (אבגעקירצט: סמ״ג). אלס פארשטייהער פון דעם רמב״מ׳ס מתנגדים, האט ער געוואלט אינ׳ם דאזיגען זאמעלבוך שאפען א קארעקטיוו צו רמב״מ׳ס קאדעקס און אוועקשטעלען קעגען יענעמס ראציאנאליסטישען מעטאד זיין ארטאדאקסאליש-סכאלאסטישען מעטאד.

ר׳ משה מקוצי האט ניט גענומען קיין אנטייל אין די שענדליכע מעשים פון דעם רמב״מ׳ס מתנגדים. ער האט געוואלט דערגרייכען דורך א פרידליכער פראפאגאנדע דאס, צו וואס ר׳ שלמה פון מאנפעליע האט געשטרעבט דורך געוואלד-מיטלען, — דאס הייסט, אז עס זאל זיך פערשפרייטען פרומקייט צווישען די געבילדעטע קלאסען פון דער געזעלשאפט. ער פלעגט ארומפאהרען איבער די שטעדט פון פראוואנס און שפאניען און דורך זיינע ריהרענדע דרשות

פלעגט ער בעוועגען די צווייפלער תשובה צו טון (1236). אונטער דער השפעה פון די דאָזיגע דרשות האָבען אַסך פריידיינקערישע אידען צעריסען זייערע געמישטע שדוכים מיט קריסטינס און האָבען אָנגעהויבען אָבצוהיטען די רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס פריהער האָבען זיי געהאַט זיי אַוועקגעוואָרפען (טראָגען תפילין וכדומה). צו גלייכער צייט האָט דער פרומער רבי גערופען דאָס פאָלק צו זיטליכער השתלמות און צו עהרליכקייט אין הוויות העולם. ער איז געשטאָרבען אַן ערך אין יאָהר 1260. זיין איינגערער בן-דור, ר׳ יצחק פון קאָרבייל, האָט אַרויסגעגעבען אַ קיצור פונ׳ם זאַמעלבוך „סמ״ג״ (1217), צוליעב דער בעקוועמליכקייט פון גרויסען פובליקום: דער דאָזיגער קיצור איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען: „סמ״ק״ — דאָס איז די ראשי-תיבות פון „ספר מצוות קטן״.

מיט׳ן צונויפקלייבען די פאָרשונג פון די לעצטע בעלי-התוספות האָט זיך פערנומען איינער פון זיי, ר׳ אליעזר פון טוק (1270). פון זיין קאָלעקציע איז גענומען דער גרעסטער טייל פון די תוספות׳ען, וואָס זיינען בייגעלייגט צום טעקסט פונ׳ם תלמוד בבלי (§ 104). צום סוף פון XIII יאָהרהונדערט האָט די שול פון די בעלי-התוספות אין פראַנקרייך אויפגעהערט צו עקסיסטירען.

די פיל גירושים און פורעניות, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען אויף די פראַנצויזישע אידען זינט דעם יאָהר 1306, האָבען ניט געגעבען די קהילות די מעגליכקייט זיך צו אָרגאַניזירען און איינצורעגולירען דעם ענין פון לערנען קינדער. מעהר ניט אין איין קורצער רוהיגער צווישענצייט פונ׳ם אומגליקליכען XIV יאָהרהונדערט איז געמאַכט געוואָרען אַ פרוב ווידער אויפצוריכטען די רבנישע לומדות אין צפון-פראַנקרייך. דער אָפיציעלער רב פון פאַריז, ר׳ מתתיה פרובנסי (1360 — 85, § 119), האָט געגרינדעט אַ נייע ישיבה אין פאַריז, נאָר זי האָט אַרויסגעלאָזט בלויז אַכט רבנים, און אויך זיי איז אין גיכען אויסגעקומען צו עמיגרירען פון פראַנקרייך, וואָס האָט ענדגילטיג פערטריבען איהרע אידען.

נאָר נאָכדעם ווי דער סכאָלאַסטישער תלמודיזם האָט אָנגעוואָהרען דעם באָדען אין פראַנקרייך, האָט ער איהם ווידער געפונען אין שפאַניען. אַלע בעמיהונגען דעם רמב״מ׳ס צו פערבייטען די פלפוליסטישע מעטאָדע פון שטודירען דעם תלמוד דורך אַ פּאָזיטיווער מעטאָדע און צו מאַכען אַ סוף צו די „תוספות״ און „חדושים״ — האָבען ניט געבראַכט צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאַטען אפילו אין שפאַניען, דעם פאָטערלאַנד פון וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע. די ריכטונג פון קלאָרע אינטעלעקטען, אַשטייגער ווי אַלפסי און מיימוני, וואָס האָבען געשטרעבט צו מאַכען פשוט און סיסטעמאַטיזירען די תלמודישע געזעץ-וויסענשאַפט, — האָט געמוזט אָבטרעטען דעם ערשטען אָרט דער ריכטונג פון די בעלי-התוספות. אין דער רבנישער ליטעראַטור פון XIII יאָהרהונדערט הערשט דער פלפול און שפיציגע המצאות, וואָס זיינען געוואָרען אַ ציעל פאַר זיך, אַ „וויסענשאַפט צוליעב וויסענשאַפט״, און האָבען אינגאַנצען אָבגעצויגען דעם פערשטאַנד פון דער לעבעדיגער וויסענשאפט און פערשטעלט פאַר איהם די ברייטע האָריזאָנטען פון געדאַנק. איינער פון די ערשטע פערשפרייטער פונ׳ם

פראנצויזישען „תוספותיזם" אויפ'ן שפאנישען באָדען איז געווען דער בעריהמטער געלערנטער רמב"ן (ר' משה בן נחמן) פון געראָנאַ, וואָס איז שוין אונז בעקאנט דורך זיין אָנטייל אינ'ם בארצעלאָנער ויכוח און אינ'ם קאַמף קעגען רמב"ם.

רמב"ן (1195 — 1270) האָט זיך ניט אָבגעפרעמדט פון וועלטליכע וויסענשאַפטען און האָט געוואוסט מעדיצין, אָבער אין דער רבנישער וויסענשאפט האָט ער ניט אָנערקענט קיין פרייע קריטיק און האָט געהאַלטען, אז מען בעדאַרף בעסער „לערנען ביי די אַלטע חכמים". ער האָט זיך פולקום אָנגעאייגענט די אפּאָלאָגעטישע מעטאָדע און אויך קונציג אויסגלייכען די סתירות אין די „אווטאָריטעטישע" מקורים. יונגערהייד איז ער ארויסגעטראָטען מיט'ן ספר „מלחמות", וואו ער האָט פערטיידיגט אלפסי'ס „קצור הש"ס" קעגען די טענות פון ר' זרחיה הלוי (§ 107), און דערביי לאָזט ער זיך אריין אין אזעלכע שארפע חקירות, וואָס זיינען פרעמד אלפסי'ס ווערק. דעם רמב"נ'ס פיעל תלמודישע פאָרשונגען („חדושים") זיינען אָנגעשריבען אין יענעם גייסט פון די בעלי-התוספות, וואָס איז גוט כאַראַקטעריזירט דורך רבינו תמ'ס ווערטער: „אויב אין תלמוד ווערט איין-און דער זעלביגער פאַל בעשטימט אַ מאָל נעגאַטיוו און אמאָל פּאָזיטיוו, וועל איך שטענדיג געפינען אַ מיטעל אויסצוגלייכען די דאָזיגע סתירה".

זיין בויגען זיך פאַר אַווטאָריטעטען און זיין ווידערווילען קעגען דער קריטיק האָט דער רמב"ן ארויסגעוויזען אין זיין גרויסען פירוש אויף חומש, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אויף דער עלטער, מיט'ן אָפענעם צוועק אָבצושוואַכען די ווירקונג פונ'ם קריטישען פירוש פון ר' אברהם אבן-עזרא. דערקלערענדיג דעם פשט פון די פסוקים אויפ'ן סמך פון גראַמאַטיקאַלישע כללים און פון אַרמישע תרגומים, שטעלט דער רמב"ן אריין אין זיין פירוש אָפטמאָלס אגדישע און אַפילו מיסטישע אויסטייטשונגען. ער האָט דער ערשטער איינגעפיהרט אין דער ביבלישער עקזעגעטיק, הגם אין אַן אומבעדייטענדער מאָס, דעם גייסט פון קבלה אָדער פון דער „חכמה נסתרה", וואָס האָט אָנגעהויבען דעמאָלט זיך צו פערשפרייטען אין שפאניען.

זיין פירוש האָט דער רמב"ן געענדיגט אין ארץ-ישראל, וואוהין ער האָט זיך געהאַט אריבערגעקליבען מחמת דער סכנה, אין וועלכער ער איז געשטאַנען נאָכ'ן ויכוח אין באַרצעלאָנא. ער איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל אין יאָהר 1267 און האָט מיט הארצווייהטאָג דערזעהן די חורבות פון ירושלים, וואָס איז געווען צעשטערט דורך די לאַנגיאָהריגע מלחמות צווישען די מוסעלמאַנער און קריסטען און וואָס איז נאָך פאַר קורצען פערוויסט געוואָרען דורכ'ן אָנפאַל פון די מאָנגאָלען. אין יענער צייט האָט זיך דאָס לאַנד ווידער געפונען אונטער דער ממשלה פון עגיפּטישען סולטאַן. דאָרט האָט געוואוינט פונאַנדערגעוואָרפען אַ קליינע אידישע קאָלאָניע. דער רמב"ן האָט זיך געמיהט צו פעראייניגען די מיטגלידער פון דער דאָזיגער קאָלאָניע און אויפצוהויבען איהר גייסטיגע מדרגה. ער האָט בעוואויגען זיינע דערשלאָגענע פאָלקסברידער צו בויען בתי-מדרשים און צו פערנעמען זיך מיט לערנען תורה. איהם האָט זיך אַפילו איינגעגעבען

צו גרופּירען אַרום זיך אַ קליינעם קרייזעל תּלמידים. צו גלייכער צייט האָט ער אונטערגעהאַלטען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט קרובים און גוטע פריינד, וואָס זיינען געבליבען אין שפּאַניען. נאָר ניט לאַנג האָט ער געלעבט אין ארץ-ישראל. אַן ערך אין יאָהר 1270 איז ער געשטאָרבען, און מען האָט איהם מקבר געווען אין דער שטאָדט חיפה.

בראש פון די שפּאַנישע רבנים אין די לעצטע יאָהרצעהדליגען פון XIII יאָהרהונדערט איז געשטאַנען ר׳ שלמה בן-אדרת, וואָס איז מעהר בעוואוסט אונטער׳ן פערקירצטען נאָמען רשב״א (אַן ערך 1245 — 1310). דער דאָזיגער באַרצעלאָנער רב, אַ תּלמיד פון׳ם רמב״ן און פון ר׳ יונה גירונדי, האָט געבראַכט די תּלמודישע וויסענשאַפט אין שפּאַניען צו אַזא הויך, וואָס איז נאָך ביז אַהער ניט געווען. צווישען די מענשען פון יענער צייט האָט ער געהאַט אַ שם פון אַן ענציקלאָפּעדיסט אין׳ם דאָזיגען געביט און פון׳ם גרעסטען קענער פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג. עס זיינען פערבליבען עטליכע טויזענד געזעצגעבערישע ערקלערונגען און תּשובות אויף שאלות, וואָס דער רשב״א האָט געשיקט פערשיידענע פּערזאָנען און קהילות, וואָס האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט וויסענשאַפטליכע אָדער פּראַקטישע פראַגען. דאָס איז געווען איינער פון יענע אונערמידליכע בויערס, וואָס האָבען געאַרבייט אויף אויסצובויען נייע גאָרענס אין׳ם בנין פון׳ם רביניזם, הגם דער בנין האָט שוין דערגרייכט צו אַ מורא׳דיגער הויך אין פערגלייך מיט דער גאַנצער גרויס פון׳ם פונדאַמענט.

דעם רמב״ם׳ס קאָדעקס, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק איבערצובויען דעם דאָזיגען בנין לויט אַ פּעראַיינפאַכטען אַרכיטעקטאָנישען פּלאַן, האָט ניט בעפרידיגט דעם רשב״א, וואָס איז געווען אַן אָנהייגער פון דער דיאַלעקטיק פון די בעלי-התּוספות. ער האָט גענומען אויף זיך צונויפצושטעלען אַ נייע זאַמלונג פון די רעליגיעז-צערעמאָניעלע דינים, אונטער׳ן נאָמען „תּורת-הבית״; נאָר אָנשטאָט אַ קלאָרער סיסטעם האָט ער געגעבען „אַ גמרא אין אַ נייער געשטאַלט״, וואו די הנחות און מסקנות גייהען פערלאָרען אין דער מאַסע פּערפּלאָנטערטען פּלפּול, וואָס איז געגרינדעט אויף גרויסער למדות. דער דאָזיגער ספר האָט געהאַט אויסצוהאַלטען אַ שטרייגגע קריטיק מצד אַן אַנדער באַרצעלאָנער פּלפּוליסט, ר׳ אהרן הלוי, אין זיין ספר „בדק הבית״, און דער רשב״א איז געווען געצוואונגען אָנצושרייבען אַן אַנטי-קריטיק מיט׳ן נאָמען „משמרת הבית״.

איבעריגענס, האָט דער רשב״א זיך ניט איינגעשלאָסען אין די „ד׳ אמות של הלכה״: ער פּלעגט זיך אָברופען אויך אויף אַנדערע ערשיינונגען, וואָס האָבען אָנגעריהרט די אינטערעסען פון דער יהדות. אויב זיין רבי דער רמב״ן האָט זיך מתוכח געווען מיט געלערנטע דאָמיניקאַנער מינדליך, האָט דער באַרצעלאָנער רב געשטריטען מיט זיי שריפטליך.

אין יאָהר 1278 האָט דער דאָמיניקאַנער ריימונד מאַרטין, וואָס האָט געלעבט אין באַרצעלאָנער קלויסטער און וואָס האָט שטודירט די אידישע רעליגיעזע ספרים, אָנגעשריבען צוויי ביכער — „אַ צאַם פאַר אידען״ (קאַפּיסטרום

יודעאָרום) און „דער שווערד פון גלויבען" (פוגיאָ פידעי). אין די דאָזיגע ביכער איז ער אָנגעפאַלען אויף די דאָגמאַטישע בלאָנזשענישען פון אידען און האָט בעוויזען, אַז אַפילו אין דער תלמודישער ליטעראַטור זיינען פאַרהאַן מימרות, וואָס בעשטעטיגען אומדירעקט די ריכטיגקייט פונ'ם קריסטליכען גלויבען (למשל, דער מאמר פון אגדתא, אַז לעתיד לבוא, אַז משיח וועט קומען, וועלען בטל ווערען אַלע מצוות). ס'איז בעשיימפערליך, אַז דער באַרצעלאָנער מאָנאַך האָט געוואָלט ווידער בעניי'ען אין דער ליטעראַטור די מיסיאָנערישע אַגיטאַציע, וואָס האָט געהאַט אָנגעהויבען זיין פאָרגייהער און אפשר זיין לעהרער פאַבלאָ כריסטיאַני דורך מינדליכע דרשות (§ 122).

דעם רמב"נ'ס תלמיד מובהק, דער רשב"א, האָט געפונען פאַר נויטיג סותר צו זיין מאַרטינס טעאָלאָגישע סאָפיזמען אין אַ קליינעם ספר'ל, וואָס איז אָנגעשריבען אין זייהר אַן איינגעהאַלטענעם טאָן. אַן אַפּאָלאָגיע פון דער יהדות, נאָר אין אַ שאַרפערער פאָרם האָט ער אויך אָנגעשריבען קעגען דעם ספר פון אַ מוסעלמאַנישען פריידיינקער, וואָס האָט זיך דערוועגט צו קריטיקירען די ביבלישע טראַדיציעס און די דאָגמעס פון אַלע עקסיסטירענדע רעליגיעס. אין זיינע אַפּאָלאָגיעס שטייהט דער רשב"א פעסט אויפ'ן באָדען פון דער טראַדיציע און פאַלט אָן אויף דער פריידיינקעריי, אין וואָס פאַר אַ פאָרם זי זאָל זיך ניט אַרויסווייזען. פון זיין רבי'ן דעם רמב"ן האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, גע'ירש'עט די נטיה צו דער דעמאָלטיגער מיסטישער פילאָסאָפיע, צו דער קבלה, און אַ ווידערווילען קעגען דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָפיע, וואָס קעגען איהר איז ער אין גיכען אָפען אַרויסגעטראָטען אין מלחמה.

אין דעם פרט האָט ער געהאַט אַ געזינונגס-חבר אין דער פערזאָן פון אַן אַנדער גרויסען תלמודישען בר-סמכא פון יענער צייט, דעם טאָלעדער רב, ר' אשר בן-יחיאל, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן פערקירצטען ליטעראַרישען נאָמען רא"ש (אַן ערך 1250 — 1327). אַ געבוירטיגער פון דייטשלאַנד, איז דער רא"ש געווען אַ טיפּישער פאָרשטייהער פון דער דייטשער רבנות — אַ שטרייננגער תלמודיסט, אַ הייסער פאַנאַטיקער פאַר'ן גלויבען און פאַר דער צערעמאָניעלער פרומקייט און אַ געגנער פון אַלע „חכמות חיצוניות" (וועלטליכע וויסענשאַפטען). זיין רבי איז געווען דער בעריהמטער ר' מאיר פון ראָטענבורג, איינער פון די לעצטע בעלי-התוספות.

די בלוטיגע רדיפות, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען קעגען די דייטשע אידען צום סוף פון XIII יאָהרהונדערט און וואָס האָבען חרוב געמאַכט אַ סך אידישע קהילות (ז. דעם ווייטערדיגען קאַפּיטעל), האָבען געצוואונגען דעם רא"ש צו פערלאָזען דייטשלאַנד און צו בעזעצען זיך אין שפּאַניען. פאַר איהם איז געגאַנגען זיין נאָמען פון אַ גרויסען תלמודיסט, וואָס מיט איהם זיינען געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ אַ סך רבנים, צווישען זיי דער רשב"א. אַז דער רא"ש איז אָנגעקומען אין שפּאַניען (1305), איז ער געוואָרען רב און ראש-ישיבה אין דער הויפּטשטאָדט פון קאַסטיליען, טאָלעדאָ. אין זיין ישיבה האָבען זיך צונויפגעקלי-

„בען תּלמידים פון גאַנץ שפּאַניען, דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו די ווייטע קהילות פון בעהמען און רוסלאַנד.

אין דער רבנישער ליטעראַטור האָט דער רא״ש פאַראייביגט זיין נאָמען דורך אַ סך ווערק, בעזונדערס דורך אַ סיסטעמאַטישער זאַמלונג פון הלכות (פסקי הרא״ש), וואָס איז צונויפגעשטעלט לויט׳ן מוסטער פון אלפסי״ס ווערק. דאָס איז אויך אַ מין קיצור פון תּלמוד, אַן אויסצוג פון דער גאַנצער הלכה, אַזוי ווי זי ווערט אָנגעווענדט אין דער עקסיסטירענדער געזעצגעבונג, נאָר מיט הוספות אויפ׳ן סמך פון די אַרבייטען פון די בעלי-התּוספות. דעם רא״ש׳ס זאַמלונג האָט מען געלערנט אין די ישיבות און שפּעטער האָט מען עס צוגעגעבן אַלס ביי-לאַגע צו אַלע געדרוקטע עקזעמפּלאַרען פונ׳ם תּלמוד בבלי.

דער רמב״ן, רשב״א און רא״ש האָבען אויס׳סניי געמאַכט שפּאַניען פאַר׳ן צענטער פון דער תּלמודישער וויסענשאַפט, וואָס איז צייטווייליג פאַרשטעלט געוואָרען דורך דער שאַפונג פון דער „רענעסאַנס-עפּאָכע״, דורך די ערפאָלגען פון די וועלטליכע וויסענשאַפטען, פילאָסאָפיע און פּאָעזיע. נאָר אין דער צייט וואָס די ערשטע צוויי זיינען ביי זייער גאַנצער פרומקייט ניט געווען פרעמד פון וועלטליכער בילדונג, האָט דער לעצטער, אַלס אַ רב, וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד, געפיהלט אַ ווידערווילען קעגען אַלע פרייע וויסענשאַפטען, און בפרט קעגען דער פילאָסאָפיע, וואָס צו איהר האָט ער אָנגעווענדט דעם פּסוק פון „משלי״ וועגען אַ זונה: „כל באיה לא ישובון״ (ווער עס גייהט צו איהר-קעהרט זיך ניט אום צוריק). „אייערע הכמות חיצוניות ווייס איך ניט-פלעגט ער זאָגען מיט שטאָלץ צו די שפּאַנישע אידען - און דאַנק און לויב דעם אויבערשטען, וואָס ער האָט מיך אָבגעהיט פון זיי!״ דער רא״ש האָט געוואָלט אַריבערפיהרען קיין שפּאַניען די איינגעשלאָסענע אידיש-דייטשע געטאָ, מיט איהר גייסטיגער אָבגעזונדערטקייט און שטרייננגער פרומקייט. אין דער פרייער גייס-טיגער אַטמאָספער פון די שפּאַנישע אידען האָט זיך איהם אויסגעדוכט עפּיס אַזוינס שעדליכעס, וואָס איז עלול צו צעשטערען די יסודות פון דער יהדות.

פילאָסאָפיע און פריידייקערײ.

§ 129. פּאַראַלעל מיט׳ן תּלמודיזם האָט זיך ענטוויקעלט, אויסער האַלב די אָפיציעלע רבנישע ספערען, די פילאָסאָפיע. די דאָזיגע פילאָסאָפיע איז ניט אַלע מאָל אַרויסגעטראָטען בעשיידען און שטיל, אַלס די „דינסטמויד פון דער טעאָ-לאָגיע״; די פלעגט ניט זעלטען זיך פונאַנדערגייהן מיט דער רעכטגלויביגער טע-אָלאָגיע און פאָדערן פאַר זיך אומאָבהענגיגקייט. אַרויסגייהענדיג פונ׳ם רמב״מ׳ס שיטה, איז די נייע פילאָסאָפיע געגאַנגען ווייטער אויפ׳ן וועג פון ראַציאָנאַליזם. צוגלייך מיט די מעסיגע מיימוניסטען האָבען זיך בעוויזען אויך „אויסערסטע לינקע״ פון דער דאָזיגער פּאַרטיי, וואָס זיינען דערגאַנגען צו דרייסטע מסקנות, וואָס האָבען געשראָקען די פרומע לייט.

די נעסט פונ׳ם פרייען געדאַנק איז געווען שפּאַניען און אויך דרום-פראַנק-

רייך, וואָס איז געווען קולטורעל צונויפגעבונדען מיט שפּאַניען. דאָ האָבען זיך אַרויסגערוקט אין דער צווייטער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט דריי דיינקער, וואָס אין זייער טעטיגקייט קאָן מען אַרויסגעפינען דריי כסדר'דיגע מדרגות פון פילאָסאָפישער עוואָלוציע פונ'ם מעסיגען מימוניז'ם ביז צום אויסערסטען אַוועראָאיזם.

צו דער קאַטעגאָריע פון די „מעסיגע" געהערט ר' שם טוב פאַלקיירא (אַן ערך 1225 — 1290) פון דרום-פראַנקרייך, אַ מענש מיט ענציקלאָפּעדישער בילדונג, אַ פילאָסאָף, מאָראַליסט און פּאָעט. ער איז געווען טיעף איבערצייגט, אַז עס איז פאַרהאַן אַ פולקומענער הסכם צווישען אמונה און שכל, און אין זיינע ווערק האָט ער ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז די יהדות דאַרף זיין געגרינדעט אויף פילאָסאָפישער ערקענטעניש, אַז דעם אמת בעדאַרף מען נעמען אַפילו ביי פריידיינקער, ווי מען נעמט האָניג ביי ביהנען, וואָס שטעכען זיך. פאַלקיירא'ס דידאַקטישע ערציהלונג „המבקש" (דער זוכער) און אַ גאַנצע רייה פון אַנדערע זיינע ווערק פערגעמען זיך מיט פּאָפולאַריזירען די ראַציאָנאַליסטישע אידייען פון אַוועראָעס, רמב"ם און די איבעריגע פריע דיינקער. אין זיי ווייזט זיך אַרויס די עקלעקטישע ריכטונג פונ'ם מחבר, וואָס אונטערשיידט ניט די פיינע חילוקים און מישט אָפט צונויף די פערשיידענע אידייען-ריכטונגען. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט פאַלקיירא אָנגעשריבען אַ פירוש צום „מורה נבוכים".

זיין בן-דור ר' יצחק אלבלג, וואָס וועגען זיין לעבען איז גאָרניט ניט בעוואוסט (ער האָט געשריבען אין צפון-שפּאַניען אָדער דרום-פראַנקרייך צום סוף פון XIII יאָהרהונדערט), איז געווען אַ סך בעשטימטער אין זיינע פילאָסאָפישע אויספיהרונגען. ער האָט זיך ניט געמיהט צו מאַכען שלום צווישען רעליגיע און וויסענשאַפט, נאָר ער האָט אָפען דערקלערט, אַז צווישען זיי איז פאַרהאַן אַן אונאויסמיידליכע סתירה. „מיין ערקענטעניש — זאָגט ער — קאָן סותר זיין מיין גלויבען. אויפ'ן סמך פון דער וויסענשאַפט בין איך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון וואָסער עס איז נאַטירליכער ערשיינונג; אָבער אויפ'ן סמך פון די רייד פון די נביאים גלויב איך אין דער ריכטיגקייט פון אַ להיפוכדיגער ערשיינונג, פון אַן איבערנאַטירליכער". דער פילאָסאָף און דער נביא דערגייהן דעם אמת אויף פערשיידענע וועגען, איינער אויפ'ן וועג פון ערקענטעניש, דער אַנדערער — אויפ'ן וועג פון אַנטפּלעקונג, און דעריבער קאָנען זיי ניט פערשטייהן איינער דעם אַנדערן. אויסגלייכען די דאָזיגע סתירה איז ניט מעגליך, און דער דיינקער איז פער'משפט אויף אַן אינעווייניגסטע צעשפּאַלטונג.

די דאָזיגע צעשפּאַלטונג לאָזט זיך מערקען אויך אין אַלבלג'ס וועלטאַנשויאונג. אַמאָל זאָגט ער אַרויס דרייסטע, כמעט אַפּיקורסישע מיינונגען, אַ שטייגער ווי אַריסטאָטעלעס'עס הנחה וועגען „קדמות העולם", אַמאָל איז ער נוטה צוצוגעבען אַ בעדייטונג אַפילו מיסטישע מסורות. אין זיין פערשטאַנד, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אויף אַראַבישע מקורים, איז עפּיס משונה צונויפגעמישט אַלגאַזאַלי'ס קאָנסערוואַטיזם מיט אבן ראשד'ס ראַדיקאַליזם. אלבלג'ס דואַליזם

האָט אַ סך געמיינזאַמעס מיט יענער טעאָריע וועגן „צווייענדיגען אמת" — טעאָלאָגישען און פילאָסאָפישען, וואָס איז געווען פערשפרייט אין XIII יאָהרהונדערט צווישען די קריסטליכע סכאָלאַסטיקער און איז אָפיציעל געווען אָנערקענט אין פאַריזער אוניווערסיטעט. פון אַלבלג׳ס ספרים, וואָס זיינען פערבליבען אין כתב-יד, זיינען אין דער נייסטער צייט פערעפענטליכט געוואָרען בלויז עטליכע פראַגמענטען.

אַלס דער אויסערסטער פאָרשטייהער פון דער רעליגיאָנס-פילאָסאָפישער פריידיינקעריי האָט זיך גערעכענט אין יענער צייט ר׳ לוי (בן אַברהם בן חיים (1250 — 1315), פון ווילפראַנש אין דער פראָוואַנס. מחמת אָרימקייט (אָדער ווי אַנדערע ווילען האָבען — מחמת אומגליקליכע ליעבע צו אַ מיידעל), האָט ר׳ לוי בן חיים פערלאָזען זיין געבורטס-שטאָדט און האָט אַרומגעוואָגעלט איבער דרום-פראַנקרייך. אין מאָנפעליע האָט ער געלעבט אָרים, זיך מפרנס געווען מיט לעהרעריי, דערנאָך האָט ער געפונען אַ צייטווייליגען מקום מנוחה אין פערפיניאַן, אינ׳ם הויז פונ׳ם רייכען נדבן שמואל סולמי, און שפעטער האָט ער זיך געפונען אין בעזיער און אין אַרל.

אין צוויי ספרים („בתי הנפש" און „לוית-חן") האָט בן-חיים געגעבען אַ מין ענציקלאָפעדיע פון וויסענשאַפטען און טעאָלאָגישע קענטעגישען. אינ׳ם ערשטען ספר רעדט זיך וועגן עטיק, לאָגיק, פסיכאָלאָגיע, קאָסמאָגאָניע, וועגען נבואה און משיח׳ס צייטען; אינ׳ם צווייטען זיינען צונויפגעקליבען ידיעות איבער מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע, פיזיק, מעטאַפיזיק, און עס ווערען ווידער בעקלערט פראַגען פון טעאָלאָגיע און דאָגמאַטיק. צווישען אַנדערע זאַכען, טייטשט דער מחבר איין די ספורים פון תנ״ך אַלס משלים און בעטראַכט די העלדען פון זיי בלויז אַלס אַבסטראַקציעס, סימבאָלען, פערקערפערונגען פון פילאָסאָפישע אידייען, און דערקלערט די נסים דורך אַ קאָמבינאַציע פון נאַטירליכע סיבות. היות ווי ער האָט מורא, מען זאָל איהם ניט חושד זיין אין אַפיקורסות, רעדט ער אָפטמאָלס, פונקט אזוי ווי ר׳ אַברהם אבן-עזרא, מיט רמזים און מאַכט אַפילו אַן אָנשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט ניט האַלטען פון די מיינונגען פון די, וואָס טייטשען אויס די תורה על-פי אַלעגאָריע. זיינען פריידיינקערישע טעאָריעס האָט ר׳ לוי בן-חיים ענטוויקעלט אויך אין מינדליכע שמועסען און דרשות, נאָר דאָס פלעגט ער טון בלויז אין אַן אייגענעם קרייז פון געזינונגס-חברים און פלעגט אויסמיידען צו שמועסען מיט געגנער.

די שיטה פון סימבאָליזם אָדער אַלעגאָריזם, אינ׳ם גייסט פון דער אַלטער שולע פון פילון אלכסנדרוני, האָט געהאַט דעמאָלט הייסע אָנהייגער צווישען די פריידיינקער. היות ווי די ראַציאָנאַליסטען האָבען זיך געמיהט אויסצולייטערן די השגה וועגען דער גאָטהייט פון אַלע פערגלייכונגען מיט׳ן מענשען און פון אַלע בילדליכע פאָרשטעלונגען, וואָס ווערען געברויכט אין תנ״ך און אין דער תלמודישער אגדתא, דעריבער האָבען זיי געפרובט אַיינצוטייטשען אויף אַן אַלעגאָרישען אופן אויך דעם אינהאַלט פון די ספורים פון תנ״ך. זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די כתבי הקדש, אַלס דער מקור פון די העכסטע אמת׳ען, קאָנען

זיך ניט פֿערנעמען מיט „פּוסטע” מעשיות וועגען די טרעפֿעגישען פֿון פֿערשיידענע מענשען. דער גאַנצער ערציהלונגס-טייל פֿון דער תורה — דאָס איז ניט מעהר ווי אַ מאַסקע, וואָס אונטער איהר זיינען בעהאַלטען טיעפֿע אידייען. בכן האָבען זיי פֿון די רעאַלע פֿאַקטען פֿון תנ"ך אַרויסגענומען בלויז אַבסטראַקטע מעטאַפֿיזישע פֿאָרמעלן אָדער מאָראַלישע השגות, פֿון דער געשיכטע און פּאָעזיע — פֿילאָסאָפֿישע סימבאָליק. אברהם און שרה, למשל, זיינען סימבאָלען פֿון מאַטעריע און פֿאָרם, די פֿיער אמהות — די פֿיער יסודות פֿון דער נאַטור (פֿייער, לופֿט, וואַסער און ערד), דער קאַמף פֿון די פֿיער מלכים מיט די פֿינף — דאָס איז דער קאַמף פֿון די פֿיער יסודות מיט די פֿינף חושים, די צוועלף שבטים פֿון ישראל בעדייטען די צוועלף פּלאַנעטען, משה — דאָס איז גאָטס גייסט. אַנדערע זיינען געגאַנגען ווייטער און האָבען אָנגעריהרט די פּראַקטישע פֿרומקייט. זיי האָבען געקלערט, אַז היות ווי אַלע דינים און צערעמאָניעס פֿון דער יהדות האָבען בלויז דעם צוועק צו דערוועקען אין דער נשמה אַ געהויבענע רעליגיעזע זיטליכע שטימונג, בכן איז אַ מענש, וואָס האָט שוין אַזאַ שטימונג, ניט מחויב אָבצוהיטען די דינים און צערעמאָניעס.

אַזעלכע טעאָריעס האָבען בלי-ספֿק געטראָגען אין זיך אַ סכנה פֿאַר דער טראַדיציאָנעלער יהדות, לויט דעם אופֿן, ווי די רבנים האָבען עס פֿערשטאַנען. די אַגיטאַציע פֿון די פֿריידענקער און סקעפּטיקער איז עלול געווען אָבצושוואַכען דעם רעליגיעזען געפֿיהל און די שטרענגע צערעמאָניעלע אָרדענונג אין די געבילדעטע שיכטען פֿון פֿאָלק. בכן האָבען די רבנים-אָרטאָדאָקסען זיך דערשראָקען. פּונקט אַזוי ווי אין אָנהויב פֿון XIII יאָהרהונדערט האָבען זיי געפֿיהרט אַ קאַמף קעגען מיימוניזם, אַזוי איז זיי אין אָנהויב פֿון XIV יאָהרהונדערט אויסגעקומען אָנהויבען אויפֿ'סניי דעם קאַמף קעגען די קאָנסעקווענצען פֿונ'ם מיימוניזם — קעגען דער פֿילאָסאָפֿישער פֿריידענקעריי בכלל.

דער נייער קולטור-קאַמף און די אָבשאַפֿונג פֿון וועלטליכער בילדונג.

§ 130. דער צענטער פֿון דער נייער צוזאַמענשטויסונג צווישען די אָרטאָדאָקסען און צווישען די פֿריידענקער איז געוואָרען דיזעלביגע שטאָדט מאָנפּעליע, וואו מיט זיבעציג יאָהר צוריק האָבען די פֿיינד פֿונ'ם פֿרייען געדאַנק צוזאַמענגערופֿען אַ שטורעם-קאַמף פֿאַר'ן רמב"מ'ס ספֿרים. דאָ האָט זיך ווידער בעוויזען אַ נייער ליידענשאַפֿטליכער קנאי פֿון פֿרומקייט און אַ שונא פֿון די פֿילאָסאָפֿישע נייעסען — ר' אבא מרי, וואָס איז בעוואוסט אויך אונטער'ן נאָמען דאָן-אסטרוק, פֿון לונעל. אַלס אַן אָנהייגער פֿון דער טראַדיציאָנעלער טעאָלאָגיע און צערעמאָניעלער דיסציפּלין, האָט אבא-מרי מיט שרעק געקוקט אויפֿ'ן וואַקסען פֿון דער פֿריידענקעריי, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די טעאָריעס פֿון די ראַציאָנאַליסטען, און בעזונדערס פֿון די „אַלעגאָריסטען”. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אונטערן דראַנג פֿון די נייע אידייען, אויב מען זאָל פֿאַר זיי ניט אויפֿשטעלען קיין צאַם, וועט איינפֿאַלען דער בנין פֿון דער יהדות.

און דעם דאָזיגן רעטענדען צאָם האָט ער איינגעזעהן דערין, אַז מען זאָל מבטל זיין אינגאַנצען צו געברויכען פילאָסאָפיע און פרייע פאָרשונג.

אין יאָהר 1303 האָט ר׳ אבא מרי זיך געווענדט צום באַרצעלאָנער רב רשב״א, אַלס צום גרעסטען גייסטליכען בר-סמכא פון יענער צייט, מיט אַן אָנ-קלאָגע אויף די ראַציאָנאַליסטען, וואָס טייטשען אויס פאַלש די תורה און גראָ-בען אונטער דורכדעם די יסודות פון דער יהדות. ער האָט זיך בעקלאָגט דע-רויף, וואָס-די נייע מענשען לערנען אָנשטאָט די תורה די ווערק פון אַריס-טאָטעלעס און אַווערעס, און האָט געפאָדערט, אַז דער באַרצעלאָנער רב זאָל דורך זיין אַווטאָריטעטישען וואָרט מאַכען אַ סוף פון דער ווייטערדיגער פער-שפרייטונג פון דער פריידיינקעריי. דער רשב״א האָט שטאַרק גלויבט ר׳ אבא-מרי׳ס גוטען ווילען, נאָר ער האָט זיך לכתחילה אָבגעזאָגט אריינצומישען זיך אין די ענינים פון די פראָוואַנסאַלישע קהילות, מחמת ער האָט געוואָרט, אַז די איניציאַטיוו וועלען נעמען אויף זיך די אָרטיגע רבנים. ער האָט זיך בעגע-נוגענט דערמיט, וואָס ער פון זיין זייט האָט אויפמערקזאַם געמאַכט עטליכע בעלערנטע אין דרום פראַנקרייך אויף די תרעומות-בריעף, וואָס קומען אָן צו איהם.

נאָר אין גיכען האָבען די אַגיטאַטאָרען אריינגעצויגען דעם רשב״א אינ׳ם קאַמף פון די פאַרטייען. מען האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז אין פערפיניאַן, אין הויז פונ׳ם גביר סולמי, האָט געפונען אַ מקום-מנוחה דער אָרי-מער פילאָסאָף לוי בן חיים, וואָס די אָרטאָדאָקסען האָבען איהם געהאַלטען שיער ניט פאַר׳ן ראש פון אַלע אַפיקורסים. האָט דער רשב״א, לויט דער פאָ-דערונג פון די קנאים, אַוועקגעשיקט צו סולמי אַ בריעף מיט דער פאָדערונג, ער זאָל תיכף-ומיד דערווייטערן פון זיין שטוב דעם געפעהרליכען אַפיקורס, וואָס פיהרט אַראָב די יוגענד פון וועג. קיין שום טענות און התנצלות׳ען מצד דעם גביר און מצד לוי בן חיים גופא האָבען ניט געקאָנט ווייכער מאַכען דעם באַרצעלאָנער רב — און דער אָרימער פילאָסאָף האָט געמוזט זיך אַרויסקלייבען פון פערפיניאַן. דאָס איז געווען דער ערשטער קרבן פונ׳ם „רעליגיעזען קריג״.

בכדי אָוועקצושטעלען אַ צאָם פאַר דער ווייטערדיגער פערשפרייטונג פון דער פריידיינקעריי, האָבען די קנאים פון דער אָרטאָדאָקסיע פון ר׳ אַבא-מרי׳ס פאַרטיי אויסגעאַרבייט אַזאַ פראָיעקט: מען זאָל אַרויפלייגען אַן איסור, אַז יונגע לייט, אינגער פון 30 יאָהר, טאָרען ניט שטודירען קיין וויסענשאַפטליכע און פילאָסאָפישע ביכער, חוץ מעדיציניש, און דעם וואָס וועט עובר זיין אויפ׳ן דאָזיגען איסור, זאָל מען אַריינלייגען אין חרם; מעהר ניט עלטערע מענשען, וואָס האָבען זיך אַסך אָנגעלערנט מיט תורה און תלמוד, מעגען לייענען „ספרים חיצונים״ אָהן אַ שאָדען פאַר דער פרומקייט.

דער דאָזיגער פאָרשלאָג איז אַ סך געפעלען געוואָרען. אַבא מרי האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבען בריעף צום רשב״א און די איבעריגע רבנים פון באַר-צעלאָנע מכח זיין פראָיעקט. דער רשב״א מיט די איבעריגע רבנים זיינען שוין

בעוועזן גרייט צו בעשטעטיגען דעם פראָיעקט פון די אָרטאָדאָקסען, נאָר פריי-
הער האָבען זיי געוואָלט דערגייהן, צי וועלען זיי בעקומען אין מאָנפעליע הילף
מצד די איינפלוסרייכע פאָרשטייהער פון דער קהילה. אין גיכען האָט אבא-מרי
בעקומען פון באַרצעלאָנא דעם דערמאָנטען פראָיעקט פונ'ם איסור, אונטערגע-
שריבען פונ'ם רשב"א און פון נאָך 14 רבנים, מיט דער בקשה צו דערגייהן די
מיינונג פון די טוער פון מאָנפעליע וועגען דעם דאָזיגען ענין.

האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ניט די בעסטע געזעלשאַפט פון מאָנפעליע
פיהלט מיט אבא-מרי'ס אַגיטאַציע, און אַז אינאיינעם מיט די קנאים פאַר'ן גלוי-
בען איז דאָרט פאַרהאַן אַן איינפלוסרייכע פאַרטיי פון קנאים פאַר דער בילדונג.
בראש פון דער דאָזיגער פאַרטיי איז געשטאַנען דער דאָקטאָר, אַסטראָנאָם און
פילאָסאָף ר' יעקב בן-מכיר פון דער בעריהמטער משפחה פון די אבן-
תבונ'ס, וואָס איז בעוואוסט אין די קריסטליכע קרייזען אונטער'ן נאָמען פראָ-
פיאַט אָדער פראָפאַטיוס. אַדאַנק זיינע געלערנטע אַרבייטען און זיינע
טיעפע ידיעות אין דער אַראַבישער שפּראַך (ער האָט איבערזעצט אויף העבריי-
איש עווקלידעס'עס „עלעמענטען", פּטאָלאָמיי'ס „אַלמאַגעסטען", אוועראָעס'עס לאָגיק
און האָט געשריבען אָריגינעלע ביכער איבער אַסטראָנאָמיע), האָט ער דער-
גרייכט צום כבוד צו פערנעמען די שטעל פון אַ דעקאַן פון מעדיצינישען פאַ-
קולטעט אין מאָנפעליע. פונקט אַזוי ווי אַלע אבן-תבונ'ס, וואָס האָבען געהערט
צו דער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע פון אידישען פאָלק, האָט ר' יעקב בן-מכיר
הייס פערטיידיגט דעם געדאַנק, אַז די יהדות איז ניט סותר די ברייטע אַל-
מענשליכע בילדונג. אבא-מרי'ס אַגיטאַציע איז איהם געווען דערווידער.

אין מאָנפעליע איז אָנגעקומען דער בריעף פון די באַרצעלאָנער רבנים
מיט'ן פראָיעקט אַרויפצולייגען אַן איסור אויף די וויסענשאַפטען פאַר דער יוגענד.
האָט ר' יעקב אבן-תבון געבעטען איהם ניט צו פערעפענטליכען. ר' אבא מרי האָט
איהם ניט געפאָלגט און האָט פאָרגעלייענט דעם בריעף אין שול אום שבת (1304),
האָט אבן-תבון ענערגיש פראָטעסטירט קעגען דעם פלאַן צו דערשטיקען די
פרייהייט פון געדאַנק און האָט אַריבערגעצויגען אויף זיין צד אַ סך מיטגלידער
פון דער קהילה. ס'איז דערגאַנגען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסונגען — און אין
מאָנפעליע איז פאָרגעקומען אַ פולקומענע צעשפּאַלטונג צווישען אבא-מרי'ס רע-
אַקציאָנערער פאַרטיי און צווישען דער אויפגעקלערטער פאַרטיי פון די אבן-
תבונ'ס. די פאָרשטייהער פון דער לעצטער האָבען אָװעקגעשיקט צום רשב"א
און צו די באַרצעלאָנער רבנים אַ בריעף, וואו זיי האָבען בעוויזען, אַז די
יהדות לאַ די וואָס זי איז ניט קעגען די וועלטליכע וויסענשאַפטען, נאָר
אדרבא, זי שטייהט פאַר זיי, אַז נאָך שלמה המלך איז געווען אַ
גרויסער נאַטורפאָרשער, אַז די בעשעפער פון דער משנה האָבען גע-
האַט ידיעות אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, אַז אויב מען וועט אסר'ן
צו לערנען נאַטורוויסענשאַפטען און פילאָסאָפיע ביז אַן עלטער פון דריי-
סיג יאָהר, וועט דאָס זיין גלייך, ווי מען זאָל פער'משפט'ען די צוקונפטי-
גע דורות אויף עם-הארצות, וואָרום אויב מען וועט אין דער יוגענד קיין

קענטעניש זיך ניט אָגשאַפען, וועט מען אין די עלטערע יאָהרען שוין גאָרנישט ניט אויסלערנען. צום סוף האָבען די מחברים פון בריעף געבעטען דעם רשב״א און זיין קאָלעגיע, זיי זאָלען „אריינלייגען דעם שווערד אין שייד״ און ניט פערמעהרען קיין שפּאַלטונגען אין ישראל.

דער דאָזיגער בריעף האָט נאָך מעהר צוגעגאָסען בוימיל צום פייער. דער קאַמף פון די פּאַרטייען אין פּראָוואַנס איז שטאַרקער געוואָרען. פוןביידע צדדים האָבען זיך אַ שאָט געטאָן בעשולדיגונגס-בריעף; איטליכע פּאַרטיי האָט זיך געמיהט אַריבערציהען אויף איהר צד וואָס אַ גרעסערע צאָהל קהילות. די קהילות פון אַרזשאַנטיער, אווינִיאָן, לונעל, צום טייל פּערפּיניאַן זיינען צוגעשטאַנען צו אבא-מרי׳ס פּאַרטיי. מצד דעם רשב״א האָט מען געוואַרט אויף אַ בעשטימענדען שריט, דאָס הייסט, ער זאָל פערעפענטליכען דעם חרם קעגען די וועלטליכע וויסענשאַפטען און פילאָסאָפיע. נאָר דער באַרצעלאָנער רב האָט בעשלאָסען צו וואַרטען מיט׳ן דאָזיגען מיטעל, ביז וואַנען עס וועלען זיך דערפאַר אַרויסזאָגען לכל הפחות צוואַנציג אידישע קהילות.

דערווייל איז אָנגעקומען קיין שפּאַניען פונ׳ם לאַנד פון פינסטערן געטאָ דער דייטשער רב ר׳ אשר בן-יחיאל (דער רא״ש). אונטערוועגס קיין טאָלעדאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין מאָנפּעליע און דערנאָך אין באַרצעלאָנאַ, וואו ער האָט בעוויזען בעקאַנט צו ווערען מיט׳ן גאַנג פונ׳ם קאַמף פון די פּאַרטייען. דער רא״ש איז, פערשטייהט זיך, געווען צופרידען פון דער אַגיטאַציע פון ר׳ אבא-מרי און פון די פיינד פון בילדונג. ער האָט אַיינגעפונען אַפילו, אַז זיי זיינען צו מעסיג, און האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל אסר׳ן צו פערנעמען זיך מיט וועלטליכע וויסענשאַפטען און פילאָסאָפיע ניט בלויז יונגעלייט, נאָר אויך עלטערע מענשען, ווארום פון די וויסענשאַפטען קומט קיין גוטס ניט אַרויס. לויט דעם רא״ש׳ס מיינונג, וואָלט מען זיך בעדאַרפט האַלטען אות באות פאַר׳ן פּסוק: „והגית בה יום ולילה״ (דו זאָלסט זיך פערטיעפען אין דער תורה טאָג און נאַכט) — און איבערלאָזען פאַר דער „חכמת יונית״ אַ שעה, וואָס איז „לא יום ולא לילה״ (ניט טאָג און ניט נאַכט).

אונטערגעהיצט דורך די רייד פונ׳ם דייטשען רב, איז דער רשב״א צוגעטראָטען צו דער זאַך. אום שבת-חזון (אין יאָהר 1305) האָט מען אין דער באַרצעלאָנער שול פאָרגעלייענט דעם גרויסען חרם קעגען איטליכען, וואָס וועט פאַר 25 יאָהר זיך דערוועגען צו לייענען אויף העברייאיש אָדער אויף אַן אַנדער שפּראַך ביכער איבער נאַטור-וויסענשאַפטען, מעטאַפיזיק אָדער טעאָלאָגיע, וואָס זייער אינהאַלט איז דירעקט אָדער אומדירעקט גענומען פון גריכישע מקורים. די מפרשים פון תנ״ך אין פילאָסאָפישען גייסט זיינען דערקלערט געוואָרען פאַר אַפּיקורסים, אָבגעטיילט פון כלל-ישראל אויף דער וועלט און פער׳משפט צו גיהנום אויף יענער וועלט, און זייערע ספרים האָט מען דן געווען אויף שריפה. עס איז ערלויבט געוואָרען בלויז צו שטודירען מעדיצין, אַלס אַ פּראַקטישע פּראָפעסיע. עס איז דערקלערט געוואָרען, אַז דער חרם איז גילטיג אין משך פון פופציג יאָהר. די פאָרמעל פון חרם, אונטערגעשריבען פונ׳ם רשב״א און 36 פאָרשטייהער פון דער

בארצעלאָנער קהילה, איז פונאנדערגעשיקט געוואָרען אין אַלע אידישע קהילות פון שפאניען, פראָוואנס, צפון-פראנקרייך און דייטשלאנד.

דערווייל איז געוואָרן געוואָרען די פארטיי פון די אויפגעקלערטע אין מאָנפעליע וועגען דער החלטה פון די בארצעלאָנער רבנים און האָט געשווינד אויך אָנגענומען מיטלען, ווי אזוי זיך צו פערטיידיגען. ר׳ יעקב אבן-תבון און זיינע אָנהייננער האָבען אויסגערופען א חרם אויף אַלע, וואָס: א) שטערען זייערע זיהן, אין וואָסער עלטער זיי זאָלען ניט זיין, צו לערנען נאטורוויסענשאפטען און רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע, ב) וואָס זיינען מזלזל דעם רמב״מ׳ס כבוד און שרייבען איהם צו אפּקורסישע געדאנקען, אָדער ג) וואָס טאדלען א פרומען שריפטשטעלער פאר זיינע פילאָסאָפישע אידייען. דעם דאָזיגען חרם האָט מען פּאָרגעלייענט שבת אין שול אין א פייערליכער פאָרם.

צו פערטיידיגען די וויסענשאפט איז דעמאָלט ארויסגעטראָטען אויך דער בעגאבטער שריפטשטעלער ר׳ ידעיה בדרשי (פון בעזיער, אַן ערך 1280 — 1340), וואָס האָט בעקומען פאר זיין שיינעם העברייאישען סיגנון דעם צונאָמען הפניני (דער פערלער). אַלס א ליידענשאפטליכער אָנהייננער פון׳ם רמב״ם און אבן-עזרא, האָט ער זיך פערנומען דער עיקר מיט פילאָסאָפיש-עטישע פראגען. ער האָט געמאכט אומשטערבליך זיין נאָמען דורך דעם פּאָפולערען ספר „בחינת-עולם״, וואָס אין איהם זיינען טיעפע מאָראלישע און פילאָסאָפישע רעיונות איבערגעגעבען מיט׳ן סיגנון פון „קוהלת״.

אַז ר׳ ידעיה האָט זיך דערוואוסט, אַז אין בארצעלאָנא האָבען די רבנים עפענטליך אַרויפגעלייגט אַ חרם אויף דער וויסענשאפט און פילאָסאָפיע, האָט ער זיך געווענדעט צום רשב״א מיט א בריעף, וואָס איז פול מיט איידעלן צאָרן (1306). „איך בין אויפגעבראכט — האָט ער געשריבען — ניט דורך דער בעליידיגונג, וואָס מען האָט אָנגעטאָן דער וויסענשאפט, וואָרום זי קאָן מען ניט בעליידיגען, נאָר דורך דער אומבעגרינדעטער בעשולדיגונג אין אפּקורסות, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגען אלע געלערנטע פון דרום-פראנקרייך. וויסענשאפט און פרייע פאָרשונג האָבען בעקומען בירגער-רעכט ביים אידישען פאָלק נאָך זינט די צייטען פון רב סעדיה גאון און זיינען געהייליגט דורכ׳ן נאָמען פון׳ם גרויסען מיימוני, וואָס זיין געדעכעניש מוזען אַלע היטען מיט יראת הכבוד. די דרייסטע פילאָסאָפישע אויספיהרונגען, א שטייגער ווי די אויסטייטשונגען פון די אַלעגאָריסטען, זיינען א זעלטענע זאַך און זיינען כלל ניט אזוי געפעהרליך, ווי עס שטעלען פאָר אבא-מרי׳ס אָנהייננער״. צום סוף זאָגט ר׳ ידעיה, אַז מיט קיין שום מיטלען וועט זיך ניט איינגעבען מבטל צו זיין די בילדונג. „און אַפילו ווען ס׳זאָל קומען יהושע בן נון גופא און אסר׳ן צו פערנעמען זיך מיט וויסענשאפטען, וואָלט קיינער איהם ניט געהערט, וואָרום דער גרויסער משה (רמב״ם) האָט אונז איבערגעלאָזט אַן אנדער תורה. די דאָזיגע תורה זיינען מיר גרייט צו פערטיידיגען מיט אונזער לעבען און מיר וועלען דאָס איינענע איבערגעבען די קומענדיגע דורות!״

אויף אַזאַ אופן איז דער קאַמף צווישען אָנהייגער און געגנער פון דער פרייער בילדונג עלול געווען אויסצוואַקסען צו אַ גרויסער אינעווייניגסטער שפּאַלטונג. נאָר אין יענער צייט איז אויף די קעפּ פון די פראַנצויזישע אידען אָנגעפאַלען אַן אומגליק, וואָס האָט זיי געצוואונגען צו פערגעסען אַלע פּאַרטיי-מחלוקת'ען: דער קיניג פיליפּ דער שיינער האָט פערטריבען אַלע אידען פון פראַנקרייך (§ 118). די אידען פון דער שטאָדט מאָנפּעליע, דעם הויפּט-פּלאַץ פונ'ם קולטור-קאַמף, האָבען זיך צוזייהט און האָבען זיך אַריבערגעקליבען צום טייל קיין שפּאַניען און צום טייל אין יענע שטעדט פון דער פּראָוואַנס, וואוהין עס האָט ניט דערגרייכט די ממשלה פונ'ם פראַנצויזישען קיניג (פּערפּיניאַן און אַנד.)

די געמיינדע-אָרדענונג אין דער פּראָוואַנס איז אויפגעריכט געוואָרען ערשט אין צעהן יאָהר אַרום, נאָכדעם ווי עס איז בטל געוואָרען פיליפּ IV-טענס בעפעהל, נאָר די אַלגעמיינע פּורעניות פון פּאָלק (גזירת הרועים אין יאָהר 1320 און דאָס, וואָס די אידען זיינען פערבליבען אין פראַנקרייך בלויז אויף אַ צייט, האָבען ניט געקאָנט שאַפען קיין גינסטיגע תנאים פאַר'ן אינעווייניגסטען קולטור-קאַמף.

די פּראָוואַנסאַלישע קולטור ביים אונטערגייהן.

§ 131. דער עפענטליכער חרם קעגען דער פרייער וויסענשאַפט און פילאָסאָפיע, אין צוזאַמענהאַנג מיט די טרויעריגע געשעהענישען אין אויסווייניגסטען לעבען פון פּאָלק, האָבען בלי ספק פערקלענערט דעם וואוקס פון די אויפקלערונגס-אידייען אין דער געזעלשאַפט און האָבען בעדייטענד פערשמעלערט די פּראָגראַם פון בילדונג און שול און אין דערהיים, — נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט איינגאַנצען דערשטיקען אין די פאָרשענדע גייסטער די בעדערפעניש פריי צו דיינקען. אויסדערוויהלטע גייסטער האָבען נאָך אַלץ ווייטער געאַרבייט אין רמב"ם'ס ריכטונג, אין טראַדיציאָנעלען קולטור-נעסט - פּראָוואַנס און אין דעם קרייז אוויניאָן, וואָס גרעניצט זיך מיט איהר, וואָס האָט געהערט צום פּויפּסט. אַפילו די קאַטאַסטראָפעס פון „שרעקליכען יאָהרהונדערט" (XIV) האָבען ניט געקאָנט איינגאַנצען פערטיליגען די פּראָוואַנסאַלישע קולטור, און איהר אונטערגאַנג איז בעליוכטען געוואָרען מיט העלע שטראַהלען, וואָס האָבען דערמאָנט אָן דער גאָלדענער צייט פון דער אידישער בילדונג, וואָס איז ניט לאַנג געווען.

דער גרעסטער פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער „אונטערגאַנגס-עפּאָכע" איז געווען ר' לוי בן גרשון, וואָס איז בעוואוסט אונטערן ליטעראַרישען נאָמען רלב"ג אָדער גערסאָנידעס (1288 — 1345). ס'איז פאַרהאַן אַ השערה, אַז פון זיין מוטערס צד איז ער געווען אַן אייניקעל פונ'ם גע'רודפ'טען פריידיינקער ר' לוי בן-חיים, וואָס פון איהם האָט ער גע'ירש'ט די נטיה צו פריידיינקעריי. רלב"ג האָט גרינדליך געוואוסט מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, נאַטורוויסענשאַפטען, מעדיצין. ער האָט זיך פערנומען מיט תלמודישע און ביבלישע פאָרשונגען, נאָר

אין דערזעלביגער צייט האָט ער געשריבן איבער אַסטראָנאָמיע, האָט קריטיקירט פּטאָלאָמיי׳ס סיסטעם און האָט ערפונדען אַ געצייג פאַר אַסטראָנאָמישע באָבאַכטונגען. ער האָט זיך פערטיעפט אין פילאָסאָפישע פאָרשונגען אין יענע יאָהרען, בשעת אבא-מרי און רשב״א האָבען געשטורעמט קעגען די אָנהייגער פון דער „חכמת יונית". לעבענדיג אַלס דאָקטאָר אַמאָל אין דער רעזידענץ פונ׳ם פּויפּסט — אַוויניאָן, אַמאָל אין אָראַנזש, פּערפּיניאַן און אין די אונאָבהייגיגע שטעדט פון דרום-פראַנקרייך, האָט דער רלב״ג ניט געליטען דירעקט פון די רדיפות פון די פראַנצויזישע מלכים, פון דער גזירת-הרועים און פון די איבעריגע פורעניות פון יענער צייט און האָט זיך געקאָנט אָבגעבען זייגע וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישע אַרבייטען.

די בעסטע פרוכט פון די דאָזיגע אַרבייטען איז געווען דער מערקווירדיגער ספר „מלחמות ה'", וואָס פערנעמט זיך מיט די זעקס גרונד-פראַגען פון דער רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע: וועגען דער אייביגקייט פון דער מאַטעריע, וועגען דער טבע פון די הימעלס-ספערען, וועגען נשמה, נבואה, וועגען גאָטס אַלוויסענהייט און השגחה. דער מחבר גייהט אין דער פערענטפערונג פון אַנדערע פראַגען נאָך ווייטער פאַר׳ן רמב״ם און דערנעהענטערט זיך צו אַריסטאָטעלעס און אבן-ראָשד. ער האָט ניט מורא צו פערוואַרפען די דאָגמע, אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען יש מאין; נאָר ער דערלאָזט, אַז פון אייביג אָן האָט עקסיסטירט אַ מין פיינע מאַטעריע, וואָס מען קאָן זי ניט משיג זיין, וואָס האָט ניט קיין פאָרם און קיין אַטריבוטען, וואָס פון איהר איז אין אַ בעשטימטען מאָמענט בעשאַפען געוואָרען די וועלט. די נבואה, אַלס דער יסוד פון אַנטפּלעקונג, ערשיינט אין רלב״ג׳ס סיסטעם ניט ווי אַן איבערנאַטירליכער פאַקט, נאָר ווי אַ פּסיכישע ערשיינונג פון דערלויכטען ווערען, וואָס איז געדרונגען פון דער פעראייניגונג פונ׳ם מענשליכען גייסט מיט׳ן „ווירקענדען שכל" (שכל הפועל) פון דער וועלט; דערצו קאָנען זוכה זיין נאָר גרויסע חכמים. די השגחה זאָרגט מעהר וועגען קיבוצים, איידער וועגען יחידים, נאָר די יחידים פון אַ העכערער בחינה, די אויסדערוויילטע פון דער מענשהייט, — זיי זיינען אַזוי ווי טיפּען פון קיבוצים, און דערפאַר זיינען זיי זוכה, אַז די געטליכע השגחה זאָרגט בעזונדערס פאַר זיי (דעם רמב״מ׳ס אידייע וועגען גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם). די ביבלישע נסים בעטראַכט דער פילאָסאָף ניט אַלס צופעליגע שטערונגען פון די וועלט-געזעצען, נאָר אַלס זייער איגטענסיווערע אַנטפּלעקונג, די פערשטאַרקטע טעטיגקייט פונ׳ם „אַקטיווען שכל", וואָס שטייגט אַריבער די גרעניצען פון נאָרמאַלען זין. איבעריגענס, עטליכע נסים וואַרפט ער גאָר אַראָב פון זייער גדולה דורך אַ שאַרפזיניגער אַיינטייטשונג פון די פסוקים פון תנ״ך. דעם סיפור וועגען דעם, אַז „די זון האָט זיך אָבגעשטעלט אין גבעון", ביז וואַנען יהושע האָט אָבגעהאַלטען זיין נצחון, בעדאַרף מען פערשטייהן, לויט זיין מיינונג, ניט אין דעם זין, אַז די זון האָט זיך בפועל ממש אָבגעשטעלט, נאָר אַז דער נצחון פון די בני-ישראל איז פאָרגעקומען זייהר גיך, ביז זונען-אונטערגאַנג, אַזוי אַז די זון האָט ווי געוואַרט אויפ׳ן סוף פון דער שלאַכט.

רלב״ג האָט דרייסט אַרויסגעזאָגט זיינע איבערצייגונגען, ניט מורא האָבענדיג, מען זאָל איהם בעשולדיגען אין אַפּקורסות. „בלי ספק — זאָגט ער — וועלען אַ סך פערוואַרפען מיינע מיינונגען, מחמת זיי זיינען פאַר זיי פרעמד און מחמת זיי שטימען ניט איין מיט יענע מיינונגען, וואָס האָבען זיך געבילדעט ביי זיי ניט דורך זעלבשטענדיגען טראַכטען, נאָר זיי האָבען זיי בעקומען בירושה פון אַנדערע. נאָר אויב מיינע בעווייזען זיינען ריכטיג, האָב איך פאַר קיין תרעומות ניט מורא, וואָרום דאָס וועט מיר נאָך אָנטון כבוד״. ער רעדט כלאחר יד וועגען דער גרופּע בלינד גלויביגע: „מיט זיי האָבען מיר ניט וואָס צו טענ׳ען: גענוג פאַר זיי דאָס, וואָס זיי גלויבען!״. ער האַלט, אז דעם ספּעקולאַטיווען אמת וואָלט מען ניט געטאָרט בעהאַלטען אַפילו דעמאָלט, אויב ער וואָלט געקאָנט בריינגען צו מסקנות, וואָס גייהען כנגד דער ביבלישער טראַדיציע, וואָרום די יהדות צווינגט אונז גאָרניט אָנצונעמען אויף באמנות פאַלשע פאָרשטעלונגען. אין דער אמת׳ען אָבער איז אַזאַ סתירה ניטאָ. דערין קאָן מען זיך איבערצייגען איטליכס מאָל, ווען מען גייהט אַריבער פון אַ פילאָסאָפישער בעטראַכטונג צו אַ גלייכאַרטיגער ביבלישער מסורה. די מיטלען זיינען פערשיידען, אָבער דער ציעל איז דער אייגענער: די העכסטע השתלמות פון דער מענשהייט.

די קאָנסערוואַטיווע שריפטשטעלער האָבען געטאַדעלט רלב״ג פאַר זיין פריידיינקעריי; זיי פלעגען איראָניש זאָגען, אז דער מחבר פונ׳ם ספר „מלחמות ה׳״ האַלט מלחמה ניט פאַר גאָט, נאָר קעגען גאָט. בעסער האָבען זיך בעצויגען די אָרטאָדאָקסען צום רלב״ג׳ס אַנדער ווערק — דעם פירוש אויף חומש, נביאים ראשונים און אויף עטליכע פון די כתובים. אַ מאָראַל-פילאָסאָפישער קיצור פונ׳ם דאָזיגען פירוש, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אונטער׳ן נאָמען „תועליות הרלב״ג״, האָט בעקומען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט. אין דער צייט וואָס דער ספר „מלחמות ה׳״ איז אַ לאַנגע צייט געווען פערשטויסען, און בלויז אויסדערוויילטע גייסטער האָבען זיך פערנומען מיט איהם.

דעם רלב״ג׳ס אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען זיינען געוואָרען איבערזעצט אויף לאַטייניש. די קריסטליכע געלערנטע פלעגען שפּעטער ווערען בעקאַנט מיט די ווערק פונ׳ם אידישען דיינקער, וואָס איז בעוואוסט ביי זיי אונטער׳ן נאָמען „לעאָ פון באַניאָל״ אָדער „מ אַ ג י ס ט ע ר ל ע אָ ה ע ב ר ע א ו ס״. אין ספּינאָזאַ׳ס „טעאָלאָגיש-פּאָליטישען טראַקטאַט״ איז צו בעמערקען סימנים פון רלב״ג׳ס השפּעה.

אין דערזעלביגער צייט, וואָס רלב״ג, זיינען געווען די פּראָוואַנסאַלישע דיינקער ר׳ י ו ס ף כ ס פ י (אַן ערך 1280 — 1340) און ר׳ מ ש ה נ ר ב ו נ י (אַן ערך 1300 — 1362). כספי, אַ געבירטיגער פון אַרזשאַנטיער (כ ס פ י דאָס איז די העברייאישע איבערזעצונג פונ׳ם וואָרט אַרזשאַנטיער, ד. ה. „זילבערנער״), האָט אַ סך אַרומגערייזט איבער שפּאַניען און צפון-אַפריקע און האָט בעזוכט מצרים, דעם פלאַץ פונ׳ם רמב״מ׳ס טעטיגקייט. אַ בעגייסטערטער אָנהייגער פון דער פילאָסאָפיע, האָט כספי געהאַלטען היילוג די נעדעכעניש פונ׳ם בעשעפער פונ׳ם

„מורה נבוכים" און האָט זיך מצער געווען, פאַרוואָס איהם איז ניט בעשערט געווען צו געהערען צום דור פונ׳ם „מושלם", ווי ער פלעגט אָנרופען דעם רמב״ם. ער האָט אָנגעשריבען אַ צווייענדיגען פירוש צום „מורה": אין איינעם ווערט דערקלערט דער געדאַנקען-גאַנג אינ׳ם רמב״מ׳ס סיסטעם, און אין אַנדערן ווערען בעהאַנדעלט די הארבסטע פונקטען פון איהר („עמודי-כסף" און „משכיות-כסף"). דער מפרש מאַכט פונ׳ם מחבר׳ס הנחות דרייסטע ראַציאָנאַליס-טישע אויספיהרונגען, און דערפאַר האָבען די בני-הדור צוגערעכענט כספי צו די פריידיינקער. אין זיין „ספר המוסר", וואָס איז אָנגעשריבען אין דער פאָרם פון אַ צוואה צום זוהן, זאָגט כספי: „דער אמת טאָר ניט זיין ניט שרעקעדיג און ניט שעמעוודיג". און ער גופא האָט געהאַלטען דעם דאָזיגען כלל אין זיינע שריפ-טען. ער היט זיך ניט צו געברויכען אַזעלכע אויסדרוקען, ווי אַשטייגער: „גאָט אָדער משה נאָך איהם האָבען אָנגעשריבען אין דער תורה"; „עס שטייהט געשריבען: איך וועל שיקען אַ מלאך פאַר דיר, — אַ „מלאך" ווערט דאָ געמיינט דער ווירקענדער שכל; דער שכל איז גאָט און גאָט איז דער שכל; מיר פיה-רען אריין גאָט אין אונזער פערשטאַנד, און דער דאָזיגער אינדיווידועלער שכל פיהרט אונזער לעבען". פון אַזעלכע אָנשויאונגען איז שוין ניט ווייט ביז צום אויסערסטען פאַנטעאיזם.

כספי האָט אָנגעשריבען נאָך אַ סך אַנדערע ספרים, דער עיקר אין דער פאָרם פון ביבלישע פאָרשונגען. בשעת דער גזירת הרועים אָדער דער שפע-טערדיגער גזירת המצורעים איז ער שיער ניט אומגעקומען.

זיין אינגערער בן-דור ר׳ משה נרבוני, אַ פראָוואַנסאַליער, וואָס האָט פער-בראַכט אַ געוויסע צייט אין שפאַניען, האָט איבערגעלעבט די קאַטאַסטראָפע פונ׳ם „שוואַרצען טויט" אין דער שטאָדט צערווערא; דער צעווילדעוועטער המון האָט זיך אַריינגעריסען אין זיין שטוב, אויסגערויבט זיין האָב-און-גוטס און זיינע טייערע ספרים, נאָר דער בעל-הבית גופא האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפען אינאיינעם מיט אַנדערע מיטגלידער פון דער קהילה (1348).

נאָר דאָס האָט ניט געשטערט נרבוני אין זיינע אַרבייטען איבער פילאָ-סאָפיע, וואָס די רעזולטאַטען דערפון האָט ער אָנגעשריבען אין דער געוויהנ-ליכער פאָרם פון יענער צייט, אין דער פאָרם פון אַ פירוש אויפ׳ן רמב״מ׳ס „מורה". נרבוני האָט זיך געשטעלט אַ ציעל צו פעראייניגען די פילאָסאָפישע סיסטעמען פון אבן-ראָשד און פונ׳ם רמב״ם. דעם אידעאַל פון גייסטיגען אַריס-טאָקראַטיזם האָט ער אַריינגעטראָגען אויך אין דער רעליגיע. די כתבי-הקדש — פלעגט ער זאָגען — האָבען איין פשוט׳ען פשט פאַר דער פינסטערער מאַסע און אַ טיעפערן זין — פאַר׳ן קלאַס פון די פילאָסאָפען.

נרבוני גופא איז געווען דער לעצטער פאָרשטייהער פונ׳ם דאָזיגען קלאַס דיינקער-ראַציאָנאַליסטען אין דרום-פראַנקרייך. נאָך איהם האָט די אידישע פי-לאָסאָפיע, אין אַ מעהר קאָנסערוואַטיווער בעפאַרבונג, געהאַט נאָך אַן אָרט בלויז אין שפאַניען און צום טייל אין איטאַליען.

ש. דובנאָוו

די „טורים“ און די „פוסקים“ פון XIV יאָרהונדערט.

§ 132. די ברייטע ענטוויקלונג פון דער תלמודישער וויסענשאַפט אין דער תקופה פונ׳ם רמב״ן, רשב״א און רא״ש האָט געגעבען די מעגליכקייט די רבנים פון דער שפּעטערדיגער תקופה צוצוטרעטען פון דאָס ניי צו ברייגגען אין אָרדענונג די רבנישע געזעצגעבונג, וואָס איז זייהר קאָמפּליצירט געוואָרען מחמת די פיעל נייע דינים און ערקלערונגען פון די לעצטע אויטאָריטעטען. דעם רמב״ם׳ס קאָדעקס „משנה תורה“ האָט ניט בעפרידיגט די געלערנטע, וואָס האָבען געוואָלט אַריינשטעלען אין דער געזעצגעבונג די מסקנות פון דער שולע פון די בעלי-התוספות אָדער די אָרטיגע פאָלקס-מנהגים. בכן בעוויזען זיך אין XIV יאָהרהונדערט אַרייה זאַמעלביכער, וואָס אין זיי ווערען מעהר אָדער ווייניגער סיסטעמאַטיש בעשריבען די עקסיסטירענדע רעליגיעז-צערעמאָניעלע און סאָציאַלע געזעצען פון דער יהדות. עס ענטוויקעלט זיך די ליטעראַטור פון די פּוסקים, וואָס איז געקומען צו פערבייטען די ליטעראַטור פון די בעלי-התוספות.

דאָס גרעסטע ווערק פון דער דאָזיגער נייער ליטעראַטור איז געווען דער ספר „טורים“, וואָס עס האָט פערפאַסט ר׳ יעקב בן אשר (רבינו יעקב בעל-הטורים, אַן ערך 1280 — 1340), אַ זוהן פונ׳ם בעריהמטען טאָלעדער רב רא״ש *). רבינו יעקב האָט זיך געשטעלט אַ ציעל אַריינצונעמען אין זיין קאָדעקס בלויז די עקסיסטירענדע דינים (ד. ה. חוץ די געזעצען איבער דער מלוכה, תרומות ומעשרות און בית-המקדש, וואָס זיינען גילטיג בלויז אין ארץ-ישראל, בשעת דער בית-המקדש איז געשטאַנען) מיט אַלע הוספות צו זיי אויפ׳ן סמך פון רבנישע פאָרשונגען און פאָלקס-מנהגים.

דער גרויסער קאָדעקס „טורים“ בעשטייהט פון פיער טיילען. אינ׳ם ערשטען טייל („אורח חיים“) זיינען אויסגעלייגט אין אַ סיסטעמאַטישען סדר די כללים פון דאַוונען, שבת, ימים-טובים און תעניתים; אינ׳ם צווייטען („יורה דעה“) — די דינים וועגען מאכלות אסורות, שחיטה און וועגען פיהרען די שטוביגע בעל-הבתישקייט. דער דריטער טייל („אבן-העזר“) ענטהאַלט דאָס פאַמיליען-רעכט און די דינים וועגען חתונות און גטין, און דער פערטער („חושן משפט“) — דאָס ציווילע און קרימינעלע רעכט און די תקנות פונ׳ם אויטאָנאָמען בית-דין פון דער קהילה און פון דער רבנות. ניט אַזוי ווי דער רמב״ם, וואָס האָט זיך סומך געווען בלויז אויפ׳ן תלמוד און אויף די תשובות פון די גאונים, האָט דער מחבר פונ׳ם קאָדעקס „טורים“ גענומען זיין געזעצגעבערישען מאַטעריאַל אויך פון דער שפּעטערדיגער רבנישער ליטעראַטור, און אויך פון די פיעל אָרטיגע מנהגים, וואָס פלעגען בעזונדערס אָבגעהיט ווערען אין די אידישע קהילות פון דייטשלאַנד. דעריבער איז דער צערעמאָניעלער טייל פון די „טורים“ געוואָרען בעדייטענד פערברייטערט. די רעליגיעזע געזעצגעבונג, וואָס איז סיי - ווי-סיי

*) דעם רא״ש׳ס צווייטער זון, ר׳ יהודה, איז נאָכ׳ן פאָטערס טויט געוואָרען דער רב-ראשי אין טאָלעדאָ (1327—49) און האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרויסען בר-סמכא.

געוועזן זייער קאָמפּליצירט, איז נאָך מעהר געוואָרען קאָמפּליצירט דורך נייע דינים. „דער יאָך פון דער תורה" איז נאָך גרעסער געוואָרען. ר' יעקב בן־אשר'ס קאָדעקס איז געוואָרען אָנגענומען אַלס אַ פּראַקטישער פיהרער ביי אַ סך רבנים און האָט מדרגות'וויז אַרויסגעשטופּט דעם רמב"ם'ס קאָדעקס מיט זיין ברייטען פילאָסאָפיש־עטישען יסוד.

היות ווי דער „בעל־הטורים" איז געוועזן וויית פון רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע, בכן האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיג צו געבען אין דער סיסטעם פון די אידישע דינים אַן אָרט פאַר די אַלגעמיינע פּרינציפּען פון דאָגמאַטיק און עטיק פון דער יהדות, אויב מען זאָל ניט רעכענען די מאמרי מוסר אין'ם גייסט פון „יראת שמים", וואָס זיינען פונאַנדערגעוואָרפען דאָ און דאָרט. ער האָט אַזוי ווי מורא געהאַט אָנצורירען די אַלגעמיינע פּרינציפּען און דאָגמעס פון דער רעליגיע, וואָס אַרום זיי זיינען דעמאָלט געגאַנגען די הייסע מחלוקות'ען צווישען די אָרטאָדאָקסען און פריידיינקער, און האָט זיך געפיהלט פריי בלויז אין דעם געביט פון דער פאָרמאַלער געזעצגעבונג.

אין דער שפּעטערדיגער צייט האָט דער קאָדעקס „טורים" בעקומען אַ בעזונדערס וויכטיגע בעדייטונג, ווארום ער איז אויסגעלייגט געוואָרען אַלס יסוד פון'ם רבנישען קאָדעקס „שלחן ערוך", וואָס איז נאָך גילטיג עד היום, און פון די פיעל פאַרשונגען פון די דייטש־פּוילישע רבנים.

אַ קלענערער פּרסום איז אויסגעפאַלען אויף'ן חלק פון אַנדערע פּוסקים פון יענער צייט, וואָס האָבען פערפאַסט אַלגעמיינע אָדער טיילווייזע זאַמלונגען פון דינים. דעם ראַ"ש'ס אַ תלמיד, ר' ירוחם בן משולם פון פּראָוואַנס, האָט פערפאַסט צוויי זאַמעלביכער, וואָס אין איינעם פון זיי („מישרים") זיינען אויס־געלייגט די ציווילע געזעצען, און אין דעם אַנדערן („אדם וחוה") די רעליגיעזע־צערעמאָניעלע געזעצען פון דער יהדות (אַן ערך אין יאָהר 1335). דער טעווי־ליער געלערנטער ר' דוד אבודרהם האָט פערפאַסט אַ זאַמעלבוך פון דינים וועגען דאַווענען און די מנהגים פון די שולען.

אַ פּרוב צו דערקלערען דעם אינעווייניגסטען זין פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג האָט געמאַכט דער טאָלעדער געלערנטער ר' מנחם בן זרח (1310—1385), וואָס זיינע עלטערן און ברידער זיינען אומגעקומען בשעת דעם פּאָג־ראָם אין נאַווארא (§ 122). אין דעם זאַמעלבוך פון רעליגיעזע צערעמאָניעס („צדה לדרך"), וואָס ער האָט פערפאַסט, איז אָבגעגעבען אַן אָרט אויך פאַר מאָראַליש־דאָגמאַטישע בעטראַכטונגען, נאָר די לעצטע צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין טיעפקייט און אָריגינאַליטעט און זאָגען בלויז עדות וועגען דער ירידה פון דער אידישער טעאָרעטישער טעאָלאָגיע אין יענער צייט.

פּאַראַלעל מיט דער טעטיגקייט פון די „פּוסקים" איז געוואָרען ווייטער געפיהרט די אַרבייט פון די מפרשים אויף'ן תלמוד און פון די פאָרשער אין'ם גוסט פון די בעלי־התוספות. פון זיי איז געוועזן דער אייגפלוסרייכסטער דער באַר־צעלאָנער רב און דרשן ר' נסים גירונדי (געשטאָרבען אַן ערך אין יאָהר 1380),

דער מחבר פון די בעוואוסטע פירושים צו אלפסי׳ס „קיצור הש״ס״ און צו פערשיידענע מסכתות פון תלמוד (דער ר״ן). זיינע „תשובות״, ד. ה. ענטפערן אויף יורידישע און רעליגיעזע פראגען, וואס מען האט איהם געשטעלט, האבען אין זייער צייט געהאט א גרויסען אוטאריטעט. א זאמלונג פון ר׳ ניסים גירונדי׳ס דרשות, וואס זיינען איבערגעבליבען („דרשות הר״ן״), בעווייזען, אז דער מחבר איז געווען א קאנסערוואטיווער דיינקער, וואס האט אויסגעמיידט די פילאסאפישע בעלייכטונג פון דאגמאטישע און עטישע פראגען.

די מיסטישע טעאסאפיע; די מקובלים און די פאלשע משיחים.

§ 133. אויב דער רביניזם האט אבגעהאלטען א נצחון נאך דעם הונדערט-יעהריגען קאמף מיט דער אויפקלערונגס-פילאסאפיע, האט איהם א סך מיטגעהאלפען דערצו יענע מיסטישע ריכטונג, וואס איז אויפגעשטאנען צווישען די שפאנישע און פראוואנסאלישע אידען אין XIII יאהרהונדערט. דער ראציאנאליזם פונ׳ם רמב״ם און פון זיינע עקסטרעמערע אנהייגגער לא די וואס ער האט געשראקען די פאליטיקער פון דער ארטאדאקסיע, אז ער קאן „צעשטערען די יסודות״, נאר ער האט בכלל ניט בעפרידיגט דעם געוויסען פון יענע אמת-גלויבענדע מענשען, וואס האבען אין יענער פינסטערער עפאכע געזוכט אין דער יהדות שפייז פאר׳ן געמיט און ניט פאר׳ן פערשטאנד, וואס האבען געזוכט זעלבסטפערגעסענהייט און ניט זעלבסטבעוואוסטזיין. מענשען מיט שטרעבונגען צום מיסטישען, מיט התלהבות׳דיגע שטימונגען, האבען ניט געקאנט זיך בעפרידיגען מיט דער „דאקטרין פונ׳ם געזונטען מענשען-פערשטאנד״ פון די פילאסאפען, וואס האט אראבגענומען פון דער רעליגיע איהר פאעטישען שלייער, וואס האט געגעבען אבסטראקטע אידייען אנשטאט לעבעדיגע בילדער. פון דער אנדער זייט האט זיי אויך ניט געקאנט בעפרידיגען יענע פארמאלע רעליגיעזע לומדות, יענע קליינליכע המצאות אינ׳ם געביט פון דער געזעץ-וויסענשאפט, וואס דערמיט האבען זיך מיט אזא התמדה פערנומען די תלמודיסטען.

די העכסטע פראגען פון גלויבען, דאגמאטיק און מאראל האבען געפאדערט, מען זאל זיי פערענטפערן. דער גייסט פון טעאלאגישען זוכען, וואס די פילאסאפען האבען אויפגעוועקט, האט ניט געקאנט איינגאנצען דערשטיקט ווערען, ער האט נאר אנגענומען אן אנדער ריכטונג: אנשטאט דעם קלארען לאגישען דיינקען האט אין די פארשענדע גייסטער בעקומען די אויבערהאנד דער כח הדמיון. דער שכל, וואס איז ניט געווען בכח אריינצודרינגען אין די סודות פון דער יצירה, האט געמוזט רופען צו-הילף די פאנטאזיע; די פאזיטיווע ראציאנאליסטישע פילאסאפיע האט אבגעטראטען דעם ארט דער מיסטישער פילאסאפיע אדער טעאסאפיע. אנשטאט צו זוכען די ערקלערונג פון די העכסטע עיקרים און מסורות פון דער יהדות אין די נאטור-וויסענשאפטען און אין אריסטאטעלעס׳עס חכמה, האט מען אנגעהויבען זי צו זוכען אין אייגענע מקורים. אין די טיעפענישען פון דער תלמודישער אגדתא און מדרש, אין אלטע מיסטישע

פסעוודאָ-עפּיגראַפען פון דער תקופה פון די גאונים („ספר יצירה" און אַנד.) האָבען זיך געפונען אוצרות פון טיעפזיניגער, הגם נעפילדיגער טעאָסאָפיע. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שליסעל צו די „סתרי תורה" און צוגלייך דערמיט אַ מאַטעריאַל פאַר אַ נייער שאַפונג אינ'ם גייסט פון דער אָרטאָדאָקסישער טעאָלאָגיע. די אָרטאָדאָקסען האָבען זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיגער „חכמה נסתרה", ווי פאַר אַ מיטעל קעגען דער ראַציאָנאַליסטישער פילאָסאָפיע, און דער מיסטיציזם (אויב מען זאָל ניט רעכענען עטליכע זייגע עקסטרעמע ערשיינונגען) איז געוואָרען אַ געטרייער בעגלייטער און מיטקעמפער פונ'ם רביניזם.

אַזוי איז אויפגעקומען — אָדער ריכטיגער, איז געוואָרען ווידער אויפגעריכט צווישען די שפּאַנישע און פּראָוואַנסאַלישע אידען אין XIII יאָהרהונדערט די קבלה („קבלה" איז טייטש טראַדיציע), וואָס איהר היים איז געווען דער אַלטער אָריענט. געוויסע עלעמענטען פון פילון אַלכסנדרוני'ס טעאָסאָפיע און די „תורת הסוד" פון דער תקופה פון די גאונים (§ 70) האָבען אויפגעלעבט, בכדי ענדגילטיג זיך איינצופעסטיגען צווישען די אידען פון די מערב-לענדער. ווידער אַמאָל איז אַרויסגעשוואומען פון דער פינסטערניש פון די יאָהרהונדערטען די מיינונג, אַז די אמת'ען, וואָס מען קאָן זיי ניט משיג זיין מיט'ן שכל, קאָן מען דערגרייכען דורך דעם, וואָס מען זעהט זיי דירעקט מיט'ן גייסט, מיט רוח הקודש, און אַז מענשען, וואָס זיינען מוכשר דערצו, קאָנען געפינען דעם שליסעל צו אַלע סודות פון דער הויה.

אַזאַ מין פעהיגקייט האָט מען צוגעשריבען דער עיקר די חכמים פון דער אַלטער וועלט, וואָס זאָלען האָבען איבערגעלאָזען די שפּעטערדיגע דורות אַ רייה מסורות (קבלות) אָדער אַנטפּלעקונגען, וואָס זיינען איבערגעגעבען געוואָרען פון דור צו דור דורך די „געהייליגטע". אַזעלכע מיסטישע מסורות זאָלען זיך געפינען בעהאַלטענערהייד אין די געדאַנקען, בילדער, ווערטער און אַפילו אותיות פון די כתבי-הקדש. די בעשעפער פונ'ם תלמוד האָבען זיך געמיהט אַרויסצודריגען פון די ווערטער און אותיות פון דער תורה זייערע פיעל דינים און געזעצען און האָבען זיך סומך געווען דערביי אויף דער מסורה שבעל-פה. דעמזעלביגען מעטאָד האָבען אָנגעווענדט די מקובלים: זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז אונטער די אַלגעמיין פערשטענדליכע אמת'ען פון תנ"ך זיינען בעהאַלטען אמת'ען, וואָס בלויז איינצעלנע געהייליגטע קאָנען זיי פערשטייהן, און האָבען פון זייער צד זיך סומך געווען אויף אַפּאָקריפישע מסורות, וואָס זיינען געגאַנגען שיער ניט בקבלה פון די צייטען פון די אבות און פון משה רבינו. ווער עס פערטיעפט זיך אין דער דאָזיגער חכמה נסתרה, דער קאָן נעהענטער בעטראַכטען די גאָטהייט און ביי געוויסע תנאים ווערט ער מסוגל צו ווירקען אַפילו אויף די העכסטע וועלטען.

אין וואָס בעשטייהט די דאָזיגע חכמה נסתרה? די קבלה פון XIII-טען יאָהרהונדערט איז זיך סומך פון איין זייט אויף פילון'ס פּרינציפּ פון עמאַנאַציע (אצילות, אויסשטראַלונג), און פון דער אַנדער זייט — אויף די פאָרשטעלונגען פון דער טעאָסאָפיע פון דער צייט פון די גאונים. גאָט איז, לויט דער טעאָריע פון דער קבלה, „דאָס אוגענדליכע אָדער דער אין סוף", אַן

עצם, וואָס מען קאָן איהם ניט משיג זיין, וואָס האָט ניט קיין שום קאָנקרעטע אַטריבוטען, חוץ דער אומבעגרעניצטקייט, און ווייזט זיך נאָר אַרויס אין זיינע בעשעפענישען. אַזאַ מין אַבסטראַקטע קראַפט, וואָס האָט ניט קיין שום חומריות אין זיך, האָט ניט געקאָנט דירעקט בעשאַפען די מאַטעריעלע וועלט, און דע-ריבער זיינען צווישען דעם „אין סוף" און דער גשמיות'דיגער וועלט אַיינגע-שטעלט צעהן פערמיטלענדע שאַפענדע קרעפטען אָדער ספירות („ספירה" דאָס איז אַ צאָהל און אפשר אויך „ספערע" פון אַריסטאָטעלעס'עס טערמינאָלאָגיע). פון גאָט איז אַרויסגעגאַנגען צוערשט די ערשטע ספירה, פון דער ערשטער ספירה די צווייטע, און אַזוי ווייטער ביז צו דער צעהנטער. די דאָזיגע צעהן ספירות — וואָס זיינען עהנליך אויף גאָט, אָבער ניט גלייך צו איהם לויט'ן עצם — שטייהען נעהענטער צו דער גשמיות'דיגער וועלט. זיי האָבען דאָס, לויט'ן רצון פונ'ם „אין-סוף", בעשאַפען די וועלט און רעגירען איבער איהר, און דערביי האָט איטליכע פון זיי איהרע התמנות.

אָט זיינען די סימבאָלישע נעמען פון די ספירות כסדר לויט זייער מדרגה: כתר (קרוין), חכמה (דער ריינער שכל), בינה (פערשטאַנד), חסד (גענאָד אָדער ליעבשאַפט), גבורה, תפארת (שיינקייט), נצח (אויסברייטונג, פער-מעהרונג און קראַפט), הוד (פראַכט), יסוד און מלכות. די ערשטע דריי ספירות בילדען די העכסטע געטליכע אָרדענונג פון דער יצירה, די פירטע, פינפטע און זעקסטע — די זיטליכע אָרדענונג, די זיבעטע, אַכטע און ניינטע — די נאַטור-קרעפטען, און די צעהנטע איז אַ מין השגחה, וואָס בעהיט דאָס אידישע פאָלק אויפ'ן וועג, וואָס איז פאַר איהם בעשטימט. פון גאָט אָדער פון די ספירות פליסט דורך בעהאַלטענע קאַנאַלען (צינורות) אַל-דאָס-גוטס אויף דער ערד.

אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר דורך די ספירות משיג זיין מיט אונזערע חושים גאָט. ווען אין דער תורה שטייהט געשריבען: „גאָט האָט געזאָגט, גאָט האָט אַראָבגענידערט אויף דער ערד, גאָט איז אַרויף אויפ'ן הימעל", מיינט מען דערמיט ניט דעם „אין סוף", וואָס איהם קאָן מען ניט משיג זיין, נאָר די ספירות. דער סוד פון דער תפילה בעשטייהט אין דער השפעה, וואָס דער מענש מאַכט אויף דער אָדער יענער ספירה, און דערביי מאַכט איטליכס וואָרט פון דער תפילה, אַפילו איטליכער אות, אַ געוויסען שינוי אָדער רושם אין די העכסטע וועלטען.

די טעאָריע וועגען דער נשמה און וועגען יענער וועלט איז פערבונדען אין דער קבלה מיט דער טעאָריע וועגען גלגול (איבערוואַנדערונג פון די נשמות). אַז עס איז געענדיגט דאָס לעבען פון אַ מענשען אויף דער ערד, דערהויבט זיך די נשמה, וואָס האָט אַיינגעהיט איהר לויטערקייט און ריינקייט, אָהן מניעות אין קיניגרייך פון די אייביגע גייסטער; אַזאַ נשמה אָבער, וואָס איז טמא געוואָרען דורך עבירות, גייהט אַריבער אין גוף פון אַן אַנדער מענ-שען, וואָס ווערט אָקאָרשט געבאָרען, און בלייבט אין דעם ערדישען לבוש, ביז וואַנען זי וועט אויסבעטען אַ כפרה אויף איהרע זינד און וועט ניט אויס-געלייטערט ווערען.

די דאָזיגע נעפילדיגע טעאָסאָפיע האָט געמוזט שטאַרק ווירקען אויף רעליגיעזע געמיטער, וואָס זוכען בילדליכע פאָרשטעלונגען. זי האָט געמאַכט שלום צווישען דער שטריינג אַבסטראַקטער דאָגמאַטיק פון דער יהדות און צווישען דער אונאויסמיידליכער טענדענץ מגשם צו זיין דעם בורא. געמיטער, וואָס האָבען זיך געריסען אַריבער „אויף יענער זייט פונ'ם בעוואוסטזיין", האָבען דאָ געפונען אַ שטיצפונקט. די קבלה האָט זיי אַנטפּלעקט די וועלט-סודות, און עס איז שוין ניט שווער געווען צו געפינען אַ סמך דערצו אין „דער בעהאַלטענער כוונה" פון תנ"ך אָדער תלמוד. מענשען האָבען זיך געקוויקט מיט דער דאָזיגער „חכמה נסתרה" און האָבען געהאַלטען, אַז זי איז אַ מין אַנטפּלעקונג מן השמים, און האָבען אַפילו גאָר ניט געקלערט, אַז דאָס אַלץ איז די פרוכט פון דער צעהיצטער פאַנטאַזיע, וואָס האָט אָנגעוואָהרען די פייהיגקייט צו אונטערשיידען צווישען אַ שאָטען און צווישען ווירקליכקייט.

די פערשפרייטונג פון דער קבלה צווישען די שפּאַנישע און פּראָוואַנסאַלישע אידען האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ערשטער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט, בשעת צווישען די געבילדעטע קלאַסען האָבען זיך פערשפרייט דעם רמב"מ'ס אידייען. אין דערזעלביגער צייט וואָס אייניגע האָבען אויפגעקלערט זייער פערשטאַנד דורך דער ניכטערער פילאָסאָפיע פון דעם „מורה נבוכים", האָבען אַנדערע זיך פערטיעפט אין די סתרי-תורה פונ'ם „ספר יצירה" און פון אַנדערע מיסטישע ספרים.

די ערשטע נעסט פון דער קבלה איז געווען די שטאָדט געראָנאַ. דאָ האָט געלערנט די „חכמה נסתרה" אַ געוויסער ר' עזריאל, וואָס וועגען די געשעהענישען פון זיין לעבען איז גאָרנישט ניט בעוואוסט. פון דער דאָזיגער „געראָנער שול" האָט אַרויסגעטראָגען זיינע קבליסטישע אידייען דער בעריהמטער רמב"ן, וואָס אין זיין פירוש אויף דער תורה האָבען זיי געפונען בלויז אַ שוואַכען אָבקלאַנג.

לכתחילה איז די קבלה פערשפרייט געוואָרען, ווי עס ווייזט אויס, בלויז פאַר איינצעלנע, נאָר אין דער צווייטער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט בעשליסען זיך שוין די אָנהייגער פון דער קבלה אַרויסצוטרעטען מיט זייערע אידייען אין דער ליטעראַטור, ניט בעהאַלטענדיג זיך הינטער די אַלטע פסעוודאָעפיגראַפען.

איינער פון די ערשטע מקובלים-שריפטשטעלער איז געווען דער איינפלוסרייכער פאָרשטייהער פון דער טאָלעדער קהילה, ר' טודרוס אבולאַפיא (אַן ערך 1234 — 1304), וואָס האָט פערנומען אַן אָנגעזעהענע שטעל, אַלס דאָקטאָר אָדער פינאַנסיסט, ביים הויף פון קאַסטילישען קיניג סאַנכאָ IV. אַלס פלימעניק און חבר לדעה פונ'ם בעוואוסטען שונא פון דער פילאָסאָפיע, ר' מאיר אַבולאַפיא, האָט ר' טודרוס געטאַדעלט די ראַציאָנאַליסטען פאַר זייער שטרעבונג צו דערקענען די גאָטהייט דורך לאָגישען דיינקען און אָבצושאַצען גאָטס געבאָטען מצד זייער אויסווייניגסטער צוועקמעסיגקייט. אגב, איז ער געווען אין כעס אויף

דער פילאָסאָפיע, פאַרוואָס זי לייקענט אָב די עקסיסטענץ פון שדים און רוחות רעות. ר׳ טודרוס אַבולאַפיא האָט געהאַלטען, אַז די העכסטע אמת׳ען ווערען אַנטפּלעקט בלויז דורך דער איבערמענשליכער חכמה, וואָס איז קאָנצענטרירט אין דער קבלה. ער האָט זיך געקליגט צו געפינען אין דער תלמודישער אגדתא ראיות פאַר דער טעאָריע וועגען די ספירות און וועגען גלגול פון די נשמות. צוליעב דעם צוועק האָט ער פערפאַסט, ערשט אויף דער עלטער, אַ ספר מיט׳ן נאָמען „אוצר הכּבוד״.

מעהר מעטאַפיזיקער, איידער מיסטיקער, איז געווען אבולאַפיא׳ס בן-דור ר׳ יצחק אל-לאטיף (געשטאָרבען אַן ערך אין יאָהר 1290), דער מחבר פון עטליכע מערקווירדיגע ווערק, וואָס די מקובלים שאַצען זיי הויך („צורת-העולם״ און אַנד.). ווי עס דריקט זיך אויס אַ שפּעטערדיגער שריפטשטעלער, איז אל-לאַטיף געשטאַנען מיט איין פוס אין דער פילאָסאָפיע און מיט דער אַנדערער אין דער קבלה. ער ענטוויקעלט די אידייע פון פאַנטעאיזם אין אַ מיסטישער פאָרם. „די אומבעדינגטע רוחניות׳דיגקייט פון גאָטס עצם און זיין אלויסענ-הייט — זאָגט ער — איבערצייגען אונז, אַז גאָט געפינט זיך אין אַלץ און אַלץ געפינט זיך אין גאָט״. ער שילדערט בילדליך די ערשיינונג פון דער גאָטהייט אין דער וועלט פון די גייסטער און אין די נידעריגע ספערען דורך געאָמעט-רישע פיגורען: גאָט פערהאַלט זיך צו דער וועלט לערך אַזוי, ווי אַ פּינטעל צו אַ ליניע אָדער ווי אַ ליניע צו אַ פלאַך.

אל-לאַטיפ׳ס בן-דור, ר׳ יוסף גיקטילא (דזשיקאַטילאַ, געשט. אַן ערך אין יאָהר 1305), האַלט מעהר פונ׳ם „אַריטמעטישען״ מעטאָד אין דער קבלה: אין זיין חבור „גנת-אגוז״ (נוס-גאָרטען) פערנעמט ער זיך מיט צונויפשטעלען און צונויפרעכענען ווערטער און אותיות, ברייגענדיג זיי אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער טעאָריע פון די ספירות. ער האָט אויסשטודירט די פאָרמעלן פון די השבעות און האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ בעל-מופת.

די קבלה האָט זיך ניט בעגענוגענט בלויז מיט טעאָרעטישע בעטראַכטונ-גען. זי האָט געשאַפען בעגייסטערטע בעלי-חלומות, וואָס האָבען פּרעטענדירט צו זיין נביאים אָדער משיחים. אַזוינער איז געווען ר׳ אברהם אבולאַפיא, אַ געבּירטיגער פון סאַראַגאָסאַ (אַן ערך 1240 — 1291), אַ פאַנטאַסט און אונער-מידליכער אוואַנטיוריסט. יונגערהייד האָט ער אונטערנומען אַ מאָדנע נסיעה, בכדי צו געפינען דעם לעגענדאַרישען טייך סמבטיון און די פערלאָרענע עשרת השבטים, וואָס וואוינען הינטער איהם, ער האָט בעזוכט ארץ-ישראל, גריכענלאַנד און איטאַליען. אַז ער האָט זיך צוריק אומגעקעהרט קיין שפּאַניען, האָט ער זיך פערטיעפט אין שטודיום פון דער קבלה: אָנגעהויבען האָט ער פון „ספר יצירה״ און געענדיגט מיט דער ערפינדונג פון אַן אייגענער „נבואישער קבלה״ וואָס איז בעשטאַנען פון קונציגע צונויפשטעלונגען פון די ווערטער פון תנ״ך, און בעזונדערס פון גאָטס נעמען (צירופים), און אין דער בילדונג פון עפּיס אַזעלכע סודות-פולע פאָרמעלן, וואָס דורך זיי קאָן מען קומען אין פערבינדונג מיט דער גייסטער-וועלט.

נאָר ר׳ אברהם אבולאַפיא האָט זיך ניט בעגנוגענט דערמיט און ער האָט אָנגעהויבען צוצושרייבען זיך גופאָ די פייהיגקייט פּאַראויסצוזעהן די צוקונפט און צו זאָגען נביאות, וואָס ער זאָל דאָס האָבען דערגרייכט נאָך אַ לאַנגער התבודדות און דורך נזירים-לעבען. ער איז אויס׳סניי אַריבערגעפאָהרען קיין איטאַליען און האָט דאָרט פערשפּרייט זיין טעאָריע מינדליך און שריפטליך.

אין יענער צייט איז אין זיין קאָפּ צייטיג געוואָרען דער געדאַנק וועגען דער מעגליכקייט צונויפצוגיסען דעם קריסטענטום און די אידישקייט דורך דער קבלה. די קריסטליכע דאָגמע פון דער דרייאייניגקייט האָט זיך איהם געדוכט, אַז זי איז נאָהענט צו דער טעאָריע פון די צעהן ספירות: דאָרט איז גאָט אין דריי געשטאַלטען, דאָ איז גאָט אין צעהן געשטאַלטען. אבולאַפיא האָט זיך סומך געווען אויף דער דאָזיגער עהנליכקייט און האָט געהאַלטען פאַר מעגליך אָנ-צוהויבען אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישען קריסטען. אין יאָהר 1280 אָדער 1281 איז דעם דאָזיגען עקזאַלטירטען בעל-חלומות אריינגעפאַלען אין קאָפּ אַ משוגענער געדאַנק — קומען צום רוימישען פּויפּסט מאַרטין דעם IV-טען (ווי עס ווילען האָבען אַנדע-רע — צו ניקאָלויס דעם III-טען), בכדי איהם צו מאַכען בעקאַנט מיט זיין גע-ניאַלער ענטדעקונג, אַז די טעאָריע פון די ספירות איז עהנליך אויף דער טעאָריע פונ׳ם קריסטענטום, און צוצוציהען איהם אויף אַזאַ אופן צו דער אי-דישער אמונה. אבולאַפיא האָט טייער בעצאָהלט פאַר׳ן דאָזיגען פּרוב: אין רוים האָט מען איהם אַרעסטירט, אָבגעהאַלטען 28 טעג אין תפיסה און שיער ניט פערברענט אויף אַ שייטערהויפען.

דערנאָך איז ער אַוועק קיין סיציליען, וואו ער האָט אָנגעהויבען זיך אויסצו-געבען פאַר אַ משיח און האָט פערזיכערט, אַז גאָט האָט איהם אַנטפּלעקט דעם „קץ פון גלות און דער התחלה פון דער גאולה פון ישראל" (1284). דער מאָ-מענט פון אויסלייזונג האָט, לויט זיין נבואה, בעדאַרפט אָנקומען אין יאָהר 1290. האָבען זיך געפונען אין סיציליען לייכטגלויביגע מענשען, וואָס האָבען געגלויבט אין אַבולאַפיא׳ס פאַנטאַזיעס. דעמאָלט האָבען די פאָרשטייהער פון דער אידישער קהילה אין פּאַלערמאָ זיך געווענדעט צום רשב״א אין באַרצעלאָנאַ נאָך ידיעות וועגען דער פּערזענליכקייט פון דעם דאָזיגען מענשען, וואָס האָט זיך אויסגע-געבען פאַר אַ נביא. דער רשב״א האָט געענטפערט, אַז ער קען שוין פון לאַנג אַבולאַפיא׳ן פאַר אַ פאַנטאַסט און פאַר אַ מיסטיפיקאַטאָר.

האָט אַבולאַפיא געמוזט אַוועק פון סיציליען און זיך בעזעצען ערגיץ ניט ווייט פונ׳ם אינזעל מאַלטאַ. ער האָט זיך ביטער בעקלאָגט אויף זיינע פּאָלקס-ברידער, וואָס האָבען ניט געגלויבט אין איהם. „אין דער צייט וואָס קריסטען — האָט ער געשריבען — גלויבען אין דאָס, וואָס איך זאָג זיי אָן פון גאָטס נאָמען וועגען, זיינען די אידען פערעקשנ׳ט אין אומגלויבען, קוקען גאָרניט אויף די צירופים פונ׳ם שם המפורש (לויט׳ן מעטאָד פון דער קבלה), און צייהלען בע-סער זייער אוצרות פון גאָלד און זילבער". וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט דער דאָזיגער אַוואַנטיוריסט — איז ניט בעוואוסט. אַבולאַפיא האָט אָנגעשריבען

אַ סך ספרים איבער קבלה („אור השכל", „שבע נתיבות" און אַנד.), וואָס פון זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרען בלויז אומבעדייטענדע פראַגמענטען.

אַן ערך אין דערזעלביגער צייט — משמעות אויך אונטער'ן אײַנפלוס פון דער מיסטישער פראָפּאַגאַנדע — זיינען אַרויסגעטראָטען צוויי פאַלשע משיחים אין שפּאַניען גופא: איינער אין דער שטאָדט אַווילאָן און די אַנדערע — אין אַווילאַ (1295). אומזיסט האָט דער רשב"א מתרה געווען די אײַנוואוינער פון אַווילאַ, זיי זאָלען ניט גלויבען אין די רייד פון'ם פאַלשען נביא: דער המון האָט ניט געהערט די התראות, האָט געפאַסט תעניתים, געטיילט צדקה און געוואַרט אויף נסים. אין אַ בעשטימטען טאָג זיינען די לייכטגלויביגע אידען פון אַווילאַ, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, זיך צונויפגעקומען אין שול, האָפענדיג צו דערהערען דאָרט דעם שופר של משיח. לאַנג האָבען זיי געוואַרט און האָבען זיך גאָרנישט ניט דערוואַרט. נאָך ביים אַרויסגייהן פון שול, דערציילט די לעגענדע, האָבען די פערזאַמעלטע בעמערקט ביי זיך אויף די קליידער קליינע צלמים'לעך. דער דאָזיגער „מופת" (ס'קאָן זיין, אַז דאָס האָבען צוגעגרייט אומבעמערקטערהייד די קלוגע געגנער פון'ם פאַלשען משיח) האָט אַלעמען אַרייַנגעיאָגט אַ שרעק. מחמת יאוש אינ'ם קומען פון משיח האָבען עטליכע זיך גע'שמד'ט, און אַנדערע זיינען אַראָפּ פון זינען. די פאַלשע נביאים זיינען ערגיץ נעלם געוואָרען.

ר' משה די ליאון; דער „זוהר".

§ 134. צווישען די שפּאַנישע מיסטיקער פון יענער צייט האָט זיך געפונען אַ מענש, וואָס איהם איז געווען בעשערט צו בעשאַפען די „הייליגע ספרים" פון דער קבלה און ענדגילטיג זיי פערפעסטיגען אַלס אַן אַלטע רעליגיעזע אנטפּלעקונג. ר' משה די ליאון (געבאָרען אַן ערך אין יאָהר 1250, געשט. אין יאָהר 1305) שטעלט פאָר זייהר אַ טונקעלע פערזענליכקייט, פּונקט אַזוי ווי עס איז טונקעל און רעטענישפול יענע תורה, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבען אָבגעגעבען אויף זי צו פערשפּרייטען. ער האָט אַרומגעוואָגעלט איבער פערשיידענע שטעדט פון שפּאַניען, ער האָט געוואוינט אין גוואַדאַלאַקסאַר, וואַלאַדאָליד און אַווילאַ.

לכתחילה האָט ער געשריבען טעאָלאָגישע ספרים, וואָס האָבען געטראָגען אַ מיסטישען כאַראַקטער („ספר הרמון", „ספר המשקל"), וואו ער איז אַגב מחולק מיט דער מיינונג פון די ראַציאָנאַליסטען, וואָס בעהויפּטען, אַז די מסקנות פון דער יהדות זיינען אײַנשטימיג מיט די מסקנות פון דער פילאָסאָפיע. אויב עס וואָלט טאַקע געווען אַזוי, טאָ צוליעב וואָס — פרעגט ער — האָט גאָט בעדאַרפט געבען די תורה אויפ'ן באַרג סיני בקולות וברקים, מיט דונערן און בליצען, און משנה זיין די סדרי מעשה-בראשית, וויבאַלד אַז די דאָזיגע תורה לערנט דאָס אייגענע, וואָס אונז האָט געלערנט דער פילאָסאָף אַריסטאָטעלעס אָהן שום רעש און טומעל? לויט ר' משה די ליאָנ'ס מיינונג, איז די תורה מעהר ניט

ווי אַן אויסוויינִיגסטער לבוש פון גאָטס געדאַנק, און וואָס טיעפער מען דרינגט אַריין אין די אויסדרוקען און ווערטער פון די כתבי הקדש, אַלץ ברייטער וויקעלט זיך פונאַנדער דער דאָזיגער געדאַנק; אין זיינע שפּעטערדיגע חיבורים („שקל הקדש“, „ספר הסודות“) האָט ער זיך נאָך מעהר פערטיעפט אין מיסטיציזם און האָט איבערגע׳חזרט דיזעלביגע געדאַנקען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען פערשפּרייט צווישען די שפּאַנישע מקובלים. דער אַיינפלוסרייכער טאָלעדער מקובל ר׳ טודרוס אַבולאַפיא און זיין זוהן ר׳ לוי זיינען, משמעות, געווען ר׳ משה די ליאונ׳ס בעשיצער, וואָס זייער נאָמען האָט ער געווידמעט צוויי זיינע ספרים.

ר׳ משה די ליאון האָט זיך מפרנס געווען דורך שרייבען ספרים, נאָר זיינע אָריגינעלע חיבורים האָבען ניט געהאַט קיין גרויסען ערפאָלג און האָבען איהם אַריינגעטראָגען זייהר אַ קנאַפּע הכנסה, מחמת דער מחבר איז ניט געווען קיין מפורסם. דעמאָלט האָט ער בעשלאָסען אָנצווענדען דעם מיטעל, וואָס די פריהערדיגע מיסטיקער האָבען עס אָפטמאָלס געברויכט — דאָס איז פּסעוודאָפּיגראַפיע. ער האָט פערשטאַנען, אַז אַ מיסטישער ספר קאָן נאָר דעמאָלט האָבען ערפאָלג, אויב ער טראָגט דעם נאָמען פון אַן אַלטען חכם און האָט דעם כאַראַקטער פון אַ סודות-פולע אַנטפּלעקונג. בכן האָט ר׳ משה די ליאון פערפאַסט אויפ׳ן סמך פון אַלטע און שפּעטערדיגע מיסטישע ספרים, וואָס זיינען צום טייל ניט געווען אַרויסגעגעבען, אַ מין גרויסען מדרש אָדער לעגענדאַרישען פּירוש אויף חומש, האָט צונויפגעקליבען דאָרט אַ גאַנצע מאַסע קבליסטישע טעאָריעס, סימבאָלישע ספּורים און מימרות, ער האָט זיי אַריינגעלייגט אין מויל פון די תנאים פון דער משנה, האָט זייהר קונציג איבערגעגעבען דאָס אַלץ אויפ׳ן אַרמישען דיאַלעקט, וואָס איז נאָהענט צום דיאַלעקט פון דער תלמודישער תקופה, און האָט אַרויסגעגעבען דעם גרויסען זאַמעלבוך, וואָס איז אויף אַזאַ אופן צונויפגעשטעלט געוואָרען, אונטער׳ן נאָמען „זוהר“ (גלאַנץ). זיין אייגענעם נאָמען און זיין אָנטייל נעמען אינ׳ם צונויפשטעלען דעם דאָזיגען ספר האָט ר׳ משה די ליאון בעהאַלטען און האָט בעהויפּטעט, אַז דאָס איז זייהר אַן אַלטער כתב-יד, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אין צווייטען יאָהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט אין ארץ-ישראל דורך רבי שמעון בן-יוחאי אין יענע יאָהרען, בשעת דער דאָזיגער תנא איז געווען בעהאַלטען אינאיינעם מיט זיין זוהן אין דער הייהל (§ 21), און וואָס שפּעטער האָבען ר׳ שמעונ׳ס תלמידים געמאַכט הוספות צו איהם. און מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דעם דאָזיגען כתב-יד האָט ניט לאַנג געפונען דער רמב״ן, בשעת ער איז געווען אין ארץ-ישראל, און ער האָט איהם איבערגעשיקט קיין שפּאַניען; דערנאָך האָט עס בעקומען ר׳ משה די ליאון, וועלכער האָט געמאַכט עטליכע קאָפּיעס דערפון און האָט אויף אַזאַ אופן איבערגעגעבען דער אידישער וועלט די הייליגע אַנטפּלעקונג פון טיעפען אַלטערטום. אינ׳ם טעקסט פון „זוהר“ איז פאַרהאַן איין אָרט, וואו ר׳ שמעון בן יוחאי זאָגט פאָראויס, אַז זיין ווערק וועט ווערען אַנטפּלעקט דער וועלט אין אָנהויב פונ׳ם אלף השישי נאָך דער וועלט-בעשאַפונג (דאָס הייסט נאָך 1240 יאָהר פון דער קריסטליכער צייט).

רבי שמעון בן-יוחאי גופאַ טרעט אַרויס אין „זוהר" אַלס הייליגער מאַן, וואָס בעקומט אַנטפּלעקונגען פונ'ם מלאך מטטרון און דערציילט אינ'ם קרייז פון אויסדערוויילטע וועגען די סודות פון הימעל, און ערד און פון דער מענשליכער נשמה. „איך זאָג עדות אין נאָמען פון די הייליגע הימלען און פון דער הייליגער ערד, — זאָגט ער — אַז איך זעה איצט דאָס, וואָס קיין שטערבליכער מענש האָט דאָס ניט זוכה געווען צו זעהן זיבּנט יענער צייט, וואָס משה רבינו איז צום צווייטען מאָל אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג סיני. איך זעה אפילו מעהר פון משה'ן. וואָרום משה רבינו האָט ניט געוואוסט, אַז זיין פּנים שיינט; איך אָבער וויס, אַז מיין פּנים שיינט".

דער „זוהר" בעשטייהט פון עטליכע טיילען, וואָס זיינען אויף אַ משונה'דיגען אופן צונויפגעבונדען צווישען אַנאַנד. חוץ דעם גרונד-טעקסט, זיינען אין ספר פאַרהאַן אָבטיילונגען, וואָס טראָגען די נעמען „ר ע י א מ ה י מ נ א" (געטרייער פּאַסטוך), „מ ד ר ש ה נ ע ל ם" (דער פערבאָרגענער מדרש), „א ד ר א ר ב א" (די גרויסע הייליגע פערזאַמלונג), „אדרא זוטא" (קליינע הייליגע פערזאַמלונג), „ס פ ר א ד צ נ י ע ו ת א" (דער ספר פון בעהאַלטענקייט). דאָס איז אַלץ פונאַנדערגעטיילט, לויט די סדרות פון חומש, אַלס דרשות אויף די פסוקים. דער גרונדגעדאַנק פונ'ם „זוהר" בעשטייהט דערין, אַז אין די ספּורים און מצוות פון דער תורה זיינען בעהאַלטען די טיעפסטע רעליגיעזע סודות. „וויה געשריען צו די — רופט אויס דער פלומרשטיגער ר' שמעון בן יוחאי, — וואָס זעהען דעם לבוש פון דער תורה, און ניט איהר נשמה! זיי מיינען, אַז גאָט האָט געוואָלט דערציילען אין דער תורה אַזעלכע פּשוט'ע מעשיות, אַ שטייגער ווי די ספּורים וועגען הגר און עשו, יצחק און לבן, בלעם און בלק. נאָר אַזעלכע ספּורים קאָן דאָך פערפאַסען איטליכער שטערבליכער. ניין, די ספּורים פון תנ"ך זיינען מעהר ניט ווי אַן אויסווייניגסטער לבוש פאַר די געטליכע סודות, וואָס נאָר דער שכל פון אויסדערוויילטע קאָן זיי משיג זיין". דאָ איז די קבלה אומבעמערקטערהייד זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער פילאָסאָפיע אין דער אָנערקענונג פונ'ם אַלעגאָרישען מעטאָד: דער חילוק איז בעשטאַנען נאָר דערין, וואָס די פילאָסאָפען האָבען געזוכט אין תנ"ך ראַציאָנאַליסטישע אידייען (§ 129), און די קבלה האָט דאָרט אַרויסגעפונען פאַנטאַסטישע סימבאָלען.

ר' שמעון בן יוחאי האָט קורץ פאַר זיין טויט צונויפגעקליבען זיינע תלמידים און האָט זיי אַנטפּלעקט דעם סוד פון גאָטס עצם. דער עתיקא קדישא (דער הייליגער אַלטער, גאָט) — האָט ער געזאָגט — איז דער פערבאָרגענסטער עצם, ווייט פון דער גשמיות'דיגער וועלט און צוגלייך צונויפגעבונדען מיט איהר, וואָרום אַלצדינג האַלט זיך אויף איהם און ער געפינט זיך אין אַלצדינג. ער האָט און האָט ניט קיין געשטאַלט: ער האָט אַ געשטאַלט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ער האַלט אונטער אַלצדינג; ער האָט ניט קיין געשטאַלט אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל מען קאָן איהם ניט משיג זיין. בשעת ער האָט זיך געבילדעט, האָט ער אַרויסגעטראָגען ניין מאורות (ספירות), וואָס לייכטען דורך זיין גלאַנץ און וואָס שטראַהלען אויס אין אַלע זייטען. ער איז איינס מיט זיי: דאָס

זיינען די מדרגות, אויף וועלכע עס בעווייזט זיך דער עתיקא קדישא, דאָס זיינען זיינע געשטאַלטען. זיין קאָפּ — דאָס איז די העכסטע חכמה... זיינע האָר — דאָס זיינען די פערשיידענע וועגען פון דער חכמה, זיין פּנים — איז חסד און אזוי ווייטער.

אַזעלכע משונה'דיגע פאַנטאַסטישע זעהונגען פילען אָן דעם גרעסטען טייל פונ'ם „זוהר". אין די דאָזיגע בילדער און אין דער שפּראַך גופא איז פאַרהאַן עפּיס אויפרעגענדעס, וואָס ווירקט שטאַרק אויפ'ן כח-הדמיון. די סודות פונ'ם הימעל און פון גיהנם ווערען אויפגעדעקט אין אייגענאַרטיגע בילדער, וואָס פליסען איין דעם גלויביגען אַ מין הייליגע ציטעריניש. אונטער'ן קיניגרייך פון די ליכטיגע גייסטער שטעלט דער „זוהר" אַוועק דאָס פינסטערע קיניגרייך פון די רוחות; דאָס ערשטע בעציהט זיך צום לעצטען, ווי דער קערן צו דער שאָלעכץ (קליפּה), ווי די אויבערשטע זייט צום אונטערשלאַק (סטרא אחרא). דאָס קיניגרייך פון די רוחות רעות האָט זיינע צעהן מדרגות (ספירות). די מזיקים שטייהען צו צום מענשען, דרינגען אריין אין זיין נשמה און וועקען אין איהר זינדיגע מחשבות. איטליכע עבירה גיט איבער דעם מענשען אין רשות פון מזיקין, פון דער סטרא אחרא; איטליכע מצוה ברייננט דעם מענשען אין פערבינדונג מיט דער וועלט פון די לויטערע גייסטער. דערין טאַקע בעשטייהט די הויפּט-בעדייטונג פון דער תורה. אין „זוהר" רעדט זיך טיילמאָלס, אין זייהר רעטענישפולע אויסדרוקען, וועגען משיח'ס צייטען, וואָס וועלען אָנקומען, ווי עס איז פאָראויסגעזאָגט אין איין אָרט, דעמאָלט, בשעת דער זעכציגסטער אָדער זעקס-און-זעכציגסטער יאָהר וועט אריבערטרעטען דעם שוועל פונ'ם אלף הששי (5060 — 66 זינט דער וועלט בעשאַפונג, אָדער 1300 — 1306 פון דער קריסטל. צייט). דעמאָלט וועט פאָרקומען אַ שרעקליכע מלחמה צווישען אדום און ישמעאל (דער קריסטליכער און מהמדאַנישער וועלט), און אַ דריטע קראַפט וועט זיי ביידע גובר זיין; ס'וועלען פאַלען אַלע מלוכות און פעלקער, ס'וועלען זיין נסים, די טויטע וועלען אויפשטייהן, און אויף דער ערד וועט בעפעסטיגט ווערען די אמת'ע חכמה פון דער קבלה.

אויף אַזאַ אופן האָט צום סוף פון XIII יאָהרהונדערט זיך בעוויזען צווישען די שפּאַנישע אידען דער דאָזיגער מאָדנער ספר — אַ געמישעכץ פון הויכער רעליגיעזער מעטאַפיזיק מיט אַן אומזיניגער מיסטישער באַלבעריי, — וואָס איז געוואָרען אין גיכען די ביבעל פון די מקובלים. אַ סך האָבען געגלויבט אין דער לעגענדע, וואָס ר' משה די ליאון האָט פערשפּרייט, אַז דער „זוהר" איז זייהר אַלט. דעם ספר האָט מען האָט אָנגעהויבען צו קויפען, און דער מחבר, וואָס האָט זיך אויסגעגעבען בלויז פאַר אַן איבערשרייבער, פלעגט בעקומען אַ סך געלד פאַר די קאָפּיעס, וואָס ער האָט געמאַכט.

באַלד נאָך ר' משה די ליאונ'ס טויט איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו דערגייהן, צי דער „זוהר" איז טאַקע אמת אַלט. איין רייכער מאַן האָט פאָרגעלייגט דעם פערשטאָרבענעמס אַלמנה, וואָס האָט געלעבט אין דחקות, אַ גרויסע סומע געלד פאַר'ן אַלטען אָריגינאַל פון „זוהר", וואָס פון איהם זאָל האָבען

איהר מאַן אַראָבגענומען זיינע קאַפּיטעלס. האָט די פּשוט׳ע פּרוי געענטפערט, אַז איהר מאַן האָט קיין מאָל גאָרניט געהאַט קיין אַלטען כתב־יד פונ׳ם „זוהר״, און ניט ער האָט קאָפּירט, נאָר געשריבען אַלצדינג „פון קאָפּ״.

נאָר די דאָזיגע אומבעשיידענע אויפדעקונג איז ווי פערהילכט געוואָרען אינ׳ם כאָר פון די שטימען, וואָס האָבען געריהמט „ר׳ שמעון בן־יוחאי׳ס ווערק״. דער נאָמען פונ׳ם אמת׳ען מחבר אָדער צונויפשטעל׳ער איז פערגעסען געוואָרען, — און אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור איז צוגעקומען נאָך אַ ספר, וואָס האָט אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען געשפּיעלט די ראָל פון אַ פאַהן פאַר פערשיידענע מיסטישע און משיחישע בעוועגונגען.

פערטער קאפיטעל.

די עפאכע פון רעכטלויזיגקייט און גזירות אין דייטשלאנד.

די אידען אין דייטשלאנד און עסטרייך אין דער צייט פון פרידריך דעם II-טען.— די עפאכע פון פויסט-רעכט. — רודאלף פון האבסבורג. — די גזרה פון ריגדפלייש.— די עפאכע פון מערטירטום. — דער „שווארצער טויט". — די „גאלדענע בולע", פערארימונג און רעכטלויזיגקייט. — דער XV יאהרהונדערט: הוסיטן, פערטרייבונג פון עסטרייך, קאפיסטראנא'ס אגיטאציע און די דראמע פון טריענט. — די אינע-וויינינסטע אויטאנאמיע. — דאס גייסטליכע לעבען.

די אידען אין דייטשלאנד און עסטרייך אין דער עפאכע פון פרידריך דעם II-טען.

§ 135. דער אידעאל פון א מיטעלאלטערליכער מלוכה, מיט איהר פעא-דאל-קלעריקאלער ארדענונג, סאציאלע מחיצות און קאסטען-גייסט — איז פער-ווירקליכט געווארען אין דייטשלאנד אין א גרעסערער מאס, איידער אין אנדערע לענדער. אין ערגיץ איז די פאליטיק פון דער רעגירונג און פון די „שטאנדען" בנוגע צו אידען ניט געווארען דורכגעפיהרט אזוי מעטאדיש, מיט אזא שטענ-דיגקייט, ווי אין דייטשלאנד. אפילו די מאסען-אנפאלען אויף אידען, די פאג-ראמען און הריגות זיינען געמאכט געווארען אזוי ווי לויט א בעשטימטער פראגראם, און פלעגען זיך איבער'חזר'ן פעריאדיש אין בעשטימטע צייטען. אויב מען וואלט קאנען אויסדריקען דעם גאנצען סך-הכל פון די יורידישע און סאציאל-עקאנאמישע תנאים פון אידישען לעבען אין XIII, XIV און XV יאהר-הונדערט אין איין קורצער פארמעל, וואלט זי געקלונגען אזוי: די רעגירער האבען פערשקלאפט און עקספלואטירט די אידען, די ארגאניזאציעס פון די שטאנדען האבען זיי ארויסגעשטופט פון אלע טעטיגקייטס-ספערען און דאס פאלק האט זיי פון צייט צו צייט בערויבט און גע'הרג'עט.

די ווירקונג פון די אלגעמיינע געזעצען איז ניט גילטיג געווען פאר אידען. זיי האבען געלעבט אונטער'ן שוץ פון ספעציעלע געזעצען אדער „פרי-ווילעגיעס", וואס עס האבען זיי געגעבען אדער, געגויער, פערקויפט זייערע

אָפיציעלע „בעשיצער“ — די קיסרים און די פעאָדאַלע פירשטען, און אין עטליכע ערטער אויך די שטאָדטישע מאַגיסטראַטען. די סיסטעם פון „קאַמער-קנעכטשאַפט“ אָדער „קייזערליכען לייב-אייגענטום“, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען נאָך אין XII יאָהרהונדערט (§ 101), האָט דערגרייכט אין פאָלגענדען יאָהרהונדערט אַ איהר העכסטער בליהונג. זינט פרידריך דעם II-טענס צייטען פלעגען די קיסרים אָנרופען „זייערע אידען“ ניט אַנדערש, ווי „סערווי קאַמערע נאָסטרע“ — „קנעכט פון אונזער הויף“. אויפ'ן גאַנצען שטח פון דייטשלאַנד ווערט אָנערקענט פאַר'ן אפוטרופוס און בעשיצער פון די אידען אויסשליסליך דער קייזער: ער האָט אַ זאָגען איבער זייער פערזאָן און אייגענס, ער גיט זיי רעכט אין די שטאָלע גרעניצען, וואָס עס דערלאָזען די רעכט פון די שטאַנדען און צעכען, ער מאָנט איין פון זיי פאַר זיין פערזענליכער קאַסע שטענדיגע און אויסערגעוויהנליכע אָבצאָהלונגען, ער רעגולירט זייערע האַנדעלס-געשעפטען און ער מוז אָבער ניט אַלע מאָל ווייל און קאָן ער) פערטיידיגען זיי פון געוואַלדטאַטען מצד דער אַרומיגער בעפעלקערונג. אַ געוויסען טייל פון זיינע רעכט צו הערשען איבער אידען און צו בעלי-בת'עווען איבער זיי — טרעט דער קייזער אָב אין די אָדער יענע ערטער די פעאָדאַלע פירשטען אָדער די שטאָדטישע רעגירונגען, אָבער די אַלגעמיינע הנהגה בעהאַלט ער פאַר זיך.

די השגחה אויף די אידען מצד דער רעגירונג האָט זיך אויסגעדריקט ניט דערין, וואָס מען האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט פריי צו קאָנקורירען אין האַנדעל און מלאכות מיט דעם קריסטליכען מיטעל-שטאַנד, נאָר דערין, וואָס זייערע רעכט זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען אין הסכם מיט'ן אַלגעמיינעם רעזשים. אַראָבגעשטופט אויפ'ן דעק פונ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען, האָבען די אידען געהאַט בלויז יענע רעכט, וואָס זיינען געבליבען אַלס רעשט פון דער סומע רעכט און פריווילעגיעס, וואָס עס האָבען צוגענומען פאַר זיך די העכערע און דערנאָך די מיטעלסטע שטאַנדען פון דער אָרטיגער קריסטליכער בעפעלקערונג. דאָס איז געווען זייהר אַ קנאַפער רעשט, וואָס איז בעשטאַנען אינ'ם רעכט צו פערנעמען זיך מיט מסחר חוץ דעם שוק פון די סוחרישע גילדעס, וואָס האָבען צוגעלאָזט בלויז קריסטען, און אין דער מאָנאָפאָל אויף וואָכעריי, וואָס קריסטען האָבען זיך דערמיט זעלטען פערנומען מחמת די קירכליכע געזעצען. אַזאַ בעגרעניצטקייט פון פרנסות, וואָס זיינען נאָך דערצו אַיינגעאייגט געוואָרען דורך קרוינישע אָבצאָהלונגען, וואָס האָבען קיין שיעור ניט געהאַט, האָט פערמשפט די אידען צו אַן עקאָנאָמישען דלות. די שווערקייט פונ'ם מצב איז נאָך פערשטאַרקט געוואָרען דורכדעם, וואָס די אידענס פערזאָן און אייגענס זיינען ניט געווען פערזיכערט פאַר געוואַלדטאַטען פון אויבען אָדער פון אונטען. און נאָר די אַוטאָנאָמיע פון די קהילות, וואָס איז געגעבען געוואָרען די אידען, האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו פערשטאַרקען זייער נאַציאָנאַל-גייסטיגען „צעך“ אין מיטען דער אַלגעמיינער צעכען-אָרדענונג, און אַנטקעגענשטעלען קעגען דעם דראַנג פון די פיינדליכע קרעפטען פון אויסווייניג אַ פעסטע אינעווייניגסטע אָרגאַניזאַציע.

די דאָזיגע אויסנאַמס-אָרדענונג האָט זיך בעזונדערס איינגעעסטיגט זינט

די צייטען פונ'ם קייזער פרידריך דעם II-טען האָהענשטויפען (1215 — 1250).
אין יאָהר 1236 האָט פרידריך דער צווייטער מודיע געווען אין אַ בעזונדער
כאַרטיע, אַז פאַר אַלע דייטשע אידען זיינען גילטיג יענע סטאַטוטען, וואָס זיינען
אַרויסגעגעבען געוואָרען פאַר איינצעלנע קהילות אין דער צייט פון פרידריך
באַרבאַראָסאַ און פון די פריהערדיגע קיסרים (§§ 96, 101). די פרייהייטען פון
דער דאָזיגער כאַרטיע זיינען בעשטאַנען דערין, וואָס עס זיינען געגעבען גע-
געהאָרען די אידען געוויסע רעכט אויף האַנדלען, אַווטאָנאָמיע פאַר זייערע
קהילות און אַ גאַראַנטיע פאַר דער אומבעריהרליכקייט פון זייער פערזאָן און
אייגענס. די דאָזיגע פרייהייטען, חוץ דער געמיינדע-אַווטאָנאָמיע, זיינען אין דער
פראַקטיק אָפטמאָלס געשטערט געוואָרען מחמת דעם ווילדווילען פון די שטאַר-
קערע שטאַנדען אָדער מחמת מאַסען-פּאָגראָמען. ניט געשטערט איז אָבער גע-
בליבען דער אַלגעמיינער פּרינציפּ פון דער כאַרטיע, וואָס איז אויסגעדריקט
אין די ווערטער: „די קנעכט פון אונזער הויף", „די אידען, וואָס זיינען דירעקט
אונטערוואָרפען אונזער הויף" וכדומה.

בכדי דער בילד זאָל זיין פולקומען, האָבען נאָך געפעהלט אין דער
דאָזיגער כאַרטיע די דערנידעריגענדע כללים פון דער לאַטעראַנישער קירכען-
פערזאַמלונג פון יאָהר 1215, נאָר אויך די לעצטע זיינען צוביסלעכוויז געוואָרען
איינגעפיהרט אין לעבען. עס איז פאַרהאַן אַ ידיעה, אַז פרידריך דער II-טער
איז בעשטאַנען דערויף, עס זאָל אָבגעהיט ווערען דער געזעץ, אַז אידען מוזען
טראָגען בעזונדערע קליידער, בכדי מען זאָל זיי דורכדעם אָבשיידען פון קריס-
טען. הגם פרידריך דער II-טער איז געווען אַ פריידיינקער, וואָס האָט לחלוטין
ניט געהאַלטען פון די קאַנאָנס פון דער קירך און אַפילו פון איהרע גרונד-
דאָגמעס, פונדעסטוועגען האָט ער פערשטאַנען אַרויפצוציהען אויף זיך די מאַסקע
פון אַ קנאי פאַר'ן קריסטענטום, בשעת דאָס האָט געפאָדערט די „פּאָליטיק".
נאָכדעם ווי דער קייזער האָט אָבגענומען ביים עסטרייכישען הערצאָג פרידריך
דעם קריגערישען די שטאָדט וויען, האָט ער אַרויסגעגעבען די שטאָדטישע איינ-
וואוינער, אַלס דאַנק פאַר זייער איבערגעבענקייט, אַ פּריווילעגיע, וואָס לויט
איהר ווערט אָבגענומען ביי די אידען דאָס רעכט צו פערנעמען אַזעלכע שטע-
לעס, וואָס גיבען זיי די מעגליכקייט צו „אונטערדריקען קריסטען" (1237).
דערביי האָט דער קייזער דערקלערט זיין בעשטימונג דורכאויס אינ'ם סטיל
פון אינאָקענטיוס דעם III-טען: „וואָרום זינט די עלטסטע צייט האָט די קייזער-
ליכע (רוימישע) ממשלה, אַלס נקמה פאַר די אידענס אַלטען פערברעכען, אַרויפ-
געלייגט אויף זיי אַן אייביגע קנעכטשאַפט". איבעריגענס, אין אַ יאָהר אַרום
האָט פרידריך צוגענומען אויך די וויענער אידען אונטער זיין שוץ, אַלס „קאַמער-
קנעכט", און האָט זיי געמאַכט געניסען פון די פּראָבלעמאַטישע טובות פון דער
אַלגעמיין-דייטשער כאַרטיע פון יאָהר 1236. אַזוי האָט דער קייזער געדרייהט
זיך צווישען די פערשיידענע שטרעמונגען, אויסען זייענדיג נאָר איין זאַך: זיינע
פּאָליטישע און פיסקאַלישע אינטערעסען.

אַז דער „שוץ" מצד דעם קייזער האָט ניט אַלע מאָל פערזיכערט די פער-

זענליכע אומבעריהרליכקייט פון די „קאַמער-קנעכט", האָט בעוויזען די גאַנצע שורה פאָגראָמען, וואָס האָבען געטראָפען מיט די אידען אין דער רעגירונג פון פרידריך דעם II-טען. אין משך פון צוויי צעהנדליג יאָהר (1221—1243) זיינען געפאַלען פאַר קרבנות פון מאַסען-הריגות און גזלות אויפ'ן סמך פון רעליגיאָנס- און פעלקער-שנאה די אידען פון די שטעדט ערפורט, מעקלענבורג, ברעסלוי, לוידאַ, פולדאַ, פראַנקפורט און ביעליץ.

אַן אויסרייד צו אַזעלכע פאָגראָמען פלעגען שאַפען געוויינליך די פינסטערע מיטעלאַלטערליכע פאָראורטיילען. אויפגעהאָדעוועט אויף די טראַדיציעס פון די קרייץ-צוגען און דורכגעדרונגען מיט'ן קירכליכען אָבערגלויבען, האָט די קריסטליכע בעפעלקערונג געפיהלט אַ שנאת-מות צו אידען און האָט בלינד געגלויבט אין יענע בלבולים, וואָס די ערפינדערישע פאָלקס-פאַנטאַזיע פלעגט אויסקלערען קעגען זיי. צום מייסט פערשפרייט איז געווען דער ווילדער בלבול, וואָס איז אויפגעקומען אין XII יאָהרהונדערט, אַז אידען קוילען קריסטליכע קינדער צוליעב רעליגיעזע צוועקען (§ 100). די קלאַנגען וועגען די פלומרשטע מאָרדען פון קינדער פלעגען אָננעמען ביי די פינסטערע פאָלקס-שיכטען משונה-אומגעלומפערטע פאָרמען און פלעגען בריינגען צו אמת'ע הריגות פון אידען אין פערשיידענע שטעדט.

בעזונדערס האָט אויפגערודערט דייטשלאַנד די מעשה, וואָס האָט געטראָפען אין דער שטאָדט פולדאַ. פינף קריסטליכע אינגלעך, די קינדער פונ'ם אָרטיגען מילנער, האָט מען געפונען דער'הרג'עט הינטער'ן שטאָדט; די מעשה האָט געטראָפען אום ווייהנאַכטען אין יאָהר 1235. האָט דער אָבערגלויבישער המון תיכף בעשולדיגט אינ'ם דאָזיגען מאָרד די אידען; מען האָט בעהויפטעט, אַז זיי זאָלען האָבען אויסגעזאַפּט די בלוט פון די דער'הרג'עטע און זיי בעהאַלטען עס צוליעב זייערע פסח'דיגע צערעמאָניעס אָדער צוליעב אַ רפואה. האָט אַ המון פון קרייץ-פאָהרער און בירגער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אידישע איינוואוינער פון פולדאַ און דער'הרג'עט אַן ערך דרייסיג מאַנסבילען און ווייבער. צוויי פון די דאָזיגע קדושים האָבען די רוצחים געצוואונגען, אונטער שרעקליכע עינוים, זיך מודה צו זיין, אַז זיי זיינען כלומר'שט שולדיג אינ'ם פערברעכען. האָט מען אַוועקגעפיהרט די טויטע קערפערס פונ'ם מילנערס קינדער אַלס פאַקטישע בעווייזען צום קייזער פרידריך אין האַגענוי, און דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכע אויפרעגונג צווישען די קריסטען. דער קייזער האָט געהייסען בעגראָבען די קינדער און האָט צוגעזאָגט צו מאַכען אַן אויספאָרשונג.

ער האָט בעשטימט אַ קאָמיסיע פון וועלטליכע און גייסטליכע שרים, בכדי אויסצופאָרשען די פראַגע: צי זיינען טאַקע די אידען שולדיג אין געברויכען קריסטליכע בלוט ביי זייערע פסח'דיגע צערעמאָניעס, ווי עס דערציילט דער אָבערגלויבען פון פאָלק. אין פאַל, טאָמער וועט זיך אַרויסווייזען, אַז יאָ, האָט דער קייזער געשראָקען צו בעשטראָפען אַלע אידען פון זיין מלוכה. דער ענטפער פון דער קאָמיסיע, וואָס שפּעטער האָט מען אין איהר אַריינגענומען נאָך עטליכע געלערנטע גע'שמד'טע אידען, איז געווען, אַז ניט אין תנ"ך און ניט

אין דער „ברית החדשה" זיינען גיטאָ קיין רמזים דערויף, אַז אידען געברויכען מענשליכע בלוט, און אַז פערקעהרט, די חוקים פון דער תורה און פון תלמוד אסר'ן שטריינג אַפילו צו געברויכען בלוט פון בהמות.

אויף דעם דאָזיגען סמך האָט דער קייזער אָנערקענט די אידען פון פולדאַ פאַר אומשולדיג און האָט פערבאָטען אויף להבא אויפצוהויבען אַזעלכע פאַלשע בעשולדיגונגען (1236). פאַר'ן דאָזיגען פסק האָט פרידריך, וואָס האָט אומזיסט גאָרנישט ניט געטאָן, אויפגעמאָנט ביי די אידען אַ גרויסע סומע געלד. די פולדער קריסטען זיינען משמעות ניט בעשטראָפט געוואָרען פאַר זייער אָנפאַל אויף אידען.

אַזאַ מין פערטיידיגונג האָט, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט פערהיטען אידען, עס זאָלען זיך ניט איבער'חזר'ן קיין פּאָגראָמען. ווען מען פלעגט צופעליג געפינען אַ טויטען קערפּער פון אַ קריסט, פלעגט דאָס שאַפען אַן אויסרייד צו מאַכען אָנפאַלען אויף אַלע ארומיגע אידען, און מען פלעגט זיי פייניגען מיט עינויים, טויטען און בערויבען. טיילמאָלס פלעגט מען אַרום פסח-צייט מיט אַ כיון אונטערוואַרפען אידען אַזעלכע טויטע קערפּערס, בכדי צו דערוועקען קעגען זיי אַ חשד. די פעאָדאַלע פירשטען, ביסקופּען און אַלע מינים אַדמיני-סטראַטאָרען פלעגען אויסנוצען אַזעלכע צופאַלען אויף צו קאָנפיסקירען דעם אייגענט פון די בעשולדיגטע אָדער אויף צו בעקומען אויסקויף-געלד.

אויסגעמאַטערט דורך די שטענדיגע מהומות, האָבען די דייטשע אידען זיך געווענדעט דורך שתדלנים צום פּויפּסט אינאָקענטיוס דעם IV-טען — ער זאָל זיי נעמען אונטער זיין שוץ און דערקלערען דער קריסטליכער וועלט די גאַנצע פאַלשקייט פונ'ם בלבול, וואָס איז געווענדעט קעגען זיי, אַז זיי קולען כלומר'שט קריסטליכע קינדער. דער פּויפּסט, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אין ליאָן און איז געווען צעקריגט מיט פרידריך דעם II-טען, האָט ערפילט די השתדלות פון די אידען. דעם 5 יולי 1247 איז געוואָרען אַרויסגעגעבען און פונאַנדערגע-שיקט די גייסטליכע שרים פון די פערשיידענע עפּאַרכיעס אַ פּ ו י פּ ס ט ל י כ ע ב ו ל ע מיט אַזאַ אינהאַלט:

„מיר האָבען געהערט די בקשות און תחנונים פון די אידען פון דייטש-לאַנד וועגען דעם, אַז עטליכע גייסטליכע און וועלטליכע שרים, און אויך די איבעריגע איידעלע און הערשענדע פערזאָנען אין אייערע שטעדט און עפּאַר-כיעס טראַכטען אויס זינדיגע בעשולדיגונגען קעגען זיי, אויסזוכענדיג פערשיי-דענע אויסריידען, בכדי זיי צו בערויבען און אָהן יושר צוצונעמען פאַר זיך זייער האָב-און-גוטס. די דאָזיגע שרים פערגעסען, אַז פון די אַלטע כתבים פון דער יהדות זיינען געדרונגען די ראיות פאַר דער קריסטליכער אמונה. אין דער צייט וואָס אין די כתבי הקדש שטייהט געשריבען: „דו זאָלסט ניט מאָר-דען!" און עס איז פערבאָטען די אידען אום פסח אַפילו זיך צוצורירהען צו פגרים, מאַכט מען אויף זיי אַ בלבול, אַז זיי עסען אינ'ם דאָזיגען יום-טוב דאָס הארץ פון אַ געקוילעטען קינד. מען מיינט, אַז דאָס הייסט זיי דער געזעץ,

וואָס ער אסר'ט נאָר, פערקעהרט, אַזעלכע מעשים. ווי נאָר מען געפינט אין ערגיץ אַ טויטען קערפּער פון אַ מענשען, וואָס מען ווייס ניט, ווער עס האָט איהם דער'הרג'עט, טראַכט מען אויס מחמת רשעות, אַז דאָס האָבען געטאָן אידען. דאָס אַלץ דיענט פאַר אַן אויסרייד צו רודפ'ען זיי אָהן רחמנות. אָהן געריכט און אויספאָרשונג, ניט האָבענדיג ניט קיין בעווייזען קעגען די בעשולדיגטע, ניט זייער אייגענע הודאה, קעגען די פּריווילעגיעס, וואָס דער אַפּאָסטאָלישער טרוין האָט מזכה געווען מיט זיי די אידען, — נעמט מען ביי זיי אַוועק מחמת רשעות און אָהן יושר זייער אייגענס, מען פּייניגט זיי דורך הונגער, מען וואַרפט זיי אַריין אין תפיסה און מען טוט זיי אָן אַנדערע עינויים און מען פערמשפּט זיי צו אַ שענדליכען טויט. אויף אַזאַ אופן, ווערט דער גורל פון אידען אונטער דער ממשלה פון אַזעלכע פירשטען און רעגירער נאָך שרעקליכער, איידער דער גורל פון זייער עלטער-זיידעס אין מצרים אונטער דער ממשלה פון פרעה. און מחמת די דאָזיגע רדיפות זיינען זיי געצוואונגען צו פערלאָזען יענע ערטער, וואו זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען געוואוינט זינט די עלטסטע צייטען. און מורא האָבענדיג, ניט צו ווערען אינגאַנצען פערטיליגט, ווענדען זיי זיך צום שוץ פון אַפּאָסטאָלישען שטול. היות ווי מיר ווילען ניט, אַז מען זאָל אומגערעכט פּייניגען די אידען, וואָס אויף זייער בעקעהרונג וואַרט נאָך דער באַרימהאַרציגער גאָט, בעפעהלען מיר אייך, אַז איהר זאָלט זיך בעגייהן מיט זיי פריינדליך און מיט גוטען. אויב איהר וועט הערען וועגען אַזעלכע אומגעזעצליכע אונטערדריקונגען מצד פּרעלאַטען, פּריצים און שררות, זאָלט איהר זיך מיהען אַריינצובריינגען דעם ענין אין די גרענעצען פון געזעץ און דערלאָזט ניט, אַז די אידען זאָל מען אַזוי אָדער אַנדערש אומגערעכט בעלעסטיגען".

אין דער דאָזיגער בולע אינאָקענטיוס דעם IV-טענס האָבען געפונען אַן אָבקלאַנג יענע שרעקענס און געוואַלדטאַטען, וואָס זיינען אָבגעטאָן געוואָרען אויפ'ן סמך פון דער עלילת-דם ניט בלויז אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין פראַנקרייך, איינגלאַנד און אַנדערע לענדער. דאָס, וואָס דער פּויפּסט האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אידען, איז געווען אַרויסגערופען ניט אַזוי מחמת רחמנות, ווי מחמת דער בעוואוסטער דאָגמאַטישער אָנשויאונג, וואָס לויט איהר בעדאַרף דאָס אידישע פאָלק בלייבען לעבען, בכדי צו שאַפען אַ מאָל דער קירך אַ טריאומף דורכדעם, וואָס עס וועט זיך בעקעהרען „אויפ'ן אמת'ען וועג". די קירך האָט געוואָלט ניט פערטיליגען די אידען, נאָר מעהר ניט זיי דערנידעריגען און אָבזונדערן, ווי שטיפקינדער פון דער געזעלשאַפט, וואָס מען מוז זיי אָבטיילען פון די „אמת'ע קינדער", בכדי אויסצומיידען זייער „שעדליכען" איינפלוס. דער אייגענער פּויפּסט אינאָקענטיוס דער IV-טער, בשעת ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין דער שטאָדט קאָנסטאַנץ און איהר עפּאַרכיע אונטערשיידען זיך ניט די אידען אין דעם שניט פון זייערע קליידער פון די קריסטען, האָט ער אין יאָהר 1254 בעפויהלען דעם אָרטיגען ביסקופּ, ער זאָל שטרייננג אויפפּאַסען, אַז די אידען זאָלען, לויט דער החלטה פון דער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג, טראָגען אַ צייכען אויף זייערע קליידער, בכדי זיי זאָלען ניט קאָנען פערקעה-

רען מיט קריסטען און זיך געפינען אין נאָהענטע בעציהונגען מיט קריסט-ליכע פרויען.

אין יאָהר 1241 האָבען די אידען פון דער מזרח-געגענד פון דייטשלאַנד איבערגעלעבט אומרוהיגע טעג. די דאָזיגע געגענדען האָבען געהאַט צו ליידען פונ'ם אָנפאַל פון די ווילדע טאָטערשע און מאָנגאָלישע האָרדעס, וואָס האָבען דעמאָלט פערוויסט רוסלאַנד און אַ טייל פון פוילין. אין פאָלק האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די אַזיאַטישע שבטים, וואָס זיינען אָנגעפאַלען אויפ'ן לאַנד, זיינען קרובים פון אידען, און אַז די לעצטע האָבען זיי גערופען קיין דייטשלאַנד, בכדי צו ווערען אויסגעלייזט מיט זייער הילף פונ'ם יאָך פון די קריסטליכע פעלקער. עטליכע אידישע סוחרים, וואָס האָבען געפיהרט פעסלעך מיט וויין, האָט מען געכאַפט, ווייל מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי פיהרען וויין פאַר די טאָטערן, און מען האָט זיי פער'משפט צו טויט-שטראָף אָדער צו אייביגער תפיסה. דער קייזער פרידריך דער II-טער האָט, ווי עס ווייזט אויס, גאָרנישט ניט געטאָן צו בעשיצען די אומגליכליכע.

בעדייטענד בעסער איז געווען די לאַגע פון אידען אין עסטרייך, וואָס האָט, באַלד נאָכ'ן דערמאָנטען אָנפאַל פונ'ם קייזער פרידריך דעם II-טען, ווידער אויפגעריכט איהר פּאָליטישע אווטאָנאָמיע אונטער דער רעגירונג פונ'ם הערצאָג פרידריך דעם קריגערישען. דער דאָזיגער גערעכטער מושל, וואָס האָט געזאָרגט פאַר דער ענטוויקלונג פון אינדוסטריע אין זיין מדינה, האָט געשטיצט די פי-נאַנציעלע טעטיגקייט פון די אידען און האָט אַפילו, פונקט ווי די פריהערדיגע פירשטען (§ 101), צוגעלאָזט עטליכע פון זיי צו געזעלשאַפטליכע שטעלעס און עהרען-טיטלען.

אין יאָהר 1244 האָט ער אַרויסגעגעבען זייהר אַ גוטען סטאַטוט וועגען די רעכט און פּריווילעגיעס פון אידען אין די עסטרייכישע לענדער. דער סטאַ-טוט האָט פערזיכערט אידען זייער לעבען און אייגענס. פאַר טויטען אַ אידען איז פעסטגעשטעלט געוואָרען טויטשטראָף און קאָנפיסקירונג פונ'ם מערדערס אייגענס, און פאַר פערוואונדען אַ אידען — אַ הויכער געלד-קנס. שטריינג איז געווען פערבאָטען צו צעשטערען אידישע שולען און בית-עלמין'ס, און אויך צו רויבען אידישע קינדער, בכדי זיי צו שמד'ען. אַן אָנקלאָגע אָדער בעשולדיגונג קעגען אַ אידען מצד אַ קריסט האָט זיך גערעכענט פאַר דערוויזען, אויב חוץ קריסטליכע עדות האָט בעשטעטיגט די אָנקלאַגע אויך אַן עדות אַ איד. אַלע אַזעלכע פּראָצעסען זיינען געשטאַנען אונטער בעזונדערע הערצאָגליכע שופטים. די פּראָצעסען ווייטער צווישען אידען האָבען געדאַרפט בעהאַנדעלט ווערען ביי די אידישע דיינים פון די קהילות. דער סטאַטוט האָט געגעבען דאָס רעכט די אידען פריי אַרומצופאָהרען איבער גאַנץ עסטרייך און צו האַנדלען דאָרט. גע-וויסע כללים זיינען איינגעשטעלט געוואָרען פאַר די קרעדיט-אָפּעראַציעס פון די אידען. הגם דער סטאַטוט האָט בעשטימט אַ מאַקסימום פון פּראָצענט, וואָס מען מעג נעמען פון הלוואות, פונדעסטוועגען זיינען דורך אַ גאַנצער רייה כללים

פערזיכערט געוואָרען אויך די אינטערעסען פון די אידישע קרעדיטאָרען. דערפון קאָן ווערען געדרונגען, אַז די וואָכערייַ איז געווען אַ מין פריווילעגירטע פרנסה פון אידען, וואָס די רעגירונג האָט איהר צוגעגעבען אַ בעזונדערס גרויסע בעדייטונג, און אַז אַנדערע, מעהר בכבוד׳ע פרנסות האָבען די קריסטען צוגענומען אלס מאָנאָפּאָל פאַר זיך, דורכדעם וואָס זיי האָבען געגרינדעט געשלאָסענע גילדעס און צעכען.

די דאָזיגע „גרויסע כאַרטיע” פאַר די עסטרייכישע אידען האָט בענייט און צוגעגעבען הוספות צו איהר דער בעהמישער קיניג אָטאָקאַר דער II-טער, וועלכער האָט אַ געוויסע צייט געוועלטיגט איבער עסטרייך. אין צוויי סטאַטוטען פון יאָהר 1254 און 1255 האָט אָטאָקאַר בעשטימט אַלע רעכט, וואָס זיינען געגעבען געוואָרען די אידען פריהער, און האָט מוסיף געווען אַ פּונקט וועגען פערבאָט צו מאַכען אויף אידען אַן עלילת דם: „אין הסכם מיט די בעשטימונגען פונ׳ם פּויפּסט... פערזאָגען מיר צום שטרייַנגסטען, מען זאָל ניט בעשולדיגען די אידען, וואָס וואוינען אין אונזערע לענדער, דערין, אַז זיי געברויכען מענשליכע בלוט, אין דער צייט וואָס דער כלל פון זייער געזעץ הייסט זיי, זיי זאָלען קיין שום בלוט ניט געברויכען”. אין דעם פּונקט האָט זיך אַרויסגעוויזען די ווירקונג פון דער בעוואוסטער פּויפּסטליכער בולע פון יאָהר 1247.

די עפּאָכע פון פויסט-רעכט; רודאָלף פון האַבסבורג; די גזירה פון ריגדפלייש.

§ 136. אַלע בעמיהונגען פון די דייטש-עסטרייכישע רעגירער אייַנצואָרדענען דעם לעבען פון אידען אויפ׳ן סמך פון אַ ספּעציעלער געזעצגעבונג, האָבען ניט געהאַט קיין בלייבענדיגען ערפאָלג אַ דאַנק דער אַלגעמיינער אַנאַרכיע, וואָס איז פערשטאַרקט געוואָרען אין דייטשלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון XIII יאָהרהונדערט. „די צייט פון דער גרויסער צווישענרעגירונג” (1254—1273), וואָס איז אָנגעקומען נאָך פרידריך דעם II-טען, האָט זיך געלאָזט פיהלען אויך די אידען. די צעלאָזענקייט פונ׳ם פאָלקס ליידענשאַפטען און די הערשאַפט פונ׳ם „פויסט-רעכט” האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אַ גאַנצער רייה פּאָגראָמען. אַמאָל אין איין אָרט און אַמאָל אין אַנדערן האָבען זיך געלאָזט הערען די געשרייען פון די קרבנות פון דער פעאָדאַלער אייגענוויליגקייט אָדער פונ׳ם פאַנאַטיזם פון דער קריסטליכער מאַסע.

אין מאַגדעבורג, למשל, האָט דער אַרכיביסקופּ אַרעסטירט אַלע רייכע מענשען צווישען אידען, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען לכבוד סוכות (1261) און האָט זיי געצוואונגען צו בעצאָהלען איהם אַן אויסקויף פון הונדערט טויזענד מאַרק. אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך אַרייַנגעריסען מיט זיינע דיענער אין די שטיבער פון אידען אין מאַגדעבורג און האַלע און האָט צוגענומען די גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט דאָרט געפונען. אין זינציג האָבען די קריסטען בערויבט די אידישע קהלה און פערברענט אין שול העכער 70 מאַנסבילען.

ווייבער און קינדער (1265). אין די פינקסים אָדער מעמאַר-ביכער פון יענער צייט זיינען פערשריבען נאָך אַ סך אַזעלכע מענשען, וואָס זיינען געפאַלען אויף קידוש השם אין אַנדערע שטעדט (קאָבלענץ, ערפורט, ווייסענבורג).

די קריסטליכע גייסטליכקייט, וואָס האָט זיך געפיהרט לויט די קאַנאָנישע געזעצען, האָט ניט ווינציג מיטגעווירקט צו אונטערדריקען די אידען. די קירכען-פערזאַמלונג פון מאַינצער ראַיאָן (1259) האָט בעשטימט: מען זאָל לייענען אין אַלע קירכען בשעת דער זונטאָגדיגער גאָטעסדיענסט די קאַנאָנישע געזעצען וועגען דעם, אַז אידען מוזען טראָגען דעם צייכען אויף זייערע קליידער און אַז זיי מוזען דערווייטערט ווערען פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט.

אין יאָהר 1265 האָט דער פויפסט קלימענס דער IV-טער געהייסען דעם קאַרדינאַל גווידאָ, ער זאָל אָננעמען מיטלען צו בעשטעטיגען די קירכליכע בעזעצגעבונג וועגען אידען אין אַלע געגענדען פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פוילין. צוליעב דעם צוועק האָט דער קאַרדינאַל גווידאָ אָרגאַניזירט ראַיאָנס-צוזאַמענפאָהרען פון דער גייסטליכקייט אין ברעמען, ברעסלוי און וויען (1266—1267), וואו עס זיינען געוואָרען אויסגעאַרבייט אַ רייה החלטות אין׳ם גייסט פון דער גרונד-קאָנסטיטוציע פון דער IV-טער לאַטעראַנישער קירכען-פערזאַמלונג. דער וויענער צוזאַמענפאָהר האָט דערקלערט די נויטיגקייט פון די דאָזיגע בעשטימונגען דורכדעם, וואָס „די האָפערדיגקייט פון אידען איז, ווי מען זאָגט, דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ביי אַ סך קריסטען איז פערפלעקט די ריינקייט פון דער הייליגער קאַטוילישער אמונה". בכדי עס זאָל זיין גרינגער אָבצושיידען די אידישע „וועלף" פון די קריסטליכע „שאָף", האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די אידען אַ חוב צו טראָגען שפּיציגע היטלען און אויסגעדרייהטע, ווי אַ האָרן, „אַזעלכע, ווי זיי פלעגען געוויינהליך אַנומלט טראָגען אין די דייטשע לענדער, נאָר דערנאָך האָבען זיי אייגענוויליג אויפגעהערט זיי צו טראָגען"; פאַר׳ן אַרויס-גייהן אין גאַס אָהן די דאָזיגע מיאוס׳ע היטלען איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ קנס לטובת דעם אָרטיגען פעאָדאַלען מושל. ווייטער איז געוואָרען בעשלאָסען: צו פערבאָטען אידען צו בעזוכען קריסטליכע בעדער און אַכסניות, האַלטען קריסטליכע בעדיענטע און אַמען, פערנעמען די שטעלעס פון שטייער-איינמאָנער, זיך בעווייזען אויף די גאַסען אָדער אַפילו אַרויסקוקען פון פענסטער, בשעת עס גייהען דורך קירכליכע פּראָצעסיעס, אָדער אין דער וואָך, וואָס פאַר פסחא, זיך מתוכח זיין מיט מענשען פון המון-עם וועגען גלויבע; און אויך צו בויען נייע שולען (ס׳איז ערלויבט געוואָרען בלויז צו פעררירכטען אַלטע שולען, אָבער ניט זיי גרעסער מאַכען). די קריסטען איז פערזאָגט געוואָרען, אונטער דער שטראָף אויסגעשלאָסען צו ווערען פון דער קירך, זיי זאָלען ניט נעמען קיין אָנטייל אין אידישע סעודות, התונות און ימים-טובים, שפּילען און טענץ. חוץ דעם איז צ׳טליכער איד מחויב געווען צו צאָהלען דעם גלח פון יענער געגענד, וואו ער .אויגט, אַ בעזונדער אָבצאָהלונג אין דערזעלביגער גרייס, ווי דער גלח וואָלט עס בעקומען פון אַ קריסט. פון אַקער-ערד האָט מען געמוזט צאָהלען אַ צעהנט-חלק לטובת דער קירך.

די דאָזיגע קאַנאָנישע געזעצגעבונג האָט נאָך איינגעשמעלט אַפילו יענע קנאַפּע רעכט, וואָס עס האָבען געגעבען אידען די וועלטליכע געזעצגעבער. אויב די שטריינגע געזעצען פון דער קירך וואָלטען טאַקע גענוי אָפּגעהיט גע־וואָרען, וואָלטען זיי געמאַכט דאָס לעבען פון אידען אומדערטרעגליך. צום גליק אָבער, פלעגען דער קייזער און די פעאָדאַלע פירשטען ניט שטענדיג אונטער־האַלטען מיט זייער מאַכט, אַז די קאַנאָנס זאָלען אָפּגעהיט ווערען אין זייער פולען היקף, וואָרום דאָס וואָלט איינגאַנצען בדלות געשטעלט די „קאַמערקנעכט" און וואָלט פערקלענערט די הכנסה פון דער מלוכה־קאַסע. די אָבזונדערונג פון די אידען פון קריסטען האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פּראַקטיק דערין, וואָס עס האָבען עקסיסטירט בעזונדערע אידישע קוואַרטאַלען („געטאָס"), וואָס פלעגען ענטשטייהן מיט'ן גוטען ווילען פון די אידישע קהילות, וואָס פאַר זיי איז דער וואוינען בעזונדער געווען אי בעקוועמער אי זיכערער קעגען סכנות. די בעזונדערע קליידונג פלעגען אידען ערטערווייז טראָגען, און טיילמאָלס פלעגען זיי זיך, ווי עס ווייזט אויס, אויסקויפען דערפון דורך אַ בעזונדער אָפּצאָהלונג.

די בעגרעניצונגס־געזעצגעבונג פון דער מלוכה און פון דער קירך, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן עקאָנאָמישען דרוק מצד די קריסטליכע צעכען און מיט די פעריאָדישע מאַסען־פּאָגראָמען, האָבען געבראַכט די דייטשע אידען דערצו, אַז אין דער רעגירונגס־צייט פון'ם קייזער רודאָלף פון האַבסבורג האָבען אַ סך פון זיי בעשלאָסען צו עמיגרירען (1286). אין מאַינץ, שפּייער, וואָרמס און עטליכע אַנדערע שטעדט ביים ריין האָבען זיך געבילדעט גרופּעס עמיגראַנטען, וואָס האָבען געוואָלט פערלאָזען דייטשלאַנד און זיך אַריבערקלייבען אין די מזרח־לענדער. די דאָזיגע אויסוואַנדערונג האָט, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט אַ שייכות מיט די קלאַנגען וועגען דעם, אַז עס איז בעסער געוואָרען די לאַגע פון אידען אין פּאָדער־אַזיען אונטער דער ממשלה פון די מאָנגאָלען און אַז עס האָט זיך דאָרט בעוויזען אַ משיח.

בראש פון איין גרופּע אויסוואַנדערער איז געשטאַנען דער בעריהמטער תלמודיסט ר' מאיר פון ראָטענבורג, וואָס האָט געהאַט בדעה אַריבערצופאָהרען מיט זיין הויזגעזינד קיין ארץ־ישראל. אַלס בעדייטענדער פאָרשטייהער פון דער שול פון די בעלי־התוספות, וואָס האָט פערנומען די שטעל פון ארב לכתחילה אין וואָרמס און ווירצבורג און דערנאָך אין מאַינץ, האָט ר' מאיר געשפּיעלט די ראָל פון אַ גייסטליכען אָנפיהרער פון די דייטשע אידען. די אויסוואַנדערונג פון אַזאַ מענשען האָט געקאָנט נאָך פערשטאַרקען די עמיגראַציע פון זיינע פאָלקסברידער, און דאָס האָט ניט געלוינט דעם קייזער, וואָס וואָלט אָנגעוואָהרען אין די אידישע אויסוואַנדערער האַנדעלס־לייבאייגענע, וואָס האָבען איינגעבראַכט דער מלוכה־קאַסע אַן אומגעהייער גרויסע הכנסה. אָט פאַר וואָס רודאָלף האָט בעשלאָסען ניט צו דערלאָזען ר' מאיר'ן אַוועקצופאָהרען פון דייטשלאַנד. בשעת ר' מאיר איז שוין געווען אונטערוועגס און האָט זיך געהאַט אָבגעשטעלט אין לאָמבאַרדיע, בכדי צו וואַרטען דאָרט אויף די אַנדערע אויסוואַנדערער, האָט די אָרטיגע רעגירונג איהם אַרעסטירט און אַרויסגעגעבען דעם קייזער רודאָלף. לויט

דעם קייזערס בעפעהל, האָט מען דעם רב אוועקגעפיהרט אין שטעדטיל ענזיס-היים (אין עלזאַס) און פערזאָגט איהם, ניט אַרויסצופאָהרען פון דאָרט.

די הייזער פון די אידען, וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט פון מאַינץ און פון אַנדערע שטעדט, האָבען צוגענומען די אָרטיגע קריסטען; נאָר דער קייזער האָט אַרויסגעשטעלט זיינע תביעות אויף די דאָזיגע נחלאות. „אַלע אידען אינאיינעם און איטליכער פון זיי בעזונדער — האָט ער געשריבען — זיינען קנעכט פון אונזער קרוין און געהערען, זיי גופא און זייער פערמעגען, אויסשליסליך צו אונז אָדער צו יענע פירשטען, וועמען מיר האָבען זיי אָבגעטראָטען לויט'ן פעאָדאַל-רעכט. הייסט עס, אַז אויב אַנדערע אידען אַנטלויפען אָהן אונזער בעזונדערער ערלויבעניש און קלייבען זיך אַריבער אויף יענעם זייט ים, זיך בעפרייענדיג פון זייער געזעצליכען בעל-הבית, דעמאָלט מוז זייער האָב-און-גוטס, דאָס בעוועגליכע און דאָס אומבעוועגליכע, איבערגעגעבען ווערען אונז".

חוץ דעם, האָט רודאָלף געהאַפּט אַרויסצוציהען נאָך אַ געווינס פון רבי מאיר'ס אַרעסט — און ער האָט טאַקע קיין טעות ניט געהאַט אין חשבון. אַז די דייטשע אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען אַרעסט פון זייער גייסטליכען פיהרער, האָבען זיי בעשלאָסען אונטערצוטראָגען דעם קייזער אַ בעדייטענדען געלד-אויסקויף פאַר'ן בעפרייען דעם פערשיקטען. נאָר ווי מען דערציילט, האָט דער איידעלער רבי זיי פערזאָגט דאָס ניט צו טון, ווארום ער האָט ניט געוואָלט געבען די רעגירער אַ נייעם מיטעל אויף אויסצואַפּען געלד ביי אידען. ער איז געבליבען נאָך עטליכע יאָהר אין ענזיסהיים און האָט זיך פערנומען כסדר מיט לערנען תורה און האָט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די קהילות; ער איז געשטאָרבען דאָרט אין יאָהר 1293. די רעגירונג האָט ניט ערלויבט אַרויסצוגעבען די אידען רבי מאיר'ס טויטען קערפּער אויף מקבר זיין איהם. ערשט אין 14 יאָהר אַרום האָט זיך איינגעגעבען איין פרומען אידען, זיסקינד ווימפּפען פון פראַנקפורט, אויסצוקויפען דעם טויטען קערפּער און ברייגנען איהם צו קבר ישראל אויפ'ן בית-עולם אין וואָרמס.

די פורעניות פון אידען זיינען שטאַרקער געוואָרען נאָך רודאָלפ'ס טויט (1291), בשעת דעם בירגער-קריג, וואָס איז אַרויסגעקומען מחמת דעם קאַמף פון די צוויי פרעטענדענטען אויף דעם טיטעל פון דייטש-רוימישען קייזער: אַדאָלף פון נאַסוי און אַלבערט פון עסטרייך. אין יענער צייט האָט מיט די דייטשע אידען געטראָפען אַן אומגליק, וואָס האָט דערמאָנט לויט זיין גרייס די שרעקענס פון די קרייץ-צוגען.

צווישען פאָלק האָט זיך פערשפרייט דער אומגעלומפּערטער קלאַנג, אַז אין רעטינגען, אין בייערן, זאָלען די אידען האָבען אַוועקגערויבט אַ האָסטיע (הייליגע קירכען-ברויט), און היות ווי זיי האָבען געוואָלט זיך איזדעקעווען איבער דעם דאָזיגען סימבאָל פון קריסטוס'עס גוף, האָבען זיי זי געשטויסען אין אַ שטייסעל אַזוי לאַנג, ביז פון איהר האָט אָנגעהויבען צו רינען בלוט. האָט איין אָרטיגער פריץ, מיט'ן נאָמען ריגדפלייש, צונויפגעקליבען אַרום זיך

אַ מאַסע קריסטען און האָט דערקלערט, אַז איהם האָט מען מן השמים בעפוהי-לען צו נעמען נקמה פאַר׳ן חלול הקודש און צו פערטיליגען דאָס אידישע פאָלק פון דער ערד. איז דער צעווילדעוועטער המון אָנגעפאַלען אויף די אידען פון רעטינגען און האָט זיי פערברענט (אַפּריל 1298). פון דאָרט האָט די באַנדע פאַנאַטיקער, אונטער רינדפליישׁ׳ס אָנפיהרונג, זיך געלאָזט גייהן צו אַנדערע שטעדט, און אונטערוועגס זיינען צוגעקומען צו איהר אַלץ נייע געזינונגס-חברים.

אַ סך אידישע קהילות זיינען פערטיליגט געוואָרען דורך די דאָזיגע בלוט-דאָרשטיגע באַנדעס. די גרויסע קהילה פון ווירצבורג איז כמעט איינגאַנצען חרוב געוואָרען. אין נירענבערג האָבען די אידען לכתחילה זיך אריינגעקליבען אין פעסטונג און האָבען מיט געוועהר אין דער האַנד זיך פערטיידיגט קעגען די אָנפאַלער, מיט דער הילף פון באַרימהאַרציגע לייט פון דער אָרטיגער קריסט. ליכער בעזעלשאַפט, נאָר צולעצט האָבען זיי זיך געמוזט אונטערגעבען דער קראַפט פון די שונאים און זיינען אומגעקומען אַלע ביז איינעם (אויגוסט). דאָ איז אויך אומגעקומען דער בעריהמטער ר׳ מרדכי בן הלל, דער מחבר פון אַ קיצור פון ש״ס, וואָס איז אָנגערופען געוואָרען לויט זיין נאָמען „מרדכי״. אַ סך אידען, בעזונדערס קינדער, זיינען איבערגעוואַלד אָבגעשמד׳ט געוואָרען. אַנדערע עלטערן האָבען אַליין געקוילעט אָדער אריינגעוואָרפען אין פייער זייערע קינדער, בכדי זיי זאָלען ניט אַריינפאַלען אין די הענד פון די שונאים.

רינדפליישׁ׳ס באַנדעס האָבען געווילדעוועט אין גאַנץ בייערן און זיינען אריינגעדרונגען אַפילו אין עסטרייך. אין משך פון אַ האַלב יאָהר האָבען זיי חרוב געמאַכט אַן ערך 140 אידישע קהילות און ישובים. די פּאָגראָמען זיינען שטיל געוואָרען ערשט נאָכ׳ן טויט פון אַדאָלף פון נאַסוי, בשעת די קייזערליכע קרוין האָט געקראָגען זיין קאָנקורענט אַלבערט פון עסטרייך (1298 — 1308), וואָס האָט איינגעשטעלט די אָרדענונג אינ׳ם לאַנד, וואָס איז געוואָרען בדלות־געשטעלט דורך די מהומות.

דער נייער קייזער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די גע׳רודפ׳טע: ער האָט ארויפגעלייגט געלד-שטראָפען אויף די שטעדט, וואָס האָבען דערלאָזט הריגות און גזלות, און האָט ערלויבט די אַנטלאָפענע אידען זיך אומצוקעהרען צוריק אין די פריהערדיגע ערטער; די איבערגעוואַלד גע׳שמד׳טע האָבען זיך צוריק-געקעהרט צו זייער פריהערדיגער אמונה. געטאָן האָט ער עס ניט אַזוי פון מענשען-ליעבע, ווי צוליעב פערזענליכע אינטערעסען, לויט דעם אייגענעם חשבון וואָס האָט בעוואויגען דעם קייזער רודאָלף אָנצונעמען מיטלען קעגען דער אי-דישער עמיגראַציע: ס׳האָט ניט געלוינט צו פערטיליגען די קאַמערקנעכט און זייער פערמעגען, ווארום דאָס וואָלט געהייסען, אַז מען פערטיליגט דעם „איי-גענס פון דער קרוין״.

די „עפּאָכע פון מערטירטום״; דער שוואַרצער טויט.

§ 137. „זינט אידען לעבען אויף דער וועלט, — זאָגט אַן אַלטער דייטשער שריפטשטעלער — האָבען זיי נאָך ניט איבערגעלעבט קיין ערגערע צייט, ווי דער

פערצעהנטער יאָהרהונדערט. מען קאָן זיך וואונדערן, וואָס נאָך אַזאַ שחיטה איז געבליבען אין דייטשלאַנד כאָטש איין איד". אַפילו די עפּאָכע פון די קרייץ־צוגען האָט ניט געקאָסט די אידען אַזוי פיעל קרבנות, ווי די עפּאָכע פונ׳ם „שווארצען טויט".

ניט לאַנג האָבען די דייטשע אידען געלעבט במנוחה נאָך דער „גזירת־רינדפלייש". אין דער אומרוהיגער צייט פון דער רעגירונג פון לודוויג דעם באַיער (2314 — 1346) איז דייטשלאַנד ווידער אַ מאָל געוואָרען אַן אַרענע פאַר אַן אוממענשליכער שחיטה פון אידען. אין פראַנקען האָט עפּיס אַן אַראָבגעקומענער פּריץ צונויפגעקליבען אַרום זיך אַ המון פון פויערים און כל׳ערליי בראָדיאַגעס און האָט זיי דערקלערט אין נאָמען פון גאָטס אַ מלאך, אַז עס איז געקומען די צייט צו נעמען נקמה פון אידען פאַר די יסורים, וואָס קריסטוס האָט געליטען אויפ׳ן קרייץ. די נייע קרייץ־פאַהרער האָבען זיך אָנגערופען „אידען־שלעגער" — ספּעציאַליסטען אויף אויס׳הרג׳ען אידען.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אַ געוויסער צימבערלין, אַ בעל־אכסניה אין עלזאַס, אָרגאַניזירט דאָרט אַ באַזונדער באַנדע פון אידען־שלעגערס. ער האָט צוגעניהט צו די אַרבעל פון זיינע קליידער שטיקער לעדער, זיינע אָנהייגער האָבען געטאָן דאָס אייגענע — און דערפון האָט די גאַנצע באַנדע בעקומען דעם נאָמען „אַרמלעדערס". איהר אָנפיהרער האָט מיט גאוה זיך טיטולירט „דער קעניג פון די אַרמלעדערס". אַ המון פון פיעל טויזענדער מענשען, בעוואָפענט מיט העק, פּיקעס, הראַבלעס און לאָפּעטעס, האָט געווילדעוועט קעגען אידען אין עלזאַס, אין דער ריינישער געגענד און שוואַבען אין משך פון דריי יאָהר (1336 — 1338). ווידער אַמאָל האָט זיך געגאָסען בלוט פון אידישע קדושים; הונדערטער אומגליקליכע האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען, בכדי ניט אַריינצופאַלען אין די הענד פון די ווילדע באַנדיטען. אַ סך עלזאַסער אידען זיינען אַנטלאָפען געוואָרען אין דער בעפעסטיגטער שטאָדט קאָלמאַר, וואו די שטאָדטישע איינוואוינער זיינען גרייט געווען זיי צו פערטיידיגען. די ווילדע אַרמלעדערס האָבען אַרומגערינגעלט די שטאָדט און האָבען פערוויסט די אומגעגענד, און נאָר דער קלאַנג, אַז עס גענעהענט דער קייזערליכער מיליטער האָט זיי בעוואויגען אַוועקצוגייהן.

אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון די עלזאַסער פעאָדאַלען און ריטערס, זיינען די רויבער־באַנדעס צעטריבען געוואָרען. איין מקור דערציילט, אַז דעם „קעניג פון די אַרמלעדערס" האָט מען געכאַפּט און בעשטראָפט מיט טויט, לויט׳ן בעפעהל פונ׳ם קייזער לודוויג; לויט אַנדערע ידיעות, האָט ער בעקומען אַמניסטיע, נאָכדעם ווי ער האָט צוגעזאָגט, אַז זיין באַנדע וועט אין משך פון צעהן יאָהר ניט אָנריהרען די אידען.

אין דערזעלביגער צייט איז פאָרגעקומען פאָלגענדע בלוטיגע דראַמע אין דעגענדאָרף, אין באַיערן. אונעהרליכע מענשען, וואָס האָבען געוואָלט הנאה האָבען פון די אידענס האָב־און־גוטס, האָבען פונאַנדערגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די

אידען זאָלען האָבען ארויסגעגנב׳עט פון קירך א האָסטיע, דעם סימבאָל פון קריסטוס׳עס קערפער, און געשטאָכען עס מיט נאָלען און געריסען מיט דערנער-אָדלען; אַלס רעזולטאַט האָט פּאַסירט דער געוויינליכער מופת: פון דער האָסטיע האָט אָנגעהויבען צו רינען בלוט. די אָבערגלויבישע דייטשע בירגער האָט דער דאָזיגער קלאַנג דערוועקט אויפצוטון גבורות. אונטער דער קאָמאַנדע פון׳ם ריטער האַרטמאַן פאָן-דעגענבורג, זיינען זיי אין אַ בעשטימטען טאָג, לויט אַ סיגנאַל, וואָס איז געגעבען געוואָרען דורך דעם שטורעם-גלאָק, אָנגעפאַלען אויף די אידישע אײַנוואוינער פון דעגענדאָרף און האָבען אויסגעהרג׳עט זיי, פערברענט זייערע הייזער און זייער פערמעגען אויסגערויבט (30 סעפטעמבער 1337). פאַר די געגזל׳טע געלד האָט מען אויפגעבויט אין דער שטאָדט א קירך צום געדעכעניש פון׳ם נס, וואָס האָט געטראָפען מיט דער האָסטיע. אויף איינער פון די זיילען פון דער קירך איז אויסגעקריצט געוואָרען אַן אויפשריפט, וואָס איז פערבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג: „אין יאָהר 1337, אויפ׳ן אַנדער טאָג נאָך סאַנקט מיכאַעליס, זיינען דאָ אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען די אידען און די שטאָדט פערברענט; דאָ האָט מען געפונען גאָטס קערפער, וואָס עס האָבען געזען פרויען און מאַנסבילען, און דאָ האָט מען אָנגעהויבען בויען גאָטס הויז”.

די שחיטה איז פאָרגעקומען ניט בלויז אין דעגענדאָרף. מען האָט בעגזל׳ט און גע׳הרג׳עט אידען אין גאַנץ באַיערן, אין עסטרייך און בעהמען. די בעשולדיגונג קעגען אידען, אַז זיי בעליידיגען האָסטיעס, איז אַריין אין מאָדע און האָט אויף אַ צייט אַרויסגעשטופט דעם בלבול, אַז זיי געברויכען די בלוט פון קינדער. אין פערשיידענע ערטער האָט מען געשמועסט צווישען פאָלק, וועגען די „האָסטיעס, וואָס בעווייזען מופתים”, וועלכע מען האָט געפונען ערגיץ-וואו און וועלכע זיינען כלומר׳שט „פערוואונדעט” געוואָרען דורך אידען. אויפ׳ן באָדען פון גראָבען אָבערגלויבען האָבען זיך געמעלט פאַנטאַסטישע בלוטיגע בילדער, עס איז צעקאַליעטשעט געוואָרען דער רעליגיעזער געפיהל און עס זיינען אויפגעוועקט געוואָרען ביים פאָלק בלוטדאָרשטיגע אינסטינקטען.

דער ראש פון דער קירך גופא, דער פויפסט בענעדיקטוס דער XII-טער, האָט ניט געגלויבט אין דעםווילדען פאָלקס-אָבערגלויבען, וואָס האָט אָבגעקאָסט די אידען אַזוי פיעל קרבנות. ער האָט בעפוילען דעם ביסקופ פון פאַסוי אויסצופאָרשען די זאַך וועגען דער פערשוועכונג פון דער האָסטיע, און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די אידען זיינען אומשולדיג, זאָל ער אָננעמען מיטלען, אַז אַזעלכע בעשולדיגונגען, וואָס ווערען דערוועקט, בכדי צו בעגייהן גזלות און רציחות, זאָלען אין דער צוקונפט זיך מעהר ניט איבערחזר׳ן. נאָר אפילו דאָס וואָרט פון׳ם רוימישען פויפסט האָט ניט געגאָלטען קעגען דער עם-הארצות פון פאָלק און קעגען דעם פאַנאַטיזם פון דער גייסטליכקייט. וואָס איז שייך צו דער וועלטליכער רעגירונג אין דייטשלאַנד — האָט זי מעהר ניט געקאָנט, נאָר צאַפּען געלד ביי אידען, אָבער ניט פערטיידיגען זיי אין אַ צייט פון סכנה.

דער קייזער לודוויג דער באַיער האָט געהאַנדעלט מיט אידען, ווי מיט

לייב-אייגענע נפשות, ער האָט פערקויפט, פערמשכונ'ט אָדער געשאָנקען פירשטען און שטעדט די אידישע הכנסות. ער האָט נאָך אריבערגעשטייגט די פריהערדיגע קיסרים אין דער קונסט ארויסצוציהען ריוח פון זיינע קאַמער-קנעכט. ניט צופרידען מיט די געוויהנליכע אָבצאָהלונגען, האָט לודוויג אייגגעפיהרט דעם אזוי אָנגערופענעם „גילדערנעם אָפפער-פעניג" — דאָס איז אַ בעזונדער קאָפּ-שטייער, וואָס פלעגט זינט יענער צייט שטרייננ איינגעמאָנט ווערען פון אַלע אידען אין גאַנץ דייטשלאַנד (1342). איטליכער איד אָדער אידענע, וואָס זיינען עלטער פון 12 יאָהר און וואָס האָבען אַ קאַפּיטאַל ניט ווייניגער פון צוואַנציג גולדען, זיינען מחויב צו בעצאָהלען לטובת דעם קייזער אַלע יאָהר איין גולדען, חוץ יענע שטייערן, וואָס זיי מוזען צאָהלען די פעאָדאַלען און די שטאָדט-פערוואַלטונגען. פאַר דעם דאָזיגען שטייער האָט מען געפונען אויך אַ היסטאָרישען סמך: היות ווי די אַלטע אידען זיינען נאָכ'ן חורבן ירושלים געווען מחויב צו צאָהלען, אָנשטאָט דער אָבצאָהלונג לטובת דעם בית-המקדש, אַ בעזונדער שטייער לטובת דעם רוימישען טעמפעל פון דעם קאַפּיטאָלישען יופּיטער, בכן האָבען די דייטש-רוימישע קיסרים געירש'עט דאָס רעכט צו בעקומען די דאָזיגע אָבצאָהלונג פון די קינדס-קינדער פון די בעזיגטע אידען.

אין מיטען פון XIV יאָהרהונדערט האָבען די צרות פון אידען דערגרייכט צו זייער העכסטען פונקט. אָנשטאָט די אויסגעטראַכטע באָבע-מעשיות וועגען דעם, אַז אידען צאַפּען אויס בלוט פון קריסטליכע קינדער און פערשוועכען די האָסטיעס, האָט זיך בעוויזען אַ נייער שענדליכער בלבול, וואָס האָט געקאָסט דעם מערטירער-פאָלק גאַנצע טייכען בלוט.

אין יאָהר 1348 איז אַריינגעדרונגען פון אַזיען קיין אייראָפּע די שרעקליכע מגפה, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „שוואַרצער טויט", און האָט אָנגעמאַכט אומעטום אומגעוויהנליכע חורבונות. עס זיינען אומגעקומען מיליאָנען מענשען; עס זיינען אויסגעשטאָרבען גאַנצע שטעדט און געגענדען; אין משך פון צוויי-דריי יאָהר האָט „דער שוואַרצער טויט", ווי מען איז משער, אַוועקגע'פטר'ט אַ העלפט פון דער בעפעלקערונג פון אייראָפּע. די מענשען זיינען משוגע געוואָרען פאַר שרעק; די אומגעבילדעטע מאַסע, וואָס האָט ניט געוואוסט דעם כאַראַקטער פון דער מגפה, האָט געגלויבט אויף נאמנות אין די ווילדסטע קלאַנגען וועגען איהרע סיבות, דער אָבערגלויבען האָט געשאַפען ווילדקייט און האָט געפיהרט דאָס פאָלק צו פערברעכענס. אין יענעם מאָמענט, בשעת עס איז פערשוואונדען געוואָרען איטליכער צאַם פון געזעצליכקייט און פון געזונטען מענשען-פערשטאַנד, האָט מען פונאַנדערגעלאָזט צווישען פאָלק דעם שרעקליכען קלאַנג, אַז די מגפה זאָלען האָבען אַרויסגערופען די אידען, וואָס פערסמ'ען די וואַסער אין אַלע ברונימער און טייכען, בכדי צו פטר'ן די קריסטען.

דאָס איז געווען אַ פונק, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין אַ הויפען פולווער. עס האָט אויסגעבראָכען אַ גאַנצער שטורים פון פאָלקס-צאָרן קעגען די אידען. די דאָזיגע ווילדע מעשה, וואָס איז גלייך צו דער, וואָס איז אויסגעטראַכט געוואָרען אין פראַנקרייך בשעת דער „גזירת המצורעים" (§ 118), האָט די קריסטליכע

מאַסע אַנגענומען, ווי אַ פאַקט, וואָס מען דאַרף אין איהם גאָרניט מסופק זיין. די בעשולדיגער האָבען, אַגב, זיך סומך געווען, דערויף, וואָס אין עטליכע ערטער זיינען די אידען ווינציגער געשטאָרבען פון דער מגפה, איידער די קריסטען; דאָס קאָן בלי שום ספק דערקלערט ווערען דורכדעם, וואָס די אידען זיינען געשטאַנען העכער אין קולטור, זיי זיינען געווען אַיינגעהאַלטען, ניכטער און האָבען מעהר געזאָרגט פאַר זייערע חולאים.

בכן האָט דאָס פאָלק זיך אַ לאָז געטאָן אויף די כלומר'שמיגע גיפט-מישער. אין פראַנקרייך און צפון-שפאַניען, וואו די עפידעמיע האָט זיך בעוויזען אין פריהיאָהר פון יאָהר 1348, זיינען די הריגות פון אידען פאָרגעקומען נאָר ערטערווייז און האָבען זיך ניט שטאַרק פערשפרייט צום טייל האָט דערצו מיטגעהאָלפען די בולע פונ'ם פויפסט קלימענט IV, וואָס האָט פערבאָטען די קריסטען צו הרג'ען און צו בערויבען די אידען מאַסענווייז אָהן אַ משפט. ניט אַזוי איז געווען אין די דייטשע לענדער און אין דער שווייץ. דאָ האָט די פערווילדערטע קריסטליכע בעפעלקערונג אַזוי ווי געשטעלט זיך אַ ציעל צו פערטיליגען די אידען פון דער ערד.

אין דער שווייץ, וואו די מגפה האָט געהערשט אין האַרבסט פון יאָהר 1348, האָט מען זיך געמיהט צוצוגעבען דער פערטיליגונג פון אידען די פאָרם פון געזעצליכער געריכטליכער שטראָף. אין שיליאָן, אויפ'ן ברעג פונ'ם גענפער אָזיערע, האָט מען אַרעסטירט אַלע אידען און מען האָט זיי געפייניגט מיט אַזעלכע שרעקליכע עינויים, אַז עטליכע פון די אומגליקליכע, וואָס זיינען אַראָב פון זינען מחמת די יסורים אָדער וואָס האָבען געוואָלט פערגיכערן זייער טויט, האָבען זיך מודה געווען אין פערברעכענס, וואָס זיי האָבען קיין מאָל ניט בעגאַנגען. די אומגליקליכע האָבען זיך מודה געווען, אַז אַ גרופּע אידען פון שפאַניען און דרום-פראַנקרייך זאָל האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג, בכדי צו פערטיליגען די קריסטען, און צוליעב דעם צוועק זאָלען זיי האָבען פונאַנדער-געשיקט זייערע פאָלקס-ברידער אין פערשיידענע ערטער זעקלעך מיט סם, בכדי צו פער'סמ'ען די וואַסער אין די ברונימער; די סם זאָל כלומר'שט בעשטייהן פון אַ מאָדנער מישונג, וואָס אין איהר גייהען אַריין אויסגעטריקענטע קערפּערס פון שלאַנגען, זשאַבעס און סקאָרפּיאָנען, טייג פון קירכליכען ברויט און פלייש פון הערצער פון קריסטען.

דאָס, וואָס אייניגע אומגליקליכע פלעגען זיך מודה זיין, מחמת די מאוימ-דיגע יסורים, וואָס מען פלעגט זיי אָנטון — איז אָנגענומען געוואָרען ווי אַן ערנסטער בעווייז און האָט געדיענט פאַר אַן אויטאָריטעט צו הרג'ען אידען אין בערן, ציריך, סען-גאַלען, שאַפהויזען, קאָנסטאַנץ און אַנדערע שטעדט. די אידען האָט מען פערברענט מאַסענווייז אויף שייטערהויפענס, געריעדערט, געהאַנגען, ערטערווייז האָט מען זיי פערטריבען אָדער געצוואונגען זיך צו לאָזען שמד'ען.

דער פויפסט האָט זיך אויפס'ניי געווענדט צו די קאַטוילּיקען מיט אַ בולע, וואו ער האָט בעוויזען די אומגעלומפערטקייט פון דער בעשולדיגונג,

וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף אידען, און האָט דערמאָנט, אַז די כלומר'שטיגע אויפטוער פון דער מגפה שטאַרבען אַליין אויס פון איהר און אַז דער „שוואַרצער טויט” הערשט אויך דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין אידען. נאָר די פערשטאַנדיגע טענות פונ'ם אָנפיהרער פון דער קאַטוילישער וועלט האָבען ניט געקאָנטווירקען אויף דער מאַסע, וואָס דער מיטעלאַלטערליכער רעזשים האָט זיי געבראַכט צו אַ פולקומענער זיטליכער פערווילדערונג.

די דאָזיגע ווילדקייט פון די מדות האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דער צייט פונ'ם „שוואַרצען טויט” מיט אַ בעזונדער שטאַרקייט אין דייטשלאַנד. דאָ האָט די קריסטליכע מאַסע צום טייל טאַקע געגלויבט, צום טייל געמאַכט דעם אָנשטעל, אַזוי ווי זי וואָלט גלויבען אין דער באָבע-מעשה וועגען דעם, אַז די אידען פער'סמ'ען די וואַסער אויפ'ן גאַנצען שטח פונ'ם ריין און פון דאָנוי, אין אַלע קוואַלען און קרעניצעס. מען האָט ניט געקוקט אויף די בולעס פונ'ם פויפסט און ניט אויף די שטרייגע בעפעהלען פונ'ם קייזער קאַרל IV (1347 — 1378), ניט אָנצוריהרען זיינע קנעכט, וואָס צאָהלען איהם צינז. די דאָזיגע מאַסע האָט מיט מעהר חשק זיך אונטערגעגעבען אונטער'ן איינפלוס פון די פערווילדערטע פאַנאַטיקער, פון די אַזוי אָנגערופענע „פלאַגעלאַנטען” (וואָס שלאָגען זיך מלקות), וואָס פלעגען גאַנצע באַנדעסווייז גייהן איבער די דייטשע שטעדט, שרייען, אַז עס איז נויטיג איינצושטילען גאָטס צאָרן, פלעגען זיך אַנידערלייגען אויף די גאַסען און בעטען, מען זאָל זיי שלאָגען מיט בייטשען אויפ'ן הוילען לייב, וואָס איז געווען צעשטאָכען פון צוועקעס און נאָדלען. אַזעלכע סצענעס האָבען פונאַנדערגעבלאָזען דעם פאַנאַטיזם פון די גלויביגע און געוועקט די בלוטדאָרשטיגע אינסטינקטען.

אין באַיערן און עלזאַס האָט מען די אידען געברענט, געוואָרפען אין וואַסער, פערטריבען, בערויבט. אין סטראַסבורג האָבען דער בירגער-מייסטער און די מיטגלידער פונ'ם שטאָדט-ראַט זיך איינגעשטעלט פאַר די אומשולדיגע אידען. נאָר די שטאָדטישע איינוואוינער האָבען געהאַלטען די דאָזיגע עהרליכע קריסטען פאַר בוגדים און האָבען זיי בעשולדיגט, אַז די אידען האָבען זיי אונטערגעקויפט, דעם בירגער-מייסטער און זיינע געזינונגס-חברים האָט מען אַראָפּגעזעצט פון זייערע שטעלעס, און די מיטגלידער פון דער אָרטיגער אידישער קהילה, אַן ערך 2 000 נפשות, האָט מען צונויפגעטריבען אויפ'ן בית-עלמין, איינגעשלאָסען אין אַ גרויסען הילצערנעם שפייכלער און אונטערגעצונדען; די אידען זיינען אומגעקומען אין פייער. ניצול געוואָרען זיינען נאָר ווייניג, וואָס זיינען מחמת יאוש מרוצה געוואָרען זיך צו לאָזען שמד'ען (פעברואַר 1349). דעם פערמעגען פון די אומגעקומענע האָבען צווישען זיך צעטיילט די שטאָדטישע איינוואוינער, וואָס אַ סך פון זיי האָבען טאַקע צוליעב דעם אויפגעטאָן די שחיטה.

אין גיכען האָט מען זיך גענומען פאַר די עלטסטע אידישע קהילות פון דער ריינישער געגענד. די שטעדט ביים ריין, וואָס האָבען זיך אָנגעזעהן די שרעקענס פון די קרייץ-צוגען, זיינען אויפ'ס ניי פערקלונגען געוואָרען דורך די געשרייען פון די אידישע קרבנות. אין וואָרמס האָט דער שטאָדט-ראַט בע-

שלאָסען צו פערברענגען די אידען, נאָר די לעצטע האָבען ניט געוואָלט וואַרטען אויפ'ן טויט פון די תליונים'ס הענד און האָבען אַליין אונטערגעצונדען זייערע הייזער און זיינען אומגעקומען אין פייער. דאָס אייגענע האָבען געטאָן די אידען פון פראַנקפורט, אָפּענהיים און פון אַנדערע שטעדט.

אין מאַינץ האָבען אַ טייל אידען אַרויסגעוויזען אַ בעוואָפּענטען ווידערשטאַנד קעגען זייערע פיינ׳יגער און האָבען דער׳הרג׳עט פון זיי אַן ערך צוויי הונדערט מאַן, נאָר צולעצט האָבען די אָנפאַלער זיי גובר געווען מחמת זייער גרויסער צאָהל. אויך דאָ האָבען די אידען זיך אַליין פערברענט אין זייערע הייזער. עס זיינען אומגעקומען ביז זעקס טויזענד מאַן (24 אויגוסט).

אין דעמזעלביגען טאָג האָט די קאַטאַסטראָפע געטראָפען אין קעלן. דער קעלנער מאַגיסטראַט האָט אַ לאַנגע צייט אײַנגעהאַלטען דעם דראַנג פון דעם פערביטערטען המון קעגען די אידען און האָט זיך געמיהט אײַנצורײדען דעם פאָלק, אַז די מגפה איז אַ שטראָף פון גאָט און איז ניט געמאַכט דורך מענשענס הענד; נאָר בערוהיגען די פונאַנדערגעלאָזענע ליידענשאַפטען איז ניט מעגליך געווען. אַז עס האָט זיך אָנגעהויבען די הריגה, האָט אַ גרופּע אידען געפּרובט זיך צו פערטיידיגען מיט געוועהר אין די הענד; די גאַנצע קהילה איז פערטיליגט געוואָרען.

די פער׳שיכור׳טע באַנדעס פון די בעלי-נקמה׳ס פאַר׳ן „שוואַרצען טויט" האָבען זיך בעוויזען אויך אין עסטרייך און מעהרען. נאָר דאָ האָבען זיי בעוויזען חרוב צו מאַכען בלויז די קהילה פון דער שטאָדט קרעמס און עטליכע אידישע ישובים. דער הערצאָג אַלבערכט דער II-טער האָט ערפילט זיין חוב און האָט פערטיידיגט די אידען: ער האָט געהייסען טויטען די אָנפיהרער פון די רויבער-באַנדעס און אַרויפלייגען אַ געלד-שטראָף אויף די שטעדט, וואו עס זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען, — דערפאַר האָבען די אידענפיינד איהם אָנגערופען מיט פעראַכטונג „בעשיצער פון די אידען".

ס׳קאָן זיין, אַז ווייל דער קייזער קאַרל IV האָט ניט געוואָלט זוכה זיין צו בעקומען אַזאַ טיטעל, דערפאַר האָט ער אַזוי שלעכט פערטיידיגט זיינע קאַמער-קנעכט אין זיינע אייגענע לענדער. ער האָט זיך בעגנוגענט דערמיט, וואָס אין עטליכע ערטער האָט ער מתרה געווען די שטאָדטישע מאַגיסטראַטען, אַז אויף זיי ליגט די אחריות אין דעם פאַל, אויב עס וועט זיך טרעפען אַ הריגה און אַ פּאָגראָם.

איבעריגענס, האָט אַזאַ מין התראה ניט געשטערט די אײַנוואוינער פון דער רייכער האַנדעלס-שטאָדט נירנבערג אָנצופאַלען אויף די אידען און פערברענען זיי אויף אַ שייטערהויפען אויפ׳ן שטאָדטישען פּלאַץ. בלויז אין רעגענסבורג האָבען דער מאַגיסטראַט און די בעסערע שטאָדטישע אײַנוואוינער זיך אײַנגעשטעלט פאַר אידען, הגם די הערצאָגען פון באַיערן האָבען איבערגעגעבען די לעצטע אין גאַנצען אין רשות פונ׳ם מאַגיסטראַט און האָבען איהם געשאָנקען דאָס רעכט „צו טון מיט די אידען, וואָס זיין האַרץ געלוסט, און צו בעגייהען זיך מיט זיי אָדער גוזען אָדער לויט׳ן גערעכט. אין

די אידישע געשיכטע

דער מאַרקגראַפשאַפט בראַנדענבורג האָט דער מאַרקגראַף גופא בעפויהלען דעם קאָמאַנדיר פון דער שטאָדט קעניגסבערג צו פערטיליגען אַלע אידישע איינוואוינער.

אַזוי איז אומעטום געגאַנגען שריט ביי שריט נאָך „דעם שוואַרצען טויט" די פסיכישע עפּידעמיע, וואָס האָט געקאַליעטשעט דעם געוויסען פון דער קריסטליכער מאַסע, וואָס האָט אומגעביטען מענשען אויף ווילדע חיות. אומעטום האָט דער צעלאָזטער המון געמאַכט זיך אַן אייגענאַרטיגע „סעודה אין מגפה-צייט", אָנגעטרונקען זיך מיט אידישע בלוט, געבראָטען אידען אויף שייטערהויפענס און געמאַכט זייערע קוואַרטאַלען פאַר אמת׳ע שעכטהייזער. שרעקליך איז געווען דער „שוואַרצער טויט", וואָס האָט געשניטען מענשען ווי גראָז, נאָר נאָך שרעקליכער איז געווען די מענשליכע פערווילדערונג, וואָס ער האָט אַרויסגערופען — די דאָזיגע בייזע גייסטיגע מגפה, וואָס האָט געטריבען מענשען צו פערטיליגען אַנדערע מענשען.

ווי שאָף צו דער שחיטה, אַזוי זיינען געגאַנגען צום טויט די זיהן פונ׳ם אומגליקליכען פאָלק. וואָס האָט געגעבען די דאָזיגע געפּייניגטע אַזאַ ניט-גע-וויינליכען כח צום פאַסיווען ווידערשטאַנד, אַזאַ גייסטיגע העלדישקייט? וואָס האָט געוואַרט די אומגליקליכע נאַציע פון הימעל, וואָס איז אין משך פון אַזוי פיעל יאָהרהונדערטען געבליבען טויב צו איהרע קרעכצען און האָט אַזוי ווי ניט געקוקט אויף די טייכען בלוט און טרערען, וואָס זי האָט פערגאָסען?... גרויס איז געווען די גייסטיגע קראַפט פון דער נאַציע, וואָס האָט געהאַט בכח אַריבערצולעבען אַזאַ מאָמענט, בשעת די סטיכיעס און די גלייך ווי זיי בלינדע און אַכזריות׳דיגע מענשען האָבען זיך פעראייניגט, בכדי צו פערטיליגען זיי פונ׳ם פלאַך פון דער ערד. אומשטערבליך, האָט זי ניט געקאָנט שטאַרבען, די דאָזיגע סאָלאַמאַנדרע צווישען די נאַציעס, דער סימבאָל פונ׳ם ביבלישען דאָרן וואָס ברענט און ווערט ניט פערברענט.

„די גאָלדענע בולע". פעראָרימונג און רעכטלויזיגקייט

§ 138. אַן ערך דריי הונדערט אידישע קהילות זיינען פערטיליגט געוואָרען, דורך אויסקוילען אָדער פערטרייבען, אין משך פון די ווילדע הריגות, וואָס זיינען געקומען אינאיינעם מיט דער עפּידעמיע פונ׳ם „שוואַרצען טויט". נאָר אויך די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט אין גיכען אָנגעהויבען צו פיהלען אַלע רעזולטאַטען פון דער שרעקליכער צייט, וואָס מען האָט איבערגעלעבט. פאַר די דריי יאָהר צייט, וואָס עס האָט געהערשט די עפּידעמיע, די פיזישע און גייסטיגע, האָט דייטשלאַנד אָנגעוואָהרען אַ בעדייטענדען טייל פון איהר בעפעלקערונג, אין די שטעדט זיינען געבליבען זייהר ווינציג מענשען, און זיי זיינען שטאַרק פעראָרימט געוואָרען. אַ שרעקליכען בילד האָבען פאָרגעשטעלט די צעשטערטע שטעדט מיט די אָבגעברענטע אידישע קוואַרטאַלען, וואו דער מסחר איז אינגאַנצען טויט געווען. עס האָט זיך געלאָזט פיהלען, אַז עס זיינען

ניטאָ קיין אידען. די קרויניש ע און שטאָדטישע אנשטאַלטען האָבען אָנגעוואָהרען דעם מקור פון אָבצאָהלונגען, וואָס פלעגט קיין מאָל ניט אויסטריקענען, און די פּריוואַט-לייט, וואָס האָבען זיך גענויטיגט אין געלד-קרעדיט — האָבען ניט געהאַט די שטענדיג גרייטע און געדולדיגע קרעדיטאָרען, וואָס אָהן זיי האָט מען זיך ניט געקאָנט בעגייהן אין יענער עפּאָכע, בשעת עס האָבען געפעהלט קרעדיט-אנשטאַלטען.

אָט פאַרוואָס איז ווי נאָר די מגפה האָט אויפגעהערט, האָט די רעגירונג און דער מאַגיסטראַט בעשלאָסען ווידער אַיינצופיהרען די אַלטע אָרדענונג. מען האָט אויפס'ניי אָנגעהויבען צו רופען די אידען אין יענע שטעדט, וואו ניט לאַנג האָט מען זיי געברענט, פון וואַנען מען האָט זיי געהאַט פערטריבען „אויף אייביגע צייטען". פעאָדאַלע פירשטען, ביסקופען און שטאָדטישע פערוואַלטונגען האָבען געפאָדערט, מען זאָל זיי געבען דאָס רעכט צו „האָבען זייערע אייגענע אידען". קאַרל IV האָט לייטזעליג אָבגעטראָטען דאָס דאָזיגע קייזערליכע רעכט פער-שיידענע שרים. די קורפירשטען האָבען זיך אויסגערעדט דאָס רעכט צו האָבען, פונקט אַזוי ווי דער קייזער, אידישע סוחרים, וואָס צאָהלען זיי צינז. אָט די דאָזיגע פריווילעגיע, אינאיינעם מיט אַ סך אַנדערע, האָט טאַקע דער קייזער קאַרל IV געגעבען די זיבען קורפירשטען פון דער אימפעריע אין דער בע-ריהמטער „גאָלדענער בולע" פון יאָהר 1356.

זייהר כאַראַקטעריסטיש איז די פאָרם, אין וועלכער עס איז אויסגעדריקט די דאָזיגע פריווילעגיע אינ'ם מיטעלאַלטערליכען קאָנסטיטוציאָנעלען מאָנומענט פון דער דייטשער אימפעריע. אין יענעם אַרטיקעל פון דער „גאָלדענער בולע", וואו עס רעדט זיך וועגען דעם רעכט פון די קורפירשטען צו האָבען אויף זייערע טעריטאָריעס גאָלד-, זילבער-, אייזען-, בליי- און זאַלץ-גרובען און צו עקספּלואַטירען די דאָזיגע נאַטירליכע רייכטימער, — איז צוגעגעבען: „אויך האָבען זיי דאָס רעכט צו האַלטען אידען און צו העכערן די הכנסות פון די גרעניץ-אָבצאָהלונגען". אויף אַזאַ אופן זיינען גאָלד- און אייזען-גרובען, גרעניץ-אָבצאָה-לונגען און אידען אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף איין מדרגה. אידען — דאָס איז אויך אַ הכנסה-אַרטיקעל, דאָס איז אַ גאָלד-גרוב, וואָס מען מוז זי ווי ווייט מעגליך. ענערגיש עקספּלואַטירען.

אַרויסגייהענדיג פון דעם דאָזיגען לייב-אייגענטום-שטאַנדפּונקט, האָבען די „בעלי-בתים" פון די אידען זיי פערבאָטען פריי אַריבערצופאָהרען פון איין געגענד אין דער אַנדערער, וואָרום דאָס וואָלט פערקלענערט די הכנסות פון די רעגירער אָדער פון די מאַגיסטראַטען. אין די שטעדט האָט מען ערלויבט די אידען צו וואוינען אויף בעשטימטע תנאים; מען האָט זיי אָבגעגעבען אויף וואוינען בעזונדערע קוואַרטאַלען, וואו זיי האָבען געקאָנט זיך איינשליסען און פערטיידיגען זיך אין אַ פאַל פון אַן אָנפאַל מצד דעם המון. די רעגירונגען פון זייער זייט האָבען זיי צוגעזאָגט זיכערקייט און שוץ.

נאָר די אידען זיינען ניט געווען גענאַרט ביי זיך: זיי האָבען פערשטאַ-נען, אַז מען האַלט טייער ניט זיי גופא, נאָר די הכנסות, וואָס מען בעקומט

פון זיי. פאַר דאָס רעכט צו לעבען, צו אָטעמען די לופט פון די „קריסטליכע שטעדט", צו האַלטען זייער גלויבען, צו פערנעמען זיך מיט וואָסער-עס-איז פרנסות — האָט דער איד געמוזט צאָהלען במזומנים. כל-זמן דער איד האָט געהאַט געלד, האָט מען איהם פעראַכטעט, אָבער געדולדעט; פלעגט ער אָבער אָנוועהרען זיין געלד — האָט מען שוין ניט אָנערקענט מעהר זיין רעכט אויף עקסיסטענץ, וואָרום ער איז ניט קיין בירגער, נאָר אַ צופעליגער גר, וואָס מען האָט איהם צוגעלאָזט אויף בעשטימטע תנאים.

הײַנט וואָס איז דער חידוש, אַז דער איד האָט מחמת דעם געפיהל פון זעלבסטאײַנהיטונג זיך געמיהט צונויפצוקלייבען וואָס מעהר געלד? דורך קליינעם מסחר האָט ער קוים געקענט פערדיענען אויף קנאַפּע חיונה. צו מלאכות האָבען איהם פערשפּאַרט דעם וועג די געשלאָסענע מיטעלאַלטערליכע צעכען, צו דער גרויס-אינדוסטריע — די סוחרישע פערבאַנדען און קאָרפּאָראַציעס 1). בכן איז געבליבען איין פרנסה, וואָס האָט געקאָנט געבען פערדיענסט, וואָס זי איז געבליבען פאַר אידען, מחמת קריסטען האָבען אין אַ סך ערטער זיך געשעמט צו פערנעמען זיך מיט איהר: דער געלד-האַנדעל, וואָס האָט אין יענער צייט, בשעת דער קרעדיט איז געווען טייער, זיך אויסגעדריקט אין פאָרם פון וואָכערײַ. די גאַנצע אָרדענונג פונ'ם דעמאָלטיגען יורידישען און עקאָנאָמישען לעבען האָט אײַנגעשלאָסען דעם אידען אין דער ספערע פון קליינליכע געלד-אינטערעסען, האָט איהם געשטופּט צו זוכען פערדיענסט, האָט איהם צוגעבונדען צו שאַכערײַ.

און ווי נאָר אײנצעלנע אידען פלעגען נתעשר ווערען, פלעגען זיי תיכף דערוועקען קנאה בײַ די נידעריגע שיכטען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג און תאוה נאָך געלד בײַ די הערשענדע קלאַסען. די געלד, וואָס די אידען האָבען געקלערט זיך דערמיט צו ראַטעווען, פלעגט ווערען פאַר זיי אַ צרה, אַ מקור פון פּאָגראָמען מצד דער רעגירונג אָדער מצד די פאָלקס-מאַסען. אָפט-פאָלס פלעגען די אידישע קרעדיטאָרען מיט אַ מאָל אָנוועהרען זייער פערמעגען „אויף אַ געזעצליכען יסוד", לויט דעם קייזערס בעפעהל, וואָס פלעגט בעפרייען זייערע בעלי-חובות פון די פּראָצענט אָדער דעם קרן.

אַזעלכע שטרײַנגע מיטלען צו ליקווידירען די חובות האָט בעזונדערס

1) אידישע בעלי-מלאכות האָבען געמעגט, לויט די דייטשע געזעצען, אַרבייטען נאָר אין די אידישע קוואַרטאַלען, און נאָר פאַר אידישע קונדען. פאַר קריסטען האָבען זיי געאַרבייט נאָר אין אויסנאַמס-פאַלען, און דאָס איז געווען קעגען געזעץ. אין אייניגע ערטער האָבען אידען געהאַלטען מיהלען און ווייַנגערטענער און האָבען געהאַנדעלט מיט וויין. נאָר צום גרעסטען טייל איז געבליבען פאַר זיי נאָר דער קליין-האַנדעל מיט פאַרטיגע קליידער, געווירצען און עסענוואַרג, און רייכע מענשען האָבען געמעגט זיך פערנעמען מיט אַנטלייהען געלד אויף פּראָצענטען. אין די תקנות פונ'ם מינכענער מאַגיסטראַט פון יאָהר 1400 שטייהט בפירוש געשריבען: „די אידען האָבען ניט קיין רעכט צו פערנעמען זיך מיט קיין זאַך (אויסערהאַלב זייערע קוואַרטאַלען), חוץ מיט אַנטלייהען געלד אויף פּראָצענטען, וואָרום דאָס איז זייער עסק".

ליעב געהאַט אָנצוווענדען דער קייזער ווענצעל (1378 — 1400), וואָס וואָלט, לויט ווי עס דריקט זיך אויס איין היסטאָריקער, אודאי געווען אַ רויב-ריטער, אויב ער וואָלט ניט געווען קיין קייזער. אין יאָהר 1385 האָט ער געשלאָסען מיט די פאָרשטייהער פון די שוואַבישע שטעדט אַן אָבמאַך, וואָס לויט איהם זיינען קריסטען, וואָס זיינען שולדיג געלד אידען, פטור געוואָרען פון צו בעצאָהלען די פראָצענטען אויף נייע הלואות און פון צו בעצאָהלען אַ פערטיל פונ'ם קרן מיט די פראָצענטען — אויף די אַלטע. פאַר דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער פריווילעגיע האָט דער קייזער זיך אויסגערעדט אַ גרויסען כאַבאַר פון די שטעדט אין דער סומע פון 40 000 פלאָרין. אין יאָהר 1390 האָט ווענצעל אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, וואָס לויט איהם זיינען די קריסטען, וואָס האָבען געליהען געלד ביי אידען, בעפרייט געוואָרען פון צו בעצאָהלען ניט בלויז די פראָצענטען, נאָר אויך דעם קאַפּיטאַל, בתנאי זיי זאָלען דערפאַר בעצאָהלען דעם קייזער 15 פראָצענט פון זייערע חובות. די דאָזיגע פריווילעגיע איז געגעבען געוואָרען די פירשטען, ריטערס, בירגער-מייסטערס און בירגער פון אַ סך געגענדען, וואָס האָבען גענומען געלד ביי די „אומגלויביגע". אויף אַזאַ אופן האָט דער מושל פון אַ גרויסער אימפּעריע אָפען ערלויבט צו בעגזל'ען אַ בעדייטענדען טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג, בכדי צו בעקומען אַ חלק פונ'ם אָנגעגזל'טען רויב. ביי אַזעלכע תנאים האָט אַפילו די פערהאַסטע פריווילעגיע פון וואָכעריי אויפגעהערט צו פערזיכערן אידען און זיי זיינען פער'משפט געוואָרען אויף אַ פולקומענעם עקאָנאָמישען חורבן.

פונקט אַזוי געוויסענהאַפט האָט געזאָרגט דער „העכסטער אַפּוטרופּוס פון אידען" אויך וועגען בעשיצען זיינע קאַמער-קנעכט קעגען מאַסען געוואַלדטאַטען און רויבערייען. אין פראָג, וואָס איז געוואָרען אין ווענצעל'ס צייט די הויפּט-שטאָדט פון דער דייטשער אימפּעריע, האָט זיך געטראָפען אום פסח-צייט פון יאָהר 1389 פאָלגענדע טראַגישע געשעהעניש. אויף איינער פון די שטאָדטישע גאַסען האָבען זיך געשפּיעלט אידישע קינדער און האָבען זיך געוואָרפען מיט זאַמד. בשעת מעשה איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קאַטוילישער גלח מיט'ן הייליגען ברויט און וויין און האָט געוואָלט גייהן אין ערגיץ געבען דעם אָבענדמאַל אַ גוסס. אַ הייפעל זאַמד, וואָס די קינדער האָבען זיך דערמיט אַרומגעוואָרפען, איז אַרויפגעפאַלען אומגערן אויף די קליידער פונ'ם גלח. דעמאָלט האָבען די קריסטען, וואָס זיינען געגאַנגען מיט איהם, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שטיפערס, בכדי זיי צו בעשטראָפען. אויפ'ן טומעל זיינען אַרויסגעלאָפען די עלטערן, בכדי זיך איינצושטעלען פאַר זייערע קינדער. דערווייל איז דער גלח אַוועקגעלאָפען אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ און האָט אָנגעהויבען צו שרייען, אַז די אידען האָבען איהם בעליידיגט, און דערביי האָט ער אויסגעטראַכט אַ ליגען, אַז זיי האָבען אויף איהם געוואָרפען מיט שטיינער און אַרויסגעשלאָגען פון זיין האַנד די הייליגע כלים, וואָס ער האָט געטראָגען. איז זיך צונויפגעלאָפען דער המון — די פראַגער בירגער און בעלי-מלאכות, וואָס האָבען שפּאַצירט אויף די גאַסען לכבוד פסחא — און איז אָנגעפאַלען אויף די אידישע הייזער מיט העק, פלעקער און נאָך מיט אַזעלכע געוועהר. לכתחילה האָט מען די אידען פאָרגעלייגט זיך

צו שמד'ען, נאָר היות ווי זיי האָבען זיך דערפון אָבגעזאָגט, האָט דער המון געגומען זיך זיי טויטען אויף די אַכזריות'דיגסטע אופנים. עטליכע טויזענד אידען זיינען אומגעקומען אין פּראָג אין יענעם טאָג און אין דער אַנדער נאַכט; אַ סך האָבען, פּונקט ווי זייער רב, זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. די שול איז פערברענט געוואָרען, די ספרי-תורות און ספרים צעריסען און צעטראָטען, מען האָט אַפילו דעם אידישען בית-עלמין ניט פערשוינט. פּונקט אַזעלכע הריגות און פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען אויך אין די שכנישע בעהמישע שטעדט. האָבען די אידען זיך געווענדט צום קייזער ווענצעל נאָך הילף, נאָר דער קייזער האָט קאַלטבלוטיג געענטפערט, אַז זיי זיינען אַליין שולדיג, מחמת זיי זיינען קעגען די קאַנאָנישע געזעצען אַרויסגעגאַנגען פון זייערע הייזער אין דער טאָג פון דער קריסטליכער פּסחא.

לפי ערך גרינגער האָט זיך געלעבט אין יענער עפּאָכע די אידען אין עסטרייך, וואו די הערצאָגען, חוץ איינצעלנע פאַלען פון ווילדווילען, האָבען זיי געשיצט, הגם זיי האָבען דערפאַר גענומען אַ גרויסע בעלוינונג אין דער פאָרם פון שטענדיגע און אויסערגעוויינליכע אָבצאָהלונגען.

דער XV יאָהרהונדערט: דער הוסיזם, דער גירוש פון עסטרייך, קאַפּיסטראַנאָ'ס אַגיטאַציע און די דראַמע אין טריענט.

§ 139. דער לעצטער יאָהרהונדערט פון מיטעלאַלטער האָט זיך ניט אויסגעצייכענט אינ'ם לעבען פון די דייטשע אידען דורך אַזעלכע בלוטיגע סטיכישע בעוועגונגען, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך געווען דער פערגאַנגענער „יאָהרהונדערט פון מערטיריום". די רדיפות אויפ'ן אידישען פאָלק האָבען אָנגעוואָהרען דעם כאַראַקטער פון קאַטאַסטראָפעס, וואָס פערשפּרייטען זיך אומעטום, און פון קרייץ-צוגען. אין XV יאָהרהונדערט קומט אויס די אידען אָפטער צו ליידען פונ'ם ווילדווילען פון די מושלים, אָרטיגע רעגירונגען אָדער גייסטליכקייט, איידער פון דעם ווילדעווען פונ'ם המון. די רדיפות קומען מעהע פון אויבען, איידער פון אונטען.

די דעמאָלטיגע וועלט-געשעהענישען, וואָס האָבען אָנגעזאָגט די רעפאָרמעס פון דער מיטעלאַלטערליכער קירך, האָבען געמוזט זיך אָבשפּיגלען אויך אויפ'ן גורל פון די אָנהייגער פון אידישקייט. די רעפאָרמאַציאָנס-בעוועגונג פון די הוסיטען, וואָס האָט אויפגערודערט בעהמען און דייטשלאַנד אין אָנהויב פון XV-טען יאָהרהונדערט, האָט אַרויסגערופען, פּונקט ווי אַמאָל די בעוועגונג פון די אַלביגאָנזער, אַ שטאַרקע קאַטוילישע רעאַקציע. דער קאַמף פון דער קאַטוילישער קירך קעגען איהרע „אַפּיקורסים" פלעגט ניט זעלטען איבערגייהן אין אַ קאַמף קעגען אידען, וואָס פון זייער אַלטען אַרסענאַל — פון תנ"ך — האָבען די רעפאָרמאַטאָרען גענומען זייער געווער. די אידען האָט מען בעשולדיגט, אַז זיי פּיהלען מיט די הוסיטען, „די פיינד פון דער קירך און פון דער מלוכה", און אַפילו אַז זיי שטייהען אין אַ בונד מיט זיי.

בשעת די רעליגיאָנס־קריג אין בעהמען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרען דורך דער הוסיטישער בעוועגונג, האָבן די קייזערליכע חיילות געשראָקן זיך אָבצורעכענען מיט די אידען, נאָך דעם נצחון איבער די אַפּיקורסים. די איבערגעשראָקענע אידען האָבן זיך שוין גענומען פאַר זייער גייסטליכע געוועהר — מען האָט גוזר תּענית געווען (סעפּטעמבער 1421), נאָר עס האָט שוין געגעהענט דער חייל פון זשיזשקאַ, דעם אָנפיהרער פון די הוסיטען, און די פּערטיידיגער פון דער קירך האָבן געמוזט אַנטלויפן, איידער זיי האָבן בעוויזען אָבצוטון זייער פרומע עובדא.

די שרים פון דער קירך און פון דער מלוכה, וואָס זיינען געווען אויפגערעגט דורך דער פרייידיינקעריי פון די אַפּיקורסים, פלעגען אויסלאָזען זייער כּעס צו די שוצלויזע אידען. דער בּיסקופ פון מאַינץ האָט פערטריבען אַלע אידען פון זיין עפּאַרכיע, נאָכדעם ווי ער האָט צוגענומען זייער פערמעגען און איבערגעלאָזט איטליכען בלויז 30 פעניג, צום זכר פון די לעגענדאַרישע 30 זילבער־שטיקער פון יהודה איש קריות.

מעהר פון אַלעמען האָבן געליטען די אידען פון עסטרייך, וואָס איז געווען נאָהענט צום קאַמף־פּלאַץ פון די הוסיטישע מלחמות. דער עסטרייכישער הערצאָג אַלברעכט V, וואָס איז געווען אַ פּרעטענדענט אויף דער דייטשער קייזערליכער קרוין, איז געווען ווייט פון דער טאָלעראַנץ פון די פריהערדיגע הערצאָגען בנוגע צו אידען. געפינענדיג זיך אונטער דער השפּעה פונ׳ם אַלגעמיינעם פאַנאַטיזם, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע „גוטע קאַטוילִיקען" אונטער דער ווירקונג פון דער הוסיטישער בעוועגונג, האָט אַלברעכט זיך פיינדליך פערהאַלטען צו אידען; ער האָט געגלויבט אין די פינסטערע פאָראורטיילען פון זיין עפּאָכע בנוגע צו די „אידישע פערברעכענס", אַשטייגער ווי עלילת דם, די פערשוועכונג פון די האָסטיעס. די אידענפיינדליכע פּאַרטיי אין עסטרייך האָט אויסגענוצט די דאָזיגע שטימונג פונ׳ם הערצאָג, בכדי צו בעוועגען איהם צו ענטשיידענע מעשים.

אין פריהיאָהר פון יאָהר 1420 האָט מען איהם געגעבען צו וויסען חדשגען פאָלגענדע געשעהענישען: דריי קריסטליכע איינגלעך האָבן זיך געשפּיעלט אין וויען אויפ׳ן אייז און זיינען דערטרונקען געוואָרען; אין דערזעלביגער צייט איז פון אַ קירך אין ענס פערשוואונדען געוואָרען אַ האָסטיע. ביידע מעשיות האָט מען איבערגעגעבען דעם הערצאָג אין דער געהעריגער בעלייכטונג: די קינדער זאָלען זיין אומגעקומען מחמת דער שולד פון די אידען, וואָס זיי זאָלען האָבן בעדאַרפט האָבן זייער בלוט, און די שטיקלעך פון די האָסטיע זאָל האָבן אַרויסגעגנב׳עט די פרוי פונ׳ם גלאָקען־קלינגער און פערקויפט זיי אַ רייכען אידען ישראל, צוליעב הוזק מאַכען איבער דעם דאָזיגען סימבאָל פון דער קריסטליכער אמונה.

האָט מען די „שולדיגע" געבראַכט צו פיהרען קיין וויען און געפּייניגט מיט עינויים, נאָר מודה געווען האָט זיך בלויז דעם גלאָקען־קלינגערס ווייב;

ישראל, זיין ווייב און די אַנדערע בעשולדיגטע האָבען בעשטימט געליי׳קענט די שולד, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעוואָרפען. נאָר פאַר אַלבּרעכט׳ן זיינען געווען גענוג די „ראיות“, וואָס זיינען געווען פאַרהאַן. דעם 23 מאַי פון יאָהר 1420 האָט מען אַרעסטירט, אויף זיין בעפעהל, אַלע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די עסטרייכישע הערצאָגליכע לענדער, און זייער פערמעגען איז קאָנפיסקירט געוואָרען. די אומגליקליכע האָט מען דערקלערט, אַז זיי מוזען פערלאָזען דאָס לאַנד, אויב זיי וועלען ניט אָננעמען די קריסטליכע אמונה. אייניגע פון זיי האָט מען תיכף פערטריבען פון לאַנד און אַנדערע האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט געמאַטערט אין די תפיסות. ביי עלטערן האָט מען צוגענומען די קליינע קינדער, בכדי זיי צו שמד׳ען, און מען האָט זיי אוועקגעשיקט אין קלויסטערס אויף צו האָדעווען זיי דאָרט. פאַר צרות פלעגען אויך דערוואַקסענע טיילמאָלס זיך לאָזען שמד׳ען לפנים, נאָר אַז מען פלעגט זיי דערנאָך כאַפּען, אַז זיי האָבען זיך בלויז פערשטעלט פאַר קריסטען, פלעגט מען זיי פער׳משפט׳ען צום פערברענען. אַ סך האָבען אַליין זיך גענומען דאָס לעבען (אָן אומזיכערע טראַדיציע דערציילט, אַז די אידען, וואָס זיינען געווען איינגעשלאָסען אין וויענער שול, האָבען זיך גענומען דאָס לעבען, לויט׳ן פאָרשלאָג פון זייער רב, ר׳ יונה כהן). אין מערץ פון יאָהר 1421 האָט מען דערוויי׳טערט פון די לענדער פונ׳ם עסטרייכישען הערצאָג די לעצטע גרופּעס אידען. די הייזער און נחלאות פון די פערטריבענע אין וויען און אין אַנדערע ערטער האָט צוגענומען דער הערצאָג און געמאַכט זיי צו געלד, וואָס ער האָט שטאַרק נויטיג געהאַט אין יענער צייט אויף צו פיהרען מלחמה מיט די הוסיטען. די הכנסה פונ׳ם „פרומען“ געשעפט האָט מען אויסגענוצט אויפ׳ן פרומען קריג.

די אידען זיינען פערבליבען אין די לענדער פון די עסטרייכישע פעאָדאַלען אָדער גרויסע פריצים, און חוץ דעם האָט מען ערלויבט איינצעלנע פערזאָנען, לויט אַ בעזונדער גענאַד, צו וואוינען אין דעם הערצאָגס לענדער. ערשט אין 30 יאָהר אַרום, אין דער צייט פונ׳ם הערצאָג און שפּעטער קייזער פרידריך דעם III-טען, האָט מען אידען ווידער ערלויבט זיך צו בעזעצען אין אַלע עסטרייכישע לענדער (1451 — 1458).

נאָכדעם ווי עס האָבען זיך געענדיגט די הוסיטישע מלחמות, האָט די קאַטוילישע גייסטליכקייט זיך גענומען ווידער אויפריכטען איהר אַווטאָריטעט, וואָס האָט אָנגעהויבען פאַלען. צווישען די מיטלען, וואָס עס האָט אָנגענומען די באַזעלער אַלוועלטליכע קירכען-פערזאַמלונג (1431 — 1443), זיינען געווען אויך אַ רייהע רעפּרעסיעס קעגען אידען, אָדער גענויער — קעגען דער יהדות. צו די אַלטע קאַנאָנישע פערבאָטען האָט מען מוסיף געווען נייע. צווישען אַנדערע זאַכען האָט די קירכען-פערזאַמלונג בעשטימט, אַז אין די טעאָלאָגישע שולען זאָל מען שטודירען אויך העברייאיש און אַרמיש, בכדי צוצוגרייטען בעזונדערע מיסיאָנערען פאַר אידען. די פּראָפּאַגאַנדע פונ׳ם קאַטוליציזם צווישען די איינוואוינער פונ׳ם געטאָ איז געווען דער ליעבלינגס-חלום פון דער דעמאָלטיגער רוימישער קירך. די מיטלען פון דער דאָזיגער פּראָפּאַגאַנדע זיינען געווען ניט גוטע רייד, נאָר סטראַשונקעס און רדיפות.

אין מיטען פון XV יאָהרהונדערט האָט אין דייטשלאַנד אָנגעטאָן אַ סך צרות דער פאַנאַטישער פראַנציסקאַנער מאָנאַך יאָהאַנעס קאַפּיסטראַנאָ. זיינע פייערדיגע רעדעס, אין וועלכע ער האָט גערופען דאָס פאָלק צו טון תשובה אויף זיינע זינד און צום קאַמף קעגען די פרייידייגקער, האָבען געמאַכט אויף די צוהערער אַ גרויסע ווירקונג. דער פּויפּסט ניקאָלויס דער V-טער האָט גע-ווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דעם דאָזיגען ליידענשאַפטליכען קנאי פאַר דער אמונה און האָט איהם אוועקגעשיקט אַלס לעגאַט קיין דייטשלאַנד און אין די שכנישע סלאַווישע לענדער, מיט דער ספּעציעלער מיסיע — צו דרש'ען קעגען הוסיזם און אַנדערע אפּקורסישע תורות, און, אויך קעגען דעם פער'עקשנ'טען אומגלויבען פון די אידען און קעגען דער „זינדיגער" סבלנות בנוגע צו זיי מצד די קריסטען. קאַפּיסטראַנאָ איז אַרומגעפאָהרען איבער די שטעדט פון דייטשלאַנד, בעהמען, מעהרען און שלעזיען און האָט אומעטום דורך זיינע קירכלישע דרשות אויפגערייצט די רעכטגלויביגע קאַטוילּיקען קעגען אפּקורסים און אידען. היות ווי ער האָט געוואוסט, אַז גרינגער פון אַלץ קאָן מען אויפ-רייצען די מאַסע, דורכדעם וואָס מען בעשטעטיגט איהרע גראָבע פאָראורטיילען, האָט ער אין זיינע דרשות איבערגע'חזר'ט דעם מיאוס'ען בלבול וועגען דעם, אַז אידען קוילען קריסטליכע קינדער און אַז זיי פערשוועכען קריסטליכע הייליג-קייטען. ביי דער בלויזער ידיעה, אַז ער קומט צו פאָהרען אין וואָסער עס איז שטאָדט, פלעגען אידען ווערען פערציטערטע. די קאַטוילּיקען האָבען איהם אָנגערופען „די בייטש פאַר אידען". אין באַיערן האָבען די פירשטען, אונטער דער ווירקונג פון קאַפּיסטראַנאָ'ס אַגיטאַציע, פערטריבען די אידען פון עטליכע זייערע לענדער, און ערטערווייז האָבען זיי זיי געצוואונגען צו טראָגען דעם שאַנד-צייכען אויף די קליידער (1452).

די דאָזיגע אַגיטאַציע מיט די העצעריי'ען האָבען געבראַכט צו בלוטיגע רעזולטאַטען אין שלעזיען. בשעת קאַפּיסטראַנאָ איז געווען אין ברעסלוי, האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ רייכער אָרטיגער איד מאיר זאָל האָבען געקויפט אַ קירכליכע האָסטיע ביי אַ פּויער, דורכגעשטאָכען זי, פערשוועכט און שטיקלעך פון איהר פונאַנדערגעשיקט צוליעב דעם אייגענעם צוועק צו די שכנישע אידישע קהילות. האָט די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַרעס-טירען די פאָרשטייהער פון דער ברעסלויער אידישער געזעלשאַפט און קאָנפיס-קירט לטובת דער שטאָדט זייערע הייזער און פערמעגענס. די אונטערזוכונג וועגען דעם כלומר'שטיגען חילול-הקודש האָט גענומען אויף זיך קאַפּיסטראַנאָ גופא. דורך שרעקליכע עינויים האָט זיך איהם איינגעגעבען אַרויסצובעקומען ביי עטליכע תפוסים אַ פאַלשע הודאה, אַז זיי האָבען טאַקע אָבגעטאָן דעם פערברעכען, וואָס מען האָט זיי צוגעשריבען. מחמת דעם זיינען אין ברעסלוי אויפ'ן שטאָדטישען פלאַץ פערברענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען איין-און-פערציג אידען (1453). די אַנדערע תפוסים, מורא האָבענדיג פאַר די עינויים, האָבען זיך אַליין גענומען דאָס לעבען; דער רב האָט זיך אויפגעהאַנגען. די איבעריגע אידען האָט מען פערטריבען פון ברעסלוי, נאָכדעם ווי מען האָט ביי זיי צוגענומען זייערע קליינע קינדער. וואָס די גלחים האָבען זיי איבערגע-

האַלד גע׳שמד׳ט. דאָס אייגענע האָט געטראָפֿען אויך מיט די אידען פֿון די שכנישע קהילות פֿון שלעזיען.

אין צוואַנציג יאָהר אַרום האָט זיך בעוויזען אין דרום-עסטרייך אָן אַנדער אַגיטאַטאָר, דער פֿראַנציסקאַנער בערנאַרדין דע-פֿעלטרע, וואָס איז געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט קאַפּיסטראַנאָ. נאָך ביי זיך אין דערהיים, אין איטאַליען, האָט דער דאָזיגער שטרייגער מאָנאַך ניט געקאָנט רוהיג צוקוקען, ווי אין אַ סך שטעדט לעבען די אידען בשלום מיט דער קריסטליכער בעפֿעלקערונג. ער האָט ניט איין מאָל געפּרובט צו זייהען מחלוקת צווישען די פֿרידליכע שכנים, דורכדעם וואָס ער האָט זיך געמיהט צו וויקען גלייכצייטיג סיי אויף די רעליגיעזע ליידענשאַפֿטען און סיי אויף די עולם-הזה׳דיגע תאוות פֿון די נידעריגע פֿאָלקסשיכטען. אַלס אַ מיטגליד פֿון דער „בעטעל-ברודערשאַפֿט“, האָט בערנאַרדין אָנגעוויזען אויף עטליכע אידישע קאַפּיטאַליסטען אַלס ראיה דערצו, אַז אַלע אידען לעבען אַטאָג און ווערען נתעשר אויפ׳ן חשבון פֿון די קריסטען. „שוין זשע, — פֿלעגט ער טענ׳ען — מוז איך, וואָס איך לעב פֿון נדבות און עס די ברויט פֿון אָרימקייט, זיין אַ שווייגעדיגער הונט און ניט בילען, בשעת איך זעה, ווי די אידען עסען אויס די מאַרך פֿון די ביינער ביי די אָרימע קריסטען? שוין זשע זאָל איך ניט בילען פֿאַר קריסטוס׳ען?“ דאָס איז געווען דער געוויהנליכער טאָן פֿון די דרשות פֿונ׳ם קירליכען „הונט“.

נאָכדעם ווי בערנאַרדין האָט פֿערנומען די שטעל פֿון אַ פּערוואַלטער איבער׳ן פֿראַנציסקאַנער-קלויסטער אין טריענט, אין נידער-עסטרייך, האָט ער אָנגעהויבען ענערגיש צו אַגיטירען קעגען דער אָרטיגער אידישער בעפֿעלקערונג. אַז מען האָט איהם אָנגעוויזען, אַז אומזיסט פֿאַלט ער אָן אויף אידען, וואָס צווישען זיי זיינען פֿאַרהאַן אַ סך גוטע מענשען (צווישען אַנדערע, דער געבילדעטער דאָקטאָר טאָביאַס, וואָס האָט געהיילט אויך קריסטען), האָט דער מאָנאַך געענטפֿערט: „איהר ווייסט ניט, וויפֿיעל שלעכטס עס טוען אייך אָן די דאָזיגע גוטע לייט: עס וועט נאָך ניט פֿאַרבייגייהן פּסחא, וועלען זיי אייך ברייגען ראיות פֿון זייער גוטסקייט“. דער מערדערישער „הונט פֿון דער קירך“ און זיינע געזינונגס-חברים האָבען געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די דאָזיגע נבואה זאָל מקוים ווערען.

פֿאַר פּסחאַ פֿון יאָהר 1475 איז אין טריענט פֿערפֿאַלען געוואָרען אַ דרייאָהריגער אינגעל סימאָן, דער זוהן פֿון אַן אָרטליכען קריסטליכען גאַרבער, און זיין טויטען קערפּער האָט מען „צופֿעליג“ געפֿונען אין אַ טייך ביי אַ אידענס הויף. הגם דער אידישער דאָקטאָר טאָביאַס, וואָס האָט געפֿונען די שרעקליכע מציאה, האָט אַליין צו וויסען געגעבען וועגען דעם דער אַדמיניסטראַציע, — פֿונדעסטוועגען האָט מען איהם אַרעסטירט אינאיינעם מיט עטליכע פֿאָרשטייהער פֿון דער קהילה, מחמת דעם חשד, אַז זיי האָבען דאָס גע׳הרג׳עט דעם אינגעל צוליעב רעליגיעזע צוועקען. די אַרעסטירטע האָבען נאָך דער ערשטער חקירה ודרישה מיט עינויים זיך ניט מודה געווען אינ׳ם פֿערברעכען און האָבען דערקלערט, אַז דעם אינגעלס קערפּער האָבען אונטערגעוואָרפֿען אין דעם אידענס

הויף די קריסטליכע שכנים צוליעב אַ נקמה. נאָר די דאָזיגע טענה האָט ניט בעפרידיגט די שופטים-אינקוויזיטאָרען, און זיי האָבען געפּייניגט די תפוסים אַזוי לאַנג, ביז וואַנען יענע האָבען אויסגעזאָגט דאָס, וואָס דער אויספאָרשער האָט געפאָדערט, בכדי אויסצעלייזט צו ווערען פון די אומדערטרעגליכע יסורים. זיי האָבען אויסגעזאָגט, אַז זיי האָבען אוממענשליך געקוילעט דאָס קינד, בכדי צו בענוצען זיין בלוט אין די מצות. אַז דער געריכט האָט אַרויסבעקומען די נייטיגע הודאה, האָט ער געלאָזט פערברענען אויף אַ שייטערהויפען זעקס פון די בעשולדיגטע, צווישען זיי אויך דעם דאָקטאָר טאָביאָס; צוויי האָט מען געקעפּט; איינער איז געשטאָרבען פון די עינויים און איינער האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבען. אומזיסט האָט פּראָטעסטירט קעגען אַזאַ „גיכען געריכט" דער דאָזש פון ווענעדיג, וואָס האָט געהאַלטען די גאַנצע מעשה פאַר אַ מאַכינאַציע פון ליגנערס; אומזיסט האָט אויך דער פּויפּסט געפאָדערט אַ גענויערע אויספאָרשונג, — די זאַך איז געוועזען אָבגעטאָן.

די מאַנאַכען האָבען נאָך בעוויזען צו מאַכען פון דער היסטאָריע פונ'ם כלומרשטיגען קדוש אַ וואוילען עסק: זיי האָבען געהייסען איינבאַלזאַמירען סימאָנס טויטען קערפּער און האָבען דערקלערט דאָס דריי-יאָהריגע קינד פאַר אַ הייליגען. צווישען פאָלק האָט מען פונאַנדערגעלאָזט די אומגלויבליכסטע קלאַנגען וועגען די מופתים, וואָס סימאָנ'ס קערפּער זאָל האָבען אויפגעטאָן, און מאַסען גלויביגע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט קיין טריענט צו בוקען זיך פאַר דעם דאָזיגען קערפּער פונ'ם בעל-מופת. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער פּויפּסט סיקסטוס דער IV-טער האָט פערבאָטען צו רעכענען סימאָנ'ען פאַר אַ הייליגען, ביז מען וועט די זאַך אויספאָרשען, פונדעסטוועגען האָבען די מאַנאַכען ניט אויפגעהערט אויפצורודערן דעם פינסטערן המון און אויפצורייצען איהם קעגען אידען. אין עסטרייך, איטאַליען און דייטשלאַנד האָט מען ניט אויפגעהערט צו ריידען וועגען דעם הייליגען מערטירער, דעם קרבן פון דער אידישער „ווילדקייט". נאָר די אמת'ע מערדער צווישען די מאַנאַכען, וואָס האָבען זיך פערנומען מיט דער פאַבריקאַציע פון קדושים און פון וואונדער-טעטיגע קערפּערס, האָבען זיך ניט בערוהיגט, ביז וואַנען דער רוימישער פּויפּסט האָט סאַנקציאָנירט זייערע מעשים. סימאָן פון טריענט (טרידענט) איז שפּעטער צוגערעכענט געוואָרען צו די הייליגע פון דער קאַטוילישער קירך.

די קלאַנגען וועגען דעם טריענטער קדוש האָבען פונאַנדערגעבלאָזען דעם רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די קאַטוילישען אין אַ סך שטעדט פון דייטשלאַנד. בעזונדערס שווערע פורעניות זיינען אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון דער אידישער קהילה אין רעגענסבורג. דעם אָרטיגען רב, ר' ישראל ברונא, אַ געלערנטער, וואָס איז געוועזען בעוואוסט אין גאַנץ דייטשלאַנד, האָבען מוסרים בעשולדיגט, אַז ער זאָל האָבען געהרג'עט אַ קריסטליכען קינד צוליעב רעליגיעזע צוועקען. דער זקן איז אומשולדיג פערשמאַכט געוואָרען אין תפיסה, און עס איז איהם פאַרגעשטאַנען טויט-שטראָף; נאָר לויט דער פאָדערונג פונ'ם קייזער פרידריך דעם III-טען האָט דער מאַגיסטראַט בעשטימט אַ שטרייגגע אויספאָרשונג, וואָס

האָט בעוויזען די גאַנצע פאַלשקייט פון דער מסירה. דער הויפּט-מסור, דער גע'שמד'טער איד האַנס באַיאָל, האָט זיך מודה געווען ביי דער אויספאָרשונג, אַז די בעשולדיגונג קעגען ר׳ ישראל ברונא איז אַן אויסגעטראַכטע — און דעם רב האָט מען אַרויסגעלאָזט פריי.

גראָד אין דערזעלביגער צייט, בשעת די געמיטער זיינען געווען אַזוי אויפגערעגט, זיינען אָנגעקומען אין רעגענסבורג ידיעות וועגען דער געשעהעניש אין טריענט. ס'איז געגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער טריענטער פּראָצעס זאָל האָבען אויפגעקלערט, אַז אויך די רעגענסבורגער אידען האָבען אַ שייכות צו דער מעשה וועגען טויטען קריסטליכע קינדער. האָט דער רעגענסבורגער בּיסקופּ, בשותפות מיט די אָרטיגע אידענפיינד, אויפגעהויבען קעגען די אידען אַ פּאָר-מאַלען פּראָצעס (1476). פינף יאָהר האָבען די אידען פון רעגענסבורג געהאַט אויסצושטייהן שרעקליכע צרות. מען האָט זיי געהאַלטען אין תּפיסות, אויסגע-פּרעגט, געפּייניגט, פער'חתמ'עט זייערע הייזער און פערמעגען. דער ענין איז ניט איין מאָל דערגאַנגען צום קייזער פרידריך III, וואָס האָט, אַלס אָפיציעלער בעשיצער פון די אידען, זיך איינגעשטעלט פאַר די בעשולדיגטע, אין דער צייט וואָס דער מאַגיסטראַט און די גייסטליכקייט האָבען ניט אַנדערש געוואָלט זיי אומברייינגען. צולעצט האָט מען די אומגליקליכע אַרויסגעלאָזט פריי, נאָר דערביי האָבען זיי געמוזט איינצאָהלען אין דער קייזערליכער קאַסע אַ בעדייטענדען קנס פון 18 000 גולדען. דורך דעם דאָזיגען אויסקויף האָבען די אידען זיך אויך געקויפט דאָס רעכט צו וואוינען ווייטער אין רעגענסבורג, פון וואַנען מען האָט געוואָלט זיי פערטרייבען. —

פון מאַינץ האָט אַן ערך אין דערזעלביגער צייט אַרויסגעטריבען די אידען דער אַרכיביסקופּ און בעל-הבית פון שטאָדט, אַדאָלף פון נאַסוי. זייער אַלטע שול האָט מען געמאַכט פאַר אַ קירך.

די אינעווייניגסטע אווטאָנאָמיע.

§ 140. וואָס-זשע האָט אונטערגעהאַלטען די אידישע נאַציע אין דעם דאָזיגען שרעקליכען פעריאָד פון דריי יאָהרהונדערטען, בשעת כמעט די גאַנצע וועלט האָט איהר דערקלערט מלחמה אויף טויט? וואָס האָט איהר געגעבען דעם כח זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען שווערד און פייער, רדיפות, רעכטלויזיגקייט און אַלע שרעקענישען פונ'ם לעבען פון פּאַריער? מיר ווייסען די דאָזיגע מעכ-טיגע קראַפט, וואָס ווירקט פון שנים קדמוניות אין דער אידישער געשיכטע — דאָס איז די קראַפט פונ'ם נאַציאָנאַל-רעליגיעזען בעוואוסטזיין. נאָר אין וואָסערע רעאַלע פאָרמען האָט זי זיך אויסגעדריקט, דורך וועלכע מיטלען האָט זי איינ-געהיט דאָס פאָלק ניט בלויז פון אונטערגאַנג, נאָר אויך פון סאָציאַלער פער-ווילדערונג און פערפוילונג, האָט עס איינגעהיט אַלס אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט-ליכע און גייסטיגע איינהייט? — אין צוויי הויפּט-פאָרמען האָט זיך אַרויסגעוויזען די דאָזיגע קראַפט: אין דער אַווטאָנאָמיע פון די קהילות און אין דער אונאויפהערליכער גייסטיגער טעטיגקייט.

אַ רעכטלויזער פּאַריער אויסערהאַלב דער געטאָ, איז דער איד געווען אַ גלייכבערעכטיגטער בירגער אינעווייניג אין איהר, אַלס מיטגליד פון זיין קהילה, פון זיין גייסטליכער מלוכה. פון שנים קדמוניות אָן האָט מען די אידען געגעבען אַן אינעווייניגסטע אווטאָנאָמיע פון זייערע קהילות, און די גרונד-יסודות פון דער דאָזיגער אַווטאָנאָמיע האָבען די רעגירונגען אַפילו אין די ערגסטע צייטען פון מיטעלאַלטער ניט געפּרובט צו שטערען.

די מיטגלידער פון דער געמיינדע אָדער דער „קהל" פלעגען פּעריאָדיש אויסקלייבען זייערע פאָרשטייהער אָדער עלטסטע (פּ ר נ ס י ם), געוויינליך זיבען מאַן (שבעה טובי העיר). די דאָזיגע קאָלעגיע פון פרנסים האָט פערוואַלטעט איבער אַלע ענינים פון דער קהילה, האָט פונאַנדערגעטיילט די אָבצאָהלונגען, פאַר דער מלוכה און פאַר דער געמיינדע, האָט פערוואַלטעט איבער דעם הירטשאַפטליכען טייל פון די שולען, בתי-מדרשים, חדרים און צדקה-אַנשטאַלטען. דער פאָרזיצענדער פון דער קאָלעגיע איז אויך געווען דער פאָרשטייהער פון דער קהילה פאַר דער רעגירונג און די שטאָדטישע מאַגיסטראַטען; ער האָט געהייסען „אידען-מייסטער", און אין עטליכע ערטער האָט זיין אויסקלייבונג געמוזט בעשטעטיגט ווערען דורך די פעאָדאַלע אָדער מוניציפּאַלע רעגירונגען.

אין אייגענעם צוזאַמענהאַנג מיט דער פערוואַלטונג פונ'ם קהל איז געשטאַנען די רבנישע קאָלעגיע — פון רבנים און דיינים — וואָס האָט געפיהרט די גייסטליכע ענינים פון דער קהילה. פוןביידע קאָלעגיעס — דער ווירטשאַפטליכער און דער גייסטליכער — פלעגען אויסגעקליבען ווערען די מיטגלידער פונ'ם אַווטאָנאָמען אידישען געריכט אָדער ב י ת - ד י ן. די קאָמפּעטענץ פונ'ם בית-דין אין ציווילע פּראָצעסען צווישען אידען 1) האָט די דייטשע רעגירונג אומעטום אָנערקענט. דער דאָזיגער בית-דין פלעגט זיך פיהרען לויט די אידישע געזעצען און לויט דעם געוויינהייטס-רעכט, און זיינע החלטות פלעגען בלויז אין זעלטענע פאַלען ווערען אָבגעשאַפט לויט אַן אַפּעלאַציע צו אַ העכערער אינסטאַנץ — צום קרוינישען אָדער ביסקופּישען געריכט. אין עטליכע ערטער פון דייטשלאַנד (נערדליגען, שווידניץ, צום טייל קעלן) האָט מען אַ ספּעציעלער געריכטליכער קאָלעגיע פון אידען געגעבען דאָס רעכט אַרויפצולייגען אויף זייערע פאָלקסברידער שטראָפען אויך פאַר קרימינעלע פערברעכענס, און די אָרטיגע קריסטליכע אַדמיניסטראַציע איז געווען מחויב מיטצוהעלפען ביים ערפילען אַזעלכע אורטיילען (תפיסה, פערטרייבונג פון שטאָדט וכדומה).

דער הויפּט-מיטעל אין האַנד פון בית-דין אויף אַיינשרעקען און בעשטראָפען איז געווען דער ח ר ם — די אויסשליסונג פון דער קהילה און פון די עפענטליכע רעליגיעזע פערזאַמלונגען אויף אַ קורצער אָדער אויף לייגגערער צייט. אַ דאַנק דעם חרם, האָט די אידישע קהילה, וואָס האָט געהאַט איהר זעלבסטפער-

1) פּראָצעסען צווישען אידען און קריסטען פלעגען ווערען פונאַנדערגעקליבען געוויינליך אין אַלגעמיינע געריכטען, אינ'ם קייזערליכען, ביסקופּישען אָדער שטאָטדישען. אין אייניגע ערטער זיינען די דאָזיגע געריכטען געווען געמישטע, טייל דיינים זיינען געווען אידען און טייל קריסטען.

האלטונג, אָבער ניט קיין אויספיהרענדע פּאָליציייאישע אָרגאַנען, געקאָנט אונטערהאַלטען אָרדענונג און דיסציפּלין, וואָס אָהן דעם קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלען אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע. און אויב די דאָזיגע דיסציפּלין האָט בעדריקט איינצעלנע פּערזאָנען, וואָס זיינען אריבערגעוואַקסען די קולטור-מדרגה פון דער געטאָ, האָט זי פאַר דער פאָלקס-מאַסע געדיענט פאַר אַ מיטעל פון סאָציאַלער ערציהונג.

קיין צענטראַל-אָרגאַן פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס זאָל פעראייניגען די טעטיגקייט פון אַלע קהילות, איז ניט געווען מחמת דער פּאָליטישער צעברעקעלטקייט פון דייטשלאַנד גופאָ און מחמת דער אומגליקליכער לאַגע פון די אידען. נאָר עס האָבען עקסיסטירט ראַיאָן-אָרגאַניזאַציעס אין דער פאָרם פון צוזאַמענפאָהרען פון די רבנים און פרנסים פון די קהילות פון דער אָדער יענער פּראָווינץ.

עס זיינען פאַרהאַן ידיעות וועגען אַזעלכע צוזאַמענפאָהרען אין דער ריינישער געגענד, אין דער גרופּע קהילות פון שפּייער, וואָרמס, מאַינץ. אויף די דאָזיגע צוזאַמענפאָהרען פלעגען אויסגעאַרבייט ווערען בעשטימונגען (תקנות), אויף צו רעגולירען די ענינים פון די קהלות, און בעזונדערס די בעציהונגען פון אידען צו קריסטען און צו די דייטשע רעגירונגען. דער מאַינצער צוזאַמענפאָהר פון יאָהר 1223, אין וועלכען עס האָבען אָנטייל גענומען העכער צוואַנציג מיטגלידער און צווישען זיי עטליכע אָנגעזעהענע רבנים, האָט געווענדט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף פאָלגענדער געזעלשאַפטליכער עולה. רייכע אידען, וואָס האָבען געהאַט פערבינדונגען ביי די הויפען פון די קיסרים אָדער פעאָדאַלע פירשטען, פלעגען אויסשתדל'ען פאַר זיך, מען זאָל זיי בעפרייען פון אָבצאָהלונגען, און מחמת דעם פלעגט די גאַנצע שווערקייט פון די שטייערן פאַלען אויף דער אָרימער מאַסע. דעריבער האָט דער צוזאַמענפאָהר בעשטימט: אַז אידען, וואָס זיינען קרוב למלכות, זיינען מחויב צו טראָגען די משא פון די אָבצאָהלונגען צוגלייך מיט זייערע איבעריגע פאָלקס-ברידער. דער צוזאַמענפאָהר האָט געשראָקען מיט חרם איטליכען, ווער עס וועט אויסשתדל'ען פאַר זיך ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל איהם בעשטימען אויף וואָסער-עס-איז גייסטליכען פּאָסטען אין דער קהילה, קעגען דעם פרייען וואַהל פון איהרע מיטגלידער. חוץ דעם, האָט דער צוזאַמענפאָהר אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף אַלע אידען אָבצוהיטען שטרייננגע עהרליכקייט אין געלד-געשעפטען מיט קריסטען, ניט צו געברויכען קיין פאַלשע מטבעות און זיך אָבצוהאַלטען פון מסירות, וואָס בילדען אַ געוויהנליכע ערשיינונג אין איטליכער פערשקלאַפטער סביבה. די רבנים, וואָס האָבען זיך צונויפגעקליבען, האָבען אויך פערענטפערט עטליכע פראַגעס וועגען גטין און וועגען ירושות.

די תקנות פון די ריינישע פּראָווינציעלע צוזאַמענפאָהרען זייבען געווען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „תקנות שו"ם", דאָס הייסט: די תקנות פון שפּייער, וואָרמס און מאַינץ, לויט די נעמען פון די דריי עלטסטע קהילות, וואָס האָבען געשיקט אַהין זייערע פאָרשטייהער.

עס זיינען נאָך פאַרהאַן קנאַפּע ידיעות וועגן צוזאַמענטאָהרען פון דייטשע רבנים און קהל׳שע טוער אין XIV און XV יאָהרהונדערט אין מאַינץ, ערפורט, נירנבערג, בינגען. אָפּטמאָלס פלעגען זיך צונויפפאָהרען די פאָרשטייהער פון די „קהלשע ראַיאָנען", דאָס הייסט פון דער צענטראַלער קהילה און פון די ישובים, וואָס גרעניצען זיך מיט איהר, בכדי זיך צו האַלטען אַן עצה וועגען די אָרטיגע הצטרכות׳ען און וועגען די געגענזייטיגע בעציהונגען פון די פערשיידענע אָרגאַנען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג אין זייער ראַיאָן.

די רבנות איז געשטאַנען אין מיטעלפונקט פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, אַלס אַ גייסטליכער און צוגלייך געריכטליכער אָרגאַן. לכתחילה האָט מען בעדאַרפט, בכדי צו בעקומען דעם טיטעל רב, מעהר ניט לערנען אַ סך תלמוד אין וואָסער-עס-איז ישיבה; נאָר שפּעטער, מחמת עס פלעגען זיך טרעפען מיסברויכונגען מצד געוויסע מענשען, וואָס זיינען ניט געווען ראוי צו פערנעמען די שטעל פון אַ רב, איז איינגעפיהרט געוואָרען די ס מ י כ ה, וואָס איז בעשטאַנען דערין, וואָס געוויסע גרויסע רבנים פלעגען אַרויסגעבען אַ מין דיפּלאָם אַזעלכע קאַנדידאַטען אויף רבנות, וואָס זיינען געווען ראוי דערצו. דער בעריהמטער רבי מאיר הלוי פון וויען (אַן ערך אין יאָהר 1370) האָט איינגעפיהרט דעם טיטעל „מ ו ר נ ו" (ד. ה. אונזער רבי), וואָס מען פלעגט געבען אַזעלכע תלמודיסטען, וואָס האָבען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט דורך זייער לומדות, פרומקייט און גוטע מדות. אויפ׳ן סמך פון אַזעלכע אַטעסטאַטען פלעגען געוויהנליך די קהילות אויסקלייבען זייערע רבנים.

דאָס דאָזיגע רעכט פון פרייען וואַהל האָבען די אידען געהאַלטען בעזונדערס טייער און האָבען ניט צוגעלאָזט אין אַזעלכע ענינים קיין שום אַריינמישונג אָדער דרוק פון אויסוויינינג. אין אָנהויב פון XV יאָהרהונדערט איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו צעשטערען דעם דאָזיגען יסוד פון דער אידישער אַווטאָנאָמיע. דער קייזער רופּרעכט האָט בעשלאָסען איינצופיהרען אין דייטשלאַנד, לויט׳ן מוסטער פון פראַנקרייך און שפּאַניען, דעם אינסטיטוט פון אַ רבהכולל, וואָס האָט געדאַרפט דינען פאַר אַ פערמיטלער צווישען די קהילות און דער רעגירונג ביים צונויפקלייבען די קרוינישע אָבצאָהלונגען און ביים אויספיהרען אַדמיניסטראַטיווע בעפעהלען, וואָס זיינען שייך צו אידען. אין יאָהר 1407 האָט רופּרעכט בעשטימט אַ געוויסען ר׳ י ש ר א ל פאַר אַ „האָכמייסטער" אָדער עלטסטען איבער די רבנים און אידישע קהילות אין דייטשלאַנד, מיט׳ן רעכט צו משפּט׳ן און זאָגען דעות, בעשטראָפען און פערטרייבען די וואָס פאָלגען ניט, „לויט ווי עס הייסט דער אידישער געזעץ", און צונויפצוקלייבען פאַר דער קייזערליכער קאַסע דעם „גאָלדענעם אָפּפער-פעניג" און די געוויהנליכע אָבצאָהלונגען. ס׳איז געווען בעשיימפערליך, אַז דער קייזער זאָרגט ניט אַזוי וועגען דער אויסבעסערונג פון דער אינעווייניגסטער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע קהילות, ווי וועגען דעם, ווי אַזוי צו פערזיכערן, אַז עס זאָלען רעגעלמעסיג איינקומען פון זיי די קרוינישע אָבצאָהלונגען, מחמת אויף די רבנים איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אַ חוב אַריינצולייגען אין חרם יענע אידען, וואָס וועלען ניט

צאָהלען צו דער צייט זייערע שטייערן. נאָר די אידען האָבען ניט געוואָלט אָננעמען דעם דאָזיגען אינסטיטוט פון קייזערליכע אָדער „קרוינישע" רבנים. די אויסגעקליבענע רבנים פון די קהלות האָבען זיך אָבגעזאָגט צו אָנערקענען די אָנפיהרערשאַפט פונ'ם בעשטימטען „האָכמייסטער", די קהילות האָבען פראָטעסטירט, ר' ישראל'ן האָט מען געשראָקען מיט חרם. אומזיסט האָט דער קייזער אין אַ נייעם בעפעהל ערקלערט דעם דאָזיגען חרם פאַר אומגילטיג און האָט געשראָקען די רבנים מיט שטראָפען, פאַרוואָס זיי בעציהען זיך מיט אומכבוד צום בעשטימטען האָכמייסטער, — די קהילות און זייערע גייסטליכע פיהרער האָבען ניט געפאָלגט דעם קרוינישען רב, און פון רופרעכט'ס אויפטו האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזען.

דאָס אייגענע האָט זיך ניט איינגעגעבען דער פרוב פונ'ם קייזער סיגיזמונד, וואָס האָט בעשטימט ר' אנסעלם (ר' אמשיל הלוי פון קעלן) פאַר'ן רב הכולל איבער די דייטש-אידישע קהילות (1435). דער דאָזיגער רב האָט, ווי מען איז משער, זיך אַליין אָבגעזאָגט פונ'ם „הויכען פאָסטען", וואָס מען האָט איהם געגעבען, ווייל ער האָט ניט געוואָלט עובר זיין אויף דער דערמאָנטער מאַינצער תקנה, וואָס האָט פערבאָטען אידען אָנצונעמען פון קריסטליכע רעגירונגען וואָסערע עס איז פאָסטענס אין דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די קהילות. זיך אָבזאָגענדיג פון צו פאָלגען די „קרוינישע רבנים", וואָס מען האָט זיי איפגעצוואונגען, האָבען די קהילות מיט'ן גוטען ווילען אָנערקענט די אָנפיהרערשאַפט פון זייערע בעסטע גייסטליכע פאָרשטייהער, — און פאַקטיש זיינען בראש פון דער רבנות געשטאַנען מענשען, וואָס זיינען בעריהמט געוואָרען דורך זייער לומדות, הייליגען לעבען און טיעפע ידיעות אין די פראַגען פון דער תלמודישער געזעץ-וויסענשאַפט.

דאָס גייסטיגע לעבען.

§ 141. די געשיכטע קאָן ניט פערשוויגען יענעם זיכערן פאַקט, אַז די גאַציע, וואָס מען האָט זי אין דער מיטעלאַלטערליכער דייטשלאַנד אַזוי געביינינגט און געפלאָגט אָהן רחמנות, איז אין גייסטיגער הינזיכט געשטאַנען אַ סך העכער איידער איהרע אונטערדריקער און פייניגער. אין דער צייט וואָס צווישען די קריסטען איז די קונסט צו לייענען און שרייבען געווען ווינציג פערשפרייט ניט בלויז אין די נידעריגע, נאָר אויך אין די העכערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט (לויט ווי עס דערציילען די כראָניק-שרייבערס, פלעגען זיך בעגעגענען אפילו גלחים, וואָס האָבען קוים געקענט לייענען און שרייבען), און נאָר אַן אומבעדייטענדער מיעוט איז געווען אָנגעלייענט אין ביכער — האָט ביי די אידען איטליכער מענש פון דער מאַסע פערשטאַנען, אויב ניט צו שרייבען, איז לכל-הפחות צו לייענען אויף זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך אָדער אויף דער אידיש-דייטשער שפראַך, וואָס איז געוואָרען געשריבען מיט העברייאישע אותיות. ביידן אין אַ זרדקי-חדר האָבען געטוזט אַלע אידישע אינגלעך: די מיידלעך,

פלעגט מען, על-פי-רוב, לערנען דאַווענען און די דינים פון דער אמונה אין דער היים. אַ סך אינגלעך פלעגען פון די דרדקי-חדרים אַריבערגייען אין העכערע — אין גמרא-חדרים אָדער ישיבות. איטליכע גרעסערע קהילה פלעגט אויסהאַלטן אָזעלכע ישיבות אויף איהר חשבון און פלעגט מפרנס זיין די בחורים, וואָס האָבען דאָרט געלערנט. פון די דאָזיגע ישיבות פלעגען אָפטמאָלס אַרויסגייהן גרויסע לומדים, וואָס זיינען בעריהמט געוואָרען אין דער רבנישער וועלט און אין דער ספּעציעלער ליטעראַטור.

ניט ברייט איז געווען די דאָזיגע אייגנגעשלאָסענע קולטור פון דער דייטשער געטאָ, ס'איז ניט געווען אין איהר ניט קיין פילזייטיגקייט, ניט יענער קאַמף פון די אידייען-ריכטונגען, וואָס האָט אויסגעצייכענט דאָס גייסטיגע לעבען פון די שפּאַניש-פּראָוואַנסאַלישע אידען פון יענעם פּעריאָד; נאָר ביי איהר גאַנצער איינזייטיגקייט איז זי געווען אינטענסיוו און אייגענאַרטיג, און אויב זי האָט איבערגעלאָזען וועניג גרויסע מאָנומענטען אין דער ליטעראַטור, איז די סיבה דערפון געלעגען אין די אויסוויינינגסטע פּורעניות און קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָבען פּערקלענערט די ליטעראַרישע פּרוכפּערקייט און וואָס האָבען געשטערט דער פּערשפּרייטונג פון די געשריבענע ספרים, וואָס זיינען דעמאָלט טייער געווען.

אין דער שול און אין דער ליטעראַטור האָט אויסשליסליך געהערשט די תלמודישע וויסענשאַפט. די ירושה פון דער גלענצענדער תקופה פון די פראַנצויזישע בעלי-התוספות האָבען בעקומען שפּאַניען און דייטשלאַנד; פאַר דער ערשטער איז דאָס געווען בלויז אַ טייל פון איהר גייסטיגער עשירות, פאַר דער צווייטער — אַלצדינג. אין XIII יאָהרהונדערט רוקען זיך אַרויס דריי גרויסע פאָרשטייהער פון דער שול פון די בעלי-התוספות אין דייטשלאַנד: ר' **יצחק בן משה** פון וויען (אַן ערך 1200 — 1270), ר' **מאיר פון ראָטענבורג** (1215—1293) און ר' אשר בן יחיאל אָדער דער רא"ש.

ר' יצחק פון וויען איז מעהר בעוואוסט אונטער'ן נאָמען פון זיין חיבור „**אור זרוע**" — אַ גרויסער זאַמעלבוך פון תלמודישע פּאָרשונגען, וואָס צייכענען זיך אויס דורך זייהר אַ שאַרפען פּלפּול. ר' יצחק איז געווען איינער פון די ערשטע פּיאָנערען פון דער תלמודישער וויסענשאַפט אין עסטרייך; ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען דער גרינדער פון דער וויענער ישיבה, וואָס איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען.

צום טייל אין דער דאָזיגער ישיבה, צום טייל אין די ישיבות פון צפון-פראַנקרייך האָט בעקומען זיין בילדונג ר' מאיר פון ראָטענבורג, דער בעריהמטער תפוס פון ענזיסהיים און דער קרבן פון קייזער רודאָלף'ס געלדגיריגקייט (§ 136). ער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די לעצטע בעלי-התוספות (זיינע תוספות'ען זיינען צוגעגעבען צו דער מסכת „יומא") און האָט געהאַט אַ שם פון דעם גרעסטען למדן פון זיין צייט. זיינע פיעל „תשובות", וואָס זיינען געשריבען געוואָרען אַלס ענטפער אויף די שאלות פון קהילות און איינצעלנע רבנים, האָבען

בעקומען דעם כח פון געזעצגעבערישע אקטען, ווארום פאקטיש איז ר׳ מאיר אנערקענט געווארען פאר׳ן רב הכולל פון די דייטשע אידען. אין זיינע תקנות האלט ער זיך שטריינג פאר דער קאנסערוואטיווער ריכטונג און גיט צו א בע-דייטונג איטליכען קליינעם איסור, צערעמאניע אדער פאלקס-מנהג. זיין צו גרויסע פרומקייט און שטרייגקייט אין אפהיטען די צערעמאניעס (ער האט, למשל, אפילו ניט ערלויבט קריסטליכע בעדינטע צו הייצען ווינטער אום שבת די אויבענס ביי איהם אין שטוב, הגם דאס איז מותר על פי דין) האבען איהם פער-שאפט דעם שם פון א הייליגען. ר׳ מאיר האט אויך געשריבען פיוטים, וואס פון זיי איז צום מייסט בעוואוסט די קינה אויף דער פערברענונג פון׳ם תלמוד אין פאריז, וואס איז אנגעשריבען לויט׳ן מוסטער פון ר׳ יהודה הלוי׳ס „ציונ׳ס” (§ 117).

אין ר׳ מאיר׳ס וועג איז געגאנגען זיין בעריהמטער תלמיד דער רא״ש, וואס האט מחמת די שרעקליכע פאגראמען אין די צייטען פון רינדפלייש פער-לאזען זיין היים און זיך אריבערגעקליבען קיין שפאניען, וואו ער האט ענערגיש פערשפרייט דעם רביניזם אין זיין שטרייגער דייטשער פארם און האט געפיהרט מלחמה קעגען די פרייע וויסענשאפטען (§§ 128, 136). אן אנדער תלמיד ר׳ מאיר׳ס, דער נירנבערגער רב ר׳ מרדכי בן הלל, האט אפילו ניט בעוויזען סטיליסטיש צו בעארבייטען זיין קיצור הש״ס „מרדכי”, מחמת ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם בשעת דער אייגענער גזירת-רינדפלייש, אין יאהר 1298.

די קאטאסטראפעס פון XIV יאהרהונדערט האבען שטארק אראבגעזעצט די גייסטיגע שאפונג פון די דייטשע אידען. דער דאזיגער פינסטערער יאהר-הונדערט האט ארויסגערוקט בלויז א רייהע טוער פון א צווייטער מדרגה אפילו אין דעם בעגרענעצטען געביט פון דער רבנישער וויסענשאפט. דאס זיינען: ר׳ זוסלין פון פראנקפורט, דער מחבר פון דער זאמלונג הלכות „אגודה”; ר׳ שמואל שלעמשטאדט אין סטראסבורג, וואס האט פערפאסט א קיצור פונ׳ם „מרדכי”; ר׳ אברהם קלויזנער, דער מחבר פון זאמעלבוך „מנהגים”, און זיין רבי, דער דערמאנטער וויענער רב ר׳ מאיר הלוי, וואס האט איינגעפירט דעם טיטעל „מורנו” פאר רבנים, וואס האבען סמיכה.

נאך דער קאטאסטראפע פונ׳ם „שווארצען טויט”, וואס האט חרוב געמאכט הונדערטער אידישע קהילות אין דייטשלאנד, האט דער גייסטיגער צענטער זיך אריבערגערוקט קיין עסטרייך, וואס האט כמעט ניט געליטען פון דער דאזיגער קאטאסטראפע. וויען ווערט די מעטראפאליס פונ׳ם רביניזם; אין איהר און אין דער שכנישער שטאדט ניישטאדט בעפעסטיגען זיך די בעריהמטע ישיבות, וואס לאזען ארויס א גאנצע ארמיי פון געלערנטע.

די גייסטיגע העגעמאניע פון דייטשלאנד און עסטרייך האט זיך ארויס-געוויזען בעזונדערס אין XV יאהרהונדערט, נאכדעם ווי עס איז איינגאנצען אונטערגעגאנגען דער אידישער צענטער אין פראנקרייך און עס האט זיך גע-שטארקט די אידענפיינדליכע בעוועגונג אין שפאניען, וואו עס איז צו-ביסלע-

זייז געפאַלען די תּלמודישע בילדונג. אין יענער צייט זיינען בעריהמט געוואָרען ניט בלויז אין דער וויסענשאַפט, נאָר אין דער געזעלשאַפטליך-גייסטליכער טעטיגקייט, די רבנים: ר׳ יעקב מעלין אָדער מהרי״ל אין מאַינץ און וואָרמס (געשט. 1427) און זיין תּלמיד ר׳ יעקב ווייל אין נירנבערג און ערפורט (געשט. 1456). דער ערשטער האָט דורך זיין קאָדעקס „מנהגים“ גע־בראַכט אין אָרדענונג די מנהגים פון די שולען אין די דייטשע אָדער „אשכנזישע“ קהילות, וואָס אונטערשיידען זיך אין אַסך פּרטים פונ׳ם נוסח פון די שפּאַניער אָדער „ספרדים“; ער האָט אויך געענטפערט אויף שאלות, מיט וועלכע עס פלעגען זיך ווענדען צו איהם קהילות און רבנים. דער צווייטער האָט אָנגע־שריבען אַ ספר וועגען די דינים פון שחיטה ספּעציעל פאַר שוחטים און האָט אויך געדיענט פאַר אַ העכסטע אינסטאַנץ אין כּל-ערליי שאלות וועגען כּשר און טריפה און וועגען דיני ממונות. די טענדענץ מחמיר צו זיין בנוגע צו צערע־מאָניעס, אַסקעטישע מאָראַל און אַ נטיה צו מיסטיק בילדען די כאַראַקטעריסטישע סימנים פונ׳ם דעמאָלטיגען רביניזם. צו די פיעל דינים פון פריהער האָט מען מוסיף געווען נאָך אַסך פאָלקס-מנהגים, וואָס די רבנים פלעגען אַריינשטעלען זיי אין זייערע חיבורים און דורכדעם פעראייביגען זיי אַלס געזעצען.

דער צייטווייליגער גירוש פון די הערצאָגליכע לענדער פון עסטרייך אין יאָהר 1421 האָט געצוואונגען די געלערנטע אַריבערצוטראָגען זייער אַקאַדעמישע טעטיגקייט אין די גרעניץ-לענדער פונ׳ם הערצאָגטום (שטייערמאַרק און אַנד.) און אין די שכנישע דייטשע געגענדען; נאָר אין דריי צעהנדליג יאָהר אַרום זיינען די אידישע געזעלשאַפטליכע צענטרען אין עסטרייך ווידער אויפגעריכט געוואָרען. אין יענער עפּאָכע זיינען בראש פון די דייטש-עסטרייכישע רבנים געשטאַנען: ר׳ ישראל איסרליין (געשט. אַן ערך אין יאָהר 1460), וואָס איז געווען רב לכתחילה אין מאַרבורג אין דער שטייערמאַרק, און דערנאָך אין ניישטאָדט נעבען וויען; ר׳ ישראל ברונא, וואָס איז קוים ניצול געוואָרען פון טויט בשעת די מהומות אין רעגענסבורג (1476), און ר׳ משה מינץ, וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַרב אין באַמבערג און אין אַנדערע קהילות און אַ געוויסע צייט אַפילו אין דער פוילישער פויזען (1474).

אַלע די דאָזיגע רבנים האָבען זיך ניט בעגענוגענט מיט׳ן אייגענעם קרייז פון זייערע התחייבות׳ען אַלס גייסטליכע פיהרער און מיט זייערע ספּעציעל־וויסענשאַפטליכע אַרבייטען (איסרליין איז געווען דער מחבר פון דער בעוואוסטער זאַמלונג שאלות ותשובות „תרומת הדשן“, און ברונא און מינץ האָבען איבער־געלאָזט „תשובות“), נאָר זיי פלעגען אויך זאָרגען וועגען דער אָרדענונג אין די אידישע קהילות, וועגען אויפהויבען די זיטליכע מדרגה פון רבנישען שטאַנד, וועגען בעזייטיגען מחלוקת׳ען און שפּאַלטונגען אין פאָלק. ר׳ משה מינץ האָט, צווישען אַנדערע זאַכען, פונאַנדערגעשיידט די פונקציעס פון די רבנים און פון די פּרנסים אין די קהלות און האָט אײַנגעשטעלט, אַז אין די רעליגיעזע ענינים האָבען די פּרנסים ניט קיין רעכט אָנצונעמען וואָסערע-עס-איז מיטלען אָהן דעם וויסען פון די רבנים.

די אַלמעכטיגע פּרנסים, די בעלי-בתּים פון די געמיינדע-אַנשטאַלטען און די פונאַנדערטיילער פון די שטייערן, פלעגען אָפטמאָלס נעמען זיך אַ צו גרויסע מאַכט און פלעגען זיך מישען אין די ענינים, וואָס זיינען שייך צו די רבנים; פון דער אַנדער זייט פלעגען אויך די רבנים אָפטמאָלס אויסנוצען צום שלעכ-טען זייער מאַכט. ר׳ ישראל ברונא גופא, וואָס האָט ניט ווינציג זיך אָנגעליטען פון אייגענע און פון פרעמדע, האָט איין מאָל אוסגענוצט זיין אָפיציעלע מאַכט און האָט אַריינגעלייגט אין חרם איין מיטגליד פון דער קהילה, וואָס האָט איהם בעליידיגט. האָט דער מוחרם געבעטען מחילה ביים רב, נאָר ר׳ ישראל האָט זיך ניט געלאָזט איבערבעטען און האָט דורכדעם געבראַכט זיין געגנער צו אָרימקייט, וואָרום לויט׳ן גזוץ פלעגט דער אייגענס פון אַ אידען, וואָס האָט זיך געפונען דרייסיג טעג אין חרם, ווערען קאָנפיסקירט לטובת דער מלוכה.

אַלע צווייגען פון ליטעראַטור, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט׳ן רביניזם, האָבען זיך לחלוטין ניט ענטוויקעלט אין דייטשלאַנד. אַפילו די פּיוטים און די מוסר-ליטעראַטור פאַר׳ן פאָלק האָבען געהאַט ווינציג פאַרשטייהער. חוץ ר׳ מאיר פון ראָטענבורג, האָט נאָך געשריבען פּיוטים דער פּראָגער רב ר׳ א ב י ג ד ו ר ק ר א, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם פּאָגראָם פון יאָהר 1389 אין פּראָג; ער בעוויינט די ליידען פון זיין פאָלק אין האַרצרייסענדע סליחות. די איבעריגע מחברים פון פּיוטים און קינות האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט דורך פּאָעטישען טאַלאַנט.

פון דער פּאָפּולערער מאָראַליסטישער מוסר-ליטעראַטור זיינען מסתמא אַ סך זאַכען פערלאָרען געגאַנגען בשעת די קאַטאַסטראָפען, און צו אונז זיינען דערגאַנגען בלויז קליינע רעשטען. דער „ספר חסידים קטן“ און דער „זיטען-בוך“ (דער לעצטער אויף דער אידיש-דייטשער געברויכס-שפּראַך), וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין XV יאָהרהונדערט, זיינען נאָכגעמאַכט נאָך דעם קלאַסישען „ספר חסידים“ פון ר׳ יהודה החסיד (§ 105). דאָ געפינען זיך די אייגענע מימרות וועגען עניוות און איינגעהאַלטענקייט, שטרייגנער פרומקייט און גוטע מדות, רעליגיעזען פאַטאַליזם און פּאַסיווען, ריין-גייסטיגען נאַציאָנאַלען ווידער-שטאַנד. עס איז כּדי צו בעמערקען, אַז אין די דאָזיגע מוסר-ספרים, וואָס זייערע מחברים זיינען געשטאַנען נעהענטער צום פּראָסטען עולם, בעגעגענט מען תּרעומות וועגען דעם, אַז אין די חדרים און ישיבות פערנעמט מען זיך בלויז מיט׳ן תּלמודישען פּלפּול און מען לערנט ניט קיין תּנ״ך, אַגדה, מדרש און מוסר-ספרים. דאָס פאָלק האָט, משמעות, ניט געפונען קיין בעפרידיגונג אין דער רבנישער וויסענשאַפט, וואָס האָט געלויכטען, אָבער ניט געוואַרימט, ניט געגעבען קיין שפּייז פאַר דעם געמיט און פאַר די זיטליכע געפיהלען.

איינזאַם שטייהט צווישען דער אַרמיי פון די איינגע תּלמודיסטען פון יענער צייט דער פּראָגער רב ר׳ י ו ם - ט ו ב ל י פּ מ אַ ן מ י ל ה ו י ז ע ן, דער מחבר פונ׳ם ספר „נצחון“, וואָס איז געוואָרען אָנגעשריבען אין יאָהר 1410. אין דער עפּאָכע, בשעת די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די אָפיציעלע גע-

לערנטע איז געווען אריינגעטאָן אין אויספאָרשען די פרטים פון דער תלמודישער בעזעץ-וויסענשאַפט, האָט ליפמאַן מילהויזען זיך פערטיעפט אין די פערגעסענע פראַגעס פון דער דאָגמאַטיק. ער האָט געוואָלט אויסלערנען די מענשען פון זיין צייט, ווי אַזוי צו ענטפערן אויף די דאָגמאַטישע טענות פון קריסטען קע- גען דער תורה פון דער יהדות, ווי אַזוי צו פערטיידיגען איהרע גרונד-אמת׳ען און הנחות. דער מחבר האָט דערביי זיך סומך געווען אויף זיין פערזענליכער ערפאַהרונג, מחמת איהם איז טיילמאָלס אויסגעקומען צו פיהרען ויכוחים מיט קריסטליכע גייסטליכע פערזאָנען. אַפּאָלאָגעטיק איז דער הויפּט-אינהאַלט פונ׳ם ספר „נצחון״, נאָר צוגלייך זיינען אין איהם פונאַנדערגעוואָרפען אַ סך פילאָסאָ פישע און עטישע מאמרים, אין וועלכע דער מחבר איז זיך סומך אויפ׳ן רמב״ם, רב סעדיה גאון און אַנדערע דיינקער. דאָס, וואָס דער מחבר האָט זיך סומך געווען אויף די ראַציאָנאַליסטען, האָט איהם פונדעסטוועגען ניט געשטערט ער- פערוייז אויסצונוצען די מיינונגען פון די מיסטיקער אָדער מקובלים, וואָס זייערע ווערק זיינען אין יענער צייט געווען פערשפרייט צווישען די דייטשע אידען.

פינפטער קאפיטעל.

די אידען אין איטאַליען און פוילין

דער סאָציאַלער מעמד פון די אידען אין איטאַליען. — די גינסטיגע שטעלונג אין איטאַליען. — פוילין. — באָלעסלאווס עדיקט און די קאנאָנס פון דער קירך־צוזאַמענפאָר (1267 יאָהר). — די פערשטאַרקונג פון אידען אין פוילין פאַר די צייטען פון קאזימיר דעם גרויסען. — פוילין און ליטא אין דער עפּאָכע פון יאַגעלאָ און ויטאָווט. — דער קאמף פון דער קלעריקאַלער פּאָליטיק מיט דער בירגערליכער אין דער צייט פון קאזימיר IV און פון זיינע זיהן. — א געדעכעניש פון אידען אין מאָסקאָוויען.

דער סאָציאַלער מעמד פון די איטאַליענישע אידען.

§ 142. אָן אַזייט פונ׳ם גרויסען שליאַך פון דער מיטעלאַלטערליכער געשיכטע — טאַקע פון „גרויסען שליאַך“, וואו עס זיינען אָבגעטאָן געוואָרען בזילות און רציחות — זיינען געשטאַנען די אידען פון צוויי לענדער, וואָס דאָס ערשטע פון זיי איז געווען די עלטסטע, און דאָס לעצטע — די אינגסטע אידישע קאָלאָניע אין אייראָפּע. איטאַליען פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע און פון די שטאָדטישע רעפּובליקען איז אין געוויסע פּרטים שוין געווען אַריבערגעוואַקסען די מיטעלאַלטערליכע קולטור; פוילין ווידער איז נאָך ניט געווען דערוואַקסען צו איהר און האָט זיך געפונען ערשט אין פּאַטריאַרכאַלישען פעריאָדע. דעריבער האָבעןביידע לענדער געליטען אַסך ווינציגער פונ׳ם דרוק פון מיטעלאַלטערליכען רעזשים, איידער די אַנדערע לענדער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער׳ן גייסטליכען פּראָטעקטאָראַט פון די רוימישע פּויפּסטען.

די רוימישע פּויפּסטען זיינען ווינציגער פון אַלץ געווען נביאים אין זייער אייגענעם פאָטערלאַנד. אינאָקענטיוס III און זיינע יורשים, וואָס האָבען מיט ערפאָלג איינגעפלאַנצט אומטאָלעראַנץ אין אַלע לענדער פון מערב-אייראָפּע, האָבען ניט געקאָנט פערשפּרייטען דעם דאָזיגען פערטיליגונגס-גייסט אין איטאַליען גופא. אין אַלאַנד, וואָס איז געווען פונאַנדערגעטיילט צווישען אַווטאָנאָמע פּראָווינצען און פרייע האַנדעלס-שטעדט, האָט בכלל ניט געקאָנט זיין קיין איינהייט אין דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק. די אידען האָבען געוואוינט אין

דעם פּויפּסט׳ס פּראָווינץ, אין די פרייע שטעדט פון לאָמבאַרדיען און אין דרום — אין נעאַפּאָל און סיציליען, וואָס זיינען געווען כסדר אונטער דער ממשלה פון די האָהענשטויפענס, אַנזשוער און שפּאַניער.

די קאַנאָנישע געזעצען קעגען אידען זיינען אָנגעווענדט געוואָרען נים בעזונדערס שטריינג אַפּילו אין רוים גופא. דאָ האָבען די אידען פון אַלטע צייטען אָן געוואוינט אין אַ בעזונדערן קוואַרטאַל, נאָר אין קולטורעלער הינזיכט זיינען זיי געווען ניט שאַרף אָבגעזונדערט פון קריסטען. די זעלבסטפערוואַלטונג פון דער אידישער קהילה אין רוים איז געווען געשיצט דורך סטאַטוטען. אין XIV און XV יאָהרהונדערט האָט געדיענט אַלס „די גרויסע כאַרטיע״ פון די רוימישע אידען אַ סטאַטוט (וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1310 און בענייט געוואָרען אין יאָהר 1402), וואָס לויט איהם זיינען זיי אָנערקענט געוואָרען פאַר „רוימישע בירגער״ פון אַ בעזונדער קאַטעגאָריע, וואָס שטייהען אונטער דער ממשלה פון דער פּויפּסטליכער קוריע. בראש פון דער קהילה זיינען געשטאַנען אויסגעקליבענע מורשים (פּרנסים), וואָס זיינען פעראַנטוואָרט-ליך פאַר דער קוריע, אַז עס זאָלען אריינגעטראָגען ווערען רעגעלמעסיג די אָבצאָהלונגען, וואָס האָבען דאָס רעכט צונויפצורופען פערזאַמלונגען, צו משפּט׳ען, אַרויפלייגען שטראָפען אָדער חרמים פאַר פערברעכענס. די בעאַמטע פון דער קהילה זיינען פּטור געווען פון צו טראָגען דעם אידישען צייכען אָדער בעזונ-דערע קליידער, אויף אָבצושיידען זיי פון קריסטען. איבעריגענס, זיינען אַלע אידען אין זייערע קוואַרטאַלען בעפרייט געוואָרען פונ׳ם קאַנאָנישען שאַנד-ציי-כען, און בכלל זיינען געמאַכט געוואָרען פונ׳ם דאָזיגען געזעץ אָפטע אויס-נאַהמען.

אין די לענדער פון די הערצאָגען און אין די פרייע האַנדעלס-שטעדט האָבען די אידען געוואוינט אויפ׳ן סמך פון בעזונדערע אָבמאַכען מיט די אָר-טיגע רעגירונגען. אין פעראַראַ האָבען זיי בעקומען פון דער שטאָדט אַ סטאַטוט, וואָס לויט איהם זיינען זיי געגעבען געוואָרען פערשיידענע רעכט און הנחות מיט דער אויסריידעניש, אַז די לעצטע קאָנען ניט ווערען אָבגעשאַפט דורך דער אַדמיניסטראַציע (פּאָדעסטאַ) לויט דער פאָדערונג פונ׳ם פּויפּסט אָדער פון ערגיץ אַנדערע מושלים (1275). אין XV יאָהרהונדערט האָבען די הערצאָגען ד׳עסטע בעשיצט די אידען פון פעראַראַ קעגען דער אַריינמישונג פון די פּויפּסטען און פון דער אָרטיגער גייסטליכקייט, וואָס האָבען געפאָדערט פאַר זיי אויסער-סטע בעגרעניצונגען. אין פעראַראַ, סאַלערנאָ און עטליכע אַנדערע שטעדט פון איטאַליען האָבען די אידען געוואוינט אין בעזונדערע קוואַרטאַלען, על-פּי-רוב ניט מחמת מען האָט זיי געצוואונגען דערצו, נאָר מיט זייער אייגענעם גוטען ווילען, ווייל זיי איז געווען בעקוועמער צו לעבען אין אָן איינגען קרייז, אין ראַיאָן פון זייערע שולען, בתי-מדרשים און געמיינדע-אָנשטאַלטען.

אין אַ בעזונדער לאַגע האָבען זיך געפונען די אידען פון דרום-איטאַליען — פון דער נעאַפּאָליטאַנישער געגענד און פון סיציליען. אין צווייטען פערטיל פון XIII יאָהרהונדערט האָט דאָ געפּרובט איינצופיהרען דעם אינסטיטוט פון

„קאַמערקנעכטשאַפט” דער דייטשער קייזער פרידריך II האָהענשטויפען, וואָס צו איהם האָט געהערט סיציליען על-פּי-ירושה. ער האָט בעשטעטיגט די פריהער-דיגע רעכט פון די סיציליאַנישע אידען און זייער אינעווייניגסטע אַוטאָנאָמיע, נאָר צוגלייך האָט ער אַרויפגעלייגט אויף זיי שווערע אָבצאָהלונגען און זיי אונטערגעוואָרפען אונטער די דערנידעריגענדע קירכליכע געזעצען, אַשטייגער ווי דער געזעץ צו טראָגען בעזונדערע קליידער. דער דאָזיגער בעפעהל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון אַ געבילדעטען מושל, וואָס האָט געהאַלטען ביי זיך אין הויף אידישע געלערנטע, בכדי צו איבערזעצען די פילאָסאָפישע ווערק פון די אַראַבער אויף לאַטייניש.

נאָר די דייטשע פּאַראָנדקעס האָבען זיך לאַנג ניט געהאַלטען אין איטאַליען. נאָכ׳ן פאַלען פון דער דינאַסטיע האָהענשטויפען (1266) האָבען די אידען פון נעאַפּאָליטאַנישען קיניגרייך געלעבט לפי-ערך רוהיג אונטער׳ן שוץ פון דער אַנזשוער דינאַסטיע, און די סיציליאַנישע — אונטער דער ממשלה פון די אַראַ-גאָנישע מלכים. אין דער הויפּט-שטאָדט פון סיציליען, פּאַלערמאָ, האָט מען די אידען געצוואונגען זיך צו בעזעצען אין אַ בעזונדערן קוואַרטאַל (1312), נאָר דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו לעבען בשלום מיט זייערע קריסטליכע שכנים. אין XV יאָהרהונדערט האָבען די אידישע קהילות פון סיציליען דערגרייכט צו אַ בליהענדען צושטאַנד, נאָר צום סוף פון יאָהרהונדערט האָט מיט זיי גע-טראָפען אַ קאַטאַסטראָפע: דער קיניג פון אַראַגאָניען פערדינאַנד דער קאַטוילי̇ק, וואָס איז געוואָרען, אַ דאַנק זיין שידוך מיט איזאַבעלאַ פון קאַסטיליען, דער הערשער איבער גאַנץ שפּאַניען, האָט אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט וועגען פער-טרייבען אַלע אידען פון סיציליען, אין דער זעלביגער צייט בשעת מען האָט זיי פערטריבען פון שפּאַניען (1492). אומזיסט האָבען די קריסטליכע איינוואוינער פון פּאַלערמאָ און מעסינאַ זיך געבעטען ביים קיניג, ער זאָל לאָזען וואוינען די אידען אויפ׳ן אינזעל, מחמת זיי זיינען נוצליכע אַרבייטזאַמע בירגער, — פערדינאַנד האָט זיך ניט געלאָזט איינבעטען. אַן ערך 100 000 אידען האָבען געמוזט אַוועק פונ׳ם אינזעל, וואו זייערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען געוואוינט זינט שנים קדמוניות.

בעאומרוהיגט דורך די ערפאָלגען פונ׳ם רענעסאַנס און פונ׳ם הומאַניזם האָבען די טוער פון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי זיך געמיהט אויפצורייצען דאָס פאָלק קעגען אידען אויך אין אַנדערע ערטער פון איטאַליען. ס׳פלעגען אַרומ-פאָהרען וואַנדערנדע בעלי-דרש׳ערס פון פערשיידענע מאָנאַכען-אָרדענס און דרשנ׳ען פון די בימות אין די קירכען, אַז עס ליגט אַ הייליגער חוב אויף קריס-טען פיינט צו האָבען און צו אונטערדריקען די אַנדערשגלויביגע. דער היציגסטער פון אַלע די דאָזיגע בעלי-דרש׳ערס, בערנאַרדין פון סיען (וואָס דער פּויפּסט האָט איהם צוגערעכענט צו די הייליגע), האָט געפיהרט אַזאַ מין אַגיטאַציע אין דער ערשטער העלפט פון XV יאָהרהונדערט. ער האָט בעשולדיגט די אידען, אַז זיי שטרעבען מיט פאַלשקייט צו שעדיגען די קריסטען גייסטיג און מאַטעריעל: די נאָהענטע שכנות פון די אידען פערשטאַרקט דעם סם פון אומגלויבען, די

דאָקטוירים צווישען זיי סמ'ען מיט אכיון זייערע קריסטליכע פּאַציענטען דורך זייערע רפואות, און די וואָכערער שטעלען בדלות זייערע קריסטליכע בעלי-חובות. דער דרשן פלעגט אויך אָנפאַלען אויף קריסטליכע וואָכערער, וואָס נאַרען אָב און בע'גזל'ען זייערע בעלי-חובות, נאָר דאָס, וואָס די „אייגענע" ווערען נתעשר האָט איהם ניט געאַרט, דערפאַר אָבער האָט איהם אויסגעוויזען ניט נאָרמאַל, וואָס איינצעלנע יחידים צווישען אידען זיינען רייך, וואָרום „אַ קנעכט טאָר ניט האָבען קיין פערמעגען". דערפון איז געווען געדרונגען אַ גלייכער אויספיהר, אַז דער גאַנצען פערמעגען פון אידען געהערט לויט רעכט זייערע בעלי-בתים, די קריסטען, און אַז אַ פּאָגראָם איז בלויז אַ געזעצליכער מיטעל אויף אָבצוגעבען דעם אייגענס דעם אמת'ען בעל-הבית. בכדי צו בעווייזען די „קנעכטשאַפט" פון די אידען, מוז מען שטריינג אָבהיטען די איינגעשטעלטע קאַנאָנישע געזעצען און בעזונדערס – דעם כלל וועגען דעם, אַז די אידען מוזען טראָגען אַ בעזונדערן צייכען אויף די קליידער. און בערנאַרדין פון סיען האָט געמוזט ניט ביטערניש בעמערקען דעם פאַקט, אַז דער דאָזיגער כלל ווערט ניט צָבגעהיט אין פּאַדוא, ווערענא און אין אַ סך אַנדערע שטעדט, וואו עס איז איהם אויסגעקומען צו זיין.

אין דעמזעלביגען גייסט האָט גע'דרש'ט זיין תלמיד, דער אונז בעקאַנ-טער בערנאַרדין דע-פעלטרע, וואָס האָט אַריבערגעטראָגען זיין טעטיגקייט קיין עסטרייך און האָט דאָרט בעשאַפען דעם פּראָצעס וועגען טריענטער מערטירער (§ 134). אין יאָהר 1487 האָט דער דאָזיגער פערברענטער אידענפיינד דורך זיינע דרשות אין פלאָרענץ אַזוי אָנגעצונדען זיינע צוהערער, אַז דער המון איז שוין געווען גרייט זיך אַלאָז צו טון אויף די אידישע הייזער און אויסקוילען זייערע איינוואוינער; נאָר דער פלאָרענטינישער סענאַט האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און האָט בעפויהלען אַרויסצושיקען פון שטאָדט דעם געפעהרליכען אונטערהעצער. געבילדעטע מושלים, אַשטייגער ווי די מעדיטשיס, האָבען אוודאי ניט געקאָנט צולאָזען אין זייערע לענדער אַזאַ צעלאָזענקייט און קלעריקאַלען פאַנאַטיזם; זיי האָבען הויך געשאַצט די פערדיענסטען פון געבילדעטע אידען און האָבען אַרויסגעגעבען געזעצען צו בעשיצען די אידישע בעפעלקערונג.

פונקט אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער, זייגען די אידען אין איטאַליען געהען שטאַרק דורך זייער נאַציאָנאַלער אחדות און פעסטע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס. ווי מיר האָבען געזעהן אויבען, האָט די זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהילות ניט געהאַט צו ליידען פון בעגרעניצונגען אפילו אין רוים, אין דער מעטראָפּאָליע פון דער קירך. אַ מוסטערהאַפטע געמיינדע-אָרדענונג האָבען די אידען געהאַט אין סיציליען ביז דער קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1492. אין פּאַלערמאָ, מעסינאַ און אַנדערע שטעדט איז דער אידישער „קהל" אָדער גע-מיינדע-מאַגיסטראַט געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט דעם שטאָדטישען, קריסט ליכען, אַלס אַ גלייכבערעכטיגטע קאָרפּאָראַציע. דורך אָבמאַכען האָבעןביידע מאַגיסטראַטען רעגולירט די גגענזייטיגע בעציהונגען פון די צוויי טיילען פון דער בעפעלקערונג.

דער אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַן פונ'ם קהל אין פּאַלערמאָ איז בעשטאַנען

פון פאָלגענדע בעאַמטע: א) 12 „פּראָטען“ אָדער אויספיהרענדע בעאַמטע, וואָס פלעגען אויסגעקליבען ווערען אויף אַ יאָהר צייט און פלעגען אַרבייטען אין פיער אָבטיילונגען, וואָס האָבען פערביטען איינע די אַנדערע איטליכע דריי חדשים; ב) 6 מיטגלידער פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע; ג) 12 „עלטען“ אָדער בכבוד'ע פּערזאָנען, אַלס בעראַטונגס-אָרגאַן ביי די פּראָטען; ד) 11 „מאַיאָראַנטען“ אָדער עלטסטע, וואָס זייער עובדא איז געווען אויסצוגלייכען סכסוכים צווישען די „פּראָטען“ און „עלטען“; דערנאָך זיינען געגאַנגען נאָך פינף קלאַסען פון „היטערס פון די אַקטען“, „מורשים“, „שטייער-קלייבער“, „סינדיקעס“ אָדער שתדלנים און „אויפזעהער“. די גייסטליך-געריכטליכע קאָלעגיע איז בעשטאַנען פון „סאַקריסטאַנען“ אָדער גבאים פון די שולען, דיינים און רבנים, וואָס האָבען גע'פּסק'עט אַלע רעליגיעזע שאלות און וואָס האָבען פונאַנדערגעקליבען די געריכטליכע פּראָצעסען צווישען די מיטגלידער פון דער קהילה.

די אַראַגאָנישע מושלים פון סיציליען, מאַרטין I (1396) און אַלפאָנזאָ V האָבען דערצו נאָך געשאַפען אין פאַלערמאָ דעם פּאָסטען פון אַ הויפּט-דיין אָדער אָפּיציעלען רב, וואָס דער קיניג פלעגט בעשטימען איהם אַלס פערמיטלער צווישען דער קהילה און דער העכסטער רעגירונג. די אידען האָבען אָבער דערויף גע-קוקט ווי אויף אַ בעגרעניצונג פון זייער אַווטאָנאָמיע, און נאָך לאַנגע השתדלות'ען האָט זיך זיי איינגעגעבען פּטור צווערען פון דער קרוינישער רבנות.

אין איטאַליען, פונקט אַזוי ווי אין דייטשלאַנד, פלעגען פּאָרקומען צייטענ-וויז צוזאַמענפאָהרען פון קהלשע טוער און רבנים, בכדי צו בעקלערען די אַלגעמיינע פראַגען פון אידישען לעבען. אין די יאָהרען 1416 און 1418 זיינען פּאָרגעקומען צוויי אַזעלכע צוזאַמענפאָהרען: איינער אין באָלאָניאַ, דער אַנדערער אין פאָרלי. אין זיי האָבען גענומען אַן אָנטייל די פאָרשטייהער פון די קהילות פון רוים, פאַדוא, פערארא, ראָמאַניאַ, טאָסקאַנאַ און פון די צוויי אָנגערופענע שטעדט. לויט דער החלטה פונ'ם ערשטען צוזאַמענפאָהר האָט מען געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט מאַרטין V מיט דער בקשה, ער זאָל בעשטעטיגען די פריהערדיגע רעכט פון די אידען און זאָל מוסיף זיין צו זיי נייע. מען האָט אויך פונאַנדערגעטיילט די אַלגעמיינע און ספּעציעלע אָבצאָהלונגען צווישען די איינצעלנע קהילות. אויף ביידע צוזאַמענפאָהרען איז אַיינגעשטעלט געוואָרען אַ צענזור פון די מידות אין די אידישע קהילות, וואו עס האָט זיך דעמאָלט, צום טייל אונטער'ן איינפלוס פונ'ם איטאַליענישען רענעסאַנס, ענטוויקעלט אַ תאוה צו לוקסוס און פערגעניגענס, וואָס האָט ממילא געפיהרט צו פערשייטע מידות. ס'איז פערבאָטען געוואָרען צו שפּילען אין קאָרטען אָדער אין ביינדלעך אין אידישע שטיבער, טראָגען טייערע קליידער, מאַכען גרויסאַרטיגע סעודות אויף חתונות אָדער אַנדערע פאַמיליען-שמחות; מ'האָט אויך גע'אַסר'ט אידישע מאַנסבילען און פרויען צו האָבען איינע מיט די אַנדערע אַ צו פרייען פערקעהר. פאַר'ן עובר זיין די דאָזיגע פערבאָטען איז אַיינגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנץ בעדייטענדער קנס.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון אידען אין איטאַליען איז געווען ניט אין

אין ערך בעסער, און על כל פנים נאָרמאַלער, איידער אין אַנדערע לענדער. דאָס איז געווען דאָס איינציגע לאַנד אין מערב-אייראָפּאַ, וואו אידען האָבען געקאָנט מעהר אָדער ווייניגער פריי קאָנקורירען מיט קריסטען אין האַנדעל און מלאכות און איבערלאָזען פאַר זיי דעם ערשטען אָרט בנוגע צו וואָכעריי. די קריסטליכע צעכען האָבען דאָ ווינציגער געדריקט אידען אין האַנדווערקס-פּראָדוקציע און אין אָבזעצען זייערע פּראָדוקטען. אין אַ סך ערטער האָבען אידען זיך פערנומען ספּעציעל מיט פאַרבעריי, און די מלאכה פלעגט איבערגייהן בירושה פון דור צו דור (§ 94). נאָר אויך מיט שווערערע אַרבייטען האָבען זיי זיך פערנומען. אין סיציליען, למשל, זיינען כמעט אַלע שמידען געווען אידען. אין סאַרדיניען זיינען געווען אַ סך אידען קופערשמידען, שלעסערס, וועבערס, טישלערס און בוימייסטערס. אין סיציליען האָבען אידען, אַ דאַנק דער פרייהייט צו קויפען ערד, אָפטמאָלס זיך פערנומען מיט ערד-אַרבייט, האָדעווען בהמות און זייד-קולטור. די לעצטע פּראָפעסיע איז געווען בעזונדערס פערשפּרייט אין קאַלאַבריען, און די גרויסע קאַלאַברישע פּראָדוצירער פון זיידענס פלעגען פערקויפען אַ סך זייד-פּראָדוקטען אויף די מערק פון איטאַליען און פראַנקרייך און פעסטשטעלען דאָרט זייערע מקחים. די סוחרים פון גענואַ זיינען געווען זייהר אומצופרידען מיט דער ערפאָלגרייכער קאָנקורענץ פון די אידען אין׳ם האַנדעלס-צווייג און האָבען זיך געמיהט צוצונעמען ביי זיי די דאָזיגע „מאָנאָפּאָל״, און זיי האָט זיך דאָס איינגעגעבען ערשט אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט.

אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל האָבען די אידען, פערשטייהט זיך, ניט געקאָנט קאָנקורירען מיט די קריסטליכע סוחרים אין אַזעלכע וועלט-האַנדעלס-צענטרען, ווי גענואַ אָדער ווענעדיג; אָבער אין׳ם געביט פון׳ם אינעווייניגסטען סחורות-אויסבייט האָבען זיי געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָל. היות ווי עס זיינען ניט געווען קיין בעקוועמע און זיכערע פערקעהרס-וועגען, האָבען די אידען בעוויזען אַ בעדייטענדע טובה דער לאַנדווירטשאַפט און דעם האַנדעל, דורכדעם וואָס זיי פלעגען אַריבערפיהרען תבואה און כל׳ערליי פּראָדוקטען פון איין אָרט אויף׳ן אַנדערן און האָבען ערפילט די פונקציע פון פערמיטלער צווישען פּראָדוצירער און פערברויכער.

די אידען האָבען זיך אויך ענערגיש פערנומען מיט אַנטלייהען געלד אויף פּראָצענט, נאָר אין דעם דאָזיגען געביט זיינען זיי געווען נאָר שוואַכע תלמידים פון די איטאַליענישע „מייסטערס״ פון וואָכעריי, די בעריהמטע „לאָמ-באַרדער״. די שריפטשטעלער פון יענער צייט זאָגען עדות, אַז קריסטען וואָכערער פלעגען זיך בעגייהן מיט זייערע קונדען גלויבענסברידער אַ סך ערגער, איידער די אידען — מיט קריסטליכע קונדען. אין יאָהר 1430 האָט מען איינגעלאַדען קיין פלאָרענץ אידען באַנקירען, בכדי זיי זאָלען אַראָבלאָזען דעם וואָכער אויף הלוואות ביז 20%, אַנשטאָט די 32%, וואָס עס פלעגען נעמען די קריסטען. אין ווענעדיג איז איבער די באַנק-אָפּעראַציעס פון אידען געווען איינגעשטעלט אַ שטרייגנער קאָנטראָל מצד די „סופּראַ-קאָנסולען״, און זיי פלעגען דאָרט נעמען מעסיגע פּראָצענטען.

אַדאַנק דעם, וואָס אין איטאַליען איז דאָס אַנטלייהען געלד ניט געווען די „פערהאַסטע פּריווילעגיע” פון אידען, און וואָס אין דער דאָזיגער פּרנסה האָבען זיי זיך אויפגעפיהרט בעסער פאַר די קריסטען, זיינען דאָ ניט פאָרגעקומען יענע צוזאַמענשטויסונגען אויפ׳ן באָדען פון דער וואָכריי, וואָס האָבען אין אַנדערע לענדער געבראַכט צו טראַגישע רעזולטאַטען.

אויב בנוגע צו באַנק-אָפּעראַציעס האָבען די איטאַליענישע אידען געטיילט „די אַרבייט” מיט די קריסטען, איז אין די פרייע פּראָפעסיעס האָבען די אידען אָפט אַריבערגעיאָגט די קריסטען. די מעדיצינישע פּראַקטיק איז געווען על-פּי-רוב אין די הענד פון אידען, וואָס האָבען געלערנט אין די מעדיצינישע הויכשולען פון פּאַדוא, סאַלערנאָ און אַנדערע ערטער, טיילמאָלס אויך ביי אידישע פּראָפעסאָרען. היות ווי די קריסטליכע דאָקטוירים האָבען מקנא געווען דעם ערפאָלג פון זייערע אידישע קאָלעגעס, בכן האָבען זיי זיך געמיהט צו מאַכען זיי אַ שלעכטען שם אין דער געזעלשאַפט און פלעגען זיי בעשולדיגען, אַז זיי פערדאַרבען מיט אַ כיון זייערע קריסטליכע פּאַציענטען. די קלעריקאַלען פון זייער זייט האָבען געפאָדערט, מען זאָל אָבהיטען דעם קירכליכען געזעץ, וואָס האָט פערבאָטען קריסטען זיך צו לאָזען היילען ביי אידען, און פונדעסטוועגען זיינען די אידישע דאָקטוירים געווען פּאָפּולער אין לאַנד, און צו זיי פלעגען זיך ווענדען ניט בלויז וועלט-מענשען, נאָר אויך די גייסטליכקייט און טיילמאָלס אַפילו די רוימישע פּויפּסטען גופא. דער פּויפּסט באָניפאַציוס דער IX-טער האָט געהאַט ביי זיך אַלס לייב-דאָקטוירים די אידען מאַנועלאָ און זיין זוהן אַנזשעלאָ די דאָזיגע צוויי דאָקטוירים האָבען בעקומען פונ׳ם פּויפּסט און פון רוימישען מאַגיסטראַט אַ כתב, אַז זיי און זייערע קינדס-קינדער ווערען בעפרייט פון צו צאָהלען שטייערן, דערפאַר וואָס זיי פלעגען היילען אָרימע לייט אָהן געצאָהלט (1399). דער אידישער דאָקטאָר פּאַליניאָ, אַ פּראָפעסאָר פונ׳ם אוניווערסיטעט אין פּאַדוא, איז געפאַלען פאַר אַ קרבן פונ׳ם „שוואַרצען טויט”, מחמת ער האָט מיט מסירת נפש געהיילט געפעהרליכע חולאים (1348). ביי די הויפען פון די מלכים און הערצאָגען זיינען אידישע לייב-דאָקטוירים געווען אַ געוויינליכע ערשיינונג.

די גייסטיגע שאַפונג אין איטאַליען.

§ 143. דער לפי-ערך גינסטיגער סאָציאַל-עקאָנאָמישער מצב אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלגעמיינע שטרעמונגען פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע האָבען געשאַפען צווישען די איטאַליענישע אידען אַ פערשיידענאַרטיגקייט פון גייסטיגען שאַפען, וואָס האָט דערמאָנט בזעיר אנפין די גאָלדענע צייט פון דער אַראַביש-שפּאַנישער בילדונג. אויב אין XIII יאָהרהונדערט האָבען די אידישע שריפטשטעלער אין איטאַליען געשאַפען ניט קיין אָריגינעלע ווערק, נאָר זיי האָבען בלויז נאָכגעמאַכט די פּראָוואַנסאַלישע אָדער שפּאַנישע מוסטערן, דערפאַר אָבער אין די ווייטערדיגע יאָהרהונדערטען רוקען זיך אַרויס אויך זעלבשטענדיגע

בעשפּער אין דער פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, וואָס ענטוויקעלט זיך דאָ אונאָב־הייגגיג פון דער תלמודישער וויסענשאַפט.

איינער פון די ערשטע פּיאָנערען פון פריידיינקעריי אין איטאַליען איז געווען דער פילאָסאָף יעקב אנטולי (אַן ערך 1200 — 1256), פון דער בע־ריהמטער משפחה פון די אבן־תבונ׳ס אין פּראָוואַנס. בשעת דער אויפגעקלערטער דעספּאָט פרידריך II האָהענשטויפען האָט געשפּילט אין נעאַפּאָל די ראָל פון אַ בעשיצער פון די וויסענשאַפטען און האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט קענער פון אַראַביש־אידישער פילאָסאָפיע, איז געווען צווישען זיינע הויפּישע געלערנטע אויך יעקב אנטולי, וואָס האָט זיך געהאַט אַריבערגעקליבען פון פּראָוואַנס קיין איטאַ־ליען. לויט פרידריכס בעפעהל, האָט ער איבערזעצט וויסענשאַפטליך־פילאָסאָפישע ביכער פון אַראַביש אויף העברייאיש, מסתמא בכדי צוצוגרייטען אַ לאַטיינישע איבערזעצונג. ער האָט איבערזעצט דעם פּירוש פון אבן־ראָשד אויף אַריסטאָ־טעלעס׳עס „לאָגיק״ און עטליכע אַסטראָנאָמישע ווערק (1231 — 1235). אנטולי האָט געאַרבייט אינאיינעם מיט זיין קריסטליכען פריינד, דעם הויפּט־אַסטראָלאָג און איבערזעצער מיכאל סקאָטוס.

אַלס אַ הייסער אָנהייגגער פונ׳ם רמב״ם, האָט אַנטולי ענטוויקעלט זיינע ראַציאָנאַליסטישע אידייען אין זיינע דרשות אויף די פּסוקים פון תנ״ך, וואָס ער פלעגט לייענען אין די טעג פון שבתים און ימים־טובים. צונויפגעקליבען אין איין ספר אונטער׳ן נאָמען „מלמד התלמידים״, האָבען די דאָזיגע דרשות שפּעטער געדיענט פאַר אַן אויסרייד אום צו בעשולדיגען דעם מחבר אין אַפּיקורסות מצד די קנאים פון ר׳ אבא מרי׳ס און רשב״א׳ס פּאַרטיי (§ 130), און זיין ספר איז געוואָרען אַריינגעשטעלט אינ׳ם רייסטער פון די פערבאָטענע ביכער לויט דעם חרם פון יאָהר 1305.

אַ פאָרשטייהער פון געמעסיגטען מיימוניזם איז געווען דער דאָקטאָר ר׳ הלל פון וועראָנאַ, וואָס האָט בעקומען זיין בילדונג אין דער פּראָוואַנס און אין אַראַגאָניען (אַן ערך 1195 — 1220). ער האָט אָנגעשריבען דעם ספר „תגמולי הנפש״ — וועגען דער נשמה און עולם־הבא פון פילאָסאָפישען שטאַנד־פּונקט, וואו ער האָט בעוויזען, אַז די בעגריפען וועגען שכר ועונש, גן־עדן און גיהנם בעדאַרף מען פערשטייהן אַבסטראַקט, ניט אַזוי, ווי עס פערשטייהט זיי דער פּראָסטער המון־עם.

בשעת דער אַגיטאַציע פונ׳ם פאַנאַטיקער ר׳ שלמה פּטיט קעגען די מיימוניסטען (§ 127) איז ר׳ הלל אַרויסגעטראָטען אַלס זייער הייסער פערטיידי־גער אין זיינע בריעף צום פּויפּסט׳ס לייב־דאָקאָר יצחק גאַיאָ; ער האָט אָנגעוויזען אויף די טרויעריגע רעזולטאַטען פונ׳ם ערשטען קאַמף קעגען מיימוניזם, בשעת די ספרים פונ׳ם גרויסען פילאָסאָף זיינען געוואָרען פערברענט אין פראַנקרייך גלייכצייטיג מיט די ספרים פון תלמוד, און האָט געהאַט בדעה צו־ציפצורופען אַ קאָנגרעס פון געלערנטע, בכדי צו בעקלערען די שעדליכע אַגי־טאַציע פון די אַנטי־מיימוניסטען. פערטיידיגענדיג מיימוני׳ס טעאָריע, איז ר׳ הלל

אָבער אָנגעפאַלען אויף יענע, וואָס האָבען דערפיהרט די דאָזיגע טעאָריע ביז צו די אויסערסטע ראַציאָנאַליסטישע קאָנסעקווענצען.

אין רוים האָט אין יענער צייט געלעבט אַ דאָקטאָר און קענער פון אַריסטאָטעלעס'עס פילאָסאָפיע ר' זרחיה בן שאלתיאל חן פון באַרצעלאָנאַ. ר' זרחיה איז געווען פון ר' לוי בן-חיים'ס חדר און פון די שפּאַנישע פריידיינקער. ער איז געווען איבערציינט, אַז די אמת'ען פון דער תורה בעדאַרפען תערען אָבגעריינינט פון דער לעגענדאַרישער שאָלעכץ דורך אַ ניכטערער קריטיק. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער די מעשה מיט יונה הנביא גערעכענט פאַר אַ פּאָעטישע פאַנטאַזיע. מכּח דעם דאָזיגען ענין איז אַרויסגעקומען אַ הייסע מחלוקת צווישען איהם און צווישען דעם מעסיגען ר' הלל פון וועראָנאַ. ר' זרחיה האָט געענטפערט זיין געגנער: „אויב דו האַלסט מעהר פונ'ם אות פון דער תורה, איידער פון פרייער פאָרשונג, טאָ טו זיך אָן אין טלית ותפילין און זעץ זיך אַוועק לערנען דעם „ספר יצירה", דעם „שיעור קומה" און אַנדערע ספרי-סוד, נאָר לאָז צו רוהע די נאַטור-וויסענשאַפט און אַנדערע וועלטליכע וויסענשאַפטען". די אָנשויאונגען פונ'ם שפּאַנישען פריידיינקער האָבען, משמעות, געפונען אָנהייגער צווישען די געבילדעטע אידען פון איטאַליען.

אין דער פרייער אַטמאָספער פון איטאַליען ערב דעם רענעסאַנס האָט זיך געמוזט אויסאַרבייטען אין די געבילדעטע און מאַטעריאַל-פערזאָרגטע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאַפט אַ מונטערע, לעבענספריידיגע שטימונג, וואָס איז געווען פונקט דער היפוך פון יענער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין די פינסטערע אידישע קוואַרטאַלען פון דייטשלאַנד. די דאָזיגע מונטערע שטימונג, וואָס איז אַזוי פרעמד דעם מיטעלאַלטערליכען אידען, האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף עטליכע ליטעראַרישע מאָנומענטען פון יענער צייט. אין דער צייט וואָס די העברייאישע פּאָעזיע אין דייטשלאַנד איז בעשטאַנען אויסשליסליך פון האַרצרייסענדע תפלות און קינות אויפ'ן טויט פון די וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קידוש השם, קלינגט אין דער פּאָעזיע פון די איטאַליענישע אידען אין אָנהויב פון XIV יאָהרהונדערט אַמאָל דער לעבהאַפטער קול פון דער סאַטירע, אַמאָל די צערטליכע קלאַנגען פון דער עראָטישער ליריק. עס לאָזען זיך פיהלען די שטרעמונגען פון דער עפּאָכע, וואָס האָט געשאַפען דאַנטע, פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ. די פילאָסאָפישע פריידיינקעריי פון פריהערדיגען יאָהרהונדערט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען אין די ווערק פון ר' יעקב אנטולי און ר' זרחיה בן שאלתיאל, האָט אָבגעטראָטען דעם אָרט פאַר דער פרייהייט פון פּאָעטישער שאַפונג, וואָס איז פונקט אַזוי ווייט פון דער טראַדיציע.

דער הויך געבילדעטער און בעגאַבטער קלונימוס בן קלונימוס, אַ געבוירטיגער פון דער פּראָוואַנס (1286 — 1337), איז געוואָרען בעפריינדעט אין אַוויניאָן מיט'ן נעאַפּאָליטאַנישען קיניג און ליעבהאָבער פון די וויסענשאַפטען ראָבערט פון אַנזשו. לויט'ן פאָרשלאָג פונ'ם קיניג דעם מעצענאַט איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין רוים מיט אַ וויסענשאַפטליכער מיסיע און איז אין גיכען געוואָרען דאָרט שטאַרק אָנגענומען אין דער געבילדעטער געזעלשאַפט. קלונימוס'ן

האָט מען הויך געשעצט אַלס אַ טיעפען קענער פון דער אַראַבישער וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישער ליטעראַטור און אַלס איבערזעצער פון אַ סך איהרע ווערק אויף העברייאיש. ער האָט איבערזעצט אויף העברייאיש אַן ערך דרייסיג ווערק פון אבן-ראָשד, אַלפאַראַבי, גאַלענוס, עווקלידעס און אַנדערע שריפטשטעלער איבער פילאָסאָפיע, לאָגיק, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין; ער האָט אויך איבערזעצט אויף לאַטייניש אבן-ראָשד'ס ווערק „די צעשטערונג פון דער צעשטערונג" וואָס איז אָנגעשריבען געוואָרען אַלס ענטפער אויף'ן בוך פונ'ם קאָנסערוואַטאָר אַלגאַזאַלי „די צעשטערונג פון דער פילאָסאָפיע".

נאָר קלונימוס האָט זיך ניט בעגענוגענט בלויז מיט ספעציעל-וויסענשאַפטליכער איבערזעצונגס-אַרבייט, נאָר ער האָט אויך אַרויסגעוויזען אַ פייהיגקייט צו אָריגינעלער שאַפונג אין אַ געביט, וואָס גרעניצט זיך מעהר מיט די ערשיינונגען פון ווירקליכען לעבען. דער רעזולטאַט פון זיינע בעאָבאַכטונגען פון לעבען איז געוועזען זיין מאָראַל-סאַטירישער ספר „אבן-בוחן" (פרוב-שטיין), וואו דער מחבר שטראָפט אַמאָל אין אַן ערנסטען און אַמאָל אין אַ הומאָריסטישען טאָן די זינד, נאַרישקייטען און די מאָדעס פון די מענשען פון זיין צייט. צייטענווייז דערגייהט קלונימוס אין זיין סאַטירישער שטימונג אַזוי ווייט, אַז ער איראָניזירט אַפילו איבער דער רבנישער יהדות. איהם איז אַ שאַד, וואָס ער איז ניט געבאָרען געוואָרען אַלס אַ אידינע, וואָרום דעמאָלט וואָלט ער פטור געוועזען פון די תרי"ג מצוות, וואָס זיינען נאָך אַרומגערינגעלט מיט אַ סך תלמודישע גדרים וסייגים, וואָס מען קאָן זיי אַלע ניט אָבהיטען ביים בעסטען ווילען; אויב ער וואָלט געוועזען אַ אידינע, וואָלט ער אויך ניט מחויב געוועזען אָנצושטאָפּען זיין אָרימען מוח מיט דער גאַנצער טעאָלאָגישער און רבנישער אויבער-חכמה.

קלונימוס'עס אַנדער הומאָריסטיש ווערק, די קליינע „מסכת פורים", שטעלט פאָר אַ וויציגע פּאַראָדיע אויף'ן תלמוד. דאָ ווערט מיט געמאַכטער אַקאַדעמישער ערנסטקייט, וואָס הינטער איהר הערט זיך אַ פערשטיקטער געלעכטער, בעהאַנדעלט די פראַגע, ווי אַזוי מען בעדאַרף זיך אָנשיכור'ן אום פורים. די גרונד-הנחות וועגען דער דאָזיגער פראַגע ווערען דאָ איבערגעגעבען אין דער פאָרם פון משנה, און די ויכוחים איבער די פרטים — אין דער פאָרם פון גמרא, מיט אַלע איהרע שפּיציגע פּלפּוליסטישע גיינג, וואָס ברייגנען נאָך מעהר דעם לעזער צום לאַכען, וואָס מעהר קוריאָז עס איז די זאַך, וועלכע ווערט בעקלערט. די דאָזיגע לפנים אומשולדיגע פרייהליכע פּאַראָדיע ריהרט אָבער אָן אַ סך שוואַכע זייטען פונ'ם תלמודיזם, און ניט אומזיסט האָבען די שפּעטערדיגע שטרענגע רבנים צוגערעכענט דעם מחבר צו דער כת ליצנים.

נאָך ווייטער פאַר קלונימוס'ן איז געגאַנגען אויף'ן וועג פון פריידענקעריי זיין גוטער פריינד עמנואל רומי (אַן ערך 1270 — 1330). דאָס איז געוועזען דער איינציגער אידישער פּאָעט פון מיטעלאַלטער, וואָס אין זיין שאַפונג איז כמעט ניטאָ קיין רעליגיעזער עלעמענט. שאַרפזיניגע סאַטירע און עראָטישע ליריק — דאָס זיינען די צוויי הויפּטמאָטיווען פון עמנואל'ס שאַפונג. פריהער אַ גביר און אַן איינפלוסרייכער מיטגליד פון דער רוימישער קהילה, איז עמנואל שפּעטער

אָרים געוואָרען און האָט זיך גענויטיגט אין הילף פון מעצענאַטען. די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער פערבראַכט אין שטוב פון אַ רייכען אידישען מעצענאַט אין פאַרמאַ. דאָ האָט ער געקאָנט זיך איבערגעבען זיינע פּאָעטישע חלומות און צונויפקלייבען די פריהערדיגע פרוכטען פון זיין מוזע.

דאָס אַלץ איז אויסגעלייגט אין דער פאָרם פון „מאַקאַמען״ (ד. א. גע-גראַמטע פּראָזע, איבערגעמישט מיט שירים) אין דעם זאַמעלבוך „מחברות״, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען לויט׳ן מוסטער פון אַלהריזי׳ס „תחכמוני״. אין עמנואל׳ס ליריק איז פאַרהאַן עפּיס אַזוינס, וואָס איז נאָהענט צו היינע׳ס שאַפונג: געזאַנגען פון ליעבע און ליידענשאַפט, וואָס ביט שטענדיג האַלטען זיי זיך אין די גרעניצען פון אָנשטענדיגקייט, זיינען אויסגעמישט ביי איהם מיט אויסדרוקען פון איראָניע, פון חוזק איבער די אייגענע געפיהלען, וואָס דער פּאָעט האָט אָקאָרשט אַרויסגעזאָגט.

זיין בלי ספק גרויסען טאַלאַנט האָט עמנואל אָפטמאָלס אויסגעביטען אויף קליינינקייטען. פונקט אַזוי ווי דער גרעסטער רוב פּאָעטען פון יענער צייט, האָט ער געשריבען ניט בלויז צוליעב דעם, בכדי אויסצודריקען זיינע געדאַנקען און געפיהלען, נאָר אויך צוליעב פערוויילונג פון די גבירים ליידיגגייהערס. זיין זאַמעלבוך „מחברות״ בעשטייהט פון די פערשיידענסטע עלעמענטען. דאָ זיינען פאַרהאַן אי גראַציעז לירישע סאָנעטען, אי גריינגע סצענעס פון לעבען, אי אַ לייכטזיניגער קאַטאָוועס-טרייבען, אי ערנסטע מוסר-ווערטער; אַ פרייהליכע שיחת-רעים און פּיקאַנטע אַנעקדאָטען זיינען אויסגעמישט מיט טרויעריגע עלעגיעס און לעהררייכע רעיונות. די שירים זיינען צונויפגעבונדען צווישען זיך דורך אַ פּראָזאַאישער ערציילונג, וואו ס׳איז צונויפגעמישט ווירקליכקייט מיט אויסגע-טראַכטע מעשיות.

צום צוף פון זאַמעלבוך איז אַריינגעשטעלט די פּאָעמע: „התופת והעדן״ (דער גיהנם און גן-עדן), וואָס איז עהנליך לויט׳ן אינהאַלט אויף דאַנטעס „געט-ליכער קאָמעדיע״. עס איז פאַרהאַן אַ יסוד משער צו זיין, אַז עמנואל איז געווען בעקאַנט ניט בלויז מיט דאַנטעס ווערק, נאָר פּערזענליך מיט׳ן מחבר, וואָס איז געווען זיין בן-דור און לאַנדסמאַן. אין „התופת והעדן״ גיט עמנואל פרייהייט זיין סאַטירישען טאַלאַנט. ער זעצט אַריין אין גיהנם, אינאיינעם מיט אומגלוי-ביגע גריכישע און אַראַבישע פילאָסאָפען, אויך אַיינגעגעסענע תלמודיסטען, וואָס פעראַכטען די וועלטליכע בילדונג און צייכענען זיך ניט אויס מיט גוטע מדות, דאָקטוירים-שאַרלאַטאַנעס, שריפטשטעלער-פּלאַגיאַטאָרען. נאָר די צדיקים פון די אומות העולם, וואָס גלויבען אין דעם עיקר פון אחדות אלהות, גיט ער אָב אַן אָרט אין גן-עדן, אין דער צייט וואָס דאַנטע שליסט אויס פון גן-עדן אַלע ניט-קאַטוילקען. עמנואל האָט נאָך אָנגעשריבען אַ סך פירושים צו די ספרים פון תנ״ך אין פילאָסאָפישען גייסט, דער פּאָעט אָבער אין עמנואל׳ן פערטונקעלט דעם פילאָסאָף און טעאָלאָג, לכל הפחות פאַר די שפּעטערדיגע דורות.

די מונטערע און לעבענסלוסטיגע שטימונג, וואָס איז אַזוי זעלטען אין דער אידישער פּאָעזיע, איז אָבגעשטאָרבען אינאיינעם מיט עמנואל רומי. די שפּע-

טערדיגע צייט איז ניט געווען גינסטיג פאַר אַ פרייער פּאָעטישער שאַפונג. צום סוף פון XIV יאָהרהונדערט האָבען אַסך אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון פראַנקרייך, זיך בעזעצט אין איטאַליען און האָבען איבערגעטראָגען אַהין יענע עצבות'דיגע שטימונג, וואָס האָט זיך געהאַט איינגעפלאַנצט ביי זיי און ביי זייערע עלטערן אין משך פון יאָהרהונדערטען פון קנעכטשאַפט און שווע-רען דרוק.

די תלמודישע וויסענשאַפט האָט אויך אין איטאַליען, פּונקט ווי אין אַנ-דערע לענדער, געשטרעבט צו געוועלטיגען איינער אַליין אינ'ם געביט פון געדאַנק, נאָר זי האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג און האָט געמוזט זיך בעגענוגענען מיט דער צווייטער ראָל. אין XIII יאָהרהונדערט האָט זי אַרויסגערוקט אַ גרופּע וויכטיגע שריפטשטעלער, וואָס פון זיי איז כדאי צו דערמאָנען צוויי, וואָס האָבען ביידע געהייסען ר' ישעי'ה דיטרני, אַ זיידע און אַן אייניקעל, די מחברים פון פּאָרשונגען לויט'ן מעטאָד פון די בעלי-התוספות. דער אינגערער דיטרני האָט געטאַדעלט דעם שטודיום פון אַריסטאָטעלעס'עס און פון יעדער אַנדער פי-לאָסאָפיע, מחמת דאָס גראָבט אונטער די יסודות פון דער רעליגיע.

צום סוף פון דעם זעלביגען יאָהרהונדערט האָט ערשיינט דער רעליגיעז-צערעמאָניעלער קאָדעקס „שבלי הלקט", וואָס איהם האָט פערפאַסט דער רוימישער רב ר' צדקיה בן אברהם אויפ'ן סמך פון די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון די פריהערדיגע רבנים. זיין בן-דור, ר' יחיאל בן יקותאל, פון דער אַריסטאָקראַטישער רוימישער משפחה מאַנסי (ענוים), האָט אָנגעשריבען אַ בעמערקענסווערטען מוסר-ספר מיט'ן נאָמען „מעלות-המדות" (1278). זייענדיג וויט פון די פינסטערע אַסקעטישע אָנשויאונגען פון די דייטשע רבנים, ענט-וויקעלט ער אַ סיסטעם פון ניכטערער מאָראַל, וואָס איז געגרינדעט אויף לע-בענס-חכמה און אויף די יסודות פון פיזישער און זיטליכער היגיענע. אינאיינעם מיט די מימרות פון די אידישע חכמים ברייגנט ער אויך אַפאָריזמען פון אַריס-טאָטעלעס, פּאָרפיריוס, רוימישע שריפטשטעלער און פונ'ם דעמאָלטיגען „פילאָסאָף אויפ'ן טרוין", פרידריך האָהענשטויפען.

אין אָנהויב פון XIV יאָהרהונדערט זיינען אַריינגעדרונגען אין איטאַליען קבּליסטישע אידייען. דער האַלבער פילאָסאָף און האַלבער מיסטיקער ר' מנחם פון רעקאַנטע (די ריקנטי) האָט פערקערפּערט די דאָזיגע אידייען אין דער פאָרם פון אַ פירוש אויף תנ"ך („ביאור"). אַסך געדאַנקען האָט דער מחבר גענומען פון דער שפּאַנישער קבלה-ליטעראַטור; טיילמאָלס אָבער זאָגט ער, אַז זיינע געדאַנקען זיינען צו איהם געקומען דורך רוח-הקודש אָדער אין אַ חלום. דער פערשפּרייטונג פון מיסטישע אידייען אין איטאַליען האָט, ווי עס ווייזט אויס, מיטגעהאָלפען די משיחישע פּראָפּאַגאַנדע פון ר' אברהם אַבולאַפיא (§ 133).

נאָך אַ צייטווייליגער ירידה אין XIV יאָהרהונדערט איז דער רביניזם ווידער אויפגעבליכט געוואָרען אין איטאַליען אין דעם פאָלגענדען יאָהרהונדערט, אַדאַנק דעם, וואָס עס זיינען צוגעקומען נייע קרעפטען פון דייטשלאַנד און

עסטרייך. ר׳ יוסף קולון, וואָס איז אויפגעהאָדוועט געוואָרען אין גייסט פון די דייטשע תּלמודיסטען, און דער אויסוואַנדערער פון דייטשלאַנד ר׳ יהודה מינץ האָבען זיך געשטעלט אין דער צווייטער העלפט פון XV-טען יאָהרהונדערט בראש פון דער איטאַליענישער רבנות. דער ערשטער האָט פאַר-נומען דעם פאָסטען פון א רב אין מאַנטוא, און דער אַנדערער — אין דער אוניווערסיטעטס-שטאָדט פאַדוא. אַלס תּלמידים פון דער סכאָלאַסטישער שול, האָבען ביידע רבנים ניט געקאָנט אַריבערטראָגען רוהיג די ערשיינונגען פון פריידיינקעריי צווישען דער אידישער אינטעליגענץ אין איטאַליען. אין מאַנטוא און פאַדוא האָבען זיי זיך צונויפגעשטויסען מיט צוויי דיינקער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון בילדונג פון זייער צייט און וואָס האָבען ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען אונטער דער אינטעלעקטועלער קנעכט-שאַפט, וואָס איז געקומען פון די דייטשע געטאָס.

אין פאַדוער אוניווערסיטעט האָט אין יענער צייט געלייענט לעקציעס דער אידישער פילאָסאָף ר׳ אליהו דלמדיגא (1460 — 1497). א געבּירטיגער פונ׳ם אינזעל קרעטא, האָט ר׳ אליהו דלמדיגא בעקומען חוץ זיין תּלמודישער בילדונג, אויך א סאָלידע אַלגעמיינע בילדונג, וועלכע ער האָט פערברייטערט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַריבערגעקליבען אין דער אוניווערסיטעטס-שטאָדט — פאַדוא. דאָ איז ער געווען אַראש-ישיבה, נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט ער אויך זיך איבערגעגעבען זיינע וויסענשאַפטליך ליטעראַרישע פאָרשונגען. ער האָט איבערזעצט די ווערק פון דער אַראַביש-אידישער פילאָסאָפיע אויף לאַטייניש און האָט אויף אזא אופן געגעבען די וויסענסדאָרשטיגע קריסטען די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט דער אַראַביש-אידישער פילאָסאָפיע. דלמדיגא׳ס רעפּוטאַציע אַלס געלערנטער האָט זיך געהאַט אזוי ווייט אַיינגעשטעלט, אַז איין מאָל, בשעת אין פאַדוער אוניווערסיטעט איז אַרויסגעקומען א פלוגתּא איבער עטליכע פילאָסאָפישע פראַגעס צווישען די פּראָפעסאָרען און סטודענטען, האָט מען דעם יונגען אידישען געלערנטען אַיינגעלאַדען אויף די זיצונגען פון דער קאָלעגיע, וואָס דער סענאַט פון וועגעדיג האָט בעשטימט אויף אויסצוגלייכען די פלוגתּא.

23 יאָהר אַלט, האָט ר׳ אליהו דלמדיגא בעקומען דאָס רעכט צו לייענען לעקציעס איבער פילאָסאָפיע, און דערנאָך איז ער ניט איין מאָל אַרויסגעטראָ-טען אַלס לעקטאָר אין פאַדוא, פלאָרענץ און וועגעדיג און האָט צוגעצויגען א סך צוהערער קריסטען. צווישען זיינע תּלמידים איז געווען דער בעריהמטער הומאַניסט פּיקאָ-דע-מיראַנדאָלאַ, וואָס האָט זיך בעזונדערס פעראינטערעסירט מיט דער ספעקולאַטיווער קבלה, ווייל ער האָט געזוכט אין איהר א בעשטעטיגונג פאַר דער קריסטליכער דאָגמע.

ר׳ אליהו דלמדיגא האָט פעראייביגט זיין נאָמען אין דער ליטעראַטור דורכ׳ן בעוואוסטען ספר „בחינת הדת״, וואו עס זיינען בעאַרבייט געוואָרען די גרונד-יסודות פון דער פילאָסאָפיע פון דער יהדות. דאָ בעמיהט זיך דער מחבר, וואָס איז ווייט פון ראַדיקאַלע טענדענצען, צו בעווייזען, אַז די רעזולטאַטען פון די פילאָסאָפישע ספעקולאַציעס טאָרען גאָרנישט ניט אומבייטען אין געביט

פון דער רעליגיע, וואָס איז אַ מלוכה פאַר זיך, וואָס ווערט רעגירט דורך איהרע אייגענע געזעצען. צום אומבעריהרליכען געביט פון דער טראַדיציע רעכענט דער מחבר, חוץ דעם תנ"ך, אויך די תּלמודישע הלכה, וואָס איז אַ פירוש אויף די ביבּלישע געזעצען; די אַגדה אָבער האַלט ער פאַר ניט מעהר אַוטאָריטע-טיש, איידער אַלע אַנדערע שאַפונגען פון מענשליכען פערשטאַנד, און צו דער קבלה בעציהט ער זיך מיט אָפענעם אומצוטרוי.

אין די דאָזיגע מיינונגען האָט דער פּאַדוער רב, ר' יהודה מינץ, אַרויס-געפונען משמעות סימנים פון געפעהרליכער פריידיינקעריי. דער אייגג-קאָנסער-וואַטיווער רב און דער אויפגעקלערטער ראש-ישיבה, וואָס האָט אין דערזעל-ביגער צייט געלייענט לעקציעס אין קריסטליכע אוניווערסיטעטען, האָבען ניט געקאָנט לעבען בשלום מיט אַנאַנד אין איין קהילה — און דלמדיגא האָט גע-מוזט אוועקפאָהרען פון פּאַדוא צו זיך אַהיים אין דער שטאָדט קאַנדיא אויפ'ן אינזעל קרעטאַ.

דעם זעלביגען גורל האָט אויך געהאַט זיין בן-דור, ר' יהודה בן יחיאל, וואָס איז מעהר בעוואוסט אונטער'ן נאָמען מעסער לעאָן (אַן ערך 1450—1490), אַ דאָקטאָר און רב אין מאַנטוא. לעאָן איז געווען בעאיינפלוסט פון דער שיטה, וואָס האָט דאַן געהערשט, אַז מען דאַרף זיך צוריקקעהרען צום קלאַסיציזם, און האָט געוואָלט איינפיהרען אויך אין דער אידישער ליטעראַטור די מוסטערן פון דער אַנטיקער רעטאָריק. ער האָט אָנגעשריבען אַ חיבור איבער רעטאָריק („נופת צופים"), לויט די מוסטערן פון קווינטיליאַנוס און ציצעראָ, און אויך צוויי לעהר-ביכער איבער לאָגיק און גראַמאַטיק.

בשעת אין מאַנטוא איז אָנגעקומען דער נייער רב ר' יוסף קולון, האָט זיך צווישען איהם און צווישען לעאָנ'ען פונאַנדערגעפלאַקערט אַן ערביטערטער קאַמף, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען ניט בלויז דורך דער פּראָפעסיאָנעלער קאָנקורענץ, נאָר אויך דורך דער פערשיידענהייט פון די מיינונגען. דער שטרייט צווישען די צוויי רבנים האָט אַרויסגערופען אַזאַ מחלוקת אין דער אידישער קהילה, אַז דער הערצאָג פון מאַנטוא איז געווען געצוואונגען אַרויסצושיקעןביידע געגנער פון שטאָדט, בכדי איינצושטילען די מהומה (1475).

דער אויפלעבונג אין גייסטיגען געביט האָט אַ סך מיטגעהאָלפען די בוכ-דרוקעריי-קונסט, וואָס איז אין יענער צייט ערפונדען געוואָרען. די אי-טאַליענישע אידען האָבען די ערשטע אויסגענוצט די דאָזיגע גרויסע ערפינדונג. שוין אין די 1470-טער און 1480-טער יאָהרען האָבען זיך געדרוקט אידישע ספרים אין די דרוקערייען פון מאַנטוא, פעראַראַ און באָלאָניאַ. זינט דעם אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט ווערען די איטאַליענישע דרוקערייען די גייסטיגע הויפּט-שפּייזעריגס פון אידישען פאָלק.

פוילין. באָלעסלאַוו'ס עדיקט און די קאַנאָנס פון דער קירך (XIII יאָהרה.).

§ 144. זינט יענער צייט, בשעת די קרייץ-צוגען האָבען אַרויסגעשטופּט פון דייטשלאַנד קיין פוילין אַבעדייטענדע מאַסע אידען (§ 114), האָט זיך די דאָזיגע עמיגראַציאָנס-בעוועגונג ניט אָבגעשטעלט. זי איז בלויז געווען ניט שטענדיג גלייך, זי פלעגט שטילער ווערען בשעת די רוהיגע פּעריאָדען פונ'ם אידישען לעבען אין דייטשלאַנד און שטאַרקער ווערען אין מאָמענטען פון שאַרפע רדיפות, למשל אין דער צייט פונ'ם „שוואַרצען טויט". אין משך פון פיער-יאָהרהונדערטען האָט פוילין געדיענט אַלס קאָלאָניע, וואוהין גרופּעס אונטערדריקטע דייטשע אידען פלעגען זיך אַמאָל אַרויסראַטעווען פונ'ם צו-שווערען עקאָנאָמישען קאַמף, ווי אויך פון פּאָגראָמען.

אין XIII יאָהרהונדערט זיינען די פּוילישע פירשטען פון איינצעלנע פּראָווינצען, וואָס האָבען געזאָרגט וועגען ענטוויקלונג פון האַנדעל אין זייערע לענדער גערן געווען אַריינצולאָזען אויסוואַנדערער פון דייטשלאַנד, אָהן אונטערשייד ווער זיי זיינען, אידען אָדער קריסטען. די אָרטיגע סלאַווישע בעפעלקערונג האָט אויך ניט געליטען קיין אומבעקוועמליכקייטען פון דער דאָזיגער אימיגראַציע, וואָס האָט אַריינגעפיהרט אין לאַנד עלעמענטען פון אַ העכערער קולטור. אין לאַנד, וואָס איז נאָך ניט אַרויסגעגאַנגען פונ'ם ערשטען פּאַזיס פון דער נאַטוראַל-ווירטשאַפט און האָט געהאַט בלויז צוויי איינגעשטעלטע קלאַסען — ערד-אייגענטימער און ערד-אַרבייטער, זיינען אידען געווען די פאָרשטייהער פונ'ם „דריטען שטאַנד", די פּיאָנערען פונ'ם סחורות-אויסבייט און פון דער געלד-ווירטשאַפט. זיי האָבען אַריינגעלייגט זייערע קאַפּיטאַלען אין האַנדעלס-אונטערנעמונגען, אַרענדעס, חכירות פון מלוכה-הכנסות (זאַלץ-גרובען, גרעניץ-אָבצאָהלונגען) און געלד-הלוואות.

די אָרטיגע בעפעלקערונג, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצען „בעאַרבייט" דורך דער מיטעלאַלטערליכער קולטור מיט איהר קירכען- און קלאַסען-אומטאָלעראַנץ, האָט געלעבט בשלום מיט אידען. נאָר דער איינפלוס פון דער קירך פון איין זייט און פון דער שכנישער דייטשלאַנד פון דער אַנדערער האָט פּאַמעליך אונטערגעגראָבען די דאָזיגע פּאַטריאַרכאַלישע אָרדענונג. די פּויפּסטען פלעגען שיקען קיין פוילין זייערע לעגאַטען מיט דער שליחות איינצופיהרען דאָרט אין לעבען די בעוואוסטע קאַנאָנישע תקנות, וואָס זיינען פול געווען מיט שנאה צו די אָנהייגער פון אידישקייט. אין דערזעלביגער צייט האָבען די פּוילישע פירשטען (בעזונדערס באָלעסלאַוו דער שעמעוודיגער, 1247 — 1279) צוגעצויגען קיין פוילין דייטשע קאָלאָניסטען און האָבען זיי געגעבען גרויסע פּריווילעגיעס און זעלבסטפערוואַלטונג (דאָס מאַגדעבורגישע רעכט, דאָס טייטאָנישע רעכט). די דייטשען, וואָס פלעגען זיך בעזעצען אין די פּוילישע שטעדט אַלס בעלי-מלאכות און סוחרים און וואָס האָבען אויף אַזאַ אופן קאָנקורירט מיט די אידען, האָבען געבראַכט מיט זיך אַהין פון דער היים דעם גייסט פון שטאַנדיש-עקאָנאָמישער און רעליגיעזער שנאה. קעגען די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער אַריינגע-

פיהרטער „קולטור” איז אויסגעקומען צו קעמפען די בעסערע פוילישע פירשטען וואָס האָבען געהאַלטען פאַר נויטיג צו אונטערשטיצען די עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון אידען לטובת דעם לאַנד און אָבהיטען זיי פון עוולות מצד די קריסטען.

אַזוינער איז געווען באָלעסלאַוו פון קאַליש אָדער דער פרומער, דער פירשט פון גרויס-פוילין. אין יאָהר 1264 האָט ער מיט'ן הסכם פון די העכסטע בעאַמטע פערעפענטליכט אַן עדיקט, וואָס האָט בעשטימט די רעכט פון אידען אין זיינע לענדער. די דאָזיגע „כאַרטיע פון פריווילעגיען”, וואָס איז זייהר נאָהענט לויט איהר אינהאַלט צום „סטאַטוט פון פרידריך פון עסטרייך (§ 135), איז שפּעטער אַוועקגעלייגט געוואָרען אַלס יסוד פון דער פוילישער געזעצגעבונג וועגען אידען. באָלעסלאַוו'ס עדיקט בעשטייהט פון 37 פּונקטען און הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „די טועכצען פון מענשען, וואָס זיינען ניט בעשטעטיגט דורך עדות אָדער דורך שריפטליכע בעווייזען, ווערען גיך בטל און פערשווינדען פון זכרון; בכן זיינען מיר, באָלעסלאַוו, פירשט פון גרויס-פוילין, מודיע די מענשען פון אונזער צייט און פון די שפּעטערדיגע דורות, וואָס צו זיי וועט דערגייהן די דאָזיגע שריפט, אַז די אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אויפ'ן גאַנצען שטח פון אונזער לאַנד, האָבען בעקומען פון אונז פאָלגענדע תקנות און פּריווילעגיעס”.

אינ'ם ערשטען אַרטיקעל פון עדיקט שטייהט געזאָגט, אַז ביים בעטראַכטען ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען אין געריכט, ווערט די עדות פון אַ קריסט קעגען אַ אידען אָנגענומען נאָר דעמאָלט, בשעת זי ווערט בעשטעטיגט אויך דורך די רייד פון אַ אידישען עדות. ווייטער ווערט בעשטימט די אָרדענונג פון דער געריכטס-פיהרונג ביי פּראָצעסען צווישען קריסטען און אידען, דער עיקר ביי פּראָצעסען וועגען הלוואות (אַרט. 2 — 7); די דאָזיגע כללים בעשיצען גלייך די אינטערעסען פונ'ם אידישען קרעדיטאָר און פונ'ם קריסטליכען בעל-חוב. פּראָצעסען צווישען אידען געהערען ניט צו די אַלגעמיינע שטאָדטישע געריכטען, נאָר פּערזענליך דעם פירשט, זיין פערטרעטער (דעם וואָיעוואָדע) אָדער אַ בעזונדערן שופט, וועמען ער וועט בעשטימען (אַרט. 8). פאַר טויטען אָדער פערוואונדען אַ'אידען ווערט דער קריסט, וואָס איז שולדיג דערין, אָנגעקלאָגט און גע'משפט דורכ'ן פירשטליכען געריכט; אין ערשטען פאַל בעקומט דער שולדיגער „אַ שטראָף, ווי ער איז ווערט”, און זיין גאַנץ פערמעגען גייהט איבער צום פירשט; אין צווייטען פאַל מוז ער מסלק זיין דעם גע'מזיק'טען פאַר'ן היזק און חוץ דעם נאָך בעצאָהלען אַ קנס אין דער פירשטליכער קאַסע (אַרט. 9 — 10). ווייטער גייהט אַ רייה אַרטיקלען, וואָס שיצען די אומבעריהרליכקייט פונ'ם אידענס פּערזאָן און אייגענס. עס ווערט פערבאָטען צו בעגייהן וואָסערע עס איז אונטערדריקונג קעגען אידישע סוחרים, וואָס פאָהרען אויף די וועגען, ווי למשל פאָדערן פון זיי מעהר גרעניץ-אָבצאָהלונגען אויף די סחורות, איידער פון קריסטען, צעשטערען אידישע בית-עלמינ'ס און אָנפאַלען אויף שולען (אַרט. 12—15). אין דעם פאַל, טאָמער וועט ווערען געמאַכט ביי-נאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ אידענס וואוינונג, זיינען די קריסטליכע שכנים מחויב צו קומען איהם צוהילף, אויב זיי האָלען דערהערען זיין געשריי; דער וואָס האָט ניט געגעבען קיין הילף, אי

חייב צו בעצאָהלען אַ געלד-קנס (אַרט. 36). געגוי זיינען בעשטימט די רעכט און די התחייבות'ען פונ'ם „אידישען דיין", וואָס קלייבט פונאַנדער די פּראָצעסען צווישען אידען גופא „נעבען שול אָדער אין אַן אַנדער אָרט" (אַרט. 16 — 23). פאַר רויבען אידישע קינדער (בכדי זיי צו שמד'ען) קומט אַ שטריינגע שטראָף (27). עס ווערט פערבאָטען אויסצוטראַכטען אויף אידען דעם בלבול, אַז זיי געברויכען קריסטליכע בלוט צוליעב רעליגיעזע צוועקען, — דעם בלבול, וואָס זיין פאַלשקייט האָט שוין בעוויזען די פויפּסטליכע בולע; טאָמער-זשע וועט אַזאַ בעשולדיגונג אויפקומען, מוז זי זיין בעשטעטיגט דורך זעקס עדות — דריי פון קריסטען און דריי פון אידען; אויב זי וועט אויף אַזאַ אופן בעשטעטיגט ווערען, ווערט דער שולדיגער איד בעשטראָפט מיט טויט; טאָמער פערקעהרט, דעמאָלט בעקומט די אייגענע שטראָף דער קריסט דער מוסר (אַרט. 32). אַלע די דאָזיגע גאַראַנטיעס פון געזעצליכקייט מוזען לויט באָלעסלאַוו'ס עדיקט בלייבען גילטיג „אויף אייביגע צייטען".

ס'איז בעשיימפערליך, אַז דער געזעצגעבער האָט געוואָלט איינאָרדענען דעם לעבען פון אידען אַזוי, אַז זיי זאָלען ברייגגען נוצען דעם לאַנד דורך זייער אינדוסטריעלער טעטיגקייט, געניסענדיג רעליגיאָנס-פרייהייט און לעבענדיג בשלום מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג. דער דאָזיגער געזעצגעבערישער אַקט איז געוואָרען אַרויסגערופען ניט דורך דעם פירשטענס אייגענעם ווילען, נאָר דורך דער קאָלעקטיווער בעשטימונג פון די העכסטע בעאַמטע און שטאַנדען-פאָרשטייהער, וואָס מיט זיי האָט דער פירשט זיך אַן עצה געהאַלטען.

אין דער צייט וואָס די וועלטליכע מאַכט האָט זיך געמיהט איינצואָרדענען דאָס לעבען פון אידען אויף מעהר אָדער ווייניגער פערשטאַנדיגע יסודות, און האָט דערביי געזעהן אין זיי די עקאָנאָמישע בעדערפעגישען פון לאַנד, — האָט די קירכליכע מאַכט, וואָס איז געווען בעגייסטערט ניט דורך ליעבע צום פאָטערלאַנד, נאָר דורך די קאָסמאָפּאָליטישע אידעאַלען פון דער רוימשער קירך, אָנגעווענדט אַלע איהרע כּחות, בכדי אָבצורייסען די אידען פון דער אַלגעמיינער בירגערליכער לעבענס-אָרדענונג, אויסצושליסען זיי פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט, ווי מענשען וואָס זיינען געפעהרליך פאַר'ן קאַטוילישען גלויבען, און אַוועקצושטעלען זיי אין דער לאַגע פון אַ פערוואָרפענער סעקטע. די בעוואוסטע קירכען-פערזאַמלונג אין ברעסלוי פון יאָהר 1266 (§ 136), וואָס איז געוואָרען צוזויפגערופען דורכ'ן פויפּסטליכען לעגאַט גווידאָ, האָט געהאַט די ספּעציעלע מיסיע — איינצופיהרען אין דער עלטסטער פוילישער עפּאַרכיע, אין דער גנעזענער, די קאַנאָנישע געזעצען און צווישען זיי אויך יענע, וואָס האָבען רעגולירט דאָס לעבען פון אידען. די מאָטיווען פון דער דאָזיגער געזעצגעבונג זיינען אָפען אַרויסגעזאָגט אין דער הקדמה צו די פונקטען פון דער ברעסלויער „קאָנסטיטוציע", וואָס זיינען שייך צו אידען. „היות ווי פוילין — ווערט דאָרט געזאָגט אין פונקט 12 — איז אַ נייע פלאַנצונג אויפ'ן באָדען פון קריסטענטום, בכן קאָן מען מורא האָבען, אַז אין איהר וועט די קריסטליכע בעפעלקערונג גרינגער אַרונטערפאַלען אונטער דער השפעה פון די אָבערגלויבענס און שלעכטע מדות פון די אידען, וואָס וואוינען

צווישען איהר, וואָס שפעטער און שוואַכער עס האָט זיך אַיינגעוואָרצעלט די קריסטליכע רעליגיע אין די הערצער פון די גלויביגע אין די דאָזיגע לענדער— און דערפאַר בעפעהלען מיר שטרייננגסטענס, אַז די אידען, וואָס געפינען זיך אין דער גנעזענער עפּאַרכיע, זאָלען ניט וואוינען אינאיינעם מיט קריסטען, נאָר זיי זאָלען וואוינען בעזונדער, אין שכנישע אָדער פעראייניגטע הייזער, אין וואָסער עס איז טייל פון שטאָדט אָדער דאָרף. דער דאָזיגער טייל, וואו עס וואוינען די אידען, מוז זיין אָבגעטיילט פון דעם אַלגעמיינעם וואוין-אָרט פון די קריסטען דורך א צאַם, מויער אָדער גראָבען". די אידען, וואָס האָבען הייזער אין קריסטליכע קוואַרטאַלען, זיינען מחויב זיי צו פערקויפען וואָס גיכער. ווייטער ווערט פעררזאָגט, אַז בשעת עס גייהען דורך די קירכליכע פּראָצעסיעס איבער די גאַסען, זאָלען די אידען זיך איינשליסען אין זייערע הייזער, אַז אין איטליכער שטאָדט זאָלען זיי האָבען ניט מעהר פון איין שול, אַז זיי זאָלען, בכדי זיך אָבצושיידען פון קריסטען, טראָגען היטלען פון אַ בעזונדער שניט מיט אַ האָרן-אַרטיגען שפּיץ, און אויב עמיצער פון זיי וועט זיך בעוויזען אויפ'ן גאַס אָהן דער דאָזיגער היטעל, וועט ער ווערען בעשטראָפט לויט'ן מנהג פון לאַנד. די קריסטען ווערט פערבאָטען, אונטער שטראָף אויסגעשלאָסען צו ווערען פון דער קירכליכער געמיינדע, איינצולאַדען אידען צו זיך אויף מאָלצייטען, עסען און טרינקען אינאיינעם מיט זיי, טאַנצען און זיך משמח זיין אינאיינעם מיט זיי אויף חתונות אָדער אַנדערע שמחות. קריסטען טאָרען ניט קויפען ביי אידען פלייש און אַנדערע שפּייז-פּראָדוקטען, בכדי די פערקויפער זאָלען זיי ניט פער-סמ'ען. דערנאָך ווערען איבערגע'חזר'ט די אַלטע בעשטימונגען פון די קירכען-פערזאַמלונגען, אַז אידען זאָלען ניט האַלטען קיין קריסטליכע משרתים, דיענסטען אָדער אַמען, אַז זיי זאָלען ניט ווערען צוגעלאָזט צום קלייבען גרעניץ-אָבצאָה-לונגען און צו אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע שטעלעס. אויב אַ איד לעבט מיט אַ קריסטין, ווערט דער שולדיגער בעשטראָפט צו זיצען אין תפיסה און צו בע-צאָהלען געלד-שטראָף, און די שולדיגע בעקומט עפענטליך שמיץ און ווערט פער-טריבען אויף שטענדיג פון שטאָדט.

אין יאָהר 1279 האָט זיך צונויפגעקליבען אַ קירכען-פערזאַמלונג אין בודען (אָפען), אין אונגאַרן, וואו עס האָבען זיך געפונען אויך פוילישע קירכליכע בע-אַמטע. די דאָזיגע קירכען-פערזאַמלונג האָט בעשטעטיגט דעם אַרטיקעל וועגען „אידישען צייכען" און האָט מוסיף געווען דערצו פאָלגענדע פּרטים: אַלע אידען, סיי מאַנסבילען סיי פרויען, מוזען טראָגען אויף זייערע איבערשטע בגדים, אויף דער לינקער זייט ברוסט צוגענייהט **אַ רעדיל פון רויטען געוואַנט**. אַ איד, וואָס בעווייזט זיך אויפ'ן גאַס אָהן דעם דאָזיגען צייכען, ווערט גערע-כענט פאַר אַ בראָדיאַגע, און קיין קריסט טאָר מיט איהם ניט האָבען קיין שום מגע-ומשא. פּונקט אַזאַ צייכען, נאָר פון זאַפראַן-פאַרב, איז אַיינגעשטעלט גע-וואָרען פאַר „סאַראַצינער און ישמעאלים", ד. ה. פאַר מוסעלמאַנער. דער געזעץ וועגען ניט צולאָזען אידען צום צונויפקלייבען שטייערן און צו אַנדערע געזעל-שאַפטליכע שטעלעס האָט די בודענער קירכען-פערזאַמלונג אָנגעווענדט אויך אויף די „סכיזמאַטיקער", ד. ה. אויף קריסטען פון גריכישען נוסח.

אויף אזא אופן האָבען אין פוילין פון VIII יאָהרהונדערט אויפ׳ן מעמד פון אידען געווירקט צוויי כחות אין צוויי סותר׳דיגע ריכטונגען: די וועלטליכע מאכט, וואָס האָט איבער עקאָנאָמישע סברות געגעבען אידען די עלעמענטארע בירגערליכע רעכט, און די קירכליכע מאכט, וואָס האָט מחמת רעליגיעזער אומ-טאָלעראנץ געשטרעבט אויסצושליסען אידען פון דער בירגערליכער געזעלשאפט. כל-זמן אין פוילין האָט נאָך געהערשט די פאטריארכאלישע לעבענס-אָרדענונג און דאָס לאנד איז נאָך ניט אינגאנצען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן קאטוליציזם, האָט די קירכליכע פאָליטיק ניט געקאָנט שטארק שאָדען ברייגגען די אידען. זיי האָבען געוואוינט אין לאנד רוהיג און האָבען געגאָסען דעם שוץ פון די פירשטען און געלעבט בשלום מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, חוץ מיט די אָנגעפּאָהרענע דייטשען. נאָר די קלעריקאלע פארטיי האָט געאַרבייט פאַר דער צוקונפט: זי האָט מיט התמדה געזאָרגט דערפאַר, אז „די נייע פלאנצונג אויפ׳ן באָדען פון קריסטענטום״ — פוילין — זאָל ניט אָבשטייהן פון די אַלטע, און האָט געוואָרפען אין דער ערד די זאָמען פון רעליגיעזער שנאה, וואָרטענ-דיג מיט געדולד אויף אַרייכען שניט.

די פערשטאַרקונג פונ׳ם אידישען קיבוץ אין פוילין פאַר די צייטען פון קאַזימיר דעם גרויסען.

§ 145. די עמיגראציע פון אידען פון מערב-אייראָפּע איז געווען בעזונדערס גרויס אין דער ערשטער העלפט פון XIV יאָהרהונדערט. די בלוטיגע מעשים פון די באנדעס פון רינדפלייש און פון די אַרמלעדערס און די שרעקענס פונ׳ם „שווארצען טויט״ האָבען פערטריבען אַ סך אידען פון דייטשלאנד קיין פוילין, וואָס איז גראָד אין יענער צייט פעראייניגט און בענייט געוואָרען. דער קיניג וולאדיסלאוו לאָקעטעק (1319) האָט מבטל געווען די סיסטעם פון איינצעל-פירשטענטימער און האָט געמאכט דעם אָנהויב פון דער פּאָליטישער פעראיי-ניגונג פון פוילין, און זיין בעריהמטער זוהן קאזימיר דער גרויסער (1333—1370) האָט מיט אַלע כחות געזאָרגט אויפצוהויבען אין דער פעראייניגטער מלוכה די מדרגה פון בירגערליכען און עקאָנאָמישען לעבען. קאזימיר דער גרויסער האָט געבויט נייע שטעדט און בעפעסטיגט אַלטע, געשטיצט האנדעל און אינדוסטריע און געזאָרגט גלייך פאַר די אינטערעסען פון אַלע שטאנדען, ניט אויסגענומען אויך די פויערים. מען האָט איהם אָנגערופען „דער קיניג פון די כלאָפּעס״ און מען פלעגט זאָגען, אַז „ער האָט געפונען פוילין אַ הילצערנע און איבערגע-לאָזט זי אַ געמויערטע״.

אזא מושל האָט ניט געקאָנט בעציהען זיך אנדערס ווי מיט׳ן שטאַרקסטען מיטגעפיהל צו דער נוצליכער האנדעלס-טעטיגקייט פון אידען. ער האָט געוואָלט דערנעהענטערן זיי צו דער קריסטליכער בעפעלקערונג אויפ׳ן באָדען פון פרידליכער אַרבייט און געגענזייטיגע טובות. צו גלייכער צייט האָט ער געמוזט הויך שאַ-צען יענע הכנסות, וואָס די אָרימע קיניגליכע קאסע האָט געהאַט פון די

פינאַנציעלער טעטיגקייט פון די אידישע קאַפּיטאַליסטען. אָט מיט די דאָזיגע מאָטיוען האָט זיך טאַקע גערעכנט קאַזימיר, בשעת ער האָט אין צווייטען יאָהר פון זיין קיניגען (1334) בעשטעטיגט אין קראָקוי דעם עדיקט פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער, וואָס איז געגעבען געוואָרען די אידען פון פירשטענטום גרויס-פוילין, און האָט פערשפּרייט זיין גילטיגקייט אויף אַלע פּראָווינצען פון דער פוילישער מלוכה.

שפּעטער (1364 — 1370) האָט קאַזימיר צוגעגעבען צו באָלעסלאַוו'ס עדיקט נאָך נייע תקנות. היות ווי די מאַגיסטראַטען און די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָבען זיך בעצויגען פיינדליך צו אידען, האָט דער קיניג געמוזט בעשטייהן דערויף, אַז ער אַליין האָט צו זאָגען אַ דעה אין אַלע אידישע ענינים, און אַז די דאָזיגע ענינים בעדאַרפען ווערען אויסגעשלאָסען פון רשות פון די שטאָדטישע און קירכליכע אַנשטאַלטען. די אידען איז געגעבען געוואָרען דאָס רעכט פריי אַרומצופאָהרען איבער'ן גאַנצען לאַנד, דאָס רעכט צו וואוינען אין שטעדט, שטעדטלעך און דערפער, דאָס רעכט צו נעמען אין אַרענדע אָדער פאַר אַ משכון די מאיאָנטקעס פון די פּריצים, זיך צו פערנעמען מיט אַנטלייהען געלד אויף בעשטימטע פּראָצענטען, צו האָבען ערד-אייגענטום. דער געזעצגעבער האָט זיך געמיהט איינצופלאַנצען אַכטונג צו דער מענשליכער פּערזענליכקייט פון אַ אידען און צו דערנעהענטערן איהם צום קריסטען אין פּריוואַט-לעבען, — דאָס איז געווען פּונקט דער היפוך פון דער שטרעבונג פון דער קירך צו איזאָלירען די אומגלויביגע פון דער „טשערדע גלויביגע". „אויב אַ איד וועט אַריינגייהן אין אַ קריסט'ס הויז, — שטייהט געשריבען אין איין פּונקט פון קאַזימיר'ס עדיקט— האָט קיינער ניט קיין רעכט אָנצוטון איהם רשעות, עולות אָדער אונאָנגענעמליכקייט. איטליכער איד מעג זיכער גייהן אין דער שטאָדטישער באָד אינאיינעם מיט קריסטען (וואָס איז פערוועהרט געווען לויט די קאַנאָנישע געזעצען) און דאַרף ניט צאָהלען דאָרט מעהר פון אַ קריסט".

קאַזימיר האָט אויך געזאָרגט וועגען דער אינעווייניגסטער אָרדענונג פון די אידישע קהילות. „דעם אידישען שופט" איז בעפויהלען געוואָרען צו בעטראַכטען פּראָצעסען נאָר אין שול אָדער אין אַן אַנדער אָרט, לויט דער אָנווייזונג פון די פאָרשטייהער פון דער קהילה. די ראָל פון „שליח בית-דין" האָט געשפּיעלט דער משגיח איבער די שולען. דאָס איז געווען דער קערנדעל פון דער צוקונפטיגער קהל-פערוואַלטונג.

אַלע די דאָזיגע תקנות און פּריווילעגיעס האָט קאַזימיר פערעפענטליכט מיט'ן הסכם פון די העכסטע פאָרשטייהער פון די פּריצים, וואָס האָבען געבילדעט דעם קיניגליכען ראַט. נאָר אַ סך פאָרשטייהער פון דער שליאַכטע — צי מחמת עקאָנאָמישער קאָנקורענץ, צי מחמת רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ — האָבען געטאַדעלט די ליבעראַלע תקנות וועגען אידען. אויפ'ן וויסליצער סיים פון יאָהר 1347 האָט די שליאַכטע געפועל'ט, אַז מען זאָל בעגרעניצען די הלואה-אָפּעראַציעס פון די אידען (ס'איז פערקלענערט געוואָרען די גרייס פון די פּראָצענטען און דער טערמין פאַר בערעכענען עיסקא דעיסקא, ס'איז ערלויבט געוואָרען צו לייהען

געלד נאָר אויף משכנות אָבער ניט אויף וועקסלען). די דאָזיגע מיטלען קעגען וואָכעריי, וואָס זיינען פאַר זיך פערשטאַנדיגע, זיינען געוואָרען מאָטיווירט אינ'ם אַקט פון וויסליצער סיים אין אַ זייער בעליידיגענדער פאָרם („היות ווי די פאַלשע שטרעבונג פון אידען איז געווענדט אויף צעשטערען דעם וואוילשטאַנד פון די קריסטען" א. אַז. וו.). עס האָט זיך געפיהלט אין דעם אַלץ די השפעה פון דער גייסטליכקייט.

אין דער שרעקליכער צייט פונ'ם „שווארצען טויט" זיינען די פוילישע אידען, משמעות, געשטאַנען אין סכנה, וואָרום איינאיינעם מיט דער מגפה איז אריינגעדרונגען פון דייטשלאַנד קיין פוילין אויך דער בייזער קלאַנג וועגען דעם, אַז אידען פער'סמ'ען די ברונימער. אויב מען זאָל גלויבען דער עדות פון אַן איטאַליענישען כראָניק-שרייבער, זיינען אין יאָהר 1348 אומגעקומען אין די פוילישע שטעדט, וואָס ליגען ביים גרעניץ פון דייטשלאַנד, אַן ערך צעהן טויזענד אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פאַר'ן אָנפאַל פונ'ם קריסטליכען המון, און אפילו דער קיניג האָט ניט געקאָנט פערטיידיגען די אומגליקליכע קעגען דעם ווילדען כעס פון דער מאַסע. נאָר ניט די פוילישע און ניט די אידישע כראָניק-שרייבערס בעשטעטיגען ניט די דאָזיגע ידיעה. פערקעהרט, ס'איז קיין ספק ניט, אַז די אידען, וואָס זיינען געשלאָגען געוואָרען אין דייטשלאַנד, זיינען מאַסענווייז אריבער אין די שכנישע שטעדט פון פוילין און האָבען זיך שפּעטער דאָרט בעזעצט אויף שטענדיג.

אַן ערך צו יענער צייט געהערט אגב די גרינדונג פון דער אידישער קהילה אין לוואָוו (לבוב, לעמבערג), דער הויפּטשטאָדט פון רויט-רוסלאַנד אָדער גאַליציען, וואָס קאַזימיר דער גרויסער האָט פעראייניגט מיט פוילין. אין יאָהר 1356 האָט קאַזימיר געשאָנקען דער שטאָדט לבוב דאָס מאַגדעבורגער רעכט און האָט אויך די אידען, וואָס וואוינען דאָרט, געגעבען דאָס רעכט „זיך צו משפּט'ען לויט זייערע אייגענע געזעצען" (ד. ד. האָבען אַווטאָנאָמיע אין זייערע געמיינדע-ענינים), צוגלייך מיט די רוטענער, אַרמעניער און טאָטערן.

אויף אַזאַ אופן זיינען די בעציהונגען פון קאַזימיר דעם גרויסען צו אידען געווען דער רעזולטאַט פון זיין אַלגעמיינער פּאָליטיק בנוגע צו פרעמדע, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר נוצליך צוליעב דעם עקאָנאָמישען וואוקס פון לאַנד. פונדעסטוועגען זיינען שונאי-ישראל, אין יענער צייט און שפּעטער, נוטה געווען צו זאָגען, אַז אין די דאָזיגע אַקטען פון פּאָליטישער פערשטאַנדיגקייט האָבען זיך אַרויסגעוויזען דעם קיניגס פּערזענליכע סימפּאַטיעס און ליידענשאַפטען. מען האָט בעהויפּטעט, אַז קאַזימיר איז געווען גוטגינציג צו אידען בלויז דער־פאַר, וואָס איינע פון זיינע געליעבטע איז געווען אַ שיינע אידישע מיידעל אסתרקע. די דאָזיגע שיינע מיידעל, די טאָכטער פון אַ אידישען שניידער אין אָפּאָטשנאָ, זאָל האָבען אינגאַנצען אריינגענומען אין איהרע הענד דעם קיניג, וואָס האָט אַן ערך אין יאָהר 1356 דערוויטערט צו-ליעב איהר זיין פרי־הערדיגע געליעבטע ראַקיטשאַנע. אסתר'קע האָט געוואוינט אין קיניגליכען פּאַלאַץ אין לאָבזאָווע, נעבען קראָקוי. פון איהר האָט דער קיניג געהאַט צוויי

טעכטער, וואָס די מוטער האָט זיי אויפגעהאָדעוועט אין אידישקייט, און צוויי זיהן, פעלקאָ און נעמיר, וואָס האָבען געהאַלטען די קריסטליכע אמונה און וואָס פון זיי שטאַמען אַרויס עטליכע מיוחס׳דיגע פוילישע משפחות. אסתר׳קע איז דער׳הרג׳עט געוואָרען בשעת די רדיפות, וואָס עס האָט אויפגעהויבען קעגען אידען קאַזימיר׳ס יורש, לודוויג דער אונגאַר.

נאָר דער דאָזיגער גאַנצער ראָמאַנטישער עפּיזאָד איז אַן אויסמישונג אמת׳ע און אויסגעטראַכטע מעשיות, וואָס עס איז שווער זיך פונאַנדער־צוקלייבען דערין.

פונקט אַזעלכע מטושטש׳ע ידיעות זיינען דערגאַנגען צו אונז אויך וועגען אָקאָרשט דערמאָנטע רדיפות מצד דעם נייעם קיניג, לודוויג דעם אונגאַר (1370 — 1382). בשעת דער רעגירונג פונ׳ם דאָזיגען קיניג, וואָס דעמאָלט איז — לויט ווי עס דריקען זיך אויס די פוילישע היסטאָריקער — דער יושר פערשוואונדען געוואָרען, דער געזעץ אַנטשוויגען, און פון אומעטום האָבען זיך געלאָזט הערען תרעומות אויף דעם ווילדווילען פון די סטאַראָסטעס און ריכטער, — איז געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב אָבצונעמען אויך ביי די אידען דעם שוץ פון די געזעצען. אויפגעהאָדעוועט אין קאַטוילישען מערב, האָט לודוויג גערודפ׳ט אידען מחמת רעליגיעזע מאָטיוען. ער האָט אַפילו געשראָקען צו פערטרייבען יענע, וואָס וועלען ניט אָננעמען דעם קריסטענטום.

צום גליק האָט ער געקיניגט אין פוילען זייהר אַ קורצע צייט און איז געווען צו ווינציג פּאָפּולער, אַז ער זאָל האָבען געקאָנט צעשטערען דאָס, וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורך די בעמיהונגען פון זיין בעריהמטען פאָר־גייהער. ערשט שפּעטער, אין דער לאַנגער רעגירונגס צייט פונ׳ם ליטווישען פירשט יאַגעלאָ, וואָס האָט בעקומען דעם פוילישען טרוין אַדאַנק זיין שידוך מיט לודוויגס טאָכטער יאַדוויגאַ (1386), איז שטאַרקער געוואָרען דער איינפלוס פון דער קירך אויף די מלוכה־ענינים — און צו ביסלעכווייז האָט אויך אָנגע־הויבען ערגער ווער׳ען דער בירגערליכער מעמד פון אידען.

פוילין און ליטאָ אין דער עפּאָכע פון יאַגעלאָ און וויטאָווט.

146. זינט דעם סוף פון XIV יאָהרהונדערט איז פוילין אַלץ מעהר אריינגעצויגען געוואָרען אינ׳ם קורס פון דער אייראָפּייאישער פּאָליטיק. דער קאַטוליציזם איז געווען די קייט, וואָס האָט פערבונדען דאָס דאָזיגע סלאַווישע לאַנד מיט׳ן מערב — און דערפאַר האָט די אייראָפּייאישע ווירקונג זיך אויסגע־דריקט קודם כל אין דער פערשטאַרקונג פון דער קירכליכער היעראַרכיע, וואָס האָט געטראָגען אַ קאָסמאָפּאָליטישען כאַראַקטער און האָט געשטרעבט אויס־צוגלייכען אַלע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אונטערשיידען. דער פוילישער קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ (ביז 1434), וואָס איז געווען פאַר׳ן אָננעמען קאַטוליציזם אַ הייד (אָדער ווי אַנדערע ווילען האָבען — אַ פּראַוואָסלאַוונער), האָט אָבגעהיט

זיין נייעם גלויבען מיט גרויס איבערגעבענקייט און פלעגט אָפטמאָלס אַרונטער־פאַלען אונטערן אײַנפלוס פון דער גייסטליכקייט.

אין דער צייט פון זיין רעגירונג זיינען פאָרגעקומען די ערשטע רעליגיעזע רדיפות קעגען אידען אין פוילין. אין פויזנע האָט מען די אידען בעשולדיגט דערין, אַז זיי זאָלען האָבען אונטערגעקויפט אַן אָרימע קריסטין, זי זאָל אַרויסגנב׳ען פון אַ דאָמיניקאַנישער קירך דריי האָסטיעס, וועלכע זיי האָבען דורכגעשטאָכען און אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב. פון די דורכגעשטאָכענע האָסטיעס האָט, פערשטייהט זיך, געראָנען בלוט, כדי אויף אַזאַ אופן צו בעשטעטיגען די קאַטוילישע דאָגמע, און צווישען פאָלק האָט מען געשמועסט נאָך וועגען אַנדערע נסים. אַז דער פויזנער ביסקופ האָט זיך דערוואוסט פונ׳ם כלומרש׳טיגען חלול־הקדש, האָט ער פערקלאָגט די אידען. די קריסטין, וואָס מען האָט זי בעשולדיגט אין אַרויס־גנב׳ען די האָסטיעס, דער רב פון פויזנע און נאָך 73 עלטסטע פון דער אידישער קהילה זיינען געפאַלען פאַר קרבנות פונ׳ם פאָלקס־אָבערגלויבען: נאָך לאַנגע עינויים האָט מען זיי אַלע צוגעבונדען צו פלעקער און פערברענט אויף אַ לאַנג־זאַמען פייער (1399). חוץ דעם האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די פויזנער אידען אַן אייביגען קנס, וואָס זיי האָבען געמוזט צאָהלען אַלע יאָהר לטובת דער דאָ־מיניקאַנישער קירך. דעם דאָזיגען קנס פלעגט מען נאָך שטרייננג אויפמאָנען ביז׳ן 18־טען יאָהרהונדערט, כל־זמן עס האָט געלעבט אין זכרון פון די פרומע קאַטוילִיקען די לעגענדע וועגען די דריי האָסטיעס.

פונקט אַזוי ווי אין מערב־אייראָפּע, האָבען די רעליגיעזע מאָטיווען אין אַזעלכע פאַלען געדיענט מעהר ניט ווי אַ דעקאָראַציע, הינטער וועלכע עס האָ־בען געשטעקט עקאָנאָמישע מאָטיווען: די קנאה פון די שטאָדטישע אײַנוואוינער צום וואוילשטאַנד פון די אידען, וואָס האָבען אַריינגענומען אין זייערע הענד געוויסע צווייגען פון אָרטיגען האַנדעל, און דער פערלאַנג אויף דעם אָדער יענעם אופן פטור צו ווערען פון די אומבעקוועמע קאָנקורענטען. אָט אַזעלכע מאָטיווען אין צוזאַמענהאַנג מיט רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ האָבען אַרויסגערופען אין יאָהר 1407 דעם פּאָגראָם אין קראָקוי.

אין דער דאָזיגער אַלטער הויפּטשטאָדט פון פוילין האָבען די אידען צום אָנהויב פון XV יאָהרהונדערט זיך פערמעהרט און דערגרייכט צו אַ וואוילשטאַנד אַ דאַנק זייערע האַנדעלס־אָפּעראַציעס. די קראָקויער בירגער האָבען זיי מקנא גע־ווען, און דער גייסטליכקייט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פערשטויסענע זיהן פון דער סינאַגאָגע טאָרען ניט לעבען אַזוי רוהיג אונטער דעם שוץ פון דער ליעבע־פולער קירך. האָט זיך אָנגעהויבען אַ פערשטיקטע, נאָר אײַנגעגעסענע אַגיטאַציע קעגען אידען; זייערע שונאים האָבען געזוכט בלויז אַ גינסטיגען אויסרייד, בכדי זיך אָבצורעכענען מיט זיי.

איין מאָל, דעם דריטען טאָג פסחא, האָט דער גלח בודעק, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ פייערדיגען אידען־פיינד, געהאַלטען אַ דרשה אין דער קירך פון דער הייליגער באַרבאַראַ. אַראָבגייהענדיג פון בימה, האָט ער פלוצלונג

מודיע געווען דעם פערזאַמעלטען פאָלק, אַז ער האָט געפונען אויפ׳ן בימה אַ בריעף, וואו עס איז געשטאַנען געשריבען פאָלגענדעס: „די אידען, וואָס וואוינען אין קראָקוי, האָבען נעכטען ביי־נאַכט דער׳הרג׳עט אַ קריסטליך קינד און האָבען זיך איזדעקעוועט איבער זיין בלוט; חוץ דעם, האָבען זיי געוואָרפען מיט שטיינער אויף אַ גלח, וואָס איז געגאַנגען צו אַ קראַנקען מיט אַ צלם אין האַנד". אַז דאָס פאָלק האָט דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט עס מיט אַמאָל זיך אַ לאָז גע־טאָן צו דער אידישער גאַס און האָט אָנגעהויבען ברעכען די הייזער פון „קריסטוס׳עס שונאים". די שטאָדטישע פערוואַלטונג, אין דער פערזאָן פונ׳ם סטאַראָסטע און קאַשטעלאַן, זיינען געשווינדט געקומען די אידען צו־הילף און האָבען מיט דער הילף פון אַ בעוואָפענטער מאַכט אָבגעשטעלט דעם פאָגראָם.

נאָר אין עטליכע שעה אַרום, בשעת מען האָט אָנגעהויבען קלינגען אויפ׳ן גלאָקען־טורעם פון ראָטהויז, בכדי צונויפצורופען די מיטגלידער פון מאַגיסטראַט, זיי זאָלען בעשטראָפען די שולדיגע אין די אומרוהען, — האָט עמיצער פונ׳ם המון אויפ׳ן גאַס אַ שריי געטאָן, אַז דער מאַגיסטראַט רופט די קריסטען אָנצו־פאַלען פון דאָס־ניי אויף אידען. דעמאָלט איז זיך צונויפגעלאָפען דער המון פון גאַנץ שטאָדט און האָט גענומען הרג׳ען און בערויבען אידען און אונטער־צינדען זייערע הייזער. עטליכע אידען האָבען זיך איינגעשלאָסען אין טורעם פון דער הייליגער אַנאַ, נאָר דער המון האָט אונטערגעצונדען דעם טורעם — און די אומגליקליכע זיינען געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען. אַ סך האָבען אָנגענומען די קריסטליכע אמונה, בכדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבען, און די קינדער פון די דער׳הרג׳עטע זיינען אַלע אָבגע׳שמד׳ט געוואָרען. דער פוילישער כראָניק־שרייבער דערציילט, אַז פון די געלד, וואָס זיי האָבען אַוועקגערויבט ביי די אידען, זיינען אַ סך קריסטען רייך געוואָרען.

אין אַלע די דאָזיגע קאַטאַסטראָפעס מוז מען איינזעהן דעם איינפלוס פון דער שכנישער דייטשלאַנד. פון דאָרט איז אַריינגעדרונגען קיין פוילין יענע קלעריקאַלע רעאַקציע, וואָס איז געווען דער פועל־יוצא פון דער הוסיטישער רעפאָרמאַציאָנס־בעוועגונג. אויף דער קירכען פערזאַמלונג אין קאָנסטאַנץ, וואָס האָט פערמשפט הוס׳ן, איז געשטאַנען בראש פון דער פוילישער דעפוטאַציע דער גנעזענער אַרכיביסקאָפ ניקאָלאַי טראָמבאַ. צוריקגעקומען אַהיים, האָט דער דאָזיגער איינפלוסרייכסטער בעאַמטער פון דער פוילישער קירך אָנגעפיהרט די אַרבייט פון דער קירכען־פערזאַמלונג אין קאַליש (אין יאָהר 1420), וואָס איז אויך געוואָרען צונויפגערופען מחמת דער הוסיטישער בעוועגונג. לויט׳ן איינפלוס פונ׳ם אַרכיביסקאָפ האָט די קאַלישער קירכען־פערזאַמלונג פייערליך בעשטעטיגט יענע אַלע געזעצען קעגען אידען, וואָס זיינען פערעפענטליכט געוואָרען אויף די קירכען־פערזאַמלונגען אין ברעסלוי און בודען (§ 144), נאָר זיי זיינען זעלטען ווען אָנגעווענדט געוואָרען.

דורך די דאָזיגע געזעצען איז, ווי בעוואוסט, פערבאָטען געווען די קריס־טען צו האָבען וואָסער־עס־איז מגע ומשא מיט אידען. ס׳איז בעפוילען געווען די אידען צו וואוינען אין בעזונדערע קווארטאַלען, טראָגען אַ בעזונדערן

צייכען אויף די קליידער וכדומה. צו גלייכער צייט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די אידען אַ חוב צו צאָהלען שטייערן לטובת די קירכען פון יענע געגענדען, „וואו זיי וואוינען און וואו עס וואָלטען געדאַרפט וואוינען קריסטען", לויט דער סומע „פון די היזקות, וואָס זיי טוען אָן קריסטען". די דאָזיגע בעפעהלען זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין דער פאָרם פון אַ בעזונדער אינסטרוקציע פאַר אַלע גלחים פון אַלע עפּאַרכיעס.

די קירכליכע טענדענץ איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער וועלטליכער געזעצגעבונג. אויף דעם שטאַנדען-סיים אין וואַרטאַ (1423) האָט דער קיניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט, וואָס האָט פערבאָטען אידען צו אַנטלייהען געלד אויף וועקסלען (ערלויבט איז געווען צו אַנטלייהען נאָר אויף אַ משכון). דער דאָזיגער דעקרעט האָט אויפגעפרישט דעם אַלטען פערבאָט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויפ'ן וויסליצער סיים אין יאָהר 1347, און האָט אַפילו איבערגע'חזר'ט זיין מאָטיווירונג אין נאָך אַ שאַרפערער רעדאַקציע: „היות ווי די בייזע פאַלשקייט פון אידען איז שטענדיג געווענדט קעגען קריסטען, און געווענדט איז זי ניט אַזוי אויף דעם קריסטס פערזאָן אָדער אמונה, ווי אויף זיין אייגענס"...

גאָר אַן אַנדער בילד האָט דעמאָלט פאָרגעשטעלט ליטאָ, וואָס איז געווען פעראייניגט מיט פוילין דורך אַ דינאַסטישער אוניע, באָר פאַקטיש איז זי געווען אינגאַנצען אַווטאָנאָם. איג'ם דאָזיגען לאַנד, וואָס איז ערשט ניט לאַנג אַרויסגעטראָטען פון היידנישען פאַזיס, האָט זיך נאָך שטאַרק געהאַלטען יענע פּאַטריאַרכאַלישע אָרדענונג, וואָס האָט אין פוילין זיך שוין דערנעהענטערט צום סוף. די מיטעלאַלטערליכע קולטור האָט נאָך ניט בעוויזען זיך איינצוואָרצלען ביי די איינוואוינער פון די מיט וואַלד בעוואַקסענע ברעגעס פונ'ם ניעמאַן — און די אידען האָבען געקאָנט דאָ זיך בעזעצען, ניט מורא האָבענדיג פאַר געוואַלדטאַטען און רדיפות.

געגוי, ווען עס זיינען אויפגעקומען די ערשטע אידישע ישובים אין ליטאָ— דאָס איז שווער צו בעשטימען; נאָר איינס איז זיכער, אַז צום סוף פון XIV יאָהרהונדערט האָבען שוין דאָרט עקסיסטירט בעדייטענדע אידישע ישובים אין בריסק, גראָדנאָ, טראָק, לוצק און וולאַדימיר (די לעצטע צוויי שטעדט — אין וואָלין).

דער ערשטער, וואָס האָט אָפיציעל בעשטעטיגט געזעצליך די עקסיסטענץ פון די דאָזיגע קהילות, איז געווען דער ליטווישער גרויספירשט וויטאָווט (1430 — 1383), וואָס האָט רעגירט איבער ליטאָ, אַמאָל זעלבשטענדיג, און אַמאָל אין נאָמען פון זיין שוועסטערקינד, דעם פוילישען קיניג יאַגעלאָ. אין יאָהר 1383 האָט וויטאָווט אַרויסגעגעבען פאַר די בריסקער און אַנדערע ליטווישע אידען אַן עדיקט, וואָס איז עהנליך אויף די סטאַטוטען פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער און קאַזימיר דעם גרויסען, און אין יאָהר 1389 האָט ער געשאָנקען אַ בעזונדער פּריווילעגיע די גראָדנער אידען. דער ליטווישער פירשט האָט אַרויסגעוויזען

אין די דאָזיגע אַקטען, אַז ער פערשטייהט צו זאָרגען וועגען דעם, אַז אידען זאָלען לעבען בשלום אינאיינעם מיט קריסטען און אַז די אידישע קהילות זאָלען זיין גוט איינגעאָרדענט, פּונקט אַזוי ווי דאָס האָט בעוויזען קאַזימיר דער גרויסער אין זיינע סטאַטוטען.

לויט די געזעצען, וואָס וויטאָווט האָט אַרויסגעגעבען, האָבען אידען אין דער ליטאָ געבילדעט אַ קלאַס פון פרייע איינוואוינער, וואָס געפינען זיך אונטערן דירעקטען שוץ פונ'ם גרויספירשט און פון זיין אָרטיגער אַדמיניסטראַציע. געלעבט האָבען זיי אין זעלבשטענדיגע קהילות און האָבען געהאַט אויטאָנאָמיע אין זייערע אינעווייניגסטע ענינים, אינ'ם געביט פון די רעליגיאָנס-און פערמעגענס-בעציהונגען. אָבער אין קרימינעלע פּראָצעסען האָבען זיי געדאַרפט זיך משפט'ען ביים אָרטיגען סטאַראָסטע אָדער אונטער-סטאַראָסטע, און אין בעזונדערס וויכטיגע פאַלען — ביים גרויספירשט גופא. דער געזעץ האָט פערזיכערט אידען די אומבעריהרליכקייט פון לעבען און אייגענטום, גלויבענס-פרייהייט, דאָס רעכט פריי אומצופאָהרען איבער'ן לאַנד, צו פערנעמען זיך פריי מיט האַנדעל און מלאכות צוגלייך מיט קריסטען.

די אידען אין ליטאָ האָבען געהאַנדעלט אויף מאַרק-פּלעצער אָדער אין קראָמען; זיי האָבען זיך פערנומען אויך מיט פערשיידענע מלאכות, און טייל מאָלס אויך מיט ערדאַרבייט. די גבירים פלעגען אַנטלייהען געלד אויף פּראָצענט, נעמען ביים גרויספירשט אויף חכירה די גרעניץ-געטראַנק- און אַנדערע אָבצאָהלונגען, האָבען געהאַט מאַיאָנטקעס אַלס אייגענס אָדער אין אַרענדע. די שטייערן, וואָס זיי האָבען אַריינגעטראָגען אין דעם פירשט'ס קאַסע, זיינען געווען צוגעפּאַסט צו זייערע פּרנסות און זיינען בכלל ניט געווען צו שווער.

חוץ אידען-תלמודיסטען, האָבען אין ליטאָ געוואוינט נאָך קאַראַאימען, וואָס האָבען זיך אַריבערגעקליבען פון קרים און זיך בעזעצט אין דער געגענד פון טראָק און לוצק.

אויף אַזאַ אופן איז די לאַגע פון אידען אין ליטאָ געווען גינסטיגער, איידער אין פּוילין. אידישע אויסוואַנדערער, וואָס פלעגען גייהן פון דייטשלאַנד קיין פּוילין, פלעגען צום טייל אַריינקלייבען זיך אין ליטאָ און זיך דאָרט בעזעצען. ליטאָ איז געווען דער גרעניץ-פּונקט פון דער אידישער אימיגראַציע, וואָס איז געגאַנגען קיין מזרח, ווארום רוסלאַנד אָדער מאָסקווע איז געווען כמעט פערשלאָסען פאַר אידען.

דער קאַמף פון דער קלעריקאַלער פּאָליטיק מיט דער בירגערליכער אין דער צייט פון קאַזימיר IV און פון זיינע זיהן.

§ 147. דער קאַמף פון די פערשיידענע שטרעמונגען אין דער פּוילישער געזעצגעבונג וועגען אידען האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט אַ בעזונדער שטאַרקייט אין דער רעגירונגס-צייט פונ'ם דריטען קיניג פון דער יאַגעלאָנישער דינאַסטיע,

קאַזימיר IV (1447 — 1492). דער דאָזיגער קיניג האָט זיך לכתחילה פערהאַלטען צו אידען, ווי אַ קלוגער מושל, וואָס היט אָב די אַלגעמיין-בירגערליכע אינטערעסען. נאָך בשעת ער איז געווען גרויספירשט פון ליטאַ, האָט ער אין אַזעלכע פראַגעס זיך געהאַלטען פאַר דער ליבעראַלער פּאָליטיק פון זיין פאָרגייהער וויטאָווט. ער האָט אָבגעהיט די רעכט און די אַווטאָנאָמיע פון די אידען-תּלמודיסטען און פון די קאַראַאימען (די טראָקער קאַראַאימען האָט ער געגעבען דאָס מאַגדע-בורגער רעכט אין יאָהר 1449) און האָט אָפטמאָלס אויסגענוצט אידישע פינאַנ-סיסטען און חוכּרים פון גרעניץ-אָבצאָהלונגען, בכדי צו פערגרעסערן די הכנסות פון דער מלוכה.

נאָכדעם ווי קאַזימיר האָט אָנגענומען די פּוילישע קרוין, האָט ער בע-שלאָסען צו רעגירען זעלבשטענדיג און זיך ניט אונטערגעבען די פּלענער פון דער אַלמעכטיגער גייסטליכקייט. באַלד נאָך זיין קרוינונג, אין אויגוסט פון יאָהר 1447, בשעת דער נייער קיניג איז געווען צו גאַסט אין פּויזנע, איז די דאָזיגע שטאָדט פערוויסט געוואָרען דורך אַ גרויסער שריפה. בשעת דער שריפה איז אויך פערברענט געוואָרען דער אַלטער אָריגינאַל פון דעם כּתב, וואָס קאַ-זימיר דער גרויסער האָט אַרויסגעגעבען די אידען. דעמאָלט האָט אַ אידישע דעפּוטאַציע — פון די קהילות פון פּויזנע, קאַליש, סיעראַדז, לענטשיץ, ברעסט און וולאַדיסלאַוואָווע — זיך געווענדעט צו קאַזימיר IV מיט דער בקשה, ער זאָל אויפפרישען און בעשטעטיגען די פּריווילעגיעס פון אידען אויפ׳ן סמך פון די קאָפּיעס פונ׳ם פערברענטען כּתב. האָט דער קיניג גערן ערפילט די בקשה פון די דעפּוטאַטען. „מיר ווילען — האָט ער דערקלערט אין זיין נייעם עדיקט — אַז די אידען, וואָס מיר בעשיצען זיי בעזונדערס צוליעב אונזערע אינטערעסען און צוליעב די אינטערעסען פון דער מלוכה-קאַסע, זאָלען זיך פיהלען געטרייסט אין אונזער גליקליכער רעגירונגס-צייט”.

דורכדעם וואָס קאַזימיר IV-טענס עדיקט האָט בעשטעטיגט אַלע רעכט און פריהייטען, וואָס זיינען פריהער געשאָנקען געוואָרען די אידען — די פריי-הייט צו וואוינען און צו האַנדלען, די אַווטאָנאָמיע פון די קהילות און פונ׳ם בית-דין, די אומבעריהרליכקייט פון דער פּערזאָן און פון אייגענטום, דעם שוץ קעגען בלבולים אָדער אָנפאַלען — איז געוואָרען אַרויסגעזאָגט אַ דירעקטער פּראָ-טעסט קעגען די קאַנאָנישע געזעצען, וואָס מיט אַ קורצער צייט צוריק זיינען זיי אויפגעפרישט געוואָרען פאַר פּוילען דורך דער קאַלישער קירכען-פערזאַמלונג, און פאַר דער גאַנצער קאַטוילישער וועלט — דורך דער גרויסער באַזעלער קירכען-פערזאַמלונג. קעגען דער הויפּט-טענדענץ פון די החלטות פון די קירכען-פערזאַמלונגען, האָט דער קיניגליכער עדיקט ערלויבט די אידען צו האָבען פערבינדונגען מיט קריסטען און האָט זיי בעפרייט פון דער יורידיקציע פונ׳ם קירכליכען געריכט.

דער דאָזיגער ליבעראַליזם דעם קיניגס האָט אויפגערודערט די קאַטוילישע גייסטליכקייט. דער פיהרער פון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי איז דעמאָלט געווען דער ענערגישער אַרכיביסקופּ פון קראָקוי, דער קאַרדינאַל זביגניעוו אָלעסניצקי,

וואָס האָט זיך אָפען אַוועקגעשטעלט בראש פון דער אָפּאָזיציע קעגען קיניג. ער האָט געמאַכט שאַרפע פאָרוואורפען קאַזימיר׳ן פאַר׳ן שוץ, וואָס ער בעוויזט די אידען „צום שאָדען און בעליידיגונג פון דער הייליגער אמונה”. „זאָלסט ניט מיינען, — האָט געשריבען אָלעסניצקי צום קיניג אין מאַי פון יאָהר 1454 — אַז אין די ענינים פון דער קריסטליכער רעליגיע האָסטו רשות צו בעשטימען, דאָס וואָס דיר וועט איינפאַלען. קיינער איז ניט אַזוי גרויס און שטאַרק אויף אַזוי פיעל, אַז מען זאָל ניט קאָנען זיך אַנטקעגען שטעלען קעגען איהם, בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען גלויבען. און דעריבער בעט איך דיין קיניגליכע מאַיעסטעט מבטל צו זיין די דערמאָנטע (אידישע) פריווילעגיעס און פרייהייטען. בעוויין, אַז דו ביזט אַ קאַטוילישער מושל, און שאַף אָב איטליכען אויסרייד צו שענדען דיין נאָמען אָדער צו נאָך ערגערע זינד, וואָס קאָנען אַרויסקומען”.

אין זיין בריעף האָט אָלעסניצקי זיך סומך געווען אויפ׳ן פויפּסטליכען דעלעגאַט קאַפּיסטראַנאָ, וואָס איז אין האַרבסט פון יאָהר 1453 אָנגעקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילין (§ 139). אָט מיט דעם דאָזיגען „בייטש פאַר די אידען” האָט אָלעסניצקי געמאַכט שותפות, בכדי צו אַגיטירען אינאיינעם קעגען די אידען און אפּיקורסים (הוסיטען). קאַפּיסטראַנאָ האָט אויך צוגערעדט סיגיזמונד׳ן, ער זאָל מבטל זיין די „זינדיגע” אידישע פריווילעגיעס, און טאָמער וועט ער בלייבען ביי דאָס זייניגע, האָט ער איהם געשראָקען מיט די יסורים פון גיהנם און מיט גרויסע פורעניות אין דער מלוכה. לכתחילה האָט דער קיניג ניט געוואָלט נאָכ-געבען; נאָר דער אַלגעמיינער מצב האָט זיך אומגעביטען ביינסטיג פאַר די אידענפיינד.

פוילין האָט אין יענער צייט געהאַלטען מלחמה מיט׳ן טעווטאָנישען אָרדען. די ערשטע מפלה פונ׳ם פוילישען חיל אין דער דאָזיגער מלחמה (סעפּ-טעמבער 1454) האָט געגעבען דער גייסטליכקייט די געלעגענהייט מודיע צו זיין, אַז גאָט שטראָפט דאָס לאַנד דערפאַר, ווייל דער קיניג קוקט ניט אויף די אינטערעסען פון דער קירך און ווייל ער בעשיצט די אידען. האָט קאַזימיר סוף-כל-סוף געמוזט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דער קלעריקאַליש-שליאַכטי-שער פּאַרטיי.

אין נאָוועמבער פון יאָהר 1454 איז געוואָרען אַרויסגעגעבען דער ניעשאַ-ווער סטאַטוט, וואָס דורך איין פונקט פון איהם זיינען אָבגעשאַפט געוואָרען די פריהערדיגע אידישע פריווילעגיעס, ווייל „זיי זיינען קעגען דעם געטליכען געזעץ און קעגען די סטאַטוטען פון לאַנד”. עס זיינען ווידער אויפגעפרישט געוואָרען די וואַרטער סטאַטוטען פון יאָהר 1423 און די בעגרעניצונגען פון די קירכען-פערזאַמלונגען. דער קלעריקאַליזם האָט געפייערט אַ נצחון.

די אידענפיינדליכע שטימונג פון די געזעצגעבער איז אַריבער צום פאָלק. אין פערשיידענע שטעדט פון פוילין זיינען פאָרגעקומען אָנפאַלען אויף אידען. אין יאָהר 1464 זיינען אָבטיילונגען פון פוילישע פריווויליגע, וואָס האָבען זיך בעגרייט צו אַ קרייץ-צוג קעגען די טערקען, דורכגעגאַנגען דורך קראָקוי קיין

אונגארן. די דאָזיגע אומגעאָרדענטע מאַסע, וואָס איז בעשטאַנען פון מאָנאַכען, סטודענטען, פויערים און פעראָרימטע פריצים, איז אָנגעפאַלען דעם דריטען טאָג פסחא אויף די קראָקויער אידען, האָט צערויבט זייערע הייזער און דער-הרג׳עט אַן ערך דרייסיג מענשען. אַז קאַזימיר IV איז דאָס געוואָהר געוואָרען, האָט ער אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויפ׳ן קראָקויער מאַגיסטראַט, פאַרוואָס ער האָט ניט אָנגענומען קיין מיטלען צו פערהיטען די מהומות. פונקט אַזעלכע אומאָרדענונגען זיינען פאָרגעקומען אַן ערך אין יענער צייט אויך אין פויזנע און אין אַנדערע ערטער.

די קלעריקאַלע פּאָליטיק, וואָס איז אויפגעצוואונגען געוואָרען קאַזימיר IV-טען, איז אויך ווייטער געפיהרט געוואָרען אין דער צייט פון זיינע זיהן — דעם קיניג יאַן אַלבּרעכט אין פוילין און דעם גרויספירשט אַלכסנדר יאַגעלאָ אין ליטאָ. יאַן אַלבּרעכט האָט בעשטעטיגט אויפ׳ן סיים אין פּעטריקאָוו (1496) דעם ביעשאַווער סטאַטוט מיט זיינע בעגרעניצונגען פון די אידענס רעכט. ווענען דעם אייגענעם קיניג דערציילט מען, אַז ער זאָל האָבען געשאַפען די ערשטע געטאָ אין פוילין. אין יאָהר 1494 האָט אָבּגעברענט דער גרעסטער טייל פון דער הויפּטשטאָדט קראָקוי, און דער המון האָט אויסגענוצט די דאָזיגע געלע-גענהייט און אויסגערויבט דעם פערמעגען פון די אידען. מחמת דעם האָט דער קיניג געהייסען אַלע אידען, וואָס האָבען ביז אַהער געוואוינט פונאַנדערגע-וואָרפען אין פערשיידענע טיילען פון שטאָדט, זיך אַריבערקלייבען אין פאָר-שטאָדט פון קראָקוי, קאַזימערזש, און וואוינען דאָרט אָבגעזונדערט פון קריסטען. זינט יענער צייט איז די פאָרשטאָדט קאַזימערזש געוואָרען אַ געשלאָסענע אידישע שטאָדט, וואָס האָט גאַנצע יאָהרהונדערטען געלעבט איהר בעזונדער לעבען, וואָס איז געווען פערבונדען מיט דער „אויסווייניגסטער וועלט” בלויז דורך עקאָנאָמישע בעציהונגען.

אין דער צייט וואָס אויפ׳ן פוילישען טראָן איז געזעסען יאַן אַלבּרעכט, האָט זיין ברודער אַלכסנדר רעגירט איבער ליטאָ מיט די רעכט פון אַ גרויס-פירשט. לכתחילה האָט אַלכסנדר זיך פערהאַלטען צו אידען גאַנץ גוטגינציג. אין יאָהר 1492 האָט ער לויט דער השתדלות פון די טראָקער קאַראַאימען בע-שטעטיגט דעם כתב אויף דאָס מאַגדעבורגישע רעכט, וואָס זיי האָט געגעבען קאַזימיר IV, און האָט אַפילו מוסיף געווען צו איהר נייע פריווילעגיעס. פונקט ווי פריהער, פלעגט מען אָבגעבען ליטווישע אידען די חכירה פון פערשיידענע הכנסות פונ׳ם גרויספירשטענטום, און בעזונדערס פון די גרעניץ-אָבצאָהלונגען. אַלכסנדר האָט אויך אָבגעצאָהלט די אידישע פינאַנסיסטען פאַר די הלוואות, וואָס זיין פאָטער האָט געמאַכט.

פּלוצלונג, אין יאָהר 1495, האָט דער פירשט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו פערטרייבען אַלע אידען פון ליטאָ. ס׳איז ניט בעוואוסט, צי איז דער דאָזיגער האַרטער בעפעהל געווען אַרויסגערופען דורכ׳ן איינפלוס פון דער אידענפיינד-ליכער קלעריקאַלער פּאַרטיי, אָדער מחמת דעם, וואָס דער פירשט איז געווען אַ בעל-חוב אידישע קרעדיטאָרען און ער האָט בכלל געוואָלט הנאה האָבען

פונ׳ם האָב-און גוטס פון די פערטריבענע. אלכסנדר האָט טאַקע קאָנפיסקירט אַלע נחלאות פון די אַרויסגעשיקטע אידען אין גראָדנער, בריסקער, לוצקער און טראָקער ראַיאָן און האָט זיי צום טייל פונאַנדערגעטיילט צווישען די אָרטיגע קריסטען. די ליטווישע פערטריבענע האָבען זיך בעזעצט מיט דער ערלויבעניש פונ׳ם קיניג יאַן-אַלבּרעכט אין די שכנישע פוילישע שטעדט.

נאָר אין עטליכע יאָהר אַרום האָט אַלכסנדר, וואָס האָט איבערגענומען נאָך זיין ברודערס טויט אויך די פוילישע קרוין (1501), ערלויבט די אידען זיך אומצוקעהרען צוריק קיין ליטאָ און זיך צו בעזעצען אויף די פריהערדיגע ערטער, און דערביי האָט מען זיי צוריק אָבגעגעבען די הייזער, מאַיאָנטקעס, שולען און בית-עלמינ׳ס, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט.

צום אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט איז דער אידישער קיבוץ אין פוילען שוין געוואָרען אַ גרויסע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטליכע קראַפט, וואָס די מלוכה האָט זיך געמוזט מיט איהר רעכענען. דער דאָזיגער קיבוץ איז געוואָרען אויך אַ זעלבשטענדיגע גייסטיגע איינהייט נאָך אַ פיערהונדערט-יאָהריגער אָבהייניגקייט פונ׳ם דייטש-אידישען צענטער. די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער דאָזיגער קראַפט בילדעט איינע פון די כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג אין דער געשיכטע פונ׳ם ווייטערדיגען פעריאָד.

אַ געדעכעניש פון אידען אין מאָסקאָוויע.

§ 148. זינט דעם אָנפאַל פון די טאָטערן האָט רוסלאַנד, וואָס איז געשטאַנען נעהענטער צו דער אַזיאַטישער, איידער צו דער אייראָפּייאישער קולטור, ניט געקאָנט צוציהען אידישע איינוואַנדערער. דער איינציגער פונקט, וואו זי האָט געהאַט אַ נגיעה מיט דער מערב׳דיגער קולטור — די האַנדעלס-שטאָדט נאָווגאָראָד, וואָס איז געווען פערבונדען מיט׳ן דייטשען האַנזא-בונד — איז אויך געשטאַנען חוץ לתחום פון דער אידישער האַנדעלס-קאָלאָניזאַציע, מחמת די דייטשע סוחרישע פערבאַנדען און גילדעס האָבען שטרייננג אויסגעשלאָסען די אידען פון זייער אָרגאַניזאַציע. בלויז אין די דרום׳דיגע גרעניץ-לענדער, אין דער געגענד פון שוואַרצען ים, טאַווריס און קרים, האָבען נאָך אַלץ געוואוינט אידען און קאַראַאימען, די קינדס-קינדער פון די אַלטע איינוואַנדערער (§ 113). אונטער דער ממשלה פון די טאָטערשע כאַנען, וואָס זיינען לכתחלה געווען אָבהייניג פון דער גאָלדענער האָרדע, און דערנאָך זעלבשטענדיג, פון דער דינאַסטיע פון די גירייס — האָבען די אידען אין קרים געקאָנט זיך פריי ענטוויקלען און קאָנקורירען אין האַנדעל מיט די גענועזער און גריכען, וואָס האָבען דאָ געהאַט בעגרינדעט מוסטערהאַפטע אינדוסטריעלע קאָלאָניעס. נאָך די געשיכטע פונ׳ם דאָזיגען אייגענאַרטיגען אידיש-קאַראַאימישען צענטער איז איינגעהילט אין פינסטערניש, און בלויז די מצבות פון דער אַלטער קרים דערציילען וועגען דעם, אַז אין XIII — XIV יאָהרהונדערט האָט דאָרט עקסיסטירט אַ אידישע געמיינדע-אָרגאַניזאַציע.

אַ געדעכעניש פון אידען אין מאָסקאָוויע קאָן מען בעמערקען ערשט זינט דער צווייטער העלפט פון XV יאָהרהונדערט, בשעת די דאָזיגע מלוכה, וואָס איז פעראייניגט געוואָרען אונטער דעם פירשט איוואַן וואַסיליעוויטש דעם III-טען, הויבט אָן אַריינצוטרעטען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער משפחה. אין יענער צייט בעווייזען זיך דאָרט איינצעלנע אידישע אויסוואַנדערער פון ליטאָ און קרים, און טיילוויין אויך פון מערב-איירָאָפּע. מיט'ן נאָמען פון איינעם פון אַזעלכע אויסוואַנדערער איז פערבונדען איינע פון די גרעסטע געשעהענישען פון דער רוסישער געשיכטע אין דער רעגירונגס-צייט פון איוואַן III.

אין יאָהר 1470 — אַזוי דערציילען די רוסישע כראָניסטען — איז אָנגעקומען פון קיעוו קיין נאָווגאָראָד, אינאיינעם מיט'ן פירשט מיכאַאיל אָלעלקאָוויטש, אַ געלערנטער איד סכאַריאַ (זכריה), און נאָך איהם זיינען געקומען פון ליטאָ נאָך עטליכע אידען. סכאַריא האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט, וואָס דעמאָלט האָט אין נאָווגאָראָד געהערשט אַ רעליגיעזע בעוועגונג, און איז בעקאַנט געוואָרען מיט עטליכע פאָרשטייהער פון דער פּראַוואָסלאַווער גייסטליכקייט און האָט זיי בעקעהרט צום אידישען גלויבען. די אָנפיהרער פון די נאָווגאָראָדער גרים, די גלחים דעניס און אַלעקסי, זיינען אָנגעקומען אין יאָהר 1480 קיין מאָסקווע און האָבען דאָרט אָבגערעדט פון פּראַוואָסלאַווען גלויבען אַ סך רוסען, און דערביי האָבען אַ סך פון די נייע גרים זיך געלאָזט מל זיין. איז דער נאָווגאָראָדער אַרכיביסקופּ געננאַדי אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דער געפעהרליכער פערשפּרייטונג פון דער „אַפּיקורסות פון די יודאַאיזירענדע” (ересь жидовствующихъ) און האָט אָנגעהויבען ענערגיש אויסוואָרצלען זי אין זיין עפּאַרכיע. אין מאָסקווע האָט דער קאַמף קעגען דער אַפּיקורסות זיך אַרויסגעוויזען פאַר זייהר שווער. נאָר אַ דאַנק דער ענערגיע פון געננאַדי, פונ'ם איהומען יאָסיף וואָלאָצקי און אַנדערע קנאים פאַר דער פּראַוואָסלאַווער קירך, איז אויך דאָ די אַפּיקורסות דערשטיקט געוואָרען. לויט דער בעשטימונג פון דער קירכען-פערזאַמלונג פון יאָהר 1504 און לויט דעם בעפעהל פונ'ם פירשט איוואַן III האָט מען די אָנפיהרער פון די אַפּיקורסים פערברענט און די איבעריגע האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסות און קלויסטערס. נאָך דער מעשה איז די אַפּיקורסות פון די יודאַאיזירענדע בטל געוואָרען.

אין דערזעלביגער צייט איז פאָרגעקומען אין מאָסקאָוויע נאָך אַ טראַגישע געשעהניש. ביים הויף פונ'ם גרויספירשט איוואַן III האָט זיך געפונען אַלס דאָקטאָר אַ געלערנטער איד מ י ס ט ע ר ל ע אָ ן, וואָס מען האָט איהם געהאַט אַראָבגעבראַכט קיין מאָסקווע פון ווענעדיג. אין אָנהויב פון יאָהר 1490 איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען דעם גרויספירשטס עלטסטער זון, מיסטער לעאָן האָט אָנגעהויבען צו היילען דעם חולה דורך צולייגען הייסע גלעזער און [illegible] פערשיידענע קרייטעכצער. אויף דעם גרויספירשט'ס פראַגע וועגען די שאַנסען, אַז דער קראַנקער זאָל געזונט ווערען, איז דער דאָקטאָר געווען גענוג אומפאָרזיכטיג צו ענטפערען: „איך וועל דיין זוהן אודאי אויסהיילען, טאָמער ניט — קאָנסטו מיך הייסען טויטען!” דעם 16 מערץ פון יאָהר 1490 איז דער קראַנ-

קער געשטאָרבען. אַז עס האָט זיך געענדיגט דער טרויער פון פערציג טעג, האָט איוואַן וואַסיליעוויטש געהייסען אַראָבהאַקען די קאָפּ דעם אידישען דאָקטאָר, פאַרוואָס ער האָט זיין זוהן ניט אויסגעהיילט. די טויט-שטראָף איז פאָרגעקומען עפענטליך, אויף דער באָלוואַנאָווקע אין מאָסקווע.

די מאָסקווער לייט האָבען געקוקט סיי אויף דעם געלערנטען טעאָלאָג סכאַריאַ און סיי אויף דעם דאָקטאָר לעאָן, ווי אויף „שוואַרץ-קינסטלער" אָדער מכשפים. די אפיקורסות פון די יודאַאיזירענדע האָט זיי אַיינגעפּליסט אַ מין אָבערגלויבישען פּחד פאַר אידען, וואָס זיי האָבען געוואוסט וועגען זיי בלויז פון הערען זאָגען. ביי אַזעלכע אָנשויאונגען און מנהגים האָבען די אידען אודאי ניט געקאָנט זיך ריכטען, מען זאָל זיי גוט אויפנעמען אין דער מאָסקאָוויטישער מלוכה — און זיי האָבען זיך אַ לאַנגע צייט דאָרט ניט געוויזען.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דער לעצטער יאָהרהונדערט פון דער אידישער קולטור אין שפּאַניען (1391—1498).

די שחיטה אין סעווילי׳א און די קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391. — די אַגיטאַציע פון פּאַבלאָ דע בורגאָס און פון פערער. — דער עדיקט פון אומטאָלעראַנץ און מאַסען-שמד׳ען (קאַסטיליען). — דער וויכוח אין טאָרטאָזא (אַראַגאָניען). — די אויפריכטונג פון דער געמיינדע-אָרדענונג אין קאַסטיליען. — די אידען אין פּאָרטוגאַל. — די ליטעראַטור: קרשקש, אלבו און די אַפּאָלאָגעטען. — די בעוועגונג קעגען די אנוסים. — דער נצחון פונ׳ם קלעריקאַליזם. — די אינקוויזיציע. — דער גירוש פון די אידען פון שפּאַניען. — דער גירוש פון די אידען אין פּאָרטוגאַל.

די סעווילער הריגה און די קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391.

§ 149. אין דער חושכ׳דיגער סימפּאָניע פונ׳ם מיטעלאַלטער האָט דער לעצטער שלוס-אַקאָרד געהערט צו שפּאַניען. דאָס לאַנד, וואָס איז געבליבען לפי-ערך רוהיג אין דעם עצם ברען פון דער מיטעלאַלטערליכער אָרגיע, האָט צום סוף אַזוי ווי חרטה געקראָגען און געאײַלט זיך אָנצוזאָגען דאָס, וואָס עס האָט פריהער דורכגעלאָזען, און געמיהט זיך אַריבערצושטייגען די אַנדערע לענדער בנוגע צו אַכזריות׳דיגע מעשים קעגען אַנדערשגלויביגע. אין שפּאַניען האָט זיך אויפגעכאַפּט די חיה רעה פון די ווילדע צייטען פון די וועסטגאָטען, וואָס איז אַנומעלט בעטויבט געוואָרען דורך דעם קלאַפּ פון דער אַראַבישער ממשלה און וואָס איז דערנאָך אַזוי ווי צאַהם געוואָרען אויף עטליכע יאָהרהונדערטען אונטער דער השפּעה פון אַ הומאַנערער ציוויליזאַציע. אויפגעוועקט די דאָזיגע חיה רעה האָט דער קלעריקאַליזם, וואָס האָט בהדרגה אונטערגעגראָבען די יסודות פון נאָרמאַלען געזעלשאַפטליכען לעבען און וואָס האָט פונאַנדערגעבלאָזען די ליידענשאַפטען פון פאָלק אויפ׳ן באָדען פון רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליך-עקאָנאָמישע אונטערשיידען.

אין דער מיטעלאַלטערליכער שפּאַניען האָט געוואוינט אַ בונט-געמישטע בעפעלקערונג, וואָס איז בעשטאַנען פון קריסטען, אידען און מוטעלמאַנער. דאָ זיינען זיך צונויפגעקומען דריי ראַסעס, דריי רעליגיעס און דריי קולטורען. אין

משך פון עטליכע יאָרהונדערטען האָבען זיי ווי עס איז געלעבט נעבען אַנאַנד. זייער געגענזייטיגע ווירקונג אויף אַנאַנד האָט צוגעגעבען פיעלפאַרביגקייט דעם שפּאַנישען לעבען און האָט עס בולט אַרויסגעשטעלט אַלס אַ ליכטיגען פלעק אויפ'ן פינסטערן פאָן פונ'ם מיטעלאַלטער.

נאָר די פרייע קולטורעלע געגענזייטיגע ווירקונג איז ניט געווען ניחא דעם קלעריקאַליזם. לכתחילה האָט ער געפיהרט אַ פערטיידיגונגס-פּאָליטיק: ער האָט געשטרעבט אָבצוהיטען די קריסטען פון דער ווירקונג פון דער אַראַביש-אידישער בילדונג דורך גייסטיגער אָבזונדערונג; דערנאָך איז ער אַלץ מעהר איבערגעגאַנגען צו אָנפאַלען און האָט זיך געמיהט צו בעפעסטיגען די אויבער-הערשאַפט פונ'ם קריסטליכען עלעמענט איבער אַלע איבעריגע, און צולעצט האָט ער אָנגעהויבען פיהרען אַ פערטיליגונגס-קריג קעגען אַלע אַנדערשגלויביגע און פרעמד-נאַציאָנאַלע, אין נאָמען פון דער אידייע פון דער קירכליך-פּאָליטישער איינהייט. איין איינציגער גלויבען, איין איינציג פאָלק און איין איינציגע ציוויליזאַציע — דאָס איז דער לאָזונג פון יענע, וואָס האָבען זינט דעם XV-טען יאָרהונדערט געאַרבייט צוליעב דער פעראייניגונג פון דער קריסטליכער שפּאַניען.

בכדי צו דערגרייכען דעם דאָזיגען אידעאַל, האָט מען בעדאַרפט אָדער פערטיליגען די עלעמענטען פון „דער פרעמדער אמונה און פון דער פרעמדער נאַציע, ד. ה. די אידען און מוסעלמאַנער, אָדער איבערגעוואַלד צונויפגיסען זיי מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, בכדי זיי זאָלען זיך צונויפמישען און פערשווינדען אין איהר. אין אַנדערע לענדער האָט מען אידען אונטערדריקט, בע'הרג'עט אָדער פערטריבען, נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעוואָהרען די האָפענונג צו מאַכען זיי פאַר געטרייע זיהן פון דער קירך; אין שפּאַניען האָט מען ניט געוואָלט זיך שיידען מיט דער דאָזיגער האָפענונג און מען האָט אויך ניט גע-וואָלט וואַרטען: די אידייע פון איבערגעוואַלדיגען מאַסען-שמד, וואָס האָט גע-שראָקען דורך איהר דרייסטקייט אַפילו די רוימישע פּויפּסטען, האָט זיך טיעף איינגעגעסען אין מח פון די שפּאַנישע קלעריקאַלען און האָט זיי געמאַכט „קאַטוילישער, איידער דער פּויפּסט גופא". פונ'ם איסלאַם אין זיין ערשטען פּאַזיס האָבען זיי גע'ירש'עט דעם פּרינציפּ צו פערשפּרייטען דעם גלויבען מיט דער הילף פון שווערד. טויט אָדער שמד! — דורך דעם דאָזיגען פּאַראָל האָבען זיי געהאָפט צו פערמעהרען קריסטוס'עס טשערעדע דורך ניי-בעקעהרטע פון אידען און מוסעלמאַנער. די פראַנצויזיש-דייטשע קרייץ-פאָהרער פון XI און XII יאָהרהונדערט האָט דאָס זיך ניט איינגעגעבען; די שפּאַני[illegible] קרייץ-פאָהרער פונ'ם סוף פון XIV און אָנהויב פון XV יאָה[illegible]דערט האָבען געהאַט אַ גרעסערע הצלחה, אָבער נאָך ווייט [illegible] די געווינשענע. נאָר אַפילו די טיילווייזע הצלחה האָט זיי פער'שיכור'ט און אָנגעטריבען צו דער ווייטערדיגער טעטיגקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבען די שרעקליכע טראַגעדיע פון „אידען-קריסטענטום", וואָס האָט געבראַכט צו די שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציע און צום גירוש פון אידען פונ'ם פירענייאישען האַלב-אינזעל.

דער בעשעפער פון דער דאָזיגער נייער ריכטונג אין דער שפּאַנישער אינעווייניגסטער פּאָליטיק איז געווען אַ פאַנאַטישער גלח, דער אַרכידיאַקאָן פערראַנד מאַרטינעץ, דער וויקאַריוס פון סעווילער עפּאַרכיע. ער איז געווען דער בולט'סטער אויסדריקער פון יענער קלעריקאַלער רעאַקציע, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון XIV יאָהרהונדערט, נאָך דעם דינאַסטישען קאַמף אין קאַסטיליען, זיך בעוויזען אַלס פּראָטעסט קעגען דער פּאָליטישער פערשטאַרקונג פון די אידען אין שפּאַניען (§§ 124 — 125). אַלס ליידענשאַפטליכער קאַטויליק, וואָס האָט גע'חלומ'ט פון אַ פעראייניגטער קאַטוילישער שפּאַניען, וואָס איז אויסגערייניגט פון אידען, מוירען און אפּיקורסים, האָט מאַרטינעץ גוט געוואוסט די שטימונג פון פאָלק, בשעת ער איז אַרויסגעטראָטען מיט זיין אַגיטאַציע וועגען פערטיליגען אָדער אויס'שמד'ען די אידען. פון דער קירכליכער בימה אַראָב האָט ער געשאָטען פעך און שוועבעל סיי אויף דער „שעדליכער פאַלשער תורה" פון די אידען און סיי אויף זייער וואַקסענדען וואוילשטאַנד און איינפלוס אין דער מלוכה. ער האָט גע'טענ'עט, אַז איטליכער אמת'ער קאַטויליק איז מחויב פיינט צו האָבען די אידען, רודפ'ען, מבזה זיין זיי, צעשטערען זייערע שולען און בכלל מאַכען זיי דאָס לעבען אונערטרעגליך, ביז וואַנען זיי וועלען אַרויף אויפ'ן ריכטיגען וועג. אַלס גענעראַל-וויקאַריוס פון דער סעווילער עפּאַרכיע האָט ער גענומען אויף זיך די יוריסדיקציע איבער די אידען פונ'ם דאָזיגען ראַיאָן און האָט זיי דירעקט אונטערדריקט, וואו ער האָט נאָר געקאָנט, און האָט אויך בעוואויגען דערצו די מאַגיסטראַטען פון עטליכע שטעדט.

זיין אַגיטאַציע האָט מאַרטינעץ אָנגעהויבען נאָך אין דער צייט פונ'ם קאַסטילישען קיניג היינריך II. די פאָרשטייהער פון דער אידישער קהילה אין סעווילאַ, איינער פון די גרעסטע אין שפּאַניען, האָבען זיך בעקלאָגט פאַר'ן קיניג אויף די אומגעזעצליכע מעשים און העצערישע רעדעס פונ'ם וויקאַריוס, — און דער קיניג האָט איהם פערבאָטען זיך אַריינצומישען אין די ענינים פון דער קהילה און צו דערוועקען דעם פאָלקס ליידענשאַפטען (1378). וואָס פאַר אַ פעולה עס האָט געהאַט דער דאָזיגער פערבאָט, איז צו זעהן דערפון, וואָס אין עטליכע יאָהר אַרום איז די אידען ווידער אַמאָל אויסגעקומען זיך צו בעקלאָגען פאַר'ן נייעם קיניג יואַן I אויף דעם דאָזיגען אומרוהיגען אַגיטאַטאָר, און דערנאָך בעשולדיגען איהם אין אונטערהעצונג פאַר'ן העכסטען געריכט. מאַרטינעץ, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף אַ בעהאַלטענער קלעריקאַלער ליגע, האָט עזות'דיג געענטפערט דעם געריכט, אַז ער וועט דרש'ען און טון, פונקט אַזוי ווי פריהער, וואָרום ער טוט דאָס אַלץ צוליעב דער טובה פון דער קירך און פונ'ם קיניג (1388).

דער קיניג יואַן דער I-טער האָט געפיהרט אין דער זאַך אַ צווייזייטיגע פּאָליטיק: ער האָט געלויבט די רעליגיעזע קנאות פונ'ם אַרכידיאַקאָן דעם אונטערהעצער, און אין דערזעלביגער צייט האָט ער פערבאָטען אָנצוטון אידען געוואַלדטאַטען; ער האָט געוואָלט, אַז אי דער וואָלף זאָל זאַט זיין, אי די שאָף זאָלען גאַנץ זיין. עהרליכער האָט זיך שוין אויפגעפיהרט דער סעווילער אַרכיביס-

קופּ באַראָזאָ, וואָס האָט געפּאָדערט פונ׳ם צעווילדעוועטען גלח, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיין שענדליכער אַגיטאַציע. אַז מאַרטינעץ האָט ניט געפאָלגט, האָט מען ביי איהם אָבגענומען זיין גייסטליכען טיטעל.

נאָר אין גיכען האָט זיך דער מצב אומגעביטען לטובת דעם קלעריקאַלען דעמאַגאָג. דער סעווילער אַרכיביסקופּ און דער קיניג זיינען געשטאָרבען כמעט אין איין צייט (1390), און די אַפּוטרופּסות איבער דעם יונגען קרוין-יורש היינריך דעם III-טען האָט בעקומען דעם קיניגס אַלמנה לעאָנאָרע, אַ פרומע קאַטוילּיקין, וואָס מאַרטינעץ איז געוועזען פריהער איהר גלח. דער אַראָבגעזעצטער וויקאַריוס האָט ווידער בעקומען צוריק זיין טיטעל און די פרייהייט צו טון, וואָס ער וויל. ער האָט פונאַנדערגעשיקט צו די גייסטליכע בעאַמטע פון דער סעווילער עפּאַרכיע צירקולאַרען מיט דער פאָדערונג צו „צעשטערען ביז׳ן גרונד די שולען, וואו די פיינד פון גאָט און פון דער קירך האַלטען אָב זייער געצענ-דיענסט", און צוצושיקען איהם די גאַנצע בעלי-בתּישקייט פון די צעשטערטע שולען אַלס אָנדיינקען פון דער צעשטערונג. אין עטליכע שטעדט האָבען די גלחים שוין אָנגעהויבען ממלא צו זיין דעם רצון פון זייער אויבערהאַר, און אין סעוויליאַ האָט געאַרבייט אין דער דאָזיגער ריכטונג מאַרטינעץ גופאָ.

אין מערץ פון יאָהר 1391 האָט ער געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע אויף אַן אָפענעם פּלאַץ פאַר אַ גרויסער מאַסע. ער האָט דירעקט אונטערגעהעצט די סעווילער קריסטען אָנצופאַלען אויף אידען, אין דער האָפענונג, אַז די לעצטע וועלען צוליעב ראַטעווען זייער לעבען זיין געצוואונגען זיך צו לאָזען שמד׳ען. דער אויפגערייצטער המון האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פרידליכע אידישע איינוואוינער פון סעוויליאַ — און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ פּאָגראָם. דאָס מאָל האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אידען די שטאָדט-פערוואַלטונג, דער פּאָגראָם איז אָבגעשטעלט געוואָרען, און עטליכע זיינע אויפטוער זיינען בעשטראָפט געוואָרען.

נאָר קיינעם איז ניט איינגעפאַלען צוצורעכענען צו די דאָזיגע אויפטוער דעם אמת׳ען שולדיגען אין די אומרוהען, מאַרטינעצ׳ן. פערשטעלענדיג זיך הינטער זיין קנאות פאַר דער קירך האָט ער ווייטער געפיהרט זיין פערברעכערישע אַגיטאַציע — און צולעצט האָט ער דערגרייכט זיין ציעל. אין דריי חדשים אַרום האָט דער פּאָגראָם אין סעוויליאַ זיך איבערגע׳חזר׳ט פון דאָס ניי מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס איז שוין ניט מעגליך געוועזען איהם אָבצושטעלען. די קריסטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געהאַט צונויפגע-רעדט, זיינען אין איין פריהמאָרגען געקומען צו לויפען פון אַלע עקען שטאָדט צו דער „יודעריאַ" אָדער דעם אידישען קוואַרטאַל, האָבען איהם אונטערגעצונדען און גענומען הרג׳ען און בערויבען זיינע אומגליקליכע איינוואוינער (6 יוני). אַן ערך פיער טויזענד אידען זיינען געוואָרען דערהרג׳עט, אַ סך גענומען געפאַנגען און פערקויפט פאַר שקלאַפען צו די אַראַבער. די איבעריגע האָבען געלאָזט זיך שמד׳ען, בכדי ניצול צו ווערען פון טויט. די בליהענדע און אַלטע קהילה, וואָס האָט געציילט אַן ערך 25 000 נפשות, איז מיט אַמאָל חרוב געוואָרען, די שולען צעשטערט אָדער אומגעמאַכט פאַר קירכען. צווישען די, וואָס האָבען אָנגענומען קאַטוילּיציזם, איז געוועזען שמואל אברבנל, אַ געוועזענער בעאַמטער

ביים הויף פון היינריך דעם II-טען; ביים שמד האָט ער אָנגענומען דעם נאָמען יואַן דע-סעווילי׳אַ.

די סעווילי׳ער הריגה האָט געגעבען אַ סיגנאַל אויף אָנצופאַלען אויף אידען אומעטום. דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט פונאַנדערגעבלאָזען אין דער קאַ-טויל׳ישער, מאַסע אַלע איהרע ווילדע אינסטינקטען — און זי איז אָנגעפאַלען אויף אידען ניט בלויז צוליעב דעם, בכדי זיי צו הרג׳ען אָדער אָבצושמד׳ען, נאָר אויך בכדי צו גזל׳ען און רויבען זייער אייגענס. אין קאָרדאָווא זיינען די אידען צום טייל אויסגע׳הרג׳עט געוואָרען, צום טייל האָבען זיי זיך לפנים גע׳שמד׳ט. אין טאָלעדאָ האָט דער פאַנאַטישער המון גע׳הרג׳עט אידען אויף די גאַסען און אין די שולען. צווישען די, וואָס זיינען דאָ אומגעקומען אויף קדוש השם, איז געווען דער געלערנטער ר׳ יהודה בן-אשר, דעם ראַ״ש׳ס אַן אייניקעל. נאָר אַ סך גרעסער איז געווען די צאָהל פון די קליינמוטיגע, וואָס האָבען צוליעב ראַטעווען דאָס לעבען זיך אָבגעזאָגט לפנים פון זייער רעליגיע. אַזעלכע שרעק-ליכע סצענעס האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט אין אַ סך אַנדערע שטעדט פון קאַס-טיליען. אַן ערך זיבעציג אידישע קהילות זיינען חרוב געוואָרען.

פער׳שיכור׳ט דורכ׳ן „נצחון“, האָבען די קריסטען געוואָלט מאַכען אויך אַזאַ הריגה פון די מוירען, וואָס האָבען געוואוינט אין קאַסטיליען; נאָר זיי האָבען זיך אָבגעהאַלטען דערפון, מחמת זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די מוסעל-מאַנער וועלען זיך נוקם זיין דערפאַר, דורכדעם וואָס זיי וועלען פערטיליגען די קריסטליכע איינוואוינער אין זייערע קאַנטען — אין גרענאַדאַ און אין די בערבערישע מדינות. פאַר אידען אָבער איז ניט געווען ווער עס זאָל זיך איינ-שטעלען — און זיי האָט מען אויסגעקוילעט אומבעשטראָפטערהייד.

אין גיכען האָט די עפּידעמיע פון די פּאָגראָמען אַרומגענומען אויך דאָס קיניגרייך אַראַגאָניען, וואוהין ס׳זיינען ·אַוועקגעשיקט געוואָרען צוליעב דעם ספּעציעלע אַגיטאַטאָרען פון סעווילי׳אַ. אין וואַלענסי׳אַ האָט דער קאַטוילישער המון, בשעת מען האָט זיך דערוואוסט וועגען דער סעווילי׳ער הריגה, זיך אַריינגע-ריסען אין אידישען קוואַרטאַל מיט קולות: „אָט גייהט אַהער מאַרטינעץ; ער וועט אייך אַלעמען אָב׳שמד׳ען!“ די אידען האָבען אַרויסגעוויזען אַ ווידערשטאַנד, האָ-בען פערשלאָסען די טויערן צו זייער קוואַרטאַל, פערטיידיגט זיך ווי ווייט מעגליך און דער׳הרג׳עט עטליכע פּאָגראָמשציקעס; נאָר דאָס האָט זיי נאָך מעהר אַריינגעבראַכט אין כעס. די פינפטויזענד-קעפּיגע אידישע קהילה איז חרוב געוואָ-רען: אייניגע זיינען אומגעקומען דורכ׳ן שווערד, אַנדערע האָבען זיך גע׳שמד׳ט, די דריטע זיינען אַנטלאָפען

אין באַרצעלאָנאַ, דעם אידישען הויפּט-צענטער אין אַראַגאָניען, האָבען די אידען זיך איינגעשלאָסען אין פעסטונג און האָבען בעקומען אַ צוזאָג פונ׳ם גובערנאַטאָר און פון די אָרטיגע פריצים, אַז זיי וועלען זיי בעשיצען. נאָר דער צעווילדעוועטער קאַטוילישער המון איז אויפגעשטאַנען קעגען דעם גובערנאַטאָר און קעגען די פריצים, האָט בעלעגערט די פעסטונג און זי אונטערגעצונדען.

אַז די אידען האָבען אָנגעוואָהרען די האָפענונג זיך צו ראַטעווען, האָבען אַ סך פון זיי זיך דערשטאָכען מיט קינזשאַלען אָדער זיך אַראָבגעוואָרפען פון דעם פעסטונגס-טורעם און זיינען דער׳הרג׳עט געוואָרען; אַנדערע האָבען זיך מחמת יאוש אַ וואָרף געטאָן אויף די פיינד און זיינען אומגעקומען אין אומגלייכען קאַמף; די איבעריגע האָבען בוגד געווען קעגען זייער אמונה; נאָר ווינציג האָט זיך איינגעגעבען צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפען (5 אווגוסט).

די בלוטדאָרשטיגע ריטערס פון דער קירך זיינען אויך דערגאַנגען ביז צום אינזעל מאַיאָרקאַ. אין דער הויפט-שטאָדט פונ׳ם דאָזיגען אינזעל, פּאַלמאַ, האָבען זיי אַכזריות׳דיג אויסגע׳הרג׳עט די אידען און האָבען אַפילו צעשטערט די הייזער פון יענע גוטהאַרציגע קריסטען, וואָס האָבען געלאָזען די אומגליק-ליכע זיך בעהאַלטען ביי זיך.

אויף אַזאַ אופן האָבען די שפּאַנישע אידען אין משך פון דריי חדשים, פון יוני ביז אַווגוסט פון יאָהר 1391, איבערגעלעבט פּונקט אַזעלכע שרעקענס, ווי עס האָבען געמוזט איבערלעבען מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק, בשעת דעם ערשטען קרייץ-צוג, זייערע עלטער-זיידעס אין דייטשלאַנד. די בעוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך מאַרטינעצ׳עס אַגיטאַציע, איז געווען אַן אמת׳ער קרייץ-צוג, וואָס איז געווען געווענדט קעגען די אַנדערשגלויביגע אין לאַנד גופא. דאָס איז געווען די ערשטע אַלגעמיינע פאָלקס-בעוועגונג קעגען אידען אין דער קריסטליכער שפּאַניען.

אויך די שפּאַנישע אידען האָבען זוכה געווען צו געבען מענשען, וואָס זיינען געשטאָרבען אויף קדוש השם; נאָר ביי זיי האָט זיך ניט אַרויסגעוויזען אַזאַ מסירת נפש אין דעם ערך, ווי ביי זייערע דייטשע ברידער. די דייטשע אידען פלעגען ביי אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס אָפטער מקריב זיין זייער לעבען, און נאָר אין איינצעלנע אויסנאַמליכע פאַלען פלעגען זיי לפנים אָננעמען דעם קריסטענטום, וואָס זיי פלעגען זיך תיכף אָבזאָגען פון איהם עפענטליך און צוריק אומקעהרען זיך צו זייער פריהערדיגער אמונה, ווי נאָר די שונאים פלעגען אוועקגייהן. אָבער אין שפּאַניען איז די צאָהל פון די איבערגעוואַלד גע׳שמד׳טע געווען גרעסער, איידער די צאָהל פון די געפאַלענע קדושים, און האָט דערגרייכט ביז עטליכע צעהנדליג טויזענד מענשען. אין דעם קולטורעלען און על-פי-רוב רייכען שפּאַנישען אידען, וואָס איז געווען געווייהנט צו אַ לפי-ערך נאָרמאַלען בירגערליכען לעבען, איז דער געפיהל פון זעלבסטאַיינהיטונג געווען שטאַרקער ענטוויקעלט, איידער אין דעם דערנידעריגטען, דערשלאָגענעם זוהן פון דער דייטשער געטאָ, וואָס פאַר איהם איז דאָס לעבען געווען אַ חיבוט-הקבר. אונטער דעם שאַרף פונ׳ם שונא׳ס שווערד, אונטער דער טויט-סכנה זיינען אַ סך שפּאַנישע אידען מרוצה געוואָרען זיך אָבצוטובל׳ען אין די קאַטוילישע וואַסער און איבער-צו׳חזר׳ן די בעוואוסטע קירכליכע פאָרמעלן, מחמת זיי האָבען געהאָפט זיך אומ-צוקעהרען צוריק צו דער אמונה פון זייערע עלטערן, ווי נאָר די סכנה וועט פאַרבייגייהן. אַ טייל פון זיי האָט טאַקע אַזוי געטאָן און איז תיכף אַנטלאָפען געוואָרען פון די שפּיאָנעס פון דער השגחה פון דער קירך אין אַנדערע לענדער.

נאָר זייהר אַפולע פון זיי זיינען ניט געווען גענוג שטאַרק אײַנצושטעלען זייער לעבען אָדער זייער עשירות און זיינען געבליבען אָפּיציעל אונטער דער פירמע פון דער רעליגיע, וואָס מען האָט זיי אויפגעצוואונגען, נאָר בעהאַלטענערהייד האָבען זיי געהאַלטען אידישקייט. זיי האָבען ניט פאַראויסגעזעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכען סוף זיי גרייטען צו דורכדעם פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. געפינענדיג זיך אונטער דער שטרייגער השגחה פון דער קאַטוילישער גייסט-ליכקייט, האָבען די דאָזיגע געצוואונגענע כלומרשטיגע קריסטען (אנוסים) געמוזט לפנים אָבהיטען אַלע קירכליכע צערעמאָניעס, און נאָר בעהאַלטענערהייד האָבען זיי געקאָנט אָבהיטען די וויכטיגסטע דינים פון זייער אַלטער רעליגיע. די דאָזיגע צעשפּאַלטענקייט איז געוואָרען פאַר זיי אַ מקור פון אונאויפהערליכע יסורים און קלאָגען און האָט געשאַפען די טראַגעדיע פון די „אנוסים".

די אַגיטאַציע פון פּאַבלאָ פון בורגאָס און פון פּערער; „דער עדיקט פון אומטאָלעראַנץ" און די מאַסען-שמד'ען (קאַסטיליען).

§ 150. נאָך די בלוטיגע געשעהענישען פון יאָהר 1391 איז פאַר די קאַסטילישע אידען אָנגעקומען אַ הפסקה פון לפי-ערכ'דיגער רוה. דער קיניג היינריך דער III-טער, אַז ער איז אויסגעוואַקסען, האָט ער בעשטראָפט דעם אויפ-טוער פון דער סעווילער הריגה דורך אַריינזעצען איהם אין אַ קלויסטער (1395), נאָר אינגיכען האָט ער געמוזט איהם פריילאָזען, וואָרום דער פאַנאַטישער גלח, וואָס האָט פערגאָסען אַזוי פיעל בלוט און געוואונען אַזוי פיעל נשמות פאַר דער קירך, איז געווען פּאָפּולער ביי די קאַסטיליאַנער או האָט געהאַט ביי זיי אַ שם פאַר אַ „הייליגען". היינריך דער III-טער האָט אויך אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, וואו ער האָט געשראָקען מיט שווערע שטראָפען פאַר'ן אָנפאַלען אויף דער פּערזאָן אָדער אייגענס פון די אידישע בירגער.

ביים הויף פונ'ם דאָזיגען קיניג האָט געדיענט אַלס לייב-דאָקטאָר ר' מאיר אלגואדעץ, אַ בעוואוסטער געלערנטער און שריפטשטעלער, וואָס האָט גלייכ-צייטיג פערנומען די שטעל פון אַרב הכולל איבער אַלע קאַסטילישע קהילות. דער אידישער שר האָט פערטיידיגט אין די רעגירונגס-ספערען די אינטערעסען פון זיין פאָלק. נאָר ער האָט פאָרט ניט געקאָנט קעמפען קעגען דעם וואַקסענדען איינפלוס פון יענעם טייל פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, וואָס האָט אין דעם אונטערגאַנג פון אידישקייט אײַנגעזעהן דעם העכסטען טריאומף פאַר דער קירך.

אויפגעמונטערט דורך דעם ערפאָלג פון יאָהר 1391, האָט די גייסטליכקייט מיט התמדה ווייטער געפיהרט איהר מיסיאָנערישע טעטיגקייט אין דער פאָרם פון דרשות און שריפטען קעגען דער יהדות, און אויך דורך עפענטליכע טעאָלאָגישע ויכוחים מיט רבנים. אַזעלכע אַגיטאַטאָרען און מיסיאָנערען פלעגען טיילמאָלס זיין געוועזענע אידען. די געוואַלדטאַטען פון יאָהר 1391 האָבען אַרויסגערופען אַן אויפלעבונג פון נאַציאָנאַלען גייסט אין איניגע קרייזען פון

דער אידישער געזעלשאַפט און אַ דעמאָראַליזאַציע — אין אַנדערע. „צווישען די משומדים — זאָגט איין שריפטשטעלער פון יענער צייט — זיינען פאַראַהאַן אַזעלכע, וואָס האָבען לכתחילה זיך אָבגעזאָגט פון זייער גלויבען באונס, נאָר שפעטער האָבען זיי מיט'ן גוטען ווילען אָנגעהויבען אָבצוהיטען די צערעמאָניעס פון דער קריסטליכער רעליגיע, און לא די וואָס זיי אַליין זיינען עובר אויף די חוקים פון דער תורה, רודפ'ען זיי און מסר'ן נאָך דערצו יענע, וואָס זיינען געבליבען אין האַרצען געטריי אידישקייט און ווילען זיך אַרויסרייסען פון שמד". די דאָזיגע אומפערשעמטע משומדים-קאַריעריסטען, וואָס האָבען געוואָלט האָבען וואָס מעהר הנאה פון זייער בגידה, זיינען געוואָרען אַ שטענדיגע מכה פאַר'ן אידישען פאָלק אין XV יאָהרהונדערט.

דער שעדליכסטער צווישען זיי איז געווען שלמה הלוי, אַ געוועזענער תלמודיסט, וואָס האָט ביים שמד'ען זיך אָנגענומען דעם נאָמען פּ אַ ב ל אָ ד ע ס אַ נ ט אַ - מ אַ ר י אַ און וואָס איז געוואָרען שפעטער ביסקופ אין בורגאָס (אַן ערך 1352 — 1435). נאָכדעם ווי ער האָט אויסשטודירט קריסטליכע טעאָלאָגיע אין פּאַריזער אוניווערסיטעט, האָט פּאַבלאָ געקראָגען די שטעל פון אַ גלח אין סעווילי׳אַ, און זינט יענער צייט האָט ער אָנגעהויבען גיך שטייגען אויף דעם היעראַרכישען לייטער. איהם האָט געשטיצט דער בעוואוסטער טוער אין פּרט פון שמד'ן אידען, דער קאַרדינאַל דע-לונאַ, וואָס איז אויסגעקליבען געוואָרען אין יאָהר 1314 פאַר אַ פּויפּסט אין אַוויניאָן אונטער'ן נאָמען בענעדיקטוס XIII. לויט זיין רעקאָמענדאַציע האָט פּאַבלאָ געקראָגען אַ צוטריט צום קאַסטילישען הויף און האָט געפונען חן אין די אויגען פונ'ם קיניג היינריך III. אָנטון צרות זיינע געוועזענע גלויבענס-ברידער און צווינגען זיי זיך אָבצוזאָגען פון אידישקייט — דאָס איז געוואָרען פּאַבלאָ'ס לעבענס-אויפגאַבע. ער האָט מיט היץ געדרש'עט, אין רעדעס און שריפטען, קעגען „דער פאַלשער תורה פון די רבנים". אַזאַ מין בעשולדיגונגס-בריעף האָט ער אַדרעסירט דעם רב הכולל פון קאַסטיליען, דעם דערמאָנטען ר׳ מאיר אַלגואַדעץ און אַנדערע געלערנטע. די אידישע געלערנטע זיינען ניט געבליבען הינטערשטעליג און האָבען פּאָלעמיזירט מיט'ן רענעגאַט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ קנאי פאַר דער קירך.

אַ שיינעם פּאָלעמישען בריעף קעגען פּאַבלאָ האָט אָנגעשריבען דער אידישער דאָקטאָר י ה ו ש ע ל ו ר ק י. נאָר אַזוי שטאַרק איז שוין געווען דעמאָלט די עפּידעמיע פון דער בגידה, אַז אויך דער דאָזיגער קעמפער פאַר דער יהדות האָט אין גיכען אַליין אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה, האָט זיך דערנעהענטערט צו זיינע געוועזענע געגנער און איז געוואָרען אַ פייערדיגער מקטרג אויף אידישקייט. ער האָט, משמעות, מקנא געווען פּאַבלאָ'ס הצלחה, וואָס האָט אַלץ מעהר זיך אַרויסגערוקט אַ דאַנק זיין מיסיאָנערישער טעטיגקייט און האָט אין גיכען בעקראָגען די שטעל פון ביסקופּ אין בורגאָס.

כל-זמן היינריך III האָט געלעבט, איז די אַגיטאַציע פון די פיינד פון אידישקייט געווען איינגעהאַלטען אין געוויסע גרעניצען; אָבער נאָך דעם דאָזיגען קיניגס טויט (1406), בשעת אָנשטאָט זיין יונגען זוהן יואן II האָט רע-

גירט אַ רעגענטשאַפט (צו דער רעגענטשאַפט האָט געהערט אויך די קיניגין-מוטער קאַטאַלינאַ, וואָס האָט, פונקט אזוי ווי אַלע קיניגליכע פרויען פון יענער עפּאָכע, געפיהלט אַ בעזונדער נטיה צו דער קלעריקאַלער פּאַרטיי), האָט די דאָזיגע רעליגיעזע אַגיטאַציע אָנגענומען אַ שאַרפען פּאָליטישען כאַראַקטער. דער ערציהער פונ'ם יונגען קיניג איז געווען פּאַבלאָ פון בורגאָס, וואָס האָט צוגלייך גענומען אַן אָנטייל אינ'ם ראַט פון דער רעגענטשאַפט.

דער ביסקופּ דער רודף-כבוד, וואָס איז איצט געזעסען ביים רודער פון דער רעגירונג, האָט געקאָנט זיך אָבגעבען איינגאַנצען זיין מיסיאָנערישער אַרבייט. קודם כל האָט ער זיך געמיהט צו דערווייטערן דעם קעמפער פאַר די אידישע אינטערעסען, דעם רב הכולל פון קאַסטיליען, ר' מאיר אלגודעץ, וואָס ער האָט איהם פיינט געהאַט. מחמת דעם בלבול, וואָס מען האָט געמאַכט קעגען עטליכע אידען אין סעגאָוויאַ, אַז זיי זאָלען האָבען פערשוועכט אַ קירכליכע האָסטיע, האָט מען געכאַפּט אַלגואַדעצ'ן און געפייניגט מיט עינויים קשים. מען דערציילט, אַז אַלגודעץ האָט ניט געקאָנט איבערטראָגען די עינויים און האָט אויפ'ן פערלאַנג פון די פייניגער זיך מודה געווען, אַז ער, אַלס לייב-דאָקטאָר, זאָל זיין שולדיג אין דעם פריהצייטיגען טויט פונ'ם קיניג היינריך III. אויפ'ן סמך פון אַזעלכע בעווייזען האָט מען אַלגואַדעצ'ן בעשטראָפט מיט טויט. דעמזעלביגען סוף האָבען אויך געהאַט די בעשולדיגטע סעגאָוויער אידען, און די שול אין סעגאָוויאַ איז איבערגעמאַכט געוואָרען פאַר אַ קירך.

אַז ביים הויף איז שוין קיינער ניט געווען, ווער עס זאָל זיך איינשטעלען פאַר אידען, האָט קעגען זיי אָנגעהויבען אַרבייטען די אידענפיינדליכע פּאַרטיי. דער רעגירונג האָט מען איינגערעדט, אַז די אידען זיינען געפעהרליך אין דעם פרט, וואָס זיי ריידען אָב פון קאַטוילִיציזם זייערע געוועזענע גלויבענסברידער, וואָס האָבען זיך גע'שמד'ט, און דערפאַר בעדאַרף מען אויספרישען די קאַנאָנישע געזעצען קעגען די דאָזיגע קאָנקורענטען פון דער קירך. אין יאָהר 1412 איז געוואָרען אַרויסגעגעבען אַ קיניגליכער עדיקט, וואָס פערדיענט פולקום דעם נאָמען „עדיקט פון אומטאָלעראַנץ". אינ'ם דאָזיגען עדיקט ווערען אַוועקגעשטעלט אַלע קאַסטילישע אידען אויפ'ן מעמד פון אַ רעכטלויזער קאַסטע. די אידען איז ערלויבט געוואָרען צו וואוינען אין די שטעדט ניט אַנדערש, ווי אין בעזונדערע קוואַרטאַלען; זיי איז פערבאָטען געוואָרען זיך אַריבערצוקלייבען פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער, צו פערנעמען זיך מיט פרייע פּראָפעסיעס און דאָקטאָרשער פּראַקטיק, האַנדלען מיט קריסטען, האַלטען קריסטען ביי זיך אין דיענסט. ביי די אידישע קהילות איז אָבגענומען געוואָרען דאָס רעכט צו האָבען זייער אייגענעם געריכט, סיי אַ קרימינעלען און סיי אַ ציווילען. אויך איטליכען אידען איז געוואָרען אַרויפגעלייגט אַ חוב צו טראָגען בעזונדערע קליידער, לאַנגע רעק פון גראָבע געוואַנט, און אויך אַ פאַרביגען „אידישען צייכען". עס איז זיי פערבאָטען געוואָרען צוצולייגען צו זייערע נעמען דעם שפּאַנישען טיטעל דאָן (האַר), צו טראָגען געוועהר און אַפילו צו גאָלען די באָרד. ווען מען האָט בעמערקט ביי אַ אידען אַ נטיה צו עמיגרירען פון קאַסטיליען אין

אַן אַנדער לאַנד, האָט מען איהם בעשטראָפט דערמיט, וואָס מען האָט קאָנפיס־קירט זיין אייגענס, און ער איז דערקלערט געוואָרען פאַר'ן קיניגס לייב־קנעכט.

דורך די דאָזיגע אכזריות'דיגע און בעליידיגענדע מיטלען האָט מען גע־וואָלט איינברעכען דעם שטאָלץ פון די שפּאַנישע אידען, אַראָבברייינגען זיי צו דער מדרגה פון פּאַריער, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד, און בעווייזען זיי, אַז נאָר די קירך קאָן זיי אויסלייזען פון אַזאַ שענדליכען לעבען. דער קיניגליכער עדיקט, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אונטער דער השפעה פון דער גייסט־ליכקייט, איז באמת געווען אַ שווערער נסיון פאַר יענע אידען, וואָס זיינען ניט געווען פעסט אין זייער גלויבען, אָדער פאַר אַזעלכע, וואָס האָבען ניט געקאָנט זיך צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז זיי זיינען רעכטלויזע און פערוואָרפענע מיט־גלידער פון דער בירגערליכער געזעלשאַפט.

צו פאַלשע צוריידענישען האָט מען נאָך מוסיף געווען ווילדע געוואַלד־טאַטען: די אידען האָט מען מיט איין האַנד געוואָלט אַריינרופען מיט גוטען אין קירך אַריין, און מיט דער אַנדערער האָט מען זיי געשלעפּט אַהין, שרע־קענדיג מיט רויבעריי און טויט. אין שפּאַניען האָט אין יענער צייט געאַרבייט אַ צווייטער מאַרטינעץ, אַ נייע „בייטש פאַר אידען", ווינצענץ פערער. דער דאָזיגער שטרייגער דאָמיניקאַנער־מאָנאַך, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ המון „פלאַגעלאַנטען" (וואָס שלאָגען זיך מלקות) און כדומה נאָך אַזעלכע ווילדע פאַנאַטיקער, איז אַרומגעגאַנגען איבער שפּאַניען, איטאַליען, פראַנקרייך און האָט געדרש'עט וועגען תשובה טון און וועגען „אמת'ער פרומקייט", וואָס בעדאַרף זיך אויסדריקען אין שנאה צו אַנדערשגלויביגע — אידען און מוסעלמאַנער. דער שמד פון אידען דורך סטראַשונקעס איז געוואָרען זיין מיסיע. מען האָט דערציילט, אַז אונטער פערער'ס ווירקונג האָט אַנומעלט זיך גע'שמד'ט פּאַבלאָ פון בורגאָס גופא, דער שפּעטערדיגער איינפלוסרייכער ביסקופּ. אין יעדען פאַל האָט דער ביסקופּ דער רענעגאַט זיך צוזויפגערעדט מיט'ן דאָמיניקאַנישען וואַנ־דערנדען דרשן און האָט ענערגיש אונטערגעהאַלטען זיין מיסיאָנערישע טעטיג־קייט. אונטער דער השפעה פון דער דאָזיגער בכבוד'ער פּאָר איז אויסגעאַרבייט געוואָרען „דער עדיקט פון אומטאָלעראַנץ" פון יאָהר 1412, און עס איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרען אַ מיסיאָנערישע אַגיטאַציע אין גאַנץ שפּאַניען.

נאָר דאָס איז ניט געווען קיין אַגיטאַציע, נאָר אַן אמת'ע וואַקכאַנאַליע פון פערשיכר'טע און פערווילדערטע פאַנאַטיקער. בראש פון אַ באַנדע מאָנאַכען איז פערער געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פלעגט זיך אַריינרייסען מיט אַ צלם אין האַנד אין די שולען און מיט אַ דונער־קול פאָדערן פון די אידען, זיי זאָלען זיך לאָזען אָפּ'שמד'ען. בעזונדערס איז ער אָנגעפאַלען אויף די פריהערדיגע משומדים, די קרבנות פון די געוואַלדטאַטען פון יאָהר 1391, וואָס האָבען בע־האַלטענערהייד געהאַלטען אידישקייט. ער האָט זיי געשראָקען מיט אַלע שטראָ־פען פון הימעל און ערד, געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען עפענטליך תשובה טון און זיך אומקעהרען צוריק „אין שויס פון דער קירך". די ליידענשאַפטליכע רעדעס פערער'ס זיינען מעהר עהנליך געווען אויף די געשרייען פון אַ משוגענעם,

אידער אויף די רייד פון אַ גייסטליכען. דער קריסטליכער המון, וואָס איז געווען אויפגערייצט דורך זייגע רעדעס, איז שוין געשטאַנען גרייט זיך אַלאָז צו טון נאָכ׳ן ערשטען סיגנאַל אויף די פער׳עקשנ׳טע „פיינד פון קריסטוס׳ן״.

אַ שרעק איז אָנגעפאַלען אויף די אידען, וואָס האָבען נאָך געדיינקט די סעווילער הריגה. אַ סך קהילות פון קאַסטיליען זיינען אַריינגעפאַלען אַזוי ווי אין אַ בעלאַגערונגס-צושטאַנד. אין וואַלאַדאָליד, סאַלאַמאַנקא, סעגאָוויא, אַווילאַ, בורגאָס און אַנדערע שטעדט האָבען די אידען מחמת יאוש מאַסענווייז אָנגענומען קריסטענטום, און די „פאַלשע קריסטען״ האָבען תשובה געטאָן און צוגעזאָגט צו ווערען גוטע קאַטויליקען. שולען פלעגען דאָ איבערגעמאַכט ווערען פאַר קירכען. העכער צעהן טויזענד אידען זיינען דעמאָלט געווען געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון זייער רעליגע (1413 — 1414). איינינע האָבען זיך אַרויסגעראַטעוועט דורך אַזאַ שריט פון הריגות און פאָגראָמען, אַנדערע — פון אַ שענדליכען, קנעכטישען לעבען, וואָס דערצו האָט זיי פערמשפט דער עדיקט פון יאָהר 1412. דורכדעם וואָס זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון אידישקייט, זיינען די מענשען פון דער לעצטער קאַטעגאָריע ממילא אַריבערגעגאַנגען פון אַ רעכטלויזער סביבה אין אַ געזעלשאַפט פון פרייע בירגער, וואו אַ סך האָבען לויט זייערע פעהיגקייטען און בילדונג געקאָנט פערנעמען הויכע ערטער. דער נסיון איז געווען גרויס — און ניט אַלע האָבען געקאָנט איהם ביישטיין.

אַ אידישער שריפטשטעלער פון יענער צייט ר׳ שלמה אלמי ווייזט אָן מיט ביטערניש אויף יענער דעמאָראַליזאַציע אין געוויסע שיכטען פון אידישען פאָלק, וואָס האָט געמאַכט מעגליך אַזעלכע מאַסען-שמד׳ען. אין זיין „אגרת המוסר״ (1415) בעהויפטעט ער, אַז דער טרוקענער רעליגיעזער פאָרמאַליזם פון די רבנים פון איין זייט און די פילאָסאָפישע חקירות פון די פריידייבקער פון דער אַנדער זייט — האָבען דערשטיקט אין פאָלק דעם אמת׳ען רעליגיעזען געפיהל; די מדות זיינען שטאַרק פערדאָרבען געוואָרען אדאַנק דער פערשווענדעריי און צולאָזענקייט פון די אידישע גבירים און שרים, וואָס חנפ׳ען זיך צו צו די שפּאַנישע גראַנדען, הגם יענע שטופּען זיי אָב פון זיך; די נאַציאָנאַלע אחדות פון אידען איז שוואַכער געוואָרען, און די אומגליקליכע לאַגע פון איין קהילה רופט ניט אַרויס קיין מיטגעפיהל אין דער אַנדערער, אין דער צייט וואָס די אידענפיינד האַלטען די אידען פאַר סאָלידאַריש און עוולות פון איינצעלנע יחידים שטעלען זיי אַוועק אויפ׳ן חשבון פונ׳ם פאָלק. די רייכע אידען, וואָס זיינען געוויהנט צו אַ גוט לעבען און צו גרינגע פערדיענסטען, זיינען פערטומעלט דורך די נייע רעכטליכע בעגרעניצונגען און צרות; דערפון נעמען זיך די מאַסען-שמד׳ען, די בגידה קעגען דער נאַציאָנאַלער פאָהן, וואָס ווערט טיילמאָלס פון אַ געצוואונגענער און פערשטעלטער אַ פרייוויליגע און דעמאָראַליזירט שטאַרק די איבערלויפער.

דער ויכוח אין טאָרטאָזאַ (אַראַגאָניען).

§ 151. וואָס מעהר הצלחה עס האָבען געהאַט ווינצענץ פערער און זיין חבריה אין זייער אָנקלייבען „געטרייע זיהן פאַר דער קירך” דורך געוואַלדטאַטען און טעראָר, אַלץ מעהר איז געוואַקסען זייער אַפּעטיט. דער גורל פון די קאַסטילישע אידען האָט אויך געטראָפען זייערע אַראַגאָנישע ברידער. אין אַראַגאָניען פלעגט מען די אידען איבערגעוואַלד צונויפטרייבען צו הערען די ווילדע רעדעס פון׳ם בלוטדאָרשטיגען אַפּאָסטעל. אויך דאָ האָבען נאָך פערער׳ס אָנקומען עטליכע טויזענד אידען זיך גע׳שמד׳ט אין סאַראַגאָסאַ, טאָרטאָזאַ, וואַלענסיאַ און אויפ׳ן איבּוּעל מאַיאָרקאַ.

נאָר דערמיט האָבען זיך נאָך ניט בּעגענוגענט די טוער אין פרט פון שמד׳ען די „אומגלויביגע”. אין דער צייט וואָס פערער האָט טעראָריזירט די אידען דורך זיינע העצערישע רעדעס, האָט דער אווינ׳אָנער פויפסט בענעדיקטוס XIII געקעמפט מיט אידישקייט אויף אַנדערע אופנים. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער אַלטער פּאָליטיק, וואָס איז בעשטאַנען דעריין, אַז מען בעדאַרף אַפריהער מנצח זיין די יהדות אין אַן עפענטליכען ויכוח מיט רבנים און דערנאָך פאָדערן פון די „בעזיגטע”, זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, דאָס הייסט זיך שמד׳ען.

בענעדיקטוס XIII, איינער פון די דריי פּרעטענדענטען אויפ׳ן פויפסטליכען שטול, האָט זיך געפונען דעמאָלט אין אַ שלעכטער לאַגע. די קירכען-פערזאַמלונג אין פּיזאַ האָט אָפּגענומען ביי איהם דעם טיטעל און אַפילו אויסגעשלאָסען איהם פון דער קירכליכער געמיינדע; אין שפּאַניען, אין דעם דאָזיגען פּרעטענדענטס פאָטערלאַנד, האָט מען איהם אָבער נאָך אַלץ אָנערקענט פאַר אַ פויפּסט. בכדי אויפצוריכטען זיין געפאַלענעם אַווטאָריטעט, האָט בענעדיקטוס בעדאַרפט ניט אַנדערש ווי מאַכען זיך אַ רעקלאַמע און פער׳חידוש׳ען די גאַנצע קריסטליכע וועלט דורך אַ זעלטענער מעשה-גבורה, — און צי דען קאָן מען זיך פאָרשטעלען אַ גרעסערע גבורה, אַ גרעסערן נצחון, איידער אָבצושמד׳ן אידען, וואָס דאָס איז געווען דער איניגסטער חלום פון דער מיטעלאַלטערליכער קירך.

דעם געדאַנק וועגען אַרויסרופען די אידען אויף אַן עפענטליכען ויכוח האָט בענעדיקטוס׳ן אַיינגעגעבען זיין דאָקטאָר, דער אויבען-דערמאָנטער משומד יהושע לורקי, וואָס האָט אָנגענומען ביים שמד דעם נאָמען געראָנימאָ דע סאַנטאַ-פע (די אידען האָבען איהם געגעבען אַ צונעמעניש מגדף, ד. ה. גאָטסלעסטערער, לויט די ראשי תבות פון׳ם דאָזיגען נאָמען). דער דאָזיגער מענש, וואָס ניט לאַנג ערשט האָט ער נאָך געשטריטען פאַר׳ן גלויבען פון זיינע עלטערן, האָט איצטער געמאַכט שותפות מיט זיינע אונטערדריקער און האָט גענומען אויף זיך די התחייבות צו פערטיידיגען איצט דאָס, וואָס ער האָט פריהער געמאַכט צו שאַנד. ער האָט זיך אָנגענומען מנצח צו זיין די רבנים דורך ראיות פון דער אידישער ליטעראַטור גופא און האָט אַליין צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן פון׳ם ויכוח. לויט דעם דאָזיגען פּלאַן, האָט מען פריהער בעדאַרפט

בעווייזען, אַז אויך אין תלמוד בעגעגענען זיך אויסדרוקען, וואָס זאָגען עדות, אַז משיח איז שוין געקומען; אויב די רבנים וועלען זיך אַרויסזאָגען קעגען דער דאָזיגער מיינונג, דעמאָלט האָט געראָנימאָ בעדאַרפט אומבייטען די טאַקטיק און בעווייזען, אַז דער תלמוד איז אַ שעדליכער ספר, וואָס איז פול מיט חלול הקדש, און זיינע אָנהייגער קאָנען ניט געדולדעט ווערען אין אַ מלוכה.

צום סוף פון יאָהר 1412 האָט בענעדיקטוס מיט׳ן הסכם פונ׳ם קיניג פון אַראַגאָניען פונאַנדערגעשיקט די אָנגעזעהענסטע רבנים און פרנסים פון די אידישע קהילות אין אַראַגאָניען אייַנלאַדונגען — צו קומען אין דער שטאָדט טאָרטאָזאַ, בכדי צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם רעליגיעזען ויכוח; פאַר׳ן ניט קומען צום בעשטימטען טערמין האָט די רעגירונג געשראָקען מיט די האַרבסטע שטראָפען. די אידישע קהילות זיינען געווען געצוואונגען צו פאָלגען דער אייַנלאַדונג, הגם זיי האָבען פערשטאַנען די אמת׳ע פלענער פון די אויפטוער פונ׳ם ויכוח. מען האָט געשיקט קיין טאָרטאָזאַ צוויי-און-צוואַנציג דעלעגאַטען, וואָס די גרעסטע פון זיי זיינען געווען: ר׳ ווידאַל בנבנישתי אבן לבי פון סאַראַגאָסאַ, פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפחה, אַ דאָקטאָר און פאָעט; דער בעריהמטער פילאָסאָף און טעאָלאָג ר׳ יוסף אלבו פון מאָנרעאַל; ר׳ זרחיה הלוי סאַלאַדין פון סאַראַגאָסאַ, וואָס האָט איבערזעצט פילאָסאָפישע ווערק פון אַראַביש; בן-אסתרוק פון געראָנאַ, וואָס איז געווען זייהר געניט אין טעאָלאָגישע ויכוחים.

אין פעברואַר פון יאָהר 1413 האָט זיך אָנגעהויבען דער בעריהמטער ויכוח אין טאָרטאָזאַ, וואָס האָט געדויערט אינאיינעם מיט די הפסקות אַ יאָהר מיט נײַן חדשים און וואָס האָט פערנומען 69 זיצונגען. דער ויכוח איז געווען אייַנגעאָרדענט זייהר פייערליך. פאָרזיצענדער איז געווען על-פי-רוב דער פּריסטער בענעדיקטוס XIII גופא, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט פון וועלטליכע בעאַמטע, ביסקופען און גראַנדען; דער הויפט-אָנטייל אין די ויכוחים מיט די רבנים האָט גענומען גערעאָנימאָ דע סאַנטאַ-פע. ער האָט מיט עזות בעוויזען די ריכטיגקייט פון די קאַטוילישע דאָגמעס דורך מאָדנע אייַנטייטשונגען פון פערשיידענע אויסדרוקען אין תנ״ך און אין דער תלמודישער אגדה *), נאָר ער האָט שטענדיג בעגעגענט אַ ווידערשטאַנד מצד די אידישע אָפּאָנענטען, וואָס האָבען אָבער זיך מתוכח געווען זייהר פאָרזיכטיג און אייַנגעהאַלטען אין האָבען נאָר זעלטען געברויכט אַ שאַרפען אויסדרוק. זיי זיינען געווען אייַנשטימיג אין זייערע ענטפערן. מעהר ניט בשעת מען האָט געשמועסט וועגען עטליכע שמריי-טיגע מימרות פון דער אגדה, וואָס אויף זיי האָט זיך גערעאָנימאָ סומך געווען, זיינען געווען חילוקי-דעות צווישען די דעלעגאַטען. דער גרעסטער טייל פון זיי, וואָס זיינען געווען פריידיינקער, האָבען זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז אין

*) אזוי למשל האָט ער, כדי צו דערווייזען, אז משיח איז שוין געקומען אין קריסטוס׳ס צייט—זיך סומך געווען אויף דער תלמודישער אגדה: „די וועלט שטייהט שוין זעקס טויזענד יאָהר: די ערשטע צוויי טויזענד—תהו ובהו; די ווייטערדיגע צוויי טויזענד—תורה; די לעצטע צוויי טויזענד—משיח׳ס צייטען“.

די מימרות פונ׳ם לעגענדאַרישען טייל פון תלמוד זיינען אידען ניט מחויב צו גלויבען; די קאָנסערוואַטיווע דעלעגאַטען אָבער, ווידאַל און אלבו, האָבען בע-הויפטעט דורכאויס, אַז די דאָזיגע מימרות זיינען הייליג.

דער פויפסט פלעגט אָפט בייטען זיין טאַקטיק: אַמאָל פלעגט ער זיך בעגייהן מיט די אידישע דעלעגאַטען ווייך און האָט זיי ערלויבט צו ריידען פריי וועגען די דאָגמעס פון דער רעליגיע, אַמאָל אָבער פלעגט ער זיך ניט קאָנען בעהערשען, בשעת ער פלעגט הערען טענות, וואָס האָבען איהם ניט געשמעקט, און פלעגט זיך בייזערן אויף די אָפּאָנענטען. זעהענדיג, אַז ניט מיט גוטען און ניט מיט בייזען קאָן מען ניט איינברעכען די עקשנות פון די רבנים, האָט בענעדיקטוס געפּרובט צו ווירקען אויף זיי דורך אַ פייערליכער דעמאָנ-סטראַציע. ער האָט געהייסען בריינגען צופיהרען קיין טאָרטאָזא יענע אידען, וואָס ווינצענץ פערער׳ס טעראָר האָט זיי געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון אידיש-קייט, און דאָ אויפ׳ן אָרט פון ויכוח פייערליך אויספיהרען איבער זיי די צע-רעמאָניע פון שמד. דורכדעם האָט ער געוואָלט בעווייזען די רבנים, אַז אַ סך קהילות זיינען שוין פערלאָרען געגאַנגען פאַר דער אידישקייט און אַז די יהדות האָט שוין אויף דער העלפט פערשפּיעלט. נאָר אויך די דאָזיגע דעמאָנסטראַציע האָט ניט געווירקט אין דער געווינשטער ריכטונג אויף די אידישע אָנטיילנעמער אין׳ם ויכוח, הגם זי האָט זיי אָנגעטאָן גרויסע מאָראַלישע יסורים.

צום גרויסען בעדויערן פונ׳ם פויפסט בענעדיקטוס און פון זיינע געזינונגס-חברים, האָט דער עפענטליכער ויכוח, וואָס האָט געדויערט כמעט צוויי יאָהר, ניט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען. פון די אידישע אָנטיילנעמער אין׳ם ויכוח האָט קיינער זיך ניט אָנערקענט פאַר בעזיגט — און אויף דער נאָהענט-סטער קירכען-פערזאַמלונג אין קאָנסטאַנץ האָט בענעדיקטוס ניט געקאָנט זיך גרויסען דערמיט, אַז ער האָט געצוואונגען די פאַרשטייהער פון דער אידישקייט זיך אונטערצוגעבען. האָט דער צערייצטער פויפסט אויסגעלאָזען זיין כעס אין דער אכזריות׳דיגער בולע קעגען אידען, וואָס ער האָט פערעפענטליכט (מאַי, 1415). אין איהר איז בעפויהלען געוואָרען: אויפצוזוכען און פערטיליגען די עקזעמפּלאַרען פונ׳ם גאָטס-לעסטערישען תלמוד און אויך פון די פּאָלעמישע ספרים קעגען קריסטענטום; איבערלאָזען די אידען אין איטליכער שטאָדט נאָר איין בעשיידענע שול, ניט דערלאָזען קריסטען, זיי זאָלען טון אידען אפילו קליינע טובות, אַשטייגער ווי אָנצינדען אָדער אויסלעשען ביי זיי פייער, הייצען די אויוענס אום שבת; צווינגען די אידען צו הערען די דרשות פון קריסטליכע מיסיאָנערען ניט ווייניגער, איידער דריי מאָל אין יאָהר, דערביי בעדאַרף דער אינהאַלט פון די דרשות זיין צוגעפּאַסט צו בעווייזען די פאַלשקייט פון די „אידישע פערבלאָנדזשעני׳שען״; נאָר בנוגע צום איבערגעוואַלדיגען שמד דורך הריגות און פּאָגראָמען האַלט די בולע, אַז ס׳איז ניט כדאי זיך פערנעמען דערמיט.

נאָר ס׳איז ניט בעשערט געווען, אַז די דאָזיגע שטריינגע מיטלען זאָלען פערווירקליכט ווערען. אין דער צייט וואָס בענעדיקטוס איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען פון די כלים „צוליעב דעם כבוד פון דער קירך״, האָט די קירכען-פערזאַמלונג

אין קאָנסטאַנץ איהם ווידער אַראָבגעזעצט פון פּויפּסטליכען שטול, און פאַר אַ פּויפּסט איז אויסגעקליבען געוואָרען מאַרטין V, וואָס האָט זיך בעציגען צו אידען מיט גרויס סבלנות (1415). פונ׳ם אַראָבגעזעצטען בענעדיקטוס׳ן האָבען זיך אָבגעקעהרט אַפילו זיינע פריהערדיגע אָנהייגער, דער בּיסקופ פּאַבלאָ פון בורגאָס און ווינצענץ פערער. דער לעצטער איז שאַרף אַרויסגעטראָטען אין זיינע דרשות קעגען „דעם פערדאַרבענעם און צביעות׳דיגען פּויפּסט". איבערי־גענס, האָט פערער גופא און זיין באַנדע פלאַגעלאַנטען געקראָגען פון דער קאָנסטאַנצער קירכען-פערזאַמלונג, אָנשטאָט שבחים, זייער ניט קיין שיינע אַטעסטאַציע. בענעדיקטוס׳עס קרעאַטור, יהושע לורקי אָדער גערנימאָ דע סאַנטאַ-פע, איז אַראָב פון סצענע און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך מעהר ניט אַ ווערק „געגען די פאַלשע אמונות פון אידען", וואָס אין איהם זיינען פאַרהאַן אַ סך אַפּאָלאָגעטישע קוריאָזען, טיילמאָלס זייער ניט קיין אָנשטענדיגע (למשל, דער בעוויז פאַר דער דאָגמע פונ׳ם אומבעפלעקטען הריון פון אַ פסוק פון יחזקאל, קאַפּ. מ"ד, 2). לויט דער בקשה פון אידישע דעפּוטאַציעס פון איטאַליען, דייטש־לאַנד און שפּאַניען, האָט דער פּויפּסט מאַרטין דער V-טער פערעפענטליכט אַ בולע, וואָס האָט פערבאָטען יעטווידער מעשה-אונס קעגען דער פערזאָן און קעגען געוויסען פון אידען, „וואָרום אידען זיינען בעשאַפען לויט׳ן צלם אלהים און דער רעשט פונ׳ם דאָזיגען פאָלק וועט אַמאָל זוכה זיין צו גאָטס גענאָד".

די אויפריכטונג פון דער געמיינדע-אָרדענונג אין קאַסטיליען.

§ 152. נאָך די איבערגעלעבטע מהומות און אומרוהען האָבען די קאַס־טילישע אידען זיך אָבגערוהט אויף אַ קורצע צייט. די קלעריקאַלע רעגענטשאַפט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער פרומער קיניגין און פון דעם בּיסקופ דעם רענעגאַט, איז אָבגעשאַפט געוואָרען, און דער קיניג פון קאַסטיליען יואַן דער II-טער האָט אָנגעהויבען זעלבשטענדיג רעגירען איבער דער מלוכה (1420). דער פיהרער פון דער אינעווייניגסטער פּאָליטיק איז גע־וואָרען דעם קיניגס הויפּט-בעל-יועץ, אַלוואַראָ דע-לונאַ, אַ ליבעראַלער בעאַמטער, וואָס האָט פערשטאַנען די גאַנצע שעדליכקייט פונ׳ם קלעריקאַלען רעזשים פאַר דער מלוכה.

די טרויעריגע רעזולטאַטען פון דער עפּאָכע פונ׳ם קירכליכען טעראָר (1391—1415) זיינען געווען דייטליך צו זעהן: הונדערטער אידישע קהילות זיינען חרוב געוואָרען, יענע אינדוסטריע-צווייגען, וואָס האָבען זיך געפונען אין די הענד פון די גערודפ׳טע אידען און מוירען, זיינען געפאַלען, די מלוכה־פינאַנסען, וואָס זיינען פריהער געווען פעסט און געשטאַנען אויף דער געהעריגער הויך אַ דאַנק די המצאות און אויפטועכצען פון די אידישע אָבצאָהלונגס-חוכרים און באַנקירען — זיינען איצט פערפלאָנטערט געוואָרען. הגם דעם „עדיקט פון אומטאָלעראַנץ" פון יאָהר 1412 האָט מען ניט זייער שטרייננ אָבגעהיט, פונדעסט־וועגען האָט ער געהאַט גענוג קראַפט, בכדי אָבצוהאַלטען די עקאָנאָמישע ענט־וויקלונג פון לאַנד, צום שאָדען פון די אַלגעמיינע אינטערעסען.

דאָס האָט פערשטאַנען די קאַסטילישע רעגירונג — און זי האָט בעשלאָסען ווידער איינצופיהרען דעם אינעווייניגסטען שלום אין לאַנד. זי האָט צוריק אומגעקעהרט די אידען זייערע פריהערדיגע רעכט, האָט צוגעצויגען עטליכע ענערגישע קאַפּיטאַליסטען פון צווישען זיי צו נעמען אַן אַנטייל אין די חבירות פון די קרוינישע הכנסות און האָט געגעבען די אידישע קהילות די מעגליכקייט ווידער אויפצוריכטען זייער זעלבסטפערוואַלטונג.

אַ בעדייטענדען איינפלוס ביים הויף האָט געקראָגען דער אידישער כלל-טוער ר' אברהם בנבנישתי (1390 — 1456), וואָס האָט געקראָגען דעם טיטעל רב הכולל פון די קאַטוילישע קהילות אָדער „דער רב פון קיניגליכען הויף“. ער האָט אָפיציעל פערוואַלטעט איבער די ענינים, וואָס זיינען שייך צו דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג ביי אידען, און האָט אויך אויסערפילט די פונקציעס פון אַן אויבערשטען דיין אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען (די געריכטליכע אויטאָנאָמיע, וואָס מען האָט געהאַט פריהער אָבגענומען ביי די אידען, האָט מען זיי איצט צוריק אָוועקגעגעבען).

ר' אברהם בנבנישתי האָט געהאַט פאַר זיך אַ שווערע אויפגאַבע: ער האָט געמוזט אויפבויען פון דאָס ניי די גאַנצע געזעלשאַפטליכע און גייסטליכע אָרדענונג פון'ם אידישען לעבען, וואָס איז געווען איינגעפאַלען מחמת דער גאַנצער שורה רדיפות און פּאָגראָמען. אין אַ סך ערטער איז געווען ווינציג שולען אויף צו דאַווענען, וואָרום בשעת דעם טעראָר האָט מען אַ סך שולען איבערגעמאַכט פאַר קירכען. די געזעלשאַפטליכע דיסציפּלין איז פערשוואונדען, די רעליגיעז-עטישע יסודות זיינען געווען אונטערגעגראָבען, אומעטום האָט געהערשט אייגענוויליגקייט און צולאָזענקייט. מענשען, וואָס האָבען געהאַט אָנגעקליבען גרויסע עשירות, האָבען געלעבט צוליעב זייער הנאה וועגען, זיינען געווען אריינגעטאָן אין לוקסוס און האָבען דורכדעם דערוועקט קנאה מצד די קריסטען; די מאַסע ווידער איז געווען פעראָרימט און איינגעזונקען אין עם-הארצות. די חדרים זיינען געווען ליידיג, די יוגענד האָט ניט געקראָגען קיין געהעריגע ערציהונג און איז דעמאָראַליזירט געוואָרען, עס האָבען זיך פערמעהרט מוסרים און מענשען מיט פינסטערע פּרנסות.

דאָס אַלץ האָט בעוואויגען ר' אברהם בנבנישתי צונויפצורופען מיט'ן קיניגס ערלויבעניש אַ צוזאַמענפאָהר פון רבנים און פּרנסים אין וואַלאַדאָליד (1432). אויף דעם צוזאַמענפאָהר זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען גענויע תקנות וועגען דער אָרדענונג פון די אידישע קהילות אין קאַסטיליען. אַלס יסוד פאַר די וואַלאַדאָלידער תקנות האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געדיענט די פריהערדיגע קאָנסטיטוציעס פון די אויטאָנאָמע אידישע קהילות, נאָר צו זיי האָט מען מוסיף געווען נייע תקנות, לויט ווי די צייט האָט דאָס געפאָדערט. לויט דער גרונד-קאָנסטיטוציע האָבען איבער די ענינים פון איטליכער געמיינדע אָדער קהל פערוואַלטעט אויסגעקליבענע פאָרשטייהער אָדער „אָפיציאַלען“, וואָס זיינען געווען איינגעטיילט אין עטליכע קלאַסען לויט זייער סאָרט אַרבייט: גובה'ס, קאַסירען, מורשים, רעוויזאָרען. די גייסטליכע קאָלעגיע איז בעשטאַנען פון אַ

רב און דיינים. ביים בעטראַכטען ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסען אין די זיצונגען פון דער גייסטליכער קאָלעגיע, וואָס האָט געהאַט אַלע געריכטליכע פולמאַכטען, האָבען גענומען אַן אָנטייל אויך וועלטליכע מיטגלידער פון דער געמיינדע-פערוואַלטונג. דער העכסטער פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער געריכטס-פערוואַלטונג איז געווען דער אויבערשטער דיין. די דאָזיגע שטעל האָט דע-מאָלט פערנומען „דער רב פון קיניגליכען הויף“, ר׳ אברהם בנבנישתי.

דער צוזאַמענפאָהר אין וואַלאַדאָליד האָט אָנגענומען אַ רייה מיטלען, בכדי צו בעפעסטיגען דעם אויטאָריטעט פון די רבנים און דיינים, צו פערשטאַרקען דעם שטודיום פון׳ם תלמוד און איינצואָרדענען די ערציהונג פון דער יוגענד. פאַר אַ מסירה זיינען איינגעשטעלט געוואָרען זייהר האַרבע שטראָפען. ס׳איז פערבאָטען געוואָרען אידען און בעזונדערס פרויען זיך צו פוצען אין טייערע בגדים, צו טראָגען זיידענע קליידער מיט שלעפּעס, פעריל, בראָנזעלעטען, און בכלל צו לעבען אין אָפענעם לוקסוס, וואָס האָט דערוועקט די קנאה פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג.

די קלעריקאַלע אידענפיינדליכע פּאַרטיי האָט געקוקט מיט אומרוהיגקייט דערויף, וואָס עס זיינען בעסער געוואָרען די בעציהונגען פון דער רעגירונג צו די אידען און וואָס עס איז אויפגעריכט געוואָרען די זעלבסטפערוואַלטונג פון׳ם קהל. איהר פּלאַן צו פערטיליגען די אידען אין שפּאַניען האָט בעגעגענט מניעות, — און זי האָט געמוזט אויפפרישען איהר פינסטערע אַגיטאַציע. די דאָ-זיגע אַגיטאַציע האָבען איצט געפיהרט די זיהן פון׳ם משומד פּאַבלאָ פון בור-גאָס, וואָס איינער פון זיי, אַלפאָנזאָ פון קאַרטאַגענאַ, האָט גערירש׳עט נאָכ׳ן פאָטער די שטעל פון אַ בישאָף אין בורגאָס.

בשעת אַלפאָנזאָ איז געווען אַלס דעפוטאַט פון דער קאַסטילישער גייסט-ליכקייט אויף דער באַזעלער קירכען-פערזאַמלונג, האָט ער דאָרט אויפגעהויבען די „אידען-פראַגע“, און דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, וואָס עס זיינען אויפגעפרישט געוואָרען די דערנידעריגענדע קאַנאָנישע געזעצען קעגען אידען (1434). צווישען אַנדערע זאַכען, איז ווידער אויפגעפרישט געוואָרען דער מאָ-ראַלישער דרוק, וואָס איז בעשטאַנען דערין, וואָס מען פלעגט צווינגען אידען צו הערען מיסיאָנערישע קירכליכע דרשות. דער בישאָף האָט אויך אָנגערייצט אויף אידען זיין גוטען פריינד, דעם פּויפּסט אייגעניוס IV, וואָס האָט בעשטעטיגט די החלטות פון דער קירכען-פערזאַמלונג אין אַ בעזונדער בולע, וואָס מען האָט עפענטליך בעקאַנט געמאַכט אין אַלע שטעדט פון קאַסטיליען.

די אידען האָבען ווידער געשוועבט אין אַ סכנה. די קאַטוילישע מאַסע האָט אונטער דער ווירקונג פון דער בולע אָנגעהויבען אָפען אַרויסצווייזען איהר שנאה צו די „אומגלויביגע“ און אויסמיידען איטליכע מגע-ומשא מיט זיי; די קריסטען, וואָס האָבען געדיענט ביי אידען, זיינען אַוועק פון זייערע בעלי-בתים, און די שטאָדט-פערוואַלטונגען האָבען אויסגעקלערט אונטערדריקונגס-מיטלען קעגען די מענשען, וואָס די קירך האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט אַ שאַנד-חותם.

ווי עס ווייזט אויס, האָבען די אידען זיך געווענדט מיט אַ בקשה וועגען שוץ צום קיניג יואַן II — און דער קיניג האָט פערעפענטליכט אַן עדיקט (1445), אין וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז די פּויפּסטליכע בולע שטעלט בשום אופן ניט אַוועק די אידען און די מוסעלמאַנער אויסערהאַלב דעם געזעץ און פערבאָט זיי ניט צו פערנעמען זיך מיט האַנדעל אָדער מלאכות אינאיינעם מיט קריסטען (ס'ווערען אויסגערעכענט די מלאכות: שניידעריי, שוסטעריי, וועבעריי, טעפּעריי און אַנד.). מעהר ניט היילען זיך ביי אידישע אָדער מוסעלמאַנישע דאָקטוירים בעדאַרף מען ניט דאָרט, וואו עס איז פאַרהאַן אַ מעגליכקייט צו בעגייהן זיך אָהן זיי, נאָר ביי געוויסע פּאָרזיכטס-מיטלען (אויב די רפואה מאַכט אַ קריסט) איז אויך דאָס ניט פערבאָטען. יואַן II האָט דערמאָנט די שטאָדט-פערוואַלטונגען, אַז די אידען און מוסעלמאַנער שטייהען אונטערן קיניגס שוץ און אַז פאַר'ן שטערען די אומבעריהרליכקייט פון זייער פערזאָן אָדער אייגענס וועט מען שטריינג בעשטראָפט ווערען. נאָר דעם געזעץ וועגען דעם, אַז אידען מוזען וואוינען אין בעזונדערע קוואַרטאַלען „צוליעב זייער אייגענער בעקוועמליכקייט", און מוזען טראָגען בעזונדערע קליידער אויף אָבצושיידען זיי פון קריסטען, איז געבליבען גילטיג.

די קירכען-פּאָליטיק איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין שפּאַניען, און אַפילו מלכים האָבען ניט שטענדיג געקאָנט זיך אַנטקעגענשטעלען קעגען איהר. אייגעניוס IV-טענס יורש, דער פּויפּסט ניקאָליוס V, האָט בעשטעטיגט די אַנטי-אידישע קירכליכע בולעס און האָט בעפוילען דער גייסטליכקייט בעזונדערס שטריינג אויפצופּאַסען, אַז די שפּאַנישע אידען, וואָס זיינען געוואָרען קריסטען, זאָלען ווידער ניט „אַרויפגעפיהרט ווערען אויפ'ן פאַלשען וועג" פון זייער פריהערדיגער אמונה (1451). דאָס איז געווען דער קערנדיל פון דער שפּעטערדיגער שפּאַנישער אינקוויזיציע.

די אידען אין פּאָרטוגאַל.

§ 153. די אומגליקס-עפּאָכע פון די יאָהרען 1391 — 1415 האָט צוערשט אַרויסגערופען צווישען אידען אַ מאַסען-עמיגראַציע פון שפּאַניען, ד. ה. פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען, וואָס זיינען געווען אַרומגענומען פונ'ם קלעריקאַלען טעראָר. די עמיגראַנטען האָבען זיך אַוועקגעלאָזט דער עיקר אין די דריי נאָהענטסטע פונקטען: קיין פּאָרטוגאַל, אין דער דרום-שפּאַנישער פּראָווינץ גרענאַדאַ, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין די הענד פון די מוירען, און אין די צפון-אַפריקאַנישע בערבערישע לענדער.

צום גרעסטען טייל זיינען די אידען געלאָפען קיין פּאָרטוגאַל, וואָס האָט זינט XIV יאָהרהונדערט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ גרויסע ראָל צווישען די מלוכות פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל. אידען האָבען דאָ זינט שנים קדמוניות בעלעבט רוהיג און האָבען מיטגעהאָלפען דער גיכער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג פונ'ם דאָזיגען לאַנד אויפ'ן ברעג ים. זינט דעם XIII יאָהרהונדערט האָבען

די אידישע קהילות אין פּאָרטוגאַל געהאַט זייער זעלבסטפערוואַלטונג. בראש פון אַלע די דאָזיגע קהילות איז געשטאַנען אַ רב הכולל (אַר-רבי-מאָר) — אַן אָפיציעלע פּערזאָן, וואָס האָט געהאַט אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע פולמאַכטען. זיינע בעפעהלען פלעגט ער חתמ'ען מיט אַ זיגעל, וואו עס איז געשטאַנען געשריבען: „אַר-רבי-מאָר, אינ'ם נאָמען פון מיין האַר דעם קיניג געשטעלט איבער די קהילות פון פּאָרטוגאַל און אלגאַרווי". אַלע יאָהר פלעגט דער רב הכולל אַרומפאָהרען איבער דעם ראַיאָן, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין רשות, בכדי צו רעווידירען די ענינים פון די קהילות און צו בעטראַכטען די בעזונדערס וויכטיגע געריכטליכע פּראָצעסען. אונטער איהם זיינען געשטאַנען די אָרטיגע רבנים און דיינים, וואָס האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פסק'ען ניט בלויז אין ציווילע, נאָר אויך אין קרימינעלע פּראָצעסען.

צום סוף פון XIV יאָהרהונדערט איז פּאָרגעקומען אַן עפּיזאָד, וואָס דורך איהם איז אַרויסגעקומען אַ פּאָליטישע, אָדער גענויער — אַ דינאַסטישע מחלוקת וועגען בעזעצען דעם פּאָסטען פון אַ רב הכולל אין פּאָרטוגאַל. בשעת עס איז געשטאָרבען דער קיניג פערדינאַנד (1383), וועלכער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין געזעצליכע יורשים, האָבען זיך בעוויזען צוויי פּרעטענדענטען אויף דער קרוין פון פּאָרטוגאַל: זיין אומגעזעצליכער זוהן יואַן דע-אַוויס און זיין איידעם, דער קיניג פון קאַסטיליען יואַן דער I-טער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט פערדינאַנד'ס טאָכטער בעאַטריסע. לכתחלה איז געשטאַנען אויפ'ן צד פונ'ם קיניג פון קאַסטיליען זיין שוויגער, די קיניגין-רעגענטין לעאָנאָרא; נאָר איין פאַל האָט געשטערט דעם שלום צווישען שוויגער און איידעם. בשעת דער דאָזיגער דינאַסטישער מחלוקת איז געווען ניט פערנומען דער פּאָסטען פון רב הכולל איבער אַלע קהילות פון פּאָרטוגאַל, וואָס פלעגט ווערען בעזעצט לויט דעם קיניגס בעשטימונג. אויף דעם דאָזיגען פּאָסטען זיינען געווען אויך צוויי פּרעטענדענטען: דאָן יהודה און ר' דוד נגרא, וואָס האָבען פערנומען ביים הויף פונ'ם פערשטאָרבענעם קיניג פערדינאַנד וויכטיגע פּאָסטענס אין דער פינאַנץ-פערוואַלטונג. די קיניגין-רעגענטין האָט געשטיצט דעם ערשטען קאַנדידאַט און האָט געבעטען איהר איידעם, ער זאָל בעשטימען פאַר אַ רב הכולל דאָן יהודה'ן; נאָר יואַן דער I-טער האָט שוין געהאַט, לויט דער פאָדערונג פון זיין פרוי בעאַטריסע, צוגעזאָגט די דאָזיגע שטעל ר' דוד נגרא און האָט אָבגעזאָגט דער שוויגער אין איהר השתדלות. דעמאָלט האָט די אויפגערעגטע לעאָנאָרא ערקלערט, אַז אויב דער איידעם זאָגט איהר איצט אָב אין אַזאַ קלייניגקייט, וועט ער דאָך, נאָכדעם ווי ער וועט קריגען די פּאָרטוגעזישע קרוין, ווירקען אייגענוויליג אויך אין וויכטיגערע ענינים, — און האָט איהם אָבגעזאָגט איהר פּאָליטישע אונטערשטיצונג. זי האָט אַפילו געמאַכט קעגען איהם אַ פערשווערונג, וואָס זי האָט אַריינגעצויגען אין איהר אויך דאָן יהודה, דעם פּרעטענדענט אויף דער שטעל פון רב-הכולל. נאָך אַ סך אינטריגעס און מחלוקת'ען האָט דער קיניג פון קאַסטיליען זיך געמוזט אָבזאָגען פון דער פּאָרטוגעזישער קרוין לטובת זיין קאָנקורענט.

די לאַגע פון אידען אין פּאָרטוגאַל איז אויך נאָך דער מעשה געבליבען

וונקס אַזוי גינסטיג, ווי פריהער. די קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391 האָט זיי ניט אָנגעריהרט. אין דעם דאָזיגען שרעקליכען יאָהר האָבען אַסך אידישע אַנטלאָפענע פון קאַסטיליען און אַראַגאָניען געפונען אַ מקום מנוחה אין פּאָרטוגאַל; די איבערגעוואַלד אָנגעשמד'טע האָבען דאָ אָנגעהויבען זָבען האַלטען זייער פריהערדיגע אמונה. פאַר אַזאַ אָבזאָגען זיך פון קאַטוליציזם האָט זיי געקומט אַ האַרבע שטראָף. נאָר דער רב הכולל פון פּאָרטוגאַל, ר' משה נאַוואַראָ, וואָס איז אויך געווען לייב־דאָקטאָר ביים קיניג יואַן דעם I־טען (דע־אַוויס), האָט פערהיט דעם אומגליק. ער האָט בעוויזען דעם קיניג צוויי בולעס, וואָס עס האָבען אַרויסגעגעבען די פּויפּסטען קלימענט VI און באָניפאַציוס IX וועגען דעם, אַז מען טאָר ניט איבערגעוואַלד אָבשמד'ען אידען. מחמת דעם האָט דער קיניג פערעפענטליכט אַ בעפעהל (1392), אַז די אידען, וואָס זיינען איבערגעוואַלד אָבגע'שמד'ט געוואָרען און האָבען דערנאָך זיך אומגעקעהרט צוריק צו זייער פריהערדיגער אמונה, זאָל קיינער ניט אָנריהרען; דעם אינהאַלט פון די פּויפּסטליכע בולעס איז בעפויהלען געוואָרען בעקאַנט צו מאַכען אומעטום.

בשעת דער בעריהמטער „בייטש פון אידען", ווינצענץ פערער, האָט זיך משתדל געווען צו בעקומען אַן ערלויבניש אויף צו קומען צו פאָהרען קיין פּאָרטוגאַל, בכדי צו האַלטען דאָרט זיינע העצערישע רעדעס, זאָל ער האָבען נעקראָגען פון קיניג אַן ענטפער, אַז ער קאָן קומען צו פאָהרען, אָבער נאָר מיט אַן אָנגעברענטער אייזערנער קרוין אויפ'ן קאָפּ.

איבעריגענס, היות ווי אין פּאָרטוגאַל זיינען אָנגעקומען אַסך שפּאַנישע אנוסים און זיינען אָפען איבערגעגאַנגען צו אידישקייט, האָט דער קיניג, מסתמא לויט דער פאָדערונג פון דער גייסטליכקייט, זומגעביטען דעם פריהערדיגען דעקרעט און האָט בעפויהלען, אַז די עמיגראַנטען, וואָס זיינען פריהער אָבגעשמד'ט געוואָרען לויט די צערעמאָניעס פון דער קירך, און דערנאָך זיינען זיי צוריק געוואָרען אידען, זאָלען בעשטראָפט ווערען, ווי אָבטריניגע פון דער אמונה. היות ווי בנוגע צו פריש אָנגעקומענע איז שווער פעסטצושטעלען אַזעלכע בעווייזען, בכן האָבען די אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען איבער די רדיפות, נאָך געקאָנט געפינען רוה אין פּאָרטוגאַל.

די ליטעראַטור: קרשקש, אלבו און די אַפּאָלאָגעטען.

§ 154. די אומרוהיגע עפּאָכע פון די רדיפות קעגען דער יהדות האָט אַרויפגעלייגט איהר חותם אויך אויף דער אידישער ליטעראַטור. די שטרעבונג צו גייסטיגער זעלבסטשוץ און זעלבסטאָבגרעניצונג בילדעט דעם כאַראַקטעריסטישען שטריך פון דער דאָזיגער ליטעראַטור. אָבצושאַצען די יהדות, אַלס אַ רעליגיעזע און פילאָסאָפישע וועלטאַנשויאונג, פון אַלע אַנדערע תורות און פעסטצושטעלען, אַז זי שטייהט העכער פון זיי — אָט דאָס איז דער ציעל, וואָס האָט בעגייסטערט די אידישע דיינקער אין יענער עפּאָכע, בשעת עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט ערקלערט אַ קריג אויף טויט דעם „אידישען

אומגלויבען". די דאָזיגע שיטה איז זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען מיט'ן רמב"ם'ס שיטה, וואָס האָט געוואָלט אָרגאַניש צונויפבינדען די סיסטעם פון דער יהדות מיט דער טעאָריע פון אַריסטאָטעלעס און פון דער אַלוועלטליכער פילאָסאָפיע. איצטער האָבען די דייגעקר, וואָס האָבען זיך געלאָזט פיהרען מעהר דורך פסיכאָלאָגישע מאָטיווען, איידער דורך פאָרמאַל'ע לאָגישע סברות, געפלייסט זיך איבערצורייסען דעם דאָזיגען בונד, וואָס איז לויט זייער מיינונג געווען אַ קינסטליכער, און פעסטשטעלען די פולקומע זעלבסטשטענדיגקייט פון דער יהדות.

די וויכטיגסטע פאָרשטייהער פון דער דאָזיגער נאַציאָנאַל-קאָנסערוואַטיווער ריכטונג זיינען געווען צוויי פילאָסאָפען — קרשקש און אַלבו, וואָס אין זייער לעבען האָבען די געשעהענישען פון די יאָהרען 1391 — 1415 איבערגעלאָזט אַ טרויעריגען רושם. ר' חסדאי קרשקש (1340 — 1410), וואָס האָט געוואוינט פריהער אין באַרצעלאָנאַ און דערנאָך אין סאַראַגאָסאַ, האָט געהאַט אין דער רבנישער וועלט אַ שם פאַר אַ גרויסען בר-סמכא און האָט גענומען אַ לעבהאַפטען אָנטייל אין די געזעלשאַפטליכע ענינים. אין יאָהר 1391, בשעת דער הריגה אין באַרצעלאָנאַ, האָט ער אָנגעוואָהרען זיין בן-יחיד, אַ שיינעם איינגליגג, וואָס האָט בעסער געוואָלט שטאַרבען, איידער אָננעמען די אמונה, וואָס די תליונים האָבען איהם געצוואונגען צו אָנצונעמען. אין אַ צירקולאַר-בריעף וועגען דער קאַטאַסטראָפע בעמערקט דער דערשלאָגענער פאָטער מיט דער ענוות פון אַ מערטירער: „מיין זוהן האָב איך אוועקגעגעבען גאָט, ווי אַ קרבן עולה. איך בין מקבל אויף זיך גאָטס גערעכטען משפט און טרייסט זיך דערמיט, וואָס אויף מיין זוהנ'ס חלק איז אויסגעפאַלען אַזאַ גליקליכער גורל".

זיין אייגענער אומגליק און די צרות פונ'ם כלל האָבען אָבער ניט געשטערט קרשקש'ן צו פערטיעפען זיך אין רעליגיעז-פילאָסאָפישע פאָרשונגען, נאָר אַ געוויסען רושם האָבען די צרות דאָך געמוזט לאָזען אויף זיין גייסט. אַלס אַ טיעפער קענער פון דער אַראַביש-אידישער פילאָסאָפיע, איז ער אַריין אין דער דאָזיגער בעסטונג מיט דעם צוועק, זי צו צעשטערען. נאָר ער האָט ניט געקעמפט קעגען דעם פילאָסאָפישען דענקען בכלל, נאָר מעהר ניט קעגען אַזעלכע אָנשויאונגען, וואָס זיינען פרעמד דעם גייסט פון דער יהדות און זיינען אַריינגעטראָגען געוואָרען אין איהר פון אויסווייניג.

אין זיין מערקווירדיגען חיבור „אור ה'" (גאָטס ליכט) צעשטערט ער שריט אויף שריט דעם גרויסאַרטיגען בנין פונ'ם רמב"ם, וואָס האָט קינסטליך צונויפגעפאָרט צוויי סותר'דיגע אַרכיטעקטור-סטילען — דעם גריכישען און דעם אידישען. ער לייקענט אין דער סכאָלאַסטישער דאָגמע, אַז אַריסטאָטעלעס האָט קיין מאָל קיין טעות ניט געהאַט, און בעווייזט, ווי שאַרף עס גייהט זיך פונאַנדער זיין טעאָריע וועגען גאָט, וועלט-בעשאַפונג, השגחה פרטית און אומשטערבליכקייט מיט דער תורה פון דער יהדות איבער די זעלביגע ענינים. קעגען די אָנהייגער פונ'ם דואַליזם, אַ שטייגער ווי אַלבלג, וואָס האָבען אָנערקענט אַ צווייענדיגען אמת — אַ פילאָסאָפישען און טעאָלאָגישען, טענ'ט קרשקש, אַז עס קאָנען ניט זיין קיין צוויי סותר'דיגע אמת'ען בנוגע צו איין און-דעם-זעלביגען

פונקט. אַ מענש, וואָס אָנערקענט די יהדות פאַר אַ געטליכער אַנטפּלעקונג, קאָן און מוז אין איהר גופא בעגריינדען על-פּי שכל אַלע זיינע גלויבונגען, און ניט אָננעמען זיי פון אויסווייניג. און די אייגענאַרטיגע פילאָסאָפיע פון דער יהדות האַלט, להיפוך צו דער שיטה פון אַריסטאָטעלעס-רמב"ם, אַז די העכסטע השלמה בעשטייהט ניט אין דיינקען און דערקענען, נאָר אין טעטיגער, אַקטיווער ליעבשאַפט צו גאָט, אַז דער מענש קאָן זיך דערנעהענטערן צו גאָט, צום מקור פון גוטס, נור דורך מדות טובות און ניט דורך אינטעלעקטועלער השתלמות. פון די צוויי ביבלישע צוויים: „דערקען דיין גאָט" און „זאָלסט ליעב האָבען גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען" – קלייבט אויס קרשקש די לעצטע, ניט אַזוי ווי אבן-דאוד און די שול פון די ראַציאָנאַליסטען (§ 93). ער גייהט אַרויס פון דער הנחה, אַז גאָטס השגחה שוועבט ניט בלויז אויף גאַנצע דורות, אויפ'ן לעבען פון דער מענשהייט בכלל, נאָר אויך אויפ'ן לעבען פון איטליכען איינצעלנעם מענשען. אַלצדינג ווערט געטאָן על-פּי הכרח, ווי ס'איז פון פריהער בעשטימט געוואָרען. די דאָזיגע פאָרבעשטימונג האָט אָבער געוויסע גרעניצען. גאָט פיהרט ניט די מעשים, נאָר בלויז די מחשבות פון מענשען. ווער עס פּאַסט צו זיינע מעשים צו גוטע מחשבות – דער ווערט בעלוינט; ווער עס טוט להיפוך – דער ווערט בעשטראָפט. בלייבענדיג אויפ'ן באָדען פון דער טראַדיציע, פערטיידיגט קרשקש אַפילו אַזעלכע גלויבונגען, וואָס שטאַמען ניט פון תנ"ך, נאָר פון תלמוד און פון די שפּעטערדיגע מסורות (למשל, די עקסיסטענץ פון שדים). נאָר פון זיין אָפּאָזיציאָנעלען שטאַנדפּונקט האַלט ער, אַז ער האָט דאָס רעכט צו מאַכען אַזאַ קל-וחומר: אויב די מיימוניסטען אָדער ראַציאָנאַליסטען מאַכען פאַר אַקסיאָמעס אַריסטאָטעלעס'עס חקירות, הייַנט פאַרוואָס-זשע זאָל דער מאמין ניט האַלטען פאַר אַקסיאָמעס די מסקנות פון די אַלטע אידישע חכמים, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין דעם וועלט-פּראָצעס ניט מיט ווינציגער טיעפקייט, איידער די ערשטע?

אין די וועגען פון קרשקש'ן איז אויך געגאַנגען זיין תלמיד ר' יוסף אלבו פון מאָנרעאַל, אין אַראַגאָניען (1380 – 1444), וואָס האָט גענומען אַן אָנטייל אינ'ם גרויסען טאָרטאָזער ויכוח און געזעהן מיט זיינע אויגען ווינצענץ פערער'ס טערער. אין זיין ספר וועגען דער דאָגמאַטיק פון דער יהדות „עיקרים" שטעלט זיך אלבו אַן אַפּאָלאָגעטישען ציעל: ער וויל בעווייזען ניט אַזוי דאָס, אַז די אַנטפּלעקונג שטייהט העכער פאַר'ן ראַציאָנאַליזם – די דאָזיגע אויפגאַבע האָט שוין אויסגעפילט זיין רבי – ווי דאָס, אַז די דאָגמעס פון דער יהדות שטייהען העכער פאַר די דאָגמעס פון די אַנדערע רעליגיעס. דערביי קריטיקירט ער ניט דירעקט די דאָגמאַטיק פון די אַנדערשגלויביגע, מעהר ניט ער טאַדעלט זיי אומדירעקט, דורך אַ גענויער בעשטימונג פון די „שרשים און ענפים" פון דער יהדות.

לויט אלבו'ס סיסטעם זיינען פאַרהאַן דריי הויפּט-עיקרים, וואָס אויף זיי האַלט זיך איטליכע רעליגיע: א) די עקסיסטענץ פון גאָט, ב) די אַנטפּלעקונג, ד. ה. די געטליכע אָבשטאַמונג פון די הויפּט-געזעצען, ג) שכר ועונש אויף יענער

וועלט. נאָר ניט אַלע רעליגיעס, וואָס אָנערקענען די דאָזיגע דריי אַלגעמיינע אמת׳ען, קאָנען גערעכענט ווערען פאַר ריכטיגע. ריכטיג איז נאָר די רעליגיע, וואָס אָנערקענט נאָך, חוץ די דאָזיגע הויפּטליכע „עיקרים״, נאָך די וואָרצלען פון צווייטער מדרגה (ש ר ש י ם) און די צווייגען, וואָס גייהען אַרויס פון זיי (ע נ פ י ם). למשל, דער הויפּט-עיקר שטעלט פעסט די עקסיסטענץ פון גאָט, נאָר ניט די אופנים, ווי אַזוי צו פעַרשטייהן די דאָזיגע עקסיסטענץ, וואָס ווערט בעשטימט שוין דורך די שרשים, און דאָס איז: אַז גאָט איז לחלוטין איינציג, אַז ער איז ניט קיין גוף, אַז ער איז ניט אָבהייגניג פון דער צייט, אַז ער איז אַ מושלם (דערמיט ווערט אָבגעלייקענט די דאָגמע פון דער דרייאייניגקייט, פון דער פערקערפּערונג וכדומה). דער אַנדער אַלגעמיינער עיקר — די דאָגמע וועגען דער אַנטפּלעקונג — בעקומט אַ בעשטימטהייט מעהר ניט דעמאָלט, בשעת מען אָנערקענט די ביבלישע נביאים פאַר די איינציגע פערמיטלער צווישען גאָט און מענשען, ווען מען אָנערקענט די אייביגקייט און די אַבסאָלוטע ריכטיגקייט פון תורת משה. אַלע פּראַקטישע חוקים און מצוות פון דער יהדות בילדען מעהר ניט ווי „צווייגען״, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען פון די דאָזיגע וואָרצלען. דער ציעל פון דער רעליגיע בעשטייהט ניט דער עיקר אין דעם, וואָס די נשמה וועט דערגרייכען די גרעסטע מדרגה פון השלמה אין פרט פון דערקענען גאָט, נאָר אין דעם, וואָס די נשמה וועט ווערען אויסגעלייטערט דורך מעשים טובים. די אָבהיטונג פון די רעליגיעזע דינים פיהרט צום דאָזיגען ציעל; פאַר׳ן מאמין דיענט דאָס אַלס ערציהונג, וואָס ווירקט מעהר, איידער די הויכע אָנשויאונגען פון די פילאָסאָפען.

ניט געקוקט אויף זיין גאַנצען קאָנסערוואַטיזם, האָט אלבו פונדעסטוועגען אַרויסגעזאָגט זיין דרייסטען געדאַנק, אַז דער גלויבען אין׳ם קומען פון משיח איז ניט קיין הויפּט-עיקר פון דער יהדות, נאָר אַן אַלטע נאַציאָנאַל-היסטאָרישע טראַדיציע. ער האָט משמעות דורכדעם געוואָלט שוואַכער מאַכען די פּאָזיציע פון די קירכליכע טעאָלאָגען, וואָס האָבען בעהויפּטעט, אַז דער חילוק צווישען דעם קריסטליכען און אידישען פערשטייהן די משיח-דאָגמע בעשטייהט נאָר אין דער צייט, ווען משיח וועט קומען, אָבער ניט אין דער עצם זאַך; און אלבו האָט געוואָלט בעווייזען, אַז דער אידישער משיח איז נאָר אַ פּאָליטישער, ניט קיין רעליגיעזער סימבאָל, נאָר ער האָט ניט קלאָר ענטוויקעלט די דאָזיגע אידייע. די שפּעטערדיגע טעאָלאָגען (למשל אברבנל), וואָס האָבען ניט גענומען אין בעטראַכט אלבו׳ס בעהאַלטענע כוונה, האָבען שטאַרק געטאַדעלט דעם מחבר, פאַרוואָס ער האָט אַרייגעשטעלט די דאָגמע וועגען משיח׳ן, וואָס האַלט אונטער דעם מוט פון אידען אין גלות, צווישען די מסורות פון צווייטען גראַד.

די געשעהענישען פון יענער צייט האָבען אַרויסגערופען אַ געוויסע אַפּאָלאָגעטישע און פּאָלעמישע ליטעראַטור איבער דער פראַגע וועגען די מעלות פון דער יהדות און פון קריסטענטום. די אידישע געלערנטע האָבען געשריבען אַפּאָלאָגיעס, בכדי אָבצוהאַלטען פון שמד זייערע פאָלקסברידער, וואָס זיינען געווען איינגעשראָקען דורך די געוואַלדטאַטען פון די קירכליכע טעאָריסטען,

אָדער בכדי צוצוגעבען מוט די שוין גע׳שמד׳טע, וואָס האָבען בעהאַלטענערהייד געהאַלטען זייער אמונה.

נאָך ר׳ חסדאי אבן קרשקש האָט פערפאַסט אויף שפּאַניש אַ ספר, וואו ער האָט שטריינג און שאַרף קריטיקירט די גרונד-דאָגמעס פון קריסטענטום. ס׳זייגען אויך פערעפענטליכט געוואָרען אַנאָנימע אַפּאָלאָגיעס, וואָס זייגען אָנגעשריבען אין דער פאָרם פון שמועסען צווישען אויסגעטראַכטע פּערזאָנען, ווייל די מחברים, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר רדיפות, האָבען בעהאַלטען זייערע נעמען. איגאייגעם פון אַזעלכע כּלומרש׳טיגע שמועסען ווערט געבראַכט, צווישען אַנדערע זאַכען, פאָלגענדער אַפאָריזם. „אין דריי פאַלען גייהט וואַסער אומזיסט לאיבוד: די שמד-וואַסער אויף אַ אידען, וואַסער וואָס פאַלט אַריין אין ים, און וואַסער, וואָס שווימט אַרויף פון אויבען איבער ווייז״. דאָס איז משמעות געווען אַן אַלגעמיינער אַפּאָריזם אין דער עפּאָכע פון די פערשטעלטע שמד׳ען, וואָס זיינען געווען אויפגעצוואונגען דורך די ווילדע רציחות, אונטער דעם מעסער, וואָס מען האָט צוגעשטעלט צום האַלז.

אַ שאַרפזיניגע סאַטירע אויף אַזאַ טעמע האָט אָנגעשריבען אַ מענש, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם דאָזיגען שרעק פון געצוואונגענעם שמד — דער בעוואוסטער פילאָסאָף און מדקדק, וואָס האָט געטראָגען דעם ליטעראַרישען נאָמען פּ ר ו פ י ט ד ו ר אַ ן אָדער אַ פ ו ד י (זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען יצחק בן משה הלוי). די הריגה פון יאָהר 1391 האָט איהם געצוואונגען זיך צולאָזען שמד׳ען לפּנים. איגאייגעם מיט איהם האָט געמאַכט דעם זעלביגען שריט זיין גוטער פריינד, דוד באָנהאָראָן. די פריינד האָבען בעשלאָסען, אַז ווי נאָר די סכנה וועט אַריבערגייהן, וועלען זיי זיך אָבזאָגען פונ׳ם געצוואונגענעם גלויבען און וועלען זיך אַריבערקלייבען קיין ארץ-ישראל. פּרופיט דוראַן איז שוין אַריבערגעפאָהרען אין איינעם פון די ים-שטעדט פון דרום-פראַנקרייך און האָט דאָרט געוואַרט אויף זיין חבר, בכדי איגאייגעם צו פאָהרען ווייטער. נאָר ווי גרויס איז געווען זיין פערוואונדערונג, אַז ער האָט געקראָגען פון באָנהאָראָנ׳ען אַ בריעף, וואו יענער איז איהם מודיע, אַז אונטער דער השפּעה פון דעם רענעגאַט פּאַבּלאָ פון בורגאָס האָט ער, באָנהאָראָן, בעשלאָסען צו בלייבען ביי דער קאַטוילישער אמונה, וואָס אין איהר האָפט ער צו קריגען אַ בעפרידיגונג פאַר זיין נשמה, און ער רעדט צו זיין גוטען פריינד, ער זאָל אויך „טון אַזוי, ווי ער.

אַלס ענטפער אויפ׳ן דאָזיגען בריעף האָט דער אויפגעבראַכטער פּרופיט דוראַן פערעפענטליכט אַ חיבור, וואָס איז פול מיט בייסענדען סאַרקאַזם, אונטער׳ן נאָמען: „א ל ת ה י כ א ב ו ת י ך״ (זאָלסט ניט זיין, אַזוי ווי דיינע עלטערן). אַזוי ווי איינשטימענדיג כּלומרשט מיט זיין חבר דעם רענעגאַט, ווענדט ער זיך צום אידישען לעזער מיט צוריידענישען, וואָס איטליכער זאַץ פון זיי הויבט זיך מיט די דערמאָנטע ווערטער. דוראַן רעדט כּלומר׳שט צו דעם לעזער, ער זאָל פערשטייהן די דאָגמעס פון גלויבען ניט אַזוי אויבענאויפיג, ווי די „עלטערן״, נאָר טיעפער, אין גייסט פון דער סימבאָליק פון דער קירך, — נאָר אין זייגע רייד איז בעהאַלטען אַ שאַרפע קריטיק פון די אייגענע אָנשויאונגען, וואָס דער מחבר רע-

קאָמענדירט זיי פלומר'שט. „זיי ניט ווי דיינע עלטערן — זאָגט ער — וואָס האָבען געגלויבט אין דער פשוט'ער איינציגקייט פון גאָט און האָבען אינגאַנצען אָבגענומען ביי איהם דעם אַטריבוט פון פיעלהייט, וואָס האָבען פאַלש אײַנגעטייטשט דעם פסוק „שמע ישראל, ה' אחד" און פערשטאַנען איהם פשוטו כמשמעו... דו גלויב בעסער, אַז ער איז אַי איינציג אַי דרייאיג, אַז דריי איז גלייך אײנס און איינס איז גלייך דריי — דאָס איז אַן אמת, וואָס ניט דער מויל קאָן איהם אַרויסזאָגען און ניט דער אויער קאָן איהם תופס זיין. זיי ניט, ווי דיינע עלטערן, וואָס האָבען געגלויבט, אַז גאָט קאָן זיך ניט פערענדערן אין קיין שום געשטאַלט, און האָבען אָבגענומען ביי איהם אַלע אַטריבוטען פון גשמיות, נאָר גלויב"... און אַזוי ווייטער אין דעם אייגענעם דרך.

די קריסטליכע טעאָלאָגען האָבען לכתחילה ניט בעמערקט די פאָרזיכטיג פערמאַסקירטע סאַטירע אין'ם דאָזיגען ספר דוראַנ'ס און האָבען צוגערעכענט דעם מחבר צו יענע אידישע משומדים, וואָס האָבען אין יענע צייטען ניט זעלטען צוגערעדט זייערע געוועזענע גלויבענס-ברידער נאָכצוטון זיי. נאָר אַז זיי זיינען געוואָהר געוואָרען זייער טעות, האָבען זיי עפענטליך פערברענט דעם דאָזיגען בייזען ספר.

דוראַן האָט נאָך אָנגעשריבען אַ פּאָפּולערען פירוש צום רמב"ם'ס „מורה נבוכים", צוויי ווערק איבער גראַמאַטיק און אַ טעאָריע פון לוח, און אויך אַ היסטאָרישע כראָניק וועגען די מיטעלאַלטערליכע רדיפות קעגען אידען („זכרון השמדות"), וואָס איז, צום בעדויערן, ניט דערגאַנגען צו אונז.

די רבנישע וויסענשאַפט האָט אין יענער עפּאָכע געהאַט אַ גרויסען פאָרשטייהער אין דער פערזאָן פון ר' יצחק בן ששת (זיין פערקירצטער ליטעראַרישער נאָמען איז ריב"ש, געשט. אין יאָהר 1408), וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַ רב אין סאַראַגאָסאַ און וואַלענסיאַ. דאָס איז געווען אַ דירעקטער יורש פון די ערשטקלאַסיגע תלמודישע אויטאָריטעטען — רשב"א און רא"ש. הגם ער איז ניט געווען אָהן פילאָסאָפישער בילדונג, פונדעסטוועגען האָט ער געקעמפט קעגען דער פריידענקעריי אין געביט פון רעליגיע. בשעת איין רב האָט זיך ערלויבט אַרויסצוזאָגען דעם געדאַנק, אַז די רבנים זיינען מחויב צו זוכען אין תלמוד ניט נייע חומרות, נאָר קולות, — האָט ער געקראָגען שטרענג אויסגערעדט פון ר' יצחק בן ששת. די דאָזיגע קאָנסערוואַטיווע שטימונג איז צום טייל געוואָרען אַרויסגערופען אויך דורך דער דעמאָלטיגער אומרוהיגער צייט. דער מיסיאָנערישער דרוק פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט און די מאַסען-שמד'ען האָבען געפאָדערט ענערגישע פערהיטונגס-מיטלען. דער פאַנאַטיזם פון די קעמפער פאַר דער קירך האָט געשאַפען דעם פאַנאַטיזם ביי די פאָרשטייהער פון דער סינאַגאָגע.

נאָך דער קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391 האָט ר' יצחק בן ששת פערלאָזען שפּאַניען און זיך בעזעצט אין אַלזשיר, אין צפון-אַפריקאַ, וואו ס'האָט זיך געבילדעט, חוץ די אַלטע אידישע קהילות, אַ נייע בעדייטענדע קאָלאָניע פון

אַנטלאָפֿענע פֿון שפּאַניען. דער אָרטיגער סולטאַן האָט איהם בעשטימט פאַר אַרב הכּולל איבער אַלע אידישע קהילות פֿון זיין לאַנד. פּונקט ווי אין שפּאַניען, אַזוי האָט ר' יצחק בן ששת אויך אין אַפריקע געהאַט אַ שם פאַר'ן גרעסטען גייסטליכען אַווטאָריטעט און פלעגט איינער אַליין ענטפערן אויף שאלות, וואָס מען פלעגט צו איהם אַריינשיקען. העכער פינף הונדערט אַזעלכע תשובות זיינען דערגאַנגען צו אונז אין זיין זאַמלונג — „תשובות הריב"ש".

נאָך ריב"ש'עס טויט האָבען פערנומען די שטעל פונ'ם רב הכּולל אין אַלזשיר איינער נאָך אַנדערן ר' שמעון דוראַן און זיין זוהן ר' שלמה. ביידע האָבען זיי געשריבען, חוץ תלמודישע פאָרשונגען, אויך אַפּאָלאָגיעס פון דער יהדות קעגען איהרע מקטרגים און רענעגאַטען, אַ שטייגער ווי יהושע לורקי.

אין שפּאַניען איז אין יענער צייט געווען מפורסם דער-ראש ישיבה ר' יצחק קונפאַנטין (געשט. 1463), וואָס האָט געהאַט דעם טיטעל „גאון פון קאַסטיליען". פון זיין ישיבה זיינען אַרויסגעגאַנגען עטליכע גרויסע געלערנטע. אין דער ליטעראַטור איז געבליבען פון איהם נאָר איין קליינער חיבור איבער דער מעטאָדאָלאָגיע פונ'ם תלמוד מיט'ן נאָמען „דרכי התלמוד".

די קבלה, די פרומע פילאָסאָפיע פון די אָרטאָדאָקסען, האָט זיך שוואַך ענטוויקעלט אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, אין דער ריכטונג, וואָס עס האָבען איינגעשטעלט די מיסטיקער פון XIII יאָהרהונדערט. איינער פון די פאָרשטייהער פון דער „חכמה נסתרה", ר' שם טוב אבן שם טוב, דער מחבר פונ'ם ספר „אמונות" (געשט. אין יאָהר 1430), איז מיט ערביטערונג אָנגעפאַלען אויפ'ן רמב"ם, רלב"ג און אַנדערע ראַציאָנאַליסטען און האָט זיי אַרויסגעשטעלט אַלס די שולדיגע אין אַלע צרות, וואָס האָבען געטראָפען די שפּאַנישע אידען. אפילו די מאַסען-שמד'ען האָט ר' שם-טוב געהאַלטען פאַר אַ רעזולטאַט פון די פילאָסאָפישע חקירות אין די ענינים פון דער אמונה און האָט בעהויפּטעט, אז די גאולת היהדות ליגט נאָר אין דער הייליגער קבלה.

קעגען דעם ראַציאָנאַליזם האָבען געקעמפט אפילו יענע, וואָס האָבען בענוצט זיין מעטאָד און האָבען זיך אויסגעקליגט צונויפצופאָרען איהם מיט די אָנשויאונגען פון דער קבלה. דער אַראַגאָנישער דרשן ר' יצחק עראמה (געשט. אין יאָהר 1494) האָט געגעבען אין זיין ספר „עקדת יצחק" אַ פּאָפּולערע קאָמפּילאַציע פון אַלע אויספיהרונגען פון דער שפּאַנישער רעליגיעז-פילאָסאָפישער שול, נאָר אין דערזעלביגער צייט האָט ער געהאַלטען פאַר נויטיג אָנצופאַלען מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טאַלאַנט אויף די אָנהייגער פון פרייער פאָרשונג אין דער טעאָלאָגיע (אין פאַמפלעט „חזות קשה"). דער שכל האָט געקעמפט מיט'ן געפיהל אין די דאָזיגע מענשען, וואָס האָבען געזעהן די יסורים פון איינע און דעם שמד פון אַנדערע, וואָס האָבען געזעהן די גסיסה פונ'ם אידישען קיבוץ אין שפּאַניען.

די בעוועגונג קעגען די אנוסים.

§ 155. די אָנזאָגער פון דער דאָזיגער גסיסה האָבען זיך בעוויזען אין קאַסטיליען שוין זינט דעם אָנהויב פון XV יאָהרהונדערט, אין דער רעגירונגסצייט פון היינריך IV (1454 — 1474). דאָס איז געווען דער לעצטער קיניג פון קאַסטיליען, וואָס האָט נאָך געהאַט מענשליכע געפיהלען צו אידען; נאָר איהם האָט געפעהלט סיי די פייהיגקייט און סיי ווילענס-קראַפט צו קעמפען קעגען דער אַלץ וואַקסענדער מאַכט פון דער גייסטליכקייט, וואָס האָט געשטרעבט צו דערשטיקען מיט די קירכליכע צוואַנגען אַלע ערשיינונגען פון בירגערליכען לעבען. היינריך IV האָט קעגען די פויפסטליכע בולעס צוגעלאָזען אידען צו מלוכה-און געזעלשאַפטליכע שטעלעס, האָט געהאַלטען ביי זיך אידישע דאָקטוירים, און איינעם פון זיי, ר׳ יעקב נונעץ, האָט ער בעשטימט פאַר אַרב הכולל איבער די קהילות פון קאַסטיליען.

דעם הויף האָבען נאָכגעטאָן די פאָרשטייהער פון די פריצים; זיי האָבען אָבגעגעבען אידען אין אַרענדע זייערע מאַיאָנטקעס און האָבען זיך געלאָזט קורירען ביי אידישע דאָקטוירים און האָבען ווינציג-וואָס געדאַג׳עט וועגען די די קירכליכע שטראָפען, וואָס די פויפסטליכע בולעס האָבען מיט זיי געשראָקען דערפאַר. אין יאָהר 1462 האָבען די קאָרטעסען אין טאָלעדאָ פאָרגעשטעלט דעם קיניג אַ השתדלות וועגען דעם, אַז מען זאָל גרינגער מאַכען די בעגרעניצונגס-געזעצען קעגען אידען, וואָרום די דאָזיגע געזעצען שעדיגען דער אינדוסטריע, דעם געלד-קרעדיט און די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון די ערד-אייגענטימער. מחמת דער דאָזיגער השתדלות האָט מען אידען אויפ׳סניי אַריינגעלאָזען אין אַ סך שטעדט, פון וואַנען מען האָט זיי געהאַט פריהער פערטריבען.

נאָר די קאַטוילישע גייסטליכקייט איז ניט געשלאָפען. זי האָט געחלומ׳ט וועגען בענייען דעם אינעווייניגסטען קרייץ-צוג קעגען די אַנדערשגלויביגע און האָט פעריאָדיש אַרויסגערוקט פון זיך טוער פונ׳ם טיפ פון מאַרטינעץ אָדער פערער. דער געגעראַל פונ׳ם פראַנציסקאַנער-אָרדען, רעקטאָר פון דער אוניווערסיטעט אין סאַלאַמאַנקא און גייסטליכער ביים קיניג, אַלפאָנזאָ דע-עספינאַ, האָט פון דער קירכליכער בימה אַראָב געדרש׳עט קעגען אַפיקורסים, מוירען און אידען. אין זיין בוך „פערשטאַרקונג פון גלויבען" (1460) האָט ער צונויפגעקליבען אַלצדינג, וואָס דער גראָבער אָבערגלויבען פון מיטעלאַלטער האָט אויסגעטראַכט, בכדי צו פערשוואַרצען די אידישקייט און איהרע אָנהייגער. ער האָט פאָרגעלייגט אָבצונעמען ביי אידען זייערע קליינע קינדער, בכדי אויסצוהאָדעווען זיי אַלס קריסטען. מעהר פון אַלץ האָט עספינאַ זיך בעקלאָגט דערויף, וואָס די בעגרעניצונגס-געזעצען פון יאָהר 1412 ווערען ניט אָבגעהיט. בכדי אונטערצוהעצען דאָס פאָלק, האָט דער פראַנציסקאַנער אויפגעפרישט די באָבע-מעשה וועגען דעם, אַז אידען קוילען קריסטליכע קינדער. מיט אַ בעזונדער כעס איז עספינאַ אָנגעפאַלען אויף „די בעהאַלטענע אידען צווישען די געצוואונגענע משומדים" — און דאָ האָט ער אָנגעריהרט דעם קראַנקסטען פונקט פון די דעמאָלטיגע אידיש-שפאַנישע בעציהונגען, דאָס, וואָס האָט אויפגערודערט די גע-

זעלשאַפט פון איהרע העכסטע ביז צו די נידעריגסטע שיכטען און וואָס פלעגט צייטענווייז אַרויסרופען טראַגישע צוזאַמענשטויסונגען.

זינט די צייטען פונ׳ם קלעריקאַלען טעראָר, וואָס האָט אַריינגעטריבען „אין שויס פון דער קירך״ צעהנדליגער טויזענדער אידען, האָט די פראַגע וועגען די „יודאַאיזירענדע״ אָדער משומדים, וואָס היטען אָב בעהאַלטענערהייד די צערעמאָניעס פון זייער פריהערדיגער רעליגיע, ניט אויפגעהערט אויפצורע-גען סיי אידען און סיי קריסטען. געהאַט מנוחה האָבען נאָר יענע משומדים, וואָס אָדער זיי זיינען געבליבען ביי דער רעליגיע, וואָס מען האָט זיי אויפגע-צוואונגען, אָדער זיי האָבען עמיגרירט אין אַנדערע לענדער און האָבען זיך דאָרט אָפען אָבגעזאָגט פון איהר. אָבער דער גרעסטער רוב פון די משומדים, וואָס זיינען געבליבען אין שפאַניען און האָבען ניט געוואָלט זיך אָברייסען פון דער רעליגיע פון זייערע עלטערן, זיינען געווען פער׳משפט אויף אַ שמאַרצענס-פולע צעשפּאָלטענקייט. הגם זיי האָבען אָפיציעל געהאַלטען די קריסטליכע אמונה, זיינען די דאָזיגע אנוסים געבליבען אין הארצען אידען, האָבען אין דער-היים אָבגעהיט די דינים און צערעמאָניעס פון דער יהדות און פלעגען אין דעם גייסט אויפהאָדעווען זייערע קינדער. נאָכדעם ווי מען פלעגט די קליינע קינדער אָב׳שמד׳ען אין קירך, פלעגען די עלטערן אין דערהיים אָבוואַשען אויף זייערע קערפערלעך דעם אָרט, וואָס איז בעשפריצט געוואָרען מיט די הייליגע וואַסער. זיי האָבען אָבגעהיט שבת, פסח, האָבען ניט געגעסען קיין חזיר-פלייש, פלעגען געבען נדבות אויף שולען.

ווי זיי האָבען ניט בעהאַלטען זייער אינעווייניגסטע צוגעהעריגקייט צו אידישקייט, איז דאָס פאַר די קריסטען ניט געבליבען קיין סוד. די שפּאַניער פלעגען מיט פעראַכטונג אָנרופען די דאָזיגע „ניי-קריסטען״ מאַראַנען, ד. ה. פערוואָרפענע.

נאָר דאָס האָט ניט געשטערט אַ סך פון די ניי-קריסטען, וואָס האָבען מיט אַלע כחות בעהאַלטען זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, זיך אַרויסצורוקען און צו דערגרייכען צו אַ הויכען מעמד אין דער געזעלשאַפט. געבילדעטע און רייכע מאַראַנען האָבען אַדאַנק זייערע פערזענליכע פייהיגקייטען אָדער זייערע פערבינדונגען מיט די פאָרשטייהער פון דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע פערנומען אָנגעזעהענע שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע, אַרמיי און אפילו אין דער קירכליכער היעראַרכיע. צווישען די געשמד׳טע אידען זיינען געווען גראַנדען, מיניסטאָרען, גענעראַלען און ביסקופען. אויב אויף די דאָזיגע הויכע פּאָסטענס זיינען איינינגע מאַראַנען אין משך פון דער צייט געוואָרען איבער-געבענע קאַטוילקען, האָט אָבער דער גרעסטער טייל פון זיי אָבגעהיט בע-האַלטענערהייד זייער נאַציאָנאַלע רעליגיע. אָט די דאָזיגע „בעהאַלטענע אידען״ האָבען געשטערט די רוה פון דער גייסטליכקייט, וואָס האָט ניט אָהן אַ גרונד מורא געהאַט, אַז זיי וועלען אַריינטראָגען אַפיקורסות אין דער קירך גופא. האָט די קלעריקאַלע פּאַרטיי אויף אַ ווייליע פערגעסען אָן אידען און גענומען זיך אַגיטירען קעגען די אידאַאיזירענדע אָדער מאַראַנען.

די ערשטע פאָלקס-בעוועגונג קעגען די מאַראַנען איז פאָרגעקומען אין יאָהר 1449 אין טאָלעדאָ. אויפגערייצט דורך די דרשות פון צוויי גלחים, האָט דער המון פערברענט דאָס הויז פון אַ רייכען חוכר, דעם מאַראַן אַלאָנזאָ קאָטאַ, און האָט אַוועקגערויבט זיין פערמעגען, דערנאָך האָט ער זיך אַוואָרף געטאָן אויפ׳ן קוואַרטאַל, וואו עס האָבען געוואוינט אַנדערע רייכע מאַראַנען. די לעצטע האָבען אַרויסגעוויזען קעגען דעם ווילדען המון אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד, נאָר זיי זיינען געוואָרען צוריקגעוואָרפען; די אָנפיהרער פונ׳ם זעלבסטשוץ האָט מען געכאַפּט און אויפגעהאַנגען פאַר די פיס. עטליכע מאַראַנישע אַדמיניסטראַ-טאָרען האָבען אָנגעוואָהרען זייערע שטעלעס. זינט יענער צייט איז אין טאָלעדאָ געגאַנגען אַ שטענדיגער קאַמף צווישען דער קלעריקאַלער פּאַרטיי און די מאַראַנען, אַ קאַמף, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ שפּאַלטונג אינ׳ם מאַגיסטראַט און אין דער העכסטער געזעלשאַפט, וואו עס זיינען אויך געווען אָנהייגער פון די ניי-קריסטען.

דער אייגענער פּאַרטייען-קאַמף אין קאָרדאָוואַ האָט געבראַכט צו נאָך טרויעריגערע רעזולטאַטען. די קלעריקאַלען האָבען אונטער׳ן שוץ פונ׳ם אָרטיגען ביסקופּ און אַנדערע שרים געגרינדעט אַ ברודערשאַפט מיט׳ן נאָמען „קריסטליכע ליעבע”, וואָס זיי האָבען בעשלאָסען ניט אַריינצונעמען אין איהר קיין איין מאַראַן, אפילו פון די הויך-געשטעלטע פערזאָנען. דעריבער איז, בשעת די מיט-גלידער פון דער ברודערשאַפט האָבען איין מאָל געמאַכט אַ פייערליכע פּראָ-צעסיע איבער די גאַסען פון קאָרדאָוואַ, האָבען די מאַראַנען פערשלאָסען זייערע הייזער און ניט בעפּוצט זיי, — און דאָס האָט שטאַרק אויפגעבראַכט דעם המון. פּלוצלונג האָט זיך פונאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז דורכ׳ן פענסטער פון אַ מאַראַנישע הויז, וואָס די פּראָצעסיע איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי איהם, זאָל אַ מיידעל האָבען אַרויסגעגאָסען שמוציגע וואַסער, וואָס האָט בעגאָסען דעם בילד פון גאָטס מוטער. איז דער המון שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען. אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ שמיד, האָט ער זיך אַוואָרף געטאָן מיט ברענענדיגע שטורקאַצען אויף די הייזער פון די מאַראַנען, האָט אונטערגעצונדען, גערויבט און געהרג׳עט, געשענדעט פרויען, ניט געשוינט אפילו קליינע קינדער. די העכסטע שטאָדטישע אַדמיניסטראַציע האָט גאַרנישט ניט געקאָנט טון קעגען דעם צעווילדעוועטען המון, וואָס האָט ניט אָבגעשטעלט זיינע רציחות אין משך פון דריי טעג. אַ סך מאַראַנען זיינען אומגעקומען דעמאָלט אין קאָרדאָוואַ און אין די אַרומיגע שטעדט (1473).

די אָנפאַלען אויף די מאַראַנען, ווי אַנומעלט די עפּידעמיעס פון איבער-געוואַלדיגע שמד׳ען, האָבען זיך פערשפּרייט איבער גאַנץ קאַסטיליען. די שרע-קענס פונ׳ם קירכליכען פאַנאַטיזם האָבען איבערגעלעבט די מאַראַנען פון וואַ-לאַדאָליד, סעגאָוויאַ, כאַענאַ, קאַרמאָנאַ און אַנדערע שטעדט. אין סעגאָוויאַ האָבען די טויטע קערפּערס פון די מאַראַנען הויפענסווייז זיך געוואַלגערט אויף די גאַסען; אין כאַענאַ האָט דער המון דער׳הרג׳ט אין קירך אַ „פּאָליצי-אָפיציר, וואָס האָט געפּרובט צו פערטיידיגען די מאַראַנען. די טראַגעדיע, וואָס איהר

ערשטער אַקט איז געווען דער קירכליכער טרויער פון די יאָהרען 1391—1415 האָט געגעהענט צו איהר שרעקליכען סוף.

דער נצחון פונ'ם קלעריקאַליזם. די אינקוויזיציע.

§ 156. אַ נייע ערא איז אָנגעקומען פאַר שפּאַניען, ווען אַראַגאָניען האָט זיך פעראייניגט אין איין מלוכה מיט קאַסטיליען מחמת דעם שידוך פון זייערע רעגירער — פערדינאַנד דער קאַטוילליק מיט איזאַבעלאַ, וואָס האָט געירש'עט דעם קאַסטילישען טרוין נאָך איהר ברודער היינריך IV (1474). זינט יענעם מאָמענט פעסטיגט זיך איין אין שפּאַניען ענדגילטיג די ממשלה פונ'ם קלעריקאַליזם. די רעגירונג איז ניט צופרידען מיט דער פּאָליטישער פעראייניגונג, און שטרעבט נאָך צו רעליגיעזער איינהייט, צו דער איבערגעוואַלדיגער צונויפגיסונג פון אַלע פעלקער וואָס אין קיניגרייך אונטער'ן שוץ פון דער קאַטוילישער קירך. דער שידוך גופא פון דער קאַסטילישער קיניגין, וואָס איז געווען פרום ביז צו פאַנאַטיזם, מיט דעם פאַלשען און געלדגיריגען אַראַגאָנישען דעספּאָט האָט פּאָראויסגעזאָגט דעם פולען נצחון פון ווילדווילען און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. מען דערציילט, אַז בשעת איזאַבעלאַ איז נאָך געווען אַ פּרינצעסין, האָט זי צוגעזאָגט איהר גלח טאָרקוועמאַדא, אַז ווי נאָר זי וועט בעשטייגען דעם טרוין, וועט זי אָבגעבען אַלע איהרע כוחות אויף עוקר מן השורש צו זיין די אפּיקורסים פון שפּאַניען. און איהר נדר האָט זי טאַקע מקיים געווען.

איינע פון די ערשטע דאגות פון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי ביים נייעם רעזשים איז געווען די פערענטפערונג פון דער „אידען־פראַגע", וואָס איז דעמאָלט בעשטאַנען פון צוויי פּונקטען: א) די פראַגע וועגען די אידען, ד. ה. וועגען די בעסטע מיטלען, ווי אַזוי צוציהען די אידען צום קאַטוילליציזם, און ב) די פראַגע וועגען די יודאַאיזירענדע אָדער מאַראַנען, ד. ה. ווי אַזוי איינצוהאַלטען אין קאַטוילליציזם יענע אידען, וואָס זיינען מחמת די פריהערדיגע רדיפות געווען געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען פון זייער רעליגיע, נאָר בעהאַלטענערהייד זיינען זיי געבליבען איהר געטריי. אויף אַ געוויסער צייט האָט די פראַגע וועגען די בעהאַלטענע אידען פערשטעלט די פראַגע וועגען די אָפענע אידען.

צום סוף פון XV יאָהרהונדערט האָט מען געמוזט אויסאַרבייטען די מיטלען, ווי אַזוי איינצוהאַלטען די מאַראַנען אין דער קירך, פּונקט אַזוי ווי אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען די מיטלען, ווי אַזוי אַריינצוטרייבען זיי אַהין. די פּאָליטיק, וואָס מען האָט געפיהרט אין די צייטען פון היינריך IV, אָנצורייצען די קריסטליכע מאַסע אויף די מאַראַנען, האָט זיך די קלעריקאַלען אויסגעדוכט אומבעקוועם. זיי האָבען געוואָלט אַרבייטען אויף אַ „געזעצליכען יסוד" און אָרגאַניזירען אַ סיסטעמאַטישען קאַמף קעגען די שונאים פון דער קירך, אונטער דעם שוץ פון דער קיניגליכער מאַכט, וואָס

איז געווען גרייט זיי צו העלפען. צוליעב דעם האָט מען בעדאַרפט קריגען אַ סאַנקציע פון רוים, פונ'ם פויפסט.

האָבען די שפּאַנישע דאָמיניקאַנער ענערגיש אַגיטירט אין רוים און זיך משתדל געווען, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערען אין שפּאַניען אַ בעזונדער גייסטליכער געריכט אויף אויסצוגעפינען און בעשטראָפען אַלע קריסטען, וואָס מען איז זיי חושד אין אַפּיקורסות אָדער אָבטריניגקייט, און דערביי איז מען אויסען געווען דער עיקר די מאַראַנען. האָט דער פויפּסט סיקסטוס IV געגעבען אין יאָהר 1478 זיין הסכמה אויף צו גרינדען אַזאַ געריכט אָדער אַ בעזונדערע „נאַציאָנאַלע אינקוויזיציע” פאַר שפּאַניען. לכתחילה האָט די קיניגין אָבגעלייגט די גרינדונג פונ'ם דאָזיגען שרעקליכען טריבונאַל, וואו ס'האָבען געדאַרפט פאַלען פאַר קרבנות אַ סך פון איהרע בעסטע פּאָליטישע טוער און פאָרשטייהער פון דער אַריסטאָקראַטיע. לויט איהר בעפעהל, האָט דער אַרכיבישוף פון סעווילאַ, דער קאַרדינאַל מענדאָזאַ, פערפאַסט אַ בעזונדער קאַטעכיזיס, וואָס לויט איהם האָבען די גלחים פון זיין עפּאַרכיע בעדאַרפט לערנען מיט די מאַראַנען די דאָגמעס און צערעמאָניעס פון דער קירך. דער דאָזיגער מיטעל האָט, פערשטייהט זיך, קיין פּעולה ניט געהאַט, און איין מאַראַן האָט אַפילו פערעפענטליכט אַ פּאָלעמיש ווערק קעגען קריסטענטום. דעמאָלט איז די אינקוויזיציע געוואָרען געגרינדעט (1480).

דעם ערשטען אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט מען געעפענט אין סעווילאַ. ריכטער זיינען געווען צוויי דאָמיניקאַנער-מאָנאַכען, מאָרילאָ און מאַרטין, וואָס זיינען געווען געניט אין אונטערזוכונגען איבער אַפּיקורסות, איין אַבאַט און איין פאָרשטייהער פון דער קיניגליכער רעגירונג. די התמנות פונ'ם לעצטען איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געדאַרפט קאָנפיסקירען לטובת דער מלוכה-קאַסע דעם אייגענס פון די פער'משפּט'ע אַפּיקורסים.

האָבען זיך אָנגעהויבען אַרעסטען צווישען די מאַראַנען, וואָס מען האָט זיי חושד געווען, אַז זיי זיינען נוטה צו אידישקייט. אויף אַלע קריסטען האָט מען אַרויפגעלייגט אַ חוב, ביי האַרבע שטראָפען, צו מסר'ן דער אינקוויזיציע אויף אַפּיקורסים, וועלכע זיי קאָנען. דערנאָך איז געוואָרען אַרויסגעגעבען אַן אינסטרוקציע פון 37 פּונקטען, וואו עס זיינען אויסגערעכענט געוואָרען די אופנים, ווי אַזוי צו דערקענען די אַפּיקורסות. פון די רעכטגלויביגע בירגער האָט מען געפאָדערט, אַז זיי זאָלען מסר'ן איטליכען מאַראַן, וואָס מען האָט איהם בעמערקט ניט נאָר ביים אָבהיטען וויכטיגע אידישע צערעמאָניעס, נאָר אַפילו אויך ביי אַזעלכע קליינינגקייטען, ווי טראָגען בעסערע וועש און קליידער אום שבת, עסען אַזעלכע שפּייז, וואָס איז געקאָכט געוואָרען פרייטאָג, וואַשען די הענד פאַר'ן עסען, אומקעהרען זיך מיט'ן פּנים קיין מזרח בשעת דער תּפילה, ווייקען פלייש אין וואַסער פאַר'ן קאָכען וכדומה. די מסירות פון אַזאַ מין פלעגען אָנגענומען ווערען פון אַלעמען אָהן גענויער אויספאָרשונג — פון בעקאַנטע, שכנים אָדער בעדיענטע פון די געמסר'טע, און פלעגען געהאַלטען ווערען בסוד. שפּיאָנאַזש האָט זיך ענטוויקעלט ביז צו שרעקליכע מאָסען.

די איינפלוסרייכע סעווילער מאַראַנען, וואָס זיינען געווען אויפגעבראַכט

דערפון, האָבען זיך פעראייניגט מיט זייערע קרובים פון דער העכסטער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע און האָבען זיך געגרייט אַרויסצואווייזען אַ בעוואָפענטען ווידערשטאַנד קעגען דער אַיינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע; נאָר די דאָזיגע פערשווערונג האָט מען אַנטפּלעקט. אַ סך מאַראַנען פון פערשיידענע שטעדט זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין קאַדיקס מיט דער האָפענונג זיך דאָרט צו בעהאַלטען; נאָר די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט געקראָגען אַ בעפעהל פון די אינקוויזיטאָרען צו פערהאַלטען די אַנטלאָפענע; אַזעלכע בעפעהלען זיינען אויך פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צו די וועלטליכע און גייסטליכע בעאַמטע אין פערשיידענע ערטער פון שפּאַניען. די מאַראַנען האָט מען אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט קיין סעווילי‏אַ און איבערגעגעבען אין רשות פון דער אינקוויזיציע.

אין גיכען זיינען אַלע טורמעס פון סעוויליאַ איבערפולט געוואָרען מיט אַזעלכע תּפוסים. די אומגליקליכע האָט מען געפּייניגט מיט שרעקליכע עינויים, בכדי צו צווינגען זיי זיך מודה צו זיין סיי וועגען זייערע אייביגע חטאים קעגען דער קירך און סיי וועגען די אַפּיקורסישע נטיות פון זייערע קרובים און בעקאַנטע. הינטער'ן שטאָדט האָט מען געמאַכט אַן עשאַפאָט פאַר די פערמ'שפּט'ע דורך דער אינקוויזיציע. דעם 6 פעברואַר פון יאָהר 1481 איז פאָרגעקומען מיט פייערליכע קירכליכע צערעמאָניעס דער ערשטער אויטאָ-דאַ-פע (דאָס איז טייטש: אַקט פון גלויבען) אין סעוויליאַ: זעקס מאַראַנען זיינען פערברענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען. אין עטליכע טעג אַרום איז פערברענט געוואָרען נאָך אַ גרופּע מאַראַנען, און דערנאָך זיינען די טויט-שטראָפען אָפטער געוואָרען. ביז נאָוועמבער פונ'ם זעלביגען יאָהר, ד. ה. פאַר צעהן חדשים צייט, האָט די אינקוויזיציע פערברענט אין סעוויליאַ אַליין ביז 300 מאַראַנען, ניט צורעכענען די, וואָס זיינען פער'משפט געוואָרען אויף אייביגער תּפיסה אָדער צו טראָגען אַ תשובה-קלייד. אַ סך פון זיי זיינען געשטאָרבען פול מיט מוט, ניט אָבלייקענענדיג זייער שייכות צו אידישקייט. די פערמעגענס פון די פער'משפט'ע צום טויט זיינען קאָנפיסקירט געוואָרען, און לויט די תקנות פון דער אינקוויזיציע האָט זיי צוגענומען פאַר זיך די מלוכה-קאַסע, — און אויף אַזאַ אופן איז צום רשעות'דיגען פאַנאַטיזם צוגעקומען נאָך אַ מאָטיוו אויף צו אונטערשטיצען די טעטיגקייט פון דער אינקוויזיציע: דער געלד-אינטערעס. וואָס מעהר רייכע אַפּיקורסים עס פלעגען אומקומען אויפ'ן שייטערהויפען, אַלץ פולער איז געוואָרען די קאַסע פונ'ם געלדגיריגען פערדינאַנד.

אין יאָהר 1482 האָט די אינקוויזיציע פערעפענטליכט אַ „רחמנות-עדיקט", וואָס האָט צוגעזאָגט מחילה יענע מאַראַנען, וואָס וועלען קומען צו אַ בעשטימטען טערמין און זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד. האָבען אַ סך מאַראַנען געגלויבט און זיינען געקומען צום בעשטימטען טערמין און האָבען זיך מודה געווען אָפען, אַז זיי האָבען בעהאַלטענערהייד אָבגעהיט די צערעמאָניעס פון דער אידישער רעליגיע. נאָר די אינקוויזיטאָרען האָבען געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אָנרופען אַלע זייערע קרובים און בעקאַנטע, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער „אידישער אַפּיקורסות". יענע, וואָס האָבען ניט מסכים געווען אויף אַזאַ שענד-

ליכער מסירה, זיינען ארייגעוואָרפען געוואָרען אין תפיסה און געפייניגט מיט אוממענשליכע עינויים.

אַפילו דעם פּויפּסט סיקסטוס דעם IV-טען האָט אָנגעכאַפּט אַן אימה, בשעת ער האָט זיך דערוואוסט וועגען די אַכזריות'דיגע מעשים פון דער סעווילייער אינקוויזיציע, און ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם דאָזיגען געפיהל אין צוויי בריעף צו דער שפּאַנישער קיניגס-פּאָר און געפאָדערט אַ מעהר מענשליכען בעגייהען זיך מיט די מאַראַנען. דער פּויפּסט האָט געגעבען אַן אָנצוהערעניש וועגען דער קאָנפיסקאַציע פונ'ם פערמעגען פון די פער'משפּט'ע און האָט בעמערקט, אַז די שטריינגקייטען קעגען די מאַראַנען זיינען אָפטמאָלס אַרויסגערופען „ניט אַזוי דורך דער איבערגעבענקייט צו דער אמונה און דורך אמת'ער גאָטספאָרכטיגקייט, ווי דורך אייגענליעבע און דעם דאָרשט נאָך ערדישע קנינים" (1482 — 1483). נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגען ניט געשטערט דעם פּויפּסט צו בעשטעטיגען זיבען נייע אינקוויזיטאָרען פאַר שפּאַניען, צווישען דעם אויך דעם „אומשטערב-ליכען" טאָרקוועמאַדאָ.

לויט דעם געזעץ פון נאַטירליכער אָבקלייבונג, וואָס ווייזט זיך אַרויס אינטענסיוו אין די צייטען פון מאַרטירריום, האָבען די שוואַכע עלעמענטען צווי-שען די מאַראַנען ניט אויסגעהאַלטען דעם קאַמף און האָבען זיך אויסגעמישט מיט די „אַלט-קריסטען", אין דער צייט וואָס די שטאַנדהאַפטיגע האָבען זיך נאָך מעהר בעפעסטיגט אין זייערע איבערצייגונגען און זיינען נאָך שטאַרקער צו-געבונדען געוואָרען צו דער יהדות, וואָס צוליעב איהר האָבען זיי אַזוי פיעל געליטען. אונטער דער שטרייגגער השגחה פון דער אינקוויזיציע און פון דער אומצייהליגער אַרמיי פון שפּיאָנעס האָבען זיי פאָרט זיך געקליגט אָבצוהיטען די דינים פון זייער נאַציאָנאַלער רעליגיע. אין קעלערס און אונטערערדישע הייהלען האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען, בכדי מתפלל צו זיין צום גאָט פון זייערע עלטערן, צו אָבריכטען דעם סדר אום פסח און אַנדערע וויכטיגסטע צערעמאָניעס פון דער אידישער רעליגיע. זיי האָבען זיך אַלץ מעהר דערנעהענטערט צו זייערע ברידער לויט דער נאַציאָנאַליטעט און גלויבען — צו די „אָפענע אידען". די לעצטע פלעגען העלפען די מאַראַנען מיט וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט: פלע-גען נעמען אַן אָנטייל אין זייערע בעהאַלטענע רעליגיעזע פערזאַמלונגען, לייענען מיט זיי די הייליגע ספרים, לערנען מיט זייערע קינדער די דינים פון דער יהדות, פערשאַפען זיי סידורים, תפילין טליתים וכדומה, מצה צו פסח, כשר'ע פלייש וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. דאָס אַלץ האָט, פערשטייהט זיך, ניט גע-קאָנט בלייבען אַ סוד פאַר דער שאַרפער אויג פון דער אינקוויזיציע. זי האָט איצט געווענדט אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט אויף די אידען, אַלס מיטהעלפער, וואָס אונטערשטיצען די מאַראַנען ביים אָבפאַלען פון קריסטענטום.

דער חשד פון דעם בלוט-געריכט קעגען אידען האָט אָנגענומען זייהר אַ געפעהרליכע ווענדונג, בשעת פאַר אַ „גענעראַל-אינקוויזיטאָר" אין שפּאַניען איז בעשטימט געוואָרען דער גייסטליכער פון דער קיניגין, דער דאָמיניקאַנער-מאָנאַך טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ, דער דאָזיגער טיפּישער קירכליכער תליון,

וואָס האָט געפּייניגט און פערברענט מענשען, בכדי צו „ראַטעווען זייערע נשמות" (אָקטאָבער 1483). טאָרקוועמאַדאָ האָט צוגעגעבען דער אינקוויזיציע יענע שרעק־ליכע פאָרמען, וואָס האָבען אַרויפגעוואָרפען אַן אימה אויף די מענשען פון יענעם דור און פון די שפּעטערדיגע דורות.

די „אינסטרוקציע" פאַר אינקוויזיטאָרען פון 28 פּונקטען, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט, האָט פאָרגעשטעלט אַ קונציג געפלאָכטענע נעץ, וואָס איז בע־שטימט אויף צו פאַנגען די אפּיקורסים. ווער עס איז אַריינגעפאַלען אין דער דאָזיגער נעץ, דער איז שוין גאַנצערהייד ניט אַרויס. דאָרט, וואו צוליעב דער בעשולדיגונג פון אַ געכאַפּטען מאַראַן האָבען שוין ניט געקלעקט קיין ראיות אָדער בעווייזען פון עדות, פלעגט דער גורל פון׳ם בעשולדיגטען ווערען בע־שטימט דורך עינויים. אונטער די עינויים פלעגט דער אומגליקליכער אויסזאָגען אַלצדינג, וואָס די אינקוויזיטאָרען האָבען געוואָלט, ער פלעגט אָפּטמאָלס אָנ־ריידען אויך אויף זיינע געזינונגס־חברים, אַזוי אַז איטליכער פּראָצעס פלעגט בעשאַפען אַ רייה נייע אונטערזוכונגען, אַרעסטען און פּראָצעסען.

טאָרקוועמאַדאָ האָט פערקלענערט די שטראָף נאָר פאַר יענע, וואָס פלעגען מיט׳ן גוטען ווילען קומען אין טריבונאַל זיך מודה זיין; אַזעלכע פלעגט מען אָב׳משפּט׳ען צו געלד־קנס, עפענטליכער תשובה (טראָגען „תשובה־קליידער") אָדער זיצען אין תפיסה. אָבער די מאַראַנען — מאַנסבילען און פרויען, וואָס די אַגענ־טען פון דער אינקוויזיציע האָבען זיי אַרעסטירט, פלעגען אויסגייהן אין די טורמעס, וואָס זיינען געוויהנליך בעשטאַנען פון פינסטערע אונטערערדישע קאַזעמאַטען, און געפּייניגט ווערען דורך עינויים, וואָס נאָך זיי האָט דער טויט געקאָנט אויסדוכטען, ווי אַ פערגרינגערונג.

די טויט־שטראָף איז בעשטאַנען דורכאויס אין פערברענען („אַ טויטשטראָף אָהן בלוט־פערגיסונג" — לויט דעם ליעבליכען אויסדרוק פון די אינקוויזיטאָרען). די מאַראַנען, וואָס האָבען ניט תשובה געטאָן פאַר׳ן אויספיהרען די טויט־שטראָף, פלעגען ווערען צוגעבונדען צו אַ פלאָקען אין מיטען אַ שייטערהויפען און פער־ברענט ווערען לעבעדיגערהייד; די וואָס האָבען יאָ תשובה געטאָן, פלעגט מען פריהער דערשטיקען, און דערנאָך ערשט פערברענען. די מאַראַנען, וואָס פלעגען אַנטלויפען אין אַנדערע לענדער, זיינען געוואָרען אָנערקענט פאַר שולדיג אין אָבטריניגקייט, און מען פלעגט אַלס שטראָף דערפאַר פערברענען זייערע בילדער.

חוץ סעווילא, זיינען אין טאָרקוועמאַדאָ׳ס צייטען געוואָרען געגרינדעט אינקוויזיציאָנס־טריבונאַלען אין קאָרדאָווא, כאַענאַ, רעאַל, און דערנאָך אין טאָ־לעדאָ. דער קיניג פערדינאַנד האָט געזאָרגט וועגען דעם, אַז אויך זיין ירושה־לאַנד, אַראַגאָניען, זאָל זוכה זיין צו געניסען די טובות פון דער „הייליגסטער אינקוויזיציע", וואָס האָט איהם איינגעטראָגען אַזאַ רייכע הכנסה, אין דער גע־שטאַלט פון די פערמעגענס, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט ביי די אפּיקורסים. פאַר אַ הויפּט־אינקוויזיטאָר אין אַראַגאָניען איז בעשטימט געוואָרען דער גלח פּעדראָ דע־אַרבועס. נאָכטוענדיג זיין עלטסטען, טאָרקוועמאַדאָ׳ן, האָט אַרבועס אַזוי

וויט געווילדעוועט קעגען די אנוסים אין סאַראַגאָסאַ און אין איהר סביבה, אַז ער האָט אַרויסגערופען אַן אַלגעמיינעם כעס קעגען דער אינקוויזיציע.

עטליכע רייכע און איינפלוסרייכע מאַראַנען האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג, בכדי צו טויטען דעם אינקוויזיטאָר דעם רוצח. בשעת אַרבועס איז איין מאָל בעגינען געקומען איינער אַליין אין קירך צום דערפריהעגדיגען דיענסט, זיינען דריי פון די פערשווערער אַריין אהין נאָך איהם און האָבען איהם דערשטאָכען מיט קינזשאַלען אין יענעם מאָמענט, בשעת ער האָט זיך געהאַט אַראָבגעלאָזען אויף די קניה, בכדי מתפלל צו זיין (1485).

די דאָזיגע פערשווערונג האָט אויפגערודערט די גאַנצע בעפעלקערונג פון סאַראַגאָסאַ און האָט נאָר געבראַכט דערצו, אַז די אינקוויזיציע אין אַראַגאָניען איז שטאַרקער געוואָרען. די אָנטיילנעמער פון דער פערשווערונג האָבען געקראָגען אַן אוממענשליכע טויט-שטראָף. די אַרעסטען פון מאַראַנען זיינען אָפטער געוואָרען. „אין גאַנץ שפּאַניען און אויף איהרע אינזלען — זאָגט דער דרשן פון יענער צייט, ר' יצחק עראמה — שטייגט אויף צום הימעל דער רויך פון די שייטערהויפענס, וואָס אויף זיי פערברענט מען יענע, וואָס מען איז זיי חושד אין אידישקייט (די אנוסים). אַ דריט-חלק פון זיי איז שוין אומגעקומען אין פייער, אַ דריט-חלק איז זיך פונאַנדערגעלאָפען, איז בע-ונד און בעהאַלט זיך אין פערשיידענע ערטער, און אַ דריט-חלק לעבט אין גרויס שרעק און ציטערניש מחמת דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר פאַר זייערע אויגען".

נאָר טאָרקוועמאַדאָ האָט ניט געקאָנט פייערן קיין נצחון: ער האָט פערברענט די אנוסים, נאָר ער האָט ניט געקאָנט איינפליסען זיי קיין ליעבשאַפט צו דער „רעליגיע פון ליעבע", וואָס אין איהר נאָמען האָט מען זיי איצט געפייניגט און שוין אַ סך יאָהרהונדערטען האָט מען געמאַטערט זייערע עלטער-עלטער-זיידעס. אין גיכען האָט ער ענטדעקט אַ נייע פעלד פאַר זיין אַרבייט: ער האָט געפונען דעם געזוכטען צוזאַמענהאַנג צווישען דער מאַראַנען- און אידען-פראַגע. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו איבערציינען איזאַבעלאַ און פערדינאַנד'ן, אַז דער שורש פונ'ם בייז ליגט בעהאַלטען אין די אידען, וואָס העלפען מיט אַלע מעגליכקייטען די מאַראַנען, זיי זאָלען אָבפאַלען פון דער קירך. לויט דעם בעפעהל פון דער רעגירונג, איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ שטריינגע השגחה, בכדי ניט צו דערלאָזען, אַז די מאַראַנען זאָלען האָבען אַ מגע-ומשא מיט אידען.

ניט צופרידען מיט די דאָזיגע מיטלען, האָט דער גרויס-אינקוויזיטאָר צונויפגעשטעלט נאָך אַ טייוועלשען פּלאַן. עס איז בעשטימט געוואָרען אַרויפצולייגען אַ חוב אויף די רבנים און בכלל אויף די פאָרשטייהער פון די אידישע קהילות אַרויסצוגעבען איטליכען מאַראַן, וואָס האָט, לויט זייערע ידיעות, אַ נטיה צו אידישקייט. איז דער סעוויליער רב ר' יהודה אבן-ווירגא, וואָס האָט טאַקע באמת געהאַט בעציהונגען מיט אנוסים, אַנטלאָפען געוואָרען קיין פּאָרטוגאַל, ווי נאָר ער האָט זיך דערוואוסט וועגען טאָרקוועמאַדאָ'ס פּלאַן; איהם האָבען נאָכגעטאָן עטליכע אַנדערע רבנים. די שפּאַנישע אידען האָבען געציטערט, זע-

הענדיג, ווי די אינקוויזיציע קלייבט זיך צו אויך צו זיי. זיי האָבען שוין פאַר־אויסגעפילט די נאָהענטע קאַטאַסטראָפע.

דער גירוש פון די אידען אין שפּאַניען.

§ 157. אין שפּאַניען האָט געלעבט אין יענער צייט אַ מענש, וואָס אויף איהם האָבען די אידען געקוקט, ווי אויף זייער בעשיצער אין די העכסטע רע־גירונגס־ספערען, ווי אויף אַ קעמפער קעגען טאָרקוועמאַדאָ'ס רשעות'דיגע פּלע־נער. דאָס איז געווען דער בעריהמטער שריפטשטעלער און שטאַטס־מאַן ר׳ יצחק אברבנל (1437 — 1508). אַ מיטגליד פון אַ מיוחס'דיגער משפחה, וואָס האָט געפיהרט איהר יחוס ביז דוד המלך, האָט ר׳ יצחק אברבנל פערבראַכט זיינע יונגע יאָהרען אין ליסאַבאָן, דער הויפּטשטאָדט פון פּאָרטוגאַל, וואו די אידען האָט זיך געלעבט פון לאַנג אָן רוהיגער, איידער אין שפּאַניען. אַדאַנק זיין גרויסער גייסטליכער און וועלטליכער בילדונג האָט ער פערנומען אַן אָנ־געזעהענעם אָרט סיי אין דער אידישער און סיי אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט. אַ פיעלזייטיגער געלערנטער, פילאָסאָף און טעאָלאָג און צוגלייך אַן אַריסטאָקראַט לויט זיינע מאַניערען, האָט אברבנל אָלעמען בע'כּישופ'ט. דער קיניג פון פּאָר־טוגאַל אַלפאָנזאָ V האָט איהם צוגענומען אין מלוכה־דיענסט און געגעבען איהם אַ שטעל ביים הויף אין דער פינאַנץ־פערוואַלטונג. אברבנל'ס שטוב האָט געדיענט פאַר אַ זאַמעלפּונקט פאַר די פּאָרשטייהער פון דער יחוס־ און גייסטס־אַריסטאָ־קראַטיע פון ליסאַבאָן.

נאָר אַז דער קיניג אַלפאָנזאָ איז געשטאָרבען, האָט מיט אברבנל'ן גע־טראָפען אַן אומגליק. זיין גוטער פריינד הערצאָג דע־בראַגאַנצאַ, זייהר אַן איינ־פלוסרייכער בעאַמטער, איז געוואָרען בעשולדיגט אין אַ פערשווערונג קעגען דעם נייעם קיניג יואַן II און איז געוואָרען געטויט אויפ'ן עשאַפאָט. דעמזעלביגען סוף וואָלט אויך געהאַט אברבנל, נאָר ער איז לויט דער עצה פון זיינע גוטע פריינד אַנטלאָפען געוואָרען פון ליסאַבאָן קיין קאַסטיליען און האָט איבערגע־לאָזען אין דער היים זיין גאַנצען פערמעגען, און דער קיניג האָט עס קאָנ־פיסקירט.

אברבנל האָט זיך בעזעצט אין טאָלעדאָ (1483) און האָט זיך איבערגע־געבען זיינע וויסענשאַפטליכע און ליטעראַרישע אַרבייטען. דאָ האָט ער אָנגע־הויבען שרייבען זיין גרויסען פירוש אויף תּנ"ך, וואָס ער האָט שוין לאַנג בעקלערט וועגען איהם. זיין פירוש איז איבערפולט מיט פילאָסאָפישע און מאָראַלישע חקירות אין גייסט פון דער דעמאָלטיגער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג.

נאָר ניט לאַנג האָט אברבנל געהאַט רוה צוליעב זיינע ליטעראַרישע אַר־בייטען. ביים הויף פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ איז מען אין גיכען געוואָהר געוואָרען וועגען די פינאַנציעלע פייהיגקייטען פונ'ם געוועזענעם פּאָרטוגעזישען שר. היות ווי די פינאַנצען פון שפּאַניען זיינען דעמאָלט געווען זייהר ניט אין דער אָרדענונג מחמת דער לאַנג־דויערנדיגער מלחמה מיט די מוירען פון גרענאַדאַ,

דעריבער האָט די קיניגליכע פּאָר דאָס מאָל אָבגעלייגט אָן אַ זייט די קאַנאָנישע פערבאָטען און האָט אײַנגעלאַדען דעם אידען אברבנל צו דער פערוואַלטונג איבער די מלוכה-הכנסות. אַכט יאָהר האָט אברבנל פערנומען דעם דאָזיגען פעראַנטוואָרטליכען פּאָסטען (1484 — 1492) און האָט אונטערגעהאַלטען די שפּאַנישע פינאַנצען אין יענער שווערער צייט פאַר דער מלוכה, בשעת די גרויסע מלחמה, וואָס פערדינאַנד האָט געפיהרט קעגען די מוירען, האָט בעדאַרפט בעשטימען די פראַגע וועגען דער ענדגילטיגער בעפעסטיגונג פון דער קריסטליכער ממשלה אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל.

אברבנל האָט אַוודאי ניט געקאָנט פאָראויסזעהן, אַז די פערענטפערונג פון דער דאָזיגער פראַגע וועט ברייגנען אַזאַ שלעכטען סוף זיין אייגענער נאַציע. זיין גאַנצער אײַנפלוס ביים הויף און אַלע זיינע פערדיענסטען האָבען ניט געקאָנט אָבווענדען דעם שרעקליכען קלאַפּ, וואָס טאָרקוועמאַדאָ'ס אָנהייגער האָבען צוגעגרייט פאַר די שפּאַנישע אידען.

אין אָנהויב פון יאָהר 1492, בשעת די הערליכע גרענאַדאַ, דער לעצטער שטיצפונקט פון דער אַראַבישער ממשלה אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל, האָט זיך צולעצט אונטערגעגעבען פערדינאַנד'ן, האָט די שפּאַנישע קריסטען אָנגעכאַפּט אַ געוואַלדיגער ענטוזיאַזם. די קריסטען זיינען געווען אויסער זיך פאַר פרייד ביים געדאַנק, אַז נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט כמעט אַכט יאָהרהונדערטען, האָט זיך זיי צולעצט אײַנגעגעבען צו פערטיליגען די לעצטע סימנים פון דער הערשאַפט פונ'ם איסלאַם אויף זייער טעריטאָריע.

דעם דאָזיגען ענטוזיאַזם פון פאָלק האָט אויסגענוצט טאָרקוועמאַדאָ, בכדי דורכצופיהרען די הויפּט-אידייע פונ'ם שפּאַנישען קלעריקאַליזם וועגען דער איינהייט פון דער רעליגיע אין דער מלוכה. ער האָט בעוויזען דעם קיניג און דער קיניגין, אַז די קאַטוילישע קירך וועט ערשט דעמאָלט קאָנען טריאומפירען, ווען אינאיינעם מיט איהר וועט ניט זיין קיין ניט קיין שול און ניט קיין מעטשעט; אַז די שכנות פון אידען איז זייהר געפעהרליך פאַר די קריסטען און בעזונדערס פאַר די מאַראַנען, וואָס זיי פיהרען זיי אַראָב פון וועג; צולעצט, אַז דורכ'ן פערטרייבען די „אומגלויביגע" פון שפּאַניען וועלען דער קיניג און די קיניגין אויפ'ן בעסטען אופן אָבדאַנקען גאָט, וואָס האָט געשאָנקען דעם לאַנד דעם נצחון איבער די מוירען. טאָרקוועמאַדאָ'ס טענות האָבען געווירקט.

וואוינענדיג אין גרענאַדאַ, אין דעם גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ אַלהאַמבראַ און געפינענדיג זיך נאָך אונטער'ן רושם פונ'ם נצחון, וואָס זיי האָבען אָבגעהאַלטען, האָבען איזאַבעלאַ און פערדינאַנד אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען, וואָס ווילען זיך ניט שמד'ען, זאָלען זיך אַרויסקלייבען אין משך פון פיער חדשים פון אַלע שפּאַנישע לענדער — פון קאַסטיליען, אַראַגאָניען און סיציליען (31 מערץ 1492). אַלס הויפּט-מאָטיוו פונ'ם דאָזיגען אוממענשליכען בעפעהל איז געוואָרען אַרויסגעשטעלט דער בעשלוס איין מאָל פאַר אַלע מאָל איבערצורייסען די פערבינדונגען צווישען די אידען און מאַראַנען, וואָס ברייגנט

די לעצטע, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון קאַטויליציזם. די אויסוואַנדערער האָט מען ערלויבט צו נעמען מיט זיך זייער גאַנצען פערמעגען, חוץ גאָלד, זילבער און טייערע צירונג, וואָס לויט׳ן געזעץ האָט מען זיי ניט געטאָרט אַרויספיהרען פון דער מלוכה. און וואָס בעדאַרפען ווערען צוגענומען פאַר דער מלוכה-קאַסע. איטליכען קריסט איז געווען פערבאָטען, ביי שטראָף צו קאָנפיסקירען זיין פערמעגען, צו געבען הילף אַ אידען אָדער צו בעהאַלטען איהם אין זיין שטוב, נאָכדעם ווי עס וועט אַריבער דער בעשטימטער טערמין.

ווי געוויהנט עס זיינען ניט געווען די שפּאַנישע אידען צו כל׳ערליי פּורעניות, נאָר דער בעפעהל וועגען אַ פולקומען גירוש האָט זיי איבגאַנצען פערטויבט. אברבנל איז, אין דער בעגלייטונג פונ׳ם קיניגליכען חוכר און אָפּי-ציעלען רב פון קאַסטיליען אַברהם סעניאָר, געשווינד אַוועק אין פּאַלאַץ און האָט מיט טרערען זיך געבעטען ביי דעם קיניגליכען פּאָר-פּאָלק, זיי זאָלען מבטל זיין די גזירה. היות ווי די אידישע דעפּוטאַטען האָבען געוואוסט, אַז דער קיניג האָט ביים אַרויסגעבען דעם דעקרעט וועגען גירוש גערעכענט זיך ניט אַזוי מיט דער רעליגיעזער קנאות, ווי מיט דער האָפענונג זיך צו בעריייכערן מיט׳ן האָב- און- גוטס פון די פערטריבענע, דעריבער האָבען זיי איהם פאָרגעלייגט פאַר׳ן אָבשאַפען דעם דעקרעט אַן אויסקויף פון דרייסיג טויזענד דוקאַטען.

פערדינאַנד, וואָס איהם האָט זיך שטאַרק געוואָלט בעקומען די געלד, איז שוין געווען נוטה נאָכצוגעבען דער בקשה פון די אידען. דעמאָלט האָט, ווי עס ווערט דערצייהלט, פּלוצלונג זיך אַריינגעריסען אין פּאַלאַץ דער גרויס-אינ-קוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ מיט אַ צלם אין האַנד און האָט זיך געווענדט צו דעם קיניגליכען פּאָר-פּאָלק און האָט אויסגערופען: „יהודה איש-קריות האָט פערקויפט קריסטוס׳ן פאַר דרייסיג זילבערשטיקער, און איהר ווילט איהם פערקויפען פאַר דרייסיג טויזענד! אָט איז ער, נעמט און פערקויפט איהם!“ און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט טאָרקוועמאַדאָ אַוועקגעלייגט דעם צלם און איז געשווינד אַרויס פון פּאַלאַץ. די דאָזיגע סצענע האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסען רושם, בעזונדערס אויף דער קיניגין איזאַבעלאַ, וואָס מיט איהר האָבען די פאַנאַטישע מאָנאַכען בעקאָנט מאַכען, וואָס זיי האָבען נאָר געוואָלט. די אידישע דעפּוטאַטען האָבען געקראָגען אַ בעשטימטען אָבזאָג.

צום סוף פון אַפּריל האָבען בעזונדערע שלוחים און טרומייטערס אָנגע-זאָגט אין גאַנצען לאַנד, אַז די אידען ווערט געגעבען צייט ביז יולי צו ענדיגען זייערע געשעפטען און זיך אַרויסקלייבען פון שפּאַניען; ווער עס וועט בלייבען אויף שפּאַנישער ערד שפּעטער פונ׳ם דאָזיגען טערמין — דער קריגט טויט-שטראָף אָדער... ער מוז זיך שמד׳ען.

עס איז שווער צו שילדערן אַלצדינג, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָבגעטאָן ביי די שפּאַנישע אידען. זייער מצב איז געווען אַ שרעקליכער. הונדערטער טויזענדער מענשען האָט מען געהייסען פּלוצלונג פערלאָזען דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבען הייס געליעבט, ווי זייער געבאָרען-לאַנד, וואו זייערע עלטערן האָבען געוואוינט

נאָך פּאַר די צייטען פון דער רוימישער איבערהערשאַפט, איידער עס איז ענטשטאַנען דער קריסטענטום. גראָבע קראַפט און פאַנאַטיזם האָבען אַרויסגע־שטופּט אידען פון יענע ערטער, וואו זיי האָבען אין משך פון אַכט יאָהרהונ־דערטען, סיי אונטער דער אַראַבישער און סיי אונטער דער קריסטליכער איבערהערשאַפט, גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער אַלגעמיינער קולטור און אין דעם מלוכה־לעבען, און וואו עס האָט זיי גלייכצייטיג זיך איינגעגעבען צו בילדען זייער אייגענעם נאַציאָנאַל־גייסטליכען צענטער. טראַגיש איז געווען זייער געצוואונגענע צעשיידונג מיט׳ן לאַנד, וואָס איז געוואָרען פאַר אַ בּעדייטענדען טייל פון אידישען פאָלק אַ דריטע גייסטיגע היים נאָך ארץ־ישראל און בבל, וואָרום אויב ארץ־ישראל און בבל זיינען געווען די געבאָרען־לענדער פונ׳ם תנ״ך און תלמוד, איז שפּאַניען געווען די מעטראָפּאָליס פון דער מיטעלאַלטער־ליכער אידישער פּאָעזיע, פילאָסאָפיע און וויסענשאַפט.

און די צעשיידונג איז געווען אונאויסמיידליך און דערצו נאָך פערבונדען מיט דער פולקומער מאַטעריעלער פעראָרימונג פאַר די פערטריבענע. צוליעב פערקויפען זייערע נחלאות און ליקווידירען אַלע זייערע איבעריגע געשעפטען, האָט מען די אומגליקליכע געגעבען אַזאַ קורצען טערמין, אַז וועגען מאַטעריעלער פערזאָרגונג האָט מען אַפילו ניט געקאָנט קלערען. די נחלאות און מטלטלים פון אידען זיינען פערקויפט געוואָרען בחצי־חנם. אַ הויז פלעגט מען אויסבייטען אויף אַן אייזעל, אַ גוט איינגעאָרדענטען וויינגאָרטען — אויף אַ שטיק געוואַנט; דער גרעסטער טייל הייזער איז געבליבען אינגאַנצען ניט פערקויפט.

דערווייל האָבען די דאָמיניקאַנער, וואָס האָבען געזעהן דעם יאוש פון די פערטריבענע, מיט התמדה געפיהרט זייער פּראָפּאַגאַנדע. זיי האָבען צוגע־רעדט די אומגליקליכע אָנצונעמען דעם קאַטוילציזם און אויסגעלייזט ווערען דורכדעם פון פעראָרימונג און וואָגלונגען. נאָר ווינציגע האָבען זיך געלאָזט איינריידען דורך די מיסיאָנערען.

צווישען אַנדערע, האָט זיך גע׳שמד׳ט דער אויבען־דערמאָנטער קיניגליכער חוכר און „קרוינס־ראַבינער״ אברהם סעניאָר מיט זיין פאַמיליע; דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע שמחה ביים הויף: דער קיניג און די קיניגין גופא זיינען געווען די טויף־עלטערן.

נאָר דער גרעסטער רוב פון די שפּאַנישע אידען האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער נאַציאָנאַלער בגידה, וואָס האָט דערצו נאָך ניט גאַראַנטירט קיין פול־קומע רוה: אין גאַנץ שפּאַניען האָבען זיך נאָך געדרויכערט די שייטערהויפענס, וואו מען האָט געבּרענט די מאַראַנען פאַר דער נטיה צו אידישקייט, — און צי דען האָט מען געקאָנט אַרויסרייסען פון הארצען די דאָזיגע נטיה? דער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער געפיהל האָבען אונטערגעזאָגט די אידען, אַז זיי בּעדאַרפען מקריב זיין אַלצדינג — די היים, דעם פערמעגען און אַפילו דאָס לעבען פאַר די אייביגע אידעאַלען פון אידישען פאָלק.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען דער גירוש. דער עלטסטער שפּאַנישער רב ר׳ יצחק אבוהאב פון טאָלעדאָ איז אַוועק בּראש פון דרייסיג פאָרשטייהער פון

אידישע קהילות קיין פּאָרטוגאַל, בכדי זיך דאָרט משתדל צו זיין, וועגן אַ מקום-מנוחה פאַר די פערטריבענע ברידער. איינצעלנע גרופּעס עמיגראַנטען האָבען זיך אַרויסגעקליבען נאָך פאַר'ן טערמין. נאָר די הויפּט-מאַסע פערטריבענע האָבען געוואַרט אויפ'ן לעצטען טערמין, וואָס מען האָט אָבגעלייגט נאָך אויף צוויי טעג, ביז'ן 2-טען אווגוסט פון יאָהר 1492.

אום תשעה באב — דעם טאָג פון חורבן פון די צוויי בתי-מקדשים — האָבען 300 000 אידען, מאַנסבילען און ווייבער, אַלטע לייט און קינדער, פערלאָזען שפּאַניען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך געזעגענט מיט די קברים פון זייערע עלטערן. אַ גראַנדיאָזען און טראַגישען שוישפּיעל האָט פאָרגעשטעלט דער דאָזיגער געזעגענען זיך מיט די פערשטאָרבענע. אין משך פון דריי טעג און דריי נעכט זיינען געלעגען צעהנדליגער טויזענדער אויסוואַנדערער אויף די טייערע קברים און האָבען זיי בענעצט מיט הייסע טרערען. אפילו קריסטען האָבען ניט געקאָנט אָהן טרערען קוקען אויף די דאָזיגע האַרצרייסענדע סצענעס. אַ סך פערטריבענע האָבען גענומען מיט זיך אין וועג אַריין מצבות צום געדעכעניש אָדער זיי האָבען זיי אָבגעגעבען בעהאַלטענערהייד אויף צו היטען זייערע ברידער די אנוסים, וואָס זיי האָבען זיי מיט אַ וויהטאָג אין האַרצען איבערגעלאָזט אין לאַנד פון דער אינקוויזיציע.

די אומגליקליכע פערטריבענע זיינען געגאַנגען אַהין, וואו די אויגען האָבען געטראָגען. אַ סך זיינען אַוועק איבער'ן ים קיין איטאַליען, טערקיי און צפון-אַפריקא; ר' יצחק אברבנל בראש פון אַ גרופּע עמיגראַנטען האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין נעאַפּאָל; אַ בעדייטענדער טייל האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין נאַוואַרא און בעזונדערס קיין פּאָרטוגאַל. צרות אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך זיינען אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון יענע, וואָס האָבען זיך געלאָזט אין וויטען וועג אַריין: הונגער, קראַנקהייטען און טויט האָבען בעלייט די נע-ונד'ניקעס.

שפּאַניען האָט פערטריבען הונדערטער טויזענדער פלייסיגע און קולטורעלע אידישע בירגער; אין גיכען האָט דאָס לאַנד פון דער אינקוויזיציע אָנגעהויבען אָנווענדען די אייגענע פּאָליטיק בנוגע צו די מורען און האָט זיי פאָרגעלייגט אויסצוקלייבען איינס פון די ביידע: שמד אָדער פערטרייבונג (אַ סך מורען, וואָס האָבען זיך אויף אַזאַ אופן גע'שמד'ט, וואָס זיינען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „מאָריסקעס", האָבען בעהאַלטענערהייד ווייטער געהאַלטען דעם איסלאַם און האָבען זיך געפונען אין דעמזעלביגען מצב, וואָס די אידישע אנוסים). דורכדעם האָט שפּאַניען אײנגעשטעלט ביי זיך די איינהייט פון דער רעליגיע, נאָר צוגלייך האָט זי אַוועקגעלייגט אַ התחלה פאַר איהר עקאָנאָמישער און קולטורעלער ירידה. אין די אידען האָט זי אָנגעוואָהרען איהר מיטעלסטען אינדוסטריעלען קלאַס, וואָס האָט מיטגעהאָלפען דער בעאַרבייטונג פון די נאַטירליכע רייכטימער פון לאַנד. ניט קוקענדיג אויף איהר פּאָליטישער פעראייניגונג, אויפ'ן נצחון איבער די מורען, און הגם זי האָט געקראָגען די רייכע קאָלאָניעס אין אַמעריקע — גראָד אין דעם יאָהר פונ'ם גירוש-שפּאַניען האָט קאָלומבוס ענדעקט אַמעריקע, — פונדעסטוועגען האָט די שפּאַנישע מלוכה גיך געקייקעלט זיך באַרג

אַראָב. די בירגערליכקייט און פרייהייט זיינען דערשטיקט געוואָרען אינ'ם רויך פון די שייטערהויפענס; דאָס פאָלק, וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אויף די בלוטיגע שוישפּיעלען, אויטאָ-דאַ-פע'ס, איז געוואָרען פערווילדערט; די מדות זיינען גראָב געוואָרען, דער אָבערגלויבען און פינסטערער פאַנאַטיזם האָבען דערשטיקט דעם געזונטען קערנדיל פון דער רעליגיע. דאָס לאַנד פון דער אַראַביש-אידישער רענעסאַנס האָט זיך אומגעביטען אין אַ לאַנד פון מאָנאַכען. דער גרויס-אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאָ האָט פאַר די 14 יאָהר פון זיין טעטיגקייט פערברענט אויף שייטערהויפענס העכער 8000 אנוסים און אידען, און אַ סך טויזענדער פערמאַטערט אין די טורמעס פון דער אינקוויזיציע. די שפּעטערדיגע אינקוויזיטאָרען זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגען.

אַזוי איז די „אידען-פראַגע” פערענטפערט געוואָרען דורכ'ן גירוש. די מאַראַנען-פראַגע האָט מען געפּרובט פערענטפערען דורך עינויים און שייטערהויפענס, נאָר ניט אַזוי גיך האָט מען זי פערענטפערט, און זי איז אַ לאַנגע צייט געבליבען שטייהן, ווי אַ בלוטיגער שאָטען-בילד אין דער אידישער געשיכטע.

דער גירוש פון אידען פון פּאָרטוגאַל

§ 158. ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, איז אַ בעדייטענדער טייל פון די שפּאַנישע פערטריבענע אַוועק קיין פּאָרטוגאַל און נאַוואַראַ — די צוויי מלוכות פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל, וואו עס האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינגעפעסטיגט די ממשלה פון דער אינקוויזיציע. נאָר אין די דאָזיגעביידע לענדער האָבען אידען געפונען אַ מקום-מנוחה נאָר אויף אַ קורצער צייט. אומזוסט האָט די פערטריבענע נאָכגעיאָגט פעררדינאַנד דעם קאַטוילי'ס ווילדער צאָרן.

בשעת אין נאַוואַראַ זיינען אַריינגעדרונגען עטליכע טויזענד אידישע עמיגראַנטען, האָט דער שפּאַנישער דעספּאָט דרינגענד געבעטען דעם קיניג פון נאַוואַראַ, ער זאָל זיי פערטרייבען. די אומגליקליכע האָט מען געגעבען אויסצוקלייבען איינס פון די ביידע: אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד, אָדער זיך שמד'ען. האָבען אַ סך מחמת יאוש געביטען די אמונה. 180 משפּחות זיינען אָבגעשמד'ט געוואָרען נאָר אין טודעלאַ אַליין, די איבעריגע האָבען גענומען זייער וואַנדערשטעקען און זיינען אַוועק ווייטער (1498).

שרעקליכער פון אַלץ איז געווען דער גורל פון יענער אומגעהייערער מאַסע אויסוואַנדערער, וואָס זיינען אַוועק קיין פּאָרטוגאַל. אין דעם דאָזיגען לאַנד, וואָס האָט מיט הונדערט יאָהר צוריק אויפגענומען די קרבנות פון דער סעווילייער הריגה, האָבען די שפּאַנישע פערטריבענע געהאָפט צו געפינען אַ מקום מנוחה אויך נאָך דער נייער קאַטאַסטראָפע. לכתחילה האָט אויסגעוויזען, אַז זייער האָפענונג וועט טאַקע מקוים ווערען. בשעת די דעפּוטאַציע אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם טאָלעדער רב ר' יצחק אבואב האָט געבעטען דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל יואַן II, ער זאָל אַריינלאָזען אין זיין לאַנד די שפּאַנישע פערטריבענע, איז דער קיניג, וואָס איז ווייט געווען פון הומאַנע געפיהלען, נאָר ער

האָט זיך גערעכנט מיט זיין אייגענעם נוצען, נוטה געווען ממלא צו זיין די דאָזיגע בקשה. נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיישב געווען מיט זיינע שׂרות, האָט ער דערקלערט, אַז ער איז גרייט אַריינצולאָזן די אויסוואַנדערער אין פּאָרטוגאַל ניט אויף שטענדיג צו וואוינען דאָרט, נאָר ניט מעהר ווי אויף אַכט חדשים צייט, בתנאי אַז מען זאָל איהם בעצאָהלען אַן אומגעהייער סומע געלד פאַר דאָס רעכט אַריינצופאָהרען אין לאַנד (אַן ערך פון 150 ביז 6 רובעל פון קאָפּ). לייגער צו וואוינען אין לאַנד האָט מען ערלויבט נאָר גרויסע קאַפּיטאַליסטען און עטליכע גרופּעס בעלי-מלאכות, בעזונדערס געוועהר-שמידען. צו גלייכער צייט האָט דער קיניג זיך מתחייב געווען צו געבען די עמיגראַנטען פאַר אַ מעסיגען געצאָהלט שיפען אויף צו פאָהרען ווייטער. אַן ערך 120 000 פערטריבענע זיינען אַריין אין פּאָרטוגאַל, נאָר זיי האָבען דאָרט אַפילו קיין צייטווייליגע רוה ניט געפונען.

דער קיניג פון פּאָרטוגאַל, וואָס האָט אַריינגעלאָזען אין זיין לאַנד די אידישע אויסוואַנדערער צוליעב זיינע געלד-אינטערעסען, איז געווען לויט זיין כאַראַקטער ניט בעסער פאַר פערדינאַנד דעם קאַטוילק. צו אידען האָט ער זיך פערהאַלטען מיט שנאה, הגם ער האָט אויסגענוצט אידישע אַסטראָנאָמען און געאָגראַפען צוליעב די עקספּעדיציעס, וואָס ער האָט געשיקט, בכדי צו געפינען נייע לענדער. לויט דער פאָדערונג פונ'ם פּויפּסט אינאָקענטיוס VIII האָט ער געגרינדעט אין פּאָרטוגאַל אַן אינקוויזיציאָנס-קאָמיסיע אויף צו זוכען די אנוסים; וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון שפּאַניען. דורכגעדרונגען מיט קלעריקאַלען גייסט, האָט יואַן ניט געקאָנט סובל זיין ניט בלויז די צוגעקומענע אידען, נאָר אויך די אַלט-איינגעזעסענע. אַ צופאַל האָט איהם אין גיכען געגעבען די האָפענונג פּטור צו ווערען סיי פון די סיי פון יענע.

צווישען די אומגליקליכע אויסוואַנדערער האָט זיך אָנגעהויבען אַ מגפה, וואָס האָט פערטיליגט טויזענדער קרבנות (צום סוף פון יאָהר 1492 איז געשטאָרבען זייער פיהרער ר' יצחק אבואב), און די פּאָרטוגעזער האָבען אָנגעהויבען הויך צו טענ'ען קעגען דער רעגירונג, פאַרוואָס זי האָט אַריינגעלאָזען אין לאַנד די „פון גאָט פערשאָלטענע" מענשען. האָט מען אָנגעהויבען אונטערטרייבען די עמיגראַנטען, זיי זאָלען אָבפאָהרען צום טערמין, און לויט'ן בעפעהל פון קיניג האָט מען זיי געגעבען שיפען אויף אָבצופאָהרען אין אַנדערע לענדער.

אונטערוועגס האָבען די פערטריבענע געליטען שרעקליכע צרות. מחמת מורא, זיי זאָלען ניט אַריינפיהרען קיין מגפה, האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזען אין די נאָהענטסטע לענדער, און זיי האָבען עטליכע חדשים אַרומגעוואָגעלט איבער די ימים, געפינענדיג זיך אינגאַנצען אין רשות פון די בעלי-בתים פון די שיפען און פון די שיפס-קאַפּיטאַנען, וואָס זיינען זיך בעגאַנגען מיט זיי, ווי מיט שקלאַפען, האָבען אָבגענומען ביי זיי זייער לעצטע שטיקעל האָב-און-גוטס, און טיילמאָל — אויך זייערע פרויען און טעכטער.

איינע פון די דאָזיגע וואָגלענדיגע שיפען איז צוגעשטאַנען צום ברעג פון

מאַלאַגאַ, נאָר דאָ האָט מען די עמיגראַנטען ניט אַראָבגעלאָזען אויפ'ן ברעג, ווייל די שטאָדט געהערט צו דער שפּאַנישער טעריטאָריע. דערפאַר פלעגען לויט'ן בעפעהל פונ'ם אָרטיגען ביסקופ קומען טעגליך אויפ'ן שיף קאַטוילישע גלחים און פּריידיגען פאַר די נע-ווגד'ניקעס דעם קריסטענטום. אַז דער ביסקופ האָט דערזעהן, אַז מיט די דרשות טוט ער גאָרנישט אויף, האָס ער געהייטען דעם קאָמאַנדיר פון שיף, ער זאָל ניט געבען די פּאַסאַזשירען קיין עסען, אַפילו ניט קיין ברויט און וואַסער, און האָט געהאָפט דורך אויסהונגערן אַיינצונעמען זיי פאַר דער קירך. פינף טעג נאָך אַנאַנד האָט מען געפּייניגט די אומגליקליכע מיט הונגער, און די גלחים האָבען אַלע טאָג גע'טענ'עט: „ווער עס וויל לעבען — דער זאָל אָננעמען קריסטענטום”. הונדערט מאַן זיינען ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון: אויסגעמאַטערט פון הונגער, האָבען זיי זיך געלאָזט שמד'ען, נאָר אַן ערך 50 מאַן זיינען געשטאָרבען פון הונגער און האָבען זיך אָבגעזאָגט פון די „גייסטיגע ברויט” פון דער קירך. דער ליעבעפולער ביסקופ איז געווען בעפרידיגט מיט די דאָזיגע קרבנות און האָט אָבגעלאָזט די לעבען געבליבענע אידען, וואָס זיינען אַריבערגעפאָהרען צום אַפריקאַנישען ברעג און האָבען זיך בעזעצט אין מאַראָקע און פעץ.

נאָך ערגער איז געווען דער גורל פון יענע, וואָס זיינען געבליבען אין פּאָרטוגאַל לייגגער פאַר'ן בעשטימטען טערמין, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין געלד אויף הוצאות-הדרך, אָדער מחמת אַנדערע סיבות. מען האָט זיי ערקלערט פאַר'ן קיניגס לייב-אייגענע. די פּאָרטוגעזישע הויפישע שררות האָבען צעטיילט צווישען זיך דעם דאָזיגען לעבעדיגען רויב: איטליכער האָט צוגענומען פאַר זיך יענע אידישע מאַנסבילען און פרויען, וועלכע זיינען איהם געפעלען געוואָרען. ביי די דאָזיגע געפאַנגענע האָט מען אָבגענומען זייערע קליינע קינדער, אין עלטער פון דריי ביז צעהן יאָהר, און אָבגעשיקט זיי אויף די ניי-ענדעקטע אינזלען סען-טאָמאַס, בכדי זיי אויפצוהאָדעווען אין דער קריסטליכער אמונה. די אומגליקליכע קינדער זיינען דאָרט אומגעקומען פון אומגעזונטען קלימאַט, פון גיפטיגע שלאַנגען און סקאָרפּיאָנען.

אַז עס איז געשטאָרבען דער קיניג יואַן און די ממשלה איז איבערגע-גאַנגען צו זיין יורש עמנואל (צום סוף פון יאָהר 1495), האָבען די אידען אָנ-געהויבען צו האָפען, אַז זייערע יסורים וועלען פערגרינגערט ווערען. דער קיניג עמנואל האָט געגעבען פרייהייט די שפּאַנישע פערטריבענע, וואָס מען האָט זיי געמאַכט פאַר שקלאַפען, און האָט זיי צוגעזאָגט זיין שוץ. ס'קאָן זיין, אַז ער האָט אַזוי געטאָן אונטער'ן אַיינפלוס פון זיין הויפּס-אַסטראָלאָג, דעם בע-וואוסטען געלערנטען און כראָניסט, ר' אַ ב ר ה ם ז כ ו ת א, וואָס האָט זיך אַרי-בערגעקליבען פון שפּאַניען קיין ליסאַבאָן.

נאָר איין פּאָליטישע פאַמיליען-אינטריגע האָט בעוואויגען אין גיכען דעם קיניג פון פּאָרטוגאַל מיט אַמאָל אומצובייטען זיין בעציהונג צו אידען. עמנואל האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט דער עלטסטער שפּאַנישער פּרינצעסין, דער טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, האָפענדיג צו ירש'ען נאָכ'ן טויט פונ'ם

קיניגליכען פאַר-פאָלק די שפּאַנישע קרוין. פערדינאַנד און איזאַבעלאַ זיינען מרוצה געוואָרען אויפ'ן שידוך, נאָר צווישען די תנאים האָבען זיי אַריינגעשטעלט אַ פונקט, אַז פּאָרטוגאַל זאָל פונקט אַזוי אויסגערייניגט ווערען פון אידען, ווי איהר פערבינדעטע שפּאַניען. די כלה גופא (איזאַבעלאַ די אינגערע), אַן אמת'ע טאָכטער פון איהרע עלטערן, האָט דערקלערט, אַז נאָר מיט דעם תנאי וועט זי בעטרעטען די פּאָרטוגעזישע ערד. היות ווי עמנואל האָט ניט געוואָלט מקריב זיין צוליעב די אידען זיינע דינאַסטישע אינטערעסען, דעריבער האָט ער מסכים געווען אויפ'ן תנאי, וואָס דער שפּאַנישער הויף האָט געשטעלט.

דעם 25 דעצעמבער פון יאָהר 1496 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אַלע אידען, סיי די אַלט-איינגעזעסענע און סיי די געקומענע פון שפּאַניען, זאָלען זיך אַרויסקלייבען פון פּאָרטוגאַל, אויב ניט וועט מען זיי טויטען און צונעמען זייער פערמעגען. דער קיניג האָט פערלייגערט דעם טערמין פונ'ם גירוש אויף צעהן חדשים צייט, ביז סוף אָקטאָבער פון יאָהר 1497, האָפענדיג, אַז אין משך פון דער צייט וועט ער בעוויזען אַיינצורייִדען די אויסוואַנדערער, וואָס האָבען זיך געפונען אין אַ קריטישער לאַגע, זיי זאָלען אָננעמען דעם קריסטענטום, און אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיך איהם אַיינגעבען אַיינצוהיטען פאַר דער מלוכה די דאָזיגע בעגאַבטע און נוצליכע בעפעלקערונג.

אַז די אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם קיניגס פּלענער, האָבען זיי געשווינד זיך צוגעגרייט אין וועג אַריין, און שוין אין פריהיאָהר פון יאָהר 1497 זיינען צעהנדליגער טויזענדער פון זיי געווען גרייט צו פערלאָזען פּאָרטוגאַל. דעמאָלט האָט דער דערצאָרענטער קיניג בעפויהלען צו מאַכען פּלוצלונג אַן אָנפאַל אויף די אויסוואַנדערער, וואָס האָבען זיך געגרייט אָבצופאָהרען, אָבצונעמען ביי זיי זייערע קינדער אינגער פון 14 יאָהר, אָב'שמד'ען זיי דעם ערשטען טאָג פון דער קריסטליכער פסחא און פונאַנדערטיילען אויף האָדעווען זיי אין קריסטליכע משפחות. ס'זיינען פאָרגעקומען האַרצרייסענדע סצענעס: קינדער האָט מען אַרויסגעריסען פון די אָרעמס פון זייערע פאָטערס און מוטערס, וואָס זיינען שיער ניט משוגע געוואָרען פון צרות, און מען האָט זיי געשלעפּט צום שמד. „איך האָב געזעהן — דערצייהלט דער דעמאָלטיגער ביסקופ קוטינאָ, וואָס האָט ניט מיטגעפיהלט די רציחות אין קריסטוס'עס נאָמען — ווי מען האָט אַ סך געשלעפּט פאַר די האָר צום שמד, ווי די פאָטערס האָבען מיט שרעקענס-געשרייען זיך געלאָזט לויפען נאָך די קינדער און ביים אַלטאַר האָבען זיי געמאַכט קולות קעגען דעם דאָזיגען אוממענשליכען איבערגעוואַלדיגען שמד. איך האָב געזעהן נאָך אַ סך שרעקליכעס, וואָס איז אָבגעטאָן געוואָרען מיט זיי". אַ סך עלטערן האָבען דאָ אויפ'ן אָרט געקוילעט די קינדער און זיך; אַנדערע האָבען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען דעם געדאַנק וועגען צעשיידען זיך מיט די גע'שמד'טע קינדער און האָבען צוליעב זיי זיך אויך געלאָזט שמד'ען.

אין האַרבסט פון יאָהר 1497 איז אָנגעקומען דער לעצטער טערמין פאַר'ן גירוש פון די אידען פון פּאָרטוגאַל. אין האַפען פון ליסאַבאָן האָבען זיך צונויפ-

געקליבען אַן ערך צוואַנציג טויזענד אומגליקליכע פערטריבענע, וואָס האָבען געאײלט זיך צו פערלאָזען דאָס לאַנד, וואָס איז געוואָרען פאַר זיי אַ גיהנם. נאָר דאָ האָט מען די פערטריבענע פערהאַלטען, ביז עס איז געווען פאַרביי דער לעצטער טערמין (אָקטאָבער), — און דעמאָלט האָט מען זיי מודיע געווען, אַז היות ווי זיי האָבען זיך ניט אַרויסגעקליבען פון פּאָרטוגאַל צום טערמין, דעריבער ווערען זיי אָבגעגעבען אין רשות פון קיניג, וועלכער קאָן טון מיט זיי, וואָס זיין האַרץ גלוסט. מען האָט זיי פּאָרגעלייגט זיך צו לאָזען שמד'ען. די וואָס האָבען זיך אָבגעזאָגט דערפון, האָט מען געפּייניגט מיט הונגער און דאָרשט דריי מעת-לעת, און אַז דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָבען די פּאָרטוגעזישע מאַטראָסען אָנגעהויבען צו שלעפען די אומגליקליכע אין קירך אַריין פאַר די האָר און בערד און מיט שטריק. אַ סך האָבען זיך אַרויסגעריסען פון די הענד פון זייערע פּייניגער, האָבען זיך אַרייַנגעוואָרפען אין ברונימער אָדער אַראָבגעוואָרפען פון די דעכער פון הויכע הייזער, אבי נאָר ניט צו גייהן צום שמד; אַנדערע האָבען לפנים זיך געלאָזט שמד'ען מיט'ן מיין צו אַנטלויפען ביי דער ערשטער מעגליכקייט פון די דאָזיגע וועלף בצורת מענשען.

די אַוועקגעפאָהרענע פערטריבענע, וואָס צווישען זיי זיינען געווען ר' אַברהם זכותא און אַנדערע גרויסע געלערנטע און רבנים, זיינען אַוועק קיין צפון-אַפריקע און טערקיי. ניט ווייניג פון זיי זיינען אומגעקומען אונטערוועגס פון הונגער, דחקות און קראַנקהייטען; אַ סך פון זיי זיינען אַרייַנגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו פּיראַטען און זיינען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַפען. נאָר אַ טייל פון דער אומגעהייער גרויסער מאַסע עמיגראַנטען, וואָס זיינען אַרויסגעפאָהרען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, האָבען דערגרייכט צו די ברעגען פון אַפריקע, טערקיי און איטאַליען.

אַזוי האָט נאָך שפּאַניען פערענטפערט איהר „אידען-פראַגע״ אויך פּאָרטוגאַל. נאָר דורך דעם איבערגעוואַלדיגען שמד פון אַ סך טויזענדער אידען האָט זי געשאַפען ביי זיך אַ „מאַראַנען-פראַגע״, וואָס צו פערענטפערן זי האָבען נאָך אין משך פון צוויי יאָהרהונדערטען געאַרבייט פּאָליטישע טוער, אינקוויזיטאָרען און תליונים אין דער פינסטערניש פון די אינקוויזיציאָנס-טורמעס און ביי די העלע שייטערהויפענס פון די אויטאָ-דאַ-פע'ס.

דער אידישער קולטור-צענטער אויפ'ן פירענייאישען האַלב-אינזעל איז אונטערגעגאַנגען, נאָכדעם ווי ער האָט עקסיסטירט טויזענד יאָהר. איבערן ים און איבער דער יבשה האָבען אַרומגעוואָגעלט די אומגליקליכע „ספרדים״ און געזוכט פאַר זיך אַ נייע היים, אָנשטאָט דער אָנגעוואָהרענער. זיי האָבען זי געפונען צום טייל אין מערב (איטאַליען, נידערלאַנד), צום טייל אין מזרח — אין טערקיי, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַט איינגעפעסטיגט אויף די חורבות פון דער ביזאַנטינישער אימפּעריע און האָט אַרייַנגענומען אין איהר טעריטאָריע דאָס אַלטע פאָטערלאַנד פון אידישען פאָלק, ארץ-ישראל.

ש. דובנאָוו

ביים אָנקומען פון דער „נייער צייט״ אין דער אַלוועלטליכער געשיכטע ביים זיך אום די געאָגראַפישע פונאַנדערטיילונג פונ׳ם גלות. עס קומען אויף נייע קולטור־צענטרען, עס ווערט אַריבערגעטראָגען די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע, עס ווערען געבאָרען נייע גייסטיגע בעוועגונגען. נאָר לאַנג נאָך לאָזען זיך הערען „די אַלטע ליעדער״ — די ווייה־געשרייען פון די גע׳רודפ׳טע און די קרעכצען פון די אונטערדריקטע.

שמעון דובנאָוו.

אַלגעמיינע
אידישע געשיכטע

פון די עלטסטע צייטען ביז דער נייער צייט

איבערגעזעצט פון ה. קאלמאנאָוויטש.

צעהנטער טייל.

די נייע צייט.

פון דער אויפלעבונג פון מזרחדיגען צענטער: טערקיי און ארץ-ישראל ביז ר' מנשה בן-ישראל און אוריאל אַקאסטא.

ווילנע, תר"ף—1920.

דרוקעריי ב. פירנסאָן און קאָמפּ. [illegible]

אינהאלט פון צעהנטען טייל.

די נייע צייט.

ערשטע אָבטיילונג.

די דייטש־פוילישע העגעמאָניע (1498—1648).

זייט

אַלגעמיינער איבערבליק 5

די אויפלעבונג פון מזרחדיגען צענטער: טערקיי און ארץ־ישראל (קאַפּיט. I) . . . .

דער קולטורעלער וואַקסען און די בירגערליכע רעכטלאָזיגקייט פון די אידען אין איטאַליען (קאַפּיט. II) 42

די אידען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך פאַר דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע און פון די רעליגיאָנס־קריגען (קאַפּיט. III) . 82

דער אויטאָנאָמער צענטער אין פוילען און זיין בליהונגסצייט (קאַפּיט. IV) 121

די אַנוסים אין די לענדער פון דער אינקוויזיציע און די קאָלאָניע אין האָלאַנד (קאַפּיט. V) . . . .

ערשטע אבטיילונג.

די דייטש-פוילישע העגעמאניע (1498—1648)

אלגעמיינער איבערבליק

§ 1. אויפ'ן גרעניץ צווישען מיטעלאַלטער און צווישען דער „נייער צייט" שטייהט אַ געשעהעניש פון דער גרעסטער היסטאָרישער וויכטיגקייט: דער אונטערגאַנג פונ'ם אידישען קולטור-צענטער אין שפּאַניען. שוין לאַנג ווערט דער ליידענס-וועג פון דער אידישער געשיכטע געמאָסטען דורך קאַטאַסטראָפעס. פון איין חורבן ביז'ן אַנדערן — דאָס איז די געוויהנליכע כאַראַקטעריסטיק פון די רוה-פונקטען אויפ'ן דאָזיגען וועג. די אידישע צענטרען, וואָס זיינען מיט אַזוי-פיעל מיה געשאַפען געוואָרען, ווערען חרוב ניט מחמת דעם פּראָצעס פון אי-נעווייניגסטען פונאַנדערפאַלען, נאָר איבערגעוואַלד, דורך דער האַנד פונ'ם אויסווייניגסטען שונא, — און צום אָנהויב פון איטליכער עפּאָכע קומט אויס דעם פאָלק דעם בע-ונד'ניק צו שאַפען נייע צענטרען פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור, נייע פּאָזיציעס פאַר דער אַרמיי פון גייסט, וואָס קאָן ווערען צעשלאָגען, צע-שפּרייט, אָבער ניט בעזיגט.

דער אידישער גירוש פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל צום סוף פון XV-טען יאָהרהונדערט האָט געבראַכט צו גרויסע שינויים אין דער געאָגראַפישער פונאַנ-דערטיילונג פונ'ם גלות און אין דער אינעווייניגסטער קאָמבינאַציע פון זיינע קרעפטען. מיט דער פונאַנדערשפּרייטונג פון די שפּאַנישע אידען אָדער ס פ ר ד י ם איז בטל געוואָרען זייער נאַציאָנאַלע העגעמאָניע אין אייראָפּע, וואס האָט גע-דויערט זעקס יאָהרהונדערטען. די רעשטען פון די ספרדים, וואָס זיינען פער-טריבען געוואָרען פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל, האָבען זיך בעזעצט דער עיקר אויף די צוויי אַנדערע האַלב-אינזלען אין דרום-זייט פון אייראָפּע — דעם אַפּענינישען און באַלקאַנישען. א י ט אַ ל י ע ן האָט אויפגענומען איין טייל פון די פערטריבענע, וואָס האָבען אין גיכען זיך צונויפגעמישט מיט דער אַלט-איינגעזעסענער אידישער בעפעלקערונג. נאָר דער גרעסטער טייל פון די ספרדים איז אַוועק אין דער אייראָפּייאישער ט ע ר ק י י און אין איהרע אַזיאַטישע לענדער, וואָס צו זיי האָט געהערט אויך (זינט דעם יאָהר 1517) ארץ-ישראל.

דאָס איז געווען אַ בעדייטונגס-פולע היסטאָרישע געשעהעניש. מיט פינף יאָהרהונדערטען צוריק, פאַר-בעגינען פון דער אַראַביש-שפּאַנישער קולטור, איז

די אידישע געשיכטע

די בעוועגונג פון די הויפּט-קרעפטען פון אידישען פאָלק געגאַנגען פון מזרח קיין מערב, פון בבל קיין שפּאַניען, — איצטער איז פאָרגעקומען, פערקעהרט, א בעוועגונג פון מערב קיין מזרח, פון שפּאַניען קיין טערקיי. די נייע מוסולמאַנישע מלוכה, וואָס האָט זיך איינגעפעסטיגט אויפ'ן באַלקאַנישען האַלב-אינזעל און אין פאָדער-אַזיען, האָט אַרונטערגענומען אונטער איהר שוץ די אידען, וואָס זיינען געַ'רודפ'ט געוואָרען אין די קריסטליכע לענדער, פּונקט אַזוי ווי דאָס האָבען פריהער געטאָן די אַראַבער, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך בעזעצט אויפ'ן פּירענייאישען האַלב-אינזעל.

נאָר צווישען די מיטעלאַלטערליכע אַראַבער און צווישען די אָסמאַנישע טערקען פון דער נייער צייט איז געווען דער חילוק, וואָס צווישען אַ פרידליכער קולטור-קראַפט און צווישען אַ באַרבאַרישער מיליטער-מאַכט. דער אויפטראָג פון די אידען מיט די אַראַבער האָט געשאַפען די ליכטיגע תקופה פון דער ספרדישער בילדונג, פערקעהרט אין טערקיי האָבען די אידען ניט געקאָנט האָבען קיין שום גייסטיגע בעציהונג צו דער מוסולמאַנישער בעפעלקערונג און האָבען געלעבט לחלוטין אַיינגעשלאָסען. דער גייסטיגער צענטער, וואָס זיי האָבען דאָ געשאַפען האָט נאָר אין משך פון אַ קורצער צייט געהאַט אַן אַלגעמיין-אידישע בעדייטונג: דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פונ'ם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויפס-מאַן יוסף נשיא, דעם בעשעפער פונ'ם „שלחן ערוך" ר' יוסף קרא און דעם גרינדער פון דער פּראַקטישער קבלה מיט אַ משיחישער בעפאַרבונג — ר' יצחק לוריא (1550 — 1576).

די אַטמאָספער פון ארץ-ישראל, דער וויג פון דער אידישער נאַציע, האָט אויפגעוועקט האָפענונגען וועגען משיח'ס קומען, און אַלס פּועל-יוצא דערפון איז געווען די שטורמישע בעוועגונג, וואָס שבתאי צבי האָט אויפגעהויבען אין דער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט. נאָר נאָך דער אויסערסטער אָנשטרענגונג פון די כחות, וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך דער דאָזיגער בעוועגונג, איז אָנגעקומען אַ פולקומע ירידה. די ספרדים פאַלען אַלץ מעהר אַרונטער אונטער דער השפעה פון דער אָריענטאַלישער אָבגעשטאַנענקייט. דער געוועזענער אַוואַנגראַד פון אידישען פאָלק טרעט אָב אין די רייהען פון די צוריקגעבליבענע, אין דעם קלאַס פון די היסטאָרישע אינוואַלידען.

אויף אַ געוויסער צייט הויבט זיך אויף די קולטור פון די אידען אין איטאַליען, וואָס איז בעלעבט געוואָרען דורכ'ן נייעם שטרום פון דעם ספרדישען עלעמענט. די איטאַליענישע אידען, וואָס האָבען ווינציגער פון אַלעמען געליטען פונ'ם רעזשים פונ'ם מיטעלאַלטער, האָבען אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט אַרויסגעוויזען סימנים פון סאָציאַלער בענייאונג, און ביי נאָרמאַלע תנאים וואָלטען זיי געקאָנט אריבערציהען צו זיך אַ טייל פון דער פאָלקס-העגעמאָניע, וואָס די ספרדים האָבען אָנגעוואָהרען. נאָר דער איטאַליענישער צענטער האָט אָבגעבליהט, איידער ער האָט נאָך בעוויזען פונאַנדערצובליהען. דער צודראַנג פון די עמיגראַנטען פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל רופט אַרויס ערטערווייז רדיפות קעגען אידען בכלל, און די קאַטוילישע רעאַקציע פון דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט, וואָס האָט געענטפערט אויף דער רעפאָרמאַציאָנס-

בעוועגונג דורך דער גרינדונג פון דער פויפסטליכער אינקוויזיציע און פונ׳ם יעזואיטישען-אָרדען, שאַפט אין איטאַליען פון דאָס ניי דעם מיטעלאַלטערליכען רעזשים, מיט אַ צוואַנגס-געטאָ, בירגערליכער רעכטלויזיגקייט און רעליגיעזע רדיפות.

אַלס ענטפער אויף די אייביגע אידישע צרות לאָזען זיך הערען די משיחישע אויפרופען פון ראובני און מולכו, די „פּאָליטישע ציוניסטען" פון XVI יאָהרהונדערט. אין גייסטיגען לעבען בייטען זיך כסדר ליכט און שאָטען. די פרייע הומאַניסטישע ריכטונג (דער קריטיציזם פון ר׳ עזריה די רוסי און פון לעאָ די מודינה) טרעט אָב צו ביסלעכווייז דעם אָרט דעם איינגען רביניזם און דער מיסטיש-משיחישער ריכטונג, וואָס קומט פון די מזרח-לענדער.

נאָך צום סוף פון דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, אין דער ערשטער העלפט פון VXII יאָהרהונדערט, בילדעט זיך אַ נייער ספרדישער צענטער אין האָלאַנד. זיינע גרינדער זיינען שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אַנוסים, וואָס האָבען העכער הונדערט יאָהר זיך געמאַטערט אונטער׳ן דרוק פון דער אינקוויזיציע און האָבען זיך צולעצט אַוועקגעלאָזט אין דער פרייער האָלאַנד, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון די נעגעל פון דער קאַטוילישער שפּאַניען און פונ׳ם קיניג פיליפּ II. די אידישע האַנדעלס-קאָלאָניע אין׳ם דאָזיגען לאַנד, וואָס איז געוואָרען דער צענטער פונ׳ם וועלט-מאַרק, די אַווטאָנאָמע געמיינדע-אָרגאַניזאַציע אין דער פרייער רעפּובליק, דער נייער נעסט פאַר דער גייסטיגער שאַפונג אין אַמסטערדאַם, וואָס האָט געגעבען ר׳ מנשה בן ישראל, אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך ספינאָזאַ, — דאָס אַלץ שטעלט פאַר אין דער אידישער געשיכטע אַן איינגענאַרטיגע ערשיינונג, וואָס שטייהט אַן אַ זייט פון איהר הויפּט-ליניע. דאָס איז אַ קאָלאָניע, וואָס האָט קיין מאָל ניט דערגרייכט צו דער בעדייטונג פון אַ מעטראָפּאָליס.

מחמת דעם, וואָס די ספרדים זיינען דעצענטראַליזירט געוואָרען און דער גרעסטער רוב פון זיי האָט זיך אַריבערגעקליבען אין די מזרח-לענדער, האָט די מיטעלאַלטערליכע שפּאַניש-דייטשע העגעמאָניע איבער דעם אידישען קיבוץ פון מערב-אייראָפּע זיך געמוזט פערוואַנדלען אין אַ העגעמאָניע פון די דייטשע אידען. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דעם ערשטען אָרט אין די גלות-לענדער, וואָס די ספרדים האָבען פריהער פערנומען בשותפות מיט די אשכנזים, די אידען פון די דייטשע לענדער, וועט איצט איבערגייהן אינגאַנצען צו די לעצטע. די דייטשע און עסטרייכישע אידען זיינען געווען פּאָליטיש צו פיעל אונטערדריקט, אַז זיי זאָלען קאָנען אויסטראָגען אויף זייערע אַקסלען די גאַנצע משא פון דער נאַציאָנאַלער העגעמאָניע. נאָר אין יענער צייט (אין XVI יאָהרהונדערט) טרעט אַרויס אַ נייע היסטאָרישע קראַפט, די יונגע צווייג פון די אשכנזים — דער אידישער קיבוץ אין פוילין, וואָס פערנעמט אין די מערב׳דיגע גלות-לענדער דעם ליידיגען פּלאַץ, וואָס האָט זיך געבילדעט נאָך דער צעשפּרייטונג פון די ספרדים. די העגעמאָניע ווערט אַ דייטש-פּויליש ע, — אַ פּוילישע אַפילו אין אַ גרעסערער מאָס, איידער דייטשע.

אינ׳ם לעבען פון די אידישע קווארטאלען פון דייטשלאנד און עסט-רייך האט דער אנקומען פון דער „נייער צייט״ ניט ארויסגערופען קיין שינויים אין עצם. די איינגעשלאסענקייט און רעכטלויזיגקייט פון די געטא-איינוואוינער איז געבליבען אין איהר פולער קראפט; ס׳זיינען נאר זעלטענער געווארען די מאסען-פאגראמען און הריגות. דער הומאניזם האט ניט געקאנט איינגאנצען מנצח זיין די ארמיי פון „די פינסטערע לייט״ אין דייטשען פאלק; די איידעלע רייכלינס האבען געווירקט אויף איינצעלנע יחידים, די פפעפערקארנס האבען פער׳סמ׳ט דורך זייער אידענפיינדליכער אגיטאציע דעם געוויסען פון די מאסען. לוטערס רעפארם האט אין א געוויסער מאס אויפגעקלערט די מוחות, נאר זי האט ניט ווייכער געמאכט די געמיטער, האט ניט געשאפען קיין רעזשים פון סבלנות און מענשליכקייט. דער לוטעראניזם גופא האט געמוזט קעמפען פאר זיין עקסיסטענץ לכתחילה מיט׳ן קאטוליציזם, און דערנאך מיט אנדערע רע-פארמאטארישע טעאריעס, — און דער פועל-יוצא פון אזא קאמף האט ניט גע-קאנט זיין טאלעראנץ צו פרעמדע גלויבונגען. די שפאלטונג אין דער קירך און די רעליגיאנס-קריג פון XVI און XVII יאהרהונדערט האבען געשאפען א שנאה פון קריסטען צווישען אנאנד, נאר זיי האבען זיי ניט ווייכער געמאכט בנוגע צום אלטען „שונא פון דער קירך״. אמת, מען האט אידען ניט פערטיליגט מא-סענווייז, ווי אין מיטעלאלטער, נאר מען האט ניט אויפגעהערט זיי צו אונטער-דריקען און צו האלטען אין דער לאגע פון שקלאפען.

די אונטערדריקונגען און רדיפות האבען אריינגעטריבען מאסען אידען פון דייטשלאנד, עסטרייך און בעהמען קיין פוילין, וואו דער אידישער עלעמענט דערגרייכט אין XVI און אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאהרהונדערט צו א ניט-געוויהנליכער גרייס. דער אידישער קיבוץ אין פוילין, וואס איז פריהער געווען א בעשיידענע קאלאניע פון די מערב׳דיגע אשכנזים, בילדעט אין יענער עפאכע א זעלבשטענדיגען קולטורען און גייסטיגען צענטער און ציהט אריבער צו זיך די העגעמאניע, וואס איז ארויסגעפאלען פון די הענד פון די ספרדים. דא האבען זיך גינסטיג צונויפגעשטעלט די הויפט-תנאים, ביי וועלכע ס׳איז מעג-ליך א העגעמאניע, דאס איז: א) אין פוילין און אין ליטא, וואס איז געווען פעראייניגט מיט איהר, איז די צאהל פון דער אידישער בעפעלקערונג געווען א סך גרעסער, איידער אין וואסער-עס-איז אנדערער אייראפייאישער מדינה פון יענער צייט; ב) די דאזיגע בעפעלקערונג איז ניט געווען צוגעבונדען צו בע-שטימטע ערטער, נאר זי האט געוואוינט כמעט אין גאנצען לאנד, אין שטעדט און אין דערפער, סיי אין בעזונדערע קווארטאלען און סיי אינאיינעם מיט קריס-טען, — און מחמת דעם האט זי זיך ניט געפיהלט אזוי דערנידעריגט, ווי אין דייטשלאנד; ג) אויפ׳ן עקאנאמישען געביט זיינען די פוילישע אידען ניט געווען צוגעבונדען צו קליינע אדער נידעריגע פרנסות, ווי זייערע מערב׳דיגע ברידער: זיי האבען זיך פערנומען ניט בלויז מיט קליינער קרעמעריי און אנטלייהען געלד, נאר אויך מיט גרויסען מסחר, מיט ארויספיהרען תבואה, זאלץ און געהילץ, מיט חכירות פון קרוינישע אבצאהלונגען, מיט ארענדע פון ערד און צום טייל מיט ערד-ארבייט; ד) זיי האבען געהאט די מעגליכקייט צו בעשאפען

אַ ברייטע נעץ פון געמיינדע־פערוואַלטונגען, מיט אָרטיגע און צענטראַלע אָר־גאַנען, מיט אַ גאַנצען לייטער פון געזעלשאַפטליכע און גייסטליכע טוער און מיט פּעריאָדישע צוזאַמענפאָהרען פון זיי צוליעב בעקלערען די פראַגען, וואָס זייגען שייך צום גאַנצען פאָלק (די „קהלס", „ועד ארבע הארצות", „ועד מדינת ליטאָ" און אַנדערע).

אַלע די דאָזיגע תנאים האָבען מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון אַן אייגענאַרטיגער אידישער קולטור אין פּוילין, וואָס קאָן געגליכען ווערען אין דעם פרט צו בבל. פונקט אַזוי ווי אין בבל צו דער צייט פון די גאונים, אַזוי איז אויך אין פּוילין דער רביניזם ניט געווען בלויז אַ פּערגליווערטער טויטער אות, נאָר אַ פיהרענדע רעליגיעז־יורידישע סיסטעם, וואָרום די רבנים פלעגען אָפיציעל פסק'ען אין ציווילע, און טיילווייז אויך אין קרימינעלע פּראָצעסען אויפ'ן סמך פון דעם תלמודישען געזעץ. ווי נאָר אין ארץ־ישראל איז פער־עפענטליכט געוואָרען דער „שלחן ערוך", האָבען זיך בעוויזען אין פּוילין אַוו־טאָריטעטישע הוספות צו איהם פונ'ם קראָקויער רב רמ"א (ר' משה איסרליש). אַ גאַנצע רייה געלערנטע פערנעמען זיך זינט דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט מיט דער בעאַרבייטונג פון די תלמודישע געזעצען. די צאָהל פון די ישיבות וואַקסט זייער גיך. פּוילין ציהט צו תלמידים אויך פון אַנדערע לענדער.

איבעריגענס, צום סוף פונ'ם דאָזיגען פעריאָד לאָזען זיך אויך דאָ מערקען געפעהרליכע סימפּטאָמען פון פונאַנדערפאַלונג, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינעווייניגסטער ירידה פון דער פּוילישער מלוכה. נאָך דער ליבעראַלער עפּאָכע פון סיגיזמונד I, סיגיזמונד־אויגוסט און סטעפאַן באַטאָרי (1507 — 1587) איז אָנ־געקומען די צייט פון דער קלעריקאַלער רעאַקציע און יעזואיטען־הערשאַפט (1587 — 1648), בשעת די פּוילישע גייסטליכקייט האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען צו געברויכען בנוגע צו אידען מיטעלאַלטערליכע קאַמפּס־מיטלען. די צעלאָזענע און פערדאָרבענע פּריצים, וואָס האָבען זיך אויפגעהאָדעוועט אין די יעזואיטישע קאָלעגיעס, וויזען אַלץ אָפענער אַרויס זייער ווילדווילדען, און דעם „פּאַנס" שטעקען שלאָגט מיט איין עק דעם „כלאָפּ" און מיט'ן אַנדערן דעם אידען. די סוחרים, קליין־בירגער און בעלי־מלאכישע צעכען קוקען שוין זינט לאַנג אויף אידען מיט קנאה, ווי אויף קאָנקורענטען; אַפילו דער פּויער, וואָס ווערט אונ־טערדריקט דורכ'ן פּריץ, איז אויך אין כעס אויפ'ן אידען, וואָס איז ניט ווילענ־דיג אַ געצייג פון דער פּריצישער ממשלה, אַלס אַרענדאַטאָר פון די דאָרפישע הכנסות. אויפ'ן דאָזיגען באָדען ווערט צוגעגרייט די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1648 (גזירת אוקריינא) און די מהומות, וואָס זייגען דערנאָך פאָרגעקומען, וואָס האָבען געמאַכט אַ שאַרפע איבערקעהרעניש אינ'ם לעבען פון אידישען קיבוץ אין פּוילין.

אין סאָציאַלען געביט קאָן דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונ'ם פעריאָד, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, ווערען אויסגעדריקט דורך דער פאָרמעל: שטרע־בונג קיין מזרח. דער געוועזענער ספרדישער צענטער רוקט זיך אַריבער קיין טערקיי, דער אַשכנזישער — קיין פּוילין.

אין געביט פון גייסטיגען לעבען האָט געמאַכט אַ גרויסע איבערקעהרעניש די פערשפּרייטונג פון דער בוך-דרוקעריי, וואָס האָט בעלעבט די ליטעראַטור און האָט פערשטאַרקט דעם גייסטיגען אויסבייט צווישען די פערשיידענע גלות-לענדער. ביי די מאַשינעס פון די אידישע דרוקערייען פון איטאַליען, טערקיי און פוילין ווערט אויסגעשמידט דער גייער אַייזערנער רינג, וואָס פעראייניגט די צעשפּרייטע נאַציע: דאָס געדרוקטע וואָרט. עס דיענט אַלס דאָס שטאַרקסטע געצייג צום פערשפּרייטען יענע רבניש-מיסטישע אידייען, וואָס האָבען נאָכ'ן קריזיס פון יאָהר 1492 אַרויסגעשטופּט די פריהערדיגע רבניש-פילאָסאָפישע ריכטונג פון לעבען און ליטעראַטור.

ערשטער קאַפּיטעל.

די אויפלעבונג פונ'ם מזרח'דיגען צענטער (טערקיי און ארץ-ישראל).

די אידען אין דער אײראָפּײאישער טערקיי. — דער גײסטיגער צענטער אין ארץ-ישראל. — יוסף נשיא און די אידישע דיפּלאָמאַטען. — דער רבּיניזם אין ארץ-ישראל: קרא און דער „שלחן ערוך״. — די פּראַקטישע קבלה. — דער אר״י. — די ליטעראַטור.

די אידען אין דער אײראָפּײאישער טערקיי.

§ 2. די אידישע כראָניסטען בעטראַכטען אַלס אַ בעשטימונג פון דער השגחה פּרטית דעם פאַקט, וואָס קורץ פאַר'ן גירוש פון די אידען פונ'ם פּירענייאישען האַלב-אינזעל האָבען די זיהן פון דער פערוואָגעלטער אומה בעקומען די מעגליכקייט זיך צו בעזעצען אין די מדינות פון דער נייער מוסעלמאַנישער מלוכה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אויפ'ן באַלקאַנישען האַלב-אינזעל. אויף די חורבות פון דער געעלטערטער ביזאַנץ, וואו די אידען האָבען שטענדיג געלעבט אונטער'ן שווערען דרוק פון בעגרעניצונגס-געזעצען, האָט זיך אײנגעפעסטיגט די מלוכה פון די אָסמאַנישע טערקען, וואָס האָט אַרײנגעיאָגט אַ שרעק אַלע פעלקער פון אײראָפּע.

אין יאָהר 1453, בשעת די פאָהן פון דער האַלבער לבנה האָט זיך צוערשט אויפגעהויבען אויף די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז פאָרגעקומען אין לעבען פון די צעשפּרייטע אידען אַ שינוי פּונקט להפוך צו דעם, וואָס איז געשעהן מיט עלף יאָהרהונדערטען פריהער, נאָכדעם ווי עס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרען אין דערזעלביגער שטאָדט דער „סיגנום״ — קאָנסטאַנטין דעם גרויסענס קרייץ. אַנומעלט האָט „די נייע רוים״, די הויפּט-שטאָדט פון דער גריכיש-קריסטליכער וועלט, געשאַפען צוערשט יענעם מיטעלאַלטערליכען רעזשים, וואָס האָט געשטיקט די אידען גאַנצע טויזענד יאָהר; איצטער איז די טערקיש-מוסעלמאַנישע סטאַמבול געווען בערופען צו געבען אַ מקום-מנוחה די קרבנות פונ'ם דאָזיגען רעזשים. די האַלבע באַרבאַרען מחמד II און באַיאַזעט האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר טאָלעראַנטער, איידער די „אויפגעקלערטע״ מאָנאַרכען טעאָדאָסיוס דער II-טער און יוסטיניאַן.

באלד נאָכדעם ווי דער סולטאַן מחמד דער II-טער האָט איינגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ער אַרויסגעפיהרט די ביזאַנטינישע אידען פון זייער פריהערדיגען רעכטלויזען צושטאַנד. ער האָט זיי געגעבען פולקומענע רעליגיאָנס-פרייהייט, האָט זיי געגעבען דאָס רעכט צו וואוינען פריי און צו פערנעמען זיך מיט מלאכות סיי אין דער הויפטשטאָדט און סיי אין אַנדערע שטעדט פון דער מלוכה, צו אָרגאַניזירען זייערע קהילות, צו בויען שולען און בתי מדרשים. „אין ערשטען יאָהר פון זיין רעגירונג — דערצייהלט דער כראָניסט פון יענער צייט — האָט מחמד אַרויסגעלאָזט אַ כרוז איבער'ן גאַנצען לאַנד: הערט צו, איהר אידען, וואָס איהר וואוינט אין מיין לאַנד! זאָל איטליכער (ווער עס וויל) פון אייך קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און זאָל דאָ זיין אַ מקום-מנוחה פאַר'ן רעשט פון אייער פאָלק! און עס האָבען זיך צונויפגעקליבען פון אַלע קאַנטען אַ סך אידען, און דער סולטאַן האָט זיי געגעבען אַן אָרט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט... און ער האָט זיי געגעבען אַן ערלויבעניש צו בויען שולען און בתי-מדרשים און האָט אַוועקגעשטעלט דריי שטולען אין קיניג-ליכען דיוואַן (דעם מלוכה-ראַט פונ'ם סולטאַן): איינעם פאַר'ן ישמעאלישען (מוסעל-מאַנישען) מופטי, אַ צווייטען פאַר'ן גריכישען פאַטריק (פאַטריאַרך), אַ דריטען פאַר'ן אידישען רב, בכדי אַז איטליכע אומה זאָל ווערען רעגירט דורך איהרע פיהרער. איבער די אידען איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ מנהיג דער אַלטער רבי משה קאפסלי. זיין שטול איז געשטאַנען אין קיניגליכען דיוואַן ביי זייט פונ'ם מופטי'ס שטול, און ער איז געווען דעם סולטאַנס ליעבלינג".

די גינסטיגע לאַגע פון די אידען אין טערקיי האָט בעוואויגען איינעם פון די דייטשע אויסוואַנדערער, וואָס האָבען זיך דאָרט בעזעצט, ר' יצחק צרפתי, צו ווענדען זיך צו זיינע פאָלקסברידער אין דייטשלאַנד און עסטרייך מיט אַ קול-קורא, וואו ער האָט זיי פאָרגעלייגט צו עמיגרירען אין די טערקישע פראָווינצען (אַן ערך אין יאָהר 1460 — 1470). אין זיין בריעף פערגלייכט ער דאָס אומגליקליכע לעבען, די רעכטלויזיגקייט און נידערשלאָגענהייט פון די אידען אין דייטשלאַנד מיט זייער פרייען לעבען אין טערקיי, וואָס איז נאָך דערצו נאָהענט צו ארץ-ישראל, און גיט אַן אָנצוהערעניש וועגען דער מעגליכקייט פון אַ נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין דער צוקונפט אונטער'ן שוץ פון איסלאַם. ווי עס ווייזט אויס, האָבען עטליכע גרופּעס דייטשע אידען געפאָלגט דעם דאָזיגען אויפרוף, — און אויף אַזאַ אופן איז אין דער צווייטער העלפט פון XV יאָהרהונדערט געגרינדעט געוואָרען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ביי זייט פון דער אָרטיגער קהילה פון די „גריכישע" אידען, אַ קהילה פון „אשכנזים", אויסוואַנדערער פון דייטשלאַנד, עסטרייך און בעהמען.

די דאָזיגע ביידע עלעמענטען זיינען אין גיכען געוואָרען אָבגערוקט אויפ'ן צווייטען פלאַץ דורך דער גרויסער צושטרעמונג פון די פערטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. נאָך די אומגליקס-יאָהרען פון 1492 — 1498 זיינען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע שטעדט פון דער אייראָפּעאישער טערקיי איבער-פולט געוואָרען מיט טויזענדער ספרדים. די טערקישע רעגירונג און די אָרטיגע

אידישע קהילות האָבען גערן אויפגענומען די ניי-אָנגעקומענע. מען דערציילט, אַז בשעת דער דעמאָלטיגער סולטאַן באַיאַזעט דער II-טער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער פערטרייבונג פון די אידען און מוירען, זאָל ער האָבען אויסגערופען: „ווי אַזוי קאָנט איהר אָנרופען דעם שפּאַנישען קיניג פערדינאַנד אַ קלוגען רעגירער, — וויבאַלד ער האָט בדלות געשטעלט זיין אייגען לאַנד און רייך געמאַכט אונזער לאַנד!"

און באמת האָבען די געבילדעטע ספרדים אַריינגעטראָגען אין טערקיי, וואָס איז געווען אַ מלוכה מיט אַ מיליטעריש-לייב-אייגענטימערישער אָרדענונג, בירגערליכע קולטור און אינדוסטריע. זיי האָבען זיך ענערגיש פערנומען מיט ים- און יבשה-האַנדעל, מיט מלאכות און קונסט. ספּעציעלע טעכניקער פון צווישען די אנוסים האָבען בעקאַנט געמאַכט די טערקען מיט די נייסטע אויסבעסערונגען אינ'ם געברויך פון שיס-געוועהר און האָבען געבויט פאַבריקען אויף מאַכען האַרמאַטען און פולווער. מיט די דאָזיגע האַרמאַטען האָבען די טערקען שפּעטער געשלאָגען די איירָאָפּייאישע קריסטען אָדער געהאַלטען זיי אין מורא. די גערודפ'טע נאַציע האָט זיך נוקם געווען אָן איהרע אונטערדריקער, דורכדעם וואָס זי האָט אומדירעקט מיטגעהאָלפען דער מאַכט פון דעם לאַנד, וואָס איז געוואָרען אַ בייטש פאַר דער קריסטליכער אייראָפּע. אין געביט פון האַנדעל האָבען אידען געהאַט קאָנקורענטען צווישען די אינדוסטריעלע גריכען און אַרמעניער; נאָר די טערקישע רעגירונג, וואָס האָט גערעכענט די אידען פאַר אַ זיכערן עלעמענט אין פּאָליטישער הינזיכט, האָט מיט מעהר חשק אונטערשטיצט זייער האַנדעלס-טעטיגקייט.

די אידען אין טערקיי האָבען געצאָהלט נאָר אַ קאָפּ-שטייער (חאַראַדזש) און געמיינדע-שטייער, און חוץ דעם האָבען זיי געהאַט אַלע רעכט, וואָס זיינען נאָר מעגליך אין אַ מזרח'דיגער דעספּאָטישער מאָנאַרכיע, וואו עס איז ניטאָ קיין גרעניץ צווישען פרייהייט און ווילדקייט. די מעדיצינישע פּראַקטיק, וואָס דערמיט האָבען זיך פערנומען אידישע דאָקטוירים, האָט זיי טיילמאָל געמאַכט אַ וועג צו איינפלוסרייכע הויפישע פּאָסטענס. אַזוי האָט ביים הויף פונ'ם סולטאַן סעלים I ‏(1512 — 1520) געהאַט אַן איינפלוס דער לייב-דאָקטאָר יוסף המון, און זיין זוהן משה המון, אַ הויך-געבילדעטער דאָקטאָר און ליעבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, האָט פערנומען אַ וויכטיגע שטעל ביים פאָלגענדען סוליימאַן דעם גרויסאַרטיגען.

די קלאַנגען וועגען דער גרינדונג פון אַ פרייען אידישען צענטער אין טערקיי האָבען צוגעצויגען אַהין אַלץ נייע מאַסען איינוואַנדערער. חוץ די פּערטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, האָבען שפּעטער עמיגרירט אַהין די ספרדים, וואָס דער שפּאַנישער קיניג קאַרל V האָט פערטריבען פון נעאַפּאָל (1540), און אַ סך אשכנזים, וואָס זיין ברודער פערדינאַנד האָט פערטריבען פון בעהמען (1542); אַהין זיינען אויך אַוועק די אידען, וואָס זיינען גערודפ'ט געוואָרען אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען פון איטאַליען, און אויך די אנוסים אין דעם מאָמענט, בשעת עס איז שטאַרקער געוואָרען די אינקוויזיציע.

די ערשטע צייטען זיינען די איינוואַנדערער געווען איינגעטיילט אין

גרופעס פון לאַנדסלייט (לאַנדסמאַנשאַפטען, כוללים), וואָס איטליכע פון זיי האָט אייגנגעהיט די שפּראַך פון איהר פריהערדיגער היים, איהר בעזונדערן אַרט לעבען און אייגענעם נוסח ביים דאַווענען. די ספרדים האָבען נאָך אַ לאַנגע צייט גערעדט אויף שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש; משמעות, אַז שוין דעמאָלט האָבען זיי גערעדט אויף אַ דיאַלעקט, וואָס איז ענליך אויפ׳ן איצטיגען שפּאַניאָלישען זשאַרגאָן. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו מען האָט געציילט אין XVI יאָהרהונדערט אַן ערך 30 000 אידען, האָבען זיך געפונען 44 שולען, לויט דער צאָהל פון די לאַנדסלייט-גרופּעס. חוץ די דריי גרויסע גרופּעס (כוללים) — אָרטיגע גריכישע אידען, ספרדים און אשכנזים — האָבען עקסיסטירט קלענערע גרופּעס אָדער קהילות. ס׳זיינען געווען קהילות פון אַראַגאָניער, קאַסטיליער, פּאָרטוגעזען, וואָס זיינען פון זייער זייט געווען איינגעטיילט אין קרייזלעך פון באַרצעלאָנער, קאָרדאָווער, טאָלעדער, ליסאַבאָנער; ס׳זיינען אויך געווען בעזונדערע קהילות פון גריכישע, אַפּולישע און מעסינישע אידען.

חוץ דער הויפּטשטאָדט פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, האָט די אימיגראַציע פערגרעסערט די אידישע קהילות אין די שטעדט סאַלאָניק, אַדריאַנאָפּאָל, ניקאָפּאָל און אַנדערע פּונקטען פון באַלקאַנישען האַלב-אינזעל. די בליהונג פון איהר האַנדעל האָט סאַלאָניק געהאַט צו דאַנקען דער עיקר די צוגעקומענע ספרדישע איינוואַנדערער.

צווישען די אַלט-איינגעזעסענע אידען האָבען אַ בעזונדערן אָרט פערנומען די קאַראַאימען, וואָס האָבען זינט לאַנג אָן געוואוינט אין ביזאַנץ און דער עיקר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין XI יאָהרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון „דער ירידה פונ׳ם מזרח׳דיגען צענטער״, זיינען די קאַראַאימען, אַלס אַקטיווע קראַפט, כמעט אַראָב פון דער סצענע פון דער געשיכטע. היות ווי זיי זיינען געבליבען אין די מזרח-לענדער, בכן האָבען זיי ניט געהאַט אויסצושטייהן די מיטעלאַלטערליכע צרות, ווי די תּלמודיסטען אין די מערב-לענדער, נאָר זיי האָבען אויך ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם אידישען נאַציאָנאַלען לעבען און אין דער אונאויפהערליכער אידישער גייסטיגער שאַפונג. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די דאָזיגע קליינע געשלאָסענע סעקטע איז פער׳משפט אויף אַ פּולקומענער אָבגעשטאַנענקייט און אונטערגאַנג (די וויכטיגע גייסטיגע אָנפיהרער פון דער סעקטע אין XIII — XIV יאָהרהונדערט, אַ שטייגער ווי דער מחבר פון פּירוש אויף תנ״ך „מבחר״, אהרן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דער מחבר פונ׳ם רעליגיאָנס-פילאָסאָפישען ספר „עץ-חיים״, אהרן פון ניקאָמעדיע, האָבען נאָר נאָכגעמאַכט ספרדישע מוסטערן).

אַ געוויסע בעלעבונג צווישען די קאַראַאימען לאָזט זיך מערקען זינט דעם מאָמענט פון דער אויפלעבונג פונ׳ם מזרח׳דיגען צענטער, אין XV — XIV יאָהרהונדערט. די פּאָרשטייהער פון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער געמיינדע הויבען אָן זיך צו דערנעהענטערן צו די אָרטיגע תּלמודיסטען און ציהען דערפון ניט קיין קליינעם נוצען פאַר זיך. דער אויטאָריטעטער געלערנטער פון די קאַראַאימען אליהו בשיצי, דער מחבר פונ׳ם רעליגיעזען קאָדעקס „אדרת אליהו״

(פערפאַסט אַן ערך אין די יאָהרען 1480 — 1490), איז געווען אַ גוטער פריינד פון ר׳ מרדכי קומטינו, דעם בעוואוסטען אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער וואָס האָט געשריבען פירושים אויף אבן-עזרא און רמב״ם. ס׳האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע קאַראַאימען, וואָס האָבען געלערנט תלמוד ביי רבנים. דער דאָזיגער גייסטיגער פערקעהר מיט די רביניסטען האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישען שטרום לופט אין דער קאַראַאימישער ליטעראַטור. דער אויסגעטריקענטער צוייגעל, וואָס איז אָבגעריסען געוואָרען פונ׳ם שטאַם פון דער יהדות, האָט ווידער אויף אַ צייט אָבגעלעבט מחמת דער נייער בעריהרונג מיט איהם.

דער ערשטער אָפיציעלער פאָרשטייהער פון דער אידישער געמיינדע-אָרגאַניזאַציע אין טערקיי איז געווען דער אויבען דערמאָנטער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רב ר׳ משה קאַפסלי. אַ געבירטיגער פון גריכענלאַנד, האָט קאַפסלי שוין אין יאָהר 1450 פערנומען די שטעל פון אַ רב אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און נאָכדעם ווי די טערקען האָבען איינגענומען די ביזאַנטינישע הויפטשטאָדט, האָט דער סולטאַן מחמד II איהם בעשטימט פאַר אַ רב הכולל פון די טערקישע אידען. דאָס איז געווען דער ערשטער חכם-באַשי פון טערקיי, וואָס האָט אויסערפילט די פונקציעס פון די אַמאָליגע מזרח׳דיגע ראשי הגולה און וואָס איז געווען גלייך לויט זיין טיטעל (אָבער מסתמא ניט לויט זיינע רעכט) צום מוסעלמאַנישען מופטי און צום קריסטליכען פאַטריאַרך. ער האָט געהאַט די אויבערשטע השגחה איבערן צונויפקלייבען פון אידען די אָבצאָהלונגען פאַר דער מלוכה און פאַר דער געמיינדע, דאָס רעכט צו בעשטימען רבנים, צו בעטראַכטען די וויכטיגסטע פראָצעסען און אַרויפצולייגען שטראָפען.

אַלס מנהיג פון דער גייסטליכקייט, האָט קאַפסלי זיך געהאַלטען פאַר דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג. למשל, ער האָט געטאַדעלט די געלערנטע, וואָס האָבען זיך ערלויבט צו לערנען תלמוד מיט קאַראַאימען, וואָס לויט דעם עצם מהות פון זייער תורה לייקענען זיי אין איהם. נאָר אַפילו די דאָזיגע שטרענגקייט האָט ניט בעפרייט קאַפסלי׳ן פון בעשולדיגונגען, אַז ער איז ניט גענוג פרום און קאָן ניט גענוג לערנען. אַזעלכע בעשולדיגונגען זיינען געוואָרען אַרויסגערופען דורך פאַרטיי-אינטריגעס.

איינעם אַ משולח פון ירושלים, וואָס האָט געקליבען נדבות לטובת די דאָרטיגע אידען, האָט קאַפסלי אָבגעזאָגט צו געבען אַן ערלויבעניש אויף קלייבען געלד אין טערקיי, מחמת ארץ-ישראל איז דעמאָלט געווען אונטער דער ממשלה פון די עגיפטישע מאַמעלוקען, וואָס מיט זיי האָט דער טערקישער סולטאַן געפיהרט מלחמה. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַגיטאַציע קעגען קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רב ניט בלויז אויפ׳ן אָרט, נאָר אויך אין איטאַליען. דער רב פון מאַנטוא ר׳ יוסף קולון איז אַרויסגעטראָטען קעגען איהם מיט שווערע בעשולדיגונגען, אַז ער האָט גע׳פסק׳עט ניט ווי דער דין אין עטליכע פראָצעסען וועגען גטין; אַנדערע רבנים האָבען סותר געווען די דאָזיגע בעשולדיגונג און האָבען בעהויפּטעט, אַז קאַפסלי איז אַ גרויסער למדן און אַן אמת׳ער פאָלקס-פריינד.

ר׳ משה קאַפסלי האָט נאָך דערלעבט ביז צו יענער צייט, בשעת עס

זיינען אָנגעקומען אין טערקיי די ערשטע שפּאַנישע פּערטריבענע. ער האָט שטאַרק געדאַג׳עט וועגען די אומגליקליכע עמיגראַנטען און האָט צונויפגעקליבען אין די קהילות געלד צוליעב אויסקויפען די, וואָס זיינען בשעת דער נסיעה איבער׳ן מיטעללענדישען ים אַריינגעפאַלען אין די הענד פון פּיראַטען און שקלאַפען-הענדלער. ער איז געשטאָרבען אַן ערך אין יאָהר 1495.

איהם איז געווען רב הכולל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ר׳ אליהו מזרחי (1495 — 1525), א תלמודיסט, מאַטעמאַטיקער און אסטראָנאָם, וואָס האָט געקראָגען זיין בילדונג אין איטאַליען. פאַר דער צייט פון זיין פערוואַלטונג זיינען אָנגעקומען דער גרעסטער טייל עמיגראַנטען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל קיין טערקיי, און מזרחי האָט ניט ווינציג מיה אַוועקגעלייגט אויף איינצואָרדענען די אָנגעקומענע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניק, אַדריאַנאָפּאָל און אַנדערע שטעדט. מזרחי האָט זיך ניט בעגענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט געזאָרגט וועגען דער מאַטעריעלער לאַגע פון די איינוואַנדערער און וועגען דער אויס-איינגיגסטער גוטער אָרדענונג פון די אידישע קהילות, נאָר ער האָט אויך אַוועקגע-לייגט אַלע זיינע כחות אויף צו הויבען זייער גייסטיגען צושטאַנד. דורך עפענטליכע שיעורים און ביכער האָט ער פערשפּרייט צווישען פאָלק ידיעות איבער תנ״ך, תלמוד און מאַטעמאַטיק. ער אַליין האָט געפיהרט דעם למוד אין קאָנסטאַנטינאָפּאָלער ישיבה. פון זיינע חיבורים איז דער בעריהמטסטער דער פּירוש אויף רש״י׳ס פּירוש אויף תנ״ך.

הגם מזרחי איז געווען אַ שטרייגגער היטער פונ׳ם רביניזם, פונדעסטוועגען האָט ער זיך זייהר טאָלעראַנט פערהאַלטען צו די קאַראַאימען און האָט קיין שום בייז ניט איינגעזעהן אין זייער דערנעהענטערונג צו די „רביניסטען”. מזרחי האָט מבטל געווען דעם חרם, וואָס עטליכע רבנים האָבען אַרויפגעלייגט אויף די בעבילדעטע ספרדים, וואָס האָבען געלערנט מיט די קאַראַאימען טעאָלאָגיע און עטליכע וויסענשאַפטען, און האָט אָפען אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז עס איז בעוואונשען, אַז „די וויטע זאָלען דערנעהענטערט ווערען”.

דער גייסטיגער צענטער אין ארץ-ישראל.

§ 3. דער עמיגראַציאָנס-שטרוים פון מערב האָט דערגרייכט ביז צו ארץ-ישראל און האָט אויף אַ צייט בעלעבט דאָס דאָזיגע לאַנד, וואָס האָט זיך אַזוי-פיעל אָנגעליטען, וואָס האָט אַריבערגעטראָגען פונקט אַזויפיעל צרות, וויפיעל זיין פאָלק, וואָס איז צעזייהט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אין דער עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען איז ארץ-ישראל געווען דער קאַמפּס-פּלאַץ צווישען די מוסעלמאַנער און קרייץ-פאָהרער, און דערנאָך — צווישען די פּער-שיידענע פעלקער און דינאַסטיעס פון די מוסעלמאַנער גופא. אין XIV און XV יאָהרהונדערט האָט זי על-פּי-רוב זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון די מאַמעלוקישע סולטאַנען פון עגיפּטען, נאָר דערביי האָט זי ניט איין מאָל

געהאַט אויסצושטייהן די אָנפֿאַלען מצד אַנדערע טערקיש-טאָטערשע שבטים.

פון צייט צו צייט פלעגען אָנקומען אין ירושלים קליינע גרופּעס אידישע איינוואַנדערער פון אייראָפּע, וואָס איז געוואָרען אַ גיהנם פאַר דער גע'רודפ'טער נאַציע. ס'זיינען געמאַכט געוואָרען פּרובען איינצופעסטיגען די אָרגאַניזאַציע פון די קהילות אין ארץ-ישראל (למשל, בשעת דער רמב"ן איז געקומען פון שפּאַניען אין יאָהר 1267), נאָר מחמת די אידישע בעפעלקערונג איז געווען קליין אין צאָהל און בירגערליך ניט בעזיכערט, האָבען אַזעלכע פּרובען קיין ערפאָלג ניט געהאַט.

גרעסער ווערט די אידישע עמיגראַציע אין ארץ-ישראל זינט דעם XV יאָהרהונדערט. עס פאָהרען דער עיקר אשכנזים פון דייטשלאַנד און איטאַליען. דער רב און דאָקטאָר ר' אליהו פון פערארא, וואָס איז אָנגעקומען אין ירושלים אין יאָהר 1434 און איז געוואָרען דאָרט אַ דיין און ראש-ישיבה, דערציילט, אַז די אידען לעבען דאָרט בשלום מיט די מוסולמאַנער און ציהען זייער חיונה פון פערשיידענע מלאכות און בעזונדערס פון מאַכען זייד-פּראָדוקטען. מחמת עס איז דעמאָלט גרעסער געוואָרען די אידישע בעפעלקערונג אין ירושלים, האָט זיך פערשפּרייט אין אייראָפּע אַ קלאַנג, אַז די אידען זאָלען האָבען אָבגעקויפט דעם באַרג ציון און אויסגעבויט אַ שול אויפ'ן אָרט פון די קריסטליכע הייליגטימער; מען האָט אויך מוסיף געווען, אַז מען האָט אויך געקויפט דעם פּלאַץ פונ'ם „הייליגען קבר". לויט דער פאָדערונג פון די פראַנציסקאַנער מאָנאַכען האָט דער פּויפּסט פערעפענטליכט אַ בולע, וואָס האָט פערבאָטען די קריסטען, וואָס האָבען אייגענע שיפען, אַריבערצופיהרען אידען פון אייראָפּע קיין ארץ-ישראל. היות ווי די ווענעציאַנער האָבען דעמאָלט געהאַט די גרעסטע צאָהל שיפען, וואָס האָבען אונטערגעהאַלטען דעם פערקעהר מיט ארץ-ישראל איבער דעם מיטעללענדישען ים, דעריבער האָט דער ווענעציאַנישער דאָזש בעשטעטיגט דעם דאָזיגען פערבאָט (אַן ערך 1428), — און אַ לאַנגע צייט האָבען די אידען, וואָס האָבען געוואָלט פאָהרען קיין ארץ-ישראל, געמוזט מאַכען אַן אומוועג.

אַ נייע ערא פאַר דעם אידישען קיבוץ אין ארץ-ישראל הויבט זיך אָן זינט דעם סוף פון XV יאָהרהונדערט, נאָך דער שפּאַנישער קאַטאַסטראָפע. פיער יאָהר פאַר דער דאָזיגער קאַטאַסטראָפע האָט דער בעוואוסטער מפרש פון דער משנה ר' עובדיה די ברטינורה, וואָס איז אָנגעקומען פון איטאַליען אין ירושלים אין יאָהר 1488, געפונען דאָרט נאָר 70 אידישע משפחות, דער עיקר אשכנזים. אין דריי יאָהר אַרום איז די צאָהל משפחות אויסגעוואַקסען דאָרט ביז 200, און נאָך אין אַ פערטיל יאָהרהונדערט אַרום — ביז אָנדערהאַלבען טויזענד (אַזוי דערציילען רייזענדער פון יאָהר 1495 און 1522). דער דאָזיגער גיכער וואַקסען פון דער בעפעלקערונג איז געווען אַרויסגערופען דורך דער מאַסען-אימיגראַציע פון די ספרדישע פערטריבענע.

די ערשטע צייטען (אַן ערך ביז'ן יאָהר 1515) איז בראש פון דער פערשיידענשפּראַכיגער ירושלמער קהילה געשטאַנען ר' עובדיה די ברטינורה. גלייך

געאַכט סיי פון אידען און סיי פון מוסלמאַנער, האָט ר׳ עובדיה געבראַכט אין אָרדענונג די אָבגעלאָזטע ענינים פון דער געמיינדע-פערוואַלטונג, פונ׳ם אַוטאָנאָמען בית-דין און פון לערנען קינדער. ווי עס ווייזט אויס, זיינען נאָך אין זיינע צייטען אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ רייה תקנות בנוגע צו די גרעניצען פון דער מאַכט פון די רבנים און דיינים, וועגען פונאַנדערטיילען די שטייערן און וועגען דער אינעווייניגסטער אָרדענונג אין די קהילות.

אין יאָהר 1517 איז פאָרגעקומען אַן איבערקעהרעניש אינ׳ם פּאָליטישען לעבען פון סיריען און פּאַלעסטינע. דער טערקישער סולטאַן סעלים I האָט אָבגענומען די דאָזיגע פּראָווינצען ביי די עגיפּטישע סולטאַנען-מאַמעלוקען און האָט זיך אויך אונטערטעניג געמאַכט דאָס שטאַם-לאַנד גופאָ — עגיפּטען. פון דער פעראייניגונג מיט דער מעכטיגער טערקיי האָט ארץ-ישראל געקאָנט נאָר געווינען. די אידישע בעפעלקערונג אין איהר איז אַלץ גרעסער געוואָרען. דער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער געפיהל האָט בעוואויגען אַ סך ספרדים זיך אַריבער-צוקלייבען פון דער אייראָפּייאישער טערקיי קיין ארץ-ישראל. די ירושלמ׳ער קהילה איז געווען זייהר בונט צונויפגעשטעלט, צו איהר האָבען געהערט אשכנזים, ספרדים, „מאַגרעביטען״ (איינוואַנדערער פון צפון-אפריקע) און „מוסטאַראַבען״ אָדער „מאָריסקאָס״ (די אַלט-איינגעזעסענע). בראש פון דער פעראייניגטער קהילה איז געשטאַנען, זינט דעם יאָהר 1525, דער בעוואוסטער ר׳ לוי בן חביב, איינער פון יענע שפּאַנישע פערטריבענע, וואָס איז יונגערהייד איבער-געוואַלד אָבגעשמדט געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, אין דער צייט פונ׳ם קיניג עמנואל, און איז דערנאָך אַנטלאָפען געוואָרען קיין טערקיי.

אַ בעדייטענדע אידישע קהילה האָט זיך געבילדעט אויך אין דער שטאָדט צפת, אין גליל. אין יאָהר 1521 איז זי בעשטאַנען פון דריי הונדערט משפחות און האָט געהאַט דריי שולען: איינע פאַר די ספרדים׳ און צוויי פאַר די מאַג-רעביטען און מוסטאַראַבען. איין רייזענדער פון יענער צייט שרייבט אַזוי: „די שטאָדט איז רייך מיט תבואה, וויין און בוימיל, און אויב מען זאָל די דאָזיגע פּראָדוקטען ניט אַרויספיהרען קיין דמשק, וואָלטען זיי פערקויפט געוואָרען בחצי חנם... ס׳זיינען פאַראַן אַ סך אידישע סוחרים, וואָס ברייגגען אַראָב סחורה פון דמשק. די וואָס האָבען ניט קיין קאַפּיטאַל צום האַנדלען, פערנעמען זיך מיט מלאכות. אין ארץ-ישראל זיינען פאַראַן פיער הויפּט-גרופּעס פון בעלי-מלאכות: וועבערס, גאָלדשמידען, שוסטערס און גאַרבערס, און אויך בוי-מייסטערס. מענשען, וואָס האָבען כח, קאָנען זיך פערדינגען פאַר טאָג-אַרבייטער. שניידערס קאָנען אויך האָבען היונה. נאָר יענע, וואָס ניט זיי קענען קיין מלאכה און ניט זיי האָבען קיין קאַפּיטאַל, זאָלען ניט קומען צו פאָהרען פון איטאַליען (דער רייזענדער איז געווען אַ געבירטיגער פונ׳ם דאָזיגען לאַנד), וואָרום זיי וועלען חרטה האָבען און וועלען זיין געצוואונגען זיך אומצוקעהרען צוריק״. אין די 1530-טער יאָהרען האָט די קהילה פון צפת געהאַט ביי זיך עטליכע גרויסע תלמודיסטען און האָט אפילו אָנגעהויבען קאָנקורירען בנוגע צו דער גייסטליכער אנפיהרערשאַפט מיט דער ירושלמ׳ער קאָלאָניע.

בראש פון די תּלמודיסטען אין צפת איז געשטאַנען אַן ענערגישער מענש, ר׳ יעקב בירב (1474—1541), וואָס האָט נאָכ׳ן שפּאַנישען גירוש אַ לאַנגע צייט געלעבט אין צפון-אפריקע און האָט זיך פון דאָרט אַריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל. בירב האָט פערטראַכט אַ גראַנדיעזען פּלאַן — צו גרינדען אין ארץ-ישראל אַ העכסטע קאָלעגיע פון רבנים, אַ מין סנהדרין, וואָס זאָל האָבען דאָס רעכט צו פּסק׳ען אין אַלע פראַגען פון דער רעליגיעזער געזעצגעבונג און געבען סמיכה רבנים, סיי אין ארץ-ישראל און סיי אין חוץ לארץ. אויף אַזאַ אופן האָבען בירב און זיינע געזינונגס-חברים געהאָפט צו גרינדען אַן אַלגעמיין-אידישען גייסטליכען צענטער אין געבאָרענלאַנד פון דער יהדות. די תּלמודיסטען פון צפת האָבען אָנגענומען דעם דאָזיגען פּלאַן, האָבען געבילדעט פון זיך אַ קאָלעגיע און אויסגעקליבען פאַר אַ הויפּט-רב און דיין ר׳ יעקב בירב (1538). אין זייער בריעף צו זייערע ירושלמ׳ער חברים האָבען זיי בעגרינדעט זייער החלטה דורכ׳ן פערלאַנג „אויפצוהויבען די געפאַלענע פּאָהן פון דער תּורה״ אין לאַנד פון די אבות — צו שאַפען אַן אויטאָריטעטישע קאָלעגיע פון רבנים, וואָס זאָל האָבען אַ גרויסען גייסטליכען און געריכטליכען כּח הרשאה און צוגרייטען דעם מאָמענט, וואָס איהם האָבען פאָראויסגעזאָגט די נביאים, בשעת „גאָט וועט אויפריכטען די שופטים און מענער פון ראַט אין דער שטאָדט פון אמת״.

דער ירושלמער הויפּט-רב ר׳ לוי בן חביב און זיינע חברים זיינען געוועזען שטאַרק אויפגעבראַכט דעריבער, וואָס די רבנים פון צפת האָבען אָהן זייער וויסען און אָהן דעם הסכם פון אַ גייסטליכער אסיפה אָנגענומען אַ החלטה וועגען אַזאַ וויכטיגען ענין, וואָס האָט אַן אַלגעמיין-אידישע בעדייטונג. ר׳ לוי בן חביב האָט דערקלערט, אַז די דאָזיגע החלטה איז אַן אייגענוויליגע און אין זיין ענטפער אויפ׳ן בריעף פון די צפת׳ער רבנים האָט ער אַרויסגעזאָגט, אַז ער האָט מורא, דער נייער סנהדרין זאָל ניט אַריינטראָגען קיין פלאָנטערניש אין דער איינגעשטעלטער רבנישער געזעצגעבונג. האָט זיך אָנגעהויבען צווישען בירב און ן׳ חביב אַ הייסע ליטעראַרישע פּאָלעמיק, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו פּערזענליכע בעליידיגונגען (בירב האָט אפילו פאָרגעוואָרפען זיין געגנער וועגען דעם געצוואונגענעם „שנוי השם״ יונגערהייד, אין פּאָרטוגאַל). געענדיגט האָט זיך דערמיט, אַז מען האָט זיך אָבגעזאָגט פונ׳ם פּרוב צו גרינדען אַ צענטראַלען גייסטליכען אָרגאַן אין ארץ-ישראל. די האָפענונג אַריבערצוציהען די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע אין פאָטערלאַנד פון אידישען פאָלק איז ניט מקוים געוואָרען. בירב האָט נאָר בעוויזען, אויפ׳ן סמך פון זיין כּח הרשאה, צו געבען סמיכה עטליכע געלערנטע, וואָס צווישען זיי איז געוועזען דער בעשעפער פונ׳ם „שלחן ערוך״, ר׳ יוסף קרא.

נאָר מען מוז בעמערקען, אַז די אידייע צו גרינדען אַ סנהדרין אין ארץ-ישראל האָט זיך ניט איינגעגעבען ניט בלויז מחמת דעם צופעליגען פּראָטעסט פון איין הייפעל רבנים, נאָר איבער וויכטיגע סיבות, וואָס האָבען געהאַט זייער שורש אין דער עקאָנאָמישער לעבענס-אָרדענונג פונ׳ם דעמאָלטיגען אידישען קיבוץ אין ארץ-ישראל. קיין ארץ-ישראל פלעגען פאָהרען על-פּי-רוב עמיגראַנטען,

וואָס זיינען ניט געווען פייהיג ניט צו האַנדעלס-טעטיגקייט און ניט צו אַ רעגעלמעסיגער האַנדווערקס-אַרבייט און וואָס זיי האָט געצויגען אַהין נאָר דער געפיהל פון פרומקייט און ליעבשאַפט צו די היילינע ערטער. דאָס לאַנד איז איבערפולט געוואָרען מיט אַ מאַסע שוואַכע און אַלטע מענשען און אָרימע איינוואַנדערער, וואָס זיינען ניט געווען אין שטאַנד זיך מפרנס צו זיין דורך זייער אייגענער אַרבייט און האָבען זיך שטענדיג געווענדט נאָך שטיצע צו זייערע רייכע גלויבענס-ברידער אין אַנדערע פּראָווינצען פון טערקיי און מערב-אייראָפּע. די אידען האָבען געהאַלטען פאַר אַ חוב צו קומען צו הילף זייערע אָרימע ברידער אין ארץ-ישראל, און מען פלעגט צוליעב דעם צוזעק קלייבען ספּעציעלע נדבות אין אַלע בעדייטענדע קהילות פון מערב-אייראָפּע. נאָר קיין שום צדקה האָט ניט געקאָנט אײנגאַנצען פּערזאָרגען די פיעל טויזענדער איינוואַנדערער, וואָס זיינען ניט געווען פייהיג צו אַרבייטען און וואָס דערצו האָבען נאָך אָהן רחמנות געריסען פון זיי די געלדגיריגע פּאַשאַ'ס און די איבעריגע טערקישע בעאַמטע. זינט יענער צייט האָבען זיך איינגעפעסטיגט אָרימקייט און ליידיגגייהעריי אין'ם לאַנד, וואָס אַנומעלט האָט עס, אַדאַנק דער אַרבייט פון אידישע הענד, געהאַט אַ שם פאַר אַ „לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג". ביי אַזעלכע תּנאים האָבען זיך דאָרט ניט געקאָנט ענטוויקלען ניט קיין זעלבשטענדיגע אידישע קולטור, ניט קיין ברייט געזעלשאַפטליך לעבען, און ממילא איז שוין ניט געווען קיין רעאַלער באַדען פאַר דער טעטיגקייט פון אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלען אָרגאַן, אַ שטייגער ווי דער סנהדרין. ארץ-ישראל האָט ניט געקאָנט דעמאָלט נעמען אויף זיך די נאַציאָנאַלע העגעמאָניע. זי האָט נאָר געקאָנט אויף אַ געוויסען אופן ווירקען אויפ'ן געפיהל און שטימונג פון דער צעזייהטער און צעשפּרייטער אומה, וועקען ביי איהר די בייַנקשאַפט נאָך דער היים און אויפוועקען די חלומות וועגען משיח'ן. די דאָזיגע אויפגאַבע האָט זי אויסערפילט זינט דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט, ווי דאָס וועט קלאָר ווערען פון דער ווייטערדיגער ערצייהלונג.

אין איינגען פערבאַנד מיט ארץ-ישראל האָבען זיך געפונען די אידישע קאָלאָניעס אין עגיפּטען און אין די מלוכות פון צפון-אַפריקע. אין עגיפּטען, וואָס טערקיי האָט זי איינגענומען אין יאָהר 1517, האָבען זיך בעזעצט אַ סך אַנטלאָפענע פון דער קריסטליכער אייראָפּע. אין קאַאירא, אַלכסנדריא און אַנדערע שטעדט האָבען זיך געבילדעט ספרדישע קהילות ביי זייט פון די אָרטיגע. אונטער דער ממשלה פון די מאַמעלוקען זיינען די אָפיציעלע פאָרשטייהער פון די עגיפּטישע אידען געווען די „נגידים", די אָרטיגע ראשי הגולה (ווי עס איז בעוואוסט, האָבען אין XIII יאָהרהונדערט געהאַט דעם טיטעל „נגיד" דעם רמב"מ'ס זוהן און זיין אייניקעל). די טערקישע רעגירונג האָט אָבגעשאַפט דעם דאָזיגען פּאָסטען, און דער לעצטער עגיפּטישער „נגיד" (ר' יצחק שלל) איז אַוועקגעפאָהרען פון קאַאירא קיין ירושלים, וואו ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפען דער בענייאונג פון דער אידישער געמיינדע-אָרדענונג. פּאַקטיש אָבער האָבען די התמנות'ען פון אַ „נגיד" אין עגיפּטען אויסערפילט אויך אין דער שפּעטערדיגער צייט די הויפּט-רבנים פון קאַאירא.

אַן ערך זינט דעם יאָהר 1520 האָט פערנומען דעם דאָזיגען פּאָסטען דער געלערנטער ספרדי ר׳ דוד אבי־זמרא (זיין ליטעראַרישער נאָמען איז רדב״ז), וואָס איז געווען בעריהמט אַלס ראש־ישיבה פון קאַירא און מחבר פון אַ סך „תשובות״ איבער תלמודישען רעכט און פון עטליכע קבלה־ספרים. אין משך פון 40 יאָהר האָט ר׳ דוד אבי־זמרא פערוואַלטעט איבער די קהילות און איבער די גייסטליכע ענינים פון די עגיפּטישע אידען און האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו בריינגען אין אָרדענונג זייער אינעוויינינגסטע זעלבסטפערוואַלטונג. שוין זייער אַלט האָט ער זיך אַריבערגעקליבען קיין ארץ־ישראל און איז געוואָרען אַ טעטיגער מיטגליד אין דער רבנים־קאָלעגיע פון צפת, וואָס בראש פון איהר איז געשטאַנען (נאָך ר׳ יעקב בירב) דער בעריהמטער ר׳ יוסף קרא.

די עגיפּטישע אידען זיינען שטענדיג געבליבען געטריי דעם טערקישען סולטאַן, אַלס דעם אויבערהאַר פון׳ם לאַנד. די דאָזיגע געטריישאַפט האָבען זיי בעוויזען, בשעת דער אָרטיגער פּאַשאַ אַחמעד שייטאַן האָט געמאַכט אַ פּרוב זיך אָבּ־צוטיילען פון טערקיי און אַרויסשטעלען זיך פאַר אַן אונאָבּהייגיגען מושל פון עגיפּ־טען. האָט דעם סולטאַנס חוכר פון דער מטבעות־גיסעריי, אברהם דע־קאַסטרע, וואָס האָט פריהער געוואוסט וועגען דעם פּלאַן, געגעבען צו וויסען אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל וועגען דער איבערקעהרעניש, וואָס ווערט צוגעגרייט.

פאַר די אידען איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען אַ גרויסע סכנה מצד דעם עזות׳דיגען אוזורפּאַטאָר. היות ווי דער פּאַשאַ האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אָן זיי פאַר זייער איבערגעבענקייט דעם סולטאַן, דעריבער האָט ער אַרויפגעלייגט אויף זיי אַן אומגעהייער גרויסע קאָנטריבוציע. אַז די געלט איז ניט געוואָרען אַריינגעטראָגען צום טערמין, האָט ער געהייסען שמידען אין קייטען די פאָרשטייהער פון דער קהילה אין קאַירא און האָט געשראָקען צו פערטיליגען אַלע קאַ־אירער אידען. צום גליק, האָט מען דעם פּאַשאַ דעם מורד במלכות בעוויזען צו כאַפּען און אַראָבצוהאַקען איהם די קאָפּ. דעם טאָג, וואָס די אידען זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון סכנה (27 טעג אין אדר פון יאָהר 1524), האָבען זיי אַ לאַנגע צייט שפּעטער געפייערט ווי אַ יום־טוב אונטערן נאָמען „פּורים של מצרים״.

צרות האָבען אידען געהאַט אין די אַנדערע געגענדען פון צפון־אַפריקע אָדער בערבעריען, איידער טערקיי האָט זיי געהאַט איינגענומען. אַ טייל פון די ספרדישע עמיגראַנטען האָבען זיך בעזעצט נאָכ׳ן יאָהר 1492 אין אַלזשיר, מאַראָקע, טוניס, פעץ און טריפּאָלי, וואו עס האָבען אַנומעלט געפונען אַ מקום מנוחה זייערע זיידעס, די קרבנות פון דער קאַטאַסטראָפע פון יאָהר 1391. נאָר אויך אַהין האָט געגרייכט די בלוטיגע האַנד פון פערדינאַנד דעם קאַטוילק. די שפּאַניער האָבען אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט פערכאַפּט טיילען פון דער טעריטאָריע פון טוניס און טריפּאָלי און האָבען דאָ אויפגעהויבען רדיפות קעגען אידען. דער רב הכולל פון די אַפריקאַנישע קהילות ר׳ שמעון דוראַן II (אַ זוהן פון ר׳ שלמה דוראַן, IV טייל, § 154) האָט אַ סך געטאָן פאַר די פערטריבענע

און האָט אויסגעקויפט די געפאַנגענע ביי די פּיראַטען און ביי די אַראַבישע שקלאַפען-הענדלער (אַן ערך אין יאָהר 1510).

אין יענער צייט האָט געוואוינט אין טוניס דער אַסטראָנאָם און כראָניסט ר' אברהם זכותא, וואָס האָט פריהער געדיענט אַלס אַסטראָלאָג ביים קיניג פון פּאָר-טוגאַל (IV טייל, § 158). דאָ האָט ער אָנגעשריבען זיין היסטאָרישע כראָניק „ספר יוחסין", וואו עס ווערען דערציילט די געשעהעניסען פון דער אידישער געשיכטע, דער עיקר פון דער רעליגיעזער, פון די עלטסטע צייטען ביז דעם מחבר'ס תקופה (1504). זיין נע-ונד-לעבען האָט זכותא, ווי עס ווייזט אויס, געענדיגט אין טערקיי (אַן ערך אין יאָהר 1515)).

דער מצב פון די אידען אין די בערבערישע לענדער איז פעסטער געוואָרען, ערשט נאָכדעם ווי עס האָט זיך ענדגילטיג איינגעפעסטיגט די טערקישע איבערהערשאַפט, זינט דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט.

יוסף נשיא און די אידישע דיפּלאָמאַטען.

§ 4. די געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע לאַגע פון אידען אין טערקיי איז שטאַרק געהויבען געוואָרען אין דער רעגירונגס-צייט פון'ם סולטאַן סוליימאַן דעם גרויסאַרטיגען (1520 — 1566), בשעת די פּאָרטע האָט דערגרייכט צום העכסטען פּונקט פון איהר מאַכט צווישען די אייראָפּייאישע רעגירונגען. „די צאָהל פון די אידען אין טערקיי און אויף די גריכישע אינזלען (אַרכיפּעלאַג)— שרייבט אַ פראַנצויזישער רייזענדער אין יאָהר 1551 — איז זייהר גרויס. אין דער הויפּטשטאָדט פון דער מלוכה, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווערען זיי אַלץ שטאַרקער. אין זייערע הענד געפינט זיך דער האַנדעל און די אינדוסטריע, באַנק-געשעפטען און אַלע צווייגען פון מלאכות און מאַנופאַקטור. זיי שיקען סחורות איבער'ן ים און איבער דער יבשה פון די מזרח'דיגע לענדער אין די מערב'דיגע און פּערקעהרט. זיי האָבען אין דער הויפּטשטאָדט גרויסע מאַגאַזינעס, וואָס זיינען איבערפולט מיט די טייערסטע סחורות. אידען, און בעזונדערס די מאַראַנען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, האָבען אויך ניט-געוויינליכע ערפאָלגען אין טעכנישע פּראָדוקציעס. צום אומגליק פאַר די קריסטען, לערנען זיי מיט די טערקען געוועהר-טעכניק, פּראָדוצירען פּולווער, קוילען און כל'ערליי מיליטערישע מכשירים. זיי מאַכען אויך דרוקערייען צו דרוקען ביכער אויף רוימיש, גריכיש און איטאַליעניש (מעהר ניט אויף טערקיש און אַראַביש איז זיי פערבאָטען צו דרוקען) און דיענען אַלס איבערזעצער פאַר די אייראָפּייער, וואָס קומען צו פאָהרען אין דער הויפּטשטאָדט פון טערקיי".

אין יאָהר 1550 האָט אַ גרופּע סאַלאָניקער אידען אַוועקגעשיקט אַ בריעף צו זייערע גע'רודפ'טע לאַנדסלייט אין דרום-פראַנקרייך (אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען) און האָבען זיי גערופען זיך אַריבערצוקלייבען קיין טערקיי, וואו די אידען קאָנען לעבען אין עושר און אין כבוד און פיהלען ניט דעם יאָך פון'ם גלות".

די אידישע סוחרים פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סאַלאָניק האָבען מיט ערפאָלג קאָנקורירט אין עקספּאָרט-האַנדעל מיט די גרויסע פירמעס פון ווענעדיג און גענוא.

די אינטערעסען פון אידען ניט בלויז אין טערקיי, נאָר טיילמאָלס אויך אין אַנדערע לענדער האָבען מיט איבערגעבענקייט פערטיידיגט די אידישע שטאַטס-מענער, וואָס האָבען זיך אַרויסגערוקט אין די צייטען פונ׳ם סולטאַן סוליימאַן און פון זיין יורש סעלים II. דער אויבען דערמאָנטער לייב-דאָקטאָר סוליימאַנס, משה המון, האָט בעלייט דעם סולטאַן אויף זיינע נסיעות און מלחמות און האָט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט די נויטען פון זיינע פאָלקס-ברידער אין פערשיידענע ערטער. אין זיין פעריאָד האָבען די קהילות פון טערקיי געהאַט אַן ענערגישען שתדלן און בעשיצער פאַר דער העכסטער רעגירונג. אַ דאַנק המונ׳ס פערמיטעלונג איז אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָנגעקומען פון איטאַליען אַ מיוחס׳דיגע משפּחה אנוסים, וואָס איינער פון איהרע מיטגלידער איז געוואָרען זייהר אַן איינפלוסרייכער שר אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע

אין פּאָרטוגאַל האָט געוואוינט אַן אַריסטאָקראַטישע משפּחה אנוסים מ ע נ ד ע ס, וואָס האָט געהאַט אַ באַנק-הויז אין ליסאַבאָן און אַן אָבטיילונג פונ׳ם באַנק אין אַנטווערפּען, אין די נידערלאַנדען. דער דייטשער קייזער און קיניג פון שפּאַניען קאַרל V, דער פראַנצויזישער קיניג פראַנץ I און אַנדערע מאָנאַרכען פון איירָאָפּע זיינען געווען קונדען פונ׳ם דאָזיגען באַנק-הויז. נאָכדעם ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל און עס איז געשטאָרבען דער בעל-הבית פון דער פירמע פראַנציסק מענדעס, האָט זיין אלמנה, ג ר אַ צ י אַ מ ע נ ד ע ס, בעשלאָסען, אין יאָהר 1536, צו פערלאָזען ליסאַבאָן און זיך אַריבערצוקלייבען קיין אַנטווערפּען, מיט איהר איבאייבעם זיינען אַריבערגעפאָהרען אַהין איהר יונגע טאָכטער ר ע אי נ אַ און פּלימעניק י ו אַ ן מ י ק ע ץ. דער יונגער, שיינער און וועלטליך געבילדעטער יואַן מיקעץ האָט דאָ געשלאָסען בעקאַנטשאַפטען אין די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזען און האָט אַפילו אויסגענומען ביי דער פערוואַלטערין פון די נידערלאַנדען מאַריאַ, דער שוועסטער פונ׳ם קייזער קאַרל V. נאָר די פערבינדונגען אין דער העכסטער געזעלשאַפט האָבען נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע פון דער מאַראַנישער משפּחה, וואָס האָט בעהאַלטענערהייד געהאַלטען די אידישע רעליגיע. דאָנאַ גראַציאַ מענדעס האָט זיך ניט געקאָנט פיהלען זיכער אין אַנטווערפּען, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון שפּאַניען און וואו עס האָבען אומעטום אַרומגענישטערט די שפּיאָנעס פון דער אינקוויזיציע, און דעריבער האָט זי בעשלאָסען אַריבערצופאָהרען מיט איהרע קרובים קיין ווענעדיג, בכדי צו פאָהרען פון דאָרט ווייטער קיין טערקיי. ניט גרינג האָט זיך איהר איינגעגעבען אויסצופיהרען דעם דאָזיגען פּלאַן. דער קייזער קאַרל V האָט זיך געגרייט צו קאָנפיסקירען די קאַפּיטאַלען פון דעם רייכען מאַראַנישען באַנק אויף דעם סמך, וואָס זיינע בעלי-בתּים האָבען, לויט די ידיעות פון דער אינקוויזיציע, בעהאַלטענערהייד געהאַלטען אידישקייט און מיטגעהאָלפען אַנדערע מאַראַנען אָבצופאַלען פון דער קירך

(לויט די שפּאַנישע געזעצען איז דער פּערמעגען פון די מאַראַנען, וואָס מען האָט זיי געכאַפּט פאַר שולדיג אין „יודאַאיזירען", קאָנפיסקירט געוואָרען לטובת דער מלוכה־קאַסע). מיט מיה האָט זיך דער משפּחה מענדעס איינגעגעבען זיך אַרויסצוקלייבען פון די נידערלאַנדען מיט איהרע קאַפּיטאַלען (1549). נאָר אין ווענעדיג האָט זיי געטראָפען אַ נייע צרה. מחמת פערשיידענע פאַמיליען־אינטרי־געס און מסירות זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען די פּלענער פון גראַציאַ מענדעס צו פאָהרען ווייטער קיין טערקיי, און די רעפּובליקאַנישע רעגירונג פון ווענעדיג האָט פערהאַלטען די רייכע מאַראַנין, אונטער דעם אויסרייד ניט צו דערלאָזען אַ גאַנצע משפּחה „קריסטען" אָבצופאַלען פון דער קירך, אָבער אין דער אמת'ען, בכדי ניט צו דערלאָזען איהר אַרויספיהרען איהר עשירות פון לאַנד. אַז דער פראַנצויזישער קיניג היינריך II האָט זיך דערוואוסט וועגען דער מעשה, האָט ער אויך אויסגענוצט די געלעגענהייט, בכדי זיך אָבצוזאָגען פון צו בעצאָהלען זייהר אַ גרויסען חוב דעם באַנק־הויז מענדעס, וואָס זיינע בעלי־בתים האָבען זיך פאַלש אַרויסגעשטעלט פאַר קריסטען. דעמאָלט האָט גראַציאַ מענדעס'עס פּלימעניק יואַן מיקעץ זיך געווענדעט צום טערקישען סולטאַן סוליימאַן (מסתמא דורכ'ן לייב־דאָקטאָר משה המון) מיט דער ערקלערונג, אַז די משפּחה באַנקירען, וואָס ווילען אַריבערפיהרען איהרע קאַפּיטאַלען קיין טערקיי, בעגעגענט דערין אַ שטערעניש מצד דער ווענעציאַנישער רעגירונג. האָט דער סולטאַן, לויט דער בקשה פונ'ם לייב־דאָקטער המון, געשיקט צו דער ווענעציאַנישער רעגירונג אַ שליח מיט דער שטרייגנער פאָדערונג — זי זאָל אַרויסלאָזען פריי קיין טערקיי די משפּחה מענדעס. איז דאָנאַ גראַציאַ אַריבערגעפאָהרען פון ווענעדיג קיין פעראַראַ, און דאָרט האָט זי אָפען אָנגענומען די אידישע אמונה. פון דאָרט האָט זי זיך אַריבערגעקליבען מיט איהר משפּחה און מיט אַ גרויסער סוויטע אַנוסים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט איז אויך יואַן מיקעץ פאָרמאַל צוגעשטאַנען צו דער אידישער אמונה (1552) און האָט אָנגענומען דעם נאָמען יוסף, מיט דעם פאַמיליען־צונאָמען אָדער עהרענטיטעל נשיא. ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטערקינד, גראַציאַ'ס טאָכטער רעאינאַ, וואָס איז געווען בעריהמט דורך איהר שיינקייט און קלוגשאַפט.

נאָכדעם ווי גראַציאַ מענדעס האָט זיך בעזעצט אין טערקיי, האָט זי זיך פערנומען מיט אַ ברייטער פילאַנטראָפּישער טעטיגקייט און האָט בעזונדערס אונטערגעהאַלטען די מאַראַנען, וואָס מען האָט זיי גע'רודפ'ט אין אייראָפּע. אַ גלענצענדע קאַריער האָט געמאַכט איהר פּלימעניק און איידעם, יוסף נשיא. זיין בילדונג, זיינע פערבינדונגען מיט די פּאָליטישע טוער פון אייראָפּע און ניט־געוויינליכע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען האָבען צוגעצויגען אויף איהם די אויפמערקזאַמקייט פונ'ם סולטאַן סוליימאַן. איז יוסף געוואָרען דעם סולטאַנס אַ נאָהענטער בעל־יועץ און האָט אינאיינעם מיט'ן גרויסוויזיר גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער אויסווייניגסטער פּאָליטיק פון דער פּאָרטע. דער געוועזענער מאַראַן, וואָס האָט זיך ניט דערוועגט צו האַלטען אָפען די אמונה פון זיינע עלטערן, איז איצט אַרויסגעטראָטען אין די אינטערנאַציאָנאַלע ענינים ניט בלויז

ווי אַ טערקישער שר, נאָר אויך ווי אַ איד, וואָס שטאָלצירט מיט זיין אָפּ-שטאַמונג.

בשעת אין די נידערלאַנדען האָט זיך אויפגעהויבען די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג קעגען דער פערהאַסטער ממשלה פון שפּאַניען און פון פיליפּ II, האָט יוסף נשיא אויפגעמונטערט די מורדים, דורכדעם וואָס ער האָט זיי צו-געזאָגט הילף מצד טערקיי. דער פּראָטעסט פון דער פּאַרטע, וואָס איז אַרויס-געגעבען געוואָרען אונטער זיין איינפלוס, האָט געצוואונגען דעם פאַנאַטישען פּויפּסט פּויליוס IV אָבצושטעלען די רדיפות פון דער אינקוויזיציע קעגען יענע אנוסים אין איטאַליען, וואָס זיינען געוואָרען טערקישע אונטערטאַנען (ז. דעם וויטערדיגען קאַפּיטעל). אַלע אינטריגעס מצד דעם פראַנצויזישען און ווענעצי-אַנישען באָטשאַפטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען ניט געקאָנט שוואַכער מאַכען זיין מצב ביים הויף.

אַז די קריסטליכע דיפּלאָמאַטען האָבען איינגעזעהן, ווי גרויס עס איז דער איינפלוס פון יוסף נשיא אויף סוליימאַנען, האָבען זיי אומגעביטען זייער טאַקטיק און האָבען אָנגעהויבען זיך אונטערצוחנפ׳ען ביים אַלמעכטיגען הויפסמאַן. דער דייטשער קייזער מאַקסימיליאַן II האָט אין אַן אייגענהענדיגען בריעף געבע-טען יוסף׳ן, ער זאָל מיטהעלפען איינצואָרדענען די אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום צווישען דייטשלאַנד און טערקיי, נאָך די ערָאבערונגען, וואָס די לעצטע האָט געמאַכט אין אונגאַרן. דער פּוילישער קיניג סיגיזמונד אווגוסט האָט גע-בעטען דעם אידישען „דורכלויכטיגסטען פירשט״, ער זאָל איהם טון דיפּלאָמאַ-טישע טובות, און האָט איהם צוגעזאָגט דערפאַר צו געבען פערשיידענע פּריווי-לעגיעס די פּוילישע אידען. אַזעלכע פאָרשלאָגען האָבען אָבער קיין מאָל ניט בעוואויגען יוסף נשיא צו פערגעסען די אינטערעסען פון טערקיי, וואָס ער האָט איהר געטריי געדיענט.

היות ווי דער סולטאַן סוליימאַן האָט הויך געשאַצט דעם דאָזיגען דיענסט, דעריבער האָט ער געשאָנקען יוסף׳ן אַ גרויסע נחלה אין ארץ-ישראל: די אַלטע שטאָדט טבריה מיט די אַרומיגע דערפער, און דערביי האָט ער איהם געגעבען דאָס רעכט צו בעזעצען אין דער דאָזיגער געגענד דורכאויס אידען. יוסף האָט זיך שוין אַרומגעטראָגען מיט׳ן פּלאַן צו גרינדען דאָ אַן אַווטאָנאָמע אידישע פּראָווינץ. ער האָט אויסגענוצט די געלד פון זיין שוויגער גראַציאַ און זיינע אייגענע אויף צו בויען נייע הייזער אין דער האַלב-חרוב׳ער טבריא. צו געבען השגחה אויף די אַרבייטען האָט ער געשיקט אַהין זיין אַגענט, יוסף אדרת. די שטאָדט האָט מען אויסגעבויט און אַרומגערינגעלט מיט אַ מויער; אין דער אומ-געגענד האָט מען איינגעפּלאַנצט תוּת-בוימער צוליעב זייד-פּראָדוקציע (1564). יוסף האָט פונאַנדערגעשיקט קול-קורא׳ס צו די אידען, וואָס זיינען געוואָרען גערודפ׳ט אין די קריסטליכע לענדער, און האָט גערופען בעלי-מלאכות און אַר-בייטער זיך צו בעזעצען אין דער געגענד פון טבריא. פון איטאַליען זיינען אוועק אַהין גרופּעס עמיגראַנטען; אונטערוועגס האָבען זיי געליטען פון די

רויבערישע ריטערס פון מאַלטישען אָרדען, וואָס זיינען אָנגעפאַלען אויף די פאַרבייפאָהרער און האָבען זיי בערויבט.

די קאָלאָניסטען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין טבריא, האָבען משמעות געליטען צרות פון די שכנישע אַראַבער, וואָס האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז אויפ'ן ברעג פונ'ם ים גינוסר זאָל געגרינדעט ווערען אַ אידישער צענטער. די אַראַבער האָבען געגלויבט אין דער מעשה, וואָס עס האָט אויסגעטראַכט איין פאַנאַטיקער, אַז די מוסולמאַנישע אמונה וועט כלומר'שט אונטערגייהן, טאָמער וועט טבריא ווידער אויפגעבויט ווערען. די דאָזיגע מניעות האָבען ניט געלאָזט פערווירקליכט ווערען יוסף נשיא'ס שיינע אידייע, און די דיפּלאָמאַטישע אַרבייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אָבגעווענדט די אויפמערקזאַמקייט פונ'ם אידישען שר פון דער דאָזיגער אונטערנעמונג, און אויף אַזאַ אופן האָט דער פּרוב צו גרינדען אַ אידישען אַוטאָנאָמען צענטער אין ארץ-ישראל זיך ווידער ניט איינגעגעבען.

יוסף נשיא האָט געפיהרט זיין דיפּלאָמאַטישע טעטיגקייט אויך אין די צייטען פון סולייםאַנס זוהן, סעלים II (1566—1574), וואָס איז פון זיין יוגענד אָן געווען בעפריינדעט מיט'ן אידישען הויפסמאַן. די אויסווייניגסטע פּאָליטיק פון דער פּאָרטע האָבען דעמאָלט געפיהרט צוויי מענשען: דער גרויסוויזיר מהמד סאָקאָלי, — אַ קריסט, וואָס האָט אָנגענומען דעם איסלאַם, און יוסף נשיא, וואָס האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די מאַראַנישע מאַסקע פונ'ם קריסטענטום און איז געוואָרען צוריק אַ איד. צווישען די דאָזיגע פּאָליטישע טוער פלעגען טיילמאָלס פּאָרקומען צוזאַמענשטויסונגען אויפ'ן באָדען פון דער פּאָליטיק. די מלחמה מיט ווענעדיג, וואָס איהר רעזולטאַט איז געווען די פעראייניגונג פונ'ם אינזעל קיפּרוס מיט טערקיי, האָט יוסף נשיא צוגעגרייט קעגען דעם ווילען פון סאָקאָלי. בשעת יוסף נשיא האָט געפּרובט, לויט דער בקשה פונ'ם בעפרייער פון די נידערלאַנדען, ווילהעלעם פון אָראַניען, פועל'ן ביים סולטאַן, ער זאָל דערקלערען קריג דעם אינקוויזיטאָר אויפ'ן שפּאַנישען טרוין פיליפּ II, האָט איהם זיך דאָס ניט איינגעגעבען, ווייל דער גרויסוויזיר איז געווען קעגען דעם.

פאַר די וויכטיגע טובות, וואָס יוסף האָט בעוויזען דער מלוכה, האָט סעלים II איהם בעלוינט מיט'ן טיטעל הערצאָג פון נאַקסאָס און פון די איבעריגע קיקלאַדישע אינזלען. אַזוי איז דער אידישער שר געוואָרען אַן אַ-פלוסרייכער פעאָדאַלער פירשט.

נאָך סעלים II-טענס טויט האָט זיך יוסף נשיא דערווייטערט פון די מלוכה-ענינים און האָט זיך פערנומען מיט פילאַנטראָפּישער טעטיגקייט, פּונקט אַזוי ווי זיין מומע און שוויגער גראַציאַ מענדעס, וואָס איז געשטאָרבען אין יאָהר 1569. ער האָט געגעבען תמיכה ישיבות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנדערע שטעדט, אונטערשטיצט די בוך-דרוקעריי און האָט אונטערגעהאַלטען געלערנטע און געלאָזט זיי בענוצען זיין רייכע ביבליאָטעק. יוסף'ן גופא האַלט מען פאַר'ן מחבר פון אַ ספר'ל, וואָס עס האָט רעדאַקטירט אייגער פון זיינע „הויפישע" גע-

לערנטע („בן פורת יוסף״, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1577) און וואָס ענטהאַלט אַ שמועס צווישען אַ קריסטל'יכען געלערנטען און אַ אידישען שר, וואו דער ערשטער שטעלט זיך איין פאַר דער פילאָסאָפישער חקירה און דער צווייטער – פאַר דער רעליגיעזער טראַדיציע.

יוסף נשיא איז געשטאָרבען אין יאָהר 1579. זיין אלמנה רעאינאַ האָט געעפענט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ דרוקעריי אויף צו דרוקען אידישע ספרים. איבעריגענס, האָט דער סולטען מוראַד III (1574 – 1595) אָבגענומען ביי דער אַלמנה פונ'ם געוועזענעם שר דעם גרעסטען טייל פון איהר אייגענס, אונטער דעם אויסרייד, אַז מען בעדאַרף דערמיט בעצאָה'לען דעם פערשטאָרבענעמס חובות, און איהר האָט ער איבערגעלאָזען נאָר 90 000 דוקאַטען און דעם פּאַלאַץ בעלוועדער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

נאָך בשעת יוסף נשיא האָט געלעבט, האָט אָנגעהויבען זיין דיפּלאָמאַטישע קאַריער אין דער הויפּטשטאָדט פון טערקיי ש ל מ ה א ש כ נ ז י, אַ תלמודיסט און דאָקטאָר, וואָס האָט זיך פערשאַפט אַ פּאָליטישע געניטקייט אין זיינע לאַנגע נסיעות. אַ געבירטיגער פון אודינאָ אין איטאַליען, האָט אשכנזי אַרומגערייזט איבער אַ סך לענדער און איז אַ געוויסע צייט געווען לייב-דאָקטאָר ביים פּוילישען קעניג סיגיזמונד-אווגוסט. נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט ער, אַלס אונטערטאַן פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, זיך דערנעהענטערט צו די מיטגלידער פון דער ווענעציאַנישער געזאַנדשאַפט, און דורך זיי צום דערמאָנטען גרויסוויזיר סאָקאָלי, וואָס האָט אין גיכען פערשטאַנען הויך צו שאַצען זיין גרויסע קענטשאַפט און זיין פערשטייהן צו פיהרען דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. אין יאָהר 1574 האָט אשכנזי גלענצענד אויסגעפיהרט די מיסיע, וואָס מען האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט, בנוגע צו שליסען אַן אָבמאַך וועגען שלום מיט דער ווענעציאַנישער רעפּובליק. אַז ער איז געקומען צו פאָהרען צוליעב דעם צוועק קיין ווענעדיג, אַלס דיפּלאָמאַטישער פערמיטלער, האָבען איהם פייערליך אויפגענומען דער דאָזש און די העכסטע בעאַמטע פון דער רעפּובליק.

אויסערפילענדיג געטריי זיינע התחייבות'ען בנוגע צום דיענסט, האָט אַשכנזי, פּונקט אַזוי ווי יוסף נשיא, ניט פערגעסען אויך די אינטערעסען פון זיינע פּאָלקס-ברידער, סיי אין טערקיי און סיי אין אַנדערע לענדער. אַ דאַנק זיין השתדלות האָט דער ווענעציאַנישער סענאַט מבטל געווען זיין בעפעהל צו פערטרייבען אידען פון ווענעדיג. ר' שלמה אַשכנזי און דערנאָך זיין זוהן נתן האָבען געניאָסען אויך דעם צוטרוי פונ'ם סולטאַן מחמד דעם IV-טען (1595 – 1603).

אין דער רעגירונגס-צייט פונ'ם דאָזיגען סולטאַן און פון זיין פאָרגייהער האָט געהאַט אַ גרויסען אַיינפלוס ביים הויף אַ קלוגע און ענערגישע אידישע פרוי א ס ת ר ק י ע ר אַ, אַ פריינדין פונ'ם סולטאַן מוראַד דעם III-טענס ליבלינגס-פרוי. צו דער פּראָטעקציע פון דער אידישער פאַוואָריטין פלעגען זיך ווענדען

סיי טערקישע שררות, וואָס האָבען געזוכט הויכע פּאָסטענס, און סיי די געזאַנדטע פון אויסלענדישע רעגירונגען, בשעת זיי האָבען געדאַרפט ווירקען אויפ׳ן סולטאַן צוליעב זייערע אינטערעסען. נאָר צום סוף האָט זי זיך פערפּלאָנטערט אינ׳ם נעץ פון די הויפישע אינטריגעס און איז געוואָרען אַ קרבן פון זיי.

איין מאָל, בשעת אסתר האָט אונטערשטיצט איינעם פון די פּרעטענדענטען אויפ׳ן פּאָסטען פון אַ קאָמאַנדיר איבער דער רייטעריי, האָט דער אַנדער פּרעטענדענט אויפגערייצט קעגען איהר די טערקישע גאַרדיסטען, די סיפּאַיעס. אויף די טרעפּ פונ׳ם גרויסוויזיר׳ס פּאַלאַץ האָבען די סאָלדאַטען געכאַפּט אסתר׳ן און גע׳הרג׳עט זי אויף אַן אוממענשליכען אופן. אינאיינעם מיט איהר זיינען דערהרג׳עט געוואָרען איהרע דריי זיהן (1600).

אסתר איז געווען זייער רייך. צווישען אידען האָט זי געהאַט אַ שם פאַר אַ צדקניות און פאַר אַ גרויסער בעלת-צדקה. זי האָט אויך אונטערשטיצט אָרימע אידישע שריפטשטעלער און אַרויסגעבער פון נוצליכע ספרים (אויף איהר חשבון איז אַרויסגעגעבען געוואָרען די כראָניק פון ר׳ אברהם זכותא „יוחסין״).

בכלל איז אין XVII יאָהרהונדערט די לאַגע פון אידען אין טערקיי ערגער געוואָרען. דער בליהונגס-פּעריאָד פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה האָט גענעהענט צום סוף. בשעת אָנשטאָט ענערגישע סולטאַנען, וואָס האָבען מיטגעהאָלפען דער מאַכט פון טערקיי, זיינען געקומען שוואַכע, בעגרענצטע רעגירער, וואָס זיינען געוואָרען פערווייכליכט דורך דעם אָריענטאַלישען לוקסוס; בשעת די מאַכט פון דער רעגירונג האָט זיך געפונען אין די הענד פון נידעריגע פאַוואָריטען אָדער פון די ווייבער פון סעראַל און איבער׳ן טרון האָבען געהאַט צו זאָגען לויט זייער ווילדווילען די סיפּאַיעס און יאַניטשאַרען, — דעמאָלט האָט אָנגעהויבען גייהן צו איהר ירידה די טערקישע מלוכה און צוגלייך איז ערגער געוואָרען דער געזעלשאַפטליכער מצב פון אידען. די לעצטע הויבען אָן אַלץ אָפטער צוליידען פון דער צעלאָזענקייט פונ׳ם המון און פון בערייסונגען מצד די בעאַמטע. זייער לעבען אין איטליכער פּראָווינץ איז אָבהייגיג פונ׳ם גוטען אָדער שלעכטען ווילען פון די פּאַשאַ׳ס, וואָס זייער גאַנצע פערוואַלטונג איז געגרינדעט אויף שוחד נעמען און אויף אויסזאַפּען די בלוט ביי דער בעפעלקערונג. אין טערקיי איז ניט געווען קיין ספּעציעלע אָרגאַניזירטע סיסטעם פון רדיפות קעגען אידען, אַזוי ווי אין דער קריסטליכער אייראָפּע, נאָר דער אַלגעמיינער רעזשים פון עם-הארצות און ווילדווילען פון די בעאַמטע האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דעם וואוילשטאַנד פון דער אידישער בעפעלקערונג, וואָס האָט שוין ניט געהאַט אַזעלכע מעכטיגע בעשיצערס ביים הויף, ווי יוסף נשיא.

דער רבּיניזם אין ארץ-ישראל: יוסף קרא און דער „שלחן ערוך״.

§ 5. אַ חותם פון שטרייגען קאָנסערוואַטיזם ליגט אויף דער אידישער גייסטיגער שאַפונג אין טערקיי אין XVI און XVII יאָהרהונדערט. די ספרדים,

וואָס האָבען דאָ געפונען אַ מקום-מנוחה נאָך די מאוים׳דיגע צרות, האָבען זיך אויף אַלע מאָל אָבגעזאָגט פון יענע שטרעבונגען צו פריידענקעריי, וואָס זייערע עלטער-זיידעס האָבען זיך געהאַט אָבגעגעבען זיי אין שפּאַניען. די אויפקלערונגס-ריכטונג פון דער פריהערדיגער צייט איז פערשוואונדען אויף שטענדיג: זי האָט מען בעטראַכט פאַר׳ן מקור פון אַלע צרות, פאַר׳ן דער סיבה פון די פערשטעלטע שמד׳ען און פונ׳ם גירוש פון יאָהר 1492. פאַר וואָס איז אונטערגעגאַנגען דער ספרדישער קיבוץ? — פרעגט ר יוסף יעבץ, אַ שפּאַנישער פערטריבענער, וואָס האָט זיך בעזעצט אין איטאַליען, — און ענטפערט באַלד: „דערפאַר, וואָס מיר האָבען פערלאָזט די תורה הקדושה און האָבען זיך פערנומען מיט חכמות חיצוניות, און זיינען געווען אַריינגעטאָן אין עולם-הזה" וכדומה.

די דאָזיגע אידייע האָט יעבץ ענטוויקעלט אין זיינע עפענטליכע דרשות און האָט וועגען דעם אָנגעשריבען אַ בעזונדערן ספר („אור החיים", פעראַראַ, 1550). די רעאַקציע קעגען דער פרייער קולטור פונ׳ם מערב האָט זיך איינגעוואָרצעלט אין מזרח. די שפּאַנישע עמיגראַנטען אין טערקיי האָבען אוועקגעלייגט אַ יסוד פאַר יענער „רבניש-מיסטישער" ריכטונג, וואָס האָט בעדאַרפט זינט יענער צייט אַרויסשטופּען די „רבניש-פילאָסאָפישע" ריכטונג פון די מערבדיגע ספרדים. מיט דער הילף פון אשכנזים, וואָס האָבען כמעט קיין מאָל ניט געזינדיגט מיט פריידייבקעריי, האָבען זיי בעפעסטיגט די ממשלה פונ׳ם תלמודיזם און פון דער קבלה. אין די דאָזיגע ביידע געביטען האָבען זיך אַרויסגערוקט אין טערקיי פאָרשטייהער, וואָס זייער השפעה האָט זיך פערשפּרייט ווייט איבער די גרעניצען פון זייער נייעם פאָטערלאַנד.

דער העכסטער פאָרשטייהער פון דער רבנישער יהדות אין XVI יאָהרה. איז געווען ר׳ יוסף קרא (1488—1575). ר׳ יוסף קרא איז געבאָרען געוואָרען אין שפּאַניען פיער יאָהר פאַר׳ן גירוש און האָט נאָך אין זיינע פריהסטע קינדער-יאָהרען אָנגעהויבען זיין נע-ונד-לעבען. נאָך לאַנגע וואָגלונגען האָט ער זיך בעזעצט מיט זיינע עלטערן אין דער אייראָפּייאישער טערקיי, וואו ער האָט געוואוינט אין ניקאָפּאָל און אַדריאַנאָפּאָל. דאָ האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין שטודיום פון דער תלמודישער ליטעראַטור און רבנישער ליטעראַטור און האָט אַרויסגעוויזען אינ׳ם דאָזיגען געביט הפלא׳דיגע כשרונות. אין יאָהר 1522 האָט ער גענומען אויף זיך אַ ריזען-אַרבייט — איבערצוקוקען לויט די מקורים און ווידער צו סיסטעמאַטיזירען דעם גאַנצען געזעצגעבערישען מאַטעריאַל פון דער יהדות אין זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג. פאַר אַ יסוד צוליעב דעם דאָזיגען ווערק האָט ער גענומען דעם ספר „טורים" (IV, § 132), וואָס האָט אַלס לעצטער לויט דער צייט זיך אויסגעצייכענט מיט דער גרעסטער פולקומענקייט.

מען האָט בעדאַרפט האָבען אַ ניט-געוויינליך שאַרפען מוח און כמעט אַן איבערמענשליכען זכרון, בכדי אויפצוקלערען די אָבשטאַמונג און ענטוויקלונג פון איטליכען פונקט פון דער אידישער געזעצגעבונג און צו בעקלערען, אַלע פערשיידענע מיינונגען און ערקלערונגען, וואָס זיינען שייך דערצו און וואָס

האָבען זיך אָנגעקליבען אין דער ליטעראַטור זינט דער תקופה פונ'ם תלמוד ביז דעם מחבר'ס צייט. זייהר אָפט האָט מען געדאַרפט אויסגלייכען די סתירות צווישען פערשיידענע אַווטאָריטעטען איבער איין-און-דערזעלביגער געזעצגע-בערישער פראַגע. בכדי צו האָבען אַ שטיצפונקט אין אַזעלכע פאַלען, פלעגט ר' יוסף קרא איבער איטליכער שטרייט-פראַגע פערגלייכען די מיינונגען פון אלפסי, רמב"ם און רא"ש: דער דין איז געבליבען אַזוי, ווי עס האָבען גע-פסק'עט צוויי פון די דאָזיגע דריי גדולים, סיידען קעגען דעם זייבען געווען די מיינונגען פונ'ם רוב פון די איבעריגע ראשונים און פוסקים.

צוואַנציג יאָהר האָט ר' יוסף קרא געאַרבייט אויף איבערצוקוקען די אידישע געזעצגעבונג — און האָט געענדיגט זיין אַרבייט, נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען אין צפת, אין ארץ-ישראל (1535), וואו ער האָט גלייך אין אָנהויב פערנומען דעם אָנגעזעהענסטען אָרט צווישען די אָרטיגע תלמודיסטען. דער אויפטוער פונ'ם ניט-איינגעגעבענעם סנהדרין אין ארץ-ישראל, דער רב פון צפת ר' יעקב בירב, האָט געגעבען ר' יוסף קרא סמיכה, ניט קלערענדיג אפשר, אַז דער דאָזיגער מאַן וועט דורך זיין איינעמס אַרבייט ממלא זיין די אַרבייט פון אַ גאַנצער געזעצגעבערישער קאָלעגיע. ר' יוסף קרא האָט נאָך עטליכע יאָהר בעאַרבייט זיין ווערק — און צולעצט האָט ער איהם אַרויסגעגעבען אונטער'ן נאָמען „בית-יוסף", אין דער פאָרם פון אַ פירוש אויף די פיער „טורים" (ווענע-דיג, 1551 — 1559).

נאָר די דאָזיגע פאָרם, וואָס האָט בעפרידיגט די געלערנטע, איז ניט געווען בעקוועם פאַר'ן פאָלק. מען האָט בעדאַרפט שאַפען אַן אַלגעמיין-פערשטענד-ליכען רעליגיעז-רעכטליכען קאָדעקס, וואָס דער געזעצגעבערישער מאַטעריאַל אין איהם זאָל זיין צונויפגעשטעלט ניט אין דער פאָרם פון געני בעגרינדעטע מיינונגען, נאָר אין דער פאָרם פון קורצע און קלאָרע דינים, וואָס מען זאָל זיך דאַרפען פיהרען לויט זיי אין דער פראַקטיק. צוליעב דעם דאָזיגען צוועק האָט ר' יוסף קרא געמאַכט אַ קיצור פון זיין גרויסען „בית-יוסף" און האָט אַרויסגענומען פון איהם נאָר דעם פראַקטישען טייל און אויסגעלאָזט דעם גאַנצען וויסענשאַפטליכען באַלאַסט. עס האָט זיך בעקומען אַ קורצער, נאָר צוגלייך אַ פולקומענער קאָדעקס פון דעם אידישען רעליגיעזען און בירגערליכען רעכט, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו דרוקען אונטער'ן נאָמען „שלחן ערוך" (דאָס איז טייטש — אַ געדעקטער טיש) אין ווענעדיג אין יאָהר 1564. דער סדר פון די בענד און אָפטיילונגען אין „שלחן ערוך" איז בכלל דער אייגענער, וואָס אין די „טורים"; די בענד האָבען די אייגענע נעמען: אורח חיים (די דינים וועגען די תפילות און ברכות, שבת און ימים-טובים), יורה דעה (וועגען עסענוואַרג, שחיטה, שטוביגער בעלי-בתישקייט וכדומה), אבן העזר (וועגען חתונות און גטין) און חושן משפט ציוויל- און קרימינאַל-געזעצען און געריכטס-אָרדענונג). נאָר די אויסלייגונג איז דאָ קלאָרער און גענויער. אָנשטאָט די אויס-געלאָזטע טעאָרעטישע חקירות זיינען אין אַסך אָבטיילונגען אַריינגעשטעלט געוואָרען נייע דינים, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויפ'ן סמך פון

מקורים, וואָס די פריהערדיגע פוסקים האָבען דורכגעלאָזט אָדער וואָס האָבען ערשיינט אין משך פון די צוויי יאָהרהונדערטען, וואָס האָבען אָבגעטיילט ר׳ יוסף קרא פונ׳ם מחבר פון די „טורים“.

דער „שלחן ערוך“ איז געווען דאָס לעצטע וואָרט פון דער רבנישער געזעצגעבונג: ער האָט געשלאָסען די רייה פון די קיצורים און פוסקים, וואָס האָבען כסדר ערשיינט זינט דער תקופה פונ׳ם אלפסי און רמב״ם ביז׳ן XVI יאָהרהונדערט. אין איהם איז די רבנישע יהדות קריסטאַליזירט געוואָרען אין איהר לעצטער געשטאַלט. צום „שלחן ערוך“ האָט מען שפּעטער געשריבען אַ סך הוספות און פירושים, נאָר נייע קאָדעקסען, וואָס זאָלען זיין פונקט אַזוי אַוטאָריטעטיש און פולקומען, האָבען זינט יענער צייט ניט ערשיינט. „לעבען לויט׳ן „שלחן ערוך“ — איז געוואָרען זינט יענער צייט דער דעוויז פון איטליכען פרומען אידען, וואָס איהם האָבען ניט אָבגעשראָקען יענע קליינליכע רעליגיעזע דינים, וואָס זיינען אינ׳ם דאָזיגען ספר פערשריבען ווי אַ חיוב פאַר איטליכען אידען זיי אָבצוהיטען.

דער ערפאָלג פונ׳ם „שלחן ערוך“ איז געווען אומגעוויינליך: זינט דעם יאָהר 1564 ביז 1600 זיינען פון איהם אַרויסגעגעבען געוואָרען אין פערשיידענע ערטער אַכט אויסגאַבען פון אַלע טיילען, ניט צו רעכענען די אָבגעדרוקטע איינצעלנע טיילען. אין צוויי אָדער דריי יאָהר נאָכ׳ן ערשטען ערשיינען פונ׳ם ספר, האָט דער גרעסטער צווישען די פוילישע רבנים, ר׳ משה איסרליש, איינגעפיהרט איהם אין געברויך אין זיין בעאַרבייטונג, מיט אַ סך הוספות בנוגע צו די אָרטיגע מנהגים.

די מענשען פון יענעם דור (חוץ עטליכע דרייסטע קריטיקער) האָבען מיט גרויס יראת הכבוד געקוקט אויף דער דאָזיגער ניט-געוויינליכער קראַפט פון פערשטאַנד און ווילען, וואָס איז נויטיג געווען צוליעב בעשאַפען אַזאַ קאָלאָסאַלען ווערק. אַ סך האָבען געהאַלטען, אַז ר׳ יוסף קרא איז בעשאָנקען מיט רוח הקדש; מען האָט גערעדט, אַז ער פלעגט פסק׳ען שאלות לויט אָנווייזונגען פון הימעל. ר׳ יוסף קרא גופא, וואָס איז געווען אַריינגעטאָן אין די מיסטישע טעאָריעס, איז געווען נוטה צו קוקען אויף זיך, ווי אויף אַן עצם פון אַ העכערער מדרגה. מען האַלט איהם פאַר׳ן מחבר פון אַן אַפּאָקריפישען ספר („מגיד מישרים“), וואו דער בעשעפער פונ׳ם „שלחן ערוך“ שילדערט זיך אַליין ווי אַ מין איבער-מענש. צו איהם זאָל זיין געקומען ביי-נאַכט אַ סודות-פולער „מגיד“, עפּיס אַ מין „בן גילו“ פונ׳ם מחבר אָדער דער „גייסט פון דער משנה“, און האָט איהם אַנטפּלעקט די גרויסע סודות, ווי אַזוי צו פסק׳ען שאלות און צו בעקומען דעם טיטעל „ראש הגולה“, ווי אַזוי אויסצולייטערן די נשמה דורך שטרייגען אַסקעטיזם און ווי אַזוי זוכה צו זיין אומצוקומען אויף קדוש השם. פון שטענדיג אָן נוטה צום מיסטיציזם, האָט ר׳ יוסף קרא די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען זיך געפונען אונטער׳ן איינפלוס פונ׳ם צפת׳ער קרייזעל מקובלים, וואָס פון איהם איז אַרויסגעקומען דער בעריהמטער אר״י הקדוש, דער בעשעפער פון דער פּראַקטישער קבלה.

די פּראַקטישע קבלה; אר״י הקדוש.

§ 6. אַ נייע מעכטיגע שטימונג האָט אַלץ מעהר איינגענומען די גייסטער אין דעם אידישען קיבוץ פון די מזרח-לענדער און האָט זיך אַרויסגעוויזען מיט אַ בעזונדער שטאַרקייט אין ארץ-ישראל. די צרות, וואָס די אידען האָבען זיך אָנגעליטען צום סוף פונ׳ם מיטעלאַלטער, האָבען ארויסגעלייגט אַ חותם פון טיעפער עצבות אויף דער אידישער נשמה. צווישען די פערטריבענע פון מערב, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין ארץ-ישראל, האָט די דאָזיגע עצבות זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון מיסטישע שטרעבונגען צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. די געשטאַלט פון די ליעבע חורבות און די זכרונות וועגען דער אַמאָליגער גרויס-קייט פון יהודה, וואָס זיינען מיט זיי פערבונדען, האָבען געוועקט אין דער נשמה מטושטש׳ע חלומות וועגען משיח׳ן. אַ סך אידען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די מאָס פון די צרות איז שוין פול געוואָרען, אַז עס גענעהענט די צייט, וואָס וועגען איהר האָבען נביאות געזאָגט די נביאים, און די שפּעטערדיגע מיסטיקער האָבען זי מיט סודות בעשפּונען. מען מוז נאָר צוגרייטען זיך צום קומענדיגען „קץ הימים״: מען מוז ווערען הייליגע אויף דער ערד פונ׳ם הייליגען לאַנד, מען מוז אויסגעלייטערט ווערען דורך תשובה און תפילה און זיך פערטיעפען אין דער הסתכלות פון די געטליכע אַנטפּלעקונגען, וואָס זיינען פערבאָרגען אין דער איבערמענשליכער חכמה פון דער קבלה.

דער רעטניש-פולער קבלה-ספר „זוהר״, וואָס איז פריהער געווען פערשפּרייט נאָר אין זעלטענע כתב-יד׳ען, איז גראָד אין יענער צייט צוערשט אָבגעדרוקט געוואָרען אין איטאַליען מיט אַמאָל אין צוויי אויסגאַבען (מאַנטוא און קרעמאָנאַ, 1558—1559) און איז אויף אַזאַ אופן געוואָרען צוגייגגליך פאַר אַ גרויסען קרייז לעזער. די אַלטע אויסגעטראַכטע מעשה וועגען דער אָבשטאַמונג פונ׳ם „זוהר״ האָט שוין בעוויזען צו ווערען אַן אמת מקובלה, — און די מיסטיקער פון ארץ-ישראל האָבען מיט יראת הכבוד געקוקט אויפ׳ן דאָזיגען אוצר פון דער קבלה, וואָס זיינע סודות-פולע געדאַנקען האָט אַנומעלט געשאַפען דער בעגייסטערטער רבי שמעון בן יוחאי אין די הייהלען פון גליל. אַ סך פון די דאָזיגע געדאַנקען האָבען געהאַט אַ שייכות צו די פראַגע וועגען סוף פונ׳ם גלות, וואָס איז געווען נאָהענט צו אַלעמענס האַרץ.

לויט דעם „זוהר״, בעדאַרף, איידער משיח וועט קומען, פאָרקומען די גרויסע גייסטיגע אויסלייזונג. די בעסטע פאָרשטייהער פון פאָלק, וואָס זיינען מסוגל אַריינצודרינגען אין דער טיעפעניש פון דער „חכמה נסתרה״, בעדאַרפען דאָס נעמען אויף זיך צוצוגרייטען די וועלט צו דער גאולה. אַזעלכע מענשען בעדאַרפען זיך אָבשיידען פון דער וועלט און זיך פערטיעפען אין דער בע-טראַכטונג פון דער גאָטהייט, דורכדעם קאָנען זיי דערגרייכען צו דער בחינה פון הייליגקייט, בעקומען אַ השפּעה אויף די הימעלס-ספּערען, די גלגלים, און פערגיכערן דעם מאָמענט פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

די דאָזיגע מיסטישע תורה האָט געהאַט בעזונדערס בעגייסטערטע אָנ-

הייגער אין צפת, אין דעם פּערוואָרפענעם ווינקעל פון גליל, וואו עס האָבען נאָך אין די צייטען פון די אַלטע אסים געקלונגען די דרשות וועגען „תשובה" און וועגען דער „נאָהענטקייט פונ׳ם הימעלס-קיניגרייך". אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואו עס האָבען געוואוינט דעמאָלט כמעט אויסשליסליך אידען, האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע מקובלים און מיסטיקער בעלי חלומות, אַשטייגער ווי ר׳ שלמה אלקבץ, ר׳ משה קורדובירו, ר׳ אליהו די וידש און ר׳ אלישע גאַליקו. אין די 1560-ער יאָהרען האָט דאָרט עקסיסטירט אַ קרייזעל, וואָס זיינע מיט-גלידער פלעגען זיך צונויפקלייבען אַלע וואָך, אום פרייטאָג, און פלעגען זיך מתודה זיין איינער פאַר׳ן אַנדערן איבער די עבירות, וואָס זיי האָבען אָבגעטאָן פאַר דער וואָך. דער קרייזעל האָט געהייסען סימבאָליש „סוכת שלום". וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער בעהעלטעניש פון דער דאָזיגער „סוכה" — דאָס איז געווען בעוואוסט נאָר יענע, וואָס האָבען געהערט צו איהר. אַן ערך אין יאָהר 1570 איז אין דעם קרייזעל פון די צפת׳ער מתבודדים אַריינגעטראָטען אַ מענש, וואָס איז געווען בערופען צו ווערען דער בעשעפער פון דער נייער קבלה.

ר׳ יצחק לוריא, וואָס ווערט אָנגערופען בקיצור אר"י (ד. ה. „דער געטליכער רבי יצחק"), איז געבאָרען געוואָרען אין ירושלים אין יאָהר 1534, אין אַ פאַמיליע פון אשכנזישער אָבשטאַמונג. קינדווייז האָט ער אָנגעוואָהרען זיין פאָטער און איז אַריבערגעפאָהרען קיין מצרים, וואו ער האָט זיך אויפגע-האָדעוועט אין שטוב ביי זיין רייכען פעטער, אַ געוועזענעם חוכר פון די שטייערן, אין קאַאירא. דאָ האָט דער אר"י געלערנט תלמוד ביים רב פון קאַאירא ר׳ דוד אבי-זמרא (§ 3). נאָר די תלמודישע הלכה האָט ניט בעפרידיגט דעם גייסט פונ׳ם יונגלינג. ער האָט זיך פערטיפט אינ׳ם שטודיום פונ׳ם „זוהר" און אַנדערע קבלה-ספרים, זוכענדיג דאָרט אַן ענטפער אויף די פראַגעס, וואָס האָבען איהם אינטערעסירט. ער האָט זיך געקאָנט אַריינטון אין לערנען אויך נאָך זיין חתונה (צו 15 יאָהר האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטערקינד), וואָרום זיין רייכער פעטער האָט איהם געגעבען אַלצדינג, וואָס ער האָט בעדאַרפט.

מען האָט דערציילט, אַז אין משך פון זיבען יאָהר האָט ר׳ יצחק גע-לעבט אָבגעזונדערט פון דער וועלט, אין אַ הייזעל אויפ׳ן בּרעג פון נילוס, און נאָר די שבתים פלעגט ער פערברייינגען צווישען זיין משפחה. דאָס אָבגעזונ-דערטע לעבען פון אַ מתבודד, די תעניתים און דער ניט שלאָפען נעכט האָבען איהם געבראַכט צו האַלוצינאַציעס. צייטענווייז פלעגט ער קומען אין עקסטאַז, און איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער הערט שטימען פון הימעל, אַז ער זעהט וואונדער-פולע זעהונגען.

אין יאָהר 1569 האָט דער אר"י זיך אומגעקעהרט צוריק קיין ארץ-ישראל און איז נאָך אַ קורצען פערווייל אין ירושלים אָנגעקומען אין צפת, וואו ער איז תיכף אַריינגעטראָטען אין פערבינדונג מיט דעם דאָרטיגען קרייזעל מיסטיקער. דורך זיין רעליגיעזען עקסטאַז האָט ער צוגעצויגען צו זיך די מיטגלידער פונ׳ם קרייזעל; עטליכע פון זיי האָבען איהם אָנערקענט פאַר זייער רבי׳ן. אינאיינעם

מיט די דאָזיגע תלמידים פלעגט דער אר״י אָפטמאָלס אַרומגייען איבער די וויסטע פעלדער חוצ׳ן שטאָדט און האָט דאָרט גע׳דרש׳עט איבער די גרויסע סודות פון דער אמונה. אין בעשטימטע טעג, בעזונדערס אום פרייטאָג, פלעגען זיי גייען אין דעם שכנישען דאָרף מירון, וואו עס האָט זיך געפונען לויט דער טראַדיציע דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי, דעם פּלומרשטיגען מחבר פון׳ם „זוהר״. דאָ פלעגט מען מאַכען מיסטישע צערעמאָניעס, זינגען בעגייסטערטע שירים און האַלטען רעדעס וועגען דעם, אַז עס איז נאָהענט „די צייט פון די נסים״ און ווי אַזוי זיך צוצוגרייטען צו בעגעגענען דעם קומענדיגען משיח.

איין מאָל — דערצייהלט די טראַדיציע — איז דער אר״י מיט זיינע תלמידים אַרויסגעגאַנגען פרייטאָג פאַרנאַכט חוצ׳ן שטאָדט, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, בכדי מקבל פנים זיין „די מלכה שבת״. אין מיטען דער תפילה האָט דער אר״י פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן די תלמידים: „ווילט איהר תיכּף גייהן קיין ירושלים, בכדי דאָרט צו האַלטען שבת?״ האָבען די תלמידים אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט פערוואונדערונג, וואָרום דעם מהלך פון צפת קיין ירושלים קאָן מען ניט דורכגייהן אין איין שעה, און האָבען געזאָגט, אַז זיי ווילען אַפריהער געבען צו וויסען זייערע ווייבער וועגען דער נסיעה. דעמאָלט האָט דער אר״י אין יאוש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענד און אויסגערופען: „וויה געשריען אויף אונז, וואָס מיר האָבען ניט זוכה געווען צו דער דאָזיגער שעה! איך האָב געזעהן ברוח-הקודש, אַז אין דער דאָזיגער שעה איז משיח געווען גרייט צו קומען אין ירושלים, און אויב איהר וואָלט געווען מרוצה צו גייהן אַהין, וואָלטען מיר אומגעזאַמט געוואָרען אויסגעלייזט פון גלות״.

אין מיטען די דאָזיגע מיסטישע פערזאַמלונגען איז דער בעגייסטערטער אר״י פּלוצלונג נסתלק געוואָרען: ער איז געשטאָרבען פון אַ מגפה אין אווגוסט פון יאָהר 1572, 38 יאָהר אַלט. דער דאָזיגער אומגעריכטער טויט האָט געמאַכט אַ מורא׳דיגען רושם אויף זיינע אָנהייגער. וועגען פערשטאָרבענעם האָט מען אָנגעהויבען צו ריידען, ווי וועגען אַ נייעם חנוך, וואָס איז „געגאַנגען מיט גאָט״ און איז פּלוצלונג „אַרויפגענומען געוואָרען אויפ׳ן הימעל״. מען האָט בעהויפטעט, אַז דער אר״י איז דאָס געווען משיח בן-יוסף, וואָס בעדאַרף, לויט אַלטע מסורות, קומען פאַר׳ן אויטלייזער, משיח בן-דוד.

דער אויסטייטשער און פערשפּרייטער פון דעם אר״י׳ס קבלה איז געוואָרען איינער פון זיינע נאָהענטסטע תלמידים ר׳ חיים וויטאַל (1543 — 1620), וואָס זיין פאָטער, אַ סופר סת״ם, האָט זיך אַריבערגעקליבען פון איטאַליען קיין ארץ-ישראל. ר׳ חיים וויטאַל האָט אויפגעשריבען דאָס, וואָס דער אר״י האָט דערציילט מינדליך, אין איינגען קרייז פון די תלמידים, און ווי שטענדיג אין אַ זעלכע פאַלען, האָט דערביי דער תלמיד מיחס געווען דעם רבי׳ן אַ סך פון זיינע אייגענע געדאַנקען.

די סיסטעם פון דער קבלה פון אר״י און פון וויטאַל איז אין איהר טעאָרעטישען טייל גלייך צו דער ספּעקולאַטיווער קבלה פון XIII יאָהרהונדערט (IV, § 133); זי איז געגרינדעט אויף דער טעאָריע וועגען „אין-סוף״ און

וועגן די „ספירות" און נאָר אין איינצעלנע פּרטים איז זי משנה די דאָזיגע טעאָריע. די אָריגינאַליטעט פון דער נייער סיסטעם בעשטייהט דערין, וואָס זי ווענדט אָן די מסקנות פון דער קבלה אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק. די מיסטישע אידייע וועגן פעראייניגונג מיט גאָט און מיט דער גייסטער־וועלט, אַ פינסטערער אַסקעטיזם און אָנגעשטריינגטער וואַרטען אויף משיח'ן, דער בע־גריף וועגען דער זינדיגקייט פון דער מענשליכער טבע און וועגען דער נויט־ווענדיגקייט פון אָבקומעניש פאַר די זינד — דאָס אַלץ מוז זיך אַרויסווייזען אין בעשטימטע סימבאָלישע מעשים און צערעמאָניעס. ווען אַ מענש האָט זיך דער־ווייטערט פון זיין געטליכען מקור, פון דער וועלט פון די ריינע גייסטער אָדער ספירות און איז פערזונקען געוואָרען אין תהום, וואו עס הערשט די סיטרא אחרא אָדער קליפה, — דעמאָלט בעשטייהט די אויפגאַבע פונ'ם מאמין דערין, אויסצולייטערן זיין נשמה פון די דעמאָנישע עלעמענטען, וואָס שטייהען צו צו איהר, און דורך געוויסע מיסטישע צערעמאָניעס ווידער אויפפרישען איהר בונד מיט דער גאָטהייט.

די אויסלייטערונג פון דער נשמה קומט פאַר על־פּי־רוב אויפ'ן וועג פון „גלגול" אָדער וואַנדערונג. די נשמה פון אַ זינדיגען קלייבט זיך אַריבער נאָך זיין טויט אין גוף פון אַן אַנדער מענשען, און אויב זי בעסערט זיך ניט אין דעם דאָזיגען נייעם גוף, גייהט זי אַריבער אין גוף פון אַ דריטען מענשען, און אַזוי ווייטער, ביז וואַנען זי ווערט אויסגעלייטערט. ס'טרעפט אַפילו, אַז אַ מענשענס נשמה גייהט אַריין צוליעב איהר אויסלייטערונג אין גוף פון אַ בהמה און ליידט די גרעסטע יסורים. די נשמות פון די אַלטע צדיקים ווערען אַריינ־געשיקט אין אַזעלכע מענשען, וואָס גאָט האָט פאַר זיי בעשטימט אַ גרויסע צו־קונפט. לויט געוויסע כאַראַקטעריסטישע סימנים קאָן מען דערגייהן, וועמענס נשמה עס לעבט אין דעם אָדער אין יענעם גרויסען מענש.

די אויסלייטערונג פון אַלע נשמות וועט געשעהן צו דער צייט, ווען משיח וועט קומען. דעם דאָזיגען ליכטיגען מאָמענט פון אויפלעבונג קאָן מען פערגיכערן דורך דער אָנגשטריינגונג פונ'ם רעליגיעזען ווילען. וואָרום עס איז פאַרהאַן אַ שטענדיגע געגענזייטיגע ווירקונג צווישען דער וועלט פון די ערדישע ערשיינונגען און צווישען די הימעלשע ספערען. איטליכע טועכץ, איטליכס וואָרט פון אַ מענשען מאַכט דעם אָדער יענעם רושם אין די העכסטע ספערען. וועגען דעם אופן, ווי אַזוי מען טוט תפילה אָדער ווי אַזוי מען מאַכט אַ רעליגיעזע צערע־מאָניע, זיינען אָבהייניגיג גאַנצע איבערקעהרענישען אין הימעל. עס זיינען פאַרהאַן אַ סך פאָרמעלן, וואָס אויב מען זאָל זיי זאָגען אין בעשטימטע מאָ־מענטען, קאָנען זיי אַרויסרופען שינויים אינ'ם לעבען פון מענשען; מיט השבעות קאָן מען אַרויסטרייבען אַ דיבוק און אויסהיילען פערשיידענע קרייגק, פונ'ם גוף און פון דער נשמה.

דער גינסטיגסטער מאָמענט פאַר'ן מענשען זיך פעראייניגען מיט דער אויבערשטער וועלט איז שבת — „דער טאָג פון געבאָד", בשעת „די ציגורות פון הימעל עפענען זיך, בכדי צו לאָזען פליסען שטרוימען גוטס אויף דער ערד".

ביי די סעודות פון שבת זיצען רואים ואינם נראים דער „עתיקא קדישא" (גאָט) און כיתות הימעלשע גייסטער, ווי עס שטייהט אינ'ם זמר, וואָס פאַר'ן מחבר פון איהם רעכענט מען דעם אר"י גופא.

איטליכער יום-טוב האָט זיין סימבאָלישע בעדייטונג. למשל, דער זיבעטער טאָג סוכות — „הושענה רבה" — האָט בעקומען ביי די מיסטיקער פון צפת די בעדייטונג פון אַ צווייטען „יום הדין", וואָס דעמאָלט ווערען אויפ'ן הימעל ענדגילטיג בעשטימט דער גורל פונ'ם מענשען אין קומענדיגען יאָהר. די נאַכט אויף „הושענה-רבה" מוז מען וואַך זיין און לייענען „זוהר" און אַנדערע הייליגע ספרים.

אַ סך רעליגיעזע צערעמאָניעס איז אין דער טעאָריע פונ'ם אר"י און וויטאַל צוגעגעבען געוואָרען אַ מיסטישער זין אויפ'ן סמך פונ'ם „זוהר". די אָנ-שויאונגען פונ'ם „זוהר" זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין דער רעליגיעזער פראַקטיק. שפעטער איז אַפילו פערעפענטליכט געוואָרען דער אַפּאָקריפישער „שלחן ערוך של אר"י" — אַ קורצע זאַמלונג פון סימבאָלישע צערעמאָניעס, אַלס הוספה צום אָפיציעלען „שלחן ערוך" קרא'ס. מען האָט גערעכענט, אַז די דאָזיגע רעליגיעזע סימבאָליק וועט דערנעהענטערן „די צייט פון די ניסים", אַז דער כלל-ישראל וועט אויסגעלייטערט ווערען, דורכדעם וואָס ער וועט אָננעמען די אמת'ען פון דער קבלה, אַז משיח קאָן ווערען אַראָבגעבראַכט דורך דער השתדלות פון די מקובלים, וואָס פיהרען אַ לעבען פון נזירים און וואָס האָבען פערבאָרגענע פערבינדונגען מיט די הימעלשע ספערען.

אַזוי איז ענטשטאַנען אין ארץ-ישראל, אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט, די פּראַקטישע קבלה, וואָס שיידט זיך אָב פון דער קבלה פון דער שפּאַנישער שולע דורכדעם, וואָס יענע האָט געהאַט דער עיקר אַ ספעקולאַטיווען כאַראַקטער און האָט פאָרגעשטעלט אַן אייגענאַרטיגע רעליגיעזע מעטאַפיזיק, אין דער צייט וואָס די קבלה פון ארץ-ישראל האָט געשטרעבט צו ווירקען אויף דער רעליגיאָנס-און לעבענס-פּראַקטיק, אויפ'ן געפיהל און אויף דער שטימונג פונ'ם אידען, אויף זיינע מחשבות און מעשים. די פראַקטישע קבלה האָט אינגאַנצען אַרויסגעשטופּט דעם יסוד פון פילאָסאָפישער פאָרשונג פונ'ם געביט פון דער רעליגיע, און אָנשטאָט איהם האָט זי אָנגענומען דעם יסוד פון מיסטישער בעגייסטערונג. אָנשטאָט דעם רמב"מ'ס פרינציפּ וועגען דער האַרמאָנישער ענטוויקלונג פון די קערפּערליכע און גייסטליכע קרעפטען, האָט זי אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ וועגען „דער אונטערדריקונג פונ'ם חומר". זי האָט איינגעפלאַנצט ביים פאָלק דעם קוק אויף דאָס ערדישע לעבען, ווי אויף אַ חושכ'דיגען מדבר, וואו דער מענש איז פון אַלע זייטען אַרומגערינגעלט מיט בייזע רוחות, וואָס זוכען אַוועקצו-פּטר'ן זיין נשמה. די פּראַקטישע קבלה האָט אָנגעפילט דעם כח הדמיון פונ'ם מאמין מיט פאָרשטעלונגען וועגען גיהנם און וועגען די יסורים אויף יענער וועלט, וועגען גלגול פון די נשמות, וועגען אָב-קומעניש פאַר די זינד. משיח'ס קומען גופא האָט זי איינגעקליידט אין מיסטישע שרעקענישען, אַזוי אַז זי האָט פערשטעלט די פּאָליטישע זייט פון דער דאָזיגער

דאָגמע. זי האָט אײַנגעפלאַנצט ביים פאָלק אַסך אָבערגלויבענס און האָט איהם אויסגעלערנט צו ווענדען זיך צו פערשיידענע כלומר'שטיגע בעלי-מופת, אָב-שפּרעכערס און דיבוק-פערטרייבערס. צום יאָך פונ'ם תלמוד און פונ'ם רביניזם האָט זי נאָך מוסיף געווען דעם יאָך פונ'ם „זוהר", וואָרום זי האָט אײַנגעפיהרט אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק נייע צערעמאָניעס און האָט פערשטאַרקט די אַלטע, דורכדעם וואָס זי האָט זיי צוגעגעבען אַ מיסטישע בעדייטונג. די פּראַקטישע קבלה האָבען פערשפּרייט צווישען די אידען פון אַנדערע לענדער אויסוואַנדערער פון ארץ-ישראל, און אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרען דער באָדען פאַר די מיסטיש-משיח'ישע בעוועגונגען, וואָס האָבען אויפגערודערט דאָס אידישע פאָלק אין XVII און XVIII יאָהרהונדערט.

די ליטעראַטור.

§ 7. אין דער ליטעראַטור פונ'ם אויפגעלעבטען מזרח'דיגען צענטער אין XVI יאָהרהונדערט איז געווען צו מערקען אַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג: אין איהר האָבען געהערשט ניט דער טרוקענער רבנישער פּלפּול, ניט די חקירות פון געלערנטע, נאָר יענע שאַפונגס-צווייגען, וואָס זיינען מעהר שייך צום געביט פון געפיהל און פאַנטאַזיע. דער פּאָפּולערער „שלחן ערוך" פון ר' יוסף קרא האָט בעפרייט אַסך פון די קליינליכע פּאָרשונגען אין דער רבנישער ליטעראַטור, — און דער אויף אַזאַ אופן פריי געוואָרענער טייל פון דער גייסטיגער ענערגיע האָט זיך געווענדט אין אַן אַנדער זייט. די מאָראַל און די נאַציאָנאַלע פּאָעזיע פון דער אגדה האָבען אָנגעהויבען מעהר צוצוציהען די גייסטער, איידער די פאָרמאַלע חקירות פון דער הלכה; דער דרשן פאַר'ן פאָלק האָט אָנגעהויבען אַרויסשטופּען דעם געלערנטען יוריסט, דער בעגייסטערטער מיסטיקער — דעם שאַרפזיניגען פּלפּוליסט.

די תלמודישע אַגדה איז אין יענער צייט געוואָרען אָבגעטיילט פון דער הלכה אין אַ בעזונדער זאַמעלבוך, מיט'ן נאָמען „עין-יעקב". דעם דאָזיגען זאַמעלבוך האָט צונויפגעשטעלט דער סאַלאָניקער געלערנטער ר' יעקב בן חביב (1516), און שפּעטער האָט זיין זוהן, דער אויבען דערמאָנטער ירושלמ'ער רב ר' לוי בן-חביב, צוגעגעבען צו איהם הוספות. מיט דער צייט איז דער דאָזיגער ספר אײַנגעפיהרט געוואָרען אין איטליכער אידישער שטוב.

די דרשנים און מפרשים אויף תנ"ך פון יענער צייט האָבען אויך אָנגעהויבען שרייבען לויט'ן נוסח פון דער אגדה, אָנשטאָט דעם פריהערדיגען וויסענשאַפטליך-פילאָסאָפישען שטייגער. די פיעל דרשות אויף פּסוקים פון תנ"ך פונ'ם צפת'ער דרשן ר' משה אלשיך (אַן ערך 1550 — 1580), וואָס זיינען שפּעטער אַרייַנגעשטעלט געוואָרען אין זיינע פירושים, כאַראַקטעריזירען דעם דאָזיגען איבערגאַנג פון דער ראַציאָנאַליסטישער עקזעגעטיק צו דער לעגענדאַריש-מיסטישער. די השפעה פון דער דעמאָלטיגער קבלה איז דאָ שטאַרק צו

מערקען. אלשיך, ר׳ יוסף קרא׳ס א תלמיד, איז געשטאנען נאָהענט צום צפת׳ער קרייזעל מקובלים-מתבודדים.

צום דאָזיגען קרייזעל האָט געהערט אויך ר׳ שלמה אלקבץ (אַן ערך 1500 — 1575), דער מחבר פון דער שיינער תפילה „לכה דודי", וואָס מיט איהר איז מען נאָך אין אלע שולען עד-היום מקבל-שבת. די משיחישע שטימונג גיט צו א בעזונדער האַרציגקייט דער דאָזיגער תפילה, וואָס איז פערפאַסט געוואָרען אונטער׳ן איינדרוק פון די טרויעריגע חורבות פון דער אַלטער יהודה. אין איהר האָבען געפונען זייער אויסדרוק סיי דער מיסטישער קולט פון דער „מלכה שבת" אָדער „כלה שבת", וואָס פערבינדט דעם אידען מיט גאָט, און סיי די טיפע בייַנקשאַפט נאָך ציון, וואָס גיסט זיך אויס אין ליידענשאַפטליכען הימנון:

מקדש מלך, עיר מלוכה, קומי צאי מתוך ההפכה!
רב לך שבת בעמק הבכה!

(דעם קיניגס הייליגטום, קיניגליכע שטאָדט, שטייה אויף, געה אַרויס פון דער איבערקעהרעניש (פון חורבן)! גענוג דיר זיצען אין טאָל פון געוויין)

אַלקבץ האָט פערפאַסט אויך אַנדערע תפילות אין מיסטישען גייסט און האָט געשריבען פירושים אויף פערשיידענע ספרים פון תנ״ך. פונקט אַזוי ווי ר׳ יוסף קרא, איז ער געקומען קיין ארץ-ישראל פון דער אייראָפּייאישער טערקיי. דאָרט האָט ער געלערנט קבלה ביים סאַלאָניקער אַסקעט ר׳ יוסף טייטאַצאַקאַ (אַן ערך אין יאָהר 1530), וואָס וועגען איהם פלעגט מען דערצייהלען, אַז פערציג יאָהר האָט ער געשלאָפען אויף א קורצער קעסטיל, אַראָבגעהאַנגען די פיס, בכדי ניט צו האָבען קיין הנאה פון שלאָף. אין צפת איז אלקבץ געווען ר׳ יוסף קרא׳ס א נאָהענטער פריינד און איינער פון די גרינדער פונ׳ם קרייזעל מקובלים, וואָס צו איהם איז שפּעטער צוגעשטאַנען דער אר״י.

אין יאָהר 1571 האָבען אלקבץ און זיינע חברים מודיע געווען אין א בעזונדער בריעף וועגען דעם, ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעטריבען א דיבוק פון א קראַנקער פרוי, אין דער געגענוואַרט פון א גרויסען עולם, אין צפת. די מחברים פונ׳ם בריעף האָבען בעשטעטיגט, אַז דער דיבוק האָט זיך מתודה געווען פאַר די מקובלים און האָט דערצייהלט, אַז ער האָט פריהער געוואוינט אין גוף פון א גרויסען חוטא און אפיקורס, און דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אין גוף פון א געשטערטער פרוי, בכדי אָבצוקומען פאַר זיינע פריהערדיגע חטאים. מיט גרויסער מיה האָט מען איהם אַרויסגעטריבען פונ׳ם גוף פון דער אומגליקליכער פרוי, וואָס א המון מוסעלמאַנער האָבען געוואָלט זי פערברענען, ווי א מכשפה.

אלקבצ׳ס קרוב, ר׳ משה קורדובירו (1522 — 1570), איז געווען דער גרעסטער טעאָרעטיקער פון דער פּאַלעסטינישער קבלה. אין תלמוד איז ער געווען ר׳ יוסף קרא׳ס תלמיד, און אלקבץ האָט מיט איהם געלערנט די „חכמה נסתרה", און ער האָט א סך אויפגעטאָן אין איהר. אין זיינע ספרים („פרדס

רמונים", „אור נעלם" און אנד.) האָט ער געפּרובט צו שאַפן אַ פולקומענע סיסטעם פון דער קבלה אויפ'ן סמך פונ'ם „זוהר" און פון די נייע חקירות. די אידייע וועגן די צעהן ספירות איז ביי איהם שוין אַ דאָגמע, און ווער עס לייקענט אין איהר, דער איז אַן אַפּיקורס, וואָרום זי קומט אַרויס פונ'ם זעלביגען מקור, פון וואַנען עס שטאַמט אַרויס די תורה שבעל פה פון דער משנה — פון ר' שמעון בן יוחאי. די וואָס גלויבען נאָר אין דער תורה און אין תלמוד, יענע „מאַכען אויסטריקענען דעם מקור פון דער ערקענטעניש", לויט קורדובירו'ס מיינונג. פון די דריי מדרגות פון קענטשאַפט: תנ"ך, תלמוד און קבלה, איז די לעצטע — די העכסטע. די בעסטע צייט צו לערנען קבלה זיינען די שעה'ן נאָך האַלבע נאַכט און שבת, וואָרום דעמאָלט קאָן די נשמה משיג זיין די גרויסע סודות פון דער הויה.

אַ פּרוב צו שאַפען אַ סיסטעם פון פּראַקטישער מאָראַל אויפ'ן סמך פונ'ם „זוהר" און פון דער טעאָריע פון ר' משה קורדובירו — האָט געמאַכט דעם לעצטענס תלמיד, ר' אליהו דיוידש, וואָס האָט אויך געוואוינט אין צפת. אין דער צייט וואָס ר' משה קורדובירו'ס אַבסטראַקטע אידייען האָבען געקאָנט פערשטייהן נאָר אַ קליינער קרייז קענער, איז ר' אליהו וידש'ס ספר „ראשית חכמה" (1575) געוואָרען אַ קאָדעקס פון פרומקייט און מדות טובות פאַר אַלע שיכטען פון פאָלק. ער פאָדערט אַזאַ הייליגקייט און ריינקייט פון לעבען, וואָס דערגייהט ביז צום אויסערסטען, און צוגלייך פיהרט ער דורך עקסטרעמע אַסקעטישע אָנשויאונגען. דער ספר איז זיך סומך אויפ'ן פסוק „ראשית חכמה יראת ה'" (דער אָנהויב פון דער חכמה איז גאָטספאָרכטיגקייט), און אַזאַ „פאָרכט" זוכט ער איינצופליסען דעם לעזער. ער שרעקט די פאַנטאַזיע פונ'ם מאמין דורך בילדער פון די יענער-וועלטיגע יסורים און פאָדערט שטרענגע שטראָפען פאַר איטליכע עבירה קעגען דער רעליגיע אָדער קעגען דער מאָראַל. למשל, דער וואָס האָט געזינדיגט מיט אַן אשת-איש, מוז ווינטער זיצען אַלע טאָג אַ נאַקעטער אין שניי אָדער אין קאַלטע וואַסער אַ גאַנצע שעה צייט, און זומער — צווישען פליגען און ביהנען, וואָס וועלען שטעכען זיין קערפּער. אַ וואָכערער און אַ רכילות'ניק, וואָס ווילען תשובה טון, מוזען בעטען מחילה ביי די מענשען, וועמען זיי האָבען געטאָן אַן עולה, און חוץ דעם פאַסטען פערציג טעג, זיך מתודה זיין אין שול פאַר'ן גאַנצען עולם און זיך לאָזען שלאָגען אַ בעשטימטע צאָהל מלקות.

דער ספר „ראשית חכמה" איז פיעל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרען אינגאַנצען און אין קיצורים און האָט געדיענט אַלס מוסטער פון דער מוסר-ליטעראַטור פאַר'ן פאָלק אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטען.

די ליטעראַטור פון דער „פּראַקטישער קבלה" אינ'ם גייסט פון אר"י און ויטאַל האָט געהאַט אַ סך ווערק, אין דער פאָרם פון טעאָרעטישע זאַמלונגען פאַר געלערנטע און „מעשיות צדיקים" — פאַר'ן פאָלק. פּסעוודאָ-עפּיגראַפיע איז געווען זייהר פערשפרייט: שפּעטערדיגע מחברים פלעגען צושרייבען זייערע ווערק דעם אר"י גופא אָדער זיינע נאָהענטסטע תלמידים. אינאיינעם מיט גע-

דרוקטע ספרים פלעגן ווערן פערשפּרייט אויך געשריבענע, וואָס זיינען פערשטענדליך נאָר פאַר „אויסדערוויילטע“, און ליעבהאָבער פלעגן צאָהלען אַ סך געלד פאַר אַזעלכע כתב-יד׳ען. פון דער דאָזיגער אַפּאָקריפישער ליטעראַטור, וואָס איז פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ אייראָפּע, זיינען שפּעטער צונויפגעשטעלט געוואָרען די בעוואוסטע קבלה-ספרים („עץ-חיים“, „ספר-כוונות“, „גלגולים“ און אַנד.) און די לעבענסבעשרייבונגען פון׳ם ארי און זיינע תלמידים („שבחי האר״י, חזיונות ר׳ חיים וויטאַל“).

די רעליגיעזע פּאָעזיע האָט געהאַט אין יענער עפּאָכע אַ טאַלאַנטפולען און פּרוכטבאַרען פאָרשטייהער אין דער פּערזאָן פון ר׳ ישראל נגארה, וואָס איז געווען אַ רב אין דמשק און עזה אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. זיינע פּיוטים אויף העברייאיש און אַרמיש, וואָס זיינען צונויפגעקליבען אינ׳ם ספר „זמירות ישראל“ (צפת 1586, און אינגאַנצען—ווענעדיג 1599), זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפען רעליגיעז-נאַציאָנאַלען געפיהל. אַ סך פון זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען פאַר תּפילות. בעזונדערס פּאָפּולער איז זיין שיינער שיר אויף אַרמיש „יה רבון“, וואָס איז אַריינגענומען געוואָרען צווישען די שבת׳דיגע זמירות. אין אַ סך ווערק נגארה׳ס איז צו מערקען די השפּעה פון זיין רבי׳ן אר״י און בכלל פון דער מיסטישער משיחיות פון יענער צייט.

דעם שטייגען פון׳ם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין ביי דעם אידישען קיבוץ אין די מזרח-לענדער האָבען ניט ווייניג מיטגעהאָלפען די היסטאָרישע כראָניקעס, וואָס האָבען ערשיינט אין XVI יאָהרהונדערט. אין די 1550-טער יאָהרען איז געוואָרען פערעפענטליכט אין טערקיי אַ מערקווירדיגע כראָניק פון די אידישע פּורעניות אין מיטעלאַלטער, וואָס איז בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „שבט יהודה“. דער דאָזיגער ספר איז דער רעזולטאַט פון דער אַרבייט פון דריי דורות. אַלס יסוד פאַר איהר האָבען געדיענט די רשימות פון׳ם געלערנטען ר׳ יהודה אבן-וירגא, וואָס האָט געלעבט אין סעווילי‏אַ אין דער צווייטער העלפט פון XV יאָהרהונדערט; דעם גרעסטען טייל פון׳ם ספר האָט אָנגעשריבען זיין זוהן אָדער אייניקעל ר׳ שלמה אבן-וירגא, וואָס איז אַנטלאָפען געוואָרען אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט פון פּאָרטוגאַל קיין טערקיי פאַר די רדיפות פון דער אינקוויזיציע; אַרויסגעגעבען די דאָזיגע כראָניק מיט עטליכע זיינע אייגענע הוספות (אין יאָהר 1550) האָט ר׳ שלמה׳ס זוהן, ר׳ יוסף אבן-וירגא, וואָס איז געווען רב אין אַדריאַנאָפּאָל. דאָ ווערען גאַנץ גענוי דערציילט אַ סך עפּיזאָדען פון דער געשיכטע פון די רדיפות קעגען אידען, דער עיקר אין XIV און XV יאָהרהונדערט אין שפּאַניען און פראַנקרייך, און דערביי גיבען די מחברים אָב אַ בעזונדער אויפמערקזאַמקייט דער געשיכטע פון די רעליגיעזע ויכוחים צווישען דער קאַטוילישער און אידישער גייסטליכקייט. די רעדעס פון די אָנטיילנעמער אין אַזעלכע ויכוחים צייכענען זיך אַוודאי ניט אויס דורך סטענאָגראַפישער גענויאיגקייט, און צייטענווייז זיינען די שמועסען אינגאַנצען אויסגעטראַכט. די ערצייהלונגען זיינען אויסגעלייגט אָהן שום כראָ-

גאָלאָגישען סדר און אָהן אַן אויסוויינינגסטען פּראַגמאַטישען צוזאַמענהאַנג, — און פונדעסטוועגען מאַכען זיי דעם אַיינדרוק פון אַ גאַנצער זאַך, וואָרום זיי האָבען אַלע אַ שייכות צו די גזירות אויף אידען; די עלעגאַנטע איינפאַכקייט פונ׳ם סיגנון און דער אָנציהענדער אופן צו דערציילען מאַכען נאָך שטאַרקער דעם רושם. דער ספר „שבט יהודה”, וואָס איז געגרינדעט אויף אַלטע כראָניקעס, וואָס זיינען פערלאָרען געגאַנגען אָדער נאָך ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען, בילדעט איינעם פון די הויפּט-מקורים פאַר דער מיטעלאַלטערליכער געשיכטע פון אידישען פאָלק.

צווייטער קאַפּיטעל.

דער קולטורעלער וואקסען און די בירגערליכע רעכט־לויזיגקייט פון די אידען אין איטאַליען.

די אימיגראַציע פון די ספרדים — האַפענונגען אויפן קץ; ראובני און מולכו; די „קאטוילישע רעאקציע” און די אידען פון קירכען־שטאַט. — דאָס געטאָ־לעבען און די וועלטליכע מלוכות פון איטאַליען. — די ליטעראַטור. — הומאַניזם און פריידיינקעריי.

די אימיגראַציע פון די ספרדים.

§ 8. די אידישע בעפעלקערונג פון איטאַליען, וואָס האָט אין מיטעלאַלטער פערנומען אַ צווייטען אָרט אין דעם מערב'דיגען קיבוץ, ווייל זי איז געווען קליין, טרעט אַרויס אין XVI יאָהרהונדערט אויפ'ן ערשטען פּלאַץ. דאָס, וואָס עס זיינען צוגעקומען די פערטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, נאָך די יאָהרען 1492 — 1498, האָט שטאַרק פערגרעסערט די צאָהל פון אידען אין איטאַליען און האָט אַריינגעטראָגען צווישען זיי אַ קולטורעלע בעלעבונג. איטאַליען איז געווען די ערשטע סטאַנציע אויפ'ן וועג פון די פערטריבענע; אין איהרע האַפענס (גענוא, נעאַפּאָל און אַנד.) האָט זיך געווענדט זייער הויפּט־מאַסע, און פון דאָרט זיינען די איינע אַוועק אין די איבעררייניגסטע טיילען פון לאַנד, אין די אַנדערע — אין דער אייראָפּייאישער אָדער אַזיאַטישער טערקיי. די פּלוצלונגדיגע פערגרעסערונג פון דער אידישער בעפעלקערונג אין איטאַליען האָט דאָ צייטווייליג געשאַפען אַ בעדייטענדען נאַציאָנאַל־קולטורעלען צענטער, נאָר צוגלייך האָט עס אויך פערשאַרפט די „אידען־פראַגע” און געגעבען איהר אַ מיטעלאַלטערליכע ריכטונג.

צום סוף פון XV און צום אָנהויב פון XII יאָהרהונדערט, בשעת גע־דיכטע מאַסען ספרדישע עמיגראַנטען — אַנוסים און אידען — האָבען אָנגעפילט די האַפען־שטעדט און די אַנדערע גרויסע שטעדט פון איטאַליען, איז די בע־ציהונג צו זיי געווען פערשיידען. ס'זיינען געווען ערטער, וואו די רעגירונגען האָבען גוט צוגענומען די אָנגעקומענע, וואָס צווישען זיי זיינען געווען ניט ווינציג סוחרים, באַנקירען, דאָקטוירים און קונציגע בעלי־מלאכות; די הערצאָגען

ד׳עסטע האָבען אריינגעלאָזט אידען און אנוסים אין זייער פּראָווינץ — פעראַראַ און די שכנישע שטעדט — און זיי האָט אפילו ניט געאַרט, וואָס די אנוסים האָבען אָפען זיך אָבגעזאָגט פון קריסטענטום. אין אַנדערע ערטער, פערקעהרט, האָט מען מורא געהאַט, אַז די ספרדישע סוחרים זאָלען ניט קאָנקורירען מיט די אָרטיגע, און האַנדעלס־שטעדט, ווי גענוא און ווענעדיג, האָבען זייהר ניט גערן אריינגעלאָזט די עמיגראַנטען, און טיילמאָלס האָבען זיי זיי אַפילו ניט ערלויבט אַראָבצוגייהען אויפ׳ן ברעג. די קנאים פון דער קירך האָט שטאַרק פערדראָסען די אויפפיהרונג פון די מאַראַנען, וואָס האָבען אָפען אַראָבגעוואָרפען די מאַסקע פון קריסטענטום, — און אויף אַזאַ אופן איז צו דער עקאָנאָמישער שנאה צו־געקומען נאָך די רעליגיעזע.

חוץ דעם, איז די ספרדישע איינוואַנדערער, פּונקט אַזוי ווי די אַלט־איינגעזעסענע אידען אויסגעקומען אַ סך אויסצושטייהן פון די כסדר׳דיגע מלחמות, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אין XVI יאָהרהונדערט אין דער צע־ברעקעלטער איטאַליען, אַ דאַנק דער קאָנקורענץ פון דייטשלאַנד און שפּאַניען (וואָס זיינען פעראייניגט געוואָרען זינט דעם יאָהר 1520 אונטער דער ממשלה פון קאַרל V) קעגען פראַנקרייך. די אידען־פיינדשאַפט פון די דאָזיגע דריי לענדער האָט זיך אַריבערגעטראָגען אויף קיין איטאַליען, וואו ס׳איז פריהער קיין זכר ניט געווען פון אידענפיינדשאַפט, און האָט פער׳סמ׳ט דאָרט די געזעלשאַפטליכע אַטמאָספער.

די וועגעציאַנישע רעפּובליק האָט די ערשטע זיך אַ קעהר געטאָן אויפ׳ן מיטעלאַלטערליכען שליאַך. דאָס, וואָס עס זיינען אָנגעקומען די געבילדעטע און רייכע ספרדים און האָבען זיך גענומען בעטייליגען אין דעם גרויסען עקספּאָרט־האַנדעל, איז פון איין זייט געווען נוצליך פאַר דער רעפּובליק, נאָר פון דער אַנדער זייט — האָט עס אַרויסגערופען אַ שרעק ביי די קריסטליכע סוחרים, וואָס האָבען געוואָלט זיך אָבצאַמען פון די פייהיגע קאָנקורענטען. אינ׳ם קאָנפליקט צווישען דעם נוצען פון דער מלוכה און צווישען די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון דעם פּריווילעגירטען ״סוחרישען שטאַנד האָבען געוואונען די לעצטע. אין יאָהר 1516 זיינען די וועגעציאַנער אידען געווען געצוואונגען זיך אַריבערצו־קלייבען פון די צענטראַלע טיילען שטאָדט אין אַ בעזונדער קוואַרטאַל אָדער „געטאָ״ („געטאָ״ איז אַן איטאַליעניש וואָרט, וואָס מען האָט שפּעטער געברויכט צו בעצייכענען די אידישע קוואַרטאַלען אויך אין אַנדערע לענדער). דורכדעם זיינען געוואָרען בעגרעניצט סיי דער ראַיאָן, וואו אידען האָבען געמעגט וואוי־נען, און סיי די ספערע פון זייער האַנדעלס־טעטיגקייט.

די אַנדער האַפען־שטאָדט, גענוא, האָט זיך בעוואָרענט מיט אַ סך בע־גרעניצונגען, כדי די אידען זאָלען ניט שטאַרק אריינדרינגען אַהינצו. מען האָט ערלויבט צו וואוינען אין שטאָדט נאָר גרויסע סוחרים און דאָקטוירים, וואָס האָבען געהאַט אַן ערלויבעניש צו פּראַקטיקירען פונ׳ם פּויפּסט; די רעגירונג אין בעשטאַנען דערויף, אַז אידען זאָלען טראָגען אַ בעזונדערן צייכען אויף די קליידער.

לפי-ערך בעסער האָט זיך געלעבט די אידען אין די צענטראַלע געגענדען פון איטאַליען. ווי עס איז שוין געזאָגט, האָבען די אידען אין הערצאָגטום פעראַראַ גענאָסען שוץ מצד די הערצאָגען פון דער דינאַסטיע עסטע. אין טאָסקאַנאַ האָבען זיי געהאַט בעדייטענדע קהילות אין די שטעדט פון פלאָרענץ און פּיזאַ; די ליבעראַלע רעגירער פונ׳ם הויז מעדיטשי האָבען ניט געשטערט די מאַראַנען עמיגראַנטען אָפען אַריבערצוגייהן צו אידישקייט. שטאַרק איז פערגרעסערט געוואָרען די בעפעלקערונג פון די אַלטע אידישע קהילות אין באָלאָניאַ, מאַנטואַ און פּאַדואַ. די רוימישע פּויפּסטען אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט האָבען אויך ניט געשטערט דעם וואוקס פון דער אידישער בעפעלקערונג אין זייער פּראָווינץ. לויט דעם אויסדרוק פון די היסטאָריקער, האָבען די פּויפּסטען אלכסנדר VI, יוליוס II, לעאָ X און קלימענט VI, וואָס וואָלטען גיכער געקאָנט זיין כהנים אין קיניגרייך פון ווענוס אָדער מאַרס, איידער אין קריסטוס׳עס קיניגרייך, — רוהיג געקוקט דערויף, וואָס עס פערמעהרען זיך אידען אין רוים, אַנקאָנאַ און אין אַנדערע שטעדט פונ׳ם קירכען-שטאַט, און זיינען אַפילו ניט נתפעל געוואָרען דערפון, וואָס די מאַראַנען האָבען זיך אָבגעזאָגט פונ׳ם קריסטענטום, וועלכע זיי האָבען געהאַט אָנגענומען באונס. די דאָזיגע וועלט-מענשען אין גלחים-קליידער האָבען זיך גאָר ווייניג אינטערעסירט אויך מיט די פערשיידענע החלטות פון די קירכען-פערזאַמלונגען. זיי האָבען ביי זיך געהאַלטען אידישע דאָקטוירים, קעגען דער בעשטימונג פון דער באַזעלער קירכען-פערזאַמלונג, און האָבען אויך דאָס ערלויבט זייערע קאַרדינאַלען און די קריסטליכע רעגירער. די פּויפּסטליכע דאָקטוירים באַנעט די לטיש (אין דער צייט פון אלכסנדר VI און לעאָ X) און שמעון צרפתי (אין דער צייט פון יוליוס II) האָבען, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט אויך אַ געוויסען פּאָליטישען איינפלוס ביים פּויפּסטליכען הויף.

ערשט שפּעטער, אין דער צווייטער העלפט פון XIV יאָהרהונדערט, האָט די שרעקליכע קאַטוילישע רעאַקציע אָנגעטאָן אָהן אַ שיעור יסורים די אידען פון דער פּויפּסטליכער פּראָווינצען און פון די אַנדערע פּראָווינצען פון איטאַליען.

אין אַ בעזונדער לאַגע האָבען זיך געפונען די אידען פון דרום-איטאַליען אָדער פונ׳ם קיניגרייך נעאַפּאָל. אין דער צייט, בשעת די אידען זיינען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען, איז געווען קיניג פון נעאַפּאָל איינער פון די לעצטע פּאָרשטייהער פון דער אַראַגאָנישער דינאַסטיע אין איטאַליען, פערדינאַנד דער I-טער. היות ווי דאָס קיניגרייך נעאַפּאָל האָט זיך ניט געפונען, אַזוי ווי סיציליען, אונטער דער אויבערהערשאַפט פון שפּאַניען, דעריבער איז דער בעפעהל פון יאָהר 1492 וועגען פערטרייבען די אידען פון די שפּאַנישע לענדער ניט געווען גילטיג פאַר דעם דאָזיגען קיניגרייך און דעריבער האָבען דאָ געקאָנט געפינען פאַר זיך אַ מקום מנוחה אַ גרופּע פון די ערשטע שפּאַנישע פערטריבענע, וואָס איז אַוועק אונטער דער אָנפיהרונג פון ר׳ יצחק אברבנאל (IV, § 157).

דער קיניג פון נעאַפּאָל איז געוועזן גערן צו לאָזן בעזעצען זיך אין זיין לאַנד די קרבנות פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. בשעת צווישן די אויסגעמאַטערטע אייַנוואויינער האָט זיך פערשפּרייט אַ מגפה און די קריסטליכע בעפעלקערונג פון נעאַפּאָל האָט געפאָדערט, מען זאָל אַרויסשיקן די אידען, בכדי צו פערהיטען פון אַן אַלגעמיינע עפּידעמיע, איז דער קיניג פערדינאַנד געווען אַזוי פיעל מענשליך געזונען, אַז ער האָט ניט נאָכגעגעבען דער דאָזיגער פאָדערונג: ער האָט געהייסען אויסבויען פאַר די אומגליקליכע שפּיטאָלען, שיקען צו זיי דאָקטוירים און פערזאָרגען זיי מיט שפּייז.

היות ווי ער האָט זיך אָנגעהערט אַ סך וועגען די פייהיגקייטען פונ׳ם געוועזענעם קאַסטילישען פינאַנסיסט און געלערנטען ר׳ יצחק אברבנל, דעריבער האָט פערדינאַנד דער I-טער איהם דערגעהענטערט צום הויף און געגעבען איהם אַ שטעל אין דער פינאַנץ-פערוואַלטונג; די אייגענע שטעל האָט אברבנל פערנומען אויך ביי זיין זוהן אַלפאָנזאָ. נאָר דער דיענסט ביים הויף האָט ווידער אַמאָל זיך געענדיגט שלעכט פאַר׳ן אידישען שר: אין יאָהר 1495 האָט דער פראַנצויזישער קיניג קאַרל דער VIII-טער, וואָס האָט פון לאַנג אָן פּרעטענדירט אויף דער נעאַפּאָליטאַנישער קרוין, אייַנגענומען נעאַפּאָל, און אברבנל האָט געמוזט אַנטלויפען פון דאָרט אינאיינעם מיט זיין בעשיצער, דעם קיניג אַלפאָנזאָ. בשעת די פראַנצויזען האָבען אַוועקגערויבט נעאַפּאָל, האָט אברבנל אָנגעוואָרען זיין גאַנצען אייגענס און צוזאַמען דערמיט — זיינע ספרים און כתב-יד׳ען. לכתחילה האָט ער בעלייט אַלפאָנזאָ׳ן קיין סיציליען, וואוהין יענער איז אַנטלאָפען געוואָרען פאַר די פראַנצויזען, דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעקליבען אויפ׳ן אינזעל קאָרפו און צולעצט האָט ער זיך בעזעצט אין שטעדטיל מאָנאָפּאָלי, אין אַפּוליען.

דאָ האָט אַברבנל צייטווייליג געפונען אַ מקום מנוחה. נאָך פיעל וואָגלונגען האָט ער געקאָנט זיך איצט אָפּגעבען אינגאַנצען זיין ליטעראַרישער אַרבייט. ער האָט דאָ פערענדיגט זיין פירוש אויף תנ״ך, וואָס ער האָט אָנגעהויבען נאָך אין שפּאַניען, און האָט אָנגעשריבען אַ רייהע ספרים וועגען אידישער דאָגמאַטיק, בעזונדערס וועגען גלויבען אין משיח. די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט אַברבנל פערבראַכט אין ווענעדיג, וואוהין ער האָט זיך אַריבערגעקליבען אין יאָהר 1503. אויך די לעצטע צייט ער זיך ניט אָבגעזאָגט פון דיפּלאָמאַטישע שליחות׳ען און צווישען אַנדערע זאַכען האָט ער גענומען אַן אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום צווישען דער ווענעציאַנישער רעפּובליק און פּאָרטוגאַל. אין יאָהר 1509 איז ער געשטאָרבען אין ווענעדיג; זיין ארון האָט מען אַריבערגעפיהרט קיין פּאַדוואַ און דאָרט געבראַכט צו קבר ישראל

נאָך צעהן יאָהר מלחמות איז דאָס קיניגרייך נעאַפּאָל אַריינגעפאַלען אין רשות פון דער שפּאַנישער קרוין, ד. ה. פון פערדינאַנד דעם קאַטוילליק (1504), און איז געוואָרען רעגירט פון אַ וויצע-קיניג. דער בעוואוסטער קריגס-פיהרער גאָנזאַלוואָ דע-קאָרדאָוואַ האָט פערטיידיגט די רעכט פון אידען צו וואוינען

אין נעאפּאָל. בשעת פּערדינאַנד דער קאַטוילּיק האָט געפאָדערט, אַז נעאפּאָל זאָל אויך ווערען אויסגערייניגט פון די „אומגלויביגע״, אַזוי ווי שפּאַניען און סיציליען, — האָט גאָנזאַלוואָ איהם געענטפערט, אַז אידען זיינען פאַרהאַן זייהר ווינציג אינ'ם דאָזיגען קיניגרייך, און אויב מען וועט זיי אַרויסשיקען, וועלען זיי אַריבערפיהרען זייערע קאַפּיטאַלען און האַנדעלס־אָנשטאַלטען אין דער רייכער ווענעדיג, וואָס האָט קאָנקורירט מיט נעאפּאָל אין ים־האַנדעל. אויף דעם דאָזיגען סמך האָט מען די אידען ערלויבט צייטווייליג צו וואוינען אין נעאפּאָל, נאָר בכדי „יוצא זיין״ האָט מען אָנגענומען רעפּרעסיעס קעגען די מאַראַנען, וואָס זיינען אַנטלאָפען אַהין פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. און בענוגעט האָט פּערדינאַנד געגריינדעט אַן אינקוויזיציע, וואָס האָט השגחה געגעבען, אַז די אַנטלאָפענע מאַראַנען זאָלען זיין גוטע קריסטען, און האָט געכאַפּט יענע, וואָס אויף זיי איז געפאַלען אַ חשד, אַז זיי היטען אָפּ אידישקייט פערבאָרגענערהייד.

ביים ליבעראַלען וויצע־קיניג גאָנזאַלוואָ איז געווען אַ הויז־דאָקטאָר ר' יצחק אברבנל'ס זוהן, יהודה לעאָ אברבנל, דער מחבר פון די בעוואוסטע „דיאַלאָגען וועגען ליעבע״, וואָס זיינען אָנגעשריבען אויף איטאַליעניש אינ'ם גייסט פון פּלאַטאָנ'ס פילאָסאָפיע. נאָכ'ן פאַלען פון זיין בעשיצער (1507), האָט לעאָ געלעבט אַ געוויסע צייט אין ווענעדיג, ביי זיין פאָטער, און אין גענואַ. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1535.

זיין אינגערער ברודער, שמואל אברבנל, האָט גע'ירש'עט דעם פּאָליטישען טאַלענט פון זיין פאָטער. ער האָט געוואוינט אין נעאפּאָל און האָט געדיענט אַלס פינאַנציעלער אַגענט ביים וויצע־קיניג דאָן פּעדראָ. די שריפטשטעלער פון יענער צייט לויבען שמואל'ס איידעלען כאַראַקטער און זיינע גרויסע צדקות, וואָס ער האָט געטאָן. פּונקט אַזאַ גוטען שם האָט געהאַט אויך זיין פרוי, די קלוגע און פרומען בענווענידאַ, וואָס איז געווען אַ נאָהענטע פריינדין פונ'ם וויצע־קיניגס טאָכטער לעאָנאָרע, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט'ן הערצאָג קאָזמאָ II מעדיטשי.

נאָר אַפילו דער איינפלוסרייכער פאַמיליע אברבנל האָט זיך ניט איינגעגעבען צו פערטיידיגען די אידען פון נעאפּאָל קעגען דער רשעות פון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי. בשעת דער דייטשער קייזער און קיניג פון שפּאַניען קאַרל דער V־טער האָט געמאַכט זיין פייערליכע נסיעה איבער איטאַליען (1530), האָט די גייסטליכקייט איהם צוגערעדט צו פערטרייבען די אידען פון נעאפּאָל, ווייל זיי גיבען צו חשק די מאַראַנען זיך אָבצוזאָגען פון קריסטענטום. האָט דער קייזער אָנגענומען דעם דאָזיגען פּאָרשלאָג. אַלע בקשות פון דער בכבוד'ער בענווענידאַ און פון איהר יונגער פריינדין, דעם וויצע־קיניגס טאָכטער, האָבען נאָר געבראַכט דערצו, אַז קאַרל האָט אויף אַ געוויסע צייט אָבגעלייגט אויסצופיהרען זיין החלטה. אין יאָהר 1533 האָט ער בעפויהלען די אידען זיך אַרויסצוקלייבען פון נעאפּאָל און פון איהר ראַיאָן. דער וויצע־קיניג דאָן פּעדראָ, וואָס האָט ניט מיטגעשטימט צו דער דאָזיגער פּאָליטיק פון רדיפות, און דער פּאַרשטייהער פון דער אידישער געזעלשאַפט שמואל אברבנל האָבען געפּרובט

אָבצולייגען די אויספיהרונג פונ׳ם קייזערס האַרטען בעפעהל. זיי האָבען אויס-
געאַרבייט אַ פּראָיעקט, מען זאָל אָבלייגען די אַרויסשיקונג אויף צעהן יאָהר,
און פאַר דער צייט זאָל מען געבען אידען רעליגיאָנס-פרייהייט, ווי אויך פרייהייט
צו האַנדלען. דער קייזער האָט מסכים געווען אויפ׳ן דאָזיגען פאָרשלאָג, נאָר
ער האָט פאָרט ניט אויסגעהאַלטען ביז׳ן סוף פונ׳ם טערמין — און אין יאָהר
1540 האָט ער ענטשלאָסען געפאָדערט, אַז די אידען זאָלען זיך אַרויסקלייבען,
און האָט געשראָקען מיט שטראָפען די יעניגע, וואָס וועלען פערבלייבען אין
לאַנד. קיין שום שתדלנות האָט ניט געקאָנט ווייכער מאַכען דעם אייגענזיניגען
מאָנאַרך, וואָס האָט געוועלטיגט איבער האַלב אייראָפּע. טויזענדער אידען האָבען
פערלאָזען די געבענשטע נעאַפּאָל, וואָס איז געווען פער׳סמ׳ט דורכ׳ן גיפטיגען
סם פון דעם שפּאַנישען קלעריקאַליזם. די איינע זיינען אַוועק קיין טערקיי,
אַנדערע אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען פון איטאַליען און קיין פערארא, וואו
די הערצאָגען ד׳עסטע האָבען בעשיצט די עמיגראַנטען. קיין פערארא האָט זיך
אויך אַריבערגעקליבען שמואל אברבנאל מיט זיין פאַמיליע, הגם איהם אַלס אויס-
נאַהם האָט מען ערלויבט צו וואוינען אין נעאַפּאָל: ער האָט ניט געוואָלט אָנ-
נעמען דעם חסד פון די אונטערדריקער פון זיין פאָלק.

האָפנונגען אויפ׳ן קץ; ראובני און מולכו.

§ 9. נאָכ׳ן סוף פון XV יאָהרהונדערט, בשעת די יסורים פון גלות האָבען
דערגרייכט צום העכסטען פונקט, בשעת עס איז איבערפולט געוואָרען די מאָס
פון געדולד פונ׳ם פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיעל זיך אָנגעליטען, — האָט אויפגע-
בליהט די משיח׳ישע אידייע, ווי אַן „אויפוועקונגס-מיטעל״, ווי אַ רעאַקציע קעגען
דעם פאַלען פונ׳ם פאָלקס-ענערגיע. עס האָט זיך געוואָלט אַ שליידער טאָן דער
פיינדליכער קריסטליכער וועלט אין פנים אַריין דאָס צאָרנדיגע וואָרט: „ניט
לאַנג מעהר וועט איהר אונז פייניגען, אין גיכען וועלען מיר ווערען אויסגע-
לייזט פון דער ביטערער נויטוועדיגקייט צו דאַרפען בעטען ביי אייך אייער
הכנסת-אורחים און אייער סבלנות, ווארום מיר וועלען ווערען אויפגעריכט אויף
אונזער אייגענעם לאַנד, ווי אַ שטאָלצע אומאָבהייניגיגע נאַציע!״ עס האָט זיך
געוואָלט זאָגען די אויסגעמאַטערטע, פערוואָגעלטע ברידער: „זייט ניט אַראָבגע-
פאַלען ביי זיך! אין גיכען וועט פאַלען דער פערהאַסטער טויזענדיאָהריגער יאָך,
אין גיכען וועלען מקוים ווערען די נבואות פון אונזערע נביאים וועגען אונזער
נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. די אונערטרעגליכע יסורים, וואָס מיר לעבען איצט
איבער, — דאָס זיינען די „חבלי משיח״ (די געבורטס-וועהען פאַר משיח׳ן). ער
איז נאָהענט, אונזער גואל, אונזער משיח, וואָס מיר וואַרטען אויף איהם אַזוי
לאַנג!״ די גראַנדיעזע אידייע, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דער ברענענדיגער
בענקשאַפט פון אַ גאַנצען פאָלק, האָט געפונען איהרע פערשפּרייטער און טוער,
איהרע קעמפער און קרבנות, און אַפילו איהרע אַוואַנטיוריסטען.

נאָך ר׳ יצחק אברבנאל האָט צום סוף פון זיין לעבען, וואָס איז געווען

פול מיט צרות און וואָגלונגען, געפּרובט צו פערפּעסטיגען און פערברייטערן די משיח-אידייען און מאַכען זי פאַר׳ן מיטעלפּונקט פון דער יהדות. ער האָט פערוואָרפען די מיינונג פון עטליכע דיינקער (אַ שטייגער ווי ר׳ יוסף אלבו) וועגען דעם, אַז דער גלויבען אין משיח׳ן פערנעמט ניט קיין הויפּט-אָרט צווישען די אידישע עיקרי-הדת. אברבנל האָט אָנגעשריבען דריי חיבורים, וואו ער האָט געגנוי בעאַרבייט די דאָגמע וועגען משיח׳ן („משמיע ישועות", „מעיני ישועה" און „ישועת משיח"), וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אין די יאָהרען 1496 — 1498). אויפ׳ן סמך פון פערשיידענע נבואות, גימטריאות פון פסוקים אין ספר „דניאל" און רמזים אין תלמוד און מדרש האָט ער אַפילו געפּרובט צו בעשטימען די צייט, ווען משיח וועט קומען. דאָס פאַלען פון „רוים" און די אויסלייזונג פון דער כנסת ישראל האָט לויט דעם דאָזיגען מיסטישען חשבון געדאַרפט פאָרקומען צווישען די יאָהרען 1503 און 1532. אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען האָט דער גרויסער זקן זיך געטרייסט מיט׳ן געדאַנק, אַז עס איז נאָהענט די צייט, ווען דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעליטען, וועט אויסגעלייזט ווערען.

אברבנל האָט זייהר גיך דערלעבט דעם אָנהויב פון דער משיחישער בעוועגונג, וואָס האָט אָבער קוים געקאָנט איהם בעפרידיגען. אין יאָהר 1502 האָט זיך בעוויזען אין איסטריען, אויפ׳ן גרעניץ צווישען איטאַליען און עסטרייך, אַ מענש, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבען פאַר אַ נביא, וואָס זאָגט אָן וועגען קומען פון משיח. אַן אומבעוואוסטער דייטשער אויסוואַנדערער אשר לעמלין האָט גע׳דרש׳עט וועגען דעם, אַז דער גואל וועט קומען אין גיכען. אויב די אידען וועלען פאַסטען און טון תפילה — האָט ער געזאָגט — זיך מתודה זיין און טון תשובה אויף זייערע זינד, דעמאָלט וועט דער מלך המשיח קומען אין זעקס חדשים אַרום; דעמאָלט וועלען געשעהן נסים, ווי ביי יציאת מצרים, אַלע קריסטליכע קירכען וועלען איינפאַלען און דאָס גע׳רודפ׳טע פאָלק וועט אַרויסגייהן פון די לענדער פון זיינע אונטערדריקער קיין ארץ-ישראל. אַ סך אידען פון איטאַליען און דייטשלאַנד האָבען זיך געלאָזט איבעררייידען דורך לעמלינ׳ס דרשות, זיי האָבען געפאַסט, געטאָן תפילה, זיך מתודה געווען און געטיילט צדקה אָרימע לייט. איין רב אין וועסטפאַלען האָט געהייסען צעשטערען אַן אויווען, וואָס איז געווען בעשטימט ספּעציעל אויף באַקען מצות, וואָרום ער איז געווען בעזיכערט, אַז דעם קומענדיגען פסח וועט שוין אויסקומען צו האַלטען אין ארץ-ישראל. אפילו קריסטען האָבען ערטערווייז געגלויבט, אַז די אויסלייזונג פון אידען איז נאָהענט. אַז עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ האַלב-יאָהר, און די האָפענונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען, האָבען נאָך אַ סך ווייטער געגלויבט, אַז „אונזערע עבירות האָבען פערהאַלטען משיח׳ן" און אַז די תשובה איז ניט געווען קיין פולקומענע; ס׳זיינען אָבער געווען אויך אייניגע, וואָס האָבען זיך גע׳שמד׳ט נאָכדעם.

די משיחישע בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען אויפ׳סניי נאָך מיט מעהר שטאַרקייט און ביי מעהר דראַמאַטישע אומשטאַנדען אין צוויי-און-צוואַנציג יאָהר

יאָהר אַרום. אין פעברואַר פון יאָהר 1524 איז אין האַפען פון ווענעדיג אַראָב אויפ'ן ברעג אַ רעטעניש־פולער רייזענדער. ער האָט זיך אָנגערופען דוד און געזאָגט, אַז ער קומט אַרויס פונ'ם שבט ראובן (דערפון נעמט זיך זיין צונאָמען ראובני), און האָט דערציילט, אַז ער איז אַ געבירטיגער פון דער געגענד חייבאַר אין אַראַביען, וואו עס איז פאַראַן אַ אידיש קיניגרייך, אין וועלכער ס'וואוינען די אידישע שבטים ראובן, גד און מנשה; און זיין ברודער קיניגט איבער די דאָזיגע פרייע אידען, און אַז איהם, ראובנ'ען, האָט זיין ברודער געשיקט קיין אייראָפּע מיט אַ וויכטיגער פּאָליטישער שליחות. זיין מיסיע האָט דוד געהאַלטען בסודי־סודות (איבער די מזרח־לענדער האָט ער געררייזט אונטער אַ פרעמדען נאָמען, פערשטעלט פאַר אַ מוסולמאַנישען דערווישׁ), נאָר פון פערשיידענע אָנצוהערענישען האָט מען געקאָנט פערשטייהן, אַז ער איז געשיקט צו די אייראָפּייאישע מאָנאַרכען און קודם־כל צום רוימישען פויפּסט מיט דער שתדלנות, זיי זאָלען שיקען כלי־זין צו די קריגערישע אַראַבישע אידען, וואָס קלייבען זיך גייהן מלחמה האַלטען קעגען די טערקען, בכדי זיי צו פערטרייבען פונ'ם ים־סוף און אָבנעמען ביי זיי ארץ־ישראל.

אין ווענעדיג איז דער סודות־פולער רייזענדער געבליבען צוערשט אין וואוינונג פון שיפס־קאַפּיטאַן, מיט וועמען ער איז געקומען צו פאָהרען, און דערנאָך איז ער אַוועק אין דער אידישער געטאָ און האָט דערציילט די פאַרשטייהער פון דער קהילה וועגען זיין שליחות אין זייהר אומבעשטימטע אויסדרוקען און אויף אַ העברייאישער שפּראַך, וואָס איז געווען ווינציג פערשטענדליך; דערביי האָט ער מוסיף געווען, אַז מעהר קאָן ער ניט אויסזאָגען, איידער ער וועט האָבען אַן אוידיענץ אין רוים ביים פויפּסט.

אַלעמען האָט פעראינטערעסירט די דאָזינע אויסטערלישע פערזענליכקייט, וואָס איז געקומען פון יענעם לעגענדאַרישען קיניגרייך, וואָס דאָס פאָלק האָט שטענדיג געגלויבט אין זיין עקזיסטענץ (III, § 69). אַ קליינוואוקסיגער, מאָגער און שוואַרץ אין פנים, האָט דאָך דוד ראובני זיך געהאַלטען שטאָלץ ווי אַ קיניג; פערשטאַנד און ענערגיע האָבען געלויכטען אין זיינע אויגען; אַ נשמה פון אַ פּאָליטיקער האָט געלעבט אינ'ם דאָזיגען גוף פון אַן אַסקעט, וואָס פלעגט אָפטמאָלס פאַסטען תעניתים און מתפלל זיין בכוונה. נאָר וויפיעל מען האָט זיך ניט צוגעקוקט צום דאָזיגען מענשען, איז שווער געווען צו זאָגען, צי איז ער אַ געניטער אַוואַנטיוריסט אָדער אַ מאָדנער פאַנטאַזיאָר.

אין גיכען איז דוד ראובני אַריינגעפאָהרען אין רוים פייערליך, ווי אַ געזאַנדטער פון אַ פרעמדער מלוכה, רייטענדיג אויף אַ ווייסען פערד און בעלייט פון אַ דיענער און פון אַ טאָלמעטשער. ער איז געוואָרען אויפגענומען אין פויפּסטליכען פּאַלאַץ צוערשט פון די קאַרדינאַלען, און דערנאָך פונ'ם פויפּסט קלימענט VII גופא. דער דאָזיגער פויפּסט, וואָס איז געווען דער לעצטער פאָרשטייהער פונ'ם איטאַליענישען רענעסאַנס אויפ'ן טראָן פונ'ם הייליגען פעטרוס, האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַן אומרוהיגע צייט: די לוטעראַנישע רעפאָרמאַציע פון איין זייט און דעם דייטשען קייזערס קאַרל V־טענס רויב־פּאָליטיק אין איטאַליע־

פון דער אַנדערער — האָבען געהאַלטען דעם פויפּסט צווישען צוויי פייער'ן פּאָליטיש דערנידעריגט, זיטליך נידערגעשלאָגען, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַלצדינג, וואָס וואָלט געקאָנט אויפריכטען זיין געפאַלענעם פּרעסטיזש. קלימענט VII האָט צוערשט צוגענומען פון'ם געזאַנדטען פון'ם אידישען קעניג אין חייבאַר זיינע קרעדיטיוו בריעף — דאָס זיינען, משמעות, געוועזען בעשטעטיגונגען פון פּאָרטוגעזישע שיפס-קאַפּיטאַנען און קאָנסולען אין די מזרח-לענדער וועגען דעם, אַז עס איז טאַקע פאַרהאַן אַ קריגערישער אידישער שבט אין אַראַביען — און האָט זיי אָבגעשיקט קיין פּאָרטוגאַל, בכדי מען זאָל דאָרט בעשטעטיגען, אויב זיי זיינען ריכטיג. אַז די פּאָרטוגעזישע רעגירונג האָט בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון די דאָזיגע דאָקומענטען, האָט דער פויפּסט צוגענומען דוד ראובני'ן אין אַ פייערליכער אודיענץ און אויסגעהערט איהם מיט אויפמערקזאַמקייט.

וואָס האָט אינטערעסירט דעם רוימישען אויבער-גלח אין'ם פּראָיעקט פון'ם אידישען אַגיטאַטאָר? צי איז דאָס געווען די האָפענונג זיך קונה-שם צו זיין דורכדעם וואָס ער וועט צוגרייטען אַ נייעם קרייץ-צוג קעגען טערקיי, דעם שונא פון'ם קריסטענטום, און בעפרייען קריסטוס'עס קבר אין ירושלים מיט דער הילף פון די קריגערישע אידען פון אַראַביען, אָדער וואָסער-עס-איז אַנדערע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס? נאָר ס'ווייזט אויס, אַז ראובני'ס פּאָרשלאָג האָט בעגעגענט מיטגעפיהל, און דער חייבאַרער געזאַנדטער איז מיט גענאָד אָבגעשיקט געוואָרען קיין פּאָרטוגאַל.

פאַר זיין אָבפאָהרען האָבען די רוימישע אידען געפּרובט זיך דערנעהענטערן צו איהם; די פאָרשטייהערין פון דער אַריסטאָקראַטיע בענווענידאַ אברבנל האָט איהם צוגעשיקט אַ בעדייטענדע סומע געלד און אַ זיידענעם פלאַג מיט אויסגענייהטע עשרת הדברות; נאָר ער האָט אויסגעמיידט אָפענע שמועסען מיט זיינע פאָלקס-ברידער, און דורכדעם האָט ער נאָך מעהר אויפגעוועקט דעם פאָלקס-נייגעריגקייט.

אין האַרבסט פון יאָהר 1525 איז ראובני אָנגעקומען און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר'ן קעניג יואַן III. די פּערספּעקטיוו צו האָבען בעציהונגען מיט'ן קריגערישען אַראַבישען שבט, בכדי צו האַלטען מלחמה אינאיינעם קעגען טערקיי, איז משמעות געפעלען געווען אויך דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל, און ער האָט צוגעזאָגט צו געבען צוליעב דעם צוועק שיפען מיט מאַטראָסען און שיס-געוועהר. וואַרטענדיג דערויף, האָט ראובני געלעבט אַלס געזאַנדטער פון אַ אידישען קעניגרייך אין אַ לאַנד, וואָס האָט אָהן רחמנות פערטריבען די אידען און האָט ניט אויפגעהערט צו שטיקען די מאַראַנען, וואָס זיינען דאָרט פערבליבען.

אין יענער צייט האָט „די מאַראַנען-פראַגע" אויפגערודערט די גייסטער אין פּאָרטוגאַל. די גייסטליכקייט האָט אָנגערייצט דאָס פאָלק אויף די מאַראַנען, וואָס האָבען פערבאָרגענערהייד געהאַלטען אידישקייט, האָט השגחה געגעבען אויף זייער אויפפיהרונג דורך שפּיאָנעס און געברענט אויף שייטערהויפענס יענע, וואָס מען האָט זיי געפונען פאַר שולדיג אין „אָבפאַלען". און היות ווי

די קלעריקאַלען האָבען געוואָלט מאַכען אָרדענונג אין דעם ענין, האָבען זיי געפאָדערט פון קיניג, ער זאָל גרינדען אַן אינקוויזיציע קעגען די מאַראַנען לויט'ן מוסטער פון דער שפּאַנישער. דער קיניג איז שוין געווען גרייט צו גרינדען דעם „הייליגען טריבונאַל" מיט'ן פּויפּסט'ס הסכם; גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען דוד ראובני. די אונטערהאַנדלונגען מיט'ן אידישען געזאַנדטען האָבען געצוואונגען דעם קיניג אויף אַ געוויסער צייט זיך אָפּצוזאָגען פון'ם געדאַנק צו אויסראָטען די באַהאַלטענע אידען.

צווישען די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען האָט דוד ראובני'ס קומען און די קלאַנגען וועגען זיין מיסיע אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג. אויסגעמאַטערט דורך די רדיפות, נאָר ניט אויפהערענדיג צו חלומ'ען וועגען דער גאולה אויף אַ פּאָליטישען אָדער מיסטישען וועג, האָבען זיי איצט דערזעהן זייער גואל אין'ם דאָזיגען רעטענישפולען געזאַנדטען פון מזרח. ראובני'ס אודיענציעס ביים פּויפּסט און ביים קיניג פון פּאָרטוגאַל האָבען שטאַרקער געמאַכט זייערע האָפענונגען, אויב ניט אויף דער אויפלעבונג פון ארץ-ישראל, איז לכל-הפחות אויף דער פערגרינגערונג פון דעם מצב אין גלות. אַ סך מאַראַנען אין ליסאַבאָן און אַנדערע ערטער זיינען געקומען צו ראובני'ן, האָבען איהם געקושט די הענד און אָפּגעגעבען איהם כבוד, ווי אַ קיניג. נאָר ער איז געווען זייער פאָרזיכטיג אין זיינע באַציהונגען מיט זיי, ווייל ער האָט מורא געהאַט, עס זאָל אויף איהם ניט פאַלען קיין חשד, אַז ער פיהרט אַראָפּ פון וועג די „ניי-קריסטען", און דורכדעם וואָלט ער קאַליע געמאַכט זיין מערכה ביים הויף. ראובני'ס איינגעהאַלטענקייט און ניטצוגעלאָזטקייט האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט דעם אינטערעס צו זיין מיסיע, און דאָס האָט אַרומגערינגעלט זיין נאָמען מיט אַזאַ גלאַנץ, וואָס ער האָט עס גאָרניט פערדיענט. די משיחישע באַוועגונג איז געוואַקסען. זי האָט אַרויסגערוקט פון צווישען די אויפגערעגטע מאַראַנען אַ באַגייסטערטען יונגלינג, וואָס אין איהם האָט זיך פעראייניגט דער נביאישער ברען פון אַ מיסטיקער מיט די שטרעבונגען פון אַ נאַציאָנאַלען קעמפער, און ער איז אַזוי ווי באַרופען געווען צוצוגעבען דער גאַנצער באַוועגונג אַ פערענדיגטען משיחישען כאַראַקטער.

אַ געבילדעטער מאַראַן ד'ע ג אָ פ י ר ע ס (געבאָרען אַן ערך אין יאָהר 1500), וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַ סעקרעטאַר אין איינער פון די רעגירונגס-אַנשטאַלטען אין ליסאַבאָן, און איז געווען נאָהענט צום קיניגליכען הויף, האָט מיט אַ מאָל דערפיהלט אַן איבערקערעניש אין זיין לעבען, זינט ראובני איז געקומען צופאָהרען. אַלס פייערדיגער בעל-חלומות און מיסטיקער, האָט פירעס פאָראויסגעפיהלט, אַז ס'קומען אָן גרויסע געשעהענישען, האָט געגאַרט אויפצוטון גבורות, און אין זיינע חלומות ביי-נאַכט האָט ער זיך געזעהן ביי דער זייט פון'ם רעטענישפולען מזרח'דיגען געזאַנדטען אין'ם צענטער פון'ם קומענדיגען באַפרייאונגס-קאַמף. ער איז געשווינד אַוועק צו דוד ראובני און האָט איהם דערציילט זיינע באַגייסטערטע „זעהונגען"; יענער האָט געפּרובט אָפּצוקיהלען דעם ברען פון'ם יונגען מאַן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען. דער

בעגייסטערטער מאַראַן האָט זיך געאײַלט אַריינצוגייהן „בבריתו של אברהם אבינו" און האָט אַליין בעהאַלטענערהייד זיך מל געווען; ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין קריסטליכען נאָמען און האָט אָנגענומען דעם נאָמען שלמה מולכו. ער איז געוואָרען אויסגעמאַטערט פונ'ם בלוט-אָנווערער ביי דער מילה און שטאַרק אויפגערעגט, און אין אַזאַ צושטאַנד איז ער ווידער אַמאָל געקומען צו ראובני און האָט איהם דערציילט וועגען דעם, אַז ער איז געוואָרען אַ איד; נאָר יענער האָט נאָר אויסגערעדט מולכו'ן פאַר זיין אומפאָרזיכטיגקייט, וואָס קאָן פטר'ן דעם גאַנצען ענין, און האָט איהם געגעבען אַן עצה צו אַנטלויפען קיין טערקיי. מולכו האָט אָנגענומען די דאָזיגע עצה פונ'ם קלוגען פּאָליטיקער אַלס אַ בעפעהל פון הימעל. עקזאַלטירט, איבערפולט מיט חלומות און „וואונדערפולע זעהונגען", איז ער אַוועק אין די מזרח-לענדער.

אין די יאָהרען 1527 — 1528 האָט מולכו אַרומגערייזט איבער דער אייראָפּייאישער טערקיי. אין סאַלאָניק האָט ער זיך דערנעהענטערט צום מקובל און אַסקעט ר' יוסף טייטאַצאַק (§ 7), און יענער האָט מיט איהם געלערנט די טיעפע סודות פון דער קבלה. אין אַדריאַנאָפּאָל האָט ער זיך בעקענט, ווי איינִיגע היסטאָריקער זיינען משער, מיט ר' יוסף קרא, דעם צוקינפטיגען מחבר פונ'ם „שלחן ערוך".

אין גיכען איז מולכו אַוועק קיין ארץ־ישראל און האָט זיך אויפגעהאַלטען אַ געוויסע צייט אין צפת צווישען די דאָזיגע מיסטיקער. דאָרט האָט ער אָנגעשריבען אַ רייה דרשות וועגען משיח'ס קומען, וואָס זיינע גוטע פריינד האָבען דאָס אָבגעדרוקט אין סאַלאָניק אין יאָהר 1529 אונטערן נאָמען „ספר המפואר".

אַ סך זיינען געווען נתפעל איבער זיין פערשטייהן די טיעפע אמת'ען פון דער קבלה און איבער זיינע בעגייסטערטע רעדעס. אַז משיח'ס צייטען זיינען נאָהענט. מיסטיש געשטימטע גייסטער האָבען אײַנגעזעהן אין עטליכע געשעהענישען פון יענער צייט יענע מופתים, וואָס האָבען לויט די צווייידייטיגע רמזים פונ'ם „זוהר" בעדאַרפט אָנזאָגען, אַז די גאולה איז נאָהענט. מען האָט אָנגעוויזען דערויף, וואָס רוים, די הויפטשטאָדט פון „אדום", איז אײַנגענומען געוואָרען און צערויבט דורך קאַרל V-טענס דייטש-שפּאַנישע אַרמיי אום שבועות (6 מאַי 1527), און דערביי האָבען די לוטעראַנישע סאָלדאַטען געמאַכט שפּאָט איבער די קאַטוילישע גלחים און קירכען. אַזעלכע ערשיינונגען האָט מולכו דער בעל-חלומות בעטראַכט אַלס דעם אָנהויב פון דער אַלוועלטליכער מהומה, פונ'ם „קץ הימים". ער איז געשווינד אַוועק קיין איטאַליען, בכדי דאָרט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער קומענדיגער איבערקעהרעניש און אַזוי אַרום ממלא צו זיין זיין בערוף.

צום סוף פון יאָהר 1529 איז מולכו אָנגעקומען אין אַנקאָנאַ, וואו די קאַטוילישע גייסטליכקייט האָט בעזונדערס שטריינג השגחה געגעבען אויף די אַנטלאָפענע פּאָרטוגעזישע מאַראַנען. מיט מיה איז ער דאָ ניצול געוואָרען פון אַרעסט און איז אַוועק דורך פּעזאַראָ קיין רוים. דאָרט האָט זיין התלהבות

דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה. אַז ער האָט דערזעהן די „פערשאָלטענע שטאָדט" — דערציילט ער — האָבען זיך ביי איהם געעפענט די „שערי דמעות" און ער האָט אויסגעגאָסען זיין האַרץ אין אַ פייערדיגער תפילה וועגען דעם, אַז די גאַציע, וואָס האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעליטען, זאָל אויסגעלייזט ווערען און ירושלים זאָל אויפגעבויט ווערען. בשעת דער תפילה האָט ער געהערט אַ בת-קול: „און שעיר (די קריסטליכע וועלט) וועט זיין די ירושה פון זיינע שונאים... ישראל וועט בעוויזען גבורה... מיינע איז די נקמה און איך וועל בע-צאָהלען"... (וְהָיָה יְרֵשָׁה שעיר איביו וישראל עשה חיל... לי נקם ואשלם).

נאָך אַ סך וואונדערפולע זעהונגען האָט געהאַט דער בעגייסטערטער מיס-טיקער. וואָס איז דורך תעניתים און ביט שלאָפען נעכט געקומען צו האַלוצינאַ-ציעס. וועגען די דאָזיגע זעהונגען האָט מולכו מודיע געווען זיינע גוטע פריינד אין סאַלאָניק. ער שרייבט זיי, למשל, אַזוי: „אין צוועלפטען חודש אדר פון יאָהר ה׳ ר״ץ (פעברואר אָדער מערץ פון יאָהר 1530), אַרום האַלבע נאַכט, איז אָנגעפאַלען אויף מיר אַ שלאָף. און אָט איז געקומיין צו מיר דער זקן, וואָס האָט זיך פריהער בעוויזען מיר אין אַ זעהונג. און ער האָט געזאָגט צו מיר: מיין זוהן, איך וועל דיר אַנטפּלעקען, וואָס עס וועט געשעהן מיט די פעלקער, וואָס דו לעבסט צווישען זיי, קום מיט מיר צו די חורבות פון ירושלים... און ער האָט מיך גענומען און אַוועקגעשטעלט מיך צווישען צוויי בערג אין הייליגען לאַנד, צווישען ציון און ירושלים און צווישען צפת און דמשק... און אַ מאַן אין ווייסע קליידער, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן באַרג, האָט מיר דערלאַנגט אַ ספר, וואו עס שטייהט פערשריבען די צוקונפט פון יענעם פאָלק (דעם רוי-מישען)"... ווייטער ווערט בעשריבען אַ לאַנגע זעהונג, וואו עס פיגורירען פויגלען פון פערשיידענע פאַרבען, און דאָרט ווערט אויך דערקלערט די סימבאָלישע בעדייטונג פון דער דאָזיגער זעהונג: רוים וועט ווערען צעשטערט דורך אַ פער-פליייצונג, און אין פּאָרטוגאַל וועט זיין אַן ערדציטערניש, — און דעמאָלט „וועט דער רוח הקדש אַראָבנידערן אויפ׳ן מלך המשיח און ער וועט ווערען אַ קיניג איבער׳ן גרויסען פאָלק" און אַז. וו. זיינע חלומות און נבואות וועגען משיח׳ן האָט מולכו אויך ענטוויקעלט אין דרשות, וואָס ער האָט אין משך פון עטליכע שבתים געזאָגט אין דער גרויסער שול אין רוים.

מען איז משער, אַז שוין אין יענער צייט האָט ער פערפיהרט בעציהונגען מיט די קאַרדינאַלען און מיט׳ן פּויבסט קלימענט. אָבער אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מען זוכט איהם אין רוים, בכדי איהם אַרויסצוגעבען דער אינקוויזיציע, איז ער צייטווייליג אָבגעפאָהרען קיין ווענעדיג.

דאָ האָט מולכו זיך ווידער בעגעגענט מיט דוד ראובני. דער לעצטער האָט שוין געהאַט אָנגעוואָהרען דעם צוטרוי פון דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג, וואָרום דאָרט האָט מען איהם חושד געווען, אַז ער האָט בעהאַלטענערהייד בעציהונגען מיט די מאַראַנען און אַז ער האָט „אַראָבגעפיהרט פון וועג" שלמה מולכו. האָט מען איהם אַרויסגעשיקט פון פּאָרטוגאַל, און אונטערוועגס איז ער שיער ניט געפאַלען פאַר אַ קרבן פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע; ער האָט

אַרומגעוואָגעלט אין די ר[illegible]טליכע פּראָווינצען פון דרום-פראַנקרייך (אַוויניאָן, קאַרפּענטראַס) און איז צולעצט געקומען צו פּאָהרען קיין ווענעדיג. דאָ האָט ער אָנגעהויבען צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן סענאַט פון דער רעפּובליק, ווי אַזוי צו פערווירקליכען זיין פּלאַן מכּה אַ מלחמה מיט טערקיי, וואָס ווענעדיג האָט זיך יעמאָלט געפונען מיט איהר אין פיינדליכע בעציהונגען. מיר ווייסען ניט, וואָס פאַראַ בעציהונגען זיינען געווען צווישען איהם און מולכו אין יענער צייט. ס'איז נאָר בעוואוסט, אַז די אויפגאַבע צו ווירקען אויפ'ן פּויפּסט האָט דאָס מאָל גענומען אויף זיך מולכו.

צום סוף פון יאָהר 1530, נאָך דער שרעקליכער איבערפלייצונג אין רוים, איז אַהין בסודי סודות געקומען צו פּאָהרען שלמה מולכו און איז תיכּף אויפגענומען געוואָרען ביים פּויפּסט קלימענט VII. וואָס ווייטער איז געשעהן, ווערט צו ביסלעכווייז אַלץ אומקלאָרער. מולכו פערזיכערט אין זיין בריעף, אַז דער פּויפּסט און די קאַרדינאַלען האָבען זיך בעוויזען צו איהם זייהר גוט און האָבען איהם אָפּגעגעבען כבוד, הגם ביים פּויפּסטליכען הויף האָבען זיך געלאָזט הערען שטימען, אַז דעם אָפּגעפאַלענעם מאַראַן בעדאַרף מען צושטעלען פאַר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע. צי האָט דער יונגער מיסטיקער בע'כישופ'ט דעם פּויפּסט, וואָס איז געווען דערנידעריגט און נידערשלאָגען פון זיינע צרות, דורך זיינע בעגייסטערטע רייד, אָדער דער אָנפיהרער פון דער קירך האָט געהאָפּט מיט דער צייט צו מאַכען פון איהם אַ געצייג פאַר אַנדערע צוועקען? קלימענט VII האָט אַזוי ווייט געזאָרגט וועגען מולכו'ן, אַז ער האָט איהם אַרויסגעגעבען אַ שוץ-בריעף אויף צו פערהיטען איהם פאַר די רדיפות פון דער אינקוויזיציע.

די אַגענטען פון דעם הייליגען טריבונאַל האָבען שטאַרק געזוכט דעם „אָפּטרייניגען", און זיי צו הילף איז אַפילו געקומען אַ געבילדעטער איד, דער ווענעדיגער דאָקטאָר יעקב מאַנטין. צי וויל ער האָט פּערזענליך פיינט געהאַט מולכו'ן, אָדער, גיכער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, עס זאָלען ניט אַרויסקומען קיין שלעכטע רעזולטאַטען פאַר אידען פון דער אַגיטאַציע, וואָס ס'האָבען געפיהרט דער מזרח'דיגער גרזאַנדטער און דער געוועזענער מאַראַן,— האָט מאַנטין בעשלאָסען צו בעזייטיגען די אַגיטאַטאָרען, זאָל זיך זיין וואָס ס'וועט זיין, און האָט צוליעב דעם אָנגעווענדט אַ מיאוס'ע מסירה. ער איז געקומען צום פּאָרטוגעזישען באָטשאַפטער אין רוים און האָט געזאָגט צו איהם: „פאַרוואָס זאָרגט איהר ניט וועגען כבוד פון אַייער קיניג? אָט דער דאָזיגער מענש, וואָס איז איצט אַ גאַנצער יוצא-ונכנס אינ'ם פּויפּסט'ס הויף (מולכו), איז דאָך אַ געוועזענער קנעכט פון אַייער קיניג, וואָס האָט אָנגענומען די אידישע אמונה". האָט דער באָטשאַפטער געענטפערט, אַז שפּאַניאַניש געהערט ניט צו זיינע התחייבות'ען. דעמאָלט האָט מאַנטין זיך געווענדט צו די מיטגלידער פונ'ם אינקוויזיציאָנס-טריבונאַל און האָט געשטעלט עדות אויף צו בעשטעטיגען זיין מסירה. האָט מען מולכו'ן גערופען פאַר'ן טריבונאַל, נאָר די ריכטער האָבען איהם גאָרנישט ניט געקאָנט טון, ווייל ער האָט זיי בעוויזען דעם שוץ-בריעף פונ'ם פּויפּסט. האָבען די אויפגעבראַכטע אינקוויזיטאָרען פאַרגעוואָרפען דעם

פּויפּסט, וואָס ער שיצט דעם „אַפּיקורס", נאָר יענער האָט זיי געבעטען דערווייל שווייגען. נאָר דער מסור האָט זיך ניט בערוהיגט: ער האָט בעוויזען די ריכטער מול כו׳סא בריעף קיין טערקיי, וואָס פון איהם קאָן מען זעהן, אַז דער מחבר בעציהט זיך פיינדליך צום קאַטוילציזם און ער זאָגט נבואה וועגען אונטערגאַנג פון „אדום".

ווייטער שיצען איהם איז שוין ניט מעגליך געווען: מען האָט מולכו׳ן פער׳משפט צו פערברענען, און אין עטליכע טעג אַרום האָט די רעגירונג בעשטעטיגט, אַז דער פּסק-דין איז אויסגעפיהרט געוואָרען. ווי גרויס אָבער איז געווען דער חידוש פון די אינקוויזיטאָרען, אַז זיי האָבען זיך אין גיכען דערוואוסט, אַז מולכו לעבט און אַז ער גייהט אַפילו אַריין צום פּויפּסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז קלימענט דער VII-טער, וואָס האָט געוואָלט איהם ראַטעווען, האָט געשיקט אָנשטאָט איהם אויפ׳ן שייטערהויפען אַן אַנדער מענשען, אַ פערמשפּט׳ען פערברעכער. נאָר מעהר האָט שוין מולכו ניט געקאָנט פערבלייבען אין רוים: ער איז אַוועקגעפאָהרען פון דאָרט קיין באָלאָניאַ און דערנאָך קיין דייטשלאַנד (1531).

אין גיכען האָבען מולכו און ראובני פער׳חידוש׳ט די וועלט דורך אַ נייעם דרייסטען אויפטו. זיי זיינען ביידע אַוועק קיין רעגענסבורג (ראַטיסבאָן), וואו עס האָט דעמאָלט אָבגעהאַלטען זיין זיצונג דער סיים פון די דייטשע פירשטען אין דער געגענוואַרט פונ׳ם קייזער. לויט ווי עס דערציילט דער בעוואוסטער אידישער שתדלן ר׳ יוזילמאַן פון ראָסהיים, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען צוליעב כלל-ענינים אין רעגענסבורג, האָט מולכו געהאַט בדעה צו איבערצייגען דעם קייזער, אַז „ער וויל רופען אַלע אידען גייהן מלחמה האַלטען מיט די טערקען". דער קלוגער און פאָרזיכטיגער ר׳ יוזילמאַן, וואָס האָט געוואוסט קאַרל דעם V-טענס כאַראַקטער, האָט געפרובט אין אַ בריעף אָבצורייידען מולכו׳ן פונ׳ם דאָזיגען געפעהרליכען פּלאַן. נאָר צי האָט געקאָנט דער בעגייסטערטער בעל-חלומות, דער העלד פון דער נאַציאָנאַלער בעפרייאונג — פאָלגען דער עצה פונ׳ם בעשיידענעם הויפישען שתדלן? וואָס פאַר אַ שמועס איז אַרויסגעקומען צווישען דעם קייזער מיט די ביידע אַגיטאַטאָרען — דאָס איז ניט בעוואוסט, נאָר דער סוף איז געווען זייהר אַ טרויעריגער. קאַרל דער V-טער האָט געהייסען אַרעסטירען מולכו׳ן און ראובני׳ן און אָבפיהרען זיי קיין איטאַליען, וואוהין ער גופא האָט געוואָלט דעמאָלט פאָהרען.

אין מאַנטואַ האָט מען מולכו׳ן פער׳משפּט צום טויט, ווי אַן אָבטריניגען פון קריסטענטום. בשעת מען האָט דעם פער׳משפּט׳ען שוין צוגעפיהרט צום שייטערהויפען, האָט מען איהם פאָרגעלייגט אין קייזערס נאָמען בעגנעדיגונג, אויב ער וועט זיך אומקעהרען צוריק צום קריסטענטום — נאָר מולכו האָט שטאָלץ געענטפערט: „איך האָב צער דערפון, וואָס אין מיינע יונגע יאָהרען האָב איך געהאַלטען אייער אמונה (קריסטענטום); איצטער טוט מיט מיר, וואָס איהר ווילט!" האָט מען שלמה מולכו׳ן פערברענט אויף אַ שייטערהויפען אין דער געגענוואַרט פונ׳ם אַן אומגעהייער גרויסען המון צושויער (אין יאָהר 1532).

דוד ראובני'ן האָט מען אָבגעפיהרט קיין שפּאַניען און דאָרט געהאַלטען אין תפיסה, וואו ער איז געשטאָרבען אין עטליכע יאָהר אַרום.

אין זכרון פון פאָלק איז געבליבען אַרומגערינגעלט מיט אַ ליכטיגען שיין ניט די פינסטערע געשטאַלט פון ראובני, נאָר די שטראַהלענדיגע פּאָעטישע געשטאַלט פון שלמה מולכו, וואָס האָט געלעבט ווי אַן אַפּאָסטאָל און איז געשטאָרבען ווי אַ קדוש. אין איטאַליען האָבען עטליכע נאָך געגלויבט, אַז מולכו איז אַרויס אומבעשעדיגט פון פייער; מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין צפת, וואו עס האָט אויף איהם געוואַרט זיין כלה. איין מקובל (ר' יוסף די ארלי) האָט גע'דרש'עט, אַז פאַר מולכו'ס טויט וועט ווערען גענומען נקמה, וואָרום אונטער די קלעפּ פון מאַרטין לוטער וועט איינפאַלען די קאַטוילישע קירך מיט איהר שענדליכער אינקווידיציע.

אזוי טראַגיש האָט זיך געענדיגט די אייגענאַרטיגע ציוניסטישע בעוועגונג פון XVI יאָהרהונדערט, די בעוועגונג, וואו משיחיש-מיסטישע עלעמענטען זיינען געווען אויסגעמישט מיט פּאָליטישע, פאַנטאַזיעס פון בעלי-חלומות מיט פּראָיעקטען פון „פּראַקטיקער". נאָכ'ן אויגענבליק פון ציטעריגער האָפענונג איז אָנגעקומען אַ לאַנגע צייט פון יאוש. אָנשטאָט דער געהויבענער שטימונג, וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך „אויפוועקענדע מיטלען", איז אָנגעקומען אַ נידערשלאָגענקייט פון די כחות. און דערווייל זייגען די יסודים פון גלות געוואָרען שאַרפער, ברענענדיגער...

„די קאַטוילישע רעאַקציע" און די אידען פון דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ.

§ 10. די איטאַליענישע אידען, וואָס האָבען ניט בעוויזען אָבצוקומען, ווי געהעריג, אין מיטעלאַלטער, האָבען געמוזט ממלא זיין דעם דאָזיגען חסרון אין זייער געשיכטע אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. „די קאַטוילישע רעאַקציע", וואָס איז געוואָרען אַרויסגערופען דורך די גיכע ערפאָלגען פון דער רעפאָרמאַציע, האָט פערשפּרייט איהרע שוואַרצע פליגלען איבער'ן לאַנד, וואָס איז נאָך געווען בעלויכטען דורכ'ן לעצטען שיין פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע און פונ'ם הומאַניזם. די רוימישע קירך, וואָס איז געוואָרען אָבגעשוואַכט דורך די קלעפּ פונ'ם לוטעראַניזם און קאַלוויניזם, האָט זיך גענומען פאַר די געוועהר, בכדי זיך צו בעשיצען. דער פּויפּסטום, וואָס האָט אָנגעוואָהרען די גייסטליכע אויבערהערשאַפט איבער אַ בעדייטענדען טייל פון אייראָפּע, האָט אָנגעשטריינגט אַלע זיינע כחות, בכדי אָבצוראַטעווען דעם איבעריגען טייל פון דער פערפּלייצונג פון דער רעפאָרמאַציע. ס'ווערט געגרינדעדט דער אָרדען יעזואיטען, וואָס זיינען די דאָמיניקאַנער פון דער נייער צייט און וואָס געפינען נאָך קינסטליכערע מיטלען אויף צו קעמפען קעגען דער פרייהייט פון געוויסען— בתנאי, אַז זיי גופא, די יעזואיטען, זאָלען זיין פריי פון וואָסער-עס-איז געוויסען— און וואָס נעמען אַריין אין זייערע הענד דעם מעכטיגסטען בעוועגער פון דער

קולטור: די ערציהונג פון דער יוגענד אין אַלע קאַטוילישע לענדער. דער ער־ביטערטער פּויפּסטום פירט איין אין זיינע איטאַליענישע פּראָווינצען די אינקוויזיציע אויף צו זוכען אפיקורסים, די אינקוויזיציע מיט איהרע עינויים, טורמעס, שייטערהויפענס און מיט אַלע איבעריגע מכשירים, וואָס זיינען מיט׳ן הסכם פון רוים שוין אָנגעווענדט געוואָרען אין שפּאַניען און אין אַנדערע לענדער. קעגען דעם גרעסטען בעזוגער פון דעם מענשליכען גייסט — דער בוך־דרוקעריי, ווערט אַרויסגעשטעלט די פּויפּסטליכע צענזור, די טייוולאָנישע געצייג אויף צו פער׳משפט׳ען ביכער, טויטען דעם געדאַנק און צעקאַליעטשען די גייסטיגע שאַפונג. עס ווערט צוגעגרייט דער באָדען פאַר דער באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט, פאַר די ברודערמערדערישע רעליגיאָנס־קריג. די קירכען־פערזאַמלונג אין טרידענט (1545 — 1563) בעשטעטיגט אַלע די דאָזיגע מיליטערישע הכנות פון דער קירך, — און אין גיכען האָבען אָנגעהויבען פיהלען די ווילדע בייזקייט פון איהרע שטרייטער נאָהענטע און ווייטע, אייגענע און פרעמדע, דער קריסט, וואָס דיינקט אַנדערש, ווי די קירך פערלאַנגט, און דער איד, וואָס איז פער׳עקשנ׳ט אין זיין „אומגלויבען".

קרבנות פון דער פּויפּסטליכער אינקוויזיציע זיינען פריהער פון אַלעמען געוואָרען די אידישע רעליגיעזע ספרים. די רוימישע אינקוויזיטאָרען און יעזו־איטען האָבען געווענדט זייער אויפמערקזאַמקייט אויפ׳ן תלמוד, וואָס איז דעמאָלט, אַדאַנק דער בוך־דרוקעריי, פערשפּרייט געוואָרען אין איטאַליען אין אַ גרויסער צאָהל עקזעמפּלאַרען. זינט דעם סוף פון XV יאָהרהונדערט זיינען אין פערשיי־דענע דרוקערייען פון איטאַליען אָבגעדרוקט געוואָרען אייגצעלנע מסכתות פון תלמוד, און אין די 1520־ער יאָהרען האָט דער בעוואוסטער דרוקער ד נ י א ל באָמבערג אין ווענעדיג פערעפענטליכט אַ גאַנצע אויסגאַבע פונ׳ם תלמוד בבלי מיט פירושים. די גיכע פערשפּרייטונג פונ׳ם ספר, וואָס האָט נאָך אין מיטעלאַלטער ניט געלאָזט רוהען די שפּיאָנעס פון דער קירך, האָט בעוואויגען די רוימישע צענזור אָנצונעמען רעפּרעסיוו־מיטלען. די פּאַרמאַלע בעווייזען קעגען תלמוד, וואָס זיינען נויטיג געווען צוליעב דעם, האָבען אין גיכען גע־בראַכט עטליכע גע׳שמד׳טע אידען, וואָס האָבען גע׳מסר׳ט, אַז אין תלמוד זיינען פאַרהאַן פיינדליכע מאמרים קעגען קריסטענטום; האָט מען דעם פּויפּסט יוליוס III פאָרגעלייגט אַ מאָטיווירטען פאָרשלאָג פון דער אינקוויזיציאָנס־קאָלעגיע וועגען פערטיליגען דעם דאָזיגען „שעדליכען" ספר. האָט דער פּויפּסט אונטערגעשריבען אַ דעקרעט אין דעם זין (1553). האָבען די דיענער פון דער אינקוויזיציע אום־געזאַמט געמאַכט אַן אונטערזוכונג אין די הייזער פון אידען אין רוים און אָב־גענומען אַלע עקזעמפּלאַרען פון תלמוד, וואָס זיי האָבען דאָרט געפונען. אום ראש־השנה זיינען טויזענדער קאָנפיסקירטע ספרים פערברענט געוואָרען אויף איינעם פון די שטאָדטישע פּלעצער. פּונקט אַזעלכע קאָנפיסקאַציעס און אויטאָ־דאַ־פע׳ס זיינען פאָרגעקומען אין באָלאָניא, פערארא, מאַנטוא, ווענעדיג און אַנדערע צענטרען פון דער אידישער בילדונג. די אויספיהרער פונ׳ם פּויפּסט׳ס דעקרעט האָבען דערביי ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישען די ספרים פון תלמוד און צווישען אַנדערע ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור, און גאַנצע

ביבליאָטעקען האָבען די וואַנדאַלען פון דער קירך אַריינגעוואָרפען אין פייער. האָבען די אידען זיך געבעטען ביים פויפּסט, ער זאָל מבטל זיין דעם דעקרעט, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפען; דער פויפּסט האָט מעהר ניט ערקלערט, אַז קאָנפיסקירען בעדאַרף מען נאָר די ספרים פון תלמוד, און ניט די איבעריגע רבנישע ווערק.

פון די אינקוויזיציאָנס-אָפּעראַציעס איבער ספרים איז מען אין גיכען אַריבער צו אָפּעראַציעס איבער מענשען. דעם דאָזיגען איבערגאַנג האָט געמאַכט דער קאַרדינאַל קאַראַפאַ, אַ מיטגליד פונ'ם אָרדען טעאַטינער און דער אָנפיהרער פון די אויסערסטע רעאַקציאָנערען, וואָס איז געוואָרען אויסגעקליבען פאַר אַ פויפּסט מיט'ן נאָמען פויליוס IV (1555 — 1559). אַ בלינדער, פערביסענער פאַנאַטיקער, וואָס האָט געהאַט אינאַקענטיוס III-טענס פאַנאַטיזם אָהן זיין פּאָליטישען טאַלענט, האָט פויליוס IV געבראַכט די קאַטוילישע רעאַקציע ביז צום טעראָר, וואָס האָט אָבגעשראָקען אַפילו כשר'ע קאַטויליקען.

באַלד ווי ער האָט איבערגענומען די ממשלה, האָט ער אַרויסגעגעבען צוויי בולעס קעגען אידען. אין איינער האָט ער בעפויהלען אויפצומאָהנען פון איטליכער שול אין דער פויפּסטליכער פּראָווינץ צו צעהן דוקאַטען לטובת אַ בית-מקלט פאַר די „קאַטעכומענאַי". ד. ה. אידען, וואָס גרייטען זיך אָנצונעהמען קריסטענטום, — אַ בעפעהל, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורכ'ן פערלאַנג צו בעליידיגען דעם רעליגיעזען געפיהל פון דער פערהאַסטער נאַציע. די צווייטע בולע האָט ענטהאַלטען אין זיך אַ סטאַטוט פאַר די אידען פון דער פויפּסטליכער פּראָווינץ אינ'ם גייסט פון די אַלטע בעשטימונגען פון די קירכען-פערזאַמלונגען (יולי 1555). די אידען האָבען געמוזט וואוינען אין איטליכער שטאָדט אין אַ בעזונדערן קוואַרטאַל, וואוהין עס פיהרט פון שטאָדט אַ טויער, וואָס ווערט ביי-נאַכט פערשלאָסען; דאָ האָט מען זיי ערלויבט צו האָבען ניט מעהר ווי איין שול. זיי האָבען געמוזט טראָגען אַ בעזונדערע קאָפּ-בעדעקונג: די מאַנסבילען — אַ געלע היטעל, און די פרויען — אַ געלען שלייער, בכדי זיי אָבצושיידען פון קריסטען. קריסטען איז געוואָרען פערבאָטען צו וואוינען ביי אידען אַלס דיענער, דיענסטען און אַמען, זיצען מיט זיי אינאיינעם אויף אַ סעודה אָדער זיך משמח זיין אינאיינעם מיט זיי, זיך לאָזען היילען ביי די אידישע דאָקטוירים, אַפילו אָנרופען אַ אידען „האַר". די איינוואוינער פון געטאָ איז ערלויבט געוואָרען צו פיהרען אַ קליינעם האַנדעל, דער עיקר מיט אַלטע קליידער, אָדער פערנעמען זיך מיט אַנטלייהען געלד אויף קליינע פּראָצענטען (ניט מעהר 12 %); זיי איז פערבאָטען געוואָרען צו קויפען נחלאות, און די הייזער און די ערד, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט, זיינען זיי מחויב געווען צו פערקויפען אין משך פון זעקס חדשים צייט.

די דאָזיגע אַכזריות'דיגע געזעצען האָבען געבראַכט אידען צו דער אויסערסטער מדרגה פון דערנידעריגונג און מאַטעריעלער פעראָרימונג. אין רוים האָבען סך אידען פערקויפט זייערע הייזער און האָבען זיך אַרויסגעקליבען פון דער

פּויפּסטליכער פּראָווינץ; אַנדערע האָבען געמאַכט לפנים'דיגע מכירות און האָבען געהאַט אָבצוקומען דערפאַר אַרעסט.

און ביי פּױלוס IV האָט זיך אַלץ „מעהר פונאַנדערגעלאָזט די תאוה נאָך רדיפות. אין זיין ווילדער רשעות האָט ער איין מאָל געהייסען שטילערהייד זיין פּלימעניק — ער זאָל ביי נאַכט אונטערצינדען די הייזער פון אידען אין רוים; צום גליק, האָט דער קאַרדינאַל פאַרנעזע פערהאַלטען די אויספיהרונג פון'ם משוגע'נעם בעפעהל, און אויפ'ן אַנדערן טאָג האָט דער פּויפּסט זיך בעטראַכט און האָט מבטל געווען זיין בעפעהל.

פּױלוס IV-טענס אינקוויזיטאָרישער ברען האָט זיך געפונען אַן אויסגאַנג אין רעפּרעסיעס קעגען די מאַראַנען. די שטאָדט אַנקאָנאַ אין דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ איז זינט דעם אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט געווען די הויפּט-בע-העלטעניש פאַר די מאַראַנען, וואָס האָבען עמיגרירט פון פּאָרטוגאַל, בכדי צו האָבען די מעגליכקייט צו האַלטען די אידישע רעליגיע, — און די פריהערדיגע פּויפּסטען האָבען זיך ניט געמאַכט וויסענדיג דערפון, וואָס די דאָזיגע געצוואונ-גענע קריסטען ווערען צוריק אידען. נאָר פּױלוס IV האָט בעשלאָסען, אַז דער רוימישער אויבער-גלח בעדאַרף ניט מעהר שוינען די „אפּיקורסים", איידער די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיטאָרען, וואָס האָבען געאַרבייט מיט זיין הסכמה. ער האָט בעפויהלען צו אַרעסטירען אַלע אַנקאָנער מאַראַנען, סך-הכל עטליכע הונדערט מאַן, און זיי שטעלען פאַר אַן אינקוויזיציאָנס-געריכט.

אַ סך מאַראַנען, וואָס זיינען געוואָהר געוואָרען וועגען דעם דאָזיגען גע-היימען בעפעהל, האָבען בעוויזען צו אַנטלויפען פון אַנקאָנאַ קיין פעזאַראָ, פערראַראַ און אַנדערע ערטער (צווישען די, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען קיין פעזאַראָ, איז געווען דער בעוואוסטער געלערנטער, דער דאָקטאָר אַמאַטוס לוזיטאַנוס). די איבעריגע, אַן ערך הונדערט מאַן, האָט מען געכאַפּט און אַריינ-געוואָרפען אין די תפיסות פון דער אינקוויזיציע.

דעם פּויפּסט'ס רעליגיעזע התמדה האָט לכתחילה בעגעגענט מניעות. צווישען די אַרעסטירטע מאַראַנען האָבען זיך געפונען עטליכע טערקישע אונטערטאַנען, וואָס זיינען געקומען צופאָהרען צוליעב זייערע האַנדעלס-עסקים קיין אַנקאָנאַ. בשעת מען האָט זיך דערוואוסט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגען זייער אַרעסט, האָט דער מיניסטער יוסף נשיא און זיין שוויגער גראַציאַ מענדעס, וואָס זיינען אַליין געווען מאַראַנען, געבעטען דעם סולטאַן סולײמאַן, ער זאָל זיך איינשטעלען פאַר די אַרעסטירטע. האָט דער סולטאַן אַוועקגעשיקט צום פּויפּסט אַ פּראָטעסט קעגען דער אומגעזעצליכען אַרעסט פון די מאַראַנען, וואָס זיינען טערקישע אונטערטאַנען, ווייל דאָס ברייננט שאָדען די האַנדעלס-אינטע-רעסען פון טערקיי, און האָט געפאָדערט, מען זאָל אומגעזאַמט אַרויסלאָזען פריי די אַרעסטירטע, אויב ניט האָט ער געשראָקען אָנצונעהמען רעפּרעסיוו-מיטלען קעגען די קאַטוילִיקען, וואָס וואוינען אין טערקיי. איז דער פּויפּסט געווען גע-צוואונגען נאָכצוגעבען דער ענטשלאָסענער פאָדערונג פון'ם מאָנאַרך, וואָס פאַר

איהם האָט דעמאָלט געציטערט אייראָפּע, און האָט אָבגעלאָזט די טערקישע מאַראַנען.

נאָך דערפאַר איז ער נאָך מיט אַ גרעסערן גרימצאָרן אָנגעפאַלען אויף יענע תּפוסים, וואָס האָבען ניט געהאַט, ווער עס זאָל זיך פאַר זיי איינשטעלען. ביי דער אויספאָרשונג איז אויפגעוויזען געוואָרען, אַז זיי זיינען אָבגעפאַלען פונ׳ם קריסטענטום, וואָס מען האָט זיי געהאַט אויפגעצוואונגען, און דער אינקוויזיציאָנס-געריכט האָט זיי פער׳משפּט צום פערברענען. מען האָט זיי פּאָרגעלייגט: זיי זאָלען תּשובה טון און זיך אומקערען צוריק צו דער קירך, בכדי זיך צו ראַטעווען פון שייטערהויפען. אַן ערך 60 מאַן (לויט אַן אַנדער כראָניק — 38) האָבען מסכּים געווען אויפס׳ניי אָנצוטון די מאַסקע פון קריסטענטום; מען האָט זיי פערשיקט אויף גאַלערען-שיפען, אויף וועלכע מען פיהרט פערברעכער, אויפ׳ן אינזעל מאַלטאַ, בכדי צו האַלטען זיי דאָרט אונטער אַ שטרייגער השגחה; נאָר אונטערוועגס האָט זיך זיי איינגעגעבען צו אַנטלויפען קיין טערקיי. די איבעריגע 24 מאַראַנען, וואָס האָבען זיך געמאַטערט אין די אַנקאָנער תּפיסות (צווישען זיי זיינען געווען בכבוד׳ע זקנים און איין פּרוי), האָבען פערוואָרפען דעם פאָרשלאָג פון די אינקוויזיטאָרען און האָבען בעשלאָסען צו שטאַרבען פאַר׳ן גלויבען. ביי זיי איז אויך דער מוט ניט געפאַלען ביים אָנבליק פון ברענעדיגען שייטערהויפען; זיי זיינען אומגעקומען אין פייער, רופענדיג מיט בעגייסטערונג: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו ה׳ אחד!‟ (סיון — מאַי 1556).

די בשורה וועגען טויט פון די אַנקאָנער קדושים האָט דערוועקט אומעטום צווישען אידען צער און צאָרן. אַ גרופּע מאַראַנען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון אַנקאָנאַ קיין פּעזאַראָ, האָבען בעשלאָסען צו ערקלערען דעם פויפּסט אַ האַנדעלס-קריג. די פויפּסטליכע שטאָדט אַנקאָנאַ און די הערצאָגליכע פּעזאַראָ, צוויי נאָהענטע האַפען-שטעדט ביים אַדריאַטישען ים, האָבען קאָנקורירט צווישען זיך וועגען דעם האַנדעל מיט׳ן לעוואַנט, ד. ה. דעם טערקישען ברעג-לאַנד פון מיטעללענדישען ים. אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט פלעגען די לעוואַנטינישע האַנדעלס-שיפען אַריינפאָהרען דער עיקר אין האַפען פון אַנקאָנאַ, ווארום די אָרטיגע מאַראַנען און אידען האָבען געהאַט לעבהאַפטע האַנדעלס-בעציהונגען מיט זייערע פאָלקסבריהדער אין טערקיי. און אַז דער מושל פון פּעזאַראָ, דער הערצאָג פון דער פּראָווינץ אורבינאָ, האָט אַריינגעלאָזט אין זיין שטאָדט די אַנקאָנער מאַראַנען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון דער אינקוויזיציע, האָט ער דאָס געטאָן ניט מחמת מענשליכקייט, נאָר איבער אַ פּשוט׳ען חשבון: ער האָט געהאָפט, אַז די אַנטלאָפענע סוחרים, וואָס ער האָט צוגענומען זיי, וועלען ווירקען אויף זייערע טערקישע געשעפטס-פריינד אויף אָבצוציהען די האַנדעלס-שיפען פון אַנקאָנאַ אין האַפען פון פּעזאַראָ.

די ערשטע צייטען האָט זיין חשבון טאַקע זיך אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג. די קרבנות פון פּויפּסט פּאַולוס IV-טענס פאַנאַטיזם האָבען בעשלאָסען צו באָיקאָטירען די האַפען-שטאָדט פון דער פויפּסטליכער פּראָווינץ. די מאַראַנען פון פּעזאַראָ האָבען אַוועקגעשיקט קיין טערקיי אַ שליח מיט אַ בריעף צו די אָר-

טיגע איינפלוסרייכע אידען, וואו זיי האָבען בעשריבען דעם טויט פון די קדושים אין אַנקאָנאַ, און אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער אחדות האָבען זיי געבעטען ביי זיי בדלות צו שטעלען די נעסט פון דער אינקוויזיציע און ניט שיקען מעהר אַהין קיין שיפען מיט סחורות. האָבען די סאַלאָניקער ספרדים זיך וואַרים אָבגערופען אויף דעם אויפרוף פון זייערע ליידענדע ברידער און זיינען אומגעזאַמט צוגעשטאַנען צום באָיקאָט. זיי האָבען געלאָזט אויסרופען אין די שולען אַ חרם אויף איטליכען, וואָס וועט שיקען זיינע סחורות קיין איטאַליען דורכ'ן האַפען פון אַנקאָנאַ, און ניט דורך פעזאַראָ.

דאָס, וואָס עס האָט זיך אָבגעשטעלט דער האַנדעלס-פערקעהר צווישען סאַלאָניק, דעם צענטער פון דעם לעוואַנטינישען האַנדעל, און צווישען אַנקאָנאַ, האָט זיך זייהר גיך געלאָזט פיהלען. דער סענאַט און דער שטאָדטישער ראַט פון אַנקאָנאַ האָבען זיך געווענדט צום פויפסט נאָך הילף, וואָרום מחמת דעם אידישען באָיקאָט האָט די שטאָדט אינגאַנצען געקאָנט חרוב ווערען (אויגוסט 1556). האָט פוילוס IV זיך איבערצייגט, אַז אויך די אידען קאָנען אַמאָל זיך נוקם זיין פאַר עוולות, אַזוי אַז מען זאָל עס קאָנען גוט פיהלען.

אַזאַ איבערצייגונג וואָלט אפשר ווייכער געמאַכט זיין גראָבען דעספּאָטיזם, אויב די אידען וואָלטען געווען איינּיג ביי דער דעה און וואָלטען ענערגיש פערווירקליכט זייער פּלאַן. צום אומגליק אָבער, איז צווישען זיי פּאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. די אידען, וואָס זיינען פערבליבען אין אַנקאָנאַ, האָבען איינגעזעהן אין דער אַגיטאַציע פון די מאַראַנען אַ סכנה פאַר זיך און פאַר זייערע ברידער אין דער פויפסטליכער פּראָווינץ, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דער אויפגעבראַכטער פויפסט וועט אינגאַנצען פערטרייבען די אידען פון זיין לאַנד. אין דעם זין האָבען זיי זיך געווענדט צו די לעוואַנטינער און געבעטען זיי מבטל צו זיין דעם באָיקאָט. פון דער אַנדער זייט, האָבען די אידישע גדולים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פונ'ם קרייז פון יוסף נשיא און גראַציאַ מענדעס אונטערגעהאַלטען די דרייסטע פעזאַרער; נאָר זייער זאַך איז שוין געווען פערשפּילט. די שפּאַלטונג צווישען די אידישע קהילות האָט קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען פּלאַן פונ'ם באָיקאָט. דער האַפען פון פעזאַראָ האָט ניט צוגעצויגען קיין גרויסע צאָהל האַנדעלס-שיפען, די געלד-זאַמלונג לטובת דעם הערצאָג אורבינאָ, וואָס מען האָט געפּלאַנט, האָט זיך אויך ניט איינגעגעבען, — און דער הערצאָג, וואָס האָט איינגעזעהן, אַז ער האָט זיך אָבגענאַרט אין חשבון, האָט בעשלאָסען, אַז עס איז ניט כדאי צו קריגען זיך מיט'ן פויפסט צוליעב די אידען, וואָס ברייגגען ניט איין קיין שום ריוח. נאָך אַ צוויי-יאָהריגען פערוויילען האָבען די מאַראַנען זיך געמוזט אַרויסקלייבען פון פעזאַראָ און פון דער גאַנצער טעריטאָריע פונ'ם הערצאָגטום אורבינאָ (1558), וואָס האָט פערשאַפט פערגעניגען דעם פויפסט און די מיטגלידער פון דער הייליגער אינקוויזיציע.

דעם לעצטען יאָהר פון זיין לעבען האָט פוילוס דער IV-טער אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט אַן אויטאָ-דאַ-פע פאַר'ן תלמוד. די פערטיליגונג פון די עקזעמפּלאַרען פונ'ם „געפעהרליכען ספר”, וואָס האָט זיך

אנגעהויבען אין דער צייט פון יוליוס III, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דער פויפּסטליכער פּראָווינץ זיינען פערמאַכט געוואָרען די ישיבות. דעמאָלט האָט זיך געבילדעט אַ אידישער אַקאַדעמישער צענטער אין דער שטאָדט קרעמאָנאַ, אין הערצאָגטום מיילאַנד, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון שפּאַניען. אַהין האָט מען אַריבערגעפיהרט די תלמודישע ספרים און עס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען געלעהרנטע; אין דער ישיבה, וואָס איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען, האָט מען געלייענט שיעורים; דאָרט איז אויך געווען אַ אידישע דרוקעריי.

אַז די דאָמיניקאַנער, דעם פויפּסט'ס געטרייע משרתים, זיינען דאָס געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי געפּועלט ביים שפּאַנישען פערוואַלטער אין מיילאַנד אַ בעפעהל וועגען פערטיליגען די „אַנטיקריסטליכע" ספרים פון תלמוד. העכער צעהן טויזענד בענד האָט מען אָבגענומען ביי די אידען פון קרעמאָנאַ און פערברענט אויף אַ שייטערהויפען אין מיטען שטאָדט (1559).

פערברענענדיג דעם תלמוד, האָט די פויפּסטליכע צענזור ניט אָנגעריהרט קיין קבלה-ספרים; מיט איהר ערלויבניש האָט מען עפּילו דעמאָלט אָבגעדרוקט דעם „זוהר" גלייכצייטיג אין צוויי אויסגאַבען, אין מאַנטואַ און קרעמאָנאַ (1558—1559). די קאַטוילישע טעאָלאָגען האָבען געגלויבט אין די רייד פון די געלערנטע משומדים, אַז אין „זוהר" זאָלען זיך געפינען רמזים אויף דער דאָגמע פון דער דרייאייניגקייט און אַז עס הערשען בכלל אין איהם גינסטיגע טענדענצען פאַר'ן קריסטענטום.

דער טויט פון פּוילוס IV האָט פערשאַפט פרייד ניט בלויז די אידען, נאָר אויך אַ סך קאַטוילִיקען. מען דערציילט, אַז די רוימער האָבען צעבראָכען די סטאַטוע פון'ם פערשטאָרבענעם פויפּסט, און איין איד זאָל האָבען אַרויפגעדרוקט איהר אויפ'ן קאָפּ אַ געלע היטעל — דעם אידישען שאַנד-צייכען. דער נייער פויפּסט פּיוס IV (1559 — 1565) האָט לויט דער השתדלות פון די איטאַליענישע אידען מבטל געווען עטליכע פּונקטען פון דער אידענפיינדליכער בולע פון'ם פריהערדיגען פויפּסט, און די פּראַגע וועגען תלמוד האָט ער בעשלאָסען אייניגען מיט דער קירכען-פערזאַמלונג, וואָס האָט דעמאָלט אָבגעהאַלטען איהרע זיצונגען אין טריענט. לויט דער דאָזיגער בעשטימונג איז ערלויבט געוואָרען צו דרוקען דעם תלמוד, נאָר אַנדערש ניט, סיידען מען זאָל אויסלאָזען זיין טיטעל און אַלע אויסדרוקען, וואָס האָבען אַן אַנטיקריסטליכען כאַראַקטער (1564). דער תלמוד אָדער ש"ס (די ראשי תבות פון ששה סדרים), ווי מען פלעגט פון איצט אָן דרוקען אויף די שער-בלעטער, און אַנדערע רבנישע ספרים זיינען געוואָרען אַוועקגעשטעלט אונטער אַ שטרייגגער גייסטליכער צענזור. צענזאָרען זיינען געווען על-פי-רוב גע'שמד'טע אידען, וואָס האָבען אויך דאָ אָפטמאָלס געפלייסט זיך אַרויסצווייזען זייער איבערגעבענקייט דער קירך.

נאָך פּיוס IV האָט פערנומען דעם טראָן פון הייליגען פּעטרוס פּיוס V (1566 — 1572), אַ געוועזענער גרויס-אינקוויזיטאָר, וואָס האָט דורכגעפיהרט די פּראָגראַם פון פּוילוס IV נאָך מיט אַ גרעסערער אויסגעהאַלטענקייט. ער האָט

ווידער אײַנגעפיהרט אײַנגאַנצען די אידענפיינדליכע בולע פון פּוילוס IV און האָט ערקלערט, אַז זי איז גילטיג ניט נאָר פאַר דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ, נאָר אויך פאַר אַלע איבעריגע קאַטוילישע לענדער. פאַר'ן ניט אָבהיטען די דאָזיגע שענדליכע קאַנאָנישע געזעצען פלעגען קומען אונטערזוכונגען, אַרעסטען און קאָנפיסקאַציעס. די אינקוויזיציע האָט געאַרבייט אָהן אויפהער.

דורך זיין טיראַניע האָט פּיוס V געבראַכט די אידען פון באָלאָניאַ דערצו, אַז זיי האָבען בעשלאָסען צו פערלאָזען די שטאָדט און אויסוואַנדערן קיין פעראַראַ. דעמאָלט האָט דער פּויפּסט בעשלאָסען צו פערטרייבען אַלע אידען פון זיין לאַנד. די טענות פון עטליכע הויך-געשטעלטע גלחים, אַז מען בעדאַרף אײַנהיטען די „שארית ישראל" צוליעב דער צוקונפטיגער בעקעהרונג, וואָס דערויף האָפט די קירך, און די בעהויפּטונגען פון די קריסטליכע סוחרים פון אַנקאָנאַ וועגען דעם, אַז ווי נאָר די אידען וועלען אַוועק, וועט פאַלען דער לעוואַנטינישער האַנדעל — האָבען בעוואויגען דעם פּויפּסט צום טייל נאָכצולאָזען. דעם 26 פעברואַר פון יאָהר 1569 איז געוואָרען אַרויסגעגעבען אַ בולע: אַז אַלע אידען פון דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ, חוץ פון די שטעדט רוים און אַנקאָנאַ, זיינען מחויב זיך אַרויסצוקלייבען פון לאַנד אין משך פון דריי חדשים צייט. דער דעקרעט וועגען גירוש איז אויך געווען שייך צו די אידען פון אַוויניאָן און ווענעסען — דעם פּויפּסט'ס פראַנצויזישע פּראָווינצען.

די פערטריבענע האָבען עמיגרירט קיין טערקיי אָדער אין יענע געגענדען פון איטאַליען, וואָס זיינען געווען אומאָבהענגיג פון'ם פּויפּסטס וועלטליכער מאַכט. די אידישע קהילות פון רוים און אַנקאָנאַ האָבען נאָך ווייטער עקסיסטירט, נאָר דאָס איז געווען אַ ביטערע עקסיסטענץ פון רעכטלויזע מענשען, וואָס זיינען געווען דערנידעריגט דורך די שענדליכע קאַנאָנישע געזעצען און וואָס האָבען געציטערט אונטער'ן דאַמאָקלעס-שווערד פון דער אינקוויזיציע.

די פּאָליטיק פון רדיפות האָט אויך ווייטער געפיהרט דער פּויפּסט גרעגאָר XIII (1572 — 1585). ער האָט געשראָקען מיט'ן אינקוויזיציאָנס-געריכט איטליכען אידען, וואָס וועט צונעהמען בײַ זיך אַן אַנטלאָפענעם מאַראַן. פאַר'ן עובר זיין אויפ'ן פערבאָט צו היילען קריסטען זיינען בעשטראָפט געוואָרען ביידע צדדים. וועלענדיג פערשפּרייטען דעם קריסטענטום, האָט גרעגאָר XIII בעפוילען, אַז קאַטוילישע גלחים זאָלען דרש'ען אין די שולען אום שבתים און ימים טובים וועגען די דאָגמעס פון דער קירך, און ער האָט אַרויפגעלייגט אַ חוב אויף אידען לא די וואָס צוהערען די דאָזיגע דרשות, נאָר אויך צו צאָהלען שכירות די דרשנים.

דער עזות'דיגער איזדעקעווען זיך איבער דעם רעליגיעזען געפיהל פון אידען האָט דערביי אַרויסגערופען סצענעס, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ קאָמישער לאַגע די אַגענטען פון דער קירך גופא. מען דערציילט, אַז בשעת דער פּויפּסט האָט בעמערקט, אַז די מיסיאָנערישע דרשות אין די שולען טוען אָרנישט ניט אויף, האָט ער געהייסען אויספאָרשען די סבה דערפון. האָט זיך

אַרויסגעוויזען, אַז די אידען, וואָס מען טרייבט אַריין אין די שולען צו הערען די דרשות, אַנטקעגען זייער ווילען פערשטאָפּען זיך מיט וואַטע די אויערן. כדי ניט צו הערען די דרשות דעמאָלט האָט מען אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל די אַגענטען פון דער אינקוויזיציע — זיי זאָלען אויפּפּאַסען, אַז די אויערן פון די אידען זאָלען זיין אָפען בשעת די דרשות. ס׳פערשטייהט זיך, אַז די מיסיאָנע־רישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט ניט קיין גרעסערן ערפאָלג אויך נאָך דער דאָזיגער וויכטיגער רעפאָרם.

אַ ביסעל גריגגער איז געוואָרען די אידען אין דער צייט פון סיקסטוס V, אַ געלד־גיריגען מענשען, וואָס האָט פערשטאַנען, אַז די אָבשוואַכונג פון די רע־פּרעסיעס קאָן איינברייגגען איהם אַ רעכטע הכנסה. ער האָט צוריק אַריינגעלאָזט אין דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ די אידען, וואָס זיינען געוואָרען פערטריבען פון דאָרט, און האָט מבטל געווען עטליכע בעגרעניצענדע געזעצען וועגען זייער פערקעהר מיט קריסטען (1586). פאַר געלד האָט מען געקאָנט פּועל׳ן ביי סיקטוס V, ער זאָל ווייכער מאַכען די שטרייגגקייטען קעגען די פערבאָטענע תלמודישע ספרים און קעגען דער פּראַקטיק פון אידישע דאָקטוירים צווישען קריסטען. דער דאָזיגער „וואָגיגער״ מאָטיוו האָט מסתמא מעהר געווירקט אויפ׳ן פּויפּסט, איידער אַלע מאָטיווען און טענות, וואָס זיינען אויסגעלייגט אינ׳ם דעמאָלט אָבגעדרוקטען בוך פונ׳ם דאָקטאָר און פילאָסאָף **דוד פּאָמיס**, וואָס איז גע־ווען נאָהענט צום פּויפּסטליכען הויף (1588).

סיקטוס׳עס יורש, קלימענט VIII, האָט זיך ווידער אומגעקעהרט צו דער סיסטעם פון רעפּרעסיעס. ער האָט ווידער בענייט די בולע וועגען דעם, אַז עס איז פערבאָטען די אידען צו וואוינען אין די פּויפּסטליכע פּראָווינצען, חוץ רוים, אַנקאָנאַ און אַוויניאָן (1593).

דאָס געטאָ־לעבען אין די וועלטליכע מלוכות פון איטאַליען.

§ 11. די שענדליכע פּויפּסטליכע בולעס פון דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט האָבען געדיענט אין די הענד פון די רעגירער פאַר אַ גע־צייג צו אונטערדריקען די אידען אויך אין די וועלטליכע מלוכות פון איטאַליען, וואָס זיינען געווען אונאָבהייגגיג פון דער רוימישער רעגירונג. פרומע הערצאָ־גען, פערוואַלטער אָדער דאָזשען, געטרייע קינדער פונ׳ם פּויפּסט, האָבען הייליג אָבגעהיט די דאָזיגע בולעס „צוליעב גאָטס און דער הייליגער קירכ׳ס כבוד וועגען״; ווינציגער נאַרישע און מעהר פּראַקטישע רעגירער האָבען ניט אַזוי שטרייגג אָבגעהיט די רוימישע „געבאָטען פון פיינדשאַפט״, נאָר פאַר זייער „גוטסקייט״ האָבען זיי אויסגעקוועטשט ביי אידען דעם מארך פון די ביינער דורך האַרטער עקספּלואַטאַציע פון זייער האַנדעלס־טעטיגקייט. די רעכטלויזיג־קייט פון די איינוואוינער פונ׳ם געטאָ און דער ווילדקייט פון די רעגירונגען זיינען געווען אומעטום; נאָר אין אַנדערע ערטער איז דערצו נאָך צוגעקומען

פּעריאָדישע שאַרפע רדיפות, פּאָגראָמען פון אויבען אָדער פון אונטען און מאַסען-גירושים. אָפטמאָלט זיינען רעליגיעזע מאָטיוווען געווען נאָר אַן אויסרייד צו פּערענטפערן די רדיפות, וואָס זיינען געווען געדרונגען פון פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע חשבונות.

מאָטיווען פונ׳ם לעצטען מין האָבען געהערשט אין דער פּאָליטיק פון דער וועגעציאַנישער רעפּובליק. די וועגעציאַנער האָבען ניט ליעב געהאַט די אידען, נאָר זיי האָבען זיך געגויטיגט אין זיי, ווייל זיי זיינען געווען די הויפּט-פּערמיטלער אין דעם האַנדעל מיט׳ן לעוואַנט, וואָס האָט געבילטעט דעם לעבענס-נערוו פון דער רעפּובליק. דער פּאָליטישער איינפלוס פון די אידישע שרים און דיפּלאָמאַטען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אויך געדיענט פאַר אַ שילד פאַר זייער וועגעציאַנישע פּאָלקס-ברידער, ווארום די דאָזשען און דער סענאַט פון דער רעפּובליק זיינען געווען געצוואונגען זיך צו רעכענען מיט׳ן ווילען פון די אַלמעכטיגע סולטאַנען.

מעהר ניט איין מאָל האָבען די אידען אין וועגעדיג געשוועבט אין אַן ערנסטער סכנה. דאָס איז געווען בשעת דער מלחמה צווישען דער רעפּובליק און טערקיי איבער דעם אינזעל קיפּרוס, בשעת וועגעדיג האָט זיך פּעראייניגט מיט׳ן פּויפּסט און מיט פיליפּ II פון שפּאַניען און האָט געשאַפען „די הייליגע ליגע״ קעגען די טערקען (1570 — 1571). היות ווי בראש פון דער קריגס-פּאַרטיי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געשטאַנען דער אידישער דיפּלאָמאַט יוסף נשיא, בכן האָט די רעפּובליקאַנישע רעגירונג קודם כל אויסגעלאָזט איהר כעס צו די אידען. לכתחילה האָט זי אַרעסטירט די אידישע סוחרים פון לעוואַנט, וואָס האָבען זיך געפונען אין וועגעדיג, און האָט קאָנפיסקירט זייערע סחורות, און דערנאָך האָט דער סענאַט לויט׳ן פאָרשלאָג פונ׳ם דאָזש מאָטשעניגאָ אָנגענומען אַ החלטה צו פּערטרייבען אַלע אידען פון דער רעפּובליק.

עטליכע גרופּעס האָבען שוין אָנגעהויבען זיך אַרויסצוקלייבען, אַז מיט אַ מאָל איז דער פּאָליטישער האָריזאָנט קלאָר געוואָרען. צווישען די שטרייטענדע צדדים האָבען זיך אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום. איינער פון די הויפּט-פּערמיטלער אין די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען איז געווען דער דיפּלאָמאַטישער אַגענט פון דער טערקישער רעגירונג און געוועזענער וועגעציאַנער אונטערטאַן שלמה אשכנזי (§ 4).

אויסנוצענדיג זיין לאַגע אַלס דיפּלאָמאַטישער פּערמיטלער, האָט ער געוואונען לטובת די אידען די וועגעציאַנישע קאָנסולען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. בשעת איינער פון די קאָנסולען, סאָראַנצאָ, האָט זיך אומגעקעהרט קיין וועגעדיג, האָט ער דאָרט אָנגעטראָפען אויפ׳ן ברעג אַ גרופּע אידישע אויסוואַנדערער מיט וויינענדיגע קינדער, וואָס האָט זיך געגרייט אָבצופאָהרען. האָט סאָראַנצאָ אין „ראַט פון די צעהן״ זיך הייס איינגעשטעלט פאַר די פּערטריבענע. „וואָס טוט איהר? — האָט ער געזאָגט. איך גופא וועט דאָך זיין ערגער. ווער האָט געהאָלפען טערקיי שטאַרק ווערען, ווער האָט איהר געגעבען טעכניקער אויף צו מאַכען

אַלערליי מינים געוועהר, צו קאַמף מיט אַלע מלוכות, אויב ניט די אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון שפּאַניען? איהר האָט בעשלאָסען צו פערטרייבען די אידען פון װענעדיג צוליעב דעם, בכדי זיי זאָלען אַװעק און גרעסער מאַכען די רייהען פון אונזערע שונאים! שוין-זשע ווייסט איהר ניט, וואָס פאַר אַ קראַפט און איינפלוס די אידען האָבען איצט ביי די העכסטע שרים פון טערקיי?"... דער דאָזש מאַטשעניגאָ און דער ראַט פון די צעהן האָבען פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע טענות זיינען גערעכטע און האָבען אָבגעשטעלט דעם גירוש פון די אידען (1573). און אַז אין גיכען איז אָנגעקומען אין װענעדיג שלמה אשכנזי גופא, בכדי צו פיהרען דירעקט אונטערהאַנדלונגען וועגען שלום אין׳ם נאָמען פונ׳ם גרויס-וויזיר, און איז געוואָרען אויפגענומען מיט גרויס כבוד פון דער רעגירונג פון דער רעפּובליק, — איז די סכנה פאַר די װענעציאַנישע אידען אינגאַנצען פערשוואונדען.

נאָר אַזאַ שטאַרקען פּאָליטישען שוץ האָבען די אידען געקאָנט האָבען נאָר אין אויסנאַהמס-פעלען. געוויינליך אָבער האָט מען זיי טיראַניזירט אומבעשטראָפטערהייד. די האַנדעלס-שטאָדט גענוא האָט פערטריבען פון איהר לאַנד די אידען, וואָס זיינען געבליבען דאָרט נאָך די פריהערדיגע גירושים (1567).

אין הערצאָגטום פערראַראַ, וואו די אידען און בעזונדערס די מאַראַנען האָבען פריהער געקאָנט פריי וואוינען, איז די לאַגע ערגער געוואָרען צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט. די ליבעראַלע דינאַסטיע ד׳עסטע, וואָס האָט זיי געשיטצט, איז אונטערגעגאַנגען, און פערראַראַ איז פעראייניגט געוואָרען מיט דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ (1597). היות ווי די אידען האָבען געוואוסט די מנהגים פון דער פּויפּסטליכער רעגירונג, דעריבער האָבען זיי זיך שוין געגרייט צו פערלאָזען די געגענד, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער איהר השגחה; בעזונדערס האָבען זיך געאיילט די מאַראַנען, וואָס אויף זיי האָבען זיך אָנגערוקט די שרעקענס פון דער פּויפּסטליכער אינקוויזיציע; אַ סך האָבען זיך אַריבערגעקליבען קיין װענעדיג, מאַנטואַ און מאָדענאַ. נאָר דער קאַרדינאַל אַלדאָבראַנדיני, וואָס ער האָט בעדאַרפט איינפעסטיגען די ממשלה פון דעם „הייליגען טרוין" אין דער ניי צוגענומענער געגענד, האָט פערשטאַנען, אַז דער גירוש פון די אידען און מאַראַנען וועט געבען אַ קלאַפּ דעם אָרטיגען האַנדעל, — און ער האָט אָבגעלייגט דעם גירוש אַפילו פון די מאַראַנען אויף פינף יאָהר, הגם דער פּויפּסט קלימענט דער VIII-טער איז דערמיט שטאַרק ניט-צופרידען געוועז.

די אידישע בעפעלקערונג פון פערראַראַ איז געוואָרען אַרונטערגעשטעלט אונטער דער געזעצגעבונג פון דער פּויפּסטליכער רעגירונג. בהדרגה זיינען איינגעפיהרט געוואָרען די בולעס וועגען דעם, אַז אידען מוזען טראָגען אַ בעזונדערן צייכען אויף די קליידער, אַז עס דאַרפען בעגרעניצט ווערען די צאָהל פון די שולען, אַז מען בעדאַרף איינמאָנען פון איטליכער שול אַן אָבצאָהלונג לטובת דעם בית-מקלט פאַר די „קאַטעכומענאָי", אַז די אידען מוזען הערען די דרשות פון די קריסטליכע מיסיאָנערען. שפּעטער (1624 — 1627) האָט מען צו-

געבויט ביי די עקען גאַסען פון דער שטאָדט פעראַראַ, וואו אידען האָבען געוואוינט, טויערן, און מען האָט אויף אַזאַ אופן געמאַכט אַ געשלאָסענעם קוואַרטאַל אָדער געטאָ.

איבעריגענס, פלעגען די געטאָס אָפטמאָלס ווערען געמאַכט צוליעב דער טובה פון די אידען גופא, וואָס פאַר זיי איז געווען אומבעקוועם און ניט אָהן סכנה צו וואוינען צווישען דער קריסטליכער בעפעלקערונג, וואָס האָט זיך פערהאַלטען צו זיי מיט שנאה. אין וועראָנאַ און פּאַדואַ האָבען די אידען, וואָס האָבען פריהער געוואוינט פונאַנדערגעוואָרפען איבער אַלע גאַסען פון שטאָדט, זיך געפיהלט גרינגער, בשעת מען האָט זיי געגעבען צום וואוינען אַ בעזונדער קוואַרטאַל (אַן ערך אין יאָהר 1600).

אַפילו פלאָרענץ, וואו די געבילדעטע רעגירער ד'מעדיטשיס זיינען אַ לאַנגע צייט געווען קעגען איינפיהרען די פּויפּסטליכע בולעס, האָט אויך צולעצט געמאַכט ביי זיך אַ געטאָ פאַר אידען אין נידעריגען און פייכטען טייל פון שטאָדט (1570). מעהר ניט גבירים איז געווען ערלויבט צו וואוינען אויסערהאַלב דער געטאָ.

אַ סך אומרוהיגע צייטען האָבען איבערגעלעבט די אידען אין הערצאָגטום מיילאַנד, וואָס האָבען געהאַט בעדייטענדע קהילות אין קרעמאָנאַ, פּאַוויאַ, לאָדי און אַלעקסאַנדריאַ. אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט האָט דער הערצאָגטום זיך געפונען אונטער דער איבערהערשאַפט פונ'ם שפּאַנישען קעניג פיליפּ II, דעם דאָזיגען געקרוינטען גרויס-אינקוויזיטאָר. פיליפּ האָט ניט איין מאָל געפאָדערט פון זיין פערוואַלטער אָדער וויצע-קעניג אין מיילאַנד, ער זאָל פערטרייבען דאָס פאָלק, וואָס איז איהם געווען פערהאַסט, נאָר דער פערוואַלטער האָט אָבגעלייגט אַלץ צו ערפילען די דאָזיגע פאָדערונגען, זיך סומך זייענדיג דערויף, וואָס די אידען זיינען נוצליך פאַר'ן גאַנצען קאַנט. ער האָט נאָר בעפרידיגט די אידענפיינדליכע תאוה פון זיין מאָנאַרך, דורכדעם וואָס ער האָט שטרייננג אָבגעהיט די פּויפּסטליכע בולעס וועגען דעם, אַז אידען מוזען טראָגען געלע היטלען, און וועגען אויפזוכען און פערטיליגען די פערבאָטענע תלמודישע ספרים וכדומה.

נאָר די אידענפיינדליכע פּאַרטיי אין הערצאָגטום מיילאַנד האָט ניט געשלאָפען: זי האָט געשיקט דעפּוטאַציעס צום קעניג פיליפּ II מיט בקשות, מען זאָל פערטרייבען די אידען, און אין דערזעלביגער צייט האָט זי זיך געמיהט אויפצורייצען קעגען זיי די קריסטליכע בעפעלקערונג דורך פערשיידענע בלבולים אויפ'ן באָדען פון אָבערגלויבען. די שתדלנות פונ'ם אידישען דעפּוטאַט רבי שמואל הכהן, וואָס איז געפאָהרען קיין שפּאַניען צום קעניג בעטען רחמנות פאַר זיינע פאָלקסברידער, האָט קיין פעולה ניט געהאַט. די אידען האָט מען געגעבען צייט אויף צוויי חדשים, בכדי זיך צוצוגרייטען אין וועג אַריין, און אין פריהיאָהר פון יאָהר 1597 זיינען אַן ערך טויזענד פערטריבענע אַוועק פון קרעמאָנאַ, פּאַוויאַ און לאָדי זיך זוכען אַ מקום-מנוחה אין אַנדערע שטעדט פון איטאַליען.

די מענשליכקייט פונ׳ם פערוואַלטער האָט זיך נאָר אויסגעדריקט דערין, וואָס ער האָט געגעבען די אומגליקליכע פערטריבענע אַ מיליטערישע אָבטיילונג צום שוץ קעגען די רויבער־באַנדעס, וואָס האָבען אַרומגענישטערט איבער׳ן לאַנד. די אידען, וואָס זיינען פערטריבען געוואָרען פון הערצאָגטום מיילאַנד, האָבען אָנגעפילט די געטאָס פון מאַנטוא, מאָדענא, פאַדוא און וועראָנא, וואָס זיינען סיי־ווי־סיי געווען איינג.

איינע פון די געבילדעטסטע אידישע קהילות פון איטאַליען, די קהילה פון מאַנטוא, האָט אין יענע צייטען איבערגעלעבט אַלע שרעקענס פון מיטעל־אַלטער. די הערצאָגען פון מאַנטוא פון דער משפחה גאָנזאַגאָ זיינען געווען, חוץ זעלטענע אויסנאַהמען, געטרייע דיענער פון דער קירך און האָבען געטריי אָבגעהיט די פויפסטליכע בולעס. אין יאָהר 1610 האָט מען אידען ערלויבט צו וואוינען נאָר אין געטאָ, און אין צוויי יאָהר אַרום האָבען זיך געמוזט אַרויס־קלייבען אַלע אידישע פאַמיליעס פון די „קריסטליכע” טיילען שטאָדט.

פריהער איז געפיהרט געוואָרען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע מצד די פאַנאַטישע מאָנאַכען. אין יאָהר 1602 האָט אַ וואַנדערנדער דרשן, דער פראַנציסקאַנער באַרטאָלמעאָ דאַ־סאַלוטינאָ — אַ ווילדער פאַנאַטיקער, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ „הייליגען” — בעזוכט מאַנטוא און האָט אַזוי שטאַרק פונאַנדערגעבלאָזען דעם פאַנאַטיזם פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, אַז ער האָט אַרויסגערופען אַ קאַטאַסטראָפע. איין קריסט האָט דערזעהן דעמאָלט אידישע אינגלעך, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אום שבת אויפ׳ן שול־הויף, און האָט גע׳מסר׳ט דעם דרשן, אַז דאָרט מאַכט מען חוזק פון איהם און פון זיינע רעדעס. האָט מען געכאַפּט עטליכע אידען, וואָס זיינען געווען גאָט די נשמה שולדיג, אַריינגעוואָרפען זיי אין תפיסה, געפייניגט זיי און דערנאָך זיי דערשטיקט; זייערע טויטע קערפּערס האָט מען צוגעבונדען צו עקען פון פערד און געשלעפּט איבער די גאַסען און דערנאָך אויפגעהאַנגען אויף סלופּעס פאַר די פיס. דער צעווילדעוועטער המון איז געווען גרייט אויסצו׳הרג׳ען אַלע אידען פון מאַנטוא, נאָר די הערצאָגען האָבען דאָס ניט דערלאָזען.

שרעקליכע צרות האָבען געהאַט אויסצושטייהן די אידען פון מאַנטוא בשעת דעם דרייסיג־יאָהריגען קריג, בשעת דער עסטרייכישער חייל פונ׳ם קייזער פערדינאַנד II האָט בעלעגערט די שטאָדט (1630). בשעת דער בעלעגערונג, וואָס האָט געדויערט זיבען חדשים, האָט די מאַנסבילשע בעפעלקערונג פונ׳ם געטאָ געאַרבייט טאָג און נאַכט ביי דער בעפעסטיגונג פון די שטאָדטישע מויערן און ביים אויפשיטען די וואַלען, און דערביי האָבען זיי אַפילו געמוזט מחלל שבת זיין; אַ סך האָבען גענומען אַן אָנטייל אין דער פערטיידיגונג פון שטאָדט מיט געוועהר אין די הענד. נאָר אין גיכען האָבען די ווילדע באַנדעס דייטשען זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט, האָבען צערויבט די געטאָ און אָהן רחמנות פער־טריבען די איינוואוינער און האָבען ערלויבט איטליכען צו נעמען מיט זיך נאָר די נויטווענדיגסטע קליידער און דריי דוקאַטען געלד. אין שטאָדט האָט מען איבערגעלאָזט נאָר עטליכע אידען, וואָס ביי זיי האָבען די אָנפיהרער פון די

דייטשע באַנדעס געוואָלט אַרויסקריגען דורך עינויים, וואו די פערטריבענע האָבען בעהאַלטען זייערע רייכטימער.

איז אַ אידישע דעפוטאַציע אַוועק קיין רעגענסבורג צום קייזער פערדינאַנד און האָט געבעטען ביי איהם שוץ. האָט דער קייזער בעפויהלען דעם גובערנאַטאָר פון מאַנטואַ, ער זאָל צוריק אַריינלאָזען די אומגליקליכע פערטריבענע אין געטאָ און צוריק אָבגעבען זיי דעם אייגענס, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען. אַ העלפט פון די פערטריבענע, אויסגעמאַטערע פון נויט און וואָגלונגען, האָבען זיך אומגעקעהרט אין זייערע פריהערדיגע דירות; די אַנדערע העלפט איז אומגעקומען פון דחקות און קראַנקהייטען אָדער האָט זיך צעזייהט און צעשפרייט. ווייטער האָט זיך געצויגען דאָס לעבען אין געטאָ, אַלעבען אָהן פרייד, פול מיט דאגות און צער.

די ליטעראַטור.

§ 12. דער דראַנג פון די פיינדליכע קרעפטען פון אויסוויינינג האָט געקאָנט אַראָבדריקען דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישען מעמד פון דער אידישער מאַסע אין איטאַליען, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אָבשטעלען יענע פערשטאַרקטע גייסטיגע אַרבייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צווישען איהר אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס און הומאַניזם. אינ׳ם גייסטיגען לעבען פון די איטאַליענישע אידען האָבען זיך איבערגעשניטען פערשיידענאַרטיגע שטרעמונגען. די איינגע רבנישע אָרטאָדאָקסיע פון די אשכנזים און די וויסענשאַפטליכע נטיות פון די ספרדים, מיסטישע און פילאָסאָפישע אידייען, שטרייננ-קאָנסערוואַטיווע טענדענצען, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט צום לעבען פון געטאָ, און שטרעבונגען צו פרייער פאָרשונג, די עצבות׳דיגע שטימונג פון געפּייניגטע און דער דאָרשט נאָך בענייאונג, רעפאָרמעס, — דאָס אַלץ, אינאיינעם מיט דער בוך-דרוקעריי, וואָס האָט דעמאָלט פונאַנדערגעבליהט אין איטאַליען, האָט געשאַפען אַזאַ פיעלפאַכיגקייט פון גייסטיגער שאַפונג, וואָס איהר גלייכען איז ניט צו מערקען ניט אין איינעם פון די דעמאָלטיגע צענטרען פון אידישען פאָלק.

אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדער פערנעמט נאָך דעם ערשטען אָרט אין דער וויסענשאַפט דער רביניזם. די זוימען, וואָס עס האָבען אַריינגעוואָרפען דער געלערנטער אשכנזי ר׳ יהודה מינץ און ר׳ יוסף קולון צום סוף פון XV יאָהרהונדערט, האָבען געגעבען רייכע פירות. די תלמודישע וויסענשאַפט האָט געהאַט איהרע ישיבות, וואָס פון זיי איז געווען בעזונדערס בעריהמט די ישיבה אין פאַדואַ, און וויכטיגע פאָרשטייהער. בראש פון די אידישע קהילות זיינען געשטאַנען די רבנים פון פאַדואַ ר׳ אברהם בר׳ יהודה מינץ און זיין איידעם ר׳ מאיר קאַצינעלינבוגין. דער לעצטער איז געווען בעוואוסט אויך אויסערהאַלב איטאַליען און האָט פערעפענטליכט תשובות אויף שאלות, וואָס האָבען געהאַט אַן אַלגעמיין-אידישע בעדייטונג.

קאַצינעלינבוגין האָט געזעהן די הצלחה פון דער רבנישער וויסענשאַפט,

בשעת דער תּלמוד איז אין די 1520-ער יאָהר אָבגעדרוקט געוואָרען אינגאַנצען, אין דער בעריהמטער ווענעדיגער אויסגאַבע, און איז פּערשפּרייט געוואָרען אין אַן אומגעהייער צאָהל עקזעמפּלאַרען. נאָר ער האָט אויך דערלעבט די רדיפות פון תּלמוד און די גאַנצע רייהע אויטאָ-דאַ-פעס איבער'ן דאָזיגען ספר אין פערשיידענע שטעדט פון איטאַליען (1553 — 1565). ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער אַלטער רב האָט ניט געהאַט ביי זיך קיין גאַנצען עקזעמפּלאַר פון תּלמוד. אויף אַ געוויסער צייט האָט דאָס לעבען אין די ישיבות זיך אָבגעשטעלט, און די יונגע לייט, וואָס האָבען געוואָלט לערנען, האָבען דאָס געמוזט טון בעהאַלטענערהייד, אָדער פאָהרען קיין דייטשלאַנד און פּוילין. בשעת מען האָט שפּעטער ערלויבט דעם תּלמוד אין אויסגאַבען, וואָס זיינען „אויסגערייניגט" געוואָרען דורך דער צענזור, איז די טעטיגקייט פון די ישיבות ווידער אויפגעריכט געוואָרען, אָבער שוין ניט אין איהר פריהערדיגער גרייס.

מיט דער צייט איז צו מערקען, ווי עס ווערט שוואַכער די איינזייטיגע הערשאַפט פון דער הלכה, פון דער תּלמודישער סכאָלאַסטיק, און אָנשטאָט דעם פערברייטערט זיך מעהר די בעאַרבייטונג פון אגדה און מדרש אין דער פאָרם פון מוסר-דרשות. נעבען דעם רב, דעם גרויסען חריף און בקי, וואָס לערנט מיט תּלמידים אין דער ישיבה, בעווייזט זיך אַ טיפּ פון אַ רב, וואָס שטעלט זיך אין שול דרש'ען פאַר דעם גאַנצען ברייטען עולם. ר' מאיר קאַצינעלינבויגינ'ס זוהן, דער רב פון פּאַדואַ ר' שמואל יהודה, לאָזט זיך אַראָב פון די קאַלטע הויכקייטען פון דער לומדות צו אַזעלכע דרשות, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו דער השגה פונ'ם פאָלק (אַ טייל פון די דאָזיגע דרשות זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען נאָך אין דער צייט, בשעת דער מחבר האָט געלעבט, ווענעדיג 1594).

דער בעגאַבטסטער דרשן פון יענער צייט איז געווען ר' יהודה מוסקאַטו, אַ רב אין מאַנטואַ (געשט. אין יאָהר 1580), דער מחבר פון אַ פּירוש אויף ר' יהודה הלוי'ס רעליגיאָנס-פילאָסאָפישער סיסטעם („קול יהודה"); די זאַמלונג פון זיינע דרשות („נפוצות יהודה", ווענעדיג 1589) בעצייכענט דעם איבערגאַנג פון דער רעליגיעזער מעטאַפיזיק צו דער פּאָפּולערער מאָראַל, פונ'ם ראַציאָנאַליזם צו אַ געמעסיגטען מיסטיציזם.

זיין אינגערער בן-דור, ר' עזריה פיגו, אַ דרשן אין ווענעדיג (1647), האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסען זאַמעלבוך פון דרשות („בינה לעתּים"), וואָס לויט דער עלעגאַנץ פון סטיל און דער רייכקייט פון געדאַנקען האָבען זיי געדיענט אַלס מוסטערן פאַר די שפּעטערדיגע דרשנים.

דאָס, וואָס עס איז ערגער געוואָרען די געזעלשאַפטליכע לאַגע פון אידען אין איטאַליען, איינאיינעם מיט דער משיחיש-מיסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון מולכו און פון דעם אר"י'ס תּלמידים, האָט געשאַפען אַ באָדען פאַר דער רייכער אויפבליהונג פון דער קבלה. די גייסטיגע שאַפונג, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו דער שטימונג פון אונטערדריקטע, האָט די ערשטע צייטען ניט בעגעגענט אינ'ם דאָזיגען געביט אויך קיין אויסווייניגסטען ווידערשטאַנד. די-

זעלביגע פויפסטליכע צענזור, וואָס האָט אָהן רחמנות גע׳רודפ׳ט דעם תלמוד, האָט ניט געשטערט צו דרוקען און צו פערשפרייטען דעם „זיהר", — אין וועלכען די קריסטליכע קירך האָט געהאָפט צו קריגען אַ שטיצפונקט פאַר איהר דאָגמאַטיק.

צווישען די יאָהרען 1558 — 1559 איז דער „זוהר" געוואָרען אָבגעדרוקט אין מאַנטוא, מיט הסכמות פון דריי רבנים-מקובלים — ר׳ יצחק די לטיש, ר׳ משה באַסולה און ר׳ משה פּרובאַנטלי. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אומצופרידענקייט צווישען די ניכטער-דיינקענדע רבנים, וואָס האָבען בעטראַכט די קבלה פאַר אַ „חכמה נסתרה", וואָס מען דאַרף זי ניט פערעפענטליכען אין דרוקנאָך שטאַרקער איז געוואָרען די אומצופרידענקייט, ווען עס האָט ערשיינט אין דערזעלביגער צייט נאָך אַן אויסגאַבע פונ׳ם „זוהר", וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין קרעמאָנאַ מיט דער הקדמה פון אַ געשמד׳טען אידען, דעם קאַנאָניקוס וויטאָריאָ עליאַנאָ.

איבעריגענס, שפּעטער האָט די פויפסטליכע צענזור אָנגעהויבען צו בעציהען זיך מיט חשד אויך צו קבלה-ספרים און האָט זיי אַריינגעשטעלט אינ׳ם „רייסטער פון די פערבאָטענע ביכער". דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבען צו פערשפרייטען די נייע ווערק פון דעם מין אין כתב-יד׳ען, וואָס ליעבהאָבער פלעגען פאַר זיי צאָהלען גרויסע געלדער.

צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט איז אָנגעקומען פון ארץ-ישראל קיין איטאַליען ר׳ ישראל סרוק, אַ תלמיד פונ׳ם אר״י און אַ חבר פון ר׳ חיים וויטאַל, און האָט דאָ פערשפרייט די פּראַקטישע קבלה, אַלס אַ נייע אַנטפּלעקונג. ער האָט דערציילט וועגען די מופתים, וואָס עס האָט בעוויזען דער צפת׳ער קדוש אר״י און וועגען די אויפטועכצען פון ר׳ חיים וויטאַל — און ער גופא האָט אויך בעקומען אַ שם פאַר אַ הייליגען.

דעם געלערנטען ווענעציאַנער ר׳ מנחם עזריה מפאַנו (געשט. 1620) איז געפעלען געוואָרען די נייע תורה; ער האָט אָנגעקויפט פאַר גרויסע געלדער די כתב-יד׳ען פון די פּאַלעסטינישע מקובלים און האָט זיך געמיהט איינצופיהרען זייערע אידייען אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק. צווישען אַנדערע זאַכען, האָט ער איינגעפיהרט אין ווענעדיג און דערנאָך אין אַנדערע שטעדט פון איטאַליען דעם מנהג אויפצושטייהן האַלבע נאַכט (חצות), בכדי זיך מתודה זיין אויף די זינד און מתפלל זיין וועגען דער אויסלייזונג פון דער אידישער נאַציע פון קנעכטשאַפט. אַסקעטישע נטיות האָבען זיך אַלץ מעהר איינגעוואָרצעלט ביי די איינוואוינער פונ׳ם געטאָ אינ׳ם לאַנד פונ׳ם קלאָרען בלויען הימעל, וואָס ניט לאַנג האָט עס נאָך פאָרגעשטעלט אַן אָנגענעמען אָאַזיס אין מיטען דעם מדבר פון מיטעלאַלטערליכען באַרבאַריזמוס.

דער אייגענער געפיהל פון נאַציאָנאַלען צער, וואָס האָט געפונען אַן אויסגאַנג אין די מיסטישע פאַנטאַזיעס, האָט געשאַפען אין איטאַליען נאָך אַן אַנדערן, נאָרמאַלערן צווייג פון ליטעראַטור: די געשיכטסשרייבונג.

די זכרונות וועגען די פיעלהונדערטיאָהריגע ליידען פון אידישען פאָלק, אונטער-געהאַלטען דורך די בילדער פון נייע צרות, בילדען דעם הויפּט-אינהאַלט פון די דעמאָלטיגע כראָניקעס. אַ געוועזענער מאַראַן שמואל אושקי (אוסקווע), וואָס איז אויסגעוואנדערט פונ׳ם לאַנד פון דער אינקוויזיציע — פּאָרטוגאַל, האָט אָנגעשריבען אויף פּאָרטוגעזיש, אין דער פאָרם פון אַ שמועס, די געשיכטע פון די פורענויות פון אידישען פאָלק, אונטער׳ן טיטעל: „אַ טרייסט פאַר ישראל אין זיינע צרות" (1552). דער מחבר האָט געוואוינט אין פעראַראַ און האָט בע-שטימט זיין בוך דער עיקר פאַר זיינע לאַנדסלייט די מאַראַנען, וואָס האָבען זיך דאָ בעהאַלטען פאַר די רדיפות פון דער אינקוויזיציע.

זיין בוך איז גיכער אַ לירישע פּאָעמאַ, איידער אַ געוויינליכע כראָניק פון די געשעהענישען. אין אַ שמועס מיט זיינע חברים דערציילט דער שאָף-היטער יעקב וועגען די צרות, וואָס האָבען געטראָפען מיט „די אידישע שאָף" צווישען די פעלקער-וועלף, אָנגעהויבען פון די אַלטע בבליים און רוימער און געענדיגט מיט די שפּאַניער און דייטשען פון מיטעלאַלטער. „אייראָפּע, איי-ראָפּע, מיין גיהנם אויף דער ערד!— רופט אויס דער מחבר דורכ׳ן מויל פונ׳ם שאָף-היטער, וואָס קלאָגט איבער זיין צעשפּרייטער טשערעדע. — וואָס זאָל איך זאָגען וועגען דיר, וואָס דו האָסט בעצירט דיינע נצחונות מיט מיינע הרוגים? ווי אַזוי זאָל איך דיך לויבען, דו זינדיגע, קריגערישע איטאַליען? דו האָסט דאָך, ווי אַ הונגעריגער לייב, פערצוקט די צעריסענע קערפּערס פון מיינע שעפּע-לעך! איהר גיפטיגע לאָנקעס פון פראַנקרייך, מיינע לעמעלעך האָבען זיך גע-שפּייזט מיט אַייערע פער׳סמ׳טע קרייטעכצער! שטאָלצע, ווילדע, בערגיגע דייטש-לאַנד, דו האָסט דאָך אַראָבגעשליידערט מיינע קינדער פון די מעכטיגע הויכ-קייטען פון דיינע אַלפּען-בערג! דו צביעות׳דיגע, אַכזריות׳דיגע און בלוטדאָרשטיגע שפּאַניען, הונגעריגע וועלף האָבען אין דיר געפרעסען און פרעסען נאָך איצט מיינע הערליכע טשערעדעס!" מיט עפּיס אַ פינסטערן פּאַטאָס שילדערט אושקי די שפּאַנישע אינקוויזיציע, וואָס איז איהם גוט בעקאַנט: „פון רוים איז אַרויס-געטראָטען אַ ווילדע חיה רעה מיט אַזאַ מאָדנעם פּנים און שרעקליכען קוק, אַז ביי איהר אָנבליק איז פערציטערט געוואָרען גאַנץ אייראָפּע. איהר קערפּער איז געוועזען פון אַן אייזערנער מאַסע, צונויפגעמישט מיט סם המות, און בעדעקט מיט שטאָלענע שופּען. מיט טויזענדער שווערע פליגלען, פול מיט גיפט, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דער ערד. די דאָזיגע חיה רעה איז עהנליך אויף אַ מעכטיגען לייב און אויף אַ שלאַנג פון די אַפריקאַנישע מדבריות... פון איהרע אויגען און מויל פליסען אַרויס שטרוימען פייער. זי שפּייזט זיך מיט מענשליכע קערפּערס... דורך איהר שוואַרצען שאָטען פערשפּרייט זי אַ געדיכטע פינסטערניש אומעטום, וואו זי בעווייזט זיך. ווי ליכטיג עס זאָל פּאָרט ניט שיינען די זון, לאָזט די חיה רעה דאָרט איבער אַ חושך מצרים. וואוהין זי לאָזט זיך לויפען, דאָרט ווערען פערטריקענט די גרינע לאָנקעס, ווערט פערוועלקט די בליהונג פון די בוימער, די ערד ווערט אַ חושכ׳דיגער, פּרוכטלויזער מדבר". די נחמה פאַר דער ליידענדער נאַציע בעשטייהט נאָר דערין, וואָס זי ווערט אויסגעליי-טערט דורך די צרות, זי ווערט זיטליך בעסער, פולקומענער פאַר אַנדערע. פער-

טיליגען די גאַנצע נאַציע. קאָן מען ניט, וואָרום „אויב איין קיניגרייך אין אייראָפּע שטייהט אויף, בכדי דיך צו טויטען, בלייבט פאַר דיר אַן אַנדער קיניגרייך אין אַזיען, וואו דו קאָנסט לעבען. בשעת די שפּאַניער האָבען דיך פערטריבען, האָט גאָט דיר געעפענט אַ וועג אין לאַנד, וואָס האָט דיך צוגענומען און ערלויבט פריי צו לעבען — אין איטאַליען".

די דאָזיגע שורות זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פיער יאָהר פאַר דער פערעפענטליכונג פון פּויפּוס IV בוללע און מיט פיער יאָהר פריהער, איידער די אינקוויזיציע האָט פערברענט די מאַראַנען אין אַנקאָנאַ. אין יאָהר 1556 וואָלט דעם מחבר אויסקומען אויסצומעקען איטאַליען פון'ם רייסטער פון די לענדער, וואָס שטייהען אויסערהאַלב דעםווירקונגס-קרייז פון דער „חיה רעה".

די קאַטוילישע רעאַקציע האָט איבערגעלעבט אַן אַנדער היסטאָריקער פון יענער צייט, וואָס פערדיענט מעהר דעם דאָזיגען נאָמען, ר' יוסף הכהן (1496 — 1575). זיין ביאָגראַפיע איז איינג פערבונדען מיט די טרויעריגע קריזיסען פון דער דעמאָלטיגער אידישער געשיכטע. אַלס אַ מיטגליד פון אַ משפחה, וואָס איז אַרויסגעטריבען געוואָרען פון שפּאַניען, האָט ר' יוסף הכהן פערבראַכט די ערשטע יאָהרען פון זיין לעבען אין אַוויניאָן, אין דער פּויפּסטליכער פּראָווינץ פון דרום-פראַנקרייך; פון דאָרט איז די משפחה אַריבערגעפאָהרען קיין איטאַליען און האָט זיך בעזעצט אין גענואַ. דער צווייטמאָליגער גירוש פון די אידען פון גענואַ (אין יאָהר 1516 און 1550) האָט בעוואויגען די פאַמיליע כהן זיך צו בעזעצען אין די שכנישע שטעדטלעך נאָווי און וואָלטאַדזשיאָ. דאָרט האָט ר' יוסף זיך פערנומען מיט דאָקטאָרשער פּראַקטיק און איז געווען זייהר בעליעבט ביי דער בעפעלקערונג, אפילו ביי דער קריסטליכער. אין יאָהר 1567, בשעת מען האָט פערטריבען די אידען פון וואָלטאַדזשיאָ, האָט די רעגירונג געוואָלט מאַכען אַן אויסנאַהם פאַר'ן אידישען דאָקטאָר, נאָר ר' יוסף האָט ניט אָנגענומען די גענאָד פון די אונטערדריקער און האָט זיך אַרויסגעקליבען אינאיינעם מיט די פערטריבענע. ערשט אַ יאָהר פאַר זיין טויט האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק קיין גענואַ.

ר' יוסף הכהן האָט פעראייביגט זיין נאָמען דורך צוויי היסטאָרישע ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבען אין אַ שיינעם העברייאישען סיגנון פאַר יענער צייט. אין זיין „דברי הימים למלכי צרפת ועותמן" (געשיכטע פון די מלכים פון פראַנקרייך און טערקיי) האָט ער געשילדערט דעם פיעל הונדערטיאָהריגען קאַמף צווישען קריסטענטום און איסלאַם, אייראָפּע און אַזיען זינט דער עפּאָכע פון די קרייץ-צוגען ביז דער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די הויפּטליכע געשעהענישען פון דער וועלט-געשיכטע און פון דער אידישער געשיכטע. זיין אַנדער ווערק „עמק הבכא" פערנעמט זיך אינגאַנצען מיט דער שילדערונג פון די צרות פון אידען אין אייראָפּע זינט די קרייץ-צוגען ביז דעם מחבר'ס תקופה. דער דאָזיגער ספר איז געוואָרען צוערשט אָנגעשריבען אין יאָהר 1563, נאָר שפּעטער האָט דער מחבר נאָך צוגעגעבען צו איהם הוספות, און אין די שפּעטערדיגע כתב-יד'ען גייהען אַריין די געשעהענישען ביז צום

יאָהר 1575. בעזונדערס בולט זיינען געשילדערט די אכזריות פונ׳ם פויפּסט פּוילוס IV און פון זיינע יורשים, די העלדען פון דער קאַטוילישער רעאַקציע.

אין דער קורצער בעשרייבונג פונ׳ם מחבר לאָזט זיך פיהלען א טיפע אויפרעגונג פונ׳ם געמיט. איטליכער גרויסער אומגליק אין דער אידישער געשיכטע רופט אַרויס ביים מחבר אַ מאָל אַ ביטערן קלאָג און אַ מאָל אַ געשריי פון צאָרן. ער נאָגעלט צו צום שאַנד-סלופּ די פיינדיגער פון זיין פּאָלק און וואַרט אויפ׳ן געריכט פון דער געשיכטע אויף זיי. „די גירושים פון אידען פון פראַנקרייך און שפּאַניען — זאָגט ער — האָבען מיך בעוואויגען אָנצושרייבען דעם דאָזיגען ספר. זאָלען די אידען וויסען, וואָס די שונאים האָבען אונז אָנגעטאָן אין זייערע לענדער, אין זייערע פּאַלאַצען און שלעסער. וואָרום עס וועלען קומען טעג"...

אין דער דאָזיגער איבערגעריסענער פּראָזע דעם מחבר׳ס קלינגט די שטים פון דער געשיכטליכער נקמה-געטין. ביים היסטאָריקער קאָן מען ניט בלויז בעמערקען די דאָזיגע געפיהלען פון אַ הומאַניסט און פּאַטריאָט, נאָר מיט די דאָזיגע געפיהלען איז האַרמאָניש פערבונדען די שטרעבונג זיך גוט צוצוקוקען צו די פאַקטען און שילדערן זיי לויט׳ן אַן אמת קלאָרען קוק אויף דער סאָציאַל-פּאָליטישער ענטוויקלונג פון די פעלקער.

פונקט דער היפּוך פון דער קלאָרער און אמת׳ער שילדערונג פון ר׳ יוסף הכהן איז די כראָניק פון זיין אינגערן בן-דור ר׳ גדליה אבן יחיה, מיט׳ן נאָמען „שלשלת הקבלה" (די קייט פון דער טראַדיציע, ווענעדיג 1587). דאָ ווערט פראַגמענטאַריש איבערגעגעבען, אויפ׳ן סמך פון אומבעגלויבטע מקורים און פאָלקס-לעגענדעס, די געשיכטע פון אידישען פאָלק זינט די עלטסטע צייטען ביז דער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. דער מחבר מישט צונויף אמת׳ע געשעהענישען מיט אויסגעטראַכטע מעשיות, אַלגעמיין בעוואוסטע פאַקטען — מיט די אומוואָהרשיינליכסטע לעגענדעס; בעזונדערס שטאַרק האַלט ער פון סודות-און שרעקענס-פולע מעשיות וועגען מופתים, בייזע רוחות און ערשיינונגען פון כישוף-מאַכעריי אָדער פון דער סטרא אחרא. אין זיין ספר איז אַפילו פאַרהאַן אַ בעזונדערע הוספה וועגען כישוף-מאַכעריי, גיהנם און גן-עדן און וועגען „דער וועלט פון די נשמות", וואו פון איטליכער שורה וויהט דער גייסט פון דער דעמאָלטיגער פינסטערער פּאַלעסטינישער מיסטיק.

די געאָגראַפישע ענדעקונגען פון דער עפּאָכע פון קאָלומבוס און מאַגעלאַן האָבען דערוועקט צווישען אידען אַן אינטערעס אויך צו דער ערד-פאָרשונג. דער געלערנטער מחבר פון אַ פירוש אויף תנ"ך און פון אַ טעאָלאָגישען דיאַלאָג ר׳ אברהם פריצול, וואָס האָט געוואוינט אין פעראַראַ, האָט אָנגעשריבען אין יאָהר 1524 אַ ספר „אורחות עולם" (די וועגען פון דער וועלט), אָדער אַ קורצע ערד-בעשרייבונג אויפ׳ן סמך פון די מקורים פון יענער צייט. דער ספר איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין ווענעדיג אין יאָהר 1587. ביי אַלע זיינע וויסענשאַפטליכע ידיעות האָט דער מחבר זיך דאָך ניט געקאָנט אָבזאָגען פון די פאָראורטיילען פון זיין צייט: אין זיין געאָגראַפיע קאָן מען געפינען חקירות וועגען דעם סודות-פולען טייך סמבטיון, וועגען די פערפאַלענע עשרת השבטים און כדומה נאָך וועגען אַזעלכע לעגענדאַרישע זאַכען.

די אידישע פּאָעזיע, וואָס איז אינגאַנצען פערשטיקט געוואָרען זינט די צייטען פון עמנואל הרומי, האָט געהאַט אין איטאַליען צווי פאָרשטייהער אין אָנהויב פון XVII יאָהרהונדערט. דאָס זיינען געווען צווי פרויען **דבורה אסקאַרעלי** און **שרה קאָפּיאַ סולאַם**, וואָס האָבען געשריבען זייערע ווערק אויף איטאַליעניש. דבורה אַסקארעלי, די טאָכטער פון אַ רייכען אידען אין רוים, האָט איבערזעצט פיוטים אין שיינע איטאַליענישע פערזען און האָט געשריבען אויך אָריגינעלע שירים. שרה סולאַם, די טאָכטער פון אַ ווענעדיגער סוחר, איז געווען איינע פון די געבילדעטסטע איטאַליענישע פרויען פון איהר צייט. דער קאַטוילישער גלח אַנסאַלדאָ טשעבאַ פון גענוא, וואָס האָט אָנגע- שריבען אַן עפּאָס אויף אַ ביבלישער טעמאַ „אסתר״, האָט אַ לאַנגע צייט געמיהט זיך מיט אַלע כחות צו בעקעהרען זי צו זיין אמונה; נאָר זיין גאַנצע מיה איז געווען אומזיסט. דעמאָלט האָט ער געבעטען שרה׳ן, זי זאָל איהם לכל-הפּחות ערלויבען מתפּלל צו זיין וועגען דעם, אַז מן-השמים זאָל מען איהר צושיקען דעם קריסטליכען גלויבען. זי האָט עס ערלויבט, נאָר בתנאי, אַז דער גלח זאָל איהר ערלויבען מתפּלל צו זיין וועגען דעם, אַז ער זאָל ווערען אַ איד. שרה סולאַם איז געשטאָרבען אין יאָהר 1641. פון איהר ווערק זיינען בעוואוסט נאָר עטליכע סאָנעטען און אַ פערטיידיגונגס-שריפט, וואָס איז אָנגעשריבען אַלס ענטפער אויף דער השערה, וואָס עס האָט אַרויסגעזאָגט עפּיס אַ טעאָלאָג, אַז סולאַם לייקענט אין השארת הנפש (די אומשטערבליכקייט פון דער נשמה).

הומאַניזם און פריידייענקעריי.

§ 13. די השפּעה פונ׳ם איטאַליענישען הומאַניזם האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער אידישער ליטעראַטור פון XVI יאָהרהונדערט אין צווי ריכטונגען: א) אין דער קריטישער אויספאָרשונג פון דער העברייאישער שפּראַך און פון דער אַלטער ליטעראַטור, און ב) אין דער נטיה צו פּלאַטאָנ׳ס פילאָסאָפיע אויפ׳ן חשבון פון אַריסטאָטעלעס׳עס.

דער ספרדי׳שער פערטריבענער יהודה לעאָן אברבנאל אָדער **לעאָ העברעאוס**, דער זוהן פונ׳ם בעריהמטען ר׳ יצחק אברבנל (§ 8), האָט אָנ- געשריבען אויף איטאַליעניש „דיאַלאָגען איבער ליעבע״, וואָס זיינען דורכגע- דרונגען מיט׳ן גייסט פון פּלאַטאָנ׳ס פילאָסאָפיע. די ליעבע אָדער די געגענזיי- טיגע צוציהונג פון די טיילכעלעך מאַטעריע און גייסט בילדען, לויט דעם מחבר׳ס מיינונג, דעם בעלעבענדען און בעוועגענדען יסוד פון דער וועלט. דורך גאָטס ליעבשאַפט איז בעשאַפען געוואָרען די וועלט, דורך איהר ווערט די וועלט רעגירט און אויך דורך איהר ווערט רעגולירט די בעציהונג פונ׳ם מענ- שען צו גאָט, דער גלוסטען פון דער נשמה צו איהר ערשטען מקור. חכמה און גוטע מדות, גלויבען, וויסענשאַפט און שיינקייט, אַלצדינג, וואָס גיט אַ העכערן זין דעם מענשענס לעבען — דאָס אַלץ איז די אַנטפּלעקונג פון דער דאָזיגער ליעבע, פון דער נשמה צו גאָט. די פּלאַטאָנישע וועלט-אָנשויאונג פערשטעלט

אפילו אין לעאָ אברבנאל׳ס דאָקטרין די פּאָזיטיווע סיסטעם פון דער יהדות, — און דאָס האָט געגעבען די געלעגענהייט משער צו זיין, אַז דער מחבר פון די „דיאַלאָגען איבער ליעבע” האָט צום סוף פון זיין לעבען אָנגענומען קריסטענטום (דער קריסטליכער אַרויסגעבער פונ׳ם בוך, אין יאָהר 1535, האָט אַרויסגעשטעלט אויפ׳ן שער-בלאַט די דאָזיגע השערה, ווי אַן אמת׳ען פאַקט).

אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס האָט זיך אַרויסגעוויזען די פערבינדונג צווישען די אידישע און קריסטליכע געלערנטע אויפ׳ן באָדען פון דער שפּראַך-פאָרשונג און שטודיום פון דער ביבלישער ליטעראַטור. די ליעבע צום גריכיש-רוימישען אַלטערטום האָט אַרויסגערופען ביי די געבילדעטע קריסטען אַ שטרעבונג אויסצופאָרשען די אַנדערע קלאַסישע וועלט — די אַלט-אידישע, און היות ווי דער שליסעל צו דער דאָזיגער אויספאָרשונג האָט געגעבען די העברייאישע שפּראַך, דעריבער איז די לעצטע, צוגלייך מיט דער לאַטיינישער און גריכישער, געוואָרען איינער פון די הויפּט-פּונקטען פון דער הומאַניסטישער וויסענשאַפטליכער פּראָגראַם. קריסטליכע געלערנטע פלעגען לערנען העברייאיש און אידישע ליטעראַטור ביי אידישע געלערנטע, מיט וועלכע זיי פלעגען טייל-מאָלס שליסען גוטע פריינדשאַפט.

דער דאָקטאָר ר׳ עובדיה ספורנו, וואָס האָט געלעבט אין רוים און אין באָלאָניאַ (געשט. 1550), האָט געלערנט די העברייאישע ליטעראַטור מיט׳ן בעריהמטען דייטשען הומאַניסט רייכלין, בשעת יענער איז געווען אין רוים. ספורנו האָט געשריבען אַ פירוש אויף תנ״ך; עטליכע זיינע ווערק מיט אַ געצירטער לאַטיינישער ווידמונג האָט ער אַוועקגעשיקט צום פראַנצויזישען קיניג היינריך II.

נאָך מעהר האָט אויפגעטאָן פאַר דער פערשפּרייטונג פון דער העברייאישער שפּראַך-פאָרשונג ר׳ יהודה הלוי לעוויטאַ (1469 — 1549). אַ געבירטיגער פון דייטשלאַנד, האָט לעוויטאַ פערבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין אומגליקליכען און פערוואָגעלטען לעבען אין איטאַליען. ער האָט געוואוינט אין פּאַדואַ און ווענעדיג, וואו ער האָט געלערנט מיט תלמידים העברייאישע גראַמאַטיק, און דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אין רוים. דאָ האָט ער זיך בעפריינדעט מיט׳ן קאַרדינאַל עגידיאָ דע-וויטערבאָ, וואָס האָט ביי איהם געלערנט לשון-קודש. אַדאַנק דעם קאַרדינאַל׳ס אונטערשטיצונג האָט לעוויטאַ אָנגעשריבען אַ רייה לעהר-ביכער, ווי אַזוי צו לערנען די העברייאישע שפּראַך און איהרע דיאַלעקטען. פּאָפּולער איז געוואָרען זיין העברייאישע גראַמאַטיק „ספר הבחור” (נאָכ׳ן נאָמען פונ׳ם דאָזיגען חיבור איז לעוויטאַ מעהר בעוואוסט צווישען אידען ר׳ אליהו בחור) און די תלמודיש-אַראַמישע ווערטער-ביכער „תשבי” און „מתורגמן”.

בשעת קאַרל V-טענס חייל האָט צעראַבירט רוים (1527), האָט לעוויטאַ אָנגעוואָהרען זיין פערמעגען און האָט זיך אויפ׳סניי בעזעצט אין ווענעדיג, און האָט זיך פערנומען מיט קאָרעקטור אין אידישע דרוקערייען. דאָ האָט ער אָנ-

געשריבען זיין ווערק וועגען דער „מסורה" (דער אָרטאָגראַפיע פון תנ"ך), וואו ער האָט בעוויזען, אַז די נקודות אין דער העברייאישער ליטעראַטור זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אין אַ שפּעטערדיגער צייט, ערשט נאָכ'ן תלמוד, און בכן איז דער אָנגענומענער אופן, ווי אַזוי מען זאָגט אויס די ווערטער פון תנ"ך, אָבהייניגיג נאָר פון דער טראַדיציע. דער דאָזיגער דרייסטער אויספיהר, וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפען דער ביבעל-קריטיק, האָט אַרויסגערופען לעבהאַפטע ויכוחים צווישען די טעאָלאָגען. דעם בעוואוסטער סעבאַסטיאַן מינסטער, רייכלינס תלמיד, האָט איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פונ'ם דאָזיגער ספר אויף לאַטייניש.

לעוויטאַ האָט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט קריסטליכע געלערנטע פון פערשיידענע לענדער. דער פראַנצויזישער קיניג פראַנץ I האָט איהם פאָרגעלייגט די שטעל פון אַ פּראָפעסאָר אין פּאַריזער אוניווערסיטעט, נאָר לעוויטאַ האָט זיך אָבגעזאָגט פונ'ם דאָזיגען פאָרשלאָג, — אפשר דערפער וויל ער, אַלס איד, וואָלט געוועזן לחלוטין איינזאַם אינ'ם דאָזיגען לאַנד, וואָס האָט אַנומעלט אַרויסגעטריבען זיינע פאָלקסברידער. ער איז געשטאָרבען נאָך אַ לאַנגען אַרבייטס-לעבען אין ווענעדיג, אין יאָהר 1549.

לעוויטאַ'ס פערבינדונגען אין קריסטליכע קרייזען האָבען געהאַט טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר זיין משפחה. צוויי זיינע אייניקלעך פון זיין טאָכטער (וויטאָריאָ עליאַנאָ און שלמה ראָמאַנאַ) האָבען אָנגענומען דעם קריסטענטום און זיינען געוואָרען איינפלוסרייכע מיטגלידער פון יענער קאַטוילישער גייסטליכקייט, וואָס האָט אין דער עפּאָכע פון דער רעאַקציע עפענטליך געברענט דעם תלמוד און דורכגעפיהרט אין לעבען די אכזריות'דיגע בולעס פון די פויפּסטען קעגען די אידען.

דער פאָטער פון דער אידישער היסטאָרישער קריטיק איז ר' ע ז ר י ה ד ע ר אָ ס י (מן האדומים). ער איז געבאָרען געוואָרען אין מאַנטואַ אַן ערך אין יאָהר 1514, האָט געלעבט אין באָלאָניאַ, סאַביאָנעטאַ און פעראַראַ, וואו ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1578. דאָס איז געווען אַ פיעלזייטיג געבילדעטער מאַן, וואָס האָט גרינדליך אויסגעשטודירט, חוץ דער העברייאישער ליטעראַטור, אויך די ווערק פון קלאַסישען אַלטערטום, פון די קירכען-פאָטערט און פון די בייסטע איטאַליענישע הומאַניסטען. די ריכטונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער ליטעראַטור, האָט געפיהרט דע ראָסי אין געביט פון די היסטאָריש-פילאָלאָגישע פאָרשונגען. ער האָט געוואָלט נעהענטער בעקאַנט מאַכען זיינע פאָלקסברידער מיט דער טעטיגקייט פון פילון און יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס האָבען אין זיך פעראייניגט איינצייטיג די ירושה פון דעם אידישען און אויך פון גריכיש-רוימישען אַלטערטום.

נאָך דער גרויסער ערדציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין פעראַראַ אין יאָהר 1570, האָט ראָסי אָנגעשריבען זיין ווערק „מאור עינים" אין דריי חלקים, וואָס איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין מאַנטואַ אין יאָהר 1574. דער ערשטער טייל פונ'ם ספר בעשטייהט פון דער בעשרייבונג פון דער ערדציטער-

יש, דער צווייטער טייל—פון דער איבערזעצונג פונ׳ם אַריסטעאַס-בוך, וואו עס ווערט דערציילט, ווי אַזוי עס איז געמאַכט געוואָרען די אַלטע איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש (תרגום פון די שבעים זקנים), און דער דריטער טייל — דער וויכטיגסטער — ענטהאַלט אַ רייה מערקווירדיגע פאָרשונגען וועגען פילון אַלכסנדרוני, וועגען די אידישע פּאַרטייען אין דער עפּאָכע פון צווייטען בית-המקדש און בעזונדערס וועגען די אסיים, וועגען די אמת׳ע ביכער פון יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס אַ טייל פון זיי איז געווען בעוואוסט די מיטעלאַלטער-ליכע אידען נאָר אין אַ פערקירצטער בעאַרבייטונג, און וועגען דער כראָנאָלאָגיע פון דער אַלטער געשיכטע פון אידען.

הגם דער מחבר איז געווען זייער פאָרזיכטיג אין זיינע אויספיהרונגען, ווייל ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל איהם ניט בעשולדיגען אין אַפּיקורסות, פונדעסטוועגען האָט שוין אַרויסגערופען אומצופרידענקייט צווישען די רבנים דער פאַקט גופא, וואָס ער האָט זיך דערוועגט איינצופיהרען די קריטישע פאָר-שונג אינ׳ם געביט פון די הייליגע טראַדיציעס און אויסצופּרובען די ריכטיגקייט פון די בעהויפּטונגען פונ׳ם תלמוד. בכדי צו בעזייטיגען די טענות, וואָס מען האָט אַרויסגעשטעלט קעגען זיין ספר, האָט ראָסי אָנגעשריבען אַן אַפּאָלאָגיע אויף איהם מיט׳ן נאָמען „מצרף לכסף“, נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. די מאַנטוער רבנים האָבען געאַסר׳ט צו לייענען דעם ספר „מאור עינים“ יונגע לייט אינגער פון 25 יאָהר. מען דערציילט, אַז דער מחבר פונ׳ם „שלחן ערוך“, ר׳ יוסף קרא, האָט געוואָלט אַריינליגען אין חרם דע-ראָסי, ווי אַ געפעהרליכען אַפּיקורס, און נאָר דער טויט האָט איהם געשטערט צו פערווירקליכען זיין פּלאַן. צווישען דעם פערנאַרער הומאַניסט און דעם צפת׳ער מיסטיקער איז בעשיימפער-ליך געלעגען אַ טיעפער תהום.

דער גייסט פון קריטיציזם בנוגע צו די היסטאָרישע מאָנומענטען פון אידישען פאָלק האָט געמוזט ביי זיין ווייטערדיגער ענטוויקלונג אָנריהרען אויך דעם קרייז פון די רעליגיעזע מאָנומענטען, סיי די אַלטע און סיי די שפּע-טערדיגע, וואָס זיינען געווען פערהייליגט דורך דער טראַדיציע און וואָס מען האָט געהאַלטען, אַז די קריטיק טאָר זיי ניט אָנריהרען. נאָר עס איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַן אָפענער און פרייער בעטראַכטונג פון דער היסטאָ-רישער עוואָלוציע פון דער יהדות, — און די איינציגע פערזאָנען, וואָס זיי האָט פערכאַפּט דער דאָזיגער פאָרשונגס-גייסט, האָבען געמוזט בעהאַלטען זייער אידייען אָדער אויסדריקען זיי דורך רמזים. חוץ דעם, וואָס די אידישע פריי-דיינקער פלעגט אויסקומען צו ליידען פון דער אויסווייניגסטער סביבה — פלעגען זיי אַ סך ליידען פון זייער אינעווייניגסטע שפּאַלטונג, פון דער צוויי-זייטיגקייט פונ׳ם געדאַנק, וואָס האָט זיך געוויגט צווישען טראַדיציע און קריטיק, בלינדען גלויבען און וויסענשאַפטליכער קענטשאַפט.

די דאָזיגע צווייזייטיגקייט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער טעטיגקייט פון דעם בעגאַבטען שריפטשטעלער, דעם מיטגליד פון דער רבנישער קאָלעגיע אין ווענעדיג, ר׳ יהודה ליאון ד׳מודינאַ (1571 — 1648). אַ פיעלזייטיג

געבילדעטער מאַן, אַ תלמודיסט און אַן אויפגעקלערטער הומאַניסט אין איטאַליענישען גוסט, אַ גייסטליכער אָראַטאָר און וועלטליכער שריפטשטעלער, אַ רב און אַ פריידיינקער, — איז מודינא סיי אין לעבען און סיי אין דער ליטעראַטור געווען פול מיט הפוכים און סתירות. יונגערהייד האָט ער אָנגעשריבען אַ ספר קעגען קאָרטען-שפיעל, און אַליין איז ער געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין׳ם דאָזיגען שפיעל, אַז ער פלעגט אָפטמאָלס פערגעסען זיין גייסטליכע ווערדע. אויף דער בימה אין שול פלעגט ער דרש׳ען אין׳ם גייסט פון שטרייגער אָרטאָדאָקסיע, און ביי זיך אין קאַבינעט האָט ער געשריבען זאַכען, וואָס אויב מען וואָלט זיי פערעפענטליכט, וואָלטען זיי איהם געקאָנט אַוועקשטעלען אין דער לאַגע פון אַ גרויסען אַפיקורס.

מודינא האָט געשריבען אַ מאָל פאַר אידען און אַ מאָל פאַר קריסטען ביכער מיט אַ גאַנץ פערשיידענעם אינהאַלט: תלמודישע פאָרשונגען, דרשות און רעדעס צוליעב פערשיידענע געלעגנהייטען, אַ בוך וועגען די אידישע רעליגיעזע צערעמאָניעס אויף איטאַליעניש (1638), אַ זאַמלונג פון רפואות און קמיעות, אַ לעהרבוך, ווי אַזוי פערשטאַרקען דעם זכרון, שירים, פירושים אויף תנ״ך און אויף אגדתות. אין זיין פירוש אויף דער תלמודישער אגדה („בית יהודה״ אָדער „הבונה״) זאָגט ער אַרויס דורך רמזים פרייע געדאַנקען וועגען דער בעדייטונג פון די רעליגיעזע צערעמאָניעס און וועגען די טעאָריעס פון די אַלטע אַוטאָריטעטען.

אַ סך אָפענער האָט מודינא אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען אין צוויי מערקווירדיגע ספרים, וואָס ער האָט מורא געהאַט זיי צו פערעפענטליכען בשעת זיין לעבענס-צייט און וואָס זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען אין 200 יאָהר אַרום נאָך זיין טויט. אין איינעם פון זיי („ארי נוהם״) צעשטערט ער דעם גאַנצען בנין פון דער קבלה און בעווייזט, אַז זי האָט ניט די געטליכע אָבשטאַמונג, וואָס מען שרייבט איהר צו, אַז איהרע הייליגע ספרים, אַ שטייגער ווי דער „זוהר״, זיינען געפעלשט, און אַז די טעאָסאָפיע פון די מקובלים גייט שאַרף להיפוך קעגען דער ריינער דאָגמאַטיק פון דער יהדות. אין׳ם אַנדער ספר „קול סכל ושעגת ארי״, וואָס איז אָנגעשריבען אין אַ פערמאַסקירטער פאָלעמישער פאָרם, גייהט מודינא נאָך אַ שריט ווייטער: ער פרובט צו צעשטערען דעם גלויבען אין דער געטליכער אָבשטאַמונג פון דער „תורה שבעל פה״ אָדער תלמוד, און בעווייזט, אַז די רבנישע געזעצגעבונג האָט ניט אויף וואָס זיך טומך צו זיין. „נאָכ׳ן פאַלען פון דער אידישער מלוכה, — זאָגט ער, — האָבען די אָנפיהרער פון פאָלק בעדאַרפט איינשטעלען אַ נייע אָרדענונג אויפ׳ן יסוד פון תורת משה, וואָס זאָל זיין צוגעפאַסט צום לעבען פון די אידען אין גלות, — און וואָס-זשע האָבען זיי געטאָן? אָנשטאָט מבטל צו זיין די קלייניגקייטען פונ׳ם געזעץ און בעפעסטיגען נאָר זיינע יסודות, האָבען די תנאים גענומען ביי די פרושים אַ סך לאו׳ען און מצוות-עשה׳ס, וואָס מאַכען נאָר שווער דאָס לעבען פון דער צעזייהטער אומה, און דאָס האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען „תורה שבעל-פה!״ דער מחבר איז דערגאַנגען צו יענע דרייסטע מסקנות, וואָס זיינען געוואָרען די גרונד-שטיינער

פון דער אידישער רעליגיעזער רעפאָרם אין XIX יאָהרהונדערט. אויב מודינאַ וואָלט זיך דערוועגט אַרויסצוזאָגען אָפען אַזעלכע אַפּיקורסישע געדאַנקען פאַר די מענשען פון זיין צייט, וואָלט ער געהאַט מסתמא פונקט אַזאַ טרויעריגען סוף, ווי אוריאל אַקאָסטאַ. נאָר ער האָט געהאַלטען אין זיך די דאָזיגע געדאַנקען, וואָס זייער דרייסטקייט האָט אפשר איהם גופא געשראָקען, און האָט נאָך דערצו אַלס רב געמוזט דרש'ען שטענדיג פונקט דעם היפוך דערפון.

פרידליכער האָבען זיך איינגעלעבט די סתירות פון די אידייען ביי מודינאַ'ס בן-דור, ר' יוסף שלמה דל מדיגא (1591 — 1655). אַ געבירטיגער פונ'ם אינזעל קאַנדיאַ און אַן אוראייניקעל פונ'ם פילאָסאָף ר' אליהו דל מדיגא (IV טייל, § 143), האָט ר' יוסף שלמה בעקומען זיין בילדונג אין איטאַליען יונגערהייד האָט ער בעזוכט דעם אוניווערסיטעט אין פאַדואַ, וואו ער האָט געהערט לעקציעס איבער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע פון גאַליליי'ען גופא. אַן אומגעשטילטער דאָרשט נאָך וויסענשאַפט האָט בעוואויגען דלמדיגא זיך צו פערטיפען גלייכצייטיג סיי אין שטודיום פון מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, פיזיק, מעדיצין, און סיי אין תלמוד און קבלה. מיט דעם דאָזיגען דאָרשט נאָך וויסענשאַפט איז געווען ביי איהם פערבונדען אַ תשוקה צו רייזען. ער איז אַוועק אין יאָהר 1616 קיין עגיפטען, און אין קאַאירא האָט ער געהאַט אַ גלענצענדען ויכוח איבער מאַטעמאַטיק מיט אַ מוסעלמאַנישען געלערנטען. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט זיך דערנעהענטערט צו די קאַראַאימען און האָט צונויפגעקליבען אַ רייכע קאָלעקציע פון קאַראַאימישע ספרים. דערנאָך איז ער דורך וואָלאַכיע אַוועק קיין פוילען און ליטאָ. ער האָט געוואוינט ניט ווייט פון ווילנא און האָט געדיענט אַלס הויז-דאָקטאָר אין דער פאַמיליע פונ'ם ליטווישען פירשט ראַדזיוויל (1620). נאָר אויך דאָ איז ער געבליבען ניט לאַנג. אין גיכען איז דלמדיגא אַריבערגעפאָהרען קיין דייטשלאַנד, קיין האַמבורג און דערנאָך קיין אַמסטערדאַם, און צולעצט קיין פראַנקפורט, וואו ער האָט געקראָגען די שטעל פון אַ דאָקטאָר אין דער אידישער קהילה. געענדיגט האָט ער זיין וואַנדער-לעבען אין פראָג, אין יאָהר 1655.

די גרויסע ענציקלאָפּעדישע בילדונג, וואָס דלמדיגא האָט געהאַט, האָט איהם ניט געגעבען קיין קלאָרע וועלט-אָנשויאונג און קיין פעסטע איבערצייגונגען, נאָר אַדרבה זי האָט אַריינגעטראָגען אין זיין מוח אַ פּלאָנטעריש. ער האָט זיך תמיד געוואָרפען אַהין און אַהער צווישען וויסענשאַפט און טראַדיציע, פילאָסאָפיע און קבלה, און האָט זיך סותר געווען אויף איטליכען שריט און טריט. אין זיין הויפטווערק „אלים" (אַמסטערדאַם, 1629) פרובט ער צו פערענטפערן די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון דער נאַטור-וויסענשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, נאָר באמת איז לא די וואָס ער פערענטפערט זיי ניט, נאָר ער פערפּלאָנטערט זיי נאָך מעהר. אין זיין בריעף צו זיין גוטען פריינד, דעם געלערנטען ליטווישען קאַראַאים זרח, טאַדעלט ער שאַרף די קבלה, און דערנאָך גיט ער אַרויס צוויי ספרים („מצרף לחכמה", 1629; „נובלות חכמה", 1631), וואו ער זאָגט זיך אַרויס פאַר דער שיטה פון די „פראַקטישע מקובלים", פאַר

זייער מיינונג, אַז מען בעדאַרף זיך אָבשיידען פון דער וועלט, פאַר זייער גלויבען אין שדים און פאַר זייער מיסטישער משיחיות. דער געוועזענער תלמיד פון האַליי ווערט אַן אָנהייבגער פון אר״י און וויטאַל, פון סרוק און פון די עקזאַלטירטע פּאַלעסטינישע מיסטיקער. ליכט און שאָטען האָבען דעמאָלט געקעמפט אין די גייסטער, וואָס האָבען זיך געריסען צו פרייהייט פונ׳ם אייגענעם קריי פון געטאָ, נאָר זיי האָבען ניט געהאַט קיין כחות זיך אַרויסצורייסען פון איהר, כל זמן עס האָט זיך געהאַלטען דער אויסווייניגסטער רעזשים פון דער געטאָ, וואָס האָט צוגעשמידט דעם אידען צו דער גרויסער מאַסע דערנידעריגטע און דערשלאָגענע און וואָס האָט געשאַפען אַ שטימונג פון נאַציאָנאַלען צער און ביינקשאַפט, און דאָס האָט פערשטייהט זיך געשטערט די אויפקלערונגס-אידייע צו ענטוויקלען זיך און צו פונאַנדערבליהען.

דריטער קאפיטעל.

די אידען אין דייטשלאנד און עסטרייך אין דער עפאכע פון דער רעפארמאציע און פון די רעלי־גיאנס־קריג.

די נייע צייט און די אלטע רעכטלויזיגקייט. — מאקסימיליאן I. — די אידען איבע׳ם קאמפף פון די אסקוראנטען מיט די הומאניסטען. — פפעפערקארן און רייכלין. — די רעפארמאציע. — לוטער און די אידען. — דער קאמף פאר׳ן „רעכט“ אין דייטשלאנד. — עסטרייך, בעהמען און אונגארן. — דאס אינעווייניגסטע לעבען. — וויסענשאפטליכע און פאלקסטימליכע ליטעראטור.

די נייע צייט און די אלטע רערכטלויזיגקייט. — מאקסי־מיליאן I.

§ 14. בשעת עס איז אנגעקומען „די נייע צייט“ אין דער וועלטגעשיכטע, האט זי אנגעטראפען די אידען אין די שטאם־לענדער פון דייטשלאנד ביי אזעלכע תנאים, וואס זיינען אין פלוג געווען זייהר גינסטיגע פאר זייער קולטו־רעלען וואוקס. פון איין זייט האבען די שטרעבונגען פונ׳ם הומאניזם און פון דער רעפארמאציע בעדארפט שוואכער מאכען יענע ספעציפישע מיטעלאלטער־ליכע יסורים, פון וועלכע אידען האבען געליטען אונטער דער אבסאלוטער הערשאפט פונ׳ם קאטוילציזם און פון דער קלעריקאלער פאליטיק. פון דער אנדער זייט, האט די באביאנאלע בעדייטונג פונ׳ם אידישען צענטער אין דייטש־לאנד בעדארפט שטייגען נאכ׳ן פאלען פונ׳ם שפאנישען צענטער. נאכדעם ווי די ספרדים זיינען געווארען בעזייהט און צעשפרייט, האבען די אשכנזים פער־נומען דעם ערשטען ארט צווישען די אידישע ישובים אין די גלות־לענדער לויט זייער צאהל. זיי האבען געוואוינט אין בעדייטענדע מאסען אין א סך שטעדט פון דייטשלאנד, עסטרייך, עלזאס, בעהמען און מעהרען, און ביי זיי איז פער־בליבען זייער אווטאנאמע געמיינדע־ארדענונג און אייגענארטיגע קולטור. האט מען געקאנט אננעמען, אז דער אלטער אשכנזישער צענטער וועט זיך ענטוויקלען און וועט פערנעמען דעם ליידיגען ארט, וואס האט זיך געבילדעט נאכן שרעק־ליכען ספרדישען קריזיס.

נאָר די דאָזיגע אַלע האַפּענונגען זיינען פערווירקליכט געוואָרען נאָר צום טייל. די היסטאָרישע ווירקליכקייט גייהט ניט שטענדיג בהסכם מיט דער היסטאָרישער אידעאָלאָגיע. ניט אַלצדינג, וואָס עס בעדאַרף זיין לויט דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער געשיכטע, ווערט פערווירקליכט אין דער געגעבענער סביבה מיט אַ שטרייגער לאָגישער קאָנסעקווענץ, וואָרום אינאיינעם מיט אָפּענע אַלגעמיינע פאַקטען ווירקען דאָ די אָרטיגע תנאים, וואָס זיינען וויניגער בולט און וואָס בייטען אום בעדייטענד דעם רעזולטאַט פון היסטאָרישען פּראָצעס.

אַזוי איז אויך געווען אין דייטשלאַנד. די עפּאָכע פון הומאַניזם און רעפאָרמאַציע האָט אומעגליך געמאַכט אומצוקעהרען זיך צום מיטעלאַלטער, מיט זיין פויסט-רעכט, מאַסען-הריגות פון אידען, „אינעווייניגסטע” קרייץ-צוגען און ווילדע מהומות פון שוואַרצען טויט. נאָר די דאָזיגע נייע עפּאָכע האָט ניט אומגעביטען דעם פּאָליטישען און סאָציאַל-עקאָנאָמישען מצב פון פאָלק; די געזעלשאַפטליכע און שטאַנד-בעציהונגען האָבען אַלץ געטראָגען זייער מיטעלאַלטערליכען קאַסטען כאַראַקטער; עס זיינען געבליבען גילטיג אויך די רעכטלויזיגקייט און סאָציאַלע אָבגעזונדערטקייט פון אידען, וואָס זיינען געווען דער פועל-יוצא פון די דאָזיגע בעציהונגען. עס איז געווען וויניגער ווילדווילען, וויניגער מאַסען-פּאָגראָמען און געוואַלדטאַטען, אָבער עס איז געבליבען די פריהערדיגע סיסטעם פון פערשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע פון אידען, אַלס קייזערליכע „קאַמערקנעכט”, ס'איז ניט בטל געוואָרען דער אונערטרעגליכער דרוק מצד די אָרטיגע פערוואַלטונגען, די פעאָדאַלע און שטאָדטישע, דער דרוק „אויף אַ געזעצליכען יסוד”. דאָס אַזוי אָנגערופענע „אידען-רעכט” האָט אייגענטליך געמאַכט פאַר אַ געזעץ נאָר די פולקומענע בירגערליכע רעכטלויזיגקייט פון אידען אין דייטשלאַנד. זיין יסוד איז געווען דאָס איינזייטיגע רעכט פון די רעגירונגס-אַנשטאַלטען — פון'ם קייזער, פון די קורפירשטען און שטאָדטישע מאַגיסטראַטען — צוצולאָזען אָדער ניט צוצולאָזען אידען אין [illegible]דעם אָדער יענעם אָרט און איינצואָרדענען זייער עקאָנאָמישע טעטיגקייט, לויט ווי זיי, די רעגירער, האָט געפּאַסט.

ביי אַזעלכע תנאים איז ניט געווען קיין באָדען פאַר אַ ברייטער קולטורעלער ענטוויקלונג פון אידען אין דייטשלאַנד און עסטרייך ניט ערב און ניט נאָך דער רעפאָרמאַציע, ווי אויך ניט אין די קאַטוילישע און די פּראָטעסטאַנטישע געגענדען. די אשכנזים אין דער מעטראָפּאָליס האָבען געקאָנט נאָך ווי ס'איז איינהיטען זייער אייגענאַרטיגע געזעלשאַפטליך-גייסטליכע לעבענס-אָרדענונג, אָבער ניט ענטוויקלען זי. די לעצטע אויפגאַבע איז אויסגעפאַלען אויפ'ן גורל פון זייערע ברידער אין די געוועזענע אשכנזישע קאָלאָניעס — פּוילין און ליטאַ, וואו די אייגענאַרטיגע יודישע אָרדענונג און גינסטיגע עקאָנאָמישע תנאים האָבען געגעבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זייערע כחות.

די צרה פון די אידען אין דייטשלאַנד איז ערשטענס בעשטאַנען דערין, וואָס זייער לעבען איז געוואָרען רעגולירט ניט לויט'ן אָביעקטיווען פּרינציפּ

פון רעכט, נאָר לויט'ן סוביעקטיווען פּרינציפּ פון „דולדונג”, זיי האָבען געמעגט וואוינען אין לאַנד און אויסלעבען זיך, ניט ווייל זיי האָבען דאָס רעכט דערצו אַלס מענשען, נאָר ווייל דאָס ערלויבען די הערשענדע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט; צווייטענס — היות ווי אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט איז די הערשענדע מאַכט ניט געווען קיין איינהייטליכע, בכן איז די דאָזיגע „דולדונג”, די ערלויבעניש צו לעבען, געווען אָבהייניג ניט פון איין רעגירער, נאָר פון אַ סך. איבער דעם גורל פון אידען האָבען געהאַט צו זאָגען איטליכער לויט ווי איהם איז דאָס געווען וואוילגעפעלען, די קיסרים, קורפירשטען, פעאָדאַלען פירשטען און אַווטאָנאָמע שטעדט. אָפטמאָלס פלעגען די פערוואַלטונגען פון שטעדט אָדער פון גאַנצע געגענדען, אונטער דעם אַיינפלוס פון די אָדער יענע סיבות — מחמת האַנדעלס-קאָנקורענץ, רעליגיעזע פאָראורטיילען, נאַציאָנאַלער שנאה — אָבזאָגען זיך פון צו „דולדען” די אידען, דעמאָלט איז פאַר די אום-גליקליכע געבליבען די ברירה: אָדער זיך אַרויסקלייבען פון דער דאָזיגער בעגענד, אָדער זיך אונטערגעבען אונטער די ערנידעריגענדע תנאים, פון וועלכע מען האָט געקאָנט ווערן אויסגעלייזט נאָר דורך דער עמיגראַציע. עס איז געוועזן נאָך אַ מיטעל, צו אַפּעלירן צום קייזער, דעם העכסטען אַפּוטרופּוס און בעשיצער פון אידען, אָדער געגויער — דעם בעל-הבית פון די אידישע שקלאַפען, פון די שטייער-צאָהלער; אָבער אויך ער האָט ניט שטענדיג געוואָלט אָדער געקאָנט זיך אַריינמישען אין די ענינים פון די אַווטאָנאָמע פירשטען און שטעדט, און אויב ער פלעגט יאָ בעשיצען אַמאָל די אידען, האָט עס זיי געקאָסט צו טייער. זינט דעם סוף פון XV יאָהרהונדערט זעהען מיר אַ רייה גירושים פון פערשיידענע געגענדען און שטעדט פון דייטשלאַנד און עסטרייך, און די געגנאָד כונ'ם קייזער איז נאָר בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט ניט אַרויסגעלאָזען די פערטריבענע קיין אויסלאַנד — דערפון וואָלט דאָך קלענער געוואָרען די צאָהל פון זיינע לייב-אייגענע, וואָס צאָהלען איהם שטייער, — און האָט זיי געגעבען ערטער אויף צו וואוינען אין זיינע לענדער אָדער אין די לענדער פון אַנדערע פעאָדאַלען.

ווי עס דערציילט אַ מסורה, זאָל דער קייזער מאַקסימיליאַן I ‏(1493 — 1519) האָבען בעקומען פון זיין פאָטער פרידריך III ‏(IV, § 139) אַן עצה — ער זאָל בעשיצען די אידען, ווייל זיי זיינען די „קנעכט פון דער קרוין”. נאָר די מיליטאַרישע סיסטעם, וואָס האָט זיך געהאַט טיעף איינגעוואָרצעלט אין דייטשלאַנד — די סיסטעם פון אַרויסציהען ריוח פון דער אידישער בעפעלקערונג — האָט ניט ערלויבט מאַקסימיליאַנ'ען צו פאָלגען דער דאָזיגער גוטער עצה, וואָס איז מסתמא ניט שטענדיג ערפיהלט געוואָרען אַפילו דורכ'ן עצה-געבער גופא. זייהר אָפט האָבען די עגאָאיסטישע אינטערעסען פון די „שטאַנדען” אָדער פאָליטישע חשבונות בעוואוגען דעם קייזער מקריב צו זיין די נויטיגסטע אינטערעסען פון אידען.

גאָר אין אָנהויב פון מאַקסימיליאַנס רעגירונג האָט זיך אויפגעהויבען אין פערשיידענע ערטער פון דייטשלאַנד אַ אידען-פיינדליכע אַגיטאַציע, וואָס האָט,

ווי עס ווייזט אויס, געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָקאָרשט פאָרגעקומענעם גירוש פון די אידען פון שפּאַניען. אין יאָהר 1494 איז אין נירנבערג, אַדאַנק דער השתדלות פונ'ם אָרטיגען רייכען בירגער אַנטאָן קאָבערגער, אָבגעדרוקט געוואָרען דער אידענפיינדליכער בוך פונ'ם שפּאַנישען פראַנציסקאַנער אַלפאָנזאָ ד'עספינא (IV, § 155). דער גיפטיגער פּאַמפלעט האָט געמאַכט די ווירקונג, וואָס דער אַגיטאַטאָר האָט געוואָלט. דער שטאָדטישער ראַט פון נירנבערג האָט אָנגעהויבען זיך משתדל זיין ביים קייזער, ער זאָל ערלויבען צו פערטרייבען די אידען פון דער דאָזיגער שטאָדט „פאַר זייער פרייער אויפפיהרונג", וואָס איז בעשטאַנען אין פאָלגענדען: די אידישע קהילה פון נירנבערג האָט אויפגענומען אידישע אויסוואַנדערער פון אַנדערע ערטער און דורכדעם האָט זי זיך פערגרעסערט אין צאָהל מעהר, איידער דאָס איז געווען ערלויבט; אידען האָבען פערנומען עטליכע דירות פון קריסטען; די קהילה האָט אויפגענומען עטליכע חשוד'דיגע מענשען, און צולעצט — די אידישע וואָכערער נעמען צו-גרויסע פראָצענטען אויף הלוואות און שטעלען בדלות זייערע בעלי-חובות. האָט דער קייזער בעפרידיגט די השתדלות פון די נירנבערגער בירגער (1498) און האָט זיי ערלויבט צו בעשטימען אַ צייט, ווען די אידען מוזען זיך אַרויסקלייבען. אין משך פון פיער חדשים האָבען די אומגליקליכע זיך געמוזט אַרויסקלייבען אין וועג אַריין, נאָר דערנאָך האָבען זיי אויסגעבעטען, מען זאָל זיי ערלויבען צו זיין נאָך דריי חדשים. דעם 10-טען מערץ פון יאָהר 1499 האָבען די לעצטע גרופּעס אידען פערלאָזען נירענבערג, און די אַלטע אידישע קהילה אין דער דאָזיגער שטאָדט איז בטל געוואָרען. די פערטריבענע האָבען זיך בעזעצט צום גרעסטען טייל אין פראַנקפורט ביים מיין, וואו די לאַגע פון אידען איז סיי ווי ניט געווען קיין געהויבענע. אַלע זייערע בחלאות אין נירענבערג — הייזער, שולען און בית-עלמינ'ס — האָט צוגענומען פאַר זיך די שטאָדט, וואָס האָט דערפאַר אָבגעצאָהלט אין דער קייזערליכער קאַסע 8350 גולדען. דורך דעם חרוב'ען בית-עולם האָט מען געמאַכט אַ גאַס, וואָס איז געוואָרען אויסגעברוקירט מיט די מצבות, וואָס מען האָט פון דאָרט גופאָ אַראָבגענומען. די קריסטליכע בירגער האָבען זיך אויסגעקליגט אַרויסצוציהען אַ נוצען אפילו פון די טויטע אידען. די שטאָדט האָט געקראָגען פון קייזער אַ „פּריווילעגיע" — אויף להבא ניט צוצונעמען קיין אידען. און באמת טאַקע, זינט יענער צייט פלעגען נאָר זעלטען ווען קומען צו פאָהרען קיין נירענבערג אייבצעלנע אידען אויף אַ קורצער צייט צוליעב האַנדעלס-געשעפטען; אָבער די אידישע קהילה איז ווידער אויפגעריכט געוואָרען דאָרט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָהרהונדערט.

אין מאַקסימיליאַן I-טענס רעגירונגס-צייט זיינען די אידען פערטריבען געוואָרען אויך פון עטליכע אַנדערע דייטשע שטעדט: פון מאַגדעבורג (1493), נערדלינגען (1507) און קאָלמאַר אין עלזאַס (1510).

נאָר ניט שטענדיג האָט דער קייזער צוגעלאָזט אַזעלכע גראָבע געוואַלדטאַטען קעגען אידען מצד די אָרטיגע פערוואַלטונגען, — און אין אַזעלכע פאַלען

פלעגט אַרויסקומען צווישען דער אונטערדריקטער קהילה און דער אַדמיניסט־ראַציע אַ קאַמף מיט ניט קיין גלייכע כחות, וואָס פלעגט האַלטען די אידישע בעפעלקערונג אין אַ צושטאַנד פון גרויסער אויפרעגונג. די אַלטע אידישע קהילה און רעגענסבורג, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזאַ אומרוהיגען צושטאַנד נאָך אין די צייטען פון פרידריך III (§ 139), האָט ניט געקאָנט זיך בערוהיגען אויך אין מאַקסימיליאַן I־טענס צייט. די קאָנקורענץ פון די סוחרים און בעלי־מלאכות און דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָבען זיך דאָ פעראייניגט, בכדי צו פערביטערן די אידען דאָס לעבען. דער מאַגיסטראַט פון מאַגדעבורג, אונטערגעהעצט דורך די קריסטליכע סוחרים, בעלי־מלאכות און מאָנאַכען, האָט שטענדיג געפאָדערט, מען זאָל פערטרייבען די אידען פון שטאָדט. נאָר מאַקסימיליאַן האָט, פונקט ווי זיין פאָטער, ניט געגעבען זיין הסכמה דערצו. האָבען דער מאַגיסטראַט און די גייסטליכקייט געפרובט צו באָיקאָטירען אידען, דורכדעם וואָס זיי האָבען פערזאָגט ניט צו פערקויפען זיי מעהל און תבואה און ניט צו קויפען ביי זיי קיין זאַך,— נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפען. די אידען זיינען געבליבען וואוינען אין רעגענסבורג, הגם זיי האָבען זיך דאָרט געפיהלט, ווי שאָף צווי־שען וועלף.

ערשט נאָך מאַקסימיליאַנס טויט האָט די אידענפיינדליכע פאַרטיי אין רעגענסבורג געקאָנט פערווירקליכען איהר לאַנג געווינשטען פלאַן. זי האָט אויס־גענוצט די קורצע צייט, בשעת עס איז ניט געווען קיין קייזער אין דייטשלאַנד, און האָט בעוואויגען דעם מאַגיסטראַט אָנצונעמען אַ החלטה וועגען פערטרייבען די אידען פון רעגענסבורג (פעברואַר 1519). בכדי צוצוגעבען דעם דאָזיגען געוואַלד־אַקט אַ געזעצליכע פאָרם, האָט מען געמאַכט אַ קאָמעדיע פון אַ פאָלקס־דעמאָנסטראַציע: אַ המון קריסטליכע בעלי־מלאכות זיינען געקומען צום ראָטהויז און האָבען געשריען, אַז אין דער פעראָרימונג פון דער שטאָדט זיינען שולדיג די אידען, וואָס האָבען אַריינגענומען אין זייערע הענד דעם האַנדעל, בעזונדערס מיט וויין און אייזען, און וואָס פיהרען אַרויס תבואה קיין אויטלאַנד. האָט דער מאַגיסטראַט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער גיט כלומרשט נאָך דעם פאָלקס פאָדערונג, און האָט געשווינד מודיע געווען די אידען, אַז זיי מוזען פערלאָזען רעגענסבורג אין משך פון פינף טעג; דעם דאָזיגען טערמין האָט מען דערנאָך פערלייגערט נאָך אויף דריי טעג. די פערטריבענע האָט מען ערלויבט צו נעמען מיט זיך זייערע קאַפּיטאַלען און מטלטלים; אַלע חובות, וואָס קריסטען זיינען שול־דיג געווען אידישע קרעדיטאָרען, האָט די שטאָדט אָבגעקויפט ביי די אידען פאַר אַ נישט־ווערדיגע סומע. העכער 500 פערטריבענע האָבען פערלאָזט די שטאָדט רעגענסבורג און זיינען אַריבערגעפאָהרען אויף שיפלעך אויף יענער זייט טייך דאָנוי, אין לאַנד פון די ביירישע הערצאָגען. איידער די אידען זיינען אַוועק, האָבען די קריסטען זיי אונטערגעטריבען, זיי זאָלען וואָס גיכער אויסראַמען די שול,— און ווי נאָר די פערטריבענע האָבען בעוויזען אַרויסצונעמען פון דאָרט די ספרי־תורות, האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען אין דער שיינער געמויערטער שול ברעך־אייזענס און העק; די פרומע קאַטויליקען האָבען זיך געאיילט צו צעשטערען „דעם טייוועלס סינאַגאָגע“, בכדי אויסצובויען אויף איהר אָרט אַ קירך.

אויף דער גיך האָט מען דאָרט געמאַכט אַ קאַפּליצע, בכדי צו הייליגען דעם אָרט, און שפּעטער איז דאָרט אויסגעבויט געוואָרען אַ קירך מיט׳ן נאָמען פון „דער שיינער מאַריאַ״.

נאָך אומזיכערער איז געווען דער מעמד פון אידען אין די עסטריי־כישע לענדער. די איינוואוינער פון שטיריען און קערנטען האָבען געבעטען דעם קייזער מאַקסימיליאַן I, ער זאָל פערטרייבען די אידען פון די דאָזיגע געגענדען, און האָבען איהם צוגעזאָגט ממלא צו זיין די היזקות, וואָס ער וועט האָבען דערפון, וואָס עס וועלען פעהלען די אידישע אָבצאָהלונגען. האָט דער קייזער ממלא געווען זייער בקשה: די אידען האָבען זיך אַרויסגעקליבען פון די דאָזיגע פּראָווינצען (1496), נאָר זיי האָבען געקראָגען דאָס רעכט צו וואוינען אין עטליכע אונגאַרישע גרעניץ־שטעדט (מאַרשעג, אייזענשטאַדט און אַנד.)

די דאָזיגע מעשה האָט אויך צוגעגעבען מוט די פּאָרשטייהער פון די „שטאַנדען״ אין וויען און אין אַנדערע נידער־עסטרייכישע שטעדט זיך משתדל צו זיין, מען זאָל פערבאַטען „די שונאים פון קריסטוס׳ן און פון דער מאַמע מאַריאַ״ צו וואוינען און צו האַנדלען אין ראַיאָן פון נידער־עסטרייך. דער קייזער האָט מסכים געווען די גוטע כונות פון די שטאַנדען, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער זיך ניט געאיילט אַרויסצוגעבען אַ בעפעהל וועגען פערטרייבען די אידען, וואָרום ער איז געווען געאיינגט אין געלד און דאָס האָט איהם געצוואונגען צו זשאַלעווען די הכנסות, וואָס ער האָט געהאַט פון די אידען. די שטאַנדען פּאָר־שטייהער זיינען שטאַרק צוגעשטאַנען צו מאַקסימיליאַנ׳ען מיט זייערע טענות און בקשות, האָבען איהם פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס ער איז צוגעלאָזט צו „די יעניגע, וואָס במעט פון אומעטום טרייבט מען זיי אַרויס״, און פאַרוואָס ער ערלויבט די אידען, וואָס מען שיקט אַרויס פון איין פּראָווינץ, זיך צו בעזעצען אין אַנדערע פּראָווינצען. אויף די דאָזיגע טענות האָט דער קייזער אין יאָהר 1518 געגעבען אַ כאַראַקטעריסטישען ענטפער: ער געפינט פאַר גוט דעם געדאַנק צו פערטריי־בען אידען פון עטליכע ערטער, אָבער ער קאָן ניט דערלאָזען, אַז מענשען, וואָס זיינען דער קרוינס אייגענס, זאָלען אַלע מיט אַמאָל עמיגרירען קיין אויס־לאַנד, און דערפאַר ערלויבט ער זיי צייטווייליג צו וואוינען אין עסטרייך, אין עטליכע גרעניץ־שטעדט; אָבער פון וויען און פון איהר ראַיאָן מוזען אַלע אידען זיך אַרויסקלייבען, חוץ איינעם מיט׳ן נאָמען הירשעל, וואָס האָט זיך פער־נומען מיט גרויסע קרעדיט־אָפּעראַציעס. דער גירוש פון אידען פון וויען און נידער־עסטרייך איז פאָרגעקומען נאָך אין דעמזעלביגען יאָהר.

ביי אַזעלכע תנאים, ביי דער אומבעזיכערטקייט פון די דייטשע אידען בנוגע צום סאַמע עלעמענטאַרען רעכט און ביי זייער פולקומענער אָבהייניגקייט פון די פיינדליכע „שטאַנדען״ אָדער פונ׳ם קייזערס פינאַנציעלע חשבונות, — האָט געמוזט אויפקומען אַ ספּעציעלע אידישע פערטרעטונג, וואָס זאָל מיט די דעמאָלט מעגליכע מיטלען פערטיידיגען די אינטערעסען פון דער גע׳רודפ׳טער נאַציע פאַר דער רעגירונג. זינט דעם אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט ענטוויקעלט זיך בעזונדערס די טעטיגקייט פון די שתדלנים, וואָס האָבען אַ כח־הרשאה

אַרויסצוטרעטען אָדער אין נאָמען פון איינצעלנע אידישע קהילות אָדער אין נאָמען פון׳ם גאַנצען אידישען קיבוץ אין דייטשלאַנד. אזא מין הויפט-שתדלן, ר׳ יוזילמאַן פון ראָסהיים (1478 — 1554), האָט געשפּיעלט אין משך פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט אַ וויכטיגע ראָל אין לעבען פון די דייטשע אידען.

אַ געבירטיגער פון עלזאַס, האָט ר׳ יוזילמאַן נאָך יונגערהייד איבערגעלעבט די צרות, וואָס זיינע פּאָלקסבריןדער האָבען געהאַט אויסצושטייהן אין דער דאָזיגער פון שטענדיג אָן אידענפיינדליכער פּראָווינץ. דאָס, וואָס די אידען זיינען געווען אַזוי רעכטלאָז און שוצלאָז — האָט בעוואויגען דעם דאָזיגען מענשען, וואָס האָט זיך געגרייט צו ווערען אַ רב, מקריב צו זיין אַלע זיינע כחות, בכדי צו פערטיידיגען כאָטש די קנאַפּע רעכט פון זיינע גע׳רודפטע ברידער. ר׳ יוזילמאַן האָט אָנגעהויבען זיינע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט אַלס פאָרשטייהער פון די עלזאַסער אידישע קהילות. זינט דעם יאָהר 1510 טרעט ער אָפטמאָלס אַרויס אַלס שתדלן פאַר די אידען פון פערשיידענע ערטער ביים קייזער, ביי די סיימען, קורפירשטען, מאַגיסטראַטען. בּיסלעכווייז נעמט זיין טעטיגקייט אַרום דעם אינטערעסען-קרייז פון אַלע אידישע קהילות אין דייטשלאַנד. ער ווערט אָפיציעל אָנערקענט פאַר׳ן „רעגירער און מנהיג פון די אידען". וואו נאָר אידען האָבען זיך געפונען אין סכנה צו ווערען פערטריבען אָדער בעגרעניצט צו ווערען אין זייערע רעכט, וואו נאָר עס מאַכט זיך עפּיס אַ בלבול קעגען זיי, קומט ר׳ יוזילמאַן געשווינד צו הילף; אַמאָל קומט ער צו די רעגירונגען מיט דאָקומענטען אין די הענד — מיט אַלטע קייזערליכע דקרעטען אָדער „פּריווילעגיעס" פון אידישע קהילות, אַמאָל מיט בקשות וועגען גערעכטיגקייט, וואָס ווערען דערצו טיילמאָלס נאָך אונטערשטיצט דורך אַ געלד-אויסקויף.

אין יאָהר 1515 האָט ער זיך משתדל געווען פאַר די גע׳רודפ׳טע עלזאַסער אידען, און אין צוויי יאָהר אַרום האָט ער געקראָגען פאַר זיי פון׳ם קייזער שוץ-בריעף. אין דערזעלביגער צייט האָט ער פערהיט די סכנה, וואָס האָט געשוועבט אויף די מאַינצער אידען, ווייל דער נייער קורפירשט — דער ביסקופּ אַלבערט — האָט זיי געוואָלט פערטרייבען פון שטאָדט; ר׳ יוזילמאַן האָט זיך משתדל געווען פאַר זיי ביים קייזער און האָט געפועל׳ט ביי איהם, ער זאָל אַרויסגעבען אַ שטרייגען בעפעהל צום קורפירשט, ער זאָל די אידען ניט פערטריבען (1517). נאָך בעזונדערס ברייט האָט זיך פונאַנדערגעוויקעלט די טעטיגקייט פון׳ם אידישען שתדלן שפּעטער אין דער שטורמישער רעגירונגס-צייט פון קאַרל V, אין דער עפּאָכע פון דער רעפאָרמאַציע.

די אידען אינ׳ם קאַמף פון די אָבסקוראַנטען מיט די הומאַניסטען; פפעפּערקאָרן און רייכלין.

§ 15. די רעכטלויזיגקייט און דער נידעריגער סאָציאַלער מעמד פון די אידען האָט נאָך אַליין ניט בעפרידיגט די דייטשע קלעריקאַלען און יענע מענשען

וואָס מען האָט זיי אין יענער צייט געגעבן דעם שאַנד-נאָמען „פינסטערע לייט": די דאָזיגע לייט האָבן געוואָלט דערנידעריגן און רודפ'ן ניט בלויז די אידען, נאָר אויך די יהדות. פאַר זיי האָט געשוועבט דער אידעאַל פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע: רדיפות קעגען גלויבען, שפּיאָנאַזש אין די הערצער, אַריינדרינגען אין גייסטיגען לעבען פון די אַנדערשגלויביגע, אויטאָ-דאַ-פעס אויף זייערע רעליגיעזע ספרים. און דער גאַנצער צוזאַמענהאַנג פון די היסטאָרישע געשעהענישען האָט געבראַכט דערצו, אַז די נייע מלחמה פון די דייטשע קלעריקאַלען קעגען דער יהדות איז געוואָרען איינער פון די גורמים פון יענעם בעדייטונגספולען קאַמף צווישען די „פינסטערע לייט" קעגען די הומאַניסטען, וואָס איז פאָרגעקומען ערב לוטערס רעפאָרמאַציע. ניט קיין מקרה-זאַך איז געווען דאָס, וואָס די אונטערדריקטע יהדות איז געשטאַנען אין דעם פרט גלייך מיט דער גע'רודפ'טער פריידענקעריי, מיט דער „אַפּיקורסישער" קריטיק פונ'ם מיטעלאַלטער, מיט די שטרעבונגען צו גייסטיגער בענייאונג, און ניט צופעליג האָבען די אָבסקוראַנטען, וואָס האָבען געשטרעבט צו פערהאַלטען דעם וואוקס פון די נייע אידייען, געמאַכט די אידענפיינדשאַפט פאַר'ן צענטער פון זייער פּאָליטיק.

אין דער הויפט-קוואַרטיר פון די דייטשע קלעריקאַלען, אין דער שטאָדט קעלן, איז געווען צו מערקען אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט אַ ניט-געוויינליכע בעוועגונג. אין דער דאָזיגער „נעסט פון נאַכטפויגלען", וואו עס האָבען געהערשט די דאָמיניקאַנער, וואו עס האָבען געקעמפט פאַר קאַטוילּיציזם, אומטאָלעראַנץ און סכאָלאַסטיק — דער אינקוויזיציאָנס-ריכטער האָכשטראַטען, דער פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע אַרנאָלד פון טאָנגערן, דער געלערנטער אָרטואין גראַציוס און אַנדערע מפורסמים צווישען דער קאָלעקציע „פינסטערע לייט", — איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דער סיגנאַל צום קאַמף קעגען דער יהדות און דער אידישער ליטעראַטור. מען איז אויסען געווען פון איין זייט צו דערנידעריגען די אידישע ליטעראַטור, וואָס מיט איהר האָבען זיך דעמאָלט אינטערעסירט די הומאַניסטען, און פון דער אַנדער זייט — זיך אַריינצורייסען, פּונקט אַזוי ווי די שפּאַנישע קלעריקאַלען, אין רעליגיעזען לעבען פון אידען, בכדי צו צוגרייטען אַ באָדען פאַר מאַסען-שמד'ען.

דער געצייג פון די קעלנער דאָמיניקאַנער אין דער דאָזיגער אַגיטאַציע איז געווען דער גע'שמד'טער איד יאָהאַנעס (יוסף) פּפעפערקאָרן פון מעהרען, אַ מענש מיט זייהר אַ טונקעלער פערגאַנגענהייט, אַ געוועזענער קצב, וואָס האָט בוגד געווען קעגען זיין רעליגיע, נאָכדעם ווי מען האָט איהם געכאַפּט ביי אַ קרימינעלען פערברעך — ביי אַ גנבה, און ער האָט פאַר חרפּה ניט געקאָנט מעהר לעבען צווישען זיינע פאָלקס-ברידער. ערביטערט קעגען זיינע געוועזענע גלויבענס-ברידער, האָט פּפעפערקאָרן זיך געשטעלט אין דיענסט פון די קעלנער דאָמיניקאַנער, און אונטער זייער שוץ האָט ער אָנגעהויבען אַגיטירען קעגען אידען און יהדות. אין די יאָהרען 1507 — 1509 זיינען געוואָרען פערעפענטליכט פיער פּאָלעמישע בראָשורען, וואָס די קעלנער דאָמיניקאַנער האָבען

פערפאסט לויט פפעפערקאָרנ'ס מאַטעריאַלען און וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אונטער זיין נאָמען („דער יודענשפיגעל", „דער אידענרייכט" „אָסטער-בוך", „דער אידענפיינד"). אין די דאָזיגע פאַמפלעטען רעקאָמענדירט דער מחבר די מלכים און פעלקער פאָלגענדע מיטלען, ווי אַזוי גובר צו זיין „די עקשנות" פון אידען: פער'משפט'ען צו פערברענען דעם „גאָטסלעסטערישען" תלמוד, דעם מקור פון זייערע פערבלאָנזשענישען; אַרויפלייגען אויף אידען אַ חוב צו בעזוכען קירכען און צו הערען קריסטליכע דרשות; פערבאָטען זיי צו אַנטלייהען געלד אויף פראָצענט. אויב דאָס וועט ניט העלפען, דעמאָלט בעדאַרף מען די אידען פערטרייבען, ווי מען האָט זיי פערטריבען פון פראַנקרייך, איינגלאַנד, שפאַניען און פאָר קורצער צייט — אויך פון עטליכע געגענדען פון דייטשלאַנד און עסטרייך. מען בעדאַרף פערטרייבען דאָס דאָזיגע פאָלק אָדער האַלטען עס אין דער לאַגע פון פערוואָרפענע פאַריער; מען מוז אָבנעמען ביי די אידען די ערנידעריגענדע, אָבער גוטע פרנסה — די וואָכעריי, און איבערלאָזען פאַר זיי נור שמוציגע אַרבייטען: קעהרען די גאַסען, רייניגען די קאַנאַלען וכדומה.

מיט איטליכס ניעס ביכעל איז פפעפערקאָרנ'ס רכילות געוואָרען אַלץ רשעותדיגער, די פאָדערונג פון רדיפות קעגען תלמוד און קעגען זיינע אָנהייגער זיינען געוואָרען אַלץ עזות'דיגער. און די דאָמיניקאַנער האָבען אָנגעווענדט זייער גאַנצע מיה אויף צו פערשפרייטען די דאָזיגע גיפטיגע פאַסקווילען. פפעפערקאָרנ'ען און די דאָמיניקאַנער האָט זיך אַיינגעגעבען צו פעראינטערעסירען אין זייער אַגיטאַציע הויך געשטעלטע פערזאָנען, צווישען דעם אויך דעם קייזער מאַקסימיליאַן I-טענס שוועסטער, די פרומע מנישקע קוניגונדע. מיט קוניגונדעס רעקאָמענדאַציע אין קעשענע, איז פפעפערקאָרן אַוועק פערזענליך צום קייזער און האָט געפועל'ט ביי איהם, ער זאָל אַרויסגעבען אַ דעקרעט וועגען פערטיליגען די „שעדליכע" אידישע ספרים (1509). פפעפערקאָרנ'ען האָט מען געגעבען אַ כח הרשאה — אָבצונעמען ביי די אידען מיט דער הילף פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע זייערע רעליגיעזע ספרים און פערטיליגען יענע פון זיי, וואו עס וועלען זיך געפינען אויסדרוקען, וואָס זיינען פיינדליך דעם קריסטענטום.

דער משומד איז צוגעטראָטען אויסצופיהרען זיין שליחות אין פראַנקפורט ביים מאַין, ווער עס האָט זיך געפונען די גרעסטע אידישע קהילה. אין דער געגענוואַרט פון דריי גלחים און צוויי מיטגלידער פון ראָטהויז האָט ער קאָנפיסקירט אין שול אַלע סידורים און מען איז שוין געווען גרייט צו מאַכען, אַרום סוכות צייט פון יאָהר 1509, אַן אונטערזוכונג אין די הייזער פון די אידען, נאָר דאָ האָט ער בעגעגענט אַן ענטשלאָסענעם ווידערשטאַנד. די פראַנקפורטער אידען האָבען זיך געווענדט צום מאַגיסטראַט און צום מאַינצער אַרכיביסקופ אוריאל מיט טענות, פאַרוואָס מען שטערט זייערע אַלטע קייזערליכע און פויפסטליכע פריווילעגיעס, לויט וועלכע זיי האָבען בעקומען גלויבענס-פרייהייט. האָט דער הומאַנער אַרכיביסקופ זיך אַיינגעשטעלט פאַר די געריודפ'טע און האָט אָנגעשריבען דעם קייזער, אַז אין אַזאַ וויכטיגען ענין, ווי די פערטיליגונג פון

די אידישע רעליגיעזע ספרים, קאָן מען זיך ניט פערלאָזען נאָר אויף דער מיינונג פון עפּיס אַ משומד, נאָר ס'איז נויטיג צונויפצוקלייבען די מיינונגען פון בעוואוסטע געלערנטע ספּעציאַליסטען. אין דערזעלביגער צייט האָבען די אידישע קהילות פון פראַנקפורט און רעגענסבורג געשיקט צום קייזער זייערע שתדלנים מיט דער בקשה, ער זאָל ניט געטרויען פּפעפערקאָרנ'ען און ער זאָל ניט דערלאָזען צו עובר זיין און צו שטערען די עדיקטען וועגען גלויבענס-פרייהייט. האָט מען געפועלט ביים קייזער, אַז מען זאָל איבערגעבען דעם ענין אין אַ קאָמיסיע פון מומחים אינ'ם דאָזיגען געביט.

אלעמענס בליקען האָבען זיך דעמאָלט געווענדט צום בעריהמטען הומאַניסט, דעם קענער פון דער גריכישער און העברייאישער ליטעראַטור, יאָהאַנעס רייכלין. רייכלין האָט געלערנט העברייאיש ביי אידישע געלערנטע פון דייטשלאַנד און איטאַליען און האָט שטודירט מיט התמדה דעם תנ"ך אין אָריגינאַל, אויף לשון קודש, מיט די פּירושים פון די מיטעלאַלטערליכע רבנים. אין זיין ווערק „וועגען דעם וואונדערבולען וואָרט" לויבט ער ביז'ן הימעל אַריין די שפּראַך פון תנ"ך; ער שרייבט אַ קורצע גראַמאַטיק פון העברייאיש און זוכט צו געפינען אין דער קבלה רמזים אויף דער קריסטליכער דאָגמאַטיק.

הגם רייכלין איז געווען אַ ליעבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, פונדעסטוועגען איז ער אין אָנהויב פון זיין טעטיגקייט ניט געווען קיין פריינד פון דער אידישער נאַציע: פונקט ווי אַ סך קריסטען האָט ער זי געטאַדעלט פאַר איהר „עקשנות אין פערבלאָנדזשעניש"; נאָר שפּעטער, בשעת'ן קאַמף פאַר דער געוויסענס-פרייהייט, האָט ער טיעפער משיג געווען די היסטאָרישע ראָל פון אידישען פאָלק און האָט דערזעהן גייסטיגע העלדישקייט דאָרט, וואו ער האָט פריהער געזעהן נאָר בלינדע עקשנות.

בשעת דער קייזער מאַקסימיליאַן האָט מחמת די טענות פון די אידען און די פאָרשטעלונגען פונ'ם מאַינצער אַרכיבּיסקופּ בעשלאָסען איבערצוגעבען דעם ענין וועגען „די שעדליכע אידישע ספרים" עטליכע ספּעציאַליסטען, בכדי זיי זאָלען דאָס בעקלערען, איז אויך רייכלין בעשטימט געוואָרען פאַר אַן עקספּערט. אינאיינעם מיט האָכשטראַטען און אַנדערע אידענפיינדליכע טעאָלאָגען האָט ער בעדאַרפט בעשטימען, ווי ווייט שעדליך עס זיינען די ספרים וואָס פּפעפערקאָרן קאָנפיסקירט זיי.

דערווייל האָט פּפעפערקאָרן ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען מעשים. ער האָט קאָנפיסקירט מאַסענווייז אידישע ספרים אין פראַנקפורט, וואָרמס, מאַינץ און אַנדערע שטעדט און האָט זיי אָבגעגעבען אויף היטען אין די ראָטהייזער. אויף די טענות פון די אידען, וואָס האָבען זיך געווענדט צום קייזער און צום קייזערליכען סיים, האָבען דער רענעגאַט און זיינע חברים-לרעה די דאָמיניקאַנער געענטפערט מיט אַ נייעם פּאַמפלעט (1510), וואו עס זיינען אויסגעמישט שענדליכע בלבולים קעגען אידישען פאָלק צוזאַמען מיט נידעריגער חנופה פאַר'ן קייזער. צו דער גרויסער שמחה פון די קלעריקאַלען האָט זיך גראָד געמאַכט אין יענער צייט אַ רעליגיעזער בלבול אין מיטעלאַלטערליכען גוסט.

אין דער מאַרקגראַפשאַפט בראַנדענבורג האָט עפּיס אַ קריסט אַרויסגעגנבֿ'עט פון אַ קירך די הייליגע ברויט — אַ האָסטיע און עטליכע כּלים; אַז מען האָט איהם שפּעטער געכאַפּט, האָט ער דערציילט, אַז ער האָט פערקויפט די האָסטיע די אידען, וואָס האָבען אַודאי זי „מטמא" געווען. האָט דער בראַנדענבורגער בּיסקופּ אויפגעהויבען רדיפות קעגען די אידען אין דעם דאָזיגען געגענד, און דער אָרטיגער קורפירשט, דער אַכזריות'דיגער יאָאַכים I, האָט בעפויהלען, מען זאָל די „שולדיגע" שטרייננ בעשטראָפען. האָט מען גענומען די אידען, וואָס מען האָט זיי חושד געווען אין חלול הקדש און חוץ דעם נאָך אין עלילת־דם, אַוועקגעפיהרט זיי קיין בערלין, געפּייניגט זיי אַכזריות'דיג און צולעצט האָט מען געטויט אויף אַן עפענטליכען פּלאַץ 38 מאַן. די קדושים זיינען פערברענט געוואָרען לעבעדיגערהייד אויף אַ שייטערהויפען, און ביז'ן לעצטען אָטעמצוג האָבען זיי ניט אויפגעהערט צו זאָגען תּפילות און קאַפּיטלעך תּהלים; נאָר צוויי פון זיי, וואָס האָבען ניט געקאָנט אויסהאַלטען די עינויים, האָבען זיך געלאָזט שמד'ען, און דערפאַר האָט מען זיי געטויט אויף אַ גרינגערן אופן — דורך אָראָבהאַקען די קעפּ (12 טעג אין אב — 19 יולי 1510).

דער שרעקליכער טעות פונ'ם געריכט איז אַרויסגעשוואומען ערשט אין אַ פערטיל יאָהרהונדערט אַרום: דער גנב פון דער האָסטיע האָט ביי־צייטענס אויסגעזאָגט דעם גלח בשעת'ן וידוי, אַז ער האָט בהנם געמאַכט אַ בלבול אויף די אומשולדיגע אידען; האָט דער גלח געבעטען ביים בּיסקופּ, ער זאָל איהם ערלויבען דאָס מאָל אויסצוזאָגען דעם סוד פונ'ם וידוי, בכדי צו אַנטפּלעקען דעם אמת, נאָר דער בּיסקופּ האָט דאָס ניט ערלויבט — און ערשט שפּעטער האָט דער גלח, וואָס איז געוואָרען אַ לוטעראַנער, אַרויסגעגעבען דעם סוד, וואָס איז אַ סך יאָהרען געלעגען אויף זיין געוויסען.

דערווייל האָבען פּפעפערקאָרן און די קלעריקאַלען בעוויזען אויסצונוצען דעם בערלינער פּראָצעס צוליעב זייערע צוועקען. נאָך בשעת דעם פּראָצעס האָבען זיי אַרויסגעגעבען אַ ביכעל: „אַ וואונדערליכע געשיכטע, ווי אַזוי אידען האָבען מטמא געווען אַ הייליגען קרבן", מיט דער שילדערונג פון די עינויים, מיט וועלכע מען האָט געפּייניגט די כּלומרשטיגע פערברעכער. די אידענפיינד האָבען זיך געפליסט צוצוגרייטען די געזעלשאַפטליכע מיינונג צום בעשולדיגונגס־פּסק אין דעם פּראָצעס, וואָס זיי האָבען פערפיהרט קעגען תּלמוד און קעגען דער רבּנישער ליטעראַטור.

רייכלינס עקספּערטיזע האָט ניט בעפרידיגט די ערוואַרטונגען פון די אָבסקוראַנטען. אַלס ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס דער קייזער האָט איהם געשטעלט, האָט ער אָנגעשריבען אַן אויספיהרליכען בעריכט מיט'ן נאָמען: „צי עס איז וואוילגעפעלען גאָט, צי איז עס לויבענסווערדיג און נוצליך פאַר דער קריסטליכער רעליגיע צו פערברענען די אידישע ספרים?" (צום סוף פון יאָהר 1510). רייכלין טיילט איין די אידישע ליטעראַטור אין עטליכע אָבטיילונגען און בעווייזט, אַז אַ סך פון איהרע ווערק זיינען זייהר נוצליך און נויטווענדיג פאַר די קריסטען, למשל די פּירושים אויף תּנ"ך פון רש"י, אבן־עזרא, קמחי

רמב"ן, וואָס קאָנען דיענען אַלס גוטע הילפס-מיטלען ביים שטודירען די כתבי-הקודש. די ליטעראַטור פון דער קבלה בעדאַרף מען אַפילו אונטערשטיצען, וואָרום אין איהר ווערען אין אַ מיסטישער פאָרם אַרויסגעזאָגט אַ סך געדאַנקען, וואָס זיינען זייהר נאָהענט צו דער קריסטליכער דאָגמאַטיק. די סידורים און אַנדערע ספרים, וואָס אידען האָבען נויטיג צוליעב זייער גאָטעסדיענסט, קאָן די רעגירונג ניט פערבאָטען, ווייל דאָס וואָלט געהייסען מבטל זיין די אַלטע פריווילעגיעס וועגען דער פרייהייט צו האַלטען די אידישע אמונה. וואָס איז שייך צו דער הויפט-פראַגע — וועגען תלמוד, איז רייכלין אָפען זיך מודה, אַז ער איז צו ווייניג בהבינ'ט אין דער תלמודישער ליטעראַטור, נאָר אַז נאָך ווייניגער פון איהם קענען זי יענע קריסטליכע געלערנטע, וואָס בעהויפטען אַזוי דרייסט, אַז זי איז שעדליך. לויט זיין מיינונג, איז אַפילו אויב אין תלמוד וואָלטען געווען אַנטיקריסטליכע טענדענצען, וואָלט מען איהם אויך ניט בעדאַרפט פערברענען, וואָרום קעגען אידייען בעדאַרף מען קעמפען נאָר מיט אידייען און ניט מיט גראָבע געוואַלד-מיטלען. אויב מען לאָזט וואוינען אין קריסטליכע מלוכות אידען, וואָס לייקענען אין קריסטוס'ן, טאָ מיט וואָס זיינען ספרים ערגער פאַר מענשען? די אידען קאָן מען ניט משפט'ען, ווי „אומגלויביגע" און אַפּיקורסים, וואָרום זיי זיינען שטענדיג געשטאַנען אויסערהאַלב דער קירך און שטייהען ניט אונטער איהר געריכט. דער קייזער און אַלע וועלטליכע און גייסטליכע רעגירער פון דייטשלאַנד זיינען מחויב צו בעשיצען די זיהן פונ'ם צעזייהטען און צעשפּרייטען פאָלק, וואָס די השגחה האָט זיי אָוועקגעשטעלט אונטער זייער שוץ.

גלייכצייטיג מיט רייכלינס הומאַנעם בעריכט זיינען אָנגעקומען אויפ'ן קייזערס נאָמען בעריכטען פון האָכשטראַטען און פון די קעלנער דאָמיניקאַנער, און אויך פון די טעאָלאָגישע פאַקולטעטען פון מאַינץ און ערפורט, וואָס זאָגען זיך אַרויס קעגען תלמוד. די מאַינצער טעאָלאָגען האָבען אַפילו מוסיף געווען, אַז די אידען האָבען פערדאָרבען דעם טעקסט פון די כתבי הקודש און צו אַזעלכע פערדאָרבענע טעקסטען, וואָס שטימען ניט מיט דער לאַטיינישער וואולגאַטאַ-איבערזעצונג, מוז מען פערטיליגען. אַז מאַקסימיליאַן האָט בעקומען די דאָזיגע סותר'דיגע ענטפערן, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו טון; האָט מען געמוזט איבערגעבען די דאָזיגע ענטפערן נייע געלערנטע עקספּערטען אויף צו בעטראַכטען זיי.

רייכלינס בעריכט, וואָס איז געווען אַ שטערעניש פאַר די פּלענער פון די מאָנאַכען-אָבסקוראַנטען האָט, פערשטייהט זיך, אַרויסגערופען צווישען זיי אַ כעס קעגען מחבר. זיי האָבען פונאַנדערגעלאָזט קלאַנגען, אַז די אידען זאָלען האָבען אונטערגעקויפט רייכלינ'ען. „ער האָט געשריבען זיין מיינונג וועגען די אידען מיט גאָלדענע טינט" — האָט גיפטיג בעמערקט וועגען רייכלינ'ען דעם קייזער'ס הויף-גלח, איינער פון די דריי נייע עקספּערטען. אין פריהיאָהר פון יאָהר 1511 האָבען די מאָנאַכען אַרויסגעלאָזט מיט פּפעפּערקאָרנ'ס הילף און אונטער זיין נאָמען אַ פּאַמפלעט מיט דעם לאַנגען נאָמען: „אַ האַנד-שפּיגעל קע-

גען די אידען און זייערע ספרים, וואָס שענדען די קריסטליכע רעגירונג און דאָס פערדיענען, מען זאָל זיי פערטיליגען, ווי גאָטסלעסטערישע, אַפּיקורסישע און אָבערגלויבישע". אין דעם דאָזיגען ביכעל בעהויפּטען די מחברים, אַז רייכלין שטייט אויפ'ן צד פון די אידען, ווייל ער איז זיי אַ גוטער פריינד און ווייל זיי האָבען איהם אונטערגעקויפט, זיי בעווייזען אויפ'ן סמך פון דער מיטעלאַלטערליכער אידענפיינדליכער ליטעראַטור, אַז זיין פערטיידיגונג איז פאַלש, דערמאָנען וועגען דעם רעליגיעזען פּראָצעס, וואָס איז פאַר אַ קורצער צייט פאָרגעקומען אין בערלין, און האַלטען אונטער די בעשולדיגונג, אַז די אידען האָבען פיינט קריסטען. פפעפערקאָרן און זיין ווייב האָבען געבראַכט צו פיהרען אַ גרויסע מאַסע עקזעמפּלאַרען פונ'ם דאָזיגען שמוציגען פּאַסקוויל קיין פראַנקפורט אויפ'ן יריד, און פון דאָרט האָבען זיי פונאַנדערגעפיהרט זייער סחורה איבער 6 אַנדערע שטעדט פון דייטשלאַנד.

האָט דער אויפגעבראַכטער רייכלין אומגעזאַמט געענטפערט אויף די דאָזיגע שמוציגע רכילות'ען. ער האָט פערעפענטליכט אַ שיין אָנגעשריבענע פערטיידיגונגס-שריפט מיט'ן נאָמען „אויגען-שפּיגעל" (צום סוף פון יאָהר 1510), וואו ער האָט זיך געווענדעט „צו די מענשען פון אַלע גראַדען און שטאַנדען, וואָס האָבען ליעב אמת און האָבען פיינט שקר און אָנפאַלען פון הינטער אַ ווינקעל אַפער, אַ שטייגער ווי עס האָט זיך ערלויבט צו מאַכען פפעפערקאָרן אין זיין זידעל-שריפט". רייכלין פערענטפערט זיין קאַמף פאַר יושר און מענשליכקייט, און צוגלייך בעווייזט ער, ווי ווייט נידערטרעכטיג און פאַלש פפעפערקאָרן איז, אַז מען קאָן איהם אָבקויפען פאַר געלד, אַז ער איז אַ פערברעכערישער אונטערהעצער, וואָס בעמיהט זיך אויפצורייצען די קריסטען קעגען אידען, און ער פערדיענט דערפאַר, אַז מען זאָל איהם פער'משפט'ען צום טויט. „דער דאָזיגער געשמד'טער איד — זאָגט רייכלין — פערזיכערט, אַז דאָס געטליכע רעכט פערזאָגט אונז ניט צו האָבען קיין מגע-ומשא מיט אידען; דאָס איז ניט אמת! אַ קריסט מוז ליעב האָבען אַ אידען, ווי זיין חבר: דאָס איז בעגרינדעט אויפ'ן געזעץ".

דער אידענפריינדליכער טאָן רייכלינס אין דער דאָזיגער פערטיידיגונגס-שריפט, וואָס האָט אַזוי אומגעוויינליך געקלונגען פאַר יענער צייט, איז ניט געפעלען געווען אַפילו זיינע גוטע פריינד די הומאַניסטען, וואָס זיינען זייהר ווייט געווען פון רחמנות אויף אידען. זיי האָבען געהאַלטען פאַר איבעריג די דאָזיגע גאַנצע פּאָלעמיק וועגען תלמוד און אידען. דער אָנפיהרער פונ'ם הומאַניזם, עראַזמוס פון ראָטערדאַם, האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין אין אַ בריעף צו זיינע פריינד. די אידישע צרות האָבען ווינציגער פון אַלץ געריהרט אַפילו די דעמאָלטיגע „בעסטע מענשען" פון דייטשלאַנד, און עראַזמוס האָט ריכטיג כאַראַקטעריזירט די שטימונג פון די דייטשען אינ'ם אַפאָריזם: „אויב פיינד האָבען אידען הייסט אויפפיהרען זיך קריסטליך, דעמאָלט זיינען מיר אַלע קריסטען אַפילו מעהר, איידער מען בדאַרף".

נאָר אויב אַ סך ליבעראַלען הומאַניסטען האָבען געהאַלטען פאַר גריטיג

צו פערשווייגען די אידען-פראַגע, האָבען אָבער זייערע געגנער, די „פינסטערע לייט", ניט אזוי געטאָן און האָבען געמאַכט דאָס אידישע פאָלק פאַר'ן הויפּט-ציעל פון זייער רשעות. דאָס האָט פערשטאַנען רייכלין, וואָס איז געווען א הומאַניסט ניט בלויז מיט'ן קאָפּ, נאָר אויך מיט'ן האַרץ.

רייכלינס „אויגען-שפּיגעל" האָט אַרויסגערופען אַן אומרוהיגקייט אין'ם פינסטערן לאַגער פון די אָבסקוראַנטען. עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט סיי א ליטעראַרישע פּאָלעמיק און סיי א געזעלשאַפטליכער קאַמף פון די פּאַרטייען. די דאָמיניקאַנער האָבען בעשולדיגט רייכלינ'ען אין אַנטי-קאַטוילישע אָנשויאונגען און האָבען געפאָדערט, מען זאָל משפט'ען איהם און זיין בוך. אייגער פון זייערע פיהרער, דער קעלנער טעאָלאָג אַרנאָלד פון טאָנגערן, האָט אַוועקגעשיקט צום קייזער מאַקסימיליאַן א גיפטיגען בריעף קעגען דעם „אידישען פּערטיידיגער". האָט דער קייזער בעפוילען צו פערבאָטען דעם פערקויף פון'ם „אויגען-שפּיגעל" (1512). פּפעפערקאָרן האָט אַרויסגעלאָזען א נייע ליטעראַרישע מסירה („בראַנד-שפּיגעל"), וואו ער לייגט פאָר, מען זאָל אַלע דערוואַקסענע אידען מאַכען פאַר שקלאַפען, ווי אין אַלטע צייטען אין מצרים, אָדער זיי און זייערע קינדער אָבשמד'ען.

רייכלין, וואָס מען איז אויף איהם אָנגעפאַלען פון אַלע זייטען, האָט ווידער צוגעשיקט דעם קייזער אַן אויספיהרליכען בעריכט, וואו ער פערטיידיגט שאַרף די אויפפיהרונג פון די קעלנער דאָמיניקאַנער. „ווער האָט אייך, איהר קעלנער טעאָלאָגען רכילות'ניקעס, געגעבען די ממשלה, איהר זאָלט האָבען צו שאַפען איבער מיר?... ערלויב זיי, אדוני קייזער, צו נעמען געלד (שוחד) ביי אידען — דעמאָלט וועלען זיי מיך לאָזען צו רוה!... די געגנער וואַרפען מיר פאָר, וואָס איך האָב געזאָגט: די אידען זיינען אונזערע מיטבירגער. מילא, זאָלען זיי משוגע ווערען און פּלאַצען פאַר כעס, איך וועל זאָגען נאָך מעהר: די אידען זיינען אונזערע ברידער, די ברידער פון אַרנאָלד, די ברידער פון די קעלנער טעאָלאָגען, און ניט בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען די בעשעפענישען פון איינעם און דעמזעלביגען בורא, נאָר דערפאַר ווייל מיר שטאַמען אָב פון דעמזעלביגען שטאַם-פאָטער".

אָנגעריהרט ביז'ן ביין, זיינען די קעלנער דאָמיניקאַנער אינגאַנצען אַרויס פון די כלים. דער אינקוויזיטאָר האָכשטראַטען האָט צוגעשיקט רייכלינ'ען אַן איינלאַדונג — צו קומען פאַר'ן גייסטליכען געריכט אין מאַינץ וועגען דער בעשולדיגונג אין אַפּיקורסות. רייכלין איז ניט געקומען, נאָר ער האָט געשיקט זיין פערטרעטער. האָט האָכשטראַטען פאָרגעלייגט דעם געריכט די מיינונגען פון די פאַקולטעטען קעגען רייכלינ'ס „אויגען-שפּיגעל" און האָט געפּועל'ט, אַז מען האָט פער'משפט דעם „אַפּיקורסישען" בוך.

קעגען דעם דאָזיגען פסק האָט רייכלין אַפּעלירט ביים פּויפּסט אין רוים (1513). האָט דער פּויפּסט לויט דער X-טער בעפוילען, אַז דער בישוף פון שפּייער אָדער וואָרמס זאָלען פונאַנדערקלייבען דעם שטרייט צווישען רייכלינ'ען און די

דאָמיניקאַנער. דער פּסק-דין פוּנ'ם בּיסקופ פון שפּייער איז געווען גינסטיג פאַר
רייכלינ'ען. האָט האָכשטראַטען פון זיין זייט פּראָטעסטירט און האָט אויך אַפּע-
לירט בּיים פּויפּסט. האָט מען דעם פּראָצעס אַריבּערגעטראָגען קיין רוים (1514).

בּיידע פּאַרטייען, רייכלינס און די דאָמיניקאַנערס, האָבּען אַגיטירט קעגען
אַנאַנד אומעטום: אין רוים, דייטשלאַנד און אַפילו אין פראַנקרייך. האָכשטראַ-
טען און זיינע חברים-לדעה האָט זיך איינגעגעבּען צו קריגען פוּנ'ם טעאָ-
לאָגישען פאַקולטעט פון פּאַריזער אוניווערסיטעט אַ מיינונג קעגען „אויגען-שפּי-
געל". זיי האָבּען אויך געפּועל'ט, אַז דער פראַנצויזישער קיניג האָט אָנגעשריבּען
דעם פּויפּסט אַ בּריעף אין דעם זין. פּפעפערקאָרן האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַ
פּאַמפלעט מיט'ן נאָמען „שטורם-גלאָק" (1514). פון דער אַנדער זייט האָבּען די
הומאַניסטען צוגעגרייט צום דרוק די בּעריהמטע זאַמלונג „בּ ר י ע ף פ ו ן פ י נ-
ס ט ע ר ע ל י י ט" (עפּיסטאָלע אָבּסקוראָרום וויראָרום, 1514), וואו עס ווערען
מיט בּייסענדער איראָניע געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט די קעלנער טעאָלאָ-
גען צוזאַמען מיט פּפעפערקאָרנ'ען, וואָס האָט בּיי זיי געדיענט אַלס ווערקצייג
פאַר זייערע פאַלשקייטען, ווי אויך די געלערנטע טעאָלאָגען פוּנ'ם פּאַריזער און
פון אַנדערע אוניווערסיטעטען. דערצו נאָך בּעקומט דער קאַטוילּיציזם בּכלל
אַ חלק אינם דאָזיגען ווערק. רייכלינ'ען האָט שטאַרק אונטערגעהאַלטען אין רוים
זיין גוטער פריינד, דער בּעריהמטער ריטער פוּנ'ם הומאַניזם אולריך פאָן
הוטען.

אויף אַזאַ אופן איז דער פּויפּסט געשטאַנען צווישען צוויי שטרעמונגען
און האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו בּעשליסען די פראַגע, אַז ס'זאָלען ניט
בּעליידיגט ווערען ניט געקרוינטע פּערזאָנען און ניט די איינפלוסרייכע פּאָר-
שטייהער פון דער אָדער יענער פון די פיינדליכע פּאַרטייען. בּכדי זיך אַרויס-
צומאַכען פון דער דאָזיגער שוועריגקייט, האָט לעאָ X איבּערגעגעבּען דער
לאַטעראַנישער קירכען-פּערזאַמלונג, וואָס האָט זיך געהאַט דעמאָלט צונויפגעקלי-
בּען אין רוים, אַז זי זאָל אַרויסטראָגען איהר פּסק-דין אין דער דאָזיגער
מחלוקת. האָט דער גרעסטער טייל פון דער קירכען-פּערזאַמלונג זיך אַרויסגעזאָגט
ענטשיידען פאַר רייכלינ'ען און קעגען האָכשטראַטען (1516). איבּער די דאָמי-
ניקאַנער איז שוין געהאַנגען דער דאַמאָקלעס-שווערד פון דעם פּסק פון דער
קירכען-פּערזאַמלונג, נאָר זיי האָבּען דורך פערשיידענע אינטריגעס פערשטאַנען
אָבּצוווענדען די סכּנה. לעאָ דער X-טער, וואָס האָט זיך געשאָקעלט אין זיין
דעה צווישען די פּאַרטייען, האָט ניט בּעשטעטיגט די מיינונג פוּנ'ם רוב פון
דער קירכען-פּערזאַמלונג, נאָר ער האָט אָבּגעלייגט די החלטה אויף אַן
אַנדער צייט.

דער ספּעציעלער שטרייט וועגען אידען צווישען רייכלינ'ען און די דאָ-
מיניקאַנער איז געבּליבּען טאַקע אַזוי אין מיטען. ווידער דער אַלגעמיינער
קולטור-קאַמף צווישען די הומאַניסטען און אָבּסקוראַנטען איז פערהילכט געוואָ-
רען דורכ'ן רעש פון אַ נייער בּעוועגונג. אין אַ יאָהר אַרום נאָך די אָקאָרשט
בּעשריבּענע געשעהענישען האָט מ אַ ר ט י ן ל ו ט ע ר אַרויסגעשטעלט בּיי די

טירען פון דער קירך אין וויטענבערג זיינע 95 טעזיסען – און אין **דייטשלאַנד** האָט אָנגעהויבען רעש'ן דער שטורעם פון דער רעפאָרמאַציע.

די רעפאָרמאַציע; לוטער און די אידען.

§ 16. צי האָט די רעפאָרמאַציע אויסגעבעסערט די געזעלשאַפטליכע **לאַגע פון אידען אין דייטשלאַנד**? נאָכדעם ווי זי האָט ערקלערט, אַז מען מוז זיך אומקעהרען צוריק צום תנ"ך און צו די יסודות פון גלויבען, – צי האָט זי אויך איינגעשטעלט טאָלעראַנץ און מענשליכע בעציהונגען צום פאָלק פון תנ"ך?

אין ערשטען מאָמענט פון דער רעפאָרמאַציע, בשעת זי האָט זיך נאָך געפונען אין דעם צושטאַנד פון אַ גע'רודפ'טער אַפּיקורסישער בעוועגונג, בשעת איהרע קעמפער זיינען געווען בעגייסטערט דורך דער שנאה צום פויפסטום און צו דער „קאַטולישער געצענדיענעריי" און האָבען געקאָנט רעכענען, אַז זיי וועלען מוזען זיך מקריב זיין פאַר זייער גלויבען, – דעמאָלט פלעגען זיך ביי זיי אַרויסרייסען טענער פון מיטגעפיהל צום פאָלק, וואָס איז אין משך פון כמה יאָהרהונדערטען געווען אַ קרבן פונ'ם קאַטוילישען פאַנאַטיזם. אין איינעם פון זיינע ערשטע פאָלעמישע שריפטען („אַז יעזוס זאָל זיין אַ געבאָרענער יוד", 1529) האָט לוטער געשריבען וועגען דער פערפרעמדקייט צווישען אידען און קריס-טען אַזוי: „אונזערע טפשים, די פאַפּיסטען, בּיסקופען, סאָפיסטען און מאָנאַכען זיינען זיך בעגאַנגען ביז איצט מיט אידען אַזוי, אַז אַן אמת גוטער קריסט וואָלט בעדאַרפט ווערען אַ איד. אויב איך וואָלט געווען אַ איד און וואָלט געזעהן, אַז אַזעלכע טעמפּע קעפּ רעגירען איבער דער קירך און לערנען די אמונה, וואָלט איך גיכער מרוצה געוואָרען צו זיין אַ חזיר, איידער אַ קאַטוילִיק. ווארום זיי זיינען זיך בעגאַנגען מיט אידען אַזוי, פּונקט ווי די אידען וואָלטען געווען הינט און ניט קיין מענשען, און האָבען געוואוסט נאָר צו שילטען זיי. אין אמת'ען אָבער זיינען די אידען אונזערע בלוט-איינענע און די ברידער פון אונזער הייליגען. און איך וואָלט געבעטען די ליעבהאַרציגע פאַפּיסטען, בשעת זיי וועלען מיד ווערען מיך צו זידלען „אַפּיקורס", זאָלען זיי אָנהויבען מיך צו רופען „איד"... אויב איך וואָלט געווען אַ גוטער איד, וואָלט דער פויכסט קיין מאָל ניט געפועלט ביי מיר, איך זאָל אָננעמען זיין געצענדיענעריי". לוטער חזר'ט איבער באָקאַטשיאָ'ס אַנעקדאָט וועגען יענעם פיפיגען אידעל, וואָס האָט געזעהן דעם פויפסט אין רוים, און אַז ער איז געקומען צוריק אין זיין שטאָדט, האָט ער געבעטען דעם גלח איהם אָבצושמד'ען, „ווארום דער גאָט פון די קריס-טען בעדאַרף זיין זיהר אַ גוטער, וויבאַלד ער קאָן אַריבערטראָגען אַלע די פאַלשקייטען, וואָס ווערען אָבגעטאָן אין רוים". „מיין עצה איז – שרייבט לוטער ווייטער, – אַז מען זאָל זיך בעגייהן מיט אידען מיט מעהר פערשטאַנד. ווי אַזוי קאָנען מיר האָפען, אַז זיי וועלען קומען צו אונז, וויבאַלד מיר טרייבען זיי אָב פון זיך איבערגעוואַלד, ריידען אָן אויף זיי רכילות און טראַכטען אויס אויף זיי בלבולים, אַז זיי האָבען כלומרש'ט נויטיג קריסטליכע בלוט, בכדי פּטור צו ווערען פון זייער שלעכטען ריח, און כדומה נאָך אַזעלכע אומגעלומ.

פערטע מעשיות? ווי אזוי קאָנען זיי זיך דערנעהענטערן צו אונז, ווײַבאַלד אַז מען פערבאָט זיי צו אַרבייטען צווישען אונז, צו פערנעמען זיך מיט מלאכות, וויבאַלד אַז מען שליסט זיי אויס פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און מען טרייבט זיי צו וואָכערייִ? אויב מען וויל העלפען אידען, דעמאָלט מוז מען אָנווענדען צו זיי ניט דעם פויפּסטליכען, נאָר דעם קריסטליכען געזעץ פון ליעבשאַפט, אויפנעמען זיי פריינדשאַפטליך, געבען זיי די מעגליכקייט צו אַרבייטען און זיך מפרנס צו זיין אינאיינעם מיט אונז, בכדי זיי זאָלען זעהן, ווי אַזוי עס לעבען און גלויבען די קריסטען. און אויב אַנדערע פון זיי וועלען בלייבען פער״עקשנ׳ט (אין אידישקייט), וואָס זשע איז דער חידוש? מיר גופא זיינען דאָך אויך ניט אַלע גוטע קריסטען״.

אין אַלע די דאָזיגע ווערטער איז בולט געווען דער פערלאַנג בדיינגער צו מאַכען דעם מצב פון אידען ניט אינ׳ם נאָמען פון יושר און געוויסענס-פרייהייט, נאָר בכדי אַריינצוציהען זיי אין די רייהען פון די קריסטען פון דער נייער רעפאָרמאַטאָרישער שיטה. דער שטרעבען צו קריגען נייע אָנהייגער און ניט דער מענשליכער געפיהל האָט בעוואויגען לוטער׳ן צו שרייבען די אויבען געבראַכטע ווערטער. דער גרינדער פונ׳ם פראָטעסטאַנטיזם האָט דעמאָלט, אין אָנהויב פון זיין קאַריער, געקלערט, אַז איהם וועט זיך איינגעבען צו קריגען צווישען אידען אַ סך אָנהייגער פאַר דער טעאָריע, וואָס האָט פרעטענדירט אויף אַ גרעסערער נאָהענטקייט צום תנ״ך און צו דער ברית החדשה, איידער דער קאַטוליציזם. אַלס בעגייסטערטער פערעהרער פונ׳ם אַפּאָסטעל פּוילוס, האָט לוטער געגלויבט, אַז דעם לעצטענס נבואה וועגען דעם, אַז סוף-כל-סוף וועלען די אידען זיך בעקעהרען צום קריסטענטום, וועט מקוים ווערען גראָד איצט, דורך דער פערמיטלונג פון דער רעפאָרמירטער קירך און צוליעב איהר גרעסערן נצחון.

און אַז זיינע נאַאיווע ערוואַרטונגען זיינען ניט מקוים געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען צו שיטען פעך און שוועבעל אויף דער „עקשנות״ פון אידען. ביי לוטער׳ן איז פאָרגעקומען פונקט אַזאַ קריזיס, ווי אַמאָל ביי מחמד׳ן, וועלכער איז פריהער געווען אַ הייסער אָנהייגער פונ׳ם „עם הספר״ און איז דערנאָך געוואָרען אַ בייזער שונא פון אידענטום (IV, § 57). דאָס ביבעל-פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבען פון זיך קריסטוס׳ן און די אַפּאָסטעלן, האָט ניט געוואָלט דורך זיין צושטייהן צו דער רעפאָרמירטער קירך בעשטעטיגען איהר געטליכקייט און די מיסיע פון איהר בעשעפער — פון לוטער׳ן; ממילא, הייסט עס, אַז דאָס דאָזיגע פאָלק קאָן קיין תיקון ניט בעקומען און ממילא פערדיענט עס אַלע עינויים און רדיפות, וואָס עס מוז אויסשטייהן אין די קריסטליכע לענדער. דאָס איז געווען די לאָגיק פון די געשעהענישען, וואָס האָט בעוואויגען לוטער׳ן אַראָבצוואַרפען פון זיך די מאַסקע פון אַ אידענפריינד און אָפען אַרויסצוטרעטען קעגען זיי. צו די דאָזיגע חקירות זיינען נאָך צוגעקומען פערזענליכע נטיות און געפיהלען: די טיעף איינגעוואָרצעלטע אידענפיינדשאַפט פון אַ געוועזענעם מאָנאַך; די בעליידיגטע אייגענליעבע פון אַ רעפאָרמאַטאָר, וואָס דאָס דערבידע-

ריגסטע פאָלק האָט אָבגעשטויסען פון זיך זיין אויסגעשטרעקטע האַנד; די איינג דאָגמאַטישע אומטאָלעראַנץ פונ׳ם „שטענדיג אמת׳ען פויפסט פון די פראָטעסטאַנטען״; צולעצט, די אַלגעמיינע רעאַקציאָנערע שטימונג, וואָס האָט בעוואויגען לוטערן בשעת דער פויערשער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד צו געבען אַן עצה די פירשטען, זיי זאָלען „שטעכען, הרג׳ען און שטיקען״ די מורדים.

די רעזולטאַטען פון דעם דאָזיגען שינוי אין לוטער׳ס שטימונג האָבען זיך טאַקע אין גיכען אַרויסגעוויזען. דער זאַקסישער קורפירשט יאָהאַן פרידריך, וואָס האָט זיך געפונען אינגאַנצען אונטער׳ן רעפאָרמאַטאָר׳ס איינפלוס, האָט בעשלאָסען צו פערטרייבען די אידען פון זיין מלוכה.

אַז ר׳ יוזילמאַן פון ראָסהיים, דער אָפיציעלער שתדלן פון די דייטשע אידען, איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, איז ער געשווינד געקומען צו הילף זיינע אומגליקליכע פאָלקס-ברידער. ער האָט גענומען רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף פונ׳ם סטראַסבורגער מאַגיסטראַט צום קורפירשט פון זאַקסען און פונ׳ם אָנפיהרער פון די עלזאַסער פראָטעסטאַנטען קאַפיטאָן צו לוטער׳ן, איז אַוועק קיין זאַקסען און איז אין גיכען אָנגעקומען אין וויטענבערג (1537). האָט לוטער זיך אָבגעזאָגט צוצונעמען דעם אידישען פאָרשטייהער און האָט איהם געענטפערט דורך אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט אויסגעלאָזען זיין כעס צום אידישען פאָלק. לוטער האָט געשריבען, אַז ער האָט פריהער פערטיידיגט אידען ניט צוליעב דעם, בכדי זיי שטאַרקער צו מאַכען אין זייערע „פערבלאָנזשענישען״, נאָר בכדי צו בעקעהרען זיי אויפ׳ן אמת׳ען וועג; זיי אָבער האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אומדאַנקבאַר און פער׳עקשנ׳ט און לייקענען נאָך אַלץ אין די אמת׳ען פון דער עוואַנגעליע. דעריבער גרייט ער איצט קעגען זיי אַ בעשולדיגונגס-שריפט, און לא די וואָס ער וועט ניט ווירקען אויפ׳ן קורפירשט לטובת די אידען, נאָר ער וועט אַפילו זוכען זיי אָנצוטון שאָדען.

אויפגעבראַכט דורך דער דאָזיגער רשעות פונ׳ם גייסטיגען פיהרער פון די פראָטעסטאַנטען, איז ר׳ יוזילמאַן אַוועקגעפאָהרען קיין פראַנקפורט, וואו עס זייגען זיך געווען צונויפגעפאָהרען די הויפטליכע פראָטעסטאַנטישע פירשטען: די קורפירשטען פון זאַקסען און בראַנדענבורג און דער לאַנדגראַף פיליפ פון העסען. דאָ האָט ער זיך צונויפגעטראָפען מיט׳ן בעוואוסטען עלזאַסער רעפאָרמאַטאָר בוצער, וועלכער איז געוואָרען דורך לוטער׳ס אַגיטאַציע פיינדליך געשטימט אַנטקעגען אידען און וואָס האָט פון זיין זייט געווירקט אין דעם אייגענעם גייסט אויפ׳ן לאַנדגראַף פון העסען. בוצער האָט געגעבען אַן עצה צו לאָזען וואוינען די אידען אין העסען אויף פאָלגענדע תנאים: זיי זאָלען אָבהיטען נאָר די מצוות פון דער תורה און פון די נביאים, און זאָלען אָבזאָגען זיך פונ׳ם תלמוד; זיי זאָלען ניט בויען קיין נייע שולען און ניט פערנעמען זיך מיט קיין אַנדערע פרנסות, חוץ מיט פראָסטע האַנד-אַרבייטען.

דער אונערמידליכער ר׳ יוזילמאַן האָט געאַרבייט מיט וואָרט און שריפט, בכדי צו ווירקען אַנטקעגען דעם שעדליכען איינפלוס פון לוטער און בוצער,

נאָר ער האָט ניט געפּועלט קיין שום הנחות ניט פאַר די זאַקסישע און ניט פאַר די העסישע אידען. איהם האָט זיך משמעות נאָר איינגעגעבען צו פּועל'ן, עס זאָלען בטל ווערען די גזירות אין בראַנדענבורג.

שפּעטער האָט ער אָנגעשריבען אַ פּערטיידיגונגס-שריפט פאַר דאָס אידישע פאָלק קעגען לוטער'ן און בוצער'ן און האָט זי צוגעשיקט אין אַ דייטשער איבערזעצונג צום סטראַסבורגער מאַגיסטראַט מיט דער בקשה, ער זאָל ערלויבען זי צו פערעפענטליכען, נאָר די מיטגלידער פונ'ם מאַגיסטראַט האָבען אָבגעזאָגט די דאָזיגע בקשה.

דערווייל האָט לוטער געהאַלטען וואָרט. אין די יאָהרען 1543 — 1549 האָט ער פּערעפענטליכט צוויי ביכער, וואָס זיינען אָנגעשריבען מיט אַ שרעקליכער פּערביסענער שנאה צו אידען. „וועגען די אידען און זייער ליגען" און „שם המפורש". לויט ווי לוטער זאָגט, האָט איהם בעוואויגען אָנצושרייבען די דאָזיגע ביכער די „עזות", מיט וועלכע די אידען לייקענען אָב די קריסטליכע דאָגמעס און די עוואַנגעלישע אויסטייטשונגען פון עטליכע ערטער אין תנ"ך. ער האָט אַרויסגעפונען די געפעהרליכע השפעה פון דער יהדות אין די עקסטרעמע רעפאָרמאַטאָרישע טעאָריעס, וואָס האָבען דעמאָלט זיך בעוויזען — אין דער ראַציאָנאַליסטישער אַפּיקורסות פון סערוועט און פון זיין סעקטע אַנטיטריניטאַריער (וואָס לייקענען אין דער דרייאייניגקייט). בעזונדערס איז ער געווען אין כעס דערויף, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט פון צוויי משומדים אַנטאָן מאַרגאַריטאַ און בערנאַרד ציגלער, אַז די אידען האָבען פיינט „גויים" און רופען זיי אָן „טייוולאָנים", — אַזוי ווי דאָס רעכט אויף שנאה האָט בעדאַרפט בלייבען די מאָנאָפּאָל פון די קריסטען די פייניגער, אין דער צייט וואָס די געפייניגטע אידען האָבען בעדאַרפט ליעב האָבען זייערע שונאים, אַזוי ווי די עוואַנגעליע הייסט. לוטער האָט געלויבט אין הימעל אַריין די שפּאַנישע מלכים, וואָס האָבען פּערטריבען די אידען פון זייער לאַנד, און איז צופרידען פונ'ם דעקרעט, וואָס איז געוואָרען פאַר קורצען אַרויסגעגעבען, אַז זיי מוזען זיך אַרויסקלייבען פון בעהמען (1542). ער גיט אַן עצה צו צעשטערען ביז'ן גרונד „פון וועגען דעם כבוד פון אונזער הייליגען און פונ'ם קריסטענטום" די שולען, וואָס וואָלטען בעדאַרפט פּערברענט ווערען אינ'ם פייער פון גיהנם, חרוב מאַכען די וואוינונגען פון אידען, אָבנעמען ביי זיי די ספרים פון תלמוד און די סידורים, פערבאָטען זייערע רבנים צו לערנען די געזעצען פון זייער אמונה, אונטערדריקען נאָך מעהר די אידישע מאַסע אין איהרע פּרנסות, און די געזונדע מענשען צווישען די אידען שיקען אויף שווערע צוואַנגס-אַרבייטען. מיט דער ווילדער רשעות פון אַן אינקוויזיטאָר רופט אויס דער דייטשער רעפאָרמאַטאָר: „ווען איך וואָלט געהאַט די ממשלה איבער די אידען, וואָלט איך צונויפגעקליבען זייערע חשוב'סטע לייט און וואָלט געפאָדערט פון זיי, זיי זאָלען ברייגנען ראיות צו זייער מיינונג, אַז מיר, קריסטען, גלויבען ניט אין איין אייניציגען גאָט, און טאָמער ניט, וואָלט איך געהייסען אויסשניידען זייערע צינגער ביז'ן אַקען".

נאָך קורץ פאַר זיין טויט האָט לוטער אויפגעהעצט זיינע הערער צום פאַנאַטיזם:

„איהר זאָלט מיט האַרבע ווערטער פאַרלייגען זיי (די אידען), אַז זיי זאָלען זיך שמד'ען, אַנדערש וועלען מיר מער זיי ניט אַריבערטראָגען. טאָג אויס טאָג איין לעסטערן זיי און שענדען אונזער גאָט, — און איהר טאָר'ט זיי ניט האַלטען ביי זיך, נאָר איהר מוזט זיי פערטרייבען".

אָט אַזעלכע אָנשויאונגען פון אַ קרייז-פאָהרער האָט פערשפרייט דער רעפאָרמאַטאָר פון דער דייטשער קירך. גערעכט איז געווען דער אַלטער עראַזמוס: בנוגע צו דער שנאה צו אידען זיינען די דעמאָלטיגע דייטשען, אָהן אונטערשייד פון זייערע גלויבונגען און איבערציינגונגען, געבליבען גוטע קאַטוילקען. די פראָטעסטאַנטען האָבען טיילמאָלס אפילו אַריבערגעשטייגט די קאַטוילקען בנוגע צו סיסטעמאַטישער, פער'עקשנ'טער שנאה צום אידישען פאָלק, פאַר וועלכער זיי האָבען געפונען אַ בעשטעטיגונג אין די ביכער פון זייער „קירכען-פאָטער". בשעת די רעליגיעזע מלחמות צווישען די פראָטעסטאַנטען און קאַטוילקען האָבען זיך געשאָטען אויף אידען קלעפּ פון ביידע זייטען. די פראָטעסטאַנטען האָבען — לויט ווי עס דערציילט אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט — בעשולדיגט די אידען, אַז זיי האַלטען אונטער די קאַטוילקען, די קאַטוילקען ווייטער האָבען געהאַלטען, אַז די גאַנצע רעפאָרמאַציאָנס-בעוועגונג איז אַרויסגערופען דורך דער השפעה פון דער יהדות.

דער קאַמף פאַר „דאָס רעכט" אין דייטשלאַנד.

§ 17. מחמת אַלע די דאָזיגע סיבות האָט דער רעכטלויזער מצב פון די אידען אין דייטשלאַנד ניט געקאָנט זיך איבערבייטען צום גוטען ניט בשעת דער רעגירונגס-צייט פון קאַרל V (1520 — 1555), בשעת'ן רעכטען. ברען פון דער רעפאָרמאַציע, און ניט אין דער צייט פון זיינע יורשים. לכתחילה האָט מען געקאָנט זיך ריכטען נאָך אויף ערגערס מצד דעם קעניג פונ'ם לאַנד פון דער אינקוויזיציע — שפּאַניען (קאַרל דער V-טער איז געווען אַ זוהן פון מאַקסימיליאַן דעם I-טענס זוהן און פערדינאַנד דעם קאַטוילקס אַ טאָכטער; מחמת דעם זיינען איהם צוגעפאַלען בירושה ביידע לענדער: שפּאַניען און דייטשלאַנד); נאָר די ערוואַרטונגען אויף ערגער האָבען זיך ניט בעשטעטיגט.

דער קייזער קאַרל דער V-טער האָט אין דער אידען-פראַגע זיך געהאַלטען ניט פאַר דער שפּאַנישער פּאָליטיק פון פייער און שווערד, נאָר פאַר דער דייטשער פּאָליטיק פון „השגחה", וואָס איז בעשטאַנען דערין, אַז מען האָט פערשקלאַפט די אידישע מאַסען, געגעבען זיי פאַר אַ גוטען מקח דאָס טרויעריגע רעכט צו אָטעמען די פערשטיקטע לופט פונ'ם געטאָ און צו ציהען היונה בדוחק פון עטליכע אָרימע פרנסות, אָהן פעסטע גאַראַנטיעס, אַז די דאָזיגע „רעכט" זאָלען ניט געשטערט ווער'ען דורך דער אָרטיגער פעאָדאַלער אָדער שטאָדטישער אַדמיניסטראַציע. און קעגען אַזעלכע פרובען צו שטער'ען זייערע רעכט איז די פאָרשטייהער פון די אידישע קהילות שטענדיג אויסגעקומען צו קעמפען, — און אינ'ם דאָזיגען קאַמף פאַר דאָס רעכט, פאַר'ן מינימום פון

מענשען-רעכט, איז דייטליך צו מערקען אַ פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפטליכקייט צווישען דעם אידישען קיבוץ אין דייטשלאַנד אין ערך מיט'ן מיטעלאַלטער.

אין דעם יאָהר, ווען קאַרל V האָט אַרויפגעשטייגט אויפ'ן טרוין, איז דער בעפולמעכטיגטער שתדלן, ר' יוזילמאַן פון ראָסהיים, געקומען – פערשטייהט זיך אַודאי, אַז ניט מיט ליידיגע הענד – צום קייזער און צו זיינע מקורבים און האָט געקראָגען אַ בעשטעטיגונג פון די אַלטע „רעכט און פריווילעגיעס" פון די דייטשע אידען. נאָר דאָס האָט פונדעסטוועגען ניט געשטערט דער אַדמיניסטראַציע פון עלזאַס אַרויסצוגעבען דעמזעלביגען יאָהר אַ בעפעהל צו פערטרייבען די אידען פון די שטעדט קייזערסבורג אין רוסהיים, ר' יוזילמאַנ'ס געבאָרענשטאָדט. „און הגם איך האָב מיט הש"י הילף – שרייבט דער אידישער שתדלן – בעווירקט אויפ'ן קיניג (פערדינאַנד I פון עסטרייך, וואָס ער האָט געקראָגען פון זיין ברודער דעם קייזער אויך די עלזאַסישע פּראָווינץ) און געפּועלט ביי איהם, מען זאָל מבטל זיין דעם גירוש פון קייזערסבורג, נאָר דער בעפעהל וועגען ראָסהיים איז ניט בטל געוואָרען, און מיר האָבען שפּעטער מיט גרויסע שוויריגקייטען איטליכס מאָל אויסגעשתדלט פאַר זיך דאָס רעכט צו וואוינען. און ביז היינטיגען טאָג איז נאָך אונזער מצב אומבעשטימט. און אויף קיינעם האָבען מיר ניט וואָס צו האָפען, סיידען אויף אונזער פאָטער אין הימעל, וואָס וועט אונז אויסלייזען פון אַלעמען, ווער עס איז אויפגעשטאַנען קעגען אונז". שפּעטער האָט זיך ר' יוזילמאַנ'ען איינגעגעבען מיט גרויס מיה צו פערהיטען פון דער סכנה צו ווערען פערטריבען די פיעל אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין קרייז האַגענוי, אין עלזאַס.

אין משך פון דער גאַנצער רעגירונגס-צייט פון קאַרל V איז דעם אידישען שתדלן אויסגעקומען צו קעמפען קעגען די כסדר'דיגע פּרובען צו שטערען די קאַנאָנע רעכט פון זיינע פאָלקסברידער. ניט איין מאָל האָט זיך איהם איינגעגעבען, אויפ'ן וועג פון שתדלנות אָדער דיפּלאָמאַטיע, צו בעזייטיגען אַן ערנסטע סכנה. בשעת דער פּויערים-רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציאָנס-בעוועגונג, האָבען די אידען פון עלזאַס, דרום-דייטשלאַנד און טורינגען זיך געפונען אין אַ געפעהרליכער לאַגע. די לייב-אייגענע פון דער ערד, די אומגליקליכע שקלאַפען פון די דייטשע פעאָדאַלען, זיינען געווען גרייט אָנצופאַלען אויף די לייב-אייגענע פונ'ם קליין-האַנדעל, ניט פערשטייהענדיג, אַז יענע ליידען די אייגענע צרות, אַז די אייגענע פעאָדאַלען אונטערדריקען און עקספּלואַטירען אויך זיי. איז ר' יוזילמאַן אַוועק צו די אָנפיהרער פון די אויפגעשטאַנענע עלזאַסער פּויערים און האָט זי אַריבערגעצויגען – צי דורך קלוגע רייד אָדער בקשות אָדער געלד – אויפ'ן צד פון די אידען. האָבען די אָנפיהרער פון די פּויערים פערעפענטליכט אַן אויפרוף, אַז מען זאָל די עלזאַסער אידען ניט אָנריהרען, און די דורכפאָהרער אין פערשיידענע ערטער האָבען זיי אַרויסגעגעבען שוץ-בריעף (1525).

ר' יוזילמאַנ'ען האָט זיך איינגעגעבען אויך צו טון אַ טובה זיין געבאָרענשטאָדט ראָסהיים. איין מאָל, אַז יוזילמאַן האָט זיך אונטערוועגס דערוואוסט, אַז

אַ באַנדע פּויערים האָבען אַרומגערינגעלט די שטאָדט, איז ער געשווינד אַוועק אַהין, האָט אויפגעוועקט די בירגערמייסטערס און איז מיט איינעם פון זיי (דער אַנדערער האָט מורא געהאַט צו גייהן) אַוועק אין'ם לאַגער פון די מורדים, וואָס זיינען פאַר אַ געוויסען געצאָהלט מרוצה געוואָרען אָבצוטרעטען. אויף אַזאַ אופן האָט דער שתדלן אויסגעלייזט פון חורבן ניט בלויז די אידישע, נאָר אויך די קריסטליכע בעפעלקערונג פון ראָסהיים, — און פונדעסטוועגען האָט די קריסטליכע אַדמיניסטראַציע אין עלזאַס ניט אויפגעהערט צו רודפ'ן און צו אונטערדריקען די אידען.

אין יאָהר 1550, בשעת דעם בעריהמטען אויגסבורגער סיים, האָבען די פערזאַמעלטע דייטשע פירשטען זיך געגרייט אַרויסצוגעבען אַ רייה בעגרעניצונגען און רעפּרעסיעס קעגען אידען. די אידענפיינדליכע פּאַרטיי האָט געהאַט פונאַנדערגעלאָזען אַ קלאַנג, אַז די אידען העלפען די טערקען מיט געלד און מיט דעם, וואָס זיי אָרגאַניזירען פאַר זיי דעם שפּיאָנאַזש. די טערקען זיינען דעמאָלט אַריינגעדרונגען אין אונגאַרן און האָבען זיך געגרייט אָנצופאַלען אויף עסטרייך און דייטשלאַנד. מען האָט געהאַט בדעה אָבצונעמען ביי אידען דאָס רעכט צו פערנעמען זיך מיט באַנק-אָפּעראַציעס און מיט וואָכער** און אויך אַרויסצושיקען זיי פון עטליכע פּראָווינצען. דעמאָלט איז ר' יוזילמאַן געקומען מיט מאַנדאַטען פון די אידישע קהילות קיין אויגסבורג, האָט דערלאַנגט אַ פערטיידיגונגס-שריפט דעם קייזער קאַרל און דעם קיניג פערדינאַנד און האָט דערנאָך געפועלט, עס זאָל בעשטעטיגט ווערען דעם קייזער סיגיזמונדס אַלטע כאַרטיע, וואָס האָט פערזיכערט אידען די אומבעריהרליכקייט פון זייער פּערזאָן און פערמעגען, גלויבענס-פרייהייט, דאָס רעכט פריי זיך אַריבערצוקלייבען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן און צו פערנעמען זיך מיט אַנטלייהען געלד אויף בעשטימטע תנאים.

בכדי צו בעזייטיגען די בעשולדיגונגען קעגען כלל ישראל, וואָס פלעגען אַרויסגערופען ווערען דורך די פאַלשקייטען מצד די וואָכעריי, און בכדי בכלל איינצושטעלען גוטע בעציהונגען צווישען אידען און קריסטען בנוגע צו געלד-עסקים, האָט ר' יוזילמאַן דעמאָלט צונויפגערופען אין אויגסבורג אַ צוזאַמענפאָהר פון רבנים און פרנסים — די פאָרשטייהער פון די קהילות. די פערזאַמלונג האָט אויסגעאַרבייט צעהן תקנות, וואָס האָבען געקאָנט בעפרידיגען די פאָדערונגען פון דער שטרייגסטער קאָמערציעלער עהרליכקייט. ס'איז פערבאָטען געוואָרען צו נעמען פערשטעלטע פּראָצענטען, אין דער פאָרם פון געהעכערטע מקחים אויף די סחורות, וואָס ווערען פערקויפט אויף קרעדיט; צו נעמען פּראָצענט דפּראָצענט ביי קורצטערמיניגע הלוואות; צו נעמען פאַר משכנות זאַכען, וואָס דער לייהער האָט זיי געקראָגען דורך אַ גניבה אָדער גזילה; צו קויפען זאַכען פון בעל-הבתישקייט פון קינדער אָדער משרתים אָהן דעם וויסען פון זייערע עלטערן אָדער בעלי-בתים. מאָגען פאַר'ן געריכט אַ חוב ביי די יורשים פון אַ פערשטאָרבענעם בעל-חוב טאָר מען ניט אַנדעריש, סיידען די פאָרשטייהער פון דער אידישער קהילה האָבען אָנערקענט, אַז דער חוב קומט טאַקע דעם קרעדיטאָר.

די וואָס נעמען ביי קריסטען אויף קרעדיט געלד אָדער סחורות און דערנאָך קלייבען זיי זיך אַריבער אין אַן אַנדער אָרט, בכדי זיך אַרויסצומאַכען פון צו צאָהלען — אויף זיי ווערט אַרויפגעלייגט אַ גרויסער חרם. די רבנים און פאַרשטייהער פון די קהילות זיינען מחויב אָנצונעמען תביעות און אָנקלאָגען פון קריסטען קעגען אידען און פסק'ען אַזעלכע פראָצעסען לויט'ן שטרייגען יושר. אויף אידען איז אַרויפגעלייגט אַ חוב ניט צו בעהאַלטען די אינערליכע מעשים פון זייערן אַ פאָלקס-ברודער בנוגע צו אַ קריסט, נאָר זיי מוזען געבען צו וויסען וועגען דעם די פאָרשטייהער פון די קהילות.

אַלע די דאָזיגע תקנות האָט ר' יוזילמאַן אַריינגעטראָגען אין די אָפיציעלע אַקטען אין אויגסבורג, בשעת די זיצונגען פונ'ם מלוכה-סיים, און האָט מוסיף געווען דערצו פאָלגענדעס: „איך און מיינע חברים, די מורשים פון די אידען, זאָגען צו און זיינען זיך מתחייב צו האַלטען די דאָזיגע תקנות, אויב נאָר די רעגירער און פירשטען, די הויפטלייט פון די פראָווינצען און שטעדט אין דער הייליגער דייטש-רוימישער אימפעריע וועלען פון זייער זייט טון אַלץ מעגליכע, בכדי צו געבען אונז רוה אין אַלע ערטער, וואו מיר וואוינען, וועלען אונז ניט בעאומרוהיגען שטענדיג דורך בעפעהלען וועגען גירוש, וועלען אונז געבען די פרייהייט אַריבערצוקלייבען זיך פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן און צו האַנדלען אומגעשטערט און וועלען ניט אויסטראַכטען קיין בלבולים, בכדי אונז צו אונטערדריקען, וואָרום אויך מיר זיינען מענשען, געשאַפען פונ'ם אַלמעכטיגען גאָט, בכדי צו וואוינען אין לאַנד ביי אייך און מיט אייך".

דער דאָזיגער רוף צו מענשליכקייט און יושר האָט משמעות ווינציג געריהרט די הערצער פון די שרים פון דער מלוכה, סיי די קאַטוילישע און סיי די פראָטעסטאַנטישע, וואָס האָבען זיך געהאַט צונויפגעקליבען אויפ'ן סיים אין אויגסבורג. מיר האָבען געזעהן אויבען, אַז די צוויי זיילען פונ'ם פראָטעסטאַנטיזם, דער קורפירשט פון זאַקסען און דער לאַנדגראַף פון העסען, האָבען עטליכע יאָהר נאָכ'ן אויגסבורגער סיים זיך געגרייט אויפצוהויבען רדיפות קעגען אידען מיט'ן פולקומען הסכם פון זייערע רביים — לוטער און בוצער. הייגט וואָס האָבען שוין בעדאַרפט טון די קאַטוילישע פירשטען און קלעריקאַלען? און אַזוי זעהען מיר טאַקע, אַז אויך אין די פאָלגענדע יאָהרען וואַרפט זיך דער אידישער שתדלן אין אַלע זייטען, ער פאָהרט און איז זיך משתדל אַמאָל וועגען דעם, מען זאָל מבטל זיין נייע בעגרעניצונגען פון די אידענס רעכט, אַמאָל וועגען דעם, אַז מען זאָל בעפרייען מענשען, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען מחמת בלבולים, אַמאָל וועגען דעם, אַז דער קייזער זאָל בעשטעטיגען די אַלטע אידישע „פריווילעגיעס", וואָס די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט זיי געשטערט.

אין יאָהר 1541, קורץ פאַר פסח, איז אין בייערן פערשוואונדען געוואָרען אַ קריסטליכער איינגעל, וואָס זיין טויטען קערפער האָט מען דערנאָך געפונען אין וואַלד, צעפרעסען פון ווערים. האָט מען בעשולדיגט די אידען, אַז זיי האָבען דאָס געטויט דאָס קינד צוליעב רעליגיעזע צוועקען. דער ביסקופ

פון אייכשטעט, וואָס האָט אונטערגעהאַלטען דעם דאָזיגען שענדליכען בלבול, האָט געהייסען אַרעסטירען עטליכע אידען און האָט געפּאָדערט פון אָרטיגען הערצאָג רעפּרעסיוו-מיטלען קעגען אידען בכלל. נאָר ר׳ יוזילמאַנ׳ען האָט זיך איינגעגעבען צו איבערצייגען דעם הערצאָג, אַז די אַרעסטירטע זיינען אומשולדיג, און צו פּועל׳ן, מען זאָל זיי אַרויסלאָזען פריי.

עס האָט זיך געפונען דעמאָלט איין פּראָטעסטאַנטישער געלערנטער, וואָס האָט זיך דערוועגט — און אויך דאָס ניט אונטער זיין נאָמען — צו פערעפענטליכען אַ ביכעל וועגען דער פאַלשקייט פונ׳ם מיטעלאַלטערליכען פאָראורטייל, וואָס בעשולדיגט די אידען אין רעליגיעזע מאָרדען. דער מחבר בעווייזט, אַז די ריינע אידישע רעליגיע קאָן ניט דערלאָזען אַזעלכע פערברעכענס; אַז די עלילת דם איז אַ רשעות׳דיגער בלבול, וואָס די מאָנאַכען און גלחים האָבען אויסגעטראַכט, בכדי צו פאַבריצירען נייע קדושים, אין דער געשטאַלט פון די כלומר׳שט גע־פּייניגטע קינדער, און צוצוציהען ליכטגלויביגע מתפּללים אין די קירכען, בכדי זיך צו בוקען פאַר די ביינער פון די כלומר׳שטע הייליגע. די דאָזיגע פערטיידיגונגס-שריפט פאַר׳ן אידישען פאָלק האָט אַרויסגערופען אַן ענטפער מצד דעם אָנפיהרער פון די קאַטוילישע קלעריקאַלען אין דייטשלאַנד, לוטער׳ס בעוואוסטען געגנער דאָקטאָר עק. אין זיין ענטפער חזר׳ט עק איבער אַלע אומגעלומפּערטע אידענפיינדליכע בלבולים פון די אָבסקוראַנטען און דריקט אויס זיין כעס דעריבער, וואָס די אידען אין דייטשלאַנד לעבט זיך „צו פריי", וואָס מען גיט זיי פולקומען שוץ און זיכערקייט. דער געוויינליכער גאַנג פון די איצטיגע אידענפיינד — אַרויסצושטעלען די גערודפטע אידען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ממש געהאַט דעם גן עדן אויף דער וועלט — איז בעשיימפּערליך געוואָרען אָנגעווענדט נאָך אין XVI יאָהרהונדערט.

דער טויט האָט אָנגעטראָפען ר׳ יוזילמאַנ׳ען, דעם אונערמידליכען שתדלן, אין מיטען דער אַרבייט צו פערטיידיגען די קנאַפּע רעכט און די פערזענליכע זיכערקייט פון יענע, וואָס האָבען, לויט עקס מיינונג, געהאַט אַ צו גרויסע פרייהייט אין דייטשלאַנד. ר׳ יוזילמאַן איז געשטאָרבען אַן ערך מיט אַ יאָהר פריהער, איידער קאַרל V האָט זיך אָבגעזאָגט פון טרוין (1554).

אין די וויטערדיגע יאָהרצעהנטען זיינען אין דער געשיכטע פון די דייטשע אידען ניט פאָרגעקומען קיין שום גרויסע געשעהענישען (דער צענטער פון דער אידען-פראַגע איז דעמאָלט אַריבערגעטראָגען געוואָרען קיין עסטרייך און בעהמען, ז. דעם וויטערדיגען §). מעהר ניט איין געשעהעניש אין דער פּראָטעסטאַנטישער בראַנדענבורג האָט אויפגערודערט די גוזעלשאַפטליכע מיינונג. אין דער צייט וואָס די פּראָטעסטאַנטישע פירשטען פון זאַקסען און העסען האָבען אונטער דער ווירקונג פון לוטער׳ס אידענפיינדשאַפט גערודפ׳ט אידען, האָט דער דריטער אָנהייבער לוטערס, דער קורפירשט יאָאַכים II פון בראַנדענבורג, זיך בעצויגען צו זיי מעהר טאָלעראַנט. דער דאָזיגער קורפירשט האָט געהאַט ביי זיך אַ אידישען דאָקטאָר, ליפּאָלד פון פראַג, וואָס איהם האָט ער אויך אָנגעטרויט די פערוואַלטונג פון די מטבעות-גיסעריי און פון דער מלוכה־

קאַסע. ליפּאָלד האָט געוואָלט צו־ליעב טון זיין האַר און בערייכערן זיין קאַסע, און האָט דעריבער אַרויסגעלייגט אויפן פאָלק שווערע אָבצאָהלונגען און האָט דורכדעם אַרויסגערופען אַלעמענס שנאה צו זיך. נאָך יאָאַכים דעם II־טענס טויט איז זיין מקורב געפאַלען. דער נייער קורפירשט יאָהאַן געאָרג האָט אַריינגעזעצט ליפּאָלד׳ן אין תפיסה; דעם תפוס האָט מען אונטער עינויים געצוואונגען זיך מודה צו זיין אין פערברעכענס, וואָס זיינען געווען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען — אַז ער האָט געמאַכט כישוף און האָט פער׳סמ׳ט דעם פערשטאָרבענעם קיניג. הגם נאָכדעם ווי ליפּאָלד איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון זיין געצוואונגענער הודאה, פונדעסטוועגען האָט מען איהם געטויט. אין דערזעלבער צייט האָט יאָהאַן געאָרג בעפויהלען צו פערטרייבען אַלע אידען פון בערלין און פון אַנדערע ערטער פון בראַנדענבורג (1573).

די סאָציאַלע פעראָרימונג פונ׳ם אידישען קיבוץ אין דייטשלאַנד איז אונטער׳ן איינפלוס פונ׳ם דרוק און רעכטלויזיגקייט אַלץ שטאַרקער געוואָרען. זייהר אָפט האָט די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע זיך ערלויבט צו מאַכען מיטעלאַלטערליכע עקספּערימענטען איבער די רעכטלויזע איינוואוינער פונ׳ם געטאָ. אין פראַנקפורט ביים מיין איז די גרויסע אידישע קהילה געווען איינגעשטיקט אינ׳ם איינגען אידישען קוואַרטאַל און האָט זיך געמוזט אונטערגעבען אַ גאַנצער רייה דערנידעריגענדע בעגו עניצונגען, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט איינגעשטעלט. עס איז נאָך געבליבען גילטיג דער אַלטער געזעץ וועגען דעם בעזונדערן צייכען אויף די קליידער פון אידען (אַ געלע רעדעלע אָדער אַ בעזונדערע מיצעל אויפ׳ן קאָפּ); עס איז פערבאָטען געווען אידען צו האַלטען קריסטען ביי זיך אין שטוב אַלס משרתים און אין עטליכע ערטער האָט מען זיי ניט געלאָזט קויפען אויפ׳ן מאַרק שפּייז־פּראָדוקטען פריהער, איידער די קריסטען האָבען איינגעקויפט זייערע פּראָוויזיע. די הייזער פון אידען זיינען, לויט׳ן בעפעהל פונ׳ם פראַנקפורטער מאַגיסטראַט, בעצייכענט געוואָרען דורך ווייסע, גרינע אָדער רויטע שילדען (פון אַ הויז מיט אַ רויטען שילד קומט אַרויס דער פאַמיליען־נאָמען פון די בעריהמטע באַנקירען ראָטשילדס, וואָס שטאַמען אַרויס פון פראַנקפורט) מיט בעזונדערע, צום טייל בעליידיגענדע אויפשריפטען („צום אייזעל״ וכדומה). און אפילו דאָס דאָזיגע נישטוועדיגע רעכט צו וואוינען האָט דער פראַנקפורטער מאַגיסטראַט געקאָנט צו איטליכער צייט אָבנעמען ביי די אידען.

נאָר די אידענפיינדליך געשטימטע קריסטליכע צעכען פון די בעלי־מלאכות זיינען נאָך ניט צופרידען געווען אפילו מיט דער נידעריגער לאַגע פון זייערע רעכטלויזע מיטבירגער און האָבען בעשולדיגט דעם מאַגיסטראַט, וואָס איז בעשטאַנען פון פּאַטריציער־אַריסטאָקראַטען, דעריך, אַז פאַר געלד ערלויבט ער די אידען צו עובר זיין אויף די בעגרענוצונגס־געזעצען, וואָס זיינען איינגעשטעלט פאַר זיי. די פאָרשטייהער פון די צעכען האָבען אַגיטירט צווישען די האַנדווערקס־געהילפען און צווישען די נידעריגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, בכדי צו פועל׳ן, מען זאָל פערטרייבען די אידען פון פראַנקפורט.

די אַגיטאַציע איז בעזונדערס געוואָרען געפעהרליך און גרויס פון דער

צייס אָן, בשעת בראש פון דער אידענפיינדליכער באַנדע האָט זיך געשטעלט דער לעקעך-בעקער ווינצענץ פעטמילך, אַן אמת׳ער גזלן, וואָס האָט זיך אַ נאָמען גע-געבען „דער נייער המן" (1614). ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען אָנפאַלען אין מיטען גאַס אויף אידען און אויף קריסטען פּאַטריציער. פעטמילך און זיין ווילדע באַנדע פון די צעך-לייט האָבען אַרויפגעוואָרפען אַ מורא ניט בלויז אויף אידען, נאָר אויך אויף די מיטגלידער פונ׳ם מאַגיסטראַט. די קייזערליכע קאָמיסאַרען, וואָס זיינען געקומען בכדי מאַכען שלום צווישען דעם מאַגיסטראַט און די צע-כען, האָבען גאָרנישט ניט געקאָנט טון מיט דער ווילדער באַנדע האַנדווערקער-געזעלען. אום שבועות האָבען די רוצחים געמאַכט אַ פרוב זיך אַריינצורייסען אין אידישען קוואַרטאַל, נאָר מען האָט זיי אָבגעטריבען. ריכטענדיג זיך אויף אַ פּאָגראָם אין אַ הריגה, האָבען די אידען אַוועקגעשיקט אויסער׳ן שטאָדט זייערע ווייבער און קינדער, נאָר קיין געלד האָט מען זיי ניט ערלויבט אַרויסצו-פיהרען.

נאָך דריי שווערע חדשים, וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין שטענדיגער אומרוהיגקייט, איז פאָרגעקומען אַן אמת׳ער פּאָגראָם. ווען מען פלעגט צופריהער אָנזאָגען די אידען, אַז ס׳גרייט זיך אויף זיי אַ צרה — פלעגען זיי פאַסטען תעניתים, מתפלל זיין און וויינען אין די שולען, נאָר די דרייסטערע פלעגען זיך גרייטען צום זעלבסטשוץ. בשעת פעטמילכ׳ס באַנדע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום אידישען קוואַרטאַל און האָט אָנגעהויבען ברעכען דעם טויער, וואָס פיהרט אַריין אַהין, האָבען אַ טייל אידען זיך פערטיידיגט מיט געוועהר אין די הענד, נאָר זיי זיינען געווען געצוואונגען אָבצוטרעטען פאַר דער גרויסער צאָהל פון די אָנפאַלער. האָבען די רוצחים זיך אַריינגעריסען אין די גאַסען פונ׳ם געטאָ, האָבען געבראָכען, געבערענט און גערויבט און האָבען געשראָקען נאָך אויסצו-הרג׳ען אַלע איינוואוינער. אַ טייל אידען האָבען זיך בעהאַלטען אין די הייזער פון גוטהאַרציגע קריסטען, אַ טייל זיינען אַנטלאָפען אויפ׳ן בית-עלמין, וואו אַ סך האָבען זיך אָנגעטאָן תכריכים און האָבען מתפלל געווען און געזאָגט וידוי און געוואַרט אויפ׳ן טויט. די רוצחים האָבען דערווייל זיך געהאַלטען אַן עצה, וואָס צו טון מיט די אידען: צי אויסהרג׳ען זיי אָדער פערטרייבען פון שטאָדט, — „ס׳איז אונז בייגעשטאַנען גאָט׳ס גרויסער חסד — בעמערקט דער כראָניק-שרייבער, וואָס האָט די דאָזיגע שרעקענס אַליין איבערגעלעבט — און ס׳איז געבליבען אונז צו פערטרייבען". די בערויבטע און אויסגעמאַטערטע אידען האָט מען אַרויסגעלאָזט פון שטאָדט, אין גאַנצען 1380 מאַן (24 אַווגוסט 1614). „זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען—שרייבט דער כראָניק-שרייבער—פריידליכע און זיפצענדיגע: מען האָט זיך געפרייהט דעריבער, וואָס מען איז געבליבען לעבען, און מען האָט געזיפצט דערפאַר, וואָס מען איז געווען נאַקעט און הויל". די פערטריבענע האָבען זיך בעזעצט אין די שכנישע שטעדט און דערפער.

די מעשה פון פראַנקפורט האָט געווירקט אויף די איינוואוינער פון וואָרמס. אונטערגעהעצט דורך דעם אַדוואָקאַט כעמניך, האָבען די וואָרמסער צעך-לייט בעשלאָסען, אַז די אידען זיינען שולדיג אין דער אומגליקליכער מאַטעריעלער

לאַגע פון די קריסטליכע האַנטווערקער-געזעלען, און דערפאַר מוז מען זיי פאַרטרייבען פון שטאָדט. דאָ איז דער קאַמף געוואָרען געפיהרט אויף אַ ווינציגער באַרבאַרישען אופן. אַ קאָמיסיע פון פאָרשטייהער פון די צעכען האָט לכתחילה זיך געפלייסט צו בעדריקען און צו בעליידיגען די אידען דורך „לעגאַלע" מיטלען, דורך דעם, וואָס מען האָט שטריינג דורכגעפיהרט די אַלטע און נייע בעגרעניצונגס-געזעצען. מען האָט פערשלאָסען די טויערן פונ'ם אידישען קוואַרטאַל, וואָס פיהרען אין שטאָדט אַריין; מען האָט פערבאָטען די אידען צו קויפען אויפ'ן מאַרק פריהער פאַר איינס דעם זייגער עסענוואַרג און אַפּילו אַ קריגעל מילך פאַר זויגעדיגע קינדער; מען האָט אַוועקגעשטעלט משגיחים ביים אידישען קוואַרטאַל, בכדי די איינוואוינער זאָלען ניט אַרויספיהרען פון דאָרט זייער האָב-און-גוטס.

היות ווי די אידען פון וואָרמס האָבען זיך געריכט נאָך אויף ערגערע גזירות, דעריבער האָבען זיי געשיקט זייער פאָרשטייהער ר' ליב אָפּענהיים צום קייזער מאַטיאַס מיט דער בקשה, ער זאָל זיך איינשטעלען פאַר זיי. האָט דער קייזער געשיקט אַ שריפטליכען בעפעהל צו די איינוואוינער פון וואָרמס, זיי זאָלען ניט אָנריהרען די אידען, און האָט געשראָקען מיט שטראָפען יענע, וואָס וועלען שטערען די אָרדענונג.

נאָר דאָס האָט נאָך מעהר צערייצט די אַגיטאַטאָרען. זיי האָבען צונויפגעקליבען אַ גרויסען המון אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ און האָט געשיקט אָנזאָגען די אידען, אַז זיי זאָלען אומגעזאַמט זיך אַרויסקלייבען פון שטאָדט „מיט זאַק און פּאַק". דער פּראָטעסט פונ'ם מאַגיסטראַט קעגען דער דאָזיגער געוואַלדטאַט האָט צו גאָרנישט ניט געבראַכט, און די אידען האָבען געמוזט אַרויס פון שטאָדט (20 אַפּריל 1615). די קריסטען האָבען צעשטערט די אַלטע שול און צעבראָכען אַ סך מצבות אויפ'ן אידישען בית עלמין. דער קורפירשט פרידריך פון פּפאַלץ און אַנדערע שכנישע פירשטען האָבען ערלויבט די אידען זיך צו בעזעצען אין זייערע לענדער.

נאָר אין גיכען איז געקומען אַ סוף צו דער שמחה פון די זיגער. דער קורפירשט פון פּפאַלץ האָט געשיקט צו-הילף דעם וואָרמסער מאַגיסטראַט אַ מיליטערישע אָבטיילונג, בכדי איינצושטילען די ווילדע באַנדעס, וואָס האָבען געבעלי-בת'עוועט אין שטאָדט. דער אַדוואָקאַט כעמניץ און אַנדערע אַגיטאַטאָרען זיינען געוואָרען פערטריבען פון וואָרמס. אין ניין חדשים אַרום, נאָכדעם ווי מען האָט די אידען איבערגעוואַלד פערטריבען פון וואָרמס, האָבען זיי זיך צוריק אומגעקעהרט אַהין און האָבען זיך בעזעצט אין זייערע פריהערדיגע וואוינונגס-ערטער (יאַנואַר 1616).

באַלד דערויף האָט מען די אידען, לויט דעם קייזערס בעפעהל, צוריק בערופען אויך קיין פראַנקפורט. זיי זיינען אָנגעקומען אַהין דעם 10 מערץ (20 טעג אין אדר) פון יאָהר 1616, נאָכדעם ווי זיי זיינען אויסען געבליבען אָנדערהאַלבען יאָהר, אין דער בעגלייטונג פון רעגירונגס-קאָמיסאַרען און מיליטער

מיט פויקן און טרומייטען. דער קייזער מאַטיאַס האָט געהייסען שטריינג בעשטראָפען די אויפטוער פונ׳ם פראַנקפורטער פּאָגראָם. דעם רוצח ווינצענץ פעטמילך האָט מען אָבגעהאַקט די פינגער און דערנאָך די קאָפּ, און מען האָט אויפגעהאַנגען שטיקער פון זיין גוף אין די פיער עקען פון שטאָדט; אַ סך אַנדערע רוצחים פון פעטמילכ׳ס באַנדע האָט מען אָבגעהאַקט די פינגער אויפ׳ן עשאַפאָט, אין מיטען שטאָדט-פּלאַץ. חוץ דעם האָט דער קייזער אַרויפגעלייגט אויף דער שטאָדט פראַנקפורט אַ געלד-קנס פון 175 טויזענד גולדען דערפאַר, וואָס זיי האָבען בערויבט די אידען, זיי האָבען פעראייביגט אויף דורות דעם טאָג, ווען זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פונ׳ם נייעם המן, ווינצענץ פעטמילך, דורכדעם וואָס זיי האָבען איינגעשטעלט צופייערן יאָהר-יעהרליך דעם דאָזיגען טאָג, כ׳ אדר. דער יום-טוב האָט זיך גערופען „ווינצענץ-פורים”. דאָס איז געווען אַן אמת אידישער יום-טוב, אַ יום-טוב פון גלות: עס האָבען זיך איצט געפרייהט דערמיט, וואָס ס׳איז בטל געוואָרען די אויסערגעוויינליכע גזירה, די אַלע וואָס זיינען שוין צוגעוויינט געוואָרען צו די שטענדיגע צרות, צו דער איינגשאַפט און חושך פונ׳ם געטאָ, צו דער רעכטלאָזיגקייט און דערנידעריגונג.

עסטרייך, בעהמען און אונגאַרן.

§ 18. מחמת דעם, וואָס די אידען אין די עסטרייכיש-בעהמישע פּראָווינצען האָבען בעדייטענד אַריבערגעשטייגט אין צאָהל זייערע פאָלקסברידער אין די צענטראַלע געגענדען פון דייטשלאַנד, דעריבער טרעטען זיי אַלץ מעהר אַרויס אין דער געשיכטע אין XVI יאָהרהונדערט און אין דער וויטערדיגער צייט. אויב אין וויען און אין נידער-עסטרייך האָבען די אָפטע רדיפות, אָדער גענויער — גירושים, געשטערט דעם וואוקס פון דער אידישער בעפעלקערונג, האָט אָבער דערפאַר בעהמען, וואו אידען האָבען געוואוינט זינט די עלטסטע צייטען, געקאָנט דיענען פאַר אַ רעזערוואואַר, וואו די צאָהל אידען האָט געקאָנט ממלא זיין דעם חסרון אין די שכנישע געגענדען. די אַלטע קהילה אין פראָג איז געווען איינע פון די גרעסטע קהילות אין דער דעמאָלטיגער אייראָפּע און צוגלייך איינע פון די גרעסטע צענטרען פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. די פראָגער רבנים, דרשנים, שריפטשטעלער און דרוקער האָבען געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער אידישער וועלט. אין די צייטען פון רדיפות אָדער עקאָנאָמישע קריזיסען האָבען די בעהמישע אידען געקאָנט זיך אַריבערקלייבען אין דער שכנישער פוילין. פון פראָג איז געגאַנגען די עמיגראַציע קיין קראָקוי, וואו עס האָט זיך געפונען אַפילו אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט אַ „בעהמישע שול”. נאָכדעם ווי בעהמען איז נאָך כמעט הונדערט יאָהר אַווטאָנאָמיע ווידער פעראייניגט געוואָרען מיט עסטרייך אונטער דער ממשלה פון פערדינאַנד I פון הויז האַבסבורג (1526), איז ווידער געוואָרען צונויפגעבונדען דער גורל פון די אידען איןביידע לענדער.

פערדינאַנד I—צוערשט הערצאָג פון עסטרייך, און נאָכדעם ווי זיין ברודער קאַרל V האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער ממשלה, קייזער פון דייטשלאַנד

(1656) — איז ניט געווען פעסט און האָט זיך שטענדיג געוואַקעלט אין זיין פּאָליטיק בנוגע צו אידען צווישען שטרייַנגקייט און חסד. די ערשטע יאָהרען פון זיין קיניגען האָט ער די אידען געשיצט. אין יאָהר 1525, בשעת די פּאַר־שטייהער פון די לאַנדס־שטאַנדען האָבען אויפ׳סניי אָנגעהויבען דערמאָנען וועגען דעם, אַז מען זאָל ניט ערלויבען אידען צו וואוינען אין פערשיידענע פּראָווינצען פון עסטרייך (§ 14), האָט פערדינאַנד בעשטימט ערקלערט, אַז די אידען מוזען בלייבען דאָרט, וואו זיי האָבען זיך שוין בעזעצט. שפּעטער, בשעת די רעפאָר־מאַציאָנס־שרפה האָט פערכאַפּט פערדינאַנד׳ן אין די רייהען פון די הייסע פערטיידיגער פונ׳ם קאַטוליציזם, האָבען זיינע קלעריקאַלע נטיות זיך אַרויס־געוויזען אויך אין דער אידענפראַגע. ער האָט אָפטער אָנגעהויבען מיט מעהר אויפמערקזאַמקייט זיך צוצוקוקען צו די אידענפיינדליכע שטרעמונגען אין דער בעזעלשאַפט.

דער נייער אָנפאַל פון די טערקען אויף אונגאַרן און די מפלה פונ׳ם עסטרייכישען חייל ביי אָפען (1541) האָבען אַרויסגערופען צווישען דער פינסטע־רער מאַסע קלאַנגען, אַז די אידען זאָלען כלומרשט האָבען אויסגעזאָגט זייערע „גוטע פריינד" די טערקען די סודות פון די מיליטערישע הכנות. די אידען האָט מען אויך אַרויסגעשטעלט פאַר די שולדיגע אין די אומגעהייערע שריפות, וואָס האָבען דעמאָלט פערוויסט בעהמען און בעזונדערס פּראָג. די פּאָרשטייהער פון די בעהמישע שטאַנדען האָבען אויסגענוצט די דאָזיגע שטימונג פון פאָלק, בכדי אויסצופועל׳ן ביי פערדינאַנד I ער זאָל פערטרייבען אַלע אידען פון לאַנד. אין פריהיאָהר פון יאָהר 1542 האָבען שוין מאַסען אידישע אויסוואַנדערער זיך געלאָזט גייהען פון פּראָג און אַנדערע שטעדט צו די גרעניצען פון פּוילין און טערקיי. נאָר אין גיכען האָט זיך אַיינגעגעבען אויפצוקלערען, ווי ווייט אומבע־גרינדעט עס זיינען די בעשולדיגונגען, וואָס האָבען אַרויסגערופען די אַגיטאַציע קעגען אידען, אָדער געגנויער, וואָס זיינען דורך איהר געוואָרען אַרויסגערופען; דערצו האָט מיטגעהאָלפען אויך די השתדלות פון ר׳ יוזילמאַן, וואָס איז בעקומען צום קיניג מיט אַ בקשה־בריעף, און די פערטיידיגונג מצד עטליכע קריסטליכע שרים. איז דער בעפעהל וועגען פערטרייבען די אידען בטל געוואָרען — און דער גרעסטער טייל פון די אויסוואַנדערער האָבען זיך צוריק אומגעקעהרט אַהיים.

אין ווין און אין די שטאָט-לענדער פון עסטרייך איז דער מצב פון אידען געווען זייהר אומזיכער, פונקט אַזוי ווי פריהער. דאָס רעכט צו וואוינען אין ווין פלעגט ווערען געגעבען דעם אָדער יענעם אידען אַלס בעזונדער גע־נאָד. איטליכער איד, וואָס פלעגט קומען צו פאָהרען אַהין צוליעב האַנדעלס־געשעפטען, האָט געמוזט געבען צו וויסען דער אַדמיניסטראַציע, צוליעב וואָס פאַר אַ צוועק ער איז געקומען צו פאָהרען און אויף וויפיעל צייט, און דאַן פלעגט ער בעקומען אַ בעזונדער ערלויבעניש צו וואוינען אין דער הויפּטשטאָדט. אַזעלכע צייטווייליגע אַיינוואוינער האָבען געמעגט זיך אָבשטעלען נאָר אין צווי אכסניות און זיינען געווען מחויב צו טראָגען דעם אידען־צייכען אויף די קליי־דער, בכדי ס׳זאָל זיין בעקוועמער אויף זיי השגחה צו געבען.

איבעריגענס, האָט פערדינאַנד אויסגעדריקט דעם פערלאַנג, אַז אַזעלכע דעקרעטען זאָלען ניט פערעפענטליכט ווערען, „וואָרום דאָס קאָן אַרויסרופען צווישען פראָסטען המון, אין די דערפער און אויף די מאַרק־פּלעצער, פעראַכטונג (צו אידען) און געפעהרליכע רעזולטאַטען: לייכטזיניגע קריסטען קאָנען פיינען, אַז אידען האָט מען פערבאָטען אַריינצופאָהרען אין וויען מחמת גרויסע פערברעכענס און רציחות" (1548). דאָ האָבען זיך פעראייניגט אַזעלכע היפּוכים, ווי אונטערדריקונג מיט רחמנות, רעפּרעסיעס אין נאָמען פון דער „הויכער פּאָליטיק" מיט דער זאָרג, אַז די דאָזיגע רעפּרעסיעס זאָלען ניט ווירקען אויף דער קריסטליכער מאַסע צום שלעכטען און זאָל זי ניט אויפרייצען צו געוואַלד־טאַטען קעגען די רעכטלויזע! צו אַזאַ עלעמענטאַרער, פּשוט'ער „מענשליכקייט אין דער אונטערדריקונג" איז נאָך ניט דערוואַקסען אין אָנהויב פון XX יאָהר־הונדערט איין אייראָפּייאישע מאָנאַרכיע, וואו די שענדליכע רעכטלויזיגקייט פון זעקס מיליאָנען אידען רופט אַרויס די פאָרשטעלונג וועגען דעם, אַז זיי זיינען שוצלויז, און בעשאַפט אַ באָדען פאַר בלוטיגע מאַסען־פּאָגראָמען און רציחות קעגען זיי.

נאָך די עפּאָכע פון דער „קאַטוילישער רעאַקציע" האָט געטאָן דאָס איהריגע: די קלאַנגען וועגען די אינקוויזיטאָרישע עקספּערימענטען פונ'ם פּויפּסט פּוילוס IV איבער די אידען (§ 10), האָבען געמוזט פונאַנדערבלאָזען די רעליגיעזע קנאות פונ'ם געקרוינטען קעמפער פאַר'ן קאַטוילוציזם פערדינאַנד I, וואָס איז שוין געוואָרען דייטשער קייזער נאָך זיין ברודערס טויט. לויט אַ סיגנאַל פון רוים האָט די אַדמיניסטראַציע אין פּראָג קאָנפיסקירט אַ סך רעליגיעזע ספרים אין די הייזער פון אידען און אָבגעשיט זיי קיין וויען, בכדי צו משפּט'ען די דאָזיגע אַנטיקריסטליכע ווערק; די אידען פון פּראָג זיינען געבליבען אַפילו אָהן סידורים (1559). אין דערזעלביגער צייט האָבען זיי געשוועבט נאָך אין אַ גרעסערער סכנה: דער קייזער פערדינאַנד האָט זיך פאָרגענומען אָבצוטון אַ פרומע זאַך — אויסצורייניגען די שטאָדט פּראָג פון אידען, מאַכען זייערע שולען פאַר קירכען און אַוועקצושטעלען די פּאָהן פונ'ם קריסטענטום אויפ'ן אָרט פון דער אידישער זינדיגקייט; דערביי האָט מען ניט פערגעסען צו זאָרגען דערפאַר, אַז דורך דעם חרם און פערקויף פון די אידישע הייזער זאָל מען קאָנען ממלא זיין דאָס, וואָס ס'וואָלטען קאָנען אַריינטראָגען אין דער מלוכה־קאַסע די אָבצאָהלונגען פון די פערטריבענע אידען. אין יאָהר 1561 איז דער בעפעהל וועגען גירוש פון די אידען פון פּראָג געוואָרען אונטערגעשריבען — און די אידען האָבען אָנגעהויבען צו פערלאָזען זייער אַלטען צענטער.

אויף אַלע השתדלות'ען וועגען דעם, אַז ער זאָל מבטל זיין דעם דאָזיגען אַכזריות'דיגען בעפעהל, האָט דער קייזער געענטפערט, אַז דאָס איז ניט מעגליך, ווייל ער האָט שוין לאַנג געטאָן אַ נדר אויסצורייניגען פּראַג פון די „אומגלויביגע". דעמאָלט איז איינער פון די אָנגעזעהענע פאָרשטייהער פון דער פּראָגער אידישער קהילה, ר' מרדכי צמח, אַוועק קיין רוים, בכדי זיך משתדל צו זיין פאַר'ן פּויפּסט, ער זאָל דעם קייזער מתיר נדר זיין. האָט דער פּויפּסט

פּוילוס דער IV־טער בעפרידיגט די בקשה פונ׳ם אידישען פאָרשטייהער — און דער פרומער קייזער האָט געקאָנט מיט אַ גרינגען געוויסען מבטל זיין זיין בעפעהל.

עסטרייך, וואָס איז אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט גע־וואָרען דער שטיצפּונקט פון דער קאַטוילישער רעאַקציע, האָט זיך אומגעקעהרט צו דער מיטעלאַלטערליכער אָרדענונג פון די געזעלשאַפטליכע בעציהונגען. די קיסרים מאַקסימיליאַן II און רודאָלף II (1564—1612) האָבען געלאָזט וואוינען די אידען אין זייער לאַנד, אַלס מענשען, וואָס מען קאָן פון זיי אַרויסציהען אָהן אַ שיעור אָבצאָהלונגען און „אינעווייניגסטע הלואות", וואָס פלעגען זעלטען ווען געדעקט ווערען, בכדי אָנצופילען די ליידיגע קייזערליכע קאַסע. מיט אַ בעזונדער געלד־גיריגקייט האָט זיך אויסגעצייכענט דער קייזער רודאָלף II. אין זיין רעגירונגס־צייט האָט געלעבט אין פּראַג אַ מערקווירדיגער אידישער פילאַנטראָפּ און כלל־טוער ר׳ מרדכי מייזיל, וואָס האָט אויסגעבויט פאַר זיינע געלד די גרויסע פּראַגער שול, וואָס טראָגט נאָך עד היום זיין נאָמען, האָט געמאַכט אַ ישיבה און אַ הקדש פאַר אָרימע לייט, און פלעגט בכלל מנדב זיין אומגעהייערע סומעס געלד אויף די הצטרכות׳ען פון זיינע פאָלקס־ברידער אין בעהמען און אין אַנדערע לענדער. אויך רודאָלף II האָט גענאָסען פון דער עשירות פונ׳ם אידישען באַנקיר, אין דער פאָרם פון מתנות אָדער אומבע־צאָהלטע הלואות; נאָר ער האָט אויך געוואָלט ווערען דער יורש פונ׳ם פּראַגער קאַפּיטאַליסט. אַז מייזיל איז געשטאָרבען אָהן קינדער (1601), האָט דער קייזער רודאָלף געשיקט זיין פאָרשטייהער אויף דער לויה, נאָר צוגלייך האָט ער גע־געהייסען צונעמען דעם גאַנצען אייגענס פונ׳ם פערשטאָרבענעם פאַר דער מלוכה־קאַסע, אַלס דאָס אייגענס פון אַ „קאַמער־קנעכט", הגם מייזיל האָט איבער־געלאָזען בצוואה זיינע קאַפּיטאַלען זיינע פלימעניקעס און אויף מעשי־צדקה. פיהרען פּראָצעסען מיט׳ן קייזער פון דייטשלאַנד האָבען די אידען אודאי ניט געקאָנט.

בשעת דעם דרייסיג־יאָהריגען קריג האָט דער טרויעריגער צושטאַנד פון די עסטרייכישע פינאַנצען בעוואויגען די עסטרייכישע קיסרים צו האַלטען טייער די אידען און אַפּילו צו דערנעהענטערן צום הויף עטליכע פינאַנסיסטען צווישען זיי. דער דאָזיגער קריג האָט טייער אָבגעקאָסט די אידען: די קהילות פון בעהמען פלעגען צאָהלען אַלע יאָהר פערציג טויזענד גולדען אויף די הוצאות פון דער מלחמה, אין דעם חשבון גייהען ניט אַריין די אויסער־געוויינליכע אָבצאָהלונגען; דערפאַר אָבער זיינען זיי געוואָרען זיכער און אָבגעהיט פון רדיפות און האָבען גענאָסען שוץ מצד דער אַדמיניסטראַציע און דעם חיל אין דער דאָזיגער אומרוהיגער צייט. אין ווין האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע אידישע קאַפּיטאַליסטען, וואָס דער קייזער פערדינאַנד II האָט זיי געגעבען בעדייטענדע פּריווילעגיעס אַלס דאַנק פאַר די פינאַנציעלע טובות, וואָס זיי האָבען איהם געטאָן. דער אייגפלוסרייכסטער איד ביים הויף איז געווען דער באַנקיר יעקב באַסעווי פון פּראַג, וואָס דער קייזער האָט איהם דערהויבען צום אַדעלס־

שטאַנד אונטערן נאָמען פּאָן-טרייענבורג. די קראַפט פון געלד איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער קייזער דער קלעריקאַל, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אונטער דער השפּעה פון די יעזואיטען, האָט ערפילט די בקשה פון די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין פערשיידענע טיילען פון דער שטאָדט וויען, און האָט בעפוילען זיי צו געבען אויף צו וואוינען אַ בעזונדערן טייל שטאָדט (שפּעטער האָט דער דאָזיגער קוואַרטאַל געהייסען לעאָפּאָלד-שטאַדט), וואָס איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון רשות פון וויענער מאַגיסטראַט (1624). דאָ האָבען די אידען געמעגט פריי וואוינען אונטערן שוץ פון קייזערליכע בעאַמטע און קויפען זיך נחלאות; מען האָט זיי אַפילו ניט פערבאָטען צו קומען אין די אַנדערע טיילען שטאָדט אָהן דעם „אידען-צייכען".

איבעריגענס, האָט דער קלעריקאַלער איינפלוס זיך אַרויסגעוויזען אין פערדינאַנדס בעפעהל וועגען דעם, אַז איטליכען שבת אין דערפריה מוזען זיך צונויפקלייבען די אידען פון וויען און פון פּראָג, בכדי אויסצוהערען די מיסיאָנערישע דרשות פון די יעזואיטען וועגען די קריסטליכע דאָגמעס (1630). עס זיינען געווען מחויב צו קומען ניט ווייניגער פון צוויי הונדערט פּאַרשוינען, מאַנסבילען און ווייבער. פאַר'ן קומען צו שפּעט אויף דער דרשה האָט מען אַרויפגעלייגט דאָס ערשטע מאָל אַ קנס פון איין טאָלער, און די אַנדערע מאָלען פלעגט דער קנס גרעסער ווערען; די געצוואונגענע צוהערער איז געווען פערבאָטען צו שמועסען אָדער צו שלאָפען בשעת די דרשות. פערשטייהט זיך, אַז די אידען האָבען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען די דאָזיגע פערגעוואַלטיגונג איבער זייער געוויסען, און האָבען פאַר געלד גע'פועל'ט, אַז מען האָט ניט מקיים געווען דעם קייזערליכען בעפעהל אונטער פערשיידענע תירוצים, אַ שטייגער ווייל עס פעהלט אַ דירה, עס פעהלען דרשנים וכדומה.

אַ קרבן פון דער מהומה-צייט פונ'ם דרייסיג-יאָהריגען קריג איז שיער ניט געוואָרען איין גרויסער געלערנטער ר' יום-טוב ליפּמאַן העליר, וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַ רב אין וויען און דערנאָך אין פּראָג, דער מחבר פון אַ מערקווירדיגען פּירוש אויף משניות („תוספות יום טוב") און פון אַנדערע ספרים. בשעת ר' יום טוב ליפּמאַן העליר האָט געוואוינט אין פּראָג — איז ער געווען דער פּרעזידענטער פון דער קאָמיסיע אויף פונאַנדערצוטיילען צווישען די אידישע קהילות פון בעהמען די אויסער-געוועהנליכע אָבצאָהלונג פון די 40 000 גולדען, וואָס פלעגט אַלע יאָהר ווערען אָבגעשיקט קיין וויען אויף די הצטרכות'ען פון דער מלחמה. הגם דער רב האָט זיך געמיהט פונאַנדערצוטיילען די דאָזיגע שווערע אָבצאָהלונג על-פּי יושר, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט אויסמיידען די פערשיידענע טענות, וואָס זיינען פאַרהאַן געוועהנליך אין אַזעלכע פאַלען. עטליכע זיינע שונאים האָבען אָוועקגעשיקט אין דער פערוואַלטונג פון דער הויפישער קאַסע אַ מסירה אויף איהם, אַז ער טיילט ניט פונאַנדער גלייכמעסיג די אָבצאָהלונג, אַז די גבירים זאָלען דערביי פערדינען פון דער דאָזיגער פונאַנדערטיילונג און עס ליידען די אינטערעסען פון די אָרימע מיטגלידער פון דער קהילה. ניט צופריעדען דערמיט, האָבען זיי נאָך אָנגע'מסר'ט

פאר׳ן קייזער, אז ר׳ ליפמאן העליר האט אינאיינעם פון זיינע חיבורים געברויכט אויסדרוקען, וואס זיינען מזלזל דעם כבוד פונ׳ם קריסטענטום. מחמת דעם האט מען דעם פראגער רב ארעסטירט, לויט׳ן בעפעהל פון קייזער, און געבראכט צו פיהרען קיין וויען (1629). דא האט מען איהם צוערשט געהאלטען אין תפיסה אינאיינעם מיט קרימינעלע פערברעכער. לויט דער בעשולדיגונג אין בעליידיגען די קירך האט איהם געקומט טויט-שטראף. די סכנה איז בעזייטיגט געווארען נאר א דאנק דער ניט-געוויהנליכער השתדלות פון דער אידישער קהילה אין וויען. דער קייזער האט געהייסען ארויסלאזען העליר׳ן פון תפיסה, נאר ער האט ביי איהם אבגענומען דאס רעכט צו פערנעמען די שטעל פון א רב און האט איהם פער׳משפט צו בעצאהלען צעהן טויזענד גולדען שטראף. נאכדעם ווי ר׳ ליפמאן העליר האט אנגעווארען זיין שטעל אלס רב און גע׳פטרט זיין גאנצען פערמעגען, האט ער זיך אריבערגעקליבען קיין פוילין.

דער קייזער פערדינאנד III האט א ביסעל פערברייטערט די רעכט פון די בעהמישע אידען, אלס בעלוינונג פאר זייער ענערגישען אנטייל אין דער פערטיידיגונג פון פראג, בשעת זי איז בעלעגערט געווארען פון די שוועדען, און פאר אנדערע טובות, וואס זיי האבען געטאן די עסטרייכישע גענעראלען (1648). נאר בכלל איז דער מצב פון די אידען אין די לענדער פון די האבסבורגער ניט אומגעביטען געווארען.

דער שלום פון וועסטפאלען, וואס האט געמאכט א סוף צום פערוויסטענדען דרייסיג-יאהריגען קריג און וואס האט געשאפען א נייע ערא אין דער אייראפייאישער פאליטיק, האט איבערגעלאזען די אידען אין דער פריהערדיגער טרויעריגער לאגע. מעהר ניט אין געוויסע טיילען פונ׳ם אידישען קיבוץ אין אייראפע זיינע פארגעקומען געוויסע שינויים. מחמת די דייטשע פראווינץ עלזאס איז פעראייניגט געווארען מיט פראנקרייך, זיינען די אידען פון דער דאזיגער פראווינץ מיט א מאל אונטערטעניג געווארען דער מלוכה, וואס האט זינט דעם סוף פון XIV יאהרהונדערט כמעט ניט געהאט קיין אידישע בעפעלקערונג.

אינטערעסאנט איז צו בעטראכטען די לאגע פון די אידען אין אונגארן אין דער עפאכע, וואס ווערט דא בעשריבען. אין יענעם טייל פון איהר, וואס האט זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון די האבסבורגער (די געגענד פון פרעסבורג), האט מען די אידען אונטערדריקט נאך מעהר, איידער אין עסט-רייך, און מען האט זיי אפטמאלס פערטריבען פון פערשיידענע ערטער. זיי האבען געמוזט צאהלען צוויי־ענדיגע שטייערן און זיינען געווען זייהר בעגרעניצט אין זייערע האנדעלס-רעכט. מען איז זיך בעגאנגען מיט זיי, ווי „מיט מענשען, וואס האבען קיין שום רעכט ניט, וואס זיינען אומגלויביגע און האבען גיט קיין געוויסען" (לויט ווי עס דריקט זיך אויס דער סיים פון יאהר 1630).

אבער אין יענעם טייל פון אונגארן, וואס האט זיך געפונען זינט דעם יאהר 1541 אונטער דער טערקישער איבערהערשאפט (אפען און אנדערע שטעדט), איז די לאגע פון אידען געווען א סך בעסער. די אידישע קהילה אין

אָפּען האָט דערגרייכט צו אַ בעדייטענדען וואוילשטאַנד אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. די טערקישע סולטאַנען האָבען זיך בעציגען צו די אונגאַרישע אידען אַ סך טאָלעראַנטער, איידער די קיסרים פון הויז האַבסבורג, די אָפּיציעלע בעשיצער פון דער קאַטוילישער קירך.

דאָס אינעווייניגסטע לעבען; די וויסענשאַפטליכע און די פאָלקסטימליכע ליטעראַטור.

§ 19. איינטאָניג איז געפלאָסען דאָס אינעווייניגסטע לעבען פון די אידישע קווארטאַלען אין דייטשלאַנד אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען. מען האָט איינגעהיט מיט אַלע כחות די אַלטע פאָרמען פון דער געמיינדע-אווטאָנאָמיע, וואָס זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אין מיטעלאַלטער (IV, § 140), נאָר ס'איז ביט צו בעמערקען קיין איין פרוב ניט צו פערברייטערן די דאָזיגע אווטאָנאָמיע, ניט צו בעשאַפען אַ שטענדיגען פערבאַנד פון די קהילות און אַ צענטראַלען אָרגאַן פאַר דער זעלבסטפערוואַלטונג. די שתדלנים — אָרטיגע אָדער אַלגעמיינע, אַ שטייגער ווי ר' יוזלמאַן פון ראָסהיים — זיינען געוועזען די פער-וואַלטער צווישען די קהילות און צווישען די דייטשע רעגירונגען און די פער-טיידיגער פון די אידישע אינטערעסען. זייהר זעלטען פלעגען, ווי עס ווייזט אויס, ווערען צונויפגערופען צוזאַמענפאָהרען פון רבנים, בכדי צו בעקלערען די אינעווייניגסטע פראַגען פון אידישען לעבען. אַזאַ מין צוזאַמענפאָהר איז פאָר-געקומען אין אויגסבורג אין יאָהר 1530. ר' יוזלמאַן האָט צונויפגערופען דעם צוזאַמענפאָהר בכדי איינצורעגולירען די עקאָנאָמישע בעציהונגען צווישען אידען און קריסטען (§ 17). נאָך פריהער האָבען די פאָרשטייהער פון דער קהילה פון פראַנקפורט און פון אַנדערע שטעדט זיך פעראייניגט, בכדי צו ווירקען אַנטקעגען דער געפעהרליכער אַגיטאַציע פון פפעפערקאָרן און קעגען זיינע פּרובען צו קאָנפיסקירען אידישע ספרים.

נאָר אינאיינעם מיט ביישפּיעלען פון אַן אָרגאַניזירטער פעראייניגונג פון די כחות פלעגען זיך טרעפען אין די קהילות פאַלען פון אינעווייניגסטע מחלוקת'ען. בעזונדערס האָט זיך אויסגעצייכענט דורך איהרע פאַרטיי-קריגען די גרויסע קהילה פון פראָג. אַ סיבה צו סכסוכים איז געוועהנליך געוועזען די פעריאָדישע פונאַנדערטיילונג פון די שטייערן, וואָס פלעגט אַרויפגעלייגט ווערען אויף אַ קאָמיסיע פון קהל-לייט. דער שווערער יאָך פון די שטייערן — פאַר'ן קייזער, פאַר דער פּראָווינץ און פאַר דער געמיינדע — וואָס האָט געדריקט און גע-שטיקט די בעהמישע אידען, פלעגט אָפּטמאָלס נאָך פערגרעסערט ווערען דורך דער פאַלשער אינעווייניגסטער פונאַנדערטיילונג פון די דאָזיגע שטייערן. דער פּראָגער קהל פלעגט פונאַנדערטיילען די גאַנצע סומע פון די אָבצאָהלונגען צווישען די אידישע קהילות פון בעהמען, און די קליינע קהילות פלעגען זיך אָפּטמאָלס בעקלאָגען, וואָס אויף זייער חלק האָט מען אָדעקגעשטעלט צו פיעל.

דאָס האָט איין מאָל געפיהרט צו אַ לאַנג-דויערנדיגער מחלוקת צווישען דעם פּראָגער קהל און צווישען די קלענערע קהילות, וואָס צווישען זיי האָט זיך

בעזונדערס אויסגעצייכנט די קהילה פון דער שטאָדט האָראָוויץ. די מחלוקת, וואָס איז עלול געווען אריבערצוגייהן אין אַ געפעהרליכע שפּאַלטונג, האָבען ניט געקענט איינשטילען ניט די אָרטיגע רעגירונגס-אָרגאַנען און ניט דער גייסטליכער בית-דין פון די רבנים. האָט מען אַרויסגערופען קיין פּראָג דעם הויפּט-שתדלן ר׳ יוזלמאַן (1534). איהם האָט זיך איינגעגעבען אינאיינעם מיט די פּראָגער רבנים אויסצואַרבייטען בעשטימטע כּללים אויף צו רעגולירען די בע-ציהונגען צווישען דער הויפּט-שטאָדט און צווישען די פּראָווינציעלע קהילות. די דאָזיגע מחלוקת איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די איינוואוינער פון האָראָוויץ האָבען אַרומגערינגעלט ר׳ יוזלמאַנ׳ס שטוב און האָבען געשראָקען איהם צו טויטען.

ווי אין איטליכער אונטערדריקטער סביבה, האָבען זיך בעוויזען צווישען אידען נידערטרעכטיגע מוסרים, וואָס פּלעגען מסר׳ן פאַר דער רעגירונג איינ-צעלנע פּערזאָנען אָדער גאַנצע קהילות, אַז זיי בעגייהען געוויסע מעשים, אמת׳ע אָדער אויסגעטראַכטע, קעגען דעם געזעץ. אָפטמאָלס פּלעגען די דאָזיגע מנוול-דיגע פּאַרשוינען מעהר ניט שרעקען מיט אַ מסירה, בכדי צו בעקומע לאַ-יחרץ-געלד פאַר׳ן שווייגען. די אינעווייניגסטע מחלוקת׳ן און די אונאָרדענונג האָבען אָנגעטאָן ניט ווייניג צרות די דייטשע אידען און פּלעגען ניט זעלטען אַרויס-רופען רדיפות קעגען זיי.

אַ חותם פון אַלטקייט און אָרימקייט ליגט אויסגעגאָסען אויף דער גייס-טיגער שאַפונג פון די דייטשע אידען. די פּערשפּרייטונג פון דער בוך-דרוקעריי האָט דאָ פּערגרעסערט נאָר די צאָהל פון די ספרים, אָבער זי האָט ניט אומ-געביטען די איכות פון דער ליטעראַטור, איהר איינאַרטיגען אינהאַלט, איהר מיטעלאַלטערליכען גייסט. פּונקט ווי פריהער האָט אין די שולען און ישיבות געהערשט די תּלמודישע סכאָלאַסטיק. די איינזייטיגקייט פון דער גייסטיגער טעטיגקייט, וואָס פון איהר זיינען אויסגעשלאָסען געוואָרען אַלע וועלטליכע וויסענשאַפטען, האָט געבראַכט דערצו, אַז זי האָט זיך אינגאַנצען איינגעשלאָ-סען אין פּלפּול.

אין XVI יאָהרהונדערט האָט זיך בעוויזען אַ נייע שיטה פון פּלפּוליסטען, וואָס פאַר איהר אויפטועער און גרינדער רעכענט מען דעם פּראָגער ראש ישיבה ר׳ יעקב פּאָליאַק (געשטאָרבען אַן ערך אין יאָהר 1530). געשליפען זיין שכל אין די ישיבות פון דייטשלאַנד, האָט ר׳ יעקב פּאָליאַק אריבערגעטראָגען קיין בעהמען און פּוילין אַ שיטה פון פּלפּול אין דער פאָרם פון אַזוי אָנגערופענע „חלוקים". ביים זאָגען פאַר׳ן עולם אַ „חלוק" איז מען אויסען געווען צו בע-ווייזען חריפות און בקיאות. דער זאָגער פּלעגט נעמען וואָסערע עס איז תּלמודישע סוגיה, פּלעגט אַרויסגעפינען אין איהר אינעווייניגסטע סתירות, פרעגען קשיות דערויף פון אַנדערע ערטער פון תּלמוד, ברייגנען אַלע מפרשים, וואָס זיינען שייך צום ענין, און אויך זיי אָפּפרעגען, אַרויסגעפינען אין זיי סתירות און קשיות — און אַז די פראַגע פּלעגט שוין ווערען אַזוי ווייט פערפּלאָנטערט, אַז עס האָט אויסגעדוכט, דאָס מען קאָן זי ניט פערענטפערן, פּלעגט דער געלערנ-

טער זיך נעמען קונציג בעזייטיגען די שוויריגקייטען, וואָס ער אליין האָט זיך געשאַפען, אויסגלייכען די סותר׳דיגע מיינונגען און פאַרענטפערן אלע קשיות: דאָס איז געווען דער סאָפיסטישער מעטאָד „פּאַר און קעגען״, אָדער די פּלוגתּא מיט זיך גופא. דאָ זיינען ערלויבט געוואָרען די ריזיקאַלישסטע לאָגישע שפּרונגען, אַלע מעגליכע פערדרייהעבישען און פלאָנטערנישען, מיט אַ כּיון פאַלשע בע־שטימונגען, וואָרום דער צוועק פון אַלע די דאָזיגע פּלוגתּות איז ניט געווען אַרויסצוגעפינען דעם אמת, נאָר צו געבען אַ בעוויז פון לומדות. די דאָזיגע סאָפיסטישע שיטה האָט בלי ספק מיטגעהאָלפען צו שאַרפען דעם שכל, נאָר זי האָט געשעדיגט די ענטוויקלונג פון וויסענשאַפטליכען אינדוקטיווען דיינקען. זי האָט אָבגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם עצם פון דער זאַך, וואָס מען האָט געלערנט, און האָט נאָר צוגעגעבען אַ בעדייטונג דער פאָרמאַלער אויסווייניגסטער זייט; זי האָט געלערנט צו שטרעבען צום אמת ניט אין עצם, נאָר מעהר ניט אין ווערטער.

די בעסטע פאָרשטייהער פונ׳ם רביניזם האָבען געטאַדעלט די שיטה פונ׳ם פלפול. צו זיי האָט געהערט דער פּראָגער רב הכּולל ר׳ ליווא בן בצלאל (זיין ליטעראַרישער נאָמען איז מהר״ל מפראג, 1525 – 1609). דאָס איז גע־ווען אַ טעאָלאָג, אַ מאָראַליסט, וואָס האָט געהאַט אַ קלאָרען שכל און ניש׳קשה׳דיגע אַלגעמיינע בילדונג (ער איז געווען ב׳הבינ׳ט אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע), אַ פּרוכטבאַרער שריפטשטעלער און אַ שיינער דרשן. זיינע זאַמלונגען פון דרשות און מוסר־ספרים („נתיבות עולם״, „נצח ישראל״ און אַנד.) זיינען נאָך איצט זייהר פּאָפּולער. אייַנטייטשענדיג די אַלטע מאָנומענטען פון דער יהדות, ווי אַ מאָראַליסט, האָט ר׳ ליווא ניט צוגעלאָזט קיין וויסענשאַפטליכע פאָרשונג און האָט שאַרף געטאַדעלט דעם קריטישען מעטאָד פונ׳ם איטאַליענער ר׳ עזריה דע־ראָסי.

צווישען פאָלק האָט ר׳ ליווא געהאַט אַ שם פון אַ בעל־מופת. מען דער־ציילט, אַז ער זאָל האָבען געמאַכט פון לייהם אַ גולם, האָט איהם אַריינגעלייגט אין מויל אַ שם המפורש און האָט אַזוי אַרום איהם געגעבען די פייהיגקייט זיך צו בעוועגען און צו טון פערשיידענע שליחות׳ן; אָבער ווי נאָר דער רב פלעגט אַרויסנעמען דעם פּאַפּירעל פונ׳ם גולמ׳ס מויל, פלעגט ער צוריק ווערען אַ פּשוט׳ע שטיק לייהם.

נאָך האָט מען דערציילט, אַז ר׳ ליווא איז איין מאָל געוואָרען אַרויס־גערופען קיין וויען צום קייזער רודאָלף און האָט געהאַט מיט איהם אַ לאַנגען שמועס, וואָס זיין אינהאַלט איז געבליבען אַ סוד פאַר די מענשען פון יענעם דור און פון די שפּעטערדיגע דורות. איז מען משער, אַז דער שמועס האָט געהאַט צו טון מיט פראַגען פון אַסטראָלאָגיע און אַלכעמיע, מיט וועלכע רודאָלף האָט זיך דערמיט אינטערעסירט. נאָר ס׳איז זייהר וואָהרשיינליך, אַז די דאָזיגע אודיענץ איז געווען פערבונדען מיט די פּראָזאַאישע ענינים פון דער פּראַגער אידישער קהילה, וואָרום ר׳ ליווא איז געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין די קהל׳שע ענינים אינאיינעם מיט׳ן בעוואוסטען פילאַנטראָפּ מרדכי מייזל.

אין יאָהר 1592 האָט ר׳ ליווא זיך אַריבערגעקליבען קיין פּוילען, וואו ער האָט פאַרנומען די שטעל פון אַרב פון פּויזען און פון גאַנץ גרויס-פּוילען; נאָר ער איז פאַרבליבען דאָרט ניט לאַנג און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין פּראָג.

אין דערזעלביגער צייט איז געווען אַ מגיד אין דער פּראָגער קהילה ר׳ אפרים פון לענטשיץ אין פּוילען. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע פּאָפּולערע מוסר-ספרים („עוללות אפרים״, „עיר גבורים״ און אַנד.). ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1609.

דער איינציגער פאָרשטייהער פון וועלטליכער בילדונג אין דעם דאָזיגען קייניגרייך פונ׳ם רבּיניזם איז געווען ר׳ דוד גאַנז (1541 — 1613), אַ געבּירטיגער פון וועסטפאַלען, וואָס האָט בעקומען תּלמודישע בילדונג אין די ישיבות פון פראַנקפורט און קראָקוי און וואָס האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען אין פּראָג. אינאיינעם מיט תּלמוד האָט גאַנז אויך שטודירט מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע און געשיכטע. ער איז געווען פאַרזענליך בעקאַנט מיט די בעריהמטע אַסטראָנאָמען קעפּלער און טיכאָ דע בּראַהע און האָט געאַרבּייט אין דער פּראַגער אָבסערוואַטאָריע. דער רעזולטאַט פון זיינע וויסענשאַפטליכע שטודיען איז געווען אַ גרויס ווערק איבּער אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטישער געאָגראַפיע מיט׳ן נאָמען „נחמד ונעים״. הגם דער מחבּר איז געווען בעקאַנט מיט קאָפּערניקוס׳עס סיסטעם, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקאָנט זיך אָבּזאָגען פון דער אַלטער סיסטעם פון פּטאָלאָמעאוס.

צווישען דער אידישער מאַסע איז ר׳ דוד גאַנז געוואָרען בעוואוסט דורך זיין היסטאָרישער כראָניק „צמח דוד״ (פּראָג, 1592). אינ׳ם ערשטען טייל פון זיין ספר זיינען בעשריבען, אין דער פאָרם פון קורצע כראָנאָלאָגישע רשימות, די הויפּטליכע געשעהענישען און כאַראַקטעריסטיקעס פון די טוער אין דער אידישער געשיכטע פון דער אַלטער צייט ביז צום יאָהר 1592, און אינ׳ם צווייטען טייל — ווערען איבּערדערציילט די געשעהענישען פון דער וועלט-געשיכטע, ערטערווייז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער. אַ וויסענשאַפטליכען ווערט האָבען נאָר די ידיעות, וואָס דער מחבּר גיט וועגען די געשעהענישען פון זיין תּקופה און פון זיין סביבה; דאָס איבּעריגע פון זיין ווערק איז בלויז אַן איבּענאויפיגע קאָמפּילאַציע פון געדרוקטע אידישע און קריסטליכע כראָניקעס.

היות ווי גאַנז האָט געוואוסט די אָנשויאונגען פון זיינע פאָלקסבּרידער, דעריבּער געפינט ער פאַר נויטיג אין דער הקדמה צום צווייטען טייל פון „צמח דוד״ צו שרייבען אַ התנצלות פאַר זיין ספר אין אַזעלכע אויסדרוקען: „איך זעה פאָראויס, אַז אַ סך מענשען וועלען מיך זידלען און טאַדלען דערפאַר, וואָס איך ברייננ דאָ ידיעות פון ניט-אידישע ביכער וועגען מלחמות און אַנדערע געשעהענישען. זיי האַלטען דאָס פאַר „דברי חול״ און אסר׳ן צו לייענען אַזעלכע ביכער אום שבּת. איך וועל זיך ניט קיין סך פאַרענטפערן. נאָר זאָלען דיענען מיר פאַר אַ שילד יענע גדולי ישראל, די רעליגיאָנס-פילאָסאָפען, וואָס האָבען

איבערגענומען ביי אַריסטאָטעלעס און ביי אַנדערע פילאָסאָפען ריכטיגע געדאַנקען, אָננעמענדיג דעם קערן און אַוועקוואַרפענדיג די שאָלעכץ". ווייטער איז דער מחבר זיך סומך אויף די פריהערדיגע כראָניקעס-שרייבער ר' אַברהם זכות און ר' יוסף הכהן, וואָס האָבען אויך בעשריבען די געשעהענישען פון דער וועלט-געשיכטע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אידישער. ער ווייזט אָן דערויף, אַז מען בעדאַרף געבען אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל אויף צו לייענען אין אַ פרייער צייט די מענשען פון מיטעלען גראַד, וואָס האָרעווען אַ גאַנצע וואָך און וואָס ווילען וויסען, וואָס עס האָט זיך געטאָן אויף דער וועלט. צולעצט זאָגט ער אַרויס די איבערצייגונג, אַז די בעקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון די פעלקער בעפעסטיגט דעם רעליגיעזען געפיהל, וואָרום דער לעזער זעהט איין, אַז עס פאַלען מלוכות און נאַציעס, און נאָר דאָס אידישע פאָלק איז געבליבען גאַנץ אַ דאַנק דער השגחה פרטית.

דאָס לייענען היסטאָרישע ביכער האָט זיך גערעכענט נאָר פאַר אַן אָנגעבעמען צייט-פערברייגגען, פונקט אַזוי ווי לייענען מעשה-ביכלעך. דערפאַר אָבער האָט זיך גערעכענט פאַר אַ חוק פאַר אַלעמען צו לייענען אין די פרייע טעג און שעה'ן מוסר-ספרים. און די מוסר-ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אינגאַנצען דורכגעדרונגען מיט די שטרייגגע אַסקעטישע אָנשויאונגען פון דער פראַקטישער קבלה. אַ הייסער אָנהייגגער פון דער דאָזיגער תורה איז געווען ר' ישעיה הורוויץ (1555 — 1630), אַ געבירטיגער פון פראָג, וואָס האָט פערנומען דעם פאָסטען פון אַ רב אין פוילין, פראַנקפורט ביים מיין און צולעצט אין פראָג. נאָך די מהומות פונ'ם דרייסיג-יאָהריגען קריג, אין יאָהר 1621, האָט הורוויץ זיך אַריבערגעקליבען קיין ארץ-ישראל אינ'ם נעסט פון דער קבלה, וואוהין ס'האָט איהם שוין לאַנג געצויגען, און האָט דאָ פערבראַכט דעם רעשט פון זיין לעבען אין תורה און עבודה. ער האָט געוואוינט אין ירושלים און אין צפת, אין דער הייליגער שטאָדט פון די מקובלים.

דאָ האָט ער פערענדיגט זיין גרויסע ווערק „שני לוחות הברית", וואָס ער האָט נאָך געהאַט אָנגעהויבען אין אייראָפּע; דאָס דאָזיגע ווערק איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען של"ה (נאָך די ראשי תיבות) און דער מחבר האָט דערפון געקראָגען ביי די שפּעטערדיגע דורות דעם נאָמען „של"ה הקדוש". דאָס איז אַ גאַנצע ענציקלאָפּעדיע, וואו עס זיינען אויסגעמישט קבלה, דינים, מאָראַל, כללים פאַר תשובה, פאַר אַסקעטיזם און ווי אַזוי זיך צוצוגרייטען צו חיי-עולם-הבא. די הויפּט-טענדענץ פונ'ם מחבר איז צו געבען אויף אַלע מצוות, דינים און צערעמאָניעס פון דער יהדות אַ מאָראַליש-מיסטישע ערקלערונג. לויט'ן תוכן מאַכט דער ספר ערשטוינען מיט דער רייכקייט פון געדאַנקען, אין דער צייט וואָס אין דער פאָרמולירונג פון די דאָזיגע געדאַנקען הערשט אַן אמת'ער תהו ובהו. איבער דעם דאָזיגען גאַנצען תהו ובהו שוועבט דער גייסט פונ'ם אר"י'ס מיסטיק, דער גייסט פון שרעק און פינסטערניש, וואָס מאַכט די וועלט פאַר אַן עמק הבכא און פאַר אַ נעסט פון בייזע רוחות, דעם מענשען — פאַר אַ כלי נמאס, וואָס איז פול מיט זינד און טומאה, די רעליגיע — פאַר אַן אָבקומעניש און זעלבסטפּייניגונג.

די אידישע געשיכטע

אַזאַ וועלטאַנשויאונג איז געווען דורכאויס צוגעפּאַסט צו דער געדריקטער שטימונג פון די דייטשע אידען. דער איבערגעשראָקענער זוהן פונ׳ם געטאָ האָט מיט גרויס חשק אײַנגעזאַפּט אין זיך די דאָזיגע טרויער-פולע געדאַנקען, וואָס זײַנען געבאָרען געוואָרען אונטער דער השפּעה פון דער „געטליכער חכמה״. פאַר איהם איז ניט שווער געווען צו טון דאָס, וואָס די פּראַקטישע קבלה האָט געהייסען. למשל, וואָס האָט געהאַט פאַר איהם פאַר אַ ממשות זיך אָבצוזאָגען פון די „תענוגי עולם הזה״, וועלכע ער האָט ניט פערמאָגט, צו פּייניגען זײַן לייב, וואָס איז סיי-ווי-סיי געווען אויסגעמאַטערט, ציטערן פאַר דער כח הטומאה און פאַר די יסורים פון גיהנם, בשעת ער האָט אויף דער וועלט אַריבערגעטראָגען די יסורים פון גיהנם און איז געווען געוויהנט צו ציטערן פאַר די רעאַלע פינסטערע כחות? דער דייטשער איד איז געווען אַן אַסקעט בטבע — און די תורה פון דער פּראַקטישער קבלה האָט נאָר פאָרמולירט דאָס, וואָס עס האָט אויסגעאַרבייט דאָס לעבען פון די דערנידעריגטע און דערשלאָגענע אײַנוואויגער פון געטאָ.

אַ גרויסע ערציהונגס-בעדייטונג פאַר די פאָלקס-מאַסען, און בפרט פאַר פרויען, האָט געהאַט די פאָלקסטימליכע ליטעראַטור אויף דער אידיש-דייטשער געבּרויכס-שפּראַך, וואָס איז בעוואוסט שפּעטער מיט׳ן נאָמען „זשאַרגאָן״. אַ דאַנק דער בוך-דרוקעריי איז די דאָזיגע ליטעראַטור אַלץ מעהר געוואַקסען. סידורים און ספרים פון תנ״ך זײַנען אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט איבערזעצונגען אויף אידיש פאַר פרויען און מאַנסבּילען, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען קיין העברייאיש. ניט-געוויהנליך פּאָפּולער איז געוואָרען דער ספר „צאינה וראינה״ (אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1622); דאָס איז אַ צונויפמישונג פונ׳ם חומש מיט לעגענדעס און פּירושים פון אגדה, מדרשים און פון די מיטעלאַלטערליכע מפרשים-מאָראַליסטען. דעם דאָזיגען ספר האָט פערפאַסט ר׳ יעקב בן יצחק פון פּראָג (אָדער יאַנאָוו), און ער איז געוואָרען אַן אמת׳ע „ווייבערשע תורה״, וואָס האָט זינט דעם XVII יאָהרהונדערט פערשאַפט גייסטיגע שפּייז כמה דורות לעזערינס און געגעבען זיי אַ פאָרשטעלונג וועגען רעליגיע, מאָראַל, געשיכטע, און ביז׳ן היינטיגען טאָג לייענען נאָך טויזענדער פרומע פרויען מיט גרויס התמדה דעם דאָזיגען ספר אַלע שבת און שעפּען אין איהם די הויפּט-עלעמענטען פאַר זייער וועלטאַנשויאונג. אין דער „ווייבערשער תורה״ הערשען דער פּאָעטישער גייסט פון דער אגדה, די הויכע געזונדע מאָראַל פון „אונזערע אַלטע חכמים״, וואָס איז ווייט פונ׳ם שרעקליכען פינסטערן מוסר פון די מקובלים, וואָס דרינגט אַריין אין דער זשאַרגאָנישער מוסר-ליטעראַטור אין דער שפּעטערדיגער תקופה.

פיערטער קאפיטעל.

דער אוטאנאמער צענטער אין פוילין אין זיין בליהונגס-צייט.

די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאַגע — דער ליבעראַלער רעזשים אין סיגיזמונד I-טענס צייט. — דער קאַמף פונ'ם ליבעראַליזם מיט דער רעאַקציע פאַר דער צייט פון סיגיזמונד אויגוסט און סטעפאַן באַטאָרי. — דער שלאַכטיש-קלעריקאַלער רעזשים אין דער צייט פון סיגיזמונד III און וולאַדיסלאַוו IV. — די זעלבסטפערוואַלטונג פון קהל. — דער אונטערריכט. — די אויפבליהונג פון דער רבנישער ליטעראַטור. — טעאָלאָגיע, קבלה, אפּאָלאָגעטיק. — מאָסקאָוויע און די אידען.

דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער מצב.

§ 20. אין דערזעלביגער צייט, בשעת די אידישע פערטריבענע פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען זיך אַריבערגעקליבען קיין טערקיי, האָבען פון די איינגע געטאָס פון דייטשלאַנד און עסטרייך זיך כסדר געצויגען מאַסען איינוואַנדערער קיין פוילין און ליטאָ, און אַזוי אַרום האָט זיך דאָרט צום אָנהויב פון דער נייער צייט געבילדעט אַ גרויסער אידישער אַוטאָנאָמער צענטער. דער פּראָצעס פון דער איבערוואַנדערונג פון די אידישע צענטרען, מיט וועלכען ס'צייכענט זיך אויס דער XVI יאָהרהונדערט, האָט זיך אויסגעדריקט אין די דאָזיגע צוויי פּאַראַלעלע ריכטונגען: די חרוב'ע אָדער פעראָרימטע צענטרען פון מערב-אייראָפּע זיינען אַריבערגעטראָגען געוואָרען איז מזרח-אייראָפּע און אין פאָדער-אַזיען, וואָס גרעניצט זיך מיט איהר. נאָר דער גורל פון די צוויי נייע צענטרען — טערקיי און פוילין, זיינען געווען פערשיידען. די ספרדים אין טערקיי האָבען שוין געהאַט פערענדיגט זייער היסטאָרישע קאַריער און זיינען ביסלעכווייז פערזונקען געוואָרען אין דער אַזיאַטישער אָבגעשטאַנענקייט; אָבער די אשכנזים אין פוילין זיינען דעמאָלט ערשט אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן וועג פון אַ ברייטער היסטאָרישער ענטוויקלונג מיט אָנגעקליבענע פרישע קרעפטען, מיט שפּראָצונגען פון אַ נייער קולטור. די מיסיע פון די ספרדים איז שוין געווען פאַרביי, די מיסיע פון די פוילישע אשכנזים איז געווען נאָך אין דער צוקונפט. נאָך בבל און שפּאַניען אין מיטעלאַלטער איז אין קיין איין לאַנד ניט געווען

אַזאַ שטאַרקע קאָנצענטראַציע פון'ם אידישען עלעמענט און אַזאַ ברייטע פעלד פאַר דער זעלבשטענדיגער נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג, ווי אין פוילען אין'ם XVI און אין די ווייטערדיגע יאָהרהונדערטען.

די קאָלאָניזאַציע פון די סלאַווישע לענדער דורך אידישע אויסוואַנדערער פון דייטשלאַנד, וואָס האָט ניט אויפגעהערט אין משך פון'ם מיטעלאַלטער, האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר'ן היסטאָרישען פראָצעס, וואָס האָט געמאַכט פוילען אַ קאָלאָניע צו אַ מעטראָפּאָליס פון אידישען פאָלק. די גרויסע אידישע בעפעלקערונג אין די שטעדט און דערפער פון ליטאָ און פוילען איז געווען ניט קיין דערשלאָגענע קאַסטע און ניט קיין איינאַרטיגער עקאָנאָמישער קלאַס, ווי אין דייטשלאַנד, נאָר אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע איינהייט, וואָס איהר טעטיגקייט האָט זיך אַרויסגעוויזען אין פערשיידענע געביטען פון'ם סאָציאַל-עקאָנאָמישען לעבען. זי איז ניט געווען צוגעבונדען אויסשליסליך צו צוויי פרנסות — געלד-האַנדעל און אין קליין-שאַכעריי, נאָר זי האָט גענומען אַן אָנטייל אין אַלע צווייגען פון דער אינדוסטריע, אַפילו ניט אויסגענומען די לאַנד-ווירטשאַפט — און דער פאָרם פון ערד-אַרענדע און פערמעריי. די אידישע קאַפּיטאַליסטען האָבען זיך פערנומען מיט חכירות פון די קיניגליכע „מיטעס" (גרעניץ-און וועגאָבצאָהלונגען) און „פּאָדאַטקעס" (די קרוינישע שטייערן פון שאַרפע געטראַנקען און אַנדערע געברויכס-אַרטיקלען) און ניט זעלטען האָבען זיי געשפּיעלט אַ גרויסע ראָל אַלס פינאַנץ-אַגענטען פון די מלכים. שפּעטער, בשעת פאַר די אידען איז שווערער געוואָרען צו קריגען קרוינישע חכירות, האָבען זיי אַריבערגעטראָגען זייערע קאַפּיטאַלען אין דער אַרענדע פון קיניגליכע אָדער פריצישע מאַיאָנטקעס מיט'ן רעכט פון „פּראָפּינאַציע" אָדער צו האַלטען שיינקען, צו עקספּלואַטירען זאַלץ-גרובען, וועלדער און אַנדערע רייכטימער פון דער ערד. די גרויסע סוחרים האָבען זיך פערנומען מיט'ן אַרויספיהרען די מותרות פון די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען פון לאַנד קיין עסטרייך, מאָלדאַוויע, וואַלאַכיע און טערקיי. און צווישען דער פאָלקס-מאַסע זיינען געווען פערשפּרייט קליין-האַנדעל, מלאכות, פערמעריי, גערטנעריי און סעדעריי און ערטערווייז (דער עיקר אין ליטאָ) אַפילו פשוט'ע ערדאַרבייט.

היות ווי די עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון אידען איז געווען צונויפגעבונדען דורך אַ סך פעדים מיט'ן גאַנצען ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד, בכן האָט זי געמוזט אַרויסרופען די זעלבע פיעלאַרטיגקייט פון פאָרמען אויך אין זייער רעכטליכע לעבענס-אָרדענונג. אין אַזאַ טיפּיש-שטאַנדישער מלוכה, ווי פוילען איז געווען, און ביי דער לפי-ערכ'דיגער פרייהייט, וואָס עס האָבען גענאָסען אין'ם דאָזיגען קאָנסטיטוציאָנעלען לאַנד די הערשענדע קלאַסען — די פריצים, די גייסטליכקייט און צום טייל די שטאָדטישע איינוואוינער — האָט די רעכטליכע לאַגע פון אידען געמוזט ווערען בעשטימט דורכ'ן קאַמף פון די פּאָליטישע און קלאַסען-אינטערעסען. די קיניגליכע מאַכט, וואָס איז געווען איינגעהאַלטען דורכ'ן קאָנסטיטוציאָנעלען צאַם, האָט זיך צונויפגעשטויסען מיט די ברייטע פּריווילעגיעס פון די גרויסע פריצים; די לעצטע ווייטער פלעגען

קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די פּאָדערונגען פון די קליינע פּריצים און פון די קריסטליכע שטאָדטישע שטאַנדען — פון די סוחרים, קליין-בירגער און בעלי-מלאכות, וואָס זיינען געווען שטאַרק דורך זייער זעלבסטפערוואַלטונג און צעכען-אָרגאַניזאַציע. דער קאַמף האָט זיך געפיהרט אין די סיימען, אין די געזעצגעבערישע פערזאַמלונגען, אין די מאַגיסטראַטען און געריכטען. אין מיטען דעם דאָזיגען קאַמף פון עקאָנאָמישע אינטערעסען האָט געפיהרט איהר פּאָליטיק די גייסטליכקייט פון דער הערשענדער קאַטוילישער קירך, וואָס איז אַ ביסעל אָבגעשוואַכט געוואָרען אין דער עפּאָכע פון דער רעפאָרמאַציע, נאָר דערנאָך איז די ווידער שטאַרקער געוואָרען אַ דאַנק דער קאַטוילישער רעאַקציע און דער קאָכיגער טעטיגקייט פון די יעזואיטען.

אַלע די דאָזיגע שטאַנדען-גרופּעס האָבען זיך בעצויגען צו אידען פערשיידען, איטליכע פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון איהרע אינטערעסען. די מיטעלאַלטערליכע מעלטאָנשויאונג האָט שוין געהאַט אַזוי פיעל איינגעוואָרצעלט זיך ביים פּוילישען פאָלק, אַז ניט קוקענדיג אויף דער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדענונג פון דער מלוכה, האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגען אַ מענשליך-רעכטליכער בעציהונג צו אידען. מען האָט זיי געשאַצט אַזוי ווייט, ווי ווייט זיי האָבען געקאָנט אַריינטראָגען רווחים דעם אָדער יענעם קלאַס; און היות ווי דאָס, וואָס פאַר איין קלאַס איז געווען אַ טובה, איז אָפטמאָלס געווען אַ רעה פאַר׳ן אַנדער קלאַס, בכן האָבען אונאויסמיידליך געמוזט אַרויסקומען צוזאַמענשטויסונגען פון אינטערעסען, וואו אידען זיינען געוואָרען געשיצט פון איין זייט און גע׳רודפ׳ט פון דער אַנדערער.

די אידען האָבען געהאַט אין פּוילין צוויי שיצענדע כחות — די קיניגליכע מאַכט און צום טייל די פּריצים פון סיים, און צוויי פיינדליכע — די גייסטליכקייט און די שטאָדטישע איינוואוינער. חוץ די אינטערעסען פון דער מלוכה-קאַסע, וואָס פלעגט ווערען אָנגעפילט דורך שטענדיגע און אויסערגעוויהנליכע אָבצאָהלונגען פון אידען, האָבען די מלכים געהאַט נאָך פּערזענליכע טובות פון זייער קאָמערציעלער טעטיגקייט. זיי האָבען געהאַט גרויסע פינאַנציעלע טובות פון די „אידען-מיטניקעס", וואָס פלעגען צאָהלען אין פאָראויס גרויסע סומעס פאַר דער, חכירה פון די גרעניץ-אָבצאָהלונגען און פון די קרוינישע שטייערן, אָדער פאַר דער אַרענדע פון די קיניגליכע מאַיאָנטקעס. אַזעלכע חוכרים. אַרענדאַרען פלעגען געוויהנליך ווערען הויפישע פינאַנץ-אַגענטען, וואָס ביי זיי פלעגט מען שטענדיג קריגען געלד אין אַוואַנסען אָדער הלוואות און וואָס האָבען דעריבער געהאַט די מעגליכקייט צו ווירקען ביים הויף אויף צו טהון עפּיס אַ טובה זייערע פאָלקסברידער. די גרויסע פּריצים פון זייער צד האָבען געהאַט טובות פון די אידישע אַרענדאַרען און פערמערס אין זייערע הויפען, דערמיט וואָס די אידען פלעגען גוט אָנפיהרען די געשעפטען, אין דער צייט ווען די פּריצים גופא האָבען, צוליעב זייער פוילקייט און לייכטזיניגקייט — ניט געקאָנט פיהרען זייערע עסקים. און ווי ווייט אַזאַ פערמיטלערישע טעטיגקייט צווישען די פּריצים און פויערים איז געווען גוט פאַר די ערשטע, אַזוי ווייט האָבען זיי

געשיצט אין די סיימען די אידען פונ׳ם דאָזיגען קלאַס, אָהן צו זאָרגען פאַר׳ן גורל פון די איבעריגע אַרבייטענדע קלאַסען פון דער אידישער בעפעלקערונג.

אומבעדינגט פיינדליך געשטימט בנוגע צו אידען זיינען געווען די שטאָדטישע שטאַנדען פון די סוחרים און בעלי-מלאכות, וואָס צווישען זיי האָט זיך ערטערוויז געלאָזט מערקען אַ בעדייטענדער עלעמענט פון דייטשע איינוואַנדערער; די דאָזיגע הענדלער און צעכען-מייסטערס האָבען געהאַט אידען אַלס דירעקטע קאָנקורענטען. די אָרגאַנען פון דער שטאָדטישע זעלבסטפערוואַלטונג, די מאַגיסטראַטען, האָבען שטאַרק בעדריקט אידען בנוגע צום קויפען נחלאות, בנוגע צו מלאכות און אַנדערע פרנסות, און די האַנדווערקער-צעכען פלעגען טיילמאָלס אָנרייצען אויף זיי דעם ווילדען המון צו מאַכען פאָגראָמען. נאָך בעשטימטער האָט אַגיטירט קעגען אידען, ווי אויף זיצונגען פון די סיימען, אַזוי אויך פון דער קירכליכער בימה, די קאַטוילישע גייסטליכקייט, און ניט זעלטען האָט זיך איהר אַיינגעגעבען צו ווירקען אויף דער גרעזצגעבונג אינ׳ם גייסט פון דער קלעריקאַלער אומטאָלעראַנץ.

פון דער צוזאַמענווירקונג פון אַלע די דאָזיגע פאַקטאָרען האָט זיך צונויפגעשטעלט די רעכטליכע און געזעלשאַפטליכע אָרעדענונג פון די פויליש-ליטווישע אידען אין XVI און אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט, אין דער עפּאָכע, בשעת פוילין האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון איהר פאָליטישער ענטוויקלונג. די שינויים און איבערקעהרענישען אין דער לאַגע פון אידען זיינען געווען אָבהייניגיג דערפון, וואָס די קראַפט האָט זיך אַריבערגעטראָגען אויפ׳ן צד פון די אָדער יענע פאַקטאָרען אינ׳ם גאַנג פון דער געשיכטע.

דער ליבעראַלער רעזשים אין דער צייט פון סיגיזמונד I.

§ 21 אין די ערשטע יאָהרען פון XVI יאָהרהונדערט האָבען די אידען פון ליטאָ צוריקגעקראָגען אַלע רעכט, וואָס מען האָט ערטערווייז געפּרובט אָבנעמען ביי זיי צום סוף פון פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט. דערזעלביגער גרויספירשט פון ליטאָ אַלכּסנדר יאַגעלאָ, וואָס האָט איבער עפּיס אומבעוואוסטע סיבות אַרויסגעשיקט אידען פון זיין לאַנד אין יאָהר 1495 (IV טייל, § 147), האָט זיי צוריקגערופען, ווי נאָר ער האָט געקראָגען נאָך זיין ברודערס טויט די פוילישע קרוין. אין יאָהר 1503 האָט דער קיניג אַלכּסנדר, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיישב געווען מיט די „פּאַנעס יועצים“, מודיע געווען זיין החלטה: צוצונעמען צוריק די אידען, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון גראָדנאָ און אַנדערע שטעדט פון ליטאָ, צו ערלויבען זיי צו וואוינען „אין די שלעסער און ערטער, וואו זיי זיינען פריהער געווען, און אָבצוגעבען זיי צוריק די הייזער, שולען, בית-עלמינ׳ס, פּאָלוואַרקעס און פעלדער, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט“.

די סיבות, פאַרוואָס ס׳האָט זיך מיט אַמאָל אומגעביטען די החלטה, זיינען

געווען קלאָר: די גרויסע עקאָנאָמישע ראָל פון די אידען אין פוילין, וואָס איז זינט דעם יאָהר 1501 אַריינגעטראָטען אין אַן איינגערן בונד מיט ליטאָ, און די גרויסע פינאַנציעלע טובות פון די אידישע „מיטניקעס" חוכרים, וואָס פון זיי איז אין אַ בעדייטענדער מאָס געווען אָבהיינגיג דער קיניגליכער ביודזשעט. איינער פון די דאָזיגע קיניגליכע „מיטניקעס", דער רייכער יאָסקאָ, האָט געהאַלטען אין חכירה די גרעניץ-און וועג-אָבצאָהלונגען אין לובלינער, כעלעמער, בעלזער, גרובישאָווער, פּאָדאָלער, לוואָווער, סאַנאָקער און פּערעמישלער ראַיאָן, ד. ה. כמעט אין אַ העלפט פון דער פּוילישער טעריטאָריע. בכדי צו אונטערשטיצען די טעטיגקייט פון זיין פינאַנציסט, האָט דער קיניג אלכסנדר בעפרייט יאָסקאָ'ן און אַלע זיינע אָנגעשטעלטע פון דער ממשלה פון דער אָרטיגער אַדמיניס-טראַציע און האָט אָנערקענט, אַז זיי דאַרפען זיך משפט'ען נאָר ביים קיניג-ליכען געריכט, פונקט ווי די הויפּישע בעאַמטע.

אַז אַלכסנדר איז אויך יעצט ניט געווען פיינדשאַפטליך געשטימט בנוגע צו אידען, קאָן מען זעהן פון פאָלגענדען פאַקט. אין יאָהר 1505 האָט ער ערלויבט אַריינצושטעלען אין דער זאַמלונג פון די פּוילישע גרונד-געזעצען, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען דער קאַנצלער יאַן לאַסקי, די אַלטע אידישע פּריווילעגיע פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער; נאָר דערביי האָט ער בעפוילען אויסצורייד"ען, אַז ניט ער בעשטעטיגט באָלעסלאַוו'ס פּריווילעגיע, נאָר ער ער-לויבט מעהר ניט זי צו פערעפענטליכען, „בכדי צו זיכערן דעם שוץ (פון דער בעפעלקערונג) קעגען אידען".

די ליבעראַלע פּאָליטיק בנוגע צו פרעמדע האָט בעקומען די אויבערהאַנד אונטער אלכסנדר'ס יורש, דעם קיניג פון פוילין און גרויספירשט פון ליטאָ סיגיז-מונד I יאַגעלאָ (1506 — 1548). הגם סיגיזמונד איז געווען אַ גוטער קאַטוילי-ק, פונדעסטוועגען איז ער געווען ווייט פון אידענפיינדליכען קלעריקאַליזם און האָט זיך געמיהט ווי ווייט מעגליך צו פערווירקליכען דעם פּרינציפּ, וואָס ער גופא האָט אַרויסגעזאָגט: „פונקט אַזוי ווי מיט די גבירים און קאָמאַנדירענדע שררות, אַזוי מוז מען אויך מיט איטליכען אָרימאַן זיך בעגייהן לויט'ן יושר". דער דאָזיגער הויכער פּרינציפּ, וואָס האָט אַזוי ווינציג געפּאַסט צום רעזשים פון די שטאַדנישע צאַמען, האָט געקאָנט צום טייל ווערען אָנגעווענדט דאָרט, וואו די קיניגליכע מאַכט האָט ניט בעגעגענט קיין מניעות מצד די מעכטיגע פּריצים און אַנדערע שטאַנדען. אַזאַ אָרדענונג האָט נאָך עקסיסטירט אין סיגיזמונד I-טענס צייטען נאָר אין ליטאָ, דעם ירושה-לאַנד פון די יאַגעלאָ'ס, וואו די קיניגליכע (פאַר ליטאָ — „גרויספירשטליכע") מאַכט איז געווען ברייטער און איהר פּראַקטישע אָנווענדונג פאַטריאַרכאַלישער, איידער אין קרוין-פוילען.

אָבגעבענדיג דעם גרעסטען טייל פון די חכירות און אַרענדעס אין די הענד פון אידישע קאַפּיטאַליסטען, האָט דער קיניג געקאָנט זיין רוהיג פאַר דער גאַנצקייט פון זיין ביודזשעט. דער הויפּט-חוכר פון די גרעניץ-אָבצאָהלונ-גען און פון אַנדערע קרוינישע שטייערן אין ליטאָ, דער בריסקער איד מ י כ ל י ע ז אָ פ אָ ו ו י ט ש, האָט טיילמאָלס אויסערפילט אויך די פונקציעס פון אַ פירשט-

ליכען קאַסיר, ווייל איהם פלעגט מען אויפגעבען צו צאָהלען פון די צונויפגעקליבענע הכנסות שכירות די אָרטיגע בעאַמטע און חובות די קיניגליכע קרעדיטאָרען. היות ווי סיגיזמונד האָט געוואָלט בעלוינען דעם דאָזיגען פינאַנסיסט פאַר זיין דינסט און צוגלייך בריינגען אין אָרדענונג די קהל'שע ענינים פון זיינע פאָלקסברידער, האָט ער בעשטימט מיכל יעזאָפאָוויטש'ען פאַר'ן „עלטסטען" אָדער מנהיג פון אַלע ליטווישע אידען (1514). דער מנהיג האָט געהאַט די ברייטסטע פולמאַכטען: ער האָט געהאַט דאָס רעכט זיך דירעקט צונויפצורעדען מיט'ן קיניג איבער די וויכטיגסטע אידישע ענינים, צו „משפט'ען און צופיהרען" זיינע פאָלקסברידער לויט זייערע אייגענע געזעצען, אויפצומאָנען ביי זיי די קרוינישע אָבצאָהלונגען. אַלס געהילף האָט ער בעדאַרפט האָבען ביי זיך אַ רב, אַ קענער פון די אידישע געזעצען.

צי האָבען די ליטווישע אידען אָנערקענט מיכל יעזאָפאָוויטש'ען פאַר זייער מנהיג און אויבערשטען דיין? גיכער ניין. דער רייכער בריסקער פאָדריאַדטשיק, וואָס איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַן „עלטסטען" איבער די אידען לויט דעם קיניגס ווילען, האָט פראַקטיש ניט געקאָנט שטייהן בראש פון דער אידישער געמיינדע-אַוטאָנאָמיע, פונ'ם בית-דין און ראַבינאַט, וואו עס האָבען בעדאַרפט זיין ניט בעאַמטע, נאָר אויסגעקליבענע מענשען מיט אַ ספּעציעלער קענטעניש; נאָר ער האָט געקאָנט זיין דער אָפיציעלער פערמיטלער צווישען די קהילות און צווישען דעם קיניג, בכדי צו פערטיידיגען זייערע רעכט און „פריאַוילעגיעס", זייערע אינטערעסען אַלס אינדוסטריעלע טוער און שטייער-צאָהלער.

בכל אופן איז מיכל געווען נוצליכער זיינע פאָלקסברידער, איידער זיין ברודער אברהם יעזאָפאָוויטש, אויך אַ חוכר, וואָס האָט זיך גע'שמד'ט צוליעב אַ גוטער קאַריער. אין דער צייט פון קיניג אַלכסנדר האָט ער דערגרייכט צו דער שטעל פון אַ סמאָלענסקער סטאַראָסטע און אונטער סיגיזמונד'ן האָט ער געקראָגען די הויכע שטעל פון אַ „זעמסקי פאָדסקאַרבי" — ד. ה. פערוואַלטער איבער דער מלוכה-קאַסע פון פירשטענטום ליטאָ. זיינע קינדער און קינדס-קינדער האָבען זיך אינגאַנצען פערמישט מיט די העכסטע פוילישע פריצים.

די קאָנסטיטוציאָנעלע כאַרטיע פון די ליטווישע אידען איז געבליבען אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט דער אַלטער ליבעראַלער עדיקט פונ'ם גרויספירשט וויטאָווט (IV, 146), וואָס האָט זיי געגעבען פרייהייט פון האַנדעל און מלאכות, גאַראַנטיעס פון רעכטס-שוץ און אינעווייניגסטע אַווטאָנאָמיע. דער ליטווישער סטאַטוט פון יאָהר 1529 האָט ניט אומגעביטען די גרונד-געזעצגעבונג וועגען אידען, הגם עס לאָזט זיך מערקען אַ קלעריקאַלע טענדענץ אין עטליכע פונקטען פונ'ם סטאַטוט. ס'פלעגען טרעפען פרובען מצד די וואָיעוואָדעס, סטאַראָסטעס און בעאַמטע — צו שטערען זייער געמיינדע-געריכטליכע אַוטאָנאָמיע. נאָר סיגיזמונד I פלעגט זיך ענערגיש איינשטעלען פאַר די בעליידיגטע. אין יאָהר 1533 האָט ער אַרויסגעגעבען אַ שטריינגען בעפעהל וועגען דעם, אַז מען טאָר ניט אָנריהרען די אַלטע רעכט פון די ליטווישע אידען, וואָס זיינען בשום אופן ניט בטל געוואָרען דורך די נייע געזעצביכער

אַ שטייגער ווי דער ליטווישער סטאַטוט. און בכלל האָט מען טאַקע דעם דאָזיגן בעפעהל אָבגעהיט.

איבעריגענס, האָט אין דער פּאַטריאַרכאַלישער לאַנדווירטשאַפטליכער ליטא דער קלאַסען-אַנטאַגאָניזם ערשט אָנגעהויבען זיך צו ענטוויקלען, און לפי-ערך זעלטען האָט מען די אידען געשטערט אין זייער פרייהייט צו פאָהרען, וואו זיי ווילען, און צו פערנעמען זיך מיט די פרנסות, וואָס זיי ווילען. זיי האָבען געוואוינט אין שטעדט און דערפער און זיינען ניט געווען אַזוי שאַרף אָבגעזונדערט פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג בנוגע צו דער שפּראַך, צום אָרט לעבען, ווי שפּעטער. די אידישע קהילות פון בריסק, גראָדנאָ, בעלסק, פינסק און טראָק (אין דער לעצטער האָבען געוואוינט מעהר קאַראַאימען, וואָס האָבען געהאַט זייער בעזונדער פערוואַלטונג), האָבען זיך דעמאָלט גערעכענט פאַר די ערשטע אין ליטאָ. אין בריסק האָט דער קיניג געגעבען דעם רב ר' מענדיל פראַנק זייהר ברייטע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע פולמאַכטען, דערינען אויך דאָס רעכט אַרויפצולייגען אַ חרם און אַנדערע שטראָפען אויף די, וואָס וועלען איהם ניט פאָלגען (1531).

ווייט ניט אַזוי גינסטיג איז געווען די לאַגע פון די אידען אין די גרויסע שטעדט פון קרוין-פוילין. דאָ איז די שטאָדטישע אינדוסטריע געווען מעהר ענטוויקעלט, איידער אין ליטאָ, און אין אַ סך צווייגען פון איהר האָבען די אידען קאָנקורירט מיט קריסטען. אויסנוצענדיג די ברייטע זעלבסטפערוואַל-טונג (דאָס מאַגדעבורגישע רעכט), האָבען די קריסטליכע סוחרים און בעלי-מלאכות דורך זייערע מאַגיסטראַטען און צעכען געשטרעבט צו בעגרעניצען די אַרבייטס-פרייהייט פאַר זייערע קאָנקורענטען. דאָס איז געווען צו מערקען בע-זונדערס אין פויזנע, קראָקוי, לוואָוו (לבוב) — אין די הויפט-צענטרען פון די דריי פראָווינצען — גרויס-פוילין, קליין-פוילין און פאָדאָליען.

אין פויזנע האָבען דער בירגערמייסטער און די מיטגלידער פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג געשטערט די אידען צו האַנדלען און צו דינגען סקלאַדען פאַר זייערע סחורות אויסערהאַלב דעם בעזונדערן אידישען קוואַרטאַל. מחמת די טענות פון די בעליידיגטע האָט דער קיניג בעפוילען דער פויזנער אַדמי-ניסטראַציע ניט צו אונטערדריקען די אידען און ניט צו שטערען זייערע פרי-ווילעגיעס (1517). דערויף האָבען די קריסטליכע סוחרים געענטפערט, אַז די אידען דינגען אָב די בעסטע געוועלבען אין צענטראַלען טייל שטאָדט און אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ, וואו עס האָבען פריהער געהאַנדעלט נאָר „גרויסע קריסט-ליכע סוחרים, היימישע און אויסלענדישע" (דייטשע), און מחמת עס קלייבען זיך דאָרט צונויף גרויסע מאַסען קריסטען, קאָנען אַרויסקומען „גרויסע חטאים" דערפון, וואָס עס וועלען זיך געפינען דאָרט אידען, וואָס זיי קאָנען אפילו אָבריידען די קריסטען פונ'ם „אמת'ען גלויבען". די טענה וועגען דער רעליגיע, וואָס האָט געדיענט אַלס מאַרקע פאַר די סוחרישע אַפּעטיטען, האָט געווירקט אויפ'ן פרומען קיניג סיגיזמונד I, און ער האָט פערבאָטען אידען צו דינגען געוועלבען אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ (1520). די פויזנער אָנהייבער פון דער „רע-

ליגיע פון ליעבע" האָבען פערבאָטען זייערע אידישע מיטבירגער צו קויפען אויפ'ן מארק עסענוואַרג און אַנדערע סחורות פריהער, איידער די קריסטליכע איינוואוינער וועלען אײנקויפען אַלצדינג, וואָס זיי האָבען נויטיג. שפּעטער האָט דער קיניג, מחמת עס האָבען זיך אָנגעקליבען אַ סך אידען אין פויזנע, בעפויהלען ניט אַריינצולאָזען אין שטאָדט נייע אײנוואַנדערער און ניט צו פערקויפען זיי קיין הייזער, וואָס געהערען קריסטען, אָהן דער ערלויבעניש פון די קהלשע מנהיגים; די אידען האָבען געמוזט בלייבען אין בעשטימטע קוואַרטאַלען און האָבען ניט געטאָרט בויען קיין הייזער בשכנות מיט קריסטען (1532).

דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען אין לוואָוו. מחמת די טענות פונ'ם מאַגיסטראַט קעגען דער קאָנקורענץ פון די אידען, האָט דער קיניג אַ ביסעל בעגרעניצט די האַנדעלס-פרייהייט פון די לעצטע און האָט זיי ערלויבט צו פערקויפען טוך אין גאַנץ קליין-רוסלאַנד און פּאָדאָליען נאָר אויף די ירידים און בהמות — ניט מעהר פון צוויי טויזענד שטיק אַ יאָהר (1515). אויפ'ן פּעטריקאָווער סיים פון יאָהר 1521 האָט מען די לוואָווער אידען ערלויבט צו האַנדלען נאָר מיט פיער אַרטיקלען: מיט וואַקס, פעל, טוך און בהמות. די דאָזיגע בעגרעניצונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אַגיטאַציע, וואָס עס האָבען געפיהרט די פרומע קריסטליכע סוחרים קעגען דער אידישער קאָנקורענץ.

די מאַגיסטראַטען פון פויזנע, לוואָוו און קראָקוי האָבען געפּרובט צו שליסען אַ בונד, בכדי אײנאײנעם צו פיהרען דעם עקאָנאָמישען קאַמף קעגען די אידען. אין קראָקוי און איהר פאָרשטאָדט קאַזימערזש האָט דער האַנדעל פון אידען געהאַט צו ליידען נאָך פון גרעסערע בעגרעניצונגען, איידער אין די אַנדערע צוויי הויפּט-שטעדט פון פוילין.

די האַנדעלס-קאָנקורענץ פלעגט טיילמאָלס ברײנגען צו גאַסען-צוזאַמענשטויסונגען, געשלעגען און פּאָגראָמען. אָנפאַלען אויף אידען זיינען פאָרגעקומען אין פויזנע און אין אַ ברעסט-קויאַווא און מען האָט זיך געריכט דערויף אויך אין קראָקוי. האָבען די פאָרשטייהער פון דער קראָקויער אידישער קהילה געגעבען צו וויסען סיגיזמונד'ן וועגען זייער שרעק. האָט דער קיניג אַרויסגעגעבען אַ דעקרעט (1530), וואו ער זאָגט אַרויס אין שאַרפע אויסדרוקען זיין צאָרן קעגען דער עזות פון די רוצחים, וואָס רעכענען, אַז זייערע רציחות וועלען זיי אַראָבגייהן אומבעשטראָפטערהייד, און האָט שטרײנג פערבאָטען צו בעגייהן געוואַלדטאַטען. און ווער ס'וועט עובר זיין דערויף — וועט בעשטראָפט ווערען מיט טויט און מיט קאָנפיסקירונג פון פערמעגען. בכדי צו בערוהיגען די אויפגערודערטע אידען, האָט ער געהייסען אויפמאָנען אין דער מלוכה-קאַסע פון די בירגער פון דער שטאָדט קראָקוי צעהן טויזענד גריוונעס פאַר אַן ערבות, בכדי צו פערזיכערן די רוה און אָרדענונג אין שטאָדט. אַלע בירגער-מייסטערס, ראַטס-לייט און צעכען האָט דער קיניג בעפויהלען, אַז אין זייערע שטרייטען מיט אידען זאָלען זיי „זיך פונאַנדערקלייבען אויף אַ געזעצליכען וועג, און ניט דורך געוואַלד, דורך געוועהר אָדער דורך אַרויסרופען אומרוהען". דעם דאָזיגען אלף-בית פון געזעצליכקייט האָבען אין פיער יאָהר-

הונדערטען אַרום געלאָזט פערגעסען יענע, וואָס אין זייער רשות געפינען זיך די אידען אויף דער טעריטאָריע פון פוילין, וואָס איז פעראייניגט געוואָרען מיט רוסלאַנד...

נאָר דער קיניג האָט ניט געקאָנט בעפרייען אידען פון אַנדערע אונאָנגענעמע רעזולטאַטען פונ'ם שטאַנדען-רעזשים, למשל, פון די בערייסערייען פון די בעאַמטע. סיי די העכסטע הויפישע שררות און סיי די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָבען זיך געמיהט אַרויסצוציהען רוחים פאַר זיך פון דער צוזאַמענשטויסונג פון די שטאַנדישע אינטערעסען. סיגיזמונד'ס צווייטע ווייב, די קיניגין באָנאַ, אַ געלדגיריגע איטאַליענערין, פלעגט פערקויפען די העכסטע רעגירונגס-שטעלעס, און די הויפסלייט און וואָיעוואָדעס פלעגען נעמען שוחד. דער פאַוואָריט פון דער קיניגין, דער וואָיעוואָדאַ פון קראָקוי און קריגס-מאַרשאַל פיאָטר קמיטאַ, האָט געפונען אַ המצאה צו נעמען שוחד גלייכצייטיג סיי ביי די אידען און סיי ביי די קריסטליכע סוחרים, וואָס פלעגען קומען צו איהם זיך בעקלאָגען איינע אויף די אַנדערע, און דערביי פלעגט ער צוזאָגען איטליכען צד צו פערטיידיגען זיינע אינטערעסען אויפ'ן סיים אָדער פאַר'ן קיניג.

אין די 1530-ער יאָהרען האָט מען וועגען דער אידען-פראַגע זיך אַ סך מתוכח געווען אויף די פוילישע סיימען. די דעפוטאַטען פון סיים פון עטליכע פראָווינצען האָבען געקראָגען אידענפיינדליכע אינסטרוקציעס. די פוילישע פריצים זיינען געווען אין כעס, וואָס די קיניגליכע „מיטעס" ווערען אָבגעגעבען אידישע חוכרים, און אויף אַזאַ אופן ווערען די אידישע שטייער-זאַמלערס ווי אַ מין בעאַמטע און זיי רייסען זיך אַריין צווישען די פריצים; די הכנסות פון די „מיטעס" און די מאַכט, וואָס איז דערמיט פערבונדען, האָבען די פריצים גערעכענט פאַר זייער אייביגער מאָנאָפאָל. די גייסטליכקייט ווידער האָט אַיינגעזעהן אין דער פערשטאַרקונג פון די אידען אַ גרויסע סכנה פאַר דער קאַטוילישער אמונה, און די שטאָדטישע שטאַנדען האָבען געפאָדערט, מען זאָל בעגרעניצען די האַנדעלס-רעכט פון די אידען.

אויפ'ן פעטריקאָווער סיים פון יאָהר 1538 האָט די אידענפיינדליכע קלעריקאַלע פאַרטיי געפיהרט איהר אַגיטאַציע מיט גרויס ערפאָלג. זי האָט דורכגעפיהרט אַ סטאַטוט אָדער „קאָנסטיטוציע" מיט אַ בעזונדער אָבטיילונג „וועגען אידען", וואו עס איז ווידער אַרויסגעשוואומען דאָס מיטעלאַלטערליכע קאַנאָנישע רעכט. „מיר בעשטימען און בעפעהלען — שטייהט דאָרט געשריבען — אַז אין די צוקונפטיגע צייטען זאָלען פון איצט אָן אַלע, וואָס וועלען ביי אונז פערוואַלטען איבער די אָבצאָהלונגען, זיין דורכאויס פריצים, וואָס האָבען מאַיאָנטקעס, און מענשען פון קריסטליכען גלויבען... מיר בעשטימען, מען זאָל אומבעדינגט אָבהיטען עס, אַז אידען טאָרען ניט פערוואַלטען (אַלס חוכרים) איבער דער אויפמאָנונג פון וואָסערע-עס-איז אָבצאָהלונגען; וואָרום עס איז אומווערדיג און קעגען דעם געטליכען רעכט, אַז אַזעלכע מין לייט זאָלען צוגעלאָזען ווערען צו וואָסערע-עס-איז עהרען-פאָסטען'ס אָדער צו אויסערפילען וואָסערע עס איז עפענטליכע התמנות'ען צווישען קריסטען". ווייטער ווערט בע-

שטימט, אַז די אידען האָבען ניט קיין רעכט צו האַנדלען אומעטום. כדי צו האַנדלען אין וואָס ניט איז פאַר אַן אָרט מוזען זיי דערויף בעקומען ספּעציעלע ערלויבענישען פון׳ם קיניג אָדער זיי מוזען שליסען אַן אָבמאַך מיט די מאַגיסטראַטען; אין דערפער אָבער איז זיי אינגאַנצען פערבאָטען צו האַנדלען. די לייה-און קרעדיט-אָפּעראַציעס פון אידען זייבען אַרונטערגעשטעלט געוואָרען אונטער אַ גאַנצער רייה בעגרעניצענדע כללים. נאָר די קרוין פון דער פּעטריקאָווער קאָנסטיטוציע איז פאָלגענדער אַרטיקעל: „היות ווי די אידען היטען ניט אָב דעם אַלטען געזעץ, און האָבען אַראָבגענומען די צייכענס, דורך וועלכע מען זאָל זיי קאָנען אונטערשיידען פון קריסטען, און טוען זיך אָן אין קליידער, וואָס זייגען אינגאַנצען ענהליך אויף קריסטליכע, אַזוי אַז מען קאָן זיי גאָר ניט דערקענען, — דעריבער בעפעהלען מיר, מען זאָל שטענדיג אָבהיטען, אַז די אידען פון אונזער קיניגרייך, אַלע אינאיינעם און איטליכער בעזונדער, אין וואָסער אַרט זיי זאָלען זיך ניט געפינען, זאָלען טראָגען בעזונדערע צייכענס, דאָס הייסט — אַ ב י ר ע ט אַ אָדער אַ הוט אָדער אַן אַנדער קאָפּ-בעדעקונג פון געלער מאַטעריע; אַן אויסנאַם ווערט געמאַכט נאָר פאַר רייזענדע: אין וועג ווערט ערלויבט די דאָזיגע צייכענס אַראָבצונעמען אָדער צו בעהאַלטען". פאַר׳ן ניט האַלטען דעם דאָזיגען געזעץ איז אייגגעשטעלט געוואָרען אַ קנס פון איין פלאָרין.

פון אַלע פונקטען פון דער „קאָנסטיטוציע" פון יאָהר 1538 האָבען געהאַט ערנסטע רעזולטאַטען פאַר די אידען פון קרוין-פוילין (די ליטווישע אידען איז דאָס ניט געווען נוגע) דער פונקט, וואָס האָט פערבאָטען די חכירות פון די שטייערן און דער וואָס האָט פיקסירט אין דער פאָרם פון אַ געזעץ די בעגרעניצונגען אין האַנדעל. פערקעהרט דער קאַנאָנישער כלל וועגען אַ בעזונדערן צייכען איז געווען מעהר אַ דעמאָנסטראַציע, איידער אַן ערנסטער געזעצגעבערישער אַקט, וואָרום אָבהיטען איהם איז געווען אוממעגליך מחמת דעם הויכען קולטורעלען מצב פון די פוילישע אידען און מחמת זייער גרויסער ראָל אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון לאַנד.

דאָ איז צו זעהן די האַנד פון דער גייסטליכקייט, וואָס איז אין יענער צייט געווען אומרוהיג צוליעב די ערשטע ערפאָלגען פון דער רעפאָרמאַציע אין פוילין און האָט מורא געהאַט פאַר׳ן איינפלוס פון דער יהדות אויף דער ענטוויקלונג פון דער קירכליכער אָפּיקורסות. דער איבערגעשראָקענער כח הדמיון פון די קלעריקאַלען האָט געזעהן סימנים פון „דער אידישער פּראָפּאַגאַנדע" אין דער ראַציאָנאַליסטישער טעאָריע פון די „אַנטיטריניטאַריער" (געגנער פון דער דאָגמע וועגען דרייאייניגקייט), וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען צו פערשפרייטען.

פאָלגענדע געשעהעניש האָט דעמאָלט אויפגערודערט די איינוואוינער פון קראָקוי. אויף איין אַלטע קאַטוילישע פרוי אין קראָקוי, די ווייב פון אַ מיטגליד פון׳ם מאַגיסטראַט, יעקאַטערינאַ מאַלכעראָוואַ זאַלעשאָווסקאַ, האָט מען איבערגעגעבען, אַז זי לייקענט אין די הויפּט-דאָגמעס פון קריסטענטום און אַז זי איז נוטה צו אידישקייט. האָט דער קראָקויער ביסקופּ פּיאָטר גאַמראַט זיך בע-

מיהט צו בעקעהרען זי, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען, און ער האָט די פרוי פערמשפט צום טויט. די אומגליקליכע יעקאַטערינאַ האָט מען פערברענט אין מיטען קראָקויער מאַרק-פּלאַץ (1539).

אָט ווי עס בעשרייבט די דאָזיגע געשעהעניש דער שריפטשטעלער לוקאַש גורניצקי, וואָס האָט אַליין מיט זיינע אויגען דאָס געזעהן: „דער קסיאָנדז האַמוראַט, ביסקופּ פון קראָקוי, האָט צונויפגעקליבען ביי זיך אין הויף אַלע קאַנאָניקעס און קאָלעגיאַטען, בכדי אויסצוהערען זי (די יעקאַטערינאַ, וואָס איז בעשולדיגט געוואָרען אין „יודאַאיזירען"), אין וואָס זי גלויבט. אַז מען האָט זי דאָ געפרעגט, לויט אונזער „אני מאמין", צי גלויבט זי אין אַלמעכטיגען גאָט, דעם בעשעפער פון הימעל און ערד, — האָט זי געענטפערט: „איך גלויב אין דעם גאָט, וואָס האָט בעשאַפען אַלצדינג, וואָס מיר זעהען און וואָס מיר זעהען ניט, וואָס דער מענשליכער שכל קאָן איהם ניט משיג זיין, וואָס טוט אויסגיסען זיינע טובות אויף אונז, מענשען, און אויף אַלע זאַכען אין דער וועלט". — און גלויבסטו אין זיין איינגעבאָרענעם זוהן, יעזוס קריסטוס, אונזער, גאָט וואָס איז געבאָרען געוואָרען פון הייליגען גייסט? — האָט מען ביי איהר געפרעגט. זי אָבער האָט געענטפערט: „גאָט דער האַר האָט ניט געהאַט ניט קיין ווייב און ניט קיין זוהן, און ער דאַרף עס טאַקע גאָרניט האָבען, וואָרום זיהן בעדאַרפען האָבען די, וואָס שטאַרבען, אָבער גאָט איז אייביג, און פונקט אַזוי ווי ער איז ניט געבאָרען געוואָרען, אַזוי קאָן ער אויך ניט שטאַרבען. אונז רעכענט ער פאַר זיינע זיהן, און זיינע זיהן זיינען אַלע די, וואָס גייהען אין די וועגען, וואָס ער האָט אָנגעצייכענט." דאָ האָט דער קאָלעגיאַט אַ געשריי געטאָן: אומגליקליכע, דו רעדסט רשעות! כאַפּ זיך צוריק! ס'זיינען דאָך פאַרהאַן נבואות, אַז גאָט האָט בעדאַרפט שיקען אויף דער וועלט זיין זוהן, וואָס האָט בעדאַרפט ווערען געקרייציגט פאַר אונזער זינד, בכדי צו צוריקפיהרען אונז, וואָס מיר זיינען ווידערשפּעניג נאָך פון אדם הראשונ'ס צייטען אָן, צו גאָט דעם פאָטער". נאָך אַ סך האָבען גערעדט מיט איהר די געלערנטע לייט, נאָר וואָס מעהר זיי האָבען גערעדט, אַלץ מעהר פער'עקש'ט איז זי געווען אין איהר מיינונג, אַז גאָט האָט ניט געקאָנט זיין און געבאָרען ווערען ווי אַ מענש. סוף-כל-סוף, אַז עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען קאָן זי ניט אָבציהען פון דער דאָזיגער אידישער רעליגיע, האָט מען בעשטימט זי צו אָנערקענען פאַר אַ גאָטסלעסטערין. מען האָט זי אַוועקגעשיקט אין דער שטאָדטישער תפיסה, און אין עטליכע טעג אַרום האָט מען זי פערברענט. צום טויט איז זי געגאַנגען אָהן שום מורא". דער בעוואוסטער כראָניק-שרייבער פון יענער צייט בעלסקי איז מוסיף: „זי איז געגאַנגען צום טויט פונקט אַזוי דרייסט, ווי צו דער חופה.

אין דערזעלביגער צייט האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז אין פערשיידענע ערטער פון פוילין, בעזונדערס אין דער געגענד פון קראָקוי, גייהען איבער אַ סך קריסטען צום אידישען גלויבען, זיינען זיך מל, און בכדי צו זיין זיכערער, פאָהרען זיי אַרויס קיין ליטאַ, וואו זיי בעהאַלטען זיך ביי די אָרטיגע אידען. אַז מען האָט וועגען דעם געמעלדעט דעם קיניג, האָט ער אַוועקגעשיקט

קיין ליטאָ צוויי קאָמיסאַרען מיט׳ן בעפעהל צו מאַכען דאָרט אַ שטריינגע אויספאָרשונג. דער בעפעהל איז געוואָרען אויסגעפיהרט שוין מיט צו-פיעל התמדה: די קאָמיסאַרען האָבען געמאַכט אונטערזוכונגען אין די הייזער פון אידען, האָבען אָבגעשטעלט פאַרבייפאָהרער אויף די וועגען, האָבען אַרעסטירט און אויסגעפאָרשט. די אונטערזוכונג האָט ניט געפונען קיין שום אידאַאיזירענדע אין ליטאָ, דערפאַר אָבער האָט זי אָנגעטאָן אַ סך צרות די ליטווישע אידען (1539).

עס האָט נאָך ניט געהאַט בעוויזען זיך צו ענדיגען די דאָזיגע אויספאָרשונג, האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף די ליטווישע אידען אַ נייעם בלבול: אַ סך פון זיי זאָלען האָבען פערבונדען בעציהונגען מיט׳ן טערקישען סולטאַן און גרייטען זיך צו פערלאָזען זייער היים און אַריבערצוקלייבען זיך קיין טערקיי, אינאיינעם מיט די קריסטען, וואָס האָבען אָנגענומען די אידישע אמונה. מען האָט בעהויפּטעט, אַז די אידען זאָלען שוין האָבען אַריבערגעפיהרט איבער׳ן מאָלדאַווישען גרעניץ אַ גרופּע גע׳מל׳טע קליינע קינדער און דערוואַקסענע קריסטען. האָט דער קעניג בעפוילען צו מאַכען אַ נייע אויספאָרשונג, וואָס ביי איהר זיינען אויך אָבגעטאָן געוואָרען אַזעלכע עולות און געוואַלדטאַטען, ווי ביי דער פריהערדיגער.

האָבען די אידען מורא געהאַט, טאָמער וועט דער קעניג גלויבען אין דעם בלבול און אָבנעמען ביי זיי זיין שוץ. דעריבער האָבען זיי אומגעזאַמט געשיקט צו סיגיזמונד׳ן פון בריסק, גראָדנאָ און אַנדערע שטעדט אַ דעפּוטאַציע, וואָס האָט פייערליך פערזיכערט דעם קעניג, אַז אַלע דערמאָנטע קלאַגען און בעשולדיגונגען זיינען מעהר ניט ווי עזות׳דיגע בלבולים, אַז די ליטווישע אידען זיינען געטריי איבערגעגעבען זייער פאָטערלאַנד און קלערען גאָרניט אַריבערצופאָהרען קיין טערקיי, און אַז זיי האָבען קיין מאָל ניט צוגעצויגען קיין קריסטען צו זייער גלויבען. צוגלייך האָבען זיי זיך בעקלאָגט אויף די עולות און געוואַלדטאַטען, וואָס מען טוט זיי אָן, און האָבען אָנגעוויזען אויפ׳ן שאָדען, וואָס די אונטערזוכונג האָט געבראַכט פאַר׳ן האַנדעל פון לאַנד. די ערקלערונג פון דער דעפּוטאַציע איז געוואָרען בעשטעטיגט דורך דער אָפיציעלער אויספאָרשונג — און סיגיזמונד האָט אומגעקעהרט צוריק די אידען זיין גענאָד און האָט ערקלערט, אַז זיי זיינען פריי פון איטליכען חשד, און האָט צוגעזאָגט, אַז להבא וועט ער ניט בעאומרוהיגען אַלע אידען אויפ׳ן סמך פון אומבעגרינדעטע אַלגעמיינע בעשולדיגונגען. וועגען דעם האָט דער קעניג אַרויסגעגעבען די ליטווישע אידען אַ בעזונדער כתב, אין ווילנאָ אין יאָהר 1540.

נאָר די קאַטוילישע גייסטליכקייט, אונטער דער אָנפיהרונג פונ׳ם ביסקופ האַמראַט, האָט ניט אויפגעהערט צו אַגיטירען קעגען די פערהאַסטע אידען. זי האָט אויפגערייצט קעגען זיי די געזעלשאַפטליכע מיינונג דורך בעשולדיגונגס-ביכער, וואָס זיינען אָנגעשריבען אין מיטעלאַלטערליכען גייסט. דער סינאָד פון דער פוילישער גייסטליכקייט, וואָס האָט אָבגעהאַלטען זיינע זיצונגען אין יאָהר 1542 אין פּעטריקאָוו, האָט פערעפענטליכט אַ „קאָנסטיטוציע” מיט אַזאַ אינהאַלט: „געמענדיג אין בעטראַכט, ווי פיעל סכנות עס זיינען פאַרהאַן פאַר די קריסטען

און פאַר דער קירך מצד דער מאַסע אידען, וואָס מען האָט זיי פערטריבען פון אַלע לענדער און אַריינגעלאָזען אין פוילין, ווייל זיי, די אידען, האַלטען ניט פאַר קיין עולה צוגויפצומישען הייליגעס מיט זינדיגעס, — דעריבער בעשטימט דער סינאָד: 1) בכדי אין לאַנד זאָל ניט געשעהן נאָך ערגערס, וואָס מען בעדאַרף דערפאַר מורא האָבען, ווען זיי וועלען זיך נאָך מעהר אָנקלייבען, איז בעשלאָסען געוואָרען זיך משתדל צו זיין פאַר זיין מאַיעסטעט דעם קיניג, אַז די צאָהל פון אידען אין דער גנעזענער פּראָווינץ, און דער עיקר אין דער שטאָדט קראָקוי, זאָל ווערען בעגרעניצט ביז צו אַ געוויסער נאָרמע, ד. ה. ביז צו אזא צאָהל, וואָס דער ראַיאָן, וואָס מען גיט זיי אויף צו וואוינען, קאָן אַריינעמען אין זיך; 1) אַז אין די איבעריגע ערטער, וואו אידען וואוינען ניט זינט לאַנגע צייטען, זאָל מען זיי ניט געבען קיין רעכט זיך צו בעזעצען און צו קויפען הייזער פון קריסטען, און די געקויפטע זאָל מען צווינגען זיי צו פערקויפען צוריק צו קריסטען; 3) אַז די נייע שולען, אַפילו יענע, וואָס זיי האָבען אויסגעבויט אין קראָקוי, זאָל מען זיי בעפעהלען צו צעשטערען; 4) היות ווי די קירך דולדעט די אידען נאָר צוליעב דעם, בכדי זיי זאָלען אונז דערמאָנען וועגען די יסורים פונ'ם גואל ומושיע, בכן בעדאַרף זייער צאָהל דורכאויס ניט וואַקסען; לויט די בעשטימונגען פון די הייליגע קאַנאָנס אָבער, איז זיי ערלויבט נאָר צו פעררעכטען אַלטע שולען, אָבער ניט אויסבויען נייע". ווייטער גייהען זיבען פונקטען: וועגען דעם, אַז עס איז פערבאָטען אידען צו האַלטען ביי זיך אין די הייזער קריסטליכע בעדיענטע און בעזונדערס אַמען, אַז זיי טאָרען ניט פערנעמען קיין שטעלעס פון פערוואַלטערס איבער די מאַיאָנטקעס ביי פריצים, („בכדי יענע, וואָס בעדאַרפען זיין קנעכט ביי די קריסטען, זאָלען דורכדעם ניט קריגען קיין מאַכט און רעכט צו שאַפען איבער זיי"), זיי טאָרען ניט אַרבייטען און האַנדלען בשעת די קאַטוילישע חגאות און אַרויסשטעלען סחורות צום פערקויף אין עפענטליכע פלעצער אפילו אום דער וואָכען; ס'איז, פערשטייהט זיך, ניט פערגעסען געוואָרען אויך דער כלל וועגען בעזונדערע קליידער פאַר אידען.

דער דאָזיגער גאַנצער אידענפיינדליכער פּראָיעקט, וואָס די מיטגלידער פון סינאָד האָבען בעשלאָסען פאָרצולייגען דעם קיניג, איז ניט בעשטעטיגט געוואָרען פאַר אַ געזעץ, נאָר פאַר דער קאַטוילישער גייסטליכקייט האָט ער נאָך אַ לאַנגע צייט געדיענט פאַר אַ וועג-ווייזער אין איהר פּאָליטיק פון אומטאָלעראַנץ און גראָבע אָבערגלויבענס. דאָס איז געווען דער „פרומער וואונש" פון די גלחים און מאָנאַכען, וואָס איז בהדרגה פערווירקליכט געוואָרען אין דער שפּעטערדיגער עפּאָכע פון דער קאַטוילישער רעאַקציע.

רער קאַמף פונ'ם ליבעראַליזם מיט דער רעאַקציע פאַר דער צייט פון סיגיזמונד אויגוסט און סטעפאַן באַטאָרי.

§ 22. סיגיזמונד I-טענס יורש, דער געבילדעטער און אין אַ געוויסער מאָס פריידיינקער קיניג סיגיזמונד II אויגוסט (1548 — 1572) האָט זיך געהאַלטען

בנוגע צו אידען פאַר דיזעלביגע פּרינציפּען פון סבלנות, פּונקט אזוי ווי ער פלעגט זיך נוהג זיין אין זיינע בעציהונגען צו די פּוילישע „ניגלויביגע” אָדער רעפאָרמירטע. אין ערשטען יאָהר פון זיין קיניגין האָט ער לויט דער בקשה פון די אידען אין גרויס פּוילין בעשטעטיגט אויפ'ן הויפּט-סיים אין פּעטריקאָוו דעם אַלטען ליבעראַלען סטאַטוט פון קאַזימיר IV (IV, § 147). אין דער הקדמה צום דאָזיגען אַקט האָט דער קיניג ערקלערט, אז ער בעשטעטיגט די רעכט און די פּריווילעגיעס פון אידען אויף די אייגענע יסודות, ווי די ספּעציעלע רעכט פון די אַנדערע שטאַנדען, ד. ה. אויפ'ן סמך פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער שבועה, וואָס ער האָט אָבגעגעבען.

סיגיזמונד אויגוסט האָט בעדייטענד פערברייטערט און פערשטאַרקט די זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהילות. ער האָט געגעבען די רבנים און די קהלשע מנהיגיםברייטע אַדמיניסטראַטיווע און געריכטליכע פולמאַכטען און האָט צוגעגעבען אַ געזעצליכע פאָרם די אָנווענדונג פונ'ם „אידישען רעכט” אין פּראָצעסען צווישען אידען (1551). אַפילו אין אַלגעמיינעם געריכט פונ'ם וואָיעוואָדאַ, וואו עס פלעגען בעטראַכט ווערען פּראָצעסען צווישען אידען און קריסטען, האָבען אויך געמוזט זיין דערביי אידישע „סעניאָרען”, ד. ה. איסגעקליבענע קהל'ס-לייט (1556).

דאָס וואָס די אידען האָבען זיך געפונען אונטער'ן רשות פונ'ם קרוינישען אָדער וואָיעוואָדישען געריכט איז זינט אַלטע צייטען געווען אַ וויכטיגע פּריווילעגיע פאַר זיי, וואָרום מחמת דעם זיינען זיי בעפרייט געווען פון דער יורידיקציע פונ'ם שטאָדטישען מאַגיסטראַטס-געריכט, וואָס האָט זיך פערהאַלטען צו זיי פּונקט אַזוי פיינדשאַפטליך, ווי דער מאַגיסטראַט גופא. די דאָזיגע פּריווילעגיע — די גאַראַנטיע פונ'ם אָהן-פּניות'דיגען קרוינס-געריכט — האָבען געהאַט נאָר יענע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די קיניגליכע שטעדט און דערפער, אָבער ניט די וואָס האָבען געוואוינט אין פּריצישע מאַיאָנטקעס. נאָך סיגיזמונד I האָט בעשטימט, אַז „די פּריצים, וואָס האָבען אין זייערע שטעדט און דערפער אידען, בעדאַרפען געניסען אַלע רוחים פון זיי, אָבער אויך פּסק'ען זייערע פּראָצעסען, וואָרום מיר (דער קיניג), וויבאַלד אַז מיר האָבען פון אַזעלכע אידען קיין שום נוצען ניט, זיינען מיר ניט מחויב צו דאגען וועגען אַ געריכט פאַר זיי” (1539).

סיגיזמונד אויגוסט האָט בעשטעטיגט, אַז די אידען, וואָס וואוינען אין די פּריצישע מאַיאָנטקעס, וואָס געהען איבער בירושה אין דער משפחה, געפינען זיך אונטער דער יוריסדיקציע פונ'ם בעל-הבית פונ'ם מאַיאָנטעק, און ניט פון די קרוינישע בעאַמטע וואָיעוואָדעס און אונטערוואָיעוואָדעס. די איבעריגע קיניגליכע פּריווילעגיעס זיינען גילטיג פאַר אַזעלכע אידען נאָר בתנאי, אַז זיי וועלען צאָהלען די קיניגליכע קאָפּ-שטייער, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען פאַר זייער פאָלק (1649). דער דואַליזם פון דער קיניגליך-פּריצישער מאַכט, וואָס האָט אָנגעהויבען שטאַרק זיך צו לאָזען מערקען אין סיגיזמונד אויגוסטס צייט, האָט

שוין אָנגעהויבען אונטערצוגראָבען די סיסטעם פון דעם קיניגס „פּאַטערליכער" השגחה און האָט שפּעטער זי בעדייטענד אָבגעשוואַכט.

די בעציהונגען צווישען די אידען און „דעם דריטען שטאַנד", די שטאָדטישע בירגער, זיינען ניט בעסער געוואָרען אין דער רעגירונגס-צייט פון סיגיזמונד אויגוסט, אָבער זיי זיינען געוואָרען בעשטימטער. די קאָנקורענטען — די מאַגיסטראַטען און די קהל-פערוואַלטונגען — האָבען איינרעגולירט זייערע בעציהונגען דורך אָבמאַכען און קאָנטראַקטען. אין אייניגע שטעדט (קראָקוי, פּויזנע) פלעגט דורך די דאָזיגע אָבמאַכען שטריינג בעשטימט ווערען דער ראַיאָן, וואו אידען מעגען וואוינען און וואָס אויסערהאַלב פון איהם טאָרען זיי ניט וואוינען און האַנדלען; אין פּויזנע איז אַפילו געווען פערבאָטען צו פערמעהרען די צאָהל הייזער אין געטאָ העכער פון דער בעשטימטער נאָרמע — 49, מחמת דעם איז אויסגעקומען צו בויען אין געטאָ הויכע פיעל-גאָרענדיגע הייזער. אין אַנדערע שטעדט (אָסוויעצים, סיעראַדז, וועליון) האָט מען, לויט דער בקשה פון די אָרטיגע בירגער, ניט געלאָזט בעזעצען זיך נייע אידען, און יענע, וואָס האָבען שוין געהאַט זיך בעזעצט, האָט מען אָבגעגעבען אויף צו וואוינען בעזונדערע קוואַרטאַלען, אָן אַ זייט פון די הויפּט-גאַסען פון שטאָדט, אָדער מען פלעגט זיי איינגאַנצען פערטרייבען פון שטאָדט, און נאָר סוחרים פלעגט מען ערלויבען צו קומען אויף עטליכע טעג צו האַנדלען.

נאָר אין אַ סך שטעדט (טישעוויץ, פּשעמיסל און אַנד.) האָט דער קיניגליכער אויטאָריטעט אָנערקענט, אַז עס איז ווינשענסווערט צוליעב דער אָרטיגער אינדוסטריע און נוצליך פאַר די הכנסות פון דער קרוין — אַז די אידען זאָלען דאָרטען וואוינען. דער קיניג האָט זיך געפלייסט צוצוציהען אַהין אידישע איינוואַנדערער און האָט זיי געגעבען דיזעלביגע רעכט, וואָס די איבעריגע שטאָדטישע בירגער, ווייל „היות ווי די אידען טראָגען אַלע לאַסטען צוגלייך מיט די קריסטליכע בירגער, בכן מוז זייער לאַגע זיין גלייך אין אַלצדינג, חוץ דער רעליגיע און יוריסדיקציע". — אַזוי ווערט מאָטיווירט דער דאָזיגער געזעץ אין איין קיניגליך דעקרעט. ערטערווייז פערזאָגט דער קיניג אַפילו, אַז מען זאָל ניט איינשטעלען דעם וואָכען-מאַרקטאָג אום שבת, בכדי דערפון זאָלען ניט ליידען קיין היזק די האַנדעלס-אינטערעסען פון די אידען.

מיט אַלע שטאַנדען האָבען אידען נאָך געקאָנט, גוט צי שלעכט, זיך איינלעבען, אָבער נאָר ניט מיט דער קאַטוילישער גייסטליכקייט. דער דאָזיגער אַלטער שנאה פון אידישען פאָלק האָט מיט אַ צווייענדיגער קראַפט אויפגעפרישט ווינאַ אָנפאַלען, בשעת פון רוים איז געגעבען געוואָרען דער סיגנאַל צו דער רעאַקציע קעגען דער וואַקסענדער אפּיקורסות פון'ע פּראָטעסטאַנטיזם, צום קאַמף קעגען אַלע פרעמדע גלויבענס. די פּאָליטיק פון'ם פּויפּסט אינקוויזיטאָר פּויל וס IV (10 §) האָט געפונען אַן אָבקלאַנג אין פּוילין.

דער פּויפּסטליכער נונציוס ליפּאָמאַן, וואָס איז אָנגעקומען אַהין פון רוים, האָט געוואָלט פונאַנדערבלאָזען דער רעליגיעזען פאַנאַטיזם פון די קאַטויליקען

דורך איינעם פון יענע בלוטיגע שוישפּיעלען, וואָס די קירכליכע אינקוויזיציע פלעגט זיי ניט זעלטען מאַכען „פון גאָטס כבוד וועגען". צווישען פאָלק האָט מען פונאַנדערגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אַן אָרימע פרוי פון סאָכאַטשעוו, דאָראָטעאַ לאַזענצקאַ, זאָל האָבען פערקויפט די אָרטיגע אידען די האָסטיע, וואָס זי האָט געקראָגען בשעת'ן אָבענד-מאַל, און אַז „די אומגלויביגע" זאָלען האָבען געשטאָכען די האָסטיע, ביז פונ'ם דאָזיגען סימבאָל פון קריסטוס'עס קערפּער האָט אָנגעהויבען צו פליסען בלוט. לויט'ן בעפעהל פונ'ם חעלימער ביסקופּ האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסה און דערנאָך פער'משפט צום טויט דריי אידען, וועלכע מען האָט בעשולדיגט אין חלול הקדש, ווי אויך די פרוי דאָראָטעאַ לאַזענצקאַ.

אַז דער קיניג איז געוואָהר געוואָרען וועגען דעם, האָט ער אַוועקגעשיקט צום סאָכאַטשעווער סטאַראָסטע אַ בעפעהל, ער זאָל אָבהאַלטען די אויספיהרונג פונ'ם טויט-שטראָף, ביז וואַנען מען וועט גענוי אויספאָרשען די זאַך. נאָר די גייסטליכקייט האָט מיט אַ כיון געאײַלט, מען זאָל אויספיהרען דעם פּסק-דין, און די כלומרשטיגע נאָטסלעסטערער זיינען פערברענט געוואָרען אויף אַ שייטערהויפען מיט עטליכע טעג פריהער, איידער עס איז אָנגעקומען דעם קיניגס בעפעהל (1558).

סיגיזמונד אויגוסט איז געווען אויפגעבראַכט איבער דעם דאָזיגען שענדליכען פּראָצעס, וואָס איז געווען אַ אויפטו פון נונציוס ליפּאָמאַן. ער האָט פערשטאַנען, אַז די „די פרומע רמאים" האָבען מיט אַ כיון פונאַנדערגעלאָזען דעם אומגעלומפּערטען קלאַנג וועגען דער „פּערוואונדעטער" האָסטיע, בכדי צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון דער דאָגמע וועגען אָבענד-מאַל אין דער קאַטוילישער פאָרם (אַז די ברויט פונ'ם אָבענד-מאַל איז טאַקע באמת קריסטוס'עס לייב), אין וואָס די קאַלוויניסטען און די עקסטרעמע רעפאָרמירטע האָבען געלייקענט. „איך ווער פערציטערט ביים געדאַנקען וועגען דער דאָזיגער רציחה — האָט דער קיניג געזאָגט אין אַ מאָמענט, ווען עס האָט גערוהט אויף איהם דער גייסט פון פריידיינקערייי — און איך וויל גאָרניט, מען זאָל מיך האַלטען פאַר אַזאַ טיפּש וואָס גלויבט, אַז פון אַ האָסטיע קאָן פליסען בלוט".

אַ בעזונדערע אויפרעגונג און כעס האָט אַרויסגערופען ליפּאָמאַנס טועכץ צווישען יענע פּוילישע פּראָטעסטאַנטען, וואָס האָבען מחמת זייערע דאָגמאַטישע אָנשויאונגען ניט געקאָנט גלויבען אין דער ווילד-אומגעלומפּערטער מיטעלאַלטערליכער באָבע-מעשה וועגען די האָסטיעס, וואָס בעווייזען מופתים. נאָר די אידענפיינדליכע פּאַרטיי האָט משמעות אויסגענוצט דעם סאָכאַטשעווער פּראָצעס צוליעב אַגיטאַציע קעגען אידען. דורך דער דאָזיגער אַגיטאַציע מוז מען ערקלערען דאָס, וואָס די קאָנסטיטוציע פונ'ם סיים פון יאָהר 1538, וואָס איז געווען פיינדליך צו אידען, איז געוואָרען פון דאָס ניי בעשטעטיגט אויף די סיימען פון די יאָהרען 1562 און 1565, לויט דער פאָדערונג פון אַ סך דעפּוטאַטען.

די אַרטיקלען פון דער דאָזיגער אידענפיינדליכער קאָנסטיטוציע זיינען אַריינגענומען געוואָרען אויך אין צווייטען ליטווישען סטאַטוט, וואָס איז געוואָרען

אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1566. לויט דעם דאָזיגען סטאַטוט טאָרען אידען ניט טראָגען גלייכע קליידער מיט קריסטען און בכלל זיך פּוצען, האָבען קריסטליכע לייב-אייגענע און דיענער, פּערנעמען שטעלעס אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט (די לעצטע צוויי בעגרעניצונגען זיינען געווען שייך אויך צו טאַטערן און אַנדערע „בעסורמיאַנעס").

די מיטעלאַלטערליכע בלבולים האָבען געפונען אַ גינסטיגען באָדען אויך אין ליטאָ. אין יאָהר 1564 איז אין בעלסק געוואָרען בשטראָפט מיט טויט אַ איד, וואָס מען האָט איהם חושד געווען, ער זאָל האָבען דער'הרג'עט אַ קריסטליכע מיידעל; און אויפ'ן עשאַפאָט האָט דער אומגליקליכער ערקלערט פאַר'ן גאַנצען פאָלק, אַז ער איז אומשולדיג. עס זיינען געווען פּרובען אַרויסצורופען אַזעלכע פּראָצעסען אויך אין אַנדערע שטעדט פון ליטאָ.

בכדי צו מאַכען אַ סוף צו דער אַגיטאַציע פון די ווילדע פאַנאַטיקער און פינסטערע לייט, האָט דער קיניג אַרויסגעגעבען צוויי בעפעהלען (1564 און 1566), וואו ער האָט שטרייגג פערבאָטען דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע צו שטעלען אידען פאַר'ן געריכט צוליעב פּראָצעסען וועגען עלילת דם אָדער וועגען מטמא זיין האָסטיעס. סיגיזמונד אויגוסט ערקלערט, אַז אַזעלכע בעשולדיגונגען האָבען בכלל קיין יסוד ניט, ווי עס האָט בעוויזען די ערפאַהרונג און אויך די ערקלערונגען פון די רוימישע פּויפּסטען; אַז לויט די אַלטע פּריווילעגיעס מוז מען צוליעב אויפהויבען אַזעלכע בעשולדיגונגען ברייגגען פאַר עדות פיער קריסטען און דריי אידען, און צולעצט, אַז דער משפט אין אַזעלכע פּראָצעסען געהערט דעם קיניג גופא און זיין ראַט אויפ'ן הויפט-סיים.

אין גיכען איז ליטאָ, אַ דאַנק דעם אַקט, וואָס איז בעוואוסט אונטערן נאָמען „לובלינער אוניע" (1569), אַריינגעטראָטען אין אַ נעהענטערן פּאָליטישען בונד מיט קרוין-פּוילין אויפ'ן יסוד פון אַן אַלגעמיינעם סיים. מחמת דעם איז אויסגעגלייכט געוואָרען די געזעצגעבונג פאַר ביידע חלקים פון דער פּוילישער מלוכה און עס איז פאָרגעקומען אַ פרייערער אויסבייט פון דער אידישער בעפעלקערונג צווישען דעם פירשטענטום און די קרוינס-לענדער. ליטאָ ווערט צוביסלעכווייז אַריינגעצויגען אינ'ם אַלגעמיינעם קורס פון דער פּוילישער פּאָליטיק און ווערט אָן יענע פּאַטריאַרכאַלישע אָרדענונגען, וואָס האָט געשאַפען דעם וואוילשטאַנד פון אידען אינ'ם דאָזיגען קאַנט אונטער די ערשטע צוויי סיגיזמונדס.

אין דריי יאָהר אַרום נאָך דער לובלינער אוניע איז געשטאָרבען סיגיזמונד אויגוסט. די אידען האָבען געהאַט גענוג גרונד צו בעווייבען דעם טויט פונ'ם דאָזיגען קיניג, אין וועלכען זיי האָבען אָנגעוואָהרען זייער הויפּטליכען בעשיצער. מיט איהם איז אויך אויסגעלאָשען געוואָרען די דינאַסטיע פון די יאַגעלאָנער — און אין דער געשיכטע פון פּוילין האָט זיך אָנגעהויבען דער „עלעקציאָנס-פּעריאָד", בשעת מען פלעגט די מלכים אויסקלייבען.

נאָך אַ לאַנגער צייט, ווען ס'איז גאָר קיין קיניג ניט געווען, האָבען די

פריצים אויסגעקליבען פאר א קיניג דעם פראנצויזישען פרינץ היינריך וואלוא (1574), איינעם פון די הויפט-אויפטוער פון דער בארטאלאמעאוס-נאכט. די דאזיגע וואהל האט זייהר בעאומרוהיגט די ליבעראלע פאליאקען און די אידען, וואס האבען מורא געהאט, דער קלעריקאליזם זאל ניט שטארקער ווערען. נאר אין גיכען איז די סכנה בטל געווארען: היינריך האט פערבראכט אין פוילין אינגאנצען עטליכע חדשים און דערנאך איז ער אנטלאפען געווארען אהיים, בכדי איבערצונעמען די פראנצויזישע קרוין נאכ׳ן טויט פון זיין ברודער קארל דער IX-טער.

אויפ׳ן פוילישען טרויך האט ארויפגעשטייגט, לויט דער וואהל פונ׳ם פאלק, סטעפאן באטארי (1576–1586), דער מוטיגער און געבילדעטער אונגארישער וואיעוואדא. זיין קורצע רעגירונגס-צייט, וואס פערענדיגט „די גאלדענע צייט“ פון דער פוילישער געשיכטע, האט זיך אויך אויסגעצייכענט דורך עטליכע אקטען פון גערעכטיגקייט בנוגע צו אידען. אין יאהר 1576 האט באטארי אין צוויי דעקרעטען בעשטימט פערבאטען אויפצוהויבען קעגען אידען די אבערגלויבישע בעשולדיגונגען, אז זיי טויטען קריסטליכע קינדער און זיינען מטמא די קירכליכע הייליגקייטען, ווייל עס איז שוין לאנג בעוויזען, אז די דאזיגע בעשולדיגונגען זיינען פאלש (דער קיניג רופט זיי אן אין זיינע דעקרעטען „בלבולים“), און ווייל זיי רופען ארויס אומרוהען צווישען פאלק.

סטעפאן באטארי איז געגאנגען אפילו ווייטער פאר די פריהערדיגע מלכים אינ׳ם דורכפיהרען דעם פרינציפ, אז די אידען אלס א האנדעלס-קלאס, וואס איז נוצליך דער מלוכה, בעדארפען געניסען גלייכע רעכט מיט די ענטשפרעכענדע קריסטליכע שטאנדען. ער האט בעשטעטיגט די אלטע געזעצען און האט צוגעגעבען צו זיי נייע פונקטען מיט הנחות, דער עיקר בנוגע צו האנדעלס-פרייהייט. דער קיניג הייסט די וואיעוואדעס, זיי זאלען אבהיטען די געזעצליכע אינטערעסען פון די אידען פאר די מאגיסטראטען און צעכען, וואס האבען מיט אלע מיטלען זיי געשטערט אין זייערע פרנסות. סטעפאן באטארי האט זיך איינגעשטעלט פאר די פויזנער אידען, וואס זיינען פון לאנג אן געווארען אונטערדריקט דורך דעם אידענפיינדליכען מאגיסטראט. קעגען די שטרייגגע בעשטימונגען פון די פארשטייהער פון די קריסטליכע סוחרים, וואס זיינען געזעסען אינ׳ם מאגיסטראט, האט דער קיניג ערלויבט אידען צו דינגען האנדעלס-לאקאלען אין אלע טיילען פון שטאדט און אפילו צו האנדלען בשעת די קריסטליכע חגאות. היות ווי ער האט פאראויסגעזעהן, אז עס איז מעגליך, אז די שטאדטישע איינוואוינער וועלען אנפאלען אויף אידען, דעריבער האט ער שטרייגג פערזאגט אונטער די הארבסטע שטראפען דעם מאגיסטראט, ער זאל היטען די זיכערהייט פון דער פערזאן און פערמעגען אין שטאדט (10 פעברואר 1577).

נאר די דאזיגע התראות האבען ניט איינגעהיט פון א קאטאסטראפע: אין דריי חדשים ארום, נאכדעם ווי עס איז ארויסגעגעבען געווארען דער קיניגליכער דעקרעט, איז אין פויזנע פארגעקומען אן אנפאל אויפ׳ן אידישען קווארטאל, מיט בערויבונגען און אפילו מיט עטליכע רציחות. דער פאגראם האט זיך אנ-

געהויבען מחמת דעם, וואָס די אידען האָבען ניט געוואָלט דערלאָזען, איינעם אַ אידען, וואָס האָט געוואָלט זיך שמד'ען, ער זאָל זיך זעהן מיט זיין ווייב. דאָס איז, פערשטייהט זיך, געווען נאָר אַ צופעליגער אויסרייד; אין דער אמת'ען אָבער האָבען דעם פּאָגראָם צוגעגרייט די קריסטליכע סוחרים, וואָס האָבען ניט געוואָלט ליידען דאָס, וואָס עס זיינען פערברייטערט געוואָרען די האַנדעלס-רעכט פון זייערע קאָנקורענטען. באַטאָרי האָט אַרויפגעלייגט אַ גרויסע געלד-שטראָף אויפ'ן פּויזנער מאַגיסטראַט, פאַרוואָס ער האָט ניט אָנגענומען קיין מיטלען אָבצושטע-לען די אומרוהען; נאָר די מיטגלידער פונ'ם מאַגיסטראַט האָט אָבגעלייגט אַ שבועה, אַז זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ פּאָגראָם, און די שטראָף איז געוואָרען אַראָבגענומען.

בנוגע צו אידען האָט סטעפאַן באַטאָרי איינגעהיט די טראַדיציעס פון דער ליבעראַלער עפּאָכע אין יענער צייט, בשעת אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבען שוין אָנגעהויבען אַרויסשפּראָצען די אידייען פון דער קאַטוילישער רע-אַקציע, וואָס דער קיניג גופא האָט זיך געפונען אין אַנדערע פּרטים אונ-טער זייער השפּעה. אין זיינע צייטען זיינען אַרויסגעטראָטען אַלס אַ טעטי-גע אָרגאַניזירטע קראַפט די יעזואיטען (סקאַרגאַ און אַנד.); באַטאָרי האָט די געשטיצט און האָט זיי איבערגעגעבען צו פיהרען די העכסטע אַקאַדעמיע, וואָס איז געוואָרען געגרינדעט אין ווילנאַ. צי האָט דער דאָזיגער קיניג, וואָס איז בכלל געשטאַנען אויפ'ן באָדען פון געזעצליכקייט, געקאָנט פאָראויסזעהן, וויפיל שלעכטס, פינסטערניש און אומטאָלעראַנץ וועלען פערשפּריי-טען אין פּוילין די יעזואיטישע שולען, וואָס האָבען אין גיכען איינגאַנצען אַריינגענומען אין זייערע הענד די ערציהונג פון די העכטע און מיטעלסטע קלאַסען?

דער פּריציש-קלעריקאַלער רעזשים אין דער צייט פון סיגיז-מונד III און וולאַדיסלאַוו IV.

§ 23. די רעזולטאַטען פון דער איבערקעהרעניש, וואָס איז פאָרגעקומען, נאָכדעם ווי די דינאַסטיע פון די יאַגעלאָנער האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירען, האָבען זיך גאַנץ בולט אַרויסגעוויזען אין דער צייט פון די צווי ערשטע מלכים פון דער שוועדישער דינאַסטיע וואַזאַ—סיגיזמונד III (1588—1632) און וולאַדיסלאַוו IV (1632—1648). דאָס, וואָס די מלכים זיינען געווען געקליבען, האָט די געמאַכט אָבהייגיג פון די פּריצים, וואָס האָבען פאַקטיש רעגירט איבער'ן לאַנד, דורכדעם וואָס זיי האָבען צוגעפאַסט די געזעצגעבונג פון די סיימען צו זייערע שטאַנדישע אינטערעסען און האָבען פערנומען אַלע פּאָסטענס פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע — ווי למשל די שטעלעס פון וואָיעוואָדעס, סטאַראָסטעס און פון אַנדערע בעאַמטע.

ווייטער, דער רעזולטאַט פון דער טעטיגקייט פון די יעזואיטען איז גע-ווען דאָס, וואָס עס איז שטאַרקער געוואָרען דער קלעריקאַליזם אין אַלע לע-

בענס-ספערען. עוקר מן השורש זיין דעם פראָטעסטאַנטיזם, אונטערדריקען די גריכיש-פראַוואָסלאַווישע קירך פון די „כלאָפּעס" און האַלטען די אידען אין צושטאַנד פון אַן איינגעשלאָסענער רעכטלויזער קאַסטע — אָט דאָס איז געווען די פראָגראַם פון דער קאַטוילישער רעאַקציע אין פוילין. צוליעב די דאָזיגע צוועקען האָט מען אָנגענומען שטרייגגע מיטלען קעגען די עוואַנגעליסטען און „אַריאַנער", האָט מען געשאַפען די קירכליכע אוניע פון די פראַוואָסלאַווע מיט די קאַטויליקען און מען האָט אויף אַלע אופנים בעגרעניצט די רעכט פון די דיסידענטען די יעזואיטען, וואָס האָבען אַריינגענומען אין זייער'ע הענד די ערציהונג פון דער יוגענד, האָבען מיט ערפאָלג פערשפרייט אין דער געזעלשאַפט די קלעריקאַלע וועלט-אָנשויאונג. וואָס ווינציגער די פאַנאַטיקער פון דער קירך האָבען געקאָנט האָפען צו בעקעהרען דעם אידען, אַלץ שטאַרקער האָבען זיי איהם מבזה געווען און דערנידעריגט, — און אויב זיי האָט זיך איינגעגעבען איינגאַנצען אויפצופרישען אין פוילין די מיטעלאַלטערליכע אָרדענונג, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל ביי דער דעמאָלטיגער אָרדענונג פון דער פוילישער מלוכה, וואו דער אַנטאַגאָניזם פון די שטאַנדען האָט זיך ניט געלאָזט בעזייטיגען, האָט זיך ניט געקאָנט אויף אַ לאַנגער צייט איינהאַלטען אַ בעשטימטע סיסטעם. „פוילין האַלט זיך דורך דער אונאָרדענונג" — פלעגען זאָגען מיט גדלות די דעמאָלטיגע פאָליטיקער. „די גאָלדענע פרייהייט" פון די פריצים איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר אונטערגעגאַנגען. זי איז געוואָרען אַ מיטעל צו אונטערדריקען די מיטעלסטע און נידעריגע שטאַנדען לטובת די העכערע, זי האָט געבראַכט צו אַנאַרכיע, צום אָבשוואַכען דעם אַוטאָריטעט פון די סיימען און צו אונאויפהערליכע מחלוקת'ען צווישען די שטאַנדען. איבעריגענס, אויב די דאָזיגע פיעלהערשאַפט איז געווען שעדליך פאַר דער פוילישער מלוכה, נאָר ביי די דעמאָלטיגע תנאים וואָלט פאַר איהר נאָך ערגער געווען אַן אַבסאָלוטע אליינהערשאַפט, לויט'ן מוסטער פון די מערב-אייראָפּייאישע מלוכות. אונטער אַ מאָנאַרכישען אַבסאָלוטיזם וואָלט פוילין אין דער עפּאָכע פון דער קאַטוילישער רעאַקציע געקאָנט ווערען אַזוי ווי שפּאַניען אונטער פיליפּ II. די אונאָרדענונג און די מחלקות פון די שטאַנדען האָבען אויסגעלייזט דאָס דאָזיגע לאַנד פון דער שרעקליכער „אָרדענונג" פון דער אינקוויזיציע און פון דער קאָנסעקווענטקייט פון די אַליינהערשענדע תליינים.

די השגחה איבער די אידען גייהט צו-ביסלעכוויין אַריבער פון דער קיניגליכער מאַכט צו די רייכע פריצים. הגם די פריצים זיינען דורכגעדרונגען מיט די קלעריקאַלע טענדענצען, וואָס זיי האָבען אַרויסגעטראָגען פון די יעזואיטישע שולען, פונדעסטוועגען צום גרעסטען טייל בעשיצען זיי די אידען, ווייל זיי זיינען פערבונדען מיט זיי צוליעב זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען. דער איד דער צינשצאָהלער אין די שטעדט און שטעדטלעך פון פריוואַטע בעלי-בתים, דער איד דער אַרענדאַר אין דאָרף, וואָס ברייגגט איין דעם פריץ הכנסה פון אַ מילך-פאַכט, מיהל, בראָנפען-ברענעריי, שיינקעריי און פון אַנדערע אונטערנעמונגען, — זיי אַלעמען מוז האָבען דער פאַן, וואָס וויל זיך אַליין ניט פערנעמען מיט זיין בעל

חבתישקייט, וואָס וואַרפט אוועק זייגע מאַיאָנטקעס און פערברייגגט די צייט אויף סיימען, סיימיקעס, קאָנפעדעראַציעס אָדער אין נאָך פרייהעליכערע פערגע־ביגעגס. די דאָזיגע פריצים דערלאָזען ניט דער אידענפיינדליכער גייסטליכקייט אריבערטרעטען געוויסע גרעניצען אין זין פון רדיפות קעגען אידען. אַפילו דער פרומער קיניג סיגיזמונד III, וואָס האָט זיך געפונען אונטער׳ן איינפלוס פון די יעזואיטען, שפּיעלט נאָך די טראַדיציאָנעלע ראָל פון אַ בעשיצער פון אידישען פאָלק. אין דעם יאָהר פון זיין טרוין־בעשטייגונג (1588) האָט ער בע־שטעטיגט דאָס רעכט פון אידען אויף פרייען האַנדעל אין די שטעדט, נאָר מיט עטליכע בעגרעניצונגען, וועלכע ס׳האָבען איהם געצוואונגען דערצו די קריסטליכע סוחרים.

דער עקאָנאָמישער קאַמף אין די שטעדט צווישען די קריסטען און אידען איז ווייטער געפיהרט געוואָרען מיט דערזעלביגער ערביטערונג אויך אין דער דאָזיגער עפּאָכע, נאָר איצטער קליידט ער זיך אַלץ אָפטער אָן אין דער גע־שטאַלט פון אַ רשעות׳דיגער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. אין אַ סך שטעדט כאַ־פען די מאַגיסטראַטען אַריין פאַר זיך דאָס רעכט צו משפט׳ען אידען—אַ משפט פון וועלף איבער שאָף, — קעגען דער גרונד־קאָנסטיטוציע, וואָס האָט בעשטימט, אַז די פראָצעסען צווישען קריסטען און אידען מוזען ווערען בעהאַנדעלט נאָר ביי די וואָיעוואָדעס אָדער אַנדערע קיניגליכע בעאַמטע. אָפטמאָלס בעקלאָגען זיך די אידען אויף עולות, וואָס מען טוט זיי אָן, פאַר׳ן קיניג, און דעם קיניג קומט אויס צו דערמאָנען די מאַגיסטראַטען, אַז די אידען דאַרפען ווערען געמשפט ניט לויט׳ן מאַגדעבורגער רעכט, נאָר לויט׳ן לאַנדישען רעכט, און אַז חוץ דעם האָבען זיי נאָך זייער אייגענעם רבנישען בית־דין.

אַזאַ ערקלערונג האָט סיגיזמונד III געגעבען, למשל, אויף דער אָנקלאָגע פון די בריסקער אידען קעגען דער דאָרטיגער שטאָדט־פערוואַלטונג (1592). די אָנקלאָגער האָט אונטערגעהאַלטען דער בריסקער ראש הקהל שאול אדיטש, וואָס איז געווען דער חוכר פון די גרעניץ־אָבצאָהלונגען און פון אַנדערע קרוי־נישע שטייערן אין ליטאָ און וואָס האָט געהאַט אַן איינפלוס ביים הויף; ער האָט געטראָגען דעם טיטעל „קיניגליכער דיענער" און פלעגט אָפטמאָלס טון זיינע פאָלקספרידער בעדייטענדע טובות (ס׳איז פאַרהאַן אַ יסוד אָנצונעמען, אַז גראָד ער איז דאָס דער העלד פון דער משונה׳דיגע לעגענדע, וואָס דער־ציילט, אַז איין מאָל, בשעת עס איז ניט געווען קיין קיניג אין פוילין, זאָלען די פריצים האָבען פראָקלאַמירט פאַר אַ קיניג דעם איינפלוסרייכען יוד שאול וואהל, אַ ליעבלינג פונ׳ם פירשט ראַדזיוויל, און ער האָט געקיניגט איבער פוילין אין משך פון אַ נאַכט.

נאָר דאָרט, וואו די אידישע מאַסע האָט ניט געהאַט אַזעלכע איינפלוס־רייכע שתדלנים, אַ שטייגער ווי די גרויסע חוכרים און די „קיניגליכע דיענער", האָבען איהרע געזעצליכע אינטערעסען אָפטמאָלס געליטען. אין ווילנאָ זיינען די שטאָדטישע איינוואוינער, אין זייער שטרעבונג פטור צו ווערען פון זייערע אידישע קאָנקורענטען, דערגאַנגען ביז צו אַ פּאָגראָם: זיי האָבען צעשטערט די

שול און צערויבט די אידישע דירות אין די פריצישע הייזער (1592). סיגיזמונד III איז געוואָרען אויפגעבראַכט איבער די דאָזיגע געוואַלדטאַטען און האָט אַרויסגעגעבען די אידען אַ כתב, אַז זיי מעגען וואוינען און פריי האַנדלען אין ווילנאַ. פונדעסטוועגען האָבען די רייטערייען צווישען זיי און צווישען די בירגער פון דער הויפטשטאָדט פון ליטאַ נים אויפגעהערט, און עס פלעגט אָפטמאָלס קומען צו טרויעריגע צוזאַמענשטויסונגען.

בעזונדערס פיעל האָט זיך אָנגעליטען פון דער פיינדליכער בעציהונג מצד דעם בירגערטום, וואָס איז בעשטאַנען אין אַ בעדייטענדען טייל פון דייטשען, די אידישע קהילה אין פויזנע — איינ'ע אַלטען נעסט פון אידענפיינדשאַפט. אָנפאַלען פונ'ם המון אויפ'ן אידישען קוואַרטאַל און „לעגאַלע" רדיפות מצד דעם מאַגיסטראַט און די צעכען זיינען געווען פון די געוויינליכע זאַכען. מיט עטליכע מלאכות, למשל מיט שניידעריי, איז געווען ערלויבט די אידען צו פערנעמען זיך אויסשליסליך צוליעב די בעדערפענישען פון זייערע פאָלקסברידער.

אין יאָהר 1618 האָט דער מאָלער, וואָס איהם האָט מען בעשטעלט אויסצומאָלען פון אויסווייניג די ווענט פון פויזנער ראָטהויז, אויסגעמאָלט אויף זיי פיגורען, וואָס זיינען געווען זייער בעליידיגענד פאַר אידען, — און די לעצטע איז אויסגעקומען אַ טך צו ליידען פון דעם שפאָט פון דעם גאַסען-המון. אין צוויי יאָהר אַרום האָט די אָרטיגע גייסטליכקייט פונאַנדערגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין איינעם פון די הייזער פונ'ם אידישען קוואַרטאַל זאָל מען האָבען געפונען דעם טיש, אויף וועלכען ס'זיינען כלומרש'ט אַנומעלט דורכגעשטאָכען געוואָרען דריי האָסטיעס (IV, § 146). דעם דאָזיגען כלומרש'טיגען הייליגען טיש האָט מען אַריבערגעטראָגען אין דער כרמליטער-קירך מיט אַ פייערליכער פראָצעסיע, אונטער דער אָנפיהרונג פונ'ם ביסקופ און פון דער גאַנצער גייסטליכקייט. די דאָזיגע דעמאָנסטראַציע האָט פערשטאַרקט ביים פאָלק די שנאה צו אידען. די מאַסע, וואָס איז געהאָדעוועט געוואָרען מיט אַזעלכע ווילדע שוישפּיעלען, האָט אָנגעוואָהרען די לעצטע פונקען פון מענשליכער ווערדע. די תלמידים פון די יעזואיטישע קאָלעגיעס פלעגען אָפטמאָלס זיך אַריינרייסען אין אידישען קוואַרטאַל, פלעגען ווילדעווען, לאַכען און שפּאָטען פון זיינע איינוואוינער, און אויף אַזאַ אופן האָבען זיי אין דער פּראַקטיק פערווירקליכט די עוואַנגעלישע געבאָטען פון „ליעבע צו שונאים", וואָס מען האָט מיט זיי געלערנט אין שול.

רעליגיעזע פראָצעסען, וואָס זיינען געגרינדעט אויף רשעות'דיגע בלבולים, קעגען אידען, ווערען געשאַפען אָפטער אין יענער עפּאָכע און קריגען עפּיס אַ מין כאַראַקטער פון אינקוויזיציאָנס-פּראָצעסען. מען האַלט זיי פאַר בעזונדערס וויכטיג, און זיי ווערען בעהאַנדעלט אין דער העכסטער געריכטליכער אַנשטאַלט פון פוילין — אין דעם קרוינס-טריבונאַל, אָהן יענע גאַראַנטיעס פאַר אַ ריכטיגען משפּט, וואָס די אַלטע כאַרטיעס פון די פוילישע מלכים האָבען איינגעשטעלט און וואָס סטעפאַן באַטאָרי האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק נאָך בעשטעטיגט.

אין יאָהר 1598 האָט דער לובלינער טריבונאַל פערמשפּט צום טויט

דריי אידען, פאַרוואָס זיי זאָלען האָבען פלומרשט דער׳הרג׳עט אַ קריסטליך קינד, וואָס זיין טויטען קערפּעריל האָט מען געפונען אין אַ זומפּ ניט ווייט פון דאָרף וואָזניק. בכדי צו צווינגען די בעשולדיגטע זיך מודה צו זיין, האָט מען אָנגעווענדט דעם גאַנצען אינקוויזיטאָרישען אַפּאַראַט פון עינויים, און דעם טויט־שטראָף דורך פערטלען האָט מען אויסגעפיהרט מיט אַ בעזונדער פייערליכקייט אין לובלין. דעם גוף פון׳ם קינד, וואָס איז ניט ווילענדיג געווען די סיבה פון׳ם אונטערגאַנג פון אומשולדיגע מענשען, האָבען די יעזואיטען אַריבערגעטראָגען אין אַ לובלינער קאָסציאָל, און דער אָבערגלויבישער המון פלעגט קומען בוקען זיך פאַר איהם. אַזעלכע פּראָצעסען האָבען זיך איבערגע׳חזר׳ט מיט געוויסע שינויים אין אַ סך אַנדערע ערטער פון פוילין און ליטאַ.

די קלעריקאַלע פּאַרטיי האָט אויך אויפגעהויבען אַ ליטעראַרישע אַגיטאַציע קעגען די אידען. דער קסיאָנדז מאָיעצקי האָט אין יאָהר 1498 אַרויסגעגעבען אין קראָקוי זיין רשעות׳דיגען אידענפיינדליכען בוך וועגען „די אידישע רציחות"; אויף דערזעלביגער טעמע האָט געשריבען אַ געוויסער גוביצקי אין יאָהר 1602. דער פוילישער דאָקטאָר סלעשקאָווסקי האָט בעשולדיגט די אידישע דאָקטוירים דערין, אַז זיי פער׳סמ׳ען סיסטעמאַטיש די גוטע קאַטויליקען, און האָט ערקלערט, אַז די פּעסט, וואָס האָט דעמאָלט געווילדעוועט אין פוילין, קומט דערפאַר, ווייל גאָט איז אין כעס, וואָס מען שיצט אין׳ם דאָזיגען לאַנד די אידען (1623). נאָר מעהר פאַר אַלעמען האָט געשאָטען רשעות אויף אידען דער פוילישער שריפטשטעלער סעבאַסטיאַן מיטשינסקי, דער מחבר פון׳ם ווערק „דער שפּיגעל פון דער פוילישער קרוין" (1618). אַלס תלמיד מובהק פון די יעזואיטען, האָט מיטשינסקי צונויפגעקליבען אין זיין בוך אַלצדינג, וואָס אָבערגלויבען און רשעות האָבען ווען־עס־איז אויסגעקלערט אויף אידען. ער בעשולדיגט אידען אין אַלע ערגסטע חטאים — אין פּאָליטישער בגידה, גזלה און אָבנאַרעריי, אין כישוף־מאַכעריי, מאָרדען, חלול הקודש. אין זיין פּאַמפלעט האָט ער זיך געווענדט צו די דעפּוטאַטען פון סיים מיט׳ן אויפרוף — זיי זאָלען טון מיט די אידען, אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיט זיי אין שפּאַניען, פראַנקרייך, איינגלאַנד און אַנדערע מלוכות, ד. ה. זיי פערטרייבען.

מיטשינסקי׳ס העצערישע אַגיטאַציע האָט אַרויסגערופען שטורמישע דעבאַטען אויפ׳ן סיים פון יאָהר 1618. אַ טייל פון די דעפּוטאַטען האָבען אַרויסגעשטעלט דעם מחבר פאַר אַן אַפּאָסטעל פון אמת, אַנדערע ווידער — פאַר אַ פּשוט׳ען אויפהעצער און שטערער פון דער געזעלשאַפטליכער רוה. דער סיים האָט אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל געזונדען מענשען־פערשטאַנד, אַז ער האָט ניט אָנגענומען די מיינונגען פון׳ם איינגעזעסענעם אידענפיינד; נאָר אין דער פוילישער געזעלשאַפט האָבען די דאָזיגע מיינונגען צו־ביסלעכוויי זיך איינגעוואָרצעלט און האָבען געגרייט אַ באָדען פאַר טרויעריגע צוזאַמענשטויסונגען.

סיגיזמונד דער III־טער׳ס יורש, וולאַדיסלאַוו IV, איז ניט געווען אַזאַ פאַנאַטישער קאַטויליק און אָנהייגער פון די יעזואיטען, ווי זיין פאָטער. ער האָט זיך פערהאַלטען מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ צו אַנדערשגלויביגע, האָט

געוואָלט אָבהיטען די אַלטע פּריווילעגיעס פון די אידען און האָט בכלל גע־שטרעבט צו מאַכען שלום צווישען די שטרייטענדע עמ־אַנדען. נאָר די שנאה צווישען די שטאַנדען און רעליגיעזע גרופּעס האָט שוין געהאַט אַזוי טיעף זיך איינגעוואָרצעלט אין דער מלוכה, אַז מבטל צו זיין זי וואָלט ניט געווען ביכולת אפילו אַ מעהר ענערגישער קיניג, איידער וולאַדיסלאַוו IV. בכן איז אויסגעקומען, אַז דער קיניג האָט ניט שלום געמאַכט צווישען סותר׳דיגע אינטערעסען, נאָר ער פלעגט זיך שטעלען אַמאָל אויפ׳ן צד פון איין פּאַרטיי, און אַמאָל אויפ׳ן צד פון דער אַנדערער.

אין יאָהר 1633 האָט וולאַדיסלאַוו IV בעשטעטיגט אויפ׳ן קרוינונגס־סיים די גרונד פּריווילעגיעס פון די אידען, האָט זיי ערלויבט צו פערנעמען זיך פריי מיט עקספּאָרט־האַנדעל, האָט בעשטימט די גרענעצען פון זייער געריכטליכער אווטאָנאָמיע און האָט בעפוילען די מאַגיסטראַטען, זיי זאָלען זיי אָב־היטען פון אָנפאַלען מצד דעם המון; נאָר צוגלייך האָט ער פערבאָטען די אי־דישע קהילות צו בויען זיך נייע שולען און צו מאַכען נייע בית־עלמין׳ס, ניט אַנדערש סיידען זיי וועלען איטליכס מאָל נעמען אַ בעזונדערע ערלויבעניש דערצו פונ׳ם קיניג. איבעריגענס, האָט די לעצטע בעגרעניצונג געקאָנט גערע־כענט ווערען פאַר אַ הנחה, וואָרום אין סיגיזמונד III־טענס צייטען האָט מען געמאַכט אַ פּרוב איבערצוגעבען דאָס רעכט צו זאָגען אַ דעה וועגען דעם, צי עס זאָלען יאָ געבויט ווערען שולען אָדער ניט, אין רשות פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט.

אָבהיטענדיג בכלל די רעכט פון די אידען, פלעגט דער קיניג אין איינ־צעלנע פאַלען אָננעמען די השתדלות פון די שטעדט וועגען בעגרעניצען די דאָזיגע רעכט, און פלעגט ניט זעלטען מבטל זיין זיינע אייגענע בעפעהלען. אין יוני פון יאָהר 1642 האָט ער ערלויבט די קראָקויער אידען זיך צו פער־נעמען פריי מיט עקספּאָרט־האַנדעל, און אין צוויי חדשים אַרום האָט ער גענומען צוריק די דאָזיגע ערלויבעניש, ווייל די קראָקויער קליינבירגער און קריסטליכע סוחרים האָבען זיך בעקלאָגט דערויף, וואָס די אידישע קאָנקורענץ ברייננט זיי היזק. לויט דער בקשה פון די איינוואוינער פון דער שטאָדט מאָ־הילעוו ביים דניעפּער, האָט ער בעשטעטיגט זיין פּאָטערס בעפעהל וועגען דעם, אַז מען זאָל אַרויסשיקען אַלע אָרטיגע אידען, וואָס וואוינען אין די פאָרשטעדטלעך, און דערנאָך האָט ער בעשטעטיגט די החלטה פונ׳ם מאַגיסטראַט — ניט צו פערדינגען זיי קיין שום הייזער בשכנות פון קריסטען (1633, 1646).

היות ווי מען האָט פערבאָטען די אידען צו האַנדלען אויף די מאַרק־פלעצער, זיינען אין אַ סך ערטער זייהר טייער געוואָרען די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען, — און דערפאַר האָבען די פּריצים זיך משתדל געווען, עס זאָל בטל ווערען דער דאָזיגער פערבאָט בעזונדערס פאַר ווילנא. דער קיניג האָט בע־פרידיגט די השתדלות, נאָר צוגלייך האָט ער געטאָן צו־ליעב דעם מאַגיסטראַט און איינגעשטעלט עטליכע שווערע בעגרעניצונגען פאַר אידען: ער האָט זיי אַרונטערגעשטעלט אונטער דער יוריסדיקציע פונ׳ם מאַגיסטראַט אין געלד־פראַ־

צעסען מיט קריסטען, האָט בעגרעניצט זייער וואוין-אָרט, אַז זיי טאָרען ניט וואוינען אויסער דער „אידישער גאַס״ און האָט זיי פערבאָטען צו פערנעמען זיך מיט יענע מלאכות, וואָס די קריסטליכע צעכען האָבען געשאַפען זינט אַלטע צייטען (1633).

צוגויפגעשטיקט אין די שטעדט, בעגרעניצט אין זייער רעכט צו האַנדלען און צו פערנעמען זיך מיט מלאכות, גייהען די אידען אַלץ אָפטער אַריבער אין די דערפער, זיי פערנעמען זיך מיט דער אַרענדע פון די פריצישע הויפען און מיט ווייבערייי און שיינקעריי. ניט בלויז רייכע „פּאַנעס״, נאָר אַפילו קירכליכע בעאַמטע גיבען אָב זייערע מאַיאָנטקעס אין אַרענדע די אידען. דער וואַרשויער קירכליכער סינאָד האָט שאַרף געטאַדעלט די אויפפיהרונג פון יענע ביסקופען, וואָס האַלטען אין זייערע מאַיאָנטקעס אידישע אַרענדאַרען, און דורכדעם „גיבען זיי די פרעמדגלויביגע די מאַכט איבער זייערע קריסטליכע לייב-אייגענע״, וואָט דאָס איז קעגען די קאַנאָנישע געזעצען (1643). דער פּוזענער סינאָד האָט אַרויסגעזאָגט זיין צאָרן איבער דער „אונערטרעגליכער עזות׳קייט״ פון די אידען, וואָס לא די וואָס זיי פערכאַפּען די מלאכות, וואָס גיבען חיונה קריסטען, האָבען זיי נאָך די העזה צו האַנדלען אויף די גאַסען און אויף די מאַרק-פּלעצער אין די קריסטליכע חגאות, און דער סינאָד האָט בעשטימט זיך משתדל זיין, אַז עס זאָל אומבעדינגט זיי ווערען פערבאָטען צו האַנדלען אין די חגאות (1642).

בלייבענדיג געטריי איהר אַלטער פּאָליטיק, האָט די קאַטוילישע גייסטליכקייט פון פערשיידענע אָרדענס, בעזונדערס פון יעזואיטען-אָרדען, געמיהט זיך אונטערצוהאַלטען ביי איהר עולם די גראָבע רעליגיעזע פּאַראורטיילען קעגען אידען. בכדי אויפצוהויבען די ווערדע פון דער קירך, פלעגט זי טיילמאָלס מאַכען אַיינדרוקס-פולע דעמאָנסטראַציעס.

אין פריהיאָהר פון יאָהר 1636 איז פערשוואונדען געוואָרען אַ קריסטליכער אינגעל אין לובלין, און אויף די אידען איז געפאַלען אַ חשד, אַז זיי זאָלען האָבען איהם „געפייניגט צום טויט״. האָט דער קרוינס-טריבונאַל בעטראַכט דעם פּראָצעס, און היות ווי ער האָט ניט געפונען קיין שום בעווייזען קעגען די בעשולדיגטע, האָט ער זיי פריי געשפּראָכען.

האָט די אָרטיגע גייסטליכקייט, וואָס איז געווען אומצופרידען מיט׳ן דאָזיגען פסק-דין, אויסגעקלערט אַ נייע מעשה, שוין „מיט בעווייזען״. אַ מאָנאַך פון׳ם כּרמליטער-אָרדען פּאַוועל האָט ערקלערט, אַז די אידען האָבען איהם אַריינגענאַרט אין אַ שטוב, דאָרט האָט איהם אַ דייטשער כירורג געלאָזט די אָדער, און די בלוט, וואָס איז אַרויסגעפלאָסען, האָבען די אידען צונויפגעקליבען אין אַ כּלי און האָבען עפּיס געשעפּטשעט אַזעלכע תפילות. האָט דער טריבונאַל געגלויבט דעם דאָזיגען שענדליכען בלבול און נאָך דער גאַנצער געוויינליכער געריכטס-פּראָצעדור מיט „אויספאָרשונגען״ און עינויים האָט ער פערמשפּט איין אידען מאַרק (מרדכי) צום טויט. די כּרמליטען האָבען געוואָלט זיך צו פערעפענטליכען

דעם דאָזיגען פּראָצעס, בכדי מעהר צו בעפעסטיגען דעם שענדליכען פּאָראורטייל צווישען פאָלק.

אין יאָהר 1639 איז אויפגעקומען אַ נייער פּראָצעס. דער קרוינס־טריבונאַל האָט פער׳משפט צום טויט צוויי גבאים פון דער לענטשיצער אידישער קהילה, וועלכע מען האָט בעשולדיגט, אַז זיי זאָלען האָבען דער׳הרג׳עט אַ קריסטליך קינד פון שכנישען דאָרף קאָמאַזשיצע. ניט קוקענדיג אויפ׳ן פּראָטעסט פונ׳ם לענטשיצער סטאַראָסטע וועגען דעם, אַז דער פּראָצעס גייהט גאָר ניט אַריין אין רשות פונ׳ם טריבונאַל, און הגם די בעשולדיגטע האָבען אַפילו אונטער די עינויים זיך ניט מודה געווען, פונדעסטוועגען האָט מען אויסגעפיהרט דעם טויטשטראָף. די קערפּערס פון די געטויטע האָט מען צעהאַקט אויף שטיקער און אויפגעהאַנגען אויף סלופּעס אויף די שייד־וועגען. די אָרטיגע בערנאַרדינער־מאָנאַכען האָבען אויסגענוצט די דאָזיגע מעשה: זיי האָבען אַריינגעשטעלט אין זייער קאָסציאָל דעם קערפּעריל פונ׳ם כלומרש׳ט גע׳הרג׳עטען קינד און אַ בילד מיט דער אויספיהרליכער שילדערונג פונ׳ם מאָרד. האָט די אָבערגלויבישע קאַטוילישע מאַסע גענומען גייהן בוקען זיך פאַר די שטויב פונ׳ם כלומרש׳טען קדוש, און די הכנסות פונ׳ם בערנאַרדינער־קאָסציאָל אין לענטשיץ האָבען זייהר געשטייגט,— און דאָס טאַקע זיינען אויסען געווען די פרומע מאָנאַכען, וואָס האָבען געפאָלגט דעם יעזואיטישען פּרינציפּ פון „פרומער אָבנאַרעריי.״

די זעלבסטפערוואַלטונג פונ׳ם קהל.

§ 24. ביי דער לאַגע, וואָס די אידען האָבען פערנומען אין פוילין, איז זייער געזעלשאַפטליכע אַווטאָנאָמיע געווען סיי נויטווענדיג און סיי מעגליך. די היסטאָרישע נאַציע מיט איהר אייגענאַרטיגען לעבענס־סדר האָט די מלוכה אויסגעטיילט אין אַ בעזונדער שטאַנד, אין אַ בעזונדער געזעלשאַפטליכער גרופּע. הגם די אידען זיינען געווען אַ טייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, פונדעסטוועגען זיינען זיי אָפיציעל ניט צוגערעכענט געוואָרען צו קיין איינעם פון די אַלגעמיינע שטאָדטישע שטאַנדען, וואָס איבער זייערע ענינים האָבען פערוואַלטעט די מאַגיסטראַטען אָדער די האַנדווערקער־צעכען; זיי זיינען אַפילו ניט געשטאַנען אונטער׳ן רשות פון די אַלגעמיינע געריכטליכע אָנשטאַלטען בנוגע צו אינעווייניגסטע פּראָצעסען. זיי האָבען געבילדעט לחלוטין אַ זעלבשטענדיגען קלאַס פון בירגער, וואָס האָט האָבען בעדאַרפט זיינע אָרגאַנען פון זעלבסטפערוואַלטונג און געריכט. די אידישע קהילה איז געווען ניט בלויז אַ נאַציאָנאַל־גייסטליכע, נאָר אויך אַ בירגערליכע איינהייט; דאָס איז געווען אַ גאַנצע אידישע שטאָדט אין מיטען דער קריסטליכער, אַ שטאָדט, וואָס האָט געהאַט איהר בעזונדער לעבענס־אָרדענונג, איהרע רעליגיעזע, אַדמיניסטראַטיווע, געריכטליכע און צדקה־אָנשטאַלטען. דער רעגירונג פון דער שטאַנדישער מלוכה איז אויסגעקומען צו מאַכען פאַר אַ געזעץ די זעלבסטפערוואַלטונג פון אידישען קהל, פונקט אַזוי ווי זי האָט געמאַכט פאַר אַ געזעץ „דאָס מאַגדעבורגער

דרעכט״ פון די קריסטליכע שטאָדטישע שטאַנדען. די מלכים, אַלס דירעקטע „אַפּוטרופּסים״ פון די אידען, זיינען אַפּילו געווען פעראינטערעסירט דערין, אַז די קהל-פערוואַלטונג זאָל זיין רעגעלמעסיג אָרגאַניזירט, וואָרום דאָס האָט גאַראַנטירט די פּינקטליכע איינצאָהלונג פון די שטייערן אין דער מלוכה-קאַסע, און בכלל איז פאַר דער רעגירונג געווען בעקוועמער צו האָבען צו טון מיט אַ בעשטימטער גרופּע פאָרשטייהער פון אידישען פאָלק, איידער מיט דער אונ-אָרגאַניזירטער מאַסע.

אין דער עפּאָכע פון דער „פאָטערליכער השגחה״, אין די צייטען פון סיגיזמונד I, האָט דער קיניג געפּרובט אויך צו זאָגען אַ דעה איבער דער זעלבסטפערוואַלטונג פון די אידישע קהילות. דאָס, וואָס מיכל יאָזעפאָוויטש איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ מנהיג פון די ליטווישע אידען מיט אַ בעזונדערן רב אַלס געהילף (§ 21), האָט געהאַט דעם צוועק צו פערזיכערן די אינטערעסען פון דער מלוכה-קאַסע, דורכדעם וואָס עס וועט צענטראַליזירט ווערען די מאַכט אין אַ גרופּע קהילות. סיגיזמונד האָט ניט איין מאָל בעשטעטיגט די „גייסטליכע דיינים״ אָדער רבנים, וואָס אידען האָבען אויסגעקליבען אין פערשיידענע גע-גענדען פון פּוילין. אין יאָהר 1518 האָט ער לויט דער בקשה פון די פּויזנער אידען בעשטעטיגט אַלס דיינים איבער אַלע קהילות פון גרויס-פּוילין די צוויי רבנים, וואָס זיי האָבען אויסגעקליבען, ר׳ משה און ר׳ מענדיל, מיט׳ן רעכט צו לערנען מיט זייערע פאָלקס-ברידער תורה און צו משפט׳ען זיי אויפ׳ן סמך פון זייערע געזעצען. אין קראָקוי, וואו עס האָבען עקסיסטירט צוויי בעזונדערע קהילות — פון אָרטיגע אידען און פון איינגעוואַנדערטע פון בעהמען, האָט דער קיניג ערלויבט אויסצוקלייבען פאַר איטליכער אַ בעזונדערן רב. איז אויסגעקליבען געוואָרען ר׳ אשר פאַר דער ערשטער, און ר׳ פּרץ פאַר דער צווייטער. בשעת צווישען די דאָזיגע צוויי קהילות איז אַרויסגעקומען אַ מחלוקת וועגען דעם, וועמען זאָל געהערען די אַלטע שול, האָט דער קיניג זיך אַריינגעמישט און גע׳פּסק׳עט דעם שטרייט לטובת דער אָרטיגער קהילה (1519). אין יאָהר 1531 האָט דער בריסקער רב ר׳ מענדיל פראַנק זיך בעקלאָגט פאַר׳ן קיניג, אַז די אידען פאָל-גען ניט טיילמאָלס זיינע פּסקים און ווענדען זיך מיט זייערע פּראָצעסען צו די קיניגליכע סטאַראָסטעס, און סיגיזמונד I האָט געמוזט אַרויפלייגען אַ חוב אויף די אידען זיך צו אונטערוואַרפען דער יורידיקציע פון זייערע אייגענע „דאָקטאָרען״, ד. ה. די רבנים, וואָס משפט׳ען לויט „די אידישע געזעצען״ און האָבען דאָס רעכט צו שטראָפען די ווידערשפעניגע מיט אַ „שבועה״ (חרם) און מיט אַלערליי אַנדערע מיטלען. דעם אַנדער יאָהר האָט דער קיניג בעשטימט פאַר׳ן „עלטסטען רב״ אָדער רב הכולל אויפ׳ן אָרט פונ׳ם דערמאָנטען ר׳ אשר דעם בעוואוסטען געלערנטען ר׳ משה פישל. האַלטענדיג זיך פאַר דער סיסטעם פון צענטראַליזאַציע, האָט דער קיניג אָנערקענט אַלס די צוויי עלטסטע רבנים פאַר גאַנץ קליין-פּוילין צוויי „געלערנטע אין די אידישע געזעצען״, דעם איי-געגעם ר׳ משה פישל פון קראָקוי און דעם בעריהמטען בעגרינדער פונ׳ם תלמודיזם אין פּוילין ר׳ שכנא פון לובלין (1541). אָהן דעם הסכם פון די דאָזיגע „עלטסטע״ (סעניאָרען) האָט קיין איין קהילה ניט געהאַט קיין רעכט צו

נעמען זיך אַרב; אַז זיי פלעגען אַרויפלייגען אַ חרם אויף אַ ווידערשפעניגען און ניט אַראָבנעמען איהם אין משך פון אַ בעשטימטער צייט, האָט דער שולדי-גער זיך געמוזט שטעלען פאַר'ן געריכט פונ'ם וואָיעוואָדע און סטאַראָסטע.

נאָר צו שטערען דעם פּרינציפּ פון קלייבען האָבען די קהילות ניט דער-לאָזט אַפילו דעם קיניג גופא, און אין דעמזעלביגען יאָהר האָט סיגיזמונד I געמוזט אַרויסגעבען די אידען פון פּויזנע און פון גאַנץ גרויס-פּוילין אַ כתב, אַז זיי האָבען דאָס רעכט פריי אויסצוקלייבען די הויפּט-רבנים פון מענשען, וואָס קענען די אידישע געזעצען, נאָר בתנאי, אַז דער קיניג זאָל בעשטעטיגען די אויסגעקליבענע. דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע איז שטריינג פערבאָטען גע-וואָרען זיך אַריינצומישען אין אַזעלכע וואַהלען קעגען דעם פערלאַנג פון די קהילות.

די השגחה מצד דער רעגירונג איז פערשוואונדען, וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען די אינעווייניגסטע אָרגאַניזאַציע פון די אידישע קהילות און וואָס מעהר עס זיינען בעשטימט געוואָרען די פונקציעס פון די רבנים און פון די קהלשע מנהיגים. פאַר'ן גרונד-געזעץ פון דער געמיינדע-אַוטאָנאָמיע קאָן ווערען גערעכענט דער כּתב פון סיגיזמונד אויגוסט (פון 13 אויגוסט פון יאָהר 1551), וואָס האָט פעסטג, שטעלט פאָלגענדע פּרינציפּען פון אַוטאָנאָמיע פאַר די גרויס-פּוילישע קהילות: אידען האָבען דאָס רעכט זיך אויסצוקלייבען רבנים און „גע-זעצליכע דיינים", לויט'ן אַלגעמיינעם הסכם, בכדי זיי זאָלען פערוואַלטען איבער זייערע גייסטליכע און געזעלשאַפטליכע ענינים; די אויסגעקליבענע רבנים און דיינים פּסק'ען דעם פאָלק אַלע שאלות, זיינען מסדר קידושין און גטין, בע-שטעטיגען, מכירות און מאַכען אַנדערע ציוויל-רעכטליכע אַקטען, קלייבען פונאַנ-דער פּראָצעסען צווישען אידען אויפ'ן סמך פון דער תורת משה און פון די הוספות צו איהר; אינאיינעם מיט די קהלשע מנהיגים קאָנען זיי די שולדיגע אַריינלייגען אין חרם אָדער אַרויפלייגען אַנדערע שטראָפען לויט זייערע געוויהנ-הייט-רעכט; אויב דער מענש, וואָס מען האָט איהם אַריינגעלייגט אין חרם, וועט אין משך פון אַ חודש צייט ניט חוזר בתשובה זיין, דעמאָלט גיט מען וועגען דעם צו וויסען דעם קיניג, וואָס קאָן פער'משפּט'ען דעם אייגנגע'עקשנ'טען ווי-דערשפעניגען צום טויט-שטראָף און צו קאָנפיסקירען זיין אייגענס; די אָרטיגע קיניגליכע אַדמיניסטראַציע איז פון איהר זייט מחויב מיטצוהעלפען אויספיהרען די בעפעהלען פון די אידישע רבנים און מנהיגים.

דורך דעם דאָזיגען געזעצגעבערישען אַקט און דורך אַ גאַנצער רייה אַנדערע אַזעלכע דעקרעטען, וואָס זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען פאַר פערשיי-דענע פּראָווינצען פון פּוילין, איז געגעבען געוואָרען די פאָרשטייהער פון די אידישע קהילות אַ גרויסע מאַכט אויפ'ן ווירטשאַפטליכען און אַדמיניסטראַטיוו-געריכטליכען געביט, מיט דער גאַראַנטיע, אַז זי וועט פערווירקליכט ווערען מיט דער הילף פון דער קיניגליכער אַדמיניסטראַציע. זינט יענער צייט האָט זיך פעסט איינגעשטעלט דער רעזשים פון דער אַוטאָנאָמער קהילה — פונ'ם „קהל". אינ'ם דאָזיגען נאָמען האָבען זיך צונויפגעגאָסען צוויי בעגריפען: „די

„געמיינדע" און די „געמיינדע-פערוואַלטונג", וואָס נעמט אַרום אַלע אידישע אַנשטאַלטען פון שטאָדט אינאיינעם מיט דעם ראַבינאַט. די טעטיגקייט פונ׳ם „קהל" האָט זיך בעזונדערס ברייט ענטוויקעלט זינט דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט.

קהילה-פערוואַלטונגען האָבען זיך געפונען אין אַלע שטעדט און שטעדט-לעך פונ׳ם ראַיאָן פונ׳ם אידישען ישוב. די צאָהל פון זייערע מיטגלידער איז געווען לפי ערך נאָך דער צאָהל מענשען אין דער קהילה; אין גרויסע קהילות איז די צאָהל מיטגלידער פון דער קהילה-פערוואַלטונג דערגאַנגען ביז 40, און אין די קליינע — ביז צעהן. די דאָזיגע מיטגלידער פלעגען ווערען אויס-געקליבען אַלע יאָהר אום חול-המועד פסח, געוויינהנליך לויט אַ צווייפאַכיגער סיסטעם: פון אַלע מתפללים פון אַלע שולען פלעגט מען אויסקלייבען על-פי גורל (קלפי) עטליכע (פון 5 ביז 9) בוררים (וואַהלמענער), וואָס פלעגען נאָך אַ פייערליכער שבועה אויסקלייבען די קהל׳שע מנהיגים. די מנהיגים זיינען גע-ווען אַיינגעטיילט אין גרופּעס. צוויי גרופּעס — „ראשים" און „טובים"—זיינען געשטאַנען בראש פון דער פערוואַלטונג און האָבען געהאַט די גאַנצע דעה אין די קהל׳שע ענינים; נאָך זיי זיינען געגאַנגען דיינים און גבאים, דאָס זיינען די פערוואַלטער און פאַרשטייהער פון איינצעלנע שולען, בתי-מדרשים און צדקה-אַנשטאַלטען. דער מיטעלפונקט פונ׳ם קהל זיינען די „ראשים" און „טובים"; אַז זיבען מאַן פון זיי פלעגען זיך צונויפקלייבען, איז די זיצונג געווען גילטיגע. אין קליינע קהילות פלעגען זיי כמעט אַליין בילדען די גאַנצע פערוואַלטונג.

דער טעטיגקייטס-קרייז פונ׳ם קהל איז געווען זייהר ברייט. דער קהל פלעגט אויפמאָנען אין זיין ראַיאָן די מלוכה-שטייערס און איינצאָהלען זיי אין דער מלוכה-קאַסע; ער האָט פונאַנדערגעטיילט די אָבצאָהלונגען, סיי די אַלגע-מיינע, סיי די ספּעציעלע; ער האָט פערוואַלטעט איבער די שולען, ישיבות, בית-עלמינ׳ס און אַנדערע קהלשע אַנשטאַלטען; ער פלעגט אַרויסגעבען שטרי-מכירה אויף בחלאות; ער האָט רעגולירט די ענינים פון לערנען מיט קינדער, פון צדקה, האַנדעל און מלאכות; ער פלעגט פסק׳ען פּראָצעסען צווישען מיט-גלידער פון דער קהילה, מיט דער הילף פון די דיינים און פונ׳ם רב. דער רב האָט געהאַט אַ זעלבשטענדיגע מאַכט נאָר אין די רעליגיעזע ענינים, אָבער אין אַלע איבעריגע זאַכען איז ער געווען אָבהייניג פון דער קהילה-פערוואַלטונג, וואָס פלעגט איהם איינלאַדען אויף דעם דאָזיגען פּאָסטען נאָר אויף אַ בעשטימ-טער צייט. מעהר ניט בעריהמטע גרויסע לומדים האָבען געקאָנט האָבען אַן איינפלוס אויף אַלע ספערען פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

אין רשות פונ׳ם קהל פון איטליכער שטאָדט זיינען געשטאַנען אויך די אידישע איינוואוינער פון די שכנישע ישובים און דערפער, וואו עס זיינען ניט געווען קיין זעלבשטענדיגע אָרגאַנען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג. חוץ דעם האָבען די קהל׳ס פון די גרויסע שטעדט געהאַלטען אָבהייניג פון זיך די קהל׳ס פון די קליינע שטעדט און שטעדטלעך פון זייער ראַיאָן בנוגע צום פונאַנדער-טיילען די אָבצאָהלונגען און בנוגע צו דער געריכטס-פערוואַלטונג. אזוי זיינען

ענטשטאַנען די גלילים (ראַיאָנען פון די קהילות). אָפטמאָלס פלעגן צווישן די הויפט-קהל׳ס פון צווי ראַיאָנען אַרויסקומען מחלוקות וועגן די גרעניצען פון זייערע ראַיאָנען, און די קלײנע קהילות, וואָס איבער זיי האָט זיך געפירט די מחלוקות, פלעגן געהערן אַמאָל צו איין צד און אַמאָל צום אַנדערן. נאָר בכלל איז די געמעסיגטע צענטראַליזאַציע פון דער זעלבסטפערוואַלטונג געווען נוצליך פאַר׳ן פאָלק, ווייל זי האָט געהאַלטען אין אָרדענונג די קהילה-פערוואַלטונג און האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט צו פערטיידיגען ענערגישער די בירגערליכע און נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון די אידען.

דער שפּיץ און די קרוין פון דער צענטראַליזאַציע פון דער קהילה-פערוואַלטונג זיינען געווען די אַזוי אָנגערופענע ועדים, ד. ה. צוזאַמענפאָהרען אָדער סיימען פון רבנים און קהלשע טוער. דעם ערשטען שריט פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון אַזעלכע צוזאַמענפאָהרען האָבען געמאַכט די דיינים. דער אַוטאָנאָמער רבנישער בית-דין, וואָס האָט געהאַט ברייטע פולמאַכטען, האָט זיך געפיהרט אין זיין טעטיגקייט לויט דער ביבליש-תלמודישער געזעצגעבונג, וואו עס איז איינגעשטעלט אַ פולקומענער רעגלאַמענט פון רעליגיעזען, בירגערליכען און פאַמיליען-לעבען און עס זיינען פאָראויסגעזעהן אַלע מעגליכע מעשים קעגען געזעץ. נאָר אין דער דאָזיגער קאָמפּליצירטער סיסטעם פון געזעצגעבונג פלעגן זיך טרעפען אַזעלכע שאלות, וואָס זיי צו פסק׳ען איז ניט געווען געגוג די קאָמפּעטענץ פון איין רב. ס׳פלעגט אויך טרעפען, אַז מען פלעגט אַפּעלירען אויפ׳ן פסק דין פון איין בית-דין צו אַן אַנדער בית-דין, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר אַ גרעסערן בר-סמכא; ס׳פלעגען אויך פאָרקומען פּראָצעסען צווישען גאַנצע בעפעלקערונגס-גרופּעס, צווישען איין קהילה און דער אַנדערער, אָדער צווישען אַ פּריוואַט-פּערזאָן און צווישען דער קהילה-פערוואַלטונג וכדומה. צוליעב אַזעלכע פאַלען פלעגען ווערען צייטענווייז צונויפגערופען צוזאַמענפאָהרען פון רבנים און קהלס-לייט, וואָס האָבען געשפּילט די ראָל פון העכסטע געריכטליכע אינסטאַנצען.

זינט דער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט פלעגען אַזעלכע צוזאַמענפאָהרען פאָרקומען בשעת די גרויסע ירידים, וואו עס פלעגען זיך צונויפקלייבען אַסך מענשען פון פערשיידענע ערטער און וואו די פּראָצעסירענדע צדדים פלעגען קומען צו פאָהרען צוליעב זייערע האַנדעלס-געשעפטען. דער הויפּטליכער זאַמעלפונקט איז געווען דער לובלינער יריד, ווייל אין לובלין האָט געוואוינט דער בעגרינדער פונ׳ם פוילישען תלמודיזם, דער דערמאָנטער ר׳ שכנא, וואָס איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרען פאַר׳ן רב הכולל פון קליין-פוילין. דאָ פלעגען נאָך אין סיגיזמונד I-טענס צייטען זיך צונויפקלייבען די רבנים („אידישע דאָקטאָרען") און פסק׳ען ציוויל פּראָצעסען „לויט זייער געזעץ".

אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט זיינען די צוזאַמענפאָהרען פון די רבנים און קהלס-לייט אויף די ירידים אין לובלין אָפטער געוואָרען, און אין גיכען איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז עס האָבען זיך געבילדעט רעגעלמעסיגע פעריאָדישע סיימען, וואו עס האָבען גענומען אַן אַנטייל

פאָרשטייהער פון די וויכטיגסטע אידישע קהילות פון גאַנץ פוילין. די טעטיגקייט פון די סיימען איז בהדרגה ברייטער געוואָרען און אַריבערגעגאַנגען פון געריכטליכען געביט אויפ'ן אַדמיניסטראַטיווען און געזעצגעבערישען. אויף די צוזאַמענפאָהרען ווערען אויסגעאַרבייט תקנות, וואָס בעשטימען די אָרדענונג פון די וואַהלען פאַר'ן קהל, די גרעניצען פון דער קאָמפעטענץ פון די רבנים און דיינים, דאָס רעכט צו דרוקען ספרים וכדומה. טיילמאָלס פלעגען די דאָזיגע פערזאַמלונגען פון די אידישע פאָרשטייהער בעשטעטיגען דורך זייער מאַכט די בעשטימונגען פון דער פוילישער רעגירונג. אַזוי האָבען אין יאָהר 1580 די פאָרשטייהער פון די אידישע קהילות אין פוילין, וואָס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען אין לובלין, פייערליך בעשטעטיגט דעם בעוואוסטען געזעץ, וואָס האָט פערבאָטען די אידען אין קרוין-פוילין צו פערנעמען זיך מיט די חכירות פון די מלוכה-שטייערן און פון אַנדערע הכנסות, איבער דעם טעם, ווייל „מענשען, וואָס גלוסטען צו בעקומען רווחים און עשירות דורך גרויסע אַרענדעס, קאָנען ברייגען פאַר אַ סך אידען אַ גרויסע סכנה".

צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט האָבען די צוזאַמענפאָהרען אויף די ירידים געקראָגען אַ פעסטערע אָרגאַניזאַציע. אין זיי פלעגען נעמען אַן אָנטייל די רבנים און פאָרשטייהער פון די קהילות פון פאָלגענדע פראָווינצען: גרויס-פוילין (די הויפט-קהילה — פוזנע), קליין-פוילין (קראָקוי, לובלין), פאָדאָליען אָדער רוסיה (לבוב), וואָלין (אָסטראָה אָדער קרעמעניץ) און ליטא (בריסק אָדער גראָדנאָ). די ערשטע צייטען פלעגט דער צוזאַמענפאָהר ביי'טען זיין נאָמען אָבהייניג פון די צאָהל פראָווינצען, וואָס זיינען געווען פאָרגעשטעלט: ער פלעגט זיך אָנרופען אַמאָל דער ועד פון דריי פראָווינצען, אַמאָל פון פיער און אַמאָל פון פינף. נאָך שפעטער, אַז ליטאָ האָט זיך אָבגעטיילט פון פוילישען פערבאַנד פון די קהילות און האָט געשאַפען איהר אייגענעם, און די פיער פראָווינצען פון קרוין-פוילין האָבען אָנגעהויבען רעגולער צו שיקען זייערע דעלעגאַטען, האָט דער צוזאַמענפאָהר בעקומען זיין שטענדיגען נאָמען „**ועד ארבע ארצות**".

אינ'ם ועד האָבען גענומען אַן אָנטייל עטליכע הויפט-רבנים פון פוילין (אין דער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט זיינען דאָס געווען זעקס) און צו איין דעלעגאַט פון די ראשי הקהל פון די גרעסטע קהילות, סך-הכל — אַן ערך דרייסיג מיטגלידער. זיי פלעגען זיך צונויפפאָהרען פעריאָדיש, איין אָדער צוויי מאָל אין יאָהר, אַמאָל אין לובלין און אַמאָל אין יאַראָסלאַוו, אין גאַליציען. אין לובלין פלעגט מען זיך געוויינליך צונויפקלייבען גאָר אין אָנהויב פריהיאָהר, צווישען פורים און פסח, אין יאַראָסלאַוו — צום סוף זומער פאַר די ימים-נוראים. „די פערזאַמלונג פון די פרנסים פון די פיער מדינות — זאָגט אַ כראָניק-שרייבער פון דער ערשטער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט — האָט דערמאָנט אָן דעם סנהדרין, וואָס איז אַנומעלט געזעסען אין לשכת הגזית פונ'ם בית-המקדש. זיי האָבען גע'משפט אַלע אידען פון קיניגרייך פוילין, פלעגען אַרויסגעבען גזרות און תקנות און פלעגען אַרויפלייגען שטראָפען לויט זייער שאַצונג. איטליכער

האַרבער פּראָצעס פלעגט קומען פאַר זיי. בכדי צו פערגרינגערן זיך די אַרבייט, פלעגען די פאָרשטייהער פון די פיער מדינות אויסקלייבען (אַ בעזונדערע קאָמיסיע) פון אַזוי אָנגערופענע „דייני-הארצות", וואָס פלעגען פּסק'ען אין דיני ממונות; זיי גופא (דער גאַנצער פלענום) פלעגען פּסק'ען דיני נפשות, די פּראָצעסען וועגען חזקה און אַנדערע האַרבע פּראָצעסען וועגען חזקה און אַנדערע האַרבע פּראָצעסען".

דער „ועד ארבע הארצות" האָט בעשיצט די בירגערליכע אינטערעסען פון די אידען אין פּוילען. ער פלעגט שיקען זיינע שתדלנים קיין וואַרשוי און אין אַנדערע ערטער, וואו עס פלעגען אָבהאַלטען זייערע זיצונגען די מלוכה-סיימען, בכדי זיך משתדל צו זיין פאַר'ן קיניג און פאַר די שרים, אַז זיי זאָלען בעשטעטיגען די פריהערדיגע אידישע פּריווילעגיעס, וואָס די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע היט זיי ניט אָב, אָדער בכדי צו זעהן מבטל צו זיין די בעגרענצונגס-געזעצען אָדער הוספות צו די אָבצאָהלונגען, וואָס מען האָט פּראָיעקטירט פאַר דער אידישער בעפעלקערונג. באַר דער גרעסטער טייל פון דער געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט פונ'ם ועד איז געווען געווענדעט אויף אייננצורעגולירען די אינעווייניגסטע לעבענס-אָרדענונג.

כאַראַקטעריסטיש זיינען אין דעם פּרט די תקנות פון יאָהר 1607, וואָס עס האָט אויסגעאַרבייט דער לובלינער רב ר' יהושע פאַלק כהן, לויט דער בעשטימונג פונ'ם ועד. בכדי צו בעפעסטיגען ביים פאָלק פרומקייט און עהרליכקייט אין האַנדעל, האָט דער ועד גוזר געווען: בעזונדערס שטרייננג זאָל מען אָבהיטען די דינים וועגען שפייז, געטראַנק און קליידער; מען זאָל זעהן ווי ווייט מעגליך אויסצופיהרען, אַז אידען זאָלען ניט טראָגען קיין קליידער פונ'ם זעלביגען שניט, ווי די קריסטען; אידען זאָלען ניט טרינקען קיין וויין אינגאַיינעם מיט קריסטען אין די שיינקען, דער וואָס וועט עס יאָ טון, וועט זיך רעכענען פאַר אַ נידעריגען מענשען; מען זאָל זאָרגען אָבצוהיטען די צניעות פון די פרויען, בעזונדערס אין די דערפער, וואו די משפחות פון די אידישע אַרענדאַרען זיינען פונאַנדערגעוואָרפען צווישען קריסטען. עס זיינען אויך איינגעשטעלט געוואָרען תקנות, ווי אַזוי צו האַלטען אין צאַם די וואָכער-ביקעס און ווי אַזוי צו רעגולירען די קרעדיט-אָפּעראַציעס בכלל.

אין יאָהר 1623 האָבען די קהילות פון ליטאָ זיך אָבגעטיילט פונ'ם פערבאַנד פון די פיער פּראָווינצען פון קרוין-פּוילען און האָבען געגרינדעט זייער אייגענעם פּראָווינציעלען פערבאַנד, מיט אַ צענטראַל-אָרגאַן אין דער געשטאַלט פון אַ צוזאַמענפאַהר פון פאָרשטייהער פון די דריי הויפּטליכע קהילות: בריסק, גראָדנאָ און פּינסק. שפּעטער (אין די יאָהרען 1652 און 1691) זיינען צוגעשטאַנען צו זיי די קהילות פון ווילנאָ און סלוצק. דער ליטווישער צוזאַמענפאָהר אָדער סיים פלעגט ווערען אָנגערופען געוויינליך „ועד קהילות ראשיות דמדינת ליטאָ". די גרונד-תקנות, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויפ'ן ערשטען צוזאַמענפאָהר, נעמען אַרום אַ סך זייטען פונ'ם געזעלשאַפטליכען און גייסטליכען לעבענס-סדר פון די אידען. ער רעגולירט די געגענזייטיגע בעצי-

הונגען פון די קהילות, די אופנים, ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילען די אָפּצאָהלונגען צווישען זיי, די בעציהונגען צו די מלוכה-סיימען, צו דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, צו די פריצים און צו די שטאָדטישע שטאַנדען, די וואַהלען צו דער קהל-פערוואַלטונגען און די פאָלקס-בילדונג. דער ליטווישער ועד פלעגט ווערען צונויפגערופען איין מאָל אין דריי יאָהר אין פערשיידענע שטעדט פון ליטאָ (סעלץ, זאַבלודאָווא, כאָמסק און אַנד.); נאָר עס פלעגען אויך פאָרקומען עקסטרא-צוזאַמענפאָהרען. די ערשטע יאָהרען איז דער ליטווישער ועד נאָך געווען משמעות אַ ביסעל אָבהייננגיג פונ׳ם פוילישען, נאָר שפּעטער איז די דאָזיגע אָבהייניגקייט בטל געוואָרען.

אויף אַזאַ אופן האָבען סיי פוילין און סיי ליטאָ געהאַט זייערע געמיינדע-פערבאַנדען מיט צענטראַלע פערוואַלטונגס-אָרגאַנען. אינ׳ם פוילישען געמיינדע-פערבאַנד האָבען, ווי געזאָגט, גענומען אַן אָנטייל פיער פראָווינצען. די קהילות, וואָס האָבען געהערט צו איטליכער פון די דאָזיגע פראָווינצען, פלעגען מאַכען זייער ראַיאָנס-צוזאַמענפאָהרען, וואָס האָבען זיך בעצויגען צום הויפּט-ועד לערך, ווי די פוילישע „סיימיקעס” צום סיים. אַזוי האָט די גרופּע קהילות פון גרויס-פוילין געהאַט איהר סיימיק, די קהילות פון וואָלין — זייערן און אז. וו. די פראָווינציעלע צוזאַמענפאָהרען פלעגען זיך צונויפקלייבען, בכדי פונאַנדערצוטיילען די אָפּצאָהלונגען צווישען די איינצעלנע קהילות פון דער פראָווינץ לויט דער צאָהל פון דער בעפעלקערונג, אָדער בכדי אויסצוקלייבען דעלעגאַטען צום גרויסען ועד. די דאָזיגע סיימיקעס האָבען געשפּיעלט די ראָל פון מ י ט ע לס ט ע פ ע ר װ אַ ל ט ו נ ג ס - אָ ר ג אַ נ ע ן, וואָס זיינען געשטאַנען צווישען די איינצעלנע קהלס-פערוואַלטונגען און צווישען די ועדים, דעם פוילישען און ליטווישען.

אָט די דאָזיגע גאַנץ פעסטע אָרגאַניזאַציע פון דער געמיינדע-אויטאָנאָמיע האָט געמוזט אונטערהאַלטען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג דעם גייסט פון געזעצליכקייט און דיסציפּלין. זי האָט ציוויליזירט די מאַסע, וואָס איז געשטאַנען אין איהרע אייגענע אייגנע ד׳ אמות און אָן אַ זייט פונ׳ם אַלגעמיין פאָליטישען לעבען. זי האָט געגעבען דעם פאָלק אָהן אַ מלוכה אַ סוראָגאַט פון אַ נאַציאָנאַל-פאָליטישער טעטיגקייט, האָט אונטערגעהאַלטען אין איהם דעם גייסט פון געזעלשאַפטליכקייט און אייגענאַרטיגער בירגערליכקייט, האָט צייגעהיט און צום טייל ענטוויקעלט זיין אייגענאַרטיגע קולטור.

די שול-בילדונג.

§ 25. איינער פון די הויפּט-זיילען פון דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער קולטור איז געווען די אויטאָנאָמע שול. דער ענין פון דאָס לערנען די קינדער איז פון שטענדיג אָן געלעגען אויף די קהל-פערוואַלטונגען און אויף די רבנים, אויף די צוזאַמענפאָהרען און סיימען. די נידעריגע און מיטעלסטע בילדונג איז געווען קאָנצענטרירט אין די ח ד ר י ם, די העכערע בילדונג — אין די י ש י ב ו ת.

לערנען זיך אין חדר האָבען געמוזט אַלע אינגלעך, אין עלטער אַן ערך פון פון זעקס ביז דרייצען יאָהר. אין די דאָזיגע חדרים האָט מען געלערנט אין אָנהויב חומש פערטייטשט אויף אידיש, און דערנאָך די גרינגערע מסכתות פון תּלמוד מיט פּירושים; אין עטליכע חדרים פלעגט מען אויך לערנען דקדוק און די פיער כּללים פון אַריטמעטיק. גרינדען חדרים איז געווען אַ פּריוואַטער עסק: איטליכער איד האָט געקאָנט ווערען אַ מלמד, עפענען אַ חדר פאַר אינגלעך און בעקומען פון זייערע עלטערן שכר-לימוד. אויפ'ן חשבון פון דער קהילה פלעגען אויסגעהאַלטען ווערען נאָר די חדרים פאַר אָרימע קינדער אָדער יתומים, וואָס זיינען בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „תּלמוד-תורה-חדרים".

אָבער די השגחה פון קהל איז געווען פערשפרייט ניט בלויז אויף די געזעלשאַפטליכע, נאָר אויך אויף די פּריוואַטע נידעריגע שולען. די קהל-פערוואַלטונג פלעגט בעשטימען די פּראָגראַמען, וואָס צו לערנען אין די חדרים, פלעגט מאַכען עקזאַמענס פאַר די תּלמידים, בעשטימען דעם שכר-לימוד פאַר די מלמדים און וויפיעל שעה אַ טאָג מען בעדאַרף לערנען אין חדר (8—12 שעה), און האָט בכלל פערוואַלטעט איבער די שול-ענינים, אויסטיילענדיג ערטערווייז פון זיך אַ מין שול-קאָמיסיע.

די העכערע תּלמוד-שול — די ישיבה — האָט זיך געפונען אינגאַנצען אונטער דער השגחה פונ'ם קהל און פון די רבנים. די דאָזיגע שול, וואָס האָט געגעבען אַ פולקומענע רעליגיעזע און יורידישע בילדונג אויפ'ן סמך פון תּלמוד און פּוסקים, האָט אַפילו בעקומען אַ סאַנקציע מצד דער רעגירונג. דער קיניג סיגיזמונד אויגוסט האָט ערלויבט דעם אידישען קהל אין לובלין צו עפענען אַ ישיבה אָדער „גימנאַזיע" אין אַ הויז, וואָס איז ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרען צוליעב דעם, און האָט געגעבען דעם ראש-ישיבה דעם טיטעל „רעקטאָר" מיט ברייטע פולמאַכטען בנוגע צו די גייסטליכע ענינים פון דער קהילה (1467). אין פיער יאָהר אַרום האָט דער קיניג געגעבען נאָך אַ ברייטערע פּריווילעגיע דעם „געלערנטען שלמה פון לבוב, וואָס די אידישע געמיינדע פון לבוב און פון גאַנצען רוסישען לאַנד האָט איהם אויסגעקליבען פאַר איהר עלטסטען": איהם איז ערלויבט געוואָרען צו עפענען שולען אין פערשיידענע שטעדט, „איינהזר'ן מיט תּלמידים וויסענשאַפטען", צו געבען השגחה אויף זיי און צוגעוויהנען זיי צו אַ שטרייגגער דיסציפּלין.

אין משך פון דער צייט זיינען געגרינדעט געוואָרען ישיבות אין אַלע שטעדט פון פּוילען און ליטאַ. דער ראש-ישיבה פלעגט זיין אָדער דער אָרטיגער רב, אָדער אַ ספּעציעלער מענש, וואָס איז געווען בעוואוסט דורך זיין לומדות. איין-און דערזעלביגער מענש האָט געקאָנט זיין סיי אַ רב און סיי אַ ראש-ישיבה, משמעות, נאָר אין אַזעלכע קהילות, וואו דער רב האָט אין די גייסטליכע ענינים געהאַט וויבציג צו טון און האָט געקאָנט לערנען אין דערזעלביגער צייט אויך מיט די תּלמידים. אָבער אין די צענטראַלע קהילות, וואו עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ רעגעלמעסיגע פונאַנדערטיילונג פון די געזעלשאַפטליכע פונקציעס, איז דער ראש-ישיבה געווען אַ ספּעציעלער גייסטליכער בעאַמטער,

וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען אַווטאָריטעט. פּונקט אַזוי ווי די רעקטאָרען פון די דעמאָלטיגע יעזואיטישע קאָלעגיעס, אַזוי איז אויך דער ראש-ישיבה געווען דער גאַנצער בעל-דעה אין זיין ישיבה; ער האָט געהאַט אַן אומבעגרעניצטע מאַכט איבער די תלמידים, ער פלעגט בעשטימען די דיסציפּלין, וועלכע זיי האָבען געמוזט פאָלגען, און פלעגט זיי משפּט'ען און שטראָפען.

דער כראָניק-שרייבער פון יענער צייט, ר' נתן האַנאָווער פון זאַסלאַוו, גיט פאָלגענדע שילדערונג פון'ר שול-לעבען אין די אידישע קהילות פון ליטאָ און פוילין אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט.

„ס'איז ניטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וואו די תורה הקדושה זאָל זיין אַזוי פער-שפרייט צווישען אונזערע ברידער, ווי אין דער פוילישער מלוכה. אין איטליכער קהילה האָט עקסיסטירט אַ ישיבה, וואָס איהר ראש פלעגט בעקומען אַ רייכע שכירות פון קהלשע געלד, בכדי ער זאָל קאָנען פיהרען די ישיבה אָהן דאגות פרנסה און זיך איבערגעבען אינגאַנצען דעם לערנען. די קהילות פלעגען אויך אויסהאַלטען אויף זייער חשבון די בחורים און פלעגען זיי געבען בעשטימטע וואָכגעלט, בכדי די דאָזיגע בחורים זאָלען לערנען אין דער ישיבה. איטליכען בחור פלעגט מען געבען ניט ווייניגער פון צוויי אינגלעך (נערים), וואָס ער האָט געמוזט מיט זיי לערנען, בכדי זיך איינצוגעוויינען צו לערנען תלמוד מיט אַנדערע און צו פיהרען וויסענשאַפטליכע ויכוחים. די אינגלעך (די אָרימע) פלעגט מען געבען עסען פון די געלד, וואָס מען פלעגט צונויפקלייבען פאַר זיי, אָדער פון דעם געזעלשאַפטליכען גאָרקיך. אויב די קהילה איז בעשטאַנען פון 50 משפחות, פלעגט זי אויסהאַלטען ניט ווייניגער פון 30 בחורים און אינגלעך, און דערביי פלעגט איטליכער בחור מיט צוויי אינגלעך זיינע תלמידים עסען ביי איין בעל-הבית און פלעגט זיך רעכענען אין דער דאָזיגער משפחה אַזוי ווי אַן אייגענער זוהן... און עס איז ניט געווען אין דער גאַנצער מדינה פון פוילין כמעט קיין איין אידישע שטוב, וואָס אָדער דער בעל-הבית, אָדער זיין זוהן, אָדער זיין איידעם, אָדער דער ישיבה-בחור, וואָס עסט ביי איהם, זאָל ניט זיין קיין למדן; אָפטמאָלט אָבער פלעגען זיי אַלע זיך בעגעגענען אין איין שטוב. אָט פאַרוואָס אין איטליכער קהילה זיינען געווען אַזוי פיעל לומדים. למשל, אין אַ קהילה פון 50 משפחות פלעגען זיך טרעפען אַן ערך 20 לומדים, וואָס האָבען געהאַט דעם טיטעל „מ ו ר נ ו" אָדער ח ב ר. אָבער העכער פאַר אַלעמען אין געשטאַנען דער ראש-ישיבה; אַלע לומדים פלעגען איהם פאָלגען און קומען אין דער ישיבה איהם הערען.

דער סדר פון לערנען אין פוילין איז געווען פאָלגענדער. דער זמן, וואָס אין משך פון דער צייט זיינען די בחורים געווען מחויב צו לערנען ביים ראש-ישיבה, פלעגט געדויערן זומער פון ראש-חודש אייר ביז חצי אָב; און ווינטער פון ראש-חודש חשון ביז חצי שבט. אין דער איבעריגער צייט האָבען די תלמידים געקאָנט זיך אויסקלייבען אַן אָרט אויף לערנען, וואו זיי האָבען גע-וואָלט. אין אָנהויב פון'ם זומערדיגען און ווינטערדיגען זמן פלעגט מען אין די ישיבות לערנען מיט גרויס התמדה גמרא מיט רש"י און תוספות. און עס

פלעגען זיך צונויפקלייבען אַלע טאָג די לומדים פון דער קהילה, יונגע לייט און בכלל אַלע, וואָס האָבען עפּיס אַ שייכות צום לערנען, אין דער ישיבה, וואו אויף אַ שטול פלעגט זיצען דער ראש-ישיבה, און אַרום איהם פלעגען שטייהן אַ סך לומדים און תּלמידים. ביז דער ראש-ישיבה פלעגט קומען, פלעגען זיי זיך מתוכּח זיין איבער אַ דבר הלכה. אַז דער ראש-ישיבה פלעגט זיך אוועקזעצען אויף זיין אָרט, האָט איטליכער געקאָנט פרעגען ביי איהם אַ האַרבע קשיה אין תּלמוד אָדער בעטען ביי איהם, ער זאָל אויסטייטשען אַ האַרבען אָרט, און ער פלעגט איטליכען ענטפערן און אויסטייטשען. דערנאָך פלעגט ווערען שטיל — און דער ראש-ישיבה פלעגט לייענען זיין געוויינליכען שיעור איבער הלכה מיט זיינע אייגענע פּירושים און חידושים. נאָכ'ן שיעור פלעגט ער מאַכען אַ „חילוק", וואָס איז בעשטאַנען אָט אין וואָס: מען פלעגט פערגלייכען פערשייַדענע סותר'דיגע ערטער אינ'ם תּלמוד אָדער אין די מפרשים; די דאָזיגע סתירות פלעגט מען אויסגלייכען ווי-עס-איז דורך אַנדערע ערטער, דערנאָך פלעגט מען געפינען סתירות אין די ערטער, וואָס מען האָט געהאַט געבראַכט פאַר אַ ראיה, און מען פלעגט עס אויסגלייכען דורך נייע מאמרים, און אַזוי ווייטער, ביז וואַנען די סוגיא פלעגט ניט ווערען אינגאַנצען קלאָר. דאָס אַלץ פלעגט געדויערן זומער ביז האַלבען טאָג. אינ'ם אַנדערן האַלבען זמן פלעגט דער ראש-ישיבה זיך ווינציגער פערנעמען מיט דיספּוטען, נאָר ער פלעגט לייענען פאַר די לומדים דעם טעקסט פון די פּוסקים — די „טורים" מיט פּירושים, און פאַר די תּלמידים — פערשיידענע קיצורים פון תּלמוד, אַ שטייגער ווי אַלפסי וכדומה. עטליכע וואָכען פאַר'ן סוף זמן, סוף זומער אָדער ווינטער, פלעגט דער ראש-ישיבה בעשטימען ויכּוחים פאַר די בחורים וואָס לערנען, און פלעגט אַליין נעמען אַן אַנטייל אין זיי.

„דער ראש-ישיבה האָט געהאַט ביי זיך אַ בעזונדערן שמש, וואָס פלעגט אַלע טאָג אַרומגייהן איבער די חדרים און אויפּפּאַסען, אַז די אינגלעך, סיי אָרימע און סיי רייכע, זאָלען לערנען מיט התמדה און זאָלען ניט אַרומגייהן ליידיג. איין מאָל אין וואָך, אום דאָנערשטאָג, האָבען די תּלמידים פון די חדרים געמוזט קומען צום גבאי, וואָס פלעגט זיי פערהערען און אויספרעגען דאָס, וואָס זיי האָבען געלערנט אַ גאַנצע וואָך. אויב עמיצער פלעגט פאַלש ענטפערן, פלעגט דער שמש איהם שלאָגען מיט אַ רימען, לויט'ן בעפעהל פונ'ם גבאי, און פלעגט איהם אויך מאַכען צו שאַנד פאַר אַלע איבעריגע אינגלעך, בכדי ער זאָל די קומענדיגע וואָך בעסער לערנען. פרייטאָג ווידער פלעגט פערהערען די אינגלעך דער ראש-ישיבה גופא. דערפאַר האָבען טאַקע די קינדער מורא געהאַט און זיי פלעגען לערנען מיט התמדה... אידען לומדים האָבען געהאַט גרויס כבוד, און דער עולם פלעגט זיי פאָלגען אין אַלצדינג; דאָס פלעגט אַ סך אונטערגעבען חשק צו לערנען, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פול מיט וויסענשאַפט"

קעגען דער דאָזיגער מיינונג, וואָס לויבט די שול-אָרדענונג אין פּוילין ביז אין הימעל אַריין, בעדאַרף מען ברייגנען די מיינונג פון אַן אַנדער בן-

דור, וואָס טאַדעלט דעם סכאָלאַסטישען מעטאָד פון לערנען אין די דע־מאָלטיגע ישיבות:

„דער גאַנצער לערנען אין דער ישיבה — שרייבט דער באַוואוסטער דרשן ר׳ אפרים לענטשיצער — איז מעהר ניט אויסען צו שאַרפען דעם מוח און צו־געוויינען צו פיהרען די ויכוחים, וואָס ווערען אָנגערופען „חילוק״. ס׳איז אַ שרעק צו קלערען, אַז דער אַלטער רבי, דער ראש־ישיבה, ווילענדיג אַרויס־געפינען און באַווייזען פאַר אַנדערע עפּיס אַ חידוש, טייטשט איין פאַלש דעם פשט פון דער גמרא, אין דער צייט וואָס ער גופא און די אַנדערע ווייסען, אַז דער אמת׳ער פשט איז ניט אַזוי! שוין זשע האָט גאָט געהייסען שאַרפען דעם שכל דורך ליגענס און פערדרייהענישען, פטר׳ן די צייט אויף גאָרניט און צוגעוויינען דערצו די תלמידים? און דאָס אַלץ איז צוליעב דעם, בכדי צו קריגען אַ שם פאַר אַ למדן!... איך גופא האָב אָפּטמאָלס זיך מתוכח געווען מיט די גרויסע לומדים פון אונזער צייט און האָב באַוויזען, אַז עס איז נויטיג מבטל צו זיין די שיטה פון פלפול אָדער חילוק, נאָר איך האָב זיי ניט געקאָנט איבערצייגען דערין. דאָס קאָן ווערען דערקלערט דורכדעם, וואָס די לומדים יאָגען זיך נאָך כבוד און נאָך שטעלעס פון ראשי ישיבות. בעזונדערס שעדליך רופען זיך אָב אַלע די דאָזיגע פוסטע ויכוחים אויף אונזערע בחורים, וואָרום דער וואָס צייכענט זיך ניט אויס אין פלפול, רעכענט זיך פאַר אַן אומפעהיגען און איז געצוואונגען אָוועקצוואַרפען לערנען, אָבער אַז מען וואָלט ווי געהעריג געלערנט תנ״ך, משנה, תלמוד און פוסקים, וואָלט אַזאַ תלמיד געקאָנט זיין פון די בעסטע. איך גופא קען פעהיגע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך ניט אויסגעצייכענט אין פלפול, און היות ווי זיי האָבען מחמת דעם אָנגעוואָהרען די אַכטונג ביי זייערע חברים, האָבען זיי אינגאַנצען אָוועקגעוואָרפען לערנען נאָך דער חתונה״.

די אויפבליהונג פון דער רבנישער ליטעראַטור.

§ 26. דאָס, וואָס עס האָט זיך אויפגעהויבען דער גייסטיגער שטאַנד פון די פוילישע אידען, איז געווען אַ פועל־יוצא פון זייער לפי־ערך׳דיגען עקאָנאָ־מישען וואוילשטאַנד; ווידער, די ריכטונג פון זייער גייסטיגען שאַפען איז גע־ווען דירעקט אָבהייניג פון זייער געזעלשאַפטליכער אויטאָנאָמיע. די ברייטע זעלבסטפערוואַלטונג פון׳ם קהל האָט אויפגעהויבען די חשיבות פון׳ם רב, פון׳ם געלערנטען תלמודיסט. דער רב האָט אין דער קהילה אויסערפילט די פונקציעס פון אַ רעליגיעזען פיהרער, פון אַ ראש־ישיבה און משגיח איבער די נידעריגע שולען, פון אַ געזעצגעבער און דיין. זיין אין אַ געוויסער מאָס באַ׳חבינ׳ט אין תלמוד האָט געמוזט אויך איטליכער איד, וואָס האָט פערנומען די שטעל פון אַ גבאי אָדער וואָס האָט בכלל געהאַט אַ שייכות צו דער זעלבסטפערוואַלטונג. די דינים פון׳ם תלמוד האָבען איינרעגולירט דעם אינעווייניגסטען לעבענס־סדר פון די פוילישע אידען, ווי דאָס איז געווען אין אַלטע צייטען אין בבל, אין די צייטען פון די אויטאָנאָמע ראשי־הגולה און גאונים.

נאָר זינט די צייטען פון די גאונים איז די תלמודישע וויסענשאַפט בע־דייטענד פערברייטערט געוואָרען: צו דער תלמודישער יהדות איז צוגעקומע די רבנישע. און אזוי איז די דאָזיגע רעליגיעז־יורידישע וויסענשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין משך פון יאָהרהונדערטען, געווען דער איינציגער לימוד, מיט וועלכע עס האָבען זיך אינטערעסירט די אידען אין פוילין, אינ׳ם דאָזיגען צווייטען בבל; זי אליין האָט געוועלטיגט אין די בתי־מדרשים, ישיבות חדרים; די האָט געגעבען דעם טאָן אין דעם געזעלשאַפטליכען און משפחה־לעבען, זי האָט גערעדט דורכ׳ן מויל פונ׳ם דיין, אדמיניסטראַטאָר, קהל׳שען טוער. זי האָט אויך איינגענומען אינגאַנצען די ליטעראַרישע שאַפונג, די ליטע־ראַטור איז געוואָרען כמעט אויסשליסליך אַ רבניש־יורידישע.

קערנדלעך פון תלמודישער וויסענשאַפט אין פוילין זיינען צו מערקע נאָך אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. זיי זיינען געוואָרע פערטראָגען אַהין פון דער שכנישער בעהמען, דערהויפט פון דער שול פונ׳ם בעשעפער פונ׳ם „פלפול" — ר׳ יעקב פאָליאַק (§ 19). דעם לעצטענס תלמיד רבי שלום שכנא (אַן ערך 1500 — 1558) רעכענט זיך פאַר איינעם פון די ערשטע בעגרינדער פונ׳ם תלמודיזם אין פוילין. וועגען זיין לעבען איז בע־וואוסט נאָר דאָס, אַז ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבען אין לובלין, אַז אין יאָהר 1541 איז ער דורך אַ בעפעהל פונ׳ם קיניג סיגיזמונד I געוואָרען בעשטעטיגט אויף דער שטעל פון אַן „עלטסטען רב" פון קליין־פוילין און איז געשטאַנען בראש פון אַ ישיבה, וואָס פון איהר זיינען אַרויסגעקומען די בעריהמטע רבנים פונ׳ם צווייטען דור. ס׳איז זייער וואָהרשיינליך, אַז אויך די לובלינער רבנים־צוזאַמענפאָהרען, וואָס זיינען שפּעטער אומגעמאַכט געוואָרען אין „ועד ארבע ארצות", זיינען געוואָרען געשאַפען לויט׳ן אויפטו פון ר׳ שכנא.

זיין זוהן, ר׳ ישראל שכנאָוויץ, האָט פערנומען נאָכ׳ן פאָטערס טויט די שטעל פון רב הכולל אין לובלין. נאָר אַ פרסום צווישען גאַנצען כלל־ישראל האָט בעזונדערס געקראָגען ר׳ שכנא׳ס תלמיד, ר׳ משה איסרליש, וואָס ווערט אָנגערופען אין דער ליטעראַטור נאָך די ראשי־תבות רמ״א (1520—1572).

ר׳ משה איסרליש, דער זוהן פון אַ רייכען קהלס־מאַן אין קראָקוי, איז פריה בעריהמט געוואָרען אין דער רבנישער וועלט. אין זיין געבאָרענשטאָדט איז ער געווען אַ מיטגליד פון גייסטליכען בית־דין און איז געשטאַנען בראש פון דער ישיבה. דאָס וואָס איהם איז אויסגעקומען צו פערנעמען זיך סיי מיט וויסענשאַפטליכער און סיי מיט פראַקטישער טעטיגקייט, האָט איהם בעוואויגען צו פערטיעפען זיך אין די אַלטע פוסקים — און ער האָט אַרויסגעפונען, אַז זיי בעגרייפען ניט אינגאַנצען זייער ציעל און אַז זיי נויטיגען זיך אין הוספות. איסרליש׳ן האָט אויך ניט בעפרידיגט די גרינדליכע בעאַרבייטונג פון די אידישע דינים, וואָס עס האָט אונטערנומען זיין פאַלעסטינישער בן־דור, ר׳ יוסף קרא. בשעת אין די 1550־ער יאָהרען האָט זיך בעוויזען קרא׳ס גרויסער פירוש אויף דעם זאַמעלבוך „טורים" מיט׳ן נאָמען „בית יוסף" (§ 5), האָט דער קראָקויער

געלערנטער פערפאַסט אויך אַ פּירוש אויפ'ן דאָזיגען ספר („דרכי משה"), וואו ער האָט בעדייטענד פערמעהרט דעם געזעצגעבערישען מאַטעריאַל, וואָס איז דאָרט צונויפגעקליבען געוואָרען, אויפ'ן סמך פון מקורים, וואָס אַפילו דער אַלוויסענדער ר' יוסף קרא האָט זיי ניט גענומען אין אַכט. אַז ר' יוסף קרא האָט אין עטליכע יאָהר אַרויסגעלאָזט זיין „שלחן ערוך", האָט ר' משה איסרליש געוועגדט זיין אויפמערקזאַמקייט דערויף, וואָס דער מחבר, אַלס ספרדי, האָט ניט אויסגענוצט אַ סך פאָרשונגען פון גרויסע אַשכּנזישע רבנים און האָט אויסגעלאָזען די אָרטיגע רעליגיעזע מנהגים, וואָס עס האָבען געהאַלטען די אָדער יענע גרופּעס פון די דייטש-פּוילישע אידען. אַלע די דאָזיגע השמטות האָט איסרליש גענוי אָנגעמערקט און מוסיף געווען. ער האָט אַריינגעשטעלט אין טעקסט פונ'ם „שלחן ערוך" אַ סך נייע דינים, וואָס ער האָט אויסגעאַרבייט זיי אויפ'ן סמך פון די דערמאָנטע פאָלקס-מנהגים אָדער פון רעליגיעז-יורידישער פּראַקטיק פון די אשכּנזישע רבנים. היות ווי קרא'ס ספר האָט געהייסען „שלחן ערוך", דאָס איז טייטש — אַ „צוגעגרייטער טיש", דעריבער האָט איסרליש אָנגערופען זיינע תיקונים צום דאָזיגען ספר „מפּה", ד. ה. „טישטוך" (געוויינליך ווערען זיי אָנגערופען „הגהות"). אָט אין אַזאַ פערגרעסערטער געשטאַלט איז דער „שלחן ערוך" איינגעפיהרט געוואָרען ביי די פּוילישע אידען אַלס הויפּט-געזעצבוך אין רעליגיעזען און וואָכעדיגען לעבען. אין יאָהר 1578 האָט אין קראָקוי ערשיינט די ערשטע אויסגאַבע פונ'ם קאָדעקס פון קרא-איסרליש, און דערנאָך האָט מען איהם אַ סך מאָל איבערגעדרוקט — וואָס האָט געקאָנט דיענען פאַר אַ בעוויז, אַז דער דאָזיגער ספר איז זייער פערשפּרייט.

דער „שלחן-ערוך" איז אַוועקגעלייגט געוואָרען אַלס יסוד פאַר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פונ'ם פּוילישען רביניזם. מעהר ניט עטליכע גרויסע געלערנטע פון יענער צייט האָבען זיך דערוועגט צו בעשטרייטען דעם אַוטאָריטעט פונ'ם דאָזיגען קאָדעקס, וואָס אַלע האָבען איהם אָנערקענט. צו די דאָזיגע דרייסטע מענשען האָט אויך געהערט איסרליש'עס בן-דור און קאָרעספּאָנדענט „ר' שלמה לוריא, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן אָבגעקירצטען נאָמען רש"ל (אַן ערך 1510 — 1573). ר' שלמה לוריא איז געווען אַ געבוירטיגער פון פּויזנע, וואוהין זיין זיידע האָט זיך געהאַט אַריבערגעקליבען פון דייטשלאַנד. בעגאַבט מיט אַ שאַרפען אַנאַליטישען פערשטאַנד, איז לוריא געווען דורכאויס אַ געגנער פון דער נייער שיטה פונ'ם פּלפּול, און האָט זיך געשטעלט פאַר אַ מוסטער די שיטה פון די בעלי-התוספות, וואָס איז בעשטאַנען אין אויספיהרליכער קריטיק און טיעפען אַנאַליז פון די מימרות פונ'ם תלמוד. אין דעם דאָזיגען גייסט האָט ער אָנגעהויבען צו פערפאַסען זיין מערקווירדיגען פירוש אויף תלמוד („ים של שלמה"), נאָר ער האָט בעוויזען אָנצושרייבען איהם נאָר אויף עטליכע מסכתות.

אין אַלע זיינע פאָרשונגען האָט ער אַרויסגעוויזען דרייסטקייט פון געדאַנק און אונאָבהענגיגקייט פון אורטייל, און האָט ניט געשוינט קיין אַוטאָריטעטען, בשעת איהם האָט אויסגעוויזען, אַז דער אמת איז ניט אויף זייער צד. פונ'ם „שלחן ערוך" און פון זיין מחבר האָט ער גאָרניט געהאַלטען און האָט

בעהויפטעט, אז ר׳ יוסף קרא האט אויסגענוצט די מקורים אהן דער געהעריגער קריטיק און אז ער האט לויט זיין אייגענעם ווילען און פערשטאנד פערענטפערט די שטרייט-פראגען פון דער געזעצגעבונג. מחמת דער דאזיגער אונאבהייגיגקייט פון זיינע אורטיילען האט ר׳ שלמה לוריא געהאט א סך שונאים צווישען די געלערנטע, נאר ער האט אויך געהאט בעגייסטערטע אנהייגער און איבערגעבענע תלמידים. אין די 1550 יאהרען איז ער געווען א רב אין דער שטאדט אסטראה אין וואלין. דורך זיינע תלמודישע שיעורים, וואס האבען צוגעצויגען צוהערער פונ׳ם גאנצען קאנט, האט ער געמאכט די דאזיגע שטאדט פאר׳ן גייסטיגען צענטער פון די וואלינער און ליטווישע אידען. די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט רש״ל פערבראכט אין לובלין, וואו עס איז פאראן נאך ביז׳ן היינטיגען טאג א שול אויף זיין נאמען.

לוריא און איסערליש האבען זיך גערעכענט פאר די זיילען פונ׳ם רביניזם אין פוילין. צו זיי פלעגט מען זיך ווענדען מיט שאלות איבער פערשיידענע ענינים ניט בלויז פון זייער פאטערלאנד, נאר אויך פון מערב-אייראפע — פון איטאליען, דייטשלאנד און בעהמען. די תשובות אויף אזעלכע שאלות זיינען פערעפענטליכט געווארען אין בעזונדערע זאמעלביכער (שו״ת רמ״א ורש״ל).

ביידע רבנים האבען געפיהרט א וויסענשאפטליכע קארעספאנדענץ צווישען אנאנד. מחמת דער פערשיידענהייט פון זייערע כאראקטערען און פון זייערע אינטעלעקטועלע ריכטונגען, פלעגען צווישען זיי פארקומען הייסע ויכוחים. לוריא האט ביי דער גאנצער ניכטערקייט פון זיין שכל געפיהלט א נטיה צו דער קבלה; איסערליש ווידער האט ניט קוקענדיג אויף זיין גאנצען ״בנישען קאנסערוואטיזם אבגעגעבען א טייל פון זיין פרייער צייט דער פילאסאפיע. די דאזיגע „שוואכקייטען" פלעגען ביידע געלערנטע פארווארפען איינער דעם אנדערן: לוריא פלעגט טענ׳ען, אז די חכמה פונ׳ם „ערל אריסטאטעלעס" וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען, און איסערליש פלעגט בעווייזען, אז א סך זאכען אין דער קבלה זיינען קעגען די אנשויאונגען פונ׳ם תלמוד, און אז דער מיסטיציזם איז געפעהרליכער פאר דער אמונה, איידער א געמעסיגטע פילאסאפיע.

אין איין פרט איז איסערליש געווען גערעכט: די פילאסאפיע, מיט וועלכע ער האט זיך פערנומען, האט אודאי ניט געקאנט זיין געפעהרליך פאר דער ארטאדאקסיע. דאס בעווייזט זיין גרויסע ווערק „תורת העולה", וואס איז א בונטע געמישעכץ פון רעליגיאנס-פילאסאפישע חקירות אינ׳ם גייסט פונ׳ם רמב״מ׳ס „מורה נבוכים" צוזאמען מיט חקירות וועגען דער ארכיטעקטור פונ׳ם בית-המקדש אין ירושלים, וועגען זיינע כלים און וועגען דעם סדר פון די קרבנות. אין אלע קלייניגקייטען פון דער ארדענונג פונ׳ם בית-המקדש קליגט זיך דער מחבר צו געפינען עפיס א טיעפזיניגע סימבאליק. אבער ניט קוקענדיג אויף דעם משונה׳דיגען פלאן פונ׳ם דאזיגען ספר, זיינען דאך פאראן אין איהם א סך קאפיטלעך, וואס זאגען עדות, אז איסערליש איז געווען זייהר אנגעלייענט אין דער פילאסאפישער ליטעראטור פון די ספרדים, — און פאר אן אשכנזישען רב פון XVI יאהרהונדערט האט דאס א סך צו בעדייטען.

דער איינגער צוזאַמענהאַנג צווישען דער רבנישער וויסענשאַפט מיט'ן לעבען איז בעזונדערס בולט אַרויסגעטראָטען זינט יענער צייט, ווען עס האָבען אָנגעהויבען רעגעלמעסיג צו פונקציאָנירען די רבנים-צוזאַמענפאָהרען אויף די ירידים און דער „ועד ארבע ארצות". דעם ועד איז אויסגעקומען צו פערענט-פערן קאָמפּליצירטע פראַגען פון פאַמיליען-רעכט, פון ציוויל- און קרימינאַל-רעכט, פון דער געריכטס-אָרדענונג, פון דער רעליגיעז-צערעמאָניעלער געזעצ-געבונג, בכדי אָנצווענדען דאָס אין דער פּראַקטיק, — און די רבנים, וואָס האָבען גענומען אַן אָנטייל אין די דאָזיגע צוזאַמענפאָהרען, האָבען געהאַט ניט ווייניג לעבעדיגע אַרבייט פאַר זיך און פאַר זייער חברים. די יורידישע און רעליגיעזע פראַגען האָט מען אומעטום מיט התמדה אויסגעפאָרשט און בעאַר-בייט מיט דעם שאַרפען אַנאַליז, וואָס איז אייגענטימליך דעם אידישען פער-שטאַנד און וואָס ברייגט איטליכע אידייע ביז צו איהרע ווייטסטע קאָנסעק-ווענצען און ביז די קלענסטע פרטים.

דער אָביעקט און דער מעטאָד פון דער אויספאָרשונג איז געווען גע-ווייהנליך אָבהיינגיג פון דער געזעלשאַפטליכער לאַגע פונ'ם פאָרשער. די רבנים פון אַ העכערער מדרגה, וואָס האָבען גענומען אַ טעטיגען אָנטייל אין דער קהל-פערוואַלטונג און וואָס פלעגען זיצען אין די ועדים פון קרוין-פוילין אָדער ליטא, פלעגען ווענדען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט אויף דער פּראַקטישער אָנווענדונג פונ'ם תלמודישען רעכט. דער עלטסטער פונ'ם דאָזיגען מין גע-לערנטע איז געווען אין דער עפּאָכע, וואָס ווערט דאָ בעשריבען, ר' מרדכ יפה (געשט. אין יאָהר 1612), אַן אויסוואַנדערער פון בעהמען, וואָס האָט פער-נומען די שטעל פון אַ רב כסדר אין גראָדנאָ, לובלין, קרעמעניץ, פּראָג און פּויזנע. צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט איז ער ניט איין מאָל געווען פאָר-זיצענדער אין די זיצונגען פונ'ם „ועד ארבע ארצות".

הגם יפה איז געווען ר' משה איסערליש'עס אַ תלמיד, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געהאַלטען אַפילו זיין פערמעהרטען „שלחן-ערוך" פאַר'ן לעצטען וואָרט פון דער פּוסקים-ליטעראַטור, מחמת ער האָט אַרויסגעפונען, אַז דאָרט זיינען די געזעצגעבערישע אויספיהרונגען איבערגעגעבען אין אַ דאָגמאַטישער פאָרם אָהן אַ געהעריגער מאָטיווירונג. דעריבער האָט ער גענומען פערפאַסען אַ נייע גרעסערע זאַמלונג פון די דינים, מיט'ן נאָמען „לבושים". ר' מרדכי יפה'ס סיסטעם, וואָס איז געאָרדענט לויט דער אַלגעמיין-אָנגענומענער פּראָגראַם פון די פיער „טורים", אונטערשיידט זיך פון דער סיסטעם פון ר' יוסף קרא און פון איסערליש דורכדעם, וואָס אין איהר זיינען פאַרהאַן אַ סך וויסענשאַפטליכע חקירות נאָך איטליכען דין. יפה'ס קאָדעקס האָט פון אָנהויב אַרויסגערופען אַ שפּאַלטונג אין דער רבנישער וועלט, און עס האָט שיעור ניט געהאַלטען דערביי, ער זאָל אָבציהען אַ סך פונ'ם שלחן-ערוך, נאָר דער לעצטער האָט סוף-כל-סוף גובר געווען און איז געוואָרען אָנערקענט פאַר'ן איינציגען אויטאָריטע-טישען פיהרער אין דער רעליגיאָנס-יורידישער פּראַקטיק.

חוץ זיין קאָדעקס, האָט ר' מרדכי יפה אָנגעשריבען נאָך (אונטער דעם

אייגענעם אַלגעמיינעם טייטעל „לבושים") פינף בענד, וואָס ענטהאַלטען פירושים אויף תנ"ך, דרשות, אַנמערקונגען צום רמב"מ'ס „מורה" און פאַרשונגען אי-בער קבלה.

נאָך יפה'ן איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פאָרזיצענדער אינ'ם „ועד ארבע ארצות" ר' יהושע פאַלק כהן (געשט. אין יאָהר 1616), וואָס איז געווען רב אין לובלין און דערנאָך ראש-ישיבה אין לבוב. ער איז געוואָרען בעריהמט דורך זיין פירוש אויפ'ן „חושן משפט" — דעם ציווילרעכטליכען טייל פון קרא'ס געזעצבוך („ספר מאיר עינים", אָבגעקירצט סמ"ע). ער האָט אויך פערפאַסט, לויט דער בעשטימונג פונ'ם „ועד", דעם גרעסטען טייל פון די אוי-בען דערמאָנטע (§ 24) תקנות פון יאָהר 1607, בכדי צו פערפעסטיגען פרומקייט און גוטע מדות ביים פאָלק.

מעהר אַ סכאָלאַסטישע, איידער אַ לעבעדיגע ריכטונג, איז צו מערקען אין די ווערק פון כהנ'ס בן-דור, ר' מאיר פון לובלין (1554 — 1616), וואָס איז בעוואוסט אונטער דעם אָבגעקירצטען נאָמען מהר"ם מלובלין. ער איז געווען רב אין קראָקוי, לבוב און לובלין, האָט געלייענט שיעורים איבער תלמוד פאַר אַ סך צוהערער, האָט געשריבען שאַרפזיניגע פירושים אויף די הארבסטע טיילען פון תלמוד („מאיר עיני חכמים") און האָט געענטפערט אויף אַ סך שאלות פון רבנים („שאלות ותשובות מהר"ם"). היות ווי מהר"ם האָט געהאַלטען נאָך פונ'ם שאַרפזיניגען אַנאַליז, דעריבער האָט ער געקוקט פון אויבען אַראָב אויף די פוסקים און סיסטעמאַטיקער, אַ שטייגער ווי איסרליש און יפה.

אינ'ם געביט פון פלפול האָט מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט מהר"ם דער רב פון פויזנע, לובלין און אָסטראָה, ר' שמואל אידלש, וואָס איז בעוואוסט אונטער'ן אָבגעקירצטען נאָמען מהרש"א (געשט. אין יאָהר 1631). אין זיין גרויסען פירוש אויף אַלע טיילען פון דער תלמודישער הלכה („חדושי הלכות") האָט ער געשטרעבט דער עיקר צו שאַרפען דעם שכל און דעם זכרון פונ'ם תלמיד דורך שאַרפזיניגע פערגלייכונגען פון די טעקסטען און דורך כל-ערליי סכאָלאַסטישע סברות. מהרש"א'ס פירוש איז געוואָרען איינער פון די וויכטיגסטע הילפס-מיטלען ביים לערנען תלמוד אין די חדרים און ישיבות, וואו ער ווערט נאָך אָפטמאָלס געברויכט ביז'ן היינטיגען טאָג. זיין פירוש אויף דער אגדה פון תלמוד איז פול מיט קבליסטישע און רעליגיאָנס-פילאָסאָפישע אידייען פון די קאָנסערוואַטיווע דיינקער.

אין מיטען פון XVII יאָהרהונדערט האָט דער אוטאָריטעט פונ'ם „שלחן ערוך" אין דער רעדאַקציע פון איסרליש אַזוי ווי בעפעסטיגט זיך אין פוילין, אַז מען האָט אָנגעהויבען צו שטודירען איהם און צו שרייבען פירושים אויף איהם נאָך מעהר, ווי אויפ'ן תלמוד. דער רב פון בריסק און קראָקוי ר' יואל סירקיש (געשט. אין יאָהר 1641) האָט געלייענט שיעורים לויט די „טורים" און דעם „שלחן ערוך". אויף די „טורים" האָט ער אָנגעשריבען אַ פירוש מיט'ן

באָמען „בית-חדש״ (ב״ח) און האָט אַרויסגעגעבן אַסך תשובות אויף שאלות. ער האָט געאַכט די קבלה און שאַרף געטאַדעלט די פילאָסאָפיע.

זיינע אינגערע צייט-חברים האָבן זיך פערנומען אויסשליסליך מיט דער בעאַרבייטונג פונ׳ם „שלחן ערוך״ און בעזונדערס פונ׳ם „יורה דעה״, וואו עס זיינען צונויפגעקליבען די דינים וועגען שטוביגען לעבענספיהר, וועגען כשר און טריף וכדומה. אין יאָהר 1646 האָבען ערשיינט צוויי אויספיהרליכע פירושים צום „יורה דעה״; איינעם האָט פערפאַסט דער רב פון לבוב און אָסטראָה ר׳ ר׳ דוד הלוי מיט׳ן נאָמען „טורי זהב״, און דעם אַנדערן („שפתי כהן״) — דער ווילנער געלערנטער ר׳ שבתי כהן. די דאָזיגע צוויי פירושים, וואָס זיינען בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען ט״ז וש״ך, האָט מען זינט יענער צייט אָנגעהויבען צו דרוקען אינאיינעם מיט׳ן טעקסט פונ׳ם „שלחן ערוך״.

דער בעלעבונג פון דער ליטעראַרישער שאַפונג האָט ניט ווינציג מיטגעהאָלפען דער גיכער וואוקס פון דער אידישער בוך-דרוקעריי אין פוילין. דער ערשטער אידישער ספר (דער חומש) איז געוואָרען אָבגעדרוקט אין קראָקוי אין יאָהר 1530. אין דער צווייטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט האָבען שוין געאַרבייט צוויי גרויסע דרוקערייען — אין קראָקוי און לובלין, וואָס האָבען געדרוקט אַסך אַלטע און נייע ספרים פון דער תלמודישער, רבנישער און פאָלקסטימליכער מוסר-ליטעראַטור. אין יאָהר 1566 האָט דער קיניג סיגיזמונד אויגוסט געגעבען דעם קראָקויער איד בענעדיקט לעוויט די מאָנאָפאָל אויף אַריינצופיהרען אידישע ספרים פון אויסלאַנד קיין פוילין; און אין יאָהר 1578 האָט סטעפאַן באַטאָרי געגעבען אַ געוויסען קלמנ׳ען די פריווילעגיעס צו דרוקען אידישע ספרים אין לובלין, ווייל ס׳איז שווער זיי אַריינצופיהרען פון אויסלאַנד.

איינע פון די סיבות, פאַרוואָס עס האָט זיך געשטאַרקט די בוך-דרוקעריי אין פוילין, איז געווען די פויפסטליכע צענזור, וואָס איז אַיינגעפיהרט געוואָרען פאַר׳ן תלמוד אין איטאַליען אין יאָהר 1564. זינט יענער צייט האָבען די דרוקערייען פון קראָקוי און לובלין מיט ערפאָלג קאָנקורירט מיט די טעכניש אויסגעבעסערטע דרוקערייען פון ווענעדיג און פראָג, און דער ביכער-מאַרק אין פוילין איז אַלץ מעהר אָנגעפילט געוואָרען מיט אָרטיגע אויסגאַבען.

טעאָלאָגיע, קבלה, אַפאָ אָגעטיק.

§ 27. דער תלמודיש-רבנישער געזעץ-שטודיום, וואָס האָט אַיינגעשלונגען די בעסטע אינטעלעקטועלע כחות צווישען די פוילישע אידען, האָט איבערגעלאָזט זייער ווינציג אָרט פאַר אַנדערע צווייגען פון דער ליטעראַרישער שאַפונג. צווישען די מוטיגע „שווימערס אינ׳ם ים התלמוד״, וואָס האָבען געוואָלט אַריבערשטייגען איינער דעם אַנדערן אין חריפות און בקיאות, פלעגען זעלטען ווען זיך בעגעגענען שריפטשטעלער מיט טיעפערע גייסטיגע נטיות, מיט אַן אינטערעס צו פראַגען פון עטיק, פילאָסאָפיע און נאַטורוויסענשאַפט. גאָר אין אָנ-

הויב פון XVI יאָהרהונדערט, איידער עס האָט זיך איינגעפעסטיגט דער רבנישער אבסאָלוטיזם, פלעגען זיך נאָך בעגעגענען אין פוילין וועלטליך געבילדעטע אידען, דאָקטוירים און נאַטורפאָרשער, על-פי-רוב געבירטיגע פון שפּאַניען. ס'זיינען אפילו פאַרהאַן ידיעות וועגען אַ גרופּע יונגע פּוילישע אידען, וואָס האָבען שטודירט מעדיצין אין איטאַליען, אין אוניווערסיטעט פון פּאַדואַ (1501). אין דער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט בעקלאָגט זיך נאָך ר' שלמה לוריא דערויף, וואָס די בחורים, וואָס לערנען אין די ישיבות, פערנעמען זיך בעהאַלטענער-הייד מיט אַריסטאָטעלעס'עס פילאָסאָפיע. נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ יוצא מן הכלל, וואָס זיינען פערשוואונדען געוואָרען, זינט עס האָט זיך איינגעפעסטיגט דער רבנישער רעזשים.

מיט דער רעליגיאָנס-פילאָסאָפיע האָבען זיך פערנומען נאָר עטליכע פּאָר-שטייהער פון דער רבנישער וויסענשאַפט אין אַ פרייער צייט אַלס אַ ליעבהאָ-בעריי. ר' משה איסערליש און ר' מרדכי יפה האָבען געמאַכט איבענאויפיגע פּירושים אויפ'ן רמב"מ'ס „מורה", און האָבען דערביי, פערשטייהט זיך, אויסגע-מיידט זיינע אומבעקוועמע ראַציאָנאַליסטישע מסקנות. דער בעליעבטער ספר פון די דעמאָלטיגע טעאָלאָגען איז געווען דער ספר „עיקרים" פונ'ם קאָנסער-וואַטיווען ספּרדישען דיינקער ר' יוסף אלבו (IV, § 154). אויפ'ן דאָזיגען ספר האָבען געשריבען פּירושים ר' יעקב קאָפּעלמאַן פון ברעסט-קיאַוואַ („אהל יעקב", קראָקוי 1599) און ר' גדליה ליפשיץ פון לובלין („עץ שתול", 1618). דער ערשטער, וואָס איז געווען אַ ליעבהאָבער פון מאַטעמאַטיק, האָט אָנגעפילט זיין פּירוש סיי מיט געאָמעטרישע און סיי מיט אַסטראָנאָמישע בע-ווייזען, מחמת ער האָט געהאַלטען, אַז דורך אַזעלכע אופנים קאָן מען וויסענ-שאַפטליך בעגרינדען די עקסיסטענץ פון גאָט און די געגענזייטיגע בעציהונגען פון די ערשיינונגען. דער צווייטער איז מעהר נוטה צו מעטאַפיזיק און מאָראַל. נאָר ווי ווייט דער דאָזיגער מפרש האָט ניט פערשטאַנען דעם אמת'ען פשט פונ'ם טעקסט, קאָן מען זעהן פון זיינע הערות צו די ערשטע הנחות פונ'ם ספר. דאָרט, וואו אלבו זאָגט, אַז „דעם מענשענס גליק איז אָבהייניג פון דער גוטסקייט, פון זיין וועלט אָנשויאונג און פון זיין אויפפיהרונג", בעמערקט ליפשיץ: „דעם מענשענס גליק — דאָס מיינט מען דאָס לעבען אויף יע-נער וועלט, ווארום דעם מענשענס ציעל אויף דער וועלט בעשטייהט נאָר דעריין, צוצוגרייטען זיך צו יענער וועלט". אויף אַזאַ אופן האָבען די פּוילישע רבנים איבערגעמאַכט די פילאָסאָפיע אויף זייער שטייגער און האָבען זי אויף אַזאַ אופן „געמאַכט אומשעדליך".

די פרייע פאָרשונג איז געווען אוממעגליך און ניט אָהן סכנה אין דער דאָזיגער סביבה, וואו די טראַדיציע האָט אומבעגרעניצט געוועלטיגט. דער קראָקויער רב הכולל, דער דערמאָנטער ר' יואל סירקיש, פלעגט זאָגען, אַז די פילאָסאָפיע דאָס איז יענע „זונה", וואָס שלמה המלך האָט וועגען איהר גע-זאָגט: „כל באיה לא ישובון" (גייהט ווער עס איז צו איהר, דער קעהרט זיך שוין ניט אום צוריק). ווער עס טוט זיך אַריין אין פילאָסאָפיע און האַלט ניט פון

דער חכמה נסתרה פון דער קבלה, דעם בעדאַרף מען, לויט סיריקיש׳עס מיינונג, אַריינלייגען אין חרם און אויסשליסען פון קהל.

די קבלה, די פילאָסאָפיע פון די אָרטאָדאָקסען, איז צו-ביסלעכווייז פערשפרייט געוואָרען אין פוילין. פאַר׳ן ערשטען מקובל אין פוילין רעכענט זיך דער קראָקויער געלערנטער ר׳ מתתיהו דילאַקרוט, אַ געבירטיגער פון איטאַליען. אין יאָהר 1594 האָט ער אַרויסגעגעבען אין קראָקוי די סיסטעם פון דער טעאָרעטישער קבלה פונ׳ם ספרדישען שריפטשטעלער פון XIV יאָהרהונדערט ר׳ יוסף ג׳יקאַטילא (IV, § 133) מיט אַן אויספיהרליכען פירוש, אונטער׳ן נאָמען „שערי אורה״ (די טויערן פון ליכטיגקייט). דילאַקרוט איז געווען בנוגע צו דער „חכמה נסתרה״ דער רבי פונ׳ם פיעלזייטיגען ר׳ מרדכי יפה, וואָס האָט אָנגעשריבען אַ פירוש אויף דעם מיסטישען פירוש אויף תנ״ך פונ׳ם איטאַליענער ריקנטי (IV, § 143).

זינט דעם אָנהויב פון XVII יאָהרהונדערט ווערט די אַלטע טעאָרעטישע קבלה אַרויסגעשטופט אין פוילין דורך דער נייער שיטה פון דער פראַקטישער קבלה פון אר״י און וויטאַל. דער מחבר פונ׳ם בעריהמטען מוסר-ספר „של״ה״, ר׳ ישעיה הורוויץ (§ 19), האָט געוואוינט אַ לאַנגע צייט אין פוילין. זיין זוהן ר׳ שעפטיל הורוויץ, וואָס איז געווען רב אין פוזנע (1641—1658), האָט אַרויסגעגעבען דעם דאָזיגען ספר אינאיינעם מיט זיין אייגענעם חבור „ווי העמודים״.

אַ ספעציאַליסט אין דער פראַקטישער קבלה איז געווען דער קראָקויער דרשן און ראש ישיבה ר׳ נתן שפירא (1585—1633). זיין ספר „מגלה עמוקות״ (קראָקוי, 1637), וואָס איז ניט אַזוי פיעל טיעפזיניג, ווי האַרב, ענטהאַלט אַ פירוש אויף משה רבינו׳ס תפילה וועגען זיין אַריינגייהן אין ארץ-ישראל (דברים, קאַפּ. ג׳, 23) אויף 252 אופנים. דאָס איז אַ לאַנגע קייט פון קבליסטישע צירופים און אומפערשטענדליכע סימבאָלישע רמזים, וואָס פון זיי ווערען אַרויסגעדרונגען, למשל, אַזעלכע אומבעגרייפליכע הנחות, אַז משה זאָל האָבען מתפלל געווען, עס זאָלען קומען צוויי משיחים, משיח בן יוסף און משיח בן דוד, אָדער אַז ער האָט געוואָלט מבטל זיין דעם כח הטומאה און לכתחילה אויסבעטען מחילה פאַר אַלע עבירות, וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט ווען-עס-איז אָבטון. ר׳ נתן שפירא האָט אָנגעווענדט צו דער קבלה דעם מעטאָד פון דעם רבנישען פלפול און האָט בעשאַפען עפּיס אַ מין דיאַלעקטישע מיסטיק, וואָס האָט געהאַט פונקט אַזאַ וייטע שייכות צו דער טעאָסאָפיע, ווי די חקירות פון די פלפוליסטען צום אמת׳ען וויסענשאַפטליכען דייבקען.

אַ געזונדערע לעבעדיגערע ריכטונג איז צומערקען אין דער אידישער אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור, וואָס איז אויפגעקומען אין פוילין אין לעצטען פערטיל פון XVI יאָהרהונדערט. די רעליגיעזע בעוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער רעפאָרמאַציע, האָט געשאַפען צווישען דער פוילישער געזעלשאַפט עטליכע ראַציאָנאַליסטישע סעקטעס, וואָס זיינען שטאַרק אַרויסגעטראָטען

קעגען דער קירך. צום מייסט נאָהענט צו דער דאָגמאַטיק פון דער יהדות איז געווען די סעקטע פון די אנטיטריניטאַריער („אוניטאַריער", „אַריאַנער", „סאָצינאַנער"), וואָס האָבן געלייקנט אין דער דאָגמע פון דער דרייאייניגקייט און אין דער געטליכער טבע פון קריסטוס'ען, נאָר זיי האָבן אָנערקענט די רעליגיעז-זיטליכע בעדייטונג פון דער עוואַנגעליע. צו די אָנפיהרער פון די אַנטיטריניטאַריער האָבן געהערט דער ווילנער טעאָלאָג סימאָן בודני און דער לובלינער מאַרטין טשעכאָוויטש. היות ווי די קאַטוילישע גייסטליכקייט פלעגט מיט פעראַכטונג אָנרופען אַזעלכע פריידייגקער „יודאַאיזירענדע" אָדער האַלבע אידען, בכן האָבן יענע זיך געפלייסט מיט אַלע מיטלען צו בעווייזען, אַז זייער טעאָריע האָט קיין שום שייכות ניט צו דער יהדות. צוליעב דעם דאָזיגען צוועק האָבן זיי געפיהרט ויכוחים מיט רבנים און פלעגען אָנפאַלען אין זייערע ווערק אויף דער „פאַלשער אידישער תורה".

בעזונדערס אַ סך האָט דיספוטירט מאַרטין טשעכאָוויטש איבער טעאָלאָגישע פראַגען, אין לובלין און אַנדערע שטעדט, „מיט אמת'ע און פאַלשע אידען". דעם רעזולטאַט פון די דאָזיגע ויכוחים האָט ער ענטוויקעלט אין עטליכע קאַפּיטלען פון זיינע ביכער: „קריסטליכע דיאַלאָגען" (1575) און „קאַטעכיזיס" (1580). איינער פון זיינע אידישע אָפּאָנענטען ר' יעקב (נחמן) פון בעלזיץ האָט געפונען פאַר נויטיג איהם צו ענטפערן אין אַ ביכעל אויף פויליש (1581). ר' יעקב בעלזיצער פערטיידיגט די פּשוט'ע דאָגמאַטיק פון דער יהדות און וואַרפט פאַר דעם געגנער, אַז ער וויל אַרויסרופען אַ שנאה צום אידישען פאָלק. אינטערעסאַנט איז פאָלגענדע בעמערקונג ר' יעקב'ס וועגען דעמאָלטיגען אופן צו דיספוטירען: „אָפטער קומט פאָר אַזוי, אַז אַ קריסט שטעלט אַ פראַגע פון דער תורה, און איך ענטפער איהם אויך פון דער תורה אין בעווייז דאָס, ווי עס בעדאַרף צו זיין; נאָר ער כאַפּט אַרויס ווידער אַן אַנדער שטעל (פון תנ"ך) און זאָגט: און ווי אַזוי טייטשט דאָס אַיין? — און אויף אַזאַ אופן לאָזט ער ניט ענדיגען די ערשטע פראַגע, וואָס מען וואָלט בעדאַרפט זיך אָבשטעלען דערויף לייננער. עס איז אַזוי, ווי בשעת הינט יאָגען זיך נאָך אַ האָז, אַנטלויפט ער פון וועג אויפ'ן קליינעם שטעגיל, און אַז די הינט ווילען איהם דאָרט כאַפּען, בעהאַלט ער זיך הינטער די בוימלעך. דערפאַר מוז דער איד איבערשלאָגען דעם קריסט אין מיטען די רייד, מחמת ער האָט מורא טאָמער וועט יענער אַנטלויפען ווי אַ האָז, ווי נאָר ער וועט ענדיגען זיין רעדע". טשעכאָוויטש האָט אָבגעדרוקט אַן ענטפער אויף ר' יעקב בעלזיצע"ס ביכעל אין דעמזעלביגען יאָהר; ער האָט פערטיידיגט די אידייע פון זיינע „דיאַלאָגען". אָנגעוויזען די בלאָנזשענישען פונ'ם תלמוד און געמאַכט חוזק פון עטליכע אידישע צערעמאָניעס, ווי אַ שטייגער פון תפילין, מזוזה, ציצית.

אַן ערנסטען ענטפער די קריסטליכע טעאָלאָגען האָט געגעבען דער געבילדעטער קאַראַאים (אַנדערע האַלטען איהם פאַר אַ אידען) יצחק פון טראָק (געשט. 1499). ער האָט געפיהרט ויכוחים מיט קאַטוילקען, לוטעראַנער און „אַריאַנער" אין פוילין, ניט ווי אַ דילעטאַנט, נאָר ווי אַ טיעפער קענער פון

דער עוואַנגעליע און פון דער קריסטליכער טעאָלאָגיע. אַן ערך אין יאָהר 1593 האָט ער אָנגעשריבען אַ מערקווירדיגען אַפּאָלאָגעטישען חיבור מיט'ן נאָמען „חזוק אמונה". אינ'ם ערשטען טייל פונ'ם דאָזיגען ספר פערטיידיגט דער מחבר די יהדות קעגען די אָנפּאַלען פון די קריסטליכע טעאָלאָגען. און אין צווייטען טייל גייהט ער איבער צו דער קריטיק פון קריסטענטום. ער בעווייזט אַ רייה סתירות אין די סינאָפּטישע עוואַנגעליעס און ווייזט אָן דערויף, אַז די „ברית החדשה" איז שטאַרק אָבגעטראָטען פון תנ"ך און אַז די שפּעטערדיגע קירכליכע דאָגמאַטיק איז אָבגעטראָטען פון דער עוואַנגעליע גופא. רוהיג און זיכער ווייזט ער אויף די לאָגישע און היסטאָרישע פאַלשקייט פון יענע אויסטייטשונגען פון די בעוואוסטע נבואות פון תנ"ך, וואָס אויף זיי איז זיך סומך די קריסטליכע דאָגמאַטיק.

אַ לאַנגע צייט האָט מען ניט דערוועגט זיך אָבצודרוקען דעם דאָזיגען „שרעקליכען" ספר, און ער איז פערשפּרייט געוואָרען אין כתב-יד'ען סיי אין אָריגינאַל און סיי אין איבערזעצונגען אויף דייטש און אויף שפּאַניש. דעם העברייאישען טעקסט מיט אַ לאַטיינישער איבערזעצונג האָט צוערשט אָבגעדרוקט פון אַ געפונענעם אונפולקומענעם כתב-יד דער דייטשער געלערנטער וואָגענזייל אַ פּראָפעסער פון יוריספּרודענץ אין בייערן. אין יאָהר 1687 האָט ער אַריינגעשטעלט דעם ספר „חזוק אמונה" אינ'ם זאַמעלבוך פון אַנטיקריסטליכע ווערק, וואָס טראָגט דעם אָבשרעקענדיגען נאָמען „ד י פ י י ע ר ד י ג ע פ י י ל ע ן פ ו נ'ם ש ט ן" און וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען צוליעב מיסיאָנערישע צוועקען, „בכדי די קריסטען זאָלען קאָנען אָבפרעגען דעם דאָזיגען בוך, וואָס קאָן בעפעסטיגען די אידען אין זייערע בלאָנדזשענישען".

דער פרומער דייטשער פּראָפעסאָר האָט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן, אַז זיין אויסגאַבע וועלען בענוצען שפּעטער אַזעלכע „אפיקורסים", ווי וואָלטער און די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטען פון XVIII יאָהרהונדערט, בכדי צו צעשטערען די קירך. וואָלטער האָט געזאָגט וועגען יצחק דעם טראָקערס ספר: „די שאַרפסטע געגנער פון גלויבען האָבען ניט געפונען אַזעלכע טענות, וואָס מען זאָל זיי ניט קאָנען געפינען אין דער דאָזיגער „בעפעסטיגונג פונ'ם גלויבען" פונ'ם רבי יצחק". אין דער נייסטער צייט איז דער „חזוק אמונה" איבערגעדרוקט געוואָרען פון געטרייערע כתב-יד'ען און איז איבערזעצט געוואָרען אויף די אייראָפּייאישע שפּראַכען.

מ אָ ס ק אָ ו י ע און די אידען

§ 28. די נאָהענטסטע שכנ'טע פון פוילין און ליטאַ, מ אָ ס ק אָ ו י ע, וואָס איז געווען אָבגעשלאָסען און אָבגעצאַמט פון מערב-אייראָפּע, האָט אויך אין XVI יאָהרהונדערט זיך פערהאַלטען צו אידען מיט גרויס שנאה און האָט זיי ניט אַריינגעלאָזען אין איהרע גבולים. די דאָזיגע שנאה איז געווען דער פועל-יוצא פון דעם, וואָס די דעמאָלטיגע רוסען, וואָס זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרען

אויף דער טאַטעריש-ביזאַנטינישער קולטור, האָבען בכלל פיינט געהאַט אויס-לענדער אָדער „באַסורמאַנעס"; נאָר זי האָט געהאַט אויך אַ בעזונדערן טעם. אין רוסלאַנד האָט מען נאָך געדיינקט „די אפיקורסות פון די יודאַאיזירענדע", וואָס האָט אַרויפגעיאָגט אַ שרעק אויף די פרומע מאָסקאָוויטער צום סוף פון XV און אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט (IV, § 148). פאַר די אידען האָט מען מורא געהאַט, ווי פאַר שוואַרץ-קינסטלער, וואָס קאָנען אַראָבפיהרען פון רעכטען וועג; אין פאָלק פלעגט מען זיך אָנדערציילען שרעקליכע מעשיות וועגען זייערע פערברעכענס. דער געזאַנדטער פון׳ם מאָסקעווער גרויספירשט וואַסילי איוואַנאָוויטש, געראַסימאָוו, האָט געזאָגט צום בעוואוסטען געלערנטען פאַבלאָ יאָוויוס אין רוים, אין יאָהר 1526: „מיר, רוסען, האָבען פיינט אידען און לאָזען זיי ניט קומען קיין רוסלאַנד".

אידישע סוחרים פון ליטאָ פלעגען צייטענווייז קומען צו פאָהרען צוליעב האַנדעלס-געשעפטען אין דער שכנישער סמאָלענסק, נאָר שטענדיג האָבען זיי דאַרט ניט געוואוינט. אַן ערך אין יאָהר 1545 האָט מען אין מאָסקווע פער-ברענט די סחורות, וואָס עס האָבען געבראַכט צו פיהרען אַהין אידישע סוחרים פון בריסק, און דער מאָסקעווער געזאַנדטער האָט מכּח דעם געגעבען דער פוילישער רעגירונג די דיפּלאָמאַטישע ערקלערונג, אַז די אידען פיהרען אַריין קיין רוסלאַנד פערבאָטענע סחורות, הגם זיי גופא האָבען גאָר קיין רעכט ניט צו קומען אַהין.

אין יאָהר 1500 האָט דער פוילישער קיניג סיגיזמונד אויגוסט אָוועקגע-שיקט צום רוסישען צאַר איוואַן IV גראָזני אַ בריעף מיט דער פאָדערונג, ער זאָל ערלויבען די ליטווישע אידען צו האַנדלען אין רוסלאַנד, און דערביי האָט ער זיך סומך געווען אויף די פריהערדיגע אָבמאַכען וועגען דער פרייהייט פון׳ם סחורות-אויסבייט צווישעןביידע לענדער. איוואַן IV האָט בעשטימט אָב-געזאָגט די דאָזיגע פאָדערונג אין פאָלגענדע אויסדרוקען: „עס טויג ניט, אַז אידען זאָלען פאָהרען קיין רוסלאַנד, וואָרום פון זיי קומט אַרויס אַ סך בייז, זיי האָבען אַריינגעפיהרט קיין רוסלאַנד גיפטיגע קרייטעכצער און האָבען אָב-גערעדט אידען פון קריסטענטום, און זאָל ער, דער קיניג, מעהר ניט שרייבען וועגען די אידען". אינ׳ם דאָזיגען ענטפער איז קלאָר אויסגעדריקט די שרעק פון׳ם אָבגעשלאָסענעם האַלבען באַרבאַר פאַר דער קראַפט פון דעם אינ-טערנאַציאָנאַלען קולטורעלען פערקעהר, וואָס די אידען זיינען דעמאָלט געווען זיינע פאָרשטייהער.

איוואַן גראָזני האָט אין גיכען בעוויזען פאַקטיש, אַז ער האָט ניט בדעה צו לאָזען וואוינען אידען אין זיין מלוכה. בשעת דער רוסישער חיל האָט אין יאָהר 1533 איינגענומען די פוילישע האַנדעלס-שטאָדט פּאָלאָצק, האָט דער צאַר געהייסען אָב׳שמד׳ען אַלע אָרטיגע אידען, און די וואָס ווילען ניט פאָלגען, זאָל מען זיי דערטרינקען אין דער דווינע. צו די פּאָליאַקען האָט דער צאַר זיך בעצויגען מיט מעהר חסד: ער האָט געהייסען נאָר צעשטערען זייערע קירכען און זיי גופא נעמען געפאַנגען. צום גליק האָט דער מוטיגער

סטעפאַן באַטאָרי, דער בעשיצער פון אידען, שפּעטער צוריק אָבגענומען פּאָלאָצק (1579).

די דאָזיגע פּרימיטיווע פאָרמען פון רעליגיאָנס-פּאָליטיק האָבען זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַלטען אין דער מאָסקאָווישער מלוכה. אין יאָהר 1610 האָבען די מאָסקעווער באָיאַרען געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט פּוילין וועגען אויס-קלייבען דעם פּוילישען פּרינץ וולאַדיסלאַוו פאַר אַ רוסישען צאַר. מען האָט פערפאַסט אַ טעקסט פון אַן אָבמאַך, וואָס איז בעשטאַנען פון 20 פּונקטען, וואו עס זיינען אויסגעלייגט די תנאים, אויף וועלכע די באָיאַרען זיינען מרוצה אויסצוקלייבען וולאַדיסלאַוו׳ן. אינ׳ם פיערטען פּונקט פונ׳ם דאָזיגען אָבמאַך איז געשטאַנען געשריבען: „עס זאָלען ניט זיין אין רוסלאַנד קיין קאָסציאָלען און קירכען פון די לאַטיינער און פון אַנדערע גלויבענס; מען זאָל קיינעם ניט צוריידען צו דער רוימישער אָדער צו אַן אַנדער אמונה, און אידען טאָרען ניט קומען צו פאָהרען אין דער מאָסקעווער מלוכה צוליעב האַנדעל און צוליעב אַנדערע עניינים".

ביי אַזעלכע בעציהונגען האָבען די אידען זיך געמוזט אָבזאָגען פון דער קאָלאָניזירונג פונ׳ם פינסטערן קיניגרייך. נאָר שפּעטער האָט דאָס דאָזיגע קי-ניגרייך זיך אַריינגעריסען אין דער טעריטאָריע פון פּוילין און ליטאָ, וואו זיי האָבען געוואוינט, — און דער מאָסקאָווישער פּאָליטיק איז אויסגעקומען אַרויס-צווייזען איהר אייגענאַרטיגע שאַפונג אינ׳ם געביט פון דער אידען-פראַגע.

פינפטער קאפיטעל.

די אנוסים אין די לענדער פון דער אינקוויזיציע און די קאלאניע אין האלאנד

די אנוסים און די אינקוויזיציע אין שפאניען. — דער קאמף פון דער אינקוויזיציע מיט די אנוסים אין פארטוגאל. — די קאלאניע אין האלאנד; די קהילה אין אמ־סטערדאם. — דאס גייסטיגע לעבען. — ר׳ מנשה בן ישראל און אוריאל אקוסטא.

די מאראנען און די אינקוויזיציע אין שפאניען.

§ 29. נאכדעם ווי די אידען זיינען פערטריבען געווארען פון פירענייאישען האלב־אינזעל צום סוף פון XV יאהרהונדערט, איז נאך ניט איבערגעריסען געווארען אינגאנצען דער צוזאמענהאנג פון דער גע׳רודפ׳טער נאציע מיט די פינסטערע נעסטער פון דער אינקוויזיציע. די אידען זיינען אוועק, נאר געבליבען זיינען די מאראנען, — יענע צעהנדליגער טויזענדער איבערגעוואלד אריינגעטריבענע „איינ׳ם שויס פון דער קירך״, וואס זיינען אין דער נשמה געבליבען געטריי זייער אמונה און זייער פאלק. די דאזיגע מענשען, וואס האבען געהאפט דורכ׳ן לפנימדיגען שמד צו פערגרינגערן זייער מצב, האבען בעשאפען פאר זיך און פאר זייערע קינדער אזא גיהנם, אז זיי האבען געקאנט מקנא זיין דעם מצב פון זייערע פערטריבענע ברידער, וואס האבען געפונען כאטש א שלעכטע רוה אין אנדערע לענדער.

אין שפאניען (וועגען פארטוגאל וועט זיין די רייד שפעטער) איז דער מאראנענטום געווען א פערשלעפטע קריינק, וואס האט זיך געהאט טיעף איינגעגעסען אין מלוכה־ארגאניזם. די קינדער און אייניקלעך פון די „ניי־קריסטען״, וואס די קירך האט צוגעצויגען צו זיך נאך דער סעווילער הריגה פון יאהר 1391 און נאך דעם קלעריקאלען טעראר פון דער שפעטערדיגער עפאכע, האבען זיך שוין לאנג צוגעוויינט און צונויפגעגאסען מיט דער אלטקריסטליכער געזעלשאפט, זיינען אריינגעטראטען אין די רייהען פון די שפאנישע פריצים, בעאמטע און גלחים, — נאר דורכאויס ניט אלע זיינען זיי געווארען געטרייע זיהן פון דער שטיפמוטער דער קירך, וואס האט זיי זיך פאר קינדער גענומען דורכ׳ן פייער און שווערד. א סך זיינען אויסגעגאנגען נאך דער אידישער אמונה

און האָבן געהאַט אַ בעזונדער הנאה, בשעת זיי פלעגן נאָך דעם געצוואונגע-נעם קירכען-דיענסט אויסגיסען זייער האַרץ אין הייסע תפילות צום גאָט פון זייערע עלטערן ערגיץ וואו אין אַ פינסטערער הייהל, אין אַ בעהאַלטענער פער-זאַמלונג פון זייערע ברידער אין בלוט און גלויבען. פון פאָטער צום זוהן פלעגט ווערען איבערגעגעבען די טראַדיציאָנעלע צוואָה: „דין צו קריסטוס'ן מיט'ן מויל, און צום גאָט פון ישראל מיט'ן האַרצען; זיי אָפען אַ קריסט און בע-האַלטענערהייד אַ איד". די אינקוויזיציע, וואָס איז געגריינדעט געוואָרען אין יאָהר 1480 אויף צו פערטיליגען די יודאַאיזירענדע, האָט בעלויכטען די דאָזיגע צוואה מיט'ן ברענען אָבשיין פון איהרע שייטערהויפענס, דער מאַרטירים האָט זיי פערהייליגט. ניט די ווילדע אכזריות פון אַ טאָרקוועמאַדאָ און פון די תליונים פון דער קירך, ניט דער גירוש פון די אידען פון שפאַניען, בכדי צו דערוויטערן די פערפיהרונג פון די מאַראַנען (IV, § 156—157), האָבען ניט געקאָנט פערטיליגען דעם מאַראַנענטום, דעם פּראָטעסט פונ'ם אידישען געוויסען קעגען דער געוואַלד, וואָס מען האָט איהם אָנגעטון.

אינ'ם לאַנד, וואָס די אידען האָבען פערלאָזען, וואָס איז געווען איבער-פולט מיט מאַראַנען, האָט נאָך טאָרקוועמאַדאָ'ן ווייטער געפיהרט די אינקוויזי-ציאָנס-אַרבייט דער גענעראַל-אינקוויזיטאָר דיעגאָ דעזאַ, דער גוטער פריינד און בעשיצער קאָלומבוס'עס. הגם דעזאַ גופא האָט אָבגעשטאַמט פון זיין מוטערס צד פון אנוסים, פונדעסטוועגען האָט ער ניט געשוינט די מאַראַנען. אין משך פון יאָהר 1501 האָט ער געמאַכט פאָלגענדע אויטאָ-דאַ-פע'ס: דעם 22 פעברואר זיינען פערברענט געוואָרען אין טאָלעדאָ 38 אנוסים, דעם אַנדערן טאָג 67 פרויען; אין מערץ זיינען דאָרט גופא פערברענט געוואָרען 9 מאַן און פער'משפט אויף אייביגער תפיסה 140 יונגע מענער און פרויען. אין קאָרדאָוואַ זיינען אין דעמזעלביגען יאָהר פערברענט געוואָרען אַן ערך 90 אנוסים, און אין סעווילי — 45, צווישען זיי אַ יונגע פרוי, וואָס פלעגט לייענען די תורה אין די בעהאַלטענע פערזאַמלונגען פון איהרע גלויבענס-ברידער.

דעזאַ'ס געטרייער געהילף איז געווען דער קאָרדאָווער אינקוויזיטאָר לוצעראָ, אַ ליעבלינג פונ'ם קיניגספּאָר פערדינאַנד דעם קאַטוילִיק און אי-זאַבעלאַ. דער דאָזיגער אכזריות'דיגער שפּיאָן פון דער קירך פלעגט כאַפּען די אפיקורסים און „יודאַאיזירענדע" צווישען דער העכסטער שפּאַנישער אַריסטאָ-קראַטיע, פלעגט אַרויסזוכען די קרובה'שאַפט פון פערשיידענע משפחות מיט גע-וועזענע אידען, פלעגט אַרעסטירען מענשען ביים קלענסטען חשד, וואָס איז געפאַלען אויף זיי, אַז זיי זיינען אַנוסים, פלעגט פייניגען דורך עינויים, פער-ברענען אויף שייטערהויפענס און דערנאָך אונטערטראָגען דעם קיניג פערדי-נאַנד אַ טייל פונ'ם פערמעגען, וואָס מען האָט קאָנפיסקירט ביים פער'משפט'ען, איבערלאָזענדיג, פערשטייהט זיך, אַ מנה יפה פאַר זיך און פאַר זיינע גייסט-ליכע איבערדשטע.

בעזונדערס שטאַרק האָט לוצעראָ געזוכט אנוסים צווישען דער גייסטליכ-

קיים, וואָס מען האָט בעדאַרפט אויסרייניגען זיי פון אַפּיקורסישע עלעמענטען, איין אַרכידיאַקאָן קאַסטראָ, דעם זוהן פון אַ מאַראַן, האָט ער דורך עינויים איהם גענויט זיך צו מודה זיין, אַז ער איז אַן אַפּיקורס, האָט איהם געלאָזט טויטען און האָט צוגענומען זיין גאַנצען אייגענס (דריי מאָל הונדערט טויזענד מאַ-ראַוועדיס) פאַר דער קיניגליכער קאַסע, נאָר אַ בעדייטענדען טייל דערפון האָט ער געלאָזען פאַר זיך. דער טעאָלאָג מעמברען, וועמען מען האָט בעשולדיגט אין עפענטליכער פּראָפּאַגאַנדע פון דער יהדות, איז געוואָרען פערברענט אינ-איינעם מיט 107 מענשען, וואָס האָבען געהערט זיינע דרשות. לוצעראָ האָט בעשולדיגט אין דער נטיה צו אידישקייט אפילו דעם אַרכיבּיסקופּ פון גרע-נאַדאַ טאַלאַוועראַ און זיינע קרובים, וואָס האָבען אָבגעשטאַמט פון אידען. די דאָזיגע קרובים האָט מען אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און טאַלאַוועראַ גופא האָט דער אינקוויזיטאָר געצוואונגען צו גייהן אין אַ תשובה-פּראָצעסיע מיט אַנדערע אַנוסים, באָרוועסרהייד און מיט אַ בלויזען קאָפּ, איבער די גאַסען פון גרענאַ-דאַ. דער אַרכיבּוסקופּ האָט ניט איבערגעלעבט די דאָזיגע חרפה — און אין פינף טעג אַרום איז ער געשטאָרבען פון אַ הערץ-קרייבק.

לוצעראָ'ס רציחות האָבען אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אויפרעגונג אין די העכסטע קרייזען פון דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע. אַנשטאָט לוצעראָ (דאָס איז טייטש „ליכטיגער") פלעגט מען איהם אָנרופען טענעבּרעראָ (פינסטע-רער). „דעזאַ, לוצעראָ און פיענטע — האָט געשריבען אַ שריפטשטעלער פון יענער צייט — האָבען געשענדעט אַלע די דאָזיגע פּראָווינצען; זיי אַכטען ניט גאָט און ניט די גערעכטיגקייט; זיי הרג'ען, גנב'ען, שענדען פרויען און מיידלעך, צום בזיון פאַר דער קריסטליכער רעליגיע". די איינפלוסרייכסטע ביר-גער פון גרענאַדאַ האָבען געבעטען דעם גענעראַל-אינקוויזיטאָר דעזאַ, ער זאָל דערווייטערן לוצעראָ'ן פון זיין שטעל. די אַנוסים האָבען זיך משתדל געווען פאַר דער רוימישער קוריע, מען זאָל אָבשוואַכען די אַכזריות פון דער אינקוויזיציע; זיי האָבען אפילו געפּרובט צו פּועל'ן ביים קיניג פערדינאַנד, ער זאָל כאָטש צייטווייליג אָבשטעלען די ווירקונג פונ'ם הייליגען טריבונאַל און האָבען איהם פאָרגעלייגט הונדערט טויזענד דוקאַטען, מסתמא אַנשטאָט די הכנסות פון דער קאָנפיסקאַציע פון די פערמעגענס פון די פער'משפט'ע. דער דאָזיגער פאָרשלאָג איז ניט אָנגענומען געוואָרען, נאָר די פּראָטעסטען פון די קריסטליכע פּריצים קעגען דעם גראָבען ווילדווילען און קעגען די רויבערייען פון די אינקוויזיטאָ-רען האָבען בעוואויגען פערדינאַנד'ן אַראָבצוזעצען פון שטעל דעם גענעראַל-אינקוויזיטאָר דעזאַ און צו בעשטימען אויף זיין אָרט דעם טאָלעדער אַרכיבּיסקופּ כימענעס (1507). אַז דעזאַ איז געפאַלען, איז אויך געפאַלען זיין קרעאַטור לוצעראָ: דעם ווילדען בעדריקער פון די אַנוסים האָט מען אַריינגעזעצט אין תפיסה און אַלע די, וואָס ער האָט געהאַט אַרעסטירט איבער דעם חשד, אַז זיי געהערען צו די „יודאַאיזירענדע", האָט מען אַרויסגעלאָזט פריי.

הגם כימענעס האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער סיסטעם פון אַרעסטען און עינויים איבער אומבעגרינדעטע חשדים, נאָר ער האָט ניט געשוינט די אנוסים,

וואָס קעגען זיי זיינען געווען בעוויזען. אייניגע פון זיי פלעגט ער שיקען אויף די שייטערהויפענס, אויף אַנדערע פלעגט ער אַרויפלייגען האַרבע שטראָפען.

נאָך פערדינאַנד דעם קאַטוילוקס טויט (1516), אַז די שפּאַנישע קרוין איז אַריבער צו זיין אייניקעל קאַרל I, וואָס איז שפּעטער געוואָרען דייטשער קייזער מיט'ן נאָמען קאַרל VI, האָבען די מאַראַנען געמאַכט אַ פּרוב צו געווינען פאַר זיך דעם יונגען רעגירער. זיי האָבען אַוועקגעשיקט צו קאַרל'ען, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פלאַנדערן, אַ דעפּוטאַציע מיט דער בקשה — ער זאָל בעגרעניצען די טעטיגקייט פונ'ם אינקוויזיציאָנס-טריבונאַל און איינשטעלען געוויסע גאַראַנטיעס פאַר אַ ריכטיגען משפט; דערפאַר, דערציילט מען, האָט די דעפּוטאַציע פאָרגעלייגט דעם קיניג 800 000 גאָלדענע טאַלערס. גלייכצייטיג האָבען שתדלנים פון די מאַראַנען געווירקט אין רוים אויף דער פּויפּסטליכער קוריע. האָט דער טאָלעראַנטער פּויפּסט לעאָ X אַרויסגעגעבען די שתדלנים אַ בולע אין דעם זין, ווי זיי האָבען געוואָלט. נאָר קאַרל I, אַ תּלמיד פונ'ם אינקוויזיטאָר כימענעס, האָט ניט דערלאָזט פערעפענטליכען די דאָזיגע בולע, וואָס האָט געגעבען הנחות די אנוסים. ער האָט געגעבען צו וויסען דעם פּויפּסט דורך שלוחים, אַז די טענות פון די אנוסים און פון די איבעריגע מענשען, וואָס זיינען נוגע בדבר, קעגען דער אכזריות פון דער אינקוויזיציע, האָבען קיין ממשות ניט; אַז איהם, דעם קיניג, האָבען די מאַראַנען געוואָלט אונטערקויפען מיט געלד, ווי אַנומעלט זיין זיידען, און אַז ער האָט גאָר לחלוטין ניט בדעה צו דערלאָזען צו בעגרעניצען די טעטיגקייט פון דער אינקוויזיציע אין זיינע שפּאַנישע פּראָווינצען. האָט דער פּויפּסט געמוזט נאָכגעבען, — און דער הייליגער טריבונאַל האָט געקאָנט אומגעשטערט ווייטער טון זיין אַרבייט. אינקוויזיציאָנס-טריבונאַלען זיינען דעמאָלט געווען אין קאָרדאָוואַ, טאָלעדאָ, סעוויליאַ, וואַלאַדאָליד, סאַראַגאָסאַ, באַרצעלאָנאַ, וואַלעסינאַ, גרענאַדאַ און אין פּאַלמאַ, אויפ'ן אינזעל מאַיאָרקאַ.

די חשדים בנוגע צו די ניי-קריסטען האָבען ניט געלאָזט רוהען די קנאים פון קאַטוליציזם. זיי האָבען מיט שרעק געטראַכט וועגען דעם, אַז אַ סך קינדסקינדער פון מאַראַנען פערנעמען הויכע שטעלעס אין דער קירכליכער היעראַרכיע און קאָנען פער'סמ'ען מיט'ן סם פון דער יהדות דעם גאַנצען קריסטליכען עולם. דער טאָלעדער אַרכיביסקופּ סיליצעאָ האָט זיך משתדל געווען פאַר'ן פּויפּסט פּוילוס III, אַז מען זאָל אַזעלכע מענשען, וואָס שטאַמען אָב פון מאַראַנען, ניט צולאָזען צו גייסטליכע שטעלעס. צוליעב דעם צוועק האָט ער פערעפענטליכט, אויפ'ן סמך פון דאָקומענטען פון די אַרכיווען פון דער אינקוויזיציע, אַ יחוס-בריעף, וואו עס זיינען אויסגערעכענט אַ סך משפחות, וואָס שטאַמען פון מאַראַנען און וואָס אויף זיי דאַרף שטענדיג ליגען אַ שטאַרקער חשד.

צוליעב דעם אייגענעם צוועק איז אויך פערעפענטליכט געוואָרען (אַן ערך אין יאָהר 1545) אַ געפעלשטע קאָרעספּאָנדענץ צווישען שפּאַניען און קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אידען. אַלס ענטפער אויפ'ן בריעף פון די שפּאַנישע אידען, וואָס בעקלאָגען זיך, אַז דער קיניג פון שפּאַניען פּייניגט זיי און צווינגט זיי

זיך צו שמד'ען, זאָלען זייערע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פאָלקסברידער האָבען גע־ענטפערט אַזוי: „איהר זאָגט, אַז דער שפּאַנישער קיניג צווינגט אייך צו זיין קריסטען, — טוט דאָס, וואָרום אַנדערש טון קאָנט איהר ניט. איהר זאָגט, אַז ער נעמט ביי אייך צו אייער האָב־און־גוטס, — מאַכט אייערע זיהן פאַר סוחרים, בכדי איהר זאָלט קאָנען צו־ביסלעכווייז אָבנעמען ביי זיי (ביי די שפּאַניער) זייער אייגענס. זיי נעמען אַוועק ביי אייך אייער לעבען, — מאַכט אייערע זיהן פאַר דאָקטוירים און אַפּטייקערס, און איהר וועט מקצר זיין דאָס לעבען פון אייערע שונאים. זיי צעשטערען אייערע שולען, — מאַכט אייערע זיהן פאַר גלחים און טעאָלאָגען, און איהר וועט צעשטערען זייערע קירכען. מען טוט אייך אָן אַנדערע יסורים, — גיט זיך די מיה, אַז אייערע קינדער זאָלען ווערען אַדוואָקאַטען, פּראָקוראָרען, נאָטאַריוסען און בעאַמטע, בכדי זיי זאָלען נעמען אַן אָנטייל אין די כלל־ענינים, — און איהר וועט נעמען נקמה פון אייערע שונאים דורך דעם, וואָס איהר וועט זיי מאַכען פאַר קנעכט און אַריינכאַפּען דאָס לאַנד אין אייערע רשות". די דאָזיגע רשעות'דיגע אידענפיינדליכע פאַל־סיפיקאַציע, וואָס איז אויסגעקלערט געוואָרען, בכדי צו פערמיאוס'ען די קול־טורעלע טעטיגקייט פון די ניי־קריסטען, האָט געמוזט האָבען אַ ווירקונג אויף געוויסע קרייזען פון דער געזעלשאַפט און האָט פערשטאַרקט די שנאה צו די אנוסים.

אָנגעוואָהרען די האָפענונג אויף דער פערגרינגערונג פון זייער מצב, האָבען אַ סך מאַראַנען עמיגרירט פון שפּאַניען קיין איטאַליען, טערקיי און אַנדערע לענדער, אפילו אין די אומבעקאַנטע מרחקים פון אַמעריקאַ, וואָס איז פאַר קורצען ענדעקט געוואָרען. די וואָס זיינען געבליבען אין דערהיים, זיינען נאָך שטילער און בעהאַלטענער געוואָרען, בעזונדערס נאָכדעם ווי עס איז גע־וואָרען קיניג דער פינסטערער דעספּאָט פיליפּ II (1554), דער דאָזיגער „שטן, וואָס האָט רעגירט אין קריסטוס'עס נאָמען". דורכדעם קאָן, ווי עס ווייזט אויס, ווערען דערקלערט דער פאַקט, וואָס אין פיליפּ דעם II־טענס רעגירונגס־צייט האָט די אינקוויזיציע אַ סך ווינציגער געווילדעוועט קעגען די יודאַאיזירענדע, איידער קעגען די פּראָטעסטאַנטען און מאָריסקעס — די מאַהמעדאַנישע אנוסים.

פאַר דער צייט פון די שפּעטערדיגע מלכים, אין דער ערשטער העלפט פון XVII יאָהרהונדערט, האָט די אינקוויזיציע שוין אָפטער געכאַפּט אומפּאָר־זיכטיגע אנוסים און פלעגט זיי טויטען „דורך אַ טויט אָהן בלוטפערגיסונג", ד. ה. דורך פערברענען. אַלע יאָהר פלעגען ווערען געמאַכט פייערליכע אויטאָ־דאַ־פע'ס אין קאָרדאָוואַ, סעווילליאַ און גרענאַדאַ; שפּעטער איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַ טריבונאַל אין מאַדריד, אין דער נייער הויפּטשטאָדט פון דער מלוכה. פאַר די שפּאַניער זיינען דאָס געווען יום־טוב'דיגע שוישפּיעלען, וואָס דאָס פאָלק פלעגט זיך צונויפקלייבען צוליעב זיי פון אַלע קאַנטען. עהרענגעסט— הויכע בעאַמטע און ריכטער — פלעגען ווערען איינגעלאַדען דורך בעזונדערע איינלאַדונגען צו בעעהרען מיט זייער געגענוואַרט „דעם אַקט פון גלויבען". דער פּלאַץ, וואו עס פלעגט פאָרקומען די אויטאָ־דאַ־פע'ס, פלעגט זיין פול גע־

פאַקט פון המון; פון די פענסטער און באַלקאָנען פון די שכנישע הייזער פלעגן קוקען טויזענדער אויגען, ווי עס האָבן זיך געצאַפּעלט אין זייערע יסורים די ברענענדיגע אַפּקורסים.

די אינקוויזיציע האָט פערשפרייט איהרע פליגלען אויך אויף די לענדער, וואָס האָבן געהערט צו שפּאַניען אויף יענער זייט אָקעאַן, אין דער נייער וועלט. אין פיליפּ דעם II-טענס צייט האָט זי מיט אימפּעט געאַרבייט אין מעקסיקאָ, וואוהין עס האָבן עמיגרירט אַ סך מאַראַנען. די ווילדע חיה רעה האָט געכאַפּט איהרע קרבנות אויך אין פּערו, אין דרום-אַמעריקאַ. אין דער הויפּטשטאָדט פון דער דאָזיגער קאָלאָניע, לימאַ, האָבן געפלאַקערט שייטערהויפענס פאַר אַפּקורסים און „יודאַאיזירענדע" צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט. די קרבנות פון'ם הייליגען טריבונאַל זיינען געוואָרען על-פּי-רוב געבילדעטע און רייכע אנוסים — דאָקטוירים און גרויסע סוחרים, וואָס האָבן אַריינגעטראָגען זייערע קענטענישען און קאַפּיטאַלען אין דער נייער וועלט, אין דער צייט וואָס די אינקוויזיציע האָט געטראָגען אַהין פינסטערניש, חורבן און טויט.

דער קאַמף פון דער אינקוויזיציע מיט די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל.

§ 30. נאָך אַ טראַגישערע ווענדונג האָט אָנגענומען די מאַראַנען-פראַגע אין פּאָרטוגאַל. די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען זיינען בעשטאַנען פון גאַנץ אַנדערע עלעמענטען, איידער די שפּאַנישע. די שפּאַנישע אַנוסים זיינען צום גרעסטען טייל שוין לאַנג אַריינגענומען געוואָרען אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט און האָבן פון אויסווייניג אָבגעהיט דעם גאַנצען קאַטוילישען עטיקעט. די פּאָרטוגעזישע אַנוסים אָבער זיינען אין עצם געוועזען אידען, וואָס האָבן צייטווייליג אָנגעטאָן אויף זיך די מאַסקע פון קריסטענטום, בכדי צו ראַטעווען זייער לעבען, און דערנאָך האָבן זיי כמעט אָפען זי אַראָבגעוואָרפען. דאָס זיינען געוועזען יענע שפּאַנישע פערטריבענע פון יאָהר 1492, וואָס האָבן געהאָפט צו געפינען אין פּאָרטוגאַל אַ מקום מנוחה און האָבן געפונען אין אמת'ען אַ שמד-קעסעל, וואוהין מען האָט איבערגעוואָלד געשלעפּט די שוצלויזע פּליטים מיט דער ערלויבעניש פון'ם קיניג עמנואל (IV, § 158). אַזאַ מין פערברעכערישע פערגעוואַלטיגונג איבער'ן געוויסען פון צעהנדליגער טויזענד'ער מענשען האָט אויפגעבראַכט אַפילו אַ סך קריסטען, און דער קיניג עמנואל, וואָס האָט בעזעהן דעם יאוש פון די אָבגעשמד'טע, האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אין משך פון צוואַנציג יאָהר וועלען זיי זיין פריי פון דער השגחה און פון'ם משפט פון דער אינקוויזיציע.

זיך סומך זייענדיג אויפ'ן קיניגס הבטחה, האָבן די פּאָרטוגעזישע „נייקריסטען" דרייסטער אָבגעהיט די צערעמאָניעס פון דער לפנים פערלאָזענער אידישער רעליגיע, איידער זייערע שפּאַנישע ברידער. אין אָנהויב פון XVI יאָהרהונדערט האָבן זיי געלעבט ווי אָבגעזונדערט פון דער קריסטליכער בע-

פעלקערונג, האָבען אויסגעמיידט זיך מתחתן צו זיין מיט די „אַלט-קריסטען" און האָבען געהאַט אין ליסאַבאָן זייער שול, וואו זיי זיינען גערן געווען אַוועקצוגייהן פון די קירכען, בכדי אַראָבצוואַרפען פון זיך די פערהאַסטע מאַסקע און אויסבעטען אַ כפרה ביי גאָט פאַר זייער געצוואונגענעם פערשטעלען זיך. אַ סך מאַראַנישע משפחות פון שפאַניען האָבען אָנגעהויבען זיך אַריבערצוקלייבען קיין פאָרטוגאַל, בכדי זיך צו ראַטעווען פון די רדיפות פון דער אינקוויזיציע, נאָר דער קיניג עמנואל האָט געשטערט דער דאָזיגער איינוואַנדערונג. לויט דער פאָדערונג פון פערדינאַנד דעם קאַטוילִיק, האָט ער געהייסען פאָדערן פון איטליכען עמיגראַנט פון שפאַניען, ער זאָל ברייגגען אַ בעוויז, אַז ער איז אַ פרומער קאַטויליק (1503); חוץ דעם איז ערלויבט געוואָרען אַ שפאַנישען אינקוויזיציאָנס-ריכטער צו קומען צו פאָהרען קיין פאָרטוגאַל, בכדי צו פערהערן יענע אַנטלאָפענע, וואָס מען איז זיי חושד, אַז זיי האַלטען פערבאָרגענערהייד אידישקייט. עמיגרירען פון פאָרטוגאַל אין אַנדערע לענדער האָט מען ניט געשטאָרט אָהן דעם קיניגס ערלויבעניש, וואָס פלעגט כמעט קיין מאָל ניט אַרויסגעגעבען ווערען. דער קיניג האָט ניט געוואָלט, אַז די נשמות, וואָס מען האָט מיט אַזויפיעל מאַטערניש געוואונען פאַר דער קירך, זאָלען גייהן פערלאָרען פאַר איהר. און חוץ דעם האָט ער געהאַלטען, אַז עס לוינט פאַר איהם ניט אַרויסצולאָזען פון לאַנד די סוחרים, באַנקירען, טעכניקער, דאָקטוירים און אַפטייקערס, וואָס זיינען געווען אַזוי פיעל צווישען די מאַראַנען און וואָס זיינען אַזוי נויטיג געווען פאַר דער ווינציג קולטורעלער פאָרטוגאַל.

די צווייד־ייטיגע ראָל פון די מאַראַנען, אַלס האַלבע קאַטויליקען און האַלבע אידען, האָט ניט געקאָנט אַרויסרופען ביי די פאָרטוגעזען קיין אַכטונג צו זיי. פערגעסענדיג וועגען די סיבות, וואָס האָבען געשאַפען די דאָזיגע מאַסע געצוואונגענע קאַטויליקען, האָט די קריסטליכע מאַסע שטאַרק ניט געוואָלט ליידען, וואָס אינ'ם אָרגאַניזם פון דער קירך געפינט זיך דער דאָזיגער פרעמדאַרטיגער קערפער. צו בעפרייען די מאַראַנען פון דער רעליגיע, וואָס מען האָט זיי אויפגעצוואונגען, געבען זיי די מעגליכקייט צו האַלטען אָפען דעם גלויבען פון זייערע עלטערן — אַזאַ גבורה'שאַפט פון טאָלעראַנץ האָט די רעגירונג זיך ניט דערוועגט אָבצוטון; ווייטער לאָזען זיי אין אַזאַ צווייד־ייטיגער ראָל וואָלט געהייסען מאַכען זיי פאַר אַן אָביעקט פונ'ם פאָלקס שנאה.

די דאָזיגע שנאה פון די אַלט-קריסטען צו די ניי-קריסטען האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט אין אַ שרעקליכער קאַטאַסטראָפע אין ליסאַבאָן, אין יאָהר 1506. אום פסח האָט מען געפונען ביי עטליכע אַנוסים פלייש פון שאָף און עופות, געזאַלצט און געכשר'ט, און אויך מצה און מרור פאַר'ן סדר. האָט מען יענע, וואָס אויף זיי איז געפאַלען דער חשד, אַרעסטירט, נאָר אין עטליכע טעג אַרום האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט פריי. די דאָזיגע גוטסקייט בנוגע צו די „אַפיקורסים" האָט אַריינגעבראַכט אין כעס די פרומע קאַטויליקען אין ליסאַבאָן — און „די שוואַרצע מאַה" פון די דאָמיניקאַנער האָט זיך גענומען פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ פאָגראָם קעגען די אַנוסים: דעם זונטאַג פון דער קריסטליכער פסחא

האָבען די דאָמיניקאַנער מאָנאַכען אַרויסגעשטעלט אין אַ קירך אַ צלם און אַ קאַסטען מיט ביינער פון אַ הייליגען, וואָס פון זיי האָט אַרויסגעשטראַהלט עפּיס אַ סודות-פולע ליכטיגקייט. איינער פון די געבילדעטע מאַראַנען, וואָס איז געווען אין קירך, האָט זיך ערלויבט צו מאַכען די אומפאָרזיכטיגע בעמערקונג, אַז דאָס, וואָס דוכט זיך אויס פאַר אַ מופת, איז מעהר ניט ווי אַ פועל-יוצא פון נאַטירליכע סיבות, אַ שטייגער די ליכטיגקייט קומט פון אַ לאָמפּ, וואָס הייננט הינטען; לויט אַן אַנדער נוסח, זאָל ער זיך האָבען אויסגעדריקט, אַז אין דער איצטיגער צייט פון טרוקעניש איז אַ וואַסערדיגער מופת נויטיגער, איידער אַ פייערדיגער. אַז מען האָט דערהערט די דאָזיגע „לעסטערישע” ווערטער, האָבען די צעווילדעוועטע קאַטויליקען, און בעזונדערס די פרויען, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן פריידיינקער, האָבען איהם אַרויסגעשלעפּט פון קירך און דער׳הרג׳עט.

הערנאָך די דאָמיניקאַנער אויסגענוצט די גערייצטע שטימונג פונ׳ם המון און האָבען געשווינד אויפגעהעצט איהם קעגען אַלע אנוסים. צוויי מאָנאַכען, מיט צלמים אין די הענד, האָבען זיך געלאָזט גייהן איבער די גאַסען פון שטאָדט און האָבען געשריען: „אַפּקורסות, אַפּיקורסות!” אַלע אַנוסים, וואָס דער המון האָט אָנגעטראָפען אונטערוועגס, האָט מען דער׳הרגעט. דעם ערשטען טאָג, האָט מען דער׳הרג׳עט און פערברענט העכער 500 מאַן. דעם אַנדערן טאָג מאָנטאָג, האָט די הריגה זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי נאָך מיט מעהר ערביטערונג. מען האָט זיך אַריינגעריסען אין די הייזער פון די אַנוסים, אַרויסגעשלעפּט די איינוואוינער, אַלט און יונג, אויפ׳ן גאַס און געוואָרפען אויפ׳ן שייטערהויפען. טראָגעדיגע פרויען האָט מען אַרויסגעוואָרפען דורך די פענסטער פון די הייזער אויפ׳ן גאַס, און די רוצחים פלעגען זיי אויפכאַפען אויף זייערע שפּיזען. צווישען די קרבנות איז געווען דער רייכער חוכר פון די אָבצאָהלונגען, דער מאַראַן מאַסקאַרענאַס. וואָס איהם האָט דאָס פאָלק בעזונדערס פיינט געהאַט; שטיקער מעבעל פון זיין צערויבטער שטוב האָט מען צונויפגעפיהרט אויפ׳ן שטאָדטישען פּלאַץ אַלס הייצונג פאַר׳ן שייטערהויפען. און אין דערזעלביגער צייט זיינען איבער די גאַסען געלאָפען מאָנאַכען מיט צלמים אין די הענד און האָבען אונטערגעהעצט דאָס פאָלק דורך געשרייען: „רחמנות רחמנות! ווער עס איז פאַר׳ן קריסטליכען גלויבען און פאַר׳ הייליגען קרייץ, זאָל גייהן נאָך אונז, בכדי צו האַלטען מלחמה מיט די אידען און זיי אַלעמען פערטיליגען!” דעם דריטען טאָג זיינען די רציחות און מערדערייען ווייטער אָבגעטאָן געוואָרען אין דער סביבה פון ליסאַבאָן, וואוהין די אנוסים זיינען אַנטלאָפען געוואָרען. אינגאַנצען זיינען אומגעקומען פאַר די דריי טעג העכער 2000 מאַן. צווישען די קרבנות זיינען אויך געווען אַלט-קריסטען, וועלכע מען האָט על-פּי-טעות אָנגענומען פאַר מאַראַנען. ס׳זיינען אויך פאָרגעקומען שענדליכע פערגעוואַלטיגונגען פון ווייבער און מיידלעך; איין מאַראַנישע פרוי האָט דערשטאָכען אַ מאָנאַך, וואָס האָט געוואָלט זי פערגעוואַלטיגען, מיט זיין אייגענעם מעסער.

די רעגירונג איז געווען אויפגעבראַכט איבער די דאָזיגע רציחות פונ׳ם המון. דער קעניג עמנואל האָט געהייסען שטרייננ בעשטראָפען די שולדיגע

אינ'ם פּאָגראָם. די אָנפיהרער האָט מען געהאַנגען און צושניטען אויף שטיקער, און די צוויי מאָנאַכען די אונטערהעצערס האָט מען פערברענט; אַ סך רוצחים האָבען געקראָגען קלענערע שטראָפען און מען האָט ביי זיי קאָנפיסקירט זייער אייגענס.

איינגעשראָקען דורך דער הריגה אין ליסאַבאָן, האָבען מאַסען אַנוסים אָנגעהויבען זיך ארויסצוקלייבען פון פּאָרטוגאַל; דער קיניג האָט לכתחילה ער לויבט די דאָזיגע עמיגראַציע, נאָר דערנאָך האָט ער זי פערבאָטען. ער האָט גאַראַנטירט די מאַראַנען, אַז זיי וועלען זיין פריי פון דער השגחה פון דער אינקוויזיציע נאָך אויף 16 יאָהר (פונ'ם יאָהר 1512), נאָר דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען שפּעטער פון צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער רוימישער קוריע מכח גרינדען אַן אינקוויזיציאָנס-געריכט פאַר די נייקריסטען.

אַ נייער אַקט אין דער טראַגעדיע פון די אַנוסים האָט זיך אָנגעהויבען זינט עס איז געוואָרען קיניג יואַן III (1522 — 1557), וואָס איז נאָך זייענדיג אַן אינפאַנט ניט געווען צופרידען מיט זיין פּאָטערס „גוטסקייט" בנוגע צו ד' נייקריסטען. די קיניג'ן קאַטעדינע, אַ שפּאַנישע פּרינצעסין, האָט צוגערעדט איהר מאַן, ער זאָל איינפיהרען אין פּאָרטוגאַל די אינקוויזיציע קעגען די אפּיקורסים, אַזוי ווי אין שפּאַניען. אין דער דאָזיגער ריכטונג האָבען אויך אַגיטירט די דאָמיניקאַנער.

עס האָט זיך געפונען אַ נידערטרעכטיגער בוגד צווישען די מאַראַנען, אַ שפּאַנישער ארויסוואַנדערער הייגריך נונעס, וואָס האָט אונטערגעהאַלטען די דאָזיגע אַגיטאַציע דורך שפּיאָנאַזש. היות ווי ער איז געווען אַן איינגייהער אין אַ סך הייזער פון אַנוסים אין ליסאַבאָן און אין אַנדערע שטעדט, פלעגט ער דאָרט אויסקוקען אַלע סימנים פון אפיקורסות און איבערגעבען דאָס דעם קיניג. ער האָט גע'מסר'ט, אַז אין די הייזער פון די אַנוסים האָט ער ניט געזעהן קיין הייליגע בילדער, קריסטליכע ביכער און אַנדערע כלי-מכשירים פון אַ קאַטוילישער דירה, און אַז פון שפּאַניען קלייבען זיך די אָבטריניגע אָפּט-מאָלס אַריין קיין ליסאַבאָן, וואו מען קאָן בעקוועמער אָבהיטען אידיש-קייט. אויפ'ן סמך פון די דאָזיגע מסירות האָט יואַן געשיקט נונעס'ן צום שפּאַנישען קיניג קאַרל II, בכדי צו פיהרען בעהאַלטענערהייד אונטערהאַנדלונגען וועגען איינפיהרען די אינקוויזיציע.

די מאַראַנען האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם און האָבען בעשלאָסען צו נעמען נקמה פונ'ם נידעריגען מסור. צוויי פון זיי, אָנגעטאָן פאַר פראַנציס-קאַנער מאָנאַכען, האָבען געכאַפּט נונעס'ן אין באַדאַיאָץ, ניט ווייט פון שפּאַנישען גרעניץ, און האָבען איהם דער'הרג'עט און צוגענומען די בריעף מכח דער אינקוויזיציע, וואָס ער האָט געפיהרט מיט זיך. נאָר די צוויי אַנוסים האָט מען געכאַפּט און אָבגעמשפּט אויף אַן אַכזריות'דיגען טויט: מען האָט ביי זיי אָב-געהאַקט די הענד, צוגעבונדען צו די עקען פון פערד און אַוועקגעשלעפּט צום שאַפאָט. דעם שפּיאָן נונעס'ן האָט די גייסטליכקייט צוגערעכענט צו די מערטי-רער פאַר דער קירך (1525).

נונעס׳עס ערמאָרדונג האָבען אויסגענוצט די שונאים פון די אַנוסים צוליעב דער אַגיטאַציע קעגען זיי. די קאַרטעסען האָבען זיך בעקלאָגט פאַר׳ן קיניג, אַז די מאַראַנען האָבען אַרייגעכאַפּט אין זייערע הענד די אַרענדע פון די גרויסע מאַיאָנטקעס און דעם תבואה-האַנדעל, אַז פון זיי קומען אַרויס די גרעסטע צאָהל דאָקטוירים און אַפּטייקערס, און אַלס אַזעלכע קאָנען זיי שעדי- גען די געזונדהייט פון די קריסטליכע חולאים. די מאַראַנען האָבען געקוקט מיט אומרוהיגקייט אויף דער דאָזיגער אַגיטאַציע: זיי האָבען געפיהלט, אַז עס גענעהענט דער שטורעם.

אין יענער צייט האָט זיך אויפ׳ן האָריזאָנט פונ׳ם מאַראַנישען לעבען בע- וויזען אַ „שטערן פון מזרח": אין פּאָרטוגאַל איז אָנגעקומען דער מיסטערישער געזאַנדטער פונ׳ם עבר-לימ׳עדיגען „יודישען קיניג" דוד ראובני, וואָס האָט פער- אינטערעסירט דעם קיניג יואַן מיט זיין פּלאַן פון אַ מלחמה קעגען די טערקען (§ 9). די מאַראַנען האָבען בעטראַכט ראובני׳ן ווי זייער פּאָליטישען גואל און פלעגען מאַסענווייז קומען צו איהם קיין ליסאַבאָן, בכדי איהם אָבצוגעבען כבוד. איינער פון זיי איז אַרויסגעטראָטען אין דער ראָל פון אַן אויסלייזער, איז אַוועקגעפאָהרען קיין איטאַליען און האָט זיך געשטעלט בראש פון דער משיחישער בעוועגונג אונטער׳ן נאָמען שלמה מולכו. אַנדערע האָט די משיחישע התלהבות אַריינגעצויגען אויפ׳ן וועג פון קאַמף.

אַ גרופּע בעוואָפענטע יונגע מאַראַנען זיינען אַוועק אין דער שפּאַנישער גרעניץ-שטאָדט באַדאַיאָץ, פון וואַנען זיי זיינען פריהער אַנטלאָפען געוואָרען, און האָבען איבערגעוואַלד בעפרייט עטליכע מאַראַנישע פרויען, וואָס האָבען געשמאַכט אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע (1528). האָט דער אָרטיגער אינקוויזיטאָר זיך בעקלאָגט פאַר׳ן קיניג פון פּאָרטוגאַל אויף דער חוצפה פון די אפיקורסים און האָט איהם צוגערעדט, ער זאָל דורכאויס איינפיהרען אין פּאָרטוגאַל פונקט אַזאַ שטרייגע אינקוויזיציע, ווי אין שפּאַניען.

אין יענער צייט האָט דער קיניג יואַן שוין געהאַט אויפגעהערט צו גלוי- בען אין ראובני׳ס פאַנטאַסטישער מיסיע און האָט איהם אַרויסגעשיקט פון ליסאַבאָן, בכדי ער זאָל ניט אויפרייצען די מאַראַנען — דער פּראָיעקט וועגען איינפיהרען די אינקוויזיציע, וואָס איז פריהער אָבגעלייגט געוואָרען, איז ווידער געשטאַנען אויפ׳ן סדר היום.

אין יאָהר 1531 האָט דער קיניג יואַן בעפוילען זיין געזאַנדטען אין רוים, ער זאָל אומגעזאַמט זיך משתדל זיין ביים פּויפּסט קלימענט VII מפּח אַ בולע וועגען דער גרינדונג פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל. האָבען זיך אין ראַט פונ׳ם פּויפּסט געלאָזט הערען שטימען, אַז יואַן, פונקט אַזוי ווי פערדינאַנד און איזאַבעלאַ, וויל איינפיהרען די אינקוויזיציע ניט אַזוי מחמת גרויסער פרומקייט, ווי מחמת דעם, וואָס די קאָנפיסקירונג פון די פערמעגענס פון די פער׳משפּט׳ע אַפּיקורסים וועט ברייגען אַ סך ריוח דער קיניגליכער קאַסע. פונדעסטוועגען האָט דער פּויפּסט בעפרידיגט די בקשה פונ׳ם פּאָרטוגע- זישען געזאַנדטען און האָט איהם אַרויסגעגעבען די בולע.

אַז די פּאָרטוגעזישע אַנוסים זיינען דאָס געוואָהר געוואָרען דורך זייערע גוטע פריינד אין רוים, האָבען זיי געשיקט זייערן אַ מענשען דוּאַטרע דע פּאַץ, אַ קונציגען דיפּלאָמאַט, בכדי ער זאָל ווירקען אויף דער קוריע אין דעם זין, אַז מען זאָל מבטל זיין די געפעהרליכע פּויפּסטליכע בולע. מען האָט אָנגעווענדט סיי פערבינדונגען מיט איינפלוסרייכע קירכליכע בעאַמטע, סיי געלד און סיי פּאָליטישע חשבונות. די אַגיטאַציע פון די מאַראַנען האָט געהאַט אַן ערפאָלג ביי דעם ליבעראַלען קלימענט VII. דער פּויפּסט האָט געהייסען אָבהאַלטען זיין בולע וועגען דער אינקוויזיציע, און דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ „בולע פון מחילה" (1533), וואו ער האָט מודיע געווען פאָלגענדעס: די אידען, וואָס זיינען אַמאָל אָבגעשמד'ט געוואָרען איבערגעוואַלד, קאָנען ניט גערעכענט ווערען פאַר מיטגלידער פון דער קירך, און בכן קאָן זי זיי ניט משפט'ען פאַר אפּיקורסות; זייערע קינדער אָבער, וואָס זיינען געשמד'ט געוואָרען, בשעת זיי זיינען געבוירען געוואָרען, ווערען גערעכענט פאַר קריסטען און מוזען בלייבען אין דער דאָזיגער רעליגיע; נאָר נעמענדיג אין אַכט, אַז זיי זיינען איפּגעהאָדוועט געוואָרען אונטער דער השפּעה פון זייערע אידישע עלטערן, וואָלט געווען אכזריות'דיג זיי צו שטראָפען מיט דער גאַנצער שטרייגקייט פון די געזעצען פאַר זייער נטיה צו אידישקייט, און דעריבער בעדאַרף מען זיי צוציהען צו דער קירך מיט גוטען. לויט דער „בולע פון מחילה" האָבען אַלע מאַראַנען, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, בעדאַרפט בעפרייט ווערען. נאָר די פּאָרטוגעזישע רעגירונג האָט זיך ניט געאַיילט צו פערעפענטליכען די בולע, וואָס גיט אַזעלכע הנחות די אַפּיקורסים, און האָט זיך משתדל געווען אין רוים, מען זאָל זי מבטל זיין.

אין מיטען דער דאָזיגער אַגיטאַציע און קעגען-אַגיטאַציע אין געשטאָרבען קלימענט VII. אין דער צייט פון זיין יורש פּוילוס III (1534–1549) האָט דער קאַמף פאַר און קעגען דער איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל אָנגענומען נאָך אַ שאַרפערע פאָרם. אין רוים און אין ליסאַבאָן האָט געקאָכט דער קאַמף פון די פּאַרטייען. דער פּאָרטוגעזישער געזאַנדטער אין רוים און די אַגענטען פון די מאַראַנען (דואַטרע דע פּאַץ) האָבען אינטריגירט אין דער קוריע קעגען אַנאַנד. האָט דער פּויפּסט איבערגעגעבען אַ קאָמיסיע פון טעאָלאָגען און יוריסטען צו בעקלערען די פראַגע וועגען די מאַראַנען, און דער רוב פון דער קאָמיסיע האָט זיך אַרויסגעזאָגט לטובת די מאַראַנען.

דערווייל האָט דער פּויפּסטליכער נונציוס אין ליסאַבאָן געמעלדעט אין רוים, אַז דער קעניג יואַן קוקט ניט אויף דער „בולע פון מחילה" און לא די וואָס ער לאָזט ניט אַרויס פריי די אַרעסטירטע מאַראַנען, נאָר ער מאַכט אַפילו נייע אַרעסטען און פיהרט ווידער איין דעם געזעץ, אַז עס איז פערבאָטען די נייקריסטען צו עמיגרירען פון פּאָרטוגאַל. האָט דער פּויפּסט פּאָרגעלייגט יואַנ'ען, ער זאָל געבען אַלע אַרעסטירטע מאַראַנען אַמניסטיע און ערלויבען זיי אין משך פון אַ יאָהר צייט צו פערלאָזען דאָס לאַנד; די אויספירפילונג פון דער דאָזיגער פאָדערונג האָט דער פּויפּסט אוועקגעשטעלט אַלס תנאי פאַר

זיין צוקונפטיגען הסכם אויף דער איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע אין פּאָר-טוגאַל פאַר די אמת'ע אָבטריניגע פון דער קירך.

אַז דער קיניג האָט אויף די דאָזיגע פאָדערונג ניט בעפרידיגט, האָט פּויִלוס III פערעפענטליכט אַ בולע (1535), וואו ער האָט בעשטימט ערקלערט די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען פאַר פריי פון אויספאָרשונג און משפט און האָט אָנערקענט פאַר אומגילטיג אַלע פּסקים פון די טריבונאַלען קעגען זיי. דאָס מאָל האָט דער קיניג געמוזט נאָכגעבען: ער האָט געשווינדט בעפרייט די אַרעס-טירטע מאַראַנען — בפרט יענע, וואָס האָבען געהאַט אַ צד אין רוים, — אינגאַנ-צען 1800 מאַן.

איצטער זיינען די אונטערהאַנדלונגען וועגען דער איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע אויפגעפרישט געוואָרען פון דאָס ניי. דער פּויפּסט איז געווען גרייט צו געבען זיין הסכם דערויף אויף פאָלגענדע תנאים, וואָס זאָלען גאַראַנטירען די ריכטיגקייט פונ'ם משפט: אַז די אויספאָרשונג וועגען אָבטריניגקייט פון דער אמונה זאָל ניט זיין בעגרינדעט אויף די בעווייזען פון משרתים און חשוד'ע פערזאָנען; אַז די בעווייזען פון די עדות זאָלען אויסגעהערט ווערען ניט בסוד, נאָר אין דער געגענוואַרט פון די בעשולדיגטע; אַז מען זאָל לאָזען קרובים און בעקאַנטע זעהן זיך מיט די אַרעסטירטע; אַז דער פערמעגען פון די פער'משפט'ע מאַראַנען זאָל ניט קאָנפיסקירט ווערען לטובת דער מלוכה-קאַסע, נאָר ער זאָל ווערען איבערגעגעבען זיינע געזעצליכע יורשים; אַז אויפ'ן פסק-דין פונ'ם אינקוויזיציאָנס-טריבונאַל זאָל מען קאָנען אַפּעלירען צו דער רוימישער קוריע.

אויף די דאָזיגע תנאים האָט דער קיניג, וואָס האָט פיינט געהאַט די מאַראַנען און גרויס חשק געהאַט נאָר צו זייערע קאָנפיסקירטע פערמעגענס, ניט געקאָנט מרוצה ווערען. האָט ער זיך געווענדט צו דער פערמיטלונג פונ'ם אַלמעכטיגען קייזער קאַרל V, וואָס איז געווען אַן אָנהייבער פון אַן אויטאָנאָ-מער אינקוויזיציע לויט'ן מוסטער פון דער שפּאַנישער. דער קייזער, וואָס איז דעמאָלט אַריינגעטראָטען אַלס טריאומפאַטאָר אין רוים נאָכ'ן נצחון איבער די טערקען, האָט געבעטען דעם פּויפּסט, ער זאָל נאָכגעבען דעם פערלאַנג פונ'ם קיניג פון פּאָרטוגאַל. האָט פּויִלוס III ניט געקאָנט אָבזאָגען קאַרל דעם V-טענס בקשה און האָט פערעפענטליכט אַ בולע וועגען איינפיהרען די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל און מבטל זיין די פריהערדיגע „בולעס פון מחילה" (23 מאַי 1536). ער האָט מעהר ניט געמאַכט אַן אויסריידעניש, אַז די ערשטע דריי יאָהר נאָך דער גרינדונג פון די טריבונאַלען זאָל מען אָבהיטען אין זיי די פאָרמען פון דער געוויינליכער געריכטס-אָרדענונג, אַז די נעמען פון די בעשולדיגער און פון די עדות מוז מען געבען צו וויסען די בעשולדיגטע, און אַז די ערשטע צעהן יאָהר זאָל מען דעם פערמעגען פון די פער'משפּ'טע ניט קאָנפיסקירען לטובת דער מלוכה-קאַסע.

דער ערשטער גענעראַל-אינקוויזיטאָר פון פּאָרטוגאַל, דיעגאָ דאַ-סילוואַ, האָט נאָך געפאָלגט די בעפעהלען פונ'ם פּויפּסט און האָט כפי האפשר געהיט

צו בעגייהן זיך האַרט מיט די אַפּקורסים. נאָר די מאַראַנען האָבען געזעהן די חיה רעה, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף זיי, און האָבען געוואוסט, אויף וואָס זיי בעדאַרפען זיך ריכטען. איז פון ליסאַבאָן אויפ׳ס ניי אַוועק אַ דעפּוטאַציע פון מאַראַנען קיין רוים און האָט דערלאַנגט דעם פּויפּסט אַ כתב, וואו אין איהם קלינגט אויפרעגונג און צאָרן. „אויב אַייער הייליגקייט – איז דאָרט געשטאַנען געשריבען – וועט פערוואַרפען די בקשות און טרערען פון אידישען פאָלק אָדער איהר וועט זיך אָבזאָגען מבטל צו זיין די בייז, אויף וואָס מיר ריכטען זיך ניט, דעמאָלט פּראָטעסטירען מיר פאַר גאָט און מיט געוויין און מיט קרעכצען וועלען מיר פּראָטעסטירען פאַר דער גאַנצער וועלט. היות ווי מיר האָבען ניט קיין איין אָרט, וואו מיר זאָלען קאָנען (מיט אַ ריינעם געוויסען) אַריינטרעטען אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט; היות ווי אונזער לעבען, אונזער כבוד, אונזערע קינדער געפינען זיך אין אַ שטענדיגער סכנה, הגם מיר האָבען זיך געמיהט אָבצוהאַלטען זיך פון יודישקייט (אויסוויינינג), — בכן איז אין דעם פאַל, אויב די טיראַניע וועט ניט אויפהערען, וועלען מיר טון דאָס, וואָס ביי אַן אַנדער לאַגע וואָלט קיינער פון אונז ניט געטראַכט וועגען דעם: מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו ישו׳ס רעליגיע און וועלען זיך אָבזאָגען פון קריסטענטום... מיר וועלען אַלע פערלאָזען די אַלטע ערטער, וואו מיר וואוינען, בכדי צו זוכען זיכערקייט און שוץ צווישען ווינציגער אַכזריות׳דיגע פעלקער". האָט דער פּויפּסט אַוועקגעשיקט קיין ליסאַבאָן אַ נייעם נונציוס קאַפּידאַכעראָ און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל אויפפּאַסען, אַז מען זאָל די מאַראַנען ניט אָנטון קיין אומזיסטע עוולות און מען זאָל זיי ניט שטערען צו עמיגרירען. האָבען אַ סך אויסגענוצט דעם קורצען פרייען מאָמענט און האָבען באַלד עמיגרירט.

נאָר אין גיכען איז געשעהן אַ צופאַל, וואָס האָט ווידער אַמאָל ערגער געמאַכט די לאַגע. אין פעברואַר פון יאָהר 1539 האָט מען געפונען אויף די טויערן פון אַ סך קירכען אין ליסאַבאָן אָנגעקלעפּט צעטלען מיט אַזאַ אויפשריפט: „משיח איז ניט געקומען; ישו איז ניט געוועזן דער אמת׳ער משיח". איז דאָס פאָלק אויפגערעגט געוואָרען, און דער קיניג האָט געלאָזט אויסרופען, אַז ער גיט אַ בעלוינונג פון צעהן טויזענד קרוזאַדעס דעם, וואָס וועט אויסזאָגען דעם נאָמען פונ׳ם מחבר פון דער לעסטערישער אויפשריפט. בכדי אָראָבצונעמען פון זיך דעם חשד, האָבען די מאַראַנען שטילערהייד אָנגעקלעפּט אויף די טויערן פון די קירכען אַזאַ מין הודעה: „איך, דער מחבר, בין ניט קיין שפּאַנישער און ניט קיין פּאָרטוגעזער, נאָר אַן איינגלענדער, — און אויב איהר זאָלט אפילו געבען אָנשטאָט צעהן טויזענד קרוזאַדעס צוואַנציג טויזענד, וועט איהר פאָרט קיין נאָמען ניט געפינען". נאָר ניט קוקענדיג אויפ׳ן דאָזיגען קונץ, האָט מען פונדעסטוועגען דעם שולדיגען געכאַפּט: דאָס איז געוועזן אַ מאַראַן מיט׳ן נאָמען מאַנואל דאַ-קאָסטאַ. אונטער די עינויים האָט ער זיך מודה געוועזן, און מען האָט איהם פערברענט אויף אַ פּלאַץ אין ליסאַבאָן.

זינט יענער צייט איז דער אומצוטרוי און די שנאה צו די מאַראַנען שטאַרקער געוואָרען. דעם ווייכהאַרציגען גענעראַל-אינקוויזיטאָר דאַ-סילוואַ האָט

מען אַראָבגעזעצט פון שטעל, און זיין אָרט האָט פערנומען דעם קיניגס ברודער, דער קאַרדינאַל-אינפאַנט היינריך, אַ דם שונא פון די נייקריסטען. אומזיסט האָט דער פויפסט געפאָדערט, מען זאָל אָבהיטען די גאַראַנטיעס פאַר אַ ריכטיגען משפט, וואָס ער האָט איינגעשטעלט ביים איינפיהרן די אינקוויזיציע: דער קאַרדינאַל-אינפאַנט און די אָרטיגע אינקוויזיטאָרען, וואָס ער האָט בעשטימט, האָבען זיך גענומען די גאַנצע ממשלה. אין ליסאַבאָן, קאָאימבראַ, עוואָראַ האָבען מיט האַסט געאַרבייט „די הייליגע טריבונאַלען"; די טורמעס זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט חשודים און עס האָבען אויפגעפלאַקערט די שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציע. די פאָרטוגעזישע מאַראַנען זיינען צולעצט אויסגעגליכען געוואָרען אין די רעכט פון מאַרטיריום מיט די שפאַנישע; נאָר היות ווי זיי זיינען געוועזען אַ סך מעהר און זיינען געשטאַנען אַ סך נעהענטער צו אידישקייט, בכן האָבען זיי זיך אָנגעליטען אַ סך גרעסערע יסורים.

וואָס עס האָט זיך דערמאָלט אָבגעטאָן אין פאָרטוגאַל — דאָס קאָן מען זעהן פון דער גרויסער שריפט, וואָס עס האָט דערלאַנגט אַ דעפוטאַציע פון די ליסאַבאָנער מאַראַנען דער רוימישער קוריע אין יאָהר 1544. אין ליסאַבאָן, וואו דער הויפט-אינקוויזיטאָר איז געוועזען יואַן דע-מעלאָ, האָבען די אַרעסטירטע מאַראַנען געשמאַכט אין אונטערערדישע תפיסות; די ענויים, וואָס דורך זיי האָט מען געצוואונגען די אומגליקליכע זיך מודה צו זיין, זיינען געוועזען: שלאָגען מיט שטעקענס, אַראָברייסען די הויט פון קערפער, ברענען די פיסקנעכלען און כדומה נאָך אַזעלכע עינויים. שיקען אַ מאַראַן צום שייטערהויפען איז געוועזען פאַר יואַן דע-מעלאָ אַן אמת'ע דערקוויקונג. מיט גרויס פערגעניגען שילדערט ער אין אַ בריעף צום קיניג איין אויטאָ-דאַ-פע אין דער הויפטשטאָדט: „אַן ערך הונדערט פער'משפט'ע האָבען געבילדעט אַ פייערליכע פראָצעסיע. דער וועלטליכער ריכטער האָט זיי געפיהרט אין דער בעגלייטונג פון צוויי קירכליכע כאָרען. אַז מען איז געקומען צום שאַפאָט, האָט מען אָנגעהויבען צו זינגען דעם הימנון: Yeni creator spiritus. איין מאָנאַך איז אַרויף אויפ'ן בימה, די דרשה איז געוועזען קורץ, וואָרום אין יענעם טאָג איז נאָך געוועזען אַ סך אַרבייט. מען האָט געלייענט די פסקים, צוערשט פאַר די, וואָס זיינען פער'משפט געוואָרען אויף פערטרייבען און אויף זיצען אין תפיסה אַ געוויסע צייט, דערנאָך פאַר די, וואָס זיינען פער'משפט אויף אייביגע תפיסה, און צולעצט — פאַר די פער'משפט'ע צום טויט. אַזעלכע זיינען געוועזען צוואַנציג. זיבען פרויען און צוועלף מאַנסבילען האָט מען צוגעבונדען צו אַ סלופ און פערברענט לעבעדיגערהייד. נאָר איין פרוי איז בעגנאַדיגט געוואָרען, ווייל זי האָט בשעת'ן וידוי אינגאַנצען תשובה געטאָן".

אַן אַנדער אינקוויזיטאָר, דער דאָמיניקאַנער בערנאַרדאָ דע סאַנטאַ-קרוץ, האָט מיט התמדה „געאַרבייט" אין קאָאימבראַ. צווישען די קרבנות, וואָס ער האָט געכאַפט, איז געוועזען אַ רייכער מאַראַן סימאָן אַלוואַרעס. דער אינקוויזיטאָר האָט בעשלאָסען צופערברענען אַלוואַרעס'ן און זיין פרוי פאַר אפיקורסות, אָבער בכדי דער פסק-דין זאָל זיין געזעצליך, איז נויטיג געווען, אַז כאָטש איין עדות

זאָל בעווייזען קעגען די בעשולדיגטע, נאָר אויף צו להכעיס איז קיין עדות ניט געווען. דעמאָלט האָט די דאָזיגע חיה רעה אין מענשליכער געשטאַלט גענומען אַלווארעס׳עס זעקס יאָהריגע מיידעלע, האָט זי אַוועקגעשטעלט פאַר אַ טאַץ מיט ברענעדיגע קויהלען און האָט געסטראַשעט צו פערברענען אויף די קויהלען איהר הענטיל, אויב זי וועט ניט אויסזאָגען, אַז איהרע עלטערן האָבען גע-שלאָגען אַ צלם; די מיידעלע האָט אויסגעזאָגט אַלצדינג, וואָס מען האָט פון איהר פערלאַנגט. און די אומגליקליכע האָט מען פערברענט אויפ׳ן סמך פון אַ „בעגרינדעטען פסק-דין”.

שפּיאָנאַזש האָט זיך ענטוויקעלט ביז צום אויסערסטען. בעדיענטע פלעגען מסר׳ן אויף זייערע בעלי-בתים; מען האָט געגלויבט אַפילו די בעווייזען פון קאַטאָרזשניקעס און פּראָסטיטואירטע. דער געוועזענער קאַטאָרשניק פראַנציסק זשיל, וואָס איז געוואָרען אַ שפּיאָן, פלעגט אַנווענדען אַזאַ קונץ אויף צו כאַפּען אַפּיקורסים. אין קירך, וואָס איז געווען איבערפולט מיט מענשען, פלעגט ער אינ׳ם פייערליכסטען מאָמענט פערשליסען די טירען און פאָדערן, אַז די אמת׳ע קריסטען זאָלען זיך אָבטיילען פון די ניי קריסטען און דאָרט גופא דערציילען אַלצדינג, וואָס זיי ווייסען וועגען זייער אויפפיהרונג און וועגען זייער אַרט דיינקען. די מאַראַנען, וואָס קעגען זיי פלעגט זיין אַ מסירה, פלעגט מען דאָרט אויפ׳ן אָרט אַרעסטירען און פון קירך אָבפיהרען אין די תפיסות פון דער אינקוויזיציע.

אויפגעבראַכט דורך די ידיעות וועגען די שרעקענס פון דער אינקוויזיציע, האָט דער פויפסט פויל׳וס III איבערגעשיקט די שריפט פון די מאַראַנען צו זיין נונציוס אין ליסאַבאָן און האָט איהם בעפויהלען, ער זאָל דורכאויס פאָדערן, עס זאָלען אָבגעהיט ווערען די געריכטליכע גאַראַנטיעס פון דער בולע פון יאָהר 1536. האָט דער קיניג יואַן פאָרגעלייגט אַ קאָמיסיע פון פיער מאַראַנישע פאָרשטעהער אויסצואַרבייטען אַ פראָיעקט אויף איינצואָרדענען די לאַגע פון די נייקריסטען. די קאָמיסיע האָט איבערגעחזרט די פריהערדיגע פאָדערונגען: אַל-געמיינע אַמניסטיע פאַר די תפוסים; עס זאָלען ניט אָנגענומען ווערען קיין אַנאָנימע אָדער חשודיגע בעווייזען פון עדות און עס זאָלען ניט אָנגעווענדט ווערען קיין עינויים אַלס אַ מיטעל צו צווינגען זיך מודה צו זיין; אויב מען וועט ניט אָננעמען זייער פאָרשלאָג, האָבען די מאַראַנען געשראָקען מיט אַ מאַסען-עמיגראַציע (1547). נאָר ניט דער קיניג און ניט די פאָרטוגעזישע גייסטליכע בעאַמטע, די אויפזעהער פון דער אינקוויזיציע, האָבען ניט געפונען פאַר מעגליך אָנצונעמען די דאָזיגע פאָדערונגען.

איינער פון די גייסטליכע, דער ביסקופ באַלטאַזאַר לימפאָ, וואָס איז גע-פאָהרען אַלס דעלעגאַט אויף דער קירכען-פערזאַמלונג אין טרידענט, האָט דאָרט געהאַלטען אַ פייערדיגע רעדע אויף צו פערטיידיגען די געבענשטע פאָרטוגעזישע אינקוויזיציע און איז אַפילו אָנגעפאַלען אויפ׳ן פויפסט דערפאַר, וואָס ער פיהרט ניט אויך אַזאַ אינקוויזיציע פאַר די מאַראַנען, וואָס האָבען זיך אַריבערגעקליבען קיין איטאַליען און וואָס קעהרען זיך אום אָפען צו אידישקייט.

איינגעמידט דורך אַלע די דאָזיגע מחלוקת'ען, וואָס האָבען גאָר ניט גע-וואָלט נעמען קיין סוף, איז פּוילוס III מרוצה געוואָרען סוף-כל-סוף אויף אַ פּשרה: ער האָט דערקלערט אַמניסטיע פאַר אַלע מאַראַנען, וואָס וועלען עפענ-טליך תשובה טון אויף זייער אָבהאַלטען פון קירך און וועלען צוזאָגען צו זיין פון היינט אָן און ווייטער גוטע קריסטען; און טאָמער וועלען זיי דערנאָך אָבטריניג ווערען, דעמאָלט וועלען זיי שטרייננג גע'משפט ווערען פון דער אינ-קוויזיציע (1548). אויפ'ן סמך פונ'ם דאָזיגען עדיקט זיינען טויזענדער מאַראַנען געוואָרען בעפרייט פון די תפיסות פון ליסאַבאָן, עוואָראַ און קאָאימבראַ.

נאָר אין עטליכע יאָהר אַרום זיינען די אייגענע תפיסות ווידער אַמאָל אָנגעפילט געוואָרען מיט נייע תפוסים פון יענע „בעלי-תשובה", וואָס האָבען אויפ'ס ניי געזינדיגט. מיט זיי האָט די אינקוויזיציע שוין געהאַלטען פאַר בע-רעכטיגט ניט צו פּראַווען קיין מחוקות: מען האָט ווידער געלאָזט אין גאַנג דעם גאַנצען אַפּאַראַט פונ'ם הייליגען טריבונאַל, מיט מנוול'דיגען שפּיאָנאַזש, מיט פערהערען אונטער עינויים, אויטאָ-דאַ-פע'ס און קאָנפיסקירונג פון האָב-און-גוטס. דאָס, וואָס די רוימישע קוריע האָט זינט פּוילוס דעם IV-טענס צייט זיך שאַרף אַקעהר געטאָן אין דער ריכטונג פון דער קאַטוילישער רעאַקציע, האָט פונאַנדערגעבונדען די הענד די פּאָרטוגעזישע קלעריקאַלען; צווישען זיי און צווישען די קוריע איז געוואָרען שלום.

די בעהאַלטענע עמיגראַציע פון פּאָרטוגאַל (מיט'ן געזעץ איז די עמיגראַ-ציע געווען פערבאָטען) האָט זיך געשטאַרקט צווישען די מאַראַנען ביז צו אַן אומגלויבליכער מאָס. מען איז געלאָפען קיין איטאַליען, טערקיי, צפון אַפ-ריקע, שפּעטער — קיין נידערלאַנד. בשעת דער רעגענטשאַפט פונ'ם געוועזענעם גענעראַל-אינקוויזיטאָר, דעם קאַרדינאַל-אינפאַנט היינריך (נאָך יואַן III-טענס טויט אין יאָהר (1557), האָט זיך די רעגירונג געפונען אין די הענד פון די טויער פונ'ם הייליגען טריבונאַל, פון די דאָמיניקאַנער און פון די יעזואיטען, וואָס האָבען איבערפולט דאָס לאַנד.

אין דער צייט פונ'ם קיניג סעבאַסטיאַן, וואָס האָט בדלות געשטעלט דאָס לאַנד דורך אָבצאָהלונגען צוליעב מלחמות, האָבען די מאַראַנען זיך געקויפט פאַר אַ פערטיל מיליאָן דוקאַטען דאָס רעכט צו עמיגרירען פון פּאָרטוגאַל און די גאַראַנטיע, אַז אין משך פון צעהן יאָהר וועט מען ניט אָנריהרען זייער האָב-און-גוטס.

ווי פּאָרטוגאַל איז פעראייניגט געוואָרען מיט שפּאַניען אונטער דער ממשלה פונ'ם טיראַן פיליפּ II (1580), דעמאָלט איז אינגאַנצען אויסגעגליכען געוואָרען דער גורל פון די מאַראַנען אין ביידע לענדער. די מאַראַנען, וואָס זיינען געבליבען אונטער דעם דאַמאָקלעס-שווערד פון דער אינקוויזיציע, וואָס איז שטענדיג געהאַנגען איבער זיי, האָבען זיך אינגאַנצען פערבעהאַלטען אין זיך, בכדי ניט אַריינצופאַלען אין די נעגעל פון דער חיה רעה, — און פונדעסט-וועגען האָט דער הייליגער טריבונאַל געהאַט די מעגליכקייט אַלע יאָהר צו

מאכען כאָטש איין אויטאָ-דא-פע. נאָר אויך נאָכדעם ווי פּאָרטוגאַל איז בע-פרייט געוואָרען פון שפּאַנישען יאָך (1640), זיינען די שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציע ניט אויסגעלאָשען געוואָרען אין איהר און האָבען בעלויכטען די ווילדקייט און אכזריות פון די מענשען.

אין די אינדישע און אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס פון פּאָרטוגאַל האָבען די הייליגע טריבונאַלען ענטוויקעלט זייער טעטיגקייט זינט דער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט. אין גאָא, אין דרום-אינדיען, האָט עקסיסטירט א טריבונאַל, מיט א „גרויס-אינקוויזיטאָר" אָן דער שפּיץ. פאַר די מאַראַנען, וואָס זיינען געגאַנגען צום שייטערהויפען, פלעגט מען טראָגען די פאָהן פון דער אינקוויזיציע, וואָס אויף איהר זיינען געווען אויפגעשריבען די ווערטער: „Misarcordie et iustitia" (רחמים און דין), וואָס האָבען געקלונגען ווי א ביטערער חוזק אין דעם דאָזיגען קיניגרייך פון אכזריות און ווילדווילען. אין בראַזיליען האָבען די רדיפות קעגען די מאַראַנען זיך אָנגעהויבען זינט דער העלפט פון XVII, און האָבען געדויערט נאָך אין XVIII יאָהרהונדערט.

די האָלאַנדישע קאָלאָניע; די קבלה אין אַמסטערדאַם.

§ 31. אין דער ערשטער העלפט פון XVI יאָהרהונדערט פלעגען די שפּאַ-ניש-פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וואָס האָבען געוואָלט אָפען האַלטען זייער נאַציאָ-נאַלע רעליגיע און זיך אַרויסראַטעווען פון די נעגעל פון דער אינקוויזיציע, פאָהרען על-פּי-רוב קיין איטאַליען און טערקיי. אז די קאַטוילישע רעאַקציע האָט פערשטעלט די אַנטלאָפענע דעם וועג קיין איטאַליען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו ווענדען זיך קיין נידערלאַנד, וואָס איז געוואָרען א דאַנק דער רע-פאָרמאַציע א פּראָטעסטאַנטיש לאַנד. איינצעלנע מאַראַנישע משפחות האָבען גע-פּרובט עמיגרירען אין די נידערלאַנדישע פּראָווינצען נאָך דעמאָלט, בשעת זיי האָבען זיך נאָך געפונען אונטער דער ממשלה פון שפּאַניען. נאָר מחמת די אינקוויזיציע האָט שטרייַנג אַכטונג געגעבען אויף זיי, זייַנען זיי געווען גע-צוואונגען צו פערלאָזען אויך די נייע ערטער און צו זוכען זיך מעהר רוהיגע ערטער, ווי דאָס האָט געטאָן אין קאַרל V-טענס צייט די בעריהמטע משפחה מענדעס און יוסף נשיא (§ 4).

מיט דאגה און האָפענונג האָבען די מאַראַנען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל געקוקט אויפ'ן העלדישען קאַמף, וואָס די נידערלאַנדען האָבען געפיהרט קעגען זייערע טיראַנען, דעם שפּאַנישען קיניג פיליפּ II און זיין בלוטדאָרשטיגען פער-וואַלטער הערצאָג אַלבאַ. דער לאַנגיאָהריגער קאַמף האָט סוף-כל-סוף געבראַכט דערצו, אז דער פּראָטעסטאַנטישער טייל פון די נידערלאַנדען האָט זיך אָבגע-טיילט פון שפּאַניען. די צפון'דיגע, האָלאַנדישע שטאַטען האָבען זיך פער-אייניגט אין אן אונאָבהייניגער רעפּובליק, אונטער דער רעגירונג פון'ם פּרינץ ווילהעלם פון אָראַניען (די אוטרעכטער אוניע פון יאָהר 1579). זינט יענער צייט

ווערט האָלאַנד מדרגות'ווייז אַ בית-מקלט פאַר אַלע, וואָס ווערען געררודפ'ט פאַר זייער גלויבען, און דער עיקר פאַר די מאַראַנען.

די אידישע קאָלאָניע אין צענטער פון האָלאַנד, אַמסטערדאַם, איז געגרינדעט געוואָרען צום סוף פון XVI יאָהרהונדערט. וועגען דעם ווערט דערציילט פאָלגענדעס. אַ שיף מיט אַ קלײנער גרופּע אַנטלאָפענע עמיגראַנטען איז געפאָהרען פון פּאָרטוגאַל, אונטער דער אָנפיהרונג פון איינעם פון זיי יעקב טיראַדאָ (1593). אויפ'ן שיף זיינען געפאָהרען די יונגע מיטגלידער פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפחה: מאַנואל-לאָפּעץ פּערייראַ, זיין שיינע שוועסטער מאַריאַ נונעס און זייער פעטער לאָפּעץ גאָמעץ. אונטערוועגס איז זייער שיף אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די איינגלענדער, און מען האָט איהם אָבגעשיקט קיין לאָנדאָן. דער קאַפּיטאַן פון איינגלישען שיף, אַן איידעלער הערצאָג, איז געוועזען אַזוי בעצויבערט פון דער שיינקייט פון מאַריאַ נונעס, אַז ער האָט איהר פאָרגעלייגט חתונה צו האָבען מיט איהם. נאָר זי האָט איהם אָבגעזאָגט און דערקלערט, אַז זי איז ניט קיין פּאָרטוגעזערין, נאָר אַ אידיש קינד. אין לאָנדאָן איז מאַריאַ נונעס בעקאַנט געוואָרען אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזען און איז אַפילו געפעלען געוואָרען דער קעניגין עליזאַבעט, וואָס האָט זי אויפגענומען אין אַן אודיענץ און איז זיך דורכגעפאָהרען מיט איהר איבער די גאַסען פון הויפּטשטאָדט. נאָר מאַריאַ נונעס איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות פון וועלטליכען לעבען און האָט נאָר אויסגעשתדלט פאַר זיך און פאַר איהרע מיטרייזענדע די ערלויבעניש צו פאָהרען ווייטער קיין האָלאַנד.

נאָך אַ שווערער נסיעה איבער'ן ים זיינען די רייזענדע אָנגעקומען אין האַפען פון'ם פריסלאַנדישען שטעדטיל עמדען. אויף איינעם פון די הייזער דאָרט האָבען זיי בעמערקט אַן אויפשריפט אויף לשון קודש, און דאָס האָט זיי איבערצייגט, אַז דאָרט וואוינען אידען. אין יענעם הויז האָט טאַקע געוואוינט דער רב ר' אורי הלוי. האָט יעקב טיראַדאָ איהם דערציילט וועגען די פּלענער פון די רייזענדע און האָט געבעטען איהם, ער זאָל זיי אידישען. נאָר דער רב האָט זיי אָבגעזאָגט, מחמת ער האָט מורא געהאַט אַרויסצורופען די אומצופרידענקייט פון די אָרטיגע קריסטען, נאָר ער האָט זיי געגעבען אַן עצה, זיי זאָלען אַריבערפאָהרען קיין אַמסטערדאַם, וואו דער איבערגאַנג צו אידישקייט איז ניט געוועזען פערבונדען מיט אַזאַ סכנה, און דערביי האָט ער זיי צוגעזאָגט נאָכצופאָהרען נאָך זיי. זייגען די רייזענדע אַוועקגעפאָהרען קיין אַמסטערדאַם, אַהין זיינען אין גיכען אָנגעקומען זייערע קרובים פון די משפחות לאָפּעץ און פּערייראַ, — און אויף אַזאַ אופן איז געגרינדעט געוואָרען די ערשטע קליינע אידישע געמיינדע, וואָס איהר רב איז געוואָרען ר' אורי הלוי.

געוויינט צו בעהאַלטען זייער אידישקייט, זיינען די מיטגלידער פון דער געמיינדע פון אָנהויב אויך אינ'ם נייעם אָרט ניט אַרויסגעטראָטען אָפען אַלס אידען, און די האָלענדער האָבען זיי געהאַלטען פאַר שפּאַנישע קאַטוילִיקען. היות ווי זיי האָבען זיך געהאַלטען שטאַרק אָבגעזונדערט און פערבאָרגען, דעריבער האָט די אַמסטערדאַמער אַדמיניסטראַציע געוואָרפען אַ חשד אויף זיי.

די האָלענדער, האָס האָבן ערשט ניט לאַנג געהאַט אַראָבגעוואָרפן דעם שפּאַנישן יאָך, האָבן געקלערט, אַז דאָס זיינען פערמאַסקירטע שפּאַנישע פּאַפּיסטען, און זיי האָבן אָנגעהויבן זיי נאָכצושפּירן. איין מאָל אום יום-כפור, בשעת די מאַראַנען האָבן זיך געהאַט צונויפגעקליבען צום דאַוונען, האָבן זיך אַריינגעריסען אין זייער פערזאַמלונג בעוואָפענטע האָלענדישע סאָלדאַטען און האָבן אַרעסטירט זייער רב ר' אורי הלוי; זיי האָבן געזוכט הייליגע בילדער און אַנדערע מכשירים פון קאַטויילישען גאָטעסדיענסט, נאָר זיי האָבן ניט געפונען. דעמאָלט איז יעקב טיראַדאָ אַוועק צו דער אַמסטערדאַמער אַדמיניסטראַציע און האָט דערקלערט, אַז די עמיגראַנטען זיינען ניט קיין קאַטויליקען, נאָר אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פאַר דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, אַז זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בעדייטענדע קאַפּיטאַלען און אַז נאָך זיי זיינען גרייט צו קומען פון פּאָרטוגאַל נייע פּאַרטיעס עמיגראַנטען, וואָס קאָנען מיטהעלפען דער בעלעבונג פונ'ם האָלאַנדישען האַנדעל. האָט די אַדמיניסטראַציע בעפרייט דעם אַרעסטירטען רב און האָט אָנגעהויבען זיך צו בעציהען מיט מעהר צוטרוי צו די איינוואַנדערער.

ווי באַלד אַז זיי האָבן זיך אָפען ערקלערט פאַר אידען, האָבן די מיטגלידער פון דער געמיינדע געבעטען דורך יעקב טיראַדאָ דעם אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט אַן ערלויבניש צו בויען אַ שול. די ערלויבעניש האָט מען זיי געגעבען — און אין יאָהר 1598 איז אויסגעבויט געוואָרען אין אַמסטערדאַם די ערשטע שול, וואָס האָט געקראָגען אַ נאָמען „בית-יעקב", נאָך איהר בעגרינדער יעקב טיראַדאָ. ר' אורי הלוי פלעגט האַלטען אין דער דאָזיגער שול זיינע דרשות אויף דייטש, און זיין זוהן פלעגט זיי איבערזעצען פאַר די צוהערער אויף שפּאַניש.

די בשורה וועגען דעם, אַז אין האָלאַנד האָט זיך געעפענט אַ רוהיגער בית-מקלט פאַר די מאַראַנען, האָט צוגעצויגען אַהין מאַסען אַנטלאָפענע פון יענער זייט פון די פּירענייען. טויזענדער מאַראַנען, וואָס זיי איז דערעסען געוואָרען צו טראָגען די מאַסקע און צו געפינען זיך אונטער דער השגחה פון דער אינקוויזיציע, האָבן בשתיקה פערלאָזען זייער היים און אַריבערגעקליבען זיך קיין האָלאַנד, וואו זיי פלעגען אָפען ווערען אידען. אין עטליכע צעהנדליג יאָהר אַרום האָט די אידישע קהילה אין אַמסטערדאַם שוין געציילט אַן ערך 400 משפחות. זי האָט געהייסען „די פּאָרטוגעזישע", ווייל זי איז בעשטאַנען על-פּי-רוב פון געוועזענע אַנוסים, וואָס זיינען געקומען פון פּאָרטוגאַל. אין יאָהר 1608 איז געעפענט געוואָרען אַ צווייטע שול אין אַמסטערדאַם, מיט'ן נאָמען „נוה שלום". אין יאָהר 1618 איז בעגרינדעט געוואָרען אַ דריטע געמיינדע — „בית ישראל".

די אידישע איינוואַנדערער אין האָלאַנד האָבן מעהר פון אַלעמען מיטגעהאָלפען יענעם גיכען וואַקסען פון האַנדעל און אינדוסטריע, וואָס אַדאַנק איהם האָט דאָס דאָזיגע קליינע אָרימע לאַנד געקראָגען די הערשאַפט אויפ'ן וועלט-מאַרק. צווישען די אויסוואַנדערער פון פּירענייאישען האַלב-אינזעל זיינען געווען אַ סך גרויסע סוחרים, וואָס האָבן געעפענט זייערע האַנדעלס-הייזער אין

אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם און אַנדערע שטעדט פון האָלאַנד; זיי האָבען געפיהרט דער עיקר אַן עקספּאָרט-האַנדעל מיט׳ן לעוואַנט און מיט מאַראָקע, האָבען גענומען אַן אָנטייל אין די געשעפטען פון דער וועסט-אינדישער קאָמפּאַניע און האָבען זיך פערנומען מיט באַנק-אָפּעראַציעס. ס׳זיינען אויך געווען צווישען זיי ניט וועניג מענשען מיט פרייע פּראָפעסיעס: דאָקטוירים, יוריסטען שריפטשטעלער.

די האָלענדישע רעפּובליק האָט געגעבען איהרע נייע אידישע אונטערטאַנען גלויבענס-פרייהייט און דאָס רעכט פון זעלבסטפערוואַלטונג אין זייערע אינעווייניגסטע ענינים. עס איז זיי נאָר פערבאָטען געוואָרען (לויט די געזעצען פון די גענעראַל-שטאַטען פון יאָהר 1616) חתונה צו האָבען מיט קריסטען און צו ריידען אָפען קעגען קריסטענטום. איבעריגענס, האָבען די גענעראַל-שטאַטען געגעבען דאָס רעכט איטליכער שטאָדט איינצואָרדענען איהרע בעציהונגען צו אידען, — אַזוי אַז די לאַגע פון די אידען איז געווען פערשיידען אין פערשיידענע ערטער פון האָלאַנד.

צו-ביסלעכוויז האָט זיך אויך איינגעשטעלט די אָרדענונג פון דער געמיינדע-אויטאָנאָמיע. די דריי אויבען-דערמאָנטע אַמסטערדאַמער שולען האָט געהאַט צו דריי געמיינדעס, וואָס איטליכע פון זיי האָט געהאַט איהר רב אָדער חכם״. אין יאָהר 1638 האָבען די דאָזיגע דריי געמיינדעס זיך פעראייניגט און געבילדעט איין גוט איינגעאָרדענטע קהילה. די ליעבע צו אָרדענונג, וואָס די ספרדים האָבען זיך אויסגעצייכענט דערמיט, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיגער פעראייניגטער קהילה. עס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען תקנות פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, אין 42 פונקטען, און דער שטאָדטישער מאַגיסטראַט האָט זיי בעשטעטיגט.

איבער די ענינים פון דער קהילה האָט פערוואַלטעט אַ ראַט („מעמד״), וואָס איז בעשטאַנען פון רבנים און פרנסים; נאָר איבער די רעליגיעזע פראַגען האָבען געהאַט צו בעשטימען נאָר די רבנים אָדער „חכמים״, וואָס זיינען געווען עטליכע אין אַמסטערדאַם. די אָרטיגע בירגערליכע אַדמיניסטראַציע האָט געגעבען דעם „מעמד״ דאָס רעכט אַרויפצולייגען שטראָפען אויף די ווידערשפּעניגע מיטגלידער פון דער קהילה. דאָס דאָזיגע רעכט פלעגט דער „מעמד״ אויסנוצען אָפטמאָלס אין ברייטסטען מאָס.

אַלס געוועזענע אַנוסים, קנעכט פון דער קירך, האָבען די אַמסטערדאַמער אידען בעהאַלטען אין זייער לעבענס-סדר געוויסע שטריכען, וואָס האָבען זיך אין זיי איינגעווארצעלט אונטער דער השפעה פונ׳ם קאַטוילי-ציזם. זיי האָבען, למשל, ניט געקאָנט אָבגעוויינען זיך פון דער קאַטוילישער דאָגמע וועגען וידוי, און פלעגען, פונקט אַזוי ווי זייערע געוועזענע שפּאַנישע מיטבירגער, האַלטען מעהר פון אויסווייניגסטער פרומקייט און גלענצענדע רעליגיעזע צערעמאָניעס, ווי פון דער ריינקייט פון די מדות. דער רב איז געווען פאַר זיי אַ גייסטליכער, וואָס האָט בעדאַרפט אויסהערען זייער וידוי, געבען

זיי מוחלה פאַר די עברות און — ערלויבען זיי אייטער דינדיגען ביז צום גייעם ווידוי.

מיט די דאָזיגע השגות, וואָס זיינען פרעמד דער יהדות, מיט דער דאָזיגער האַלב-קאַטוילישער שטימונג פונ׳ם עולם האָבען זיך געמוזט רעכענען די ערשטע אַמסטערדאַמער רבנים ר׳ יוסף פרדו און ר׳ יהודה ויגאָ. נאָך דער דריטער רב ר׳ יצחק עוזיאל, וואָס איז אָנגעקומען פון פעץ, האָט ענערגיש געקעמפט קעגען די ניט-אידישע השגות און מנהגים פון די געוועזענע מאַראַנען.

וואָס מעהר עס איז אייגגעפעסטיגט געוואָרען די ממשלה פונ׳ם „מעמד", אַלץ שטריינגער זיינען געוואָרען די בעציהונגען צו פריידיינקער אין ענינים פון דער אמונה. פונ׳ם אינקוויזיציאָנס-רעזשים פון זייער אַלטער היים האָבען אַ סך מאַראַנען איבערגענומען בירושה די אומטאָלעראַנץ און די נטיה איטליכען חושד צו זיין אין ניט פרומקייט, צו בעטראַכטען איטליכען, וואָס דיינקט אַנדערש פון זיי — פאַר אַ געפעהרליכען אפיקורס. די רבנישע קאָלעגיע אין אַמסטערדאַם, וואָס איז בעשטאַנען (נאָך דער פעראייניגונג פון די געמיינדעס אין יאָהר 1538) פון די חכמים ר׳ דוד פרדו, ר׳ שאול מורטיירא און ר׳ יצחק אבואב די פונסיקא, האָט געשפּיעלט די ראָל פון אַ העכסטען גייסטליכען טריבונאַל, וואָס איז בערופען אָבצוהיטען די ריינקייט פון דער אידישער דאָגמאַטיק, געבען השגחה איבער דער פרומקייט פון די מיטגלידער פון דער קהילה און דורך שטריינגע שטראָפען, אַ שטייגער ווי דורך חרם, דערשטיקען איטליכע רעליגיעזע פריידיינקעריי. דער דאָזיגער אָרגאַניזירטער קאָנטראָל האָט שפּעטער געבראַכט צו דער טראַגעדיע, וואָס איז פערבונדען מיט די געמען אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפינאָזאַ.

די מיטגלידער פון דער דערמאָנטער רבנישער קאָלעגיע זיינען אויך געווען די רביים פון דער ניי געגרינדעטער אַמסטערדאַמער „תלמוד תורה"—אַ מין סעמינאַר פון זיבען קלאַסען, וואו מען האָט געלערנט תנ״ך, תלמוד, דקדוק, ליטעראַטור און רעטאָריק. ביים לערנען תנ״ך און תלמוד פלעגט מען איבערזעצען דעם טעקסט אויף פּאָרטוגעזיש, וואָס איז נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבען די געברויכס- און ליטעראַטור-שפּראַך פונ׳ם גרעסטען רוב פון די אידען אין האָלאַנד.

דאָס גייסטיגע לעבען; ר׳ מנשה בן ישראל און אוריאל אַקאָסטאַ.

§ 32. אין משך פון ערשטען האַלבען יאָהרהונדערט פון איהר עקסיסטענץ האָט די האָלענדישע קאָלאָניע אַרויסגעוויזען אומגעווייהנליכע אינטענסיווקייט אין איהר גייסטיגען שאַפען. די גייסטיגע ענערגיע פון די מאַראַנען האָט זיך בעפרייט פון אויסווייניגסטען דרוק, זיך אַריינגעגאָסען אין אַלגעמיין-אידישען

שטרוים און האָט אויף אַזאַ אופן אַרייַנגעטראָגען אַהין אַ פרישע שטרעמונג. אין דער ליטעראַרישער שאַפונג פון די האָלאַנדישע אידען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט צוויי פערשיידענע שטימונגען: איינע — וואָס איז אַרויסגעטראָגען געוואָרען פונ׳ם לאַנד פון דער אינקוויזיציע און פאַנאַטיזם, און די אַנדערע — וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אונטער דער השפעה פון מעהר קולטורעלע לעבענס-תנאים, אין דער אַטמאָספער פון געוויסענס-פרייהייט. דאָ בעגעגענט מען גלייכצייטיג אַן אייגגען רעליגיעזען דאָגמאַטיזם און אויסערסטע פריידיינקעריי, קבלה, וואָס דערגייהט ביז צו אָבערגלויבען, און סקעפּטישע פילאָסאָפיע, אַ פאַטעטישע בעגייסטערונג מיט דער מיסיע פון דער יהדות און אַ שאַרפע קריטיק פון איהרע גרונד-יסודות.

אין די ווערק פונ׳ם ערשטען דור אידישע שריפטשטעלער אין האָלאַנד הערשט נאָך אַ לירישע און צום טייל מיסטישע שטימונג. און זיי לאָזען זיך הערען די אָבקלאַנגען פון דער טיעפער אינעווייניגסטער דראַמע, וואָס עס האָבען איבערגעלעבט די אַנוסים, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון די נעגעל פון דער אינקוויזיציע. יעקב בעלמאָנטע (געשט. אין יאָהר 1629), איינער פון די גרינדער פון דער אידישער קאָלאָניע אין אַמסטערדאַם, האָט בעזונגען אין שפּאַנישע פערזען די צרות פון זיינע ברידער אונטער דעם יאָך פון דער אינקוויזיציע. דער פּאָעט דוד אבענטאַר מעלאָ האָט איבערזעצט דעם תהלים אויף שפּאַניש אין פערזען (1626); אין עטליכע קאַפּיטלען האָט דער איבערזעצער אַריינגעשטעלט זיינע אייגענע געדאַנקען וועגען דעם גורל פון דער געמרודפטער נאַציע און דערציילט וועגען דעם, אַז ער גופא האָט געשמאַכט אין דער אונטערערדישער תפיסה פונ׳ם הייליגען טריבונאַל.

אַן אַנדער פּאָעט, רעואל ישורון, איז בעוואוסט ניט אַזוי דורך זיין פּאָעטישער טעטיגקייט (ער האָט אָנגעשריבען אין יאָהר 1624 אויף פּאָרטוגעזיש אַ דיאַלאָג אין שירים „זיבען בערג", וועלכען מען האָט אויפגעפיהרט ביי דער חנוכת הבית פון אַ שול אין אַמסטערדאַם), ווי דורך זיין ניטגעוויינליכען גורל. אַ געבירטיגער פון ליסאַבאָן, איז פּאַבלאָ דע-לינאַ (אַזוי איז געווען זיין קריסטליכער נאָמען) יונגערהייד געווען אַ פרומער קאַטוילִיק און האָט זיך אַפילו געגרייט צו ווערען אַ מאָנאַך. צוליעב דעם צוועק איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין רוים, נאָר דאָרט האָט איהם אָבגערעדט פונ׳ם דאָזיגען פּלאַן אַ געבילדעטער דאָקטאָר אַ געוועזענער מאַראַן. אין גיכען האָט דע-לינאַ זיך דערוואוסט, אַז איין בעקאַנטער אַלטער פראַנציסקאַנער איז לויט זיינע אינעווייניגסטע איבערצייגונגען געוואָרען אַ איד, און אַז די אינקוויזיציע האָט איהם דערפאַר פערברענט. דעמאָלט האָט זיך ביי איהם דערוועקט דער חשק זיך אומצוקעהרען צוריק צום גלויבען פון זיינע עלטערן. ער איז אַוועק קיין אַמסטערדאַם און איז צוגעשטאַנען צו זיינע לאַנדסלייט, וואָר זיינען געוואָרען צוריק אידען.

צווישען די לעצטע האָט פערנומען אַ גרויסען אָרט דורך זיין פערשטאַנד און הויכען יחוס ר׳ אברהם די הרירא (1570 — 1631), וואָס האָט אַלס קריסט געטראָגען דעם נאָמען אַלפאָנזאָ און וואָס האָט זיך גערעכענט פון די

קינדסקינדער פונ׳ם בעריהמטען גאָנזאַלוואָ דע קאָרדאָווא, וויצע-קיניג פון נעאַפּאָל. הרירא האָט זיך אַריינגעטאָן אין קבלה, וועלכע ער האָט געלערנט ביי דעם אר״י׳ס תּלמידים. אין זיין ווערק „שער השמים" האָט ער בעאַרבייט די סיסטעם פון דער פּראַקטישער קבלה אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ניאָפּלאַטאָנישער פילאָסאָפיע. ער האָט אָנגעשריבען דעם דאָזיגען חיבור אויף שפּאַניש, און דער אויבען-דערמאָנטער אַמסטערדאַמער רב ר׳ יצחק אבואב די פונסיקא האָט איהם איבערזעצט, לויט׳ן מחבר׳ס רצון, אויף העברייאיש.

אויך דאָס לעבען פון אבואב די פונסיקא איז געווען אַן אומרוהיגעס. קינדווייז האָט מען איהם איבערגעפיהרט פון פּאָרטוגאַל קיין אַמסטערדאַם, און דאָרט האָט ער בעקומען זיין טעאָלאָגישע אויסבילדונג אונטער דער פיהרונג פונ׳ם אַלטען חכם ר׳ יצחק עוזיאל. ער האָט געלערנט מיט אַזויפיעל חשק און התמדה, אַז ער האָט אין עלטער פון 21 יאָהר געקריגען סמיכה. נאָך דער פעראייניגונג פון די דריי געמיינדעס אין יאָהר 1638 איז אַבואב געוואָרען איינער פון די אַיינפלוסרייכע מיטגלידער פון דער רבנישער קהילה אין אַמסטערדאַם. אין יאָהר 1642 איז ער אַוועק בראש פון אַ בעדייטענדער אָבטיילונג אידישע עמיגראַנטען קיין בראַזיליען, וואָס האָט זיך געפונען דעמאָלט אונטער דער ממשלה פון האָלאַנד. דאָ איז ער געוואָרען רב אין דער שטאָדט פּערנאַמבוקאָ, וואָס איז בעשטאַנען פון געוועזענע פּאָרטוגעזישע מאַראַנען. נאָר ניט לאַנג איז איהם אויסגעקומען צו וואוינען אין דרום-אַמעריקע. אין יאָהר 1546 איז אויסגעבראָכען אַ מלחמה איבער בראַזיליען צווישען האָלאַנד און פּאָרטוגאַל, און מנצח געווען האָט פּאָרטוגאַל. די חיה רעה פון דער אינקוויזיציע, פון וועלכע די אידישע איינוואוינער זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פון אייראָפּע — האָט זיי ווידער געכאַפּט אין איהרע רויבערישע בעגעל און די בראַזילישע קאָלאָניע איז פונאַנדערגעפאַלען. האָט אבואב זיך אומגעקעהרט צוריק קיין אמסטערדאַם און האָט ווידער פערנומען דאָרט דעם פּאָסטען פון אַ חכם. ער האָט צוגעצויגען צוהערער דורך זיינע דרשות אין שול און האָט געלייענט שיעורים אין די העכערע קלאַסען פון דער תּלמוד תּורה. אין משך פון אַ האַלבען יאָהרהונדערט האָט ער געפיהרט די אַמסטערדאַמער קהילה פון די „פּאָרטוגעזען" און איז געשטאָרבען אין טיעפען עלטער (1693). בשעת אבואב׳ס לעבענס-צייט זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען זיין פּירוש אויף חומש און אויסגעקליבענע דרשות אויף שפּאַניש. אויף העברייאיש האָט ער געשילדערט די צרות פון די אידישע עמיגראַנטען אין בראַזיליען בשעת דער מלחמה אין די יאָהרען 1646 — 1649.

דער איינפלוסרייכסטער געזעלשאַפטליכער און ליטעראַרישער טוער פון יענער תּקופה איז געווען אבואב׳ס חבר, ר׳ מנשה בן-ישראל (1601—1651). מנשה איז געווען אַ זוהן פון ליסאַבאָנער אנוסים, וואָס זיינען אַנטלאָפען געוואָרען פונ׳ם לאַנד פון דער אינקוויזיציע, און נאָך קינדווייז האָבען די עלטערן איהם געבראַכט צו פיהרען קיין אַמסטערדאַם. דאָ האָט ער געלערנט ביים עלטסטען חכם ר׳ יצחק עוזיאל. ער האָט געלערנט די אידישע ליטעראַטור און תּלמוד, נאָר ער האָט אויך ניט אויסגעלאָזען די וועלטליכע וויסענשאַפטען;

ער האָט זיך אויסגעלערנט לאַטייניש און די נייע אייראָפּייאישע שפּראַכען און האָט זיך בעקענט מיט די ווערק פון קריסטליכע שריפטשטעלער. נאָך יונגערהייד האָט ער ארויסגעוויזען אַ רעדנער-טאַלענט, און 18 יאָהר אַלט פלעגט ער זאָגען דרשות, קאָנקורירענדיג אין דעם פּרט מיט זיין חבר ר׳ יצחק אבואב. איינער האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט ביידע דרשנים: „ר׳ מנשה זאָגט, וואָס ער ווייס, און אבואב ווייס, וואָס ער זאָגט“. אין יאָהר 1627 האָט ער געעפענט אַ אידישע דרוקעריי אין אַמסטערדאַם, און שפּעטער איז ער געוואָרען ראש-ישיבה אין דער ישיבה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אויף די געלד פון די אָרטיגע נדבנים, די ברידער פּערייראַ.

מנשה בן ישראל האָט געהאַט אַ ברייטע, הגם ניט קיין טיעפע, ענ-ציקלאָפּעדישע בילדונג. די בעקאַנטשאַפט מיט די אייראָפּייאישע ליטעראַטורען האָט איהם דערנעהענטערט צו די בעריהמטסטע קריסטליכע געלערנטע פון יע-נער צייט, למשל, מיט איסאַק פאָסיוס און הוגאָ גראָציוס; אַ געוויסע צייט האָט ער אַפילו געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דער ליעבהאָבערין פון וויסענשאַפט, דער שוועדישער קעניגין כריסטינע. די פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגען און מיסטי-קער, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אַ סך אין האָלאַנד, זיינען געווען בעזונדערס בעפריינדעט מיט איהם.

די דאָזיגע פּאָפּולאַריטעט האָט ר׳ מנשה געקראָגען אַ דאַנק זיינע ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבען צום טייל אויף שפּאַניש און לאַטייניש און צום טייל אויף העברייאיש. זיין פילאָסאָפיש-מיסטישער פירוש אויף תנ״ך אין פיער חלקים איז געוואָרען איבערזעצט פון שפּאַנישען אָריגינאַל אויף לאַטייניש און איינגליש, הגם לויט זיין אינהאַלט איז ער געווען ווינציג אָריגינעל. ר׳ מנשה׳ס אַנדער גרויסע ווערק, וואָס איז שפּעטער אָנגעשריבען געוואָרען אויף העברייאיש („נשמת חיים“, אַמסטערדאַם 1652), בעווייזט אַז אין׳ם מחבר האָט דער מיסטיקער גובר געווען דעם פילאָסאָף. די פאָרשטעלונגען וועגען יענער וועלט, וועגען שדים און כל׳ערליי „סודות פון דער יצירה“ זיינען דאָ איבערגעגעבען אינ-גאַנצען אינ׳ם גייסט פון אר״י, וויטאַל און אַנדערע מקובלים, וואָס זייערע ספרים ציטירט דער מחבר אָפט אינאיינעם מיט די ווערק פון קריסטליכע מיסטיקער.

ביי זיין גאַנצער ענציקלאָפּעדישער בילדונג האָט ר׳ מנשה׳ן געפעהלט דער קריטישער געפיהל. זיך סומך זיינענדיג אויף די ערצייהלונגען פון עפּיס אַ רייזענדער אַן אוואַנטיוריסט, וואָס האָט בעהויפּטעט, אַז ער זאָל האָבען גע-פונען צווישען די אינדיאַנער פון די קאָרדילערישע בערג אין אַמעריקע רעש-טען פון די עשרת השבטים, האָט ר׳ מנשה אָנגעשריבען דעם ספר „די האָפנונג פון ישראל“ (1650), וואו ער האָט בעוויזען, אַז די נבואות פון די נביאים וועגען דעם, אַז מען קאָן ניט פערטיליגען דאָס צעזייהטע פאָלק ישראל, זיינען מקוים געוואָרען, און בכן קאָן מען זיך ריכטען אין דער נאָהענטער צוקונפט אויף משיח׳ס קומען.

אריינגעטאָן אין משיחישע חלומות, האָט ר׳ מנשה פונדעסטוועגען ניט

פערגעסען אָן דער טרויעריגער ווירקליכקייט. אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט ער אויפגעהויבען אַן אַגיטאַציע, בכדי צו פועל'ן, מען זאָל אַריינלאָזען אידען אין איינגלאַנד, און איז אַליין געפאָהרען קיין לאָנדאָן זיך משתדל זיין וועגען דעם ביי קראָמוועל'ן, ווי דאָס וועט ווערען דערציילט אין דער פאָלגענדער אָבטיילונג.

נאָר ניט אַלע אידישע דיינקער האָבען געהאַט יענע פייהיגקייט צו פעראייניגען אין זיך סותר'דיגע אידייען-עלעמענטען, ווי ר' מנשה בן-ישראל. צווישען די מאַראַנען, וואָס האָבען זיך אומגעקעהרט צו אידישקייט און צווישען זייערע קינדער זיינען געווען מענשען מיט אַ קריטישער געדאַנקען-ריכטונג, וואָס האָבען געזוכט אין דער יהדות די בעשטעטיגונג פון יענע פילאָסאָפישע אמת'ען, וואָס זיי זיינען דערגאַנגען צו זיי אויפ'ן וועג פון פרייער, ראַציאָנאַליסטישער חקירה. אַז זיי האָבען ניט געפונען, וואָס זיי האָבען געזוכט, האָבען זיי צעריסען דעם בונד מיט דער טראַדיציאָנעלער דאָגמאַטיק פון דער יהדות, און צייטענווייז זיינען זיי אַוועק נאָך ווייטער און האָבען אָבגעלייקענט די יסודות פון דער פאָזיטיווער רעליגיע בכלל.

איינער פון די דאָזיגע סקעפּטיקער איז געווען **אוריאל אַקאָסטאַ** (גבריאל דאַ-קאָסטאַ), אַ געוועזענער מאַראַן, וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אָפּאָרטאָ, אין פּאָרטוגאַל, אַן ערך אין יאָהר 1590. קינדווייז האָט ער געקראָגען אַ שטרייננג קאַטוילישע ערציהונג, דערנאָך האָט ער שטודירט יוריספּרודענץ, און אין עלטער פון 25 יאָהר האָט ער פערנומען די שטעל פון אַ שאַץ-מייסטער אין אַ קירך פון זיין געבאָרענשטאָדט. נאָר די תורה פונ'ם קריסטענטום האָט ניט בעפרידיגט זיין פאָרשענדען שכל, וואָס האָט געשטרעבט צו דערגייהען דעם אַבסאָלוטען אמת. האָט אַקאָסטאַ זיך פערטיעפט אינ'ם שטודיום פון די ביבלישע ספרים, וואָס זיינען אַזוי פרעמד דעם פרומען קאַטוליק – און דער דאָזיגער שטודיום האָט דערוועקט אין איהם אַ הייסע שטרעבונג זיך אומצוקעהרען צוריק צו דער אמונה פון זיינע עלטערן, צו אידישקייט. בעגייסטערט דורך דער נייער אידייע, האָט ער בשתיקה פערלאָזען זיין געבאָרען-שטאָדט, האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין אַמסטערדאַם און איז דאָרט אָפען אַריבער צו דער אידישער אמונה אינאיינעם מיט זיינע ברידער און זיין מוטער, וועלכע ער האָט אויך צוגערעדט צו טון דעם דאָזיגען שריט (1618).

נאָר אין גיכען האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז יענע אידעעלע יהדות, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם כח הדמיון פונ'ם ענטוזיאַסט אַקאָסטאַ, איז געווען ווינציג ענהליך אויף דער פּראַקטישער רבנישער אידישקייט, וואָס ער האָט דערזעהן אין אַמסטערדאַם. אַקאָסטאַ האָט ניט געקאָנט אָננעהמען די איינגע פרומקייט און די אויסווייניגסטע צערעמאָניעס פון די אַמסטערדאַמער אידען — און ביי איהם האָבען זיך ווידער אַמאָל דערוועקט ספיקות. האָט ער אָנגעהויבען ניט אָבצוהיטען די רעליגיעזע צערעמאָניעס און האָט זיך אַפילו ערלויבט אָפען אַרויסצוזאָגען זיך, אַז לויט זיין מיינונג איז פאַלש די טעאָריע פון די רבנים אָדער „פרושים״, ווי ער פלעגט זיי אָנרופען מיט פעראַכטונג. האָבען די אַמ-

סטערדאַמער חכמים, וואָס האָבען מורא געהאַט פאַר דער שלעכטער פעולה, וואָס די דאָזיגע פראָפּאַגאַנדע קאָן האָבען אויף דער רעליגיעזער אָרדענונג פון דער קהילה, וואָס האָט קוים בעוויזען זיך איינצופעסטיגען, מתרה געוועז אַ קאָסטאַ'ן און האָבען איהם געגעבען אַן עצה אומצובייטען זיין אויפפיהרונג. נאָר ער האָט ניט געקוקט אויף די דאָזיגע התראות. האָט מען איהם אויסגעשלאָסען פון דער געמיינדע, און ער האָט זיך גענומען פאַר אַ דרייסטען שריט — צו בעקעמפען די אָפיציעלע יהדות דורך דער ליטעראַטור.

אַ צופאַל האָט איהם בעוואויגען צו פערווירקליכען גיכער זיין פּלאַן. אַן אַמסטערדאַמער דאָקטאָר שמואל דאַ-סילוואַ האָט אַרויסגעגעבען אין יאָהר 1623 אַ ביכעל מיט'ן נאָמען „אַ חקירה וועגען השארת הנפש", וואו ער האָט שאַרף געטאַדעלט די בלאָנזשענישען פון די פריידיינקער, אַ שטייגער ווי אַקאָסטאַ. האָט אוריאל אַקאָסטאַ אַלס ענטפער דערויף פערעפענטליכט זיין ווערק, וואָס איז אָנגעשריבען אויף פּאָרטוגעזיש און וואָס טראָגט דעם נאָמען: „אַן אויספאָרשונג איבער די טראַדיציעס פון די פרושים אין פערגלייך מיט דער תורה שבכתב" (1624). אין דעם דאָזיגען ווערק האָט ער לא די וואָס אָבגעלייקענט די תלמודישע מסורה, נאָר ער האָט אַפילו בעהויפּטעט, אַז תורת משה אָנערקענט ניט די דאָגמע וועגען השארת הנפש און וועגען שכר ועונש אויף יענער וועלט. אַזאַ אָפענע אַפּיקורסות האָט אויפגעבראַכט די קנאים. די פּרנסים פון דער אידישער קהילה האָבען געמסר'ט דעם געפעהרליכען אַפּיקורס פאַר'ן אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט, זיך סומך זייענדיג אויפ'ן האָלאַנדישען געזעץ, וואָס האָט פערבאָטען צו פערשפרייטען אַנטי-רעליגיעזע אידייען. האָט מען אַקאָסטאַ'ן אַרעסטירט, נאָר דערנאָך האָט מען איהם בעפרייט, בתנאי ער זאָל בעצאָהלען אַ געלד-שטראָף

זינט יענער צייט איז אַקאָסטאַ'ס לעבען געוואָרען אַ גיהנם. ער האָט זיך געוואַקעלט צווישען רעליגיע און פילאָסאָפיע. דעם חרם און די איינזאַמקייט איז איהם געוועז שווער אַריבערצוטראָגען, און ער האָט איין מאָל זיך מתודה געוועזן פאַר די רבנים, און מען האָט איהם מוחל געוועזן (1633). נאָר אין גיכען האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט צו זיין אַפּיקורסות: ער האָט מחלל געוועזן שבת און יום-טוב, האָט געגעסען טרפות וכדומה. אין יענער צייט איז אַקאָסטאַ שוין איבערגעגאַנגען צום דעאיזם און איז געוועזן אַפילו מסופק, צי די תורה איז מן השמים. עס האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז ער זאָל האָבען אָבגעבערעדט צוויי קריסטען פון אָננעמען די אידישע אמונה. נאָך אַ שטרייגער התראה האָט מען אַקאָסטאַ'ן עפענטליך אַרייגעלייגט אין חרם. אַלע האָבען זיך אָבגעקעהרט פונ'ם פערשטויסענעם אַפּיקורס, אַפילו זיינע נאָהענטע קרובים האָבען איהם אויסגעמיידט.

די שווערע איינזאַמקייט האָט איהם ווידער געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען, און ער איז מרוצה געוועזן אויסצושטייהן די דערנידעריגענדע פּראָצעדור פון דער עפענטליכער תשובה, אַבי מען זאָל איהם נאָר ווידער אַריינבעמען אין קהל פון די מאמינים. אין שול, אין דער געגענוואַרט פון די

רבנים און פון אַ גרויסען עולם מענשען, האָט אַקאָסטאַ אויפ׳ן קול פאָרגעלייענט די פאָרמעל פון דער תשובה און האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיינע איבערצייגונגען, וואָס זיינען קעגען דער אידישער רעליגיע, דערנאָך האָט מען איהם געשלאָגען ל״ט מלקות, דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויפ׳ן שוועל פון שול, און דער גאַנצער עולם האָט געמוזט אַריבערגייהן איבער איהם.

אַלע די דאָזיגע זלזולים האָבען ענדגילטיג צעטרייסעלט די נשמה פונ׳ם אומגליקליכען סקעפּטיקער. אין אַן אָנפאַל פון כעס און יאוש האָט ער אין גיכען זיך גענומען דאָס לעבען דורך צוויי שאָסען פון אַ פּיסטויל (1640). קורץ פאַר׳ן טויט האָט אַקאָסטאַ אָנגעשריבען זיין אַוטאָביאָגראַפיע „אַ ביישפּיעל פון אַ מענשענס לעבען״, וואו ער האָט אין ליידענשאַפטליכע אויסדרוקען אויסגעלאָזט זיין כעס קעגען די „פרושים״, וואָס האָבען איהם געצוואונגען זיך אָבצוזאָגען אויף אַזאַ מין שענדליכען אופן פון זיינע אידייען.